STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04762

OYSGEVEYLTE VERK IN TSVEY BENDER

Vladimir Ilich Lenin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

מארקס—ענגעלס—לענין־אינסטיטוט באם צק אלקפ(ב)

ו. אי. לענין

אויסגעוויילטע ווערק
אין צוויי בענדער

באנד

I

צווייטער טייל

אָגיז ★ מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1944

אַרויסגעגעבן
לויט דער דריטער רוסישער
אויפלאגע פונעם „אימעל״
(1940).

דער פּעריאָד
פֿון דער רוסיש־יאפּאַנישער מילחמה
און פֿון דער
ערשטער רוסישער רעוואָלוציע

צוויי טאַקטיקעס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אינ דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע[1]

פאָרוואָרט

אינ אַ רעוואָלוציאָנערנ מאָמענט איז זייער שווער נאָכצוהאַלטנ די געשעענישנ, וועלכע גיבנ אויסערסט פיל נײַעמ מאַטעריאַל צו דער אָפּשאַצונג פונ די טאַקטישע לאָזונגענ פונ די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייענ. די דאָזיקע בראָשור איז געשריבנ געוואָרנ, איידער עס זײַנענ פאָרגעקומענ די אָדעסער געשעענישנ[2]. מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ אינ „פּראָלעטאַרי" (נומ. 9, „די רעוואָלוציע לערנט")[3], אַז די דאָזיקע געשעענישנ האָבנ געצוווּנגענ אַפילו יענע סאָציאַל=דעמאָקראַטנ, וועלכע האָבנ געשאַפנ די טעאָריע פונ אויפשטאַנד אַלס פּראָצעס אונ האָבנ אָפּגעוואָרפנ די נייטיקייט צו אַרויספירנ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ צײַטווײַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, זיי זאָלנ אַריבערגיינ אָדער אָנהייבנ פּאַקטיש אַריבערצוגיינ אַפ דער זײַט פונ זייערע אָפּאָנענטנ. די רעוואָלוציע לערנט, אָנ סאָפּעק, אַזוי שנעל אונ אַזוי גרינטלעכ, אַז אינ פרידלעכע עפּאָכעס פונ פּאָליטישער אַנטוויקלונג זעט אַזוינס אויס צו זײַנ אומוואַרשײַנלעכ. אונ זי לערנט, וואָס דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ניט נאָר די אָנפירער, — נאָר אויכ די מאַסנ.

עס איז קיינ שומ סאָפּעק ניט, אַז די רעוואָלוציע וועט די אַרבעטער=מאַסנ אינ רוסלאַנד אויסלערנענ סאָציאַל=דעמאָקראַטיזמ. די רעוואָלוציע וועט באַשטעטיקנ אינ דער פּראַקטיק די פּראָגראַמ אונ די טאַקטיק פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע דורכ דעמ, וואָס זי וועט באַווײַזנ דעמ ווירקלעכנ מעהוס פונ די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ, דורכ דעמ, וואָס זי וועט באַווײַזנ די בורזשואַזקײַט פונ אונדזער דעמאָקראַטיע אונ די ווירקלעכע שטרעבונגענ פונעמ פּויערטומ, וואָס איז רעוואָלוציאָנער אינ בורזשואַז=דעמאָקראַטישנ גײַסט אונ וואָס האַלט אָבער אינ זיכ פאַרבאָרגנ ניט די אידיי פונ „סאָציאַליזאַציע", נאָר אַ נײַעמ קלאַסנקאַמפּ צווישנ דער פּויערישער בורזשואַזיע אונ דעמ דאָרפישנ פּראָלעטאַריאַט. די אַלטע אילוזיעס פונ דעמ אַלטנ פאָלקיזמ, וועלכע זעענ זיכ אַזוי בולעט אָנ, צומ בײַשפּיל, אינ דעמ פּראָגראַמ=פּראָיעקט

---

[1] דער בוכ איז אָנגעשריבנ אינ יונ—יול 1905 יאָר. צומ ערשטנ מאָל געדרוקט אינ אויגוסט 1905 יאָר אינ זשענעווע. רעד.

[2] געמיינט דעמ אויפשטאַנד פונ דער פּאַנצערשיפ „פּירשט פּאָטיאָמקינ". (לענינס אַנמערקונג צו דער אויסגאַבע פונ 1908 יאָר. רעד.)

[3] זע ווערק, ב. VIII, ז. 13—20. רעד.

פונ דער „פארטיי סאָציאַליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ“ סײַ אינ דער פראגע וועגנ דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אינ רוסלאנד, סײַ אינ דער פראגע וועגנ דעם דעמאָקראטיזם פונ אונדזער „געזעלשאפט“, סײַ אינ דער פראגע וועגנ דער באדײַטונג פונ א פולשטענדיקנ זיג פונעם פויערים=אויפשטאנד, — אָט די אלע איליוזיעס וועלנ אָנ ראכמאָנעס אונ ענדגילטיק צעשטרייט ווערנ דורכ דער רעוואָליוציע. זי וועט צומ ערשטנ מאָל געבנ די פארשיידענע קלאסנ אנ עכטע פאָליטישע טויפונג. אָט די קלאסנ וועלנ ארויסגיינ פונ דער רעוואָליוציע מיט א באשטימטער פאָליטישער פיזיאָגנאָמיע, זיי וועלנ זיכ דאָ ארויסווײַזנ ניט בלויז אינ די פראָגראמענ אונ טאקטישע לאָזונגענ פונ זייערע אידעאָלאָגנ, נאָר אויכ אינ דער אָפענער פאָליטישער האנדלונג פונ די מאסנ.

עס איז קיינ ספק ניט, אז די רעוואָליוציע וועט אונדז אויסלערנענ, זי וועט אויסלערנענ די פאָלקס=מאסנ. פאר דער קעמפנדיקער פאָליטישער פארטיי באשטייט אָבער איצט די פראגע דערינ, צי וועלנ מיר קענענ עפעס=וואָס אויסלערנענ די רעוואָליוציע? צי וועלנ מיר קענענ באנוצנ זיכ מיט דער ריכטיקײַט פונ אונדזער סאָציאַל=דעמאָקראטישער לערע, מיט דער פארבינדונג אונדזערער מיטנ איינציקנ ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערנ קלאס — מיטנ פראָלעטאריאט, — קעדיי ארויפצולייגנ אפ דער רעוואָליוציע א פראָלעטארישנ שטעמפל, צו דערפירנ די רעוואָליוציע ביז א ווירקלעכנ אנטשיידענעם זיג פאקטיש, ניט אינ די רייד, צו פאראליזירנ די ניט=שטאנדהאפטיקײַט, די האלביקײַט אונ די פארעטערישקײַט פונ דער דעמאָקראטישער בורזשואזיע?

צו אָט דעם ציל דארפנ מיר ריכטנ אלע אונדזערע אָנשטרענגונגענ. צי וועלנ מיר אים אָבער דערגרייכנ — דאָס איז, פונ איינ זײַט, אָפהענגיק פונ דעם, ווי ווײַט ריכטיק מיר וועלנ אָפשאצנ די פאָליטישע פאָזיציע, ווי ווײַט ריכטיק עס וועלנ זײַנ אונדזערע טאקטישע לאָזונגענ, אונ, פונ דער אנדערער זײַט, ווי ווײַט די דאָזיקע לאָזונגענ וועלנ געשטיצט ווערנ דורכ דער רעאלער קאמפס=קראפט פונ די ארבעטער=מאסנ. פארשטארקנ אונ פארברייטערנ די פארבינדונגענ מיט דער מאסע — דערצו איז געצילט די גאנצע געוויינלעכע, רעגולערע, לויפנדיקע ארבעט פונ אלע אָרגאניזאציעס אונ גרופעס פונ אונדזער פארטיי, די ארבעט פונ פראָפאגאנדע, אגיטאציע אונ אָרגאניזאציע. אָט די ארבעט איז שטענדיק נייטיק; אינ א רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט אָבער קאָנ מענ זי ווייניקער, ווי ווענ=ניט=איז, האלטנ פאר גענוג. אינ אזא מאָמענט רײַסט זיכ דער ארבעטער=קלאס אינסטינקטיוו צו אנ אָפענער רעוואָליוציאָנערער ארויסטרעטונג, אונ מיר מוזנ קענענ ריכטיק אוועקשטעלנ די אויפגאבנ פונ דער דאָזיקער ארויסטרעטונג, קעדיי דערנאָכ וואָס ברייטער צו פארשפרייטנ די באקאנטשאפט מיט אָט די אויפגאבנ אונ דאָס פארשטיינ זיי. מע דארפ ניט פארגעסנ, אז דער פארשפרייטער פעסימיזם מיקוייעכ אונדזער פארבינדונג מיט דער מאסע דינט איצט באזונדערס אָפט אלס שלייער פאר די בורזשואזע אידייענ וועגנ דער ראָליע פונ פראָלעטאריאט אינ דער רעוואָליוציע. ס'איז קיינ ספק ניט, אז מיר דארפנ נאָכ זייער אונ זייער פיל ארבעטנ איבער דער דערציִונג אונ אָרגאניזירונג פונעם ארבעטער=קלאס, די גאנצע פראגע באשטייט אָבער איצט דערינ, ווו דארפ ליגנ דער איקערדיקער פאָליטישער שווערפונקט פונ אָט דער דערציִונג אונ פונ אָט דער אָרגאניזירונג? צי אינ די פראָפעסיאָנעלע פארייניע אונ לעגאלע געזעל=

שאַפֿנ אָדער אינ דעמ באוואָפֿנטנ אופֿשטאַנד, אינעמ שאַפֿנ א רעוואָליוציאָנערע
אַרמײ אונ א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג? אױ אַפֿ דעמ אי אַפֿ יענעמ ווערט דער אַר=
בעטער=קלאַס דערצויגנ אונ אָרגאַניזירט. די בײדע זאַכנ זײַנענ, פֿאַרשטײט זיך, נײ=
טיק. איצט אָבער, אינ דער איצטיקער רעוואָליוציע, באַשטײט די גאַנצע פֿראַגע דע=
רינ, אינ וואָס וועט ליגנ דער שווערפּונקט פֿונ דער דערציִונג אונ אָרגאַניזירונג פֿו=
נעמ אַרבעטער=קלאַס, צי אינ די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנענ אונ לעגאַלע געזעלשאַפֿטנ,
אָדער אינ דעמ באוואָפֿנטנ אופֿשטאַנד?

דער רעזולטאַט פֿונ דער רעוואָליוציע איז אָפּהענגיק דערפֿונ, צי דער אַרבעטער=
קלאַס וועט שפּילנ די ראָליע פֿונ א מיטהעלפֿער פֿונ דער בורזשואַזיע, — א מיט=
העלפֿער א מעכטיקער לויט דער קראַפֿט פֿונ זײַנ דראַנג אַפֿ דער זעלבסטהערשונג,
אָבער אַנ אָנמעכטיקער פּאָליטיש, — אָדער ער וועט שפּילנ די ראָליע פֿונ אַנ אָנ=
פֿירער פֿונ דער פֿאָלקס=רעוואָליוציע. די באוווּסטזיניקע פֿאָרשטײער פֿונ דער בור=
זשואַזיע פֿילנ דאָס אויסגעצײכנט. דערפֿאַר טאַקע לויבט אַזוי די „אָסוואָבאָזשדיעניע“
די אַקימאָװשטשינע, דעמ „עקאָנאָמיזמ“ אינ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, וועלכער
רוקט איצט אַרויס אינ פֿאָדערגרונט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנענ אונ די לעגאַלע
געזעלשאַפֿטנ. דערפֿאַר טאַקע באַגריסט ה׳ סטרוּווע (נומ. 72 „אָסוואָבאָזשדיעניע“)
די פּרינציפּיִעלע טענדענצנ פֿונ דער אַקימאָװשטשינע אינ דעמ נײַ=איסקריזמ. דער=
פֿאַר טאַקע פֿאַלט ער אָנ אַפֿ דער פֿאַרהאַסטער רעוואָליוציאָנערער שמאָלקײט פֿונ די
באַשלוסנ פֿונעמ III צוזאַמענפֿאָר פֿונ דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער
אַרבעטער=פּאַרטײ.

ריכטיקע טאַקטישע לאָזונגענ פֿונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע האָבנ איצט א באַ=
זונדערס וויכטיקע באַדײַטונג פֿאַר דער אָנפֿירונג מיט די מאַסנ. ס'איז ניטאָ קײנ
געפֿערלעכערע זאַך, ווי פֿאַרמינערנ די באַדײַטונג פֿונ פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטענע
טאַקטישע לאָזונגענ אינ א רעוואָליוציאָנערער צײַט. די „איסקראַ“, צומ בײַשפּיל,
גײט אינ 104=טנ נומער אירנ פֿאַקטיש אַריבער אַפֿנ צאַד פֿונ אירע אָפּאָנענטנ אינ
דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, אינ דער זעלבער צײַט אָבער רעדט זי מיט ביטל וועגנ
דער באַדײַטונג פֿונ אַזעלכע לאָזונגענ אונ טאַקטישע באַשלוסנ, וואָס גײענ פֿאָרויס
פֿונעמ לעבנ, וואָס ווײַזנ דעמ וועג, אַפֿ וועלכנ די באַוועגונג גײט, מיט א רײ דורכ=
פֿאַלנ, פֿעלערנ אאַוו. פֿאַרקערט, אויסאַרבעטנ ריכטיקע טאַקטישע באַשלוסנ האָט א
גיגאַנטישע באַדײַטונג פֿאַר א פּאַרטײ, וואָס וויל אָנפֿירנ מיטנ פּראָלעטאַריאַט אינעמ
גײַסט פֿונ די אויסגעהאַלטענע פּרינציפּנ פֿונ מאַרקסיזמ, אונ ניט נאָר נאָכשלעפּנ זיך
אינ עק פֿונ די געשעענישנ. אינ די רעזאָליוציעס פֿונעמ III צוזאַמענפֿאָר פֿונ דער
רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער=פּאַרטײ אונ פֿונ דער קאָנפֿערענצ
פֿונ דעמ זיך אָפּגעשפּאָלטענעמ טײל פֿונ דער פּאַרטײ[1] האָבנ מיר די פּינקטלעכסטע,

[1] אינעמ III צוזאַמענפֿאָר פֿונ דער ר. ס.=ד. א.=פּ. (לאָנדאָנ, אינ מײַ 1905 יאָר) האָבנ
אָנטײלגענומענ בלויז באָלשעוויקעס. אינ דער „קאָנפֿערענצ“ (זשענעווע, אינ דער זעלבער
צײַט) — בלויז מענשעוויקעס, וועלכע ווערנ אינ דער דאָזיקער בראָשור אָפֿט אָנגערופֿנ „נײַ=איס=
קראָווצעס“ דערפֿאַר, ווײַל אַרויסגעבנדיק ווײַטער די „איסקראַ“, האָבנ זײ דערקלערט מיטנ
מויל פֿונ זײער דעמאָלטיקנ מיטגליד=קאָלעגע טראָצקי, אַז צווישנ דער אַלטער אונ דער

דורכגעטראכטסטע און פֿולסטע אויסדרוקנ פֿונ די טאקטישע אָנשוויונגענ, דערביי ניט אזעלכע, וואָס זיינענ צופֿעליק ארויסגעזאָגט געוואָרנ דורכ איינצלנע ליטעראטנ, נאָר אזעלכע, וואָס זיינענ אָנגענומענ געוואָרנ דורכ פֿאראנטוואָרטלעכע פֿאָרשטייער פֿונ סאָציאַל-דעמאָקראטישנ פּראָלעטאריאט. אונדזער פּארטיי שטייט פֿאָרויס פֿונ אַלע אנדערע פּארטייענ, זי האָט א פּינקטלעכע און פֿונ אַלעמענ אָנגענומענע פּראָגראם. זי דארפֿ באווייזנ א ביישפּיל די אנדערע פּארטייענ אויכ אינ פֿראט פֿונ שטרענגער באציִונג צו אירע טאקטישע רעזאָליוציעס, לעהייפֿעב דעם אָפּאָרטוניזם פֿונ דער דעמאָקראטישער בורזשואזיע פֿונ „אָסוואָבאָזשדיעניע“, לעהייפֿעב דער רעוואָליוציאָנערער פֿראזע פֿונ די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ, וועלכע האָבנ זיכ ערשט ביים דער רעוואָליוציע געכאפּט ארויסצוטרעטנ מיט א „פּראָיעקט“ פֿונ א פּראָגראם און צום ערשטנ מאָל באשעפֿטיקנ זיכ מיט דער פֿראגע, צי איז די רעוואָליוציע, וואָס קומט פֿאָר בא זיי פֿאר די אויגנ, א בורזשואזע.

אָט פֿארוואָס מיר האלטנ פֿאר אנ אקטועלסטנ איניען פֿונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראטיע — זאָרגזאם צו שטודירנ די טאקטישע רעזאָליוציעס פֿונעם III צוזאמענפֿאָר פֿונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פּארטיי און פֿונ דער קאָנפֿערענצ, פּעסטשטעלנ, וואָס פֿארא אָפּווייכונגענ זיינענ אינ זיי פֿאראנ לעגאבע די פּרינציפּנ פֿונעם מארקסיזם, קלאָר מאכנ פֿאר זיכ די קאָנקרעטע אופֿגאבנ פֿונ דעם סאָציאַל-דעמאָקראטישנ פּראָלעטאריאט אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע. אָט דער ארבעט איז טאקע געווידמעט די דאָזיקע בראָשור. קאָנטראָלירנ אונדזער טאקטיק פֿונעם שטאנדפּונקט פֿונ די פּרינציפּנ פֿונ מארקסיזם און פֿונ די לעקציעס פֿונ דער רעוואָליוציע איז נייטיק אויכ פֿאר יענעם, וואָס וויל רעאַל צוגרייטנ די איינהייט פֿונ דער טאקטיק, אלס באזע פֿאר דער קומענדיקער פֿולשטענדיקער פֿאראייניקונג פֿונ דער גאנצער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פּארטיי, און ניט באגרענעצנ זיכ בלויז מיט אײַנטײַנענ, מיט רייד.

יול 1905 יאָר.

נ. לעניג.

נייער „איסקרא“ ליגט אנ אָפּגרונט. (לעגינס אנמערקונג צו דער אויסגאבע פֿונ 1908 יאָר. רעד.).

1. אנ אקטועלע פּאָליטישע פראגע

אינ טאָג-סיידער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט, וואָס מיר לעבנ איצט איבער, שטייט די פראגע וועגנ צונויפרופנ אנ אלפאָלקישע גרינדונגס-פארזאמלונג. וויאזוי צו לייזנ אָט די פראגע, — וועגנ דעמ גייענ זיכ די מיינונגענ פאנאנדער. עס לאָזנ זיכ מערקנ דריי פּאָליטישע ריכטונגענ. די צארישע רעגירונג גייט איינ, אז ס'איז נייטיק צונויפצורופנ פאָלקס-פארטרעטער, זי וויל אָבער בעשומויפנ ניט דערלאָזנ, אז זייער פארזאמלונג זאָל זיינ אנ אלפאָלקישע אונ א גרינדונגס-פארזאמלונג. זי איז קלוימערשט מאסקימ, אויב מע זאָל גלייבנ די צייטונגס-ידיעות וועגנ דער ארבעט פונ דער בוליגינישער קאָמיסיע, אפ א בעראטונגס-פארזאמלונג, וועלכע זאָל אויסגעוויילט ווערנ בא דער אָפּוועזנהייט פונ פרייהייט פונ אגיטאציע אונ בא א שמאָל-צענזאָווער אָדער שמאָל-שטאנדישער וואל-סיסטעמ. דער רעוואָליוציאָנערער פראָלעטאריאט, אפ וויפל ער ווערט געפירט פונ די סאָציאל-דעמאָקראטיע, פאָדערט, אז די מאכט זאָל פולשטענדיק אריבערגיינ צו א גרינדונגס-פארזאמלונג, אונ צוליב אָט דעמ צוועק וויל ער זיכ דערשלאָגנ ניט נאָר אלגעמיינע וואלרעכט אונ ניט נאָר פולשטענדיקע פרייהייט פונ אגיטאציע, נאָר כוץ דעמ נאָכ, אז די צארישע רעגירונג זאָל טייקעפ אראָפּגעוואָרפנ ווערנ אונ זאָל פארביטנ ווערנ דורכ א צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. צו לעצט, די ליבעראלע בורזשואזיע, וואָס דריקט אויס אירע ווונטשנ מיטנ מויל פונ די פירער פונ דער אזויגערופענער „קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראטישער פארטיי", פאָדערט ניט, אז די צארישע רעגירונג זאָל אראָפּגעוואָרפנ ווערנ, זי רופט ניט ארויס קיינ לאָזונג פונ א צייטווייליקער רעגירונג, זי באשטייט ניט אפ קיינ רעאלע גאראנטיעס, אז די וואלנ זאָלנ זיינ פולשטענדיק פריי אונ ריכטיק, אז די פארטרעטער-פארזאמלונג זאָל קאָנענ ווערנ ווירקלעכ אנ אלפאָלקישע אונ ווירקלעכ א גרינדונגס-פארזאמלונג. די ליבעראלע בורזשואזיע, וואָס נאָר זי אליינ איז אנ ערנסטער סאָציאלער אָנשפאר פאר דער ריכטונג פונ די „אָסוואָבאָזשדיענצעס", וויל, אינ טאָכ גענומענ, דערשלאָגנ זיכ א ווי ווייט מעגלעכ פרידלעכערע פשאָרע צווישנ דעמ צאר אונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלק, אונ דערצו אזא פשאָרע, וואָס דערביי זאָל וואָס מער מאכט אָנקומענ איר, דער בורזשואזיע, אונ וואָס ווייניקער — דעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלק, דעמ פראָלעטאריאט אונ דעמ פויערטומ.

אָט אזוי זעט אויס די פּאָליטישע לאגע אינ דעמ געגעבענעמ מאָמענט. אָט אזוי זעענ אויס די דריי פּאָליטישע הויפּט-ריכטונגענ, וועלכע אנטשפרעכנ די דריי סאָציאלע הויפּט-קרעפטנ פונ דעמ היינטצייטיקנ רוסלאנד. וועגנ דעמ, וויאזוי די „אָסוואָבאָזשדיענצעס" דעקנ צו מיט קלוימערשט-דעמאָקראטישע פראזעס זייער האלביקע, ד"ה. אָפּענער אונ פּאַשעטער גערעדט, זייער רענעגאטישע, פארעטערישע פּאָליטיק

בענעגייע דער רעוואָליוציע, האָבנ מיר שוינ ניט איינ מאָל גערעדט אינ „פּראָלעטאַרי“ (נומערנ 3, 4, 5). לאָמיר אַצינד זעג, וויאַזוי די סאָציִאַל-דעמאָקראַטנ דיסקאָנטירנ די אויפגאַבנ פונעם מאָמענט. אַנ אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל אינ אָט דער הינזיכט זײַנענ די צוויי רעזאָליוציעס, וועלכע עס האָבנ דאָ ניט לאַנג אָנגענומענ דער III צוזאַמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פּ. אונ די „קאָנפערענצ“ פונ דעם זיך אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פונ דער פּאַרטיי. די פראַגע ווענג דעם, וועלכע פונ אָט די רעזאָליוציעס דיסקאָנטירט ריכטיקער דעם פּאָליטישנ מאָמענט אונ דעפינירט ריכטיקער די טאַקטיק פונעם רעוואָליוציִאָנערנ פּראָלעטאַריאַט, — האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג, אונ יעטווידער סאָציִאַל-דעמאָקראַט, וואָס וויל באַוווסטזיניק אויספילנ זײַנע פליכטנ פונ אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אגיטאַטאָר אונ אָרגאַניזאַטאָר, דאַרפ מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקײַט פאַנאַנדערקלײַבנ זיך אינ אָט דער פראַגע, אינגאַנצנ לאָזנדיק אָנ אַ זײַט די מאָטיוונ, וואָס האָבנ קיינ שײַכעס ניט צום טאָכ פונ דער זאַכ.

אונטער טאַקטיק פונ דער פּאַרטיי פאַרשטייט מענ איר פּאָליטישע אויפירונג, אָדער דעם כאַראַקטער, די ריכטונג, די מעטאָדנ פונ איר פּאָליטישער טעטיקײַט. טאַקטישע רעזאָליוציעס נעמט אָנ דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר צוליב דעם, קעדיי פּינקטלעכ פעסטצושטעלנ די פּאָליטישע אויפירונג פונ דער פּאַרטיי, אַלס גאַנצעס, בענעגייע די נײַע אויפגאַבנ אָדער מאַכמעס דער נײַער פּאָליטישער סיטואַציע. אַזאַ נײַע סיטואַציע האָט געשאַפנ די רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבנ אינ רוסלאַנד, דאָס הייסט דער פאַקט, וואָס די גיגאַנטישע מערהײַט פונעם פאָלק גייט זיך פולשטענדיק, אַנטשיידנ אונ אָפנ פאַנאַנדער מיט דער צאַרישער רעגירונג. די נײַע פראַגע באַשטייט דערינ, אַפ וועלכע פּראַקטישע אויפאַנימ צונויפרופנ אַ ווירקלעכ אַלפאָלקישע פאַרזאַמלונג אונ ווירקלעכ אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (טעאָרעטיש האָט די סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע שוינ לאַנג אונ פריִער פאַר אַלע אַנדערע פּאַרטייענ געלייזט די פראַגע ווענג אַזאַ פאַרזאַמלונג אָפיציִעל, אינ איר פּאַרטיי-פּראָגראַם). אויב דאָס פאָלק איז זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ מיט דער רעגירונג, אונ די מאַסע האָט באַוויזנקט די נויטווענדיקײַט צו גרינדנ אַ נײַע אָרדענונג, דאַרפ די פּאַרטיי, וועלכע האָט זיכ געשטעלט פאַר אַ ציל אַראָפּצוּוואַרפנ די רעגירונג, אומבאַדינגט אַ טראַכט טאָנ ווענג דעם, מיט וואָס פאַר אַ רעגירונג צו פאַרבײַטנ די אַלטע רעגירונג, וועלכע ווערט אַראָפּגעוואָרפנ. עס שווימט אויפ אַ נײַע פראַגע — ווענג אַ צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג. קעדיי צו געבנ אַ פולשטענדיקנ ענטפער אַפ אָט דער פראַגע, מוז די פּאַרטיי פונעם באַוווסטזיניקנ פּראָלעטאַריאַט קלאָר מאַכנ, ערשטנס, די באַדײַטונג פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג אינ דער פאָרקומענדיקער רעוואָליוציע אונ אינ דעם גאַנצנ קאַמפ פונעם פּראָלעטאַריאַט ביכלאַל; צווייטנס, איר אייגענע באַציִונג צו דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג; דריטנס, די גענויע באַדינגונגענ, באַ וועלכע די סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע באַטייליקט זיכ אינ אָט דער רעגירונג; פערטנס, די באַדינגונגענ פונ מאַכנ אַ דרוק אַפ דער דאָזיקער רעגירונג פונ אונטנ, דה. אויב די סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע וועט ניט זײַנ אינ דער רעגירונג. בלויז דאַנ, ווענ אָט די אַלע פראַגנ וועלנ אויסגעקלאָרט ווערנ, וועט די פּאָליטישע אויפירונג פונ דער פּאַרטיי אינ דער געגעבענער הינזיכט זײַנ אַ פּרינציפּיִעלע, אַ קלאָרע אונ אַ פעסטע.

איז לאָמיר זענ, וויאזוי עס לייזט אָט די פראגנ די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ. אָט איז איר פולער טעקסט:

„רעזאָליוציע וועגנ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג.

נעמענדיק אינ אכט:

1) אז סיי די אומיטלבארע אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט, סיי אויכ די אינטערעסנ פונ זיינ קאמפ פאר די ענדצילנ פונ סאָציאליזמ פאָדערנ א ווי ווייט מעגלעכ פולערע פאָליטישע פרייהייט, און הייסט עס, אז די זעלבסטהערשערישע רעגירונגס־פאָרמ זאָל פארביטנ ווערנ אפ א דעמאָקראטישער רעפובליק;

2) אז פארווירקלעכנ א דעמאָקראטישע רעפובליק אינ רוסלאנד איז מעגלעכ בלויז אינ רעזולטאט פונ א זיגרייכנ פאָלקס־אופשטאנד, וועמענס אָרגאנ עס וועט זיינ די צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, וואָס זי אליינ נאָר איז אימשטאנד צו זיכערנ די פולע פרייהייט פונ דער פאָרוואל־אגיטאציע און, אפנ גרונט פונ אלגעמיינעמ, גלייכנ און דירעקטנ וואלרעכט מיט א געהיימענ אָפגעבנ די שטימענ, צונויפרופנ א גרינדונגס־פארזאמלונג, וואָס זאָל ווירקלעכ אויסדריקנ דעמ ווילנ פונ פאָלק;

3) אז אָט די דעמאָקראטישע איבערקערעניש אינ רוסלאנד וועט, בא דער געגעבענער געזעלשאפטלעכ־עקאָנאָמישער אָרדענונג פונ רוסלאנד, ניט אָפשוואכנ, נאָר פארשטארקנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, וואָס וועט זיכ אומפארמיידלעכ פרואונ אינ א געוויסנ מאָמענט, ניט אָפשטעלנדיק זיכ פאר קיינ זאכ, אָפנעמענ בא דעמ רוסלענדישנ פראָלעטאריאט א וואָס גרעסערנ טייל פונ די דעראָבערונגענ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פעריאָד, —

באשטימט דער III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ.:

א) עס איז נייטיק צו פארשפרייטנ צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס א קאָנקרעטע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ סאמע ווארשיינלעכנ גאנג פונ דער רעוואָליוציע און וועגנ דעמ, אז אינ א באשטימטנ מאָמענט אירנ מוז אופקומענ א צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, וואָס בא איר וועט דער פראָלעטאריאט פאָדערנ צו פארווירקלעכנ אלע נאָענטסטע פאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגענ פונ אונדזער פראָגראמ (די פראָגראמ מינימומ);

ב) אָפהענגיק פונ דער קויכעס־פארהעלטעניש און פונ אנדערע פאקטאָרנ, וואָס לאָזנ זיכ ניט פינקטלעכ באשטימענ פאָרויס, איז דערלאָזבאר, אז אינ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג זאָלנ זיכ באטייליקנ באפולמעכטיקטע פונ אונדזער פארטיי מיטנ צוועק צו פירנ אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע פרואונ און צו פארטיידיקנ די זעלבשטענדיקע אינטערעסנ פונעמ ארבעטער־קלאס;

ג) אלס נויטווענדיקער באדינג פאר אזא באטייליקונג ווערט געשטעלט דער שטרענגער קאָנטראָל פונ דער פארטיי איבער אירע באפולמעכטיקטע און דאָס אומבאדינגטע אָפהיטנ די אומאָפהענגיקייט פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, וועלכע שטרעבט צו א פולשטענדיקער סאָציאליסטישער איבערקערעניש און אפ אזויפיל איז זי אומבעשאָלעמדיק פיינטלעכ צו אלע בורזשואזע פארטייענ;

ד) אומאָפהענגיק פונ דעמ, צי עס וועט מעגלעכ זיינ, אז די סאָציאל־דעמאָקרא־

טיע זאָל זיכ באטייליקנ אינ דער צענטראַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, דארפ מענ צווישנ די ברייטסטע שיכטנ פונעם פראָלעטאריאט פראָפאגאנדירנ די אידיי, אז ס׳איז אומבאדינגט נייטיק א קעסיידערדיקער דרוק אפ דער צענטראַליקער רעגירונג מיצאד דעמ באוואָפנטנ אונ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אָנגעפירטנ פראָלעטאַריאט מיטנ צוועק צו באשיצנ, פארפעסטיקנ אונ פארברייטערנ די דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע״.

2. וואָס גיט אונדז די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ. וועגנ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג?

די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ. איז, ווי ס׳איז צו זענ פונ דעמ נאָמענ אירנ, איינגאנצנ אונ דורכויס געווידמעט דער פראגע וועגנ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. דאָס הייסט, אז דער אָנטייל פונ דער ס.־ד. אינ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג גייט אהער אריינ אלס א טייל פונ דער פראגע. פונ דער אנדערער זייט, גייט א רייד נאָר וועגנ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, ניט וועגנ עפּעס אנדערש; הייסט עס, אז אהער גייט איינגאנצנ ניט אריינ די פראגע, לאָמיר זאָגנ, וועגנ „דעראָבערנ די מאכט״ ביכלאַל אדג. צי האָט ריכטיק געהאנדלט דער צוזאמענפאָר, ווענ ער האָט באזייטיקט די דאָזיקע פראגע אונ ענלעכע פראגנ? געוויס ריכטיק, ווייל אזעלכע פראגנ רוקט די פּאָליטישע לאגע פונ רוסלאנד כּלל ניט ארויס אינ טאָג־סיידער. פארקערט, דאָס גאנצע פאָלק האָט אוועקגעשטעלט אינ טאָג־סיידער די פראגע וועגנ אראָפּווארפנ די זעלבסטהערשונג אונ צונויפרופנ א גרינדונגס־פארזאמלונג. די פארטיי־צוזאמענפאָרנ דארפנ שטעלנ צומ לייזנ ניט יענע פראגנ, וועלכע עס האָט באריר אמפּלאצ אָדער ניט אמפּלאצ דער אָדער יענער ליטעראטאָר, נאָר יענע פראגנ, וואָס האָבנ אנ ערנסטע פּאָליטישע באדייטונג מאכמעס די באדינגונגענ פונ דעמ מאָמענט אונ מאכמעס דעמ אָביעקטיווג גאנג פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.

וואָס פאר א באדייטונג האָט אינ דער איצטיקער רעוואָליוציע אונ אינ דעמ אלגעמיינעמ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט די צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג? די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר קלערט דאָס אופ, זי ווייזט אָנ גלייכ פונ אָנהייב אפ דער נייטיקייט פונ „א ווי ווייט מעגלעכ פולערער פּאָליטישער פרייהייט״ סיי פונ שטאנדפּונקט פונ די אומיטלבארע אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט סיי פונ שטאנדפּונקט פונ די „ענדציילנ פונ סאָציאַליזמ״. פולע פּאָליטישע פרייהייט ווידער פאָדערט, אז די צארישע זעלבסטהערשונג זאָל פארביטנ ווערנ אפ א דעמאָקראטישער רעפּובליק, ווי דאָס איז שוינ אָנערקענט דורכ אונדזער פארטיי־פּראָגראמ. באטאָנענ דעמ לאָזונג דעמאָקראטישע רעפּובליק אינ דער רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר איז נייטיק לאָגיש אונ פרינציפּיעל, ווייל דער פראָלעטאריאט, אלס אוואנגארד־קעמפער פאר דעמאָקראטיע, וויל זיכ דערשלאָגנ גראָד פולשטענדיקע פרייהייט; אכוצ דעמ איז באַטאָנענ דאָס אוואדע אונ אוואדע צוועקמעסיק אינעמ געגעבענעמ מאָמענט, ווייל גראָד איצט טרעטנ בא אונדז ארויס אונטערנ פלאג פונ „דעמאָקראטיזמ״ די מאָנארכיסטנ,

געמלעכ: די אזויגערופענע קאָנסטיטוציאָנעל-„דעמאָקראַטישע“ אָדער „אָסוואָבאָזש-דיענישע“ פּאַרטיי. אפּ צו גרינדנ א רעפּובליק איז אומבאַדינגט נייטיק א פּאַרזאמלונג פונ פאָלקס-פּאַרטרעטער, דערצו אומבאַדינגט אנ אלפאָלקישע (אפּנ גרונט פונ אלגעמייִנעם, גלייִכנ אונ דירעקטנ וואלרעכט מיט א געהיימענ אָפּגעבנ די שטימענ) אונ אומבאַדינגט א גרינדונגס-פּאַרזאמלונג. טאַקע דאָס אָנערקענט די רעזאָליוציע פונעם צוזאמענפאָר ווייטער. זי באַגרענעצט זיכ אָבער ניט דערמיט. קעדיי צו גרינדנ א נייִע אָרדענונג, „וואָס זאָל ווירקלעכ אויסדריקנ דעם ווילנ פונעם פאָלק“, איז וויכ-טיק אָנצורופנ די פּאַרטרעטונגס-פּאַרזאמלונג גרינדונגס-פּאַרזאמלונג. מע דאַרפ, אז די פּאַרזאמלונג זאָל האָבנ מאַכט אונ קראַפט צו „גרינדנ“. באַנעמענדיק דאָס, באַגרענעצט זיכ ניט די רעזאָליוציע פונעם צוזאמענפאָר מיטנ פאָרמעלנ לאָזונג „גרינדונגס-פּאַרזאמלונג“, נאָר זי ווייזט אויכ אָנ די מאַטעריעלע באַדינגונגענ, וואָס באַ זיי טאַקע איז מעגלעכ, אז אָט די פּאַרזאמלונג זאָל ווירקלעכ אויספילנ איר אויפגאַבע. אזא אָנווייזנ די באַדינגונגענ, וואָס באַ זיי קאָנ די גרינדונגס-פּאַרזאמלונג אפּנ וואָרט ווערנ א גרינדונגס-פּאַרזאמלונג אינ טאַט, איז דורכויס נייטיק, ווייל די ליבעראַלע בורזשואזיע, אינ דער פּערזאָנ פונ דער קאָנסטיטוציאָנעל-מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי, פּאַרקריפּלט באַוווסטזיניק, ווי מיר האָבנ שוינ ניט אײנ מאָל אָנגעוויזנ, דעם לאָזונג פונ אנ אלפאָלקישער גרינדונגס-פּאַרזאמלונג, פּאַרוואַנדלענדיק אים אינ א פּוסטער פראַזע.

די רעזאָליוציע פונעם צוזאמענפאָר זאָגט, אז זיכערנ די פולשטענדיקע פרייהייט פונ דער פּאָרוואַל-אגיטאַציע אונ צונויפרופנ א פּאַרזאמלונג, וואָס זאָל ווירקלעכ אויסדריקנ דעם ווילנ פונ פאָלק, איז אימשטאַנד בלויז נאָר א צייטווייליקע רע-וואָליוציאָנערע רעגירונג, דערצו אזא, וואָס זאָל זייִנ אנ אָרגאַנ פונ א זיגרייִכנ פאָלקס-אויפשטאַנד. צי איז ריכטיק אָט די האַנאָכע? ווענ עמעצנ זאָל אייִנפאַלנ צו באַשטרייטנ זי, דאַרפ ער באַהויפּטנ, אז די צאַרישע רעגירונג קאָנ זייִנ ניט יאָד-אַכאַמ מיט דער רעאַקציע, אז זי איז פייִק צו זייִנ נייטראַל באַ די וואַלנ, אז זי קאָנ זאָרגנ זיכ, עס זאָל ווירקלעכ אויסגעדריקט ווערנ דער ווילנ פונ פאָלק. אזעלכע מינע באַהויפּטונגענ זייִנענ אזוי אומגעלומפּערט, אז אָפנ וועט זיכ קיינער ניט נעמענ צו פּאַרטיידיקנ זיי, בישטיקע אָבער ווערנ זיי דורכגעשמוגלט, אונטער א ליבעראַלנ פלאַג, מאַקע דורכ אונדזערע אָסוואָבאָזשדיענצעס. די גרינדונגס-פּאַרזאמלונג דאַרפ עמע-צער צונויפרופנ; די פרייהייט אונ די ריכטיקייט פונ די וואַלנ דאַרפ עמעצער זי-כערנ; די קראַפט אונ די מאַכט דאַרפ אָט דער פּאַרזאמלונג עמעצער אינגאַנצנ אויפ-בערגעבנ: בלויז א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, וואָס איז אנ אָרגאַנ פונעם אויפ-שטאַנד, קאָנ פולקומ אופריכטיק וועלנ דאָס אונ זייִנ בעקוויעכ צו טאָנ אלצ, קעדיי צו פּאַרווירקלעכנ דאָס. די צאַרישע רעגירונג וועט אומפּאַרמיידלעכ טאָנ אלצ קעגנ דעם. א ליבעראַלע רעגירונג, וואָס מאַכט א פּשאָרע מיטנ קייסער אונ וואָס שטיצט זיכ ניט דורכויס אפּנ פאָלקס-אויפשטאַנד, איז אי ניט פייִק אופריכטיק צו וועלנ דאָס אי זי איז ניט פייִק צו פּאַרווירקלעכנ דאָס, — אפילע באַ דעם סאַמע אופריכטיקנ ווונטש. די רעזאָליוציע פונ דעם צוזאמענפאָר גיט, אלזאָ, דעם איינציק ריכטיקנ אונ פולשטענדיק קאָנסעקווענטנ דעמאָקראַטישנ לאָזונג.

די אָפּשאַצונג פונ דער באַדייטונג פונ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רע-

גירונג וואָלט אָבער געווענ ניט פול אונ ניט ריכטיק, ווענ מע זאָל ארויסלאָזנ פונ אויג דעמ קלאסנ-כאראקטער פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש. די רעזאָליוציע גיט דעריבער צו, אז די איבערקערעניש וועט פארשטארקנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע. דאָס איז אומפארמײַדלעכ בא דער געגעבענער, ד.ה. בא דער קאפּיטאליסטישער, געזעלשאפטלעכ-עקאָנאָמישער אָרדענונג. אלס רעזולטאט ווידער פונ דעמ, וואָס די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע איבערנ וויפל-ניט-איז פּאָליטיש פרײַענ פּראָלעטאריאט וועט פארשטארקט ווערנ, מוז אומפארמײַדלעכ קומענ א פארצווייפלטער קאמפ צווישנ זיי פאר דער מאכט, מוזנ קומענ פארצווייפלטע פרווונ פונ דער בורזשואזיע „אָפּצונעמענ בא דעמ פּראָלעטאריאט די דעראָבערונגענ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פעריאָד". קעמפנדיק פאר דעמאָקראטיע פאָרויס פונ אלעמענ אונ בעראָש פונ אלעמענ, טאָר דעריבער דער פּראָלעטאריאט אפ קיינ איינ רעגע ניט פארגעסנ וועגנ די נײַע ווידערשפּרוכנ, וואָס ליגנ פארבאָרגנ אינ די טיפענישנ פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, אונ וועגנ דעמ נײַעמ קאמפ.

די באדײַטונג פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז אזויארומ אינ דעמ טייל פונ דער רעזאָליוציע, וועלכנ מיר האָבנ באטראכט, אָפּגעשאצט פולשטענדיק: סײַ אינ איר פארהעלטעניש צומ קאמפ פאר פרײַהײַט אונ פאר א רעפּובליק, סײַ אינ איר פארהעלטעניש צו דער גרינדונגס-פארזאמלונג, סײַ אינ איר פארהעלטעניש צו דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש, וואָס רייניקט אָפּ דעמ באָדנ פאר א נײַעמ קלאסנקאמפ.

פרעגט זיכ ווײַטער, וואָס פאר א פּאָזיציע דארפ דער פּראָלעטאריאט פארנעמענ ביכלאל בענוגע דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג? די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר ענטפערט דערויפ קוידעמקאָל מיט א דירעקטער אײַצע דער פארטיי — צו פארשפּרייטנ אינעמ ארבעטער-קלאס די איבערצײַגונג, אז עס איז נויטווענדיק א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. דער ארבעטער-קלאס דארפ באזיניקנ אָט די נויטווענדיקײַט. אינ דער צײַט, ווענ די „דעמאָקראטישע" בורזשואזיע לאָזט אינ שאָטנ די פראגע וועגנ אראָפּווארפנ די צארישע רעגירונג, דארפנ מיר אָט די פראגע ארויסרוקנ אינ פאָדערגרונט אונ באשטיינ אפ דעמ, אז עס איז נויטווענדיק א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. נאָכ מער, מיר דארפנ אָנווײַזנ די טאט-פּראָגראמ פונ אָט דער רעגירונג, א טאט-פּראָגראמ, וועלכע זאָל אנטשפּרעכנ די אָביעקטיווע באדינגונגענ פונ דעמ היסטאָרישנ מאָמענט, וואָס מיר לעבנ-איבער, אונ די אויפגאבנ פונ דער פּראָלעטארישער דעמאָקראטיע. די דאָזיקע פּראָגראמ — דאָס איז די **גאנצע** פּראָגראמ מינימומ פונ אונדזער פּארטיי, די פּראָגראמ פונ די נאָענטסטע פּאָליטישע אונ עקאָנאָמישע איבערגעשטאלטונגענ, וואָס, פונ איינ זײַט, לאָזנ זיכ פולשטענדיק פארווירקלעכנ אפנ באָדנ פונ די געגעבענע געזעלשאפטלעכ-עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ, אונ וואָס, פונ דער אנדערער זײַט, זײַנענ זיי נויטווענדיק פאר א ווײַטערדיקנ שריט פאָרויס, פאר פארווירקלעכנ דעמ סאָציאליזמ.

די רעזאָליוציע מאכט אזויארומ פולשטענדיק קלאָר דעמ כאראקטער אונ דעמ ציל פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. לויט איר אָפּשטאמונג אונ לויט איר גרונט-כאראקטער דארפ אָט די רעגירונג זײַנ אנ אָרגאנ פונ פאָלקס-אויפשטאנד. לויט איר פאָרמעלנ באַרופ דארפ זי זײַנ א געצײַג אפ צונויפרופנ די

אלפאָלקישע גרינדונגס=פארזאמלונג. לויטנ אינהאלט פונ איר מעטיקײַט — דארפ זי פארווירקלעכנ די פראָגראמ מינימומ פונ דער פראָלעטארישער דעמאָקראטיע, אלס די איינציקע פראָגראמ, וועלכע איז אימשטאנד צו זיכערנ די אינטערעסנ פונעמ פאָלק, וואָס איז אופגעשטאנענ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

מע קאָנ דערווידערנ, אז די צײַטווײַליקע רעגירונג — שוינ דערפאר, ווײַל זי איז א צײַטווײַליקע, קאָנ זי ניט דורכפירנ קײנ פאָזיטיווע פראָגראמ, וואָס איז נאָכ ניט באוויליקט פונעמ גאנצנ פאָלק. אזא דערווידערונג וואָלט געווענ בלויז א סאָפיזמ פונ רעאקציאָנערנ אונ „זעלבסטהערשונגס=לײַט“. ניט דורכפירנ קײנ שומ פאָזיטיווע פראָגראמ הײסט דולדנ די עקזיסטענצ פונ די לײַבײגנטימערישע פאָראָנדקעס פונ דער דורכגעפוילטער זעלבסטהערשונג. דולדנ אזוינע פאָראָנדקעס וואָלט געקאָנט בלויז א רעגירונג פונ פאַרעטער פונ דער רעוואָליוציע, אָבער ניט א רעגירונג, וואָס איז אנ אָרגאנ פונעמ פאָלקס=אופשטאנד. עס וואָלט פאָשעט געווענ א כויזעק, ווענ עמעצער וואָלט פאָרגעלײגט אָפּצוזאָגנ זיכ פונ פארווירקלעכנ אינ טאט די פרײַהײַט פונ פארזאמלונגענ, קאָלזמאנ אָט די פרײַהײַט וועט ניט אָנערקענט ווערנ פונ דער גרינדונגס=פארזאמלונג, — אָפּזאָגנ זיכ דערפאר, ווײַל די גרינדונגס=פארזאמלונג קאָנ נאָכ עפּשער ניט אָנערקענענ די פרײַהײַט פונ פארזאמלונגענ! אזא מינ כויזעק איז אויכ די דערווידערונג קעגנ דעמ, אז די צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג זאָל טײַקעפּ פארווירקלעכנ די פראָגראמ מינימומ.

מיר וועלנ, צולעצט, באמערקנ, אז שטעלנדיק אלס אופגאבע פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג צו פארווירקלעכנ די פראָגראמ מינימומ, באזײַטיקט די רעזאָליוציע דערמיט גופע די אומגעלומפערטע האלב=אנארכיסטישע געדאנקענ וועגנ דעמ, אז מע דארפ טײַקעפּ פארווירקלעכנ די פראָגראמ מאקסימומ, דעראָבערנ די מאכט צוליב א סאָציאליסטישער איבערקערעניש. דער גראד פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ רוסלאנד (א באדינג אנ אָביעקטיווער) אונ דער גראד פונ דער באוווסטזיניקײַט אונ אָרגאניזירטקײַט פונ די ברײטע מאסנ פונעמ פראָלעטאריאט (א באדינג א סוביעקטיווער, וואָס איז אָרגאניש פארבונדנ מיט דעמ אָביעקטיווענ) מאכנ פאר אומעגלעכ די טײַקעפּדיקע פולשטענדיקע באפרײַונג פונעמ ארבעטער=קלאס. בלויז די גרעסטע אמעראצימ קאָנענ איגנאָרירנ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער פאָרקומענדיקער דעמאָקראטישער איבערקערעניש; — בלויז די נאאיווסטע אָפּטימיסטנ קאָנענ פארגעסנ, ווי ווייניק נאָכ די מאסע ארבעטער ווייסט וועגנ די צילנ פונעמ סאָציאליזמ אונ וועגנ די מיטלענ צו פארווירקלעכנ אימ. מיר אלע זײַנענ איבערצײַגט, אז די באפרײַונג פונ די ארבעטער קאָנ זײַנ די זאכ בלויז פונ די ארבעטער גופע; אָנ דער באוווסטזיניקײַט אונ אָרגאניזירטקײַט פונ די מאסנ, אָנ דער צוגרייטונג אונ דערציִונג זייערער דורכנ אָפּנעמ קלאסנקאמפּ קעגנ דער גאנצער בורזשואזיע קאָנ וועגנ א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע גאָר קײנ רייד ניט זײַנ. אונ אלס ענטפער אָפּ די אנארכיסטישע דערווידערונגענ, אז מיר לייגנ סלוימערשט אָפּ די סאָציאליסטישע איבערקערעניש, וועלנ מיר זאָגנ: מיר לייגנ זי ניט אָפּ, נאָר דעמ ערשטנ שריט צו איר מאכנ מיר אופנ איינציק מעגלעכנ אויפנ מיטנ איינציק ריכטיקנ וועג, נעמלעכ — מיטנ וועג פונ א דעמאָקראטישער רעפּובליק. דער, וואָס וויל גיינ צומ סאָציאליזמ מיט אנ אנדער וועג, אויסמײַדנדיק דעמ

זוענ פונ פאָליטישנ דעמאָקראטיזמ, יענער קומט אומבאדינגט סײַ אינ עקאָנאָמישנ זינ סײַ אינ פאָליטישנ זינ צו אומגעלומפּערטע אונ רעאקציאָנערע אויספירנ. אויב די אָדער יענע ארבעטער װעלנ בא אונדז אינ געהעריקנ מאָמענט פרעגנ: פארװאָס זאָלנ מיר טאקע ניט פארװירקלעכנ די פּראָגראמ מאקסימומ, װעלנ מיר זײ ענטפערנ מיט אַנ אָנװײַזונג דערופ, װי פרעמד עס זײַנענ נאָכ צומ סאָציאליזמ די דעמאָקראטיש געשטימטע מאסנ פונ פאָלק, װי ניט אנטװיקלט עס זײַנענ נאָכ די קלאסנ־װידערשפּרוכנ, װי ניט אָרגאניזירט עס זײַנענ נאָכ די פּראָלעטאריער. אָרגאניזירט אקאָרשט הונדערטער טויזנטער ארבעטער איבער גאנצ רוסלאנד, פארשפּרייט מיטגעפיל צו אײַער פּראָגראמ צװישנ מיליאָנענ! פּרוּװט דאָס טאָנ אונ ניט באגרענעצנ זיכ מיט קלינגענדיקע, נאָר פּוסטע אנארכיסטישע פראזנ, — װעט איר גלײַכ דערזענ, אז דאָס פארװירקלעכנ אָט די אָרגאניזאציע, דאָס פארשפּרייטנ אָט די סאָציאליסטישע אויפקלערונג איז אָפּהענגיק פונ א מעגלעכ פולערער פארװירקלעכונג פונ די דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונגענ.

לאָמיר גײנ װײַטער. װיבאלד עס איז אויסגעקלאָרט די באַדײַטונג פונ דער צײַטװײַליקער רעװאָליוציאָנערער רעגירונג אונ די באציונג צו איר מיצאד דעמ פּראָלעטאריאט, קומט אויפ די פאָלגנדיקע פראגע: צי איז דערלאָזבאר אונ בא װעלכע באדינגונגענ איז דערלאָזבאר, אז מיר זאָלנ זיכ באטייליקנ אינ איר (די האנדלונג פונ אויבנ)? װי דארפ אויסזענ אונדזער האנדלונג פונ אונטנ? די רעזאָליוציע גיט גענויע ענטפערס אפ אָט די ביידע פראגנ. זי דערקלערט אנטשיידנ, אז אינ פּרינציפּ איז דער אָנטייל פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אינ דער צײַטװײַליקער רעװאָליוציאָנערער רעגירונג (אינ דער עפּאָכע פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש, אינ דער עפּאָכע פונ קאמפ פאר א רעפּובליק) ד ע ר ל אָ ז ב א ר. מיט אָט דער דערקלערונג טײלנ מיר זיכ קאטעגאָריש אָפּ סײַ פונ די אנארכיסטנ, װעלכע ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע פּרינציפּיעל אינ נעגאטיװנ זינ, סײַ פונ די עקיסטנ פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע (װי אשטײגער מארטינאָװ אונ די נײַ־איסקראָװצעס), װעלכע האָבנ אונדז ג ע ס ט ר א ש ע ט מיט דער פּערספּעקטיװ פונ אזא לאגע, װענ אָט דער אָנטייל װאָלט געקאָנט פאר אונדז װערנ נויטװענדיק. מיט דער דאָזיקער דערקלערונג האָט דער III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פּ. קאטעגאָריש אָפּגעװאָרפנ דעמ געדאנק פונ דער נײַער „איסקרא“, אז דער אָנטייל פונ סאָציאל־דעמאָקראטנ אינ דער צײַטװײַליקער רעװאָליוציאָנערער רעגירונג איז קלוימערשט א װאריאציע פונ מיליעראניזמ, אז דאָס איז קלוימערשט ניט דערלאָזבאר פּרינציפּיעל, װײַל דאָס הײסט סאנקציאָנירנ די בורזשואזע אָרדענונג, אאװ.

ס'איז אָבער זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די פראגע, צי ס'איז פּרינציפּיעל דערלאָזבאר, פארענטפערט נאָכ ניט די פראגע װעגנ דעמ, צי ס'איז פּראקטיש צװעקמעסיק. בא װעלכע באדינגונגענ איז אָט דער נײַער אויפנ פונ קאמפ, דער קאמפ „פונ אויבנ“, װעלכער איז אָנערקענט פונעמ פּארטײ־צוזאמענפאָר, צװעקמעסיק? זעלבסטפארשטענדלעכ, אז װעגנ די קאָנקרעטע באדינגונגענ, װי אשטײגער דער קרעפטנפארהעלטעניש אדג., איז איצט ניטאָ קײנ מעגלעכקײַט צו רײדנ, אונ די רעזאָליוציע זאָגט זיכ נאטירלעכ אָפּ פאָרויס צו באשטימענ אָט די באדינגונגענ. קײנ אײנ פארשטאנדיקער מענטש װעט זיכ ניט אונטערנעמענ פאָרויסצוזאָגנ עפּעס־װאָס מיקויעכ

דער פראגע, וועלכע אינטערעסירט אונדז אינ איצטיקנ מאָמענט. מע קאָנ און מע
דאַרפ באשטימענ דעמ כאראקטער אונ דעמ ציל פונ אונדזער אָנטייל. די רעזאָליו=
ציע טוט עס טאקע, זי ווייַזט אָנ צוויי צילנ פונ דעמ אָנטייל: 1) אָנ ראכמאָנעס
קעמפנ קעגנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פרווונ אונ' 2) פארטיידיקנ די זעלבשטענדי=
קע אינטערעסנ פונעמ ארבעטער=קלאס. אינ דער צייַט, ווענ די ליבעראלע בורזשוא
הייבנ פלייַסיק אָנ צו ריידנ וועגנ דער פסיכאָלאָגיע פונ רעאקציע (זע דעמ העכסט=
באלערנדיקנ „אָפענעמ בריוו“ פונעמ ה' סטרווע אינ נומ. 72 „אָסוואָבאָזשדיעניע“),
בטארעגדיק זיכ אָנצושרעקנ דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק אונ באוועגנ עס צו זייַנ
נאָכגיביק בענעגייע דער זעלבסטהערשונג, — אינ אָט דער צייַט איז באזונדערס פא=
סיק, אז די פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט זאָל דערמאָנענ וועגנ דער אופגאבע צו
פירנ אָנ עכטע מילכאָמע קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע. די גרויסע פראגנ פונ פאָלי=
טישער פרייַהייַט אונ קלאסנקאמפ ווערנ, אינ דער אונטערשטער שורע, געלייזט בלויז
דורכ קראפט, אונ מיר מוזנ זאָרגנ זיכ וועגנ צוגרייטנ, וועגנ אָרגאניזירנ אָט די
קראפט אונ וועגנ אקטיוו אויסנוצנ זי, ניט נאָר צוליב פארטיידיקונג, נאָר אויכ צו=
ליב אָנגריפ. די לאנגדויערנדיקע עפּאָכע פונ פאָליטישער רעאקציע, וועלכע הערשט
אינ אייראָפּע קימאט אָנ איבערייַס פונ זינט דער פאריזשער קאָמונע, האָט אונדז
צופיל צוגעוווינט צומ געדאנק וועגנ האנדלונג בלויז „פונ אונטנ“ אונ צו באאָבאכטנ
בלויז דעמ פארטיידיקונגס=קאמפ. אציגד זייַנענ מיר, אָנ סאָפעק, ארייַנגעטראָטנ אינ
א נייַער עפּאָכע; עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א פעריאָד פונ פאָליטישע אופטרייסלונגענ
אונ רעוואָליוציעס. אינ אזא פעריאָד, וועלכנ עס לעבט איבער רוסלאנד, טאָר מענ
זיכ ניט באגרענעצנ מיטנ אלטנ שאבלאָנ. מע דארפ פראָפאגאנדירנ די אידיי וועגנ
האנדלונג פונ אויבנ, מע דארפ זיכ גרייטנ צו די סאמע ענערגישע, אָנגרייַפערישע
אקציעס, מע דארפ שטודירנ די באדינגונגענ אונ די פאָרמענ פונ אזעלכע אקציעס.
פונ אזוינע באדינגונגענ רוקט די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר ארויס אינ פאָדער=
גרונט צוויי: איינע איז נעגייע דער פאָרמעלער זייַט פונ דעמ אָנטייל פונ דער סאָ=
ציאל=דעמאָקראטיע אינ דער צייַטווייַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג (שטרענגער
קאָנטראָל פונ דער פארטיי איבער אירע באפולמעכטיקטע), די צווייטע—דעמ עצעמ
כאראקטער פונ אָט דעמ אָנטייל (קיינ איינ רעגע ניט ארויסלאָזנ פונ אויג די צילנ
פונ דער פולשטענדיקער סאָציאליסטישער איבערקערעניש).

קלאָר געמאכט אזויארומ פונ אלע זייַטנ די פאָליטיק פונ דער פארטיי בא דער
האנדלונג „פונ אויבנ“, — בא אָט דעמ נייַעמ, ביז איצט קימאט ניט געזעענעמ
באומפ=מעטאָד, — זעט די רעזאָליוציע פאָר אויכ יענעמ פאל, ווענ האנדלענ פונ אויבנ
וועט אונדז ניט געלינגענ. ווירקנ פונ אונטנ אפ דער צייַטווייַליקער רעוואָליוציאָנע=
רער רעגירונג זייַנענ מיר מעכוייעוו אינ יעדנ פאל. צוליב אזא מינ דרוק פונ אונטנ
מוז דער פראָלעטאריאט זייַנ באוואָפנט, — ווייַל אינ א רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט
דערגייט עס באזונדערס שנעל צו א דירעקטנ בירגערקריג, — אונ מוז אָנגעפירט
ווערנ פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע. דער ציל פונ זייַנ באוואָפנטנ דרוק איז —
„באשיצנ, פארפעסטיקנ אונ פארברייטערנ די דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע“,
דה. יענע דעראָבערונגענ, וועלכע דארפנ, פונ שטאנדפונקט פונ די אינטערעסנ פונעמ
פראָלעטאריאט, באשטיינ אינ פארווירקלעכנ אונדזער גאנצע פראָגראם מינימום.

דערמיט וועלנ מיר פארענדיקנ דעמ קורצנ אנאליז פונ דער רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג. ווי דער לייענער זעט, מאכט אָט די רעזאָליוציע קלאָר אי די באדײַטונג פונ דער נײַער פראגע, אי די באציִונג צו איר מיצאד דער פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט, אי די פאָליטיק פונ דער פארטיי סײַ פונ אינווייניק פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג סײַ פונ אויסווייניק פונ איר.

לאָמיר איצט א קוק טאָנ אפ דער אנטשפרעכיקער רעזאָליוציע פונ דער „קאָנפערענצ“.

3. וואָס הייסט אזוינס „אנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאריזמ“?

די רעזאָליוציע פונ דער „קאָנפערענצ“ איז געווידמעט דער פראגע „וועגנ דער דעראָבערונג פונ דער מאכט און וועגנ דעמ אָנטייל אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג“[1]. שוינ אינ אָט דער שטעלונג פונ דער פראגע אליינ שטעקט, ווי מיר האָבנ אָנגעוויזנ, א פלאָנטער. פונ איינ זײַט, ווערט די פראגע געשטעלט שמאָל: בלויז וועגנ אונדזער אָנטייל אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג און ניט ביכלאל וועגנ די אויפגאבנ פונ דער פארטיי בענוגייע דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג. פונ דער אנדערער זײַט, ווערנ צונויפגעמישט צוויי אבסאָליוט פארשיידנארטיקע פראגנ: וועגנ אונדזער אָנטייל אינ איינער פונ די סטאדיעס פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש און וועגנ דער סאָציִאליסטישער איבערקערעניש. אינדערעמעסנ, „דעראָבערונג פונ דער מאכט“ דורכ דער סאָציִאל-דעמאָקראטיע — דאָס איז טאקע א סאָציִאליסטישע איבערקערעניש און קיינ אנדער זאכ קאָנ עס ניט זײַנ, אויב מע זאָל אָט די ווערטער געברויכנ אינ זייער דירעקטנ און געוויינלעכנ באטײַט. אויב ווידער מע זאָל זיי פארשטיינ אינ דעמ זינ, אז די מאכט ווערט דעראָבערט ניט צוליב א סאָציִאליסטישער, נאָר צוליב א דעמאָקראטישער איבערקערעניש, איז וואָס פאר א זינ האָט דאנ צו ריידנ ניט נאָר וועגנ דעמ אָנטייל אינ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציִאָנערער רעגירונג, נאָר אויכ וועגנ דער „דעראָבערונג פונ דער מאכט“ ביכלאל? אפאָנעמ, אז אונדזערע „קאָנפערענצנ“ האָבנ אליינ רעכט ניט געוווסט, וועגנ וואָס אייגנטלעכ זיי דארפנ ריידנ: וועגנ א דעמאָקראטישער צי וועגנ א סאָציִאליסטישער איבערקערעניש. דער, וואָס האָט נאָכגעשפירט נאָכ דער ליטעראטור וועגנ דער פראגע, יענער ווייסט, אז דעמ אָנהייב פונ אָט דעמ פלאָנטער האָט געמאכט דער כ' מארטינאָוו אינ זײַנע באריִמטע „צוויי דיקטאטורנ“: די נײַ-איסקראָוועס דערמאָנענ ניט גערנ וועגנ דער שטעלונג פונ דער פראגע, וואָס איז געגעבנ געוואָרנ (נאָכ ביז דעמ 9-טנ יאנואר) אינ אָט דעמ טומ-

[1] דעמ פולנ טעקסט פונ אָט דער רעזאָליוציע קאָנ דער לייענער אופשטעלנ לויט די ציטאטעס, וואָס זײַנענ געבראכט אפ די זז. 400, 403, 407, 431 און 433 (אינ דעמ באנד די זז. 21, 26, 31, 62, 65. רעד.) פונ דער געגעבענער בראָשור. (לעניִנס אנמערקונג צו דער אויסגאבע פונ 1908 יאָר. רעד.).

טערהאַפט-עקיסטישנ ווערק, אָבער דער אידיײִשער אײַנפלוס זײַנער אפ דער קאָנפערענצ איז אויסער ספק.

לאָמיר אָבער לאָזנ אָנ א זײַט דאָס קעפל פונ דער רעזאָליוציע. דער אינהאַלט אירער באַווײַזט אונדז אַזוינע פעלערנ, וואָס זײַנענ אָנ אנ ערעכ טיפערע אונ ערנסטערע. אָט איז דער ערשטער טײל פונ דער רעזאָליוציע:

„דער אנטשײדענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאַריזמ קאָנ באַצײכנט ווערנ אָדער דורכ גרינדנ א צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פונ א זיגרײכנ פאָלקס-אויפשטאַנד, אָדער דורכ דער רעוואָליוציאָנערער איניציאַטיוו פונ דער אָדער יענער פאַרטרעטונגס-אינסטיטוציע, וועלכע באַשליסט, אונטער דעמ אומיטלבאַרנ רעוואָליוציאָנערנ דרוק פונעמ פאָלק, צו אָרגאַניזירנ אנ אַלפאָלקישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג“.

מע זאָגט אונדז, אַלזאָ, אַז אנ אנטשײדענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאַריזמ קאָנ זײַנ סײַ... א באַשלוס פונ א פאַרטרעטונגס-אינסטיטוציע צו אָרגאַניזירנ א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג! וואָס הײסט דאָס? ווי זאָל מענ דאָס פאַרשטײנ? דער אנטשײדענער זיג קאָנ באַצײכנט ווערנ מיט א „באַשלוס“ צו אָרגאַניזירנ א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג?? אונ אַזאַ מינ „זיג“ ווערט געשטעלט אפ אײנ ברעט מיט דער גרינדונג פונ א צײַטווײַליקער רעגירונג, „וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פונ א זיגרײַכנ פאָלקס-אויפשטאַנד“!! די קאָנפערענצ האָט ניט באַמערקט, אַז א *זיגרײַכער* פאָלקס-אויפשטאַנד אונ די *גרינדונג* פונ א צײַטווײַליקער רעגירונג באַטײַט א זיג פונ דער רעוואָליוציע *פאַקטיש*, אָבער א „באַשלוס“ צו אָרגאַניזירנ א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג באַטײַט א זיג פונ דער רעוואָליוציע בלויז *אינ וואָרט*.

די קאָנפערענצ פונ די מענשעוויקעס די נײַ-איסקראַווצעס איז אַרײַנגעפאַלנ אינ דעמ זעלבנ פעלער, אינ וועלכנ עס פאַלנ שטענדיק אַרײַנ די ליבעראַלנ, די אָסוואָבאַזשדיענצעס. די אָסוואָבאַזשדיענצעס שיטנ פראַזעס וועגנ א „גרינדונגס“-פאַרזאַמלונג אונ פאַרמאַכנ דערבײַ צנועסדיק די אויגנ אפ דעמ, אַז די קראַפט אונ מאַכט בלײַבט אינ די הענט באַמ קײסער, זײ פאַרגעסנ, אַז קעדײ צו „גרינדנ“, דאַרפ מענ פאַרמאָגנ *קראַפט* צו גרינדנ. די קאָנפערענצ האָט אויכ פאַרגעסנ, אַז פונ א „באַשלוס“ פונ וועלכע-איר-ווילט פאַרטרעטער ביז פאַרווירקלעכנ אָט דעמ באַשלוס איז נאָכ ווײַט. די קאָנפערענצ האָט אויכ פאַרגעסנ, אַז קאָלזמאַנ די מאַכט בלײַבט אינ די הענט באַמ קײסער, וועלנ קאָלערלײ באַשלוסנ פונ וועלכע-איר-ווילט פאַרטרעטער פאַרבלײַבנ פונקט אַזאַ פוסטע אונ נעבעכדיקע פלוידערײַ, ווי עס האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ די „באַשלוסנ“ פונ דעמ אינ דער געשיכטע פונ דער דײַטשישער רעוואָליוציע פונ 1848-טנ יאָר באַרימטנ פראַנקפורטער פאַרלאַמענט. דער פאָרשטײער פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאַריאַט, מאַרקס, האָט אינ זײַנ „נײַער רײַנישער צײַטונג“ טאַקע דערפאַר מיט אָנראַכמאָנעסדיקנ סאַרקאַזמ געשמיסנ די פראַנקפורטער ליבעראַלע „אָסוואָבאַזשדיענצעס“, ווײַל גערעדט האָבנ זײ שײנע ווערטער, אָנגענומענ האָבנ זײ קאָלערלײ דעמאָקראַטישע „באַשלוסנ“, „געגרינדעט“ האָבנ זײ פאַרשײדנע פרײַהײטנ, אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער האָבנ זײ געלאָזנ די מאַכט אינ די הענט באַמ קיניג, זײ האָבנ ניט אָרגאַניזירט קײנ באַוואָפנטנ קאַמפ קעגנ דער מילי-

טערישער קראפט, וועלכע איז געווענ אינ רעשום פונ קיניג. אונ דאנ, ווענ די פראנקפורטער אָסוואָבאָזשדיענצעס האָבנ געפלוידערט, — האָט דער קיניג אויסגעשפילט צײַט, האָט פארפעסטיקט זײַנע מיליטערישע קרעפטנ, אונ די קאָנטררעוואָליוציע, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפ רעאלער קראפט, האָט געמאכט טיל-טעל פונ די דעמאָקראטנ מיט אלע זייערע פרעכטיקע „באשלוסנ“.

די קאָנפערענצ האָט צוגעגליכנ צו אנ אנטשיידענעם זיג דאָס, אינ וואָס עס פעלט גראָד דער אנטשיידענער באדינג פאר א זיג. וויאזוי האָבנ עס סאָציאל-דעמאָקראטנ, וועלכע אָנערקענענ די רעפובליקאנישע פראָגראם פונ אונדזער פארטיי, געקאָנט ארײַנפאלנ אינ אזא מינ פעלער? קעדיי צו פארשטיינ אָט די מעשונעדיקע דערשײַנונג, דארפ מענ זיכ ווענדנ צו דער רעזאָליוציע פונעם III צוזאמענפאָר וועגנ דעם זיכ אָפגעשפאָלטענעם טייל פונ דער פארטיי[1]. אינ דער דאָזיקער רעזאָליוציע ווערט אָנגעוויזנ, אז אינ אונדזער פארטיי עקזיסטירנ פארשיידענע שטרעמונגענ, וועלכע זײַנענ „קרויוויש צום עקאָנאָמיזם“. אונדזערע „קאָנפערענטנ“ (ניט אומזיסט, אפאָנעם, געפינענ זיי זיכ אונטער דער אידייִשער אָנפירונג פונ מארטינאָוונ) בקירענ זיכ וועגנ רעוואָליוציע אבסאָליוט אינ דעם זעלבנ גײַסט, ווי די עקאָנאָמיסטנ פלעגנ זיכ בקי-

[1] מיר ברענגענ דעם פולנ טעקסט פונ אָט דער רעזאָליוציע: „דער צוזאמענפאָר קאָנסטאטירט, אז פונ זינט די ר. ס.-ד. א.-פ. פירט א קאמפ קעגנ דעם עקאָנאָמיזם אונ ביז איצט עקזיסטירנ אינ איר שאטירונגענ, וואָס זײַנענ אינ א פארשיידענער מאָס אונ אינ פארשיידענע הינזיכטנ קרויוויש צום עקאָנאָמיזם אונ וואָס ווערנ כאראקטעריזירט דורכ דער אלגעמיינער טענדענצ צו פארמינערנ די באדײַטונג פונ די עלעמענטנ פונ באוווּסטזיניקײַט אינעם פראָלעטארישנ קאמפ, אונטערוואָרפנדיק זיי אונטער די עלעמענטנ פונ סטיכישקײַט. די פאָרשטייער פונ אָט די שאטירונגענ שטעלנ אינ דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע טעאָרעטיש ארויס דעם פרינציפ פונ אָרגאניזאציע אלס פראָצעס — א פרינציפ, וואָס אנטשפרעכט ניט דער פלאנמעסיק אויסגעפורעמטער ארבעט פונ דער פארטיי; אינ דער פראקטיק ווידער פירנ זיי דורכ אינ א מאסע פאלנ די סיסטעמ פונ אָפווײַכונגענ פונ דער פארטיי-דיסציפלינ, אונ אינ אנדערע פאלנ ווענדנ זיי זיכ צום אמווייניקסטנ באוווּסטזיניקנ טייל פונ דער פארטיי מיט דער פרעדיקונג אָנצוווענדנ ברייט דעמ פרינציפ פונ געווילטקײַט, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די אָביעקטיווע באדינגונגענ פונ דער רוסישער ווירקלעכקײַט, אונ אזוי ארום פרוווּנ זיי אונטערײַסנ די יעסוידעס פונ פארטייִשער פארבינדונג, וועלכע זײַנענ די איינציק מעגלעכע אינ דער געגעבענער צײַט. אינ די פראגנ פונ טאקטיק ווײַזנ זיי זיכ ארויס מיט דער שטרעבונג צו פארשמעלערנ דעמ שוווּנג פונ דער פארטיי-ארבעט, זיי זאָגנ זיכ ארויס קעגנ א פארענדיקט-אומאָפהענגיקער פארטיי-טאקטיק בענעגייע די ליבעראל-בורזשואזע פארטייענ, קעגנ דעמ, אז עס איז מעגלעכ אונ געווונטשנ, אז אונדזער פארטיי זאָל נעמענ אפ זיכ די אָרגאניזירנדיקע ראָליע אינעם פאָלקס-אופשטאנד, קעגנ דעמ, אז די פארטיי זאָל בא וועלכע עס זאָל ניט זײַנ באדינגונגענ באטייליקנ זיכ אינ דער צײַטווײַליקער דעמאָקראטיש-רעוואָליוציאָנערער רעגירונג.

דער צוזאמענפאָר לייגט פאָר אלע פארטיי-מיטגלידער צו פירנ אומעטומ אנ ענערגישנ אידייִשנ קאמפ קעגנ אזוינע מינע טיילווײַזע אָפווײַכונגענ פונ די פרינציפנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע, גלײַכצײַטיק געפינט ער אָבער אײַנ, אז פערזאָנענ, וואָס שליסנ זיכ אָנ אינ דער אָדער אינ יענער מאָס צו ענלעכע אָנשויונגענ, קאָנענ דערלאָזט ווערנ צו באטייליקנ זיכ אינ די פארטיי-אָרגאניזאציעס בא דעמ נויטווענדיקנ באדינג, אז זיי זאָלנ אָנערקענענ די פארטיי-צוזאמענפאָרנ אונ דעמ פארטיי-סטאטוט אונ פולשטענדיק אונטערוואָרפנ זיכ דער פארטיי-דיסציפּלינ“. (לענינס אנ אָנמערקונג צו דער אויסגאבע פונ 1908 יאָר. רעד.).

רענ וועגנ פּאָליטישנ קאמפּ אָדער וועגנ 8-שאָ:קנ ארבעטס-טאָג. די עקאָנאָמיסטנ
פלעגנ באלד לאָזנ אינ גאנג די „טעאָריע פונ סטאדיעס“: 1) קאמפּ פאר רעכט;
2) פּאָליטישע אגיטאציע; 3) פּאָליטישער קאמפּ, — אָדער 1) א 10-שאָ:קער אר-
בעטס-טאָג; 2) א 9-שאָ:קער; 3) אנ 8-שאָ:קער. וואָס פארא רעזולטאטנ עס פלעגנ
זיכ באקומענ פונ אָט דער „טאקטיק אלס פּראָצעס“, איז אלעמענ גענוג באוווסט.
אצינד לייגט מענ אונדז פאָר אויכ די רעוואָליוציע לעבאטכילע ווי געהעריק פאנאנ-
דערטיילנ אפּ סטאדיעס: 1) דער קייסער רופט צונויפ א פארטרעטונגס-אינסטיטו-
ציע; 2) די דאָזיקע פארטרעטונגס-אינסטיטוציע „באשליסט“ אונטערנ דרוק פונעם
„פאָלק“ צו אָרגאניזירנ א גרינדונגס-פארזאמלונג; 3)... וועגנ דער דריטער סטאדיע
האָבנ זיכ די מענשעוויקעס נאָכ ניט צונויפגערעדט; זיי האָבנ פארגעסנ, אז דער רע-
וואָליוציאָנערער דרוק פונעמ פאָלק שטויסט זיכ אָנ אפּ א קאָנטררעוואָליוציאָנערנ
דרוק פונעמ צאריזמ און אז דעריבער איז אָדער דער „באשלוס“ בלייבט ניט פאר-
ווירקלעכט אָדער די זאכ באשליסט ווידעראמאָל דער זיג אָדער די מאפּאָלע פונ
דעמ פאָלקס-אופשטאנד. די רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ איז ווי צוויי טראָפּנ
וואסער ענלעכ צו אזא מינ בקירע פונ די עקאָנאָמיסטנ: דער אנטשיידענער זיג פונ
די ארבעטער קאָנ באצייכנט ווערנ אָדער דורכ דעמ, וואָס עס וועט אפּ א רעוואָ-
ליוציאָנערנ אויפנ פארווירקלעכט ווערנ דער 8-שאָ:קער ארבעטס-טאָג, אָדער דורכ
דעמ, וואָס עס וועט געשענקט ווערנ א צענשאָ:קער ארבעטס-טאָג און עס וועט „בא-
שלאָסנ“ ווערנ אריבערצוגיינ צו א ניינשאָ:קנ... אקוראט דאָס זעלבע.

מע קאָנ אונדז עפּשער דערווידערנ, אז די אווטאָרנ פונ דער רעזאָליוציע האָבנ
גאָר ניט געמיינט צוצוגלייכנ דעמ זיג פונעמ אופשטאנד צו א „באשלוס“ פונ
אזא פארטרעטונגס-אינסטיטוציע, וואָס דער קייסער רופט צונויפ, אז זיי האָבנ בלויז
געוואָלט פארויסזענ די טאקטיק פונ דער פארטיי אינ דעמ און אינ יענעמ פאל. מיר
וועלנ דערויפ ענטפערנ: 1) דער טעקסט פונ דער רעזאָליוציע רופט אָנ דירעקט און
אומצווייַדײַטיק „אנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאריזמ“ א
באשלוס פונ א פארטרעטונגס-אינסטיטוציע. עס קאָנ זיינ, אז דאָס איז א רעזול-
טאט פונ נאכלעסיקער רעדאקציע, עס קאָנ זיינ, אז מע וואָלט זי געקאָנט פאריכטנ
אפּנ גרונט פונ די פּראָטאָקאָלנ, נאָר קאָלזמאנ זי איז ניט פאריכט, קאָנ דער זינ
פונ אָט דער רעדאקציע זיינ בלויז איינער, און אָט דער זינ איז דורכויס אנ אָסוואָ-
באָזשדיעניִשער. 2) דער „אָסוואָבאָזשדיעניִשער“ געדאנקענגאנג, אינ וועלכנ
עס זיינענ ארײַנגעפאלנ די אווטאָרנ פונ דער רעזאָליוציע, טרעט ארויס נאָכ אָנ אנ
ערעכ רעליעפער אינ די אנדערע ליטעראַרישע ווערק פונ די ניי-איסקראָוועצעס. לע-
מאָשל, אינ דעמ אָרגאנ פונעמ טיפליסער קאָמיטעט: „סאָציאל-דעמאָקראט“ (אינ
דער גרוזינישער שפראכ; אינ „איסקרא“ נומ. 100 ווערט ער שטארק געלויבט)
דערעדט זיכ דער ארטיקל „דער זעמסקי סאָבאָר און אונדזער טאקטיק“ דירעקט דער-
צו, אז די „טאקטיק“, „וועלכע קלייבט אויס אלס צענטער פונ אונדזער האנדלונג
דעמ זעמסקי סאָבאָר“ (וואָס וועגנ דעמ צונויפרופנ אימ, וועלנ מיר פונ זיכ צוגעבנ,
ווייסנ מיר נאָכ גענוי גאָרניט!), „ל י י ג ט פ א ר א ו נ ד ז מ ע ר“ איידער די
„טאקטיק“ פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד און פונ גרינדנ א צייטווייליקע רעוואָליוציאָ-
נערע רעגירונג. מיר וועלנ זיכ נאָכ שפּעטער אומקערנ צו אָט דעמ ארטיקל. 3) מע

קאָנ גאָרנישט האָבנ קעגנ דעם, אז עס זאָל אפריער באהאנדלט ווערנ די טאקטיק פונ דער פארטיי סײַ אפנ פאל פונ א זיג פונ דער רעוואָליוציע סײַ אפנ פאל פונ איר מאפּאָלע, סײַ אפנ פאל פונ א דערפאָלג פונעם אופשטאנד סײַ אפ אזא פאל, אויב דער אופשטאנד וועט זיכ ניט קאָנענ צעפלאקערנ אינ אנ ערנסטער קראפט. מעגלעכ, אז דער צארישער רעגירונג וועט זיכ אײַנגעבנ צונויפצורופנ א פארטרעטונגס-פארזאמלונג, קעדיי צו מאכנ א פשאָרע מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע, — האָבנדיק דאָס אינ זינ, רעדט די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר דירעקט וועגנ „צוויִעסדיקער פּאָליטיק", וועגנ „פסעוודאָ-דעמאָקראטיזמ", וועגנ „קאריקאטורישע פאָרמענ פונ א פאָלקס-פארטרעטונג, אזא אשטייגער, ווי דער אזויגערופענער זעמסקי סאָבאָר"[1]. אָבער דאָס איז דאָכ די מעסע, וואָס דאָס ווערט געזאָגט ניט אינ דער רעזאָליוציע וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, ווײַל צו דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג האָט דאָס קיינ שײַכעס נים. דער דאָזיקער פאל רוקט אָפּ די פּראָבלעמ פונ אופשטאנד אונ פונ גרינדנ א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָ-

[1] אָט איז דער טעקסט פונ דער דאָזיקער רעזאָליוציע וועגנ דער באציִונג צו דער טאקטיק פונ דער רעגירונג ערעוו דער איבערקערעניש.

„געמענדיק אינ אכט, אז מיטנ צוועק פונ זעלבסט-אײַנהיטונג פּרוּווט די רעגירונג אינעמ רעוואָליוציאָנערנ פּעריִאָד, וואָס מיר לעבנ איבער, צוגלײַכ מיטנ פארשטארקנ די געוויינלעכע רעפּרעסיעס, געוועגדעטע דעריקער קעגנ די באוווּסטזיניקע עלעמענטנ פונעמ פּראָלעטאריאט: 1) דורכ האנאָכעס אונ דורכ צוזאָגנ רעפאָרמעס פּאָליטיש צו דעמאָראליזירנ דעמ ארבעטער-קלאס אונ דערמיט אָפּווענדנ אימ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ; 2) מיט דעמ זעלביקנ צוועק פארשלייערט זי איר צוויִעסדיקע פּאָליטיק פונ האנאָכעס אינ פסעוודאָ-דעמאָקראטישע פאָרמענ, אנגעהויבנ פונ רופנ די ארבעטער, זיי זאָלנ אויסוויילנ זייערע פארשטייער אינ קאָמיסיעס אונ בעראטונגענ, אונ געענדיקט מיטנ שאפנ קאריקאטורישע פאָרמענ פונ א פאָלקס-פארטרעטונג, אזא אשטייגער, ווי דער אזויגערופענער זעמסקי סאָבאָר; 3) זי אָרגאניזירט די אזויגערופענע שווארצע מייעס אונ הייבט אופ קעגנ דער רעוואָליוציע אלע ביכלאל רעאקציאָנערע, אומבאוווּסטזיניקע אָדער פארבלענדעטע פונ ראסנ-האס אונ רעליגיעזנ האס עלעמענטנ פונעמ פאָלק, —

באשטימט דער III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פּ. פאָרצולייגנ אלע פארטיי-אָרגאניזאציעס:

א) דעמאסקירנדיק די רעאקציאָנערע צילנ פונ די רעגירונגס-האנאָכעס, באטאָנענ אינ דער פּראָפּאגאנדע אונ אגיטאציע דעמ געצוווּנגענעמ כאראקטער פונ אָט די האנאָכעס, פונ אײנ זײַט, אונ אז די זעלבסטהערשונג קאָנ בעשומויפנ ניט געבנ אזוינע רעפאָרמעס, וואָס זאָלנ באפרידיקנ דעמ פּראָלעטאריאט, — פונ דער אנדערער זײַט;

ב) באנוצנדיק זיכ מיט דער פאָרוואל-אגיטאציע, אופקלערנ פאר די ארבעטער דעמ עמעסנ זינ פונ אזוינע מאָסמיטלענ פונ דער רעגירונג אונ דערווײַזנ, אז פארנ פּראָלעטאריאט איז נייטיק, אז עס זאָל אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ צונויפגערופנ ווערנ א גרינדונגס-פארזאמלונג אפנ גרונט פונ אלגעמיינעמ, גלײַכנ אונ דירעקטנ וואלרעכט באַ א געהיימענ אָפּגעבנ די שטימענ;

ג) אָרגאניזירנ דעמ פּראָלעטאריאט צומ טייקעפּדיקנ פארווירקלעכנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ דעמ 8-שאָ:קנ ארבעטס-טאָג אונ די אנדערע פאָדערונגענ פונעמ ארבעטער-קלאס, וואָס שטייענ אינ טאָג-סיידער;

ד) אָרגאניזירנ א באוואָפנטנ ווידערשטאנד קעגנ דער ארויסטרעטונג פונ די שווארצע מייעס אונ ביכלאל פונ אלע רעאקציאָנערע עלעמענטנ, וואָס ווערנ אָנגעפירט דורכ דער רעגירונג". (לעניגס אנמערקונג צו דער אויסגאבע פונ 1908 יאָר. רעד.).

נערע רעגירונג, ער ענדערט די פאָרמ פונ דער דאָזיקער פּראָבלעמ אַזוי. איצט אָבער האַנדלט זיך ניט וועגנ דעמ, אַז עס זײַנענ מעגלעך אַלערלײ קאָמבינאַציעס, אַז עס איז מעגלעך אי אַ זיג אי אַ מאַפּאָלע, אי דירעקטע וועגנ אי אַרומיקע, — עס האַנדלט זיך וועגנ דעמ, אַז עס איז ניט דערלאָזבאַר, אַז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט זאָל אַרײַנברענגענ אַ פּלאָנטער אינ דער פאָרשטעלונג פונ די אַרבעטער וועגנ דעמ ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערנ וועג, אַז עס איז ניט דערלאָזבאַר, אַז מע זאָל אַפּ אַנ אָסוואָבאָזשדיעניעשנ שטייגער אָנרופנ אַנטשיידענער זיג דאָס, אינ וואָס עס פעלט דער גרונט-באַדינג פאַר אַ זיג. מעגלעך, אַז אויב דעמ אַכטשאָציקנ אַרבעטס-טאָג וועלנ מיר באַקומענ ניט מיטאַמאָל, נאָר בלויז דורכ אַ לאַנגנ אַרומיקנ וועג; וואָס וועט איר אָבער זאָגנ וועגנ אַ מענטשנ, וואָס וועט אָנרופנ זיג פונ די אַרבעטער אַזאַ אָנמעכטיקײַט, אַזאַ שוואַכקײַט פונעמ פּראָלעטאַריאַט, בײַ וועלכע ער וועט ניט בעקויעכ זײַנ צו שטערנ די פאַרשלעפּעניש, די אָפּלייגעניש, דער דינגעניש, דעמ פאַראַט אונ דער רעאַקציע? מעגלעך, אַז די רוסישע רעוואָליוציע וועט זיך ענדיקנ מיט אַ „קאָנסטיטוציאָנעל מאַפּעלע", ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט דער „וופּעריאָד"[1]; צי קאָנ דאָס אָבער דינענ אַלס באַרעכטיקונג פאַר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, וואָס וואָלט ערעוו דעמ אַנטשיידענעמ קאַמפּ גענומענ רופנ אָט דאָס מאַפּעלע „אַנטשיידענער זיג איבער דעמ צאַריזמ"? מעגלעך, אינ ערגסטנ פאַל, אַז מיר וועלנ ניט נאָר קיינ רעפּובליק ניט דעראָבערנ, נאָר אַפילע אַ קאָנסטיטוציע וועט דאָס זײַנ אַנ אילוזאָרישע, אַ „שיפּאָווישע", אָבער צי דענ איז דערלאָזבאַר פאַר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט צו פאַרטושנ אונדזער רעפּובליקאַנישנ לאָזונג?

פאַרשטייט זיך, ביז פאַרטושנ אימ זײַנענ די נײַ-איסקראָוועצעס נאָכ ניט דערגאַנגענ. נאָר ווי ווײַט פונ זיי האָט זיך אָפּגעטאָנ דער רעוואָליוציאָנערער גײַסט, ווי ווײַט די לעבנסלאָזע רעזאָנירערײַ האָט פאַרשטעלט פאַר זיי די קאַמפּס-אויפגאַבנ פונ מאָמענט, דאָס איז באַזונדערס אָנשוילעכ צו זענ פונ דעמ, וואָס אינ זייער רעזאָליוציע האָבנ זיי גראָד פאַרגעסנ צו זאָגנ וועגנ דער רעפּובליק! דאָס איז אומגלייבלעכ, אָבער דאָס איז אַ פאַקט. אַלע לאָזונגענ פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זײַנענ באַשטעטיקט, איבערגעכאַזערט, אויפגעקלערט, דעטאַליזירט אינ די פאַרשיידענע רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ, מע האָט אַפילע ניט פאַרגעסנ, אַז די אַרבעטער זאָלנ אויסוויילנ סטאַראָסטעס אונ דעפּוטאַטנ אינ די אונטערנעמונגענ, — עס האָט זיך נאָר ניט געפונענ קיינ געלעגנהײַט אינ דער רעזאָליוציע וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג צו דערמאָנענ וועגנ דער רעפּובליק. רײַדנ וועגנ דעמ „זיג" פונעמ פאָלקס-אויפשטאַנד, וועגנ דער גרינדונג פונ אַ צײַטווײַליקער רעגי-

[1] די זשענעווער צײַטונג „וופּעריאָד" האָט אָנגעהויבנ דערשײַנענ אינ יאַנוואַר 1905 יאָר אַלס אָרגאַנ פונעמ באָלשעוויסטישנ טייל פונ דער פּאַרטיי. פונ יאַנוואַר ביז מײַ זײַנענ דערשינענ 18 נומערנ. פונ מײַ אָנ האָט אָנשטאָט דעמ „וופּעריאָד" אָנגעהויבנ דערשײַנענ „פּראָלעטאַרי" אַלס צענטראַלער אָרגאַנ פונ דער ר. ס.-ד. א.-פּ., לויטנ באַשלוס פונעמ III צוזאַמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פּ. (דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומענ אינ מײַ אינ לאָנדאָנ; די מענשעוויקעס זײַנענ ניט געקומענ אונ האָבנ אָרגאַניזירט זייערע אַנ אייגענע „קאָנפערענצ" אינ זשענעווע). (לעניננס אָנמערקונג צו דער אויסגאַבע פונ 1908 יאָר. רעד.)

רונג און ניט אָנווײַזנ די שײַכעס פונ אָט די „שריט“ און אקטנ צומ דעראָבערנ די רעפובליק — הייסט שרײַבנ א רעזאָליוציע ניט קעדיי אָנצופירנ מיטנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט, נאָר קעדיי נאָכצוהינקענ און עק פונ דער פראָלעטארישער באוועגונג.

דער סאכאקל: דער ערשטער טייל פונ דער רעזאָליוציע: 1) האָט לאכלוטנ ניט קלאָר געמאכט די באדײַטונג פונ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג פונ שטאנדפונקט פונ קאמפ פאר א רעפובליק און פונ זיכערנ א ווירקלעכ אלפאָלקישע פארזאמלונג און ווירקלעכ א גרינדונגס־פארזאמלונג; 2) האָט ארײַנגעבראכט א בעפיירעשנ פלאָנטער אינ דעמ דעמאָקראטישנ באוווסטזײַנ פונעמ פראָלעטאריאט דערמיט, וואָס צו אנ אנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע איבערנ צאריזמ גלײַכט זי צו אזא מינ זאכלאגע, ווענ עס פעלט נאָכ גראָד דער גרונט־באדינג פארנ ווירקלעכנ זיג.

4. די ליקווידאציע פונ דער מאָנארכיסטישער אָרדענונג און די רעפובליק

לאָמיר אריבערגיינ צו דעמ פאָלגנדיקנ טייל פונ דער רעזאָליוציע:

„...סײַ אינ דעמ סײַ אינ יענעמ פאל וועט אזא זיג דינענ אלס אָנהייב פונ א נײַער פאזע פונ דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע.

די אופגאבע, וואָס די אָביעקטיווע באדינגונגענ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג שטעלנ אפ א סטיכישנ אויפנ פאר אָט דער נײַער פאזע, איז — ענדגילטיק ליקווידירנ דעמ גאנצנ שטאנדיש־מאָנארכיסטישנ רעזשימ אינעמ פראָצעס פונ קעגנזײַטיקנ קאמפ צווישנ די עלעמענטנ פונ דער פאָליטיש באפרײַטער בורזשואזער נעזעלשאפט פאר פארווירקלעכנ זייערע סאָציאלע אינטערעסנ און פאר אומיטלבארנ באזיצנ די מאכט.

דעריבער וואָלט אויכ די צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס וואָלט אפ זיכ גענומענ צו פארווירקלעכנ די אופגאבנ פונ אָט דער, לויט איר היסטאָרישנ כאראקטער, בורזשואזער רעוואָליוציע, געדארפט, דורכ רעגולירנ דעמ קעגנזײַטיקנ קאמפ צווישנ די קעגנזעצלעכע קלאסנ פונ דער זיכ באפרײַענדיקער נאציע, ניט נאָר באוועגנ פאָרויס די רעוואָליוציאָנערע אנטוויקלונג, נאָר אויכ קעמפנ קעגנ יענע פאקטאָרנ אירע, וועלכע באדראָענ די יעסוידעס פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג“.

לאָמיר זיכ אָפּשטעלנ אפ אָט דעמ טייל, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר א זעלבשטענדיקנ אָפּטייל פונ דער רעזאָליוציע. דער גרונט־געדאנק פונ די בקירעס, וואָס מיר האָבנ ציטירט, פאלט צונויפ מיט דעמ געדאנק, וואָס איז פאָרמולירט אינעמ 3־טנ פונקט פונ דער רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר. פארגלײַכט מענ אָבער די ביידע רעזאָליוציעס אינ אָט דעמ טייל זייערנ, וואָרפט זיכ גלײַכ אינ די אויגנ דער פאָלגנדיקער ראדיקאלער אונטערשייד צווישנ זיי. די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר כאראקטעריזירט אינ צוויי ווערטער די געזעלשאפטלעכ־עקאָנאָמישע באזע פונ דער רעוואָליוציע און טראָגט אריבער די גאנצע אופמערקזאמקײַט אפ דעמ שארפ אויסגעשפראָכענעמ קאמפ צווישנ די קלאסנ פאר באשטימטע דעראָבערונגענ, און אינ פאָדערגרונט רוקט זי ארויס די קאמפס־אופגאבנ פונעמ פראָלעטאריאט. די רעזאָליו־

ציע פונ דער קאָנפערענצ באשרײַבט לאנג, נעפלהאפט און געפלאָנטערט די געזעלשאפטלעכ-עקאָנאָמישע באזע פונ דער רעוואָליוציע און רעדט זייער ניט קלאָר וועגנ דעמ קאמפ פאר באשטימטע דעראָבערונגענ און לאָזט אבסאָליוט אינ שאָטנ די קאמפס-אויפגאבנ פונעמ פראָלעטאריאט. די רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ רעדט וועגנ דער ליקווידאציע פונ דער אלטער אָרדענונג אינ פראָצעס פונ קעגנזײַטיקנ קאמפ צווישנ די עלעמענטנ פונ דער געזעלשאפט. די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר זאָגט, אז מיר, די פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט, דארפנ דורכפירנ אָט די ליקווידאציע, אז א ווירקלעכע ליקווידאציע איז בלויז די גרינדונג פונ א דעמאָקראטישער רעפובליק, אז אָט די רעפובליק מוזנ מיר דעראָבערנ, אז מיר וועלנ קעמפנ פאר איר און פאר פולשטענדיקער פרײַהײַט ניט בלויז קעגנ דער זעלבסטהערשונג, נאָר אויכ קעגנ דער בורזשואזיע, ווענ זי וועט (און זי וועט אומבאדינגט) פרווּנ אָפנעמענ בא אונדז אונדזערע דעראָבערונגענ. די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר רופט צומ קאמפ א באשטימטנ קלאס פאר א פינקטלעכ באשטימטנ נאָענטסטנ ציל. די רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ בקירעט זיכ וועגנ קעגנזײַטיקנ קאמפ פונ פארשיידענע קרעפטנ. איינ רעזאָליוציע דריקט אויס די פסיכאָלאָגיע פונ אקטיווּנ קאמפ, די אנדערע — פונ פאסיווער צושויערשאפט; איינע איז דורכגעדרונגענ מיטנ רופ צו לעבעדיקער טעטיקײַט. די אנדערע — מיט לעבנסלאָזער רעזאָנירערײַ. בײדע רעזאָליוציעס דערקלערנ, אז די איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר, איז פאר אונדז בלויז דער ערשטער שריט, און נאָכ אים וועט קומענ דער צווייטער שריט, אָבער איינ רעזאָליוציע מאכט דערפונ דעמ אויספיר, אז מע דארפ דעריבער וואָס גיכער דורכמאכנ אָט דעמ ערשטנ שריט, וואָס גיכער ליקווידירנ אים, דעראָבערנ די רעפובליק, אָנ ראכמאָנעס דערשטיקנ די קאָנטררעוואָליוציע און שאפנ א באָדנ פארנ צווייטנ שריט. די אנדערע רעזאָליוציע ווידער שיט, אזוי צו זאָגנ, מיט נײַנ מאָס רייד וועגנ אָט דעמ ערשטנ שריט און (אנטשולדיקט פארנ וווּלגארנ אויסדרוק) זי זויגט די געדאנקענ מיקויעכ אים. די רעזאָליוציע פונעמ צוזאמענפאָר נעמט די אלטע און אייביק נײַע געדאנקענ פונעמ מארקסיזמ (וועגנ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש) אלס ארײַנפיר אָדער אלס ערשטע האנאָכע פאר די אויספירנ וועגנ די פאָרגעשריטענע אויפגאבנ פונעמ פאָרגעשריטענעמ קלאס, וואָס קעמפט אי פאר דער דעמאָקראטישער אי פאר דער סאָציאליסטישער איבערקערעניש. די רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ בלײַבט טאקע שטיינ בלויז באמ ארײַנפיר, האלטנדיק אינ איינ קײַענ אים און אינ איינ קליגלענ זיכ וועגנ אים.

דער דאָזיקער אונטערשייד איז טאקע גראָד דער זעלבער אונטערשייד, וואָס צעטיילט שוינ פונ לאנג אָנ די רוסישע מארקסיסטנ אפ צוויי פליגלענ: אפ דעמ רעזאָנירישנ פליגל און קעמפערישנ פליגל אינ די אמאָליקע צײַטנ פונ לעגאלנ מארקסיזמ, אפ דעמ עקאָנאָמישנ און פאָליטישנ אינ דער עפאָכע פונ דער זיכ אָנהייבנדיקער מאסנ-באוועגונג. פונ דער ריכטיקער האנאָכע פונעמ מארקסיזמ וועגנ די טיפע עקאָנאָמישע וואָרצלענ פונעמ קלאסנקאמפ ביכלאל און פונעמ פאָליטישנ קאמפ באזונדערס האָבנ די עקאָנאָמיסטנ געמאכט יענעמ אָריגינעלנ אויספיר, אז מע דארפ זיכ אויסקערנ מיטנ רוקנ צומ פאָליטישנ קאמפ און פארהאלטנ זײַנ אנטוויקלונג, פארשמעלערנ זײַנ שוווּנג, אראָפזעצנ זײַנע אויפגאבנ. די פאָליטיקער, פארקערט, האָבנ

פונ די זעלביקע האנאָכעס געמאכט אנ אנדער אויספיר, נעמלעכ: אז וואָס טיפער עס זײַנענ איצט די וואָרצלענ פונ אונדזער קאמפ, אלצ ברייטער, דרייסטער, אנטשלאָסענער, איניציאטיוופולער דארפנ מיר פירנ אָט דעמ קאמפ. אינ אנדערע פארהעלטענישנ, אינ א גענדערטער פאָרמ האָבנ מיר פאר זיכ אויכ איצט דעמ זעלבנ שטרײַט. פונ די האנאָכעס, אז די דעמאָקראטישע איבערקערעניש איז נאָכ לאכלוטנ ניט קיינ סאָציאליסטישע, אז זי „אינטערעסירט“ לאכלוטנ ניט בלויז די אומפארמעגלעכע אליינ, אז די טיפסטע וואָרצלענ אירע ליגנ אינ די אומפארמײַדלעכע נויטנ אונ באדערפענישנ פונ דער גאנצער בורזשואזער געזעלשאפט אינגאנצנ גענומענ, — פונ אָט די האנאָכעס מאכנ מיר דעמ אויספיר, אז דער פאָרגעשריטענער קלאס דארפ דעריבער דרייסטער שטעלנ זײַנע דעמאָקראטישע אויפגאבנ, שארפער דעריידנ זיי ביזנ סאָפ, ארויסשטעלנ דעמ אומיטלבארנ לאָזונג פונ א רעפובליק, פראָפאגאנדירנ די אידיי וועגנ דער נויטווענדיקײַט פונ א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, וועגנ דער נויטווענדיקײַט אָנ ראכמאָנעס צו דערשטיקנ די קאָנטררעוואָליוציע. אונדזערע אָפאָנענטנ אָבער, די נײַ=איסקראָוועס, מאכנ פונ די זעלבע האנאָכעס דעמ אויספיר, אז מע דארפ ניט דעריידנ ביזנ סאָפ די דעמאָקראטישע אויספירנ, אז מע מעג צווישנ די פראקטישע לאָזונגע אויכ ניט ארויסשטעלנ די רעפובליק, אז עס איז דערלויבט ניט צו פראָפאגאנדירנ די אידיי וועגנ דער נויטווענדיקײַט פונ א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, אז מע קאָנ אָנרופנ מיטנ נאָמענ אנטשיידענער זיג אויכ א באשלוס צונויפצורופנ א גרינדונגס=פארזאמלונג, אז די אויפגאבע צו קעמפנ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע מעג מענ ניט ארויסשטעלנ אלס אונדזערע אנ אקטיווע אויפגאבע, נאָר דערטרינקענ זי אינ דעמ נעפלהאפטנ (אונ ניט ריכטיק פאָרמולירטנ, ווי מיר וועלנ עס באלד זענ) פארופנ זיכ אפנ „פראָצעס פונ קעגנזײַטיקנ קאמפ“. דאָס איז ניט קיינ שפראכ פונ פאָליטישע טוער. — דאָס איז א שפראכ פונ עפעס באנק=קוועטשערס אינ די ארכיוונ!

אונ וואָס אופמערקזאמער איר וועט באטראכטנ די איינצלנע פאָרמולירונגענ פונ דער נײַ=איסקרישער רעזאָליוציע, אלצ אָנשוילעכער וועלנ פאר אײַכ ארויסטרעטנ די אָנגעוויזענע גרונט=באזונדערקײַטנ אירע. מע זאָגט אונדז, לעמאָשל, וועגנ דעמ „פראָצעס פונ קעגנזײַטיקנ קאמפ צווישנ די עלעמענטנ פונ דער פאָליטיש באפרײַטער בורזשואזער געזעלשאפט“. געדענקענדיק די טעמע, אפ וועלכער די רעזאָליוציע איז געשריבנ געוואָרנ (די צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג), פרעגנ מיר דערשטוינט: אויב שוינ יאָ ריידנ וועגנ דעמ פראָצעס פונ קעגנזײַטיקנ קאמפ, איז ווי קאָנ מענ עס פארשווײַגנ וועגנ די עלעמענטנ, וואָס פ א ר ק נ ע כ ט נ פאָליטיש די בורזשואזע געזעלשאפט? מיינענ דענ די „קאָנפערענטנ“, אז וויבאלד זיי האָבנ נאָר מעשאער געווענ א זיג פונ דער רעוואָליוציע, זײַנענ שוינ אזוינע עלעמענטנ פארשוווּנדנ? אזא מינ געדאנק וואָלט געווענ אנ אבסורד ביכלאל אונ די גרעסטע פאָליטישע נאַיווקײַט, פאָליטישע קורצזיכטיקײַט ביפראט. נאָכנ זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דער קאָנטררעוואָליוציע וועט די קאָנטררעוואָליוציע ניט פארשווינדנ, נאָר פארקערט, זי וועט אומפארמײַדלעכ אָנהייבנ א נײַעמ, א נאָכ מער פארצווייפלטנ קאמפ. ווידמענדיק אונדזער רעזאָליוציע דעמ אנאליז פונ די אויפגאבנ באמ זיג פונ דער רעוואָליוציע, זײַנענ מיר מעכויעוו אָפצוגעבנ א קאָלאָסאלע אופמערקזאמקײַט די

אופגאבנ צו אָפּשלאָגנ דעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ אָנגריפ (ווי דאָס איז טאקע געמאָנ געוואָרנ אינ דער רעזאָליוציע פונ צוזאמענפאָר), אונ ניט דערטרינקענ אָט די דאָזיקע נאָענטסטע, לעבנסוויכטיקע, אקטועלע פּאָליטישע אופגאבנ פונ דער קאמפּפּארטיי אינ אלגעמיינע כקירעס וועגנ דעמ, וו אָ ס וועט זײַנ נ אָ כ דער איצטיקער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע, וו אָ ס וועט זײַנ דאנ, ווענ די „פּאָליטיש ב א פ ר ײַ ט ע געזעלשאפט“ וועט שוינ זײַנ א פאקט. פּונקט ווי די עקאָנאָמיסטנ פלעגנ זייער ניט־פארשטיינ די אקטועלע פּאָליטישע אופגאבנ צורעקנ דערמיט, וואָס זיי פלעגנ זיכ פארופנ אפ די אלגעמיינע עמעסנ וועגנ דער אונטערגעאָרדנטקײַט פונ דער פּאָליטיק צו דער עקאָנאָמיק, פּונקט אזוי דעקנ צו די נײַ־איסקראָווצעס זייער ניט־פארשטיינ די אקטועלע רעוואָליוציאָנערע אופגאבנ פונ דער פּאָליטישער ב א פ ר ײַ ו נ ג פונ דער געזעלשאפט דערמיט, וואָס זיי פארופנ זיכ אפ די אלגעמיינע עמעסנ וועגנ דעמ קאמפּ אינעווייניק אינ אָט דער פּאָליטיש ב א פ ר ײַ ט ע ר געזעלשאפט.

נעמט דעמ אויסדרוק: „ענדגילטיק ליקווידירנ דעמ גאנצנ שטאנדיש־מאָנארכיסטישנ רעזשימ“. ענדגילטיק ליקווידירנ די מאָנארכיסטישע אָרדענונג באטײַט אפ א פארשטענדלעכער שפּראכ — גרינדנ א דעמאָקראטישע רעפּובליק. אונדזער ווילנ מארטינאָוונ אָבער אונ זײַנע פארערער דוכט זיכ, אז אזא אויסדרוק איז צו פּראָסט אונ צו קלאָר. זיי ווילנ אומבאדינגט „פארטיפנ“ אונ זאָגנ „עפּעס קליגערס“. באקומענ זיכ לעכערלעכע קוועטשעניש צו זײַנ טיפזיניק, פונ איינ זײַט. אונ פונ דער אנדערער זײַט, איז אָנשטאָט א לאָזונג באקומט זיכ א באשרײַבונג, אָנשטאָט א מוטערנ רופ צו גיינ פאָרויס באקומט זיכ עפּעס א מינ מעלאנכאָלישער בליק אפ צוריק. ווי מיר וואָלטנ פאר זיכ געזענ ניט קיינ לעבעדיקע מענטשנ, וואָס ווילנ אָט שוינ איצט, טייקעפּ קעמפנ פאר א רעפּובליק, נאָר עפּעס פארגליווערטע מומיעס, וואָס באטראכטנ sub specie aeternitatis [1] די פראגע פונעמ שטאנדפּונקט פונ plusquamperfectum [2].

לאָמיר גיינ ווײַטער: „...די צײַטווײַליקע רעגירונג... וואָלט אפ זיכ גענומענ צו פארווירקלעכנ די אופגאבנ פונ אָט דער... בורזשואזער רעוואָליוציע“... אָט דאָ האָט זיכ מאקע גלײַכ געלאָזט פּילנ, אז אונדזערע „קאָנפערענטנ“ האָבנ פארזענ די קאָנקרעטע פראגע, וואָס האָט זיכ געשטעלט פאר די פּאָליטישע אָנפירער פונעמ פּראָלעטאריאט. די קאָנקרעטע פראגע וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז פונ זייער האָריזאָנט פארשוווּנדנ געוואָרנ לעגאבע דער פראגע וועגנ יענער צוקינפטיקער ריי רעגירונגענ, וועלכע וועלנ פארווירקלעכנ די אופגאבנ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע בכלל. אויב איר ווילט באטראכטנ די פראגע „היסטאָריש“, וועט אײַכ דער בײַשפּיל פונ וועלכנ־איר־ווילט אייראָפּײַשנ לאנד באווײַזנ, אז דאפקע א ריי רעגירונגענ, קלאל ניט קיינ „צײַטווײַליקע“, פלעגנ פארווירקלעכנ די היסטאָרישע אופגאבנ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע, אז אפילע אזעלכע רעגירונגענ, וואָס פלעגנ באזיגנ די רעוואָליוציע, פלעגנ פונדעסטוועגנ געצוווּנגענ זײַנ צו פארווירקלעכנ די היסטאָרישע אופגאבנ פונ אָט דער באזיגטער רעוואָליוציע. א „צײַטווײַליקע רע־

---

[1] — פונעמ שטאנדפּונקט פונ דער אייביקײַט. רעד.

[2] — לאנג פארגאנגענער צײַט. רעד.

וואָליוציאָנערע רעגירונג" הייסט אָבער קלאַל ניט האָס, וועגנ וואָס איר רעדט: אַזוי הייסט א רעגירונג פונ א רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע, וועלכע פאַרנעמט אומיטלבאַר דאָס אָרט פונ דער אראָפּגעוואָרפענער רעגירונג און וועלכע שטיצט זיכ אַפנ אופשטאַנד פונעמ פאָלק, און ניט אפ עפּעס=דאָרט פאַרטרעטונגס=אינסטיטוציעס, וואָס שטאַמענ פונעמ פאָלק. א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג איז אַנ אָרגאַנ פונ קאַמפ פאַר דעמ טייקעפדיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע, פאַר טייקעפ אָפּשלאָגנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּרווונ, אָבער לאַכלוטנ ניט קיינ אָרגאַנ פונ פאַרווירקלעכנ די היסטאָרישע אויפגאַבנ פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע ביכלאַל. לאָמיר, מײַנע הערנ, לאָזנ פאַר די קומענדיקע היסטאָריקער אינ דער קומענדיקער „רוסקאיא סטאַרינאַ" פעסטצושטעלנ, וועלכע נעמלעכ אויפגאַבנ פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע האָבנ פאַרווירקלעכט מיר מיט אײַכ אָדער די צי יענע רעגירונג,—אָט די אַרבעט וועט מענ באַווײַזנ אָפּצוטאָנ אויכ אינ 30 יאָר אַרומ, איצט אָבער דאַרפנ מיר געבנ לאָזונגענ און פּראַקטישע אָנווײַזונגענ צומ קאַמפ פאַר א רעפּובליק און צו דעמ סאַמע ענערגישנ אָנטייל פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ אָט דעמ קאַמפ.

מאַכמעס די אָנגעוויזענע סיבעס זײַנענ ניט באַפרידיקנדיק אַזיכ די לעצטע האַנאָכעס פונ דעמ טייל פונ דער רעזאָליוציע, וואָס מיר האָבנ ציטירט. ביז גאָר ניט נעלונגענ אָדער, לעכאָלאַפּאָכעס, ניט געראָטנ איז דער אויסדרוק, אַז די צײַטווײַליקע רעגירונג וואָלט געדאַרפט „רעגולירנ" דעמ קעגנזײַטיקנ קאַמפ צווישנ די קעגנזײַטלעכע קלאַסנ: מאַרקסיסטנ וואָלטנ ניט געדאַרפט באַנוצנ אַזאַ ליבעראַל=אָסוואָבאָזשדיענישע פאָרמולירונג, וואָס גיט א גרונט צו טראַכטנ, אַז עס זײַנענ קלוימערשט מעגלעכ רעגירונגענ, וועלכע דינענ ניט אַלס אָרגאַנ פונ קלאַסנקאַמפ, נאָר אַלס זײַנ „רעגוליאַטאָר"... די רעגירונג וואָלט געדאַרפט „ניט נאָר באַוועגנ פאָרויס די רעוואָליוציאָנערע אַנטוויקלונג, נאָר אויכ קעמפנ קעגנ יענע פאַקטאָרנ אירע, וועלכע באַדראָענ די יעסוידעס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג". אַזאַ מינ „פאַקטאָר" איז גראָד דער זעלבער פּראָלעטאַריאַט, וואָס אינ זײַנ נאָמענ רעדט עס די רעזאָליוציע! אָנשטאָט אַנ אָנווײַזונג, וויאַזוי נעמלעכ דאַרפ דער פּראָלעטאַריאַט אינעמ געגעבענעמ מאָמענט „באַוועגנ פאָרויס די רעוואָליוציאָנערע אַנטוויקלונג" (א טרײַב טאָנ זי ווײַטער ווי עס וואָלט געוואָלט גיינ די קאָנסטיטוציאָנאַליסטישע בורזשואַזיע), אָנשטאָט אַנ אייצע צו גרייטנ זיכ אפ א באַשטימטנ אויפנ צומ קאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע, ווענ זי וועט זיכ אויסקערעווענ קעגנ די דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע, — אָנשטאָט דעמ גיט מענ אונדז אַנ אַלגעמײנע באַשרײַבונג פונ דעמ פּראָצעס, א באַשרײַבונג, וואָס זאָגט גאָרנישט ניט וועגנ די קאָנקרעטע אויפגאַבנ פונ *אונדזער* טעטיקײַט. דער אָרט, וויאַזוי די נײַ=איסקראָווצעס דריקנ אויס זייערע געדאַנקענ, דערמאָנט אָנ דעמ, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט (אינ זײַנע באַרימטע „טעזנ" וועגנ פייערבאַכנ) וועגנ דעמ אַלטנ מאַטעריאַליזמ, וועלכער איז פרעמד דער אידיי פונ דיאַלעקטיק. די פילאָסאָפנ האָבנ די וועלט בלויז פאַרשיידנ *אינטערפּרעטירט*, — האָט מאַרקס געזאָגט, — עס גייט אָבער אינ דעמ, אַז מע זאָל די וועלט *אומענדערנ*. אַזוי איז אויכ מיט די נײַ=איסקראָווצעס: זיי קאָנענ גאַנצ נישקאָשע באַשרײַבנ און דערקלערנ דעמ פּראָצעס פונעמ קאַמפ, וואָס קומט פאָר בײַ זיי פאַר די אויגנ, זיי קאָנענ אָבער לאַכלוטנ ניט געבנ קיינ ריכטיקנ לאָזונג אינ אָט דעמ קאַמפ. מיט פלײַס

מארשירנדיק, נאָר שלעכט אָנפירנדיק, פארמינערנ זיי די מאטעריאליסטישע אופאסונג פונ דער געשיכטע דורכ דעמ, וואָס זיי איגנאָרירנ די אַקטיווע, אָנפירנדיקע אונ ריכטנדיקע ראָליע, וועלכע עס קאָנענ אונ דארפנ שפילנ אינ דער געשיכטע פארטייענ, וואָס האָבנ באזיגט די מאטעריעלע באדינגונגענ פונ דער איבערקערעניש אונ וואָס האָבנ זיכ געשטעלט אינ דער שפיצ פונ די פאָרגעשריטענע קלאסנ.

5. וויאזוי דארפ מענ „באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס“?

מיר ברענגענ דעמ ווײַטערדיקנ אָפטייל פונ דער רעזאָליוציע:

„באַ אזעלכע באדינגונגענ, דארפ די סאָציאל־דעמאָקראטיע שטרעבנ אײַנצוהיטנ אינ פארלויפ פונ דער גאנצער צײַט פונ דער רעוואָליוציע אזא לאגע, וואָס וועט אמבעסטנ זיכערנ פאר איר די מעגלעכקײַט צו באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס, וועט איר ניט בינדנ די הענט אינעמ קאמפ קעגנ דער ניט קאָנסעקווענטער אונ אייגננוציקער פאָליטיק פונ די בורזשואזע פארטייענ אונ וועט זי פארהיטנ פונ אויפגעלייזט צו ווערנ אינ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע.

דעריבער דארפ די סאָציאל־דעמאָקראטיע ניט שטעלנ פאר זיכ קיינ ציל צופארכאפנ אָדער צעטיילנ די מאכט אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, נאָר זי דארפ בלײַבנ די פארטיי פונ דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפאָזיציע“.

די אייצע צו פארנעמענ א לאגע, וועלכע זיכערט אמבעסטנ די מעגלעכקײַט צו באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס, געפעלט אונדז זייער אונ זייער. מיר וואָלטנ נאָר געוואונטשנ, אז כוץ אָט דער גוטער אייצע זאָל נאָכ אויכ זײַנ א דירעקטע אָנווײַזונג, וויאזוי דארפ די סאָציאל־דעמאָקראטיע גראָד איצט, באַ דער געגעבענער פאָליטישער סיטואציע, אינ דער עפאָכע פונ ריידערײַענ, האשאָרעס, געשפרעכנ אונ פראָיעקטנ וועגנ צונויפרופנ פאָלקס־פארטרעטער, — וויאזוי דארפ זי גראָד איצט באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס. צי קאָנ איצט באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס דער, וואָס פארשטייט ניט די געפאר, וועלכע שטעקט אינ דער אָסוואָבאָזשדעניעשער טעאָריע וועגנ א „פארשטענדיקונג“ צווישנ דעמ פאָלק אונ דעמ קייסער, דער, וואָס רופט אָנ זיכ בלויז א „באשלומ“ צונויפצורופנ א גרינדונגס־פארזאמלונג, דער, וואָס שטעלט ניט אלס אויפגאבע אקטיוו צו פראָפאגאנדירנ די אידיי וועגנ דער נויטווענדיקײַט פונ א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג? דער, וואָס לאָזט אינ שאָטנ דעמ לאָזונג פונ דער דעמאָקראטישער רעפובליק? אזוינע מענטשנ באוועגנ אינדערעמעסנ די רעוואָליוציע אָפ צוריק, דערפאר ווײַל אינ דער פראקטיש־פאָליטישער הינזיכט זײַנענ זיי געבליבנ שטעקנ אפ דעמ ניוואָ פונ דער אָסוואָבאָזשדעניעשער פאָזיציע. וואָס קומט ארויס פונ דעמ, וואָס זיי אָנערקענענ די פראָגראמ, וועלכע פאָדערט צו פארבײַטנ די זעלבסטהערשונג אפ א רעפובליק, אז אינ דער טאקטישער רעזאָליוציע, וועלכע שטעלט פעסט די איצטיקע אונ די נאָענטסטע אויפגאבנ פונ דער פארטיי אינעמ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט, איז דער לאָזונג פונ קאמפ פאר א רעפובליק ניטאָ? גראָד די אָסוואָבאָזשדעניעשע פאָזיציע, די פאָזיציע פונ דער קאָנסטיטוציאָנאליסטישער בורזשואזיע ווערט דאָכ איצט פאקטיש כאראקטעריזירט דער־

מיט, וואָס איז א באשלוס צונויפצורופנ אנ אלפאָלקישע גרינדונגס=פארזאמלונג זעט מענ אײנ אנ אנטשײדענעמ זיג, אונ וועגנ א צײטווײליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג אונ וועגנ א רעפובליק מאכט מענ זיכ בעסער א שוויַג! קעדײ צו באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס, דה. ווײטער פונ דער גרענעצ, ביז וועלכער עס באוועגט זי די מאָנארכיסטישע בורזשואזיע, דארפ מענ אקטיוו ארויסשטעלנ, באטאָנענ, ארויסרוקנ אינ פאָדערגרונט די לאָזונגעג, וועלכע שליסנ אוים די „ניט=קאָנסעקווענטקײט“ פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. אזעלכע לאָזונגענ זײנענ בא הײנטיקנ טאָג פאראנ נאָר צוויי: 1) א צײטווײליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג אונ 2) א רעפובליק, דערפאר ווײל דעמ לאָזונג פונ אנ אלפאָלקישער גרינדונגס=פארזאמלונג האָט אָנגענומענ די מאָנארכיסטישע בורזשואזיע (זע די פּראָגראמ פונעמ „סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניא“), אונ אָנגענומענ האָט זי אימ גראָד צוליב דעמ, קעדײ צו עסקאמאָטירנ די רעוואָליוציע, קעדײ ניט צו דערלאָזנ קײנ פולשטענדיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע, קעדײ צו מאכנ א הענדלערישנ געשעפט צווישנ דער גרויס=בורזשואזיע מיטנ צאריזמ. אונ אָט זעענ מיר, אז פונ אָט די צוויי לאָזונגענ, וואָס זײ אלײנ נאָר זײנענ אימשטאנד צו באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס, האָט די קאָנפערענצ דעמ לאָזונג פונ א רעפובליק אינגאנצנ פארגעסנ, אונ דעמ לאָזונג פונ א צײטווײליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג האָט זי דירעקט צוגעגליכנ צו דעמ אָסוואָבאָזשדיענישנ לאָזונג פונ אנ אלפאָלקישער גרינדונגס=פארזאמלונג, אָנרופנדיק סײ דעמ סײ יענעמ לאָזונג „אנטשײדענער זיג פונ דער רעוואָליוציע“!!

יאָ, אזוי זעט אוים דער אָנצווײפלדיקער פאקט, וואָס וועט, זײנענ מיר זיכער, דינענ אלס וועג=צײכנ פאר דעמ קומענדיקנ היסטאָריקער פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראטיע. א קאָנפערענצ פונ סאָציאַל=דעמאָקראטנ אינ מײ 1905 יאָר נעמט אָנ א רעזאָליוציע, וואָס רעדט שײנע ווערטער וועגנ דער נײטיקײט צו באוועגנ די דעמאָקראטישע רעוואָליוציע פאָרויס, אונ וואָס פאקטיש רוקט זי זי אפ צוריק, פאקטיש גײט זי ניט ווײטער פונ די דעמאָקראטישע לאָזונגענ פונ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע.

די נײ=איסקראָווצעס האָבנ ליב צו פאָרוואָרפנ אונדז, אז מיר איגנאָרירנ די געפאר, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל אופגעלײזט ווערנ אינ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. מיר וואָלטנ געוואָלט א קוק טאָנ אפ דעמ מענטשנ, וואָס וואָלט זיכ אונטערגענומענ צו דערווײזנ אָט דעמ פאָרוואורפ אפנ סמאכ פונעמ טעקסט פונ די רעזאָליוציעס, וועלכע ס'האָט אָנגענומענ דער III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.=ד. א.=פּ. מיר וועלנ ענטפערנ אונדזערע אָפּאָנענטנ: די סאָציאַל=דעמאָקראטיע, וואָס איז טעטיק אפנ באָדנ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, קאָנ ניט אָנטײלנעמענ אינ דער פּאָליטיק, ניט גײענדיק אמאָל אינ דעמ, אמאָל אינ יענעמ אײנצלנעמ פאל זײט=בא=זײט מיט דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. דער אונטערשײד צווישנ אונדז אונ אײַכ איז דערבײ דער, וואָס מיר גײענ זײט=בא=זײט מיט דער רעוואָליוציאָנערער אונ רעפובליקאנישער בורזשואזיע אונ גיסנ זיכ מיט איר ניט צונויפ, איר אָבער גײט זײט=בא=זײט מיט דער ליבעראלער אונ מאָנארכיסטישער בורזשואזיע אונ גיסט זיכ אויכ מיט איר ניט צונויפ. אָט ווי די זאכ באשטײט.

אייערע טאקטישע לאָזונגענ, וועלכע זייַנענ געגעבנ אינ נאָמענ פונ דער קאָנפערענצ, פאלנ צונויפ מיט די לאָזונגענ פונ דער „קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראטישער“ פארטיי, דה. פונ דער פארטיי פונ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע, דערבייַ האָט איר ניט באמערקט, ניט באזייטיקט אָט די צונויפפאלונג, אונ אזוי ארומ האָט איר זיכ פאקטיש ארויסגעוויזנ אינ עק פונ די אָסוואָבאָזשדיענצעס.

אונדזערע טאקטישע לאָזונגענ, וועלכע זייַנענ געגעבנ אינ נאָמענ פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פ., פאלנ צונויפ מיט די לאָזונגענ פונ דער דעמאָקראטיש-רעוואָליוציאָנערער אונ רעפובליקאנישער בורזשואזיע. אָט די בורזשואזיע אונ קליינ-בורזשואזיע האָט זיכ נאָכ ניט אויסגעבילדעט אינ א גרויסער פאָלקס-פארטיי אינ רוסלאנד[1].

צווייפלענ אָבער דערינ, אז עלעמענטנ פונ אזא מינ פארטיי עקזיסטירנ, קאָנ בלויז דער, וואָס האָט קיינ אנונג ניט וועגנ דעמ, וואָס עס קומט איצט פאָר אינ רוסלאנד. מיר האָבנ בעדייע אָנצופירנ (אינ פאל פונ א דערפאָלגרייכנ גאנג פונ דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע) ניט בלויז מיטנ פראָלעטאריאט, וואָס איז אָרגאניזירט דורכ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי, נאָר אויכ מיט אָט דער קליינ-בורזשואזיע, וועלכע איז פייִק צו גיינ זייט-בא-זייט מיט אונדז.

די קאָנפערענצ לאָזט זיכ מיט איר רעזאָליוציע אומבאוווסטזיניק אראָפ צומ ניוואָ פונ דער ליבעראלער אונ מאָנארכיסטישער בורזשואזיע. דער צוזאמענפאָר פונ דער פארטיי הייבט מיט זייַנ רעזאָליוציע באוווסטזיניק אויפ צו זייַנ ניוואָ די עלעמענטנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע, וואָס זייַנענ פייִק צו קעמפנ אונ ניט צו פארנעמענ זיכ מיט מעקלערייַ.

אזוינע עלעמענטנ זייַנענ מער ווי אלצ פאראנ צווישנ דעמ פויערטומ. באמ פאנאנדערטיילנ די גרויסע געזעלשאפטלעכע גרופעס לויט זייערע פאָליטישע טענדענצנ, קאָנענ מיר, ניט מאכנדיק קיינ גרויסנ טעות, אידענטיפיצירנ די רעוואָליוציאָנערע אונ רעפובליקאנישע דעמאָקראטיע מיט דער מאסע פויערטומ, — פארשטייט זיכ, אינ דעמ זעלבנ זינ, בא די זעלבע אויסנעמענישנ אונ באדינגונגענ, וואָס מע פארשטייט דערבייַ, בא וועלכע מע קאָנ דעמ ארבעטער-קלאס אידענטיפיצירנ מיט דער סאָציאל-דעמאָקראטיע. מיר קאָנענ, אנדערש גערעדט, פאָרמולירנ אונדזערע אויספירנ אויכ אינ פאָלגנדיקע אויסדרוקנ: די קאָנפערענצ לאָזט זיכ מיט אירע אלגעמיינ-נאציאָנאלע[2] פאָליטישע לאָזונגענ אינ א רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט אומבאוווסטזיניק אראָפ ביזנ ניוואָ פונ דער מאסע גוטבאזיצערס. דער צוזאמענפאָר פונ דער פארטיי הייבט מיט זייַנע אלגעמיינ-נאציאָנאלע פאָליטישע לאָזונגענ אויפ צומ רעוואָליוציאָנערנ ניוואָ די פויערימ-

---

[1] די „סאָציאליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ“ זייַנענ גיכער א טעראָריסטישע אינטעליגענטישע גרופע אוידער אנ עמבריאָנ פונ אזא מינ פארטיי, האגאמ די אָביעקטיווע באדייַטונג פונ דער טעטיקייַט פונ אָט דער גרופע באשטייט גראָד אינ פארווירקלעכנ די אויפגאבנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער אונ רעפובליקאנישער בורזשואזיע.

[2] מיר ריידנ ניט וועגנ די ספעציעלע פויערשע לאָזונגענ, וואָס וועגנ זיי זייַנענ פאראנ ספעציעלע רעזאָליוציעס.

מאסע. דער, וואָס וועט אונדז פאר אָט דעמ אויספיר באשולדיקנ אינ א שוואכקײט צו פאראָקסנ, וועלנ מיר אימ אופּאָדערנ: זאָל ער אָפּפרעגנ די האנאָבע, אז אויב מיר וועלנ ניט זײַנ בעקויעמ צו דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, אויב די רעוואָליוציע וועט זיכ פארענדיקנ מיט אנ „אנטשיידענעמ זיג“ אינ אָסוואָבאָזשדיענישנ זינ, ס'הייסט אינ דער פאָרמ בלויז נאָר פונ א דורכנ קייסער צונויפגערופענער פארטרעטונגס=פארזאמלונג, וואָס וואָלט נאָר פונ כויזעק וועגנ געקאָנט אָנגערופנ ווערנ גרינדונגס=פארזאמלונג, — וועט דאָס דאנ זײַנ א רעוואָליוציע, ווו עס וועט דאָמינירנ דער גוטבאזיצערישער אונ גרויס=בורזשואזער עלעמענט. פארקערט, אויב עס איז אונדז באשערט איבערצולעבנ אווירקלעכ גרויסע רעוואָליוציע, אויב די געשיכטע וועט דאָס מאָל ניט דערלאָזנ צו קיינ „מאפּעלע“, אויב מיר וועלנ בעקויעמ זײַנ צו דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, ביז אנ אנטשיידענעמ זיג ניט אינ אָסוואָבאָזשדיענישנ אונ ניט אינ נײַ=איסקרישנ זינ פונ דעמ וואָרט, — דאנ וועט דאָס זײַנ א רעוואָליוציע, ווו עס וועט דאָמינירנ דער פויערשער אונ פּראָלעטארישער עלעמענט.

קאָנ זײַנ, אז דעריג, וואָס מיר לאָזנ צו דעמ געדאנק וועגנ אזא מינ דאָמינירונג, וועלנ אייניקע אײַנגעפינענ, אז מיר זאָגנ זיכ אָפּ פונ דער איבערצײַגונג אינ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער פאָרשטייענדיקער רעוואָליוציע? אזוינס איז זייער מעגלעכ בא אזא מיסברויכנ מיטנ דאָזיקנ באגריפ, ווי מיר זעענ דאָס אינ דער „איסקרא“. דעריבער שאדט אבסאָליוט ניט, אז מע זאָל זיכ אָפּשטעלנ אפ אָט דער פראגע.

6. פונוואנענ דראָעט דעמ פּראָלעטאריאט די געפאר צו בלײַבנ מיט געבונדענע הענט אינ קאמפ קעגנ דער ניט־קאָנסעקווענטער בורזשואזיע?

די מארקסיסטנ זײַנענ אבסאָליוט איבערצײַגט אינ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער רוסישער רעוואָליוציע. וואָס הייסט עס אזוינס? דאָס הייסט, אז די דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונגענ אינ דער פּאָליטישער אָרדענונג אונ די סאָציאל=עקאָנאָמישע איבערגעשטאלטונגענ, וועלכע זײַנענ געוואָרנ פאר רוסלאנד א נויטווענדיקײט, — איז אנ אונ פאר זיכ ניט נאָר וואָס זיי באטײַטנ ניט, אז עס ווערט אונטערגעריסנ דער קאפּיטאליזמ, אז עס ווערט אונטערגעריסנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, נאָר, פארקערט, זיי וועלנ צומ ערשטנ מאָל ווי עס דארפ צו זײַנ אָפּרייניקנ דעמ באָדנ פאר א ברייטער אונ שנעלער, אייראָפּייִשער, אונ ניט אזיאטישער, אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ, זיי וועלנ צומ ערשטנ מאָל מאכנ פאר מעגלעכ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, אלס קלאס. די סאָציאליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ קאָנענ ניט פארשטיינ אָט די אידיי דערפאר, ווײַל זיי קענענ ניט דעמ אלעפבייז וועגנ די אנטוויקלונגס=געזעצנ פונ דער סכוירעדיקער אונ קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע, זיי זעענ ניט, אז אפילע א פולשטענדיקער דערפאָלג פונ א פויערימ=אופשטאנד, אפילע ווענ די גאנצע ערד זאָל איבערפארטיילט ווערנ אינ די אינטערעסנ פונעמ

פויערטום אונ לויט זײַנע ווונטשנ נאָכ (די „שווארצע איבערפאַרטיילונג“ אָדער
עפּעס ענלעכס), וועט עס לאַכלוטנ ניט פאַרניכטנ דעם קאַפּיטאַליזמ, נאָר, פאַרקערט,
דאָס וועט געבנ א שטויס זײַנ אַנטוויקלונג אונ וועט פאַרשנעלערנ דעם קלאַסנ-פאַ-
נאַנדערפאַל פונעם פויערטומ גופא. די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ פאַרשטייענ
ניט אָט דעמ עמעס, אונ דאָס מאַכט זיי פאַר אומבאַוווּסטזיניקע אידעאָלאָגנ פונעמ
קליינבירגערטום. דאָס באַשטיינ אָפּ אָט דעמ עמעס האָט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָ-
קראַטיע א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג, אונ ניט נאָר א טעאָרעטישע, נאָר אויכ א פּראַק-
טיש-פּאָליטישע, ווײַל דערפונ איז געדרונגענ, אז די פולשטענדיקע קלאַסנ-זעלבשטענ-
דיקײַט פונ דער פאַרטיי פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דער איצטיקער „אַלגעמיינ-דע-
מאָקראַטישער“ באַוועגונג איז אָבליגאַטאָריש.

דערפונ איז אָבער לאַכלוטנ ניט געדרונגענ, אז די דעמאָקראַטישע איבער-
קערעניש (א בורזשואַזע לויט איר געזעלשאַפטלעכ-עקאָנאָמישנ אינהאַלט) זאָל ניט
האָבנ קיינ קאָלאָסאַלנ אינטערעס פאַרנ פּראָלעטאַריאַט. דערפונ איז לאַכלוטנ ניט
געדרונגענ, אז די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש זאָל ניט קאָנענ פאָרקומענ אי אינ
א פאָרמ, וואָס איז גינסטיק דעריקער פאַר דעמ גרויס-קאַפּיטאַליסט, פינאַנצ-מאַגנאַט,
„אופגעקלערטנ“ גוטסבאַזיצער, אי אינ א פאָרמ, וועלכע איז גינסטיק פאַרנ פויער אונ
פאַרנ אַרבעטער.

די נײַ-איסקראָווצעס פאַרשטייענ לאַכלוטנ ניט ריכטיק דעמ זינ אונ די באַדײַ-
טונג פונ דער קאַטעגאָריע: בורזשואַזע רעוואָליוציע. אינ זייערע בקירעס פילט זיכ
שטענדיק דער געדאַנק, אז א בורזשואַזע רעוואָליוציע איז קלוימערשט אַזא רעוואָ-
ליוציע, וועלכע קאָנ געבנ בלויז דאָס, וואָס עס איז גינסטיק פאַר דער בורזשואַזיע.
אינדערעמעסנ אָבער איז ניטאָ קיינ פעלערהאַפטערע זאַכ, ווי אַזא געדאַנק. א בור-
זשואַזע רעוואָליוציע איז אַזא רעוואָליוציע, וואָס גייט ניט אַרויס פונ די ראַמענ פונ
דער בורזשואַזער, דה. פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטלעכ-עקאָנאָמישער
אָרדענונג. א בורזשואַזע רעוואָליוציע דריקט אויס די באַדערפענישנ פונ דער אַנט-
וויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, אונ ניט נאָר, וואָס זי פאַרניכטעט ניט זײַנע יעסוידעס,
נאָר, פאַרקערט, זי פאַרברייטערט אונ פאַרטיפערט זיי. די דאָזיקע רעוואָליוציע דריקט
דעריבער אויס די אינטערעסנ ניט בלויז פונ דעמ אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויכ פונ דער
גאַנצער בורזשואַזיע. אַזוי ווי באַמ קאַפּיטאַליזמ איז די הערשאַפט פונ דער בור-
זשואַזיע איבער דעמ אַרבעטער-קלאַס אומפאַרמײַדלעכ, קאָנ מענ מיט פולנ רעכט
זאָגנ, אז די בורזשואַזע רעוואָליוציע דריקט אויס די אינטערעסנ ניט אַזויפיל פונעמ
פּראָלעטאַריאַט, וויפל פונ דער בורזשואַזיע. אינגאַנצנ אומגעלומפּערט אָבער איז דער
געדאַנק, אז די בורזשואַזע רעוואָליוציע דריקט קלאָל ניט אויס די אינטערעסנ פונעמ
פּראָלעטאַריאַט. אָט דער אומגעלומפּערטער געדאַנק לאָזט זיכ אויס אָדער צו דער
אַלטפרענקישער פאָלקיסטישער טעאָריע, אז די בורזשואַזע רעוואָליוציע ווידערשפּרעכט
די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אז מיר דאַרפנ דעריבער ניט האָבנ קיינ בור-
זשואַזע פּאָליטישע פרײַהײַט. אָדער דער דאָזיקער געדאַנק לאָזט זיכ אויס צו אַנאַר-
כיזמ, וואָס איז קעגנ יעטווידנ אָנטייל פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ דער בורזשואַזער
פּאָליטיק, אינ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, אינעמ בורזשואַזנ פּאַרלאַמענטאַריזמ.
טעאָרעטיש באַטײַט דער דאָזיקער געדאַנק — פאַרגעסנ די אַלעפבייז-האַנאָכעס פונעמ

מארקסיזם וועגן דער אומפארמיידלעכקייט פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אפן באָדן פון דער סכוירע־פּראָדוקציע. דער מארקסיזם לערנט, אז א געזעלשאפט, וועלכע איז באזירט אף דער סכוירע־פּראָדוקציע און וועלכע פירט אן אויסטויש מיט די ציוויליזירטע קאפיטאליסטישע נאציעס, טרעט אף א געוויסער אנטוויקלונגס־שטופע אומפארמיידלעך אליין אויך ארוף אפן וועג פון קאפיטאליזם. דער מארקסיזם האָט ענדגילטיק איינגעריסן מיט די כאלוימעס פון די פאָלקיסטן און אנארכיסטן, אז רוסלאנד, לעמאָשל, קאָן קלוימערשט אויסמיידן די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג, ארויסשפּרינגען פונעם קאפיטאליזם אָדער אריבערשפּרינגען איבער אים אף עפּעס אן אויפן אויסער דעם וועג פון קלאסנקאמף אפן באָדן און אין די ראמען פון אָט דעם זעלבן קאפיטאליזם.

אָט די אלע האנאָכעס פונעם מארקסיזם זיינען דערוויזן און צעקייט ביז נאָר אויספירלעך סיי ביכלאל סיי אויך ספּעציעל בענגעיע רוסלאנד. און פון די דאָזיקע האנאָכעס איז געדרונגען, אז דער געדאנק, אז דער ארבעטער־קלאס דארף זוכן א רעטונג אין עפּעס אנדערש, אויסער דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, איז רעאקציאָנער. אין אזוינע לענדער, ווי רוסלאנד, ליידט דער ארבעטער־קלאס ניט אזויפיל פון קאפיטאליזם, וויפל פון דער קנאפער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם. דער ארבעטער־קלאס איז דעריבער אומבאדינגט פאראינטערעסירט אין דער ברייטסטער, פרייסטער, שנעלסטער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. דעם ארבעטער־קלאס ליינט אומבאדינגט, אז די אלע רעשטן פון אמאָל, וועלכע שטערן דער ברייטער, פרייער און שנעלער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, זאָלן באזייטיקט ווערן. די בורזשואזע רעוואָליוציע איז נעמלעך אזא איבערקערעניש, וואָס ראמט אנטשיידענער ווי אלץ אראָפּ די רעשטן פון אמאָל, די רעשטן פון לייביינגנשאפט (צו אָט די רעשטן געהערט ניט נאָר די זעלבסטהערשונג, נאָר אויך די מאָנארכיע), אזא איבערקערעניש, וואָס זיכערט אמפולסטן די סאמע ברייטע, פרייע און שנעלע אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם.

דעריבער ליינט די בורזשואזע רעוואָליוציע אין העכסטן גראד דעם פּראָלעטאריאט. די בורזשואזע רעוואָליוציע איז אומבאדינגט נייטיק אין די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאריאט. וואָס פולער און אנטשיידענער, וואָס קאָנסעקווענטער עס וועט זיין די בורזשואזע רעוואָליוציע, אלץ געזיכערטער וועט זיין דער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט קעגן דער בורזשואזיע פאר סאָציאליזם. נאָר אזעלכע מענטשן, וואָס קענען ניט דעם אלעפבייז פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, קאָנען אָט דער אויספיר אויסזען ניי אָדער משונעדיק, פּאראדאָקסאל. און פון אָט דעם אויספיר איז, אגעוו, אויך געדרונגען די האנאָכע, אז אין א געוויסן זין ליינט די בורזשואזע רעוואָליוציע מער דעם פּראָלעטאריאט איידער דער בורזשואזיע. נעמלעך אָט אין וועלכן זין די דאָזיקע האנאָכע רופט קיין סאָפעק ניט ארויס: דער בורזשואזיע לוינט צו שטיצן זיך אף געוויסע רעשטן פון אמאָל קעגן דעם פּראָלעטאריאט, צום ביישפּיל, אף דער מאָנארכיע, אף דער שטענדיקער ארמיי אדג. דער בורזשואזיע לוינט, אז די בורזשואזע רעוואָליוציע זאָל ניט צו אנטשיידן אראָפּראמען אלע רעשטן פון אמאָל, נאָר זי זאָל איינקע פון זיי לאָזן, דה. אז אָט די רעוואָליוציע זאָל זיין ניט פולשטענדיק קאָנסעקווענט, זי זאָל

ניט דערגיינ ביזנ סאָפ, זי זאָל ניט זיינ אנטשיידנ און אָנראכמאָנעסדיק. אָט דעמ געדאנק דריקנ די סאָציאַל=דעמאָקראטנ אָפּט אויס עטוואָס אנדערש, ווענ זיי זאָגנ, אז די בורזשואזיע פעלשט אינ זיכ זעלבסט, אז די בורזשואזיע פאראט די פרייהייט=זאכ, אז די בורזשואזיע איז ניט פייִק צו א קאָנסעקווענטנ דעמאָקראטיזמ. דער בורזשואזיע לוינט בעסער, אז די נייטיקע איבערגעשטאלטונגענ אינ דער בורזשואז=דעמאָקראטישער ריכטונג זאָלנ פאָרקומענ לאנגזאמער, בעהאדראָגיקער, פאָרזיכטיקער, אומאנטשיידענער, דורכ רעפאָרמעס, ניט דורכ א רעוואָליוציע; אז אָט די איבערגעשטאלטונגענ זאָלנ זיינ ווי ווייט מעגלעכ פאָרזיכטיקער בענעגייע די „בעקאָוועדיקע“ אינסטיטוציעס פונעמ לייבייגנטומ (ווי אשטייגער די מאָנארכיע); אז אָט די איבערגעשטאלטונגענ זאָלנ וואָס ווייניקער אנטוויקלענ די רעוואָליוציאָנערע זעלבסטעטיקייט, איניציאטיוו און ענערגיע פונ דעמ פּאָשעטנ פאָלק, ד"ה. פונ דעמ פויערטומ און באזונדערס פונ די ארבעטער, ווייל אנדערש וועט די ארבעטער זיינ גאָכ לייכטער, ווי די פראנצויזנ זאָגנ, „אריבערצולייגנ די ביקס פונ איינ אקסל אפנ צווייטנ“, ד"ה. ווענדנ קעגנ דער בורזשואזיע גופע דאָס זעלבע געווער, מיט וועלכנ זיי וועט באזאָרגנ די בורזשואזע רעוואָליוציע, די זעלבע פרייהייט, וועלכע זי וועט געבנ, די זעלבע דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלנ אנטשטיינ אפנ באָדנ, וואָס איז אָפּגערייניקט פונ לייבייגנטומ.

פארקערט, דעמ ארבעטער=קלאס לוינט בעסער, אז די נייטיקע איבערגעשטאלטונגענ אינ דער בורזשואז=דעמאָקראטישער ריכטונג זאָלנ דורכגיינ גראָד ניט מיט א רעפאָרמאטאָרישנ, נאָר מיט א רעוואָליוציאָנערנ וועג, ווייל דער רעפאָרמאטאָרישער וועג איז א וועג פונ פארשלעפּעניש, פונ אָפּציִעניש, פונ א פיינלעכ=לאנגזאמענ אָפּשטארבנ פונ די פוילנדיקע טיילנ פונעמ פאָלקס=אָרגאניזמ. פונ דעמ פוילנ זייערנ ליידט פריִער פאר אלצ און מער פאר אלצ דער פראָלעטאריאט און דאָס פויערטומ. דער רעוואָליוציאָנערער וועג איז א וועג פונ א שנעלער אָפּעראציע, אזא, וואָס איז אמווייניקסטנ שמערצלעכ פאר דעמ פראָלעטאריאט, א וועג פונ דירעקט באזייטיקנ די פוילנדיקע טיילנ, א וועג פונ קלענסטער נאָכגיביקייט און פאָרזיכטיקייט בענעגייע דער מאָנארכיע און די איר אנטשפּרעכנדיקע עקלהאפטע און פאסקודנע, צעפוילטע אינסטיטוציעס, וואָס פארסאמענ די לופט מיט זייער פוילנ.

אָט פארוואָס אונדזער בורזשואז=ליבעראלע פרעסע גיסט טרערנ איבער דער מעגלעכקייט פונ א רעוואָליוציאָנערנ וועג, אָט פארוואָס זי האָט מוירע פאר א רעוואָליוציע, זי סטראשעט דעמ קייסער מיט א רעוואָליוציע, זי זאָרגט זיכ וועגנ אויסמיידנ א רעוואָליוציע, זי פראוועט לאקייִשע שטיק און קריכט אפ אלע פיר צוליב נישטיקע רעפאָרמעס, אלס יעסאָד פונעמ רעפאָרמאטאָרישנ וועג, — און זי טוט דאָס ניט בלויז איבער צענזור=טעמימ אליינ, ניט נאָר אויס פאכדאָנעס. אפ אָט דעמ שטאנדפונקט שטייענ ניט נאָר די „רוסקיִע וועדאָמאָסטי“, „סינ אָטעטשעסטווא“, „נאשא זשיזנ“, „נאשי דני“, נאָר אויכ די אומלעגאלע, די פרייע „אָסוואָבאָזשדעניע“. די עצעמ לאגע פונ דער בורזשואזיע, אלס א קלאס אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, רופט אומפארמיידלעכ ארויס איר ניט קאָנסעקווענטקייט אינ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש. די עצעמ לאגע פונעמ פראָלעטאריאט, אלס א קלאס, צווינגט אימ צו זיינ א קאָנסעקווענטער דעמאָקראט. די בורזשואזיע האלט אינ איינ אומ=

קוקנ זיכ אפ צוריק, זי האָט מוירע פארנ דעמאָקראַטישנ פראָגרעס, וואָס דראָעט, אַז עס זאָל פארשטארקט ווערנ דער פראָלעטאריאַט. דער פראָלעטאריאַט האָט ניט וואָס צו פארלירנ אַחוצ די קייטנ, געווינענ וועט ער אָבער מיט דער הילפ פונעמ דעמאָקראַטיזמ די גאַנצע וועלט. דעריבער איז וואָס קאָנסעקווענטער עס איז די בורזשואַזע רעוואָליוציע אינ אירע דעמאָקראַטישע איבערגעשטאַלטונגענ, אַלצ ווייניקער באַגרענעצט זי זיכ מיט דעמ, וואָס עס ליגט אויסשליסלעכ דער בורזשואַזיע. וואָס קאָנסעקווענטער עס איז די בורזשואַזע רעוואָליוציע, אַלצ מער זיכערט זי די נוצנ פונעמ פראָלעטאריאַט און פויערטומ אינ דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש.

דער מאַרקסיזמ לערנט דעמ פראָלעטאריער — ניט אַז ער זאָל זיכ באַזײַטיקנ פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, ניט אַז ער זאָל זיכ גלײַכגילטיק באַציִענ צו איר, ניט אַז ער זאָל איבערלאָזנ די אָנפירונג אינ איר פאַר דער בורזשואַזיע, נאָר, פאַרקערט, אַז ער זאָל זיכ אפנ סאַמע ענערגישנ אויפנ באַטייליקנ אינ איר, אפנ סאַמע אַנטשיידענעמ אויפנ קעמפנ פאַר אַ קאָנסעקווענטנ פראָלעטאַרישנ דעמאָקראַטיזמ, פאַר דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ. מיר קאָנענ ניט אַרויסשפּרינגענ פונ די בורזשואַז=דעמאָקראַטישע ראַמענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע, מיר קאָנענ אָבער אינ אַ קאָלאָסאַלער מאָס פאַרברייטערנ אָט די ראַמענ, מיר קאָנענ און דאַרפנ אינ די גרענעצנ פונ אָט די ראַמענ קעמפנ פאַר די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאַריאַט, פאַר זײַנע אומיטלבאַרע נויטנ און פאַר די באַדינגונגענ פונ צוגרייטנ זײַנע קרעפטנ צו דעמ קומענדיקנ פולשטענדיקנ ניצחונ. עס איז פאַראַנ אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע און אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. אי דער זעמעצ דער מאָנאַרכיסט, דער אָנהענגער פונ אַנ אייבערשטער פאַלאַטע, וועלכער „פאַרלאַנגט" אַלגעמיינ וואַלרעכט, און בעסאָד, שטילינקערהייט פאַרשטענדיקט ער זיכ מיטנ צאַריזמ וועגנ אַנ אַרומגעשניטענער קאָנסטיטוציע, — איז אַ בורזשואַזער דעמאָקראַט. אי דער פויער, וועלכער גייט מיט געווער אינ די הענט קעגנ די פריציִמ און טשינאָווניקעס, וועלכער ליגט „נאַאיִוו=רעפּובליקאַניש" פאַר „דורכצוטרײַבנ דעמ קייסער"[1], — איז אויכ אַ בורזשואַזער דעמאָקראַט. בורזשואַז=דעמאָקראַטישע אָרדענונגענ זײַנענ פאַראַנ אַזוינע, ווי אינ דײַטשלאַנד, און אַזוינע, ווי אינ ענגלאַנד; אַזוינע, ווי אינ עסטרײַכ, און אַזוינע, ווי אינ אַמעריקע אָדער אינ דער שווייצ. פײַנ וואָלט אויסגעזענ אַזאַ מאַרקסיסט, וואָס וואָלט אינ דער עפּאָכע פונ אַ דעמאָקראַטישער איבערקערעניש פאַרשלאָפנ אָט דעמ אונטערשייד צווישנ די גראַדנ פונ דעמאָקראַטיזמ און צווישנ דעמ פאַרשיידענעמ כאַראַקטער פונ דער אָדער יענער פאָרמ זײַנער און וואָלט זיכ באַגרענעצט נאָר מיט כקירעס, אַז דאָס איז דאָכ פאָרט „אַ בורזשואַזע רעוואָליוציע", פרוכטנ פונ דער „בורזשואַזער רעוואָליוציע".

אָבער גראָד אַזעלכע כאַקראָנימ, וועלכע נעמענ זיכ איבער מיט זייער קורצזיכטיקײַט, זײַנענ דאָכ אונדזערע נײַ=איסקראָווצעס. זיי באַגרענעצנ זיכ מיט כקירעס וועגנ דעמ בורזשואַזנ כאַראַקטער פונ דער רעוואָליוציע גראָד דאָרט און דאַנ, ווו מע דאַרפ קענענ מאַכנ אַנ אונטערשייד צווישנ דער רעפּובליקאַניש=רעוואָליוציאָנערער און דער מאָנאַרכיסטיש=ליבעראַלער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, שוינ אָפּגערעדט וועגנ

[1] זע „אָסוואָבאָזשדיעניע" נומ. 71, ז. 337, אַנמערק. 2.

דעם אונטערשייד צווישנ דעם ניט־קאָנסעקווענטנ בורזשואַזנ אונ דעם קאָנסעקווענטנ פּראָלעטאַרישנ דעמאָקראַטיזם. זיי באַנוגענענ זיכ, — פּונקט ווי זיי וואָלטנ טאַקע בעעמעס געוואָרנ „מענטשנ אינ א פוטליאַר“, — מיט מעלאַנכאָלישע רייד וועגנ „פּראָצעס פונ קעגנזייטיקנ קאַמפּ פונ די קעגנזעצלעכע קלאַסנ“, בייס עס האַנדלט זיכ וועגנ דעם, אז מע זאָל געבנ א דעמאָקראַטישע אָנפירונג אינ דער איצטיקער רעוואָליוציע, אַז מע זאָל באַטאָנענ די פאָרגעשריטענע דעמאָקראַטישע לאָזונגענ צום אונטערשייד פונ די פּאַרטעמערישע לאָזונגענ פונעם ה' סטרוווע אונ קאָמפּ., אַז מע זאָל אָנווייזנ דירעקט אונ שאַרפּ די נאָענטסטע אויפגאַבנ פונ דעם ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטום צום אונטערשייד פונ דער ליבעראַלער מעקלעריי פונ די גוטבאַזיצער אונ פאַבריקאַנטנ. אינ דעם באַשטייט איצט דער טאָכ פונ דער פראַגע, וועלכע איר, מיינע הערנ, האָט פאַרשלאָפנ: דערינ, צי וועט זיכ אונדזער רעוואָליוציע פאַרענדיקנ מיט א ווירקלעכ גראַנדיעזנ זיג אָדער בלויז מיט א נעבעכדיקער פּשאָרע, צי וועט זי דערגייג ביז דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטום אָדער עס וועלנ איר „אויסגיינ די קויכעס“ בא דער ליבעראַל־שיפּאָווישער קאָנסטיטוציע!

אפנ ערשטנ בליק קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אַז מיטנ שטעלנ אָט די פראַגע וועדנ מיר זיכ אינגאַנצנ אָפּ אָנ א זייט פונ אונדזער טעמע. אַזוי אָבער קאָנ זיכ עס אויסדוכטנ נאָר אפנ ערשטנ בליק. אינדערעמעסנ ליגט גראָד אינ אָט דער פראַגע דער וואָרצל פונ דעם פּרינציפּיעלנ פאַנאַנדערגיינ זיכ, וואָס איז בוילעט אַרויסגעטראָטנ שוינ איצט צווישנ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק פונעם III צוזאַמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אונ דער טאַקטיק, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרנ אפּ דער קאָנפערענצ פונ די ניי־איסקראַוויצעס. זיי, די ניי־איסקראַוויצעס, האָבנ שוינ געמאַכט איצט ניט קיינ צוויי, נאָר דריי טריט אפּ צוריק, דערמיט, וואָס זיי האָבנ אויפגעלעבט די פעלערנ פונעם עקאָנאָמיזם באַם לייזנ די פאַר דער אַרבעטער־פּאַרטיי אָנ אונ ערעכ מער פאַרוויקלטע, מער וויכטיקע אונ מער לעבנסנייטיקע פראַגנ פונ דער טאַקטיק אירער אינעם מאָמענט פונ רעוואָליוציע. אָט פאַרוואָס מיר מוזנ זיכ מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט אָפּשטעלנ אפנ אַנאַליז פונ דער געשטעלטער פראַגע.

אינ דעם טייל פונ דער ניי־איסקרישער רעזאָליוציע, וועלכנ מיר האָבנ ציטירט, איז פאַראַנ אַנ אָנווייזונג אפּ דער געפאַר, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל זיכ אָקאָרשט ניט בינדנ די הענט אינעם קאַמפּ קעגנ דער ניט־קאָנסעקווענטער פּאָליטיק פונ דער בורזשואַזיע, אַז זי זאָל אָקאָרשט ניט אויפגעלייזט ווערנ אינ דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער געדאַנק וועגנ אָט דער געפאַר גייט דורכ, ווי א רויטער פאָדעם, דורכ דער גאַנצער ספּעציפיש־ניי־איסקרישער ליטעראַטור, אָט דער געדאַנק איז די עכטע קווינט־עסענצ פונ דער גאַנצער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע אינ אונדזער פּאַרטיי־שפּאַלטונג (פונ זינט די עלעמענטנ פונ רייסעריי אינ אָט דער שפּאַלטונג זיינענ אינגאַנצנ אַוועק אינ הינטערגרונט לעבנאַבע די עלעמענטנ פונ א קער צום עקאָנאָמיזם). אונ מיר אָנערקענענ גאַנצ אָפנ, אַז אָט די געפאַר עקזיסטירט ווירקלעכ, אַז גראָד איצט, אינ ברענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע, איז אָט די געפאַר

געווארנ באזונדערס ערנסט. אפ אונדז אלעמענ, די טעאָרעטיקער אָדער — וועגנ זיכ וואָלט איכ בעסער געזאָגט — פובליציסטנ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, פאלט די דרינגענדיקע אונ אויסערסט פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבע פאנאנדערצוקלײַבנ, פונ וועלכער זײַט דראָעט אינדערעמעסנ אָט די געפאר. ווײַל דער קוואל פונ אונדזער מיינונגס־פארשיידנהײַט באשטייט ניט אינעם שטרײַט וועגנ דעם, צי עס עקזיסטירט אזא געפאר, נאָר אינעם שטרײַט וועגנ דעם, צי אָט די געפאר ווערט ארויסגערופנ דורכ דעם אזויגערופענעם עקיזם פונ דער „מינדערהײַט" צי דורכ דעם אזויגערופענעם רעוואָליוציאָנאריזם פונ דער „מערהײַט".

קעדיי צו באזײַטיקנ פאלשע אויסטײַטשונגענ אונ מיספארשטייענישנ, וועלנ מיר, קודעמקאָל, באמערקנ, אז די געפאר, וועגנ וועלכער מיר ריידנ, ליגט ניט אינ דער סוביעקטיווער, נאָר אינ דער אָביעקטיווער זײַט פונ דער זאכ, ניט אינ דער פאָרמעלער פאָזיציע, וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראטיע וועט פארנעמענ אינעם קאמפ, נאָר אינ דעם מאטעריעלנ אויסגאנג פונ דעם גאנצנ איצטיקנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. די פראגע באשטייט ניט דערינ, צי וועלנ די אָדער יענע סאָציאַל־דעמאָקראטישע גרופעס וועלנ אופגעלייזט ווערנ אינ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, צי באוויזיקנ זיי, אז זיי ווערנ אופגעלייזט, — וועגנ דעם איז גאָר קיינ רייד ניטאָ. מיר זײַנענ קיינעם פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ ניט כוישעד, אז ער זאָל האָבנ אזא מינ פארלאנג, אונ ניט וועגנ א פארלאנג האנדלט זיכ עס גאָר דאָ. די פראגע באשטייט אויכ ניט דערינ, צי וועלנ די אָדער יענע סאָציאַל־דעמאָקראטישע גרופעס אײַנהיטנ זייער פאָרמעלע זעלבשטענדיקײַט, אָפגעזונדערטקײַט, אומאָפהענגיקײַט פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע אינ פארלויפ פונ דער גאנצער צײַט פונ דער רעוואָליוציע. זיי קאָנענ ניט נאָר דערקלערנ וועגנ אָט דער „זעלבשטענדיקײַט", נאָר אפילע אײַנהיטנ זי פאָרמעל אונ פונדעסטוועגנ קאָנ זיכ באקומענ אזוי, אז די הענט וועלנ בא זיי סאָפקאָלסאָפ זײַנ געבונדנ אינעם קאמפ קעגנ דער ניט־קאָנסעקווענטקײַט פונ דער בורזשואזיע. דער ענדגילטיקער פאָליטישער סאכאקל פונ דער רעוואָליוציע קאָנ זיכ באקומענ אזא, אז ניט געקוקט אפ דער פאָרמעלער „זעלבשטענדיקײַט", ניט געקוקט אפ דער פולשטענדיקער אָרגאניזאציאָנעלער, פארטייִשער אָפגעזונדערטקײַט פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וועט זיכ אויסלאָזנ, אז פאקטיש איז זי ניט זעלבשטענדיק, וועט זיכ אויסלאָזנ, אז זי איז ניט בעקויעכ ארופצולייגנ אפ דעם גאנג פונ די געשעענישנ דעם שטעמפל פונ איר פראָלעטארישער זעלבשטענדיקײַט, וועט זיכ אויסלאָזנ, אז זי איז אפ אזויפיל שוואכ, אז אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ, אינ דער אונטערשטער שורע, אינ לעצטנ סאכאקל, וועט איר „אופלייזונג" אינ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע דאָכ זײַנ א היסטאָרישער פאקט.

אָט אינ וואָס עס באשטייט די ווירקלעכע געפאר. אונ איצט לאָמיר זענ, פונ וועלכער זײַט דראָעט זי: צי פונ דער אָפנייגונג פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אפ רעכטס אינ געשטאלט פונ דער נײַער „איסקרא", ווי מיר האלטנ, אָדער פונ איר אָפנייגונג אפ לינקס אינ געשטאלט פונ דער „מערהײַט", פונ „וופעריאָד" אאוו., ווי עס האלטנ די נײַ־איסקראָווצעס.

די לייזונג פונ אָט דער פראגע ווערט באשטימט, ווי מיר האָבנ אָנגעוויזנ, דורכ דער אָביעקטיווער קאָמבינירונג פונ דער ווירקונג פונ די פארשיידענע געזעלשאפט־

לעבנ קויכעס. דער כאַראַקטער פונ אָט די קויכעס איז טעאָרעטיש פעסטגעשטעלט
דורכנ מאַרקסיסטישנ אַנאַליז פונ דער רוסישער ווירקלעכקייַט, אונ איצט ווערט־ער
פּראַקטיש פעסטגעשטעלט דורכ דער אָפענער אַרויסטרעטונג פונ די גרופּעס אונ
קלאַסנ אינעמ גאַנג פונ דער רעוואָליוציע. אונ עס באַקומט זיכ, אַז דער גאַנצער
טעאָרעטישער אַנאַליז, וועלכנ די מאַרקסיסטנ האָבנ געמאַכט נאָכ לאַנג פאַר דער
עפּאָכע, וואָס מיר לעבנ איצט איבער, אונ די אַלע פּראַקטישע באַאָבאַכטונגע אי=
בער דער אַנטוויקלונג פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ באַווייַזנ אונדז, אַז ס'איז
מעגלעכ, פונ שטאַנדפּונקט פונ די אָביעקטיווע באַדינגונגענ, אַ צווייערלייִקער גאַנג
אונ אויסגאַנג פונ דער רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד. די איבערגעשטאַלטונג פונ דער
עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער אָרדענונג פונ רוסלאַנד אינ בורזשואַז=דעמאָקראַטישער
ריכטונג איז אומפאַרמייַדלעכ אונ ניט צו באַזייַטיקנ. ס'איז ניטאָ אַזאַ קראַפט אפ
דער וועלט, וואָס זאָל קאָנענ שטערנ אַזאַ מינ איבערגעשטאַלטונג. אָבער פונ דער
קאָמבינירונג פונ דער ווירקונג פונ די פאַראַנענע קרעפטנ, וועלכע שאַפנ אָט די אי=
בערגעשטאַלטונג, קאָנ זיכ באַקומענ אַ צווייערלייִקער רעזולטאַט אָדער אַ צווייער=
לייִקע פאָרמ פונ אָט דער איבערגעשטאַלטונג. איינס פונ די ביידע: 1) אָדער די
זאַכ וועט זיכ ענדיקנ מיט אַנ „אַנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ
צאַריזמ“ אָדער 2) פאַר אַנ אַנטשיידענעמ זיג וועלנ קיינ קויכעס ניט קלעקנ, אונ די
זאַכ וועט זיכ ענדיקנ דערמיט, וואָס דער צאַריזמ וועט מאַכנ אַ פּשאָרע מיט די
סאַמע „ניט=קאָנסעקווענטע“ אונ סאַמע „אייגננוציקע“ עלעמענטנ פונ דער בורזשואַ=
זיע. די גאַנצע אומענדלעכע פאַרשיידנאַרטיקייַט פונ די דעטאַלנ אונ קאָמבינאַציעס,
וואָס פאָרויסזענ זיי איז קיינער ניט אימשטאַנד, באַשטייענ גראָד, אינ אַלגעמיינ אונ
אינגאַנצנ גענומענ, אינ דעמ אָדער אינעמ אַנדערנ פונ אָט די צוויי רעזולטאַטנ.

לאָמיר אצינד באַטראַכטנ אָט די רעזולטאַטנ, ערשטנס, פונ שטאַנדפּונקט פונ
זייער סאָציאַלער באַדייַטונג אונ, צווייטנס, פונ שטאַנדפּונקט פונ דער לאַגע פונ דער
סאָציאַל=דעמאָקראַטיע (איר „אופלייזונג“ אָדער די „געבונדנקייַט פונ אירע הענט“)
באַ דעמ אונ באַמ אַנדערנ רעזולטאַט.

וואָס הייסט אַזוינס „אַנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאַ=
ריזמ“? מיר האָבנ שוינ געזענ, אַז באַנוצנדיק אָט דעמ אויסדרוק, פאַרשטייענ אימ
ניט די נייַ=איסקראָוועצעס אפילע אינ זייַנ נאָענטסטער פּאָליטישער באַדייַטונג. נאָכ
ווייניקער איז צו זענ, אַז זיי זאָלנ פאַרשטיינ דעמ קלאַסנ=אינהאַלט פונ אָט דעמ
באַגריפ. מיר, מאַרקסיסטנ, טאָרנ זיכ דאָכ בעשומאופנ ניט דערלויבנ צו פאַרפירט
ווערנ פונ די ווערטער: „רעוואָליוציע“ אָדער „גרויסע רוסישע רעוואָליוציע“, ווי
עס ווערנ דורכ זיי איצט פאַרפירט אַ סאַכ רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטנ (אַשטיי=
גער, גאַפּאָנ). מיר מוזנ זיכ אָפּגעבנ אַ גענויעמ דינוועכעזשבנ, וועלכע רעאַלע געזעל=
שאַפטלעכע קרעפטנ שטייענ קעגנ דעמ „צאַריזמ“ (דאָס איז אַ פולשטענדיק רעאַלע
אונ פאַר אַלעמענ אַ פולשטענדיק פאַרשטענדלעכע קראַפט) אונ זייַנענ פייִק אָפּצו=
האַלטנ איבער אימ אַנ „אַנטשיידענעמ זיג“. אַזאַ מינ קראַפט קאָנ ניט זייַנ די גרויס=
בורזשואַזיע, די גוטסבאַזיצער, די פאַבריקאַנטנ, די „געזעלשאַפט“, וועלכע גייט מיט
די אָסוואָבאָזשדיענצעס. מיר זעענ, אַז קיינ אַנטשיידענעמ זיג ווילנ זיי גאָר אפילע
ניט. מיר וויסנ, אַז מאַכטעס זייער קלאַסנ=לאַגע זייַנענ זיי ניט מעסוגל צו אַנ אַנט=

שיידענעמ קאמפ קעגנ דעמ צאריזמ: א צו שווערע קלאָצ אפ די פיס איז דאָס פריוואַט=אייגנטומ, דער קאפיטאל, די ערד, אז זיי זאָלנ גיינ אפ אנ אנטשיידענעמ קאמפ. צו נייטיק דארפנ זיי דעמ צאריזמ מיט זיינע פּאָליציייש=ביוראָקראטישע און מיליטערישע קרעפטנ קעגנ דעמ פּראָלעטאריאט און פּויערטומ, אז זיי זאָלנ קאָנענ שטרעבנ צו פארניכטנ דעמ צאריזמ. ניינ, אזא קראפט, וואָס איז פייִק אָפּצוהאלטנ אנ „אנטשיידענעמ זיג איבער דעמ צאריזמ“, קאָנ זיינ בלויז דאָס פאָלק, דה. דער פּראָלעטאריאט און דאָס פּויערטומ, אויב נעמענ די גרונטיקע, די גרויסע קויכעס, פאנאנדערטיילנדיק דאָס האָרפּישע און דאָס שטאָטישע קליינ=בירגערטומ (אויכ „דאָס פאָלק“) צווישנ די און יענע. אנ „אנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאריזמ“ איז די רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט און פּויערטומ. פונ אָט דעמ אויספיר, וואָס דער „ווּפּעריאָד“ האָט אימ שוינ לאנג אָנגעוויזנ, וועלנ זיכ אונדזערע ניי=איסקראָווצעס בעשומויפנ ניט ארויסדרייענ. קיינ אנדער קראפט, וואָס זאָל קאָנענ אָפּהאלטנ אנ אנטשיידענעמ זיג איבער דעמ צאריזמ, איז ניטאָ.

און אזא זיג וועט זיינ גראָד א דיקטאטור, דה. ער וועט זיכ אומפארמיידלעכ מוזנ שטיצנ אפ מיליטערישער קראפט, אפ דער באוואָפענונג פונ דער מאסע, אפ אנ אופשטאנד, און ניט אפ די אָדער יענע, אפ א „לעגאלנ“, „פרידלעכנ אויפנ“, געשאפענע אינסטיטוציעס. דאָס קאָנ זיינ נאָר א דיקטאטור, דערפאר ווייל דאָס פארווירקלעכנ די איבערגעשטאלטונגענ, וואָס זיינענ טייקעפ און אומבאדינגט נייטיק פארנ פּראָלעטאריאט און פּויערטומ, וועט ארויסרופנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד סיי מיצאד די גוטבאזיצער, סיי מיצאד די גרויס=בורזשוא, סיי מיצאר דעמ צאריזמ. אָנ א דיקטאטור איז אומעגלעכ איינצוברעכנ דעמ דאָזיקנ ווידערשטאנד, אָפּצושלאָגנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּרוּונ. דאָס וועט אָבער, פארשטייט זיכ, זיינ ניט קיינ סאָציאליסטישע, נאָר א דעמאָקראטישע דיקטאטור. זי וועט ניט קאָנענ אָנרירנ (אָנ א גאנצער ריי צווישנ=שטופעס פונ דער רעוואָליוציאָנערער אנטוויקלונג) די יעסוידעס פונ קאפּיטאליזמ. זי וועט, אינ בעסטנ פאל, קאָנענ מאכנ א ראדיקאלע איבערפארטיילונג פונעמ ערד=אייגנטומ צוגונסטנ דעמ פּויערטומ, דורכפירנ א קאָנסעקווענטנ און פולנ דעמאָקראטיזמ ביז צו א רעפּובליק איינגעשלאָסנ, ארויסרייסנ מיטנ וואָרצל אלע אזיאטישע, קנעכטישע שטריכנ ניט נאָר פונ האָרפּישנ שטייגער, נאָר אויכ פונעמ פאבריק=שטייגער, מאכנ אנ אָנהייב ערנסט צו פארבעסערנ די לאגע פונ די ארבעטער און צו העכערנ זייער לעבנס=ניוואָ, ענדלעכ, last but not least[1] — ארויבערטראָגנ די רעוואָליוציאָנערע סרייפע קיינ אייראָפּע. אזא זיג וועט נאָכ קלאל ניט מאכנ פונ אונדזער בורזשואזער רעוואָליוציע קיינ סאָציאליסטישע רעוואָליוציע; די דעמאָקראטישע איבערקערעניש וועט ניט ארויסגיינ אומיטלבאר פונ די ראמענ פונ די בורזשואזע געזעלשאפטלעכ=עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ; דאָכ אָבער וועט אזא מינ זיג האָבנ א גיגאנטישע באדייטונג פאר דער קינפטיקער אנטוויקלונג סיי פונ רוסלאנד סיי פונ דער גאנצער וועלט. קיינ זאכ וועט ניט אופהייבנ אזוי הויכ די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונ דעמ אלוועלטלעכנ פּראָלעטאריאט, קיינ זאכ וועט ניט

[1] דאָס לעצטע לויט דער ריי, אָבער ניט לויט דער וויכטיקייט.

פארקירצנ אזוי שטארק דעמ וועג, וואָס פירט צו זײַנ פולשטענדיקנ זיג, ווי אָט דער אנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ רוסלאנד.

אפ וויפל אזא מינ זיג איז ווארשײַנלעכ, — דאָס איז אנ אנדער פראגע. מיר זײַנענ קלאל ניט גענייגט צו פוסטנ אָפטימיזמ אינ אָט דער הינזיכט, מיר פארגעסנ קלאל ניט, ווי קאָלאָסאל שווער עס איז אָט די אויפגאבע, אָבער אז מיר גייענ אינ קאמפ, מוזנ מיר וועלנ זיגנ אונ קענענ אָנווײַזנ דעמ ווירקלעכנ וועג צומ זיג. טענדענצנ, וועלכע קאָנענ ברענגענ צו אָט דעמ זיג, זײַנענ זיכער פאראנ. עמעס, אונדזער, דער סאָציאל-דעמאָקראטישער, אײַנפלוס אפ דער פראָלעטארישער מאסע איז נאָכ זייער אונ זייער א קנאפער; די רעוואָליוציאָנערע אויפווירקונג אפ דער מאסע פויערטומ איז ביז גאָר א נישטיקע; די צעזייטקײַט, די ניט-אנטוויקלטקײַט, די פינצטערקײַט פונעמ פראָלעטאריאט אונ באזונדערס פונעמ פויערטומ זײַנענ נאָכ מוירעדיק גרויס. די רעוואָליוציע באהעפט אָבער שנעל אונ קלערט אופ שנעל. יעדער שריט אינ איר אנטוויקלונג וועקט אופ די מאסע אונ ציט זי צו מיט א גוואלדיקער קראפט דאפקע אפ דער זײַט פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראָגראמ, אלס די איינציקע פראָגראמ, וואָס דריקט אויס קאָנסעקווענט אונ פול אירע ווירקלעכע, לײַבלעכ-אייגענע אינטערעסנ.

דער געזעצ פונ מעכאניק זאָגט, אז די ווירקונג איז גלײַכ צו דער קעגנווירקונג. אינ דער געשיכטע איז די צעשטערונגס-קראפט פונ דער רעוואָליוציע אויכ היפש אָפהענגיק פונ דעמ, ווי שטארק אונ דויערנדיק עס איז געשטיקט געוואָרנ די שטרעבונג צו פרײַהײַט, ווי טיפ עס איז דער ווידערשפרוכ צווישנ דעמ פארצײַטיקנ „אויבערבוי“ אונ די לעבעדיקע קויכעס פונ דער הײַנטיקער עפאָכע. אויכ די צווישנפעלקערלעכע פאָליטישע סיטואציע שאפט זיכ אינ א סאכ הינזיכטנ אזא, וואָס איז ביז גאָר גינסטיק פאר דער רוסישער רעוואָליוציע. דער אויפשטאנד פונ די ארבעטער אונ פויערימ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ, ער איז צעברעקלט, סטיכיש, שוואכ, אָבער ער דערווײַזט זיכער אונ אבסאָליוט, אז עס זײַנענ פאראנ קויכעס, וועלכע זײַנענ פעיִק צו פירנ אנ אנטשיידענעמ קאמפ אונ וועלכע גייענ צו אנ אנטשיידענעמ זיג.

וועלנ אָט די קויכעס זײַנ קנאפ, — דאנ וועט דער צאריזמ באווײַזנ צו מאכנ א קאָמפראָמיס, וואָס דאָס גרייטנ שוינ טאקע פונ צוויי עקנ אי די הערנ בוליגינס אי די הערנ סטרוּוועס. דאנ וועט זיכ די זאכ ענדיקנ מיט אנ ארומגעשניטענער קאָנסטיטוציע אָדער אפילע — גאָר אינ ערגסטנ פאל — מיט א פאראָדיע אפ איר. דאָס וועט אויכ זײַנ א „בורזשואזע רעוואָליוציע“, נאָר א מאפעלע, א ניט דערטראָגנ קינד, אנ אנדרויגענעס. די סאָציאל-דעמאָקראטיע שאפט זיכ ניט קיינ איליוזיעס, זי קענ די פארעטערישע נאטור פונ דער בורזשואזיע, זי וועט ניט פארלירנ דעמ מוט אונ וועט ניט פארלאָזנ איר הארטנעקיקע, געדולדיקע, אויסגעהאלטענע ארבעט איבער דער קלאסנ-דערציִונג פונעמ פראָלעטאריאט אפילע אינ די סאמע גראָע וואָכעדיקע טעג פונ די בורזשואז-קאָנסטיטוציאָנעלע „שיפאָווישע“ גליקנ. אזא אויסגאנג וואָלט געווענ מער אָדער ווייניקער ענלעכ אפנ אויסגאנג פונ קימאט אלע דעמאָקראטישע רעוואָליוציעס אינ אייראָפע אינ פארלויפ פונ XIX יאָרהונדערט, אונ אונדזער פארטייִשע אנטוויקלונג וואָלט דאנ אוועק מיט אנ אויסמאטערנדיקער, שווערער, לאנגער, אָבער באקאנטער אונ אויסגעטראָטענער סטעזשקע.

פרעגט זיך איצט, בא וועלכע פון אָט די צוויי מעגלעכע רעזולטאטן וועט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע פאקטיש בלייבן מיט געבונדענע הענט קעגן דער ניט־קאָנסעקווענטער און איינגנוציקער בורזשואזיע? וועט זי פאקטיש „אויסגעלייזט" ווערן אָדער קימאט אויפגעלייזט ווערן אין דער בורזשואזער דעמאָקראטיע?

עס איז גענוג, מע זאָל קלאָר אוועקשטעלן אָט די פראגע, אז מע זאָל קאָנען, גיט פארטראכטנדיק זיך קיין איינ מינוט, גלייך ענטפערן אף איר.

וועט זיך דער בורזשואזיע איינגעבן אראפצורייסן די רוסישע רעוואָליוציע דורך מאכן א פשאָרע מיטן צאריזם, — דאן וועלן בא דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע פאקטיש די הענט טאקע זיין געבונדן קעגן דער ניט־קאָנסעקווענטער בורזשואזיע, — דאן וועט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע אויפגעלייזט ווערן „אין דער בורזשואזער דעמאָקראטיע" — אין דעם זין, וואָס דעם פראָלעטאריאט וועט זיך ניט איינגעבן ארויפצולייגן זיין בוילעטן שטעמפל אף דער רעוואָליוציע, אים וועט זיך ניט איינגעבן אפן פראָלעטארישן שטייגער אָדער, ווי מארקס האָט אמאָל געזאָגט, „אפן פלעביישן שטייגער" אָפצורעכענען זיך מיטן צאריזם.

וועט זיך איינגעבן אַן אנטשיידענער זיג פון דער רעוואָליוציע, — דאן וועלן מיר זיך אָפרעכענען מיטן צאריזם אפן יאקאָבינישן שטייגער, אָדער, אויב איר ווילט, אפן פלעביישן שטייגער. „דער גאנצער פראנצויזישער טעראָריזם — האָט מארקס געשריבן אין דער בארימטער „נייער ריינישער צייטונג" אין 1848 יאָר — איז געווען ניט קיין אנדער זאך, ווי א פלעבייִשער שטייגער פון אָפרעכענען זיך מיט די סאָנים פון דער בורזשואזיע, מיטן אבסאָלוטיזם, מיטן פעאָדאליזם און מיטן באַלעבעסלטום" (זע Marx, Nachlass, מערינגס אויסגאבע, ב. III, ז. 211). צי האָבן וועגן געטראכט וועגן דער באדייטונג פון אָט די מארקס' ווערטער די מענטשן, וועלכע סטראשען די סאָציאַל־דעמאָקראטישע רוסישע ארבעטער מיט דער פאראשידלע פון „יאקאָביניזם" אין דער עפאָכע פון דער דעמאָקראטישער רעוואָ־ליוציע?

די זשיראָנדיסטן פון דער היינטיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, די נייע־איסקראָוועצעס, גיסן זיך ניט צונויף מיט די אָסוואָבאָזשדיענצעס, פאקטיש אָבער, לויטן כאראקטער פון זייערע לאָזונגען, שלעפן זיי זיך נאָך אין עק פון די אָסוואָ־באָזשדיענצעס. די אָסוואָבאָזשדיענצעס ווידער, דה. די פאָרשטייער פון דער ליבעראַ־לער בורזשואזיע, ווילן זיך אָפרעכענען מיט דער זעלבסטהערשונג מילד, אף א רע־פאָרמאטאָרישן שטייגער, — נאָכגיביק, ניט באאוולענדיק די אריסטאָקראטיע, דעם אדל, דעם צארישן הויף, — פאָרזיכטיק, גאָרנישט ניט ברעכנדיק, — ליבנסווירדיק און העפלעך, אפן פריצישן שטייגער, אָנטועגדיק ווייסע הענטשקעס (ווי, אשטייגער, די, וואָס ה' פעטרונקעוויטש האָט אָנגעטאָן פון די הענט פון א באשי־בוזוק ביים דעם אויפנעם פון די „פאָרשטייער פון פאָלק" (?) דורך ניקאָלייַ דעם בלוטיקן, זע „פראָלעטארי" נומ. 5 [1]).

די יאקאָבינער פון דער היינטיקער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, — די באָלשעוויקעס,

---

[1] זע ווערק, ב. VII, ז. 358—361. רעד.

די וופּעריאָדאָווצעס, די סיעזדאָווצעס אָדער די פּראָלעטאַרצעס, איכ ווייס שוינ גאָר ניט ווי צו זאָגנ, — ווילנ מיט זייערע לאָזונגענ אופהייבנ דאָס רעוואָליוציאָנערע אונ רעפּובליקאַנישע קליינבירגערטומ אונ באַזונדערס דאָס פּויערטומ ביז צומ ניוואָ פונעם קאָנסעקווענטנ דעמאָקראַטיזמ פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער היט אײַנ זײַנ פולשטענדיקע קלאַסנ-אָפּגעזונדערטקײַט. זיי ווילנ, אַז דאָס פאָלק, דה. דער פּראָלעטאַריאַט אונ דאָס פּויערטומ, זאָל זיכ אָפּרעכענענ מיט דער מאָנאַרכיע אונ מיט דער אַריסטאָקראַטיע „אַפּנ פּלעבייִשנ שטייגער“, פאַרניכטנדיק אָנ ראַכמאָנעס די סאָנימ פונ פרײַהײַט, דערשטיקנדיק מיט געוואַלט זייער ווידערשטאַנד, ניט מאַכנדיק קיינע שומ האַנאָכעס דער פאַרפלוכטער ירושע פונ לײַבאייגנטומ, אַזיִאַטשינע, פונ איזדיעקעווענ זיכ איבער דעמ מענטשנ.

דאָס הייסט, נאַטירלעכ, ניט, אַז מיר ווילנ דאַפקע נאָכמאַכנ די יאַקאָבינער פונ 1793-טנ יאָר, אַז מיר ווילנ איבערנעמענ זייערע אָנשויונגענ, די פּראָגראַמ, די לאָזונגענ, דעמ האַנדלונגס-מעטאָד. עס הייבט זיכ גאָרניט אָנ. ניט קיינ אַלטע פּראָגראַמ האָבנ מיר, נאָר א נײַע — די פּראָגראַמ מינימומ פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. מיר האָבנ א נײַעמ לאָזונג: רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטומ. מיר וועלנ אויכ האָבנ, אויב מיר וועלנ דערלעבנ ביז דעמ עמעסנ זיג פונ דער רעוואָליוציע, נײַע האַנדלונגס-מעטאָדנ, אַזעלכע, וואָס אַנטשפּרעכנ דעמ כאַראַקטער אונ די צילנ פונ דער פּאַרטיי פונעמ אַרבעטער-קלאַס, וועלכע שטרעבט צו א פולשטענדיקער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. מיט אונדזער פאַרגלײַכ ווילנ מיר נאָר קלאָר מאַכנ, אַז די פאָרשטייער פונעמ פאָרגעשריטענעמ קלאַס פונ XX יאָרהונדערט—די פאָרשטייער פונעמ פּראָלעטאַריאַט, דה. די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, טיילנ זיכ פונקט אַפּ אַזעלכע צוויי פליגלענ (אנ אָפּאָרטוניסטישער אונ א רעוואָליוציאָנערער), אַפּ וועלכע עס האָבנ זיכ אויכ געטיילט די פאָרשטייער פונעמ פאָרגעשריטענעמ קלאַס פונ XVIII יאָרהונדערט — די פאָרשטייער פונ דער בורזשואַזיע, דה. די זשיראָנדיסטנ אונ די יאַקאָבינער.

בלויז אינ דעמ פאַל, ווענ די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע וועט אָפּהאַלטנ א פולשטענדיקנ זיג, וועלנ באַמ פּראָלעטאַריאַט ניט געבונדנ זײַנ די הענט אינעמ קאַמפּ קעגנ דער ניט-קאָנסעקווענטער בורזשואַזיע, בלויז אינ דעמ פאַל וועט ער ניט „אופּגעלייזט“ ווערנ אינ דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, נאָר ער וועט אַרופליינ אַפּ דער גאַנצער רעוואָליוציע זײַנ פּראָלעטאַרישנ אָדער, ריכטיקער, פּראָלעטאַריש-פּויערשנ שטעמפּל.

מיט איינ וואָרט: קעדיי ניט בלײַבנ מיט געבונדענע הענט אינעמ קאַמפּ קעגנ דער ניט-קאָנסעקווענטער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, דאַרפ דער פּראָלעטאַריאַט זײַנ גענוג באַוווסטזיניק אונ שטאַרק, אַז ער זאָל קאָנענ אופהייבנ ביזנ רעוואָליוציאָנערנ זעלבסטבאַוווסטזײַנ דאָס פּויערטומ, אַז ער זאָל קאָנענ אָנפירנ מיטנ אָנדראַנג פונעמ פּויערטומ, אַז ער זאָל אַזויאַרומ קאָנענ זעלבשטענדיק דורכפירנ דעמ קאָנסעקווענט-פּראָלעטאַרישנ דעמאָקראַטיזמ.

אָט ווי עס שטייט די פראַגע וועגנ דער נעפּאַר צו בלײַבנ מיט געבונדענע הענט אינעמ קאַמפּ קעגנ דער ניט-קאָנסעקווענטער בורזשואַזיע, די פראַגע, וואָס די נײַ-

איסקראָווצעס האָבן זי געלייזט אזוי ניט געלונגען. די בורזשואזיע וועט אלעמאָל זיין ניט קאָנסעקווענט. עס איז ניטאָ קיין מער נאַאיווע און מער פּרוכטלאָזע זאַך, ווי די פּרווון אָנצוצייכענען באַדינגונגען אָדער פּונקטן[1], וואָס אז אויב זיי זאָלן אויסגע־פילט ווערן, וואָלט מען געקאָנט האַלטן די בורזשואזע דעמאָקראַטיע פאַר ניט קיין צבועסדיקן פריינט פון פאָלק. א קאָנסעקווענטער קעמפער פאַר דעמאָקראַטיזם קאָן זיין בלויז דער פּראָלעטאַריאַט. א זיגרייכער קעמפער פאַר דעמאָקראַטיזם קאָן ער ווערן נאָר באַם באַדינג, אויב צו זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף וועט זיך אָנשליסן די מאַסע פּויערטום. ווען באַם פּראָלעטאַריאַט דערוף קיין קרעפטן ניט קלעקן, — דאַן וועט די בורזשואזיע זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלו־ציע און וועט איר צוגעבן א ניט קאָנסעקווענטן און איינגנוציקן כאַראַקטער. קעדיי צו שטערן דעריין, איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל, אויסער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַ־טישער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום.

אזויארום קומען מיר צו דעם קלאָרן אויספיר, אז גראָד די ניי־איסקרישע טאַק־טיק איז, לויט איר אָביעקטיווער באַדייטונג, ווי געוווּנטשן פאַר דער בור־זשואזער דעמאָקראַטיע. דאָס פּריידיקן אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשוואָמענקייט, וואָס דערגייט ביז פּלעביסציטן, ביז צום פּרינציפּ פון א פּאַרשטענדיקונג, ביז צו דעם, אז די פּאַרטיי־ליטעראַטור ווערט אָפּגעריסן פון דער פּאַרטיי, — דאָס דערני־דערן די אויפגאַבן פון א באוואָפנטן אויפשטאַנד, — דאָס צונויפמישן די אַלפאָלקישע פּאָליטישע לאָזונגען פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און פון דער מאָנאַר־כיסטישער בורזשואזיע, — דאָס פאַרקריפּלען די באַדינגונגען פאַר דעם „אינטשיי־דענעם זיג פון דער רעוואָלוציע איבער דעם צאַריזם" — דאָס אַלץ צוזאַמען גענו־מען איז טאַקע די פּאָליטיק פון עקיזם אין א רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, א פּאָלי־טיק, וואָס פירט דעם פּראָלעטאַריאַט אראָפּ פון וועג, דעזאָרגאַניזירט אים און ברענגט אריין א מישמאַש אין זיין באַוווסטזיין, דערנידערט די טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָנשטאָט אָנצוווייזן דעם איינציקן וועג צום זיג און באַ־העפטן צום לאָזונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלע רעוואָלוציאָנערע און רעפּובליקאַנישע עלעמענטן פונעם פאָלק.

קעדיי צו באַשטעטיקן אָט דעם אויספיר, צו וועלכן מיר זיינען געקומען אָפּן סמאַך פון אַנאַליזירן די רעזאָלוציע, לאָמיר צוגיין צו דער זעלבער פראַגע פון אַנ־דערע זייטן. לאָמיר זען, ערשטנס, וויאזוי עס איליוסטרירט די ניי־איסקרישע טאַק־טיק א ניט קיין איבערגעשפּיצטער און אָפנהערציקער מענשעוויק אינעם גרוזינישן „סאָציאַל־דעמאָקראַט". לאָמיר זען, צווייטנס, ווער עס באַנוצט זיך פּאַקטיש, אין דער געגעבענער פּאָליטישער סיטואַציע, מיט די לאָזונגען פון דער נייער „איסקרא".

---

[1] ווי דאָס האָט געפּרווווט טאָן סטאַראָווער אין זיין רעזאָלוציע, וואָס דער III צוזאַ־מענפאָר האָט אָפּגעשאַפט, און ווי דאָס פּרווווט טאָן די קאָנפערענץ אין דער ניט ווייניקער אומגעלונגענער רעזאָלוציע.

7. די טאקטיק פונ „באזײַטיקנ פונ דער רעגירונג די קאָנסערוואטאָרנ"

דער אויבנ דערמאָנטער ארטיקל אינעם אָרגאנ פונעם מענשעוויסטישנ טיפליסער „קאָמיטעט" („סאָציאַל-דעמאָקראט" נומ. 1) הייסט „דער זעמסקי סאָבאָר אונ אונזער טאקטיק". דער אווטאָר פונעם ארטיקל האָט נאָכ ניט אינגאנצנ פארגעסנ אונזער פראָגראמ, ער רוקט ארויס דעמ לאָזונג פונ א רעפובליק, וועגנ דער טאקטיק אָבער בקירעט ער זיכ אפ אזא מינ אויפנ:

„צו דערגרייכנ אָט דעמ ציל (די רעפובליק) קאָנ מענ אָנווײַזנ צוויי וועגנ: אָדער גאָר קיינ אכט ניט לייגנ אפ דעמ זעמסקי סאָבאָר, וואָס די רעגירונג האָט צונויפגערופנ, אונ מיט געווער אינ די הענט צעקלאפנ די רעגירונג, אויסבילדנ א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג אונ צונויפרופנ א גרינדונגס-פארזאמלונג. אָדער — דערקלערנ דעמ זעמסקי סאָבאָר אלס צענטער פונ אונדזער האנדלונג, אופווירקנדיק מיט געווער אינ די הענט אפ זײַנ באשטאנד, אפ זײַנ טעטיקײַט, אונ מיט געוואלט צווינגענ אימ צו דערקלערנ זיכ אלס גרינדונגס-פארזאמלונג אָדער דורכ אימ צונויפרופנ א גרינדונגס-פארזאמלונג. די דאָזיקע צוויי טאקטיקעס שיידנ זיכ זייער שארפ אונטער איינע פונ דער צווייטער. איז לאָמיר זענ, וועלכע פונ זיי לוינט אונדז מער".

אָט ווי:אזוי די רוסישע נײַ-איסקראָווצעס פאָרמולירנ די אידייענ, וואָס זײַנענ שפעטער פארקערפערט געוואָרנ אינ דער רעזאָליוציע, וועלכע מיר האָבנ אנאליזירט. דאָס איז געשריבנ, פארגעסט ניט, נאָכ פאר דער מײַסע צוסימע, ווענ דער בוליגינישער „פראָיעקט" איז נאָכ גאָר אפ דער וועלט ניט געווענ. אפילע די ליבעראלנ האָבנ גענומענ פארלירנ דאָס געדולד אונ אויסדריקנ זייער אומצוטרוי אפ די שפאלטנ פונ דער לעגאלער פרעסע, אונ דער סאָציאַל-דעמאָקראט דער נײַ-איסקראָווער, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, איז צוטרוילעכער איידער די ליבעראלנ. ער דערקלערט, אז דער זעמסקי סאָבאָר „ווערט צונויפגערופנ", אונ ער גלייבט אזוי ווײַט דעמ קייסער, אז ער לייגט פאָר צו מאכנ אָט דעמ נאָכ ניט-עקזיסטירנדיקנ זעמסקי סאָבאָר (אונ, עפשער, די „מעלוכע-דומע" אָדער דעמ „געזעצבאראטונג-סאָבאָר"?) אלס צענטער פונ אונדזער האנדלונג. זײַענדיק אָפנהערציקער אונ גראָדליניקער איידער די אווטאָרנ פונ דער רעזאָליוציע, וועלכע איז אָנגענומענ געוואָרנ אפ דער קאָנפערענצ, שטעלט אונדזער טיפליסער ניט קיינ גלײַכצייכנ צווישנ די ביידע „טאקטיקעס" (וועלכע ער פאָרמולירט מיט אויסערסטער נאַיווקײַט), נאָר ער דערקלערט, אז די צווייטע טאקטיק „לוינט מער". הערט אקאָרשט:

„די ערשטע טאקטיק. ווי איר ווייסט, איז די פאָרשטייענדיקע רעוואָליוציע א בורזשואזע רעוואָליוציע, דה. איר ציל איז צו מאכנ אזא ענדערונג אינ דער הײַנטיקער אָרדענונג, וואָס אינ איר (אינ דער ענדערונג) איז פארינטערעסירט ניט בלויז דער פראָלעטאריאט, נאָר אויכ די גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט. אינ אָפאָזיציע צו דער רעגירונג שטייענ אלע קלאסנ, אפילע די קאפיטאליסטנ גופע. דער קעמפנדיקער פראָלעטאריאט אונ די קעמפנדיקע בורזשואזיע גייענ אינ א געוויסנ זינ צוזאמענ אונ פאלנ צוזאמענ אָנ אפ דער זעלבסטהערשונג פונ פארשיידענע זײַטנ. די רעגירונג איז דאָ אינגאנצנ איינזאמ אונ האָט ניט קיינ מיטגעפיל מיצאד דער געזעלשאפט. דעריבער איז זייער לײַכט צו פארניכטנ די רעגירונג. דער גאנצער רוסלענדישער פראָלעטאריאט איז נאָכ ניט אזוי ווײַט באוווסטזיניק אונ אָרגאניזירט, אז ער זאָל אוינער אלוינ קאָנענ מאכנ א רעוואָליוציע. אונ וואָלט ער דאָס יאָ געקאָנט טאָנ, וואָלט

ער געמאכט ניט קײנ בורזשואזע, נאָר א פּראָלעטארישע (א סאָציאליסטישע) רעוואָליוציע. הײסט עס, ס'איז אינ אונדזער אינטערעס, אז די רעגירונג זאָל בלײַבנ אָנ פּארבינדעטע, זי זאָל ניט קאָנענ צעשפּאלטנ די אָפּאָזיציע, זי זאָל ניט באהעפטנ צו זיכ די בורזשואזיע אונ זאָל ניט איבערלאָזנ דעמ פּראָלעטאריאט אנ איזאָלירטנ"...

אלזאָ, אינ די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאריאט איז, אז די צארישע רעגירונג זאָל ניט קאָנענ צעשײדנ די בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט! צי ניט אלפּי טאָעס הײסט דער גרוזינישער אָרגאנ „סאָציאל-דעמאָקראט", אָנשטאָט דעמ, ער זאָל הײסנ „אָסוואָבאָזשדיעניע"? אונ באמערקט נאָר, ס'ארא זעלטענע פילאָסאָפיע וועגנ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע! צי דענ זעענ מיר דאָ ניט באשײַמפּערלעכ, וויאזוי דער בידנער טיפליסער האָט זיכ ענדגילטיק פארפּלאָנטערט דורכ דעמ רעזאָנעריש-עקיסטישנ אויסטײַטשנ דעמ באגריפ: „בורזשואזע רעוואָליוציע"? ער באהאנדלט די פראגע וועגנ דער מעגלעכער איזאָלירטקײט פונעמ פּראָלעטאריאט בײַמ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש, אונ ער פ א ר ג ע ס ט... ער פארגעסט אײנ קלײניקײט... וועגנ דעמ פויערטומ! צווישנ די מעגלעכע פארבינדעטע פונעמ פּראָלעטאריאט קענ ער אונ ס'זײַנענ אימ ליב די זעמצעס די פּריצימ, אונ ער קענ ניט די פויערימ. אונ דאָס איז אינ קאווקאז! זײַנענ מיר דענ ניט געװעכט געװענ, װענ מיר האָבנ געזאָגט, אז די נײַע „איסקרא" לאָזט זיכ מיט אירע בקירעס אראָפּ ביז צו דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע אָנשטאָט אופהײבנ צו זיכ אלס פארבינדעטנ דאָס רעוואָליוציאָנערע פויערטומ?

„...אונ קעגנפאל איז די מאפּאָלע פונעמ פּראָלעטאריאט אונ דער זיג פונ דער רעגירונג אומפארמײַדלעכ. אונ דערצו שטרעבט טאקע די זעלבסטהערשונג. ס'איז קײנ ספּעק ניט, אז אינ איר זעמסקי סאָבאָר וועט זי צוציִענ אפ איר צאד די פאָרשטײער פונעמ אדלטומ, פונ די זעמסטוועס, פונ די שטעט, פונ די אוניווערסיטעטנ אונ ענלעכע בורזשואזע אינסטיטוציעס. זי וועט זיכ טאָרענ צולאשטשענ זײ מיט קלײנע האנאָכעס אונ אזוי ארומ באוועגנ זײ שאָלעמ מאכנ מיט איר. אנ אונטערגעפּעסטיקטע אפ אזא אופנ, וועט זי אלע אירע קלעפּ ריכטנ אפ דעמ אײנזאמ געבליבענעמ ארבעטער-פאָלק. אונדזער פליכט איז — ניט דערלאָזנ צו אזא מינ אומגליקלעכנ סאָפ. צי קאָנ מענ דאָס אָבער טאָנ מיטנ ערשטנ וועג? מאָלט אײַכ אויס, אז מיר האָבנ קײנ שומ אכט ניט געלײגט אפנ זעמסקי סאָבאָר, נאָר מיר האָבנ אלײנ אָנגעהויבנ גרײטנ זיכ צו אנ אופשטאנד אונ אינ אײנ שײנעמ פרימאָרגנ זײַנענ מיר באוואָפנטע ארויס אפ דער גאס צומ קאמפ. אונ דאָ דערזעענ מיר פאר זיכ ניט אײנ סוינע, נאָר צוויי: די רעגירונג אונ דעמ זעמסקי סאָבאָר. אינ דער צײַט, ווענ מיר האָבנ זיכ געגרײט, האָבנ זײ באוויזנ צונויפצורײדנ זיכ, שליסנ א פארשטענדיקונג צווישנ זיכ, אויסארבעטנ א גינסטיקע פאר זײ קאָנסטיטוציע אונ האָבנ צווישנ זיכ צעטײלט די מאכט. דאָס איז א טאקטיק, וואָס לוינט בעפּיירעש דער רעגירונג, אונ מיר מוזנ מיט דער גאנצער ענערגיע אָפּזאָגנ זיכ פונ אזא טאקטיק"...

אָט דאָס זײַנענ קלאָרע דיבורימ! מע מוז זיכ אנטשײדנ אָפּזאָגנ פונ דער „טאקטיק" פונ צוגרײטנ אנ אופשטאנד, ווײַל „אינ דער צײַט" וועט די רעגירונג מאכנ א פּשאָרע מיט דער בורזשואזיע! צי איז דענ צו געפינענ אינ דער אלטער ליטעראטור פונעמ סאמע פארביסענעמ „עקאָנאָמיזמ" כאָטש עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זײַנ ענלעכ צו אזא מינ שענדונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע? די אופשטאנדנ אונ אופברויזנ פונ די ארבעטער אונ פויערימ, וואָס קומענ פאָר אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט, — זײַנענ א פאקט. דער זעמסקי סאָבאָר — איז א בוליגינישע האפ-

טאָכע. אונ דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט" פונ דער שטאָט טיפליס באַשליסט: אָפּזאָגנ זיכ פונ דער טאַקטיק צו גרייטנ אנ אויפשטאנד אונ וואַרטנ אפ אנ „אויפווירקונגס-צענטער" — אפנ זעמסקי סאָבאָר...

„...די צווייטע טאַקטיק באַשטייט, פאַרקערט, דערינ, מע זאָל אוועקשטעלנ דעמ זעמסקי סאָבאָר אונטער אונדזער אויפזיכט, ניט געבנ אימ קיינ מעגלעכקייט צו האַנדלענ לויט זיינ ווילנ אונ צו שליסנ א פאַרשטענדיקונג מיט דער רעגירונג[1].

מיר שטיצנ דעמ זעמסקי סאָבאָר אפ אַזויפיל, אפ וויפל ער קעמפט קעגנ דער זעלבסט-הערשונג, אונ מיר קעמפנ קעגנ אימ אינ יענע פאַלנ, ווענ ער מאַכט שאָלעמ מיט דער זעלבסטהערשונג. דורכ אנ ענערגישער אריינמישונג אונ דורכ קראַפט ברענגענ מיר אריינ א צעשפאַלטונג צווישנ די דעפּוטאַטנ[2], די ראַדיקאַלנ באַהעפטנ מיר צו זיכ, די קאָנסערוואַ-טאָרנ באַזייטיקנ מיר פונ דער רעגירונג אונ אַזויאַרומ שטעלנ מיר אוועק דעמ גאַנצנ זעמסקי סאָבאָר אפ א רעוואָליוציאָנערנ וועג. אַדאַנק אַזא מינ טאַקטיק וועט די רעגירונג קעסיידער בלייבנ איינזאַמ, די אָפּאָזיציע — שטאַרק, אונ דערמיט וועט לייכטער ווערנ איינ-צופירנ א דעמאָקראַטישע אָרדענונג".

נו, יאָ! זאָל מענ אצינד זאָגנ, אַז מיר זיינענ מעגאַזועט דעמ קער פונ די נייע-איסקראָווצעס צומ וווּלגאַרסטנ מינ עקאָנאָמיזמ. דאָס איז דאָכ שוינ מאַמעש ענלעכ צו דעמ באַרימטנ פראָשעק קעגנ פליגנ: כאַפּנ די פליג, באַשיטנ זי, וועט זי פייגערנ. אריינברענגענ דורכ קראַפט א צעשפאַלטונג צווישנ די דעפּוטאַטנ פונעמ זעמסקי סאָבאָר, „באַזייטיקנ פונ דער רעגירונג די קאָנסערוואַטאָרנ" — אונ דער גאַנצער זעמסקי סאָבאָר וועט זיכ שטעלנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ וועג... אָנ קיינ שומ „יאַקאָבינישנ" באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, נאָר אַזוי זיכ, לייטיש, קימאַט פאַרלאַ-מענטאַריש, „אויפווירקנדיק" אפ די מיטגלידער פונעמ זעמסקי סאָבאָר.

אָרעמ רוסלאַנד! אַמאָל פלעגט מענ זאָגנ, אַז רוסלאַנד טראָגט שטענדיק אַלט-מאָדישע היטלעכ, אַזעלכע, וואָס אייראָפּע האָט שוינ אַרויסגעוואָרפנ. קיינ פאַרלאַ-מענט איז נאָכ בא אונדז ניטאָ, אפילע בולעגינ האָט דאָס נאָכ ניט צוגעזאָגט, אונ פאַרלאַמענטישער קרעטיניזמ — וויפל איר ווילט.

„...וויאַזוי דאַרפ פאָרקומענ די דאָזיקע אריינמישונג? קודעמקאָל וועלנ מיר פאָ-דערנ, אַז דער זעמסקי סאָבאָר זאָל צונויפגערופנ ווערנ דורכ אַלגעמיינעמ, גלייכנ, דירעקטנ וואַלרעכט מיט א געהיימענ אָפּגעבנ די שטימענ. צוזאַמענ מיטנ פאַרעפנטלעכנ[3] אַזא מינ אָר-דענונג פונ די וואַלנ דאַרפ פאַרגעזעצלעכט ווערנ[4] די פולשטענדיקע פרייהייט פונ פאָרוואַל-אַגיטאַציע, ד.ה. די פרייהייט פונ פאַרזאַמלונגענ, פונ וואָרט, פונ פרעסע, די אומבאַרירלעכקייט פונ די וויילער אונ פונ די קאַנדידאַטנ אונ עס דאַרפנ באַפרייט ווערנ אַלע פּאָליטישע פאַרברעכער. די וואַלנ גופע דאַרפנ באַשטימט ווערנ וואָס שפּעטער, קעדיי מיר זאָלנ האָבנ גענוג צייט צו באַקענענ אונ צוגרייטנ דאָס פאָלק. אונ אַזוי ווי אויסאַרבעטנ די קלאָליעמ פונ צונויפרופנ דעמ סאָבאָר איז איבערגעגעבנ געוואָרנ א קאָמיסיע פונעמ אינערנ-מיניס-

[1] וואָס זשע פאַר א מיטל איז פאַראַנ דערצו, אַז מע זאָל קאָנענ אָפּנעמענ בא די זעמצעס זייער ווילנ? צי ניט עפּעס א מינ ספּעציעל לאַקמוס-פּאַפּירל?

[2] טאַטע-פּאָטער! אָט דאָס איז זי, די „פאַרטיפטע" טאַקטיק! שלאָגנ זיכ אפנ גאַס איז קיינ קראַפט ניטאָ, אונ „אריינברענגענ א צעשפאַלטונג צווישנ די דעפּוטאַטנ" קאָנ מענ „דורכ קראַפט". הערט נאָר, כאַווער פונ טיפליס, לייגנ מעג מענ, אָבער עס דאַרפ דאָכ האָבנ א שיר...

[3] אינ דער „איסקראַ"?

[4] דורכ ניקאָלייענ?

טער בוליגינ, דארפנ מיר אופווירקנ אויכ אפ אט דער קאמיסיע אונ אפ אירע מיטגלידער[1]. אויב די בוליגינישע קאמיסיע וועט זיכ אפזאגנ צו באפרידיקנ אונדזערע פאדערונגענ[2], אונ דאס רעכט אויסצוווילנ דעפוטאטנ וועט זי געבנ נאר די פארמעגלעכע, דאנ דארפנ מיר זיכ ארײַנמישנ אינ די דאזיקע וואלנ אונ אפ א רעוואליוציאנערנ אופנ צווינגענ די ווילער אויסצווילנ פארגעשריטענע קאנדידאטנ אונ אינ זעמסקי סאבאר פאדערנ א גרינדונגס-פארזאמלונג. צולעצט, דורכ קאלערליי מיטלענ: דורכ דעמאנסטראציעס, שטרײַקנ אונ, וועט מענ דארפנ, דורכ אנ אופשטאנד צווינגענ דעמ זעמסקי סאבאר צונויפצורופנ א גרינדונגס-פארזאמלונג אדער דערקלערנ זיכ זעלבסט אלס גרינדונגס-פארזאמלונג. דער פארטיידיקער פונ דער גרינדונגס-פארזאמלונג דארפ זײַנ דער באוואפנטער פראלעטאריאט, אונ ביידע צוזאמענ[3] וועלנ גייענ צו דער דעמאקראטישער רעפובליק.

אט דאס איז די סאציאל-דעמאקראטישע טאקטיק, אונ נאר זי וועט אונדז זיכערנ דעמ זיג".

זאל דער לייענער ניט מיינענ, אז אט די גאנצע אומגעהייערע פלוידערײַ איז פאשעט א פעדער-פראבע פונ עפעס אנ אומפאראנטווארטלעכנ אונ ניט-אײַנפלוסרײַכנ נײַ-איסקראווער. ניינ, דאס ווערט געדרעדט אינ אנ ארגאנ פונ א גאנצנ קאמיטעט פונ די נײַ-איסקראוועס, פונעמ טיפליסער קאמיטעט. נאכ מער. אט די פלוידערײַ איז דירעקט באווײַליקט פונ דער „איסקרא", וואס אינ איר נומער הונדערט לייענענ מיר וועגנ אט דעמ „סאציאל-דעמאקראט" אזוי:

„לעבעדיק אונ טאלאנטפול איז רעדאגירט דער ערשטער נומער. עס פילט זיכ א דערפארענע, געניטע האנט פונ א רעדאקטאר א שרײַבער... מע קאנ מיט זיכערקײַט זאגנ, אז די צײַטונג וועט גלענצנדיק אויספילנ די אופגאבע, וואס זי האט פאר זיכ געשטעלט".

יא! אויב די דאזיקע אופגאבע באשטייט דערינ, אז מע זאל פאר אלעמענ אונ פאר יעדערנ אנשווילעכ באווײַזנ די פולשטענדיקע אידייִשע דעמאראליזירונג פונעמ נײַ-איסקריזמ, דאנ איז זי אויסגעפילט ווירקלעכ „גלענצנדיק". מער „לעבעדיק, טאלאנטפול אונ געניט" אויסדריקנ דעמ פאקט, אז די נײַ-איסקראוועס האבנ זיכ אראפגעלאזט צומ ליבעראל-בורזשואזנ אפארטוניזמ, — דאס וואלט קיינער ניט געקענט.

8. דער אסוואבאזשדיעניזמ אונ דער נײַ-איסקריזמ

אציגד לאמיר אריבערגייג צו אנ אנדער פאקט, וואס באשטעטיקט אנשוילעכ די פאליטישע באדײַטונג פונעמ נײַ-איסקריזמ.

אינ א מערקווירדיקנ, אויסגעצייכנטנ, העכסט באלערעוודיקנ ארטיקל „ווי געפינט מענ זיכ" („אסוואבאזשדיעניע" נומ. 71) גייט ה' סטרווע מילכאמע האלטנ קעגנ דעמ „פראגראמאטישנ רעוואליוציאניזמ" פונ אונדזערע עקסטרעמע פארטייענ. פער-

[1] אט וואס עס באטײַט די טאקטיק: „באזײַטיקנ פונ דער רעגירונג די קאנסערוואטארנ"!

[2] דאס קאנ גאר ניט געמאלט זײַנ בא אזא מינ ריכטיקער אונ טיפזיניקער טאקטיק פונ אונדזער זײַט!

[3] אי דער באוואפנטער פראלעטאריאט אי די קאנסערוואטארנ, וואס זײַנענ „באזײַטיקט פונ דער רעגירונג"?

זענלעכ מיט מיר איז ה' סטרוווע באזונדערס גיט צופרידנ[1]. וואָס איז שײַעכ מיר, בינ איכ ביז גאָר צופרידנ מיטנ ה' סטרוווע: קײנ בעסערנ פאַרבינדעטנ אינ קאמפ קעגנ דעמ ווידער אופלעבנדיקנ עקאָנאָמיזמ פונ די נײַ־איסקראָוצעס אונ קעגנ דער פולשטענדיקער פרינציפלאָזיקײַט פונ די „סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ" וואָלט איכ זיכ גאָר ניט געקאָנט ווינטשנ. ווי־ארומ דער ה' סטרוווע אונ די „אָסוואָבאָזש־דיעניע" האָבנ פראַקטיש דערוויזנ די גאנצע רעאקציאָנערישקײַט פונ די „אויסבעסע־רונגענ" צומ מארקסיזמ, וואָס זײַנענ געמאכט געוואָרנ אינעמ פראָיעקט פונ דער פראָגראַמ פונ די סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ, — וועגנ דעמ וועלנ מיר ווי־ניט־איז א שמועס טאָנ אנ אנדערשמאָל. וויאַזוי דער ה' סטרוווע פלעגט יעדעס מאָל, ווענ ער פלעגט *פרינציפיעל* באוויליקנ די נײַ־איסקראָוצעס, טאָנ מיר א זיכע־רע, ערלעכע אונ עמעסע טויווע, — וועגנ דעמ האָבנ מיר שוינ גערעדט ניט אײנ מאָל[2] אונ מיר וועלנ איצט זאָגנ נאָכאמאָל.

---

[1] „איכ פאַרגלײַכ מיטנ רעוואָליוציאָניזמ פונ די הערנ לעניג אונ זײַנע כאַווײרימ, איז דער רעוואָליוציאָניזמ פונ דער מײַרעוו־אייראָפעיִשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פונ בעבעלנ אונ אפילע פונ קאַוטסקינ — אָפּאָרטוניזמ, אָבער די יעסוידעס אפילע פונ אָט דעמ, שוינ געלינ־דערטנ, רעוואָליוציאָניזמ זײַנענ אונטערגעשווענקט אונ צעשווענקט דורכ דער געשיכטע". אנ ארויסטרעטונג זייער א בייזע. אומזיסט נאָר מיינט ה' סטרוווע, אז אפ מיר קאָנ מענ אויס־טראַכטנ אַלצ, פונקט ווי אפ א טויטנ. ס'איז גענוג נאָר, איכ זאָל מאכנ דעמ ה' סטרוווע אנ ארויסרופ, וועלכנ ער וועט קיינמאָל ניט זײַנ אימשטאַנד אָנצונעמענ. ווו אונ ווענ האָב איכ דעמ רעוואָליוציאָניזמ פונ בעבעלנ אונ קאַוטסקינ אָנגערופנ „אָפּאָרטוניזמ"? ווו אונ ווענ האָב איכ פרעטענדירט צו שאפנ א וועלכע־ניט־איז ספעציעלע ריכטונג אינ דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, א ריכטונג, וואָס זאָל זײַנ ניט *אידענטיש* צו דער ריכטונג פונ בעבעלנ אונ קאַוטסקינ? ווו אונ ווענ זײַנענ ארויסגעטראָטנ אפ דער ליכטיקער שײַנ מיינונגס־פאַרשיידנהײַטנ צווישנ מיר, פונ איינ זײַט, אונ בעבעלנ מיט קאַוטסקינ, פונ דער אנדערער, — מיינונגס־פאַרשיידנהײַטנ, וואָס זאָלנ לויט דער ערנסטקײַט זייערער כאָטש וויפל־ס'ניט־איז נאָענט זײַנ צו די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטנ צווישנ בעבעלנ מיט קאַוטסקינ, לעמאָשל, איבער דער אגראַר־פראַגע אינ ברעסלוי? זאָל אקאָרשט ה' סטרוווע פרוווּנ ענטפערנ אפ אָט די דרײַ פראַגנ.

אונ די לייענער וועלנ מיר זאָגנ. די ליבעראַלע בורזשואַזיע לאָזט *אומעטום* אונ *שטענדיק* אינ גאנג אזא מיטל: פאַרזיכערנ אירע מיינונגס־קאָלעגנ אינ דעמ געגעבענעמ לאַנד, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פונעמ געגעבענעמ לאַנד זײַנענ זייער ניט קײנ געשטעלטע, אָבער די כאַווײרימ זייערע אינ דער שכייניסדיקער מעלוכע זײַנענ „וווילינקע יינגעלעכ". די דײַטשישע בורזשואַזיע האָט *הונדערטער מאָל* פאַרגעליוגט די בעבעלס אונ די קאַוט־סקיס, זיי זאָלנ זיכ אראָפנעמענ א מוסער פונ די „וווילינקע יינגעלעכ" די פראַנצויזישע סאָציאַליסטנ. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט גאָר ניט לאַנג פאַרגעליוגט די פראַנצוי־זישע סאָציאַליסטנ, זיי זאָלנ אראָפנעמענ א מוסער פונעמ „וווילינקנ יינגעלע" בעבעל. אנ אלטער מעטאָד, ה' סטרוווע! בלויז קינדער אונ אמעראַצימ וועט איר פאַקנ אפ אָט דער ווענטקע. די פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אינ אלע גרויסע פראַגנ פונ פראָגראַמ אונ טאַקטיק איז א פאַקט, וואָס מע קאָנ אימ בעשומויפנ ניט באַשטרײַטנ.

[2] מיר וועלנ דערמאָנענ דעמ לייענער, אז דעמ ארטיקל (פלעכאַנאָווס. רעד.) „וואָס דאַרפ מענ ניט טאָנ?" („איסקרא" נומ. 52) האָט די „אָסוואָבאָזשדיעניע" באַגריסט מיט א טומל אונ מיט א טראַסק אונ אָנגערופנ אימ „באַטײַטפולער קער" צו נאָכגיביקײַט בענעגיִוע די אָפּאָרטוניסטנ. די פרינציפיעלע טענדענצנ פונעמ נײַ־איסקריזמ האָט די „אָסוואָבאָזשדיעניע"

אינ ה' סטרוּוועס ארטיקל איז פאראנ א גאנצע ריי העכסט אינטערעסאנטע דערקלערונגענ, וועלכע מיר קאָנענ דאָ פארצייכענענ נאָר דערבאגענוו. ער קלייבט זיכ צו „שאפנ א רוסישע דעמאָקראטיע, שטיצנדיק זיכ ניט אפנ קאמפ, נאָר אפ דער מיטארבעט פונ די קלאסנ", דערביי וועט די „סאָציאַל=פריווילעגירטע אינטעליגענצ" (אשטייגער, ווי דאָס „קולטורעלע אדלטום", וואָס פאר זיי מאכט דער ה' סטרוּווע רעוועראנסנ מיט דער גראציעזקייט פונ אנ עכט=גאלאנטנ... לאקיי) ברענגענ אינ אָט דער „ניט=קלאסעווער" פארטיי די וואָג פונ איר „סאָציאַלער לאגע" (די וואָג פונעמ געלט=זאק). ה' סטרוּווע דריקט אויס דעמ ווונטש אופצוקלערנ דער יוגנט, אז עס טויג ניט דער „ראדיקאלער טראפאַרעט" וועגנ דעמ, אז די בורזשואזיע האָט זיכ דערשראָקנ אונ האָט פארקויפט דעמ פראָלעטאריאט אונ די פרייהייט=זאכ" (פונ גאנצנ הארצנ באגריסנ מיר אָט דעמ ווונטש. קיינ שומ זאכ וועט אזוי ניט באשטעטיקנ אָט דעמ מארקסיסטישנ „טראפאַרעט", ווי דעמ ה' סטרוּוועס מילכאָמע קעגנ אימ. ביטע, ה' סטרוּווע, לייגט ניט אָפ אינ דער לאנגער באנק אייער אויסגעצייכנטנ פלאנ!).

פאר אונדזער טעמע איז אונדז וויכטיק צו פארצייכענענ, קעגנ וואָסערע פּראַקטישע לאָזונגענ האלט איצט מילכאָמע אזא פּאָליטיש=פילבארער פאָרשטייער פונ דער רוסישער בורזשואזיע, וועלכער רעאגירט אפ דער מינדסטער וועטער=ענדערונג. ערשטנס, קעגנ דעמ לאָזונג פונ רעפּובליקאניזמ. ה' סטרוּווע איז פעסט איבערצייגט, אז דער דאָזיקער לאָזונג איז „אומפארשטענדלעכ אונ פרעמד דער פאָלקס=מאסע" (ער פארגעסט צוצוגעבנ: יאָ פארשטענדלעכ, נאָר ער לוינט ניט דער בורזשואזיע!). מיר וואָלטנ געוואָלט זענ, וואָס פאר אנ ענטפער וואָלט ה' סטרוּווע באקומענ פונ די ארבעטער אינ אונדזערע קרייזלעכ אונ אפ אונדזערע מאסאָווקעס! צי עפּשער זיינענ די ארבעטער ניט דאָס פאָלק? אונ די פויערימ? בא זיי איז פאראנ, לויט ה' סטרוּוועס ווערטער, א „נאַיווער רעפּובליקאניזמ" („דורכטרייבנ דעמ קייסער"), — נאָר די ליבעראלע בורזשואזיע גלייבט, אז אָנשטאָט דעמ נאַיווינ רעפּובליקאניזמ וועט קומענ ניט קיינ באוווּסטזיניקער רעפּובליקאניזמ, נאָר באוווּסטזיניקער מאָנארכיזמ! Ça dépend, ה' סטרוּווע, דאָס איז נאָכ אָפּהענגיק פונ די אומשטענדנ. אי דער צאריזמ אי די בורזשואזיע קאָנענ ניט ניט קעגנווירקנ דער ראדיקאלער פארבעסערונג פונ דער לאגע פונ די פויערימ אפנ כעזשבנ פונ דער פריצישער ערד, דער ארבעטער=קלאס ווידער קאָנ ניט ניט מיטווירקנ דעריינ דעמ פויערטומ.

צווייטנס, ה' סטרוּווע טיינעט, אז „אינ א בירגערקריג וועט זיכ שטענדיק ארויסווייזנ, אז דער אָנפאלער איז ניט גערעכט". אָט די אידיי דערנעענטערט זיכ הארט

ספעציעל באוויליקט אינ א נאָטיצ וועגנ דער שפּאלטונג צווישנ די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראטנ. מיקויעכ טראָצקיס בראָשור „אונדזערע פּאָליטישע אופגאבנ" האָט די „אָסוואָבאָזשדיעניע" אָנגעוויזנ, אז די אידייענ פונ אָט דעמ אווטאָר זיינענ פונ דעמ זעלבנ כאראקטער, ווי דאָס, וואָס עס האָבנ אמאָל געשריבנ אונ גערעדט די ראבאָטשעדיעלצעס קריטשעווסקי, מארטינאָוו, אקימאָוו (זע דאָס בלעטל „א דינסטגרייטער ליבעראל", אויסג. פונ „וופּעריאָד"). מארטינאָווס בראָשור וועגנ צוויי דיקטאטורנ האָט די „אָסוואָבאָזשדיעניע" באגריסט (פרג. די נאָטיצ אינ „וופּעריאָד" נומ. 9). ענדלעכ, סטאראָווערס פארשפּעטיקטע טיינעס מיקויעכ דעמ אלטנ לאָזונג פונ דער אלטער „איסקרא": „פריער זיכ פאנאנדערגרענעצנ, דערנאָכ זיכ פאראייניקנ" האָט די „אָסוואָבאָזשדיעניע" אופגענומענ מיט א באזונדערנ מיטגעפיל.

צו די אויבנ באוויזענע טענדענצנ פונעמ נײַ-איסקריזמ. מיר וועלנ, פארשטייט זיכ, ניט זאָגנ, אז אינ א בירגערקריג זאָל *שטענדיק* לוינענ אָנצופאלנ; נײנ, צומאָל איז א פארטיידיקונגס-טאקטיק אפ א *געוויסער* צײַט אָבליגאטאָריש. ארויסשטעלנ אָבער אזא מינ האנאָכע, ווי דעמ ה' סטרוווע, בענגייע צו רוסלאנד פונ 1905 יאָר, הייסט גראָד באווײַזנ א שטיקעלע „ראדיקאלנ טראפארעט“ („די בורזשואזיע שרעקט זיכ אונ פארקויפט די פרײַהייט-זאכ“). דער וואָס וויל אציינד ניט אָנפאלנ אפ דער זעלבסטהערשונג, אפ דער רעאקציע, דער וואָס גרייט זיכ ניט צו אָט דעמ אָנפאל, דער וואָס פריידיקט אימ ניט, — דער נעמט אומזיסט אָנ דעמ נאָמענ אָנהענגער פונ דער רעוואָליוציע.

ה' סטרוווע פארורטיילט די לאָזונגענ: „קאָנספיראציע“ אונ „בונט“ (אָט דעמ „אופשטאנד אינ מיניאטור“). ה' סטרוווע פאראכטעט סײַ דאָס סײַ יענצ — פונעמ שטאנדפונקט פונ „צוטריט צו די מאסנ“! מיר וואָלטנ געפרעגט באמ ה' סטרוווע, צי וועט ער אָנווײַזנ פריידיקונג פונ בונט, צומ בײַשפיל, אינ אזא מינ ווערק פונ דעמ גוואלדיקנ, לויט זײַנ מיינונג, רעוואָליוציאָנאריסט, ווי „וואָס דארפ מענ טאָנ?“. אונ וואָס איז שײַעכ „קאָנספיראציע“, איז דענ גרויס דער כילעק, צומ בײַשפיל, צווישנ אונדז אונ דעמ ה' סטרוווע? ארבעטנ מיר דענ ניט ביידע אינ אנ „אומלעגאלער“ צײַטונג, וואָס ווערט „קאָנספיראטיוו“ טראנספאָרטירט קיינ רוסלאנד אונ וואָס דינט די „געהיימע“ גרופעס פונ „סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניא“ אָדער פונ דער ר. ס.-ד. א.-פ.? אונדזערע ארבעטער-מאסאָווקעס זײַנענ אָפט „קאָנספיראטיווע“, — דאָ זײַנענ מיר אוואדע זינדיק. אונ די פארזאמלונגענ פונ די הערנ אָסוואָבאָזשדיענצעס? צי האָט איר מיט וואָס איבערצונעמענ זיכ, ה' סטרוווע, לעגאבע די פאראכטע אָנהענגער פונ דער פאראכטער קאָנספיראציע?

עמעס, ביז גאָר טיפע קאָנספיראציע פאָדערט זיכ באמ צושטעלנ געווער פאר די ארבעטער. אָט דאָ טרעט שוינ ה' סטרוווע ארויס אָפענער. הערט זיכ נאָר אײַנ: „וואָס אָנבאלאנגט א באוואָפנטנ אופשטאנד אָדער א רעוואָליוציע אינ טעכנישנ זינ, איז בלויז די מאסנ-פראָפאגאנדע פונ א דעמאָקראטישער פראָגראמ קאָנ שאפנ די סאָציאל-פסיכישע באדינגונגענ פאר אנ אלגעמיינעמ באוואָפנטנ אופשטאנד. אזויארומ איז אפילע פונ דעמ שטאנדפונקט, וואָס איכ בינ מיט אימ ניט מסכימ, פונ שטאנדפונקט, וואָס האלט דעמ באוואָפנטנ אופשטאנד פאר אנ *אומפארמײַדלעכער* באקרוינונג פונעמ הײַנטיקנ קאמפ פאר באפרײַונג, — באשטייט די סאמע גרינטלעכע, די סאמע נייטיקע ארבעט דערינ, מע זאָל אײַנפלאנצנ אינ די מאסנ די אידייענ פונ דער דעמאָקראטישער איבערגעשטאלטונג“.

דער ה' סטרוווע סטארעט זיכ ארויסצודרייענ פונ דער פראגע. ער רעדט וועגנ דער אומפארמײַדלעכקײַט פונ אנ אופשטאנד אָנשטאָט צו ריידנ וועגנ דער נויטווענדיקײַט פונעמ אופשטאנד צוליבנ זיג פונ דער רעוואָליוציע. אנ אופשטאנד, — ניט קיינ צוגעגרייטער, א סטיכישער, א צעשפליטערטער, — האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ. גאראנטירנ אפ זיכער, אז ער וועט דערגיינ ביז צו א פארגאנצטנ אונ דורכויסיקנ באוואָפנטנ פאָלקס-אופשטאנד, — דאָס וועט קיינער ניט זײַנ אימשטאנד, ווײַל דאָס איז אָפהענגיק אי פונעמ צושטאנד פונ די רעוואָליוציאָנערע קויכעס (וואָס פולשטענדיק קאָנענ זיי אויסגעמאָסטנ ווערנ נאָר אינעמ קאמפ גופע), אי פונ דער או-

פירונג פון דער רעגירונג און פון דער בורזשואזיע, אי פון א ריי אנדערע אומשטענדן, וואָס דיסקאָנטירן זיי פּינקטלעך איז אומעגלעך. ריידן וועגן אומפארמײַדלעכקײַט, — אין זין פון דער אבסאָליוטער זיכערקײַט אין דער קאָנקרעטער געשעעניש, וואָס דערוף פירט אריבער דעם געשפרעך דער ה' סטרוווע, — איז אינגאנצן אן איבעריקע זאך. ריידן דארף מען, אויב איר ווילט זײַן אן אָנהענגער פון דער רעוואָליוציע, וועגן דעם, צי ס'איז נ ײ ט י ק אן אופשטאנד צ ו ל י ב ן ז י ן פון דער רעוואָליוציע, צי איז נייטיק אקטיוו ארויסצורוקן אים, פריידיקן, גרייטן אומגעזאמט און ענערגיש. ה' סטרוווע קאָן ניט ניט פארשטיין אָט דעם כילעק: ער פרווט דאָך ניט לאָזן אין שאָטן, צום בײַשפּיל, די פראגע וועגן דער נויטווענדיקײַט פון אלגעמיינעם וואלרעכט, — א פראגע, וואָס רופט בא א דעמאָקראט קיין שום שטרײַט ניט ארויס, — און אָנשטאָט איר ארויסרוקן אין פאָדערגרונט די פראגע וועגן דער אומפארמײַדלעכקײַט צו דערווערבן אלגעמיינעם וואלרעכט אין פארלויף פון דער געגעבענער רעוואָליוציע, — א פראגע, וואָס רופט בא א פּאָליטישן טוער יאָ ארויס א שטרײַט און איז פאר אים ניט אקטועל. ארויסדרייענדיק זיך פון דער פראגע וועגן דער נויטווענדיקײַט פון אן אופשטאנד, דריקט דערמיט ה' סטרוווע אויס דעם סאמע טיף באהאלטענעם מיין פון דער פּאָליטישער פּאָזיציע פון דער ליבעראלער בורזשואזיע. די בורזשואזיע האלט, ערשטנס, פאר גלײַכער דורכצוקומען מיט דער זעלבסטהערשונג איידער צו דערשטיקן זי; יעדנפאלס, דעם קאמף מיט געווער אין די הענט וואַרפט די בורזשואזיע ארוף אף די ארבעטער (דאָס איז צווייטנס). אָט וואָס פאר א ר ע א ל ע באדײַטונג עס האָט דעם ה' סטרוועס ארויכדרייען זיך. אָט פארוואָס ער ק ר י כ ט א פ צ ו ר י ק פון דער פראגע וועגן דער נויטווענדיקײַט פון אן אופשטאנד צו דער פראגע וועגן די „סאָציאל־פּסיכישע" באדינגונגען פונעם אופשטאנד, וועגן פאָרלויפיקער „פראָפּאגאנדע". פונקט אזוי, ווי די בורזשואזע פלוידערזעק אינעם פראנקפורטער פארלאמענט פון 1848־טן יאָר האָבן זיך באשעפטיקט מיט פארפאסן רעזאָליוציעס, דעקלאראציעס, באשלוסן, מיט „מאסן־פּראָפּאגאנדע" און מיט צוגרייטן „סאָציאל־פּסיכישע באדינגונגען" אין אזא צײַט, ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן געבן א ווידערשטאנד דער באוואָפנטער קראפט פון דער רעגירונג, ווען די באוועגונג „האָט געבראכט צו דער נויטווענדיקײַט" פון א באוואָפנטן קאמף, ווען די בלויזע וואָרט־אופווירקונג (וואָס איז הונדערט מאָל נייטיק אינעם צוגרייטונגס־פּעריאָד) איז פארוואנדלט געוואָרן אין באנאלער, בורזשואזער אומטעטיקײַט און פאכדאָנעס, — פונקט אזוי טוט דער ה' סטרוווע: ער דרייט זיך ארויס פון דער פראגע וועגן אופשטאנד און דעקט זיך צו מיט פ ר א ז ן. ה' סטרוווע באווײַזט אונדז אָנשוילעך דאָס, וואָס עס זענען ניט אקשאָנעסדיק א סאך סאָציאל־דעמאָקראטן, נעמלעך: פון געוויינלעכע, וואָכעדיקע, צוגרייטנדיקע היסטאָרישע מאָמענטן שיידט זיך דער רעוואָליוציאָנערער מאָמענט אונטער טאקע דערמיט, וואָס די שטימונג, די אופברויזונג, די איבערצײַגונג פון די מאסן דארפן זיך אנטפּלעקן און אנטפּלעקן זיך אין ט א ט.

דער וולגארער רעוואָליוציאָנאריזם פארשטייט ניט, אז וואָרט איז אויך טאט; אָט די האנאָכע איז אן אבסאָליוט ריכטיקע אין דער אָנווענדונג צו געשיכטע ב י כ ל א ל אָדער צו אזוינע עפּאָכעס פון דער געשיכטע, ווען קיין אָפענע פּאָליטישע

ארויסטרעטונג פונ די מאסנ איז ניטאָ, און קיינע שום פוטשנ וועלנ זי ניט פאר=
בײַטנ און קינסטלעכ ניט ארויסרופנ. דער עקיזמ פונ די רעוואָליוציאָנערנ פארשטײ=
ניט, אז ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דער רעוואָליוציאָנערער מאָמענט, ווענ דער אל=
טער „אויבערבוי“ האָט געפּלאַצט אינ אַלע נעט, ווענ די אָפענע פּאָליטישע ארויס=
טרעטונג פונ די קלאסנ און פונ די מאסנ, וואָס שאפנ פאר זיכ א נײַעמ אויבערבוי,
איז געוואָרנ א פאקט, ווענ דער בירגערקריג האָט זיכ אָנגעהויבנ, — אינ אזא צײַט
באגרענעצנ זיכ ווי פריער מיטנ „וואָרט“, ניט געבנדיק קיינ דירעקטנ לאָ=
זונג אריבערצוגײנ צו „טאט“, אינ אזא צײַט אָפּשאָקלענ זיכ פונ טאט דורכ פא=
רופנ זיכ אפ די „פּסיכישע באדינגונגענ“ און אפ „פּראָפּאגאנדע“ ביכלאל הייסט
לעבנסלאָזיקײַט, טויטקײַט, רעזאָניאָרערײַ, אָדער גאָר א פאראט קעגנ דער רעוואָ=
ליוציע, א פעלשונג אינ איר. די פראנקפורטער פלוידערזעק פונ דער דעמאָקראטי=
שער בורזשואזיע זײַנענ אנ אומפארגעסלעכער היסטאָרישער מוסטער פונ אזא מינ
פאראט אָדער פונ אזא מינ רעזאָניאָרישער טעמפּקעפּיקײַט.

ווילט איר א דערקלערונג פונ אָט דעמ כילעק צווישנ דעמ וולגארנ רעוואָליוציאָ=
נאריזמ און דעמ עקיזמ פונ די רעוואָליוציאָנערנ, אפנ סמאכ פונ דער געשיכטע פונ
דער סאָציאל־דעמאָקראטישער באוועגונג אינ רוסלאנד? וועלנ מיר אײַכ געבנ אזא
דערקלערונג. דערמאָנט זיכ די יאָרנ 1901—1902, וואָס זײַנענ ערשט ניט לאנג פאָ=
ריבער און וואָס אונדז דוכטנ זיי זיכ איצט אויס ווי עפּעס ווײַטער אָוואר.
עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דעמאָנסטראציעס. דער וולגארער רעוואָליוציאָנאריזמ האָט
געמאכט קוילעס וועגנ א „שטורעמ“ („ראבאָטשעיע דיעלאָ“), עס זײַנענ ארויסגע=
לאָזט געוואָרנ „בלוטיקע פלוגבלעטלעכ“ (פונ בערלינער אָפּשטאמונג, אויב דער זי=
קאָרנ נארט מיכ ניט), מע איז אָנגעפאלנ אפ דער „ליטעראטורערײַ“ און אפנ קא=
בינעט־כאראקטער פונ דער אידיי צו פירנ די אלרוסלענדישע אגיטאציע דורכ א
צײַטונג („נאָדיעזשדינ“). דער עקיזמ פונ די רעוואָליוציאָנערנ איז דאנ, פארקערט,
ארויסגעטראָטנ מיט דער פריידיקונג, אז „דער עקאָנאָמישער קאמפ איז דאָס בעס=
טע מיטל פאר פּאָליטישער אגיטאציע“. ווי האָט זיכ געהאלטנ די רעוואָליוציאָנערע
סאָציאל־דעמאָקראטיע? זי איז אָנגעפאלנ אפ די ביידע שטרעמונגענ. זי האָט פא=
רורטיילט די פוטשנ־מאכערײַ און די קוילעס וועגנ א שטורעמ, ווײַל אלע האָבנ קלאָר
געזענ אָדער האָבנ געמוזט זענ, אז אנ אָפענע מאסנ־ארויסטרעטונג איז א זאכ פונ
מאָרגעדיקנ טאָג. זי האָט פארורטיילט דעמ עקיזמ און האָט ארויסגעשטעלט דירעקט
דעמ לאָזונג אפילע פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד פונעמ גאנצנ פאלק, ניט אינ
זינ פונ א דירעקטנ רופ (קיינ רופ צו א „בונט“ וואָלט ה' סטרווע ניט געפונענ בא
אונדז אינ יענע צײַטנ), נאָר אינ זינ פונ א נויטווענדיקנ אויספיר, אינ זינ פונ
„פּראָפּאגאנדע“ (וועגנ וועלכער ה' סטרווע האָט זיכ ערשט איצט דערמאָנט, — ער
פארשפּעטיקט שטענדיק אפ עטלעכע יאָר, אונדזער געאכטעטער ה' סטרווע), אינ
זינ פונ צוגרייטנ טאקע די „סאָציאל־פּסיכישע באדינגונגענ“, וועגנ וועלכע די פאָר=
שטייער פונ דער זיכ פארלאָרענער, שאכערישער בורזשואזיע טומלענ איצט „מיט א
שווער געמיט און ניט אמפּלאצ“. דעמלט האָט די אָביעקטיווע זאכלאגע ווירקלעכ
ארויסגערוקט אינ פאָדערגרונט די פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, די אגיטאציע און
פּראָפּאגאנדע. דעמלט האָט אלס פּרווו־שטיינ פונ דער ארבעט פונ צוגרייטנ אנ

אופשטאנד געקאָנט ארויסגעשטעלט ווערנ (אונ איז טאקע ארויסגעשטעלט געוואָרנ אינ „וואָס דארפ מענ טאָנ?“) די ארבעט איבער אנ אלגעמיינ-רוסישער פּאָליטישער צײַטונג, וואָס איר דערשײַנענ וועכנטלעכ האָט אויסגעזענ ווי אנ אידעאל. דעמלט זײַנענ די לאָזונגענ: מאסנ-אגיטאציע פאַנ שטאָט אומיטלבארע באוואָפנטע ארויסטרעטונגענ; צוגרייטונג פונ די סאָציאל-פּסיכישע באדינגונגענ פונעם אופשטאנד אַנשטאָט פוטשנמאכערײַ — געווענ די איינציק ריכטיקע לאָזונגענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע. איצט האָבנ די געשעענישנ זיי אריבער-געיאָגט, די באוועגונג איז אוועק פאָרויס, זיי, אָט די לאָזונגענ, זײַנענ געוואָרנ שמא-טעס, אלטווארג, וואָס טויג נאָר צום פארדעקנ די אָסוואָבאָזשדיענישע צוויַעס אונ דעם נײַ-איסקרישנ עקיזם!

אָדער עפּשער האָב איכ א טאָעס? עפּשער האָט די רעוואָליוציע זיכ נאָכ ניט אָנגעהויבנ? דער מאָמענט פונ אָפּענער פּאָליטישער ארויסטרעטונג פונ די קלאסנ איז נאָכ ניט געקומענ? קיינ בירגערקריג איז נאָכ ניטאָ, אונ די קריטיק דורכ געווער דארפ ניט קומענ טייקעפ אלס נויטווענדיקער אונ אָבליגאטאָרישער נאָכפאָל-גער, יורעש, צאוואָע-אויספילער, באקרוינער פונעם געווער פונ קריטיק?

פוט א קוק ארום זיכ, קריכט ארויס פונ קאבינעט אפ דער גאס, כּדי צו ענטפערנ אפ אָט די פראגנ. האָט דענ די רעגירונג אליינ שוינ ניט אָנגעהויבנ דעם בירגערקריג דערמיט, וואָס אומעטום צעשיסט זי מאסנווײַז פרידלעכע אונ אומבא-וואָפנטע בירגער? טרעטנ דענ ניט ארויס די באוואָפנטע שווארצע מייעס אלס אנ „ארגומענט“ פונ דער זעלבסטהערשונג? האָט דענ די בורזשואזיע — אפילע די בור-זשואזיע — ניט אָנערקענט, אז ס'איז נייטיק א ציווילע מיליציע? רעדט דענ ניט דער זעלבער ה' סטרווע (צום באדויערנ, רעדט ער נאָר כּדי אָפּצוקומענ מיט ווערטער, דער אידעאל-מעסיקער אונ אקוראטער ה' סטרווע, וועגנ דעם, אז „דער אָפענער כאראקטער פונ די רעוואָליוציאָנערע אקציעס“ (אָט ווי מיר ריידנ איצט!) „איז באם איצטיקנ מאָמענט איינע פונ די וויכטיקסטע באדינגונגענ פונ דעם דער-ציִערישנ אײַנפלוס אפ די פאָלקס-מאסנ“?

דער וואָס האָט אויגנ, כּדי צו זענ, דער קאָנ ניט צווייפלענ דעריג, וויאזוי די אָנהענגער פונ דער רעוואָליוציע דארפנ איצט שטעלנ די פראגע וועגנ באוואָפנטנ אופשטאנד. איז טוט א קוק אפ די דרײַ שטעלונגענ פונ אָט דער פראגע, געגעבנ אינ די אָרגאנענ פונ דער פרײַער פרעסע, וועלכע זײַנענ וויפל-ס'ניט-איז פייִק צו ווירקנ אפ די מאסנ.

די ערשטע שטעלונג. די רעזאָליוציע פונעם III צוזאמענפאָר פונ דער רוסלענ-דישער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי[1]. עס איז אָנערקענט אונ דער-

[1] אָט איז דער פולער טעקסט אירער:

„נעמענדיק אינ אכט:

1) אז דער פראָלעטאריאט, זײַענדיק לויט דער לאגע זײַנער דער סאמע פאָרגעשריטענער אונ דער איינציקער קאָנסעקווענט-רעוואָליוציאָנערער קלאס, איז דערמיט גופע בארופנ צו שפּילנ די אָנפירנדיקע ראָליע אינ דער אלגעמיינ-דעמאָקראטישער רעוואָליוציאָנערער באווע-גונג פונ רוסלאנד;

2) אז אָט די באוועגונג האָט בא איצטיקנ מאָמענט שוינ געבראכט צו דער נויטווענדי-קײַט פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד;

בלערט געוואָרנ יהויב אפנ קאָל, אז די אלגעמיינ=דעמאָקראַטישע רעוואָליוציאָנערע בא=
וועגונג האָט שוינ געבראַכט צו דער נויטווענדיקייט פונ א באוואָפנטנ
אופשטאַנד. די אָרגאַניזירונג פונעם פראָלעטאַריאַט צום אופשטאַנד איז געשטעלט
געוואָרנ אינ טאָג=סיידער אלס איינע פונ די וועזנטלעכע, איקערדיקע אונ נויטווענ=
דיקע אופגאַבנ פונ דער פּאַרטיי. עס איז באופטראָגט געוואָרנ אָנצונעמענ די סאַ=
מע ענערגישע מאָסמיטלענ צו באוואָפענענ דעם פּראָלעטאַריאַט אונ צו זיכערנ
די מעגלעכקייט פונ אומיטלבאַרער אָנפירונג מיטנ אופשטאַנד.

די צווייטע שטעלונג. דער פּרינציפּיעלער אַרטיקל אינ „אָסוואָבאָזשדיעניע“ —
דער אַרטיקל פונעם „פירער פונ די רוסישע קאָנסטיטוציאָנאַליסטנ“ (אזוי האָט ניט
לאַנג אָנגערופנ דעם ה' סטרוווע אזא איינפלוסרייכער אָרגאַנ פונ דער איירּאָפּייִשער
בורזשואַזיע ווי די „פראַנקפורטער צייטונג“), אָדער פונעם פירער פונ דער רוסישער
פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע. מיט דער מיינונג וועגנ דער אומפארמיידלעכקייט פונ אַנ
אופשטאַנד איז ער ניט מאַסקים. קאָנספּיראַציע אונ בונט — דאָס זיינענ ספּעציפי=
שע מעטאָדנ פונעם ניט=פּאַרנינפטיקנ רעוואָליוציאָניזמ. רעפּובליקאַניזמ — דאָס איז
א מעטאָד פונ פאַרטומלענ. באוואָפנטער אופשטאַנד — דאָס איז, אייגנטלעכ, נאָר
א טעכנישע פראַגע, ביים די „סאַמע גרינטלעכע, די סאַמע נייטיקע אַרבעט“ איז—
מאַסנ=פּראָפּאַגאַנדע אונ צוגרייטונג פונ די סאָציאַל=פּסיכישע באַדינגונגענ.

די דריטע שטעלונג. די רעזאָליוציע פונ דער ניי=איסקרישער קאָנפערענצ. אונ=

---

8) אז דער פּראָלעטאַריאַט וועט אינ אָט דעם אופשטאַנד אומפאַרמיידלעכ נעמענ דעם
סאַמע ענערגישנ אָנטייל, וואָס דאָס וועט באַשטימענ דעם גורל פונ דער רעוואָליוציע אינ
רוסלאַנד;

4) אז די אָנפירנדיקע ראָליע אינ אָט דער רעוואָליוציע קאָנ דער פּראָלעטאַריאַט שפּילנ
בלויז זייענדיק באַהעפט אינ אַנ איינהייטלעכער אונ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער קראַפט
אונטער דער פאָנ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער=פּאַרטיי, וואָס פירט אָנ מיט זיינ
קאַמפּ ניט נאָר אידייִש, נאָר אויכ פּראַקטיש;

5) אז בלויז, ווענ דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויספילנ אזא מינ ראָליע, קאָנ ער זיכערנ
פאַר זיכ די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגענ צומ קאַמפּ פאַרנ סאָציאַליזמ קעגנ די פאַרמעגלעכע
קלאַסנ פונעם בורזשואַז=דעמאָקראַטישנ רוסלאַנד, —

אָנערקענט דער דריטער צוזאַמענפאָר פונ דער ר. ס.=ד. א.=פּ., אז די אופגאַבע צו אָר=
גאַניזירנ דעמ פּראָלעטאַריאַט צומ אומיטלבאַרנ קאַמפּ קעגנ דער זעלבסטהערשונג דורכ א
באוואָפנטנ אופשטאַנד איז איינע פונ די סאַמע איקערדיקע אונ דרינגענדיקע אופגאַבנ פונ
דער פּאַרטיי אינ איצטיקנ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט.

דעריבער באופטראָגט דער צוזאַמענפאָר אלע פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס:

א) קלאָר מאַכנ דעמ פּראָלעטאַריאַט דורכ פּראָפּאַגאַנדע אונ אַגיטאַציע ניט בלויז די פּאָלי=
טישע באַדייטונג, נאָר אויכ די פּראַקטיש=אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פונעם פאָרשטייענדיקנ בא=
וואָפנטנ אופשטאַנד,

ב) קלאָר מאַכנ דורכ אָט דער פּראָפּאַגאַנדע אונ אַגיטאַציע די ראָליע פונ פּאָליטישע
מאַסנ=שטרייקנ, וואָס קאָנענ האָבנ א וויכטיקע באַדייטונג אינ אָנהייב אונ אינ סאַמע גאַנג
פונעמ אופשטאַנד,

ג) אָנעמענ די סאַמע ענערגישע מיטלענ צו באוואָפענענ דעמ פּראָלעטאַריאַט, אונ אויכ
אויסצואַרבעטנ א פּלאַנ פונעמ באוואָפנטנ אופשטאַנד אונ פונ דער אומיטלבאַרער אָנפירונג
מיט אים, שאַפנדיק דערצו, ווי ווייט ס'וועט זיינ נייטיק, ספּעציעלע גרופּעס פונ פּאַרטיי=
טוער“. (לענינס אַנמערקונג צו דער אויסגאַבע פונ 1908 יאָר. רעד.)

דזער אופגאבע איז — גרייטנ אנ אופשטאנד. די מעגלעכקײט פונ א פלאנמעסיקנ אופשטאנד איז אויסגעשלאָסנ. גינסטיקע באדינגונגענ פארנ אופשטאנד װערנ געשאפנ דורכ דער דעזאָרגאניזירונג פונ דער רעגירונג, דורכ אונדזער אגיטאציע, דורכ אונדזער אָרגאניזאציע. ערשט דאנ „קאָנענ באקומענ א מער אָדער װײניקער ערנסטע באדײַטונג די טעכנישע קאמפס-צוגרייטונגענ".

אונ גאָר? אונ גאָר. צי איז דער אופשטאנד געװאָרנ נויטװענדיק, דאָס װײסנ נאָכ ניט די נײַ-איסקרישע אָנפירער פונעם פראָלעטאריאט. צי איז דרינגענדיק די אופגאבע פונ אָרגאניזירנ דעם פראָלעטאריאט צומ אומיטלבארנ קאמפ, — דאָס איז נאָכ פאר זײ ניט קלאָר. מע דארפ ניט רופנ צו אָנעמענ די סאמע ענערגישע מאָסמיטלענ, א סאכ װיכטיקער איז (אינ 1905-טנ, ניט אינ 1902-טנ יאָר) צו דערקלערנ אינ אלגעמײנע שטריכנ, באַ װעלכע באדינגונגענ אָט די מאָסמיטלענ „קאָנענ" באקומענ א „מער אָדער װײניקער ערנסטע" באדײַטונג...

זעט איר שוינ איצט, כאװײרים נײַ-איסקראָװצעס, װוּהינ עס האָט אײַכ געבראכט אײַער קער צו מארטינאָװשטשינע? פארשטײט איר שוינ, אז אײַער פאָליטישע פילאָסאָפיע איז אנ איבערכאזערונג פונ דער אָסװאָבאָזשדיענישער פילאָסאָפיע? — אז איר זײַט (קעגנ אײַער װילנ אונ אויסער אײַער באװוּסטזײַנ) געבליבנ אינ עק פונ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע? איז אײַכ שוינ איצט קלאָר, אז איבערכאזערנדיק אויסגעדראָשענע מײַסעס אונ פארפולקומענדיק זיכ אינ רעזאָניאָרערײַ, האָט איר דורכגעלאָזט דעם אומשטאנד, אז — רײדנדיק מיט די אומפארגעסלעכע װערטער פונ דעם אומפארגעסלעכנ ארטיקל פונ פיאָטר סטרוּװע — „דער אָפענער כאראקטער פונ די רעװאָליוציאָנערע *אקציעס* איז באמ איצטיקנ מאָמענט אײנע פונ די װיכטיקסטע באדינגונגענ פונ דעם דערציִערישנ אײַנפלוס אפ די פאָלקס-מאסנ"?

9. װאָס הײסט אזוינס זײַנ די פארטײ פונ דער עקסטרעמער אָפּאָזיציע אינ דער צײַט פונ א רעװאָליוציע?

לאָמיר זיכ אומקערנ צו דער רעזאָליוציע װעגנ דער צײַטװײַליקער רעגירונג. מיר האָבנ באװיזנ, אז די טאקטיק פונ די נײַ-איסקראָװצעס באװעגט די רעװאָליוציע ניט פאָרויס, — װאָס אזא מינ מעגלעכקײט װאָלטנ זײ געװאָלט זיכערנ מיט זײער רעזאָליוציע, — נאָר אפ צוריק. מיר האָבנ באװיזנ, אז גראָד אָט די טאקטיק *בינדט די הענט* דער סאָציאל-דעמאָקראטיע אינעמ קאמפ קעגנ דער ניט-קאָנסעקװענטער בורזשואזיע, אונ אז זי פארהיט ניט פונ אופגעלײזט צו װערנ אינ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. פארשטײט זיכ, אז פונ די פאלשע האנאָכעס פונ דער רעזאָליוציע באקומט זיכ א פאלשער אויספיר: „דעריבער דארפ די סאָציאל-דעמאָקראטיע ניט שטעלנ פאר זיכ קײנ ציל צו פארכאפנ אָדער צעטײלנ די מאכט אינ דער צײַטװײַליקער רעגירונג, נאָר זי דארפ בלײַבנ די פארטײ פונ דער עקסטרעמער רעװאָליוציאָנערער אָפּאָזיציע". טוט א קוק אפ דער ערשטער העלפט פונ אָט דעם אויספיר, װעלכע איז נעגײַע דער שטעלונג פונ די צילנ. צי שטעלנ די נײַ-איסקראָװצעס אלס ציל פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער טעטיקײט דעם אנטשײדנדעם זיג פונ דער רעװאָליוציע איבערנ צאריזמ? — יאָ, זײ שטעלנ. זײ קענענ ניט פאָרמולירנ ריכטיק די

באדינגונגען פאר אן אנטשיידענעם זיג און שלאָגן זיך אראָפּ צו אן „אָסוואָבאָזשדיענישער“ פאָרמולירונג, אָבער אזא ציל שטעלן זיי יאָ. ווייַטער, צי פארבינדן זיי די צייַטווייַליקע רעגירונג מיט אן אויפשטאנד?—יאָ, זיי פארבינדן זי דירעקט, זאָגנדיק, אז די צייַטווייַליקע רעגירונג „קומט אלס רעזולטאט פון א זיגרייַכן פאָלקס־אויפשטאנד“. צולעצט, צי שטעלן זיי זיך פאר א ציל אָנצופירן מיטן אויפשטאנד?—יאָ, זיי דרייען זיך ארויס, פונקט ווי דער ה' סטרוווע, פון צו אָנערקענען, אז דער אויפשטאנד איז נויטווענדיק און דרינגענדיק, אָבער אין דער זעלבער צייַט זאָגן זיי, צום אונטערשייד פון ה' סטרוווע, אז „די סאָציאַל־דעמאָקראטיע שטרעבט אונטערצוווארפן אים (דעם אויפשטאנד) אונטער איר אייַנפלוס און אָנפירונג און אויסצונוצן אים אין די אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאַס“.

ניט עמעס, ווי גלאַט דאָס באקומט זיך? מיר שטעלן זיך פאר א ציל אונטערצוווארפן דעם אויפשטאנד סיי פון די פראָלעטארישע סיי פון די ניט־פראָלעטארישע מאסן אונטער אונדזער אייַנפלוס, אונטער אונדזער אָנפירונג, אויסצונוצן אים אין אונדזערע אינטערעסן. מיר שטעלן זיך, אלזאָ, פאר א ציל אָנצופירן בייַם אויפשטאנד אי מיטן פראָלעטאריאט, אי מיט דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע, אי מיטן קלייַנבירגערטום („די ניט־פראָלעטארישע גרופּעס“), דה. צו „צעטיילן“ די אָנפירונג מיטן אויפשטאנד צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע און דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. מיר שטעלן זיך פאר א ציל, אז דער אויפשטאנד זאָל אָפּהאַלטן א זיג, וועלכער דאַרף ברענגען צו דער גרינדונג פון א צייַטווייַליקער רעגירונג („וועלכע קומט אלס רעזולטאט פון א זיגרייַכן פאָלקס־אויפשטאנד“). דעריבער... דעריבער דארפן מיר ניט שטעלן פאר זיך קיין ציל צו פארכאַפּן אָדער צעטיילן די מאכט אין דער צייַטווייַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג!!

בא אונדזערע פרייַנט בינדט זיך עס בעשומויפן ניט. זיי וואקלען זיך צווישן דעם שטאנדפונקט פונעם ה' סטרוווע, וועלכער וויל אָפּקומען מיט רייד וועגן אן אויפשטאנד, און דעם שטאנדפונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וועלכע רופט צו נעמען זיך פאר אָט דער דרינגענדיקער אויפגאבע. זיי וואקלען זיך צווישן דעם אנארכיזם, וועלכער פארורטיילט פּרינציפּיעל, ווי א פאראט בענעגייע דעם פראָלעטאריאט, יעטווידן אָנטייל אין דער צייַטווייַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און דעם מארקסיזם, וועלכער פאָדערט אזא אָנטייל באַם באדינג, אז די סאָציאַל־דעמאָקראטיע זאָל האָבן אן אָנפירנדיקן אייַנפלוס אפּן אויפשטאנד[1]. זיי האָבן ניט קיין שום זעלבשטענדיקע פּאָזיציע: ניט די פּאָזיציע פונעם ה' סטרוווע, וועלכער וויל דורכקומען מיטן צאריזם, און דעריבער מוז ער זען ארויסצודרייען זיך און מאנעווורירן אין דער פראגע וועגן אויפשטאנד; — ניט די פּאָזיציע פון די אנארכיסטן, וועלכע פארורטיילן יעטווידע אקציע „פון אויבן“ און יעטווידן אָנטייל אין דער בורזשואזער רעוואָלוציע. די נייַ־איסקראַווצעס מישן צונויף א פשאָרע מיטן צאריזם מיט א זיג איבערן צאריזם. זיי ווילן אָנטיילנעמען אין דער בורזשואזער רעוואָלוציע. זיי זייַנען אוועק עטוואָס פאָרויס פון מארטינאָווס „צוויי

[1] זע „פּראָלעטארי“ נומ. 3, „וועגן דער צייַטווייַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג“, צווייטער ארטיקל (זע ווערק, ב. VII, ז. 323 — 329. רעד.).

דיקטאַטורן". זיי זײַנען מאַסקים אַפילו אָנצופירן מיטן אויפשטאַנד פונעם פאָלק, — מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אָט דער אָנפירונג טייקעף נאָכן זיג (אָדער עפּשער אומיטלבאַר פאַרן זיג?), דה. מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך ניט באַנוצן מיט די פרוכט פון זיג, נאָר די גאַנצע פרוכט אָפּגעבן אינגאַנצן דער בורזשואַזיע. אָט דאָס רופן זיי אָן „אויסנוצן דעם אויפשטאַנד אין די אינטערעסן פונעם אַרבעטער-קלאַס"...

אָפּשטעלן זיך לענגער אַף אָט דעם פּלאָנטער איז ניט נייטיק. נוצלעכער איז צו באַטראַכטן, פונוואַנען שטאַמט דער דאָזיקער פּלאָנטער אין דער פאָרמולירונג זײַנער, וועלכע זאָגט: „בלײַבן די פּאַרטיי פון דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפּאָזיציע".

מיר האָבן דאָ פאַר זיך איינע פון די באַקאַנטע האַנאָכעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַן אַבסאָליוט ריכטיקע האַנאָכע. זי איז געוואָרן אַ טרויזם פאַר אַלע קעגנער פונעם רעוויזיאָניזם אָדער אָפּאָרטוניזם אין די פּאַרלאַמענטישע לענדער. זי האָט באַקומען בירגער-רעכט, אַלס אַ געזעצלעכער און נייטיקער ווידערשטאַנד דעם „פּאַרלאַמענטישן קרעטיניזם", דעם מיליעראַניזם, דעם בערנשטייניזם, דעם איטאַליענישן רעפאָרמיזם אין גײַסט פון טוראַטי. אונדזערע ווילע נײַ-איסקראַווצעס האָבן אויסגעבאַזערט אָט די גוטע האַנאָכע און ווענדן זי פלײַסיק אָן... גאָר ניט אַמפּלאַץ. קאַטעגאָריעס פון פּאַרלאַמענטישן קאַמף ווערן אַרײַנגעשטעלט אין רעזאָליוציעס, וואָס זײַנען געשריבן פאַר אַזעלכע באַדינגונגען, ווען קיין שום פּאַרלאַמענט איז גאָר ניטאָ. דער באַגריף „אָפּאָזיציע", וואָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג און אַן אויסדרוק פון אַזאַ מין פּאָליטישער סיטואַציע, ווען וועגן אַן אויפשטאַנד רעדט קיינער ניט ערנסט, — אָט דער באַגריף ווערט זינלאָז אַריבערגעטראָגן אַף אַזאַ סיטואַציע, ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן און ווען וועגן אָנפירן מיט אים טראַכטן און ריידן אַלע אָנהענגער פון דער רעוואָליוציע. דער ווונטש צו „בלײַבן" באַ דעם, וואָס פריִער, דה. באַ דער ווירקונג בלויז „פון אונטן", ווערט אַרויסגעזאָגט מיט פּאָמפּע און מיט טראַסק גראָד דאַן, ווען די רעוואָליוציע האָט אוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקײַט, באַ דעם זיג פונעם אויפשטאַנד, צו ווירקן פון אויבן.

ניין, עס גליקט לאַכלוטן ניט אונדזערע נײַ-איסקראַווצעס! אַפילו דאַן, ווען זיי פאָרמולירן אַ ריכטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע האַנאָכע, קענען זיי ניט אָנווענדן זי ריכטיק. זיי האָבן ניט אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי אין דער עפּאָכע פון אַ זיך אָנגעהויבענער רעוואָליוציע, ווען קיין פּאַרלאַמענט איז ניטאָ, ווען עס איז פאַראַן אַ בירגערקריג, ווען עס זײַנען פאַראַן אויפשטאַנד-אויסברוכן, — ווי אַזוי אין אַזאַ עפּאָכע ענדערן זיך די באַגריפן און טערמינען פון פּאַרלאַמענטישן קאַמף און פאַרוואַנדלען זיך אין זייער קעגנזאַץ. זיי האָבן ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין די באַדינגונגען, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך, ווערן אויסבעסערונגען פאָרגעשלאָגן דורך גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, אינטערפּעליאַציעס ווערן אַרײַנגעטראָגן דורך אָנגריפס-אַקציעס פון באַוואָפנטע בירגער, די אָפּאָזיציע קעגן דער רעגירונג ווערט פאַרווירקלעכט דורך געוואַלטזאַמען אַראָפּוואַרפן די רעגירונג.

פונקט ווי דער באַרימטער העלד פון אונדזער פאָלקס-עפּאָס פלעגט איבערחזרן

גוטע אייצעס גראָד דאנ, ווענ זיי פלעגנ נאָר ניט פאסנ, אָט אזוי באזערנ אויכ איבער אונדזערע מארטינאָווס פארערער די לעקציעס פונ פרידלעכנ פארלאמענטאריזמ גראָד דאנ, ווענ זיי אליינ קאָנסטאטירנ דעמ אָנהייב פונ דירעקטע קריגס-אקציעס. עס איז ניטאָ קיינ מער קוריאָזע זאכ, ווי אָט דאָס ארויסרוקנ, מיט אנ ערנסטער מינע, דעמ לאָזונג: „עקסטרעמע אָפּאָזיציע" אינ א רעוואָליוציע, וועלכע הייבט זיכ אָנ מיט דער אָנווייזונג אפ אנ „אנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע", אפ א „פאָלקס-אופשטאנד"! גיט נאָר א טראכט, מיינע הערנ, וואָס הייסט עס אזוינס פאָרשטעלנ מיט זיכ אנ „עקסטרעמע אָפּאָזיציע" אינ דער עפּאָכע פונ אופשטאנד? צי הייסט עס דעמאסקירנ די רעגירונג אָדער ארויסוואַרפנ זי? צי הייסט עס שטימענ קעגנ דער רעגירונג אָדער ברענגענ א מאפּאָלע אירע מיליטער-קרעפטנ אינ אנ אָפענער שלאכט? צי הייסט עס אָפּזאָגנ דער רעגירונג צו באקומענ נאָכ געלט פאר איר מעלוכע-קאסע, אָדער דאָס הייסט אפ א רעוואָליוציאָנערנ אופנ פארכאפּנ אָט די מעלוכע-קאסע אונ פארטאָנ דאָס געלט אפ די נויטנ פונעמ אופשטאנד, אפ באוואָפענענ די ארבעטער אונ פויערימ, אפ צונויפצורופנ א גרינדונגס-פארזאמלונג? הייבט איר שוינ עפּשער אָנ צו פארשטיינ, מיינע הערנ, אז דער באגריפ „עקסטרעמע אָפּאָזיציע" דריקט אויס בלויז נעגאטיווע אקציעס, — דעמאסקירנ, שטימענ קעגנ, אָפּזאָגנ? פארוואָס איז דאָס אזוי? דערפאר, ווייל אָט דער באגריפ האָט א שייכעס בלויז צומ פארלאמענטישנ קאמפ אונ דערצו אינ אזא עפּאָכע, ווענ קיינער שטעלט ניט דעמ „אנטשיידענעמ זיג" אלס אומיטלבארנ ציל פונ קאמפ. הייבט איר שוינ עפּשער אָנ צו פארשטיינ, אז די זאכ ענדערט זיכ אינ אָט דער הינזיכט קארדינאל פונ דעמ מאָמענט אָנ, ווענ איבער דער גאנצער ליניע הייבט זיכ אָנ אנ אנטשיידענער אָנגריפ פונ דעמ פּאָליטיש אונטערדריקטנ פאָלק צו א פארצווייפלטנ קאמפ פארנ זיג?

די ארבעטער פרעגנ אונדז, צי דארפ מענ זיכ ענערגיש נעמענ פאר דעמ דרינגענדיקנ איניענ פונ אופשטאנד? וואָס דארפ מענ טאָנ, אז דער אופשטאנד, וועלכער האָט זיכ אָנגעהויבנ, זאָל זיינ א זיגרייכער? ווי זאָל מענ אויסנוצנ דעמ זיג? וואָס פאר א פּראָגראמ קאָנ מענ אונ מע דארפ דאנ פארווירקלעכנ? די ניי-איסקראָוועס, וועלכע פארטיפערנ דעמ מארקסיזמ, ענטפערנ: בלייבנ די פארטיי פונ דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפּאָזיציע... נו, זיינענ מיר דענ ניט גערעכט געווענ, ווענ מיר האָבנ אָט די ריטערס אָנגערופנ ווירטואָזנ פונ פיליסטערטומ?

10. „רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס" אונ די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פויערטומ

די קאָנפערענצ פונ די ניי-איסקראָוועס האָט זיכ ניט איינגעהאלטנ אפ דער אנארכיסטישער פּאָזיציע, צו וועלכער עס האָט זיכ דערעדט די נייע „איסקרא" (נאָר „פונ אונטנ", ניט „פונ אונטנ אונ פונ אויבנ"). די אומגעלומפּערטקייט פונ דעמ געדאנק, אז ס'איז מעגלעכ אנ אופשטאנד אונ ס'איז ניט מעגלעכ קיינ זיג אונ באטייליקונג אינ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, — האָט צופיל געריסנ

די אויגנ. די רעזאָליוציע האָט דעריבער אריינגעטראָגנ אויסנעמענישנ און באגרענעצונגענ אינ מארטינאָווס און מארטאָווס לייזונג פונ דער פראגע. לאָמיר באטראכטנ אָט די אויסנעמענישנ, וועלכע זיינענ איבערגעגעבנ אינ דעם פאָלגנדיקנ טייל פונ דער רעזאָליוציע:

„די דאָזיקע טאקטיק („בלייבנ די פארטיי פונ דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנער אָפּאָזיציע“) שליסט, פארשטייט זיכ, לאכלוטנ ניט אויס די צוועקמעסיקייט טיילווייז, עפּיזאָדיש צו פארכאפּנ די מאכט און בילדנ רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס אינ דער אָדער אינ יענער שטאָט, אינ דעם אָדער אינ יענעם ראיאָנ, אויסשליסלעכ אינ די אינטערעסנ פונ מיטווירקנ דער פארשפּרייטונג פונעם אויפשטאנד און דער דעזאָרגאניזירונג פונ דער רעגירונג“.

אויב אזוי, הייסט עס, אז אינ פרינציפּ ווערנ דערלאָזנ אקציעס ניט נאָר פונ אונטנ, נאָר אויכ פונ אויבנ. הייסט עס, אז די האנאָכע, וואָס איז ארויסגעשטעלט געוואָרנ אינ ל. מארטאָווס באוווּסטנ פעליעטאָנ אינ „איסקרא“ (נומ. 93), ווערט אָפּגעוואָרפנ, און עס ווערט אָנערקענט פאר ריכטיק די טאקטיק פונ דער צייטונג „וופּעריאָד“: ניט בלויז „פונ אונטנ“, נאָר אויכ „פונ אויבנ“.

ווייטער, ווענ מע זאָגט פארכאפּנ די מאכט (זאָל זיינ אפילע טיילווייז, עפּיזאָדיש און אזוו.), מיינט מענ אָפּנעם, אז אינ איר זאָל זיכ באטייליקנ ניט נאָר די סאָציאלדעמאָקראטיע אליינ און ניט נאָר דער פּראָלעטאריאט אליינ. דאָס איז געדרונגענ דערפונ, וואָס אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע איז פארינטערעסירט און נעמט אנ אקטיוונ אָנטייל ניט נאָר דער פּראָלעטאריאט אליינ. דאָס איז געדרונגענ דערפונ, וואָס דער אויפשטאנד איז א „פאָלקס-אויפשטאנד“, ווי עס ווערט געזאָגט אינ אָנהייב פונ דער רעזאָליוציע, וועלכע מיר אנאליזירנ, וואָס אינ אים באטייליקנ זיכ אויכ „ניט-פּראָלעטארישע גרופּעס“ (אנ אויסדרוק פונ דער רעזאָליוציע פונ די קאָנפערענצער וועגנ אויפשטאנד), דה. אויכ די בורזשואזיע. הייסט עס, אז דעם פּרינציפּ, אז יעטווידער אָנטייל פונ סאָציאליסטנ צוזאמענ מיט דער קליינ-בורזשואזיע אינ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז א פאראט קעגנ דעם ארבעטער-קלאס, — האָט די קאָנפערענצ ארויסגעוואָרפנ אפ יענער זייט באָרט, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער „וופּעריאָד“. א „פאראט“ הערט ניט אופ צו זיינ א פאראט דערפונ, וואָס די אקציע, פונ וועלכער ער באשטייט, איז א טיילווייזע, עפּיזאָדישע, ראיאָנע אדג. הייסט עס, אז דאָס צוגלייכנ דעם אָנטייל אינ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג צו וולגארנ זשאָרעסיזמ, — האָט די קאָנפערענצ ארויסגעוואָרפנ אפ יענער זייט באָרט, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער „וופּעריאָד“. א רעגירונג הערט ניט אופ צו זיינ א רעגירונג דערפונ, וואָס איר מאכט ווערט פארשפּרייט ניט אפ א סאכ שטעט, נאָר אפ איינ שטאָט, ניט אפ א סאכ ראיאָנענ, נאָר אפ איינ ראיאָנ, דאָס זעלבע אויכ דערפונ, וויאזוי די דאָזיקע רעגירונג הייסט. אזויארומ איז פונ דער פּרינציפּיעלער שטעלונג פונ דער פראגע, וואָס די נייע „איסקרא“ האָט געפּרוּווט געבנ, די קאָנפערענצ אוועק.

לאָמיר זען, צי זיינענ פארנינפטיק די באגרענעצונגענ, וועלכע די קאָנפערענצ שטעלט בענוגייע דער אויסבילדונג פונ רעוואָליוציאָנערע רעגירונגענ און דעם אָנטייל

אינ זיי, וואָס פּרינציפּיעל ווערט עס איצט דערלאָזט. מיט וואָס שיידט זיכ אונטער דער באגריפ „עפּיזאָדישער" פונ דעמ באגריפ „ציִטווײַליקער", דאָס ווייסנ מיר ניט. מיר האָבנ מוירע, אז מיט דעמ „נײַעמ" וואָרט, מיט דעמ פרעמדוואָרט ווערט דאָ בלויז פארדעקט די אָפּוועזנהײַט פונ קלאָרנ געדאנק. דאָס זעט אויס צו זײַנ „טיפער", אינדערעמעסנ אָבער איז דאָס בלויז נעפּלהאפטער אונ געפּלאָנטערטער. מיט וואָס שיידט זיכ אונטער די „צוועקמעסיקײַט" פונ טיילווײַז „פארכאפּנ די מאכט" אינ א שטאָט אָדער א ראיאָנ — פונ אָנטיילנעמענ אינ דער ציִטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג פונ דער גאנצער מעלוכע? איז צווישנ די „שטעט" דענ ניטאָ אזא, ווי פּעטערבורג, ווו עס האָט פּאסירט דער 9-טער יאנוואר? איז צווישנ די ראיאָנענ דענ ניטאָ קאווקאז, וואָס איז גרעסער פונ א סאכ מעלוכעס? שטעלנ זיכ דענ ניט פאר אונדז די אויפגאבנ (וועלכע פלעגנ אמאָל אינ פאָרלעגנהײַט ארײַנברענגענ די נײַע „איסקרא") פונ באגיינ זיכ מיט די טורמעס, מיט דער פּאָליציי, מיט דער מעלוכע-קאסע אאוו. באמ „פארכאפּנ די מאכט" אפילע אינ איינ שטאָט, שוינ אָפּגערעדט וועגנ א ראיאָנ? קיינער וועט, פארשטייט זיכ, ניט נעמענ לייקענענ, אז בא א מאנגל אינ קויכעס, בא א ניט פולנ דערפאָלג פונ דעמ אויפשטאנד, בא א ניט אנטשיידענעמ זיג זײַנענ מעגלעכ טיילווײַזע, שטאָטישע אונ אנדערע ציִטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונגענ. וואָס פאר א שײַכעס האָט עס אָבער אהער, מײַנע הערנ? רעדט איר דענ ניט אליינ אינ אָנהייב פונ דער רעזאָליוציע וועגנ אנ „אנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע", וועגנ א „זיגרײַכנ פאָלקס-אויפשטאנד"?? פונ ווענ אָנ נעמענ דאָס אפּ זיכ סאָציאל-דעמאָקראטנ די אוודע פונ אנארכיסטנ: צעברעקלענ די אויפמערקזאמקײַט אונ די צילנ פונעמ פּראָלעטאריאט? אָריענטירנ אימ אפּ דאָס „טיילווײַזע", אונ ניט אפּ דאָס אלגעמיינע, אייגנהײַטלעכע, פארגאנצטע אונ פולע? האָבנדיק אינ זינ דעמ פאל פונ „פארכאפּנ די מאכט" אינ א שטאָט, רעדט איר אליינ וועגנ דער „פארשפּרייטונג פונעמ אויפשטאנד" — אפּ אנ אנדער שטאָט, דערוועגנ מיר זיכ צו מיינענ? אפּ אלע שטעט, איז דערלויבט צו האָפנ? אײַערע אויספירנ, מײַנע הערנ, זײַנענ פּונקט אזוי וואקלדיק אונ צופעליק, ווידערשפּרעכיק אונ געפּלאָנטערט, ווי אײַערע האנאָכעס. דער דריטער צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פּ. האָט געגעבנ אנ אויסשעפּנדיקנ אונ קלאָרנ ענטפער אפּ דער פראגע וועגנ דער ציִטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג ביכלאל. אָט דער ענטפער נעמט אויכ ארומ אלע טיילווײַזע ציִטווײַליקע רעגירונגענ. דער ענטפער פונ דער קאָנפערענצ ווידער, וועלכער טיילט קינסטלעכ אונ ווילקירלעכ אויס א טייל פונ דער פראגע, דרייט זיכ בלויז ארויס (אָבער אָנ דערפאָלג) פונ דער פראגע אינגאנצנ גענומענ אונ ברענגט ארײַנ א מישמאש.

וואָס הייסט אזוינס „רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס"? צי איז פאראנ אנ אונטערשייד צווישנ אָט דעמ באגריפ אונ דעמ באגריפ „ציִטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג", אונ אויב יאָ, איז אינ וואָס? דאָס ווייסנ די הערנ קאָנפערענטנ אליינ ניט. די געפּלאָנטערטקײַט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ געדאנק ברענגט בא זיי, ווי דאָס טרעפט אפּ טריט אונ שריט, צו רעוואָליוציאָנערער פראזע. יאָ, דאָס באנוצנ די ווערטער „רעוואָליוציאָנערע קאָמונע" אינ א רעזאָליוציע פונ פאָרשטייער פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע — איז רעוואָליוציאָנערע פראזע, אונ ווײַטער גאָרנישט.

מאַרקס האָט ניט איינ מאָל פאַרורטיילט אַזאַ מינ סאָרט פראַזנטרײַבערײַ, ווענ הינטער דעם „באַצויבערנדיקנ" טערמינ פונ דער אָפּגעלעבטער פאַרגאַנגענהײַט באַהאַלט מענ אויס די אויפגאַבנ פונ דער צוקונפט. דער צויבער פונ א טערמינ, וועלכער האָט געהאַט אָפּגעשפּילט א ראָליע אינ דער געשיכטע, ווערט אינ אַזעלכע פאַלנ פאַרוואַנדלט אינ פוסטע אונ שעדלעכע פּליטערלעך, אינ א גראַגער. מיר דאַרפנ געבנ די אַרבעטער אונ דעם גאַנצנ פאָלק א קלאָרנ אונ אומצוויידײַטיקנ באַגריפ וועגנ דעם, צוליב וואָס ווילנ מיר, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערנ א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג? וועלכע נעמלעך איבערגעשטאַלטונגענ ווילנ מיר פאַרווירקלעכנ, אויב מיר ווילנ אַפ אַנ אַנטשיידנדיקנ אויפנ ווירקנ אַפ דער מאַכט, גלײַך אַפ מאָרגנ, בא דעם זיגרײַכנ סאָפ פונעם פאָלקס=אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך שוינ אָנגעהויבנ? אָט דאָס זײַנענ די פראַגנ, וועלכע שטייענ פאַר די פּאָליטישע אָנפירער.

דער דריטער צוזאַמענפאָר פונ דער ר. ס.=ד. א.=פּ. ענטפערט אַפ אָט די פראַגנ מיט דער פולשטענדיקסטער קלאָרקײַט, ער גיט א פולע פּראָגראַם פונ אָט די איבערגעשטאַלטונגענ: אונדזער פּאַרטייישע פּראָגראַם מינימום. דאָס וואָרט „קאָמונע" אָבער גיט קיינ שום ענטפער ניט, עס פאַרמיסטיקט בלויז די קעפּ מיט עפּעס א ווײַטער קלינגערײַ... אָדער מיט פוסטער קלינגערײַ[1]. וואָס טײַערער עס איז אונדז, לאָמיר זאָגנ, די פּאַריזשער קאָמונע פונ 1871 יאָר, אַלצ מער איז ניט דערלאָזבאַר אָפּצופּאַטערנ זיך מיט פאַרופנ זיך אַפ איר, ניט אַנאַליזירנדיק אירע פעלערנ אונ אירע ספּעציפישע באַדינגונגענ. באַגיינ זיך אַזוי וואָלט באַטײַט איבערכאַזערנ דעם אומגעלומפּערטנ בײַשפּיל פונ די בלאַנקיסטנ, וועלכע ענגעלס האָט אויסגעלאַכט, ווענ זיי האָבנ (אינ 1874 יאָר, אינ זייער „מאַניפעסט") זיך געבוקט פאַר יעדנ אַקט פונ דער קאָמונע. וואָס וועט א קאָנפערענט זאָגנ דעם אַרבעטער, ווענ יענער וועט בא אים פרעגנ וועגנ אָט דער „רעוואָליוציאָנערער קאָמונע", וואָס ווערט דערמאָנט אינ דער רעזאָליוציע? ער וועט נאָר קאָנענ זאָגנ, אַז אינ דער געשיכטע איז אונטער אָט דעם נאָמענ באַקאַנט אַזאַ אַרבעטער=רעגירונג, וועלכע האָט דאַנ ניט געוווּסט אונ האָט ניט געקאָנט אונטערשיידנ צווישנ די עלעמענטנ פונ א דעמאָקראַטישער איבערקערעניש אונ פונ א סאָציאַליסטישער איבערקערעניש, אַזאַ אַרבעטער=רעגירונג, וועלכע האָט צונויפגעמישט די אויפגאַבנ פונ קאַמפ פאַר א רעפּובליק מיט די אויפגאַבנ פונ קאַמפ פאַר סאָציאַליזם, וועלכע האָט ניט געקענט לייזנ די אויפגאַבע צו מאַכנ אַנ ענערגישנ קריגס=אָנגריפ אַפ ווערסאַל, וועלכע איז באַגאַנגענ א פעלער דערמיט, וואָס זי האָט ניט פאַרכאַפּט דעם פראַנצויזישנ באַנק, אאַוו. מיט איינ וואָרט, — צי איר וועט זיך אינ אײַער ענטפער פאַרופנ אַפ דער פּאַריזשער אָדער אַפ א וועלכער=עס=איז אַנדערער קאָמונע, וועט אײַער ענטפער זײַנ אַזאַ: דאָס איז געווענ אַזאַ מינ רעגירונג, וואָס אַזאַ דאַרפ אונדזערע ניט זײַנ. א פײַנער ענטפער, ניטאָ וואָס צו ריידנ! באַווײַזט דאָס דענ ניט קיינ רעזאָניאָרישקײַט פונ א סכאָלאַסט אונ הילפלאָזיקײַט פונ א רעוואָליוציאָנער, ווענ די פּראַקטישע פּראָגראַם פונ דער פּאַרטיי ווערט פאַרשוויגנ אונ אינ א רעזאָליוציע הייבט מענ אָנ ניט אַמפּלאַצ צו אונטעריכטנ געשיכטע? ווײַזט

[1] אינ אָריגינאַל א ווערטער=שפּיל: далеким звоном... или пустозвонством. איבערז.

דאָס דענ ניט גראָד דעמ פּעלער, אינ וועלכנ מע האָט זיכ אומגעלונגענ באַמיט צו באַשולדיקנ אונדז: דאָס צונויפמישנ די דעמאָקראַטישע אונ די סאָציאַליסטישע איבערקערענישנ, וואָס צווישנ זיי האָט קיינ איינ „קאָמונע“ קיינ אונטערשייד ניט געמאַכט?

אַלס ציל פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג (וועלכע איז אַזוי ניט פּאַסיק אָנגערופנ געוואָרנ קאָמונע) ווערט אַרויסגעשטעלט „אויסשליסלעכ“ די פאַרשפּרייטונג פונעמ אויפשטאַנד אונ דעזאָרגאַניזירונג פונ דער רעגירונג. דער דאָזיקער „אויסשליסלעכ“ באַזײַטיקט, לויטנ בוכשטעבלעכנ זינ פונ וואָרט, יעטווידע אַנדערע אויפגאַבנ אונ איז אַנ אָפּגרעפּצ פונ דער אומגעלומפּערטער טעאָריע „בלויז פונ אונטנ“. אַזאַ מינ באַזײַטיקנ אַנדערע אויפגאַבנ איז טאַקע ווידעראַמאָל קורצזיכטיקײַט אונ ניט דורכגעטראַכטקײַט. די „רעוואָליוציאָנערע קאָמונע“, דה. די רעוואָליוציאָנערע מאַכט אַפילע אינ איינ שטאָט וועט אומפאַרמײַדלעכ מוזנ אויספילנ (זאָל זײַנ אַפילע צײַטווײַליק, „טיילווײַז, עפּיזאָדיש“) אַ ל ע מעלוכע-איניאָנימ, אונ מאַכנ זיכ דאָ קעלוי-יאָדע איז ביז גאָר ניט קלוג. די דאָזיקע מאַכט וועט מוזנ אַ) דעמ 8-שאָיקנ אַרבעטס-טאָג דעקרעטירנ, אי אַנ אַרבעטער-אינספּעקציע איבער די פאַבריקנ גרינדנ, אי אומזיסטיקע אַלגעמיינע בילדונג אָרגאַניזירנ, אי געוויילטקײַט פונ די ריכטער אײַנפירנ, אי פּויערימ-קאָמיטעטנ גרינדנ אאַוו., — מיט איינ וואָרט, אַ רײַ רעפאָרמענ וועט זי מוזנ דורכפירנ אומבאַדינגט. אײַנפאַסנ אָט די רעפאָרמענ אינעמ באַגריפ „מיטווירקנ דער פאַרשפּרייטונג פונעמ אויפשטאַנד“ וואָלט געהייסנ שפּילנ זיכ מיט ווערטער אונ בעקיוונ שטאַרקער מאַכנ די אומקלאָרקײַט דאָרט, וווּ עס איז נייטיק פולשטענדיקע קלאָרקײַט.

דער שלוס-טייל פונ דער נײַ-איסקרישער רעזאָליוציע גיט ניט קיינ נײַעמ מאַטעריאַל אָפּ צו קריטיקירנ די פּרינציפּיעלע טענדענצנ פונ דעמ ווידער-אויפגעלעבטנ „עקאָנאָמיזמ“ אינ אונדזער פּאַרטיי, ער איליוסטרירט אָבער דאָס אויבנ געזאָגטע אַ ביסל פונ אַנ אַנדער זײַט.

אָט איז דער דאָזיקער טייל:

„בלויז אינ איינ פאַל וואָלט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געדאַרפט לויט איר איניציאַטיוו ריכטנ אירע באַמיונגענ אָפּ צו באַקומענ די מאַכט אונ, ווי ווײַט מעגלעכ, וואָס לענגער אײַנהאַלטנ זי אינ אירע הענט, — נעמלעכ אינ דעמ פאַל, ווענ די רעוואָליוציע וואָלט זיכ אַריבערגעוואָרפנ אינ די פאָרגעשריטענע לענדער פונ מײַרעוו-אייראָפּע, אינ וועלכע די באַדינגונגענ צומ פאַרווירקלעכנ דעמ סאָציאַליזמ האָבנ שוינ דערגרייכט אַ געוויסע (?) רײַפקײַט. אינ אָט דעמ פאַל קאָנענ די באַגרענעצטע היסטאָרישע ראַמענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע היפּש פאַנאַנדערגערוקט ווערנ, אונ עס וועט אויפקומענ די מעגלעכקײַט אַרויסצוטרעטנ אויפנ וועג פונ סאָציאַליסטישע איבערגעשטאַלטונגענ.

בויענדיק איר טאַקטיק מיט דער אויסרעכענונג, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל אינ פאַרלויפ פונ דעמ גאַנצנ רעוואָליוציאָנערנ פּעריאָד אײַנהיטנ פאַר זיכ די לאַגע פונ אַנ עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפּאָזיציע בענעגייע אַלע רעגירונגענ, וועלכע בײַטנ זיכ אינ גאַנג פונ דער רעוואָליוציע, קאָנ די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע בעסער ווי אַלצ זיכ צוגרייטנ אויכ צומ אויסנוצנ די רעגירונגס-מאַכט, אויב זי וועט אַרײַנפאַלנ (??) צו איר אינ די הענט“.

דער גרונט-געדאנק איז דאָ דער זעלבער, ווי ס'האָט אים ניט איינ מאָל פאָרמולירט דער „ווּפּעריאָד“, וואָס האָט געזאָגט, אז מיר דארפנ ניט מוירע האָבנ (ווי עס האָט מוירע מארטינאָוו) פאר א פולשטענדיקנ זיג פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, ד.ה. פאר דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטום, ווייל אזא זיג וועט אונדז געבנ די מעגלעכקייט אופצוהייבנ אייראָפּע, אונ דער אייראָפּייִשער סאָציאליסטישער פראָלעטאריאט, אז ער וועט אראָפּווארפנ פונ זיכ דעם יאָכ פונ דער בורזשואזיע, וועט ער פונ זיינ זייט העלפנ אונדז צו מאכנ די סאָציאליסטישע איבערקערעניש. זעט אָבער, ווי ווייט אָט דער געדאנק איז ערגער געוואָרנ אינ דער פאָרמולירונג פונ די ניי-איסקראָווצעס. מיר וועלנ זיכ ניט אָפּשטעלנ אפ פראָטים, — אפ דעם אומזינ, אז די מאכט קאָנ קלוימערשט „אריינפאלנ“ אינ די הענט פונ א באוווּסטזיניקער פארטיי, וועלכע האלט, אז פארכאפּנ די מאכט איז א שעדלעכע טאקטיק, — אפ דעם, אז אינ אייראָפּע האָבנ די באדינגונגענ פארנ סאָציאליזם דערגרייכט ניט א געוויסע רייפקייט, נאָר רייפקייט ביכלאל, — אפ דעם, אז אונדזער פארטיי-פראָגראם ווייסט ניט פונ קיינ שום סאָציאליסטישע איבערגעשטאלטונגענ, זי ווייסט בלויז א סאָציאליסטישע איבערקערעניש. לאָמיר נעמענ דעם הויפּט- אונ גרונט-אונטערשייד צווישנ דעם געדאנק פונ „ווּפּעריאָד“ אונ פונ דער רעזאָליוציע. דער „ווּפּעריאָד“ האָט אָנגעוויזנ דעם רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט פונ רוסלאנד אנ אקטיווע אופגאבע: זיגנ אינ דעם קאמף פאר דעמאָקראטיע אונ אויסנוצנ אָט דעם זיג אפ אריבערצוטראָגנ די רעוואָליוציע קיינ אייראָפּע. די רעזאָליוציע פארשטייט ניט דעם דאָזיקנ צוזאמענהאנג פונ אונדזער „אנטשיידענעם זיג“ (ניט אינ דעם ניי-איסקרישנ זינ) מיט דער רעוואָליוציע אינ אייראָפּע, אונ זי רעדט דעריבער ניט וועגנ די אופגאבנ פונעם פראָלעטאריאט, ניט וועגנ די פערספּעקטיוונ פונ זיינ זיג, נאָר וועגנ איינער פונ די מעגלעכקייטנ ביכלאל: „ווענ די רעוואָליוציע וואָלט זיכ אריבערגעוואָרפנ“...

דער „ווּפּעריאָד“ האָט אָנגעוויזנ דירעקט אונ באשטימט, — אונ די דאָזיקע אָנווייזונגענ זיינענ אריינ אינ דער רעזאָליוציע פונעם III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פ., — וויאזוי נעמלעכ מע קאָנ אונ מע דארפ „אויסנוצנ די רעגירונגס-מאכט“ אינ די אינטערעסנ פונעם פראָלעטאריאט, רעכענענדיק זיכ דערמיט, וואָס מע קאָנ פארווירקלעכנ מיטאמאָל בא דער געגעבענער שטופע פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג אונ וואָס עס איז נייטיק צו פארווירקלעכנ צוערשט, אלס א דעמאָקראטישע פאָרהאנאָכע פונעם קאמפ פאר סאָציאליזם. די רעזאָליוציע שלעפּט זיכ אויכ דאָ האָפענונגסלאָז אינ עק, ווענ זי זאָגט: „קאָנ זיכ צוגרייטנ צום אויסנוצנ“, זי ווייסט אָבער ניט צו זאָגנ — וויאזוי קאָנ מענ, וויאזוי צוגרייטנ זיכ, צו וואָס פאר אנ אויסנוצנ. מיר צווייפלענ ניט, לעמאָשל, אז די ניי-איסקראָווצעס „קאָנענ זיכ צוגרייטנ צום אויסנוצנ“ די אָנפירנדיקע לאגע אינ דער פארטיי, די מייסע איז דאָכ אָבער די, וואָס ביי זייער דערפארונג פונ אָט דעם אויסנוצנ ביי זייער צוגרייטונג גיט ביז איצט ניט קיינ האָפענונג, אז די מעגלעכקייט זאָל פארוואנדלט ווערנ אינ א ווירקלעכקייט...

דער „ווּפּעריאָד“ האָט געזאָגט גענוי, אינ וואָס נעמלעכ עס באשטייט די רעאלע „מעגלעכקייט איינצוהאלטנ די מאכט אינ די אייגענע הענט“, — אינ דער רעוואָ-

ליוציאָנערער דעמאָקראטישער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, אינ זייער געמיינזאמער מאסנ=קראפט, וועלכע איז אימשטאנד אריבערצוּוועגנ אלע קויכעס פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, דערינ, וואָס זייערע אינטערעסנ בענגייע די ד ע מ אָ ק ר א ט י ש ע איבערגעשטאלטונגענ פאלנ אומפארמײַדלעכ צונויפ. די רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ גיט אויכ דאָ ניט קיינ שומ פאָזיטיוועס, זי זעט זיכ נאָר ארויסצודרייענ פונ דער פראגע. די מעגלעכקײַט אײַנצוהאלטנ די מאכט אינ רוסלאנד דארפ דאָכ זײַנ באדינגט דורכנ באשטאנד פונ די סאָציאלע קויכעס טאקע פונ רוסלאנד, דורכ די באדינגונגענ פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש, וועלכע קומט בײַ אונדז אצינד פאָר. דער זיג פונעמ פראָלעטאריאט אינ אייראָפּע (אונ פונ אריבערטראָגנ די רעוואָליוציע קיינ אייראָפּע ביז א זיג פונעמ פראָלעטאריאט איז נאָכ פאראנ א געוויסע דיסטאנצ) וועט דאָכ ארויסרופנ א פארצווייפלטנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ דער רוסישער בורזשואזיע, — די רעזאָליוציע פונ די נײַאיסקראָווצעס זאָגט קיינ וואָרט ניט וועגנ אָט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער קראפט, וואָס איר באדײַטונג איז אָפּגעשאצט אינ דער רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.=ד. א.=פּ. וואָלטנ מיר אינעמ קאמפ פאר א רעפובליק אונ פאר דעמאָקראטיע ניט געקאָנט אויסער דעמ פראָלעטאריאט שטיצנ זיכ אויכ אפנ פויערטומ, דאנ וואָלט די זאכ פונ „אײַנהאלטנ די מאכט" געווענ האָפענונגסלאָז. אונ אויב זי איז ניט האָפענונגסלאָז, אויב דער „אנטשיידענער זיג איבער דעמ צאריזמ" שאפט אזא מעגלעכקײַט, — דאנ דארפנ מיר אָנווײַזנ אפ אָט דער מעגלעכקײַט, אקטיוו רופנ צו פארוואנדלענ זי אינ א ווירקלעכקײַט, געבנ פראקטישע לאָזונגענ ניט נאָר א י נ פ א ל, א ו י ב די רעוואָליוציע וועט אריבערגעטראָגנ ווערנ קיינ אייראָפּע, נאָר אויכ ד ע ר צ ו, אז זי ז אָ ל אריבערגעטראָגנ ווערנ. מיטנ פארופנ זיכ אפ די „באגרענעצטע היסטאָרישע ראמענ פונ דער רוסישער רעוואָליוציע" פארדעקנ בלויז די עקיסטנ פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע זייער באגרענעצטנ פארשטייענ די אופגאבנ פונ אָט דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אונ די אוואנגארד=ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט אינ אָט דער רעוואָליוציע!

איינע פונ די דערווידערונגענ קעגנ דעמ לאָזונג: „רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ" באשטייט דערינ, וואָס דיקטאטור פאָדערט אנ „איינהײַטלעכנ ווילנ" („איסקרא" נומ. 95), קיינ איינהײַטלעכער ווילנ אָבער קאָנ בײַ דעמ פראָלעטאריאט מיט דער קליינ=בורזשואזיע ניט זײַנ. אָט די דערווידערונג האלט ניט אויס קיינ קריטיק, ווײַל זי איז באזירט אפ אנ אבסטראקטער, „מעטאפיזישער" אויסטײַטשונג פונעמ באגריפ „איינהײַטלעכער ווילנ". עס טרעפט אזא ווילנ, וואָס איז אינ איינ הינזיכט יאָ איינהײַטלעכ אונ אינ דער אנדערער הינזיכט ניט איינהײַטלעכ. דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיינ איינהײַט אינ די פראגנ פונ סאָציאליזמ אונ אינעמ קאמפ פארנ סאָציאליזמ, מאכט ניט פאר אויסגעשלאָסנ, אז עס זאָל יאָ זײַנ אנ איינהײַט פונעמ ווילנ אינ די פראגנ פונ דעמאָקראטיזמ אונ אינעמ קאמפ פאר א רעפובליק. פארגעסנ אזא זאכ וואָלט געהייסנ פארגעסנ דעמ לאָגישנ אונ היסטאָרישנ אונטערשייד צווישנ דער דעמאָקראטישער אונ דער סאָציאליסטישער איבערקערעניש. פארגעסנ אזא זאכ וואָלט געהייסנ פארגעסנ וועגנ דעמ א ל פ אָ ל ק י ש נ כאראקטער פונ דער דעמאָקראטישער איבערקערעניש: אויב אנ

„אלפאלקישער", איז דאכ, הייסט עס, יא פאראנ אנ „איינהייט פונעמ ווילנ" טאקע אפ אזויפיל, אפ וויפל אט די איבערקערעניש פארווירקלעכט די אלפאלקישע נויטנ אונ באדערפענישנ. אויסער די ראמענ פונ דעמאקראטיזמ קאנ גאר קיינ רייד ניט זיינ וועגנ אנ איינהייט פונעמ ווילנ צווישנ דעמ פראלעטאריאט אונ דער פויערשער בורזשואזיע. דער קלאסנקאמפ צווישנ זיי איז אומפארמיידלעכ, אבער אפנ באדנ פונ א דעמאקראטישער רעפובליק וועט אט דער קאמפ טאקע זיינ דער טיפסטער אונ ברייטסטער פאלקס-קאמפ פאר סאציאליזמ. די רעוואליוציאנער-דעמאקראטישע דיקטאטור פונ פראלעטאריאט אונ פויערטומ האט, פונקט ווי אלצ אפ דער וועלט, א פארגאנגענהייט אונ א צוקונפט. איר פארגאנגענהייט איז — זעלבסטהערשונג, לייבייגנטומ, מאנארכיע, פריווילעגיעס. אינ קאמפ קעגנ אט דער פארגאנגענהייט, אינ קאמפ קעגנ דער קאנטררעוואליוציע איז מעגלעכ די „איינהייט פונעמ ווילנ" פונ פראלעטאריאט אונ פויערטומ, ווייל עס איז פאראנ די איינהייט פונ אינטערעסנ.

איר צוקונפט איז — דער קאמפ קעגנ פריוואט-אייגנטומ, דער קאמפ פונ דעמ לוינ-ארבעטער קעגנ דעמ באלעבאס, דער קאמפ פאר סאציאליזמ. דא איז קיינ איינהייט פונעמ ווילנ ניט מעגלעכ[1]. דא האבנ מיר פאר זיכ א וועג, וואס גייט ניט פונ זעלבסטהערשונג — צו רעפובליק, נאר א וועג, וואס גייט פונ קליינבירגערלעכער דעמאקראטישער רעפובליק — צו סאציאליזמ.

פארשטייט זיכ, אז אינ א קאנקרעטער היסטארישער סיטואציע פלעכטנ זיכ איבער די עלעמענטנ פונ דער פארגאנגענהייט אונ פונ דער צוקונפט, עס מישנ זיכ צונויפ אי דער אי יענער וועג. לוינ-ארבעט אונ דער קאמפ אירער קעגנ פריוואט-אייגנטומ עקזיסטירט אויכ בא דער זעלבסטהערשונג, זי הייבט אנ אופקומענ אפילע בא דער לייבייגנטומ-ארדענונג. דאס שטערט אונדז אבער לאכלוטנ ניט אפצוטיילנ לאגיש אונ היסטאריש גרויסע אנטוויקלונג-פאזעס. מיר אלע שטעלנ דאכ קעגנאנאנד די בורזשואזע רעוואליוציע אונ די סאציאליסטישע, מיר אלע באשטייענ אומבאדינגט, אז ס'איז נייטיק דורכצופירנ דעמ שטרענגסטנ אונטערשייד צווישנ זיי. צי קאנ מענ דענ אבער לייקענענ, אז אינ דער געשיכטע פלעכטנ זיכ איבער איינצלנע, באזונדערע עלעמענטנ פונ דער אונ פונ יענער איבערקערעניש? איז דענ דער עפאכע פונ דעמאקראטישע רעוואליוציעס אינ אייראפע ניט באקאנט א ריי סאציאליסטישע באוועגונגענ אונ סאציאליסטישע פרוווּנ? אונ איז דענ דער קומענדיקער סאציאליסטישער רעוואליוציע אינ אייראפע ניט פארבליבנ צו דערטאנ נאכ א סאכ אונ א סאכ אינ הינזיכט פונ דעמאקראטיזמ?

א סאציאל-דעמאקראט טאר קיינמאל אונ אפ קיינ איינ מינוט ניט פארגעסנ וועגנ דעמ אומפארמיידלעכנ קלאסנקאמפ פונ דעמ פראלעטאריאט פאר סאציאליזמ קעגנ דער סאמע דעמאקראטישער אונ רעפובליקאנישער בורזשואזיע אונ קליינ-בורזשואזיע. דאס איז אויסער צווייפל. דערפונ איז געדרונגענ, אז די עקזיסטענצ

[1] די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, וואס אינ די באדינגונגענ פונ פרייהייט גייט זי נאכ אינ א ברייטערנ אונ שנעלערנ פארנעמ, וועט אומפארמיידלעכ מאכנ א שנעלנ סאפ צו דער איינהייט פונעמ ווילנ, — אונ אלצ א שנעלערנ, וואס שנעלער עס וועט דערשטיקט ווערנ די קאנטררעוואליוציע אונ די רעאקציע.

פונ א באזונדערער אונ זעלבשטענדיקער שטרענג=קלאסעווער פארטיי פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע איז א זאכ, וואָס איז אומבאדינגט אָבליגאטאָריש. דערפונ איז געדרונגענ, אז אונדזער „צוזאמענ שלאָגנ“ מיט דער בורזשואזיע טראָגט א צײַטווײַליקנ כאראקטער, אז מע מוז שטרענג נאָכקוקנ „נאָכנ פארבינדעטנ, ווי נאָכ א סוינע“ אאוו. וועגנ דעמ אלצ קאָנ אויכ ניט זײַנ קיינ מינדסטער סאָפעק. עס וואָלט אָבער געווענ לעכערלעכ אונ רעאקציאָנער צו מאכנ דערפונ דעמ אויספיר, אז מע מעג פארגעסנ, איגנאָרירנ אָדער גרינגשעצנ די אופגאבנ, וואָס זײַנענ אקטועל הײַנט צו טאָג, כאָטש זיי זײַנענ פאָריבערגייענדיקע אונ צײַטווײַליקע. דער קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג איז א צײַטווײַליקע אונ פאָריבערגייענדיקע אופגאבע פונ די סאָציאליסטנ, אָבער איגנאָרירנ אָדער גרינגשעצנ אפ וועלכנ=עס=איז אויפנ אָט די אופגאבע איז אלציינס ווי פאראטנ דעמ סאָציאליזמ אונ העלפנ דער רעאקציע. די רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ איז זיכער בלויז א פאָריבערגייענדיקע, א צײַטווײַליקע אופגאבע פונ די סאָציאליסטנ, איגנאָרירנ אָבער אָט די אופגאבע אינ דער עפאָכע פונ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע איז פאָשעט רעאקציאָנער.

קאָנקרעטע פאָליטישע אופגאבנ דארפ מענ שטעלנ אינ א קאָנקרעטער סיטואציע. אלצ איז רעלאטיוו, אלצ פליסט, אלצ ענדערט זיכ. די דײַטשישע סאָציאל=דעמאָקראטיע שטעלט ניט אינ דער פראָגראמ די פאָדערונג פונ א רעפובליק. דאָרט איז די סיטואציע אזא, אז די דאָזיקע פראגע קאָנ מענ אינ דער פראקטיק קוים אָפטיילנ פונ דער פראגע וועגנ סאָציאליזמ (האגאמ בענעגייע דײַטשלאנד אפילע האָט ענגעלס אינ די באמערקונגענ צומ פראָיעקט פונ דער ערפורטער פראָגראמ אינ 1891 יאָר געוואָרנט קעגנ פארמינערנ די באדײַטונג פונ דער רעפובליק אונ פונעמ קאמפ פאר דער רעפובליק!). אינ דער רוסלענדישער סאָציאל=דעמאָקראטיע איז גאָר אפילע ניט אופגעקומענ קיינ פראגע וועגנ דעמ, אז מע זאָל ארויסנעמענ פונ דער פראָגראמ אונ פונ דער אגיטאציע די פאָדערונג וועגנ א רעפובליק, ווײַל בא אונדז קאָנ גאָר אפילע קיינ רייד ניט זײַנ וועגנ אנ אָרגאנישער פארבינדונג פונ דער פראגע וועגנ דער רעפובליק מיט דער פראגע וועגנ סאָציאליזמ. א דײַטשישער סאָציאל=דעמאָקראט פונ 1898 יאָר, וואָס שטעלט ניט אינ פאָדערגרונט די פראגע ספעציעל וועגנ דער רעפובליק, איז א דערשײַנונג א נאטירלעכע, זי רופט ניט ארויס קיינ פארוואונדערונג, ניט קיינ פארורטיילונג. א דײַטשישער סאָציאל=דעמאָקראט, וועלכער וואָלט אינ 1848 יאָר געלאָזט אינ שאָטנ די פראגע וועגנ דער רעפובליק, וואָלט געווענ א בעפיירעשער פארעטער קעגנ דער רעוואָליוציע. קיינ אבסטראקטער עמעס איז ניטאָ. דער עמעס איז אלעמאָל קאָנקרעט.

עס וועט קומענ א צײַט — עס וועט זיכ ענדיקנ דער קאמפ קעגנ דער רוסישער זעלבסטהערשונג — אינ רוסלאנד וועט פאָריבער די עפאָכע פונ דעמאָקראטישער רעוואָליוציע — דאנ וועט לעכערלעכ זײַנ אפילע צו ריידנ וועגנ „איינהײַט פונעמ ווילנ“ פונ פראָלעטאריאט אונ פויערטומ, וועגנ דעמאָקראטישער דיקטאטור אאוו. דאנ וועלנ מיר א טראכט טאָנ אומיטלבאר וועגנ דער סאָציאליסטישער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אונ מיר וועלנ אויספירלעכער א רעד טאָנ וועגנ איר. איצט אָבער מוז די פארטיי פונעמ פאָרגעשריטענעמ קלאס שטרעבנ אפנ סאמע ענערגישנ

אויפנ צומ אנטשיידענעמ זיג פונ דער רעמאָקראטישער רעװאָליוציע איבערנ צאריזמ. אונ אַנ אנטשיידענער זיג איז מאקע ניט קײנ אנדער זאכ, װי די רעװאָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט אונ פױערטומ.

11. א גלױבפיקער פארגלײַכ צװישנ אײניקע רעזאָליוציעס פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ. אונ פונ דער „קאָנפערענצ"

די פראגע װעגנ דער צײַטװײַליקער רעװאָליוציאָנערער רעגירונג איז אינעמ איצטיקנ מאָמענט דער צענטראלער פונקט פונ די טאקטישע פראגנ פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע. אָפשטעלנ זיכ פונקט אזוי גענױ אפ די איבעריקע רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ איז ניטאָ ניט קײנ מעגלעכקײַט, ניט קײנ נײטיקײַט. מיר װעלנ זיכ באגרענעצנ בלויז מיט קורצ אָנװײַזנ אפ עטלעכע פונקטנ, װאָס באשטעטיקנ דעמ אויבנ אנאליזירטנ פרינציפיעלנ אונטערשײד אינ דער טאקטישער ריכטונג פונ די רעזאָליוציעס פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פ. אונ פונ די רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ.

נעממ די פראגע װעגנ דער באציִונג צו דער טאקטיק פונ דער רעגירונג ערעװ דער איבערקערעניש. אפ אָט דער פראגע װעט איר מאקע װידעראמאָל געפינענ א פארגאנצטנ ענטפער אינ דער רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.-ד. א.-פ. די דאָזיקע רעזאָליוציע דיסקאָנטירט אלע פארשײדנארטיקע באדינ-גונגענ אונ אויפגאבנ פונעמ ספעציפישנ מאָמענט: אי דאָס דעמאסקירנ די צװיִעס פונ די רעגירונגס-האנאָכעס, אי דאָס אויסנוצנ די „קאריקאטורישע פאָרמענ פונ דער פאָלקס-פארטרעטונג", אי דאָס פארװירקלעכנ אפ א רעװאָליוציאָנערנ אויפנ די דרינגענדיקע פאָדערונגענ פונעמ ארבעטער-קלאס (װאָס דאָס הויפט-אָרט צװישנ זײ פארנעמט דער אכטשאָ:קער ארבעטס-טאָג), אי, צולעצט, דאָס געבנ א װידערשטאנד די שװארצע מײעס. אינ די רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ איז די פראגע צע-װאָרפנ איבער עטלעכע אָפטײלנ: „דער װידערשטאנד די פינצטערע קויכעס פונ דער רעאקציע" איז דערמאָנט בלויז אינ די מאָטיװנ פונ דער רעזאָליוציע װעגנ דער באציִונג צו אנדערע פארטײענ. דער אָנטײל אינ די װאלנ צו די פארטרעטונגס-אינסטי-טוציעס װערט באטראכט באזונדער פונ דער פראגע װעגנ די „קאָמפראָמיסנ" פונעמ צאריזמ מיט דער בורזשואזיע. אָנשטאָט א רופ צו פארװירקלעכנ אפ א רעװאָליו-ציאָנערנ אויפנ דעמ אכטשאָ:קנ ארבעטס-טאָג פארנעמט זיכ די ספעציעלע רעזאָליו-ציע, װאָס טראָגט דעמ הויכ-קלינגענדיקנ נאָמענ „װעגנ עקאָנאָמישנ קאמפ", דער-מיט, װאָס זי כאזערט בלויז איבער (נאָכ די קלינגענדיקע אונ זײער ניט-קלוגע װער-טער װעגנ דעמ „צענטראלנ אָרט, װאָס די ארבעטער-פראגע האָט פארנומענ אינעמ רוסישנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ") דעמ אלטנ לאָזונג פונ אגיטאציע פאר „אײַנשטעלנ געזעצגעבעריש אַנ אכטשאָ:קנ ארבעטס-טאָג". װעגנ דעמ, אז אָט דער לאָזונג איז שװאַכ אונ אָפגעשטאנענ באמ איצטיקנ מאָמענט, — דאָס איז צו קלאָר, אז מע זאָל דאָס דארפנ ספעציעל נעמענ דערװײַזנ.

די פראגע װעגנ אַנ אָפענער פאָליטישער ארויסטרעטונג. דער III צוזאמענפאָר

דיסקאָנטירט די פאָרשטייענדיקע ר א ד י ק א ל ע ענדערונג פונ אונדזער טעטיקײט. מע טאָר בעשומויפנ ניט פארוואַרפנ די קאָנספּיראַטיווע טעטיקײט אונ די אנטוויקלונג פונעמ קאָנספּיראַטיווונ אפּאַראַט: דאָס וואָלט געווענ ווי געוווּנטשנ פאַר דער פּאָליציי אונ ביז גאָר גינסטיק פאַר דער רעגירונג. מע מוז אָבער שוינ איצט טראַכטנ אויכ וועגנ אנ אָפענער ארויסטרעטונג. מע דאַרפ טייקעפ ג ר י י ט נ די צוועקמעסיקע פאָרמענ פונ אזא ארויסטרעטונג אונ, הייסט עס, ספּעציעלע אפּאַראַטנ — ווייניקער קאָנספּיראַטיווע — צו אָט דעמ ציל. מע דאַרפ אויסנוצנ די לעגאַלע אונ האַלבלעגאַלע געזעלשאַפטנ, קעדיי צו פארוואַנדלענ זיי, ווי ווײַט נאָר מעגלעכ, אינ שטיצפּונקטנ פונ דער קומענדיקער אָפענער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ארבעטער-פארטיי אינ רוסלאַנד.

די קאָנפערענצ צעברעקלט אויכ דאָ די פראַגע, זי גיט ניט קיינע שומ פאַרגאַנצטע לאָזונגענ. באַזונדער שפּרינגט ארויס דער קאָמישער אופטראָג פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיסיע צו זאָרגנ זיכ וועגנ „געפינענ פלאַצ“ פאַר די לעגאַלע ליטעראַטאָרנ. גאָר אומגעלומפּערט איז די באַשטימונג וועגנ „אונטערוואַרפנ אונטער אונדזער איינפלוס יענע דעמאָקראַטישע צײַטונגענ, וואָס שטעלנ פאַר זיכ דעמ ציל צו געבנ מיטהילפ דער ארבעטער-באַוועגונג“. אָט דעמ ציל שטעלנ פאַר זיכ אַלע אונדזערע לעגאַלע ליבעראַלע צײַטונגענ, וואָס לויט דער ריכטונג זײַנענ זיי קימאַט דורכויס „אָסוואָבאָזשדיענישע“. איז פארוואָס זאָל די רעדאַקציע פונ דער „איסקראַ“ אַליינ ניט אָנהייבנ דערפונ, אז זי זאָל אויספילנ איר אייגענע אייצע אונ טאַקע באַווײַזנ אונדז א בײַשפּיל, וויאַזוי מע דאַרפ אונטערוואַרפנ אונטער דעמ סאָציאַל-דעמאָקראַטישנ איינפלוס די „אָסוואָבאָזשדיעניע“?.. אָנשטאָט דעמ לאָזונג אויסצונוצנ די לעגאַלע פאַריינענ אפ צו שאַפנ שטיצפּונקטנ פונ דער פארטיי גיט מענ אונדז, ערשטנס, א פּריוואַטע אייצע בלויז וועגנ די „פּראָפעסיאָנעלע“ פאַריינענ (די פארטיי-מיטגלידער זאָלנ אָבליגאַטאָריש אָנטיילנעמענ אינ זיי) אונ, צווייטנס, אנ אייצע אָנצופירנ מיט די „רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פונ די ארבעטער“ = מיט די „ניט-אויסגעפורעמטע אָרגאַניזאַציעס“ = מיט די „רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-קלובנ“. וויאַזוי זײַנענ עס „קלובנ“ ארײַנגעפאַלנ צווישנ ניט-אויסגעפורעמטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרא „קלובנ“ זײַנענ דאָס, — ווייסט איינ גאָט. אָנשטאָט פּינקטלעכע אונ קלאָרע דירעקטיווונ פונ דער העכסטער פארטיי-אינסטיטוציע זעענ מיר דאָ עפּעס עסקיזנ פונ געדאַנקענ אונ ניט-באַאַרבעטע נאָטיצנ פונ ליטעראַטאָרנ. קיינ שומ פאַרגאַנצט בילד וועגנ דעמ אָנהייב פונעמ אריבערגאַנג פונ דער פארטיי אפ גאָר אנ אַנדער באַזע פונ דער גאַנצער ארבעט אירער באַקומט זיכ ניט.

די „פויערימ-פראַגע“ איז גאַנצ פאַרשיידנ געשטעלט אפנ פארטיי-צוזאַמענפאָר אונ אפ דער קאָנפערענצ. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעאַרבעט א רעזאָלוציע וועגנ דער „באַציִונג צו דער פויערימ-באַוועגונג“. די קאָנפערענצ — וועגנ דער „ארבעט צווישנ די פויערימ“. אינ איינ פאַל זײַנענ אינ פאָדערגרונט ארויסגערוקט געוואָרנ די אופגאַבנ אָנצופירנ — אינ די אַלגעמיינ-נאַציאָנאַלע אינטערעסנ פונ קאַמפ קעגנ דעמ צאַריזמ — מיט דער גאַנצער ברייטער רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. אינעמ צווייטנ פאַל לאָזט זיכ די גאַנצע זאַכ אויס בלויז צו דער „ארבעט“ צווישנ א באַזונדערנ שיכט. אינ איינ פאַל ווערט ארויסגערוקט דער צענטראַלער פּראַקטישער

לאָזונג פונ דער אגיטאציע — טייקעפ אָרגאניזירנ רעוואָליוציאָנערע פויערימ־קאָמי־
טעטנ אפ דורכצופירנ אלע דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונגענ. אינעמ צווייטנ
פאל — דארפ די „פאָדערונג צו אויסבילדנ קאָמיטעטנ" ארויסגעשטעלט ווערנ דער
גרינדונגס־פארזאמלונג. פארוואָס דארפנ מיר אומבאדינגט ווארטנ אפ אָט דער גרינ־
דונגס־פארזאמלונג? וועט זי טאקע פאקטיש ווערנ א גרינדערישע? וועט זי זײַנ
פעסט, אויב מע זאָל פריִער אונ גלײַכצײַטיק ניט גרינדנ קיינ רעוואָליוציאָנערע פויע־
רימ־קאָמיטעטנ? — אפ די אלע פראגנ האָט די קאָנפערענצ ארויסגעלאָזט פונ
אויג. אינ אלע אירע באשלוסנ שפיגלט זיכ קעסיידער אָפ דער אלגעמיינער געדאנק,
וועלכנ מיר האָבנ אומעטומ געזענ, אז אינ דער בורזשואזער רעוואָליוציע דארפנ מיר
פירנ בלויז אונדזער ספעציִעלע ארבעט, ניט שטעלנדיק זיכ פאר קיינ ציל אָנצופירנ
מיט דער גאנצער דעמאָקראטישער באוועגונג אונ זעלבשטענדיק דורכפירנ זי. פונקט ווי
די עקאָנאָמיסטנ פלעגנ שטענדיק קומענ צומ אויספיר, אז צו די סאָציִאל־דעמאָקראטנ
געהערט דער עקאָנאָמישער קאמפ, אונ צו די ליבעראלנ — דער פאָליטישער,
פונקט אזוי קומענ די נײַ־איסקראָווצעס אינעמ גאנצנ גאנג פונ זייערע בקירעס צומ
אויספיר. אז מיר דארפנ פארנעמענ א וואָס באשיידענערנ ווינקעלע אָנ א זײַט פונ
דער בורזשואזער רעוואָליוציע, אונ די בורזשואזיע דארפ אקטיוו דורכפירנ די רע־
וואָליוציע.

צולעצט, מע קאָנ ניט ניט פארצייכענענ אויכ די רעזאָליוציע וועגנ דער באציִונג
צו די אנדערע פארטייענ. די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד.
א.־פ. רעדט וועגנ דעמאסקירנ יעטווידע באגרענעצטקײַט אונ ניט גענוגנדיקײַט פונ
דער באפרײַונגס־באוועגונג פונ דער בורזשואזיע, אונ פארנעמט זיכ ניט מיט דעמ
נאַיִווג געדאנק אויסצורעכענענ פונ צוזאמענפאָר צו צוזאמענפאָר אלע מעגלעכע פאלנ
פונ אָט דער באגרענעצטקײַט, דורכצופירנ א שטריכ, וואָס טיילט אָפ די ניט־גוטע
בורזשואו פונ די גוטע בורזשואו. די קאָנפערענצ ווידער כאזערט איבער סטאראָווערס
פעלער אונ זוכט מיט אקשאָנעס אזא מינ שטריכ, זי אנטוויקלט די בארימטע טעאָ־
ריע פונ א „לאקמוס־פאפירל". סטאראָווער האָט געהאט אינ זינענ זייער א ווילע
אידיי: שטעלנ דער בורזשואזיע וואָס שטרענגערע באדינגונגענ. ער האָט בלויז פאר־
געסנ, אז יעטווידער פרווו אָפצוטיילנ פאָרויס די בורזשואזע דעמאָקראטנ, וואָס פאר־
דינענ באוויליקונג, פארשטענדיקונג אאוו., פונ די, וואָס פארדינענ עס ניט, פירט צו
א „פאָרמולע", וואָס ווערט דורכ דער אנטוויקלונג פונ די געשעענישנ טייקעפ ארויס־
געוואָרפנ אפ יענער זײַט באָרט אונ וואָס ברענגט ארײַנ א מישמאש אינעמ פראָלע־
טארישנ קלאסנ־באוווסטזײַנ. דער שווערפונקט ווערט אריבערגעטראָגנ פונ דער רעא־
לער אייגנהײַט אינ קאמפ — אפ דערקלערונגענ, צוזאָגנ, לאָזונגענ. אלס אזא מינ
גרונט־לאָזונג האָט סטאראָווער געהאלטנ דאָס „אלגעמיינע, גלײַכע, דירעקטע אונ גע־
היימע וואלרעכט". עס איז ניט פאָריבער אפילע קיינ צוויי יאָר, — אונ דאָס „לאק־
מוס־פאפירל" האָט דערוויזנ, אז דאָס פאפירל זעלבסט טויג ניט, דעמ לאָזונג וועגנ
אלגעמיינעמ וואלרעכט האָבנ איבערגענומענ די אָסוואָבאָזשדיענצעס, וועלכע האָבנ
דערפונ ניט בלויז ניט דערנעענטערט זיכ צו דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע, נאָר פאר־
קערט — טאקע מיט דער הילפ פונ אָט דעמ לאָזונג האָבנ זיי געמאכט א פרווו צו
פארפירנ די ארבעטער אונ אָפווענדנ זיי פונ סאָציִאליזמ.

אַצינד שטעלנ די נײַ־איסקראָווצעס אַרויס „באַדינגונגענ“ נאָכ „שטרענגערע“, זיי
„פאָדערנ“ בײַ די סאָנים פונעם צאַריזמ, זיי זאָלנ „ענערגיש און אומצווײַדײַטיק(?!)
שטיצנ יעטווידע אנטשיידענע אַקציע פונעם אָרגאַניזירטנ פּראָלעטאַריאַט“ אאַוו. סאַ־
מע בינ דעמ, זיי זאָלנ „אַקטיוו אָנטיילנעמענ אינ דער זעלבסט־באַוואָפענונג פונעם
פאָלק“. דער שטריכ איז דורכגעפירט אַ היפּש ביסל ווײַטער, — און דאָכ איז אָט
דער שטריכ שוינ ווידער פאַרעלטערט געוואָרנ, עס האָט זיכ גלײַכ
אַרויסגעוויזנ, אַז ער טויג ניט. פאַרוואָס, צומ בײַשפּיל, פעלט דער לאָזונג וועגנ אַ
רעפּובליק? ווי־אַזוי „פאָדערנ“ עס סאָציאַל־דעמאָקראַטנ בײַ בורזשואַזע דעמאָקראַטנ
אינ די אינטערעסנ פונ „אָנראַכמאָנעסדיקנ רעוואָליוציאָנערנ קריג קעגנ אַלע יעסוי־
דעס פונ דער שטאַנדיש־מאָנאַרכיסטישער אָרדענונג“ אַלצ, וואָס איר ווילט, אַכוצ
קאַמפּ פאַר דער רעפּובליק?

אַז די דאָזיקע פראַגע איז פאַרגעבנ געוואָרנ ניט קעדיי גלאַט צו טשעפּענ זיכ, אַז
דער פעלער פונ די נײַ־איסקראָווצעס האָט די סאַמע אַקטועלע פּאָליטישע באַדײַ־
טונג, — באַווײַזט דער „רוסלענדישער באַפרײַונגס־פאַרבאַנד“ (זע „פּראָלעטאַרי“
נומ. 4) [1]. די דאָזיקע „סאָנים פונעם צאַריזמ“ וועלנ זײַנ אַקוראַט אָנגעמאָסטנ פאַר
אַלע „פאָדערונגענ“ פונ די נײַ־איסקראָווצעס. און מיר האָבנ דאָכ באַוויזנ, אַז דער
אָסוואָבאָזשדיענישער גײַסט הערשט אינ דער פּראָגראַמ (אָדער אינ דער פּראָגראַמ־
לאָזיקײַט) פונ אָט דעמ „רוסלענדישנ באַפרײַונגס־פאַרבאַנד“ און אַז די אָסוואָבאָזש־
דיענצעס קאָנענ אימ לײַכט נעמענ אָפּנ בוקסיר. די קאָנפערענצ אָבער דערקלערט
אינעמ שלוס פונ דער רעזאָליוציע, אַז די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט ווי פריער
אַרויסטרעטנ, ווי קעגנ צווייעסדיקע פרײַנט פונ פאָלק, קעגנ יענע אַלע פּאָ־
ליטישע פּאַרטייענ, וואָס שטעלנ אַרויס אַ ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע פאָנ און
אינ דער זעלבער צײַט זאָגנ זיי זיכ אָפּ צו אונטערשטיצנ אָפנ ערנסט דעמ רעוואָ־
ליוציאָנערנ קאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט“. דער „רוסלענדישער באַפרײַונגס־פאַרבאַנד“
איז ניט נאָר וואָס ער זאָגט זיכ ניט אָפּ, נאָר ער לייגט שטאַרק פאָר די אונטער־
שטיצונג. איז דאָס דענ אַ גאַראַנטיע, אַז זײַנע פירער זײַנענ ניט קיינ „צווייעסדיקע
פרײַנט פונ פאָלק“, זאָל זײַנ אַפילע, אַז זיי זײַנענ אָסוואָבאָזשדיענצעס?

איר זעט, אַז דערמיט, וואָס די נײַ־איסקראָווצעס פאַרפאַסנ פאָרויס „באַדינגונ־
גענ“ און שטעלנ אַרויס קאָמישע לויט דער מווירעדיקער אָנמעכטיקײַט „פאָדערונ־
גענ“, שטעלנ זיי זיכ גלײַכ אינ אַ לעכערלעכער לאַגע. די באַדינגונגענ און פאָדערונ־
גענ זייערע, ווײַזט זיכ באַלד אַרויס, זײַנענ קנאַפּ אַז צו קאָנענ דיסקאָנטירנ די לע־
בעדיקע ווירקלעכקײַט. די יאָגעניש זייערע נאָכ פאָרמולעס איז אַ האָפענונגסלאָזע,

---

[1] אינ „פּראָלעטאַרי“ נומ. 4, וואָס איז דערשינענ דעמ 3־טנ יונ 1905 יאָר, איז פאַר־
עפנטלעכט געוואָרנ אַ גרויסער אַרטיקל: „אַ נײַער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־פאַרבאַנד“.
אינ דעמ אַרטיקל ווערט איבערגעגעבנ דער אינהאַלט פונ די אויפרופנ פונ אָט דעמ פאַרבאַנד,
וואָס האָט אָנגענומענ דעמ נאָמענ „רוסלענדישער באַפרײַונגס־פאַרבאַנד“ און וואָס האָט גע־
שטעלט פאַר זיכ דעמ ציל צונויפצורופנ מיט דער הילפ פונ אַ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד אַ גרינ־
דונגס־פאַרזאַמלונג. ווײַטער ווערט אינעמ אַרטיקל פעסטגעשטעלט די באַציונג פונ דער
ס.־ד. צו אַזוינע אומפּאַרטייִשע פאַרבאַנדנ. ווי ווײַט רעאַל עס איז געווענ דער געגעבענער
פאַרבאַנד און וועגנ דעמ גורל זײַנעמ אינ דער רעוואָליוציע, איז אונדז לאַכלוטנ ניט באַ־
וווּסט. (לעניִנס אַנמערקונג צו דער אויסגאַבע פונ 1908 יאָר. רעד.)

ווײַל מיט קיין שום פֿאָרמולע קאָן מען ניט אויפֿכאַפּן די אַלע און אַלערליי אַנטפּלעקונגען פֿון דער צווייעס, אומקאָנסעקווענטקייט און באַגרענעצטקייט פֿון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע. עס האַנדלט זיך ניט וועגן א „לאָקמוס־פּאַפּירל“, ניט וועגן פֿאָרמען, ניט וועגן געשריבענע און אָפּגעדרוקטע פֿאָדערונגען, ניט וועגן פֿאַנאַנדערגרענעצן פֿאָרוים די צווייעסדיקע און ניט־צווייעסדיקע „פֿרײַנט פֿון פֿאָלק“, נאָר וועגן דער רעאַלער אייניקייט פֿון קאַמף, וועגן דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן ניט אויפֿהערן צו קריטיקירן יעטווידן „ניט־פֿעסטן“ טראָט פֿון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע. קעדיי „ווירקלעך צו באַהעפֿטן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קויכעס, וואָס זײַנען פֿאַרינטערעסירט אין דער דעמאָקראַטישער איבערבויונג“, זײַנען נייטיק ניט קיין „פּונקטן“, איבער וועלכע די קאָנפֿערענץ האָט געהאָרעוועט מיט אַזאַ האַסמאָדע און אַזוי אומזיסט, נאָר עס איז נייטיק צו קענען אַרויסשטעלן ווירקלעך רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען. דערצו זײַנען נייטיק לאָזונגען, וואָס הייבן אויף ביז צום ניוואָ פֿונעם פּראָלעטאַריאַט די רעוואָליוציאָנערע און רעפּובליקאַנישע בורזשואַזיע, און ניט אַזוינע לאָזונגען, וואָס זעצן אַראָפּ די אויפֿגאַבן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט ביז צום ניוואָ פֿון דער מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע. דערצו איז נייטיק, מע זאָל העכסט ענערגיש אָנטייל נעמען אינעם אויפֿשטאַנד, און ניט פֿאַרנעמען זיך מיט רעזאָנירישע בקירעס, קעדיי אַרויסצודרייען זיך פֿון דער דרינגענדיקער אויפֿגאַבע פֿון אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד.

12. צי וועט אָפּגעשוואַכט ווערן דער שוווּנג פֿון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, אויב עס וועט זיך פֿון איר אָפּשאָקלען די בורזשואַזיע?

די פֿאַריקע שורעס זײַנען שוין געווען אָנגעשריבן, ווען מיר האָבן באַקומען די רעזאָלוציעס פֿון דער קאַווקאַזער קאָנפֿערענץ פֿון די נײַ־איסקראָווצעס, אַרויסגעגעבן דורך דער „איסקרא“. Pour la bonne bouche (פֿאַר אַ גוטן סאָף) וואָלטן מיר גאָר קיין בעסערן מאַטעריאַל ניט געקאָנט צוטראַכטן.

די רעדאַקציע פֿון דער „איסקרא“ באַמערקט מיט רעכט: „אין דער גרונט־פֿראַגע פֿון דער טאַקטיק איז די קאַווקאַזער קאָנפֿערענץ אויך געקומען צו אַ באַשלוס, וואָס איז אַ נ אַ ל אָ ג י ש“ (עמעס!) „צו דעם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אָפּ דער אַלרוסישער קאָנפֿערענץ“ (דה. אָפּ דער נײַ־איסקרישער)... „די פֿראַגע וועגן דער באַציִונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג האָבן די קאַווקאַזער כאַווײרים געלייזט אין זין פֿון דער סאַמע נעגאַטיווער באַציִונג צו דעם נײַעם מעטאָד, וועלכן עס פּראָפּאַגאַנדירן די גרופּע „וופּעריאָד“ און די דעלעגאַטן פֿון דעם אַזוי־גערופֿענעם צוזאַמענפֿאָר, וועלכע האָבן זיך אָן איר אָנגעשלאָסן“. „די פֿאָרמולירונג פֿון דער טאַקטיק פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אין דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, וואָס די קאָנפֿערענץ האָט געגעבן, דאַרף מען אָנערקענען פֿאַר ב י ז ג אָ ר אַ ג ע ל ו נ ג ע נ ע ר“.

וואָס עמעס, איז עמעס. קיין מער „געלונגענע“ פֿאָרמולירונג פֿון דעם גרונטפֿעלער פֿון די נײַ־איסקראָווצעס וואָלט קיינער ניט געקענט געבן. מיר ברענגען אָט

די פאָרמולירונג אינגאנצנ, פארצייכענענדיק צוערשט אינ קלאָמערנ די בלימעלעכ, דערנאָכ אויכ די צומ סאָפ אונטערגעטראָגענע יאגעדעס.

די רעזאָליוציע פונ דער קאווקאזער קאָנפערענצ פונ די נײַ־איסקראָווצעס וועגנ דער צײַטווײַליקער רעגירונג:

„האלטנדיק פאר אונדזער אופגאבע אויסצונוצנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט אפ צו פארטיפערנ" (נו, געוויס! מע וואָלט געדארפט צוגעבנ: אפ א מארטינאָווישנ אופנ צו פארטיפערנ!) „דעמ סאָציאל־דעמאָקראטישנ באוווסטזײַנ פונעמ פראָלעטאריאט" (בלויז אפ צו פארטיפערנ דעמ באוווסטזײַנ, און ניט אפ צו דעראָבערנ די רעפובליק? ס'ארא מינ „טיפ" פארשטיינ די רעוואָליוציע!), „איז קעדיי צו זיכערנ דער פארטיי די פולסטע פרײַהייט צו קריטיקירנ די אנטשטייענדיקע בורזשואז־מעלוכישע אָרדענונג" (זיכערנ די רעפובליק — דאָס איז ניט אונדזער אייסעק! אונדזער אייסעק איז נאָר צו זיכערנ די פרײַהייט צו קריטיקירנ. אנארכיסטישע אידייענ ברענגענ אויכ צו אנ אנארכיסטישער שפראכ: „בורזשואז־מעלוכישע" אָרדענונג!), „זאָגט זיכ די קאָנפערענצ ארויס קעגנ אויסבילדנ א סאָציאל־דעמאָקראטישע צײַטווײַליקע רעגירונג און קעגנ ארײַנטרעטנ אינ איר" (דערמאָנט זיכ די דורכ ענגעלסנ ציטירטע רעזאָליוציע פונ די באקוניסטנ 10 כאדאָשימ פאר דער שפאנישער רעוואָלוציע: זע „פראָלעטארי" נומ. 3[1]), „און זי האלט, אז דאָס סאמע צוועקמעסיקע איז צו מאכנ א דרוק פונ אויסנ" (פונ אונטנ, און ניט פונ אויבנ) „אפ דער בורזשואזער צײַטווײַליקער רעגירונג, קעדיי לויט די קויכעס נאָכ(?!) צו דעמאָקראטיזירנ די מעלוכישע אָרדענונג. די קאָנפערענצ האלט, אז וועג די סאָציאל־דעמאָקראטנ זאָלנ אויסבילדנ א צײַטווײַליקע רעגירונג אָדער ארײַנטרעטנ אינ איר, וואָלט דאָס געפירט, פונ איינ זײַט, דערצו, אז פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי וואָלטנ אָפגעפאלנ די ברייטע מאסנ פונ פראָלעטאריאט, וועלכע וואָלטנ זיכ אינ איר אנטוישט, ווײַל ניט געקוקט אפנ פארכאפנ די מאכט, וועט די סאָציאל־דעמאָקראטיע ניט זײַנ אימשטאנד צו באפרידיקנ די לעבנסוויכטיקע נויטנ פונ דעמ ארבעטער־קלאס, קאָלזמאנ עס וועט ניט פארווירקלעכט ווערנ דער סאָציאליזמ" (א רעפובליק איז ניט קיינ לעבנסוויכטיקע נויט! אינ זייער נאיווקייט באמערקנ ניט די אווטאָרנ, אז זיי רעדנ אפ א ריינ אנארכיסטישער שפראכ, פונקט ווי זיי וואָלטנ געווענ קעגנ דעמ אָנטייל אינ בורזשואזע רעוואָליוציעס!) „פונ דער אנדערער זײַט. *וועט דאָס צווינגענ די בורזשואזע קלאסנ אָפצושאָקלענ זיכ פונ דער רעוואָליוציע און דערמיט וועט דאָס אָפשוואכנ דעמ שווונג פונ דער רעוואָליוציע*".

אָט ווו דער הונט ליגט באגראָבנ. אָט ווו די אנארכיסטישע אידייענ פלעכטנ זיכ איבער (ווי דאָס טרעפט אויכ שטענדיק צווישנ די מערעוו־אייראָפייִשע בערנשטייִאנער) מיטנ ריינסטנ אָפאָרטוניזמ. טוט נאָר א טראכט: ניט ארײַנטרעטנ אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג דערפאר, ווײַל דאָס וועט צווינגענ די בורזשואזיע אָפצושאָקלענ זיכ פונ דער רעוואָליוציע און דערמיט וועט דאָס אָפשוואכנ דעמ שווונג פונ דער רעוואָליוציע! דאָ האָבנ מיר דאָכ אָבער שוינ אינגאנצנ, אינ דער ריינער און קאָנסעקווענטער פאָרמ, יענע נײַ־איסקרישע פילאָסאָפיע, אז העיות די רעוואָליוציע

[1] זע ווערק, ב. VII, ז. 326. רעד.

איז א בורזשואזע, איז דעריבער דארפנ מיר קענענ פאר דער בורזשואזער באנאלקײט אונ אָפּטרעטנ איר דעם וועג. אויב מיר האלטנ זיכ, אפילע מײלוויַז, אפילע אפּ א מינוט, בא דער מײנונג, אז אונדזער אָנטײל קאָנ צווינגענ די בורזשואזיע אָפּצושאָקלענ זיכ, טרעטנ מיר דאָכ דערמיט אינגאנצנ אָפּ די העגעמאָניע אינ דער רעוואָליוציע די בורזשואזע קלאסנ. מיר גיבנ דערמיט דעם פּראָלעטאריאט אינגאנצנ אָפּ אונטער דער אפּעטראָפּסעס פונ דער בורזשואזיע (בלײַבנדיק בא דער פולער „פרײַהײט צו קריטיקירנ“!!), צווינגענדיק דעם פּראָלעטאריאט צו זײַנ מעסיק אונ האכנאָעדיק, קעדײ די בורזשואזיע זאָל זיכ ניט אָפּשאָקלענ. מיר קאסטרירנ די לעבנסוויכטיקסטע נויטנ פונעם פּראָלעטאריאט, נעמלעכ די פּאָליטישע נויטנ זײַנע, וואָס די עקאָנאָמיסטנ אונ זײערע עפּיגאָנענ האָבנ זײ קײנמאָל רעכט ניט פארשטאנענ, מיר קאסטרירנ צוליב דעם, קעדײ די בורזשואזיע זאָל זיכ ניט אָפּשאָקלענ. פונעם באָדנ פונעם רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ פאר פארווירקלעכנ דעם דעמאָקראטיזמ אינ די ראמענ, וועלכע זײַנענ נײטיק דעם פּראָלעטאריאט, גײענ מיר אינגאנצנ אריבער אפּנ באָדנ פונ געשעפטמאכערײַ מיט דער בורזשואזיע, אונ פארנ פרײַז פונ אונדזער פאראטנ די פּרינציפּנ, פונ פאראטנ די רעוואָליוציע קויפנ מיר איר, דער בורזשואזיעס, פרײַוויליקע האסקאָמע („אז זי זאָל זיכ ניט אָפּשאָקלענ“).

אינ צוויי קלײנינקע שורעלעכ האָבנ די קאווקאזער נײַ=איסקראָווצעס באוויזנ אויסצודריקנ דעם גאנצנ טאָכ פונ דער טאקטיק פונ פאראטנ די רעוואָליוציע, פונ פארוואנדלענ דעם פּראָלעטאריאט אינ א נעבעכדיקנ מעשאָרעס בא די בורזשואזע קלאסנ. דאָס, וואָס מיר האָבנ אויבנ ארויסגעדרונגענ פונ די פעלערנ פונעם נײַ=איסקריזמ אלס טענדענץ, איז איצט פאר אונדז אויסגעוואקסנ אלס קלאָרער אונ באשטימטער פּרינציפּ: נאָכשלעפּנ זיכ אינ עק פונ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע. אזוי ווי די פארווירקלעכונג פונ דער רעפּובליק וואָלט געצוווּנגענ (אונ צווינגט שוינ — א בײַשפּיל איז דער ה' סטרוּוועֹ) די בורזשואזיע אָפּצושאָקלענ זיכ, דעריבער איז — נידער מיט דעם קאמפּ פאר דער רעפּובליק. אזוי ווי שטענדיק אונ אינ דער גאנצער וועלט איז יעדע ענערגישע אונ ביזנ סאָפּ דערגײענדיקע דעמאָקראטישע פאָדערונג פונעם פּראָלעטאריאט צווינגט די בורזשואזיע אָפּצושאָקלענ זיכ, דעריבער — באהאלט זיכ אינ די לעכער, כאווײרימ ארבעטער, ווירקט נאָר פונ אויסנ, טראכט ניט וועגנ באנוצנ זיכ אינ די אינטערעסנ פונ דער רעוואָליוציע מיט די געווער אונ מיט די מיטלענ פונ דער „בורזשואז=מעלוכישער“ אָרדענונג אונ היט אײַנ פאר זיכ די „פרײַהײט צו קריטיקירנ“.

די גרונט=פאלשקײַט אינ דעם עצעם אופאסנ דעם טערמינ „בורזשואזע רעוואָליוציע“ איז דאָ ארויס אפּ דער ליכטיקער שײַנ. די מארטינאָווישע אָדער די נײַ=איסקרישע „אופאסונג“ פונ אָט דעם טערמינ פירט מיט א גלײַכנ וועג צומ פאראט, איבערגעבנדיק די זאכ פונעם פּראָלעטאריאט אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע.

דער וואָס האָט פארגעסנ דעם אלטנ עקאָנאָמיזמ, דער וואָס שטודירט אימ ניט, דערמאָנט אימ ניט, דעם איז שווער צו פארשטײנ אויכ דעם איצטיקנ אָפּגרעפּצ פונעם עקאָנאָמיזמ. דערמאָנט זיכ די בערנשטײנישע „Credo“. פונ „רײנ פּראָלעטארישע“ אָנשויונגענ אונ פּראָגראמענ האָבנ מענטשנ געמאכט דעם אויספיר, אז: פאר אונדז, סאָציאל=דעמאָקראטנ, די עקאָנאָמיק, די ווירקלעכע ארבעטער=זאכ, די פרײַהײט צו

קריטיקירנ יעטווידע פּאָליטיקאנערײַ, פאר אונדז די עכטע פארטיפערונג פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער ארבעט. פאר זיי, די ליבעראלנ, די פּאָליטיק. זאָל גאָט אויסהיטנ ארײַנצופאלנ אינ „רעוואָליוציאָניזמ“: דאָס וועט צווינגענ די בורזשואזיע אָפּצושאָקלענ זיכ. דער וואָס וועט אינגאנצנ איבערלייענענ די „Credo“ אָדער די באזונדערע ביילאגע צומ נומ. 9 פונ „ראבאָטשאיא מיסל“ (סענטיאבער 1899), דער וועט דערזענ אָט דעמ גאנצנ געדאנקענגאנג.

אצינד קומט פאָר דאָס זעלבע, נאָר אינ א גרויסנ מאסשטאב, בענעגייע דער אָפּשאצונג פונ דער גאנצער „גרויסער“ רוסישער רעוואָליוציע, וועלכע ווערט, ליידער, שוינ אפריער וולגאריזירט אונ פארוואנדלט אינ א קאריקאטור דורכ די טעאָרעטיקער פונ דעמ אָרטאָדאָקסאלנ פיליסטערטומ! פאר אונדז, סאָציאַל־דעמאָקראטנ, די פרײַהייט צו קריטיקירנ, די פארטיפערונג פונ דעמ באוווסטזײַנ, די האנדלונג פונ אויבנ. פאר זיי, די בורזשואזע קלאסנ, די פרײַהייט פונ טאט, די פרײַהייט צו שאפנ זיכ אנ ארענע פאר רעוואָליוציאָנערער (לייענ: ליבעראלער) אָנפירונג, די פרײַהייט דורכצופירנ „רעפאָרמעס“ פונ אויבנ.

די דאָזיקע וולגאריזאטאָרנ פונעמ מארקסיזמ האָבנ זיכ קיינמאָל ניט פארטראכט איבער מארקס׳ ווערטער וועגנ דער נייטיקייט צו פארבײַטנ דאָס געווער פונ קריטיק אפּ דער קריטיק מיט געווער. אָנעמענדיק אומזיסט מארקס׳ נאָמענ, שרײַבנ זיי פּאקטיש טאקטישע רעזאָליוציעס אינגאנצנ אינ גײַסט פונ די פראנקפורטער בורזשואזע פּלאפּלער, וועלכע האָבנ פרײַ קריטיקירט דעמ אבסאָליוטיזמ, האָבנ פארטיפט דעמ דעמאָקראטישנ באוווסטזײַנ אונ האָבנ ניט פארשטאנענ, אז די צײַט פונ א רעוואָליוציע איז א צײַט פונ טאט, טאט סײַ פונ אויבנ סײַ פונ אונטנ. פארוואנדלט דעמ מארקסיזמ אינ רעזאָנירערײַ, האָבנ זיי פונ דער אידעאָלאָגיע פונעמ פאָרגעשריטענעמ, פונעמ סאמע אנטשלאָסענעמ אונ ענערגישנ רעוואָליוציאָנערנ קלאס געמאכט אנ אידעאָלאָגיע פונ די סאמע ניט־אנטוויקלטע שיכטנ זײַנע, וועלכע אנטלויפנ פונ שווערע רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע אופגאבנ אונ לאָזנ איבער אָט די דעמאָקראטישע אופגאבנ פאר די הערנ סטרוועס.

אויב די בורזשואזע קלאסנ וועלנ זיכ אָפּשאָקלענ פונ דער רעוואָליוציע דערפאר, ווײַל אינ דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג וועט ארײַנטרעטנ די סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וועלנ זיי דערמיט „אָפּשוואכנ דעמ שוווּנג אירנ“.

הערט איר, רוסישע ארבעטער: דער שוווּנג פונ דער רעוואָליוציע וועט זײַנ שטארקער, אויב עס וועלנ זי דורכפירנ די הערנ סטרוועס, וואָס ווערנ ניט אָפּגעשראָקנ פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ אונ ווילנ ניט קיינ ניצאָכנ איבערנ צאריזמ, נאָר מאכנ א פשאָרע מיט אימ. דער שוווּנג פונ דער רעוואָליוציע וועט זײַנ שטארקער, אויב פונ די צוויי מעגלעכע רעזולטאטנ אירע, וועלכע מיר האָבנ אויבנ אָנגעצייכנט, וועט פארווירקלעכט ווערנ דער ערשטער, דה. אויב די מאָנארכיסטישע בורזשואזיע וועט מושווע ווערנ מיט דער זעלבסטהערשונג אפּ אזא „קאָנסטיטוציע“, ווי אשטייגער די שיפּאָווישע!

סאָציאַל־דעמאָקראטנ, וואָס אינ רעזאָליוציעס, וועלכע דארפנ דינענ אלס ריכטליניע פאר דער גאנצער פארטיי, שרײַבנ זיי אזעלכע שענדלעכע זאכנ, אָדער וועלכע באווויליקנ אָט די „געלונגענע“ רעזאָליוציעס, זײַנענ אזוי ווײַט פארבלענדט פונ דער

רעזאָניאָרערנ, וועלכע האָט אויסגעטרייבערט דעם גאנצנ לעבעדיקנ גייסט פונ מארקסיזם, אז זיי באמערקנ ניט, ווי אָט די רעזאָליוציעס פארוואנדלענ אינ א פראזע אלע אנדערע גוטע ווערטער זייערע. נעמט א באליביקנ ארטיקל זייערנ פונ דער „איסקרא", נעמט אפילע די טרויעריק=בארימטע בראָשור פונ אונדזער בארימטנ מארטינאָוו, — וועט איר דערהערנ רעדעס וועגנ פאָלקס=אופשטאנד, וועגנ דערפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, וועגנ דער שטרעבונג צו שטיצנ זיך אפ די אונטערשטע פאָלקס=שיכטנ אינעם קאמפ קעגנ דער ניט=קאָנסעקווענטער בורזשואזיע. די אלע פיינע זאכנ ווערנ דאָך אָבער פארוואנדלט אינ פוסטער פראזנטרייבעריי פונ דעם מאָמענט אָנ, ווי איר נעמט אָנ אָדער איר באוויליקט דעם געדאנק וועגנ דער „אָפשוואכונג פונעם שווּנג פונ דער רעוואָליוציע" מאכמעס דער אָפפרעמדונג פונ דער בורזשואזיע. איינס פונ די ביידע, מיינע הערנ: אָדער מיר דארפנ צוזאמענ מיטנ פאָלק שטרעבנ דורכצופירנ די רעוואָליוציע, האָבנדיק אָפגעהאלטנ א פולשטענדיקנ ניצאָכנ איבער דעם צאריזם, טראָץ דער ניט=קאָנסעקווענטער, אייגננוציקער אונ פאכדאָנעסדיקער בורזשואזיע; — אָדער מיר דערלאָזנ ניט אָט דעם „טראָץ", מיר האָבנ מוירע, אז די בורזשואזיע זאָל זיך כאָלילע ניט „אָפשאָקלענ", אונ דאנ פאראטנ מיר דעם פראָלעטאריאט אונ דאָס פאָלק דער בורזשואזיע, דער ניט=קאָנסעקווענטער, אייגננוציקער אונ פאכדאָנעסדיקער בורזשואזיע.

זאָל אייכ נאָר ניט איינפאלנ צו פארדרייענ מיינע ווערטער. שרייט ניט, אז מע באשולדיקט אייכ אינ באוווסטזיניקנ פאראט. ניינ, איר זייט די גאנצע צייט פונקט אזוי אומבאוווסטזיניק געקראָכנ אונ איצט פארקראָכנ אינ זומפ, ווי די אלטע עקאָנאָמיסטנ, וועלכע עס האָט געצויגנ אָנ אָפהאלט אונ אָנ צוריק=קער אראָפ איבער דער מעשופעדיקער פלאכ פונ „פארטיפנ" דעם מארקסיזם ביז דעם אנטירעוואָליוציאָנערנ, הארצלאָזנ אונ לעבנסלאָזנ „קליגלענ זיך".

פונ וועלכע רעאלע געזעלשאפטלעכע קרעפטנ איז אָפהענגיק דער „שווּנג פונ דער רעוואָליוציע", — האָט איר וועגנ דעם א טראכט געטאָנ, מיינע הערנ? לאָמיר לאָזנ אָנ א זייט די קרעפטנ פונ דער אויסערנ=פאָליטיק, פונ די צווישנפעלקערלעכע קאָמבינאציעס, וועלכע זיינענ אינ דעם איצטיקנ צושטאנד זייערנ גינסטיק פאר אונדז, נאָר וועלכע מיר אלע שליסנ אויס פונ באטראכט אונ שליסנ מיט רעכט אויס, אפ וויפל די פראגע שטייט וועגנ די אינערלעכע קרעפטנ פונ רוסלאנד. קוקט א קוק אפ אָט די אינערלעכע געזעלשאפטלעכע קרעפטנ. קעגנ דער רעוואָליוציע שטייט די זעלבסטהערשונג, דער צארישער הויפ, די פאָליציי, דאָס באאמטנטום, דאָס מיליטער, א הייפל הויכע אריסטאָקראטיע. וואָס טיפער עס איז די אויפרעגונג אינעם פאָלק, אלץ אומזיכערער ווערט דאָס מיליטער, אלץ מער וואקלונגענ קומענ פאָר אינעם באאמטנטום. ווייטער, די בורזשואזיע איז איצט אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ פאר דער רעוואָליוציע, זי איז איצט פארטאָג אינ האלטנ רעדעס וועגנ פרייהייט, זי נעמט אלץ אָפטער ריידנ אינ נאָמענ פונ פאָלק אונ אפילע אינ נאָמענ פונ דער רעוואָליוציע[1]. מיר אלע, מארקסיסטנ, ווייסנ אָבער פונ דער טעאָריע

[1] אינטערעסאנט איז אינ אָט דער הינזיכט דער אָפענער בריוו פונעם ה' סטרווע צו זשאָרעסנ, וועלכנ זשאָרעס האָט ניט לאנג צוריק אָפגעדרוקט אינ דער צייטונג „L'Humanité" אונ דער ה' סטרווע[ס] אינעם נומ. 72 „אָסוואָבאָזשדעניע".

און מיר באַאָבאכטנ יעדנ טאָג און יעדע שעה אפנ בײַשפּיל פונ אונדזערע ליבעראַלנ, זעמצעס און אָסוואָבאָזשדיענצעס, אַז די בורזשואַזיע שטייט פאַר דער רעוואָליוציע נימ קאָנסעקווענט, אייגננוציק, פּאַכדאָנעסדיק. די בורזשואַזיע וועט, אינ דער מאַסע אירער, זיכ אומפאַרמײַדלעכ א קערעווע טאָג אפנ צאַד פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, אפנ צאַד פונ דער זעלבסטהערשונג קעגנ דער רעוואָליוציע, קעגנ דעמ פאָלק, ווי נאָר עס וועלנ באַפרידיקט ווערנ אירע שמאָלע, אייגננוציקע אינטערעסנ, ווי נאָר זי וועט זיכ „אָפּשאָקלענ“ פונ דעמ קאָנסעקווענטנ דעמאָקראַטיזמ (*און זי שאָקלט זיכ שוינ איצט אָפּ פונ אימ!*). בלײַבט דאָס „פאָלק“, דה. דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטומ: דער פּראָלעטאַריאַט אַליינ נאָר איז פעיִק צו גיינ זיכער ביזנ סאָפ, ווײַל ער גייט א סאַכ ווײַטער פונ דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש. דערי־בער קעמפט טאַקע דער פּראָלעטאַריאַט פאַר א רעפּובליק אינ די ערשטע רייענ, אָפּ־וואַרפנדיק מיט פאַראַכטונג די נאַרישע און אומווירדיקע פאַר אימ אייצעס צו רע־כענענ זיכ דערמיט, צי וועט זיכ נימ אָפּשאָקלענ די בורזשואַזיע. דאָס פּויערטומ האָט אינ זײַנ באַשטאַנד א מאַסע האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטנ צוגלײַכ מיט קלײנבירגערלעכע. דאָס מאַכט דאָס פּויערטומ אויכ פאַר נימ שטאַנדהאַפטיק און צווינגט דעמ פּראָלעטאַריאַט צו באַהעפטנ זיכ אינ א שטרענג קלאַסעווער פּאַרטיי. די נימ־שטאַנדהאַפטיקײַט פונעמ פּויערטומ שיידט זיכ אָבער ראַדיקאַל אונטער פונ דער נימ־שטאַנדהאַפטיקײַט פונ דער בורזשואַזיע, ווײַל דאָס פּויערטומ איז אינעמ געגנ־בענעמ מאָמענט פאַרינטערעסירט נימ אַזויפיל אינעמ אומבאַדינגטנ אָפּהיטנ דאָס פּריוואַט־אייגנטומ, וויפל אינעמ אָפּנעמענ די גוטבאַזיצערישע ערד, — איינע פונ די הויפּט־פאָרמענ פונ דעמ דאָזיקנ אייגנטומ. דאָס פּויערטומ ווערט נימ דערפונ סאָציאַליסטיש, עס הערט נימ אויפ צו זײַנ קלײנבירגערלעכ, אָבער עס איז פעיִק צו ווערנ א פולשטענדיקער און ראַדיקאַלסטער אָנהענגער פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. דאָס פּויערטומ וועט אומפאַרמײַדלעכ ווערנ אַזאַ אָנהענגער פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, אויב נאָר דער גאַנג פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ, וואָס קלערט אויפ דאָס פּויערטומ, וועט נימ איבערגעריסנ ווערנ צו פרי דורכ א פאַראַט פונ דער בורזשואַזיע און דורכ א מאַפּאָלע פונעמ פּראָלעטאַריאַט. באַ דעמ אָנגעוויזענעמ באַדינג וועט דאָס פּויערטומ אומפאַרמײַדלעכ ווערנ א זײַל פונ דער רעוואָליוציע און פונ דער רעפּובליק, ווײַל נאָר א פולשטענדיק זיגרײַכע רעוואָליוציע וועט קאָנענ געבנ דעמ פּויערטומ *אַלץ* אינ געביט פונ אַגראַר־רעפאָרמעס, *דאָס אַלץ*, וואָס דאָס פּויערטומ וויל, וועגנ וואָס עס טרוימט, וואָס עס איז אימ ווירקלעכ נייטיק (נימ קעדיי צו פאַרניכטנ דעמ קאַפּיטאַליזמ, ווי עס שטעלנ זיכ פאָר די „סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ“, נאָר) קעדיי אַרויסקריכנ פונעמ זומפּ פונ האַלב־לײַבאייגנטומ, פונעמ כוישעכ פונ דערשלאָגנקײַט און קנעכטישקײַט, קעדיי צו פאַרבעסערנ זײַנע לעבנס־באַדינגונגענ אַפּ אַזויפיל, אַפּ וויפל דאָס איז נאָר מעגלעכ אינ די ראַמענ פונ דער סכוירע־ווירטשאַפט.

נאָכ מער: נימ נאָר די ראַדיקאַלע אַגראַרע איבערגעשטאַלטונג בינדט צו דאָס פּויערטומ צו דער רעוואָליוציע, נאָר אויכ אַלע אַלגעמיינע און שטענדיקע אינטערעסנ פונעמ פּויערטומ. אַפילע אינעמ קאַמפ קעגנ פּראָלעטאַריאַט נייטיקט זיכ דאָס פּויערטומ אינ דעמאָקראַטיע, ווײַל בלויז די דעמאָקראַטישע אָרדענונג איז אימשטאַנד

פינקטלעך אויסצודריקן זיינע אינטערעסן און געבן אים די מעגלעכקייט צו פרעוואַלירן אַלס אַ מאַסע, אַלס אַ מערהייט. וואָס אויפגעקלערטער דאָס פויערטום וועט זיין (און זינט דער מילכאָמע מיט יאַפּאַניע ווערט עס אויפגעקלערט אַזוי שנעל, אַז אַ סאַך אַזוינע, וואָס זיינען צוגעווינט צו מעסטן די אויפקלערונג נאָר מיט אַ שול־מאָס, זיינען דאָס גאָר ניט כווישעד), אַלץ קאָנסעקווענטער און אַנטשלאָסענער וועט עס זיין פאַר אַ פולער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, ווייל פאַר אים איז ניט שרעקלעך, ווי פאַר דער בורזשואַזיע, די הערשאַפט פון פאָלק, נאָר פאַרקערט, זי לוינט אים. אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק וועט ווערן זיין אידעאַל, ווי נאָר עס וועט אָנהייבן צו באַפרייען זיך פון דעם נאַיִוון מאָנאַרכיזם, ווייל דער באַוווּסטזיניקער מאָנאַרכיזם פון דער מעקלערנדיקער בורזשואַזיע (מיט אַן אייבערשטער פּאַלאַטע אאַוו.) באַטייט פאַרן פויערטום די זעלבע רעכטלאָזיקייט, די זעלבע דערשלאָגנקייט און פינצטערניש, נאָר בלויז אַ קאַפּעלע צוגעפאַרבט מיט אייראָפּייִש־קאָנסטיטוציאָנעלן לאַק.

אָט פאַרוואָס די בורזשואַזיע, אַלס קלאַס, שטרעבט נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך צו געפינען זיך אונטערן פליגל פון דער ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי, און דאָס פויערטום, אַלס מאַסע, — אונטער דער אָנפירונג פון דער רעוואָליוציאָנערער און רעפובליקאַנישער פּאַרטיי. אָט פאַרוואָס די בורזשואַזיע איז ניט פייִק צו דערפירן די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע ביזן סאָף, דאָס פויערטום אָבער איז פייִק צו דערפירן די רעוואָליוציע ביזן סאָף, און מיר דאַרפן אים מיט אַלע קויכעס העלפן דערין.

מע וועט מיר דערווידערן: דאָס אַלץ איז גאָר איבעריק צו דערווייזן, דאָס איז אַלעפבייז, אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרשטייען דאָס אויסגעצייכנט. ניין, דאָס פאַרשטייען ניט יענע, וועלכע קאָנען ריידן וועגן דער „אָפּשוואַכונג פונעם שוווּנג" פון דער רעוואָליוציע מאַכמעס דעם, וואָס פון איר וועט אָפּפאַלן די בורזשואַזיע. אַזעלכע מינע מענטשן זאָגן נאָך די איינגעכאַזערטע ווערטער פון אונדזער אַגראַר־פּראָגראַם, זיי פאַרשטייען אָבער ניט דעם באַטייט פון אָט די ווערטער, וואָרעם אין קעגנפאַל וואָלטן זיי ניט מוירע געהאַט פאַר דעם באַגריף רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום, דער באַגריף, וואָס דרינגט אומפאַרמיידלעך אַרויס פון דער גאַנצער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג און פון אונדזער פּראָגראַם, אין קעגנפאַל וואָלטן זיי דעם שוווּנג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע ניט באַגרענעצט מיטן שוווּנג פון דער בורזשואַזיע. אַזוינע מענטשן שלאָגן זייערע אַבסטראַקטע מאַרקסיסטישע רעוואָליוציאָנערע פראַזעס מיט זייערע אייגענע קאָנקרעטע אַנטימאַרקסיסטישע און אַנטירעוואָליוציאָנערע רעזאָליוציעס.

דער וואָס פאַרשטייט ווירקלעך די ראָליע פונעם פויערטום אין דער זיגרייכער רוסישער רעוואָליוציע, דער וואָלט ניט פייִק געווען צו זאָגן, אַז דער שוווּנג פון דער רעוואָליוציע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, ווען די בורזשואַזיע וועט זיך אָפּשאָקלען. וואָרעם אינדערעמעסן וועט זיך ערשט דאַן אָנהייבן דער עכטער שוווּנג פון דער רוסישער רעוואָליוציע, ערשט דאַן וועט דאָס ווירקלעך זיין דער גרעסטער רעוואָליוציאָנערער שוווּנג, וואָס איז מעגלעך אין דער עפּאָכע פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, ווען די בורזשואַזיע וועט זיך אָפּשאָקלען און אַלס אַקטיווער רעוואָליוציאָנער וועט אַרויסטרעטן די מאַסע פויערטום באַנאַנד מיטן פּראָלעטאַריאַט. כּדי קאָנסעקווענט דערפירט צו ווערן ביזן סאָף, דאַרף אונדזער דעמאָקראַטישע רעוואָליו־

ציע זיכ שטיצנ אפ אזעלכע קויכעס, וואָס זײַנענ פײִק צו פאראליזירנ די אומפארמײַדלעכע ניט-קאָנסעקווענטקײַט פונ דער בורזשואזיע (דה. וואָס זײַנענ טאקע פײִק צו „צווינגענ זי אָפצושאָקלענ זיכ", וואָס פאר דעם האָבנ מוירע, איבער זייער קליינקעפיקײַט, די קאווקאזער אָנהענגער פונ דער „איסקרא").

דער פראָלעטאריאט דארפ דורכפירנ ביזנ סאָפ די דעמאָקראטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיכ די מאסע פויערטום, קעדיי צו דערשטיקנ מיט קראפט דעם ווידערשטאנד פונ דער זעלבסטהערשונג און פאראליזירנ די ניט-שטאנדהאפטיקײַט פונ דער בורזשואזיע. דער פראָלעטאריאט דארפ מאכנ די סאָציאליסטישע איבערקערעניש, אָנשליסנדיק צו זיכ די מאסע האלב-פראָלעטארישע עלעמענטנ פונ דער באפעלקערונג, קעדיי צו צעברעכנ מיט קראפט דעם ווידערשטאנד פונ דער בורזשואזיע און פאראליזירנ די ניט-שטאנדהאפטיקײַט פונעם פויערטום און פונ דער קליינ-בורזשואזיע. אָט דאָס זײַנענ די אופגאבנ פונעם פראָלעטאריאט, וואָס די נײַ-איסקראָווצעס שטעלנ זיי אזוי שמאָל פאָר אינ אלע זייערע ארויסזאָגונגענ און רעזאָליוציעס וועגנ דעם שוווּנג פונ דער רעוואָליוציע.

מע דארפ נאָר ניט פארגעסנ איינ אומשטאנד, וועלכנ מע לאָזט אָפט ארויס פונ אויג אינ די ארויסזאָגונגענ אפ דער טעמע וועגנ אָט דעם „שוווּנג". מע דארפ ניט פארגעסנ, אז עס האנדלט זיכ ניט וועגנ די שוועריקײַטנ פונ דער אופגאבע, נאָר וועגנ דעם, אפ וואָס פאר א וועג צו זוכנ און צו דערשלאָגנ זיכ איר לייזונג. עס האנדלט זיכ ניט וועגנ דעם, צי ס'איז גרינג אָדער שווער צו מאכנ דעם שוווּנג פונ דער רעוואָליוציע מעכטיק און אומבאזיגבאר, נאָר וועגנ דעם, וואָס דארפ מענ טאָנ, קעדיי צו פארשטארקנ אָט דעם שוווּנג. די מיינונגס-פארשיידנהײַט איז נעגייע גראָד דעם גרונט-כאראקטער פונ דער טעטיקײַט, דער עצעם ריכטונג אירער. מיר באטאָנענ עס דערפאר, ווײַל ניט-אופמערקזאמע און ניט-געוויסנהאפטע מענטשנ מישנ צו אָפט צונויפ צוויי פארשיידענע פראגנ: די פראגע וועגנ דער ריכטונג פונעם וועג, דה. וועגנ אויסקלײַבנ איינעמ פונ די צוויי פארשיידענע וועגנ, און די פראגע וועגנ דער לײַכטקײַט צו פארווירקלעכנ דעם ציל אָדער דער נאָענטקײַט צו פארווירקלעכנ אים אפ דעם געגעבענעם וועג.

אָט די לעצטע פראגע האָבנ מיר אינגאנצנ ניט בארירט אינ אונדזער פריִערדיקער באהאנדלונג, ווײַל די דאָזיקע פראגע פלעגט בא אונדז ניט ארויסרופנ קיינ מיינונגס-פארשיידנהײַטנ און קיינ שטרײַטנ אינעווייניק אינ דער פארטיי. פארשטייט זיכ אָבער, אז אנ און פאר זיכ איז די דאָזיקע פראגע אויסערסט וויכטיק און פארדינט די כאמע ערנסטע אופמערקזאמקײַט פונ אלע סאָציאל-דעמאָקראטנ. עס וואָלט געווענ אנ אומדערלאָזבארער אָפטימיזם, ווענ מע זאָל פארגעסנ וועגנ די שוועריקײַטנ, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיטנ ארײַנציִענ אינ דער באוועגונג די מאסנ ניט נאָר פונעם ארבעטער-קלאס, נאָר אויכ פונעם פויערטום. טאקע איבער אָט די שוועריקײַטנ זײַנענ ניט איינ מאָל געגאנגענ צו גרונט די אָנשטרענגונגענ צו דערפירנ די דעמאָקראטישע רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, דערבײַ פלעגט מער ווי אלע טריִומפירנ די ניט-קאָנסעקווענטע און אייגננוציקע בורזשואזיע, וועלכע פלעגט אי „אָנלעבנ קאפיטאל" פונ

דער מאָנאַרכיסטישער שוץ קעגנ דעמ פאָלק אי זי פלעגט „אײנהיטנ די אומשולד" פונ ליבעראַליזמ... אָדער „אָסוואָבאָזשדיעניזמ". שווער אויסצופילנ באַטײַט אָבער ניט — אומעגלעכ אויסצופילנ. וויכטיק איז די זיכערקײַט, אַז דער וועג איז אויסגעקליבנ ריכטיק, אונ אַז די זיכערקײַט פאַרשטאַרקט אינ הונדערט מאָל די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע אונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ ענטוזיאַזמ, וועלכע זײַנענ אימשטאַנד צו שאַפנ וווּנדער.

ווי ווייט עס דערגייט די מײנונגס-פאַרשײדנהײַט צווישנ די הײַנטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ מיקויעכ דער פראַגע, וועלכנ וועג אויסצוקלײַבנ, קאָנ מענ באַלד זענ, ווענ מע פאַרגלײַכט די קאַווקאַזער רעזאָליוציע פונ די נײַ-איסקראָווצעס אונ די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאַמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי. די רעזאָליוציע פונעמ צוזאַמענפאָר זאָגט: די בורזשואַזיע איז ניט קאָנסעקווענט, זי וועט זיכ אומבאַדינגט באַמיִענ אָפּצונעמענ בײַ אונדז די דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע. איז דעריבער גרייט זיכ ענערגישער צומ קאַמפּ, כאַווערימ אַרבעטער, באַוואָפנט זיכ, ציט צו אויפ אײַער זײַט דאָס פויערטומ. מיר וועלנ דער אײַגננוציקער בורזשואַזיע ניט אָפּטרעטנ אונדזערע רעוואָליוציאָנערע דעראָבערונגענ אָנ אַ שלאַכט. די רעזאָליוציע פונ די קאַווקאַזער נײַ-איסקראָווצעס זאָגט: די בורזשואַזיע איז ניט קאָנסעקווענט, זי קאָנ זיכ אָפּשאָקלענ פונ דער רעוואָליוציע. איז דעריבער, כאַווערימ אַרבעטער, טראַכט ניט, מיר בעטנ אײַכ, וועגנ אָנטײלנעמענ אינ דער צײַטווײַליקער רעגירונג, ווײַל דאַנ וועט זיכ די בורזשואַזיע געווימ אָפּשאָקלענ אונ דער שוווּנג פונ דער רעוואָליוציע וועט דערפונ זײַנ שוואַכער!

אײנע זאָגנ: שטויסט די רעוואָליוציע פאָרויס, ביזנ סאָפ, טראָץ דעמ ווידערשטאַנד אָדער דער פאַסיווקײַט פונ דער ניט-קאָנסעקווענטער בורזשואַזיע.

די צווייטע זאָגנ: טראַכט ניט וועגנ זעלבשטענדיקנ דורכפירנ די רעוואָליוציע ביזנ סאָפ, ווײַל דאַנ וועט זיכ פונ איר אָפּשאָקלענ די ניט-קאָנסעקווענטע בורזשואַזיע.

האָבנ מיר דענ ניט פאַר זיכ קיינ צוויי דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע וועגנ? איז דענ ניט קלאָר, אַז איינ טאַקטיק שליסט אַבסאָליוט אויס די אַנדערע? אַז די ערשטע טאַקטיק איז די אײנציק ריכטיקע טאַקטיק פונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אונ די צווייטע איז אינ טאָכ אַ טאַקטיק אַ ריינ אָסוואָבאָזשדיענישע?

13. שלוס. צי וואַגנ מיר צו זיגנ?

מענטשנ, וואָס זײַנענ אויבערפלעכלעכ באַקאַנט מיט דער זאַכלאַגע אינ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָדער וואָס אורטיילנ מינ-האַצאַד, וואָס ווייסנ ניט די געשיכטע פונ דעמ גאַנצנ אינערלעכ-פאַרטײַישנ קאַמפּ אונדזערנ זינט דעמ עקאָנאָמיזמ, פרוווּנ זייער אָפט אויכ פונ די איצט, באַזונדערס נאָכנ III צוזאַמענפאָר, בוילעט געוואָרענע טאַקטישע מײנונגס-פאַרשײדנהײַטנ אָפּטוערנ זיכ דערמיט, וואָס זיי פאַרופנ זיכ אײנפאַכ אויפ די צוויי נאַטירלעכע, אומפאַרמײַדלעכע טענדענצנ, וואָס קאָנענ פולשטענדיק הויזנ צווישנ זיכ אינ יעטווידער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. פונ איינ זײַט, זאָל עס הייסנ, ווערט שטאַרק באַטאָנט די געוויינלעכע, לויפנדיקע, אַלטעגלעכע אַרבעט, די נייטיקייט צו אַנטוויקלענ די פּראָפּאַגאַנדע אונ די אַגיטאַציע,

צוצוגרייטנ קרעפטנ, פארטיפערנ די באוועגונג אאזוו. פונ דער אנדערער זײַט, ווערנ באטאָנט די אלגעמיינ=פּאָליטישע, רעוואָליוציאָנערע קאמפס=אופגאבנ פונ דער באוועגונג, עס ווערט אָנגעוויזנ אפ דער נייטיקײַט פונ א באוואָפנטנ אופשטאנד, עס ווערנ ארויסגעשטעלט די לאָזונגענ: רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראטישע דיקטאטור, צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג. ניט די ערשטע זײַט, ניט די צווייטע זײַט דארפ מענ ניט איבערטרײַבנ, ניט דאָ און ניט דאָרט (ווי בכלל אינ ערגעצ ניט אינ דער וועלט) זײַנענ ניט גוט קיינ עקסטרעמקײַטנ אאזוו., אדג.

די ביליקע עמעסנ פונ דער לעבנס=כאָכמע (און פונ דער „פּאָליטישער" אינ גענדזנפיסלעכ), וועלכע זײַנענ, אָנ שום ספק, פאראנ אינ אזעלכע מינע כקירעס, פארדעקנ אָבער צו אָפט דאָס ניט פארשטיינ די אקטועלע, אָנגעווייטעקטע נויטנ פונ דער פּארטיי. נעמט די הײַנטיקע טאקטישע מיינונגס=פארשיידנהײַטנ צווישנ די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראטנ. פארשטייט זיכ, אז אנ און פאר זיכ וואָלט דער אומשטאנד, וואָס עס ווערט שטארק באטאָנט די אלטעגלעכע, וואָכעדיקע זײַט פונ דער ארבעט, ווי מיר זעענ דאָס אינ די נײַ=איסקרישע כקירעס וועגנ טאקטיק, נאָכ קיינ שום געפאר מיט זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ און קיינ שום מיינונגס=פארשיידנהײַט אינ די טאקטישע לאָזונגענ ניט געקאָנט ארויסרופנ. עס איז אָבער גענוג צו פארגלײַכנ די רעזאָליוציעס פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראטישער ארבעטער=פּארטיי מיט די רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ, אז אָט די מיינונגס=פארשיידנהײַט זאָל זיכ ווארפנ אינ די אויגנ.

איז אינ וואָס גייט האָ? עס גייט אינ דעמ, וואָס, ערשטנס, איז נאָכ קנאפּ, אז מע זאָל בלויז אינ אנ אלגעמיינער, אבסטראקטער פאָרמ אָנווײַזנ אפ די צוויי שטראָמענ אינ דער באוועגונג און אפ דער שעדלעכקײַט פונ עקסטרעמקײַטנ. מע דארפ וויסנ קאָנקרעט, אפ וואָס עס לײַדט די געגעבענע באוועגונג אינ דעמ געגעבענעמ מאָמענט, אינ וואָס עס באשטייט איצט די רעאלע פּאָליטישע געפאר פאר דער פּארטיי. צווייטנס, דארפ מענ וויסנ, פאר וועלכע רעאלע פּאָליטישע קויכעס עס גיסנ וואסער אפ די מיל=רעדער די אָדער יענע טאקטישע לאָזונגענ, — און עפשער די אָדער יענע אָפּוועזנהײַט פונ לאָזונגענ. הערט זיכ צו צו די נײַ=איסקראָווצעס — וועט איר קומענ צומ אויספיר, אז דער פּארטיי פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראטיע דראָעט די געפאר ארויסצווארפנ אפ יענער זײַט באָרט די פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, דעמ עקאָנאָמישנ קאמפ און די קריטיק פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, אָפּצוגעבנ זיכ איבער דער מאָס מיט דער מיליטערישער צוגרייטונג; מיט באוואָפנטע אָנפאלנ, מיט פארכאפּנ די מאכט אאזוו. אינדערעמעסנ דראָעט דער פּארטיי א רעאלע געפאר גאָר פונ אנ אנדער זײַט. דער וואָס איז וויפל=ניט=איז נאָענט באקאנט מיטנ צושטאנד פונ דער באוועגונג, דער וואָס שפּירט נאָכ איר גאָכ אופמערקזאמ און מיט קאָפּ, דער קאָנ ניט ניט זענ די קאָמישע זײַט פונ די נײַ=איסקרישע פּכאָדימ. די גאנצע ארבעט פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראטישער ארבעטער=פּארטיי האָט זיכ שוינ פולשטענדיק אויסגעפורעמט אינ פעסטע, אומפארענדערלעכע ראמענ, וועלכע זיכערנ אבסאָליוט די קאָנצענטרירונג פונ דעמ שווערפּונקט אפ דער ארבעט פונ פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע, פונ פלוג=מיטינגענ און מאסאָווקעס, פונ פארשפּרייטנ פלוגבלעטלעכ און בראָשורנ, פונ מיטווירקנ דעמ עקאָנאָמישנ קאמפ און אונטערכאפּנ זײַנע

לאָזונגענ. עס איז ניטאָ קײנ אײנ פּאַרטײ־קאָמיטעט, קײנ אײנ ראַיאָנער קאָמיטעט, קײנ אײנ צענטראַלע סכאָדקע, קײנ אײנ זאַװאָדישע גרופּע, װו מע זאָל אַלעמאָל אונ שטענדיק ניט אָפּגעבנ נײַנ אונ נײַנציק הונדערטלעכ אופמערקזאַמקײַט, קװיכעס אונ צײַט אַפ אָט די אַלע פונקציעס, װעלכע האָבנ זיכ אײַנגעפונדעװעט נאָכ זינט דער צװײטער העלפט פונ די נײַנציקער יאָרנ. דאָס איז ניט באַװוסט בלױז אַזױנע מענטשנ, װאָס זײַנענ אײַנגאַנצנ ניט באַקאַנט מיט דער באַװעגונג. אָנעמענ פאַר גוט געלט דאָס נײַ־איסקרישע איבערקײַענ די אַלטע מײַסעס, װענ דאָס װערט געטאָנ מיט א באַזונדערס ערנסטער מינע, קאָנענ נאָר זײער נאַיװע אָדער ניט־אינפאָרמירטע מענטשנ.

א פאַקט איז, אַז ניט נאָר װאָס מע גיט זיכ בא אונדז צופיל ניט אָפּ מיט די אופגאַבנ פונ אופשטאַנד, מיט די אַלגעמײנ־פּאָליטישע לאָזונגען, מיט דער אַרבעט פונ אָנפירנ מיט דער גאַנצער פאָלקס־רעװאָלוציע, נאָר, פאַרקערט, די אָפּגע־שטאַבענקײַט גראָד אינ אָט דער הינזיכט רײַסט די אױגנ, זי איז דאָס סאַמע קראַנקע אָרט, זי שטעלט מיט זיכ פאָר א רעאַלע געפאַר פאַר דער באַװעגונג, װעל־כע קאָנ דעגענערירנ אונ װו־ניט־װו דעגענערירט זי פונ א רעװאָליוציאָנערער אינ מאַט אינ א רעװאָליוציאָנערער אינ די רײד. צװישנ די פיל אונ פיל הונדערטער אָר־גאַניזאַציעס, גרופּנ אונ קרײַזלעכ, װעלכע פילנ אױס די אַרבעט פונ דער פּאַרטײ, װעט איר ניט געפינענ קײנ אײנס, װו עס זאָל פונ דעם סאַמע אָנטשטײנ זײַנעמ ניט געפירט װערנ יענע אַלטעגלעכע אַרבעט, װעגנ װעלכער די כאַכאָמים פונ דער נײַער „איסקרא“ דערצײלנ מיט א מינע פונ מענטשנ, װאָס האָבנ אַנטדעקט נײַע עמעסנ. אונ, פאַרקערט, איר װעט געפינענ א נישטיקנ פּראָצענט גרופּנ אונ קרײַזלעכ, װאָס האָבנ באַזיניקט די אופגאַבנ פונ באַװאָפנטנ אופשטאַנד, װאָס זײַנענ צוגעטראָטנ צום אױספילנ אָט די אופגאַבנ, װאָס האָבנ זיכ אָפּגעגעבנ א דיגװעכעזשבנ װעגנ דער נײ־טיקײַט אָנצופירנ מיט דער גאַנצער פאָלקס־רעװאָליוציע קעגנ דעם צאַריזם, װעגנ דער נײטיקײַט אַרױסצושטעלנ צוליב דעם דאָפּקע אַזױנע אונ ניט קײנ אַנדערע פאָר־געשריטענע לאָזונגענ.

מיר זײַנענ גװאַלדיק אָפּגעשטאַנענ פונ די פאָרגעשריטענע אונ װירקלעכ רעװאָ־ליוציאָנערע אופגאַבנ, מיר האָבנ זײ נאָכ ניט באַנומענ אינ א מאַסע פאַלנ, מיר האָבנ אי דאָ אי דאָרט פאַרזענ דעמ פאַקט, אַז די רעװאָליוציאָנערע בורזשואַזע דע־מאָקראַטיע פאַרשטאַרקט זיכ אַפנ כעזשבנ פונ אונדזער אָפּגעשטאַנענקײַט אינ אָט דער הינזיכט. די שרײַבער װידער פונ דער נײַער „איסקרא“ האָבנ זיכ אױסגעקערע־װעט מיטנ רוקנ צו דעמ גאַנג פונ די געשעענישנ אונ צו די פאָדערונגענ פונ דער צײַט, אונ זײ טײַנענ פאַראַקשנט: פאַרגעסט ניט דאָס אַלטע! װערט ניט פאַרכאַפּט פונעמ נײַעמ! דאָס איז דער קעסיידערדיקער גרונט־מאָטיװ פונ אַלע װעזנטלעכע רע־זאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ, אינ דער צײַט, װענ אינ די רעזאָליוציעס פונ צוזא־מענפאָר לײענט איר אױכ קעסיידער: באַשטעטיקנדיק דאָס אַלטע (אונ ניט אָפּשטע־לנדיק זיכ אַפנ צעקײַענ עס טאָקע דערפאַר, װײַל דאָס איז אַלט, שױנ באַשלאָסנ אונ פאַרפיקסירט אינ דער ליטעראַטור, אינ רעזאָליוציעס אונ דורכ דער דערפאַרונג), שטעלנ מיר אַרױס א נײַע אופגאַבע, מיר װענדנ די אופמערקזאַמקײַט אַפ איר, מיר שטעלנ אַרױס א נײַעמ לאָזונג, מיר פאָדערנ פונ די װירקלעכ רעװאָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ, זײ זאָלנ זיכ טײקעפ נעמענ צו דער אַרבעט פונ דורכפירנ אימ אינ לעבנ.

אַט ווי עס שטייט אינדערעמעסנ די פראגע וועגנ די צוויי שטרעמונגענ אינ דער טאקטיק פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע. די רעוואָליוציאָנערע עפּאָכע האָט ארויסגערוקט נײַע אויפגאבנ, וועלכע עס זעענ ניט סײַדנ אינגאנצנ בלינדע מענטשנ. אונ אַט די אויפגאבנ אָנערקענענ איינע סאָציאַל-דעמאָקראטנ אנטשיידנ אונ שטעלנ אינ טאָג-סיידער: דער באוואָפנטער אויפשטאנד איז דרינגלעכ, גרייט זיכ צו אימ טייקעפ אונ ענערגיש, געדענקט, אז ער איז נייטיק צומ אנטשיידענעמ זיג, שטעלט ארויס די לאָזונגענ — רעפּובליק, צײַטווײַליקע רעגירונג, רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פויערטומ. די אנדערע ווידער שארנ זיכ אפּ צוריק, שטויסנ זיכ אפּ איינ אָרט, אַנשטאָט לאָזונגענ גיבנ זיי האקדאָמעס, אָנשטאָט אָנווײַזנ דאָס נײַע צוגלײַכ מיטנ באשטעטיקנ דאָס אלטע, האלטנ זיי אינ איינ קײַענ לאנג אונ נודנע אָט דאָס אלטע, פארפאסנדיק טערוצימ קעגנ דעמ נײַעמ, ניט קענענדיק באשטימענ די באדינגונגענ פאר אנ אנטשיידענעמ זיג, ניט קענענדיק ארויסשטעלנ אזוינע לאָזונגענ, וואָס זיי אליינ נאָר זאָלנ אנטשפּרעכנ דער שטרעבונג צו דערשלאָגנ זיכ א פולשטענדיקנ זיג.

דעמ פּאָליטישנ רעזולטאט פונ אָט דעמ עקיזמ זעענ מיר שוינ. די באָבעמײַסע, אז די „מערהײַט“ פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פּארטיי דערנענטערט זיכ מיט דער רעוואָליוציאָנערער בורזשואזער דעמאָקראטיע, בלײַבט א באָבעמײַסע, וועלכע ווערט ניט באשטעטיקט דורכ קיינ איינציקנ פּאָליטישנ פאקט, דורכ קיינ איינציקער אויספירלעכער רעזאָליוציע פונ די „באָלשעוויקעס“, דורכ קיינ איינציקנ אקט פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פּארטיי. אונ אינ דער זעלבער צײַט זעענ מיר, אז די אָפּאָרטוניסטישע, מאָנארכיסטישע בורזשואזיע אינ געשטאלט פונ דער „אָסוואָבאָזשדעניע“ באגריסט שוינ לאנג די „פּרינציפּיעלע“ טענדענצנ פונ דעמ נײַ-איסקריזמ, אונ איצט דרייט זי שוינ פּאָשעט איר מיל מיט זייער וואסער, זי נעמט איבער אלע זייערע ווערטלעכ אונ „אידייעלעכ“ קעגנ „קאָנספּיראציע“ אונ „בונט“, קעגנ מעגאזעמ זײַנ די „טעכנישע“ זײַט פונ דער רעוואָליוציע, קעגנ דירעקטנ ארויסשטעלנ דעמ לאָזונג באוואָפנטער אויפשטאנד, קעגנ דעמ „רעוואָליוציאָניזמ“ פונ די עקסטרעמע פאָדערונגענ אאוו., אדג. די רעזאָליוציע פונ א גאנצער קאָנפערענצ פונ סאָציאַל-דעמאָקראטנ „מענשעוויקעס“ אינ קאווקאז אונ דאָס, וואָס אָט די רעזאָליוציע ווערט באוויליקט מיצאד דער רעדאקציע פונ דער נײַער „איסקרא“, ציט אונטער א דײַטלעכנ פּאָליטישנ סאכאקל פונ העמ אלעמ: עס זאָל זיכ כאָלילע ניט אָפּשאָקלענ די בורזשואזיע אינ פאל, אויב דער פּראָלעטאריאט וועט אָנטיילנעמענ אינ דער רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישער דיקטאטור! דערמיט איז אלצ געזאָגט. דערמיט איז ענדגילטיק פארפיקסירט, אז דער פּראָלעטאריאט ווערט פארוואנדלט אינ א מעשאָרעס בײַ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע. דערמיט איז דערוויזנ אינ טאט די פּאָליטישע באדײַטונג פונ דעמ נײַ-איסקרישנ עקיזמ, — דערוויזנ ניט דורכ א צופעליקער דערקלערונג פונ איינ פּערזאָנ, נאָר דורכ א רעזאָליוציע, וואָס איז ספּעציעל באוויליקט דורכ א גאנצער ריכטונג.

דער, וואָס טראכט זיכ ארײַנ אינ אָט די פאקטנ, וועט פארשטיינ די ווירקלעכע באדײַטונג פונ די פארשפּרייטע אָנווײַזונגענ וועגנ צוויי זײַטנ אונ צוויי טענדענצנ פונ

דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. נעמט די בערנשטייניאַדע, קעדיי אַפּ א גרויסנ מאסשטאב צו דערלערנענ אָט די טענדענצנ. די בערנשטייניאַנער האָבנ דאָך אבסאָליוט פונקט אזוי געטײַנעט און טײַנענ נאָך אדאיאָם, אז גראָד זיי פארשטייענ די עמעסע נויטנ פונעם פראָלעטאריאט, די אויפגאבנ פונעם וווקס פונ זײַנע קויכעס, פונ פארטיפערנ די גאנצע ארבעט, פונ צוגרייטנ די עלעמענטנ פונ דער נײַער געזעלשאפט, פונ פראָפּאגאנדע און אגיטאציע. מיר פאָדערנ, מע זאָל אָפנ אָנערקענענ דאָס, וואָס עס איז פאראנ! — זאָגט בערנשטיינ, סאנקציאָנירנדיק דערמיט די „באַוועגונג" אָנ אנ „ענדציל", סאנקציאָנירנדיק די בלויזע פארטיידיקונגס-טאקטיק, פרײַדיקנדיק די טאקטיק פונ מוירע האָבנ, אז „עס זאָל זיך כאָלילע ניט אָפּשאָקלענ די בורזשואזיע". אויך די בערנשטייניאַנער האָבנ געשריענ וועגנ דעם „יאקאָביניזם" פונ די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, וועגנ „ליטעראטנ", וואָס פארשטייענ ניט די „ארבעטער-זעלבסטעטיקײַט", אאוו. פאקטיש אָבער האָבנ די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראטנ, ווי אלעמענ איז באקאנט, אפילע ניט געטראכט צו פארוואַרפנ די אלטעגלעכע און קליינע ארבעט, די צוגרייטונג פונ קויכעס און נאָך און נאָך אזוינס. זיי האָבנ נאָר געפאָדערט, מע זאָל קלאָר באַזיניקנ דעם ענדציל, מע זאָל קלאָר אוועקשטעלנ די רעוואָלוציאָנערע אויפגאבנ, זיי האָבנ געוואָלט אויפהייבנ די האלב-פראָלעטארישע און האלב-קליינבירגערלעכע שיכטנ ביז צו דער רעוואָלוציאָנערקײַט פונעם פראָלעטאריאט, אָבער ניט אראָפּזעצנ אָט די רעוואָלוציאָנערקײַט ביז די אָפּאָרטוניסטישע סוואָרעס וועגנ דעם, אז „עס זאָל זיך כאָלילע ניט אָפּשאָקלענ די בורזשואזיע". שיר ניט דער בולעטסטער אויסדרוק פונ אָט דער קריגערײַ צווישנ דעמ אינטעליגענטיש-אָפּאָרטוניסטישנ און דעם פראָלעטאריש-רעוואָלוציאָנערנ פליגל פונ דער פארטיי איז געווענ די פראגע: dürfen wir siegen? „צי וואגנ מיר צו זיגנ?" צי מעגנ מיר זיך דערלויבנ צו זיגנ? צי איז פאר אונדז ניט געפערלעך צו זיגנ? צי דארפנ מיר זיגנ? אָט די פראגע, וואָס אפנ ערשטנ בליק זעט זי אויס צו זײַנ מעשונעדיק, איז דאָך געשטעלט געוואָרנ און האָט געמוזט געשטעלט ווערנ, ווײַל די אָפּאָרטוניסטנ האָבנ מוירע געהאט פאר א זיג, זיי פלעגנ מיט אים כטראשענ דעם פראָלעטאריאט, זיי פלעגנ נעוויעס זאָגנ, אז א זיג וועט ברענגענ צו אומגליקנ, זיי פלעגנ כויזעק מאכנ פונ די לאָזונגענ, וואָס רופנ דירעקט צו א זיג.

די זעלבע גרונט-טיילונג אפ אנ אינטעליגענטיש-אָפּאָרטוניסטישער און א פראָלעטאריש-רעוואָלוציאָנערער טענדענצ עקזיסטירט אויך בא אונדז. דער כילעק, און זייער א וועזנטלעכער, איז בלויז דער, וואָס דאָ האנדלט זיך ניט וועגנ א סאָציאַליסטישער, נאָר וועגנ א דעמאָקראטישער איבערקערעניש. בא אונדז איז אויך געשטעלט געוואָרנ די אפנ ערשטנ בליק אומגעלומפערטע פראגע: „צי וואגנ מיר צו זיגנ?". געשטעלט האָט זי מארטינאָוו אינ זײַנע „צוויי דיקטאטורנ", וועלכע האָבנ נעוויעס געזאָגט, אז אויב מיר וועלנ זייער גוט צוגרייטנ און מיט פולנ דערפאָלג דורכפירנ דעם אויפשטאנד, וועט עס ברענגענ צו אנ אומגליק. געשטעלט האָט זי די גאנצע ליטעראטור פונ די נײַ-איסקראָווצעס איבער דער פראגע וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, דערבײַ האָט מענ די גאנצע צײַט שטארק געפרווט, נאָר אָנ דערפאָלג, צונויפמישנ מיליעראנס אָנטייל אינ א בורזשואז-אָפּאָרטוניסטישער רעגירונג מיט ווארלענס אָנטייל אינ א קליינבירגערלעכער רעוואָלוציאָנערער

רעגירונג. זי איז פאַרפיקסירט אינ דער רעזאָליוציע „די בורזשואַזיע זאָל זיכ באַלילע ניט אָפּשאָקלענ“. אונ כאָטש קאַוטסקי, לעמאָשל, פּרוווט אַצינד איראָניזירנ, אַז אונדזערע שטרײַטנ וועגנ דער צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג זײַנענ ענלעכ אָפּ טײלנ די פעל פונ א נאָכ ניט דערהאַרגעטנ בער, באַווײַזט אָבער אָט די איראָניע בלויז, אַז אַפּילע קלוגע אונ רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל=דעמאָקראַטנ פאַלנ אַרײַנ אינ א קאָמישער לאַגע, ווענ זײ רײדנ וועגנ דעמ, וואָס זײ ווײסנ נאָר אָפּגרונט פונ עפּעס א קלאַנג. די דײַטשישע סאָציאַל=דעמאָקראַטיע איז נאָכ ניט איבעריקס נאָענט דערצו, אַז זי זאָל דערהאַרגענענ דעמ בער (מאַכנ די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש), אָבער דער שטרײַט וועגנ דעמ, צי „וואַגנ“ מיר אימ צו דערהאַרגענענ, האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע פּרינציפּיעלע אונ פּראַקטיש=פּאָליטישע באַדײַטונג. די רוסישע סאָציאַל=דעמאָקראַטנ זײַנענ נאָכ ניט איבעריקס נאָענט דערצו, אַז זײ זאָלנ בעקויעכ זײַנ צו „דערהאַרגענענ זײער בער“ (מאַכנ די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש), אָבער די פראַגע וועגנ דעמ, צי „וואַגנ“ מיר אימ צו דערהאַרגענענ, האָט פאַר דער גאַנצער צוקונפט פונ רוסלאַנד אונ פאַר דער צוקונפט פונ דער רוסישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע א ביז גאָר ערנסטע באַדײַטונג. עס קאָנ גאָר קײנ רײד ניט זײַנ וועגנ דעמ, אַז מע זאָל ענערגיש אונ מיט דערפאָלג צונויפנעמענ אַנ אַרמײ, אָנפירנ מיט איר, אויב ס'איז ניטאָ די זיכערקײַט, אַז מיר „וואַגנ“ צו זיגנ.

נעמט אונדזערע אַלטע עקאָנאָמיסטנ. זײ פלעגנ אויכ שרײַענ, אַז זײערע קעגנער זײַנענ פאַרשווערער, יאַקאָבינער (זע די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“, באַזונדערס דעמ נומ. 10, אונ מאַרטינאָווס רעדע בײמ די דעבאַטנ אָפּנ II צוזאַמענפאָר וועגנ דער פּראָגראַמ), וואָס דערמיט, וואָס זײ וואַרפנ זיכ אַרײַנ אינ פּאָליטיק, רײַסנ זײ זיכ אָפּ פונ דער מאַסע, אַז זײ פאַרגעסנ די יעסוידעס פונ דער אַרבעטער=באַוועגונג, זײ רעכענענ זיכ ניט מיט דער אַרבעטער=זעלבסטעטיקײַט אונ נאָכ אונ נאָכ. אינדערעמעסנ אָבער זײַנענ אָט די אָנהענגער פונ דער „אַרבעטער=זעלבסטעטיקײַט“ געווענ אינטעליגענטנ אָפּאָרטוניסטנ, וועלכע האָבנ געוואָלט אָנבינדנ די אַרבעטער זײער שמאָלנ אונ פיליסטערישנ פאַרשטײַנ די אויפגאַבנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט. אינדערעמעסנ האָבנ די קעגנער פונעמ עקאָנאָמיזמ, ווי דאָס קאָנ יעדערער זענ לויט דער אַלטער „איסקראַ“, ניט פאַרוואָרפנ אונ ניט אָפּגערוקט אינ הינטערגרונט קײנ אײנעמ פונ די געביטנ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעט, זײ האָבנ אָפּ קײנ האָר ניט פאַרגעסנ וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ קאַמפּ, זײ האָבנ אָבער אינ דער זעלבער צײַט געקענט שטעלנ אינ דער גאַנצער ברײט די אַקטועלע אונ אָרדנטלעכע פּאָליטישע אויפגאַבנ אונ ניט דערלאָזנ צו פאַרוואַנדלענ די אַרבעטער=פּאַרטײ אינ אַנ „עקאָנאָמישנ“ צוגאָב צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

די עקאָנאָמיסטנ האָבנ אײַנגעכאַזערט, אַז אינ יעסאָד פונ דער פּאָליטיק ליגט די עקאָנאָמיק, אונ האָבנ עס „פאַרשטאַנענ“ אַזוי, אַז מע דאַרפ אַראָפּזעצנ דעמ פּאָליטישנ קאַמפּ ביז דעמ עקאָנאָמישנ. די נײַ=איסקראָווצעס האָבנ אײַנגעכאַזערט, אַז די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש האָט אינ דעמ עקאָנאָמישנ יעסאָד אירנ די בורזשואַזע רעוואָליוציע, אונ האָבנ עס „פאַרשטאַנענ“ אַזוי, אַז מע דאַרפ אַראָפּזעצנ די דעמאָקראַטישע אויפגאַבנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט ביז דעמ ניוואָ פונ בורזשואַזער מעסיקײַט, ביז דער גרענעצ, וואָס אויב מע זאָל גײנ ווײַטער, וועט זיכ „אָפּשאָקלענ די

בורזשואזיע". די עקאָנאָמיסטנ פלעגנ מיטנ טערעצ פונ פארטײפערנ די ארבעט, מיטנ טערעצ פונ ארבעטער-זעלבסטטעטיקײט און פונ רײנער קלאסנ-פאָליטיק, — פאקטיש אָפגעבנ דעמ ארבעטער-קלאס אינ די הענט פונ די ליבעראל-בורזשואזע פאָליטיקער, ד. ה. זײ האָבנ געפירט די פארטײ מיט אזא װעג, װאָס אָביעקטיװ האָט ער געהאט גראָד אזא באדײטונג. די נײ-איסקראָװצעס, ארגומענטירנדיק מיט דעמ זעלבנ, גיבנ זײ פאקטיש איבער דער בורזשואזיע די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער דעמאָקראטישער רעװאָליוציע, ד. ה. זײ פירנ די פארטײ מיט אזא װעג, װאָס אָביעקטיװ האָט ער גראָד אזא באדײטונג. די עקאָנאָמיסטנ פלעגט זיכ דוכטנ, אז שטײנ בעראָש אינעמ פאָליטישנ קאמפ איז ניט קײנ ארבעט פאר די סאָציאל-דעמאָקראטנ, נאָר אײגנטלעכ אנ ארבעט פאר די ליבעראלנ. די נײ-איסקראָװצעס דוכט זיכ, אז אקטיװ דורכפירנ די דעמאָקראטישע רעװאָליוציע איז ניט קײנ ארבעט פאר די סאָציאל-דעמאָקראטנ, נאָר אײגנטלעכ אנ ארבעט פאר דער דעמאָקראטישער בורזשואזיע, װײל די אָנפירונג פונעמ פראָלעטאריאט און דאָס, װאָס ער װעט שפילנ אינ איר די הויפט-ראָליע, װעט „אָפשװאכנ דעמ שװונג" פונ דער רעװאָליוציע.

מיט אײנ װאָרט, די נײ-איסקראָװצעס זײנענ עפיגאָנענ פונעמ עקאָנאָמיזמ ניט בלויז לויט דעמ, װאָס זײ זײנענ אנטשטאנענ אפנ צװײטנ פארטײ-צוזאמענפאָר, נאָר אויכ לויט דעמ, װי זײ שטעלנ איצט די טאקטישע אויפגאבנ פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער דעמאָקראטישער רעװאָליוציע. דאָס איז אויכ אנ אינטעליגענטיש-אָפאָרטוניסטישער פליגל פונ דער פארטײ. אינ די פראגנ פונ אָרגאניזאציע האָט ער דעביוטירט מיט דעמ אנארכיסטישנ אינדיװידואליזמ פונ אינטעליגענטנ און האָט פארענדיקט מיט דער „דעזאָרגאניזאציע אלס פראָצעס", האָבנדיק פארפיקסירט אינ דעמ „סטאטוט", װעלכנ די קאָנפערענצ האָט אָנגענומענ, אז די ליטעראטור דארפ זײנ אָפגעריסנ פונ דער פארטײ-אָרגאניזאציע, האָבנדיק פארפיקסירט די סיסטעמ פונ ניט דירעקטע, שיִר ניט פירשטופיקע, װאלנ, די סיסטעמ פונ באָנאפארטיסטישע פלעביסציטנ אָנשטאָט א דעמאָקראטישער פארטרעטערשאפט, ענדלעכ, דעמ פרינציפ פונ א „פארשטענדיקונג" צװישנ דעמ טײל און דעמ גאנצנ. אינ די פראגנ פונ דער טאקטיק פונ דער פארטײ האָבנ זײ זיכ געקײקלט פונקט איבער אזא מינ מעשופעדיקער פלאכ. אינ דעמ „פלאנ פונ דער זעמסקער קאמפאניע" האָבנ זײ דערקלערט אלס „העכסטנ טיפ דעמאָנסטראציע" דאָס ארויסטרעטנ פאר די זעמצעס, אײנגעפינענדיק אפ דער פאָליטישער סצענע בלויז צװײ אקטיװע קויכעס (ערעװ דעמ 9-טנ יאנואר!) — די רעגירונג און די בורזשואזע דעמאָקראטיע. די דרינגענדיקע אויפגאבע פונ באװאָפענונג פלעגנ זײ „פארטיפנ", פארבײטנדיק דעמ דירעקטנ פראקטישנ לאָזונג דורכ א רופ צו באװאָפענענ מיט א ברענענדיקער באדערפעניש אינ זעלבסטבאװאָפענונג. די אויפגאבנ פונ א באװאָפנטנ אויפשטאנד, פונ א צײטװײליקער רעגירונג, פונ א רעװאָליוציאָנער-דעמאָקראטישער דיקטאטור זײנענ איצט דורכ זײ פארקריפלט און אָפגעשטעמפט אינ זײערע אָפיציעלע רעזאָליוציעס. „עס זאָל זיכ כאָלילע ניט אָפשאָקלענ די בורזשואזיע" — אָט דער שלום-אקאָרד פונ זײער לעצטער רעזאָליוציע װארפט א פולע שײנ אפ דער פראגע װעגנ דעמ, װוהינ זײער װעג פירט די פארטײ.

די דעמאָקראטישע איבערקערעניש אינ רוסלאנד איז לויט איר געזעלשאפטלעכ-

עקאָנאָמישנ טאָכ א רעוואָליוציע א בורזשואזע. אָט די ריכטיקע מארקסיסטישע האַ-
נאָכע איז נאָכ ווייניק פּאָשעט איבערצוכאזערנ. מע דארפ זי קענענ פארשטיינ אונ
קענענ אָנווענדנ צו די פּאָליטישע לאָזונגענ. די גאנצע פּאָליטישע פרייהייט ביכלאל
איז, אפּנ באָדנ פונ די הײנטצײטיקע, דה. קאפּיטאליסטישע, פּראָדוציר-פארהעלטע-
נישנ, א פרייהייט א בורזשואזע. די פאָדערונג פונ פרייהייט דריקט קוידעמקאָל אויס
די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע. אירע פאָרשטייער האָבנ די ערשטע ארויסגע-
שטעלט אָט די פאָדערונג. אירע אָנהענגער האָבנ זיכ אומעטום באנוצט מיט דער
באקומענער פרייהייט, ווי באלעבאטים, רעדוצירנדיק זי צומ מעסיקנ אונ אקוראטנ
בורזשואזנ מעסטל, צונויפפאָרנדיק זי מיטנ אינ פרידנס-צייט סאמע ראפינירטנ
אונ אינ שטורעמ-צייט כײיש-אכזאָריעסדיקנ דערשטיקנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָ-
לעטאריאט.

אָבער ארויסדרינגענ דערפונ, אז מע דארפ אָפּווארפנ אָדער פארמינערנ דעמ
קאמפּ פאר פרייהייט, — דאָס האָבנ געקאָנט נאָר בונטארנ פּאָלקיסטנ, אנארכיסטנ
אונ „עקאָנאָמיסטנ“. אָנגיבנדנ אָט די אינטעליגענטיש-פיליסטערישע דאָקטרינעס
דעמ פּראָלעטאריאט פּלעגט זיכ שטענדיק אײנגעבנ בלויז אפ א צייט, בלויז טראָץ
זײנ ווידערשטאנד. דער פּראָלעטאריאט פּלעגט אופּכאפּנ מיטנ כוש, אז פּאָליטישע
פרייהייט איז פאר אימ נייטיק, זי איז נייטיק מער ווי אלצ פאר אימ, ניט געקוקט
דערויפ, וואָס זי וועט אומיטלבאר פארשטארקנ אונ אָרגאניזירנ די בורזשואזיע. דער
פּראָלעטאריאט דערווארט זײנ רעטונג ניט דורכ דעמ, וואָס ער וועט ווײכנ פונ קלאַ-
סנקאמפּ, נאָר דורכ דעמ, וואָס ער וועט אימ אנטוויקלענ, פארגרעסערנ זײנ ברייט-
קייט, באוווסטזיניקייט, אָרגאניזירטקייט, אנטשלאָסנקייט. דער וואָס פארמינערט די
אופגאבנ פונ פּאָליטישנ קאמפּ, דער פארוואנדלט דעמ סאָציאל-דעמאָקראט פונ א
פאָלקס-טריבונ אינ א סעקרעטאר פונ א טרעד-יוניאָנ. דער וואָס פארמינערט די
פּראָלעטארישע אופגאבנ אינ דער דעמאָקראטישער בורזשואזער רעוואָליוציע, דער
פארוואנדלט דעמ סאָציאל-דעמאָקראט פונ א פירער פונ דער פאָלקס-רעוואָליוציע
אינ אנ אָנפירער פונ א פרייענ ארבעטער-פאריינ.

יאָ, פונ דער פ אָ ל ק ס-רעוואָליוציע. די סאָציאל-דעמאָקראטיע האָט געקעמפט
אונ קעמפט מיט פולנ רעכט קעגנ דעמ בורזשואז-דעמאָקראטישנ מיסברויכנ מיטנ
וואָרט „פאָלק“. זי פאָדערט, אז מיט אָט דעמ וואָרט זאָל מענ ניט פארשלייערנ דאָס
ניט פארשטיינ די קלאסנ-אנטאגאָניזמענ אינעווייניק אינעמ פאָלק. זי באשטייט אומ-
באדינגט אפ דער נייטיקייט פונ פולשטענדיקער קלאסנווער זעלבשטענדיקייט פונ
דער פארטיי פונעמ פּראָלעטאריאט. זי צעגלידערט אָבער דאָס „פאָלק“ אפ „קלאסנ“
ניט צוליב דעמ, אז דער פאָרגעשריטענער קלאס זאָל זיכ אײנשליסנ אינ זיכ, זאָל
זיכ באגרענעצנ מיט א שמאָלינקער מאָס, זאָל קאסטרירנ זײנ טעטיקייט אויס מאָ-
טיוונ, אז עס זאָלנ זיכ כאָליע ניט אָפּשאָקלענ די עקאָנאָמישע הערשער פונ דער
וועלט, נאָר צוליב דעמ, אז דער פאָרגעשריטענער קלאס זאָל, ניט ליידנדיק אפ דער
האלביקייט, ניט-שטאנדהאפטיקייט, אומאנטשלאָסנקייט פונ די צווישנ-קלאסנ, מיט
נאָכ א גרעסערער ענערגיע, מיט נאָכ א גרעסערנ ענטוזיאזמ קעמפנ פאר דער זאכ
פונ דעמ גאנצנ פאָלק, בעראָש פונ דעמ גאנצנ פאָלק.

אָט וואָס עס פארשטייענ אזוי אָפט ניט די הײנטיקע נײ-איסקראָווצעס, וואָס אָנ-

עפּאָס אַרויסצושטעלנ אַקטיווע פּאָליטישע לאָזונגענ אינ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע פאַרנעמענ זיי זיכ בלויז מיט רעזאָניאָרישנ איבערכאַזערנ דאָס וואָרט: „קלאַסעווער" אינ אַלע מינימ אונ אינ אַלע ביינפאַלנ!

די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש איז בורזשואַז. דער לאָזונג שוואַרצער איבערפּאַרטייל אָדער ערד אונ פרייהייט, — אָט דער ביז גאָר פאַרשפּרייטער לאָזונג פונ דער פּויערימ-מאַסע, וועלכע איז פינצטער אונ דערשלאָגנ, אָבער זי זוכט ליידנשאַפטלעכ ליכט אונ גליק, — איז בורזשואַז. מיר, מאַרקסיסטנ, דאַרפנ אָבער וויסנ, אַז עס איז ניטאָ אונ עס קאָנ ניט זיינ קיינ אַנדער וועג צו דערווירקלעכער פרייהייט פונ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטומ, אויסער דעמ וועג פונ בורזשואַזער פרייהייט אונ בורזשואַזנ פּראָגרעס. מיר דאַרפנ ניט פאַרגעסנ, אַז היינט צו טאָג איז ניטאָ אונ עס קאָנ ניט זיינ קיינ אַנדער מיטל צו דערנעענטערנ דעמ סאָציאַליזמ, אויסער פולשטענדיקער פּאָליטישער פרייהייט, אויסער א דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אויסער א רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אונ פּויערטומ. אַלס פאָרשטייער פונ דעמ פאָרגעשריטענעמ אונ איינציק-רעוואָליוציאָנערנ קלאַס, רעוואָליוציאָנערנ אינ פולנ זינ פונ וואָרט, אָנ ספּייקעס, אָנ אומקוקנ זיכ אַהינטער, דאַרפנ מיר ווי וויט מעגלעכ ברייטער, דרייסטער, איניציאַטיוופולער שטעלנ פאַרנ גאַנצנ פאָלק די אויפגאַבנ פונ א דעמאָקראַטישער איבערקערעניש. פאַרמינערנ אָט די אויפגאַבנ באַטייט טעאָרעטיש — א קאַריקאַטור אויפנ מאַרקסיזמ אונ א פיליסטעריש פאַרקריפּלענ אימ, פּראַקטיש-פּאָליטיש ווידער באַטייט עס — איבערגעבנ די זאַכ פונ דער רעוואָליוציע אינ די הענט פונ דער בורזשואַזיע, וואָס וועט זיכ אומפאַרמיידלעכ אָפּשאָקלענ פונעמ קאָנסעקווענטנ דורכפירנ די רעוואָליוציע. די שוועריקייטנ, וועלכע שטייענ אויפנ וועג צומ פולשטענדיקנ זיג פונ דער רעוואָליוציע, זיינענ זייער גרויס. קיינער וועט ניט קאָנענ פאַרורטיילנ די פאָרשטייער פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אויב זיי וועלנ טאָנ אַלצ, וואָס אינ זייערע קויכעס איז, אונ אויב אַלע זייערע באַמיִענישנ וועלנ צעקלאַפּט ווערנ אָנ דעמ ווידערשטאַנד פונ דער רעאַקציע, אָנ דעמ פאַראַט פונ דער בורזשואַזיע, אָנ דער פינצטערניש פונ דער מאַסע. אַלע אונ יעדערער — אונ קוידעמקאָל דער באַוווּסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט — וועט אָבער פאַרורטיילנ די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויב זי וועט נעמענ פאַרשמעלערנ די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונ דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, פאַרשמעלערנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ ענטוזיאַזמ אויס דער מוירע צו זיגנ, אויס די מאָטיוונ, אַז עס זאָל זיכ כאָלילע ניט אָפּשאָקלענ די בורזשואַזיע.

רעוואָליוציעס זיינענ די לאָקאָמאָטיוונ פונ דער געשיכטע, — האָט געזאָגט מאַרקס. רעוואָליוציעס זיינענ א יאָמטעוו פונ די אונטערדריקטע אונ עקספּלואַטירטע. קיינמאָל איז די מאַסע פונעמ פאָלק ניט פייִק אַרויסצוטרעטנ אַלס אַזא אַקטיווער שעפער פונ נייע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ, ווי אינ דער צייט פונ א רעוואָליוציע. אינ אַזעלכע צייטנ איז דאָס פאָלק פייִק צו שאַפנ וווּנדער, פונ שטאַנדפּונקט פונ דער שמאָלער, באַלעבעסלדיקער מאָס פונ בעהאַדראָגעדיקנ פּראָגרעס. מע דאַרפ אָבער, אַז אויכ די אָנפירער פונ די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייענ זאָלנ אינ אַזא צייט ברייטער אונ דרייסטער שטעלנ זייערע אויפגאַבנ, אַז זייערע לאָזונגענ זאָלנ אַלעמאָל גייג פאָרויס פונ דער רעוואָליוציאָנערער זעלבסטטעטיקייט פונ דער מאַסע אונ זאָלנ

אזויארומ דיגענ פאר דער מאסע אלס לײַכט=טורעמ, זאָלנ באווײַזנ איר אונדזער דעמאָקראַטישנ און סאָציאַליסטישנ אידעאַל אינ זײַנ גאַנצער גרייס און פראַכט, זאָלנ באווײַזנ דעמ נאָענטסטנ, דעמ גלײַכסטנ וועג צומ פולנ, אבסאָלוטנ, אנטשיידענעמ זיג. קאָמיר לאָזנ פאר די אָפּאָרטוניסטנ פונ דער „אָסוואָבאָזשדיעניער" בורזשואזיע צו פארנעמענ זיכ, אויס מוירע פאר דער רעוואָליוציע און אויס מוירע פארנ גלײַכנ וועג, מיט אויסטראַכטנ ארומיקע, זײַטיקע, קאָמפּראָמיסלעכע וועגנ. אויב מע וועט אונדז צווינגענ מיט גוואַלד צו שלעפּנ זיכ מיט אזעלכע וועגנ, וועלנ מיר וויסנ, ווי אויסצופילנ אונדזער כויוו אויכ בא דער קליינער וואָכעדיקער ארבעט. זאָל אָבער צוערשט דער אָנראַכמאָנעסדיקער קאמפּ אנטשיידנ די פראַגע וועגנ דעמ אויסוואַל פונעמ וועג. מיר וועלנ זיכ ארויסווײַזנ אלס רענעגאַטנ און פארעטער פונ דער רעוואָליוציע, אויב מיר וועלנ אָט די יאָמטעוודיקע ענערגיע פונ די מאסנ און זייער רעוואָליוציאָנערנ ענטוזיאַזמ ניט אויסנוצנ צוליב דעמ אָנראַכמאָנעסדיקנ און מעסירעסנעפעשדיקנ קאמפּ פאר א גלײַכנ און אנטשיידענעמ וועג. זאָלנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ דער בורזשואזיע פאַכדאָנעסדיק טראַכטנ וועגנ דער קומענדיקער רעאַקציע. די ארבעטער וועט ניט איבערשרעקנ דער געדאַנק ניט וועגנ דעמ,- אז די רעאַקציע קלײַבט זיכ צו זײַנ א שרעקלעכע, ניט וועגנ דעמ, אז די בורזשואזיע קלײַבט זיכ אָפּצושאָקלענ זיכ. די ארבעטער וואַרטנ ניט אפ קיינ פשאָרעס, זיי בעטנ ניט קיינ נעדאָוועס, זיי שטרעבנ צו דערשטיקנ אָנ ראַכמאָנעס די רעאַקציאָנערע כויכעס, דה. צו **דער רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונ פראָלעטאַריאַט און פויערטומ.**

געוויס, אינ א שטורעמ=צײַט דראָגט אונדזער פארטיי=שיפ מער געפארנ, איידער באמ שטילנ „שווימענ" פונ ליבעראַלנ פראָגרעס, וואָס באַטײַט — פײַנלעכ=לאַנגזאַמ ארויסציִענ די זאַפטנ פונ דעמ ארבעטער=קלאַס מיצאַד זײַנע עקספּלואַטאָרנ. געוויס, די אויפגאַבנ פונ דער רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראַטישער דיקטאַטור זײַנענ אינ טויזנט מאָל שווערער און קאָמפּליצירטער איידער די אויפגאַבנ פונ אנ „עקסטרעמער אָפּאָזיציע" און פונ בלויז פארלאַמענטישנ קאמפּ אַליינ. אָבער אזא איינער, וואָס איז אינ איצטיקנ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט פעיִק באַוווּסטזיניק אָפּצוגעבנ דעמ פארצוג דעמ פרידלעכנ שווימענ און דעמ וועג פונ געפארלאָזער „אָפּאָזיציע", — איז זאָל ער בעסער אפ א צײַט אוועקגייִנ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער ארבעט, זאָל ער זיכ דערוואַרטנ אפנ סאָפ פונ דער רעוואָליוציע, ווענ דער יאָמטעוו וועט פאַריבער, עס וועט זיכ ווידער אָנהייבנ דער אינדערוואָכנ, ווענ זײַנ וואָכעדיק=באַגרענעצטע מאָס וועט ניט זײַנ אזא מינ עקלהאַפטער דיסאָנאַנס, אזא מינ העסלעכע פארקריפּלונג פונ די אויפגאַבנ פונעמ פאָרגעשריטענעמ קלאַס.

בעראָש פונעמ גאַנצנ פאָלק און באַזונדערס פונעמ פויערטומ — פאר פולשטענדיקער פרײַהײַט, פאר א קאָנסעקווענטער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש, פאר א רעפּובליק! בעראָש פונ אלע ארבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע — פאר סאָציאַליזמ! אָט דאָס דאַרפ פאַקטיש זײַנ די פּאָליטיק פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאַריאַט, אָט דאָס איז דער קלאַסנ=לאָזונג, וואָס דאַרפ דורכדרינגענ און באַשטימענ מיט זיכ די לייזונג פונ יעטווידער טאַקטישער פראַגע, יעטווידנ פראַקטישנ שריט פונ דער ארבעטער=פארטיי אינ דער צײַט פונ דער רעוואָליוציע.

נ אָ כ װ אָ ר ט

נאָכאמאָל אָסוואָבאָזשדיעניזמ, נאָכאמאָל נײַ־איסקריזמ

די נומערנ 71—72 „אָסוואָבאָזשדיעניע“ אונ 102—103 „איסקרא“ האָבנ געגעבנ א נײַעמ, אנ אויסערסט רײַכנ מאטעריאל צו דער פראגע, װעלכער מיר האָבנ געווידמעט דעמ 8־טנ פּאראגראפ פונ אונדזער בראָשור. ניט האָבנדיק קיינ שומ מעגלעכקײַט אויסצונוצנ דאָ אָט דעמ גאנצנ רײַכנ מאטעריאל, וועלנ מיר זיכ אָפּשטעלנ בלויז אפנ איקערדיקסטנ: ערשטנס, אפ דעמ, וואָס פאר א מינ „רעאליזמ“ אינ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע לויבט עס די „אָסוואָבאָזשדיעניע“ אונ פארוואָס דארפ זי אימ לויבנ; צווייטנס, אפ דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש פונ די באגריפנ: רעוואָליוציע אונ דיקטאטור.

I. פאר וואָס די בורזשואז־ליבעראלע רעאליסטנ לויבנ די סאָציאל־דעמאָקראטישע „רעאליסטנ“?

די ארטיקלענ: „די שפּאלטונג אינ דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע“ אונ „דער טריומפ פונ געזונטנ פארשטאנד“ („אָסוואָבאָזשדיעניע“ נומ. 72) שטעלנ מיט זיכ פאר די באוווּסטזיניקע פּראָלעטאריער פאָר א מערקווירדיק ווערטפולע אורטיילונג פונ פאָרשטייער פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע וועגנ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. ווי שטארק מע זאָל ניט רעקאָמענדירנ יעטווידנ סאָציאל־דעמאָקראט צו באקענענ זיכ מיט אָט די ארטיקלענ אינ זייער פולנ אויסזענ אונ ד ו ר כ צ ו ט ר א כ ט נ יעדע פראזע אינ זיי, וועט דאָס אלץ זײַנ ווייניק. מיר וועלנ פריער פאר אלץ ברענגענ די הויפּט־האנאָכעס פונ די ביידע ארטיקלענ:

„באמ באאָבאכטנ פונ דער זײַט — זאָגט די „אָסוואָבאָזשדיעניע“ — איז גאנצ שווער אופּצוכאפּנ דעמ רעאלנ פּאָליטישנ זינ פונ דער מיינונגס־פארשיידנהײַט, וואָס האָט צעטיילט די סאָציאל־דעמאָקראטישע פארטיי אפ צוויי פראקציעס. די דעפיניציע, אז די פראקציע פונ דער „מערהײַט“ איז א מער ראדיקאלע אונ גראָדליניקע, צומ אונטערשייד פונ דער „מינדערהײַט“, וואָס דערלאָזט אינ די אינטערעסנ פונ דער זאכ אייניקע קאָמפּראָמיסנ, אָט די דעפיניציע איז ניט גאָר קיינ פינקטלעכע אונ, אלנפאלס, גיט זי ניט קיינ אויסשעפּנדיקע כאראקטעריסטיק. יעדנפאלס, די טראדיציאָנעלע דאָגמאטנ פונ דער מארקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע ווערנ דורכ דער מינדערהײַט־פראקציע אָפּגעהיט עפּשער נאָכ מיט גרעסערנ אייפער איידער דורכ לענינס פראקציע. אלס א מער פינקטלעכע שײַנט אונדז צו זײַנ די פאָלגנדיקע כאראקטעריס־

טיק. די פּאָליטישע גרונט=שטימונג פונ דער „מערהײט“ איז אַבסטראַקטער רעוואָליוציאָניזמ, בונטאַרישקײט, די שטרעבונג מיט די באַליביקסטע מיטלענ אופהייבנ אַנ אופשטאַנד אינ דער פאָלקס=מאַסע אונ אינ נאָמענ פונ דער פאָלקס=מאַסע טייקעפּ פאַרכאַפּנ די מאַכט; דאָס דערנעענטערט ביז א געוויסנ גראַד די „לענינצעס“ מיט די סאָציאַליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ אונ פאַרשטעלט אינ זייער באַוווסטזײנ די אידיי פונ קלאַסנקאַמפּ דורכ דער אידיי פונ אַנ אַלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע; אָפּזאָגנדיק זיכ אינ דער פּראַקטיק פונ א סאַכ שמאָלקײטנ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער דאָקטרינע, זײנענ די „לענינצעס“, פונ דער אַנדערער זײט, אָפּ דורכ אונ דורכ דורכגעזאַפּט מיט דער שמאָלקײט פונ רעוואָליוציאָניזמ, זיי זאָגנ זיכ אָפּ פונ יעטווידער אַנדערער פּראַקטישער אַרבעט, אויסער דער אַרבעט פונ צוגרייטנ טייקעפּ אַנ אופשטאַנד, זיי איגנאָרירנ פּרינציפּיעל אַלע פאָרמענ פונ לעגאַלער אונ האַלב=לעגאַלער אַגיטאַציע אונ אַלע מינימ פּראַקטיש=נוצלעכע קאָמפּראָמיסנ מיט אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגענ. פאַרקערט, די מינדערהײט, וואָס האַלט זיכ פעסט בא דער דאָגמע פונעמ מאַרקסיזמ, היט צוזאַמענ דערמיט אויכ אײנ די רעאַליסטישע עלעמענטנ פונ דער מאַרקסיסטישער וועלט=אַנשויונג. די גרונט=אידיי פונ אָט דער פראַקציע איז — קעגנשטעלנ די אינטערעסנ פונעמ „פּראָלעטאַריאַט“ קעגנ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע. פונ דער אַנדערער זײט אָבער, ווערט דער קאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט באַטראַכט — פאַרשטייט זיכ, אינ געוויסע גרענעצנ, דיקטירטע דורכ די אײזנפעסטע דאָגמאַטנ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע — רעאַליסטיש ניכטער, מיט א קלאָרנ פאַרשטײנ אַלע קאָנקרעטע באַדינגונגענ אונ אופגאַבנ פונ אָט דעמ קאַמפּ. ביידע פראַקציעס פירנ דורכ זייער גרונט=שטאַנדפּונקט ניט פולשטענדיק קאָנסעקווענט, ווײל אינ זייער אידיייש=פּאָליטישער שאַפונג זײנענ זיי געבונדנ דורכ די שטרענגע פאָרמולעס פונעמ סאָציאַל=דעמאָקראַטישנ קאַטעכיזיס, וואָס שטערנ די „לענינצעס“ צו ווערנ גראָדליניקע בונטאַרנ, לויטנ מוסטער פונ אײניקע, לעכאָלאַפּאָכעס, סאָציאַליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ, אונ די „איסקראָוועצעס“ — צו ווערנ פּראַקטישע אָנפירער פונ דער רעאַלער פּאָליטישער באַוועגונג פונעמ אַרבעטער=קלאַס“.

אונ ברענגענדיק ווײטער דעמ אינהאַלט פונ די הויפּט=רעזאָליוציעס, קלערט אופּ דער שרײבער פונ „אָסוואָבאָזשדעניע“ מיט עטלעכע קאָנקרעטע באַמערקונגענ וועגנ זיי זײנע אַלגעמײנע „געדאַנקענ“. אינ פאַרגלײכ מיטנ III צוזאַמענפאָר, זאָגט ער, „באַציט זיכ די קאָנפערענצ פונ דער מינדערהײט אינגאַנצנ אַנדערש צומ באַוואָפנטנ אופשטאַנד“. „אינ א פאַרבינדונג מיט דער באַציִונג צומ באַוואָפנטנ אופשטאַנד“ געפינט זיכ דער אונטערשייד פונ די רעזאָליוציעס וועגנ דער צײטווײליקער רעגירונג. „פונקט אַזאַ מיינונגס=פאַרשיידנהײט אַנטפּלעקט זיכ אויכ אינ דער באַציִונג צו די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער=פאַרייִנענ. די „לענינצעס“ האָבנ אינ זייערע רעזאָליוציעס אַפילע קיינ וואָרט ניט דערמאָנט וועגנ אָט דעמ וויכטיקסטנ אויסגאַנגס=פּונקט פונ פּאָליטישער דערציִונג אונ אָרגאַניזירונג פונעמ אַרבעטער=קלאַס. פאַרקערט, די מינדערהײט האָט אויסגעאַרבעט זייער אַנ ערנסטע רעזאָליוציע“. בענעגייע די ליבעראַלנ זײנענ ביידע פראַקציעס, זאָל עס הייסנ, אײנמוטיק, נאָר דער III צוזאַמענפאָר „כאַזערט איבער קימאַט וואָרט אינ וואָרט פּלעכאַנאָווס רעזאָליוציע וועגנ דער באַציִונג צו די ליבעראַלנ, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אופנ II צוזאַמענפאָר, אונ ער וואַרפּט

אָפּ ספּאראָווערס רעזאָליוציע, וועלכע איז אָנגענומענ געוואָרנ דורכ דעמ זעלבנ צו=
זאמענפאָר אונ וועלכע איז וווילגענייגטער צו די ליבעראלנ“. בא דער אלגעמיינער
איינגארטיקייט פונ די רעזאָליוציעס פונעמ צוזאמענפאָר אונ פונ דער קאָנפערענצ
זעגנ דער פויערימ=באוועגונג „באטאָנט די „מערהייט“ מער די אידיי פונ רעוואָליו=
ציאָנערנ קאָנפיסקירנ די פּריצישע לאנד. ערד, ביימ די „מינדערהייט“ וויל מאכנ אלס
יעסאָד פונ איר אגיטאציע די פאָדערונגענ פונ דעמאָקראטישע מעלוכישע אונ אדמי=
ניסטראטיווע רעפאָרמעס“.

ענדלעכ, ציטירט די „אָסוואָבאָזשדיעניע“ פונ דער „איסקרא“ נומ. 100 איינע א
מענשעוויסטישע רעזאָליוציע, וואָס איר הויפּט=פּונקט זאָגט: „מאכמעס דעמ, וואָס
בלויז די אונטערערדישע ארבעט אליינ זיכערט ניט בא איצטיקנ מאָמענט פאר דער
מאסע קיינ מעגלעכקייט ווי געהעריק אָנטיילצונעמענ אינעמ פּארטיי=לעבנ אונ צומאָל
פירט זי צומ קעגנשטעלנ די מאסע, אלס אזעלכע, קעגנ דער פּארטיי, אלס אומלע=
גאלער אָרגאניזאציע, מוז די פּארטיי ארייננעמענ אינ אירע הענט דעמ פּראָפעסיאָ=
נעלנ קאמפ, וואָס די ארבעטער פירנ אפ א לעגאלנ באָדנ, אונ שטרענג פארבינדנ
אָט דעמ קאמפ מיט די סאָציאל=דעמאָקראטישע אויפגאבנ“. מיקויעכ אָט דער רעזאָ=
ליוציע רופט די „אָסוואָבאָזשדיעניע“ אויס: „מיר באגריסנ הייס אָט די רעזאָליוציע,
אלס א טריומפ פונעמ געזונטנ פארשטאנד, אלס א טאקטישע אויסלייטערונג פונ א
באשטימטנ טייל פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטישער פּארטיי“.

אציגד האָט פאר זיכ דער לייענער אלע וועזנטלעכע ארויסזאָגונגענ פונ דער
„אָסוואָבאָזשדיעניע“. עס וואָלט, פארשטייט זיכ, געווענ דער גרעסטער פעלער צו
האלטנ אָט די בקירעס פאר ריכטיקע, ס'הייסט, אז זיי אנטשפּרעכנ דעמ אָביעקטיוונ
עמעס. פעלערנ וועט איב זיי לייכט אויפדעקנ אפ שריט אונ טריט יעטווידער סאָציאל=
דעמאָקראט. עס וואָלט געווענ נאיוו, ווענ מע זאָל פארגעסנ, אז אָט די אלע בקירעס
זיינענ אפ דורכ אונ דורכ דורכגעזאפּט מיט די אינטערעסנ אונ מיטנ שטאנדפּונקט
פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע, אז זיי זיינענ אפ דורכ אונ דורכ פּניעסדיק אונ
טענדענציעז איב אָט דעמ זינ. זיי שפּיגלענ אָפּ די אָנשויונגענ פונ דער סאָציאל=דע=
מאָקראטיע פּונקט אזוי, ווי אנ ארייננעבויגענער אָדער אנ ארויסגעבויגענער שפּיגל
שפּיגלט אָפּ קעגנשטאנדנ. נאָכ א גרעסערער פעלער וואָלט אָבער געווענ צו פארגעסנ,
אז אָט די בורזשואז=פארקריפּלטע בקירעס שפּיגלענ אָפּ, אינ לעצטנ סאכאקל, די
ווירקלעכע אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע, וואָס, אלס קלאס, פארשטייט זי אָנ סאָ=
פעק ריכטיק, וועלכע טענדענצנ אינווייניק אינ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע זיינענ
פאר איר, פאר דער בורזשואזיע, גינסטיק, נאָענט, קרויוויש, סימפּאטיש, אונ וועל=
כע — שעדלעכ, ווייט, פרעמד, אנטיפּאטיש. א בורזשואזער פילאָסאָפ אָדער א בור=
זשואזער פּובליציסט וועט קיינמאָל ניט פארשטיינ די סאָציאל=דעמאָקראטיע ריכטיק,
ניט די מענשעוויסטישע, ניט די באָלשעוויסטישע סאָציאל=דעמאָקראטיע. נאָר אויב
דאָס איז א פּובליציסט, וואָס פארשטייט כאָטש וויפל=ס'ניט=איז אנ איניענ, וועט
אימ זיינ קלאסנ=אינסטינקט ניט נארנ, אונ די באדייטונג, וואָס עס האָט פאר דער
בורזשואזיע די אָדער יענע שטרעמונג אינווייניק אינ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע,
וועט ער שטענדיק איב טאָכ אויפכאפּנ ריכטיק, האגאמ שילדערנ וועט ער זי פאר=
קריפּלט. דער קלאסנ=אינסטינקט פונ אונדזער סוינע, דער קלאסנ=געדאנקענגאנג זיי=

נער פארדינט דעריבער שטענדיק די סאמע ערנסטע אופמערקזאמקײַט פונ יעדנ באַוווסטזיניקנ פראָלעטאריער.

וואָס זשע זאָגט אונדז, מיטנ מויל פונ די אָסוואָבאָזשדיענצעס, דער קלאסנ=אינסטינקט פונ דער רוסלענדישער בורזשואזיע?

ער דריקט אויס גאנצ באשטימט זײַנ צופרידנקײַט בנעגייע די טענדענצנ פונעם ניי=איסקריזמ, לויבנדיק אימ פאר זײַנ רעאליזמ, ניכטערקײַט, פארנ טריומפ פונעם געזונטנ פארשטאנד, פאר דער ערנסטקײַט פונ די רעזאָליוציעס, פאר דער טאקטישער אויסלײַטערונג, פראקטישקײַט אאוו., — אונ אומצופרידנקײַט בנעגייע די טענדענצנ פונעם III צוזאמענפאָר, טאדלענדיק אימ פאר זײַנ שמאָלקײַט, רעוואָליוציאָניזמ, בונטארישקײַט, פארנ באצײַנ זיכ נעגאטיוו צו פראקטיש=נוצלעכע קאָמפּראָמיסנ אאוו. דער קלאסנ=אינסטינקט פונ דער בורזשואזיע זאָגט איר אונטער פונקט דאָס, וואָס איז שוינ ניט איינ מאָל מיט סאמע פינקטלעכע אָנגאבנ דערוויזנ געוואָרנ אינ אונדזער ליטעראטור, נעמלעכ: אז די ניי=איסקראָווצעס שטעלנ מיט זיכ פאָר דעמ אָפּאָרטוניסטישנ פליגל, אונ זייערע קעגנער — דעמ רעוואָליוציאָנערנ פליגל פונ דער הײַנטיקער רוסישער סאָציאל=דעמאָקראטיע. די ליבעראלנ קאָנענ נישט ניט מיטפילנ די טענדענצנ פונעמ ערשטנ, זיי קאָנענ נישט ניט טאדלענ די טענדענצנ פונעמ צווייטנ. די ליבעראלנ, אלס אידעאָלאָגנ פונ דער בורזשואזיע, פארשטייענ אויסגעצייכנט, אז דער בורזשואזיע לוינט די „פראקטישקײַט, ניכטערקײַט, ערנסטקײַט" פונעמ ארבעטער=קלאס, ד.ה. די פאקטישע באגרענעצונג פונ זײַנ טעטיקײַט=פעלד מיט די ראמענ פונ קאפּיטאליזמ, רעפאָרמעס, פראָפעסיאָנעלנ קאמפּ אאוו. דער בורזשואזיע איז געפערלעכ אונ שרעקלעכ די „רעוואָלוציאָניסטישע שמאָלקײַט" פונעמ פראָלעטאריאט אונ די שטרעבונג זײַנע צו דערשלאָגנ זיכ אינ נאָמענ פונ זײַנע קלאסנ=אויפגאבנ צו אנ אָנפירנדיקער ראָליע אינ דער אלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע.

אז דאָס וואָרט „רעאליזמ", אינ אָסוואָבאָזשדיענישנ באטײַט זײַנעמ, האָט ווירקלעכ אָט דעמ זינ, דאָס איז, אגעוו, צו זענ פונ דעמ, וויאזוי עס האָבנ עס פריִער באנוצט די „אָסוואָבאָזשדיעניע" אונ דער ה' סטרווע. די „איסקרא" זעלבסט האָט ניט געקאָנט ניט אָנערקענענ אָט דעמ באטײַט פונעמ אָסוואָבאָזשדיענישנ „רעאליזמ". דערמאָנט זיכ, צומ בײַשפּיל, דעמ ארטיקל „שוינ צײַט!" אינ דער בײַלאגע צו דער „איסקרא" נומ. 73—74. דער אווטאָר פונ אָט דעמ ארטיקל (א קאָנסעקווענטער אויסדריקער פונ די אָנשויונגענ פונעמ „זומפּ" אפנ צווייטנ צוזאמענפאָר פונ דער רוסלענדישער סאָציאל=דעמאָקראטישער ארבעטער=פארטיי) האָט אָפנ אויסגעדריקט זײַנ מיינונג, אז „אקימאָוו האָט געשפּילט אפנ צוזאמענפאָר גיכער די ראָליע פונ א געשפּענסט פונעמ אָפּאָרטוניזמ איידער פונ א ווירקלעכנ פאָרשטייער זײַנעמ". אונ די רעדאקציע פונ דער „איסקרא" איז באלד געווענ געצוווּנגענ צו פארריכטנ דעמ אווטאָר פונעמ ארטיקל „שוינ צײַט!", דערקלערנדיק אינ אנ אָנמערקונג:

„מיט אָט דער מיינונג קאָנ מענ ניט מאסקימ זײַנ. אפּ די פראָגראמ=אָנשויונגענ פונעמ כ' אקימאָוו ליגט א בעפיירעשער שטעמפּל פונ אָפּאָרטוניזמ, וואָס דאָס אָנערקענט אויכ דער קריטיקער פונ „אָסוואָבאָזשדיעניע" — אינ איינעמ פונ אירע לעצטע נומערנ, ווו ער באמערקט, אז כ' אקימאָוו שליסט זיכ אָנ אָנ דער „רעאליסטישער", — לייענ: רעוויזיאָניסטישער, — ריכטונג".

אלזאָ, די „איסקרא“ ווייסט אליינ אויסגעצייכנט, אז דער אָסוואָבאָזשדיענישער „רעאליזמ“ באטײַט דאפקע אָפּאָרטוניזמ אונ ניט עפּעס אנדערש. אויב אצינד, ווענ די „איסקרא“ פאלט אָנ אפנ „ליבעראלנ רעאליזמ“ („איסקרא“ נומ. 102), פארשווײַגט זי וועגנ דעמ, וויאזוי די ליבעראלנ האָבנ זי געלויבט פאר רעאליזמ, איז אָט דאָס פארשווײַגנ צו דערקלערנ דערמיט, וואָס אזעלכע מינע לויב־ווערטער זײַנענ ביטערער פונ אלערליי זידל־ווערטער. אזעלכע מינע לויב־ווערטער (וואָס די „אָסוואָבאָזשדיעניע“ האָט זיי ניט צופעליק אונ ניט צומ ערשטנ מאָל ארויסגעזאָגט) דערווײַזנ אינ טאט די קרויוועשאפט צווישנ דעמ ליבעראלנ רעאליזמ מיט יענע טענדענצנ פונעמ סאָציאל־דעמאָקראטישנ „רעאליזמ“ (לייענ: אָפּאָרטוניזמ), וואָס שפארנ ארויס פונ יעדער רעזאָליוציע פונ די נײַ־איסקראָווצעס, מאכמעס דער פעלערהאפטיקײַט פונ דער גאנצער טאקטישער פאָזיציע זייערער.

אינדערעמעסנ, די רוסלענדישע בורזשואזיע האָט שוינ פולשטענדיק ארויסבאוויזנ איר ניט קאָנסעקווענטקײַט אונ אייגננוציקײַט אינ דער „אלפאָלקישער“ רעוואָליוציע, — זי האָט דאָס ארויסבאוויזנ אי דורכ די כקירעס פונעמ הער סטרווע, אי דורכנ גאנצנ טאָנ אונ אינהאלט פונ דער מאסע ליבעראלע צײַטונגענ, אי דורכנ כאראקטער פונ די פּאָליטישע ארויסטרעטונגענ פונ דער מאסע זעמצעס, פונ דער מאסע אינטעליגענטנ, ביכלאל פונ אלערליי אָנהענגער פונ די הה' טרובעצקאָי, פעטרונקעוויטש, ראָדיטשעוו אונ קאָמפּ. ניט שטענדיק, נאטירלעכ, פארשטייט די בורזשואזיע גענוג קלאָר, נאָר אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ כאפט זי אויסגעצייכנט אופ מיטנ קלאסנ־כוש, אז, פונ איינ זײַט, איז דער פּראָלעטאריאט אונ דאָס „פאָלק“ נוצלעכ פאר א י ר רעוואָליוציע, אלס א טאראנ קעגנ דער זעלבסטהערשונג, אָבער אז, פונ דער צווייטער זײַט, זײַנענ דער פּראָלעטאריאט אונ דאָס רעוואָליוציאָנערע פויערטומ שרעקלעכ געפערלעכ פאר איר אינ פאל, אויב זיי וועלנ אָפּהאלטנ „אנ אנטשיידענעמ זיג איבערנ צאריזמ“ אונ וועלנ דערפירנ ביזנ כאָפ די דעמאָקראטישע רעוואָליוציע. דעריבער שטרעבט די בורזשואזיע מיט אלע קויכעס דערצו, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל זיכ באנוגענענ מיט א „באשיידענער“ ראָליע אינ דער רעוואָליוציע, אז ער זאָל זײַנ ניכטערדיקער, פּראקטישער, רעאליסטישער, אז אינ זײַנ טעטיקײַט זאָל ער זיכ שטענדיק האלטנ באמ פּרינציפּ: „עס זאָל זיכ כאָלילע ניט אָפּשאָקלענ די בורזשואזיע“.

די אינטעליגענטישע בורזשואזיע ווייסנ אויסגעצייכנט, אז פאָטער ווערנ פונ דער ארבעטער־באוועגונג קאָנענ זיי ניט. דעריבער טרעטנ זיי ארויס קלאָל ניט קעגנ דער ארבעטער־באוועגונג, קלאָל ניט קעגנ דעמ קלאסנקאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט,—ניינ, זיי מאכנ אפילע אלערליי רעוועראנסנ פאר דער פרײַהײַט פונ שטרײַקנ, פאר א קולטורעלנ קלאסנקאמפּ, פארשטייענדיק די ארבעטער־באוועגונג אונ דעמ קלאסנקאמפּ אינ ברענטאנישנ אָדער אינ הירש־דונקערישנ זינ. מיט אנדערע ווערטער, זיי זײַנענ פולשטענדיק גרייט „לאָזנ“ פאר די ארבעטער די (פאקטיש שוינ קימאט אויסגעקעמפטע דורכ די ארבעטער גופע) פרײַהײַט פונ שטרײַקנ אונ פאריינענ, אבי די ארבעטער זאָלנ זיכ אָפּזאָגנ פונ דער „בונטארישקײַט“, פונ דעמ „שמאָלנ רעוואָליוציאָניזמ“, פונ דער סינע צו „פּראקטיש־נוצלעכע קאָמפּראָמיסנ“, פונ די פּרעטענזיעס אונ שטרעבונגענ ארופצולייגנ אפּ דער „אלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע“ דעמ שטעמפּל

פונ זייער קלאסנקאמפ, דעמ שטעמפל פונ פראָלעטארישער קאָנסעקווענטקײט, פונ פראָלעטארישער אנטשיידנקײט, פונ „פלעביײשנ יאקאָבינײזמ“. די אינטעליגענטישע בורזשוא אינ גאנצ רוסלאנד סטארעג זיכ דערײבער מיט אלע קויכעס, אפ טויזנטער אויפאנימ אונ וועגנ—דורכ ביכער[1], לעקציעס, רעדעס, שמועסנ אונ נאָכ אונ נאָכ — אײנצופלאנצנ אינ די ארבעטער די אידייענ פונ (בורזשואזער) ניכטערדיקײט, פונ (ליבעראלער) פראקטישקײט, פונ (אָפּאָרטוניסטישנ) רעאליזמ, פונ (ברענטאנישנ) קלאסנקאמפ, פונ (הירש-דונקערישע) פראָפעסיאָנעלע פארײנענ אאוו. די צוויי לעצטע לאָזונגענ זײנענ באזונדערס באקוועמ פאר די בורזשויענ פונ דער „קאָנסטיטוציאָנעל-דעמאָקראטישער“ אָדער „אָסוואָבאָזשדיענישער“ פארטײ, ווײל לויטנ אויסערלעכנ אויסזעענ פאלנ זײ צונויפ מיט מארקסיסטישע, ווײל ווענ מע זאָל א קאפעלע פארשווײגנ אונ א ביסל פארקריפלענ קאָנ מענ זײ לײכט צונויפמישנ מיט סאָציאל-דעמאָקראטישע, צומאָל אפילע אָנגעבנ זײ פאר סאָציאל-דעמאָקראטישע. אָט, צומ בײשפיל, די לעגאלע ליבעראלע צײטונג „ראסוועט“ (וואָס ווענג איר וועלנ מיר זענ א שמועס טאָנ מיט די לייענער פונ „פראָלעטארי“ א ביסל גענויער) רעדט גאנצ אָפט אזוינע „דרייסטע“ זאכנ וועגנ קלאסנקאמפ, וועגנ דעמ, אז די בורזשואזיע ווענט מעגלעכ אָפּנארנ דעמ פראָלעטאריאט, וועגנ דער ארבעטער-באוועגונג, וועגנ דער זעלבסטעטיקײט פונעמ פראָלעטאריאט אאוו. ארג., אז א ניט-אופמערקזאמער לייענער אונ א ניט-אנטוויקלטער ארבעטער וועלנ לײכט אָנעמענ איר „סאָציאל-דעמאָקראטיזמ“ פאר ריינ געלט. פאקטיש אָבער איז דאָס א בורזשואזער פאלסיפיקאט פונ סאָציאל-דעמאָקראטיזמ, אנ אָפּאָרטוניסטישע פארדרייונג אונ פארקריפלונג פונעמ באגריפ קלאסנקאמפ.

אינ גרונט פונ אָט דער גאנצער גיגאנטישער (לויט דער ברייטקײט פונ דער אופווירקונג אפ די מאסנ) בורזשואזער פעלשונג ליגט די טענדענצ צו פארוואנדלענ די ארבעטער-באוועגונג הויפטזאכלעכ אינ א פראָפעסיאָנעלער באוועגונג, האלטנ זי וואָס וויטער פונ זעלבשטענדיקער (ד.ה. רעוואָליוציאָנערער אונ צו א דעמאָקראטישער דיקטאטור געווענדטער) פאָליטיק, „פארשטעלנ אינ זייער, אינ די ארבעטערס, באוווסטזײנ די אידיי פונ אנ אלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע דורכ דער אידיי פונ קלאסנקאמפ“.

ווי דער לייענער זעט, האָבנ מיר איבערגעקערט מיטנ קאָפ אראָפ די פאָרמולירונג פונ „אָסוואָבאָזשדיעניע“. דאָס איז אנ אויסגעצייכנטע פאָרמולירונג, וואָס דריקט גלענצנדיק אויס די צוויי אָנשויונגענ אפ דער ראָליע פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע — די בורזשואזע אָנשויונג אונ די סאָציאל-דעמאָקראטישע אָנשויונג. די בורזשואזיע וויל, אז דער פראָלעטאריאט זאָל זיכ פארנעמענ בלויז מיט פראָפעסיאָנעלער באוועגונג אונ דערמיט „פארשטעלנ אינ זײנ באוווסטזײנ די אידיי פונ אנ אלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע דורכ דער אידיי פונ (ברענטאנישנ) קלאסנקאמפ“, — אבסאָליוט אינ גײסט פונ די בערנשטייניששע אויטאָרנ פונ דער „Credo“, וואָס פלעגט פארשטעלנ אינעמ באוווסטזײנ פונ די ארבעטער די אידיי פונ פאָליטישנ קאמפ דורכ דער אידיי פונ א „ריינ-ארבעטערשער“

[1] פארגלייכ: פ ר אָ ק אָ פ אָ ו י ט ש: „די ארבעטער-פראגע אינ רוסלאנד“.

באוועגונג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָבער וויל, פאַרקערט, אנטוויקלענ דעם קלאַסנקאַמפ פונעמ פראָלעטאַריאַט אזוי, אז דער פראָלעטאַריאַט זאָל נעמענ אנ אָנפירנדיקנ אָנטייל אינ דער אַלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע, ד.ה. דערפירנ די דאָזיקע רעוואָליוציע ביז צו דער דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונ פראָלעטאַריאַט אונ פויערטומ.

די רעוואָליוציע איז באַ אונדז אנ אַלפאָלקישע, — זאָגט די בורזשואַזיע צומ פראָלעטאַריאַט. — דעריבער דאַרפסטו, אלס א באַזונדערער קלאַס, זיכ באַגרענעצנ מיט דײַנ קלאַסנקאַמפ, — דאַרפסט, אינ נאָמענ פונעמ „געזונטנ פאַרשטאַנד“, ווענדנ די הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט אַפ די פראָפּעסיאָנעלע פאַרײַנענ אונ אַפ זייער לעגאַליזירונג, — דאַרפסט האַלטנ גראָד אָט די פראָפּעסיאָנעלע פאַרײַנענ אלס „וויכטיקסטנ אויסגאַנגס־פּונקט פונ דײַנ פּאָליטישער דערציִונג אונ אָרגאַניזירונג“, — דאַרפסט אינעמ רעוואָליוציאָנערנ מאָמענט הויפּטזאַכלעכ אויסאַרבעטנ „ערנסטע“ רעזאָלוציעס, אַשטייגער, ווי די נײַ־איסקרישע, — דאַרפסט זאָרגעוודיק זיכ באַציִענ צו די רעזאָליוציעס, וואָס זײַנענ „ווילגענייגטער צו די ליבעראַלנ“, — דאַרפסט אָפּגעבנ דעמ פאָרצוג די אָנפירער, וואָס האָבנ א טענדענץ צו ווערנ „פּראַקטישע אָנפירער פונ דער רעאַלער פּאָליטישער באַוועגונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס“, — דאַרפסט „אײַנהיטנ די רעאַליסטישע עלעמענטנ פונ דער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג“ (אויב דו האָסט זיכ שוינ, צומ באַדויערנ, יאָ אָנגעשטעקט מיט די „שטרענגע פאָרמולעס“ פונ אָט דעמ „אומוויסנשאַפטלעכנ“ קאַטעכיזימ).

די רעוואָליוציע איז באַ אונדז אנ אַלפאָלקישע, — זאָגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צומ פראָלעטאַריאַט. — דעריבער דאַרפסטו, אלס דער סאַמע פאָרגעשריטענער אונ דער איינציקער ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערער קלאַס, שטרעבנ ניט נאָר דערצו, אז דו זאָלסט אַפנ סאַמע ענערגישנ אויפנ אָנטייל נעמענ אינ דער רעוואָליוציע, נאָר אויכ דערצו, אז דו זאָלסט אינ איר שפּילנ די אָנפירנדיקע ראָליע. דעריבער דאַרפסטו זיכ ניט אײַנשליסנ אינ די שמאָל־פאַרשטאַנענע ראַמענ פונ קלאַסנקאַמפ, הויפּטזאַכלעכ אינ זינ פונ פראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג, נאָר, פאַרקערט, דאַרפסט שטרעבנ צו פאַרברייטערנ די ראַמענ אונ דעמ אינהאַלט פונ דײַנ קלאַסנקאַמפ ביז צומ ארומנעמענ מיט אָט די ראַמענ ניט נאָר אלע אויפגאַבנ פונ דער איצטיקער, דעמאָקראַטישער, אַלפאָלקישער רוסישער רעוואָליוציע, נאָר אויכ די אויפגאַבנ פונ דער קומעדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דעריבער דאַרפסטו אינ דער עפּאָכע פונ דער רעוואָליוציע, — ניט איגנאָרירנדיק די פראָפּעסיאָנעלע באַוועגונג, ניט אָפּזאָגנדיק זיכ צו באַנוצנ זיכ מיט דער מינדסטער מעגלעכקײַט פונ לעגאַליטעט, — ארויסשטעלנ אינ פאָדערגרונט די אויפגאַבנ פונ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, פונ אויסבילדנ א רעוואָליוציאָנערע אַרמיי אונ א רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, אלס די איינציקע וועגנ צומ פולשטענדיקנ זיג פונעמ פאָלק איבער דעמ צאַריזמ, צומ דעראָבערנ די דעמאָקראַטישע רעפּובליק אונ עכטע פּאָליטישע פרײַהײַט.

ס'איז איבעריק צו ריידנ וועגנ דעמ, וואָס פאַר א האַלביקע, אומקאָנסעקווענטע פּאָזיציע, אונ, נאַטירלעכ, א סימפּאַטישע פאַר דער בורזשואַזיע, עס האָבנ אינ אָט דער פראַגע פאַרנומענ, מאַכמעס זייער פעלערהאַפטער „ליניע“, די נײַ־איסקרישע רעזאָליוציעס.

II. כ׳ מאַרטינאָוו מאַכט א נײַע „פאַרטיפונג" פונ דער פראַגע

לאָמיר אריבערגײנ צו מאַרטינאָווס אַרטיקלענ אינ די נומערנ 102 און 103 „איסקראַ". זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אז מיר וועלנ ניט נעמענ ענטפערנ אפ מאַרטינאָווס פרווונ צו דערווײַזנ, אז מיר טײַטשנ ניט ריכטיק א רײ ציטאַטעס פונ ענגעלסנ און מאַרקסנ און אז ער טײַטשט זײ יאָ ריכטיק. די דאָזיקע פרווונ זײַנענ אזוי ווײַט ניט ערנסט, מאַרטינאָווס דרײדלעכ זײַנענ אזוי באַשײַמפערלעכ, די פראַגע איז אזוי קלאָר, אז אָפשטעלנ זיכ דערויפ נאָכאַמאָל וואָלט געווענ ניט אינטערעסאַנט. יעדער דענקענדיקער לײענער וועט זיכ אַלײנ לײַכט פאַנאַנדערקלײַבנ אינ די גאַנצע אײַנפאַכע קונצשטיק פונ מאַרטינאָווס צוריקמאַרש איבער דער גאַנצער ליניע, באַזונדערס ווענ עס וועלנ דערשײַנענ די פולע איבערזעצונגענ פונ ענגעלסעס בראָשור: „די באַקוניסטנ בײַ דער אַרבעט" און פונ מאַרקס׳: „ווענדונג פונ דער פאַרוואַלטונג פונעמ קאָמוניסטנ-פאַרבאַנד" פונ מאַרט 1850 יאָר (די בראָשורנ ווערנ צוגעגרײט דורכ א גרופע מיטאַרבעטער פונ „פראָלעטאַרי"). עס איז גענוג בלויז אײנ ציטאַטע פונ מאַרטינאָווס אַרטיקל, אז דער לײענער זאָל דערזענ באַשײַמפערלעכ זײַנ צוריקמאַרש.

די „איסקראַ" „אָנערקענט" — זאָגט מאַרטינאָוו אינעמ נומ. 103 — „די גרינדונג פונ א צײַטווײַליקער רעגירונג, אלס אײנעמ פונ די מעגלעכע און צוועקמעסיקע אַנטוויקלונגס-וועגנ פונ דער רעוואָליוציע, און זי לײקנט אינ דער צוועקמעסיקײַט, אז סאָציאַל-דעמאָקראַטנ זאָלנ זיכ באַטײליקנ אינ א בורזשואַזער צײַטווײַליקער רעגירונג, טאַקע אינ די אינטערעסנ פונ פולשטענדיקנ באַהערשנ אינ דער צוקונפט די מעלוכע-מאַשינ צוליב א סאָציאַל-דעמאָקראַטישער איבערקערעניש". מיט אַנדערע ווערטער: די „איסקראַ" האָט איצט אָנערקענט די אומגעלומפערטקײַט פונ איר גאַנצער שרעק מיקויעכ דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פונ דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג פאַר דער מעלוכע-קאַסע און די בענק, מיקויעכ דער געפאַר און דער אוממעגלעכקײַט צו נעמענ אינ די אײגענע הענט די „טורמעס" אדג. די „איסקראַ" פלאָנטערט נאָר ווי פריִער, צונויפמישנדיק די דעמאָקראַטישע און די סאָציאַליסטישע דיקטאַטור. דער פלאָנטער איז אוממפאַרמײַדלעכ, אלס צודעק פונעמ צוריקמאַרש.

צווישנ די פלאָנטערער פונ דער נײַער „איסקראַ" טײלט זיכ אָבער מאַרטינאָוו אויס אלס א פלאָנטערער פונ 1-טנ ראַנג, אלס א פלאָנטערער, אויב מע מעג זיכ אזוי אויסדריקנ, א טאַלאַנטפולער. פאַרפלאָנטערנדיק די פראַגע דורכ זײַנע קוועטשעניש צו „פאַרטיפנ" זי, „דערטראַכט" ער זיכ דערבײַ קימאַט שטענדיק צו נײַע פאָרמולירונגענ, וואָס באַלײַכטנ אויסגעצײכנט די גאַנצע פאַלשקײַט פונ דער פאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומענ. דערמאָנט זיכ, וויאזוי אינ דער עפאָכע פונעמ עקאָנאָמיזמ האָט ער „פאַרטיפט" פלעכאַנאָוונ און האָט שעפעריש צוגעטראַכט די פאָרמול: „עקאָנאָמישער קאַמפ קעגנ די באַלעבאַטימ און קעגנ דער רעגירונג". אינ דער גאַנצער ליטעראַטור פונ די עקאָנאָמיסטנ איז שווער אָנצוווײַזנ א מער געלונגענעמ אויסדרוק פונ דער גאַנצער פאַלשקײַט פונ אָט דער ריכטונג. אזוי איז אויכ איצט. מאַרטינאָוו דינט מיט לײַב-און-לעבנ דער נײַער „איסקראַ" און קימאַט יעדעס מאָל, ווענ ער נעמט א וואָרט, גיט ער אונדז א נײַעמ און אויסגעצײכנטנ מאַטעריאַל צומ אָפשאַצנ די פאַלשע נײַ-איסקרישע פאָזיציע. אינעמ נומ. 102 זאָגט ער, אז לענינ

האָט „אַפּ אַנ אומבאַמערקבאַרנ אויפנ פּאַרטוישט די באַגריפנ: רעוואָליוציע און דיקטאַטור“ (ז. 3, שפּאַלט 2).

אינ אָט דער באַשולדיקונג ווערנ, אינ טאָכ, סומירט אַלע באַשולדיקונגענ פונ די נײַ־איסקראָווצעס קעגנ אונדז. און ווי דאַנקבאַר טאַקע מיר זײַנענ מאַרטינאָוונ פאַר דער דאָזיקער באַשולדיקונג! ס'אַרא טײַערע געפעליקײַט ער טוט אונדז אינעמ קאַמפּ קעגנ דעמ נײַ־איסקריזמ דערמיט, וואָס ער גיט דער באַשולדיקונג אַזאַ מינ פאָרמולירונג! כ'לעבנ, מיר דאַרפנ בעטנ די רעדאַקציע „איסקראַ“, זי זאָל וואָס אָפטער אַרויסלאָזנ קעגנ אונדז מאַרטינאָוונ צו „פּאַרטיפנ“ די אָנפאַלנ אַפּנ „פּראָלעטאַרי“ און „עכט־פּרינציפּיעלע“ צו פאָרמולירנ זיי. ווײַל וואָס פּרינציפּיעלער מאַרטינאָוו סטאַרעט זיכ צו בקירענ, אַלצ ערגער קומט דאָס בא אימ אַרויס און אַלצ בוילעטער באַווײַזט ער די לעכער פונעמ נײַ־איסקריזמ, אַלצ געלונגענער מאַכט ער דורכ איבער זיכ און איבער זײַנע פרײַנט די נוצלעכע פּעדאַגאָגישע אָפּעראַציע: reductio ad absurdum (דערפירנ צו אַנ אַבסורד די פּרינציפּנ פונ דער נײַער „איסקראַ“).

„וופּעריאָד“ און „פּראָלעטאַרי“ „פּאַרטוישנ“ די באַגריפנ רעוואָליוציע און דיקטאַטור. די „איסקראַ“ וויל ניט אַזאַ מינ „פּאַרטוישונג“. טאַקע אַזוי, הויכגעשעצטער כ' מאַרטינאָוו! איר האָט אומגערנ געזאָגט אַ גרויסנ עמעס. איר האָט באַשטעטיקט מיט דער נײַער פאָרמולירונג אונדזער האַנאָכע, אַז די „איסקראַ“ שלעפּט זיכ אינ עק פונ דער רעוואָליוציע, שלאָגט זיכ אַראָפּ אַפּ אַנ אָסוואָבאָזשדיעניעשער פאָרמולירונג פונ אירע אויפגאַבנ, און „וופּעריאָד“ און „פּראָלעטאַרי“ גיבנ לאָזונגענ, וואָס פירנ פאָרויס די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע.

אײַכ איז דאָס ניט פאַרשטענדלעכ, כ' מאַרטינאָוו? אַזוי ווי די פראַגע איז אַ וויכטיקע, וועלנ מיר זיכ באַמיִענ צו געבנ אײַכ אַנ אויספירלעכע דערקלערונג.

דער בורזשואַזער כאַראַקטער פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע ווײַזט זיכ, צווישנ אַנדערנ, אַרויס דערינ, וואָס אַ גאַנצע רײ געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ, גרופּנ און שיכטנ, וועלכע שטייענ פולשטענדיק אַפנ באָדנ פונ אָנערקענענ דאָס פּריוואַט־אייגנטומ און די סכוירע־ווירטשאַפט און וועלכע זײַנענ ניט פעיִק אַרויסצוגייִנ פונ אָט די ראַמענ, קומענ מאַכמעס דער אָביעקטיווער לאָגיק דערצו, אַז זיי אָנערקענענ די אומטויגבאַרקײַט פונ דער זעלבסטהערשונג און פונ דער גאַנצער לײַבייגנטימערישער אָרדענונג ביכלאַל, זיי שליסנ זיכ אָנ צו דער פאָדערונג פונ פרײַהײַט. דערבײַ טרעט אַרויס אַלצ קלאָרער און קלאָרער דער בורזשואַזער כאַראַקטער פונ אָ ט ד ע ר פרײַהײַט, וועלכע די „געזעלשאַפט“ פאָדערט, וועלכע די פּריצימ און קאַפּיטאַליסטנ פאַרטיידיקנ מיט אַ מאַבול ווערטער (און בלויז ווערטער!). צוזאַמענ דערמיט ווערט אַלצ אָנשוילעכער אויכ דער ראַדיקאַלער אונטערשייד צווישנ דעמ אַרבעטער־קאַמפּ און דעמ בורזשואַזנ קאַמפּ פאַר פרײַהײַט, צווישנ דעמ פּראָלעטאַרישנ און דעמ ליבעראַלנ דעמאָקראַטיזמ. דער אַרבעטער־קלאַס און זײַנע באַוווסטזיניקע פאָרשטייער גייענ פאָרויס און שטויסנ פאָרויס דעמ דאָזיקנ קאַמפּ, און ניט נאָר וואָס זיי האָבנ קיינ מוירע ניט צו דערפירנ אימ ביזנ סאָפ, נאָר זיי שטרעבנ אַ סאַכ ווײַטער פונ דעמ סאַמע ווײַטנ סאָפ פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. די בורזשואַזיע איז ניט קאָנסעקווענט, זי איז אייגננוציק, די לאָזונגענ פונ פרײַהײַט נעמט זי אָנ בלויז ניט פולערהייט און צוויִעסדיק. פונ יעטווידע פּרווו צו פעסטשטעלנ מיט אַ ספּעציִעלנ

שטריכ, מיט ספּעציעל אויסגעאַרבעטע „פּונקטנ" (אַשטייגער, ווי די פּונקטנ פונ
דער רעזאָליוציע פונ סטאַראָווער אָדער פונ די קאָנפערענטנ) די גרענעצנ, הינטער וועל=
כע עס הייבט זיכ אָנ אָט די צווײַעס פונ די בורזשואַזע פרײַנט פונ דער פרײַהײַט אָדער,
אויב איר ווילט, אָט דאָס פאַראַטנ די פרײַהײַט מיצאַד אירע בורזשואַזע פרײַנט,—
פונ אַזוינע פרווונ וועט בעשומויפנ גאָרנישט ניט אַרויסקומענ, ווײַל די בורזשואַזיע,
אינ אַוועקגעשטעלטע צווישנ צוויי פײַערנ (די זעלבסטהערשונג אונ דער פּראָלעטאַ=
ריאַט), איז פייִק דורכ טויזנטער וועגנ אונ מיטלענ צו בײַטנ איר פּאָזיציע אונ אירע
לאָזונגען, צופּאַסנדיק זיכ אַפּ א ווערשאָק אַפּ לינקס אונ אַפּ א ווערשאָק אַפּ רעכטס,
קעסיידער האַלטנדיק אינ איינ דינגענ זיכ אונ מעקלערנ. די אויפגאַבע פונעם פּראָלע=
טאַרישנ דעמאָקראַטיזמ באַשטייט ניט דערינ, מע זאָל אויסטראַכטנ אַזוינע טויטע
„פּונקטנ", נאָר דערינ, אַז מע זאָל ניט מיד ווערנ צו קריטיקירנ די זיכ אַנטוויקלענ=
דיקע פּאָליטישע סיטואַציע, דעמאַסקירנ די אַלצ נײַע אונ נײַע אומקאָנסעקווענטקײַטנ
אונ פאַראַטנ מיצאַד דער בורזשואַזיע, וועלכע לאָזנ זיכ ניט פאָרויסזענ פאָרפריער.

דערמאָנט זיכ די געשיכטע פונ דעמ ה' סטרווועס פּאָליטישע אַרויסטרעטונגענ
אינ דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, די געשיכטע פונ דער מילכאָמע פונ דער סאָ=
ציאַל־דעמאָקראַטיע קעגנ אימ, אונ איר וועט אָנשוילעכ זענ, ווי די סאָציאַל־דעמאָ=
קראַטיע, די קעמפערנ פאַר פּראָלעטאַרישנ דעמאָקראַטיזמ, פאַרווירקלעכט אָט די אויפ=
גאַבנ. ה' סטרווועי האָט אָנגעהויבנ פונ א לאָזונג, א רײנ שיפּאָווישנ: „רעכט אונ א
מאַכטהאָבנדיקע זעמסטווע" (זע מײַנ אַרטיקל אינ „זאַריאַ": „די פאַרפאָלגער פונ
דער זעמסטווע אונ די האַניבאַלנ פונעמ ליבעראַליזמ"[1]). די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע
האָט אימ דעוואַלירט אונ געשטויסנ צו אַנ אויסגעשפּראָכנ־קאָנסטיטוציאָנאַליסטי=
שער פּראָגראַמ. ווענ אָט די „שטויסנ" האָבנ געגעבנ אַנ עפעקט אַדאַנק דעמ באַזונ=
דערס שנעלנ גאַנג פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ, איז דער קאַמפּ אַריבערגע=
גאַנגענ געוואָרנ אַפּ דער פ אָ ל ג נ ד י ק ע ר פראַגע פונ דעמאָקראַטיזמ: ניט בלויז א
קאָנסטיטוציע ביכלאַל, נאָר אומבאַדינגט אַלגעמיינע, דירעקטע אונ גלײַכע וואַלרעכט
בא א געהיימענ אָפּגעבנ די שטימענ. אז מיר האָבנ „פאַרנומענ" באַמ „סוינע" אויכ
אָט די נײַע פּאָזיציע (דער „באַפרײַונגס־פאַרבאַנד" Союз Освобождения—האָט אָנ=
גענומענ דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט), האָבנ מיר אָנגעהויבנ אָנדריקנ ווײַטער, באַווײַ=
זנדיק די צווײַעס אונ פאַלשקײַט פונ דער צוויי־פּאַלאַטעס־סיסטעמ, די ניט־פולקײַט
פונעמ אָנערקענענ מיצאַד די אָסוואָבאָזשדיענצעס דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, באַווײַ=
זנדיק אַפּ זייער מ אָ נ אַ ר כ י ז מ דעמ מעקלערישנ כאַראַקטער פונ זייער דעמאָקראַ=
טיזמ אָדער, אַנדערש, ווי אַזוי אָט די אָסוואָבאָזשדיענישע העלדנ פונעמ געלט־זאַק
פ אַ ר ש אַ כ ע ר נ די אינטערעסנ פונ דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע.

צולעצט, די ווילדע אַקשאָנעס פונ דער זעלבסטהערשונג, דער ריזיקער פּראָגרעס
פונעמ בירגערקריג, די אויסוועגלאָזיקײַט פונ דער לאַגע, אינ וועלכער די מאָנאַר=
כיסטנ האָבנ פאַרפירט רוסלאַנד, האָבנ אָנגעהויבנ דורכברעכנ די סאַמע האַרטע
קעפּ. די רעוואָליוציע האָט גענומענ ווערנ א פ אַ ק ט. אַפּ צו אָנערקענענ די רעוואָ=
ליוציע איז שוינ גאָר ניט געווענ קיינ מוז צו זײַנ א רעוואָליוציאָנער. די זעלבסט=

[1] זע ווערק, ב. IV, ז. 119—157. רעד.

הערשערישע רעגירונג האָט פאקטיש גענומענ פוילנ אונ ווערט צעפוילט פאר אלעמענ אינ די אויגנ. ווי עס האָט מיט רעכט באמערקט איינער א ליבעראל אינ דער לעגא-לער פרעסע (ה' גרעדעסקול), האָט זיכ געשאפנ אזא מינ לאגע, אז פאקטיש ווארפט מענ זיכ ניט אונטער אָט דער רעגירונג. בא דער גאנצער שײנבארער קראפט פונ דער זעלבסטהערשונג, האָט זיכ אויסגעלאָזט, אז זי איז קראפטלאָז, די געשעענישנ פונ דער זיכ אנטוויקלענדיקער רעוואָליוציע האָבנ פּאָשעט גענומענ אָפּרוקנ אָנ א זײט אָט דעם לעבעדיקערהייט פארפוילט ווערנדיקנ פאראזיטישנ אָרגאניזם. געצווּונגענ צו בויענ זייער טעטיקײט (אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זייערע פּאָליטישע געשעפטנ) אפנ באָדנ פונ די געגעבענע, זיכ פאקטיש אויסבילדנדיקע פארהעלטענישנ, האָבנ די ליבעראלע בורזשואזע געגומענ קומענ צום אויספיר, אז מע מוז אָנערקענענ די רעוואָליוציע. זיי טוענ דאָס ניט דערפאר, ווײל זיי זײנענ רעוואָליוציאָנערנ, נאָר ניט געקוקט דערויפ, וואָס זיי זײנענ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערנ. זיי טוענ דאָס אלפי-נויט אונ קעגנ דעם ווילנ, מיט רוגזע צוזעענדיק די דערפאָלגנ פונ דער רעוואָ-ליוציע, באשולדיקנדיק אינ רעוואָליוציאָנערישקײט די זעלבסטהערשונג, וואָס וויל ניט קיינ פשרע, נאָר זי וויל א קאמפ ניט אפ לעבנ, נאָר אפ טויט. קרעמער פונ געבוירנ אָנ, האסנ זיי דעם קאמפ אונ די רעוואָליוציע, די אומשטענדנ צווינגענ זיי אָבער צו שטעלנ זיכ אפנ באָדנ פונ דער רעוואָליוציע, ווײל קיינ אנדער באָדנ אונ-טער די פיס איז ניטאָ.

מיר זײנענ אָנוועזנד בא א הויכ-באלערעוודיקנ אונ הויכ-קאָמישנ ספעקטאקל. די פראָסטיטוטקעס פונעם בורזשואזנ ליבעראליזם פרווּנ ארופציענ אפ זיכ א שלייער פונ רעוואָליוציאָנערישקײט. די אָסוואָבאָזשדיענצעס — risum teneatis, amici![1] — די אָסוואָבאָזשדיענצעס הייבנ אָנ צו ריידנ אינ נאָמענ פונ דער רעוואָליוציע! די אָסוואָבאָזשדיענצעס הייבנ אָנ צו פארזיכערנ, אז זיי „האָבנ קיינ מורע ניט פאר רעוואָליוציע" (ה' סטרווע אינ „אָסוואָבאָזשדיעניע" נומ. 72)!!! די אָסוואָבאָזשדיענצעס דריקנ אויס די פרעטענזיע צו „שטעלנ זיכ אינ דער שפיצ פונ דער רעוואָליוציע"!!!

דאָס איז א באדײטפולע דערשײנונג, וועלכע כאראקטעריזירט ניט בלויז דעם פראָגרעס פונעם בורזשואזנ ליבעראליזם, נאָר נאָכ מער דאָס פראָגרעס פונ די רעאלע דערפאָלגנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וואָס האָט געצווּנגענ, מע זאָל זי אָנערקענענ. אפילע די בורזשואזיע הייבט אָנ צו פילנ, אז עס לוינט בעסער צו שטעלנ זיכ אפנ באָדנ פונ רעוואָליוציע, — אזוי ווײט איז צע-טרייסלט די זעלבסטהערשונג. פונ דער צווייטער זײט אָבער, איז אָט די דערשײנונג, וואָס זאָגט אײדעס, אז די גאנצע באוועגונג איז ארופגעשטיגנ אפ א נײעמ, העכערנ שטאפל, שטעלט פאר אונדז אויכ נײע אונ אויכ העכערע אופגאבנ. דאָס אָנערקענענ די רעוואָליוציע מיצאד דער בורזשואזיע קאָנ ניט זײנ קיינ אופריכטיקס, אומאָפּהענ-גיק פונ דער פערזענלעכער געווּיסנהאפטיקײט פונ דעמ אָדער יענעמ אידעאָלאָג פונ דער בורזשואזיע. אויכ אפ אָט דער העכערער סטאדיע פונ דער באוועגונג קאָנ ניט די בורזשואזיע ניט ארײנברענגענ מיט זיכ קיינ אייגננוציקײט אונ ניט קאָנסעקווענט-קײט, שאכערײ אונ קליינלעכע רעאקציאָנערע שפיצלעכ. מיר דארפנ לעשעמ אונד-

[1] — ווארט צו, איר וועט באוויזנ צו לאכנ, מײנע הערנ!

זער פּראָגראַם און צוליב דער אנטוויקלונג פונ אונדזער פּראָגראַם א נ ד ע ר ש פאָרמולירנ איצט די נאָענטסטע ק אָ נ ק ר ע ט ע אופגאַבנ פונ דער רעוואָליוציע. דאָס, וואָס ס'איז געווענ גענוג נעכטנ, א י ז ו ו י י נ י ק ה ײַ נ ט. נעכטנ איז עפשער אַלס פאָרגעשריטענער דעמאָקראַטישער לאָזונג גענוג געווענ די פאָדערונג צו אָנערקענענ די רעוואָליוציע. אצינד איז דאָס וויניק. די רעוואָליוציע האָט געצווונגענ אפילע דעם הער סטרוּווע צו אָנערקענענ זי. אצינד פאָדערט זיכ פונעם פאָרגעשריטענעם קלאַס צו דעפינירנ פּינקטלעכ דעם ע צ ע ם א י נ ה א ל ט פונ די אקטועלע און דרינגענדיקע אופגאַבנ פונ אָט דער רעוואָליוציע. אָנערקענענדיק די רעוואָליוציע, שטעקנ באַלד די הערנ סטרוּוועס ווידער און ווידעראַמאָל ארוים זייערע אייזל=אויערנ, זיי זינגענ ווידער דאָס אלטע לידעלע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ א פרידלעכנ סאָפּ, וועגנ דעם, אז נ י ק אָ ל ײַ זאָל רופנ צו דער מאַכט די הערנ אָסוואָבאָזשדיענצעס אאוו. אדג. די הערנ אָסוואָבאָזשדיענצעס אָנערקענענ די רעוואָליוציע צוליב דעם, קעדיי מיט דער קלענסטער געפאַר פאַר זיכ צו עסקאַמאָטירנ אָט די רעוואָליוציע, פאַראַטנ זי. אונדזער אופגאַבע איז איצט — אָנווײַזנ דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַנצנ פאָלק, אז דער לאָזונג „רעוואָליוציע" איז קנאַפּ, באַווײַזנ, אז ס'איז נייטיק קלאָר און אומצווײַדײַטיק, קאָנסעקווענט און אנטשיידנ צו דעפינירנ דעם ע צ ע ם א י נ ה א ל ט פונ דער רעוואָליוציע. און אזא מינ דעפיניציע שטעלט מיט זיכ טאַקע פאָר דער לאָזונג, וואָס ער אליינ נאָר איז פײַיק ריכטיק אויסצודריקנ דעם „אנטשיידענעם זיג" פונ דער רעוואָליוציע, דער לאָזונג: רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום.

מיר האָבנ באַווײַזנ, אז די אָסוואָבאָזשדיענצעס שטײַגנ (ניט אָנ דער ווירקונג פונ די סטימולירנדיקע שטויסנ מיצאַד דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע) פונ טרעפּל צו טרעפּל אַלץ העכער אינ פּראַקטיק פונ אָנערקענענ דעם דעמאָקראַטיזם. פונ אָנהייב איז אינ אונדזער שטרײַט מיט זיי געשטאַנענ די פראַגע: שיפּאָווישטשינע (רעכט און א מאַכטהאָבנדיקע זעמסטווע) צי קאָנסטיטוציאָנאַליזם? דערנאָכ, באַגרענעצטע וואַלנ צי אלגעמײַנע וואַלרעכט? ווײַטער: אָנערקענענ די רעוואָליוציע צי א מעקלערישע פּשאָרע מיט דער זעלבסטהערשונג? צולעצט, איצט: אָנערקענענ די רעוואָליוציע אָנ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום צי אָנערקענענ די פאָדערונג וועגנ דער דיקטאַטור פונ אָט די קלאַסנ אינ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע? עס איז מעגלעכ און וואַרשײַנלעכ, אז די אָסוואָבאָזשדיענצעס (אַלצײַנס, די איצטיקע צי זייערע נאָכפאָלגער אינעם לינקנ פליגל פונ דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע) וועלנ אויכ ארופשטײַגנ נאָכ אפּ א טרעפּל העכער, ד. ה. זיי וועלנ מיט דער צײַט (עפשער, צו יענער צײַט, ווענ עס וועט ארופשטײַגנ נאָכ אפּ א טרעפּל העכער דער כ' מאַרטינאָוו) אָנערקענענ אויכ דעם לאָזונג דיקטאַטור. דאָס וועט אפילע אומפאַרמײַדלעכ זײַנ אזוי, אויב די רוסישע רעוואָליוציע וועט גײַנ דערפאָלגרײַכ פאָרויס און וועט דערגײַנ צום אנטשיידענעם זיג. וואָס פאַר א פּאָזיציע וועט דעמלט פאַרנעמענ די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע? דער פולשטענדיקער זיג פונ דער איצטיקער רעוואָליוציע וועט זײַנ דער סאָפּ פונ דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש און דער אָנהייב פונ דעם אנטשיידענעם קאַמפּ פאַר דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש. די פאַרווירקלעכונג פונ די פאָדערונגענ פונעם איצטיקנ פּויערטום, די פולשטענדיקע צעשמעטערונג פונ דער רעאַקציע, די דעראָ=

בערונג פונ א דעמאָקראַטישער רעפּובליק וועט זײַנ דער פּולשטענדיקער סאַפּ פונ דער רעוואָליוציאָנערישקײַט פונ דער בורזשואַזיע אונ אַפילע פונעמ קלײנבירגערטומ, — וועט זײַנ דער אָנהײב פונעמ ווירקלעכנ קאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט פאַר סאָציאַ-ליזמ. וואָס פולשטענדיקער עס וועט זײַנ די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, אַלצ גיכער, ברײטער, רײנער, אַנטשײדענער וועט זיכ פאַנאַנדערוויקלענ אָט דער נײַער קאַמפּ. דער לאָזונג „דעמאָקראַטישע" דיקטאַטור דריקט טאַקע אויס דעמ היסטאָריש-באַגרענעצטנ כאַראַקטער פונ דער איצטיקער רעוואָליוציע אונ די נויטווענדיקײַט פונ א נײַעמ קאַמפּ, אַפּנ באָדנ פונ די נײַע פאַרהעלטענישנ פאַר דער פולשטענדיקער באַפרײַונג פונעמ אַרבעטער-קלאַס פונ אונטער יעטווידנ דרוק אונ פונ יעטווידער עקספּלואַטאַציע. מיט אַנדערע ווערטער: ווענ די דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע אָדער דאָס קלײנבירגערטומ וועט אַרופשטײַגנ נאָכ אַפּ א טרעפּל העכער, ווענ עס וועט זײַנ א פאַקט ניט בלויז די רעוואָליוציע, נאָר דער פולשטענדיקער זיג פונ דער רעוואָליוציע, — דאַנ וועלנ מיר „פאַרטוישנ" (קאָנ זײַנ, בא שרעקלעכע יעלאָלעס פונ די נײַע צוקינפטיקע מאַרטינאָווס) דעמ לאָזונג דעמאָקראַטישע דיקטאַטור אַפּנ לאָזונג סאָציאַליסטישע דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט, ד.ה. אַפּנ לאָזונג פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע איבערקערעניש.

III. די וווּלגאַר-בורזשואַזע שילדערונג פונ דיקטאַטור אונ מאַרקס' אָנשויונג אַפּ דיקטאַטור

מערינג דערצײלט אינ זײַנע אָנמערקונגענ צו די דורכ אימ אַרויסגעגעבענע מאַרקס' אַרטיקלענ פונ דער „נײַער רײנישער צײַטונג" פונ 1848 יאָר, אַז די בור-זשואַזע ליטעראַטור פלעגט, צווישנ אַנדערנ, מאַכנ אַזא מינ פאַרוואָרפּ דער דאָזיקער צײַטונג. די „נײַע רײנישע צײַטונג" זאָל קלאָמערשט האָבנ געפאָדערט „טײקעפּ אײַנ-צופירנ דיקטאַטור, אַלס דאָס אײנציקע מיטל צו פאַרווירקלעכנ די דעמאָקראַטיע" (Marx, Nachlass, ב. III, ז. 53). פונ וווּלגאַר-בורזשואַזנ שטאַנדפּונקט זײַנענ דיק-טאַטור אונ דעמאָקראַטיע אַזוינע באַגריפנ, וואָס שליסנ אויס אײנער דעמ אַנדערנ. ניט פאַרשטײענדיק די טעאָריע פונ קלאַסנקאַמפּ, געוווינט צו זענ אַפּ דער פּאָליטי-שער אַרענע א קלײנלעכע רײַסערײַ פונ פאַרשײדענע קרײַזלעכ אונ קאַטעריעס פונ דער בורזשואַזיע, פאַרשטײט דער בורזשוא אונטער דיקטאַטור דאָס אָפּשאַפנ אַלע פרײַהײַטנ אונ גאַראַנטיעס פונ דער דעמאָקראַטיע, יעטווידנ מינ ווילקיר, יעדערלײ מיסברויכנ מיט דער מאַכט אינ די אינטערעסנ פונ דעמ דיקטאַטאָרס פּערזענלעכ-קײַט. אינ טאָכ גענומענ, שפּאַרט גראָד אָט דער וווּלגאַר-בורזשואַזער שטאַנדפּונקט אַרויס אויכ בא אונדזער מאַרטינאָווצ, וועלכער דערקלערט אינ דער נײַער „איס-קראַ", אינעמ שלומ-טײל פונ זײַנ „נײַעמ מאַרש", די ניט-גלײַכגילטיקײַט פונ „ווּפּערױאָד" אונ „פּראָלעטאַרי" צומ לאָזונג דיקטאַטור דערמיט, וואָס לענינ „האָט א לײדנשאַפטלעכנ פאַרלאַנג א פּרווו צו טאָנ האָס מאַזל" („איסקראַ" נומ. 103, ז. 3, שפּאַלט 2). קעדײ אויפצוקלערנ מאַרטינאָווצ דעמ באַגריפ דיקטאַטור פונ א קלאַס צומ אונטערשײד פונ דיקטאַטור פונ א פּערזענלעכקײַט אונ די אויפגאַבנ פונ דער דעמאָקראַטישער דיקטאַטור צומ אונטערשײד פונ דער סאָציאַליסטישער, וועט ניט זײַנ אומנוצלעכ אָפּצושטעלנ זיכ אַפּ די אָנשויונגענ פונ דער „נײַער רײנישער צײַטונג".

„יעטווידע צײַטווײַליקע מעלוכע־אײַנאָרדענונג נאָכ א רעוואָליוציע, — האָט געשריבנ די „נײַע רײַנישע צײַטונג" דעמ 14־טנ סענטיאבער 1848 יאָר, — פאָדערט א דיקטאטור אונ דערבײַ אנ ענערגישע דיקטאטור. מיר האָבנ פונ סאמע אָנהייב פאָרגעוואָרפנ קאמפהאוזענענ (דעמ הויפט פונעמ מיניסטעריום נאָכנ 18־טנ מארט 1848 יאָר), וואָס ער איז ניט ארויסגעטראָטנ דיקטאטאָריש, וואָס ער האָט ניט צעקלאפט טייקעפ אונ ניט אָפּגעשאפנ די רעשטלעכ פונ די אלטע אינסטיטוציעס. אונ דאנ, ווענ ה' קאמפהאוזענ האָט זיכ פארוויגט מיט קאָנסטיטוציאָנעלע איליוזיעס, אינ דער זעלבער צײַט האָט די צעקלאפטע פארטיי (ד״ה. די פארטיי פונ דער רעאקציע) פארפעסטיקט אירע פאָזיציעס אינ דער ביוראָקראטיע אונ אינ דער ארמיי, האָט זיכ אפילע גענומענ דערוועגנ אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט ארויסצוטרעטנ אינ אנ אָפענעמ קאמפ".

אינ אָט די ווערטער, — זאָגט מיט רעכט מערינג, — איז רעזומירט אינ ווייניקע האנאָכעס דאָס, וואָס די „נײַע רײַנישע צײַטונג" האָט גענוי אנטוויקלט אינ די לאנגע ארטיקלענ וועגנ קאמפהאוזענס מיניסטעריום. וואָס זשע זאָגנ אונדז די דאָזיקע ווערטער מארקס'? אז א צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג מוז ארויסטרעטנ דיקטאטאָריש (א האנאָכע, וועלכע עס האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט פארשטײנ די „איסקרא", וואָס האָט געווײַכט פונעמ לאָזונג: דיקטאטור);—אז די אויפגאבע פונ אָט דער דיקטאטור איז: פארניכטנ די רעשטלעכ פונ די אלטע אינסטיטוציעס (גראָד דאָס, וואָס איז אָנגעוויזנ קלאָר אינ דער רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פ. וועגנ קאמפ קעגנ דער קאָנטררעוואָליוציע אונ וואָס איז אויסגעלאָזט געוואָרנ אינ דער רעזאָליוציע פונ דער קאָנפערענצ, ווי מיר האָבנ אויבנ באוויזנ). צולעצט, דריטנס, איז פונ אָט די ווערטער געדרונגענ, אז מארקס האָט פארורטיילט די בורזשואזע דעמאָקראטנ פאר די „קאָנסטיטוציאָנעלע איליוזיעס" אינ דער עפּאָכע פונ רעוואָליוציע אונ פונ אָפענעמ בירגערקריג. אינ וואָס באשטייט דער זינ פונ אָט די ווערטער, איז באזונדערס אָנשוילעכ צו זענ פונעמ ארטיקל אינ דער „נײַער רײַנישער צײַטונג" פונ 6־טנ יונ 1848 יאָר. „די נאציאָנאלע גרינ־ונגס־פארזאמלונג, — האָט מארקס געשריבנ, — דארפ פריִער פאר אלצ זײַנ אנ אקטיווע, א רעוואָליוציאָנער־אקטיווע פארזאמלונג. די פראנקפורטער פארזאמלונג אָבער פארנעמט זיכ מיט שול־איבונגענ אינ פארלאמענטאריזמ אונ לאָזט די רעגירונג טעטיק זײַנ. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז אָט דעמ סאנהעדרינ וואָלט זיכ אײַנגעגעבנ נאָכ א רײַפער באהאנדלונג אויסצוארבעטנ דעמ בעסטנ טאָג־סיידער אונ די בעסטע קאָנסטיטוציע. וואָס וועט ארויסקומענ פונ דעמ בעסטנ טאָג־סיידער אונ פונ דער בעסטער קאָנסטיטוציע, אויב די דײַטשישע רעגירונגענ האָבנ אינ אָט דער צײַט שוינ אוועקגעשטעלט אינ טאָג־סיידער דעמ באגנעט?".

אָט דאָס איז דער זינ פונעמ לאָזונג: דיקטאטור. דערפונ קאָנ מענ זענ, וויאזוי מארקס וואָלט זיכ באצויגנ צו רעזאָליוציעס, וואָס א „באשלוס צו אָרגאניזירנ א גרינדונגס־פארזאמלונג" רופנ זיי אָנ אנטשיידענער זיג אָדער וואָס לאדנ אײַנ צו „בלײַבנ די פארטיי פונ דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפּאָזיציע"!

גרויסע פראגנ אינעמ לעבנ פונ פעלקער ווערנ געלייזט בלויז דורכ קראפט. די רעאקציאָנערע קלאסנ גופע ווענדנ געווײַנלעכ די ערשטע אָנ גוואלדטאט, בירגערקריג,

זיי „שטעלן אין מאַנ־סיידער דעם באַגנעט", ווי דאָס האָט געמאַכט די רוסישע זעלבסטהערשונג און מוט עס ווייטער סיסטעמאַטיש און קעסיידער, אומעטום און דורכויס, אָנגעהויבן פונעם 9־טן יאַנואַר. און וויבאַלד אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן, וויבאַלד דער באַגנעט האָט זיך ווירקלעך געשטעלט אין שפּיץ פונעם פּאָליטישן מאַנ־סיידער, וויבאַלד עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויפשטאַנד איז נויטווענדיק און דרינגענד,—דאַן ווערן די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס און די שול־איבונגען אין פּאַרלאַמענטאַריזם בלויז אַ פאַרשלייערונג פונעם בורזשואַזן פאַראַט בענעגייע דער רעוואָליוציע, אַ פאַרשלייערונג דערפון, וואָזוי די בורזשואַזיע „שאָקלט זיך אָפּ" פון דער רעוואָליוציע. דער ווירקלעך רעוואָליוציאָנערער קלאַס דאַרף דאַן אַרויסשטעלן גראָד דעם לאָזונג דיקטאַטור.

מיקויעכ דער פראַגע וועגן די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער דיקטאַטור האָט מאַרקס געשריבן נאָך אין דער „נייער ריינישער צייטונג": „די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט געווען דיקטאַטאָריש אַרויסטרעטן קעגן די רעאַקציאָנערע פאַרזוכן פון די רעגירונגען, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט, און דאַן וואָלט זי זיך דעראָבערט אַזאַ קראַפט אין דער פאָלקס־מיינונג, אָן וועלכער עס וואָלטן זיך צעבראָכן אַלע באַגנעטן... אָט די פאַרזאַמלונג מאַכט אָבער מיד דאָס דייטשישע פאָלק מיט לאַנג־ווייליקע רייד אָנשטאָט מיטצורייסן עס מיט זיך אָדער צו ווערן מיטגעריסן פון אים". די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט געווען, לויט מאַרקס' מיינונג, אָפּשאַפן אין דער פּאַקטיש עקזיסטירנדיקער אָרדענונג פון דייטשלאַנד אַלץ, וואָס ווידערשפּרעכט דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהערשונג פונעם פאָלק", דערנאָך „באַפעסטיקן דעם רעוואָליוציאָנערן באָדן, אַפּ וועלכן זי שטייט, זיכערן קעגן אַלע אָנפאַלן די זעלבסטהערשונג פונעם פאָלק, וועלכע איז דעראָבערט געוואָרן דורך דער רעוואָליוציע".

אַלזאָ, לויט דעם אינהאַלט זייערן, זיינען די אויפגאַבן, וואָס מאַרקס האָט גע־שטעלט אין 1848 יאָר פאַר אַ רעוואָליוציאָנערער רעגירונג אָדער פאַר אַ דיקטאַטור, באַשטאַנען פריִער פאַר אַלץ אין אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ר איבערקערעניש: באַשיצן זיך פון דער קאָנטררעוואָליוציע און פּאַקטיש באַזייטיקן אַלץ, וואָס ווידערשפּרעכט דער זעלבסטהערשונג פונעם פאָלק. אָט דאָס איז טאַקע ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור.

ווייטער: וועלכע קלאַסן האָבן געקאָנט און געדאַרפט געווען, לויט מאַרקס' מיינונג, פאַרווירקלעכן אָט די אויפגאַבע (דורכפירן אין טאַט ביזן סאָף דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהערשונג פונעם פאָלק און אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון דער קאָנטררעוואָ־ליוציע?). מאַרקס רעדט וועגן „פאָלק". מיר ווייסן אָבער, אַז ער האָט שטענדיק אָנ־דאַכמאָנעס געקעמפט קעגן די קליינבירגערלעכע אילוזיעס וועגן איינהייט פונעם „פאָלק", וועגן אָפּוועזנהייט פון קלאַסנקאַמף אינעווייניק אין פאָלק. געברויכנדיק דאָס וואָרט: „פאָלק", פלעגט מאַרקס ניט פאַרטושן מיט אָט דעם וואָרט די קלאַסן־אונ־טערשיידן, נאָר ער פלעגט פאַרייניקן באַשטימטע עלעמענטן, וואָס זיינען פעיִק צו דערפירן ביזן סאָף די רעוואָליוציע.

נאָכן זיג פונעם בערלינער פּראָלעטאַריאַט דעם 18־טן מאַרט, — האָט געשריבן די „נייע ריינישע צייטונג", — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעזולטאַטן פון דער

רעוואָליוציע זײַנענ צווייערליי:יקע: „פונ איינ זײַט, פאָלקס־באַוואָגונג, רעכט פונ פאַריינענ, פאַקטיש דעראָבערטע זעלבסטהערשונג פונעם פאָלק; פונ דער צווייטער זײַט, אײַנהיטונג פונ דער מאָנאַרכיע אונ דאָס מיניסטעריום פונ קאַמפהאַוזענ־האַנזעמאַנ, ד. ה. אַ רעגירונג פונ פאָרשטייער פונ דער גרויס־בורזשואַזיע. אַזוי־אַרומ האָט די רעוואָליוציע געהאַט צווייערליי רעזולטאַטנ, וואָס האָבנ אומפאַרמײַדלעכ געדאַרפט געווענ קומענ צו אַנ אײַנרײַס. דאָס פאָלק האָט געזיגט; עס האָט דעראָבערט פרײַהייט פונ אַנ אַנטשיידנ דעמאָקראַטישנ כאַראַקטער, די אומיטלבאַרע הערשאַפט אָבער איז אַריבערגעגאַנגענ ניט צו אימ, נאָר צו דער גרויס־בורזשואַזיע. מיט איינ וואָרט, די רעוואָליוציע איז ניט דערפירט געוואָרנ ביז סאָפ. דאָס פאָלק האָט געלאָזט די פאָרשטייער פונ דער גרויס־בורזשואַזיע צו בילדנ אַ מיניסטעריום, אונ אָט די פאָרשטייער פונ דער גרויס־בורזשואַזיע האָבנ גלײַכ דערוויזנ זייערע שטרעבונגענ דערמיט, וואָס זיי האָבנ פאָרגעלייגט אַ בונד דעמ אַלט־פרײַסישנ אַדלטומ אונ דער ביוראָקראַטיע. אינ מיניסטעריום זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אַרנימ, קאַניטצ אונ שווערינ.

„די גרויס־בורזשואַזיע, אַנ אַנטירעוואָליוציאָנערע פונ סאַמע אָנהייב אָנ, האָט אויס מוירע פאַרנ פאָלק, דאָס הייסט פאַר די אַרבעטער אונ פאַר דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע, געשלאָסנ אַ שוצ־ אונ אָנגריפ־בונד מיט דער רעאַקציע“ (אונדזער קורסיוו).

אַלזאָ, ניט נאָר אַ „באַשלוס צו אָרגאַניזירנ אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג“ איז נאָכ ווייניק פאַר אַנ אַנטשיידענעמ זיג פונ דער רעוואָליוציע, נאָר אַפילע אויכ דאָס ווירקלעכע צונויפרופנ זי! אַפילע נאָכ אַ טיילווײַזנ זיג אינ באַוואָפנטנ קאַמפ (דער זיג פונ די בערלינער אַרבעטער איבערנ מיליטער דעמ 18־טנ מאַרט 1848 יאָר) איז מעגלעכ אַ „ניט־פאַרענדיקטע“, אַ „ניט־דערפירטע ביזנ סאָפ“ רעוואָליוציע. פונ וואָס זשע איז אָפּהענגיק דאָס דערפירנ זי ביזנ סאָפ? פונ דעמ, אינ וועמענס הענט עס גייט אַריבער די אומיטלבאַרע הערשאַפט: צי אינ די הענט פונ די פעטרונקעוויטשעס אונ ראָדיטשעווס, כ'מיינ, פונ די קאַמפהאַוזענס אונ האַנזעמאַנס, צי אינ די הענט פונעמ פאָלק, ד. ה. פונ די אַרבעטער אונ פונ דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע. אינ ערשטנ פאַל וועט די בורזשואַזיע האָבנ די מאַכט, אונ דער פראָלעטאַריאַט — די „פרײַהייט צו קריטיקירנ“, די פרײַהייט צו „בלײַבנ די פאַרטיי פונ דער עקסטרעמער רעוואָליוציאָנערער אָפּאָזיציע“. די בורזשואַזיע וועט גלײַכ נאָכנ זיג שליסנ אַ בונד מיט דער רעאַקציע (דאָס וואָלט אומפאַרמײַדלעכ פאָרגעקומענ אויכ אינ רוסלאַנד, ווענ, צומ בײַשפּיל, די פעטערבורגער אַרבעטער וואָלטנ אָפּהאַלטנ בלויז אַ טיילווײַזנ זיג אינ דער גאַסנ־שלאַכט קעגנ מיליטער אונ וואָלטנ געלאָזט די הערנ פעטרונקעוויטשעס אונ קאָמפּ. צו בילדנ אַ רעגירונג). אינ צווייטנ פאַל וואָלט מעגלעכ געווענ אַ רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור, ד. ה. דער פולשטענדיקער זיג פונ דער רעוואָליוציע.

עס בלײַבט איבער צו פאָרמולירנ גענויער, וואָס אייגנטלעכ האָט מאַרקס פאַרשטאַנענ אונטער „דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע“ (demokratische Bürgerschaft), וואָס זי צוזאַמענ מיט די אַרבעטער האָט ער אָנגערופנ פאָלק אינ קעגנזאַצ צו דער גרויס־בורזשואַזיע?

א קלאָרנ ענטפֿער אַפֿ אָט דער פֿראַגע גיט די פֿאָלגנדיקע שטעל פֿונעם אַרטיקל אינ דער „נײַער רײַנישער צײַטונג“ פֿונ 29־טנ יול 1848 יאָר: „...די דײַטשישע רעװאָליוציע פֿונ 1848־טנ יאָר איז בלויז א פּאַראָדיע פֿונ דער פֿראַנצויזישער רעװאָליוציע פֿונ 1789־טנ יאָר.

דעם 4־טנ אױגוסט 1789 יאָר, אינ דרײַ װאָכנ אַרום נאָכנ אײַנעמענ באַסטיליע, האָט דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק אינ אײנ טאָג געװאָרפֿנ אַלע פֿעאָדאַלע פֿליכטנ.

דעם 11־טנ יול 1848 יאָר, אינ פֿיר כאָדאָשימ אַרום נאָכ די מאַרט־באַריקאַדנ, האָבנ די פֿעאָדאַלע פֿליכטנ געװאָרפֿנ דאָס דײַטשישע פֿאָלק. Teste Gierke cum Hansemanno[1].

די פֿראַנצויזישע בורזשואַזיע פֿונ 1789 יאָר האָט אַפֿ קײנ אײנ מינוט ניט פֿאַרלאָזט אירע פֿאַרבינדעטע, די פּויערימ. זי האָט געװוסט, אַז די באַזע פֿונ איר הערשאַפֿט איז געװענ די פֿאַרניכטונג פֿונעם פֿעאָדאַליזמ אינ דאָרפֿ, די שאַפֿונג פֿונ א פֿרײַענ ערדבאַזיצערישנ (grundbesitzenden) פּויערימ־קלאַס.

די דײַטשישע בורזשואַזיע פֿונ 1848 יאָר פֿאַראַט אָנ שומ געװיסנביסנ די פּויערימ, אירע סאַמע נאַטירלעכע פֿאַרבינדעטע, װעלכע זײַנענ בײנ פֿונ איר בײנ, אונ אָנ װעלכע זי איז מאַכטלאָז קעגנ דעמ אַדלטומ.

דאָס אײַנהיטנ די פֿעאָדאַלע רעכט, דאָס סאַנקציאָנירנ זײ אינ דער פֿאָרמ פֿונ (איליוזאָרישנ) אויסקױפֿ — אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פֿונ דער דײַטשישער רעװאָליוציע פֿונ 1848 יאָר. דער באַרג האָט געבוירנ א מויז“.

דאָס איז זײער א באַלערנדיקע שטעל, װאָס גיט אונדז פֿיר װיכטיקע האַנאָכעס: 1) די ניט־פֿאַרענדיקטע דײַטשישע רעװאָליוציע שײדט זיכ אונטער פֿונ דער פֿאַרענדיקטער פֿראַנצויזישער דערמיט, װאָס די בורזשואַזיע האָט פֿאַראַטנ ניט נאָר דעמ דעמאָקראַטיזמ ביכלל, נאָר ביפֿראַט אויכ דאָס פּויערטומ. 2) דער יעסאָד פֿונ פֿולשטענדיקנ פֿאַרװירקלעכנ די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש איז — שאַפֿנ א פֿרײַענ קלאַס פּויערטומ. 3) שאַפֿנ אַזא קלאַס באַטײַט — פֿאַרניכטנ די פֿעאָדאַלע פֿליכטנ, צעשטערנ דעמ פֿעאָדאַליזמ, עס באַטײַט נאָכ לאַכלוטנ ניט קײנ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש. 4) די פּויערימ זײַנענ די „סאַמע נאַטירלעכע“ פֿאַרבינדעטע פֿונ דער בורזשואַזיע, נעמלעכ פֿונ דער דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע, װאָס אָנ זײ איז זי „מאַכטלאָז“ קעגנ דער רעאַקציע.

בא אַנטשפּרעכיקע ענדערונגענ פֿונ די קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטנ, באַמ אױעקשטעלנ לײַבײגנטומ אָנשטאָט פֿעאָדאַליזמ, זײַנענ די אַלע האַנאָכעס אינגאַנצנ צוגעפּאַסט אויכ צו רוסלאַנד פֿונ 1905 יאָר. עס איז קײנ סאָפֿעק ניט, אַז

[1] „אוידעס: ה׳ גירקע פֿאַרײנס מיט ה׳ האַנזעמאַנ“. האַנזעמאַנ איז געװענ מיניסטער פֿונ דער פּאַרטײ פֿונ דער גרויס־בורזשואַזיע (אַפֿנ רוסישנ שטײגער: טרובעצקאָי אָדער ראָדישעװ אאַז.). גירקע איז געװענ מיניסטער פֿונ ערדאַרבעט אינ האַנזעמאַנס מיניסטעריומ, ער האָט אויסגעאַרבעט א פּראָיעקט, א „דרײסטנ“ פּראָיעקט פֿונ קלוימערשט „פֿאַרניכטנ די פֿעאָדאַלע פֿליכטנ“ „אָנ קאָמפּענסאַציע“, פּאַקטיש אָבער פֿאַרניכטנ די קלײנע אונ ניט־װיכטיקע, נאָר אײַנהיטנ אָדער אויסקױפֿנ די מער װעזנטלעכע פֿליכטנ. ה׳ גירקע שטעלט מיט זיכ פֿאָר עפּעס א מינ רוסישע הה׳ קאַבלוקאָװ, מאַנוילאָװ, הערצענשטײנס אונ ענלעכע בורזשואַזיבעראַלע פֿרײַנט פֿונעמ מוזשיק, װאָס װילנ „פֿאַרברײטערנ דעמ פּויערשנ ערד־באַזיץ“, זײ װילנ אָבער ניט באַאװלענ די פּריצימ.

אָפּלערנענדיק פון דער דערפאַרונג פון דײַטשלאַנד, א באַלויכטענע דורכ מאַרקסנ, קאָנענ מיר ניט קומענ צו קיינ שום אַנדער לאָזונג פון אַנטשיידענעמ זיג פון דער רעוואָליוציע, אַכוץ: רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. עס איז קיינ סאָפעק ניט, אַז די הויפּט־באַשטאַנדטיילנ פון יענעמ „פאָלק", וועלכנ מאַרקס האָט אינ 1848 יאָר קעגנגעשטעלט דער זיכ ווערנדיקער רעאַקציע און דער פּאַרטעטרישער בורזשואַזיע, — זײַנענ דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום. עס איז קיינ סאָפעק ניט, אַז אויכ בא אונדז אינ רוסלאַנד פאַראַטנ די ליבעראַלע בורזשואַזיע און די הערנ אָסוואָבאָזשדיענצעס און וועלנ פאַראַטנ דאָס פּויערטום, דה. זיי וועלנ זענ אָפּקומענ מיט א פּסעוודאָ־רעפאָרמ, זיי וועלנ אינעמ אַנטשיידענעמ קאַמפּ צווישנ די פּריצימ און דעמ פּויערטום זיכ שטעלנ אַפ דער זײַט פון די פּריצימ. בלויז דער פּראָלעטאַריאַט איז פֿייִק ביזנ סאָפ צו שטיצנ דאָס פּויערטום אינ אַט דעמ קאַמפּ. עס איז קיינ סאָפעק ניט, ענדלעכ, אַז אויכ בא אונדז אינ רוסלאַנד וועט דער דערפאָלג פונעמ פּויערימ־קאַמפּ, דה. דער אַריבערגאַנג פון דער גאַנצער ערד צומ פּויערטום, באַטײַטנ א פולשטענדיקע דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, זײַענדיק דער סאָציאַלער אָנשפּאַר פון דער ביזנ סאָפ דערפירטער רעוואָליוציע, דאָס וועט אָבער לאַכלוטנ ניט באַטײַטנ קיינ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש און ניט קיינ „סאָציאַליזאַציע", וואָס וועגנ איר רייִדנ די אידעאָלאָגנ פונעמ קליינבירגערטומ, די סאָציאַליסטנ־רעוואָליוציאָנערנ. דער דערפאָלג פונעמ פּויערימ־אופשטאַנד, דער זיג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע וועט בלויז אָפּרייניקנ דעמ וועג פאַר אווירקלעכנ און אַנטשיידענעמ קאַמפּ פאַר סאָציאַליזמ אַפנ באָדנ פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דאָס פּויערטום, אַלס ערדבאַזיצערישער קלאַס, וועט שפּילנ אינ אַט דעמ קאַמפּ די זעלבע פּאַרעטערישע, ניט־שטאַנדהאַפטיקע ראָליע, וואָס עס שפּילט איצט די בורזשואַזיע אינ קאַמפּ פאַר דעמאָקראַטיע. פאַרגעסנ דאָס — הייסט פאַרגעסנ דעמ סאָציאַליזמ, אָפּנאַרנ זיכ און אַנדערע מיקויעכ די ווירקלעכע אינטערעסנ און אויפגאַבנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

קעדיי ניט איבערלאָזנ קיינ בלויז אינ דער שילדערונג פון מאַרקס' אָנשוינגענ אינ 1848 יאָר, מוז מענ פאַרצייכענענ איינ וועזנטלעכנ אונטערשייד צווישנ דער דעמאָלטיקער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (אָדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעמ פּראָלעטאַריאַט, רייִדנדיק מיט דער דעמאָלטיקער שפּראַכ) און דער הײַנטיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. לאָמיר געבנ דאָס וואָרט מערינגנ:

„די „נײַע רײַנישע צײַטונג" איז אַרויסגעטראָטנ אַפ דער פּאָליטישער אַרענע אַלס „אָרגאַנ פון דער דעמאָקראַטיע". מע קאָנ נישט ניט זענ דעמ רויטנ פאָדעמ, וואָס גייט דורכ אַלע אירע אַרטיקלענ. אומיטלבאַר אָבער האָט זי פאַרטיידיקט מער די אינטערעסנ פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע קעגנ דעמ אַבסאָליוטיזמ און פעאָדאַליזמ איידער די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט קעגנ די אינטערעסנ פון דער בורזשואַזיע. וועגנ א ספּעציעלער אַרבעטער־באַוועגונג אינ דער צײַט פון דער רעוואָליוציע וועט איר אַפ אירע שפּאַלטנ געפינענ ווייניק־וואָס מאַטעריאַל, כאָטש מע דאַרפ ניט פאַרגעסנ, אַז צוגלײַכ מיט איר איז דערשינענ צוויי מאָל א וואָכ, אונטער דער רעדאַקציע פון מאָל און שאַפּער, א ספּעציעלער אָרגאַנ פונעמ קעלנער אַרבעטער־פאַרבאַנד. יעדנפאַלס וואַרפט זיכ דעמ הײַנטיקנ לייענער אינ די אויגנ, ווי ווייניק

ניק אינטערעס די „נײַע רײַנישע צײַטונג" האָט געשענקט דער דעמאָלטיקער דײַטשישער ארבעטער-באַוועגונג, כאָטש דער פיקסטער טוער פונ אָט דער באַוועגונג, סטעפאַנ באָרנ, האָט זיכ געלערנט בא מארקסנ אונ ענגעלסנ אינ פאריזש אונ אינ בריסעל אונ האָט אינ 1848 יאָר קאָרעספּאָנדירט פונ בערלינ אינ זייער צײַטונג. באָרנ דערציילט אינ זײַנע „זיכרוינעס", אז מארקס אונ ענגעלס האָבנ אימ קיינמאָל אפילע קיינ איינ וואָרט ניט געזאָגט, אז זיי זײַנענ אומצופרידנ מיט זײַנ ארבעטער-אגיטאציע. די שפּעטערדיקע דערקלערונגענ ענגעלסעס מאכנ אָבער וואַרשײַנלעכ די האשאָרע, אז זיי זײַנענ געווענ אומצופרידנ, יעדנפאלס, מיט די מעטאָדנ פונ אָט דער אגיטאציע. זייער אומצופרידנקײַט האָט געהאט א גרונט אפ אזויפיל, אפ וויפל באָרנ איז געווענ געצוווּנגענ צו מאכנ פיל האנאָכעס דעמ, אינעמ גרעסטנ טייל דײַטשלאנד נאָכ אבסאָליוט ניט-אנטוויקלטנ, קלאסנ-באַוווּסטזײַנ פונעמ פּראָלעטאריאט, האנאָכעס, וואָס האלטנ ניט אויס קיינ קריטיק פונ שטאנדפּונקט פונעמ „קאָמוניסטישנ מאניפעסט". זייער אומצופרידנקײַט האָט ניט געהאט קיינ גרונט אפ אזויפיל, אפ וויפל באָרנ האָט דאָכ געקענט אונטערהאלטנ די אגיטאציע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, אפ א פּארהעלטניסמעסיק באַדײַטנדיקער הייכ... ס'איז קיינ צווייפל ניט, אז מארקס אונ ענגעלס זײַנענ געווענ היסטאָריש אונ פּאָליטיש גערעכט, ווענ זיי האָבנ אײַנגעזעענ דעמ וויכטיקסטנ אינטערעס פונעמ ארבעטער-קלאס פריער פאר אלצ אינ אונטערשטיצנ ווי ווײַט מעגלעכ מער די בורזשואזע רעוואָליוציע... ניט געקוקט דערופ, איז אלס א מערקווירדיקער באַווײַז, וויאזוי דער עלעמענטארער אינסטינקט פונ דער ארבעטער-באַוועגונג קענ אויסבעסערנ די קאָנצעפּציעס פונ די סאמע גענ׳יאלע דענקער, קאָנ דינענ דער פאקט, וואָס זיי האָבנ זיכ אינ אפּרעל 1849 יאָר ארויסגעזאָגט פאר א ספּעציפישער ארבעטער-אָרגאניזאציע אונ האָבנ באשלאָסנ אָנטיילצונעמענ אינעמ ארבעטער-צוזאמענפאָר, וואָס עס האָט באזונדערס געהאט געגרייט דער אָסט-עלבער (מיזרעכ-פּרײַסנ) פּראָלעטאריאט".

אלזאָ, ערשט אינ אפּרעל 1849-טנ יאָר, נאָכ דעמ, ווי עס איז קימאט אינ פארלויפ פונ א יאָר צײַט דערשינענ די רעוואָליוציאָנערע צײַטונג (די „נײַע רײַנישע צײַטונג" האָט אָנגעהויבנ דערשײַנענ דעמ 1-טנ יונ 1848 יאָר), האָבנ מארקס אונ ענגעלס זיכ ארויסגעזאָגט פאר א ספּעציעלער ארבעטער-אָרגאניזאציע! ביז דאנ האָבנ זיי געפירט פּשוט אנ „אָרגאנ פונ דער דעמאָקראטיע", וואָס איז מיט קיינ שומ אָרגאניזאציאָנעלע פעדעמ ניט געווענ פארבונדנ מיט קיינ זעלבשטענדיקער ארבעטער-פארטיי! אָט דער פאקט, — א מעשונע-ווילדער אונ אומגלויבלעכער פונ אונדזער הײַנטצײַטיקנ שטאנדפּונקט, — באַווײַזט אונדז קלאָר, ס'ארא קאָלאָסאלער אונטערשייד עס איז געווענ צווישנ דער דעמאָלטיקער דײַטשישער אונ דער איצטיקער רוסישער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי. אָט דער פאקט באַווײַזט אונדז, אינ וויפל מאָל וויניקער עס האָבנ זיכ געהאט אנטפּלעקט אינ דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע (מאכמעס דער אָפּגעשטאנענקײַט פונ דײַטשלאנד אינ 1848 יאָר סײַ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט סײַ אינ פּאָליטישער — די מעלוכישע צעברעקלטקײַט) די פּראָלעטארישע שטריכנ פונ דער באַוועגונג, דער פּראָלעטארישער שטראָמ אינ איר. אָט דאָס דארפ מענ ניט פארגעסנ באַמ אָפּשאצנ די פילמאָליקע דערקלערונגענ פונ מארקסנ, וואָס ער האָט געמאכט אינ אָט דער אונ אינ דער עט-

וואָס שפּעטערדיקער עפּאָכע, וועגן דער נייטיקייט זעלבשטענדיק צו אָרגאַניזירן א פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט. מאַרקס האָט ערשט פון דער דערפאַרונג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, קימאַט אין א יאָר אַרום, פּראַקטיש געמאַכט אָט דעם אויספיר: אַזוי ווייט באַלעבעסלדיק, קליינבירגערלעך איז דאַן געווען די גאַנצע אַטמאָספער אין דייטשלאַנד. פאַר אונדז איז אָט דער אויספיר שוין א לאַנגאָניק און פעסט אייגנס פון דער האַלביאָרהונדערטדיקער דערפאַרונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, — אַן אייגנס, פון וועלכן מיר האָבן געהאַט אָנגעהויבן די אָרגאַניזירונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. בא אונדז קאָן אַפילע קיין רייד ניט זיין, צום ביישפּיל, וועגן דעם, אַז די רעוואָליוציאָנערע צייטונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט זאָלן שטיין אויסער דער סאָצ.-דעם. פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, זיי זאָלן קאָנען אַפילע אַפ איין מינוט אַרויסטרעטן פּאַשעט אַלס „אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע".

אָבער יענער קעגנזאַץ, וואָס האָט זיך קוים אָנגעהויבן אַנטפּלעקן צווישן מאַרקסן און סטעפאַן באָרנען, עקזיסטירט בא אונדז אין אַלץ א מער אַנטוויקלטער פאָרם, וואָס מעכטיקער עס טרעט אַרויס די פּראָלעטאַרישע שטרעמונג אינעם דעמאָקראַטישן שטראָם פון אונדזער רעוואָליוציע. ריידנדיק וועגן מאַרקס' און ענגעלסעס וואַרשיינלעכער אומצופרידנקייט מיט סטעפאַן באָרנס אַגיטאַציע, דריקט זיך מערינג אויס צו מילד און מיט א האַלב מויל. אָט וואָס ענגעלס האָט געשריבן וועגן באָרנען אין 1885 יאָר (אינעם פאָרוואָרט צו די „Enthüllungen über den Kommunistenprozess zu Köln", Zürich. 1885 [1]):

די מיטגלידער פונעם קאָמוניסטן-פאַרבאַנד זיינען אומעטום געשטאַנען אין שפּיץ פון דער עקסטרעמער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, דערווייזנדיק דערמיט, אַז דער פאַרבאַנד איז געווען אַן אויסגעצייכנטע שול פון רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט. „דער זעצער סטעפאַן באָרן, וואָס איז געווען א טעטיקער מיטגליד פונעם פאַרבאַנד אין בריסעל און אין פּאַריזש, האָט געגרינדעט אין בערלין אַן „אַרבעטער-ברודערשאַפט" („Arbeiterverbrüderung"), וואָס האָט באַקומען א באַדייטנדיקע פאַרשפּרייטונג און האָט זיך געהאַלטן ביזן 1850 יאָר. באָרן, א טאַלאַנטפולער יונגערמאַן, האָט זיך אָבער צופיל צוגעיילט מיטן אַרויסטרעטן אַלס פּאָליטישער טוער. ער האָט זיך „געברידערט" מיטן סאַמע פאַרשיידנאַרטיקן מענטשלעכן אָפּפאַל (Kreti und Plethi) אַבי נאָר צונויפצוזאַמלען אַרום זיך א האַמוין. ער איז קלאָל ניט געווען פון די מענטשן, וואָס זיינען פייִק אַריינצוברענגען איינהייט אין ווידערשפּרעכנדיקע שטרעמונגען, אַריינברענגען ליכט אין כאַאָס. אין די אָפיציעלע פּובליקאַציעס פון זיין ברודערשאַפט טרעפט זיך דעריבער שטענדיק א פּלאָנטער און א געמיש פון אָנשויונגען פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" מיט צעכאָווע דערינערונגען און ווונטשן, מיט ברעקלעך פון לוי בלאַנס און פּרודאָנס אָנשויונגען, מיט פאַרטיידיקונג פון פּראָטעקציאָניזם אאַוו.; מיט איין וואָרט, אָט די מענטשן האָבן געוואָלט אַלעמען צופרידנשטעלן (Allen alles sein). באַזונדערס האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן שטרייקן, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פּראָדוקציר-געזעלשאַפטן, פאַרגעסנדיק, אַז די אויפגאַבע איז באַשטאַנען פריער

[1] — „דעמאַסקירונגען וועגן דעם קאָמוניסטן-פּראָצעס אין קעלן", ציריך, 1885. רעד.

פאר אלצדערינג, אז מע זאָל דורכ א פאָליטישנ זיג צוערשט אויסקעמפנ פאר זיכ אזא ארענע, וואָס נאָר אפ איר וואָלטנ געקאָנט פעכטנ אונ זיכער פארווירקלעכט ווערנ אזוינע זאכנ (אונדזער קורסיוו). אונ אָט, ווענ די זיגנ פונ דער רעאקציע האָבנ געצוווּנגענ די אָנפירער פונ אָט דער ברודערשאפט צו דערפילנ, אז מע מוז נעמענ א דירעקטנ אָנטייל אינעם רעוואָלוציאָנערנ קאמפ, — דעמלט האָט זיי, זעלבסטפארשטענדלעכ, די ניט=אנטוויקלטע מאסע, וואָס האָט זיכ גרופירט ארומ זיי, פארלאָזנ. באָרנ האָט אָנטיילגענומענ אינעם דרעזדענער אופשטאנד אינ מײַ 1849 יאָר אונ האָט זיכ געראטעוועט אדאנק א גליקלעכנ צופאל. די ארבעטער=ברודערשאפט אָבער האָט זיכ געהאלטנ אָנ א זײַט פונ דער גרויסער פאָליטישער באוועגונג פונ פראָלעטאריאט, זי האָט זיכ געהאלטנ אלס אנ אָפגעזונדערטער פארבאנד, וואָס האָט עקזיסטירט מערסטנטייל אפ פאפיר אונ וואָס האָט געשפילט אזוי ווײַט א צווייטראנגיקע ראָליע, אז די רעאקציע האָט געפונענ פאר נייטיק צו פארמאכנ זי ערשט אינ 1850 יאָר, אונ די פיליאלע אָפטיילונגענ אירע ערשט מיט א סאכ יאָרנ שפעטער. באָרנ, וואָס וואָלט אייגנטלעכ געדארפט הייסנ Buttermilch (זויערמילכ[1]), איז אזויארומ טאקע ניט געוואָרנ קיינ פאָליטישער טוער, נאָר א קליינינקער שווייצערישער פראָפעסאָר, וואָס זעצט איבער ניט מארקסנ אפ דער צעכאָוועער שפראכ, נאָר דעמ גוטמוטיקנ רענאנ אפ א זיסינקער דײַטשישער שפראכ“.

אָט וויאזוי ענגעלס האָט אָפגעשאצט די צוויי טאקטיקעס פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע!

אונדזערע נײַ=איסקראָוועצעס ציִענ אויכ צומ „עקאָנאָמיזמ“ מיט אזא מינ פלײַס ניט לויטנ סייכל נאָכ, אז זיי פארדינענ לויב=געזאנגענ פונ דער מאָנארכיסטישער בורזשואזיע פאר זייער „אויסלײַטערונג“. זיי זאמלענ אויכ ארומ זיכ א פארשיידנארטיק פובליקומ, כאנפענענדיק די „עקאָנאָמיסטנ“, צוציִענדיק דעמאגאָגיש די ניט=אנטוויקלטע מאסע מיט לאָזונגענ פונ „זעלבסטטעטיקײַט“, „דעמאָקראטיזמ“, „אויטאָנאָמיע“ אונ נאָכ אונ אזוי ווײַטער. זייערע ארבעטער=פארבאנדנ עקזיסטירנ אויכ אָפט נאָר אפ די שפאלטנ פונ דער כלעסטאקאָווישער נײַער „איסקרא“. זייערע לאָזונגענ אונ רעזאָלוציעס אנטפלעקנ פונקט אזא מינ ניט פארשטיינ די אויפגאבנ פונ דער „גרויסער פאָליטישער באוועגונג פונעמ פראָלעטאריאט“.

[1] באָרנס עמעסע פאמיליע איז Buttermilch. איבערזעצנדיק ענגעלסנ, האָב איכ דאָ געמאכט א גרײַז אינ דער ערשטער אויסגאבע, אָננעמענדיק דאָס וואָרט Buttermilch ניט פאר קיינ אייגננאָמענ, נאָר פאר א קלאלנאָמענ. אָט דער גרײַז האָט, נאטירלעכ, פארשאפט אויסערגעוויינלעכ פיל פארגעניגנ די מענשעוויקעס. קאָלצאָוו האָט געשריבנ, אז איכ האָב „פארטיפט ענגעלסנ“ (איבערגעדרוקט אינעמ זאמלבוכ „פאר צוויי יאָר“), פלעכאנאָוו דערמאָנט אויכ איצט אָט דעמ גרײַז אינ „טאָווארישטש“, — מיט איינ וואָרט, עס האָט זיכ געפונענ אנ אויסגעצייכנטע געלעגנהײַט צו פארשמירנ די פראגע וועגנ די צוויי טענדענצנ אינ דער ארבעטער=באוועגונג פונעמ 48=טנ יאָר אינ דײַטשלאנד, באָרנס טענדענצ (וואָס איז קרויוויש צו אונדזערע עקאָנאָמיסטנ) אונ דער מארקסיסטישער טענדענצ. אויסנוצנ דעמ אָפאָנענטס א גרײַז, זאָל זײַנ אפילע איבער דער פראגע וועגנ באָרנס פאמיליע, דאָס איז א זאכ, וואָס איז מער ווי נאטירלעכ. אָבער דורכ אויסבעסערונגענ צו דער איבערזעצונג פארשמירנ דעמ טאָכ פונ דער פראגע וועגנ די צוויי טאקטיקעס — הייסט קאפיטולירנ אינ טאָכ פונעמ שטרײַט (לענינס אנ אָנמערקונג צו דער אויסגאבע פונ 1908 יאָר. רעד.).

אָנמערקונג צומ 10־טנ קאפּיטל פונ דער בראָשור „צוויי טאַקטיקעס"[1]

ארײַנשטעלנ אינ 10 §.

1) מיר וועלנ דערמאָנענ דעמ לייענער, אז אינ דער פּאָלעמיק צווישנ דער „איסקרא" אונ „וופּעריאָד" האָט די „איסקרא" זיכ פּארופנ, צווישנ אנדערנ, אָפּ ענגעלסעס בריוו צו טוראטי, ווו ענגעלס האָט געוואָרנט דעמ (צוקינפטיקנ) פירער פונ די איטאליענישע רעפאָרמיסטנ קעגנ צונויפמישנ די דעמאָקראטישע אונ די סאָציאליסטישע רעוואָליוציע. די פאָרשטייענדיקע רעוואָליוציע אינ איטאליע, — האָט ענגעלס געשריבנ מיקויעכ דער פּאָליטישער סיטואציע אינ איטאליע אינ 1894 יאָר, — וועט זײַנ א קליינבירגערלעכע, א דעמאָקראטישע, ניט קיינ סאָציאליסטישע. די „איסקרא" האָט פאָרגעוואָרפנ דעמ „וופּעריאָד", אז ער ווײַכט אָפּ פונעמ פּרינציפּ, וואָס ענגעלס האָט אײַנגעשטעלט. אָט דער פּאָרוואורפ איז ניט קיינ ריכטיקער, ווײַל דער „וופּעריאָד" (נומ. 14) האָט פולשטענדיק אָנערקענט, אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ, די ריכטיקײַט פונ מארקס' טעאָריע וועגנ דעמ אונטערשייד צווישנ די דרײַ הויפּט־קרעפטנ פונ די רעוואָליוציעס פונעמ XIX יאָרהונדערט. לויט אָט דער טעאָריע טרעט ארויס קעגנ דעמ אלטנ רעזשימ, קעגנ דער זעלבסטהערשונג, פעאָדאליזמ, לײַבייגנטומ 1) די ליבעראלע גרויס־בורזשואזיע; 2) דאָס ראדיקאלע קליינבירגערטומ; 3) דער פּראָלעטאריאט. די ערשטע קעמפט ניט מער ווי פאר א קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע; דאָס צווייטע — פאר א דעמאָקראטישער רעפּובליק; דער דריטער — פאר א סאָציאליסטישער איבערקערעניש. ווענ א סאָציאליסט מישט צונויפ דעמ קליינבירגערלעכנ קאמפ פאר א פולשטענדיקער דעמאָקראטישער איבערקערעניש מיטנ פּראָלעטארישנ קאמפ פאר א סאָציאליסטישער רעוואָליוציע, דראָעט אימ א פּאָליטישער קראכ. אָט די וואָרענונג מארקס' איז א פולשטענדיק ריכטיקע. אָבער דאפקע דער לאָזונג „רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס" איז טאקע פעלערהאפט גראָד איבער אָט דער סיבע, ווײַל די קאָמונעס, וואָס זײַנענ באקאנט אינ דער געשיכטע, פלעגנ גראָד צונויפמישנ די דעמאָקראטישע אונ די סאָציאליסטישע איבערקערעניש. פארקערט, אונדזער לאָזונג: א רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פויערטומ גאראנטירט אינגאנצנ קעגנ אָט דעמ פעלער. אָנערקענענדיק אומבאדינגט דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער רעוואָליוציע, וואָס איז ניט

[1] אָנגעשריבנ אינ יונ—יול 1905 יאָר. צומ ערשטנ מאָל געדרוקט אינ 1926 יאָר אינעמ „לענינ־זאמלבוכ" V. רעד.

פייִק אומיטלבאר ארויסצוגיינ פונ די ראמענ פונ בלויז א דעמאָקראטישער איבערקערעניש, שטויסט אונדזער לאָזונג פאָרויס די דאָזיקע, די געגעבענע, איבערקערעניש, — ער שטרעבט צוצוגעבנ אָט דער איבערקערעניש אזוינע פאָרמענ, וואָס זײַנענ די גינסטיקסטע פארנ פראָלעטאריאט, — ער שטרעבט, אלזאָ, אויסצונוצנ אינ דער העכסטער מאָס די דעמאָקראטישע איבערקערעניש, קעדיי צו פירנ מיטנ גרעסטנ דערפאָלג דעמ ווײַטערדיקנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט פאר סאָציאליזמ.

די באַציִונג פונ דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע צו דער פּויערים־באַוועגונג[1]

די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג, וואָס די פּויערים=באַוועגונג האָט אינ דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וואָס רוסלאַנד לעבט איבער, איז שוינ אַ סאַכ, אַ סאַכ מאָל אויפגעקלערט געוואָרנ דורכ דער גאַנצער סאָציִאַל=דעמאָקראַטישער פּרעסע. דער דריטער צוזאַמענפאָר פונ דער רסדאַפּ האָט, ווי באַוווּסט, אָנגענומענ אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגנ דער דאָזיקער פראַגע, קעדיי פּינקטלעכער צו באַשטימענ אונ צו פאַרייניקנ די טעטיקײַט פונ דער גאַנצער פּאַרטיי פונעמ באַוווּסטזיניקנ פּראָלעטאַריאַט בענעגײַע גראָד צו דער איצטיקער באַוועגונג פונעמ פּויערטומ. ניט געקוקט דערויפ, וואָס די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געווענ צוגעגרייט פונ פריִער (דער ערשטער פּראָיעקט איז אָפּגעדרוקט געווענ אינ נומער 11 „וופּעריאָד“, דעמ 23=טנ (10=טנ) מאַרט ד. י.[2]), ניט געקוקט דערויפ, וואָס זי איז זאָרגזאַמ באַאַרבעט געוואָרנ דורכנ פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיכ געסטאַרעט צו פאָרמולירנ די שוינ פעסטגעשטעלטע אָנשויוּנגענ פונ דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציִאַל=דעמאָקראַטיע, ניט געקוקט דערויפ, האָט די רעזאָלוציע אַרויסגערופנ ספּייקעס בײַ אַ רײַ כאַווײרימ, וואָס אַרבעטנ אינ רוסלאַנד. דער סאַראַטאָווער קאָמיטעט האָט אײנשטימיק אָנערקענט די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַר ניט אָנעמבאַר (זע נומ. 10 „פּראָלעטאַרי“). צומ באַדויערנ, איז דער ווונטש, וועלכנ מיר האָבנ דאַנ טאַקע אויסגעדריקט, צו באַקומענ אַ דערקלערונג פונ דעמ דאָזיקנ ווערדיקט, געבליבנ דערווײַל ניט פאַרווירקלעכט. מיר ווייסנ נאָר, אַז דער סאַראַטאָווער קאָמיטעט האָט אָנערקענט פאַר ניט אָנעמבאַר אויכ די אַגראַר=רעזאָלוציע פונ דער נײַ=איסקרישער קאָנפערענצ, — הייסט עס, אַז ניט באַפרידיקט האָט אימ דאָס, וואָס עס איז געמײנזאַמ פאַר בײדע רעזאָלוציעס, אָבער ניט דאָס, מיט וואָס זיי שיידנ זיכ אונטער אײנע פונ דער אַנדערער.

אַ נײַער מאַטעריאַל אינ דער דאָזיקער פראַגע איז דער אונדז צוגעשיקטער בריוו פונ אַ מאָסקווער כאַווער (אַרויסגעגעבנ אינ דער פאָרמ פונ אַ העקטאָגראַפירטנ בלעטל). מיר דרוקנ דעמ דאָזיקנ בריוו אינגאַנצנ:

---

[1] דער אַרטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 14=טנ (1=טנ) סעפּטעמבער 1905 יאָר אינעמ צענטראַלנ אָרגאַנ פונ דער רסדאַפּ „פּראָלעטאַרי“ נומ. 16. רעד.

[2] זע לעניִנס אַרטיקל „דער פּראָלעטאַריאַט אונ דאָס פּויערטומ“, ווערק, ב. VII, ז. 161—162. רעד.

אַנ אָפֿענער בריוו צומ צענטראַל=קאָמיטעט און צו די כאַווייריםֿ, וואָס אַרבעטנ אינ דאָרף

כאַווייריםֿ! די קרייַז=אָרגאַניזאַציע פֿונ מאָסקווער קאָמיטעט איז צוגעטראָטנ צו דירעקטער אַרבעט צווישנ פּויערטום. דער מאַנגל אינ דערפֿאַרונג, וויאַזוי צו אָרגאַניזירנ אַזאַ מינ אַרבעט, די ספּעציפֿישע באַדינגונגענ פֿונ אונדזער צענטראַל[=רוסישנ] דאָרף, ווי אויכ די ניט גענוגע קלאָרקייַט פֿונ די דירעקטיוונ, וועלכע עס גיבנ אינ דער דאָזיקער פֿראַגע די רעזאָלוציעס פֿונעמ III צוזאַמענפֿאָר, אונ די קימאַט פֿולשטענדיקע אָפּוועזנהייַט פֿונ ליטעראַטור, סייַ אינ דער פּעריאָדישער פּרעסע סייַ אינ דער אַלגעמיינער, וועגנ דער אַרבעט צווישנ פּויערטום צווינגענ אונדז צו ווענדנ זיכ צומ צק מיט אַ ביטע, ער זאָל אונדז צושיקנ דעטאַלע דירעקטיוונ סייַ פֿונ פּרינציפּיעלנ סייַ פֿונ פּראַקטישנ כאַראַקטער, אונ אייַכ, כאַווייריםֿ לויט דער אַרבעט, בעטנ מיר, איר זאָלט אונדז באַקענענ מיט יענע פּראַקטישע אָנגאַבנ, וועלכע עס האָט אייַכ געגעבנ אייַער דערפֿאַרונג.

מיר האַלטנ פֿאַר נייטיק צו טיילנ זיכ מיט יענע ספּיוקעס, וואָס זייַנענ בא אונדז אַנטשטאַנענ באַמ לייענענ די רעזאָלוציע פֿונ III צוזאַמענפֿאָר „וועגנ דער באַציִונג צו דער פּויערימ=באַוועגונג“, אונ מיט יענעמ אָרגאַניזאַציאָנעלנ פּלאַנ, וועלכנ מיר הייבנ שוינ אָנ אָנצווווענדנ בא אונדז אינ דאָרף.

„פּאַראַגר. א) פּראָפּאַגאַנדירנ אינ די ברייטע שיכטנ פֿונ פֿאָלק, אַז די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע שטעלט פֿאַר זיכ אַלס אויפֿגאַבע צו שטיצנ אַפֿנ סאַמע ענערגישנ אויפֿנ אַלע רעוואָלוציאָנערע מאָסמיטלענ פֿונעמ פּויערטום, וואָס זייַנענ אימשטאַנד צו פֿאַרבעסערנ זייַנ לאַגע, אייַנגעשלאָסנ דאָס קאָנפֿיסקירנ די פּריצישע, קאַזיאָנע, קירכלעכע, מאָנאַסטירישע אונ אודיעלנע ערד“ (פֿונ דער רעזאָלוציע פֿונעמ III צוזאַמענפֿאָר פֿונ דער רסדאַפּ).

אינ דעמ דאָזיקנ פּאַראַגראַפֿ איז קודעמקאָל ניט קלאָר, וויאַזוי=אַרומ די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס וועלנ פֿירנ אונ דאַרפֿנ פֿירנ די פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע פֿאָדערט פֿריִער פֿאַר אַלצ אַנ אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט גאָר נאָענט צו די, וועמענ מע וויל פּראָפּאַגאַנדירנ. צי וועלנ אַזאַ אָרגאַניזאַציע זייַנ די קאָמיטעטנ פֿונעמ דאָרפֿישנ פּראָלעטאַריאַט, אָדער עס זייַנענ מעגלעכ אויכ אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע וועגנ סייַ פֿאַר מינדלעכער סייַ פֿאַר שריפֿטלעכער פּראָפּאַגאַנדע — די דאָזיקע פֿראַגע בלייַבט אָפֿנ.

דאָס זעלבע קאָנ מענ זאָגנ אויכ וועגנ דעמ צוזאָג צו געבנ ענערגישע שטיצע. שטיצנ, אונ נאָכ ענערגיש, איז אויכ מעגלעכ נאָר דאַנ, ווענ עס איז פֿאַראַנ אַנ אָרגאַניזאַציע אַפֿ די ערטער. די פֿראַגע וועגנ געבנ „ענערגישע שטיצע“ שייַנט אונדז ביכלאַל צו זייַנ זייער אַ נעפּלהאַפֿטע. צי קאָנ די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע שטיצנ די עקספּראָפּריִרונג פֿונ יענער פּריצישער ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט מיט די אינטענסיווסטע מעטאָדנ בא דער אָנווענדונג פֿונ מאַשינעס, העכערע קולטורנ אאַוו.? דער אריבערגאַנג פֿונ אַזאַ ערד אינ די הענט פֿונ קליינבירגערלעכע אייגנטימער, ווי וויכטיק עס זאָל ניט זייַנ צו פֿאַרבעסערנ זייער לאַגע, איז אַ שריט אַפֿ צוריק אינעמ זינ פֿונ דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פֿונ דער געגעבענער ווירטשאַפֿט. אונ מיר, פֿאַרבלייַבנדיק סאָציאַל=דעמאָקראַטנ, וואָלטנ, לויט אונדזער מיינונג, בענעגייע דעמ דאָזיקנ פּונקט וועגנ „שטיצע“ געדאַרפֿט אויסנעמענ: „אויב די עקספּראָפּריִרונג פֿונ דער דאָזיקער ערד אַפֿ איבערצוגעבנ זי אינ פּויערישנ (קליינבירגערלעכנ) אייגנטומ וועט זייַנ אַ העכערע אַנטוויקלונגס=פֿאָרמ פֿונ דער געגעבענער ווירטשאַפֿט אַפֿ דער געגעבענער ערד“.

דערנאָכ ווייַטער:

„פּאַראַגר. ד) שטרעבנ צומ זעלבשטענדיקנ אָרגאַניזירנ דעמ דאָרפֿישנ פּראָלעטאַריאַט, צומ צונויפֿגיסנ אימ מיטנ שטאָטישנ פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פֿאָנ פֿונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אונ צומ דורכפֿירנ זייַנע פֿאָרשטייער אינ די פּויערימ=קאָמיטעטנ“.

ספּיוקעס אַנטשטייענ בענעגייע דעמ לעצטנ טייל פֿונ דעמ דאָזיקנ פּאַראַגראַפֿ. די מייַסע איז, וואָס די בורזשואַז=דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַשטייגער דער „פּויערימ=פֿאַרבאַנד“, אונ די רעאַקציאָנער=אוטאָפּיסטישע, ווי אַשטייגער די סאָציאַליסטנ=רעוואָלוציאָנערנ,

אָרגאניזירנ אונטער זייער פלאג סײַ די בורזשואזע עלעמענטנ פונעמ פויערטומ סײַ די פּראָלעטארישע. אויב מיר זאָלנ ארײַנפירנ אונדזערע פאָרשטייער פונ די אָרגאניזאציעס פונ דעמ דאָרפישנ פּראָלעטאריאט אינ אזעלכע „פויערימ"־קאָמיטעטנ, וועלנ מיר ווידערשפּרעכנ זיכ אליינ, אונדזערע אָנשווינגענ אפ א בלאָק אאוו.

אויכ דאָ, שײַנט אונדז, זײַנענ נייטיק אויסבעסערונגענ אונ זייער סאָלידע אויסבעסערונגענ.

אָט דאָס זײַנענ אייניקע אלגעמיינע באמערקונגענ צו די רעזאָלוציעס פונ III צוזאַמענפאָר. עס איז ווינטשנסווערט, מע זאָל זיי באטראכטנ וואָס שנעלער אונ וואָס דעטאלער.

וואָס אָנבאלאנגט דעמ פלאנ פונ א „דאָרפישער" אָרגאניזאציע אינ אונדזער קרײַז־אָרגאניזאציע, קומט אונדז אויס צו ארבעטנ אינ אזעלכע באדינגונגענ, וואָס די רעזאָלוציעס פונ III צוזאמענפאָר פארשווײַגנ זיי אינגאנצנ. פריִער פונ אלצ דארפ מענ פארציכענענ, אז דער ראיאָנ פונ אונדזער טעטיקײַט — מאָסקווער גובערניע אונ די נאָענטע אויעזדנ פונ די שכיינישע גובערניעס — איז הויפּטזאכלעכ א ראיאָנ פונ אינדוסטריִעלער פּראָדוקציע מיט פארהעלטנישמעסיק שוואכ אנטוויקלטע קוסטארישע געווערבנ, אונ דער טייל באַפעלקערונג, וואָס באשעפטיקט זיכ אויסשליסלעכ מיט לאנדווירטשאפט, איז זייער אנ אומבאדײַטנדיקער. קאָלאָסאלע מאנופאקטורנ מיט 10—15 טויזנט ארבעטער מישנ זיכ דורכ מיט קליינע פאבריקנ צו 500—1000 מאנ; אזוינע פאבריקנ זײַנענ צעשפּרייט איבער פארוואָרפענע דערפער אונ דערפלעכ. עס קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אז בא אזעלכע באדינגונגענ וועט דאָ די סאָציאַל־דעמאָקראטיע געפינענ פאר זיכ זייער א פאסיקנ באָדנ; די ארבעט אָבער האָט באוויזנ, אז אזעלכע אויבנאויפיקע פאָרהאנאָכעס האלטנ ניט אויס קיינ קריטיק. ניט געקוקט דערויפ, וואָס אייניקע פאבריקנ עקזיסטירנ צו 40—50 יאָר, האָט זיכ נאָכ אונדזער „פּראָלעטאריאט" אינ דער קאָלאָסאלער מערהײַט זײַנער ביז הײַנטיקנ טאָג ניט אָפּגעריסנ פונ דער ערד. דאָס „דאָרפ" זיצט אינ אימ אזוי פעסט, אז די אלע פסיכאָלאָגישע אונ אנדערע פאָרהאנאָכעס, וואָס ווערנ געשאפנ אינ פּראָצעס פונ קאָלעקטיווער ארבעט באמ „ריינעמ" פּראָלעטאריאט, באקומענ ניט בא אונדזער פּראָלעטאריאט קיינ אנטוויקלונג. די לאנדווירטשאפט פונ אונדזערע „פּראָלעטאריער" טראָגט עפּעס אנ אנדרויגענעס־פאָרמ. א פאבריק־וועבער דינגט א באטראק צו באארבעטנ זײַנ ברעקל ערד. אפ דעמ זעלביקנ ברעקל ערד ארבעט זײַנ ווײַב (אויב זי איז ניט אינ פאבריק), די קינדער, די אלטע לײַט, די אינוואלידנ, אונ ער אליינ וועט ארבעטנ אפ אימ, ווענ ער וועט אלט ווערנ, וועט ווערנ אנ אינוואליד, אָדער אויב מע וועט אימ ארויסטרײַבנ פאר בושעווענ אָדער פאר ניט קאָשערער אויפפירונג. אזעלכע „פּראָלעטאריער" איז שווער אָנצורופנ פּראָלעטאריער. לויט זייער עקאָנאָמישער לאגע זײַנענ דאָס פאופּערנ. לויט זייער אידעאָלאָגיע — קליינבירגער. זיי זײַנענ אומוויסנד אונ קאָנסערוואטיוו. פונ זיי ווערנ ווערבירט די „שווארצמייִשע" עלעמענטנ. אָבער אויכ בא זיי הייבט אָנ די לעצטע צײַט אויפצוואכנ דער זעלבסטבאוווסטזײַנ. דורכ פארבינדונגענ, וואָס גייענ פונעמ „ריינעמ" פּראָלעטאריאט, וועקנ מיר די דאָזיקע פינצטערע מאסע פונ איר דוירעסלאנגנ שלאָפ, דערבײַ מיט א געוויסנ דערפאָלג. די פארבינדונגענ וואקסנ, ערטערווײַז ווערנ זיי פארשטארקט, די פאופּערנ ווארפנ זיכ אונטער אונדזער אײַנפלוס, זיי נעמענ אופ אונדזער אידעאָלאָגיע סײַ אינ דער פאבריק סײַ אינעמ דאָרפ. אונ מיר מיינענ, אז קולטיווירנ אָרגאניזאציעס אינ דער ניט „ריינ" פּראָלעטארישער סוויווע וועט ניט זײַנ ניט אָרטאָדאָקסאל. בא אונדז איז קיינ אנדער סוויווע ניטאָ, אונ אויב מיר וועלנ באשטיינ אפ אָרטאָדאָקסאלקײַט, אפ אָרגאניזירנ בלויז דעמ דאָרפישנ „פּראָלעטאריאט", וועט אונדז אויסקומענ פאנאנדערצולאָזנ אי אונדזער אָרגאניזאציע אי די שכיינישע אָרגאניזאציעס. מיר וויסנ, אז אונדז וועט שווער זײַנ צו קעמפנ קעגנ דעמ דורשט צו עקספּראָפּריִרנ די אקער־ערד אונ אנדערע פּראָדוקטיווע ערד, וואָס די פּריצימ האָבנ פארלאָזט, אָדער די ערד, אפ וועלכער די גאלאָכימ אינ קלאָבוקעס אונ ריאסעס האָבנ ניט באוויזנ אוועקצושטעלנ ווי געהעריק די ווירטשאפט. מיר וויסנ, אז די בורזשואזע דעמאָקראטיע, אָנגעהויבנ פונ דער „דעמאָקראטיש"־מאָנארכיסטישער פראקציע (אזא עקזיסטירט אינ רוזער אויעזד) אונ געענדיקט מיטנ „פויערימ"־פארבאנד, וועלנ קעמפנ קעגנ אונדז פארנ

אײַנפלוס אפ די „פאופערנ“; מיר אָבער וועלנ באוואָפענענ די פאופערנ קעגנ זיי. מיר וועלנ אויסנוצנ אלע סאָציאַל=דעמאָקראטישע קויכעס א=נ קרײַז, סײַ די אינטעליגענטישע סײַ די פראָלעטאריש=ארבעטערשע, אפ אוועקצושטעלנ אונ פארפעסטיקנ אונדזערע סאָציאַל=דעמאָקראטישע קאָמיטעטנ פונ צווישנ די „פאופערנ“. אונ מיר וועלנ עס טאָנ לויט אזא פּלאַנ. אינ יעדער אויעזד=שטאָט אָדער גרויסנ אינדוסטריעלנ צענטער וועלנ מיר שאפנ אויעזד=קאָמיטעטנ פונ די גרופּעס פונ דער קרײַז=אָרגאניזאציע. דער אויעזד=קאָמיטעט אויסער די פאבריקנ אונ זאוואָדנ אינ זײַנ ראיאָנ, אָרגאניזירט „פויערימ“=קאָמיטעטנ. אזעלכע קאָמיטעטנ דארפנ מאכמעס קאָנספּיראטיווע טײַמימ ניט זײַנ גרויס לויט דער צאָל מיטגלידער, אונ זייער באשטאנד ווערט באשטימט דורכ די סאמע רעוואָלוציאָנער געשטימטע אונ פייִקע פויערימ פאופערנ. דאָרט, ווו עס זײַנענ פאראנ אי פאבריקנ אי פויערימ, — דארפ מענ זיי אָרגאניזירנ אינ איינ קאָמיטעט פונ א סוב=גרופּע.

קוידעמקאָל דארפ אזא קאָמיטעט קלאָר אונ דײַטלעכ פאנאנדערקלײַבנ זיכ אינ די ארומיקע באדינגונגענ: A) די ערד=פארהעלטענישנ: 1) די פויערשע נאדיעלנ, ארענדע, די פאָרמ פונ באזיצ (געמיינדישער באזיצ, הויפ=באזיצ אאוו.). 2) די ארומיקע ערד: א) וועמענ געהערט זי; ב) וויפל איז פאראנ ערד; ג) ווי איז די באציִונג פונ די פויערימ צו דער דאָזיקער ערד; ד) אפ וועלכע באדינגונגענ באנוצט מענ זיכ מיט דער דאָזיקער ערד: 1) אָפּארבעט, 2) צו גרויסע ארענדע=געלט פאר די „אָפּשניטנ“ אאוו.; ה) פארשולדיקטקײַט די באלעגופימ, פריצימ אא. Б) טשינשנ, שטײַערנ, די גרויס פונ דער ערד=באשטײַערונג פונ דער פויערישער אונ פריצישער ערד. B) אויסערדאָרפישע פארנאָסעס אונ קוסטארנע געווערבנ, פאספּאָרטנ, צי איז ניטאָ קיינ ווינטערדיקע לוינ=ארבעט אאוו. Г) די אָרטיקע פאבריקנ אונ זאוואָדנ: די ארבעטס=באדינגונגענ אינ זיי: 1) דער ארבעטסלוינ, 2) דער ארבעטס=טאָג, 3) די באציִונג פונ דער אדמיניסטראציע, 4) די וווינונגס=באדינגונגענ אאוו. Д) די אדמיניסטראציע: זעמסקע נאטשאלניקעס, דער סטארשינא, דער שרײַבער, די וואָלאָסט=ריכטער, סטראזשניקעס, דער גאלעכ. E) די זעמסטווע: די גלאסנע פונ די פויערימ, די זעמסקע אָנגעשטעלטע: דער לערער, דער דאָקטער, ביבליאָטעקנ, שולנ, טויי=הײַזער. Ж) די וואָלאָסט=פארזאמלונגענ (סכאָדנ): זייער באשטאנד אונ די געשעפטספירונג. З) אָרגאניזאציעס: דער „פויערימ=פארבאנד“, סאָציאַליסטנ=רעוואָלוציאָנערנ, סאָציאַל=דעמאָקראטנ.

נאָכנ באקענענ זיכ מיט די דאָזיקע אָנגאבנ איז דער פויערישער סאָציאַל=דעמאָקראטישער קאָמיטעט מעכויעוו דורכצופירנ אפ די דאָרפס=פארזאמלונגענ (סכאָדנ) יענע באשטימונגענ, וועלכע וועלנ ארויסדרינגענ פונ דער אָדער פונ יענער אומנאָרמאלער זאכלאגע. צוגלײַכ דערמיט פראָפּאגאנדירט אונ אגיטירט אזא קאָמיטעט צווישנ דער מאסע אינטענסיוו די אידייענ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראטיע, אָרגאניזירט קרײַזלעכ, פלוג=פארזאמלונגענ, מאסאָווקעס, פארשפּרייט פראָקלאמאציעס אונ ליטעראטור, זאמלט געלט פאר דער פארטיי=קאסע אונ געפינט זיכ דורכ דער אויעזדנער גרופּע אינ באציִונגענ מיט דער קרײַז=אָרגאניזאציע.

אויב אונדז וועט זיכ אײַנגעבנ אוועקצושטעלנ א גאנצע ריי אזעלכע קאָמיטעטנ, וועט דער דערפאָלג פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראטיע זײַנ געזיכערט.

א קרײַז=אָרגאניזאטאָר.

זעלבסטפארשטענדלעכ, אז מיר וועלנ אפ זיכ ניט נעמענ די אופגאבע אויסצוארבעטנ די דעטאלע פראקטישע דירעקטיווג, וועגנ וועלכע עס רעדט דער באוועור: דאָס איז אנ ארבעט פאר די טוער אפ די ערטער אונ פאר דעם פראקטיש אָנפירנדיקנ רוסישנ צענטער. מיר האָבנ בעדייע אויסצונוצנ דעם אינהאלטרײַכנ בריוו פונעמ מאָסקווער באוועור, קעדיי אופצוקלערנ די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר אונ די אקטועלע אופגאבנ פונ דער פארטיי ביכלאל. פונ דעם בריוו איז צו זענ, אז די מיספארשטייענישנ, וואָס זײַנענ ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר, זײַנענ נאָר טיילווײַז א רעזולטאט פונ טעאָרעטישע ספייקעס.

דער אנדערער קוואַל זייערער איז די נײַע פֿראגע — א פֿראגע, וואָס פֿלעגט פֿריִער ניט געשטעלט ווערנ, — וועגנ די קעגנזײַטיקע פֿארהעלטענישנ צווישנ די „רעוואָלוציאָנערע פּויערים-קאָמיטעטנ" אונ די „סאָציאַל-דעמאָקראטישע קאָמיטעטנ", וועלכע ארבעטנ צווישנ דעמ פּויערטומ. שוינ די צעמ שטעלונג פֿונ דער דאָזיקער פֿראגע באווײַזט, אז די סאָציאַל-דעמאָקראטישע ארבעט צווישנ דעמ פּויערטומ האָט געמאכט א באדײַטנדיקנ שריט פֿאָרויס. אינ טאָג-סיידער ווערנ שוינ ארויסגערוקט פֿראגנ פֿארהעלטענישמעסיק דעטאלנ, וואָס זײַנענ ארויסגערופֿנ דורכ די פּראקטישע באדערפֿענישנ פֿונ דער „דאָרפֿישער" אגיטאציע, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ אײַנפֿונדעווענ אונ באקומענ פֿעסטע, סטאבילע פֿאָרמענ. אונ דער אווטאָר פֿונ דעמ בריוו פֿארגעסט ניט איינ מאָל, אז בײַמ ער מאכט דער רעזאָליוציע פֿונעמ צוזאמענפֿאָר פֿארוואורפֿנ, אז זי איז ניט קלאָר, זוכט ער, אינ טאָכ גענומענ, אנ ענטפֿער אפֿ אזא פֿראגע, וואָס דער פּארטיי-צוזאמענפֿאָר האָט זי ניט געשטעלט אונ ניט געקאָנט שטעלנ.

אזוי, לעמאָשל, איז ניט גאָר ריכטיק דעמ אווטאָרס מיינונג, אז אי דאָס פּראָפּאגאנדירנ אונדזערע אידייענ אי דאָס שטיצנ די פּויערים-באוועגונג זײַנענ מעגלעכ „בלויז" בא אנ אָרגאניזאציע אפֿ די ערטער. פֿארשטייט זיכ, אז אזעלכע אָרגאניזאציעס זײַנענ געווונטשנ אונ, באמ וווּקס פֿונ דער ארבעט, זײַנענ זיי נייטיק, אָבער די דאָזיקע ארבעט איז מעגלעכ אונ נייטיק אפֿילע דאָרט, ווו אזעלכע אָרגאניזאציעס זײַנענ ניטאָ. אינ דער גאנצער טעטיקײַט אונדזערער אפֿילע נאָר צווישנ דעמ שטאָטישנ פּראָלעטאריאט אליינ דארפֿנ מיר ניט ארויסלאָזנ פֿונ אויג די פּויערים-פֿראגע אונ מיר דארפֿנ פּאָפּוליאריזירנ די דערקלערונג, וועלכע עס האָט געמאכט די גאנצע פּארטיי פֿונעמ באוווּסטזיניקנ פּראָלעטאריאט, אינ געשטאלט פֿונעמ III צוזאמענפֿאָר: מיר שטיצנ דעמ פּויערים-אופֿשטאנד. די פּויערים דארפֿנ דאָס וויסנ — דורכ דער ליטעראטור, דורכ די ארבעטער, דורכ ספּעציעלע אָרגאניזאציעס אאוו. די פּויערים דארפֿנ וויסנ, אז דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פּראָלעטאריאט וועט זיכ ניט אָפּשטעלנ אינ דער דאָזיקער שטיצע פֿאר קיינ שומ קאָנפֿיסקאציע פֿונ דער ערד (דה. פֿאר עקספּראָפּריִרנ, ניט באלוינענדיק די אייגנטימער).

דער אווטאָר פֿונעמ בריוו הייבט דאָ אופֿ איינע א טעאָרעטישע פֿראגע: צי דארפֿ מענ באגרענעצנ מיט א באזונדער רעזאָלוציע די עקספּראָפּריִרונג פֿונ גרויסע גיטער פֿאר דעמ „פּויערשנ קליינבירגערלעכנ אייגנטומ". מיטנ פֿאָרלייגנ די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט אָבער דער אווטאָר ווילקירלעכ פֿארשמעלערט דעמ זינ פֿונ דער רעזאָליוציע פֿונעמ III צוזאמענפֿאָר. אינ דער רעזאָליוציע ווערט קיינ איינ וואָרט ניט געזאָגט וועגנ דעמ, אז די פּארטיי סאָציאַל-דעמאָקראטנ זאָל זיכ האָבנ פֿארפֿליכט צו שטיצנ דעמ אריבערגאנג פֿונ דער קאָנפֿיסקירטער ערד דאפֿקע אינ די הענט פֿונ קליינבירגערלעכע אייגנטימער. די רעזאָליוציע זאָגט: מיר שטיצנ „ביז צומ קאָנפֿיסקירנ", דה. ביז צומ אָפּנעמענ אָנ באלוינונג, אָבער די פֿראגע וועגנ דעמ, וועמענ אָפּגעבנ דאָס אָפּגענומענע, ווערט גאָר ניט געלייזט דורכ דער רעזאָליוציע. דאָס, וואָס די פֿראגע איז געבליבנ אָפֿנ, איז ניט קיינ צופֿעליקײַט: פֿונ די ארטיקלענ אינ דער צײַטונג „וופּעריאָד" (נומ. 11, 12, 15)[1] איז צו זענ, אז לייזנ

[1] זע ווערק, ב. VII, ז. 158, 170, 212 אונ 219. רעד.

פאַרוים די דאָזיקע פראגע האָט מענ געהאַלטנ פאַר ניט צוועקמעסיק. דאָרט איז אָנגעוויזנ געוואָרנ, לעמאָשל, אז בא א דעמאָקראטישער רעפּובליק קאָנ די סאָציאַל-דעמאָקראטיע קיינ נייִדער ניט געבנ און בינדנ זיך די הענט בענעגייע דער נאציאָנאַליזאציע פונ דער ערד.

אינדערעמעסנ, צומ אונטערשייד פונ די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ, איז פאַר אונדז דער שווערפּונקט איצט — די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע זייט פונ די פּויערימ-אויפשטאַנדנ און דאָס ספּעציעלע אָרגאַניזירנ דעמ דאָרפישנ פּראָלעטאַריאַט אינ א קלאַסנ-פּאַרטיי. ניט אינ קיינ פּראָזשעקטנ פונ „אַלגעמיינער איבערפּאַרטיילונג" («Черный передел») אָדער פונ נאציאָנאַליזאציע באשטייט איצט דער טאָכ פונ דער פראגע, נאָר אינ דעמ, אז דאָס פּויערטומ זאָל באַנעמענ און פאַרווירקלעכנ די רעוואָליוציאָנערע צעשטערונג פונ דער אַלטער אָרדענונג. דעריבער שטעלנ די סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ אזוי ענערגיש דעמ טראָפּ אויפ דער „סאָציאַליזאציע" אדג., און מיר אויפ די רעוואָליוציאָנערע פּויערימ-קאָמיטעטנ: אָנ זיי, זאָגנ מיר, זיינענ אַלע איבערגעשטאַלטונגענ — גאָרנישט. מיט זיי און שטיצנדיק זיך אויפ זיי איז מעגלעכ דער זיג פונעמ פּויערימ-אויפשטאַנד.

דעמ פּויערימ-אויפשטאַנד דאַרפנ מיר מיטהעלפנ אויפ אַלערליי אויפאַנימ, ביז צומ קאָנפיסקירנ די ערד, — אָבער קלאָל ניט ביז קאָלערליי קליינבירגערלעכע פּראָזשעקטנ. מיר שטיצנ די פּויערימ-באַוועגונג, אויפ וויפל זי איז רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטיש. מיר גרייטנ זיך (טאַקע שוינ, טייקעף גרייטנ מיר זיך) צו קעמפנ קעגנ איר, אויפ וויפל זי וועט ארויסטרעטנ אַלס רעאַקציאָנערע, אַנטיפּראָלעטאַרישע. דער גאַנצער טאָכ פונעמ מאַרקסיזמ ליגט אינ דער דאָזיקער צווייערלייקער אויפגאַבע, וועלכע עס קאָנענ פאַריינפאַכנ אָדער צונויפקוועטשנ אינ אַנ איינהייטלעכער און פּאַשעטער אויפגאַבע נאָר אַזעלכע מענטשנ, וואָס פאַרשטייענ ניט דעמ מאַרקסיזמ.

לאָמיר נעמענ א קאָנקרעטנ בייַשפּיל. לאָמיר זיך פאָרשטעלנ, אז דער פּויערימ-אויפשטאַנד האָט געזיגט. די רעוואָליוציאָנערע פּויערימ-קאָמיטעטנ און די צייטווייַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג (וואָס שטיצט זיך, טיילווייַז, טאַקע אויפ די דאָזיקע קאָמיטעטנ) קאָנ דורכפירנ וואָס פאַר א קאָנפיסקאציע פונעמ גרויס-באַזיץ איר ווילט. מיר זיינענ פאַר קאָנפיסקאציע, מיר האָבנ עס שוינ דערקלערט. וועמענ וועלנ מיר אָבער ראַטנ אָפּצוגעבנ די קאָנפיסקירטע ערד? דאָ האָבנ מיר זיך די הענט ניט געבונדנ און וועלנ זיך קיינמאָל ניט בינדנ מיט אַזעלכע מינע דערקלערונגענ, ווי די, וועלכע עס לייגט אומפאָרזיכטיק פאָר דער אַוטאָר פונ דעמ בריוו. דער אַוטאָר האָט פאַרגעסנ, אז אינ דער זעלביקער רעזאָלוציע פונעמ III צוזאַמענפאָר רעדט זיך וועגנ „אָפּרייניקנ פונ יעטווידע רעאַקציאָנערע צומישנ דעמ רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישנ אינהאַלט פונ דער פּויערימ-באַוועגונג", דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס: וועגנ דעמ, אז ס'איז נייטיק „אינ אַלע פאַלנ און בא אַלע אומשטענדנ א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאציע פונעמ דאָרפישנ פּראָלעטאַריאַט". אָט דאָס זיינענ אונדזערע דירעקטיוונ. רעאַקציאָנערע צומישנ אינ דער פּויערימ-באַוועגונג וועלנ

שטענדיק זײַנ, און מיר דערקלערנ זיי פּאָרויס א מילכאָמע. דער קלאסנ-אנטאגאָניזמ צווישנ דעמ דאָרפישנ פּראָלעטאריאט און דער פויערשער בורזשואזיע איז אומפּאר-מײַדלעכ, און מיר דעקנ אימ פּאָרויס אויפ, מיר קלערנ אימ אויפ, מיר גרייטנ זיכ צו א קאמפּ אפנ באָדנ פונ דעמ דאָזיקנ אנטאגאָניזמ. איינער פונ די מאָטיווו פאר אזא קאמפּ קאָנ זייער זײַנ די פראגע וועגנ דעמ: וועמענ און וויאזוי אוועקצוגעבנ די קאָנפיסקירטע ערד? און מיר פארטושנ ניט די דאָזיקע פראגע, מיר זאָגנ ניט צו קיינ אויסגלײַכערישע פארטיילונג, קיינ „סאָציאליזאציע“ אדג., נאָר מיר זאָגנ: מיר וועלנ נאָכ ערשט א קעמפּ טאָנ, מיר וועלנ ווידער א קעמפּ טאָנ, מיר וועלנ א קעמפּ טאָנ אפּ א נײַער ארענע און מיט אנדערע פארבינ-דעטע: דאָרט וועלנ מיר אומבאדינגט זײַנ מיטנ דאָרפישנ פּראָלעטאריאט, מיטנ גאנצנ ארבעטער-קלאס קעגנ דער פויערשער בורזשואזיע. פּראקטיש קאָנ עס באַ-טײַטנ, אז די ערד זאָל אריבערגיינ צו דעמ קלאס קליינע באלעבאטימ פויערימ, דאָרט, ווו עס פרעוואלירט דאָס פארקנעכטנדיקע, לײַבייגנטימערישע גרויס-אייגנטומ, ווו עס זײַנענ נאָכ ניטאָ קיינ מאטעריעלע באדינגונגענ פאר א גרויסער סאָציאליס-טישער פּראָדוקציע, אז נאציאָנאליזאציע, בא דעמ באדינג, אויב די דעמאָקראטישע רעוואָליוציע וועט פולשטענדיק זיגנ, אז דאָס איבערגעבנ די גרויסע קאפּיטאליסטי-שע גיטער צו אסאָציאציעס פונ ארבעטער, ווײַל פונ דער דעמאָקראטי-שער רעוואָליוציע וועלנ מיר טייקעפּ אָנהייבנ אריבערגיינ און פונקט לויט אונדזערע קויכעס נאָכ, לויט די קויכעס פונעמ באוווסטזיניקנ און אָרגאניזירטנ פּראָלעטאריאט, וועלנ מיר אָנהייבנ אריבערגיינ צו דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. מיר זײַנענ פאר אנ אָנופּהערלעכער רעוואָליוציע. מיר וועלנ זיכ ניט אָפּשטעלנ אפנ האלבנ וועג. אויב מיר זאָגנ ניט צו אָט גלײַכ שוינ און טייקעפּ אלערליי „סאָציאליזאציעס“, איז עס טאקע דערפאר, ווײַל מיר וייסנ די ווירקלעכע באדינגונגענ פונ דער דאָזיקער אויפגאבע און ניט מיר פארטושנ, נאָר מיר דעקנ אויפ דעמ נײַעמ קלאסנקאמפּ, וועל-כער רײַפט אָנ אינעווייניק אינעמ פויערטומ גופע.

צוערשט שטיצנ מיר ביזנ סאָפּ, מיט אלע מיטלענ, אײַנגעשלאָסנ אויכ קאָנפיס-קאציע, — דעמ פויער ביכלאל קעגנ דעמ פּאָרעצ, און דערנאָכ (און אפילע ניט דערנאָכ, נאָר גלײַכצײַטיק) שטיצנ מיר דעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דעמ פויער ביכ-לאל. בארעכענענ איצטער די קאָמבינאציע פונ די קויכעס אינעווייניק אינעמ פויערטומ „אפּ מאָרגנ“ נאָכ דער רעוואָליוציע (דער דעמאָקראטישער) — איז א פוסטע אוטאָפּיע. ניט ארײַנפאלנדיק אינ אוואנטיוריזמ, ניט פעלשנדיק אינ אונדזער וויסנשאפטלעכנ געוויסנ, ניט יאָגנדיק זיכ נאָכ ביליקער פּאָפּולאריטעט, קאָנענ מיר זאָגנ און מיר זאָגנ נאָר איינ זאכ: מיר וועלנ מיט אלע קויכעס העלפנ דעמ גאנצנ פויערטומ צו מאכנ די דעמאָקראטישע רעוואָליוציע, קעדיי דורכ דעמ זאָל לײַכטער זײַנ אונדז, דער פּארטיי פונעמ פּראָלעטאריאט, אריבערצוגיינ וואָס גיכער צו א נײַער און העכערער אויפגאבע — צו דער סאָציאליסטישער רע-וואָליוציע. פונעמ זיג פונעמ איצטיקנ פויערימ-אויפשטאנד זאָגנ מיר ניט צו קיינ שומ הארמאָניע, קיינ שומ אויסגלײַכערישקײַט, קיינ שומ „סאָציאליזאציע“, — פאר-קערט, מיר „זאָגנ צו“ א נײַעמ קאמפּ, נײַע אומגלײַכהײַט, א נײַע רעוואָליוציע, צו וועלכער מיר שטרעבנ טאקע. אונדזער לערע איז ניט אזוי „זיס“, ווי די באָבעמײַ-

סעמ פונ די סאָציאליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ, אָבער ווער עס וויל, אז מע זאָל אימ האָדעווענ נאָר מיט זיסינקעס, דער זאָל טאקע גיינ צו די סאָציאליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ; מיר וועלנ אזעלכע מענטשנ זאָגנ: האָט אייכ א גוטנ שליטוועגס.

דער דאָזיקער מארקסיסטישער שטאנדפונקט לייזט, לויט אונדזער מיינונג, אויכ די פראגע וועגנ קאָמיטעטנ. קיינ סאָציאל-דעמאָקראטישע פויערימ-קאָמיטעטנ דארפנ, לויט אונדזער מיינונג, ניט זיינ: אויב א סאָציאל-דעמאָקראטישער, הייסט עס, אז ניט נאָר א פויערשער; אויב א פויערשער, הייסט עס, ניט קיינ ריינ פראָלעטארישער, ניט קיינ סאָציאל-דעמאָקראטישער. עס איז פאראנ אָנ א שיר באלאָנימ צונויפצומישנ די דאָזיקע צוויי מעלאָכעס, מיר געהערנ ניט צו זיי. אומעטומ, וווּ מע קאָנ, וועלנ מיר שטרעבנ צו אָרגאניזירנ אייגענע קאָמיטעטנ, קאָמיטעטנ פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי. אהינ וועלנ ארייננ אי פויערימ, אי פאופערס, אי אינטעליגענטנ, אי פראָסטיטוטקעס (איינער אנ ארבעטער האָט בא אונדז ניט לאנג געפרעגט אינ א בריוו, פארוואָס זאָל מענ ניט אגיטירנ צווישנ די פראָסטיטוטקעס), אי סאָלדאטנ, אי לערער, אי ארבעטער, — מיט איינ וואָרט, אלע סאָציאל-דעמאָקראטנ, אונ קיינער ניט אויסער סאָציאל-דעמאָקראטנ. די דאָזיקע קאָמיטעטנ וועלנ פירנ די סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעט אינגאנצנ, אינ איר גאנצער ברייט, שטרעבנדיק, פונדעסטוועגנ, צו אָרגאניזירנ ספעציעל אונ באזונדער דעמ דאָרפישנ פראָלעטאריאט, ווייל די סאָציאל-דעמאָקראטיע איז די קלאסנ-פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט. האלטנ פאר א „ניט-אָרטאָדאָקסאלער" ארבעט דאָס אָרגאניזירנ דעמ פראָלעטאריאט, וואָס האָט זיכ נאָכ ניט אינגאנצנ אָפגערייניקט פונ די פארשיידענע רעשטלעכ פונ אמאָל, — איז דער גרעסטער טעות, אונ מיר וואָלטנ געוואָלט מיינענ, אז די שטעלנ פונעמ בריוו, וואָס זיינענ שייעכ דערצו, זיינענ באזירט אפ א פאשעטער מיספארשטייעניש. דער שטאָטישער אונ אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט וועט אומפארמיידלעכ זיינ דער גרונט-קערנ פונ אונדזער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי, אָבער צוציענ צו איר, אויפקלערנ, אָרגאניזירנ דארפנ מיר אלע ארבעטנדיקע אונ עקספלואטירטע, ווי עס זאָגט טאקע אונדזער פראָגראמ, אלעמענ אָנ אויסנאמ: אי קוסטארנ, אי פאופערס, אי אָרעמעלייט, אי דינערשאפט, אי באָסיאקעס, אי פראָסטיטוטקעס, — פארשטייט זיכ, בא דעמ נייטיקנ אונ אָבליגאטאָרישנ באדינג, אז זיי זאָלנ זיכ אָנשליסנ אָנ דער סאָציאל-דעמאָקראטיע, אונ ניט די סאָציאל-דעמאָקראטיע אָנ זיי, אז זיי זאָלנ אריבערגיינ אפנ שטאנדפונקט פונעמ פראָלעטאריאט, אונ ניט דער פראָלעטאריאט אפ זייער שטאנדפונקט.

היינט צוליב וואָס דארפ מענ דאנ האָבנ רעוואָליוציאָנערע פויערימ-קאָמיטעטנ? -- וועט פרעגנ דער לייענער. הייסט עס, אז מע דארפ זיי ניט האָבנ? ניינ, מע דארפ זיי יאָ האָבנ. אונדזער אידעאל איז: אומעטומ אינ די דערפער ריינ סאָציאל-דעמאָקראטישע קאָמיטעטנ, אונ דערנאָכ א פארשטענדיקונג צווישנ זיי מיט אלע רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע עלעמענטנ, גרופעס, קרייזלעכ פונעמ פויערטומ אפ צו שאפנ רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטנ. דאָ האָבנ מיר א פולע אנאלאָגיע מיט דער זעלבשטענדיקייט פונ דער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי אינ שטאָט אונ איר בונד מיט אלע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטנ צוליב די צוועקנ פונ

אופשטאנד. מיר זיינען פאר אן אופשטאנד פונעם פויערטום. מיר זיינען אומבאדינגט קעגן דער צונויפמישונג און צונויפגיסונג פון פארשיידנארטיקע קלאסן־עלעמענטן און פון פארשיידנארטיקע פארטייען. מיר זיינען דערפאר, אז צוליב די צוועקן פון אופשטאנד זאָל די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אונטערשטופן די גאנצע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטיע, אז זי זאָל דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע העלפן אָרגאניזירן זיך, אז זי זאָל גיין זייט־באַזייט מיט איר, אָבער ניט צונויפגיסנדיק זיך מיט איר, אף באריקאדעס אין די שטעט, — קעגן די פריצים און דער פאָליציי אין די דערפער.

די לעקציעס פונעמ מאָסקווער אופשטאנד[1]

דער בוכ: „מאָסקווע אינ דעקאבער 1905 יאָר“ (מ. 1906) איז דערשינענ אינ דער סאמע רעכטער צײַט. באזיניקנ די דערפארונג פונ דעמ דעקאבער-אופשטאנד איז אנ אקטועלע אופגאבע פונ דער ארבעטער-פארטיי. צומ באדויערנ, איז דער דאָזיקער בוכ — א פאס האָניק מיט א לעפל דזעגעכצ: דער מאטעריאל איז העכסט אינטערעסאנט, ניט געקוקט דערופ, וואָס ער איז ניט פול, — אונ די אויספירנ זײַנענ אויסערסט נאכלעסיקע, אויסערסט באנאלע. וועגנ די דאָזיקע אויספירנ וועלנ מיר נאָכ ריידנ ספּעציעל, אונ איצט לאָמיר זיכ ווענדנ צו דער איצטיקער פּאָליטישער טאָג-פראגע, — צו די לעקציעס פונעמ מאָסקווער אופשטאנד.

די הויפט-פאָרמ פונ דער דעקאבער-באוועגונג אינ מאָסקווע איז געווענ א פרידלעכער שטרײַק אונ דעמאָנסטראציעס. די קאָלאָסאלע מערהײַט פונ דער ארבעטער-מאסע האָט אקטיוו אָנטײלגענומענ נאָר אינ די דאָזיקע פאָרמענ פונ קאמפ. אָבער גראָד די דעקאבער-ארויסטרעטונג אינ מאָסקווע האָט באשײַמפערלעכ באוויזנ, אז דער אלגעמײנער שטרײַק, אלס זעלבשטענדיקע פאָרמ אונ הויפט-פאָרמ פונ קאמפ, האָט שוינ אָפּגעלעבט זײַנ צײַט, אז די באוועגונג רײַסט זיכ מיט א גוואלדיקער סטיכישער קראפט ארויס פונ אָט די שמאָלע ראמענ אונ ברענגט מיט זיכ א העכערע פאָרמ פונ קאמפ, דעמ אופשטאנד.

אלע רעוואָליוציאָנערע פארטייענ, אלע פארײנענ אינ מאָסקווע, האָבנ באמ דערקלערנ דעמ שטרײַק באנומענ אונ אפילע געפילט, אז ער וועט זיכ אומפארמײַדלעכ פארוואנדלענ אינ אנ אופשטאנד. דעמ 6-טנ דעקאבער האָט דער ראט פונ די ארבעטער-דעפּוטאטנ באשטימט: „שטרעבנ צו פארוואנדלענ דעמ שטרײַק אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד“. אינדערעמעסנ אָבער זײַנענ אלע אָרגאניזאציעס ניט געווענ צוגעגרייט דערצו, אפילע דער קאָאליציע-ראט פונ די קאמפס-דרוזשינעס האָט גערעדט (*דעמ 9-טנ דעקאבער*!) וועגנ אופשטאנד, ווי וועגנ עפּעס א ווײַטע זאכ, אונ דער גאסנ-קאמפ איז, אָנ ספק, געגאנגענ פארבײַ אימ אונ אויסער זײַנ אָנטייל. די אָרגאניזאציעס זײַנענ *אָפּגעשטאנענ* פונעמ וווּקס אונ שוווּנג פונ דער באוועגונג.

דער שטרײַק האָט גענומענ אויסוואקסנ אינ אנ אופשטאנד קודעמקאָל אונטערנ דרוק פונ די אָביעקטיווע באדינגונגענ, וועלכע האָבנ זיכ געשאפנ נאָכ אָק-

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 29-טנ אויגוסט 1906 יאָר אינ „פּראָלעטארי“ נומ. 2. רעד.

טיאַבער. מע האָט שוינ ניט געקאָנט טרעפֿנ די רעגירונג אומגעריכט דורכ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק, זי האָט שוינ געהאַט אָרגאַניזירט די קאָנטררעוואָליוציע, אַ גרייטע צו קריגס-אָפּעראַציעס. אי דער אַלגעמיינער גאַנג פֿונ דער רוסישער רעוואָליוציע נאָכ אָקטיאַבער אי דער סיידער פֿונ די געשעענישנ אינ מאָסקווע אינ די דעקאַבער-טעג האָבנ גלענצנדיק באַשטעטיקט איינע פֿונ מאַרקס' טיפֿע האַנאָכעס: די רעוואָליוציע גייט פֿאָרויס דורכ דעמ, וואָס זי שאַפֿט אַ קאָנסאָלידירטע אונ שטאַרקע קאָנטררעוואָליוציע, דה. זי צווינגט דעמ סוינע אָנצווענדנ אַלצ עקסטרעמערע שוצ-מיטלענ אונ אַזויאַרומ אַרבעט זי אויס אַלצ מעכטיקערע אָנפֿאַל-מיטלענ.

דעמ 7-טנ אונ 8-טנ דעקאַבער: אַ פֿרידלעכער שטרײַק, פֿרידלעכע מאַסנ-דעמאָנסטראַציעס. דעמ 8-טנ אינ אָוונט: די באַלאַגערונג פֿונ אַקוואַריומ. דעמ 9-טנ באַטאָג: דראַגונער שלאָגנ דעמ האַמוינ אַפֿ סטראַסטנאַיאַ-פּלאַצ; אינ אָוונט ווערט כאָרעוו געמאַכט פֿידלערס הויז. די שטימונג שטײַגט. דער ניט-אָרגאַניזירטער גאַסנ-האַמוינ בויט, אײַנגאַנצנ סטיכיש אונ ניט-זיכער, די ערשטע באַריקאַדעס.

דעמ 10-טנ: די אַרטילעריע הייבט אָנ שיסנ אינ די באַריקאַדעס אונ איבער די גאַסנ — אינ האַמוינ. באַריקאַדעס ווערנ געבויט אַלצ זיכערער, אונ דאָס זײַנענ שוינ ניט קיינ איינצל-פֿאַלנ, נאָר דורכויס אַ מאַסנ-דערשײַנונג. די גאַנצע באַפֿעלקערונג איז אַפֿ דער גאַס; די גאַנצע שטאָט אינ די הויפּט-צענטערס ווערט באַדעקט מיט אַ נעצ פֿונ באַריקאַדעס. אינ מעשעכ פֿונ עטלעכע טעג וויקלט זיכ פֿאַנאַנדער אַ פֿאַרעקשנטער פּאַרטיזאַנישער קאַמפּ פֿונ די דרוזשיניקעס קעגנ דעמ מיליטער, אַ קאַמפּ, וואָס האָט אויסגעמאַטערט דאָס מיליטער אונ האָט געצווּנגענ דובאַסאָוונ צו בעטנ ראַכמימ, מע זאָל אימ צושיקנ פֿרישע קויכעס. ערשט צומ 15-טנ דעקאַבער האָבנ די רעגירונגס-קרעפֿטנ באַקומענ אַ פֿולשטענדיקע איבערוואָג, אונ דעמ 17-טנ האָבנ די סעמיאָנאָווצעס צעגראָמירט פּרעסניע, די לעצטע פֿעסטונג פֿונעמ אופֿשטאַנד.

פֿונ אַ שטרײַק אונ דעמאָנסטראַציעס צו איינצלנע באַריקאַדעס. פֿונ איינצלנע באַריקאַדעס צומ מאַסנווײַזנ בויענ באַריקאַדעס אונ צו אַ גאַסנ-קאַמפּ קעגנ דעמ מיליטער. דער פּראָלעטאַרישער מאַסנ-קאַמפּ איז איבערנ קאָפּ פֿונ די אָרגאַניזאַציעס אַריבער פֿונעמ שטרײַק צו אַנ אופֿשטאַנד. דערינ באַשטייט די קאָלאָסאַלע היסטאָרישע דעראָבערונג פֿונ דער רוסישער רעוואָליוציע, — אַ דעראָבערונג, וואָס איז דערגרייכט געוואָרנ דורכנ דעקאַבער פֿונ 1905 יאָר; ווי אַלע פֿריערדיקע, האָט זי געקאָסט זייער גרויסע קאָרבאָנעס. די באַוועגונג איז פֿונ אַנ אַלגעמיינעמ פּאָליטישנ שטרײַק אופֿגעהויבנ געוואָרנ אַפֿ אַ העכערער שטופֿע. זי האָט געצווּנגענ די רעאַקציע צו דערגיינ אינ איר ווידערשטאַנד *ביזנ סאָפּ* אונ האָט דערמיט אינ אַ קאָלאָסאַלנ גראַד דערנעענטערט יענעמ מאָמענט, ווענ די רעוואָליוציע וועט אויכ דערגיינ ביזנ סאָפּ אינעמ אָנווענדנ אָנגריפֿ-מיטלענ. די רעאַקציע האָט *ניט וווּהינ* צו גיינ ווײַטער פֿונ צעשיסנ דורכ אַרטילעריע באַריקאַדעס, הײַזער אונ דעמ גאַסנ-האַמוינ. די רעוואָליוציע האָט נאָכ וווּהינ צו גיינ ווײַטער פֿונ די מאָסקווער דרוזשיניקעס, זי האָט נאָכ זייער אונ וווּהינ צו גיינ סײַ אינ דער ברייט סײַ אינ דער טיפֿ. אונ די רעוואָליוציע איז פֿונ דעקאַבער אָנ אַוועק ווײַט פֿאָרויס. די באַזיס פֿונעמ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס איז געוואָרנ אָנ אַ שיר ברייטער, — די שווערד דאַרפֿ איצט זײַנ אָפּגעשלײַפֿט נאָכ שאַרפֿער.

די ענדערונג אינ די אָביעקטיווע באַדינגונגענ פונעם קאַמפ, וועלכע האָט געפאָדערט אריבערצוגייַנ פונעם שטרייַק צום אופשטאַנד, האָט דער פראָלעטאַריאַט דערפילט פריִער איידער זייַנע אָנפירער. די פראַקטיק איז, ווי שטענדיק, געגאַנגענ פאָרויס פאַר דער טעאָריע. דער פרידלעכער שטרייַק אונ די דעמאָנסטראַציעס האָבנ גלייַכ אופגעהערט צו באַפרידיקנ די אַרבעטער, וועלכע האָבנ געפרעגט: אונ וואָס ווייַטער זייַנ? — וועלכע האָבנ געפאָדערט מער אַקטיווע האַנדלונגענ. די דירעקטיוו צו בויענ באַריקאַדעס איז געקומענ אינ די ראַיאָנענ מיט אַ קאָלאָסאַלער פאַרשפעטיקונג, דעמלט, ווענ אינ צענטער האָט מענ שוינ געבויט באַריקאַדעס. די אַרבעטער האָבנ זיכ מאַסנווייַז אַ נעמ געטאָנ צו דער אַרבעט, נאָר זיי האָבנ זיכ *דערמיט אויכ ניט באַפרידיקט*, זיי האָבנ געפרעגט: אונ וואָס וועט ווייַטער זייַנ? — זיי האָבנ געפאָדערט אַקטיווע האַנדלונגענ. מיר, די אָנפירער פונעם ס.=ד. פראָלעטאַריאַט, זייַנענ געווענ אינ דעקאַבער ענלעכ צו יענעמ קריגספירער, וואָס האָט אַזוי אומגעלומפערט פאַנאַנדערגעשטעלט זייַנע פאָלקנ, אַז דער גרעסטער טייל פונ זייַנ מיליטער האָט זיכ ניט באַטייליקט אַקטיוו אינ דער שלאַכט. די אַרבעטער=מאַסנ האָבנ געזוכט אונ האָבנ ניט געפונענ קיינ דירעקטיוונ וועגנ אַקטיווע מאַסנ=אַקציעס.

עס קאָנ אַזוי אַרום ניט זייַנ קיינ מער קורצזיכטיקע זאַכ, ווי פלעכאַנאָווס קוק, וועלכנ עס האָבנ אונטערגעכאַפט אַלע אָפּאָרטוניסטנ, אַז מע האָט ניט געדאַרפט אָנהייבנ דעמ ניט=צייַטמעסיקנ שטרייַק, אַז „מע האָט זיכ ניט געדאַרפט נעמענ צומ געווער“. פאַרקערט, מע האָט געדאַרפט מער אַנטשיידנ, ענערגיש אונ אָנגרייַפעריש נעמענ זיכ צומ געווער, מע האָט געדאַרפט אופקלערנ די מאַסנ, אַז עס איז אוממעגלעכ צו באַגייַנ זיכ נאָר מיט אַ פרידלעכנ שטרייַק אַליינ אונ אַז עס איז נייטיק אַ שרעקלאָזער אונ אָנראַכמאָנעסדיקער באַוואָפנטער קאַמפ. אונ איצט דאַרפנ מיר, ענדלעכ, אָפנ אונ הויכ אַפנ קאָל אָנערקענענ, אַז פאָליטישע שטרייַקנ זייַנענ ניט גענוג, מיר דאַרפנ אַגיטירנ אינ די ברייטסטע מאַסנ פאַר אַ באַוואָפנטנ אופשטאַנד, ניט צודעקנדיק די דאָזיקע פראַגע מיט קיינע שומ „פאָרלויפיקע שטופעס“, ניט אַרופוואַרפנדיק קיינ שומ שלייער. אויסבאַהאַלטנ פונ די מאַסנ די נייטיקייט פונ אַ פאַרצווייפלטער, בלוטיקער, אויסראָטערישער מילכאָמע, אַלס אומיטלבאַרע אופגאַבע פונ דער קומענדיקער אַרויסטרעטונג, הייסט אָפנאַרנ אי זיכ אי דאָס פאָלק.

אָט דאָס איז די ערשטע לעקציע פונ די דעקאַבער=געשעענישנ. די צווייטע לעקציע איז נוגע דעמ כאַראַקטער פונעמ אופשטאַנד, דעמ אויפנ פונ פירנ דעמ אופשטאַנד, די באַדינגונגענ פאַר דעמ, אַז דאָס מיליטער זאָל אַריבערגייַנ אַפ דער זייַט פונעמ פאָלק. בא אונדז אינעמ רעכטנ פליגל פונ דער פאַרטיי איז שטאַרק פאַרשפרייט אַ העכסט איינזייַטיקער קוק אַפ דעמ דאָזיקנ אַריבערגאַנג. מע קאָנ, הייסט עס, ניט קעמפנ קעגנ דעמ מאָדערנעמ מיליטער, מע דאַרפ, אַז דאָס מיליטער זאָל ווערנ רעוואָליוציאָנער. פאַרשטייט זיכ, אויב די רעוואָליוציע וועט ניט ווערנ קיינ מאַסנ=רעוואָליוציע אונ וועט ניט אַרייַנציִענ דאָס מיליטער גופע, קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זייַנ וועגנ אַנ ערנסטנ קאַמפ. פאַרשטייט זיכ, אַז אַרבעטנ צווישנ דעמ מיליטער דאַרפ מענ. מע טאָר זיכ אָבער ניט פאָרשטעלנ דעמ דאָזיקנ אַריבערגאַנג פונעמ מיליטער ווי עפעס אַ פּאַשעטנ, איינצלנעמ אַקט, וואָס קומט אַלס רעזולטאַט

פונ איבערצײַגונג, פונ אײנ זײַט, אונ פונ באַוווּסטזײַנ, פונ דער אַנדערער זײַט. דער מאָסקווער אופשטאַנד באַווײַזט אונדז באַשײַמפּערלעכ, ווי שאַבלאָנ אונ לעבנסלאָז עס איז אַזאַ קוק. די וואַקלונג פונעמ מיליטער, וואָס איז אומפאַרמײַדלעכ בײַ יעדער ווירקלעכער פאָלקס-באַוועגונג, ברענגט פאַקטיש בײַ דער פאַרשאַרפונג פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ צו אַנ עמעסנ **קאַמפּ פאַר דעמ מיליטער**. דער מאָסקווער אופשטאַנד באַווײַזט אונדז טאַקע דעמ סאַמע פאַרצווייפלטנ, דעמ סאַמע פאַרביסענעמ קאַמפּ צווישנ דער רעאַקציע אונ דער רעוואָליוציע פאַרנ מיליטער. דובאַסאָוו האָט אַלײנ דערקלערט, אַז בלויז אַפ 5 טויזנט פונ די 15 טויזנט מאַנ מיליטער אינ מאָסקווע קאָנ מענ זיכ פאַרלאָזנ. די רעגירונג האָט אײַנגעהאַלטנ די וואַקלדיקע דורכ די פאַרשיידנסטע, פאַרצווייפלטסטע מאָסמיטלענ: מע האָט זיי אײַנגערעדט, מע האָט זיי געכאַנפעט, מע האָט זיי אונטערגעקויפט, געטיילט זיי זייגערס, געלט אד"ג., מע האָט זיי אָנגעשיקערט מיט בראָנפנ, מע האָט זיי גענאַרט, מע האָט זיי געסטראַשעט, מע האָט זיי פאַרשפּאַרט אינ די קאַזאַרמעס, מע האָט זיי אַנטוואָפנט, מע האָט פונ צווישנ זיי דורכ פאַראַט אונ געוואַלט אַרויסגעריסנ יענע סאָלדאַטנ, וועלכע מע האָט געהאַלטנ פאַר די סאַמע אומזיכערע. אונ מע דאַרפ האָבנ מוט דירעקט אונ אָפנ מוידע צו זײַנ, אַז מיר זײַנענ אינ דער האָזיקער הינזיכט געווענ הינטערשטעליק לעגאַבע דער רעגירונג. מיר האָבנ ניט באַוויזנ אויסצוניצנ די קרעפטנ, וואָס מיר האָבנ געהאַט, אַפ צו פירנ פונקט אַזאַ אַקטיווע, דרייסטע, איניציאַטיווּפולע אונ אָנגרײַפערישע קאַמפּ פאַרנ וואַקלדיקנ מיליטער, ווי דאָס האָט געפירט אונ דורכגעפירט די רעגירונג. מיר האָבנ געגרייט אונ וועלנ נאָכ האַרטנעקיקער גרייטנ די אידייִשע „באַאַרבעטונג“ פונעמ מיליטער. מיר וועלנ אָבער זײַנ נעבעכדיקע פעדאַנטנ, אויב מיר וועלנ פאַרגעסנ, אַז אינ אַ מאָמענט פונ אופשטאַנד איז נייטיק אויכ אַ פיזישער קאַמפּ פאַרנ מיליטער.

דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט אונדז אינ די דעקאַבער-טעג געגעבנ אויסגעצייכנטע לעקציעס פונ אידייִשנ „באַאַרבעטנ“ דאָס מיליטער, — לעמאָשל, דעמ 8-טנ דעקאַבער אַפ סטראַסטנאַיאַ-פּלאַצ, ווענ דער המוינ האָט אַרומגערינגלט די קאַזאַקנ, האָט זיכ צונויפגעמישט מיט זיי, זיכ געברידערט מיט זיי אונ האָט זיי באַוועגט אַוועקצופאָרנ צוריק. אָדער דעמ 10-טנ אַפ פּרעסניע, ווענ צוויי מיידלעכ ארבעטערנס, וואָס האָבנ אינ אַ צענטויזנטקעפּיקנ המוינ געטראָגנ אַ רויטע פאָנ, האָבנ זיכ אַ וואָרפ געטאָנ אַנטקעגנ די קאַזאַקנ מיט געשרייענ: „הארגעט אונדז! לעבעדיקערהייט וועלנ מיר די פאָנ ניט אָפּגעבנ!“ אונ די קאַזאַקנ האָבנ זיכ פאַרלאָרנ אונ זײַנענ אַוועקגעריטנ בײַ די אויסגעשרייענ פונעמ המוינ: „לעבנ זאָלנ די קאַזאַקנ!“ אָט די מוסטערנ פונ געוואַגטקייט אונ העלדנמוט דאַרפנ אַפ שטענדיק פאַרקריצט ווערנ אינעמ באַוווּסטזײַנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

נאָר אָט זײַנענ בײַשפּילנ פונ אונדזער הינטערשטעליקייט לעגאַבע דובאַסאָוונ. דעמ 9-טנ דעקאַבער גייענ אַפ באָלשאַיאַ סערפּוכאָווסקאַיאַ גאַס סאָלדאַטנ מיט מאַרסעליעזע-געזאַנג צו פאַרייניקנ זיכ מיט די אופשטענדלער. די ארבעטער שיקנ צו זיי דעלעגאַטנ. אינ אײנ געלאָפּ לאָזט זיכ צו זיי מאַלאַכאָוו אַלײנ. די ארבעטער האָבנ פאַרשפּעטיקט, מאַלאַכאָוו איז געקומענ באַצײַטנס. ער האָט געהאַלטנ אַ הייסע רעדע, האָט אַרויסגערופנ אַ וואַקלונג בײַ די סאָלדאַטנ, האָט זיי אַרומגערינגלט מיט

דראַגונער, אָפּגעפירט אינ די קאַזאַרמעס און האָט זיי דאָרט פאַרשפּאַרט. מאַלאַכאָוו האָט באַוויזנ צו קומענ, און מיר האָבנ ניט באַוויזנ, כאָטש אינ מעשעכ פונ צוויי טעג האָבנ זיכ לויט אונדזער רופ אופגעהויבנ 150.000 מאַנ, וואָס האָבנ געקאָנט און געדאַרפט אָרגאַניזירנ די פּאַטרולירונג פונ די גאַסנ. מאַלאַכאָוו האָט אַרומגערינגלט די סאָלדאַטנ מיט דראַגונער, און מיר האָבנ ניט אַרומגערינגלט די מאַלאַכאָווס מיט קיינ באָמביסטנ. מיר האָבנ עס געקאָנט און האָבנ עס געדאַרפט טאָנ, און די ס.-ד. פּרעסע האָט שוינ לאַנג (די אַלטע „איסקראַ“) אָנגעוויזנ אָפ דעמ, אַז אויסראָטנ אָנ רחמנות די ציווילע און מיליטערישע נאַטשאַלניקעס איז אונדזער כויוו ביים אַנ אופשטאַנד. דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומענ אָפ באָלשאַיאַ סערפּוכאָווסקאַיאַ גאַס, האָט זיכ אָפּגענעמ אינ די הויפּט-שטריכנ איבערגעכאַזערט סײַ באַ די ניעסוויזשער קאַזאַרמעס, סײַ באַ די קרוטיצקער קאַזאַרמעס, סײַ באַ די פּרוּוונ פונעמ פּראָלעטאַריאַט „אַראָפּצונעמענ“ די יעקאַטערינאָסלאַווצעס, סײַ באַמ שיקנ דעלעגאַטנ צו די סאַפּיאָרנ קיינ אַלעקסאַנדראָוו, סײַ ביים מע האָט אומגעקערט צוריק די ראָסטאָווער אַרטילעריע, וועלכע מע האָט געהאַט געשיקט קיינ מאָסקווע, סײַ באַמ אַנטוואָפענענ די סאַפּיאָרנ אינ קאָלאָמנע און אַזוי ווײַטער. אינ מאָמענט פונעמ אופשטאַנד זײַנענ מיר ניט געשטאַנענ אָפ דער הייכ, וועלכע האָט זיכ געפאָדערט אינעמ קאַמפ פאַרנ וואַקלדיקנ מיליטער.

דעקאַבער האָט אָנשוילעכ באַשטעטיקט נאָכ איינ טיפע און פונ די אָפּאָרטוניסטנ פאַרגעסענע האַנאָכע פונ מאַרקסנ, וועלכער האָט געשריבנ, אַז אַנ אופשטאַנד איז אַ קונסט, און אַז דער הויפּט-קלאַל פונ אָט דער קונסט איז — אַ פאַרצווייפלט-דרייסטער, אַבסאָלוט אַנטשלאָסענער אָ נ ג ר י פ. מיר האָבנ ניט גענוג באַנומענ דעמ דאָזיקנ עמעס. מיר האָבנ ניט גענוג געלערנט זיכ און געלערנט די מאַסנ די דאָזיקע קונסט, אָט דעמ קלאַל פונ אָנגרײַפנ אומ יעדנ פּרײַז. מיר דאַרפנ איצט מיט דער גאַנצער ענערגיע אָנהאָלנ דאָס, וואָס מיר האָבנ דורכגעלאָזנ. עס איז ווייניק, וואָס עס זײַנענ פאַראַנ גרופּירונגענ בנוגע די פּאָליטישע לאָזונגענ, עס איז נאָכ נייטיק אַ גרופּירונג בנוגע צומ באַוואָפנטנ אופשטאַנד. ווער עס איז קעגנ אימ, ווער עס גרייט זיכ ניט צו אימ, — יענעמ דאַרפ מענ אָנ רחמנות אַרויסשלײַדערנ פונ דער צאָל אָנהענגער פונ דער רעוואָלוציע, אַרויסוואַרפנ צו אירע קעגנער, צו די פאַרעטער אָדער פּאַכדאָנימ, ווײַל עס דערנעענטערט זיכ דער טאָג, ווענ די קראַפט פונ די געשעענישנ, ווענ די קאַמפ-סיטואַציע וועט אונדז צווינגענ צו אונטערשיידנ סאָנימ און פרײַנט לויט אָט דעמ סימענ. ניט קיינ פּאַסיווקײַט דאַרפנ מיר פּריידיקנ, ניט קיינ פּאָשעטנ „וואַרטנ“, ווענ דאָס מיליטער וועט „אַריבערגיינ“, — ניינ, מיר דאַרפנ קלינגענ אינ אַלע גלעקער, אַז עס איז נייטיק אַ דרייסטער אָנגריפ און אָנפאַל מיט געווער אינ די הענט, אַז מע מוז דערבײַ אויסראָטנ די נאַטשאַלסטווע און פירנ דעמ סאַמע ענערגישנ קאַמפ פאַרנ וואַקלדיקנ מיליטער.

די דריטע גרויסע לעקציע, וואָס מאָסקווע האָט אונדז געגעבנ, איז בנוגע דער טאַקטיק און אָרגאַניזירונג פונ די קויכעס צומ אופשטאַנד. די קריגס-טאַקטיק הענגט אָפּ פונעמ ניוואָ פונ דער קריגס-טעכניק — דעמ דאָזיקנ עמעס האָט צעקײַט און אַרײַנגעלייגט די מאַרקסיסטנ אינ מויל אַרײַנ ענגעלס. די קריגס-טעכניק איז איצט ניט אַזאַ, ווי זי איז געווענ אינמיטנ XIX יאָרהונדערט. אָפּערירנ קעגנ אַרטילעריע

יוי א האמוינ און פארטיידיקנ באריקאדעס מיט רעוואָלווערנ וואָלט געווענ א נארישקייט. און קאוטסקי איז גערעכט געווענ, ווענ ער האָט געשריבנ, אז נאָכ מאָסקווע איז צײַט איבערצוקוקנ ענגעלסעס אויספירנ, אז מאָסקווע האָט ארויסגערוקט „א נײַע באריקאדנ-טאקטיק“. די דאָזיקע טאקטיק איז געווענ די טאקטיק פונ פארטיזאנישנ קריג. די אָרגאניזאציע, וואָס אזא טאקטיק פאָדערט, זײַנענ געווענ באוועגלעכע און גאָר קליינע אָטריאדנ: צענדליקער, דרײַלינגס, אפילע צווייילינגס. בא אונדז קאָנ מענ איצט גאנצ אָפט טרעפנ סאָציאל-דעמאָקראטנ, וואָס לאכנ אינ די הויפנס, ווענ מע רעדט וועגנ פינפלינגס און דרײַלינגס. לאכנ אינ די הויפנס איז אָבער זייער א ביליק מיטל צו פארמאכנ די אויגנ אפ דער נײַער פראגע וועגנ דער טאקטיק און אָרגאניזאציע, וואָס ווערט ארויסגערופנ דורכנ גאסנ-קאמפ בא דער מאָדערנער קריגס-טעכניק. לייענט זיכ גוט אײַנ אינ דער דערציילונג וועגנ דעמ מאָסקווער אופשטאנד, מײַנע הערנ, וועט איר פארשטיינ, וואָס פאר א שײַכעס עס האָבנ די „פינפטלינגס“ צו דער פראגע וועגנ דער „נײַער באריקאדנ-טאקטיק“.

מאָסקווע האָט ארויסגערוקט די דאָזיקע טאקטיק, נאָר זי האָט זי ווײַט ניט אנטוויקלט, ווײַט ניט פאנאנדערגעוויקלט אינ א ווײַל-ניט-איז ברייטנ, אינ א ווירקלעכנ מאסנ-פארנעמ. דרוזשיניקעס איז געווענ ווייניק, די ארבעטער-מאסע האָט ניט באקומענ קיינ לאָזונג אָנצופאלנ דרייסט און האָט אימ ניט אָנגעווענדט, דער כאראקטער פונ די פארטיזאנישע אָטריאדנ איז געווענ צו איינארטיק, זייער געווער און זייערע קאמפס-מעטאָדנ — ניט גענוג, זייער קענטשאפט אָנצופירנ מיטנ האמוינ — קימאט ניט אנטוויקלט. מיר דארפנ אָניאָגנ דאָס אלצ, און מיר וועלנ דאָס אָניאָגנ דורכ דעמ, וואָס מיר וועלנ זיכ לערנענ אפ דער דערפארונג פונ מאָסקווע, פארשפרייטנ די דאָזיקע דערפארונג צווישנ די מאסנ, ארויסרופנ די שעפערישקייט פונ די מאסנ גופע אינ דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ אָט דער דערפארונג. און יענער פארטיזאנישער קריג, יענער מאסנ-טעראָר, וועלכער גייט אינ רוסלאנד אומעטומ קימאט אָנ אופהער נאָכ דעקאבער, וועלנ אָנ ספק העלפנ אויסלערנענ די מאסנ ווי אָנצווענדנ א ריכטיקע טאקטיק אינעמ מאָמענט פונ אופשטאנד. די סאָציאל-דעמאָקראטיע דארפ אָנערקענענ און ארײַננעמענ אינ איר טאקטיק דעמ דאָזיקנ מאסנ-טעראָר, פארשטייט זיכ, אָרגאניזירנדיק און קאָנטראָלירנדיק אימ, אונטערווארפנדיק אימ צו די אינטערעסנ און באדינגונגענ פונ דער ארבעטער-באוועגונג און פונעמ אלגעמיינ-רעוואָליוציאָנערנ קאמפ, באזײַטיקנדיק און אָפהאקנדיק אָנ ראכמאָנעס יענע „לומפנ-פראָלעטארישע“ פארקריפלונג פונ דעמ דאָזיקנ פארטיזאנישנ קריג, מיט וועלכער עס האָבנ זיכ אזוי גלענצנד און אָנראכמאָנעסדיק אָפגערעכנט די מאָסקווער אינ די טעג פונ אופשטאנד און די לעטנ אינ די טעג פונ די בארימטע לעטישע רעפובליקנ.

די קריגס-טעכניק מאכט די סאמע לעצטע צײַט נאָכ נײַע שריט פאָרויס. די יאפּאַנישע מילכאָמע האָט ארויסגערוקט די האנט-גראנאטע. די געווער-פאבריק האָט ארויסגעלאָזנ אפנ מארק די אויטאָמאטישע ביקס. אי דאָס אי יענצ הייבט שוינ אָנ מיט דערפאָלג אָנגעווענדט ווערנ אינ דער רוסישער רעוואָליוציע, נאָר ווײַט ניט אינ קיינ גענוגנדיקער מאָס. מיר קאָנענ און מיר דארפנ אויסנוצנ די פארפולקומונג פונ דער טעכניק, אויסלערנענ די ארבעטער-אָטריאדנ גרייטנ מאסנווײַז באָמבעס, העלפנ

זיי און אונדזערע קאמפס-דרוזשינעס צו באזאָרגנ זיכ מיט אופרייס-שטאָפנ, צינדשנורנ און אווטאָמאטישע ביקסנ. באמ אָנטייל פונ דער ארבעטער-מאסע אינעמ שטאָטישנ אופשטאנד, בא א מאסנ-אָנפאל אפנ סוינע, בא אנ אנטשלאָסענעמ געשיקטנ קאמפ פארנ מיליטער, וואָס וואקלט זיכ נאָכ מער נאָכ דער דומע, נאָכ סוועאבאָרג און קראָנשטאדט, בא א געזיכערטנ אָנטייל פונעמ דאָרפ אינעמ אלגעמיינעמ קאמפ — וועט דער זיג אינעמ קומענדיקנ אלרוסלענדישנ באוואָפנטנ אופשטאנד זיינ אפ אונדזער זייט!

טאָ לאָמיר ברייטער פאנאנדערוויקלענ אונדזער ארבעט און דרייסטער שטעלנ אונדזערע אופגאבנ, באזיניקנדיק די לעקציעס פונ די גרויסע טעג פונ דער רוסלענדישער רעוואָליוציע. אינ גרונט פונ אונדזער ארבעט ליגט דער ריכטיקער דיסקאָנט פונ די אינטערעסנ פונ די קלאסנ און פונ די באדערפענישנ פונ דער אלגעמיינער פאָלקס-אנטוויקלונג אינ דעמ געגעבענעמ מאָמענט. ארומ דעמ לאָזונג: דאָס אראָפּווארפנ די צארישע מאכט און דאָס צונויפרופנ דורכ דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג די גרינדונגס-פארזאמלונג, גרופירנ מיר און וועלנ גרופירנ אלץ א גרעסערנ טייל פונעמ פראָלעטאריאט, פונעמ פויערטומ און פונעמ מיליטער. די אנטוויקלונג פונעמ באוווסטזיינ פונ די מאסנ בלייבט, ווי שטענדיק, די באזע און דער הויפט-אינהאלט פונ אונדזער גאנצער ארבעט. נאָר לאָמיר ניט פארגעסנ, אז אזעלכע מאָמענטנ, ווי דער, וועלכנ עס לעבט איבער רוסלאנד, גיבנ צו באזונדערע, ספעציעלע אופגאבנ צו דער דאָזיקער אלגעמיינער, שטענדיקער און גרונטיקער אופגאבע. לאָמיר זיכ ניט פארוואנדלענ אינ קיינ פעדאנטנ און פיליסטערנ, לאָמיר ניט פרווונ דורכ אינהאלטלאָזע פארופנ זיכ אפ אונדזערע שטענדיקע פליכטנ, וואָס בלייבנ אומפארענדערט בא אלע באדינגונגענ, אינ אלע צייטנ, ארויסדרייענ זיכ פונ די דאָזיקע ספעציעלע אופגאבנ פונעמ מאָמענט, פונ די דאָזיקע ספעציעלע אופגאבנ, וועלכע עס שטעלנ די געגעבענע קאמפס-פאָרמענ.

לאָמיר געדענקענ, אז עס דערנעענטערט זיכ א גרויסער מאסנקאמפ. דאָס וועט זיינ א באוואָפנטער אופשטאנד. ער דארפ, ווי וויט מעגלעכ, זיינ אנ איינצייטיקער. די מאסנ דארפנ וויסנ, אז זיי גייענ אפ א באוואָפנטנ, בלוטיקנ, פארצווייפלטנ קאמפ. פאראכטונג צומ טויט דארפ פארשפרייט ווערנ אינ די מאסנ און זיכערנ דעמ זיג. דער אָנגריפ אפנ סוינע דארפ זיינ דער סאמע ענערגישער; אָנפאלנ, און ניט פארטיידיקנ זיכ, דארפ ווערנ דער לאָזונג פונ די מאסנ, אויסראָטנ אָנ ראכמאָנעס דעמ סוינע — וועט ווערנ זייער אופגאבע; א קאמפס-אָרגאניזאציע וועט זיכ אויסבילדנ א באוועגלעכע און בייגעוודיקע; די וואקלדיקע עלעמענטנ פונעמ מיליטער וועלנ ארײַנגעצויגנ ווערנ אינ אקטיוונ קאמפ. די פארטיי פונעמ באוווסטזיניקנ פראָלעטאריאט דארפ אויספילנ איר כויוו אינ דעמ דאָזיקנ גרויסנ קאמפ.

וועגנ באָיקאָט [1]

די ס.=ד. פונעמ לינקנ פליגל דארפנ איבערקוקנ די פראגע וועגנ באָיקאָטירנ די מעלוכע=דומע. מע דארפ געדענקענ, אז מיר האָבנ די דאָזיקע פראגע שטענדיק גע=שטעלט קאָנקרעט, אָפהענגיק פונ דער באשטימטער פאָליטישער סיטואציע. לעמאָשל, דער „פראָלעטארי" (דער זשענעווער) האָט נאָכ געשריבנ, אז „עס וואָלט געווענ לעכערלעכ צו געבנ א גיידער ניט אויסצונוצנ אפילע די בוליגינישע דומע"[2], — ווענ זי וואָלט געקאָנט געבוירנ ווערנ. און מיקויעכ דער וויטע=דומע לייענענ מיר אינ דער בראָשור „די מעלוכע=דומע און די סאָציאל=דעמאָקראטיע", 1906 יאָר (פונ נ. לענינ און פ. דאנ), אינעמ ארטיקל פונ נ. לענינ: „מיר מוזנ אומבאדינגט אויפסניי, זאכלעכ, באהאנדלענ די פראגע וועגנ דער טאקטיק... די סיטואציע איז איצט ניט די זעלבע, וואָס ביים דער בוליגינישער דומע"[3].

דער הויפט=אונטערשייד צווישנ דער רעוואָליוציאָנערער און דער אָפאָרטוניסטי=שער ס.=דעמאָקראטיע אינ דער פראגע וועגנ באָיקאָט איז אָט וועלכער. די אָפאָרטו=ניסטנ באגרענעצנ זיכ מיט אָנווענדנ אינ אלע פאלנ איינ אלגעמיינעמ שאבלאָנ, וואָס זיי האָבנ אראָפגענומענ פונ א ספעציפישנ פעריאָד פונעמ דייטשישנ סאָציא=ליזמ. מיר דארפנ אויסנוצנ די פארטרעטונגס=אינסטיטוציעס, — די דומע איז א פארטרעטונגס=אינסטיטוציע, — הייסט עס, אז באָיקאָט איז אנארכיזמ און מע דארפ גיינ אינ דער דומע. מיט אזא קינדערש=איינפאכנ סילאָגיזמ פלעגנ שטענדיק אויסגעשעפט ווערנ אלע בקירעס פונ אונדזערע מענשעוויקעס און באזונדערס פלע=כאנאָווס בקירעס אפ דער דאָזיקער טעמע. די רעזאָליוציע פונ די מענשעוויקעס וועגנ דער באדייטונג פונ די פארטרעטונגס=אינסטיטוציעס אינ א רעוואָליוציאָנערער עפאָכע (זע נומער 2 „פארטייניע איזוועסטיא") באווייזט אויסערגעוויינלעכ רעליעפ אָט דעמ שאבלאָנעמ, אנטיהיסטאָרישנ כאראקטער פונ זייערע בקירעס.

פארקערט, די רעוואָליוציאָנערע ס.=ד. טראָגנ אריבער דעמ שווערפונקט פונ דער פראגע גראָד אפנ אופמערקזאמענ דיסקאָנטירנ די קאָנקרעטע פאָליטישע סיטואציע. עס איז אוממעגלעכ צו באגרייפנ די אויפגאבנ פונ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער

---

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 21=טנ אווגוסט 1906 יאָר אינ „פראָלעטארי" נומ. 1. רעד.

[2] זע ווערק, ב. VIII, ז. 145. רעד.

[3] זע ווערק, ב. IX, ז. 14. רעד.

עפּאָכע, ווען מע קאָפּירט דײַטשישע שאַבלאָנען, איינזײַטיק גענומענע פון דער לעצ־
טער צײַט, און מע פאַרגעסט דערבײַ די לעקציעס פון די יאָרן 1847—1848. עס
איז אומגלײַכע עפּעס־וואָס צו פאַרשטיין אינעם גאַנג פון אונדזער רעוואָלוציע,
אויב מע זאָל זיך באַגרענעצן מיט אַבסאָליוט הוילן קעגנשטעלן דעם „אַנאַרכיס־
טישן" באָיקאָט און דעם ס.־דעמאָקראַטישן אָנטייל אין די וואַלן. לערנט זיך, זײַט
אַזוי גוט, בײַ דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, מײַנע הערן!

די דאָזיקע געשיכטע האָט דערוויזן, אַז דאָס באָיקאָטירן די בוליגינישע דומע
איז געווען די איינציק ריכטיקע טאַקטיק, וואָס איז פולשטענדיק באַשטעטיקט גע־
וואָרן דורך די געשעענישן. ווער עס פאַרגעסט אָן דעם, ווער עס באַהאַנדלט די
פראַגע וועגן באָיקאָט און פאַרשווײַגט דערבײַ די לעקציעס פון דער בוליגינישער
דומע (ווי עס פאַרשווײַגן זיי שטענדיק די מענשעוויקעס), דער גיט זיך אַליין אַרויס
אַ פולשטענדיקע דאַלעס־צײַגעניש, דער באַשטעטיקט אַליין, אַז ער איז ניט אימ־
שטאַנד צו דערקלערן און דיסקאָנטירן איינע פון די וויכטיקסטע און רײַכסטע אין
געשעענישן עפּאָכעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די טאַקטיק פון באָיקאָט בע־
נעגייע דער בוליגינישער דומע האָט ריכטיק דיסקאָנטירט אי די שטימונג פונעם
רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אי די אָביעקטיווע ספּעציפישקײַטן פונעם מאָמענט,
וואָס האָבן געפירט צו דער־אומפאַרמײַדלעכקײַט פון אַ נאָענטן אַלגעמיינעם אויס־
ברוך.

לאָמיר אַריבערגיין צו דער צווייטער לעקציע פון דער געשיכטע, — צו דער
קאַדעטישער ווימע־דומע. איצט זײַנען זייער פאַרשפּרייט די משוּווע־רעדעס פון די
ס.־ד. אינטעליגענטן מיקוויעכ דעם באָיקאָט פון דער דאָזיקער דומע. דער פאַקט,
וואָס די דומע איז זיך צונויפגעקומען און האָט אומדירעקט געבראַכט, אָן
ספּעק, נוצן דער רעוואָלוציע, דער דאָזיקער פאַקט, מיינט מען, איז גענוג, אַז מע
זאָל האַלטן משוּווע־רעדעס און אָנערקענען, אַז דער באָיקאָט פון דער ווימע־דומע
איז געווען אַ פעלער.

אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אָבער ביז גאָר איינזײַטיק און קורצזיכטיק. ער נעמט ניט
אין אַכט אַ גאַנצע רײַ קאָלאָסאַל וויכטיקע פאַקטן פון דער עפּאָכע ביז דער ווימע־
דומע, בײַם איר עקזיסטענץ און נאָך דעם, ווי מע האָט זי פאַנאַנדערגעלאָזן. דער־
מאָנט זיך, אַז דער געזעץ וועגן די וואַלן צו דער דאָזיקער דומע איז דערשינען דעם
11־טן דעקאַבער, בײַם די אויפשטענדלער האָבן געפירט אַ באַוואָפנטן קאַמף פאַר אַ
גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דערמאָנט זיך, אַז אפילו די מענשעוויסטישע
„נאַטשאַלאָ" האָט דאַן געשריבן: „דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָראָפּשמײַסן די
ווימע־דומע פונקט אַזוי, ווי ער האָט אַראָפּגעשמיסן די בוליגינישע". בײַ אַזעלכע
באַדינגונגען האָט דער פּראָלעטאַריאַט ניט געקאָנט און ניט געטאָרט אָן אַ קאַמף
אָפּגעבן דעם צאַר די איניציאַטיוו פון צונויפרופן די ערשטע פאָרשטייערס־אינסטי־
טוציע אין רוסלאַנד. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געמוזט קעמפן קעגן דעם, אַז די
זעלבסטהערשונג זאָל זיך פאַרפעסטיקן דורך אַ האַלוואַ, פאַר וועלכער די ווימע־דומע
דינט אַלס אָרוועס. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געמוזט קעמפן קעגן די קאָנסטיטוציאָנעלע
אילוזיעס, וואָס אויף זיי איז אין פרילינג 1906 יאָר אײַנגאַנצן אויסגערעכנט געווען
די וואַל־קאַמפּאַניע פון די קאַדעטן און די וואַלן צווישן דעם פּויערטום. אין יענער

צײַט, בײַמ די באַדײַטונג פונ דער דומע איז אָנ א שיר איבערגעטריבנ געוואָרנ, איז אומעגלעכ געווענ צו פירנ אזא מינ קאמפ אנדערש, ווי דורכ באָיקאָט. ווי ווײַט ענג די פארשפרײטונג פונ די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס איז געווענ פארבונדנ מיטנ באַטייליקנ זיכ אינ דער וואל-קאמפאניע אונ אינ די וואלנ פרילינגס-צײַט פונ 1906 יאָר, קאָנ מענ בוילעטער פונ אלצ זענ אפנ בײַשפיל פונ אונדזערע מענשעוויקעס. עס איז גענוג צו דערמאָנענ זיכ, אז אינ דער רעזאָליוציע פונעמ 4-טנ (פאַרייניקונגס-) צוזאמענפאָר פונ דער רסדאפ איז די דומע אָנגערופנ געוואָרנ „מאכט", טראָצ די וואָרענונגענ פונ די באָלשעוויקעס! א צווייטער בײַשפיל: פלעכאנאָוו האָט מײַסע אוטאָריטעט געשריבנ: „די רעגירונג וועט זיכ אראָפּקײַקלענ אינ אנ אָפּגרונט, ווענ זי וועט צעטרײַבנ די דומע". ווי גיכ עס האָבנ זיכ באַשטעטיקט די ווערטער, וואָס זײַנענ דאנ געזאָגט געוואָרנ קעגנ אימ: מע דארפ זיכ גרייטנ אראָפּצוקײַקלענ דעמ סוינע אינ אָפּגרונט, אונ ניט לייגנ אפ א קאַדעטישנ מאניר קיינ האָפענונגענ אפ דעמ, אז ער וועט אלײנ פונ זיכ „אראָפּקײַקלענ זיכ" אינ אָפּגרונט[1].

דער פראָלעטאריאט האָט געמוזט מיט אלע קויכעס פארמײַדיקנ זײַנ זעלבשטענדיקע טאקטיק אינ אונדזער רעוואָליוציע, נעמלעכ: צוזאמענ מיטנ באוווסטזיניקנ פויערטומ קעגנ דער וואקלדיקער אונ פארעטערישער ליבעראל-מאָנארכיסטישער בורזשואזיע. אונ די דאָזיקע טאקטיק איז אומעגלעכ געווענ בײַמ די וואלנ צו דער וויטע-דומע מאכמעס א גאנצער רײ באַדינגונגענ, סײַ אָביעקטיווע סײַ סוביעקטיווע, — באַדינגונגענ, וועלכע האָבנ געבראכט דערצו, אז פאר דער קאָלאָסאלער מערהײט געגנטנ פונ רוסלאנד האָט דאָס באַטייליקנ זיכ אינ די וואלנ באַטײַט, אז די ארבעטער-פארטיי שטיצט שטילערהייט די קאדעטנ. דער פראָלעטאריאט האָט ניט געקאָנט אונ ניט געטאָרט אָננעמענ די האלביקע אונ קינסטלעכ אויסגעטראכטע טאקטיק, וואָס באַזירט זיכ אפ „שפיצלעכ" אונ אפ פארלאָרנקײַט, א טאקטיק פונ ווײַלנ גלאט אינ דער וועלט ארײַנ, פונ ווײַלנ צו דער דומע ניט צוליב דער דומע. אונ דאָס איז דאָכ א היסטאָרישער פאקט, וואָס קיינע שומ פרווונ פונ די מענשעוויקעס צו פארשווײַגנ אימ, צו מאכנ זיכ ניט זעענדיק אונ ניט הערנדיק, וועלנ אימ ניט באַזײַטיקנ, — עס איז דאָכ א פאקט, אז קיינער פונ זײ, אונ אפילע פלעכאנאָוו, האָט ניט געקאָנט רופנ דורכ דער פרעסע צו דער דומע. עס איז א פאקט, אז אינ דער פרעסע האָט מענ ניט געהערט קיינ איינ רופ צו גײנ אינ דער דומע. עס איז א פאקט, אז אינעמ פלוגבלעטל פונעמ פארייניקטנ צק רסדאפ האָבנ די מענשעוויקעס אלײנ אָפיציעל אָנערקענט דעמ באָיקאָט אונ האָבנ דעמ גאנצנ שטרײַט אויסגעלאָזט בלויז צו דעמ, אפ וואָס פאר א סטאדיע מע דארפ באָיקאָטירנ. עס איז א פאקט, אז דעמ שווערפונקט האָבנ די מענשעוויקעס געלייגט ניט אפ די וואלנ צו דער דומע, נאָר אפ די וואלנ אנ אונ פאר זיכ, אפילע אפנ פראָצעס פונ די וואלנ, אלס אנ אָרגאניזאציע צוליבנ אויפשטאנד, צוליבנ אראָפּשמײַסנ די דומע. די געשעענישנ ווידער האָבנ גראָד דערוויזנ, אז עס איז אומעגלעכ צו פירנ א

[1] זע לענינס ארטיקל „וואָס דענקט דער ב' פלעכאנאָוו וועגנ דער טאקטיק פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע?", ווערק, ב. IX, ז. 306. רעד.

מאסנ־אגיטאציע ביים די וואלנ אונ עס איז יאָ פאראנ א געוויסע מעגלעכקײט צו פירנ אנ אגיטאציע צווישנ די מאסנ נאָר פונ דער דומע גופע.

ווער עס וועט פרווונ ווירקלעכ נעמענ אינ אכט אונ דיסקאָנטירנ אָט די אלע קאָמפליצירטע פאקטנ, סײַ די אָביעקטיװע סײַ די סוביעקטיװע, דער וועט דערזענ, אז קאווקאז איז געװענ בלויז אנ אויסנאם, וואָס האָט באשטעטיקט דעם אלגעמײנעם קלאל; דער וועט דערזענ, אז די טשווּוע־רעדעס אונ דאָס דערקלערנ דעם באָיקאָט מיט „יונגנ טעמפעראמענט" — זײַנענ זייער א באגרענעצטע, אויבערפלעכלעכע אונ קורצזיכטיקע אָפּשאצונג פונ די געשעענישנ.

דאָס, וואָס די דומע איז פאנאנדערגעלאָזט געוואָרנ, האָט איצט אָנשוילעכ באַוויזנ, אז אינ די באדינגונגענ פונ פרילינג 1906 יאָר איז דער באָיקאָט אָנ צווייפל געװענ, ביכלאל גערעדט, א ריכטיקע טאקטיק אונ האָט געבראכט נוצנ. בלויז דורכנ באָיקאָט האָט די סאָציאל־דעמאָקראטיע אינ די דעמלטיקע אומשטענדנ געקאָנט אויספילנ איר כויוו: נעמלעכ, געבנ דעם פאָלק יענע נייטיקע וואָרענונגענ מיקויעכ דער צארישער קאָנסטיטוציע, יענע נייטיקע קריטיק פונ דער קאדעטישער שארלאטאנערײַ ביים די וואלנ, וועלכע (די קריטיק אונ וואָרענונגענ) זײַנענ גלענצנדיק באשטעטיקט געוואָרנ דורכ דעם, וואָס די דומע איז פאנאנדערגעלאָזט געוואָרנ.

אָט איז א קלײנער בײַשפּיל אפ צו אילוסטרירנ דאָס אויבנ געזאָגטע. דער ה' וואָדאָוואָזאָוו, אָט דער האלבער קאדעט, האלבער מענשעוויק, איז פרילינג 1906 יאָר געשטאנענ שטאָל־אונ־אײַזנ פאר די וואלנ אונ פאר שטיצנ די קאדעטנ. נעכטנ (דעם 11־טנ אווגוסט) האָט ער געשריבנ אינ „טאָווארישטש"[1], אז די קאדעטנ „האָבנ געוואָלט זײַנ א פארלאמענטארישע פארטיי אינ א לאנד, וואָס האָט ניט קיינ פארלאמענט, אונ א קאָנסטיטוציאָנעלע פארטיי אינ א לאנד, וואָס האָט ניט קיינ קאָנסטיטוציע", אז „דעם גאנצנ כאראקטער פונ דער פארטיי קאדעטנ האָט באַשטימט דער גרונט־ווידערשפרוכ צווישנ דער ראדיקאלער פראָגראם אונ דער אבסאָליוט ניט ראדיקאלער טאקטיק".

קיינ גרעסערנ טריומפ, ווי אָט די אָנערקענונג פונ א לינקנ קאדעט אָדער רעכטנ פלעכאנאָווצ, האָבנ די באָלשעוויקעס גאָר ניט געקאָנט זיכ ווינטשנ.

אָבער, אָפּוואַרפנדיק קאטעגאָריש די קליינמוטיקע אונ קורצזיכטיקע טשווּוע־רעדעס, אָפּוואַרפנדיק דאָס נאַיווע דערקלערנ דעם באָיקאָט מיט „יונגנ טעמפעראמענט", זײַנענ מיר ווײַט פונעם געדאנק ניט צו אָנערקענענ די נײַע לעקציעס פונ דער קאדעטישער דומע. מוירע האָבנ עפּנטלעכ צו אָנערקענענ אונ דיסקאָנטירנ אָט די נײַע לעקציעס וואָלט געװענ פעדאנטיזם. די געשיכטע האָט באוויזנ, אז ווענ די דומע קומט זיכ צונויפ, שאפט זיכ א מעגלעכקײט צו פירנ א נוצלעכע אגיטאציע פונ אינעווייניק פונ דער דומע אונ ארום איר; — אז די טאקטיק פונ דערנעענטערנ זיכ מיטנ רעוואָליוציאָנערנ פויערטום קעגנ די קאדעטנ איז מעגלעכ אינעווייניק אינ דער דומע. דאָס זעט אויס ווי א פאראדאָקס, נאָר אזא איז, אָנ צווייפל, די איראָניע פונ דער געשיכטע: גראָד די קאדעטישע דומע האָט באזונדערס אָנשוילעכ באוויזנ די

[1] „טאָווארישטש" — א צײַטונג, וואָס איז דערשינענ באמ נאָענטסטנ אָנטייל פונ די געוועזענע „עקאָנאָמיסטנ" פּראָקאָפּאָוויטש אונ קוסקאָווא. די צײַטונג האָט געשפילט די ראָליע פונ א „לינקנ" פליגל פונ די קאדעטנ. רעד.

מאסנ, ווי ריכטיק עס איז אָט די „אנטיקאדעטישע“, וועלנ מיר זאָגנ פונ קורצקײַט וועגנ, טאקטיק. די געשיכטע האָט אָנ ראכמאָנעס אָפּגעוואָרפנ אלע קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס אונ דעמ גאנצנ „גלויבנ אינ דער דומע“, די געשיכטע האָט אָבער אבסאָליוט דערוויזנ, אז אזא אינסטיטוציע ברענגט דער רעוואָליוציע א געוויסנ האנאע א באשיידענעמ, נוצנ, אלס טריבונע פאר אגיטאציע, אלס טריבונע אפ צו דעמאסקירנ דעמ עכטנ „מעהוס“ פונ די פאָליטישע פארטייענ אאוו.

פונדאנענ קומט דער אויספיר. עס וואָלט געווענ לעכערלעכ צו פארמאכנ די אויגנ אָפ דער ווירקלעכקײַט. גראָד איצט איז געקומענ די צײַט, ווענ די רעוואָליוציאָנערע ס.-ד. דארפנ אופהערנ צו זײַנ באָיקאָטיסטנ. מיר וועלנ זיכ ניט אָפּזאָגנ צו גײנ אינ דער צווייטער דומע, ווענ (אָדער: „אויב“) זי וועט צונויפגערופנ ווערנ. מיר וועלנ זיכ ניט אָפּזאָגנ אויסצונוצנ אָט די ארענע פונ קאמפ, קלאל ניט איבערטרײַבנדיק איר באשיידענע באדײַטונג, נאָר, פארקערט, אפנ סמאכ פונ דער דערפארונג, וואָס די געשיכטע האָט שוינ געגעבנ, אינגאנצנ אונטעראָרדנענדיק זי אנ אנדער מינ קאמפ — דעמ קאמפ דורכ א שטרײַק, אנ אופשטאנד אדג. מיר וועלנ צונויפרופנ דעמ פינפטנ פארטיי-צוזאמענפאָר; מיר וועלנ אפ אימ באשטימענ, אז אינ פאל פונ וואלנ איז נייטיק א וואל-פארשטענדיקונג אפ עטלעכע וואָכנ מיט די טרודאָוויקעס (ניט האָבנדיק צונויפגערופנ דעמ פינפטנ פארטיי-צוזאמענפאָר, איז אוממעגלעכ צו פירנ סאָלידאר די וואל-קאמפאניע, אונ יעטווידע „בלאָקנ מיט אנדערע פארטייענ“ זײַנענ לויט דער באשטימונג פונעמ פערטנ צוזאמענפאָר קאטעגאָריש פארבאָטנ). אונ מיר וועלנ דאנ צעקלאפנ די קאדעטנ אפ פיצ-פיצלעכ.

דער דאָזיקער אויספיר שעפט נאָכ אָבער ווײַט-ווײַט ניט אויס די גאנצע קאָמפליצירטקײַט פונ דער אופגאבע, וואָס שטייט פאר אונדז. מיר האָבנ בעקיוונ אונטערגעשטראָכנ די ווערטער „אינ פאל פונ וואלנ“ אדג. מיר ווייסנ נאָכ ניט, צי עס וועט צונויפגערופנ ווערנ די צווייטע דומע, ווענ וועלנ זײַנ וואלנ, ווי וועלנ אויסזענ די וואלרעכט; וואָס פאר א סיטואציע וועט דאנ זײַנ. אונדזער אויספיר לײַדט דעריבער פונ מאקסימאלער אלגעמיינקײַט: ער איז נייטיק, קעדיי אונטערצוציענ א סאכאקל פונ דער פארגאנגענהײַט, קעדיי צו דיסקאָנטירנ די לעקציעס פונ אָט דער פארגאנגענהײַט, קעדיי ריכטיק אוועקצושטעלנ די צוקינפטיקע פראגנ פונ טאקטיק, ער איז אָבער אבסאָליוט נאָכ ניט גענוג אפ צו לייזנ די קאָנקרעטע אופגאבנ פונ דער נאָענטסטער טאקטיק.

בלויז די קאדעטנ אונ קאָלערליי „קאדעטנארטיקע“ פארשוינענ קאָנענ בא הײַנטיקנ טאָג זיכ צופרידנשטעלנ מיט אזא אויספיר, שאפנ פאר זיכ א „לאָזונג“ פונ זיפצענישנ נאָכ דער נײַער דומע, סטארענ זיכ דערווײַזנ דער רעגירונג, אז עס איז ווינטשנסווערט וואָס גיכער צונויפצורופנ זי אדג. בלויז באוווסטזיניקע אָדער אומבאוווסטזיניקע פארעטער פונ דער רעוואָליוציע קאָנענ ריכטנ איצט אלע אָנשטרענגונגענ אפ דעמ, אז דער אומפארמײַדלעכער נײַער אופשטײַג פונ דער שטימונג אונ אופרעגונג זאָל געפינענ זײַנ אויסדרוק גראָד אינ די וואלנ, אונ ניט אינעמ קאמפ דורכ אנ אלגעמיינעמ שטרײַק אונ אנ אופשטאנד.

מיר זײַנענ צוגעקומענ צומ איקער פונ דער פראגע וועגנ דער איצטיקער ס.-ד. טאקטיק. דער טאָכ פונ דער פראגע באשטייט איצט לאָבלוטנ ניט אינ דעמ, צי מע

זאָל זיכ ביכלאַל באַטייליקנ אינ די וואַלנ. זאָגנ דאָ: „יאָ“ אָדער „ניינ“ באַטײַט נאָכ לאַכלוטנ גאָרנישט ניט זאָגנ וועגנ דער גרונט=אויפגאַבע פונעם מאָמענט. די פּאָליטישע לאַגע אינ אווגוסט 1906 יאָר איז אויסערלעכ ענלעכ אַפ דער לאַגע אינ אווגוסט 1905 יאָר, נאָר פאַר אָט דער צײַט איז געמאַכט געוואָרנ א קאָלאָסאַלער שריט פאָרויס: עס זײַנענ א סאַכ פּינקטלעכער פעסטגעשטעלט אי די קרעפטנ, וואָס קעמפנ אַפ דער און אַפ יענער זײַט, אי די פאָרמענ פונ קאַמפ, אי אייניקע טערמינענ, וואָס זײַנענ נייטיק פאַר דער אָדער יענער, אויב מע קאָנ זיכ אזוי אויסדריקנ, סטראַטעגישער באַוועגונג.

דער פּלאַנ פונ דער רעגירונג איז קלאָר. זי האָט אַבסאָלוט ריכטיק אויסגערעכנט, ביים זי האָט באַשטימט דעם טערמינ פונ צונויפרופנ די דומע און האָט, *טראָץ דעם געזעץ*, ניט באַשטימט דעם טערמינ פונ די וואַלנ. די רעגירונג וויל זיכ ניט בינדנ די הענט און אופדעקנ אירע קאָרטנ. 1=טנס, געווינט זי צײַט אַפ צו באַרעכענ זיכ וועגנ ענדערנ דעם וואַל=געזעצ. 2=טנס, — און דאָס איז דער איקער — האַלט זי אינ רעזערוו דאָס באַשטימענ דעם טערמינ פונ די וואַלנ אַפ אזא מאָמענט, ווענ עס וועט פולשטענדיק קאָנענ פעסטגעשטעלט ווערנ דער כאַראַקטער פונעם נײַעם אופשטײַג און זײַנ קראַפט. די רעגירונג וויל באַשטימענ די נײַע וואַלנ גראָד אַפ אזא טערמינ (און מעגלעכ אויכ אינ אזא פאָרמ, דה. אזוינע אָדער אנדערע וואַלנ), קעדיי צו *צעברעקלענ און אָנמעכטיק מאכנ דעם זיכ אָנהייבנדיקנ אופשטאַנד*. די רעגירונג דענקט ריכטיק: אויב אַלצ וועט גיינ רויִק, וועלנ מיר, עפשער, אינגאַנצנ ניט צונויפרופנ קיינ דומע, אָדער מיר וועלנ זיכ אומקערנ צו בוליגינס געזעצנ. און אויב עס וועט זײַנ א שטאַרקע באַוועגונג, וועט מענ קאָנענ א פרוּוו טאָנ צעברעקלענ זי דורכ דעמ, וואָס מע וועט צײַטווײַליק באַשטימענ וואַלנ און מיט די דאָזיקע וואַלנ פאַרנארנ און אָפציִענ פונ דירעקטנ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ די אָדער יענע פּאַכדאָנים אָדער נאַיִווע מענטשנ.

די ליבעראַלע טעמפּע קעפּ (זע דעמ „טאָוואַרישטש“ און „רעטש“) פאַרשטייענ אזוי ווײַט ניט די לאַגע, אַז זיי קריכנ אַליינ אינ די נעצנ, וואָס די רעגירונג צעשטעלט. זיי קריכנ פונ דער הויט, באַמיִענדיק זיכ צו „דערווײַזנ“, ווי נייטיק עס איז די דומע און ווי *געוווּנטשנ* עס איז, אַז דער אופשטײַג זאָל געצילט ווערנ אַפ די וואַלנ. אָבער אפילע זיי קאָנענ ניט אָפּלייקענענ, אז די פראַגע וועגנ דער פאָרמ פונעם נאָענטסטנ קאַמפ וועט נאָכ פאַרבלײַבנ אָפנ. דער הײַנטיקער נומער „רעטש“ (פונ 12=טנ אווגוסט) אָנערקענט: „וואָס פאַר א וואָרט די פויערים וועלנ זאָגנ אינ האַרבסט... איז נאָכ דערווײַל ניט באַוווּסט“. „ביז סענטיאַבער—אָקטיאַבער, קאָלזמאַנ עס וועט ענדגילטיק קלאָר ווערנ די שטימונג פונ די פויערים, איז שווער צו מאכנ וועלכע=ניט=איז אַלגעמיינע פּראָגנאָזנ“.

די ליבעראַלע בורזשואַ זײַנענ טרײַ זיכ אַליינ. אקטיוו מיטהעלפנ אויסצוקלײַבנ די פאָרמענ פונ קאַמפ, פעסטצושטעלנ די שטימונג פונ די פויערים אינ דער אָדער אינ יענער ריכטונג, ווילנ זיי ניט און קאָנענ ניט. די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע פאָדערנ, אַז די אַלטע מאַכט זאָל ניט אראָפּגעוואָרפנ ווערנ, נאָר בלויז, אַז זי זאָל אָפּגעשוואַכט ווערנ און עס זאָל באַשטימט ווערנ א ליבעראַל מיניסטעריום.

די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט פאָדערנ, אז די אלטע, צארישע מאכט זאָל אינגאנצנ אראָפּגעוואָרפנ ווערנ אונ עס זאָל צונויפגערופנ ווערנ א גרינדונגס=פאר־זאמלונג, וואָס זאָל האָבנ די פולע מאכט. די אינטערעסנ פונ פראָלעטאריאט פאָדערנ די סאמע אקטיווע ארײַנמישונג אינ פעסטשטעלנ די פויערשע שטימונג, אינ אויסקלײַבנ די אנטשיידנסטע פאָרמענ פונ קאמפ אונ דעמ פאסיקסטנ מאָמענט פאר דעמ דאָ־זיקנ קאמפ. מיר טאָרנ בעשומ אופנ ניט אראָפּנעמענ, ניט פארטושירנ דעמ לאָזונג: צונויפרופנ די גרינדונגס=פארזאמלונג אפ א רעוואָליוציאָנערנ אופנ, דה. דורכ א צײַטווײַליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג. אלע אָנשטרענגונגענ דארפנ מיר ווענדנ אפ קלאָר מאכנ די באדינגונגענ פונעמ אופשטאנד, — פארייניקנ אימ מיטנ שטרײַקנ=קאמפ, קאָנסאָלידירנ אונ צוגרייטנ אלע רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ צוליב אָט דעמ ציל אאוו. מיר דארפנ מיט דער גאנצער אנטשיידנקײַט זיכ שטעלנ אָט אפ דעמ וועג, וועלכער איז אָנגעמערקט אינ די באוווסטע אופרופנ „צו דער ארמיי אונ צומ פלאָט" אונ „צומ גאנצנ פויערטומ", אופרופנ, וועלכע עס האָט אונטערגעשריבנ דער „בלאָק" פונ אלע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס, דערונטער אויכ די ארבעט־גרופע („טרודאָוואיא גרופא"). מיר דארפנ, צולעצט, באזונדערס זאָרגנ וועגנ דעמ, אז דער רעגירונג זאָל זיכ דורכנ באשטימענ וואלנ בעשומ אופנ ניט אײַנגעבנ ניט צו צעברעקלענ, ניט אָפּצושטעלנ, ניט אָפּצושוואכנ דעמ זיכ אָנהייבנדיקנ אופשטאנד. אינ אָט דער הינזיכט דארפנ פאר אונדז אבסאָליוט אָבליגאטאָריש זײַנ די לעקציעס פונ דער קאדעטישער דומע, לעקציעס, וואָס באשטייענ דעריננ, אז די דומע־קאמפאניע איז אנ אונטערגעאָרדנטע, צווייטראנגיקע פאָרמ פונ קאמפ, אונ אלס הויפט=פאָרמ פארבלײַבנ — מאכמעס די אָביעקטיווע באדינגונגענ פונעמ מאָמענט — די אומיטלבאר רעוואָליוציאָנערע באוועגונגענ פונ די ברייטע פאָלקס=מאסנ.

פארשטייט זיכ, אז אָט אזא אונטעראָרדענענ די דומע=קאמפאניע אונטער דעמ הויפט=קאמפ, דאָס שטעלנ די דאָזיקע קאמפאניע אפנ צווייטנ אָרט אפנ פאל, טאָ־מער ענדיקט זיכ ניט גוט די שלאכט אָדער טאָמער פארציט זיכ עס מיט דער שלאכט ביזנ פרווו פונ א צווייטער דומע, — אָט די טאקטיק קאָנ מענ, אויב איר ווילט, אָנרופנ די אלטע באָיקאָטיסטישע טאקטיק. פאָרמעל קאָנ מענ אזא נאָמענ פארטיידיקנ, ווײַל, אויב מע זאָל ניט רעכענענ די שטענדיק אָבליגאטאָרישע ארבעט פונ אגיטאציע אונ פראָפּאגאנדע, לאָזט זיכ „די צוגרייטונג צו די וואלנ" אויס צו גאָר קליינע טעכנישע צוגרייטונגענ, וואָס קאָנענ זעלטנ ווענ אויסגעפילט ווערנ מיט א צײַט פאר די וואלנ. מיר ווילנ ניט שטרײַטנ וועגנ ווערטער, נאָר אינ טאכ גענו־מענ איז עס א קאָנסעקווענטע אנטוויקלונג פונ דער אלטער טאקטיק, אָבער ניט קיינ איבערכאזערונג פונ דער דאָזיקער טאקטיק, אנ אויספיר פונעמ פריערדיקנ באָיקאָט, אָבער ניט דער פריערדיקער באָיקאָט.

לאָמיר אונטערצינענ דעמ סאכאקל. מע דארפ דיסקאָנטירנ די דערפארונג פונ דער קאדעטישער דומע אונ פאָפּוליאריזירנ אינ די מאסנ די לעקציעס אירע. מע דארפ זענ דערווײַזנ די „אומטויגבארקײַט" פונ דער דומע, די נייטיקײַט פונ א גרינדונגס=פארזאמלונג, די וואקלדיקײַט פונ די קאדעטנ, מע דארפ פאָדערנ, אז די טרודאָוויקעס זאָלנ זיכ ארויסבאפרײַענ פונ אונטערנ יאָכ פונ די קאדעטנ, מע דארפ שטיצנ די טרודאָוויקעס קעגנ די קאדעטנ. מע דארפ גלײַכ אָנערקענענ די נייטיקײַט

פונ א וואל-פארשטענדיקונג פונ די ס.-ד. מיט די טרודאָוויקעס אינ פאל פונ נייע וואלנ. מע דארפ מיט אלע קויכעס קעגנשטעלנ זיכ דעמ פלאנ פונ דער רעגירונג צו צעברעקלענ דעמ אופשטאנד דורכנ באשטימענ וואלנ. שטיצנדיק מיט נאָכ מער קראפט אירע אויסגעפרווטע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ, דארפ די ס.-דעמאָקראטיע אָנווענדנ אלע קויכעס, קעדיי ענגער צו באהעפטנ אלע רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אונ קלאסנ, קעדיי צו פארוואנדלענ דעמווארשיינלעכנ אינ דער נאָענטסטער צוקונפט אופשטיינ אינ א באוואָפנטנ אופשטאנד פונעמ גאנצנ פאָלק קעגנ דער צארישער רעגירונג.

די לעקציעס פונ דער רעוואָליוציע[1]

עס איז אוועק פינפ יאָר, זינט דער ארבעטער־קלאס פונ רוסלאנד האָט אינ אָקטיאבער 1905 יאָר געגעבנ דעמ ערשטנ מעכטיקנ קלאפ דער צארישער זעלבסטהערשונג. אינ יענע גרויסע טעג האָט דער פראָלעטאריאט אופגעהויבנ מיליאָנענ ארבעטנדיקע צומ קאמפ קעגנ זייערע אונטערדריקער. אינ מעשעכ פונ די עטלעכע כאדאָשימ פונעמ 1905 יאָר האָט ער אויסגעקעמפט פאר זיכ אזעלכע פארבעסערונגענ, אפ וועלכע די ארבעטער האָבנ צענדליקער יאָרנ לאנג אומזיסט געווארט פונ „נאטשאלסטווע“. דער פראָלעטאריאט האָט פארנ גאנצנ רוסישנ פאָלק, עמעס, אפ א קורצער צײַט, אויסגעקעמפט אזא פרײַהײַט פונ פרעסע, פונ פארזאמלונגענ, פונ פאראיינענ, וואָס איז אינ רוסלאנד קיינמאָל ניט געזענ געווענ. ער האָט אראָפגעשמיסנ פונ זײַנ וועג די פאלסיפיצירטע בוליגינישע דומע, האָט ארויסגעריסנ באמ צאר א מאניפעסט וועגנ קאָנסטיטוציע און האָט איינמאָל פאר אלעמאָל געמאכט אומעגלעכ צו רעגירנ איבער רוסלאנד אָנ פארטרעטונגס־אינסטיטוציעס.

די גרויסע ניצכוינעס פונעמ פראָלעטאריאט האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר האלבע ניצכוינעס, ווײַל די צארישע מאכט איז ניט אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ. דער דעקאבער־אופשטאנד האָט זיכ געענדיקט מיט א מאפאָלע, און די צארישע זעלבסטהערשונג האָט אָנגעהויבנ אָפנעמענ צוריק איינע נאָכ דער אנדערער די דעראָבערונגענ פונעמ ארבעטער־קלאס, באגלײַכ מיט דעמ, ווי ס'איז געוואָרנ שוואכער זײַנ דראנג, ווי ס'איז געוואָרנ שוואכער דער קאמפ פונ די מאסנ. אינ 1906 יאָר זײַנענ די ארבעטער־שטרײַקנ, די פויערשע און סאָלדאטישע אומרוענ געווענ א סאכ שוואכער איידער אינ 1905 יאָר, דאָכ אָבער זײַנענ זיי נאָכ געווענ זייער שטארק. דער צאר האָט צעטריבנ די ערשטע דומע, וואָס אינ איר צײַט האָט זיכ ווײַטער אָנגעהויבנ אנטוויקלענ דער קאמפ פונעמ פאָלק; ער האָט זיכ אָבער ניט דערוועגט מיטאמאָל צו ענדערנ דעמ וואל־געזעצ. אינ 1907 יאָר איז דער קאמפ פונ די ארבעטער געוואָרנ נאָכ שוואכער, און דער צאר האָט, צעטרײַבנדיק די צווייטע דומע, דורכגעפירט א מעלוכע־איבערקערעניש (דעמ 3־טנ יונ 1907 יאָר). ער האָט געבראָכנ אלע זײַנע פײַערלעכסטע צוזאָגנ ניט ארויסצוגעבנ קיינ געזעצנ אָנ דער האסקאָמע פונ דער דומע און געענדערט דעמ וואל־געזעצ אזוי, אז די מערהײַט אינ דער דומע האָבנ

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 12־טנ נאָיאבער (30־טנ אָקטיאבער) 1910 יאָר אינעמ נומ. 1 פונעמ באָלשעוויסטישנ פאָפולערנ אָרגאנ „ראבאָטשאיא גאזעטא“ (דערשינענ אינ פאריזש אינ די יאָרנ 1910—1912). רעד.

אפ זיכער באקומענ די פריצים אונ קאפיטאליסטנ, די פארטיי פונ די שווארצמייעניקעס אונ פונ זייערע מעשאָרסים.

אי די ניצכוינעס אי די מאפּאָלעס פונ דער רעוואָליוציע האָבנ געגעבנ דעם רוסישנ פאָלק גרויסע היסטאָרישע לעקציעס. פייערנדיק דעם פינפטנ יאָרטאָג פונעם 1905 יאָר, וועלנ מיר זיכ באמיִענ קלאָר צו מאכנ פאר זיכ דעם הויפט־אינהאלט פונ די דאָזיקע לעקציעס.

די ערשטע אונ די וויכטיקסטע לעקציע — דאָס איז די, אז נאָר דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ פונ די מאסנ איז פייִק צו דערשלאָגנ זיכ וויפל־ניט־איז ערנסטע פארבעסערונגענ אינעם לעבנ פונ די ארבעטער אונ אינעם רעגירנ מיט דער מעלוכע. קיינ שום „מיטגעפיל" צו די ארבעטער מיצאד די געבילדעטע מענטשנ, קיינ שום העלדישער קאמפ פונ יעכידים טעראָריסטנ האָבנ ניט געקאָנט אונטעררייסנ די צארישע זעלבסטהערשונג אונ די אלמעכטיקייט פונ די קאפיטאליסטנ. נאָר דער קאמפ פונ די ארבעטער גופע, נאָר דער געמיינזאמער קאמפ פונ מיליאָנענ האָט דאָס געקאָנט מאכנ, אונ ווענ עס פלעגט אָפגעשוואכט ווערנ דער דאָזיקער קאמפ, פלעגט זיכ טייקעפ אָנהייבנ דאָס צוריקנעמענ דאָס, וואָס די ארבעטער האָבנ אויסגעקעמפט. די רוסישע רעוואָליוציע האָט באשטעטיקט דאָס, וועגנ וואָס מע זינגט אינ דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־ליד:

„ניינ, קיינער וועט אונדז ניט באפרייענ,
ניט גאָט אליינ אונ ניט קיינ העלד;
מיט אונדזער אייגענעמ קלייזייענ
א רעטונג ברענגענ מיר דער וועלט".

די צווייטע לעקציע — דאָס איז די, אז ס'איז ניט גענוג אונטערצורייסנ, באגרענעצנ די צארישע מאכט. מע דארפ זי פארניכטנ. קאָלזמאנ די צארישע מאכט איז ניט פארניכטעט, וועלנ דעמ צארס האנאָכעס שטענדיק זיינ ניט קיינ פעסטע. דער צאר פלעגט געבנ האנאָכעס, ווענ דער אָנדראנג פונ דער רעוואָליוציע פלעגט זיכ פארשטארקנ, אונ פלעגט צונעמענ צוריק אלע האנאָכעס, ווענ דער אָנדראנג פונ דער רעוואָליוציע פלעגט אָפגעשוואכט ווערנ. נאָר די דעראָבערונג פונ דער דעמאָקראטישער רעפובליק, דאָס אראָפוואָרפנ די צארישע מאכט, דער איבערגאנג פונ דער מאכט אינ די הענט פונעמ פאָלק קאָנ באפרייענ רוסלאנד פונעמ געוואלט אונ ווילקיר מיצאד די טשינאָווניקעס, פונ דער שווארצמייעדיק־אָקטיאבריסטישער דומע, פונ דער אלמעכטיקייט פונ די פריצים אונ פריצישע מעשאָרסים אינ דאָרפ. אויב די ליידנ פונ די פויערים אונ פונ די ארבעטער זיינענ איצט, נאָכ דער רעוואָליוציע, געוואָרנ נאָכ שווערער איידער פריִער, איז דאָס א באצאָלונג דערפאר, וואָס די רעוואָליוציע איז געווענ שוואכ, וואָס די צארישע מאכט איז ניט אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ. דאָס 1905 יאָר, אונ דערנאָכ ביידע ערשטע דומעס אונ דאָס צעטרייבנ זיי האָבנ זייער פיל אָנגעלערנט דאָס פאָלק, זיי האָבנ עס קוידעמקאָל אויסגעלערנט צו פירנ א געמיינזאמענ קאמפ פאר פאָליטישע פאָדערונגענ. דערוואכט צומ פאָליטישנ לעבנ, האָט דאָס פאָלק צוערשט געפאָדערט בא דער זעלבסטהערשונג האנאָכעס: דער צאר זאָל צונויפרופנ א דומע, דער צאר זאָל פארבייטנ די אלטע מיניסטאָרנ אפ נייע, דער צאר זאָל „געבנ" אלגעמיינע וואלרעכט. די זעלבסטהער־

שונג איז אָבער ניט געגאנגענ און האָט ניט געקאָנט גיינ אפ אזעלכע האנאָכעס. אפ די באקאָשעס וועגנ האנאָכעס האָט די זעלבסטהערשונג געענטפערט מיט באגנעטנ. און דערמיט האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבנ קומענ צום באוווסטזיינ, אז עס איז נייטיק א קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשערישער מאכט. סטאָליפינ און די שווארצע, פריציש דומע קלאפנ אָט דעמ באוווסטזיינ איצט ארײנ, קאָנ מענ זאָגנ, מיט נאָכ מער קראפט אינ די מויכעס פונ די פויערימ. זיי קלאפנ ארײנ און וועלנ ארײנקלאפנ.

די צארישע זעלבסטהערשונג האָט אויכ עפּעס געלערנט פונ דער רעוואָליוציע. זי האָט דערזענ, אז פארלאָזנ זיכ אפנ גלויבנ פונ די פויערימ אינעמ צאר קאָנ מענ ניט. איצט פארפעסטיקט זי איר מאכט דורכ א בונד מיט די שווארצמייעדיקע פריצימ און אָקטיאבריסטישע פאבריקאנטנ. קעדיי ארויפצוווארפנ די צארישע זעלבסטהערשונג, איז איצט נייטיק א סאכ א שטארקערער אָנדראנג פונ רעוואָליוציאָנערנ מאסנ-קאמפ איידער אינ 1905 יאָר.

צי איז מעגלעכ אָט אזא פיל שטארקערער אָנדראנג? דער ענטפער אפ דער דאָזיקער פראגע ברענגט אונדז צו דער דריטער און סאמע וויכטיקסטער לעקציע פונ דער רעוואָליוציע. די דאָזיקע לעקציע באשטייט דערינ, וואָס מיר האָבנ געזענ, וויאזוי עס האנדלענ פארשיידענע קלאסנ פונעמ רוסישנ פאָלק. ביזנ 1905 יאָר האָט זיכ א סאכ מענטשנ געדוכט, אז דאָס גאנצע פאָלק שטרעבט אינ א גלייכער מאָס צו פרייהייט און וויל איינ און די זעלבע פרייהייט; ווייניקסטנס, די גרעסטע מערהייט האָט ניט געהאט קיינ שומ קלאָרנ באגריפ וועגנ דעמ, אז די פארשיידענע קלאסנ פונעמ רוסישנ פאָלק באציִענ זיכ פארשיידנ צומ קאמפ פאר פרייהייט און ווילנ זיכ דערשלאָגנ ניט איינ און די זעלבע פרייהייט. די רעוואָליוציע האָט צעשטרייט דעמ נעפל. אינעמ סאָפ 1905 יאָר, און דערנאָכ אויכ בעשאס דער ערשטער און דער צווייטער דומעס זיינענ אלע קלאסנ פונ דער רוסישער געזעלשאפט ארויסגעטראָטנ אָפנ. זיי האָבנ באוויזנ מיט מעסימ, ווער זיי זיינענ, זיי האָבנ אנטפלעקט, וואָס פאר א ווירקלעכע שטרעבונגענ זיי האָבנ, פאר וואָס זיי קאָנענ קעמפנ און ווי שטארק, אקשאָנעסדיק, ענערגיש זיי זיינענ פייִק צו קעמפנ.

די פאבריק-זאוואָדישע ארבעטער, דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט האָט געפירט דעמ סאמע אנטשיידענעמ און סאמע אקשאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג. דער פראָלעטאריאט האָט אָנגעהויבנ די רעוואָליוציע מיטנ ניינטנ יאנוואר און מיט מאסנ-שטרייקנ. דער פראָלעטאריאט האָט דערפירט דעמ קאמפ ביזנ סאָפ, ווענ ער האָט זיכ אופגעהויבנ צו א באוואָפנטנ אופשטאנד אינ דעקאבער 1905 יאָר, צומ פארטיידיקנ די פויערימ, וועלכע מע פלעגט שיסנ, מיימעסנ, פייניקנ. די צאָל שטרייקנדיקע ארבעטער האָט אינ 1905 יאָר באטראָפנ אנ ערעכ דריי מיליאָנ (און צוזאמענ מיט די אייזנבאנער, פאָטשט-אָנגעשטעלטע אאוו. זיכער ביז פיר מיליאָנ), אינ 1906 יאָר — איינ מיליאָנ, אינעמ 1907 יאָר — $^3/_4$ מיליאָנ. אזא מינ קראפט פונ דער שטרייק-באוועגונג האָט נאָכ די וועלט ניט געזענ. דער רוסישער פראָלעטאריאט האָט באוויזנ, וואָס פאר א שלאָל קויכעס עס ליגט פארבאָרגנ אינ די ארבעטער-מאסנ, ווענ ס'ווערט צייטיק א ווירקלעכ רעוואָליוציאָנערער קריזיס. די גרעסטע אינ דער וועלט שטרייק-כוואליע פונעמ יאָר 1905 האָט נאָכ ווייט ניט אויסגעשעפט אלע קאמפס-קויכעס פונעמ פראָלעטאריאט. אינעמ מאָסקווער פאבריק-קרייז, לע-

מאָשל, איז געווען 567 טויזנט פאבריק־זאוואָדישע ארבעטער און 540 טויזנט שטרײַ־קער, און אינעם פעטערבורגער — 300 טויזנט פאבריק־זאוואָדישע ארבעטער און 1 מיליאָן שטרײַקער. הייסט דאָס, אז די ארבעטער פונעם מאָסקווער ראיאָן האָבן נאָך ווײַט ניט אנטוויקלט אזא אקשאָנעס אינעם קאמף ווי די פעטערבורגער. און אין דער ליפלענדער גובערניע (די שטאָט ריגע) איז אָפּ 50 טויזנט ארבעטער געווען 250 טויזנט שטרײַקער, דה. יעדער ארבעטער האָט אין 1905 יאָר געשטרײַקט, אין דורכשניט, מער ווי צו פינף מאָל. איצט איז אין גאַנץ רוסלאַנד פאראַן אַלנפאַלס ניט ווייניקער פון דרײַ מיליאָן ארבעטער פון פאבריקן, בארג־ און אײַזנבאַן־ארבע־טער, און די דאָזיקע צאָל וואקסט פון יאָר צו יאָר; בא אזא קראפט פון דער באַוועגונג, ווי אין ריגע אין 1905 יאָר, וואָלטן זיי געקאָנט ארויסשטעלן אן ארמיי פון 15 מיליאָן שטרײַקער.

קעגן אזא אָנדראַנג וואָלט ניט געקאָנט בײַשטיין קיין שום צארישע מאכט. יעדע־רער פארשטייט אָבער, אז אזא אָנדראַנג קאָן מען ניט ארויסרופן קינסטלעך, לויטן ווונטש פון די סאָציאַליסטן אָדער פון די פאָרגעשריטענע ארבעטער. אזא אָנדראַנג איז מעגלעך נאָר דעמלט, ווען דער קריזיס, די אויפרעגונג, די רעוואָליוציע באהערשט דאָס גאַנצע לאַנד. קעדיי צוצוגרייטן אזא אָנדראַנג, דארף מען ארײַנציִען אין קאמף די סאמע אָפּגעשטאַנענע שיכטן ארבעטער, מע דארף יאָרן און יאָרן לאַנג פירן אן אקשאָנעסדיקע, ברייטע, קעסיידערדיקע פראָפּאגאנדיסטישע, אגיטאַציאָנעלע און אָר־גאניזאציאָנעלע ארבעט, שאפנדיק און פארפעסטיקנדיק פארשיידנערליי פאריינען און אָרגאניזאציעס פונעם פראָלעטאריאט.

לויט דער קראפט פונעם קאמף איז דער ארבעטער־קלאס פון רוסלאַנד געשטאַ־נען פאָרויס פאר אַלע איבעריקע קלאסן פונעם רוסישן פאָלק. די עצעם לעבנס־באַ־דינגונגען פון די ארבעטער מאכן זיי פייִק צום קאמף און שטויסן זיי צום קאמף. דער קאפיטאל נעמט צונויף גרויסע מאסן ארבעטער אין די גרויסע שטעט, קאָנסאָלי־דירט זיי, לערנט זיי אויס צו האנדלען געמיינזאם. אָפּ יעדן שריט שטויסן זיך די ארבעטער צונויף פּאָנעם צו פּאָנעם מיט זייער הויפּט־סוינע — מיטן קלאס קאפּי־טאליסטן. קעמפנדיק קעגן דעם דאָזיקן סוינע, ווערט דער ארבעטער א סאָציאַ־ליסט, ער קומט צום באוווסטזײַן, אז ס'איז נייטיק פולשטענדיק איבערצובויען די גאַנצע געזעלשאפט, פולשטענדיק צו פארניכטן יעטווידער דאַלעס און יעטווידער אונטערדריקונג. אז די ארבעטער ווערן סאָציאַליסטן, קעמפן זיי מיט מעסירעסנע־פעשדיקן מוט קעגן אַלץ, וואָס שטייט זיי אין וועג, און קוידעמקאָל קעגן דער צאַ־רישער מאכט און די לײַבאייגנטימער די פריצים.

די פויערים זײַנען אין דער רעוואָליוציע אויך ארויסגעטראָטן אין קאמף קעגן די פריצים און קעגן דער רעגירונג, אָבער זייער קאמף איז געווען א סאך שוואכער. מע האָט אויסגערעכנט, אז פון די פאבריק־ארבעטער האָבן זיך באטייליקט אינעם רעוואָלוציאָנערן קאמף, אין שטרײַקן — די מערהייט (ביז $^3/_5$), און פון די פויע־רים, אָן ספק, בלויז א מינדערהייט: געוויס, ניט מער פון א פינפטייל אָדער פון א פערטל. די פויערים האָבן געקעמפט מיט ווייניקער אקשאָנעס, מער צע־שפליטערט, ווייניקער באוווסטזיניק, ניט זעלטן האָפנדיק נאָך אַלץ אָפּ דער גוטס־קײַט פונעם צאַר — דעם פּאָפּער. אין די יאָרן 1905—1906 האָבן די פויערים,

אייגנטלעכ, נאָר א סטראשע געטאָנ דעמ צאר אונ די פריצימ. זיי דארפ מענ אָבער ניט א סטראשע טאָנ — מע דארפ זיי פארניכטנ, זייער רעגירונג — די צארישע רעגירונג — דארפ מענ אָפּמעקנ פונ דער ערד. איצט באמיִענ זיכ סטאָליפינ אונ די שווארצע, פריצישע, דומע צו שאפנ פונ די רײַכע פויערימ נײַע גוטבאזיצער כוטאָראנצעס, פארבינדעטע פונעמ צאר אונ פונ דער שווארצער מייע. וואָס מער אָבער דער צאר אונ די דומע העלפנ די פויערימ די נעגידימ צו רויִנירנ די מאסע פויערימ, אלצ באוווסטזיניקער ווערט די דאָזיקע מאסע, אלצ ווייניקער וועט זיכ בא איר אופהאלטנ דער גלויבנ אינעמ צאר, א גלויבנ פונ לײַבייגענע קנעכט, א גלויבנ פונ דערשלאָגענע אונ פינצטערע מענטשנ. מיט יעדנ יאָר ווערט אינ דאָרפ אלצ מער לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער, — זיי האָבנ ניט ווו צו זוכנ קיינ רעטונג, אויסער ווי אינ א בונד מיט די שטאָטישע ארבעטער צוליב געמיינזאמענ קאמפ. מיט יעדנ יאָר ווערט אינ דאָרפ אלצ מער רויִנירטע, אינגאנצנ פאראָרעמטע, אויסגעהונגערטע פויערימ, — ווענ דער שטאָטישער פראָלעטאריאט וועט זיכ אופהייבנ, וועלנ מיליאָנענ אונ מיליאָנענ פונ זיי גיינ אפ א מער אנטשיידענעמ, א מער צוזאמענגעשלאָסענעמ קאמפ קעגנ דעמ צאר אונ קעגנ די פריצימ.

אינ דער רעוואָליוציע האָט זיכ באטייליקט אויכ די ליבעראלע בורזשואזיע, ד.ה. ליבעראלע גוטבאזיצער, פאבריקאנטנ, אדוואָקאטנ, פראָפעסאָרנ אאוו. זיי בילדנ די פארטיי פונ „פאָלקס־פרײַהייט" (ק. ד., קאדעטנ). זיי האָבנ א סאכ צוגעזאָגט דעמ פאָלק אונ א סאכ געטומלט וועגנ פרײַהייט אינ זייערע צײַטונגענ. זיי האָבנ געהאט א מערהייט דעפוטאטנ אינ דער ערשטער אונ צווייטער דומעס. זיי האָבנ צוגעזאָגט „אפ א פרידלעכנ וועג" דערשלאָגנ זיכ פרײַהייט, זיי האָבנ פארורטיילט דעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונ די ארבעטער אונ פויערימ. די פויערימ אונ א סאכ פונ די פויערשע דעפוטאטנ (די „טרודאָוויקעס") האָבנ געגלייבט אינ די דאָזיקע צוזאָגנ אונ זײַנענ האכנאָעדיק אונ געהאָרכזאמ נאָכגעגאנגענ נאָכ די ליבעראלנ, שטייענדיק אָפ א זײַט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט. דערינ איז באשטאנענ דער גרעסטער פעלער פונ די פויערימ (אונ פונ פיל שטאָטישע אײַנוווינער) בעשאס דער רעוואָליוציע. די ליבעראלנ פלעגנ מיט איינ האנט, אונ דאָס אויכ זייער־זייער זעלטנ, העלפנ דעמ קאמפ פאר פרײַהייט, אונ די אנדערע האנט פלעגנ זיי שטענדיק אויסשטרעקנ צומ צאר, צוזאָגנדיק אימ אײַנצוהיטנ אונ פארפעסטיקנ זײַנ מאכט, שאָלעמ מאכנ צווישנ די פויערימ מיט די פריצימ, „אײַנשטילנ" די „צעיושעטע" ארבעטער.

ווענ די רעוואָליוציע איז דערגאנגענ צו אנ אנטשיידענעמ קאמפ קעגנ דעמ צאר, צו דעמ דעקאבער־אופשטאנד פונעמ 1905 יאָר, האָבנ די ליבעראלנ אלע צוזאמענ גענומענ, נידערטרעכטיק פאראטנ די פרײַהייט פונעמ פאָלק, אָפגעשאָקלט זיכ פונעמ קאמפ. די צארישע זעלבסטהערשונג האָט אויסגענוצט דעמ דאָזיקנ פאראט פונ די ליבעראלנ קעגנ דער פאָלקס־פרײַהייט, זי האָט אויסגענוצט די פינצטערקייט פונ די פויערימ, וואָס האָבנ אינ א סאכ זאכנ געגלייבט די ליבעראלנ, אונ האָט צעקלאפט די אופגעשטאנענע ארבעטער. אונ אז דער פראָלעטאריאט איז צעקלאפט געוואָרנ, האָבנ קיינע שום דומעס, קיינע זיסע רייד פונ די קאדעטנ, קיינע צוזאָגנ זייערע ניט אָפגעהאלטנ דעמ צאר פונ פארניכטנ אלע רעשטנ פונ פרײַ־

הײט, פון אופשטעלן צוריק די זעלבסטהערשונג און די אלמעכטיקײט פון די לײב-ייגנטימער די פריצים.

די ליבעראלן זײנען געבליבן אפגענארט. די פויערים האבן באקומען א שווערע, אבער נוצלעכע לעקציע. עס וועט ניט זײן קײן פרײהײט אין רוסלאנד, קאלזמאן די ברייטע מאסן פונעם פאלק גלייבן די ליבעראלן, קאלזמאן זײ גלייבן אין דער מעג-לעכקײט פון „שאלעם" מיט דער צארישער מאכט, קאלזמאן זײ שטײען אן א זײט פונעם רעוואליוציאנערן קאמף פון די ארבעטער. קײן שום קויעך אין דער וועלט וועט ניט אײנהאלטן דעם אנקום פון פרײהײט אין רוסלאנד, ווען ס'וועט זיך אופ-הייבן צום קאמף די מאסע פונעם שטאטישן פראלעטאריאט, ווען זי וועט אפרוקן אן א זײט די וואקלדיקע און פארעטערישע ליבעראלן, וועט אוועקפירן נאך זיך די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער און דאס רוינירטע פויערטום.

און אז דער פראלעטאריאט פון רוסלאנד וועט זיך אופהייבן צו אזא קאמף, אז ער וועט זיך שטעלן אפסנײ' בעראָש פון דער רעוואליוציע,—דערפאר איז אָרעוו דער גאנצער עקאנאמישער צושטאנד פון רוסלאנד, די גאנצע דערפארונג פון די רעוואליוציאנערע יארן.

מיט פינף יאר צוריק האט דער פראלעטאריאט געגעבן דעם ערשטן קלאפ דער צארישער זעלבסטהערשונג. פארן רוסישן פאלק האבן א שײן געטאן די ערשטע שטראלן פון פרײהײט. איצט איז ווידער אופגעשטעלט געווארן די צארישע זעלבסט-הערשונג, ווידער קיניגן און רעגירן די לײבייגנטימער, ווידער קומען פאר אומעטום גוואלדטאטן איבער די ארבעטער און די פויערים, אומעטום הערשט דער אזיאטי-שער ווילדער ווילקיר פון די מאכטהאבער, דאס נידערטרעכטיקע איזדיעקוועןן זיך איבערן פאלק. די שווערע לעקציעס וועלן אבער ניט גיין לעיבעד. דאס רוסישע פאלק איז ניט דאס, וואס עס איז געווען ביז דעם 1905 יאר. דער פראלעטאריאט האט עס אויסגעלערנט צו קעמפן. דער פראלעטאריאט וועט עס ברענגען צום ני-צאכן.

דער פּעריאָד
פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע

די אויספורעמונג פון די באָלשעוויקעס
אין א זעלבשטענדיקער מארקסיסטישער
פּארטיי

פאָליטישע נאָטיצנ[1]

די שאָוויניסטנ ארבעטנ. עס ווערנ ענערגיש פארשפרייט קלאנגענ וועגנ דעמ, אז די יאפאָנער באוואָפענענ זיכ; וועגנ דעמ, אז זיי האָבנ קאָנצענטרירט אינ מאנטשזשוריע 600 באטאליאָנענ, קעדיי אָנצופאלנ אפ רוסלאנד. טערקיי באוואָפנט זיכ קלוימערשט אקטיוו, קעדיי שוינ הײַנטיקנ פרילינג צו דערקלערנ א מילכאָמע רוסלאנד. עס גרייט זיכ, קלוימערשט, אנ אופשטאנד אפ קאווקאז מיטנ ציל אָפצוטיילנ זיכ פונ רוסלאנד (עס פעלט נאָכ, אז מע זאָל נעמענ שרײַענ וועגנ די פלענער פונ די פאָליאקנ!). די העצע קעגנ פינלאנד בלאָזט מענ פאנאנדער מיט פלוידערײַענ וועגנ דעמ, אז פינלאנד באוואָפנט זיכ. עס ווערט געפירט א פארביטערטע קאמפאניע קעגנ עסטרײַכ דערפאר, וואָס עס ווערט געבויט אנ אײַזנבאנ אינ באָסניע. עס ווערנ שטארקער די אָנפאלנ פונ דער רוסלענדישער פרעסע אפ דײַטשלאנד, וואָס העצט קלוימערשט טערקיי קעגנ רוסלאנד. די קאמפאניע ווערט געפירט ניט נאָר אינ דער רוסישער, נאָר אויכ אינ דער פראנצויזישער פרעסע — וואָס וועגנ דעמ, אז זי איז אונטערגעקויפט דורכ דער רוסלענדישער רעגירונג, האָט אזוי רעכטצײַטיק דאָ ניט לאנג דערמאָנט אינ דער דומע אײנער א סאָציאל-דעמאָקראט.

די ערנסטע בורזשואזע פרעסע אינ מײַרעוו זאָגט זיכ אָפ צו אָנערקענענ אָט די גאנצע קאמפאניע פאר א פראָדוקט פונ דער פאנטאזיע פונ צײַטונגס-לײַט אָדער פאר אנ אפערע פונ מענטשנ, וואָס יאָגנ זיכ נאָכ סענסאציע. ניינ, ווײַזט אויס, אז פונ די „רעגירנדיקע קרײַזנ" — לייענ: פונ דער שווארצמייעדיקער צארישער רעגירונג אָדער פונ א געהיימער הויפ-באנדע, אזא, ווי די בארימטע „שטערנ-פאלאטע". — איז געגעבנ געוואָרנ א גאנצ באשטימטער פאראָל, ווערט געפירט א מינ סיסטעמאטישע „ליניע", איז גענומענ געוואָרנ עפעס א „נײַער קורס". דער פאקט, וואָס די דומע-קאָמיסיע פאר מעלוכע-שוצ איז פארמאכט געוואָרנ פאר אלע דומע-מיטגלידער, וועלכע גייענ ניט ארײַנ אינ דער קאָמיסיע, ד. ה. ניט נאָר פאר די רעוואָליוציאָנערע פארטייענ, נאָר אויכ פאר די קאדעטנ, — אָט דער פאקט איז, לויט דער מיינונג פונ דער אויסלענדישער פרעסע, דירעקט פארבונדנ מיט דער דאָזיקער שאָוויניסטישער קאמפאניע; מע שמועסט אפילע, אז קעדיי צו דערפירנ ביזנ סאָפ איר איזדיעקעווענ זיכ איבערנ „קאָנסטיטוציאָנאליזמ", האָט די רוסישע רעגירונג בעדייע אפ צו פארשטארקנ דאָס גרענעצ-מיליטער בעטנ קרעדיטנ ניט

---

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 26-טנ (13-טנ) פעווראל 1908 יאָר אינ „פראָלעטארי" נומ. 21. רעד.

בא דער גאנצער דומע, נאָר בלויז בא דער שוואַרצמייעדיק=אָקטיאבריסטישער קאָמיסיע.

אָט זײַנענ עטלעכע ציטאַטעס פונ אייראָפּייִשע, קלאל ניט קיינ סאָציאַליסטישע, צײַטונגענ, וועלכע מע קאָנ ניט כוישעד זײַנ אינ אָפּטימיזמ בענעגייע דער רוסישער רעוואָליוציע:

„די דײַטשישע זיגנ איבער פראנקרײַכ (אינ 1870 יאָר) האָבנ, ווי ביסמארק האָט אמאָל געהאט באמערקט, צעבלאָזנ די ערגײַציקײַט פונ די רוסישע מיליטער=לײַט, אונ זיי האָבנ אויכ אויסגעשטרעקט די האנט נאָכ קריגס=לאָרבערקרענצ. מאכמעס פּאָליטישע, רעליגיעזע אונ היסטאָרישע סיבעס האָט זיכ געדוכט, אז טערקײַ איז א באזונדערס פּאסיקער אָביעקט פאר דעמ דאָזיקנ צוועק (די מילכאָמע מיט טערקײַ אינ די יאָרנ 1877—1878). זעט אויס, אז געוויסע קרײַזנ אינ רוסלאנד, וואָס האָבנ פארגעסנ די לעקציעס פונ דער יאפּאַנישער מילכאָמע אונ פארשטייענ ניט די ווירקלעכע באדערפענישנ פונעמ לאנד, שטייענ אויכ איצט אָפּנ זעלביקנ שטאנדפּונקט. אָבער העיווים ווי אפּ די באלקאנענ זײַנענ שויג ניטאָ קיינע שומ „ברידערלעכ", וואָס מע זאָל קאָנענ גיינ באפרײַענ, מוז מענ צוטראכטנ אנדערע מיטלענ, קעדיי צו ווירקנ אפּ דער רוסישער געזעלשאפטלעכער מיינונג. אונ די דאָזיקע מיטלענ זײַנענ, דעמ עמעס געזאָגט, נאָכ לעפּישער ווי די דערמאָנטע: מע וויל שאפנ א פאָרשטעלונג, אז רוסלאנד איז ארומגערינגלט מיט אינערלעכע אונ אויסערלעכע סאָנימ".

„די רעגירנדיקע קרײַזנ פונ רוסלאנד ווילנ פרווונ פארפעסטיקנ זייער לאגע מיט אלטע מיטלענ, נעמלעכ: דורכנ דערשטיקנ מיט געוואלט די באפרײַונגס=באוועגונג אינעווייניק אינ לאנד אונ דורכנ אָפּציִענ דעמ פאָלקס אויפמערקזאמקײַט פונ דער טרויעריקער אינערלעכער לאגע, אויפוועקנדיק געפילנ פונ נאציאָנאליזמ, שאפנדיק דיפּלאָמאטישע קאָנפליקטנ, וואָס מע קאָנ ניט וויסנ, מיט וואָס זיי וועלנ זיכ ענדיקנ".

וואָס זשע פאר א באדײַטונג האָט די דאָזיקע נײַע שאָוויניסטישע ליניע אינ דער פּאָליטיק פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער זעלבסטהערשונג? נאָכ צוסימא אונ מוקדענ קאָנענ זיכ אפּ אזא פּאָליטיק לאָזנ נאָר מענטשנ, וואָס פארלירנ ענדגילטיק דעמ באָדנ פונ אונטער די פיס. די דערפארונג פונ די צוויי יאָר רעאקציע האָט, ניט געקוקט אפּ אלע אָנשטרענגונגענ, ניט געגעבנ דער שוואַרצמייעדיקער זעלבסטהערשונג קיינ שומ וויפל=ניט=איז זיכערנ אינערלעכנ אָנשפאר, זי האָט ניט געשאפנ קיינע שומ נײַע קלאסנ=עלעמענטנ, וואָס זאָלנ זײַנ אימשטאנד עקאָנאָמיש צו באנײַענ די זעלבסטהערשונג. אונ אָנ דעמ זײַנענ קיינע שומ רעציכעס, קיינ שומ ווילדקײַט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע ניט בעקויעכ אײַנצוהיטנ די איצטיקע פּאָליטישע אָרדענונג פונ רוסלאנד.

אי סטאָליפּינ, אי די שוואַרצמייעדיקע פּריצימ, אי די אָקטיאבריסטנ פארשטייענ, אז אויב זיי וועלנ ניט שאפנ קיינ נײַע קלאסעווע שטיצ=פּונקטנ, וועלנ זיי זיכ בא דער מאכט ניט אײַנהאלטנ. דערפונ שטאמט זייער פּאָליטיק פונ רויִנירנ ביזנ גרונט די פּויערימ, פונ צעברעכנ איבערגוואלד די געמיינדע, קעדיי אומ יעדנ פּרײַז פרײַ צו מאכנ דעמ וועג פארנ קאפּיטאליזמ אינ דער לאנדווירטשאפט. די רוסלענדישע ליבעראלנ, די סאמע געלערנטע, די סאמע געבילדעטע, די סאמע „הומאנישע" — אשטייגער, ווי די פּראָפעסאָרנ פונ „רוסקיע וועדאָמאָסטי" — זײַנענ אינ דער דאָזיקער הינזיכט אָנ אנ ערעכ טעמפּער פונ די סטאָליפּינס. „עס וועט גאָר קיינ כידעש ניט זײַנ, — ווערט געזאָגט אינעמ לייטארטיקל פונ דער אָנגערופענער

ציַיטונג דעם 1=טנ פעווראל, — אויב באם לייזנ, צום בַיישפיל, דעם גוירל פונ די ציַיטוויַיליקע נאָיאבער=טאקאָנעס וועלנ די נעכטיקע געמיינדע=אָנהענגער די סלאווישע גאָפילנ שטיצנ דעם פרווו פונעם מיניסטעריום צו צעשטערנ די געמיינדע דורכ בארפעסטיקנ די ערד אלס פערזענלעכ אייגנטום פונ באזונדערע באלעבאטים... עס לייגט זיכ אפילע אפנ סייכל, אז די פארטיידיקונגס=צילנ, וואָס עס זַיינענ אויסנ אי די קאָנסערוואטיווע מערהַייט פונ דער דומע אי דאָס מיניסטעריום, וועלנ אונטערזאָגנ אי דער אי יענעמ אפילע מער אגרעסיווע מאָסמיטלענ איידער די בארימטע אוקאזנ פונ 1906 יאָר... עס באקומט זיכ א מערקווירדיק בילד: בא דער מיטהילפ פונ די פאָרשטייער פונ די קאָנסערוואטיווע פארטייענ גרייט די קאָנסערוואטיווע רעגירונג א ראדיקאלע רעפאָרמ אפנ געביט פונ די ערד=פארהעלטענישנ, א געביט, ווו עס לאָזט זיכ וויניציקער ווי ערגעצ ווו אנדערש דורכפירנ שארפע איבערקערענישנ, אונ זי פויעלט בא זיכ דורכצופירנ אזא ראדיקאל מאָסמיטל אויס אבסטראקטע סוואָרעס וועגנ די מַיילעס פונ איינ באזיצ=פאָרמ אינ פארגלַייכ מיט א צווייטער".

כאפט זיכ אופ, הער פראָפעסאָר, — טרייסלט אָפ פונ זיכ דעם ארכיוו=שטויב פונ אלטפרענקישנ פאָלקיזמ, — מיט א קוק, וואָס עס האָבנ אויפגעטאָנ צוויי יאָר רעוואָליוציע. סטאָליפינ האָט אַייכ באוויזנ ניט נאָר מיט פיזישער קראפט, נאָר אויכ דערמיט, וואָס ער האָט ריכטיק פארשטאנענ די עצעמ פראקטישע באדערפעניש פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, די נייטיקַייט צו צעברעכנ מיט געוואלט דעם אלטנ ערדבאזיצ. דער גרויסער „שריט", וועלכנ די רעוואָליוציע האָט שוינ איינמאָל פאר אלעמאָל דורכגעמאכט, באשטייט דערינ, וואָס די שווארצמייעדיקע זעלבסטהערשונג האָט זיכ פריער געקאָנט שטיצנ אפ די מיטלאלטערלעכע פאָרמענ פונ ערדבאזיצ, אונ איצט איז זי געצוווּנגענ, פולשטענדיק אונ איינמאָל פאר אלעמאָל געצוווּנגענ, מיט פיבערהאפטער שנעלקַייט ארבעטנ אפ צו צעשטערנ זיי. וויַיל זי האָט פארשטאנענ, אז אויב עס וועלנ ניט צעבראָכנ ווערנ די אלטע ערד=פארהעלטענישנ, קאָנ ניט זַיינ קיינ אויסוועג פונ דעם ווידערשפרוכ, וועלכער דערקלערט אמטיפסטנ די רוסישע רעוואָליוציע: דער אָפגעשטאנענסטער ערדבאזיצ, דאָס ווילדסטע דאָרפ — דער פאָרגעשריטנסטער אינדוסטריעלער אונ פינאנציעלער קאפיטאליזמ!

הייסט עס, אז איר זַייט פאר סטאָליפינס אגרארער געזעצגעבונג? וועלנ אונדז מיט שרעק פרעגנ די פאָלקיסטנ. — אָ, ניינ! בארויקט זיכ! מיר זַיינענ קאטעגאָריש קעגנ אלע פאָרמענ פונ אלטנ ערדבאזיצ אינ רוסלאנד, סַיי פונ דעם פריצישנ סַיי פונ דעם פויערשנ דעם נאדיעלנעמ. מיר זַיינענ קאטעגאָריש פאר צעברעכנ מיט געוואלט אָט דאָס צעפוילטע, פוילנדיקע אלטווארג, וואָס פארסאמט אלדאָס נַייע, — מיר זַיינענ פאר בורזשואזער נאציאָנאליזירונג פונ דער ערד, אלס איינציקנ קאָנסעקווענטנ לאָזונג פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע, אלס איינציק פראקטיש מאָסמיטל, וואָס ווענדט די גאנצע שארפ פונ דעם היסטאָריש נויטווענדיקנ פראָצעס פונ צעברעכנ קעגנ די פריצימ אונ העלפט מיט, אז צווישנ דער פויערימ=מאסע זאָלנ זיכ אויסטיילנ פרַייע באלעבאטימ אפ דער ערד.

די אייגנטימלעכקַייט פונ דער רוסישער בורזשואזער רעוואָליוציע באשטייט דערינ, וואָס אינ דער גרונט=פראגע פונ דער רעוואָליוציע, אינ דער אגראר=פראגע,

פירנ א רעוואָליוציאָנערע פּאָליטיק די שווארצמייעניקעס אונ די פויערימ מיט די ארבעטער. די ליבעראלע אדוואָקאטנ ווידער אונ די פּראָפעסאָרנ פארטיידיקנ עפּעס ביז גאָר ניט לעבנספייִקס, אומגעלומפּערטס אונ אוטאָפּישעס: שאָלעמ צווישנ צוויי קעגנזעצלעכע, אייגער דעמ אנדערנ אויסשליסנדיקע מעטאָדנ פונ צעברעכנ דאָס, וואָס האָט אָפּגעלעבט, אונ דערביי אזא שאָלעמ, אז מע זאָל ביכלאל גאָר ניט ברעכנ. אָדער עס זיגט דער פויערימ=אופשטאנד אונ דער אלטער ערדבאזיצ ווערט אינגאנצנ צעבראָכנ לעטויוועס דעמ דורכ דער רעוואָליוציע באנייטנ פויערטומ, דה. די פריצישע ערד ווערט קאָנפיסקירט אונ עס ווערט געשאפנ א רעפּובליק. אָדער דער סטאָליפינישער אויפנ פונ צעברעכנ, וואָס באנייט אויכ, באנייט פאקטיש אונ פאסט צו דעמ אלטנ ערדבאזיצ צו די קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ, אָבער אינגאנצנ נאָר אינ די אינטערעסנ פונ די פריצימ, פארנ פרייז פונ גרענעצלאָזנ רויִנירנ די פויערימ=מאסע, פונ ארויסטרייבנ זי מיט געוואלט פונ די דערפער, פונ ארויסזעצנ זי, פונ הונגער=טויט, פונ אויסראָטנ דורכ טורמע, פארשיקונג, צעשיסונגענ אונ פייניקונגענ דעמ בעסטנ טייל פונ דער פויערימ=יוגנט. א מינדערהייט איז ניט לייכט דורכצופירנ אזא פּאָליטיק איבער א מערהייט, אָבער עקאָנאָמיש איז די דאָזיקע פּאָליטיק ניט אומעגלעכ. מיר דארפנ העלפנ דעמ פאָלק קלאָר צו באנעמענ עס. אונ דער פרווו מיט דער הילפ פונ אנ אקוראטער רעפאָרמ, פרידלעכ, אָנ גוואלדטאט, ארויסצוגייִנ פונ אָט דעמ אומענדלעכ פארפלאָנטערטנ קנויל פונ מיטלאלטערלעכע ווידערשפרוכנ, וועלכנ עס האָבנ געשאפנ יאָרהונדערטער רוסישע געשיכטע, — אזא פרווו איז דער סאמע טעמפּקעפּיקער טרוימ פונ פארשימלטע „מענטשנ אינ א פוטליאר". די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט רופט אומבאדינגט ארויס אונ וועט אומבאדינגט דורכפירנ די סאמע „שארפע איבערקערעניש" אינ די אגראר=פארהעלטענישנ פונ רוסלאנד. די היסטאָרישע פראגע באשטייט בלויז דערינ, צי וועלנ די דאָזיקע איבערקערעניש דורכפירנ די פריצימ, — אונטער דעמ צארס אונ סטאָליפינס אָנפירונג, אָדער די פויערימ=מאסנ — אונטער דער אָנפירונג פונעמ פראָלעטאריאט.

„די פארייניקונג פונ דער אָפּאָזיציע" — אָט דאָס איז איצט די סאמע אקטועלע טאָג=פראגע פונ דער רוסישער פּאָליטישער פרעסע. די פּאָליציייִש=סטאָליפינישע „ראָסיא" טריומפירט: „פארייניקונג? הייסט עס, אז די קאדעטנ זיינענ אויכ רעוואָליוציאָנערנ; נעמ אימ, דעמ קאדעט!" די קאדעטישע „רעטש", וואָס איז אָפּ דורכ אונ דורכ געדרונגענ מיטנ טשינאָווניקישנ פארלאנג צו דערווייזנ, אז די ק.=ד. קאָנענ זיינ מעסיק ניט ערגער פונ די אָקטיאבריסטנ, בלאָזט אָנ צירלעכ=מאנירלעכ די ליפנ, גיסט אויס גאנצע שטראָמענ „מאָראלישנ" צאָרנ בענעגייע די ניט געוויסנהאפטע פרווונ צו באשולדיקנ זי אינ רעוואָליוציאָנערקייט אונ דערקלערט: מיר באגריסנ, נאטירלעכ, די פארייניקונג פונ דער אָפּאָזיציע, אָבער די דאָזיקע פארייניקונג דארפ זיינ א רוק „פונ לינקס אפ רעכטס" (לייטארטיקל פונ 2=טנ פעווראל). „מיר האָבנ א דערפארונג פונ פּאָליטישע פעלערנ אונ אנטוישונגענ. ווענ אנ אָפּאָזיציע פארייניקט זיכ, פארייניקט זי זיכ נאטירלעכ אפ דער מינימאלער פראָגראמ פונ דער סאמע מעסיקסטער פונ די פארטייענ, וואָס גייענ ארייננ אינ איר באשטאנד".

דאָס איז אנ אבסאָליוט קלאָרע פּראָגראַמ: העגעמאָניע פונ בורזשואזנ ליבעראַליזמ, אָט דאָס איז מײַנ באַדינג, זאָגנ די קאַדעטנ, — פּונקט ווי פּאַלו האָט אינ 1871 יאָר געזאָגט טיערנ, וועלכער האָט בא אימ געבעטנ שטיצע: א מאָנאַרכיע, אָט דאָס איז מײַנ באַדינג.

די „סטאָליטשנאיא פּאָטשטא"[1] האָט דערזענ, אז ריידנ אָפנ אזוינע זאכנ פּאַסט ניט, עס איז ניט לײַטיש, איז זי דעריבער „ניט מאַסקימ" מיט „רעטש", זי וויל זיכ ארויסדרייענ מיט נעפּלהאַפטע אָנצוהערענישנ אפ דער „פּראַקטיאבערשער שטימונג" (די פאַרפלוכטע צענזור שטערט ארויסצושטעלנ א קלאָרע פּאָליטישע פּראָגראַמ!) אונ רופט, אינ טאָכ גענומענ, א דינג צו טאָנ זיכ. הייסנ הייסט עס: די „רעטש" וויל אָנפירנ, די רעוואָליוציאָנערנ ווילנ אָנפירנ (מיט דער נײַער פאַריניקונג), עפשער וועל איכ דאָ כאַפּנ א שטיקל פּאַרדינסטל פאַר אָרנטלעכער מעקלערײַ?

„פּאַרייניקונג" — מיר סימפּאַטיזירנ הײַמ דעמ דאָזיקנ לאָזונג, באַזונדערס ווענ מע גיט דאָ אָנצוהערעניש — אפילע אויב מע גיט בלויז אָנצוהערעניש! — אפ „פּראַקטיאבערשע שטימונגענ". די געשיכטע באַזוערט זיכ אָבער ניט איבער, מײַנע טײַערע הערנ פּאָליטיקאַנער. אונ די לעקציעס, וועלכע עס האָט אונדז געגעבנ די „געשיכטע פונ די דרײַ יאָר", קאָנענ בעשומ אויפנ ניט אויסגעראָטנ ווערנ פונעמ באַוווסטזײַנ פונ פאַרשיידענע קלאַסנ. די דאָזיקע לעקציעס זײַנענ אויסערסט רײַכ סײַ מיט זייער פּאָזיטיווג אינהאַלט (די פאָרמענ, דער כאַראַקטער, די באַדינגונגענ פאַרנ זיג פונעמ מ א ס נ=קאַמפּ פונ די אַרבעטער אונ פּויערימ אינ 1905 יאָר) סײַ מיט זייער נעגאַטיווג אינהאַלט (דער קראַכ פונ די צוויי דומעס, דה. דער קראַכ פונ די קאָנסטיטוציאָנעלע איליוזיעס אונ פונ דער קאַדעטישער העגעמאָניע).

ווער עס וויל סיסטעמאַטיש דערלערנענ, דורכטראַכטנ, באַנעמענ, דורכפירנ אינ די מאַסנ ד י ד אָ ז י ק ע לעקציעס, — מיטנ גרעסטנ קאָוועד, מיר זײַנענ פולשטענדיק פאַר א „פּאַרייניקונג", — פאַר א פאַרייניקונג, וואָס זאָל אָנ ראַכמאָנעס קעמפנ קעגנ די רענעגאַטנ פונ דער רעוואָליוציע. איז עס אײַכ ניט געפעלנ? גייענ זיכ אונדזערע וועגנ פונאנדער.

דער אַלטער, „פּראַקטיאבערשער" לאָזונג איז גוט, אונ מיר וועלנ אימ (זאָל קיינ פאַריבל ניט האָבנ מ=ד=מ פונעמ זאַמלבוכ „נאַשא מיסל"!) ניט ארויסוואַרפנ („גרינדונגס=פאַרזאַמלונג"). ער איז אָבער קנאַפּ. ער איז צו פאָרמעל. אינ אימ איז ניטאָ קיינ פאַרשטענדעניש פאַר די שאַרפע פראַגנ, וואָס דאָס לעבנ שטעלט פּראַקטיש. מיר וועלנ אימ דערגאַנצנ מיט דער גרויסער לעקציע פונ די דרײַ גרויסע יאָר. אונדזער „פּראָגראַמ מינימומ", די „פּראָגראַמ פונ אונדזער פאַרייניקונג" איז אײַנפאַכ אונ קלאָר: 1) קאָנפיסקירנ די גאַנצע פּריציש ערד; 2) א רעפּובליק. א גרינדונגס=פאַרזאַמלונג דאַרפנ מיר צוליב דעמ האָבנ א ז א, וואָס זאָל בעקויעכ זײַנ דאָס דורכצופירנ.

די געשיכטע פונ די צוויי דומעס, קאַדעטישע דומעס, האָט מיט מערקווירדיקער

---

[1] „סטאָליטשנאיא פּאָטשטא" — א טעגלעכע צײַטונג, אָרגאַנ פונ דער גרופּע טרודאָוויקעס. ר ע ד.

אָנשוילעבקטט באַווייזנ, אַז דער ווירקלעכער קאַמפּ פונ די געזעלשאַפטלעכע קרעפטנ, — דער קאַמפּ, וואָס איז ניט אַלעמאָל באַזיניקט געוואָרנ, וואָס האָט זיכ ניט אַלעמאָל אַרויסגעריסנ אַפ דער אויבערפלאַכ, וואָס האָט אָבער אַלעמאָל געהאַט זײַנ אַנטשײַדנדיקע ווירקונג אַפ אַלע גרויסע פּאָליטישע רעזולטאַטנ, וואָס האָט אַלעמאָל צעבלאָזנ ווי שטויב די קונצשטיק פונ די נאַיווע אונ שווינדלעריש־פלינקע פּראָפּאַנענ פונ „קאָנסטיטוציאָנאַליזמ“, דער דאָזיקער קאַמפּ איז פונ אָנהייב בײַז סאָפּ געגאַנגענ איבער די צוויי „אָביעקטנ“, אַפ וועלכע מיר האָבנ דאָ אָנגעוויזנ. ניט קיינ אַבסטראַקטע טעאָריעס, נאָר די רעאַלע דערפאַרונג פונעמ קאַמפּ פונ אונדזערע פּאָלקס־מאַסנ אינ די רעאַלע באַדינגונגענ פונ דער רוסישער פּריציש־ער זעלבסטהערשונג האָבנ אונדז באַוויזנ אינ דער פּראַקטיק, אַז גראָד די דאָזיקע לאָזונגענ זײַנענ אומפאַרמײַדלעכ. ווער עס איז בייזק צו באַנעמענ זיי, — יענעמ לייגנ מיר פאָר „גיינ באַזונדער“ אונ „שלאָגנ אינייִנעמ“, שלאָגנ דעמ סוינע, וואָס פאַרוויסט רוסלאַנד, וואָס ראַט אויס טויזנטער בעסטע מענטשנ פונ רוסלאַנד.

„איר וועט בלײַבנ אַליינ מיט אַזאַ פאַרייניקונגס־פּראָגראַמ“. דאָס איז ניט עמעס. לייענט דורכ די רעדעס פונ די אומפּאַרטייִשע פויערימ אינ די ערשטע צוויי דומעס — וועט איר פאַרשטיינ, אַז אונדזער פאַרייניקונגס־פּראָגראַמ פאָרמולירט בלויז זייערע ווונטשנ, זייערע באַדערפעונישנ, די עלעמענטאַר־נייטיקע אויספירנ פונ די דאָזיקע באַדערפעונישנ. מיט די, וואָס פאַרשטייענ ניט אָט די באַדערפעונישנ, — אָנגעהויבנ פונעמ קאַדעט אונ געענדיקט מיט פּעשעכאָנאָווונ (ער האָט אויכ געפּרײַדיקט „פאַרייניקונג“ אינ מאָסקווע, ווי מע שרײַבט אונדז פונ דאָרטנ), — מיט די וועלנ מיר מילכאָמע האַלטנ לעשעמ „פאַרייניקונג“.

דאָס וועט זײַנ אַנ אַקשאָנעסדיקע מילכאָמע. מיר האָבנ געקענט לאַנגע יאָרנ אַרבעטנ בײַז דער רעוואָליוציע. ניט אומזיסט האָט מענ אונדז אָנגערופנ מויערפעסטע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ האָבנ אויסגעבויט אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וועלכע וועט ניט פאַרלירנ די מוט דערפונ, וואָס עס האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ דער ערשטער קריגס־אָנגריפ, וועלכע וועט ניט פאַרלירנ דעמ קאָפּ, וועט זיכ ניט לאָזנ פאַרפירנ דורכ אַוואַנטיורעס. די דאָזיקע פּאַרטיי גייט צומ סאָציאַליזמ, ניט פאַרבינדנדיק ניט זיכ, ניט איר גורל מיטנ אויסגאַנג פונ דעמ אָדער יענעמ פּעריאָד פונ די בורזשואַזע רעוואָליוציעס. דעריבער טאַקע איז זי פרײַ אויכ פונ די שוואַכע זײַטנ פונ די בורזשואַזע רעוואָליוציעס. אונ די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי גייט צומ זיג.

וועגנ אייניקע באזונדערהײַטנ אינ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונעמ מארקסיזמ[1]

אונדזער לערע, — האָט געזאָגט ענגעלס וועגנ זיכ אונ וועגנ זײַנ באַרימטנ פרײַנט, — איז ניט קײנ דאָגמע, נאָר א ריכט-ליניע אינ דער ארבעט. אינ דעמ דאָזיקנ קלאסישנ טעזיס איז מיט מערקווירדיקער קראפט אונ אויסדריקלעכקײַט באַטאָנט יענע זײַט פונ מארקסיזמ, וואָס אפ טריט אונ שריט לאָזט מענ זי ארויס פונ אויג. אונ אז מיר לאָזנ זי ארויס פונ אויג, מאכנ מיר דעמ מארקסיזמ פאר אנ אײנזײַטיקנ, פארקריפּלטנ, טויטנ, מיר נעמענ ארויס פונ אימ זײַנ לעבעדיקע נעשאָמע, מיר רײַסנ אונטער זײַנע טעאָרעטישע גרונט-יעסוידעס — די דיאלעקטיק, די לערע וועגנ דער אלזײַטיקער אונ מיט ווידערשפּרוכנ פולער היסטאָרישער אנטוויקלונג; מיר רײַסנ אונטער זײַנ פארבינדונג מיט באַשטימטע פּראקטישע אויפגאבנ פונ דער עפּאָכע, וואָס קאָנענ זיכ ענדערנ בא יעדנ נײַעמ ווענד-פונקט פונ דער געשיכטע.

אונ גראָד אינ אונדזער צײַט קאָנ מענ צווישנ די, וועמענ עס אינטערעסירט דער גורל פונעמ מארקסיזמ אינ רוסלאנד, באזונדערס אָפט טרעפנ מענטשנ, וואָס לאָזנ ארויס פונ אויג גראָד די דאָזיקע זײַט זײַנע. פאר יעדערנ איז אָבער קלאָר, אז די לעצטע יאָרנ האָט רוסלאנד איבערגעלעבט אזעלכע שארפע איבערבראָכנ, וואָס האָבנ מיט אויסערגעוויינלעכער גיכקײַט אונ אויסערגעוויינלעכ שארפ געענדערט די סיטואציע, די סאָציאל-פּאָליטישע סיטואציע, וועלכע באַשטימט אפנ נאָענטסטנ אונ אומיטלבארנ אויפנ די באַדינגונגענ פונ דער האנדלונג אונ, דאָס הײסט, אויכ די אויפגאבנ פונ דער האנדלונג. איכ רײד, פארשטײט זיכ, ניט וועגנ די אלגעמײנע אויפגאבנ, וועגנ די גרונט-אויפגאבנ, וועלכע בײַטנ זיכ ניט בא די ווענד-פונקטנ פונ דער געשיכטע, וויבאלד עס בײַט זיכ ניט די גרונט-פארהעלטעניש צווישנ די קלאסנ. ס'איז אבסאָליוט קלאָר, אז די דאָזיקע אלגעמײנע ריכטונג פונ דער עקאָנאָמישער (אונ ניט נאָר פונ דער עקאָנאָמישער) עוואָליוציע פונ רוסלאנד, פּונקט ווי די גרונט-פארהעלטעניש צווישנ די פארשײדענע קלאסנ פונ דער רוסישער געזעלשאפט, האָט זיכ ניט געענדערט אינ די לעצטע, לאָמיר זאָגנ, זעקס יאָר.

די אויפגאבנ אָבער פונ דער נאָענטסטער אונ אומיטלבארער האנדלונג פלעגנ זיכ אינ מעשעכ פונ אָט דער צײַט ענדערנ זײער שארפ, אָט אזוי ווי ס'פלעגט זיכ ענדערנ די קאָנקרעטע סאָציאל-פּאָליטישע סיטואציע, — אונ דאָס הײסט, אז

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 23-טנ דעקאבער 1910 יאָר אינ דער לעגאלער באָלשעוויסטישער צײַטונג „זוועזדא“ נומ. 2. רעד.

אויך אינעם מארקסיזם, אלס לעבעדיקע האָקטרינע, האָבן געמוזט ארויסגערוקט ווערן אין פאָדערגרונט פארשיידענע זייטן זיינע.

קעדיי קלאָר צו מאכן דעם דאָזיקן געדאנק, לאָמיר א קוק טאָן, וואזוי עס איז געגאנגען די ענדערונג פון דער קאָנקרעטער סאָציאַל-פּאָליטישער סיטואציע אין מעשעך פון די לעצטע זעקס יאָר. מיר זעען פאר זיך גלייך צוויי צייט-אָפּשניטן צו דריי יאָר, וואָס אף זיי צעפאלט זיך דער דאָזיקער פעריאָד: איינער, וואָס פארענדיקט זיך, אַן ערעך, זומער-צייט פון 1907 יאָר, דער צווייטער — זומער-צייט פון 1910 יאָר. פאר די ערשטע דריי יאָר זיינען, פון ריין טעאָרעטישן שטאנדפונקט, כאראקטעריסטיש די גיכע ענדערונגען פון די גרונט-שטריכן אין דער מעלוכע-אָרדענונג פון רוסלאנד, דערביי איז דער גאנג פון אָט די ענדערונגען געווען זייער ניט גלייך, די אמפּליטודע פון די וואקלונגען אין ביידע זייטן איז געווען זייער גרויס. די סאָציאַל-עקאָנאָמישע באזע פון אָט די ענדערונגען פונעם „אויבערבוי" איז געווען אזא אָפענע, אימפּאָזאנטע, מאסנווייזע ארויסטרעטונג פון אלע קלאסן פון דער רוסישער געזעלשאפט אף די סאמע פארשיידענע ארענעס (די טעטיקייט אין דער דומע און אויסער דער דומע, די פרעסע, די פאריינען, די פארזאמלונגען אאַוו.), וואָס אזא איז ניט אָפט צו זען אין דער געשיכטע.

פארקערט, פאר די צווייטע דריי יאָר איז כאראקטעריסטיש — מיר כאזערן איבער, אז מיר באגרענעצן זיך דאָס מאָל מיט א ריין טעאָרעטישן „סאָציאָלאָגישן" שטאנדפּונקט, — אזא לאנגזאמע עוואָליוציע, וואָס איז קימאט געגליכן צו א שטילשטאנד. קיינע שום וויפל-ניט-איז קאָנטיקע ענדערונגען אין דער מעלוכע-אָרדענונג. קיינע שום, אָדער קימאט קיינע שום, אָפענע און פארשיידנזייטיקע ארויסטרעטונגען פון קלאסן אף דער מערהייט פון די „ארענעס", אף וועלכע ס'האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט די דאָזיקע ארויסטרעטונגען אינעם פאָריקן פעריאָד.

די ענלעכקייט צווישן די ביידע פעריאָדן באשטייט דערין, וואָס די עוואָליוציע פון רוסלאנד איז אין מעשעך אי פון דעם אי פון יענעם פעריאָד פארבליבן די פריערדיקע, די קאפּיטאליסטישע עוואָליוציע. דער ווידערשפּרוך צווישן אזא מין עקאָנאָמישער עוואָליוציע מיט דער עקזיסטענץ פון א גאנצער ריי פעאָדאלע, מיטלאלטערלעכע אינסטיטוציעס איז ניט באזייטיקט געוואָרן, איז אויך געבליבן דערזעלבער, און דאָס ארייַנדרינגען פון א געוויסן טיילווייזן בורזשואזן אינהאלט אין די אָדער יענע באזונדערע אינסטיטוציעס האָט ניט פארגלעט, נאָר גיכער פארשארפט דעם ווידערשפּרוך.

דער אונטערשייד צווישן דעם ערשטן פעריאָד און דעם אנדערן באשטייט דערין, וואָס ביים דעם ערשטן פעריאָד איז אף דער אוואנסצענע פון דער היסטאָרישער האנדלונג געשטאנען די פראגע וועגן דעם, וואָס פאר א רעזולטאט נעמלעך וועט זיך באקומען פון די אויבן אָנגעוויזענע גיכע און ניט גלייכע ענדערונגען. דער אינהאלט פון די דאָזיקע ענדערונגען האָט געמוזט זיין א בורזשואזער, מאכמעס דעם קאפּיטאליסטישן כאראקטער פון דער עוואָליוציע פון רוסלאנד; ס'איז אָבער פאראן א בורזשואזיע און א בורזשואזיע. די מיטל- און גרויס-בורזשואזיע, וואָס שטייט אף דער פּאָזיציע פון מער אָדער וויניקער מעסיקן ליבעראליזם, האָט, מאכמעס דער עצעם קלאסן-לאגע אירער, מוירע געהאט פאר שארפע ענדערונגען

און האָט זיכ געוואָלט דערשלאָגנ, עס זאָלנ אײַנגעהיט ווערנ באַדײַטנדיקע רעשטנ פונ די אַלטע אינסטיטוציעס אי אינ דער אַגראַר-אָרדענונג אי אינעמ פּאָליטישנ „אויבערבוי“. דאָס דאָרפישע קלײנבירגערטומ, וואָס איז איבערגעפלאָכטנ מיטנ פּויערטומ, וואָס לעבט פונ אייגענער האָרעוואַניע, האָט געמוזט שטרעבנ צו בורזשואַזע איבערגעשטאַלטונגעג פונ אַנ אַנדער מינ, צו אַזוינע, וואָס לאָזנ אַ סאַכ ווייניקער פּלאַצ פאַר יעטווידער מיטלאַלטערלעכנ אַלטוואַרג. די לוינ-אַרבעטער, אָפּ וויפל זיי האָבנ זיכ באַוווּסטזיניק באַצויגנ צו דעמ, וואָס קומט פאָר אַרומ זיי, האָבנ געמוזט אויסאַרבעטנ פאַר זיכ אַ באַשטימטע באַציִונג צו דעמ דאָזיקנ צוזאַמענשטויס צווישנ די צוויי פאַרשיידענע טענדענצנ, וואָס ביידע זײַנענ זיי געבליבנ אינ די ראַמענ פונ דער בורזשואַזער אָרדענונג, נאָר זיי האָבנ באַשטימט גאָר פאַרשיידענע פאָרמענ אירע, אַ גאָר פאַרשיידענע גיכקײַט פונ איר אַנטוויקלונג, אַ פאַרשיידענע ברייט פונעמ פאַרנעמ פונ אירע פּראָגרעסיווע ווירקונגענ.

אַזויאַרומ האָט די עפּאָכע פונ די פאַרגאַנגענע דרײַ יאָר ניט צופעליק, נאָר נייטווענדיק אַרויסגערוקט אינ פאָדערגרונט אינעמ מאַרקסיזמ די פראַגנ, וועלכע מע רופט געוויינלעכ טאַקטיק-פראַגנ. ס'איז ניטאָ קיינ מער פעלערהאַפטע זאַכ, ווי די מיינונג, אַז די שטרײַטנ אונ מיינונגס-פאַרשיידנהײַטנ איבער אָט די פראַגנ זײַנענ געווענ „אינטעליגענטישע“ שטרײַטנ, זײַנענ געווענ אַ „קאַמפּ פאַרנ אײַנפלוס אָפּנ ניט-רײַפנ פּראָלעטאַריאַט“, האָבנ אויסגעדריקט „דאָס צופּאַסנ זיכ פונ דער אינטעליגענצ צומ פּראָלעטאַריאַט“, ווי עס מיינענ די פאַרשיידענע מינימ „וועכאָווצעס“. פאַרקערט, גראָד דערפאַר, ווײַל דער געגעבענער קלאַס האָט דערגרייכט רײַפקײַט, האָט ער ניט געקאָנט פאַרבלײַבנ גלײַכגילטיק צומ צוזאַמענשטויס צווישנ די צוויי פאַרשיידענע טענדענצנ אינ דער גאַנצער בורזשואַזער אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד, אונ די אידעאָלאָגנ פונ דעמ דאָזיקנ קלאַס האָבנ ניט געקאָנט ניט געבנ קיינ טעאָרעטישע פאָרמולירונגענ, וואָס זאָלנ אַנטשפּרעכנ (דירעקט אָדער אומדירעקט, אינ אַ דירעקטער אָדער, פאַרקערטער אָפּשפּיגלונג) די דאָזיקע פאַרשיידענע טענדענצנ.

אינ די צווייטע דרײַ יאָר איז דער צוזאַמענשטויס צווישנ די פאַרשיידענע טענדענצנ אינ דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד ניט געשטאַנענ אינ טאָג-אָרדענונג, וואָרעמ אָט די ביידע טענדענצנ זײַנענ געווענ צוגעשטיקט דורכנ „זובר“, אָפּגעשטויסנ אָפּ צוריק, פאַרטריבנ אינווייניק, פאַרשטיקט אָפּ אַ געוויסער צײַט. די מיטלאַלטערלעכע זוברעס האָבנ ניט נאָר פאַרפולט די אַוואַנסצענע, נאָר זיי האָבנ אויכ אָנגעפילט די הערצער פונ די ברייטסטע שיכטנ פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט אַ וועכישער שטימונג, מיטנ גײַסט פונ מאָרעשכווירע, כאַראָטע. ניט קיינ צוזאַמענשטויס צווישנ צוויי אויפאַנימ פונ איבערגעשטאַלטנ דאָס אַלטע, נאָר דאָס פאַרלירנ דעמ גלויבנ אינ יעטווידער איבערגעשטאַלטונג, דער גײַסט פונ „אונטערטעניקײַט“ אונ „טשוווע“, אַרײַנגעטאָנקײַט אינ אַנטיגעזעלשאַפטלעכע טעאָריעס, מאָדע אָפּ מיסטיציזמ אאַז״וו, — אָט וואָס עס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ אָפּ דער אויבערפלאַכ.

און אָט די מערקווירדיק שאַרפע ענדערונג איז געווענ ניט קיינ צופעליקײַט, ניט קיינ רעזולטאַט בלויז פונ „אויסערלעכנ“ דרוק אַליינ. די פריקע עפּאָכע האָט אַזוי טיפ אויפגעטרייסלט די שיכטנ פונ דער באַפעלקערונג, וואָס זײַנענ אינ משך פונ

דווירעס, אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער געשטאַנענ אָנ א זײַט פונ די פּאָליטישע פראגנ, זײַנענ געווענ פרעמד צו די דאָזיקע פראגנ, אז די „איבערשאצונג פונ אלע ווערטנ“, די נײַע ארבעט איבער די גרונט-פּראָבלעמענ, דער נײַער אינטערעס צו טעאָריע, צום אלעפבייז, צום לערנענ זיכ פונ אלעפבייז אָנ איז אופגעקומענ נאטירלעכ אונ אומפארמײַדלעכ. די מיליאָנענ, וואָס זײַנענ מיטאמאָל אופגעוועקט געוואָרנ פונ לאנגנ שלאָפ, וואָס זײַנענ גלײַכ אוועקגעשטעלט געוואָרנ פאר די וויכטיקסטע פּראָבלעמענ, האָבנ זיכ ניט געקאָנט לאנג אײַנהאלטנ אפ דער דאָזיקער הייכ, זיי האָבנ זיכ ניט געקאָנט באגיינ אָנ אנ איבערײַס, אָנ א צוריקער צו די עלעמענטארע פראגנ, אָנ א נײַער צוגרייטונג, וואָס זאָל העלפנ צו „פארדייענ“ די אויסערסט רײַכע לעקציעס אונ געבנ א מעגלעכקײַט א סאכ א ברייטערער מאסע ווידער צו לאָזנ זיכ גיינ פאָרויס, שוינ א סאכ פעסטער, באוווסטזיניקער, זיכערער, אויסגעהאלטענער.

די דיאלעקטיק פונ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג איז געווענ אזא, אז אינ דעמ ערשטנ פעריאָד איז אינ טאָג-אָרדענונג געשטאַנענ די אופגאבע צו פארווירקלעכנ אומיטלבארע איבערגעשטאלטונגענ אינ אלע לעבנס-געביטנ פונעמ לאנד, אונ אינ דעמ צווייטנ — דאָס איבערארבעטנ די דערפארונג, דאָס באנעמענ די דאָזיקע דערפארונג דורכ ברייטערע שיכטנ, דאָס ארײַנדרינגענ פונ דער דאָזיקער דערפארונג, אויב מע קאָנ זיכ אזוי אויסדריקנ, אינ אונטערגרונט, אינ די אָפּגעשטאַנענע רייענ פונ די פארשיידענע קלאסנ.

גראָד דערפאר, ווײַל דער מארקסיזמ איז ניט קיינ טויטע דאָגמע, ניט עפּעס א פארענדיקטע, גרייטע, אומפארענדערלעכע לערע, נאָר א לעבעדיקע ריכט-ליניע אינ דער ארבעט, גראָד דערפאר האָט ער געמוזט אָפּשפּיגלענ אפ זיכ דעמ מערקווירדיק שארפנ אומבײַט פונ די באדינגונגענ פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ. די אָפּשפּיגלונג פונעמ אומבײַט איז געווענ די טיפע צעפאלונג, די צעשפּליטערונג, די פארשיידנערליי וואקלונגענ, מיט איינ וואָרט, — דער ביז גאָר ערנסטער אינערלעכער קריזיס פונעמ מארקסיזמ. געבנ אנ אנטשיידענעמ ווידערשטאנד אָט דער צעפאלונג, פירנ אנ אנטשיידענעמ אונ אקשאָנעסדיקנ קאמפ פאר די יעסוידעס פונ מארקסיזמ איז ווידער געוואָרנ אנ אקטועלע טאָג-אופגאבע. אויסערגעוויינלעכ ברייטע שיכטנ פונ די קלאסנ, וואָס קאָנענ ניט אויסמײַדנ דעמ מארקסיזמ באמ פאָרמולירנ זייערע אופגאבנ, האָבנ אינ דער פארגאנגענער עפּאָכע באנומענ דעמ מארקסיזמ ביז גאָר איינזײַטיק, פארקריפּלט, אויסכאזערנדיק די אָדער יענע „לאָזונגענ“, די אָדער יענע ענטפערס אפ טאקטישע פראגנ, ניט האָבנדיק פארשטאַנענ די מארקסיסטישע קריטעריומס פונ אָט די ענטפערס. די „איבערשאצונג פונ אלע ווערטנ“ אפ די פארשיידענע געביטנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ האָט געבראכט צו א „רעוויזיע“ פונ די סאמע אבסטראקטע אונ אלגעמיינע פילאָסאָפישע יעסוידעס פונעמ מארקסיזמ. די ווירקונג פונ דער בורזשואזער פילאָסאָפיע אינ אירע פארשיידנארטיקע אידעאליסטישע שאטירונגענ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אינ דער מאכיסטישער מאגייפע צווישנ די מארקסיסטנ. דאָס נאָכזאָגנ אײַנגעכאזערטע, אָבער ניט פארשטאַנענע, ניט דורכגעטראכטע „לאָזונגענ“ האָט געבראכט צו א ברייטער פארשפּרייטונג פונ פוסטער פראזע, וואָס האָט זיכ אינ דער פּראקטיק אויסגעלאָזט צו אבסאָליוט ניט מארקסיסטישע, קליינבירגערלעכע שטרעמונגענ, אשטייגער ווי דער

אָפענער אָדער שעמעוודיקער „אָטזאָוויזמ“, אָדער דאָס אָנערקענענ דעמ אָטזאָוויזמ פאַר א „געזעצלעכער שאַטירונג“ אינעמ מאַרקסיזמ.

פונ דער אַנדערער זייט, איז דער גייסט פונ וועכאָוושטשינע, דער גייסט פונ כאַראַטע, וואָס האָט אַרומגעכאַפט די ברייטסטע שיכטנ פונ דער בורזשואַזיע, אַריינגעדרונגענ אויכ אינ דער שטרעמונג, וואָס שטרעבט איינצופאַסנ די מאַרקסיסטישע טעאָריע אונ פראַקטיק אינ די ראַמענ פונ „מעסיקייט אונ אַקוראַטקייט“. מאַרקסיסטיש איז דאָ געבליבנ שוינ נאָר די פראַזעאָלאָגיע אַליינ, וועלכע הילט איינ די אַפ= דורכ אונ דורכ מיט ליבעראַלנ גייסט דורכגעזאַפטע בקירעס וועגנ „היעראַרכיע“, „העגעמאָניע“ אדג.

אינ דער אופגאַבע פונ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל קאָנ, פאַרשטייט זיכ, ניט אַריינגיינ די באַהאַנדלונג פונ די דאָזיקע בקירעס. ס'איז גענוג אָנצוווייזנ אַפ זיי, כדי צו אילוסטרירנ דאָס אויבנ געזאָגטע וועגנ דער טיפקייט פונעמ קריזיס, וואָס דער מאַרקסיזמ לעבט איבער, וועגנ זיינ פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכ-עקאָנאָמישער סיטואַציע פונעמ איצטיקנ פעריאָד. די פראַגנ, וואָס דער קריזיס האָט אופגעהויבנ, קאָנ מענ ניט אַוועקמאַכנ מיט דער האַנט. ס'איז ניטאָ קיינ מער שעדלעכע, קיינ מער פרינציפלאָזע זאַכ, ווי די פרווונ אַרויסצודרייענ זיכ פונ זיי מיט דער הילפ פונ א פראַזע. ס'איז ניטאָ קיינ וויכטיקערע זאַכ, ווי די צוזאַמענבאַהעפטונג פונ אַ ל ע מאַרקסיסטנ, וואָס האָבנ באַנומענ, ווי טיפ עס איז דער קריזיס אונ ווי נייטיק עס איז צו קעמפנ קעגנ אימ, כדי צו באַשיצנ די טעאָרעטישע יעסוידעס פונ מאַרקסיזמ אונ זיינע גרונט-האַנאָכעס, וועלכע ווערנ פאַרקריפלט פונ די סאַמע קעגנזעצלעכע זייטנ דורכ דער פאַרשפּרייטונג פונ בורזשואַזנ איינפלוס אַפ די פאַרשיידענע „מיטלויפער“ פונעמ מאַרקסיזמ.

די פאַרגאַנגענע דריי יאָר האָבנ אופגעהויבנ צומ באַוווסטזיניקנ אָנטייל אינ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ אַזעלכע ברייטע שיכטנ, וואָס ניט זעלטנ הייבנ זיי ערשט איצט צומ ערשטנ מאָל אָנ צו באַקענענ זיכ אַפ אַנ עמעס מיטנ מאַרקסיזמ. די בורזשואַזע פרעסע שאַפט אַצינד אינ דעמ פראַט א סאַכ מער געלעגנהייטנ פאַרפירט צו ווערנ, איידער פריִער, אונ פאַרשפּרייט זי ברייטער. צעפאַלונג אינעמ מאַרקסיזמ איז באַ אַזעלכע באַדינגונגענ באַזונדערס געפערלעכ. פאַרשטיינ די סיבעס פונ דער אומפאַרמיידלעכקייט פונ אָט דער צעפאַלונג אינ דער איצטיקער צייט אונ קאָנסאָלידירנ זיכ, כדי צו פירנ אַנ אויסגעהאַלטענעמ קאַמפ קעגנ דער דאָזיקער צעפאַלונג, איז פאַר די מאַרקסיסטנ דעריבער אינ סאַמע בוכשטעבלעכנ זינ פונ וואָרט אַנ אופגאַבע פונ דער עפּאָכע.

סטאָליפינ און די רעוואָליוציע[1]

דאָס טויטנ דעמ אויבער=הענקער סטאָליפינ איז צונויפגעפאלנ מיט יענעמ מאָמענט, ווענ א גאנצע ריי סימאָנימ האָט אָנגעהויבנ איידעס זאָגנ, אז עס ענדיקט זיכ די ערשטע פאזע אינ דער געשיכטע פונ דער רוסישער קאָנטררעוואָליוציע. די געשעעניש פונעמ 1=טנ סענטיאבער, וואָס אליינ פאר זיכ האָט זי א קנאפנ ווערט, מאכט דעריבער אפגעבנ אקטועל א פראגע פונ דער גרעסטער וויכטיקייט — די פראגע וועגנ דעמ אינהאלט אונ דער באדייטונג פונ אונדזער קאָנטררעוואָליוציע. אינעמ כאָר פונ די רעאקציאָנערנ, וואָס זינגענ לאקייִיש לויב=געזאנגענ סטאָליפינענ אָדער גריבלענ זיכ אינ דער געשיכטע פונ די אינטריגעס פונ דער שווארצמייעדיקער באנדע, וועלכע קאָמאנדעוועט מיט רוסלאנד, — אינעמ כאָר פונ די ליבעראלנ, וואָס באדויערנ אזוי דעמ „ווילדנ אונ אומזיניקנ" שאָס (צו די ליבעראלנ געהערנ, פארשטייט זיכ, אויכ די געוועזענע סאָציאל=דעמאָקראטנ פונ „דיעלאָ זשיזני", וועלכע האָבנ באנוצט אָט דעמ אויסגעדראָשענעמ אויסדרוק, וואָס מיר האָבנ דאָ גענומענ אינ גענדזנפיסלעכ), לאָזנ זיכ הערנ איינצלנע נאָטנ, וואָס האָבנ ווירקלעכ אנ ערנסטנ פרינציפיעלנ אינהאלט. עס ווערנ געמאכט פרווונ צו באטראכטנ דעמ „סטאָליפינישנ פעריאָד" פונ דער רוסישער געשיכטע, ווי עטוואָס גאנצעס.

סטאָליפינ איז געשטאנענ אינ שפיצ פונ דער רעגירונג פונ דער קאָנטררעוואָליוציע אנ ערעכ פינפ יאָר צייט, פונעמ 1906 יאָר ביזנ 1911 יאָר. דאָס איז ווירקלעכ אנ אייגנארטיקער פעריאָד, א פעריאָד, וואָס איז רייכ מיט באלערנדיקע געשעענישנ. אויסערלעכ קאָנ מענ אימ כאראקטעריזירנ ווי א פעריאָד פונ צוגרייטנ אונ פארווירקלעכנ די מעלוכע=איבערקערעניש פונעמ 3=טנ יונ 1907 יאָר. גראָד זומער פונ 1906 יאָר, ווענ סטאָליפינ איז אַרויסגעטראָטנ פאר דער ערשטער דומע אינ דער ראָליע פונ אנ אינערנ=מיניסטער, האָט זיכ אָנגעהויבנ די צוגרייטונג פונ דער האָזיקער איבערקערעניש, וועלכע האָט איצט שוינ באוויזנ אלע אירע פרוכטנ אפ אלע געביטנ פונ אונדזער געזעלשאפטלעכנ לעבנ. פרעגט זיכ, אפ וועלכע געזעלשאפטלעכע קוויכעס האָבנ זיכ געשטיצט די טוער פונ דער האָזיקער איבערקערעניש אָדער וועלכע קוויכעס האָבנ באוועגט די האָזיקע טוער? וואָס פאר א סאָציאל=עקאָנאָמישנ אינהאלט האָט געהאט דער „פעריאָד פונ דריטנ יונ"? — סטאָליפינס פערזענלעכע „קאריערע" גיט א באלערנדיקנ מאטעריאל אונ אינטערעסאנטע איליוסטראציעס צו דער האָזיקער פראגע.

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 31=טנ (18=טנ) אָקטיאבער 1911 יאָר אינעמ צענטראלנ אָרגאנ פונ דער רסדאפ „סאָציאל=דעמאָקראט" נומ. 24. רעד.

א גוטבאזיצער אונ אנ אדלס=מארשאלעק (предводитель дворянства), ווערט ער אינ 1902 יאָר, אינ פּלעוועס צײַטנ, גובערנאטאָר, — ער „מאכט זיכ באַרימט“ אינ די אויגנ פֿונעם קייסער אונ פֿונ זײַנ שווארצמייעדיקער קאמאריליע דורכ זײַנע בעסטיאלישע עקזעקוציעס איבער די פּויערים, דורכנ פּײַניקנ זיי (אינ סאראטאָווער גובערניע), — ער אָרגאניזירט שווארצמייעדיקע באנדעס אונ פּאָגראָמענ אינעם 1905 יאָר (באלאשאָווער פּאָגראָם), — ער ווערט אינערנ=מיניסטער אינ 1906 יאָר אונ פֿאָרזיצער פֿונעם מיניסטאָרנ=ראט פֿונ דעם מאָמענט אָנ, ווענ עס איז צעטריבנ געוואָרנ די ערשטע מעלוכע=דומע. אָט דאָס איז, אינ גאָר קורצע שטריכנ, סטאָליפּינס פּאָליטישע ביאָגראפיע. אונ די דאָזיקע ביאָגראפיע פֿונעם ראָש פֿונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער רעגירונג איז גלײַכצײַטיק אויכ די ביאָגראפיע פֿונ יענעמ קלאס, וואָס האָט דורכגעמאכט אונדזער קאָנטררעוואָליוציע אונ בײַ וועמענ סטאָליפּינ איז געווענ ניט מער, ווי א באפֿולמעכטיקטער אָדער א פּריקאשטשיק. דער דאָזיקער קלאס איז — דער רוסישער אריסטאָקראטישער אדל, מיטנ ערשטנ אדעליקנ אונ דעמ גרעסטנ גוטבאזיצער ניקאָלײַ ראָמאנאָוו בעראָש. דער דאָזיקער קלאס — דאָס זײַנענ יענע דרײַסיק טויזנט לײַבייגנטימער ערדבאזיצער, וואָס בײַ זיי אינ די הענט געפֿינענ זיכ 70 מיליאָנ דעסיאטינ ערד אינעם אייראָפּייִשנ רוסלאנד, ד. ה. פּונקט אזויפֿיל, וויפֿל עס פֿארמאָגנ צענ מיליאָנ פּויערשע הויפֿנ. די ערד=לאטיפֿונדיעס אינ די הענט פֿונ דעמ דאָזיקנ קלאס זײַנענ דער יעסאָד פֿונ יענער לײַבייגנטימערשער עקספּלואטאציע, וואָס הערשט אינעם לאנגאָניקנ רוסישנ צענטער פֿונ רוסלאנד, אינ פֿארשיידענע פֿאָרמענ אונ אונטער פֿארשיידענע נעמענ (אָפּארבעט, קאבאלא אאוו.). די „ערד=אָרעמקײַט“ פֿונעם רוסישנ פּויער (אויב מע זאָל באנוצנ דעמ באליבטנ ליבעראלנ אונ פֿאָלקיסטישנ אויסדרוק) איז ניט קיינ אנדער זאכ, ווי די לינקע זײַט פֿונ דער ערד=רײַכקײַט פֿונ דעם דאָזיקנ קלאס. די אגראר=פֿראגע, וואָס איז געשטאנענ אינ צענטער פֿונ אונדזער רעוואָליוציע אינ 1905 יאָר, איז באשטאנענ סאָפּקאָלסאָפּ אינ דעם, צי וועט גאנצ בלײַבנ דער פּריציִשער ערדבאזיץ, — אינ אזא פֿאל איז אומפֿארמײַדלעכ, עס זאָל אָפּ לאנגע אונ לאנגע יאָרנ פֿארבלײַבנ א קאפּצאָניש, קלאָגעדיק, הונגעריק, דערשלאָגנ אונ דערדריקט פּויערטום, אלס מאסע פֿונ דער באפֿעלקערונג, — אָדער דער מאסע באפֿעלקערונג וועט זיכ אײַנגעבנ אויסצוקעמפֿנ פֿאר זיכ כאָטש וויפֿל=ניט=איז מענטשלעכע, כאָטש וויפֿל=ניט=איז ענלעכע צו די אייראָפּייִשע פֿרײַע לעבנס=באדינגונגענ, — אונ דאָס איז געווענ אוממעגלעכ צו פֿארווירקלעכנ, אויב מע זאָל ניט פֿארניכטנ אָפּ א רעוואָליוציאָנערנ אופֿנ דעמ פּריציִשנ ערדבאזיץ אונ די פּריציִשע מאָנארכיע, וואָס איז מיט אימ ענג פֿארבונדנ.

סטאָליפּינס פּאָליטישע ביאָגראפיע איז א פּינקטלעכע אָפּשפּיגלונג אונ אויסדרוק פֿונ די לעבנס=באדינגונגענ פֿונ דער צארישער מאָנארכיע. בײַ דער לאגע, אינ וועלכער די מאָנארכיע האָט זיכ געפֿונענ בעשאס דער רעוואָליוציע, האָט סטאָליפּינ ניט געקאָנט האנדלענ אנדערש, ווי ער האָט געהאנדלט. די מאָנארכיע האָט ניט געקאָנט האנדלענ אנדערש, ווענ ס'איז מיט פֿולער באשטימטקײַט קלאָר געוואָרנ, אונ קלאָר געוואָרנ פֿונ דער דערפֿארונג, סײַ ביז דער דומע, אינעם 1905 יאָר, סײַ בעשאס דער דומע, אינעם 1906 יאָר, אז די קאָלאָסאלע, איבערוועגנדיקע מאסע

פון דער באפעלקערונג האָט שוין באנומען, אז אירע אינטערעסן קאָנען בשום אופן ניט דערלאָזן, עס זאָל בלייבן עקזיסטירן דער קלאס פריצים, און זי שטרעבט צו פארניכטן דעם דאָזיקן קלאס. קיין זאך קאָן ניט זיין אויבערפלעכלעכער און פאלשער, ווי די פארזיכערונגען פון די קאדעטישע שרייבער, אז די אָנפאלן אפ דער מאָנארכיע זיינען בא אונדז געווען אן אויסדרוק פון „אינטעליגענטישן" רעוואָליוציאָנאריזם. פארקערט, די אָביעקטיווע באדינגונגען זיינען געווען אזעלכע, אז דער קאמף פון די פויערים קעגן דעם פריצישן ערדבאזיץ האָט אומפארמיידלעך געשטעלט די פראגע וועגן לעבן אָדער טויט פון אונדזער פריצישער מאָנארכיע. דער צאריזם האָט ג ע מ ו ז ט פירן דעם קאמף אפ לעבן און טויט, ער האָט ג ע מ ו ז ט זוכן אנדערע שוץ-מיטלען, אויסער דער ביוראָקראטיע, וואָס איז געווען אינגאנצן אנטקרעפטיקט, און אויסער דער ארמיי, וואָס איז געווען אָפגעשוואכט פון די מילכאָמע-מאפּאָלעם און פון אינערלעכער דעזאָרגאניזאציע. דאָס איינציקע, וואָס דער צארישער מאָנארכיע איז בא אזא לאגע געבליבן צו טאָן, איז געווען אָרגאניזירן די שווארצמייעדיקע עלעמענטן פון דער באפעלקערונג און מאכן פאָגראָמען. דער הויכמאָראלישער צאָרן, מיט וועלכן אונדזערע ליבעראלן ריידן וועגן די פאָגראָמען, מוז אפ יעדן רעוואָליוציאָנער מאכן אן איינדרוק פון עפּעס ביז גאָר נעבעכדיקס און פאכדאָנעסדיקס, — באזונדערס ווען דאָס דאָזיקע הויכמאָראלישע פארורטיילן די פאָגראָמען גייט האנט בא האנט מיטן פולשטענדיקן דערלאָזן דעם געדאנק וועגן אונטערהאנדלונגען און פארשטענדיקונגען מיט די פאָגראָמשטשיקעס. די מאָנארכיע האָט ניט געקאָנט ניט פארטיידיקן זיך קעגן דער רעוואָליוציע, און די האלב-אזיאטישע, לייבייגנטימערישע, ר ו ס י ש ע מאָנארכיע פון די ראָמאנאָווס האָט זיך ניט געקאָנט פארטיידיקן אנדעריש, ווי מיט די שמוציקסטע, עקלדיקסטע, נידערטרעכטיקאבזאָריעסדיקע מיטלען: ניט קיין הויכמאָראליש פארורטיילן, נאָר דאָס אלזייטיקע און מעסירעסנעפעשדיקע מיטהעלפן דער רעוואָליוציע, דאָס אָרגאניזירן די רעוואָליוציע אפ א ר אָ פּ צ ו ו א ר פ ן די דאָזיקע מאָנארכיע איז פאר יעדן סאָציאַליסט און פאר יעדן דעמאָקראט דער איינציק ווירדיקער, דער איינציק פארנינפטיקער מעטאָד פון קאמף קעגן די פאָגראָמען.

דער פאָגראָמשטשיק סטאָליפין האָט זיך צוגעגרייט צו דער מיניסטער-שטעלע טאקע אזוי, ווי ס'האָבן נאָר געקאָנט גרייטן זיך צארישע גובערנאטאָרן: דורך פּייניקן פויערים, דורך אָרגאניזירן פאָגראָמען, דורכן קענען צודעקן די דאָזיקע אזיאטישע „פראקטיק" מיט אויסערלעכן גלאנץ און מיט פראזע, מיט פאָזע און מיט זשעסטן, נאָכגעמאכטע לויטן „אייראָפּיישן שניט".

און די פירער פון אונדזער ליבעראלער בורזשואזיע, וואָס פארורטיילן הויכמאָראליש די פאָגראָמען, האָבן געפירט אונטערהאנדלונגען מיט די פאָגראָמשטשיקעס, אָנערקענענדיק פאר זיי ניט נאָר דאָס רעכט אפ עקזיסטענץ, נאָר אויך די העגעמאָניע אינעם פראט פון איינאָרדענען דאָס נייע רוסלאנד און פון רעגירן איבער אים! דאָס טויטן סטאָליפינען האָט געגעבן א געלעגנהייט פאר א גאנצער ריי אינטערעסאנטע דעמאסקירונגען און אָנערקענונגען, וואָס זיינען נוגייע דער דאָזיקער פראגע. אָט זיינען, לעמאָשל, וויטעס און גוטשקאָווס בריוו וועגן וויטעס אונטערהאנדלונגען מיט „געזעלשאפטלעכע טוער" (לייען: מיט די פירער פון דער מעסיק-ליבעראלער

מאָנארכיסטישער בורזשואזיע) װעגנ צונױפשטעלנ דאָס מיניסטעריום נאָכנ 17־טנ אָקטיאבער 1905 יאָר. אינ די אונטערהאנדלונגענ מיט װיטענ — די האָזיקע אונטערהאנדלונגענ האָבנ אפּאָנעם געדױערט גאנצ לאנג, װײל גוטשקאָװ שרײבט װעגנ „פײנלעכע טעג פונ פארצױגענע אונטערהאנדלונגענ", — האָבנ זיכ באטײליקט שיפּאָװ, טרובעצקאָי, אורוסאָװ, מ. סטאכאָװיטש, הה. די שפּעטערדיקע טוער אי פונ דער קאדעטישער, אי פונ דער „פרידלעכ־באנײערישער", אי פונ דער אָקטיאבריסטישער פּארטײ. צעגאנגענ איז מענ זיכ, װי עס װײזט זיכ ארױס, איבער דורנאָװאָנ, װעלכנ די „ליבעראלנ" האָבנ ניט געװאָלט דערלאָזנ אינ דער ראָליע פונ אנ אינערנ־מיניסטער, אונ װיטע האָט זיכ פאר אים אײנגעשטעלט אולטימאטיװ. דערבײ איז אורוסאָװ, דער קאדעטישער שטערנ אינ דער ערשטער דומע, ארױסגעטראָטנ אלס „הײסער פּארטײדיקער פונ דורנאָװאָס קאנדידאטור". װענ פירשט אָבאָלענסקי האָט ארױסגעשטעלט סטאָליפּינס קאנדידאטור, האָט „װער־ניט־װער געשטיצט, װער־ניט־װער האָט געענטפערט, אז ער קענ אים ניט". „איכ געדענק באשטימט, — שרײבט גוטשקאָװ, — קײנ נעגאטיװע מײנונג, װי עס שרײבט גראפ װיטע, האָט קײנער ניט ארױסגעזאָגט".

די קאדעטישע פּרעסע, װאָס װיל באטאָנענ איר „דעמאָקראטיזמ" (שפּאסט ניט!), באזונדערס, עפּשער, מאכמעס די װאלנ אינ דער 1־טער קוריע אינ פּעטערבורג, װו א קאדעט האָט געקעמפט קעגנ אנ אָקטיאבריסט, פּרוװט זיכ איצט א שטאָכ טאָנ גוטשקאָװנ אינ צוזאמענהאנג מיט די דערמאָנטע אונטערהאנדלונגענ. „װי אָפט פלעגנ די הה' אָקטיאבריסטנ אונטער גוטשקאָװס אָנפירונג, — שרײבט די „רעטש" פונ 28־טנ סעפּטיאבער, — װי אָפט פלעגנ זײ, קעדײ צו געפינענ כײנ אינ די אױגנ פונ נאטשאלסטװע, ארױסװײזנ זיכ אלס קאָלעגנ פונעמ ה' דורנאָװאָס מײנונגס־כאװײרימ! װי אָפט פלעגנ זײ, געװענדט די בליקנ צו נאטשאלסטװע, שטעלנ זיכ מיטנ רוקנ צו דער געזעלשאפטלעכער מײנונג". דער לײטארטיקל פונ „רוסקיע װעדאָמאָסטי" פונ דער זעלביקער דאטע כאזערט איבער אינ פארשײדענע װאריאנטנ דעמ זעלביקנ קאדעטישנ פאָרװורפ די אָקטיאבריסטנ.

זײט אָבער מויכל, הערנ קאדעטנ: װאָס פאר א רעכט האָט איר עס צו מאכנ פאָרװורפנ די אָקטיאבריסטנ, אויב אינ די זעלביקע אונטערהאנדלונגענ האָבנ זיכ באטײליקט אויכ אײערע מענטשנ, װאָס האָבנ אפילע פארטײדיקט דורנאָװאָנ? זײנענ דענ דעמלט, אינ נאָיאבער 1905 יאָר, אלע קאדעטנ, אויסער אורוסאָװנ, ניט געװענ אינ דער לאגע פונ מענטשנ, װאָס שטײענ „געװענדט די בליקנ צו נאטשאלסטװע", אונ „מיטנ רוקנ צו דער געזעלשאפטלעכער מײנונג"? אז געליבטע קריגנ זיכ, הײסט עס, זײ שפּילנ זיכ; ניט קײנ פּרינציפּיעלער קאמפּ, נאָר קאָנקורענצ צװישנ גלײכ פּרינציפּלאָזע פּארטײענ — אָט װאָס עס קומט אויס צו זאָגנ מיקויעכ די איצטיקע פאָרװורפנ, װאָס די קאדעטנ מאכנ די אָקטיאבריסטנ אינ צוזאמענהאנג מיט די „אונטערהאנדלונגענ" פונעמ סאָפּ 1905 יאָר. אָט אזא מינ אמפּעריניש דינט מער ניט, װי אפּ צו פארטושנ יענעמ װירקלעכ װיכטיקנ, היסטאָריש אומבאשטרײטלעכנ פאקט, אז אלע שאטירונגענ פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע, אָנגעהויבנ פונ די אָקטיאבריסטנ אונ ביז די קאדעטנ, האָבנ „געװענדט די בליקנ צו נאטשאלסטװע" אונ האָבנ זיכ אויסגעקערעװעט „מיטנ רוקנ" צו דער דעמאָ־

קראטיע, פונ זינט אונדזער רעוואָליוציע האָט באַקומענ א ווירקלעכנ פאָלקס-כאַראקטער, ד.ה. זי איז געוואָרנ א דעמאָקראטישע לויטנ באשטאנד פונ אירע אקטיווע אָנטייל-נעמער. פארנ סטאָליפינישנ פעריאָד פונ דער רוסישער קאָנטררעוואָליוציע איז טאקע כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס די ליבעראלע בורזשואזיע האָט זיך אָפּגעקערט פונ דער דעמאָקראטיע, וואָס סטאָליפינ האָט געקאָנט דעריבער ווענדנ זיך נאָכ מיטהילפ, נאָכ מיטגעפיל, נאָכ אנ אייצע אמאָל צו דעמ, אמאָל צו יענעמ פאָרשטייער פונ דער דאָזיקער בורזשואזיע. ווענ די לאגע וואָלט ניט געווענ אזא, וואָלט סטאָליפינ ניט געקאָנט פארווירקלעכנ די העגעמאָניע פונעמ ראט פונ פארייניקטנ אדל איבער דער קאָנטררעוואָליוציאָנער געשטימטער בורזשואזיע, בא דער מיטהילפ, באמ מיטגעפיל, בא דער אקטיווער אָדער פאסיווער שטיצע פונ דער דאָזיקער בורזשואזיע.

אָט די זײַט פונעמ איניענ פארדינט באזונדערע אויפמערקזאמקײַט, ווײַל גראָד דאָס פארגעסט — אָדער איגנאָרירט בעקיווונ — אונדזער ליבעראלע פרעסע אונ אזעלכע אָרגאנענ פונ דער ליבעראלער ארבעטער-פאָליטיק, ווי „דיעלאָ זשיזני“. סטאָליפינ איז ניט נאָר א פארטרעטער פונ דער דיקטאטור פונ די פריצימ די לײַבײַגנטימער; באגרענעצנ זיך מיט אזא מינ כאראקטעריסטיק וואָלט געהייסנ אבסאָליוט גאָרנישט ניט פארשטיינ אינ דער אייגנארטיקײַט אונ אינ דער באדײַטונג פונעמ „סטאָליפינישנ פעריאָד“. סטאָליפינ איז א מיניסטער פונ אזא עפּאָכע, ווענ אינ דער גאנצער ליבעראלער בורזשואזיע, אינ דער קאדעטישער דערונטער, האָט געהערשט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע שטימונג, ווענ די לײַבײַגנטימער האָבנ געקאָנט שטיצנ זיך אונ האָבנ זיך געשטיצט אפ אזא שטימונג, האָבנ געקאָנט ווענדנ זיך אונ האָבנ זיך געווענדט מיט „פאָרשלאָגנ“ (פונ ליבע אונ טרײַהײַט) צו די פירער פונ דער דאָזיקער בורזשואזיע, האָבנ געקאָנט זענ אפילע אינ די „לינקסטע“ פונ די דאָזיקע פירער אנ „אָפּאָזיציע פונ זײַנ מאיעסטעט“, האָבנ געקאָנט זיך פארופנ אונ האָבנ זיך פארופנ אפ דעמ, וואָס די אידייִשע פירער פונעמ ליבעראליזמ האָבנ א קערעווע געטאָנ אינ זייער זײַט, אינ דער זײַט פונ דער רעאקציע, אינ דער זײַט פונ קאמפ קעגנ דער דעמאָקראטיע אונ פונ באשפײַענ די דעמאָקראטיע. סטאָליפינ איז א מיניסטער פונ אזא עפּאָכע, ווענ די פריצימ די לײַבײַגנטימער האָבנ מיט אלע קויכעס, מיטנ שנעלסטנ טעמפּ גענומענ פירנ א בורזשואזע פאָליטיק בענעגייע צומ פויערשנ אגראר-שטייגער, אָפּגעזעגנענדיק זיך מיט אלע ראָמאנטישע איליוזיעס אונ האָפענונגענ אפ דער „פאטריארכאלקײַט“ פונעמ פויערל, זוכנדיק פאר זיך פארבינדעטע צווישנ די נײַע, בורזשואזע עלעמענטנ פונ רוסלאנד ביכלאל אונ פונעמ דאָרפישנ רוסלאנד ביפראט. סטאָליפינ האָט געפּרוּווט ארײַנגיסנ אינ די אלטע לאָגלענ נײַעמ ווײַנ, איבערמאכנ די אלטע זעלבסטהערשונג אינ א בורזשואזע מאָנארכיע, אונ דער קראכ פונ דער סטאָליפינישער פאָליטיק איז א קראכ פונעמ צאריזמ אפ דעמ דאָזיקנ לעצטנ, דעמ לעצטנ דענקבארנ פארנ צאריזמ וועג. אלעקסאנדר דעמ III-טנס פריצישע מאָנארכיע האָט געפּרוּווט שטיצנ זיך אפנ „פאטריארכאלנ“ דאָרפ אונ אפ דער „פאטריארכאלקײַט“ אינעמ רוסישנ לעבנ ביכלאל; די רעוואָליוציע האָט צעשמעטערט די דאָזיקע פאָליטיק. ניקאָלײַ דעמ II-טנס פריצישע מאָנארכיע האָט נאָכ דער רעוואָליוציע גע-

פרווט שטיצנ זיכ אפ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער שטימונג פונ דער בורזשואזיע אונ אפ דער בורזשואזער אגראר-פאָליטיק, וואָס ווערט דורכגעפירט פונ די זעלביקע פריצימ; דער קראכ פונ די דאָזיקע פרווונ, וואָס איז איצט אויסער סאָפעק אפילע פאר די קאדעטנ, אפילע פאר די אָקטיאבריסטנ, איז א קראכ פונ דער *לעצטער* *מעגלעכער* פארנ צאריזמ פאָליטיק.

די דיקטאטור פונעמ פאָרעצ דעמ ליבייגנטימער איז אינ סטאָליפינס צייטנ ניט געווענ געווענדט קעגנ דעמ גאנצנ פאָלק, ארייננגערעכנט אהער אויכ דעמ גאנצנ „דריטנ שטאנד“, די גאנצע בורזשואזיע. ניינ, די דאָזיקע דיקטאטור איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ אינ בעסערע באדינגונגענ פאר איר, ווענ די אָקטיאבריסטישע בורזשואזיע האָט איר געדינט ניט אויס מוירע, נאָר מיטנ גאנצנ הארצנ; ווענ די פריצימ אונ די בורזשואזיע האָבנ געהאט א פארטרעטונגס-אינסטיטוציע, אינ וועלכער ס'איז געזיכערט געווענ א מערהייט פאר זייער בלאָק, אונ ס'איז אויסגעפורעמט געווענ די מעגלעכקייט פונ אונטערהאנדלונגענ אונ אויסגלייכנ מיט דער קרוינ; ווענ די הערנ סטרווועס אונ די איבעריקע וועכאָוצעס פלעגנ מיט היסטערישע קוויטשערייענ באגיכנ מיט שמוצ די רעוואָליוציע אונ שאפנ א אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געפרייט אנטאָני דעמ וואָליגערס הארצ; ווענ דער ה' מיליוקאָוו האָט פראָקלאמירט, אז די קאדעטישע אָפּאָזיציע איז אנ „אָפּאָזיציע פונ זיינ מאיעסטעט“ (זיינ מאיעסטעט דעמ ליבייגנטימער דעמ עפיגאָנ). אונ פונדעסטוועגנ, ניט געקוקט אפ די דאָזיקע מער גינסטיקע באדינגונגענ פאר די הה' ראָמאנאָווס, ניט געקוקט אפ די דאָזיקע מאמע גינסטיקע באדינגונגענ, וואָס מע קאָנ זיכ נאָר פאָרשטעלנ פונעמ שטאנדפונקט פונ דער קעגנזייטיקער פארהעלטעניש צווישנ די געזעלשאפטלעכע קויכעס אינעמ קאפיטאליסטישנ רוסלאנד פונ XX יאָרהונדערט, ניט געקוקט דערופ, האָט סטאָליפינס פאָליטיק געליטנ א קראכ; סטאָליפינ איז געטויט געוואָרנ דעמלט, ווענ אינ טיר קלאפט שוינ דער נייער קאברענ, — ריכטיקער געזאָגט, דער קאברענ, וואָס זאמלט נייע קויכעס, — דער קאברענ פונ דער צארישער זעלבסטהערשונג.

* * *

פאר די באציונגענ פונ סטאָליפינענ צו די פירער פונ דער בורזשואזיע, אונ פאָרקערט, איז באזונדערס בוילעט כאראקטעריסטיש די עפּאָכע פונ דער I דומע. „די צייט פונ מיי ביז נאָכ יול 1906 יאָר — שרייבט „רעטש“ — איז געווענ די אנטשיידנדיקע אינ סטאָליפינס קאריערע“. אינ וואָס זשע איז באשטאנענ דער שווערפונקט פונ דער דאָזיקער צייט?

„דער שווערפונקט פונ דער דאָזיקער צייט — מעלדעט דער אָפיציעלער אָרגאנ פונ דער קאדעטישער פארטיי — איז, פארשטייט זיכ, געלעגנ ניט אינ די דומע-ארויסטרעטונגענ“.

אנ עמעס ווערטפולע אָנערקענונג, איאָ? וויפל שטרייטנ ס'איז געווענ מיט די קאדעטנ איבער דער פראגע וועגנ דעמ, צי מע קאָנ זענ „דעמ שווערפונקט“ פונ יענער עפּאָכע אינ די „דומע-ארויסטרעטונגענ“! וויפל בייזע זידלערייענ, וויפל גייוועדיקע דאָקטרינערישער מוסער איז עס דעמלט אינ דער קאדעטישער פרעסע געווענדט געווענ קעגנ די סאָציאל-דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ אינ פרילינג אונ זומער פונעמ 1906 יאָר באהויפּט, אז דער שווערפונקט פונ יענער צייט ליגט *ניט*

אינ די דומע=ארויסטרעטונגענ! וויפל פאָרווורפנ דער גאנצער רוסישער „געזעלשאפט" האָבנ עס דעמלט געוואָרפנ „רעטש" אונ „דומא" דערפאר, וואָס די געזעלשאפט טרויעט וועגנ א „קאָנווענט" אונ איז ניט גענוג באגײַסטערט פונ די קאדעטישע ניצחוינעס אפ דער „פארלאמענטארישער" ערשט=דומישער ארענע! עס זײַנענ אוועק פינפ יאָר, מע דארפ געבנ אנ אלגעמײנע אָפשאצונג דער עפאָכע פונ דער ערשטער דומע, אונ די קאדעטנ פראָקלאמירנ מיט אזא לײַכטקײַט פונקט ווי זיי וואָלטנ בײַטנ הענטשקעס: „דער שווערפונקט פונ יענער צײַט איז, פארשטייט זיך, געלעגנ ניט אינ די דומע=ארויסטרעטונגענ".

פארשטייט זיך, אז ניט, מײַנע הערנ! ווו זשע איז געלעגנ דער שווערפונקט?

...„הינטער די קוליסנ — לייענענ מיר אינ „רעטש" — איז געגאנגענ א שארפער קאמפ צווישנ די פאָרשטייער פונ צוויי שטרעמונגענ. אײנע האָט רעקאָמענדירט צו זוכנ אנ אויסגלײַך מיט דער פאָלקס=פארטרעטונג, ניט אָפטרעטנדיק אפילע פאר שאפנ א „קאדעטיש מיניסטעריום". די צווייטע האָט געפאָדערט צו מאכנ א שארפנ שריט, פאנאנדערלאָזנ די מעלוכע=דומע אונ ענדערנ דעמ וואל=געזעצ. אזא פראָגראם האָט דורכגעפירט דער ראט פונעמ פארייניקטנ אדל, וואָס האָט זיך געשטיצט אפ מעכטיקע ווירקונגענ"... „סטאָליפינ האָט זיך א געוויסע צײַט געוואקלט. עס זײַנענ פאראנ אָנווײַזונגענ, אז ער האָט צוויי מאָל דורכ קריזשאנאָווסקינ פאָרגעלייגט מוראָמצעווונ צו באהאנדלענ די מעגלעכקײַט פונ א קאדעטישנ מיניסטעריום מיט סטאָליפינס אָנטייל אלס אינערנ=מיניסטער. גלײַכצײַטיק אָבער איז סטאָליפינ, אָנ סאָפעק, געשטאנענ אינ באציונגענ מיטנ ראט פונעמ פארייניקטנ אדל".

אָט אזוי שרײַבנ געשיכטע די הערנ געבילדעטע, געלערנטע, אָנגעלייענטע פירער פונ די ליבעראלנ! עס קומט אויס, אז דער „שווערפונקט" איז געלעגנ ניט אינ די ארויסטרעטונגענ, נאָר אינעמ קאמפ פונ די צוויי ריכטונגענ אינעווייניק אינ דער שווארצמייעדיקער צארישער קאמאריליע! די פאָליטיק פונ אנ „אָנדראנג" מיטאמאָל אונ אָנ שיעס האָט געפירט דער ראט פונעמ פארייניקטנ אדל — דה. ניט פערזאָנענ, ניט ניקאָלײַ ראָמאנאָוו, ניט „אײנ שטרעמונג" אינ די „ספערנ", נאָר א באשטימטער קלאס. זייערע קאָנקורענטנ פונ רעכטס זעענ די קאדעטנ קלאָר, ניכטער. דאָס אָבער, וואָס איז געווענ לינקס פונ די קאדעטנ, איז פארשוווּנדנ פונ זייער האָריזאָנט. די געשיכטע האָבנ געמאכט „די ספערנ", דער ראט פונעמ פארייניקטנ אדל אונ די קאדעטנ—דער האמוינ האָט זיך, נאטירלעכ, אינעמ מאכנ די געשיכטע ניט באטייליקט! קעגנ א באשטימטנ קלאס (דעמ אדל) איז געשטאנענ די איבערקלאסעווע פארטיי פונ „פאָלקס=פרײַהײַט", אונ די ספערנ (דה. דער קייסער דאָס פאָטערל) האָבנ זיך געוואקלט.

נו, צי קאָנ מענ זיך פאָרשטעלנ א מער עגאָיסטישע קלאסנ=בלינדקײַט? א גרעסערע פארקריפלונג פונ דער געשיכטע, א גרעסער פארגעסנ די אלעפבייז=עמעסנ פונ דער היסטאָרישער וויסנשאפט? א מער נעבעכדיקנ פלאָנטער, א גרעסערנ מישמאש פונ די באגריפנ קלאס, פארטיי אונ פערזאָנענ?

ערגער פונ יעדנ בלינדנ איז דער, ווער עס וויל ניט זענ די דעמאָקראטיע אונ אירע קויכעס.

דער שווערפונקט פונ דער עפאָכע פונ דער ערשטער דומע איז, פארשטייט

זיך, געלעגן ניט אין די דומע-ארויסטרעטונגען. ער איז געלעגן אין דעם קלאסן-קאמף אויסער דער דומע, אינעם קאמף פון די פריצים די לייבאייגנטימער און פון זייער מאָנארכיע קעגן דער פאָלקס-מאסע, קעגן די ארבעטער און פויערים. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פון די מאסן האָט גראָד אין יענער צייט ווידער אָנגעהויבן צו שטייגן: אי די שטרייקן ביכלאל, אי די פּאָליטישע שטרייקן, אי די פויערים-אומרוען, אי די מיליטערישע בונטן זיינען דראָענדיק געשטיגן אין פרילינג און זומער 1906 יאָר. אָט פארוואָס, הערן קאדעטישע היסטאָריקער, די „ספערן" האָבן זיך געוואקלט: דער קאמף צווישן די שטרעמונגען אינווייניק אין דער צארישער באנדע איז געגאנגען איבער דעם, צי מע קאָן מיטאמאָל דורכפירן א מעלוכע-איבערקערעניש באַ דער געגעבענער קראפט פון דער רעוואָליוציע, אָדער מע דארף נאָך אויסווארטן, נאָך א ביסל אומפירן די בורזשואזיע באַ דער נאָז.

די פריצים (ראָמאנאָוו, סטאָליפינען און קאָמפּ.) האָט די ערשטע דומע פולשטענדיק איבערצייגט, אז קיין שאָלעם צווישן זיי מיט דער פויערשער מאסע און מיט די ארבעטער קאָן ניט זיין. און די דאָזיקע איבערצייגונג זייערע האָט אָנטשפּראָכן דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. איז געבליבן צו לייזן א צווייטראנגיקע פראגע: ווען און וויאזוי, מיטאמאָל אָדער ביסלעכווייז ענדערן דעם וואל-געזעץ. די בורזשואזיע האָט זיך געוואקלט, אָבער די גאנצע אויפפירונג אירע — אפילע פון דער קאדעטישער בורזשואזיע — האָט באוויזן, אז זי האָט הונדערט מאָל מער מוירע פאר רעוואָליוציע איידער פאר רעאקציע. דעריבער פלעגן טאקע די פריצים באוויליקן צוצוציען די פירער פון דער בורזשואזיע (מוראָמצעוון, הײדענען, גוטשקאָוון און קאָמפּ.) צו באראטונגען וועגן דעם, עפשער קאָן מען צוזאמען שאפן א מיניסטעריום. און די בורזשואזיע איז אײַנגאנצן, די קאדעטן אײַנגעשלאָסן, געגאנגען זיך אָן אײַצע האלטן מיטן צאר, מיט די פאָגראָמשטשיקעס, מיט די פירער פון דער שווארצער מייע וועגן די מיטלען פון קאמף קעגן דער רעוואָליוציע, — אָבער די בורזשואזיע האָט פונעם סאָף 1905 יאָר אָן קיינמאָל קיין אײנע פון אירע פארטייען ניט געשיקט אַף קיין באראטונג מיט די פירער פון דער רעוואָליוציע וועגן דעם, וויאזוי אראָפצוואַרפן די זעלבסטהערשונג און די מאָנארכיע.

אָט דאָס איז די גרונט-לעקציע פונעם „סטאָליפינישן" פעריאָד אין דער רוסישער געשיכטע. דער צאריזם פלעגט צוציען די בורזשואזיע אַף באראטונגען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז די רעוואָליוציע איז נאָך א קראפט — און האָט ביסלעכווייז גענומען אָפּוואַרפן, מיט א זעץ פונעם סאָלדאטישן שטיוול, אלע פירער פון דער בורזשואזיע, צוערשט מוראָמצעוון און מיליוקאָוון, דערנאָך הײדענען און לוואָוון, צולעצט גוטשקאָוון, ווען די רעוואָליוציע פלעגט אויפהערן צו דריקן פון אונטן. דער אונטערשייד צווישן די מיליוקאָווס, לוואָווס און גוטשקאָווס איז לאכלוטן ניט וועזנטלעך — דאָס איז א פראגע פון דעם סיידער, אין וועלכן די דאָזיקע פירער פון דער בורזשואזיע האָבן אונטערגעשטעלט זייערע באקן צו באקומען די... „קושן" פון ראָמאנאָוון — פורישקעוויטשן — סטאָליפינען און פלעגן באקומען אזעלכע... „קושן".

סטאָליפין איז אראָפּ פון דער סצענע פונקט דעמלט, ווען די שווארצמייעדיקע מאָנארכיע האָט גענומען אלץ, וואָס זי האָט פאר איר גונסטן געקאָנט נעמען פון

די קאָנטררעוואָליוציאָנערע שטימונגענ פונ דער גאַנצער רוסישער בורזשואַזיע. אָפּ־געשטויסנ, באַשפּיגנ, זיכ אַליינ פאַרפּאַסקודיעט דורכ איר אָפּזאָג פונ דער דעמאָ־קראַטיע, פונעמ קאַמפּ פונ די מאַסנ, פונ דער רעוואָליוציע, שטייט איצט די דאָזיקע בורזשואַזיע א פאַרלאָרענע אונ צעטומלטע, זעענדיק די סימפּטאָמענ פונ אָנוווּקס פונ א נייער רעוואָליוציע. סטאָליפּינ האָט געגעבנ דעמ רוסישנ פאָלק א גוטע לעק־ציע: גיינ צו דער פרייהייט דורכ אַראָפּוואַרפנ די צאַרישע מאָנאַרכיע, אונטער דער אָנ־פירונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אָדער — גיינ אינ קנעכטשאַפט צו די פּורישקע־וויטשעס, מאַרקאָווס, טאָלמאַטשאָווס, אונטער דער אידעיִשער אונ פּאָליטישער אָנ־פירונג פונ די מיליוקאָווס אונ גוטשקאָווס.

וועגנ ליקווידאטאָרײַ און וועגנ דער גרופּע ליקווידאטאָרנ[1]

נעמענדיק אינ אכט,

1) אז די רסדאפּ פירט שוינ באַ פיר יאָר אנ אנטשיידענעמ קאמפּ קעגנ דער ליקווידאטאָרישער שטרעמונג, וואָס איז אפּ דער פּארטיי־קאָנפערענצ אינ דעקאבער 1908 יאָר קוואליפיצירט געוואָרנ אלס

„פּרווונ פונ א געוויסנ טייל פּארטייִשער אינטעליגענצ צו ליקווידירנ די עקזיס־טירנדיקע אָרגאניזאציע פונ דער רסדאפּ און צו פארבײַטנ זי דורכ א פאָרמלאָזער פאראייניקונג אינ די ראמענ פונ לעגאלקײַט אומ יעדנ פּרײַז, אויב מע זאָל אפילע באר דער דאָזיקער לעגאלקײַט מוזנ באַצאָלנ מיט בעפיירעשנ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פּראָגראמ, טאקטיק און פונ די טראדיציעס פונ דער פּארטיי“;

2) אז דער פּלענומ פונ צק אינ יאנוואר 1910 יאָר האָט, פאָרזעצנדיק דעמ קאמפּ קעגנ דער דאָזיקער שטרעמונג, אייִנשטימיק אָנערקענט, אז זי איז אנ אויס־פלעקונג פונעמ אײַנפלוס פונ דער בורזשואזיע אפּנ פּראָלעטאריאט, און האָט אלס באדינג פאר דערווירקלעכער פּארטיי־אייִנהײַט און צונויפגיסונג פונ די פריערדיקע פראקציעס באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס געשטעלט דעמ פולשטענדיקנ אײַנרײַסנ מיט דער ליקווידאטאָרײַ און דאָס ענדגילטיקע בײַקומענ די דאָזיקע בורזשואזע אָפּ־נייגונג אָנ א זײַט פונ סאָציאליזמ;

3) אז טראָצ אלע פּארטיי־באשלוסנ און טראָצ דער פארפליכטונג, וואָס די פאָרשטייער פונ אלע פראקציעס האָבנ געגעבנ אפּנ פּלענומ אינ יאנוואר 1910 יאָר, האָט א טייל ס.־ד., וואָס גרופּירט זיכ ארומ די זשורנאלנ „נאשא זאריא“ און „דיע־לאָ זשיזני“, אָפּנ גענומענ פארטיידיקנ די שטרעמונג, וואָס די גאנצע פּארטיי האָט אָנערקענט אלס פּראָדוקט פונעמ בורזשואזנ אײַנפלוס אפּנ פּראָלעטאריאט;

4) אז די געוועזענע מיטגלידער פונ צק מ.־ל., יורי און ראָמאנ האָבנ זיכ ניט נאָר אָפּגעזאָגט ארײַנצוגיינ אינ באשטאנד פונ צק אינ פרילינג 1910 יאָר, נאָר זיי האָבנ זיכ אפילע אָפּגעזאָגט צו קומענ כאָטשבי אפּ איינ זיצונג, קעדיי צו קאָאָפּ־טירנ נײַע מיטגלידער, און האָבנ אָפּנ דערקלערט, אז זיי האלטנ פאר „שעדלעכ“ די עצעמ עקזיסטענצ פונעמ צק פונ דער פּארטיי;

---

[1] די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומענ געוואָרנ דורכ דער VI (פּראָגער) קאָנפערענצ פונ דער רסדאפּ, וואָס האָט ארויסגעטריבנ די מענשעוויקעס פונ דער פּארטיי און האָט אויסגעפורעמט די זעלבשטענדיקע עקזיסטענצ פונ דער באָלשעוויסטישער פּארטיי. רעד.

5) אז די אָנגערופענע הויפּט-אויסגאבעס פונ די ליקווידאטאָרנ „נאשא זאריא" אונ „דיעלאָ זשיזני" האָבנ גראָד נאָכנ פּלענום פונ 1910 יאָר אנטשיידנ אונ אפּנ גאנצנ פראָנט א קער געטאָנ צו ליקווידאטאָרסטװע, דערבײַ האָבנ זײ ניט נאָר „פּארמי-גערט" (טראָץ די באשלוסנ פונעמ פּלענומ) „די באדײַטונג פונ דער אומלעגאלער פּארטיי", נאָר זײ האָבנ דירעקט געלייקנט אינ איר, דערקלערנדיק, אז די פּארטיי איז א „מעס", דערקלערנדיק, אז די פּארטיי איז שוינ ליקווידירט, דערקלערנדיק, אז אופשטעלנ צוריק די אומלעגאלע פּארטיי איז א „רעאקציאָנערע אוטאָפּיע", באגיסנ-דיק די אומלעגאלע פּארטיי אפּ די שפּאלטנ פונ די לעגאלע זשורנאלנ מיט רעבילעפּ אונ זידלערײַ, רופנדיק די ארבעטער צו אָנערקענענ, אז די קעמערלעכ פונ דער פּארטיי אונ איר היעראַרכיע זײַנענ „אָפּגעשטאָרבנ" אאַװ.;

6) אז בײַם אינ גאנצ רוסלאנד האָבנ זיכ די פּארטייער, אָנ אונטערשייד פונ פראקציעס, פּארייניקט ארומ דער אָרדנטלעכער ארבעט פונ צונויפרופנ די פּארטיי-קאָנפערענצ, האָבנ זיכ די ליקווידאטאָרנ אויסגעטיילט אינ אבסאָליוט אומאָפּהענגי-קע גרופּקעס, זײ האָבנ זיכ אָפּגעשפּאָלטנ אפּ די ערטער אויכ דאָרט, וווּ עס פּרע-וואלירנ די מענשעוויקעס די פּארטייער (יעקאטערינאָסלאוו, קיעוו) אונ האָבנ זיכ ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פונ יעטווידער פּארטיי-פארבינדונג מיט די אָרטיקע אָרגאני-זאציעס פונ דער רסדאפּ; —

דערקלערט די קאָנפערענצ, אז די גרופּע „נאשא זאריא" אונ „דיעלאָ זשיזני" האָט זיכ מיט איר אופירונג ענדגילטיק אװעקגעשטעלט אויסער דער פּארטיי.

די קאָנפערענצ רופט אלע פּארטייער, אָנ אונטערשייד פונ שטרעמונגענ אונ שאַ-טירונגענ, צו פירנ א קאמפּ קעגנ דער ליקווידאטאָרסטװע, אופצוקלערנ איר גאנצע שעד-לעכקײַט פאר דער באפרײַונג פונעמ ארבעטער-קלאס אונ אָנשטרענגענ אלע קויכעס, כדי צוריק אופשטעלנ אונ פארפעסטיקנ די אומלעגאלע רסדאפּ.

שטרייט-פראגנ

אנ אָפענע פארטיי אונ די מארקסיסטנ[1]

I. דער באשלוס פונ 1908 יאָר

דער קאמפ, וואָס גייט צווישנ דער „פראוודא“ אונ דעמ „לוטש“, זעט בא א סאכ ארבעטער אינ די אויגנ אויס ווי א ניט נייטיקער אונ ווייניק פארשטענדלעכער. נאטירלעכ, די פּאָלעמישע ארטיקלענ אינ באזונדערע נומערנ פונ דער צייטונג איבער אייִנצלנע, צומאָל גאנצ פריוואטע, פראגנ גיבנ ניט קיינ פולע פאַרשטעלונג וועגנ די אָביעקטנ אונ דעמ אינהאלט פונעמ קאמפ. דערפונ נעמט זיכ די געזעצלעכע אומצופרידנקייט פונ די ארבעטער.

אָבער די פראגע וועגנ ליקווידאטאָרנ, וואָס איבער איר גייט דער קאמפ, איז בא איצטיקנ מאָמענט איינע פונ די וויכטיקסטע אונ אקטועלסטע פראגנ פונ דער ארבעטער-באוועגונג. מע קאָנ ניט זיינ קיינ באוווסטזיניקער ארבעטער, אויב מע באקענט זיכ ניט גענוי מיט דער דאָזיקער פראגע, אויב מע שאפט זיכ ניט קיינ באשטימטע מיינונג וועגנ איר. אנ ארבעטער, וואָס וויל זעלבשטענדיק באשליסנ דעמ גורל פונ זיינ פארטיי, וועט ניט גיינ אוועקמאכנ מיט דער האנט די פּאָלעמיק, אויב זי איז אפילע, פונ ערשטנ אויגנבליק, ניט גאָר פארשטענדלעכ, נאָר ער וועט נעמענ ערנסט זיכ דערגרונטעווענ אונ וועט זיכ דערגרונטעווענ צומ עמעס.

ווי דערגרונטעוועט מענ זיכ צומ עמעס? ווי קלייבט מענ זיכ פאנאנדער צווישנ די מיינונגענ אונ באהויפטונגענ, וואָס ווידערשפרעכנ איינע דער אנדערער?

יעדער פארנינפטיקער מענטש פארשטייט, אז אויב עס גייט א הייסער קאמפ איבער א וועלכנ-ניט-איז איניענ, איז, קעדיי פעסטצושטעלנ דעמ עמעס, טאָר מענ זיכ ניט באגרענעצנ מיט די דערקלערונגענ פונ די שטרייטנדיקע, נאָר מע מוז אליינ דורכקאָנטראָלירנ די *פאקטנ* אונ *דאָקומענטנ*, מע מוז זיכ אליינ פאנאנדערקלייבנ, צי זיינענ פאראנ באווייזנ פונ *אידעס* אונ צי זיינענ די דאָזיקע באווייזנ זיכערע.

געוויס, ניט אלעמאָל איז דאָס לייכט צו טאָנ. א סאכ „לייכטער“ איז גלייבנ אינ אלצ, וואָס מע זאָל ניט זאָגנ, וואָס עס זאָל ניט *אויסקומענ* צו הערנ, וועגנ

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט אינ 1913 יאָר אינ פאָלגנדיקע נומערנ פונ דער באָלשעוויסטישער לעגאלער טעגלעכער צייטונג „פראוודא“: נומ. 85 (289) פונ 12-טנ אפרעל; נומ. 95 (299) פונ 26-טנ אפרעל; נומ. 110 (314) פונ 15-טנ מיי; נומ. 123 (327) פונ 29-טנ מיי; נומ. 124 (328) פונ 31-טנ מיי אונ נומ. 126 (330) פונ 2-טנ יונ 1913 נאָר. רעד.

וואָס מע שרײַבט „אָפּענער“ אדג. די מענטשן אָבער, וואָס באַפרײַדיקן זיך דערמיט, רופט מען „לײַכטינקע“, לײַכטוואָגיקע מענטשן, און קיינער רעכנט זיך ניט מיט זיי ערנסט. אָן געוויסער זעלבשטענדיקער מי קאָן מען אין קיין איין ערנסטער פראַגע ניט געפינען דעם עמעס, און ווער עס האָט מוירע פאר מי, דער נעמט בא זיך אליין אָפּ די מעגלעכקײַט צו געפינען דעם עמעס.

דעריבער ווענדן מיר זיך נאָר צו יענע ארבעטער, וואָס האָבן קיין מוירע ניט פאר דער דאָזיקער מי, וואָס האָבן באַשלאָסן זעלבשטענדיק צו פאנאנדערקלײַבן זיך און צו באמיען זיך געפינען פאקטן, דאָקומענטן, באווײַזן פון אײדעם.

קוידעמקאָל שטעלט זיך די פראגע, וואָס איז אזוינס ליקווידאטאָרײַ? פונוואנען האָט זיך גענומען דאָס וואָרט, וואָס באטײַט עס?

דער „לוטש“ זאָגט, אז די ליקווידאטאָרײַ פון דער פארטיי, ד.ה. דאָס פאנאנדערלאָזן, דאָס צעשטערן די פארטיי, דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער פארטיי — איז פּאָשעט א בייזע אויסטראכטעניש. דאָס האָבן, הייסט עס, די „פראקציאָנערן“ די באָלשעוויקעס אויסגעטראכט קעגן די מענשעוויקעס!

די „פראוודא“ זאָגט, אז ס'איז שוין העכער פיר יאָר, ווי די גאנצע פארטיי פארורטײלט די ליקווידאטאָרײַ און קעמפט קעגן איר.

ווער איז גערעכט? ווי געפינט מען דעם עמעס?

קלאָר, אז דאָס איינציקע מיטל איז: זוכן פאקטן און דאָקומענטן פון דער פארטיי־געשיכטע פאר די לעצטע 4 יאָר, פון 1908 יאָר ביז 1912, ווען די ליקווידאטאָרן האָבן זיך ענדגילטיק אָפּגעשפּאָלטן פון דער פארטיי.

טאקע אָט די פיר יאָר, ווען די איצטיקע ליקווידאטאָרן זײַנען נאָך געווען אין דער פארטיי, — איז דער סאמע וויכטיקער פעריאָד אָפּ דורכצוקאָנטראָלירן, פונוואנען און וויאזוי עס האָט זיך גענומען דער באגריף ליקווידאטאָרײַ.

פונדאנען קומט דער ערשטער אויספיר, דער גרונט־אויספיר: ווער עס רעדט וועגן ליקווידאטאָרײַ און פארשווײַגט די פאקטן און דאָקומענטן פון דער פארטיי פאר די יאָרן 1908—1911, דער באהאלט אויס פון די ארבעטער דעם עמעס.

וואָס זשע פארא פאקטן און דאָקומענטן פון דער פארטיי זײַנען דאָס?

קוידעמקאָל — דער פארטיי־באשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דעקאבער פון 1908 יאָר[1]. אויב די ארבעטער ווילן ניט, אז מע זאָל זיך מיט זיי באגיין ווי מיט קינדער, וואָס מע שטאָפּט מיט מעסעס און מיט ניט געשטויגענע — ניט געפלויגענע געשיכטעס, דארפן זיי פרעגן בא זייערע אייצע־געבער, אָנפירער אָדער פאָרשטייער, צי איז אין דעקאבער פון 1908 יאָר געווען א פארטיי־באשלוס איבער דער פראגע וועגן ליקווידאטאָרײַ און אין וואָס באשטייט ער?

דער דאָזיקער באשלוס פארורטײלט די ליקווידאטאָרײַ און דערקלערט, אין וואָס זי באשטייט.

ליקווידאטאָרײַ — דאָס זײַנען „פרווון פון א געוויסן טייל פארטייִשער אינטע־

[1] עס האנדלט זיך וועגן דער באשטימונג פון דער V קאָנפערענץ פון דער רסדאפּ. רעד.

ליגנצ צו ליקווידירנ" (דה. פאנאנדערלאָזנ, צעשטערנ, אָפּשאפנ, מאכנ אזוי, עס זאָל אופהערנ צו עקזיסטירנ) „די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאציע פונ דער פארטיי אונ צו פארבײַטנ זי דורכ א פאָרמלאָזער פארייניקונג אינ די ראמענ פונ לעגאליטעט" (דה. פונ געזעצלעכקײַט, פונ „אָפּענער" עקזיסטענצ) „אומ יעדנ פרײַז, אויב מע זאָל אפילע פאר דער דאָזיקער לעגאלקײַט מוזנ באצאָלנ מיט בעפײרעשנ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פראָגראמ, טאקטיק אונ פונ די טראדיציעס" (דה. פונ דער פריערדיקער דערפארונג) „פונ דער פארטיי".

אָט וואָס פאר א באשלוס די פארטיי האָט מיט העכער פיר יאָר צוריק אָנגענומענ וועגנ דער ליקווידאטאָרײַ.

פונ דעמ דאָזיקנ באשלוס איז קלאָר צו זענ, אינ וואָס עס באשטייט דער טאָכ פונ דער ליקווידאטאָרײַ, פאר וואָס זי ווערט פארורטיילט. דער טאָכ באשטייט אינעמ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער „אונטערערד", אינעמ ליקווידירנ זי, אינעמ פארבײַטנ זי מיט א פאָרמלאָזער פארייניקונג אינ די ראמענ פונ געזעצלעכקײַט אומ יעדנ פרײַז. הייסט עס, אז פארורטיילנ פארורטיילט די פארטיי לאכלוטנ ניט די לעגאלע (געזעצלעכע) ארבעט, לאכלוטנ ניט דאָס באטאָנענ די נייטיקײַט פונ אזא ארבעט. די פארטיי פארורטיילט — אונ פארורטיילט קאטעגאָריש — דאָס פארבײַטנ די אלטע פארטיי מיט עפּעס פאָרמלאָזעס, „אָפּנס", וואָס מע קאָנ ניט אָנרופנ פארטיי.

די פארטיי קאָנ ניט עקזיסטירנ, אויב זי פארטיידיקט ניט איר עקזיסטענצ, אויב זי קעמפט ניט אומבאדינגט קעגנ דעמ, ווער עס וויל זי ליקווידירנ, פארניכטנ, ווער עס אָנערקענט זי ניט, ווער עס זאָגט זיכ אָפּ פונ איר. דאָס איז קלאָר פונ זיכ אלײנ.

דער, וואָס זאָגט זיכ אָפּ פונ דער עקזיסטירנדיקער פארטיי אינ נאָמענ פונ עפּעס א נײַער, דעמ דארפ מענ זאָגנ: פרווו, בויט אויס א נײַע פארטיי, אָבער קיינ מיטגליד פונ דער אלטער, פונ דער איצטיקער, פונ דער עקזיסטירנדיקער פארטיי קאָנט איר ניט זײַנ. אָט דאָס איז דער זינ פונעמ פארטיי-באשלוס, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אינ דעקאבער 1908 יאָר, אונ עס איז קלאָר, אז קיינ אנדער באשלוס איבער דער פראגע וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער פארטיי האָט ניט געקאָנט זײַנ.

ליקווידאטאָרײַ איז פארבונדנ, פארשטייט זיכ, אידייִש פארבונדנ, מיט רענעגאטישקײַט, מיט אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פראָגראמ אונ טאקטיק, מיט אָפּאָרטוניזמ. דערופ ווײַזט טאקע אָנ דער סאָפּ פונעמ אויבנ געבראכטנ באשלוס. ליקווידאטאָרײַ איז אָבער ניט נאָר אָפּאָרטוניזמ. אָפּאָרטוניסטנ פירנ די פארטיי אָפּ ניט קיינ ריכטיקנ, אָפּ א בורזשואזנ וועג, אָפּנ וועג פונ ליבעראלער ארבעטער-פּאָליטיק, אָבער זיי זאָגנ זיכ ניט אָפּ פונ דער פארטיי גופע, זיי ליקווידירנ זי ניט. ליקווידאטאָרײַ איז אזא מינ אָפּאָרטוניזמ, וואָס דערגייט ביז צומ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פארטיי. זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די פארטיי קאָנ ניט עקזיסטירנ, אויב זי שליכט אינ זיכ אײַנ די, וואָס אָנערקענענ ניט איר עקזיסטענצ. ניט ווייניקער פארשטענדלעכ איז אויכ, אז בא די עקזיסטירנדיקע באדינגונגענ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער אונטערערד הייסט אָפּזאָגנ זיכ פונ דער אלטער פארטיי.

פרעגט זיך, וויאזוי באציִען זיך די ליקווידאטאָרן צו דעם האָזיקן פּאַרטיי־באַשלוס פון 1908 יאָר?

אָט דאָ־אָ איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער פראגע, אָט דאָ ווערט דורכגעקאָנטראָלירט די אופריכטיקייט און פּאָליטישע ערלעכקייט פון די ליקווידאטאָרן.

קיין איינער פון זיי, אויב ער איז ניט אראָפּ פון זינען, וועט ניט גיין לייקענען דעם פאקט, אז אזא פּאַרטיי־באַשלוס איז געווען און אז ער איז ניט אָפּגעשאפט.

ווילן דאָ די ליקווידאטאָרן זיך אויסדרייען אָדער דערמיט, וואָס זיי מיידן אויס די פראגע און פארשווייגן פאר די ארבעטער דעם פּאַרטיי־באַשלוס פון 1908 יאָר, אָדער דערמיט, וואָס זיי שרייַען (צוגעבנדיק גאנץ אָפט זידל־ווערטער), אז דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן דורכגעפירט די באָלשעוויקעס.

די זידל־ווערטער זייַנען אָבער ניט מער ווי א סימען פון דער שוואכקייט פון די ליקווידאטאָרן. עס זייַנען פאראן פּאַרטיי־באַשלוסן, וואָס די מענשעוויקעס האָבן דורכגעפירט, — צום בייַשפּיל, דער באַשלוס וועגן מוניציפּאַליזאציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין שטאָקהאָלם אין 1906 יאָר[1]. דאָס איז אלעמען באוווּסט. א סאך באָלשעוויקעס זייַנען ניט מאסקים מיט דעם האָזיקן באַשלוס. קיינער פון זיי לייקנט אָבער ניט אָפּ, אז דאָס איז א פּאַרטיי־באַשלוס. פּונקט אזא פּאַרטיי־באַשלוס איז אויך דער באַשלוס פון 1908 יאָר וועגן דער ליקווידאטאָרייַ. יעטווידע דרייידלעך אין דער דאָזיקער פראגע באַטייַטן נאָר, אז מע וויל די ארבעטער פארפירן.

ווער עס וויל אָנערקענען די פּאַרטיי ניט נאָר אפן וואָרט, דער וועט דאָ ניט דערלאָזן קיינע שום דריידלעך און וועט זיך באַמיִען צו דערגיין דעם עמעס וועגן דעם פּאַרטיי־באַשלוס אין דער פראגע וועגן ליקווידאטאָרייַ. צו דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן זיך פון 1909 יאָר אָן אָנגעשלאָסן אלע פּאַרטייִשע מענשעוויקעס, בעראָש מיט פּלעכאנאָוו, וואָס האָט אין זייַן אויסגאבע „דניעוווניק" און אין א גאנצער ריי אנדערע מארקסיסטישע אויסגאבן א סאך מאָל און גאנץ קאטעגאָריש אויפגעקלערט, אז אין דער פּאַרטיי קאָן ניט זייַן דער, וואָס ליקווידירט זי.

פּלעכאנאָוו איז געווען און וועט בלייַבן א מענשעוויק. הייסט דאָס, אז דאָס געוויינלעכע פארופן זיך פון די ליקווידאטאָרן אפן „באָלשעוויסטישן" כאראקטער פון דעם פּאַרטיי־באַשלוס פון 1908 יאָר איז דאָפּלט ניט ריכטיק.

וואָס מער זידל־ווערטער קעגן פּלעכאנאָוו מיר טרעפן בא די ליקווידאטאָרן אין „לוטש" אָדער אין „נאשא זאריא", אלץ קלאָרער דערווייַזט עס, אז די ליקווידאטאָרן זייַנען אומגערעכט, אז זיי פרווון זיך מיט טומל, מיט געשרייען און סקאנדאלן פארטונקלען דעם עמעס. עס טרעפט, אז עס גיט זיך אייַן מיטאמאָל צו פארשטמעליען אן אומבאהאוונטן מיט אזוינע מעטאָדן, די ארבעטער אָבער וועלן זיך פונדעסטוועגן אליין פאנאנדערקלייַבן און וועלן איבעריכן ניט וועלן הערן די זידלערייַ.

צי איז נייטיק די אייניקייט פון די ארבעטער? נייטיק.

צי איז מעגלעך די אייניקייט פון די ארבעטער אָן דער אייניקייט פון דער ארבעטער־אָרגאַניזאציע? קלאָר, אז אוממעגלעך.

---

[1] עס האנדלט זיך וועגן דעם IV (פאראייניקונגס־) צוזאמענפאָר פון דער רסדאפ. רעד.

וואָס שטערט דער אײנהײַט פונ דער ארבעטער=פארטײ? די שטרײַטנ איבער דער ליקווידאטאָרײַ.

הײסט דאָס, אז די ארבעטער דארפנ זיכ פאנאנדערקלײַבנ אינ די דאָזיקע שטרײַטנ, קעדײ א ל ײ נ צו באשליסנ דעם גורל פונ זײער פארטײ אונ פ א ר ט ײ ד י ק נ זי.

דער ערשטער שריט דערצו איז — באקענענ זיכ מיטנ ע ר ש ט נ פ א ר ט ײ=באשלוס וועגנ ליקווידאטאָרײַ. דעם דאָזיקנ באשלוס דארפנ די ארבעטער פעסט וויסנ אינ אופמערקזאם דורכטראכטנ, אָפּװארפנדיק יעטווידנ פרווו ארויסצודרײען זיכ פונ דער פראגע אָדער אָפּלײגנ זי אָנ א זײַט. יעדער ארבעטער, אז ער טראכט דורכ דעם דאָזיקנ באשלוס, הײבט ער אָנ צו פארשטײנ, אינ וואָס עס באשטײט דער טאָכ פונ דער פראגע וועגנ ליקווידאטאָרײַ, פארוואָס איז די דאָזיקע פראגע אזוי וויכטיק אונ אזוי „אָנגעווײטעקט“, פארוואָס שטײט די דאָזיקע פראגע פאר דער פארטײ אינ משכ פונ די העכער פיר יאָר פונ דער רעאקציע=עפּאָכע.

אינעם ווײַטערדיקנ ארטיקל וועלנ מיר באטראכטנ א צווײטנ וויכטיקנ פארטײ=באשלוס וועגנ ליקווידאטאָרײַ, א באשלוס, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אנ ערעב מיט פערטהאלבנ יאָר צוריק, אונ דערנאָכ וועלנ מיר אריבערגײנ צו די פאקטנ אונ דאָקומענטנ, וואָס כאראקטעריזירנ דעם איצטיקנ צושטאנד פונ דער פראגע.

II. דער באשלוס פונ 1910 י״ר

אינעם ערשטנ ארטיקל („פראוודא“ נומ. 289) האָבנ מיר געבראכט דעם ערשטנ דאָקומענט, דעם גרונט=דאָקומענט, וואָס מיט אים מוזנ זיכ באקענענ די ארבעטער, וועלכע ווילנ זיכ דערגרונטעווענ צום עמעס אינ די איצטיקע שטרײַטנ, נעמלעכ: דעם פארטײ=באשלוס פונ דעקאבער 1908 יאָר איבער דער פראגע וועגנ ליקווידאטאָרײַ.

איצט וועלנ מיר ברענגענ אונ באטראכטנ א צווײטנ, ניט ווײניקער וויכטיקנ, פארטײ=באשלוס איבער דער זעלבער פראגע, — דעם באשלוס, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ מיט פערטהאלבנ יאָר צוריק, אינ יאנואר 1910 יאָר[1]. דער דאָזיקער באשלוס האָט א באזונדערע באדײַטונג דערפאר, ווײַל ער איז אָנגענומענ געוואָרנ א י נ ש ט י מ י ק: אלע אָנ אויסנאם באָלשעוויקעס, דערנאָכ אלע אזוי=גערופענע „פּעריאָדאָווצעס אונ, צולעצט (דאָס איז וויכטיקער פונ אלצ), א ל ע אָנ אויסנאם מענשעוויקעס אונ די איצטיקע ליקווידאטאָרנ, ווי אויכ אלע „נאציאָנאלע“ (דה. ייִדישע, פּױלישע אונ לעטישע) מארקסיסטנ האָבנ אָנגענומענ דעם דאָזיקנ באשלוס.

מיר ברענגענ אינגאנצנ די סאמע וויכטיקע שטעל פונ דעם דאָזיקנ באשלוס:

„די היסטאָרישע באדינגונגענ פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטישער באוועגונג אינ דער עפּאָכע פונ דער בורזשואזער קאָנטררעוואָליוציע רופנ אומפארמײַדלעכ ארויס, אלס אנטפּלעקונג פונ בורזשואזנ אײַנפלוס אפנ פּראָלעטאריאט, פונ אײנ זײַט, דאָס לײקענענ אינ דער

[1] עס האנדלט זיכ וועגנ דעם „פארײניקונגס“=פּלענום פונ צק רסדאפּ, וואָס איז פארגעקומענ אינ פּאריז פונ 2=טנ ביזנ 23=טנ יאנואר 1910 יאָר. ר ע ד.

אומלעגאַלער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דאָס פאַרמוינערנ איר ראָליע אונ באַדײַטונג, די פּרווונ צו פאַרקירצנ די פּראָגראַמאַטישע אונ טאַקטישע אויפגאַבנ אונ לאָזונגענ פונ דער קאָנסעקווענטער סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע אאַוו.; פונ דער אַנדערער זײַט, דאָס לייקענענ, אַז די סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע דאַרפ אַרבעטנ אינ דער דומע אונ אויסנוצנ די לעגאַלע מעגלעכקײַטנ, דאָס ניט פאַרשטיינ די וויכטיקײַט סײַ פונ דעמ סײַ פונ יענעמ, דאָס ניט קענענ צופּאַסנ די קאָנסעקווענטע סאָציִאַל-דעמאָקראַטישע טאַקטיק צו די אייגנאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגענ פונעמ איצטיקנ מאָמענט אאַוו.

אַנ אומבאַדינגטער עלעמענט פונ דער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער טאַקטיק איז בײַ די דאָזיקע באַדינגונגענ דאָס בײַקומענ די בײדע אָפּנייגונגענ דורכ פאַרברייטערנ אונ פאַרטיפערנ די סאָציִאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעט אַפ אַלע געביטנ פונ קלאַסנקאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ דורכ אויפקלערנ די געפערלעכקײַט פונ די דאָזיקע אָפּנייגונגענ”.

פונ דעמ דאָזיקנ באַשלוס איז קלאָר צו זענ, אַז מיט פערצהאַלבנ יאָר צוריק האָבנ אַלע מאַרקסיסטנ אײנשטימיק, אינ געשטאַלט פונ אַלע שטרעמונגענ אָנ אויסנאַם, געמוזט אָנערקענענ צוויי אָפּנייגונגענ לעגאַבע דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק. די בײדע אָפּנייגונגענ זײַנענ אָנערקענט געוואָרנ פאַר געפערלעכע. די בײדע אָפּנייגונגענ זײַנענ דערקלערט געוואָרנ ניט אַלס צופעליקײַט, ניט אַלס בייזער ווילנ פונ איינצלנע פּערזאָנענ, נאָר מיט די „היסטאָרישע באַדינגונגענ“ פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג אינ דער עפּאָכע, וואָס מיר לעבנ איבער.

נאָכ מער. אינ דעמ אײנשטימיקנ פּאַרטיי-באַשלוס איז אָנגעוויזנ די קלאַסנ-אָפּשטאַמונג אונ באַדײַטונג פונ די דאָזיקע אָפּנייגונגענ. וואָרעמ מאַרקסיסטנ באַגרענעצנ זיכ ניט מיטנ הוילנ אונ אינהאַלטלאָזנ אָנווײַזנ אַפ צעוואַלגערונג אונ צעפאַלונג: אַלע זעענ, אַז בײַ אַ סאַכ אָנהענגער פונ דעמאָקראַטיע אונ סאָציִאַליזמ הערשט אינ די מויכעס צעפאַלונג, אומגלויבנ, מאָרעשכוירע, ספּייקעס. עס איז ווייניק צו אָנערקענענ דאָס. עס איז נייטיק צו פאַרשטיינ, וואָס פאַר אַ קלאַסנ-אָפּשטאַמונג עס האָט די צעפאָרנקײַט אונ צעפאַלונג, וואָס פאַר אַ קלאַסנ-אינטערעסנ פונ דער ניט-פּראָלעטאַרישער סוויווע נערנ די „מעהומע“ צווישנ די פרײַנט פונעמ פּראָלעטאַריאַט.

אונ דער פּאַרטיי-באַשלוס האָט מיט פערצהאַלבנ יאָר צוריק געגעבנ אַנ ענטפער אַפ דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע: די אָפּנייגונגענ לעגאַבע דעמ מאַרקסיזמ ווערנ אַרויסגערופנ דורכ דער „בורזשואַזער קאָנטררעוואָלוציע“, זיי ווערנ אַרויסגערופנ דורכנ „בורזשואַזנ אײַנפלוס אַפנ פּראָלעטאַריאַט“.

וואָס זשע זײַנענ עס פאַרא אָפּנייגונגענ, וואָס שאַפנ די געפאַר אָפּצוגעבנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונטערנ אײַנפלוס פונ דער בורזשואַזיע? איינע פונ די דאָזיקע אָפּנייגונגענ, וואָס איז פאַרבונדנ מיטנ „ווּפּעריאָדיזמ“ אונ וואָס באַשטייט אינ לייקענענ, אַז די סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע דאַרפ אַרבעטנ אינ דער דומע אונ אויסנוצנ די לעגאַלע מעגלעכקײַטנ, איז קימאַט אינגאַנצנ פאַרשוווּנדנ געוואָרנ. אינ רוסלאַנד פּרייִדיקט מער קיינער ניט פונ די סאָציִאַל-דעמאָקראַטנ די דאָזיקע פעלערהאַפטע, ניט-מאַרקסיסטישע אָנשויונגענ. די „ווּפּעריאָדאָווצעס“ (דערונטער אויכ אַלעקסינסקי אונ אַנדערע) האָבנ גענומענ אַרבעטנ אינ דער „פּראַוודאַ“ צוגלײַכ מיט די פּאַרטיייִשע מענשעוויקעס.

די צווייטע אָפּנייגונג ווידער, וואָס איז אָנגעוויזנ געוואָרנ אינ דעמ פּאַרטיי-

באַשלוס, איז טאַקע די ליקווידאַטאָרײַ. דאָס איז קלאָר פונ די אָנווײַזונגע אפנ „לייקענענ“ אינ דער אונטערערד אונ אפנ „פאַרמינערנ“ איר ראָליע אונ באַדײַטונג. צולעצט, האָבנ מיר דעמ סאַמע פינקטלעכנ דאָקומענט, וואָס איז מיט דרײַ יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרנ אונ איז פונ קיינעמ ניט באַשטריטנ געוואָרנ, א דאָקומענט, וואָס שטאַמט פונ אַלע „נאַציאָנאַלע“ מאַרקסיסטנ אונ פונ טראָצקינ (איידעס, וואָס קיינ בעסערע פונ זיי קאָנענ גאָר די ליקווידאַטאָרנ ניט צושטעלנ); דער דאָזיקער דאָקומענט דערקלערט אָפנ, אז „די שטרעמונג, וואָס ווערט אָנגעוויזנ אינ דער רעזאָליוציע אונ קעגנ וועלכער עס איז נייטיק צו קעמפנ, וואָלט, אינ טאָג גענומענ, געוווּנטשנ געווענ אָנצורופנ ליקווידאַטאָרײַ“...

אַלזאָ, אָט דאָס איז דער וויכטיקסטער גרונט=פאַקט, וואָס דאַרפ זײַנ באַקאַנט יעדערנ, ווער עס וויל זיכ פאַנאַנדערקלײַבנ אינ די איצטיקע שטרײַטנ: מיט פערטהאַלבנ יאָר צוריק האָט די פאַרטיי איינשטימיק אָנערקענט, אז די ליקווידאַטאָרײַ איז א „געפערלעכע“ אָפנייגונג לעגאַבע דעמ מאַרקסיזמ, אַנ אָפנייגונג, קעגנ וועלכער עס איז נייטיק צו קעמפנ, אזא, וואָס דריקט אויס „דעמ בורזשואַזנ אײַנפלוס אפנ פראָלעטאַריאַט“.

די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געשטימט קעגנ דעמאָקראַטיע אונ וועלכע איז ביכלאַל געשטימט קאָנטררעוואָליוציאָנער, פאָדערנ, אז די אַלטע פאַרטיי זאָל ליקווידירט ווערנ, זאָל פאַנאַנדערגעלאָזט ווערנ. די בורזשואַזיע פאַרשפרייט אונ שטיצט מיט אַלע קויכעס אַלע אידייענ, וואָס צילנ צו דער ליקווידאַטאָרײַ פונ דער פאַרטיי פונעמ אַרבעטער=קלאַס. די בורזשואַזיע שטרעבט אײַנצופלאַנצנ דאָס אָפזאָגנ זיכ פונ די אַלטע אויפגאַבנ, קעדיי צו „פאַרקירצנ“, אַרומשנײַדנ, אַרומצופנ, אויסהוילנ זיי, קעדיי צו פאַרבײַטנ די אויפגאַבע פונ ליקווידירנ אנטשיידנ די יעסוידעס פונ דער מאַכט פונ די פורישקעוויטשעס אונ קאַמפ. אפ א שאָלעמ אָדער פאַרשטענדיקונג מיט זיי.

ליקווידאַטאָרײַ הייסט טאַקע — דורכפירנ אינ די רייענ פונעמ פראָלעטאַריאַט די דאָזיקע בורזשואַזע אידייענ פונ אָפזאָגנ זיכ אונ פונ רענעגאַטישקײַט.

אָט דאָס איז די קלאַסנ=באַדײַטונג פונ דער ליקווידאַטאָרײַ, וואָס דער איינשטימיקער פאַרטיי=באַשלוס האָט אָנגעוויזנ מיט פערטהאַלבנ יאָר צוריק. אָט אינ וואָס די גאַנצע פאַרטיי זעט די גרעסטע שעדלעכקײַט אונ געפערלעכקײַט פונ דער ליקווידאַטאָרײַ, איר פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג אפ דער אַרבעטער=באַוועגונג, אפ דער באַהעפטונג פונ דער זעלבשטענדיקער (פאַקטיש אונ ניט מיטנ מויל) פאַרטיי פונעמ אַרבעטער=קלאַס.

די ליקווידאַטאָרײַ באַטײַט ניט נאָר ליקווידירנ (ד. ה. פאַנאַנדערלאָזנ, כאָרעוו מאַכנ) די אַלטע פאַרטיי פונעמ אַרבעטער=קלאַס, זי באַטײַט אויכ כאָרעוו מאַכנ די קלאַסנ=זעלבשטענדיקײַט פונעמ פראָלעטאַריאַט, דעמאָראַליזירנ מיט בורזשואַזע אידייענ זײַנ באַוווּסטזײַנ.

מיר וועלנ אָנשוילעכ דערקלערנ די דאָזיקע אָפשאַצונג פונ דער ליקווידאַטאָרײַ אינעמ ווײַטערדיקנ אַרטיקל, ווו עס וועלנ אינ דער פולער מאָס געבראַכט ווערנ די וויכטיקסטע אַרויסזאָגונגענ פונעמ ליקווידאַטאָרישנ „לוטש“. אונ איצט וועלנ מיר אונטערצײַענ א קורצנ סאַכאַקל פונ דעמ, וואָס מיר האָבנ געזאָגט. די פרוווּנ פונ די

„לוטשיסטנ“ ביבלאל, פונ די הערנ פ. דאנ אונ פּאָטרעסאָוו באזונדערס, צו שילדערנ דעם איניענ אזוי, אז די גאנצע „ליקווידאטאָרנ“ איז קלוימערשט אנ אויסטראכטעניש, — דאָס זײַנענ פרווונ ארויסצודרייענ זיכ, וואָס איבעראשנ מיט זייער ליגנערישקײַט אונ וואָס זײַנענ אויסגערעכנט אפ דער פולשטענדיקער ניט באהאוונטקײַט פונ די לייענער פונ „לוטש“. אינדערעמעסנ איז, אויסער דעם פּארטיי-באשלוס פונ 1908 יאָר, פאראנ אנ איינשטימיקער פּארטיי-באשלוס פונ 1910 יאָר, וועלכער גיט א פולשטענדיקע אָפּשאצונג פונ דער ליקווידאטאָרײַ אלס געפערלעכע אונ פארנ ארבעטער-קלאס אומברענגערישע בורזשואזע אָפּנייגונג פונעם פּראָלעטאַרישנ וועג. אויסבאהאלטנ אָדער אויסמײַדנ די דאָזיקע פארטייִשע אָפּשאצונג קאָנענ בלויז סאָנים פונעם ארבעטער-קלאס.

III. די באציִונג פונ די ליקווידאטאָרנ צו די באשלוסנ פונ די יאָרנ 1908 אונ 1910

אינעם פאָריקנ ארטיקל („פראוודא“ נומ. 95 (299)) האָבנ מיר געבראכט די פינקטלעכע ווערטער פונעם איינשטימיקנ פּארטיי-באשלוס וועגנ דער ליקווידאטאָרײַ, אלס אנטפלעקונג פונ בורזשואזנ אײַנפלוס אפנ פּראָלעטאריאט.

דער דאָזיקער באשלוס איז, ווי מיר האָבנ אָנגעוויזנ, אָנגענומענ געוואָרנ אינ יאַנוואר 1910 יאָר. לאָמיר זשע איצט א קוק טאָנ אפ דער אופירונג פונ יענע ליקווידאטאָרנ, וואָס האָבנ די מוט איצט צו פארזיכערנ, אז קיינ שום ליקווידאטאָרײַ איז קלוימערשט ניט געווענ אונ איז ניטאָ.

אינ פעווראל פונ 1910 יאָר, אינעם נומ. 2 פונעם זשורנאל „נאשא זאריא“, וואָס האָט דאנ נאָרוואָס אָנגעהויבנ צו דערשײַנענ, האָט דער ה׳ פּאָטרעסאָוו געשריבנ אָפּנ, אז „עס איז ניטאָ קיינ פּארטיי, אלס פארנאנצטע אונ אָרגאניזירטע היערארכיע“ (דה. לייטער אָדער סיסטעם) „פונ אינסטיטוציעס“, אונ אז מע קאָנ ניט ליקווידירנ דאָס, „וואָס איז פּאקטיש שוינ ניטאָ, ווי אנ אָרגאניזירט גאנצעס“ (זע ז. 61 פונ „נאשא זאריא“ נומ. 2, פארנ יאָר 1910).

דאָס איז געזאָגט געוואָרנ אינ א כוידעש ארום, אונ עפשער נאָכ וויניקער, נאָכנ איינשטימיקנ באשלוס פונ דער פּארטיי!!

אונ אינ מארט 1910 יאָר האָט א צווייטער זשורנאל פונ די ליקווידאטאָרנ, מיט די זעלבע מיטארבעטער: פּאָטרעסאָוו, דאנ, מארטינאָוו, יעזשאָוו, מארטאָוו, לעוויצקי אונ קאָמפּ., נעמלעכ דער זשורנאל „וואָזראָזשדיעניע“, אונטערגעשטראָכנ אונ פאָפולער דערקלערט דעם הער פּאָטרעסאָווס ווערטער:

> „ליקווידירנ איז ניטאָ וואָס, אונ — וועלנ מיר (דה. די רעדאקציע פונ „וואָזראָזשדיעניע“) צוגעבנ פונ זיכ — דער טרוים וועגנ אופשטעלנ צוריק די דאָזיקע היערארכיע אינ איר אלטער, אונטערערדישער פאָרמ איז פּאָשעט א שעדלעכע, רעאקציאָנערע אוטאָפּיע, וואָס איז א סימענ, אז די פּאָרשטייער פונ דער אמאָל סאמע רעאליסטישער פּארטיי האָבנ פארלאָרנ דעם פּאָליטישנ כוש“ („וואָזראָזשדיעניע“, 1910, נומ. 5, ז. 51).

קיינ פּארטיי איז ניטאָ, אונ אופשטעלנ זי צוריק — איז א שעדלעכע אוטאָפּיע, — אָט דאָס זײַנענ קלאָרע, באשטימטע ווערטער. אָט דאָס הייסט קלאָר אונ

אָפּנ זיכ אָפּזאָגנ פונ דער פּארטיי. עס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט (און געדופנ די ארבע־טער זיכ אָפּצוזאָגנ) אזוינע מענטשנ, וואָס האָבנ פּארלאָזט די אונטערערד און האָבנ „געטרוימט" וועגנ אנ אָפּענער פּארטיי.

דאָס דאָזיקע אוועקגיינ פונ דער אונטערערד האָט, ווײַטער, גאנצ באשטימט און אָפּנ געשטיצט פּ. ב. אקסעלראָד אינ 1912 יאָר אי אינעם „נעווסקי גאָלאָס" (1912 יאָר, נומ. 6) אי אינ „נאשא זאריא" (נומ. 6, 1912 יאָר).

„בא אזא זאכלאגע אינ דער פּארטיי טײַנעג וועגנ „ניט־פראקציאָנעלקײַט""—האָט געשריבנ פּ. ב. אקסעלראָד — „הויסט געגליכנ זײַנ צו א שטרויס־פויגל... הויסט אָפּנארנ זיכ און אנדערע"... „די פראקציאָנעלע אויספורעמונג און באהעפטונג איז א דירעקטע פליכט און א דרינגענדיקער איניען פאר די אָנהענגער פונ דער פּארטיי־רעפאָרמע אָדער, ריכטיקער, רע־וואָליוציע".

אלזאָ, פּ. ב. אקסעלראָד איז פּאָשעט פּאר א פּ א ר ט ײ ־ ר ע וו אָ ל י ו צ י ע, דה. פאר פארניכטנ די אלטע פּארטיי און פאר גרינדנ א נײַע פּארטיי.

אינ 1913 יאָר אינעם „לוטש" נומ. 101 איז אינ א ניט געכאסמעטנ רעדאק־ציאָנעלנ לייטארטיקל אָפּנ געזאָגט געוואָרנ, אז „ווי־ניט־ווי אינ דער ארבעטער־סווי־ווע לעבנ אפילע אופּ און ווערנ שטארקער די סימפּאטיעס צו דער אונטערערד" און אז דאָס איז א „ט ר ו י ע ר י ק ע ר פ א ק ט". דער אווטאָר פונ דעמ דאָזיקנ ארטיקל, ל. סעדאָוו [1], האָט אלײנ אָנערקענט, אז דער ארטיקל האָט „ארויסגערופנ אומצופרי־דנקײַט" אפילע צווישנ די אָנהענגער פונ דער טאקטיק פונ „לוטש" („נאשא זאריא", 1913 יאָר, נומ. 3, ז. 49). דערבײַ זײַנעג די דערקלערונגענ פונ ל. סעדאָווג גופע געווענ אזוינע, אז זיי האָבנ ארויסגערופנ א נײַע אומצופרידנקײַט ווידעראמאָל בא אנ אָנהענגער פונ „לוטש", געמלעכ בא אנענ [2], וואָס שרײַבט קעגנ סעדאָווג אינ „לוטש" נומ. 181. אנ פּראָטעסטירט קעגנ סעדאָווס טעזיס, אז קלוימערשט „די אונ־טערערד איז א שטערונג צומ פּאָליטישנ אויספורעמענ אונדזער באוועגונג, צומ אויסבויענ א סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי". אנ לאכט אוים ל. סע־דאָווג, בא וועמענ עס באקומט זיכ אנ „אומבאשטימטקײַט" מיקויעכ דעמ, צי איז געווונטשנ די אונטערערד.

די רעדאקציע פונ „לוטש" האָט צו אנס ארטיקל אָפּגעדרוקט א ברייטנ נאָכ־וואָרט, אינ וועלכנ זי זאָגט זיכ ארוים פ א ר ס ע ד אָ וו ג, האלטנדיק, אז אנ איז „אומגערעכט אינ דער קריטיק קעגנ ל. סעדאָווג".

אפּ דעמ געהעריקנ אָרט וועלנ מיר אנאליזירנ אי די כקירעס פונ דער רעדאק־ציע פונ „לוטש" אי די ליקווידאטאָרישע פעלערנ בא אנענ גופע. איצט האנדלט זיכ ניט וועגנ דעמ. איצט דארפנ מיר אופמערקזאמ אָפּשאצנ דעמ גרונט־אויספיר, דעמ הויפט־אויספיר פונ די דאָקומענטנ, וואָס מיר האָבנ געבראכט.

אי אינ 1908 אי אינ 1910 יאָר פארורטיילט די גאנצע פּארטיי און ווארפט אָפּ די ליקווידאטאָרנ, אויספירלעכ און דײַטלעכ דערקלערנדיק, אינ וואָס עס באשטייט דער קלאסנ־מאָקער און ווו עס שטעקט די געפאר פונ דער דאָזיקער

[1] ל. סעדאָוו (ל. ס.) — ב. א. גינזבורג: רעד.

[2] אנ — נ. זשאָרדאניא, דער לידער פונ די טראנסקאווקאזער מענשעוויקעס. ליקווידאטאָרנ. רעד.

שטרעמונג. אלע ליקווידאטאָרישע צײַטונגען און זשורנאַלן: די „וואָזראָזשדיעניע“ (1909—1910), די „נאשא זאריא“ (1910—1913), די „נעוסקי גאָלאָס“ (1912), די „לוטש“ (1912—1913), — אלע כאָזערן איבער שוין נאָכ די סאמע קאטעגאָרישע און אפילע איינשטימיקע באשלוסנ פונ דער פארטיי אזוינע געדאנקענ און בקירעס, וואָס אנטהאלטנ בעפײַרעשע ליקווידאטאָרסטווע.

אפילע אָנהענגער פונ „לוטש“ זײַנען געצוווּנגען צו דערקלערנ, אז זיי זײַנען ניט מאסקים מיט די האָזיקע בקירעס, מיט די דאָזיקע דראָשעס. דאָס איז א פאקט. הייסט עס, אז שרײַען וועגנ א „העצע“ קעגנ די ליקווידאטאָרנ, ווי דאָס טוענ טראָצקי, סעמקאָווסקי און א סאך אנדערע פראָטעזשירער פונ דער ליקווידאטאָרסטווע, איז פאָשעט ניט ערלעכ, וואָרעמ דאָס איז א שרײַענדיקע פארקריפלונג פונעמ עמעס.

דער עמעס, וואָס איז דערוויזנ געוואָרנ דורכ די פונ מיר געבראכטע דאָקומענטנ פאר העכער פינפ יאָר (1908—1913), באשטייט דערינ, אז די ליקווידאטאָרנ זידלענ און העצנ ווײַטער קעגנ דער פארטיי, דה. קעגנ דער „אונטערערד“, אָפלאכנדיק פונ אלע פארטיי־באשלוסנ.

דעמ דאָזיקנ עמעס דארפ יעדער ארבעטער, וואָס וויל מיט דער גאנצער ערנסטקײַט אליינ זיכ פאנאנדערקלײַבנ אינ די שטרײַטיקע און אָנגעווייטיקטע פארטיי־פראגנ, אליינ לייזנ די דאָזיקע פראגנ, — דעמ דאָזיקנ עמעס דארפ יעדער ארבעטער באנעמענ פריער פונ אלצ, און דערצו דארפ ער אָנעמענ זעלבשטענדיקע מיטלענ צו דערלערנענ און דורכקאָנטראָלירנ די געבראכטע באשלוסנ פונ דער פארטיי און די בקירעס פונ די ליקווידאטאָרנ. דעמ נאָמענ פארטיי־מיטגליד און שעפער פונ דער ארבעטער־פארטיי פארדינט נאָר דער, ווער עס דערלערנט אויפמערקזאמ, טראכט דורכ און באשליסט זעלבשטענדיק די פראגנ און דעמ גוירל פונ זײַנ פארטיי. מע מאָר זיכ ניט באציִענ גלײַכגילטיק צו דער פראגע, צי איז די פארטיי „שולדיק“ אינ „העצנ“ (דה. אינ צו שארפ און ניט־ריכטיק אָנפאלנ) קעגנ די ליקווידאטאָרנ אָדער די ליקווידאטאָרנ זײַנען שולדיק אינ דירעקטנ ברעכנ די פארטיי־באשטימונגען, אינ אקשאָנעסדיקנ פריידיקנ, אז מע דארפ ליקווידירנ, דה. כאָרעוו מאכנ די פארטיי.

עס איז קלאָר, אז די פארטיי קאָנ ניט עקזיסטירנ, אויב זי קעמפט ניט מיט אלע קויכעס קעגנ די צעשטערער פונ דער פארטיי.

נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ געבראכט די דאָקומענטנ וועגנ דער דאָזיקער גרונט־פראגע, וועלנ מיר אינעמ פאָלגנדיקנ ארטיקל אריבערגיינ צומ אָפשאצנ דעמ אידייִשנ אינהאלט פונעמ פריידיקנ אנ „אָפענע פארטיי“.

IV. די קלאסנ־באדײַטונג פונ דער ליקווידאטאָרסטווע

אינ די פאָריקע ארטיקלענ („פראוודא“ נומ. 289, 299 און 314) האָבנ מיר באוויזנ, אז אלע מארקסיסטנ האָבנ אי אינ 1908 יאָר אי אינ 1910 יאָר קאטעגאָריש פארורטיילט די ליקווידאטאָרסטווע, אלס אָפזאָג פונ דער פארגאנגענהײַט. די מארקסיסטנ האָבנ אויפגעקלערט דעמ ארבעטער־קלאס, אז ליקווידאטאָרסטווע הייסט —

דורכפירנ דעם בורזשואזנ אײַנפלוס אפנ פראָלעטאריאט. *אַלע* ליקווידאטאָרישע אויסגאבעס ווידער, פונעם 1909 ביזנ 1913 יאָר, האָבנ אפ א שרײַענדיקנ אויפנ געבראָכנ אונ זײ ברעכנ די באשלוסנ פונ די מארקסיסטנ.

לאָמיר א קוק טאָנ אפנ לאָזונג: „אָפענע ארבעטער־פארטײ“ אָדער „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטײ“, אפ דעם לאָזונג, וועלכנ עס פארטײדיקנ ביז איצט די ליקווידאטאָרנ אינ „לוטש“ אונ אינ „נאשא זאריא“.

צי איז דער דאָזיקער לאָזונג א מארקסיסטישער, א פראָלעטארישער, אָדער א ליבעראלער, א בורזשואזער?

אנ ענטפער אפ דער דאָזיקער פראגע דארפ מענ זוכנ ניט אינ די שטימונגענ אונ ניט אינ די פלענער פונ די ליקווידאטאָרנ אָדער פונ אנדערע גרופעס, — נאָר אינעם אנאליז פונ דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ די געזעלשאפטלעכע קרעפטנ אינ רוסלאנד אינ דער עפּאָכע, וואָס מיר לעבנ איבער. די באדײַטונג פונ לאָזונגענ ווערט באשטימט ניט דורכ די קאוואָנעס פונ זײערע אווטאָרנ, נאָר גראָד דורכ דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ די קרעפטנ פונ *אַלע* קלאסנ אינ לאנד.

די פריצים די לײַבײגנטימער אונ *זײער* „ביוראָקראטיע“ זײַנענ פײַנטלעכ בענעגײע יעטווידע ענדערונגענ אינעם גײַסט פונ פאָליטישער פרײַהײַט. דאָס איז פארשטענדלעכ. די בורזשואזיע קאָנ *נישט*, לויט איר עקאָנאָמישער לאגע אינ אנ אָפּגעשטאנענע אונ האלב־לײַבײגנטימערישע לאנד, ניט שטרעבנ צו פרײַהײַט. די בורזשואזיע האָט אָבער *מער* מוירע פאר דער פאָלקס־אקטיוויקײַט אײדער פאר דער רעאקציע. דעם דאָזיקנ עמעס האָט באזונדערס אָנשוילעכ דערוויזנ דאָס פינפטע יאָר; דער ארבעטער־קלאס האָט גוט פארשטאנענ דעם דאָזיקנ עמעס; ניט פארשטאנענ האָבנ אימ נאָר די אָפּאָרטוניסטישע אונ די האלב־ליבעראלע אינטעליגענטנ.

די בורזשואזיע איז ליבעראל אונ קאָנטררעוואָלוציאָנער. דערפונ נעמט זיכ איר ביז לעכערלעכקײַט אָנמעכטיקער אונ נעבעכדיקער *רעפאָרמיזמ*. מע טרוימט וועגנ רעפאָרמעס — אונ מע האָט מוירע ערנסט אָפּצורעכענענ זיכ מיט די לײַבײגנטימער, וואָס ניט נאָר זײ גיבנ ניט קײנ רעפאָרמעס, נאָר זײ נעמענ אפילע אָפּ צוריק די, וואָס זײַנענ שוינ געגעבנ. מע פרײדיקט רעפאָרמעס — אונ מע האָט מוירע פאר דער פאָלקס־באוועגונג. מע שטרעבט אָפּצושטויסנ די לײַבײגנטימער — אונ מע האָט מוירע צו פארלירנ *זײער* הילפ, מע האָט מוירע צו פארלירנ די *אײגענע* פריווילעגיעס. אפ דער דאָזיקער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ די קלאסנ איז געבויט די סיסטעמ פונ 3־טנ יונ, וואָס גיט די גאנצע מאכט די לײַבײגנטימער אונ פריווילעגיעס — דער בורזשואזיע.

די קלאסנ־לאגע פונעם פראָלעטאריאט שליסט אבסאָליוט אויס פאר אימ די מעגלעכקײַט צו „טײלנ זיכ“ מיט פריווילעגיעס אָדער *מוירע צו האָבנ*, אז ווער ניט־איז זאָל זײ פארלירנ. דער שמאָל־עגאָיסטישער, נעבעכדיקער אונ טעמפּ־קעפּיקער רעפאָרמיזמ איז דעריבער אבסאָליוט פרעמד דעם פראָלעטאריאט. די פויערשע מאסע ווידער, וואָס, פונ אײנ זײַט, איז זי מוירעדיק אונטערדריקט אונ אָנשטאָט פריווילעגיעס זעט זי הונגער, אונ פונ דער אנדערער זײַט, איז זי בעפײרעש קלײנבירגערלעכ, — די דאָזיקע פויערשע מאסע וואקלט זיכ אומפארמײַדלעכ צווישנ די ליבעראלנ אונ די ארבעטער.

אָט דאָס איז די אָביעקטיווע לאגע.

פונ דער דאָזיקער לאגע דרינגט באשטימפערלעכ ארויס, אז דער לאָזונג פונ אנ אָפענער ארבעטער־פארטיי איז, לויט זײַנ קלאסנ־אָפשטאמונג, א לאָזונג פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע ליבעראלנ. אינ אימ איז קײנ זאכ ניטאָ, אויסער רעפאָרמיזמ; — עס איז ניטאָ אפילע קײנ אָנצוהערעניש דערופ, אז דער פראָלעטאריאט, דער אײנציקער פולקומ דעמאָקראטישער קלאס, באנעמט זײַנ אויפגאבע צו קעמפנ קעגנ די ליבעראלנ פארנ אײַנפלוס אפ דער גאנצער דעמאָקראטיע; — עס איז ניטאָ אפילע דער געדאנק וועגנ באזײַטיקנ דעמ עצעמ יעסאָד פונ יעטווידע פריווילעגיעס פאר די לײַבײגנטימער, פאר דער „ביוראָקראטיע“ אאוו.; — עס איז ניטאָ דער געדאנק וועגנ די אלגעמײנע יעסוידעס פונ פאָליטישער פרײַהײַט אונ פונ א דעמאָקראטישער קאָנסטיטוציע; — דערפאר איז אינ אימ פאראנ דאָס אָפזאָגנ זיכ שטילערהייט פונעמ אלטנ, אונ דאָס הייסט, רענעגאטישקײַט אונ פאנאנדערלאָזונג (ליקווידאציע) פונ דער ארבעטער־פארטיי.

קורצ גערעדט: דער דאָזיקער לאָזונג פ ר י ד י ק ט אינ דער ארבעטער־סוויווע אינ דער עפאָכע פונ קאָנטררעוואָליוציע ג ר א ד ד אָ ס, וואָס עס ט ו ט אינ איר אײגענער סוויווע די ליבעראלע בורזשואזיע. דעריבער איז, ווענ עס וואָלטנ קײנ ליקווידאטאָרנ ניט געווענ, וואָלטנ די קלוגע בורזשוא די פראָגרעסיסטנ ג ע ד א ר פ ט אויפזוכנ אָדער דינגענ אינטעליגענטנ, וואָס זאָלנ אזוינס פרײדיקנ אינעמ ארבעטער־קלאס!

נאָר מענטשנ אָנ קעפ קאָנענ פארגלײַכנ די וו ע ר ט ע ר פונ די ליקווידאטאָרנ מיט די מ אָ ט י וו נ פונ די ליקווידאטאָרנ. מע דארפ פארגלײַכנ זײערע וו ע ר ט ע ר מיט די מ ײַ ס י מ פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע אונ מיט איר אָביעקטיווער לאגע.

טוט א קוק אפ די דאָזיקע מ ײַ ס י מ. אינ 1902 יאָר איז די בורזשואזיע — פ א ר דער אונטערערד. זי שיקט סטרוווענ ארויסגעבנ די אונטערערדישע „אָסוואָבאָזשדיעניע“. ווענ די ארבעטער־באוועגונג ברענגט צומ 17־טנ אָקטיאבער, ווארפנ די ליבעראלנ אונ קאדעטנ אוועק די אונטערערד, דערנאָכ זאָגנ זײ זיכ אָפ פונ איר, זײ דערקלערנ, אז זי איז ניט נײטיק, אז זי איז א מעשוגאס, א זינד אונ אפיקאָרסעס („וועכי“). אָ נ ש ט א ט דער אונטערערד קומט אופ בא דער ליבעראלער בורזשואזיע ד ע ר ק א מ פ פ א ר א נ אָ פ ע נ ע ר פ א ר ט י י. דאָס איז א היסטאָרישער פאקט, וואָס ווערט באשטעטיקט דורכ די אומדערמידלעכע פרווונ צו לעגאליזירנ די קאדעטנ (1905—1907) אונ די פראָגרעסיסטנ (1913).

בא די קאדעטנ זענענ מיר „אָפענע ארבעט אונ א געהײמע אָרגאניזירונג אירע“; דער וווילינקער, דה. אומבאוווסטזיניקער, ליקווידאטאָר א. וולאסאָוו האָט בלויז איבערדערצײלט „מיט אײגענע ווערטער“ די קאדעטישע מײַסימ.

איז פארוואָס האָבנ די ליבעראלנ זיכ אָפגעזאָגט פונ דער אונטערערד אונ האָבנ אָנגענומענ דעמ לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“? עפשער דערפאר, וואָס סטרוווע איז א פארעטער? ניינ. גראָד פארקערט. סטרוווע האָט זיכ איבערגעדרײט, ווײַל עס האָט זיכ א קערעווע געטאָנ די גאנצע בורזשואזיע. אונ זי האָט זיכ א קערעווע געטאָנ, 1) ווײַל זי האָט באקומענ פריווילעגיעס, אונ דעמ 11־טנ דעקאבער

1905 יאָר און אפילע דעמ 3-טנ יונ 1907 יאָר איז זי געשטעלט געוואָרנ אינ דער לאגע פונ א געדולדעטער אָפּאָזיציע; 2) ווײַל זי האָט זיכ אַלײנ דערשראָקנ אַפּ טויט פאַר דער פאָלקס-באַוועגונג. דער לאָזונג „קאַמפּ פאַר אַנ אָפּענער פּאַרטײ“, אַז מע זעצט אים איבער פונ „הויכ-פּאָליטיק“ אַפּ א פּאָשעטער און אָנשוילעכער שפּראַכ, באַטײַט ער אָט וואָס:

— הערנ גוטבאַזיצער! מיינט ניט, אַז מיר ווילנ אײַכ אינגאַנצנ אומברענגענ פונ דער וועלט. ניינ. גיט זיכ א קאַפּעלע א רוק, קעדײ מיר, די בורזשואַ, זאָלנ אויכ קאָנענ זיצנ (אנ אָפּענע פּאַרטײ), — דאַנ וועלנ מיר אײַכ פּאַרטײדיקנ אינ פינפ מאָל „קליגער“, כיטרער, „וויסנשאַפטלעכער“, אײדער די טימאָשקינס און די סאבלערישע גאַלאָכימ.

נאָכטוענדיק די קאַדעטנ, האָבנ אָנגענומענ דעמ לאָזונג „קאַמפּ פאַר אַנ אָפּענער פּאַרטײ“ די קלײנבירגער, די פּאָלקיסטנ. אינ אווגוסט 1906 יאָר זאָגנ זיכ אָפּ פונ דער אונטערערד ה' פּעשעכאָנאָוו און קאָמפּ. פונ „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“, זײ פּראָקלאַמירנ דעמ „קאַמפּ פאַר אַנ אָפּענער פּאַרטײ“, זײ שנײַדנ אויס פונ זײער פּראָגראַמ די קאָנסעקווענט-דעמאָקראַטישע, „אונטערערדישע“ לאָזונגענ.

אַלס רעזולטאַט פונ דער רעפאָרמיסטישער פּלאַפּלערײַ פונ די דאָזיקע באַלעבעסלעכ וועגנ א „ברײטער און אָפּענער פּאַרטײ“ זײַנענ זײ — דאָס איז קלאָר פאַר אַלעמענ — געבליבנ אָנ א שום פּאַרטײ, אָנ א שום פאַרבינדונג מיט די מאַסנ, און די קאַדעטנ האָבנ אַפילע אויפגעהערט צו טרוימענ וועגנ אַזא פאַרבינדונג.

אַזוי און נאָר אַזוי, דורכ אַנ אַנאַליז פונ דער לאַגע פונ די קלאַסנ, דורכ דער אַלגעמײנער געשיכטע פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, קאָנ מענ קומענ צומ פאַרשטײנ די ליקווידאַטאָרײַ. די ליקווידאַטאָרנ — דאָס זײַנענ קלײנבירגערלעכע אינטעליגענטנ, וואָס די בורזשואַזיע האָט געשיקט אַרײַנצוברענגענ ליבעראַלע דעמאָראַליזאַציע אינ דער אַרבעטער-סוויווע. די ליקווידאַטאָרנ זײַנענ פאַררעטער פונ דעמ מאַרקסיזמ און פאַררעטער פונ דער דעמאָקראַטיע. דער לאָזונג „קאַמפּ פאַר אַנ אָפּענער פּאַרטײ“ איז בײַ זײ (פּונקט ווי בײַ די ליבעראַלנ, אַזוי אויכ בײַ די פּאָלקיסטנ) א שלײער אַפּ צו פאַרדעקנ דאָס אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט און דעמ אײַנרײַס מיטנ אַרבעטער-קלאַס. דאָס איז א פאַקט, וואָס איז דערוויזנ געוואָרנ אי דורכ די וואַלנ אינ דער אַרבעטער-קוריע צו דער IV דומע אי דורכ דער געשיכטע פונ דער אַנטשטײונג פונ דער אַרבעטער-צײַטונג „פּראַוודאַ“. עס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, — דאָס איז קלאָר פאַר אַלעמענ, — אַז א פאַרבינדונג מיט די מאַסנ האָבנ נאָר די מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט ניט אָפּגעטרײסלט און וואָס האָבנ באַוויזנ אויסצונוצנ די „אָפּענע אַרבעט“ און די קאָלערלײ „מעגלעכקײַטנ“ — אויסצונוצנ אויסשליסלעכ אינעמ גײַסט פונ דער פאַרגאַנגענהײַט, אַפּ צו פאַרשטאַרקנ, פאַרפעסטיקנ און אַנטוויקלענ זי.

אינ דער עפּאָכע פונ דער סיסטעמ פונ דריטנ יונ האָט דאָס גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זײַנ.

וועגנ דעמ, וויאַזוי די ליקווידאַטאָרנ (ד.ה. די ליבעראַלנ) „שנײַדנ אַרומ“ די פּראָגראַמ און די טאַקטיק, וועלנ מיר רײדנ אינעמ ווײַטערדיקנ אַרטיקל.

V. דער לאָזונג פונ קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי

אינעמ פאָריקנ ארטיקל („פראַוודא“ נומ. 123) האָבנ מיר באטראַכט די אָביעקטיווע באַדײַטונג פונעמ לאָזונג „אָפענע פארטיי“ אָדער „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“, ד.ה. די באַדײַטונג, וואָס ווערט באשטימט דורכ דער פארהעלטעניש צווישנ די קלאַסנ. דער דאָזיקער לאָזונג איז א קנעכטישע איבערכאַזערונג פונ דער טאַקטיק פונ דער בורזשואַזיע, וואָס פאר איר איז ער א ריכטיקער אויסדרוק פונ איר אָפּזאָגנ זיכ פונ רעוואָליוציע, א ריכטיקער אויסדרוק פונ איר קאָנטררעוואָליוציאָנערקײַט.

לאָמיר באטראַכטנ אײניקע, בא די ליקווידאַטאָרנ באַזונדערס גאַנגבאַרע, פרווונג צו פארטײדיקנ דעמ לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“. אי. מאַיעווסקי, אי. סעדאָוו, אי. דאַנ, אי. אלע „לוטשיסטנ“ באמיִענ זיכ צונויפצומישנ די *אָפענע פארטיי* מיט אָפענער ארבעט אָדער *טעטיקײַט*. אזא מינ צונויפמישונג איז פאַשעט סאָפיסטיק, א שפּיל, הײסט פאַשעט אָפּנארנ דעמ לײענער.

ערשטנס, איז די אָפענע טעטיקײַט פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אינעמ פעריאָד פונ די יאָרנ 1904—1913 א *פאַקט*. אנ אָפענע פארטיי איז א *פראַזע* פונ אינטעליגענטנ, וואָס דעקט צו זײער אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פארטיי. צווייטנס, האָט די פארטיי ניט אײנ מאָל פארורטײלט די ליקווידאַטאָרנ, ד.ה. דעמ לאָזונג אָפענע פארטיי. די פארטיי האָט אָבער ניט נאָר ניט פארורטײלט די אָפענע טעטיקײַט, נאָר פארקערט — זי האָט פארורטײלט די, וואָס פארלאָזנ די דאָזיקע טעטיקײַט אָדער זאָגנ זיכ פונ איר אָפּ. דריטנס, איז אינ די יאָרנ 1904—1907 די אָפענע טעטיקײַט *באַזונדערס* געווענ אנטוויקלט בא אלע ס.=ד. אָבער *קײנ אײנ* שטראָמונג, *קײנ אײנ* פראַקציע פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע האָט דאַנ ניט ארויסגעשטעלט דעמ לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“!

דאָס איז א היסטאָרישער פאַקט. וועגנ אימ דארפנ א טראַכט טאָנ די, וואָס ווילנ *פארשטײנ* די ליקווידאַטאָרנ.

צי האָט געשטערט דער אָפענער טעטיקײַט אינ די יאָרנ 1904—1907 דאָס, וואָס עס איז ניט געווענ קײנ לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“? אינ דער מינדסטער מאָס ניט.

פארוואָס איז בא דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע *דעמלט* ניט אנטשטאַנענ אזא מינ לאָזונג? טאַקע דערפאַר, ווײַל דעמלט האָט זיכ נאָכ ניט געהאַט צעהוליעט די קאָנטררעוואָליוציע, וועלכע האָט מיטגעריסנ א טײל סאָציאַל=דעמאָקראַטנ צו אָפּאָרטוניזמ פונ העכסטנ גראַד. דאַנ איז *צו קלאָר* געווענ, אז דער לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“ איז אנ אָפּאָרטוניסטישע פראַזע, אז ער באַטײַט — אָפּזאָגנ זיכ פונ דער „אונטערערד“.

איצט טראַכט זיכ ארײַנ, מײַנע הערנ, אינ דעמ זינ פונ דעמ דאָזיקנ היסטאָרישנ קער: אינ דער עפּאָכע פונ 1905 יאָר, ווענ די אָפענע טעטיקײַט האָט זיכ גלענצנד אנטוויקלט, איז *ניטאָ* קײנ לאָזונג „קאמפ פאר אנ אָפענער פארטיי“; אינ דער עפּאָכע פונ קאָנטררעוואָליוציע, ווענ די אָפענע טעטיקײַט איז שוואַכער אנטוויקלט, קומט אויפ בא א טײל ס.=ד. (נאָכ דעמ, ווי ער קומט אויפ בא דער בור=

זשואַזיע) דער לאָזונג פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון דער „אונטערערד" און פֿון „קאַמף פֿאַר אַן אָפֿענער פּאַרטיי".

צי דען קאָן נאָך אַלץ זײַן ניט קלאָר דער זין און די קלאַסן־באַדײַטונג פֿון דעם דאָזיקן קער?

צולעצט, דער פֿערטער און סאַמע וויכטיקער אומשטאַנד. אַן אָפֿענע טעטיקײַט קאָן זײַן (און עס לאָזט זיך באַמערקן) אַ צווייערלייִקע, אין צוויי דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע ריכטונגען: אַזאַ, וואָס ווערט געפֿירט צו פֿאַרטיידיקן דאָס אַלטע און אינגאַנצן אין זײַן גײַסט, לעשעם זײַנע לאָזונגען און טאַקטיק, און אַזאַ, וואָס ווערט געפֿירט קעגן דעם אַלטן, קעדיי אָפּזאָגן זיך פֿון אים, פֿאַרמינערן זײַן ראָליע, זײַנע לאָזונגען און אַזוי ווײַטער.

די עקזיסטענץ פֿון די דאָזיקע צוויי, פּרינציפּיעל פֿײַנטלעכע און אומקאָמפּראָמיסלעכע פֿאָרמען פֿון אָפֿענער טעטיקײַט איז דער סאַמע אָנטאָפּעדיקער היסטאָרישער פֿאַקט פֿאַר דער עפּאָכע פֿון 1906 יאָר (די קאַדעטן און דער ה' פּעשעכאָנאָוו מיט דער קאָמפּ.) ביזן 1913 יאָר („לוטש", „נאַשאַ זאַריאַ"). צי קאָן מען דעריבער אָן אַ שמייכל הערן אַ נאַאיוון מענטשן (אָדער אַ מענטשן, וואָס מאַכט זיך אָפּ אַ געוויסער צײַט נאַאיוו), ווען ער זאָגט: וועגן וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו שטרײַטן, אויב אי די אי יענע פֿירן אַן אָפֿענע טעטיקײַט? אָט וועגן דעם טאַקע שטרײַט מען דאָך, מײַן ליבינקער, צי מע דאַרף פֿירן די דאָזיקע טעטיקײַט אָפּ צו פֿאַרטיידיקן די „אונטערערד" און אין איר גײַסט, אָדער אָפּ צו פֿאַרמינערן זי, קעגן איר, ניט אין איר גײַסט! דער שטרײַט גייט בלויז — סאַכאַקל „בלויז!" — וועגן דעם, צי די געגעבענע אָפֿענע אַרבעט ווערט געפֿירט אין אַ ליבעראַלן גײַסט אָדער אין אַן אויסגעהאַלטן־דעמאָקראַטישן גײַסט. דער שטרײַט גייט „בלויז" וועגן דעם, צי איז מעגלעך זיך באַגרענעצן מיט אָפֿענער אַרבעט: דערמאָנט זיך אָן דעם הער ליבעראַל סטרוּווע, וואָס האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט איר אין 1902 יאָר און האָט זיך פֿולשטענדיק „באַגרענעצט" אין די יאָרן 1906—1913!

אונדזערע ליקווידאַטאָרן פֿון „לוטש" קאָנען בעשום אויפֿן ניט פֿאַרשטיין, אַז דער לאָזונג „קאַמף פֿאַר אַן אָפֿענער פּאַרטיי" באַטײַט — דורכפֿירן אין דער אַרבעטער־סוויווע ליבעראַלע (סטרוּוויִסטישע) אידייען, וואָס זײַנען באַפּוצט מיט שמאַטקעס פֿון „קימאַט מאַרקסיסטישע" ווערטלעך.

אָדער נעמט, אַשטייגער, די בקירע פֿון דער רעדאַקציע גופֿא פֿון „לוטש" אין איר ענטפֿער אַנען (נום. 181):

...„די ס.־ד. פּאַרטיי ווערט ניט אויסגעשעפּט מיט די עטלעכע כאַווירים, וועמען די ווירקלעכקײַט צווינגט צו אַרבעטן אין אונטערערד. וויפֿל מיטגלידער וואָלט עס אָנגעציילט די פּאַרטיי, ווען זי וואָלט זיך פֿאַרנעמען אויסשליסלעך מיט אונטערערדישער אַרבעט? — אַ 2—3 מייעס? און וווּהין וואָלטן זיך אַהינגעטאָן יענע טויזנטער, אויב ניט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, וואָס טראָגן פֿאַקטיש אַרויס אָפּ זייערע פּלייצעס די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט?"

פֿאַר אַ דענקענדיקן מענטשן איז גענוג מער ניט ווי אָט די איינציקע בקירע, קעדיי אָנערקענען אירע אויטאָרן פֿאַר ליבעראַלן. ערשטנס, זאָגן זיי אַ בעפֿייִרעשן ליגן וועגן דער „אונטערערד": דאָרט זײַנען פֿאַראַן ווײַט ניט קיין „מייעס".

צווייטנס, אומעטום אינ דער וועלט איז די צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער „שמאָל“ אינ פאַרגלײַכ מיט דער צאָל אַרבעטער, וואָס פירנ א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט. לעמאָשל, אינ דײַטשלאַנד איז אינ דער ס.־ד. פּאַרטיי פאַראַנ בלויז 1 מיליאָנ מיטגלידער, אונ שטימענ גיבנ אָפּ פאַר די ס.־ד. בא 5 מיליאָנ, פּראָלעטאַריער ווידער איז פאַראַנ בא 15 מיליאָנ. די פּראָפּאָרצ צווישנ דער צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער אונ דער צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטנ ווערט אינ פאַרשיידענע לענדער באַשטימט דורכ דער פאַרשיידנקײַט פונ די היסטאָרישע באַדינגונגענ. דריטנס, קיינ שום אַנדער זאַכ, וואָס זאָל פאַרבײַטנ די „אונטערערד“, איז בא אונדז ניטאָ. הייסט עס, אַז קעגנ דער פּאַרטיי פאַרופט זיכ „לוטש“ אָפּ די אומפּאַרטייִשע אָדער אויסערפּאַרטייִשע אַרבעטער. אָט דאָס איז טאַקע דער געוויינלעכער מעטאָד פונ א ליבעראַל, וואָס סטאַרעט זיכ אָפּשפּאַלטנ די מאַסע פונ איר באַוווּסטזיניקנ אַוואַנגאַרד. „לוטש“ פאַרשטייט ניט די פאַרהעלטעניש פונ דער פּאַרטיי צו דעמ קלאַס, ווי דאָס האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די „עקאָנאָמיסטנ“ פונ די יאָרנ 1895—1901. פערטנס, איז די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט“ דערווײַל בא אונדז א ווירקלעכ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט נאָר דאַנ, ווענ זי ווערט געפירט אינ גײַסט פונעמ אַלטנ, לעשעמ זײַנע לאָזונגענ.

די בקירעס פונ „לוטש“ זײַנענ בקירעס פונ ליבעראַלע אינטעליגענטנ, וואָס ווילנ ניט אַרײַנגיינ אינ דער ווירקלעכ עקזיסטירנדיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אונ דעריבער פּרוּװנ זיי צעשטערנ די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, אויפהעצנדיק קעגנ איר דעמ אומפּאַרטייִשנ, צעשטויבטנ, ווייניק באַוווּסטזיניקנ האַמוינ. אַזוי טוענ אויכ די דײַטשישע ליבעראַלנ, וואָס זאָגנ, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ זײַנענ ניט קיינ פאָרשטייער פונעמ פּראָלעטאַריאַט, ווײַל בא זיי אינ דער „פּאַרטיי“ איז פאַראַנ „בלויז“ א פופצנטל!

נעמט א נאָכ מער געוויינלעכע בקירע פונ „לוטש“: „מיר“ זײַנענ פאַר אַנ אָפּענער פּאַרטיי, „ווי אינ אייראָפּע“. די ליבעראַלנ אונ ליקווידאַטאָרנ ווילנ א קאָנסטיטוציע אונ אַנ אָפענע פּאַרטיי, „ווי אינ אייראָפּע“ הײַנט; זיי ווילנ אָבער ניט דעמ וועג, מיט וועלכנ אייראָפּע איז געקומענ צו דעמ דאָזיקנ הײַנט.

דער ליקווידאַטאָר אונ בונדאָװעצ קאָסאָווסקי לערנט אונדז אינ „לוטש“, מיר זאָלנ נאָכטאָנ דעמ בײַשפּיל פונ די עסטרײַכער. ער פאַרגעסט בלויז, אַז די עסטרײַכער האָבנ א קאָנסטיטוציע פונעמ 1867 יאָר אָנ, אונ זי וואָלט ניט געקאָנט זײַנ אָנ 1) דער באַוועגונג פונ 1848 יאָר, 2) אָנ דעמ טיפנ מעלוכע־קריזיס פונ די יאָרנ 1859—1866, ווענ די שוואַכקײַט פונעמ אַרבעטער־קלאַס האָט געגעבנ ביסמאַרקנ אונ קאָמפּ. די מעגלעכקײַט אַרויסצופּלאָנטערנ זיכ מיט דער הילפּ פונ דער באַרימטער „רעוואָליוציע פונ אויבנ“. וואָס זשע באַקומט זיכ פונ די דראָשעס פונ קאָסאָווסקינ, דאַנענ, לאַרינענ אונ פונ אַלע „לוטשיסטנ“?

מער ניט ווי דאָס, וואָס זיי העלפנ לייזנ אונדזער קריזיס אינעמ גײַסט אומבאַדינגט פונ א „רעוואָליוציע פונ אויבנ“! אַזא מינ אַרבעט זייערע איז טאַקע אָבער אַנ „אַרבעט“ פונ א סטאָליפּינישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

וווּהינ דו זאָלסט זיכ נימ קערנ — אומעטומ זעענ מיר בא די ליקווידאטאָרנ, אז זיי זאָגנ זיכ אָפּ אי פונ מארקסיזמ אי פונ דעמאָקראטיע.

אינעמ ווײַטערדיקנ ארטיקל וועלנ מיר געננוי באטראכטנ זייער בקירע וועגנ דער נייטיקײַט ארומצושנײַדנ אונדזערע, די סאָציאַל-דעמאָקראטישע, לאָזונגענ.

VI

אונדז שטייט פאָר צו באטראכטנ, וויאזוי די ליקווידאטאָרנ שנײַדנ ארומ די מארקסיסטישע לאָזונגענ. בעסער פונ אלצ וואָלט געווענ נעמענ צוליב דעמ די באַשלוסנ פונ זייער אווגוסט-קאָנפערענצ, אָבער דער אנאליז פונ די דאָזיקע באשלוסנ איז מאכמעס פארשטענדלעכע סיבעס מעגלעכ בלויז אינ דער אויסלענדישער פרעסע. דאָ ווידער קומט אויס צו נעמענ דעמ „לוטש“, וואָס האָט אינעמ ארטיקל פונ ל. ס. (נומ. 108 (194)) געגעבנ א מערקווירדיק פינקטלעכע פאָרמולירונג פונעמ גאנצנ טאָכ, פונעמ גאנצנ גײַסט פונ דער ליקווידאטאָרײַ.

דער הער ל. ס. שרײַבט:

„...דער דעפּוטאט מוראנאָוו אָנערקענט דערווײַל בלויז דרײַ טיילווײַזע פאָדערונגענ, די דרײַ גרונט-זײַלנ, וואָס אפ זיי האָט זיכ, ווי באוווּסט, באזירט די וואל-פלאטפאָרמ פונ די לענינצעס: פולשטענדיקע דעמאָקראטיזירונג פונ דער מעלוכע-אָרדענונג, אכטשאָ־קער ארבעטס-טאָג אונ איבערגעבנ די ערד די פויערימ. אפ דעמ דאָזיקנ שטאנדפונקט שטייט נאָכ אלצ אויכ די „פראוודא“. מיר אָבער, פונקט ווי די גאנצע אייראָפּײַשע סאָציאַל-דעמאָקראטיע" (לייענ: „מיר, פונקט ווי מיליוקאָוו, וואָס פארזיכערט, אז בא אונדז איז, גאָט צו דאנקענ, פאראנ א קאָנסטיטוציע")", „זעענ אינעמ ארויסשטעלנ טיילווײַזע פאָדערונגענ אנ אגיטאציע-מיטל, וואָס קאָנ האָבנ דערפאָלג נאָר דאנ, ווענ עס רעכנט זיכ מיטנ טאָגטעגלעכנ קאמפ פונ די ארבעטער-מאסנ. נאָר דאָס, וואָס עס האָט, פונ איינ זײַט, א פּרינציפּיעלע באדײַטונג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער ארבעטער-באוועגונג אונ וואָס קאָנ, פונ דער אנדערער זײַט, ווערנ אקטועל פאר דער מאסע, — נאָר דאָס האלטנ מיר פאר מעגלעכ ארויסצושטעלנ אלס יענע טיילווײַזע פאָדערונג טאקע, וואָס דארפ אינ געגעבענעמ מאָמענט קאָנצענטרירנ אפ זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע. פונ די דרײַ פאָדערונגענ, וואָס די „פראוודא“ שטעלט ארויס, שפּילט אונ קאָנ שפּילנ א ראָליע אינעמ טאָגטעגלעכנ קאמפ פונ די ארבעטער נאָר איינע — דער אכטשאָ־קער ארבעטס-טאָג. די איבעריקע צוויי פאָדערונגענ קאָנענ אינ געגעבענעמ מאָמענט זײַנ אנ אָביעקט פונ פּראָפּאגאנדע, אָבער נימ קיינ אָביעקט פונ אגיטאציע. וועגנ דעמ כילעק צווישנ פּראָפּאגאנדע אונ אגיטאציע זע די גלענצנדיקע בלעטלעכ אינ ג. וו. פּלעכאנאָווס בראָשור „קאמפ קעגנ הונגער" (ל. ס. האָט געטראָפנ נימ ווו מע דארפ: אימ „טומ וויי" צו דערמאָנענ פּלעכאנאָווס פּאָלעמיק אינ די יאָרנ 1899—1902 קעגנ די „עקאָנאָמיסטנ", וואָס בא זיי שרײַבט עס ל. ס. איבער).

„כוץ דעמ אכטשאָ־קנ ארבעטס-טאָג, איז פאראנ נאָכ אוינ טיילווײַזע פאָדערונג, וואָס סײַ די באדערפעניש פונ דער ארבעטער-באוועגונג סײַ דער גאנצער גאנג פונעמ רוסישנ לעבנ האָבנ זי ארויסגערוקט, — דאָס איז די פאָדערונג פונ פרײַהײַט פונ קאָאליציע, פונ פרײַהײַט פונ יעטווידער אָרגאניזירונג, מיט דער פרײַהײַט פונ פארזאמלונגענ אונ וואָרט, מינדלעכנ אונ געדרוקטנ, וואָס איז שײַעכ דערצו".

אָט דאָס האָט איר אײַכ די טאקטיק פונ די ליקווידאטאָרנ. סײַ דאָס, וואָס ל. ס. באשרײַבט מיט די ווערטער „פולשטענדיקע דעמאָקראטיזירונג אאוו.", סײַ דאָס, וואָס ער רופט אָנ „איבערגעבנ די ערד די פויערימ" איז, זעט איר, נימ „אקטועל פאר דער מאסע". דאָס ווערט נימ ארויסגערוקט דורכ די „באדערפענישנ

פונ דער ארבעטער=באוועגונג" אונ דורכנ „גאנצנ גאנג פונעם רוסישנ לעבנ"!! ווי אלט די דאָזיקע כקירעס זײַנענ אונ ווי באקאנט זיי זײַנענ עס פאר די, וואָס געדענקענ די געשיכטע פונ דער רוסישער מארקסיסטישער פראקטיק, איר פיליאָריקנ קאמפ קעגנ די „עקאָנאָמיסטנ", וועלכע האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ די אויפגאבנ פונ דער דעמאָקראטיע! ווי מאלאנטפול דעו „לוטש" שרײַבט עס איבער די אָנשווינגענ פונ פראָקאָפּאָוויטשנ אונ קוסקאָווא, וואָס האָבנ דאנ געפרווט פארפירנ די ארבעטער אפנ ליבעראלנ וועג!

נאָר לאָמיר זיכ אופמערקזאמער פאנאנדערקלײַבנ אינ דער כקירע פונ „לוטש". פונעם שטאנדפונקט פונ סייכל=האיאָשער איז די דאָזיקע כקירע פּאָשעט עפּעס א מעשוגאס. צי דענ קאָנ מענ, אינדערעמעסנ, ניט אראָפּגייענדיק פונ זינענ, מײַנענ, אז די אָנגעוויזענע „פויערשע" (דה. לעמויוועס די פויערימ געצילטע) פאָדערונג איז ניט „אקטועל פאר דער מאסע"? ווערט ניט „ארויסגערוקט דורכ די באדערפעניש פונ דער ארבעטער=באוועגונג אונ דורכנ גאנצנ גאנג פונעם רוסישנ לעבנ"? דאָס איז ניט נאָר ניט עמעס, דאָס איז א שרײַענדיקער אבסורד. די גאנצע געשיכטע פונ XIX יאָרהונדערט אינ רוסלאנד, דער גאנצער „גאנג פונעם רוסישנ לעבנ" האָבנ ארויסגערוקט די דאָזיקע פראגע, האָבנ זי געמאכט פאר דער אקטועלער אונ אקטועלסטער; דאָס האָט זיכ אָפּגעשפיגלט אויכ אפ דער גאנצער געזעצגעבונג פונ רוסלאנד. וויאזוי האָט „לוטש" געקאָנט דערגיינ צו אזא מוירעדיקנ ליגנ?

ער האָט געמוזט דערגיינ צו אימ, וואָרעמ דער „לוטש" איז פארקנעכטעט דורכ דער ליבעראלער פאָליטיק, אונ די ליבעראלנ זײַנענ טרײַ זיכ אליינ, ווענ זיי וואַרפנ אָפּ (אָדער רוקנ אָפּ — ווי דער „לוטש") די פויערשע פאָדערונג. די ליבעראלע בורזשואזיע טוט עס דערפאר, ווײַל איר קלאסנ=לאגע צווינגט זי צוצופאסנ זיכ צו די גוטבאזיצער אונ צו זײַנ קעגנ דער פאָלקס=באוועגונג.

דער „לוטש" ברענגט די ארבעטער די אידייענ פונ די ליבעראלע גוטבאזיצער אונ באגייט א פאראט קעגנ דעמ דעמאָקראטישנ פויערטומ.

ווײַטער. צי דענ איז „אקטועל" נאָר די פרײַהײַט פונ פאראייננ? אונ די אומבארירלעכקײַט פונ פערזאָנ? אונ דאָס אָפּשאפנ די אייגנוויליקײַט אונ ווילקיר? אונ אלגעמיינע אאוו. וואלרעכט? אונ אנ איינקאמערדיקע פארלאמענט=סיסטעמ? אאוו.? יעדער גראמאָטנער ארבעטער, יעדערער, ווער עס געדענקט דאָס ניט לאנג פארגאנגענע, ווייסט אויסגעצייכנט, אז דאָס אלצ איז אקטועל. אינ טויזנטער ארטיקלענ אונ רעדעס אָנערקענענ אלע ליבעראלנ, אז דאָס אלצ איז אקטועל. פארוואָס זשע האָט „לוטש" דערקלערט פאר אקטועל איינע, זאָל זײַנ אפילע די וויכטיקסטע, פונ די פרײַהײַטנ, אונ די קארדינאלע באדינגונגענ פונ פאָליטישער פרײַהײַט, דעמאָקראטיע אונ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג האָט ער אויסגעמעקט, אָפּגערוקט, אָפּגעגעבנ אינ ארכיוו פונ „פראָפּאגאנדע", ארויסגעוואָרפנ פונ דער אגיטאציע?

דערפאר און נאָר דערפאר, ווײַל „לוטש" נעמט ניט אָנ דאָס, וואָס עס איז ניט אָנגענעמבאר פאר די ליבעראלנ.

פונעמ שטאנדפונקט פונ דער אקטועלקײַט פאר די מאסנ, פונ שטאנדפונקט פונ די באדערפענישנ פונ דער ארבעטער=באוועגונג אונ פונ גאנג פונעמ רוסישנ לעבנ

איז נ י ט אָ קיינ אונטערשייד צווישנ די דרײַ פּאָדערונגענ פונ מוראנאָוונ אונ פונ דער „פּראוודא“ (לאָמיר, פונ קורצקײַט וועגנ, זאָגנ: די פּאָדערונגענ פונ די אויסגעהאלטענע מארקסיסטנ). אי די ארבעטערשע, אי די פויערשע, אי די אלגעמיינ-פּאָליטישע פּאָדערונגענ זײַנענ א ל צ י י נ ס אקטועל פאר די מאסנ, זײַנענ א ל צ י י נ ס ארויסגערוקט אי דורכ די באדערפענישנ פונ דער ארבעטער-באוועגונג אי „דורכנ גאנצנ גאנג פונעמ רוסישנ לעבנ“. פונעמ שטאנדפּונקט פונ „טיילוויַזקײַט“, וואָס איז אזוי ליב אונדזער אָנהענגער פונ מעסיקײַט אונ אקוראטקײַט, זײַנענ אלע דרײַ פּאָדערונגענ אויכ אלציינע: זיי זײַנענ „טיילוויַז“ לעגאבע דעמ ענדלעכנ, זיי זײַנענ אָבער זייער הויכ לעגאבע, צומ בײַשפּיל, „אייראָפּע“ ביכלאל.

פארוואָס אָבער נעמט „לוטש“ אָנ דעמ אכטשאָ:קנ ארבעטס-טאָג אונ ווארפט אָפּ דאָס איבעריקע? פארוואָס האָט ער באשלאָסנ א י נ נ אָ מ ע נ פונ די ארבעטער, אז דער 8-שאָ:קער ארבעטס-טאָג „שפּילט א ראָליע“ אינ זייער טאָגטעגלעכנ קאמפ אונ די אלגעמיינ-פּאָליטישע אונ די פויערשע פּאָדערונגענ שפּילנ נ י ט אזא ראָליע? די פאקטנ זאָגנ אונדז, פונ איינ זײַט, אז די ארבעטער שטעלנ ארויס אינעמ טאָגטעגלעכנ קאמפ אויכ די אלגעמיינ-פּאָליטישע אונ די פויערשע פּאָדערונגענ, — אונ פונ דער אנדערער זײַט, אז זיי ק ע מ פ נ אָפּט פאר באשיידענערע פארקירצונגענ פונעמ ארבעטס-טאָג.

איז אינ וואָס גייט עס?

עס גייט אינעמ רעפאָרמיזמ פונעמ „לוטש“, וואָס ו ו א ר פ ט א ר ו פ, ווי געוויינלעכ, אָט די ליבעראלע באגרענעצטקײַט זײַנע אָפּ די „מאסנ“, אפנ „גאנג פונ דער געשיכטע“ אאוו.

דער רעפאָרמיזמ ביכלאל באשטייט דערינ, וואָס מענטשנ באגרענעצנ זיכ מיט אגיטאציע פאר ענדערונגענ, וועלכע פאָדערנ ניט צו באזײַטיקנ די הויפּט-יעסוידעס פונעמ אלטנ, הערשנדיקנ קלאס, — ענדערונגענ, וואָס ל אָ ז נ ז י כ צ ו נ ו י פ פ אָ ר נ מ י ט נ א ײַ נ ה י ט נ די דאָזיקע יעסוידעס. דער אכטשאָ:קער ארבעטס-טאָג לאָזט זיכ צונויפפאָרנ מיטנ אײַנהיטנ די מאכט פונ קאפּיטאל. קעדיי צוצוּיענ די ארבעטער, זײַנענ די רוסישע ליבעראלנ אליינ גרייט אונטערצושרײַבנ („ווי ווײַט מעגלעכ“) די דאָזיקע פּאָדערונג. די פּאָדערונגענ ווידער, פאר וועלכע דער „לוטש“ וויל ניט „אגיטירנ“, ל אָ ז נ ז י כ נ י ט צ ו נ ו י פ פ אָ ר נ מיטנ אײַנהיטנ די יעסוידעס פונ דער פארקאפּיטאליסטישער, לײַבייגנטימערישער צײַט.

דער „לוטש“ טרײַבט ארויס פונ דער אגיטאציע גראָד דאָס, וואָס עס איז ניט אָנעמבאר פאר די ליבעראלנ, וועלכע ווילנ ניט באזײַטיקנ די פריצישע מאכט, וועלכע ווילנ מער ניט, ווי טיילנ די מאכט אונ די פּריווילעגיעס. דער „לוטש“ טרײַבט ארויס גראָד דאָס, וואָס עס לאָזט זיכ ניט צונויפפאָרנ מיטנ שטאנדפּונקט פונ רעפאָרמיזמ.

אָט ווו דער הונט ליגט באגראָבנ.

ניט מוראנאָוו, ניט די „פּראוודא“, ניט אלע מארקסיסטנ ווארפנ ניט אָפּ די טיילווײַזע פּאָדערונגענ. דאָס זײַנענ פוסטע מײַסעס. א בײַשפּיל איז די סטראכירונג. מיר ווארפנ אָפּ דאָס ב א ש ו ו י נ ד ל ע נ דאָס פאָלק דורכ פלוידערײַ וועגנ טיילווײַזע פּאָדערונגענ, דורכ ר ע פ אָ ר מ י ז מ. מיר ווארפנ אָפּ דעמ ל י ב ע ר א ל נ ר ע פ אָ ר-

מיזמ אינעמ הײַנטיקנ רוסלאנד, אלס אזא, וואָס איז אוטאָפּיש, אײַנגנוציק-ליגנעריש, געבויט אפ קאָנסטיטוציאָנעלע איליוזיעס, פול מיטנ גײַסט פונ קריכנ אפ אלע פיר פאר די פריצימ. אָט אינ וואָס עס באשטײט די קווינט-עסענצ, וועלכע דער „לומש" וויל פארפלאָנטערנ אונ אויסבאהאלטנ דורכ פראזעס וועגנ „טײלווײַזע פאָדערונגענ" ביכלאל, כאָטש ער אָנערקענט אלײנ, אז אי מוראנאָוו אי די „פראוודא" ווארפנ ניט אָפּ געוויסע „טײלווײַזע פאָדערונגענ".

דער „לומש" שנײַדט ארומ די מארקסיסטישע לאָזונגענ, ער פאסט זײ צו צו דער שמאָלער, רעפאָרמיסטישער, ליבעראלער מאָס אונ פירט אזוי ארומ דורכ בורזשואזע אידײענ אינ דער ארבעטער-סוויווע.

דער קאמפ פונ די מארקסיסטנ קעגנ די ליקווידאטאָרנ איז ניט קײנ אנדער זאכ, ווי אנ אויסדרוק פונעמ קאמפ פונ די פאָרגעשריטענע ארבעטער קעגנ די ליבעראלע בורזשוא פאר דעמ אײַנפלוס אפ די פאָלקס-מאסנ, פארנ פאָליטישנ אופקלערנ אונ דערציִענ זײ.

וועגנ ברעכנ די אײנהײַט, וואָס ווערט מאסקירט מיט געשרײענ וועגנ אײנהײַט[1]

די פראגנ פונ דער הײַנטיקער ארבעטער=באוועגונג זײַנענ אינ א סאך הינזיכטנ קרענקלעכע פראגנ — באזונדערס פאר די פאָרשטייער פונעמ נעכטיקנ טאָג (ד. ה. פונעמ היסטאָריש גאָרוואָס פארגאנגענעמ עטאפ) פונ דער דאָזיקער באוועגונג. אהער געהערנ קוידעמקאָל די פראגנ וועגנ דער אזויגערופענער פראקציאָנעלקײַט, וועגנ שפאלטונג אאוו. ניט זעלטנ קאָנ מענ פונ אינטעליגענטישע אָנטײלנעמער אינ דער ארבעטער=באוועגונג הערנ אויפגערעגטע, נערוועזע, קימאט היסטערישע באקאָשעס ניט צו באארירנ די דאָזיקע קרענקלעכע פראגנ. פאר די, ווער ס'האָט דורכגעמאכט די לאנגע יאָרנ פונ קאמפ צווישנ די פארשיידענע שטרעמונגענ בא די מארקסיסטנ, לעמאָשל, זינט די יאָרנ 1900—1901, קאָנענ, נאטירלעכ, א סאך געדאנקענ אפ דער טעמע פונ די דאָזיקע קרענקלעכע פראגנ זײַנ איבעריקע איבערכאזערונגענ.

אָבער אָנטײלנעמער פונעמ 14=יאָריקנ קאמפ צווישנ די מארקסיסטנ (אונ בי=פראט נאָכ פונעמ 18—19=יאָריקנ, אויב מע זאָל רעכענענ פונ זינט עס האָבנ זיכ באוויזנ די ערשטע סימפטאָמענ פונעמ „עקאָנאָמיזמ“) איז שוינ איצט פאראנ גאָר ניט אזוי פיל, די קאָלאָסאלע מערהײַט ארבעטער, וואָס פארפולנ אינ אונדזער צײַט די רייענ פונ די מארקסיסטנ, — איז אָדער זיי געדענקענ ניט דעמ אלטנ קאמפ אָדער זיי זײַנענ אינגאנצנ ניט באקאנט מיט אימ. פאר דער דאָזיקער קאָלאָסאלער מערהײַט (ווי ס'באווײַזט, אגעוו, אויכ די אנקעטע פונ אונדזער זשורנאל) האָבנ די קרענקלעכע פראגנ א באזונדערס גרויסנ אינטערעס. אונ מיר האָבנ בעדייע אָפּצושטעלנ זיכ אפ די דאָזיקע פראגנ, וועלכע ווערנ אויפגעהויבנ קלוימערשט אפסנײַ (אונ פארנ יונגנ דאָר ארבעטער ווירקלעכ אפסנײַ) דורכ טראָצקימ „ניט=פראקציאָנעלנ ארבעטער=זשורנאל“ „באָרבא“.

I. וועגנ „פראקציאָנעלקײַט“

טראָצקי רופט אָנ זײַנ נײַעמ זשורנאל „ניט=פראקציאָנעלער“. דאָס דאָזיקע וואָרט שטעלט ער אויבנאָנ אינ די אנאָנסנ, ער שטרײַכט עס אונטער אפ קאָלערליי אויפאנימ אינ די רעדאקציע=ארטיקלענ סײַ פונ דער „באָרבא“ גופע סײַ פונ דער ליקווי=

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געוועזנ געדרוקט אינ מײַ 1914 יאָר אינעמ באָלשעוויסטישנ לעגאלנ זשורנאל „פראָסוועשטשעניע“ נומ. 5. רעד.

דאטאָרישער „סעווערנאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“, ווו ס'איז פארנ דערשײַנענ פונ דער „באָרבאַ“ געווענ ווענג איר אָפּגעדרוקט טראָצקיס אַנ ארטיקל.

וואָס זשע הייסט עס אַזוינס „ניט־פראקציאָנעלקײַט“?

טראָצקיס „ארבעטער־זשורנאַל“ איז טראָצקיס א זשורנאַל פאר ארבעטער, ווײַל סײַ פונ קיינ ארבעטער־איניציאַטיוו סײַ פונ קיינ פארבינדונג מיט ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז אינעם זשורנאַל אפילע קיינ שפור ניטאָ. ווענדיק זײַנ פּאָפּולער, דער־קלערט טראָצקי די לייענער אינ זײַנ זשורנאַל פאר ארבעטער די ווערטער „טעריטאָ־ריע“, „פאקטאָר“ אאַז.

זייער גוט. פארוואָס זשע זאָל מענ ניט דערקלערנ די ארבעטער אויכ דאָס וואָרט: „ניט־פראקציאָנעלקײַט“? צי דענ איז עס מער פארשטענדלעכ איידער די ווערטער טעריטאָריע אונ פאקטאָר?

ניינ. די זאַכ באַשטייט ניט אינ דעם. די זאַכ באַשטייט דערינ, וואָס מיט דער עטיקעטקע „ניט־פראקציאָנעלקײַט“ ווילנ די ערגסטע פאָרשטייער פונ די ערגסטע רעשטנ פונ פראקציאָנעלקײַט אָפּנאַרנ דעם יונגנ דאָר ארבעטער. עס לוינט זיכ אָפּצושטעלנ, קעדיי דאָס צו דערקלערנ.

פראקציאָנעלקײַט איז דער וויכטיקסטער כאַראַקטער־שטריכ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי פונ איינער א באַשטימטער היסטאָרישער עפּאָכע. פונ וועלכער נעמלעכ? פונ 1903 יאָר ביזנ 1911.

קעדיי צו דערקלערנ מיט דער מאַקסימאַלער אָנשוילעכקײַט, אינ וואָס עס איז באַשטאַנענ דער טאָכ פונ דער פראקציאָנעלקײַט, דארפ מענ זיכ דערמאָנענ אָנ די קאָנקרעטע באַדינגונגענ זאָל זײַנ כאָטש פונ די יאָרנ 1906—1907. די פארטיי איז דעמלט געווענ איינהײַטלעכ, ס'איז ניט געווענ קיינ שפּאַלטונג, עס איז אָבער געווענ פראקציאָנעלקײַט, דה. אינ דער איינהײַטלעכער פארטיי האָבנ פאַקטיש עקזיס־טירט צוויי פראקציעס, צוויי פאַקטיש באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אונטנ זײַנענ געווענ איינהײַטלעכ, אָבער אינ יעדער ערנסטער פראגע פלעגנ די צוויי פראקציעס אויסארבעטנ צוויי טאַקטיקעס; די פארטיידיקער זייערע פלעגנ שטרײַטנ צווישנ זיכ אינ די איינהײַטלעכע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס (לעמאָשל, באַם באַהאַנדלענ דעם לאָזונג: א דומע־מיניסטעריום — דה. א קאַדעטיש מיניס־טעריום — אינעם 1906 יאָר אָדער בײַם די וואַלנ צום לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר אינעם 1907 יאָר), אונ די פראגנ פלעגנ געלייזט ווערנ מיט א מערהײַט: איינ פראקציע איז באַזיגט געוואָרנ אפנ איינהײַטלעכנ שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר (1906), די צווייטע — אפנ איינהײַטלעכנ לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר (1907).

דאָס זײַנענ ברייט באַוווּסטע פאקטנ פונ דער געשיכטע פונעם אָרגאַניזירטנ מארקסיזמ אינ רוסלאַנד.

ס'איז גענוג צו דערמאָנענ זיכ אָנ די האָזיקע ברייט באַוווּסטע פאקטנ, קעדיי צו דערזענ דעמ הימלשרײַענדיקנ שעקער, וועלכנ ס'פארשפרייט טראָצקי.

פונ 1912 יאָר אָנ, שוינ העכער צוויי יאָר, איז אינ רוסלאַנד ניטאָ קיינ פראק־ציאָנעלקײַט צווישנ די אָרגאַניזירטע מארקסיסטנ, עס זײַנענ ניטאָ קיינ שטרײַטנ ווענג טאַקטיק אינ איינהײַטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אפ איינהײַטלעכע קאָנפע־רענצנ אונ צוזאַמענפאָרנ. עס איז פאראַנ א פולשטענדיקער איבעררײַס

צווישנ דער פארטיי, וואָס האָט אינ יאנוואר 1912 יאָר פאָרמעל דערקלערט, אז די ליקווידאטאָרנ געהערנ ניט צו איר, אונ די ליקווידאטאָרנ [1]. טראָצקי באצייכנט אָפטמאָל די דאָזיקע זאכלאגע מיטנ נאָמענ „שפאלטונג“, אונ וועגנ דער דאָזיקער באצייכענונג וועלנ מיר שפּעטער ריידנ באזונדער. עס בלייבט אָבער א באשטימפּערלעכער פאקט, אז דאָס וואָרט „פראקציאָנעלקייט“ גייט זיכ פאנאנדער מיטנ עמעס.

דאָס דאָזיקע וואָרט איז, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, אנ איבערכאזערונג, א ניט־קריטישע, ניט־קלוגע, זינלאָזע איבערכאזערונג פונ דעמ, וואָס עס איז געווענ ריכטיק נעכטנ, דה. אינ א שוינ פארגאנגענער עפּאָכע. אונ ווענ טראָצקי רעדט צו אונדז וועגנ דעמ „כאאָס פונ פראקציאָנעלנ קאמפ“ (זע נומ. 1, ז. 5, 6 אונ א סאכ אנדערע), ווערט גלייכ קלאָר, וואָס פאר אנ אָפּגעלעבטע פארגאנגענהייט נעמלעכ עס רעדט מיט זיינ מויל.

מיט א קוק אפ דער איצטיקער זאכלאגע פונעמ שטאנדפונקט פונ א יונגנ רוסישנ ארבעטער, וואָס אזויגע זיינענ איצט פאראנ 9/10 צווישנ די אָרגאניזירטע מארקסיסטנ פונ רוסלאנד. ער זעט פאר זיכ דריי מאסנ־אנטפּלעקונגענ פונ פארשיידענע אָנשוויונגענ אָדער שטרעמונגענ אינ דער ארבעטער־באוועגונג: די „פּראוודיסטנ“ ארומ א צייטונג מיט א טיראזש פונ 40.000 עקזעמפּליארנ, די „ליקווידאטאָרנ“ (15.000 עקזעמפּליארנ) אונ די לינק־פאָלקיסטנ (10.000 עקזעמפּליארנ). די אָנגאבנ וועגנ דעמ טיראזש דערקלערנ דעמ לייענער דעמ מאסנ־כאראקטער פונ א געוויסער פּראָפּאגאנדע.

פרעגט זיכ, וואָס פאר א שייכעס האָט אהער דער „כאאָס“? טראָצקי האָט ליב קלינגענדיקע אונ פוסטע פראזעס — דאָס איז באוווסט, אָבער דאָס ווערטל „כאאָס“ איז ניט נאָר א פראזע, דאָס באטייט נאָכ, כוץ דעמ, אריבערטראָגנ (ריכטיקער געזאָגט, אנ אומזיסטנ פּרווו אריבערצוטראָגנ) אפנ רוסישנ באָדנ פונ דער איצטיקער עפּאָכע די אויסלענדישע פארהעלטענישנ פונ דער נעכטיקער עפּאָכע. אָט אינ וואָס עס באשטייט דער טאָכ פונעמ איניענ.

עס איז קיינ שום „כאאָס“ ניטאָ אינעמ קאמפ פונ די מארקסיסטנ קעגנ די פאָלקיסטנ. דאָס, דארפ מענ האָפנ, וועט אפילע טראָצקי ניט אנטשליסנ זיכ צו באהויפּטנ. דער קאמפ פונ די מארקסיסטנ קעגנ די פאָלקיסטנ גייט שוינ העכער 30 יאָר, פונ זינט דער מארקסיזמ איז געבוירנ געוואָרנ. די סיבע פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ איז די ראדיקאלע דיפערענצ צווישנ די אינטערעסנ אונ דעמ שטאנדפונקט פונ די צוויי פארשיידענע קלאסנ, פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פונעמ פויערטומ. אויב עס איז יאָ פאראנ ערגעצ א „כאאָס“, איז נאָר אינ די מויכעס בא די טשודאקעס, וואָס פארשטייענ דאָס ניט.

וואָס זשע בלייבט? דער „כאאָס“ פונעמ קאמפ פונ די מארקסיסטנ קעגנ די ליקווידאטאָרנ? איז דאָס ווידעראמאָל א ליגנ, ווייל מע קאָנ ניט אָנרופנ מיטנ נאָמענ כאאָס דעמ קאמפ קעגנ א שטרעמונג, וואָס די גאנצע פארטיי האָט זי אָנערקענט פאר א שטרעמונג אונ האָט זי פארורטיילט זינט דעמ 1908 יאָר. אונ דער,

[1] זע דעמ דאָזיקנ באנד, ז. 167—168. רעד.

וואָס איז ניט זאָרגלאָז בענעגייע דער געשיכטע פונעמ מארקסיזמ אינ רוסלאנד, דער ווייסט, אז די ליקווידאטאָרנ איז אָרגאניש אונ אפנ ענגסטנ אויפנ, אפילע אינעמ זינענ פונעמ באשטאנד פונ די פירער אונ אָנטיילנעמער, פארבונדנ מיטנ „מענשעוויזמ“ (1903—1908) אונ מיטנ „עקאָנאָמיזמ“ (1894—1903). הייסט עס, אז אויכ דאָ האָבנ מיר פאר זיכ קימאט א צוואנציקיאָריקע געשיכטע. באציִענ זיכ צו דער געשיכטע פונ דער אייגענער פארטיי, ווי צו א „כאאָס“, הייסט פארמאָגנ מוירעדיקע פוסטקייט אינעמ קאָפּ.

טוט אָבער א קוק אפ דער איצטיקער לאגע פונעמ **שטאנדפונקט** פונ פאריזש אָדער פונ ווינ. וועט אלצ מיטאמאָל ווערנ אנדערש. **אויסער** די „פראוודיסטנ“ אונ די „ליקווידאטאָרנ“ איז נאָכ פאראנ **ניט ווייניקער** פונ **פינפ רוסישע** „פראקציעס“, דה. באזונדערע גרופעס, וואָס ווילנ זיכ צורעכענענ צו איינ אונ דער זעלביקער סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי: טראָצקיס גרופע, צוויי גרופעס „וופּערריאָד“, „באָלשעוויקעס פארטייער“ אונ „מענשעוויקעס פארטייער“. אינ פאריזש אונ אינ ווינ (איכ נעמ אלס בײַשפיל צוויי באזונדערס גרויסע צענטערס) איז דאָס אויסגעצייכנט באקאנט אלע מארקסיסטנ.

אונ דאָ איז טראָצקי אינ א געוויסנ זינ גערעכט: דאָס איז ווירקלעכ פראקציאָנעלקייט, דאָס איז בעעמעס א כאאָס!

„פראקציאָנעלקייט“, דה. נאָמינעלע איינהייט (**אפנ וואָרט** געהערנ אלע צו איינ פארטיי) אונ רעאלע צעברעקלטקייט (פאקטיש זײַנענ אלע גרופעס זעלבשטענדיק אונ פירנ איינע מיט די אנדערע אונטערהאנדלונגענ, שליסנ פארשטענדיקונגענ, ווי סוווערענע מעלוכעס).

„כאאָס“, דה. עס זײַנענ ניטאָ (1) קיינ אָביעקטיווע אָנגאבנ, אזוינע, וואָס קאָנענ קאָנטראָלירט ווערנ, וועגנ דער פארבינדונג פונ די דאָזיקע פראקציעס מיט דער ארבעטער-באוועגונג אינ רוסלאנד אונ (2) עס איז ניטאָ קיינ מאטעריאל צו אורטיילנ וועגנ דער ווירקלעכער אידייִשער אונ פאָליטישער פיזיאָנאָמיע פונ די דאָזיקע פראקציעס. נעמט דעמ פעריאָד פונ פולע צוויי יאָר — די יאָרנ 1912 אונ 1913. ווי באוווּסט, זײַנענ דאָס יאָרנ פונ אויפלעבונג אונ אופשטײַג פונ דער ארבעטער-באוועגונג, ווענ יעטווידע שטרעמונג אָדער ריכטונג, וואָס איז כאָטש וויפל-ניט-איז ענלעכ צו א **מאסעווער** (אונ אינ פאָליטיק האָט א באטרעפ נאָר דאָס מאסעווע), האָט **ניט געקאָנט ניט** לאָזנ זיכ פילנ בא די וואלנ צו דער IV דומע, אינ דער שטרײַק-באוועגונג, אינ די לעגאלע צײַטונגענ, אינ די פראָפעסיאָנעלע פארייִנענ, אינ דער פארזיכערונגס-קאמפאניע אדג. קיינ איינע, קיינ איינציקע פונ די דאָזיקע פינפ אויסלענדישע פראקציעס האָט אינ מעשעכ פונעמ דאָזיקנ גאנצנ צוויייאָריקנ פעריאָד ניט ארויסגעוויזנ זיכ אבסאָליוט מיט קיינ זאכ, וואָס זאָל זיכ לאָזנ באמערקנ, **אינ**

---

[2] די „באָלשעוויקעס פארטייער“ זײַנענ געווענ א קליינע גרופע שאָלעמ-מאכער, וואָס לענינ האָט זיי גערופנ „ניט קיינ קאָנסעקווענטע טראָצקיסטנ“. צו די שאָלעמ-מאכער האָבנ געהערט קאמעניעוו, ריקאָוו, זינאָוויעוו א. אנד. צוזאמענ מיט די ליקווידאטאָרנ, מיט די וופּעריאָדאָווצעס, מיט טראָצקינ אונ מיט אנדערע, האָבנ די שאָלעמ-מאכער געפירט א פארביסענעמ קאמפ קעגנ לענינענ, זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די באשלוסנ, וואָס די פראגער קאָנפערענצ האָט אָנגענומענ. ר ע ד.

קיינ איינציקער פונ די נאָרוואָס אָנגעוויזענע אנטפּלעקונגענ פונ דער מאַסעווער ארבעטער־באַוועגונג אינ רוסלאַנד!

דאָס איז א פאַקט, וואָס יעדער איינער קאָנ לײַכט דורכקאָנטראָלירנ.

אונ דער דאָזיקער פאַקט דערווײַזט, אז מיר זײַנענ געווענ גערעכט, ווענ מיר האָבנ גערעדט וועגנ טראָצקינ, ווי וועגנ א פאָרשטייער פונ די „ערגסטע רעשטנ פונ פראַקציאָנעלקײַט".

מיטנ מויל איז טראָצקי ניט פראַקציאָנעל, אָבער פאַר אַלעמענ, ווער ס'איז כאָטש וויפל־ניט־איז באַקאַנט מיט דער ארבעטער־באַוועגונג אינ רוסלאַנד, איז בעפיירעש קלאָר, אז ער איז א פאָרשטייער פונ „טראָצקיס פראַקציע", — דאָ איז פאַראַנ פראַקציאָנעלקײַט, ווײַל דאָ זײַנענ פאַראַנ ביידע וועזנטלעכע סימאָנימ אירע: (1) נאָמינעלע אָנערקענונג פונ איינהײט אונ (2) גרופּנ־אָפּגעזונדערטקײַט באַקפּיש. דאָ איז פאַראַנ א רעשט פונ פראַקציאָנעלקײַט, ווײַל עפּעס ערנסטעס אײַנעמ זינ פונ פאַרבינדונגענ מיט דער מאַסעווער ארבעטער־באַוועגונג פונ רוסלאַנד איז דאָ אוממעגלעכ צו אנטדעקנ.

דאָ איז, צולעצט, פאַראַנ דער ערגסטער מינ פראַקציאָנעלקײַט, ווײַל ס'איז ניטאָ קיינ שום אידייִיש־פּאָליטישע באַשטימטקײַט. מע קאָנ ניט אָפּלייקענענ די דאָזיקע באַשטימטקײַט ניט בא די פּראַוודיסטנ (אפילע אונדזער אנטשיידענער קעגנער ל. מאַרטאָוו אָנערקענט בא אונדז „קאָנסאָלידירטקײַט אונ דיסציפּלינ" ארומ די אַלעמענ באַוווּסטע פאָרמעלע באַשלוסנ וועגנ אַלע פראַגנ), ניט בא די ליקווידאַטאָרנ (זיי, ווייניקסטנס די אָנגעזעענסטע צווישנ זיי, האָבנ זייער א באַשטימטע פיזיאָנאָמיע, נעמלעכ, א ליבעראַלע, ניט קיינ מארקסיסטישע).

מע קאָנ ניט אָפּלייקענענ א געוויסע באַשטימטקײַט בא א טייל פונ יענע פראַקציעס, וועלכע עקזיסטירנ רעאַל — אָט אזוי ווי טראָצקיס פראַקציע — אויסשליסלעכ פונעמ ווינ־פּאַריזשער שטאַנדפּונקט, קלאָל ניט פונעמ רוסישנ שטאַנדפּונקט. עס זײַנענ, לעמאָשל, באַשטימט די מאַכיסטישע טעאָריעס בא דער מאַכיסטישער גרופּע „וופּעריאָד"; עס איז באַשטימט, אז די „מענשעוויקעס פאַרטייער" וואַרפנ קאַטעגאָריש אָפּ די דאָזיקע טעאָריעס אונ פאַרטיידיקנ דעמ מארקסיזמ, אונ צוגלײַכ דערמיט פאַרורטיילנ זיי טעאָרעטיש די ליקווידאַטאָרנ.

טראָצקי אָבער פאַרמאָגט ניט קיינ שום אידייִיש־פּאָליטישע באַשטימטקײַט, ווײַל א פּאַטענט אָפּ „ניט־פראַקציאָנעלקײַט" באַטײַט נאָר (מיר וועלנ דאָס באַלד דערזענ אויספירלעכער) א פּאַטענט אָפּ פולשטענדיקער פרײַהײַט אריבערצופליענ פונ איינ פראַקציע צו א צווייטער אונ צוריק.

דער סאַכאַקל איז אזא:

1) די היסטאָרישע באַדײַטונג פונ די אידייִישע כלוקעדייעס צווישנ די שטרעמונגענ אונ פראַקציעס אינעמ מארקסיזמ דערקלערט טראָצקי ניט אונ פאַרשטייט זי ניט, כאָטש די דאָזיקע כלוקעדייעס פילנ אָנ די צוואַנציקיאָריקע געשיכטע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אונ זײַנענ נוגייע די גרונט־פראַגנ פונ דער הײַנטיקער צײַט (ווי מיר וועלנ נאָכ באַווײַזנ);

2) די גרונט־באַזונדערהײַטנ פונ דער פראַקציאָנעלקײַט, אלס נאָמינעלע

אַנערקענונג פון איינהייט און רעאלע צענטראליזאציע. — האָט טראָצקי ניט פאר־שטאַנען;

3) אונטער דעם פלאַג פון „ניט־פראקציאָנעלקייט" פארטיידיקט טראָצקי איינע פון די אויסלענדישע פראקציעס, פון די באזונדערס אידייענלאָזע, פון די, וואָס האָבן ניט קיין באָדן אין דער ארבעטער־באוועגונג פון רוסלאנד.

ניט אלץ, וואָס גלאנצט, איז גאָלד. אין טראָצקיס פראזעס איז דאָ א סאך גלאנץ און טומל, אָבער קיין אינהאלט איז אין זיי ניטאָ.

II. וועגן שפאלטונג

„אויב בא אייך, פראוודיסטן, איז ניטאָ קיין פראקציאָנעלקייט, ד. ה. קיין נאָמי־נעלע אָנערקענונג פון איינהייט בא א פאקטישער צענטראליזאציע, איז בא אייך פאַראַן ערגערס: שפאלטעריי", — וועט מען אונדז דערווידערן. אזוי זאָגט טאַקע טראָצקי, וואָס איז ניט אימשטאנד דורכצוטראכטן זיינע געדאנקען און צונויפצו־בינדן זיינע פראזעס איינע מיט דער אנדערער, און דעריבער איז אָדער ער מאכט קוילעס קעגן פראקציאָנעלקייט אָדער ער שרייט: „די שפאלטונג מאכט איין זעלבסט־מערדערישע דערפאָלגונג נאָך דער אנדערער" (נום. 1, ז. 6).

די דאָזיקע דערקלערונג קאָן האָבן נאָר איין זין: „די פּראוודיסטן מאכן איין דערפאָלגונג נאָך דער אנדערער" (דאָס איז אן אָביעקטיווער פאקט, וואָס לאָזט זיך דורכקאָנטראָלירן, וואָס ווערט פעסטגעשטעלט דורכן שטודירן די מאסן־ארבעטער־באוועגונג פון רוסלאנד באַזונדערס אין די יאָרן 1912 און 1913), אָבער איך, טראָצקי, פאַרורטייל די פראוודיסטן (1) אלס שפאלטערס און (2) אלס זעלבסטמערדערישע פאָליטיקער.

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבן דעריין.

קוידעם־כּאָל לאָמיר באדאנקען טראָצקין: דאָ ניט לאנג (פון אווגוסט 1912 יאָר ביז פעברואל 1914 יאָר) איז ער נאָכגעגאנגען פ. דאנען, וועלכער האָט, ווי באוווּסט, געסטראשעט און גערופן צו „דערהארגענען" די אנטי־ליקווידאטאָ־רען. היינט סטראשעט ניט טראָצקי צו „דערהארגענען" אונדזער ריכטונג (און אונ־דזער פארטיי, — זייט ניט אין כּעס, בירגער טראָצקי, דאָס איז דאָך אן עמעס!), ער זאָגט נאָר געוויעס, אז זי וועט זיך א ליי ן אוועקהארגענען!

דאָס איז א סאך ווייכער, אַיאָ? דאָס איז קומאַט „ניט־פראקציאָנעל", ניט עמעס?

אָבער א געלעכטער אָן א זייט (האגאַם געלעכטער איז דער איינציקער אויפן אָפּצוּוועפן זיך ווייך אַפּ טראָצקיס אומדערטרעגלעכער פראזן־טרייבעריי).

„זעלבסטמאָרד" — דאָס איז פּאָשעט א פראזע, א פּוסטע פראזע, א ריינער „טראָצקיזם".

שפאלטעריי — דאָס איז אן ערנסטע פאָליטישע באשולדיקונג. די דאָזיקע בא־שולדיקונג באזערן איבער קעגן אונדז אפּ טויזנטערליי אויפאַנים אי די ליקווידא־טאָרן אי אלע גרופּעס, וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט און וואָס פונעם שטאַנד־פּונקט פון פּאריזש און ווין עקזיסטירן זיי. אָן שום ספק.

און זיי אלע כאזערנ איבער די דאָזיקע ערנסטע פאָליטישע באשולדיקונג גוואַלדיק ניט ערנסט. טוט א קוק אפ טראָצקינ. ער האָט אָנערקענט, אז „די שפאלטונג מאכט (לייענ: די פראַוודיסטנ מאכנ) איינ זעלבסטמערדערישע דעראָבערונג נאָכ דער אנדערער". דערצו גיט ער צו:

„א סאכ פאָרגעשריטענע ארבעטער ווערנ אליינ אָפטמאָל, אינ א צושטאנד פונ פולשטענדיקער פאָליטישער פארלאָרנקייט, אקטיווע אגענטנ פונ דער שפאלטונג" (נומ. 1, ז. 6).

צי קאָנ מענ געפינענ מוסטערנ פונ א מער ניט־ערנסטער באציִונג צו דער פראגע, איידער די, וואָס אנטפלעקט זיכ דורכ די דאָזיקע ווערטער?

איר באשולדיקט אונדז אינ שפאלטעריי, ביים אפ דער ארענע פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ רוסלאנד זעענ מיר פאר אונדזערע אויגנ בוכשטעבלעכ קיינ זאכ ניט אכוצ ליקווידאטאָרנ. האלט איר, אלזאָ, אז אונדזער באציִונג צו דער ליקווידאטאָרנ איז ניט קיינ ריכטיקע? ווירקלעכ טאקע, אלע אויבנ אויסגערעכנטע אויסלענדישע גרופעס, ווי שטארק זיי זאָלנ זיכ ניט אונטערשיידנ איינע פונ דער אנדערער, גייענ זיכ צונויפ גראָד דערינ, וואָס זיי אָנערקענענ אונדזער באציִונג צו דער ליקווידאטאָרנ פאר ניט קיינ ריכטיקער, פאר א „שפאלטערישער". דערינ באשטייט אויכ די ענלעכקייט (און וועזנטלעכע פאָליטישע דערנענטערונג) צווישנ די אלע גרופעס מיט די ליקווידאטאָרנ.

אויב אונדזער באציִונג צו דער ליקווידאטאָרנ איז טעאָרעטיש, פרינציפיעל ניט ריכטיק, האָט עס טראָצקי באדארפט זאָגנ אָפנ, דערקלערנ באשטימט, אָנווייזנ אָנ דריידלעכ, אינ וואָס זעט ער די דאָזיקע ניט־ריכטיקייט. טראָצקי אָבער מיידט יאָרנלאנג אויס דעמ דאָזיקנ וועזנטלעכנ פונקט.

אויב פראקטיש, אינ דער דערפארונג פונ דער באוועגונג ווערט אונדזער באציִונג צו דער ליקווידאטאָרנ אָפגעפרעגט, דארפ מענ די דאָזיקע דערפארונג אנאליזירנ; דאָס טוט טראָצקי ווידעראמאָל ניט. „א סאכ פאָרגעשריטענע ארבעטער, — אָנערקענט ער, — ווערנ אקטיווע אגענטנ פונ דער שפאלטונג" (לייענ: אקטיווע אגענטנ פונ דער פראַוודיסטישער ליניע, טאקטיק, סיסטעמ, אָרגאניזאציע).

פארוואָס זשע קומט עס פאָר אזא טרויעריקע דערשיינונג, וואָס ווערט, ווי טראָצקי איז זיכ מודה, באשטעטיקט דורכ דער דערפארונג, אז פאָרגעשריטענע ארבעטער, און דערביי א סאכ, זיינענ פאר דער „פראַוודאַ"?

מאכמעס דער „פולשטענדיקער פאָליטישער פארלאָרנקייט" פונ די דאָזיקע פאָרגעשריטענע ארבעטער, ענטפערט טראָצקי.

ניטאָ וואָס צו ריידנ, אזא דערקלערונג איז גאָר א פיינער קאָמפלימענט פאר טראָצקינ, פאר אלע פינפ אויסלענדישע פראקציעס און פאר די ליקווידאטאָרנ. טראָצקי האָט זייער ליב צו מאכנ „אנ אָנשטעל פונ א ווייסער" און דערקלערנ היסטאָרישע דערשיינונגענ מיט מעליצעדיקע און קלינגענדיקע פראזעס אזוי, אז דאָס זאָל זיינ א קאָמפלימענט פאר טראָצקינ. אויב „א סאכ פאָרגעשריטענע ארבעטער" ווערנ „אקטיווע אגענטנ" פונ א פאָליטישער און פארטייִשער ליניע, וועלכע שטימט ניט מיט טראָצקיס ליניע, לייזט טראָצקי די פראגע, ניט זשענירנדיק זיכ, פראָסט און פאָשעט: אָט די פאָרגעשריטענע ארבעטער געפינענ זיכ „אינ א צושטאנד פונ פולשטענדיקער פאָלי־

טישער פארלארנקייט“, און ער, טראָצקי, געפינט זיך, אפּאָנעם, „אינ א צושטאנד“ פונ פּאָליטישער פעסטקייט, קלאָרקייט און ריכטיקייט פונ דער ליגיע!.. און אָט דער זעלביקער טראָצקי קלאפּט זיך אינ הארצנ און שיט פעב און שוועבל קעגנ פראק־ציאָנעלקייט, קעגנ קרייזלעריי, קעגנ אינטעליגענטישנ אָנבינדנ די ארבעטער עמעצנס ווילנ!..

כ’לעבנ, אז דו לייענסט אזעלכע זאכנ, פרעגסטו בא זיך ניט־ווילנדיק: צי ניט פונ א מעשוגאָים־הויז לאָזנ זיך עס הערנ אזעלכע מינע קוילעס?

די פראגע וועגנ דער ליקווידאטאָרניי און וועגנ פארורטיילנ זי האָט די פארטיי געשטעלט פאר די „פּאָרגעשריטענע ארבעטער“ זינט דעם 1908 יאָר, און די פראגע וועגנ דער „שפּאלטונג“ מיט א גענוי באשטימטער גרופּע ליקווידאטאָרנ (נעמלעכ: מיט דער גרופּע פונ „נאשא זאריא“), דה. וועגנ דער אומעגלעכקייט אנדערש צו בויענ די פארטיי, סיידנ אָנ דער דאָזיקער גרופּע און קעגנ איר, — אָט די דאָ־זיקע פראגע איז געשטעלט געוואָרנ אינ יאנואר 1912 יאָר, מיט העכער צוויי יאָר צוריק. די פּאָרגעשריטענע ארבעטער האָבנ זיך אינ דער קאָלאָסאלער מערהייט ארויסגעזאָגט גראָד פאר שטיצנ די „יאנואר (1912 יאָר)־ליגיע“. טראָצקי אָנערקענט אלייג דעם דאָזיקנ פאקט מיט די ווערטער וועגנ „דעראָבערונגענ“ און וועגנ „א סאכ פּאָרגעשריטענע ארבעטער“. און טראָצקי פּאטערט זיך אָפּ דערמיט, וואָס ער זידלט פּאָשעט אוים די דאָזיקע פּאָרגעשריטענע ארבעטער, אז זיי זיינענ „שפּאלטער“ און „האָבנ זיך פּאָליטיש פארלאָרנ“!

מענטשנ, וואָס זיינענ ניט אראָפּ פונ זינענ, וועלנ פונ די דאָזיקע פאקטנ מאכנ אנ אנדער אויספיר. דאָרט, ווו ס’האָט זיך צוזאמענגעשלאָסנ די מערהייט בא־וווסטזיניקע ארבעטער ארומ גענויע און באשטימטע באשלוסנ, דאָרט איז פאראנ איינהייט פונ מיינונגענ און האנדלונגענ, דאָרט איז פאראנ פארטייישקייט און פארטיי.

דאָרט, ווו מיר האָבנ געזענ ליקווידאטאָרנ, וואָס „זיינענ אראָפּגענומענ געוואָרנ פונ די פּאָסטנס“ דורכ די ארבעטער, אָדער בא א האלב טוץ אויסלענדישע גרו־פּעס, וועלכע האָבנ פאר צוויי יאָר מיט גארנישט ניט דערוויזנ זייער פארבינדונג מיט דער מאסעווער ארבעטער־באוועגונג אינ רוסלאנד, דאפּקע דאָרטנ הערשט פאר־לאָרנקייט און שפּאלטעריי. פרווונדיק איצט איבערצייגנ די ארבעטער, זיי זאָלנ ניט אויספילנ די באשלוסנ פונ יענעם „גאנצנ“, וועלכנ די מארקסיסטנ פּראווּדיסטנ אָנערקענענ, פּרווּט טראָצקי דעזאָרגאניזירנ די באוועגונג און ארויס־רופנ א שפּאלטונג.

די דאָזיקע פּרווונ זיינענ אָנמעכטיק. אָבער מע מוז דאָכ דעמאסקירנ די אינ זייער אמביציע פאריסענע פירער פונ אינטעליגענטישע גרופּקעס, וואָס נאָכ דעם, ווי זיי האָבנ געמאכט א שפּאלטונג, שרייענ זיי וועגנ שפּאלטונג; וואָס נאָכ דעם, ווי זיי האָבנ אינ מעשעכ פונ צוויי און מער יאָרנ געליטנ א פולשטענדיקע מאַפּאָלע בא די „פּאָרגעשריטענע ארבעטער“, שפּייענ זיי מיט מוירעדיקער כוצפּע אָנ די באשלוסנ און אפנ ווילנ פונ די דאָזיקע פּאָרגעשריטענע ארבעטער און זאָגנ וועגנ די דאָזיקע ארבעטער, אז זיי האָבנ זיך „פּאָליטיש פארלאָרנ“. דאָס זיינענ דאָכ אינגאנצנ מעטאָדנ פונ א נאָזדריאָוו אָדער פונ א יודושקע גאָלאָווליאָוו.

מיר ווידער וועלן, לויט אונדזער פליכט פון א פובליציסט, אָפּ די איבערגעבאַ־
זערטע געשרייען וועגן שפּאַלטונג ניט מיר ווערן איבערצואַזערן די גענויע אָנ־
גאַבן, וואָס ווערן ניט אָפּגעלייקנט און קאָנען ניט אָפּגעלייקנט ווערן. אין דער II
דומע איז אין דער אַרבעטער־קוריע געווען 47% דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס, אין
דער III — 50%, אין דער IV — 67%.

אָט ווו עס געפינט זיך די מערהייט „פאַרגעשריטענע אַרבעטער", אָט ווו עס
געפינט זיך די פּאַרטיי, אָט ווו עס געפינט זיך די אײנהײט פון מיינונגען און האַנד־
לונגען פון דער מערהייט באַוווסטזיניקע אַרבעטער.

די ליקווידאַטאָרן דערווידערן (זע ל. מ. בולקין אינעם נומ. 3 „נאַשא זאַריאַ"),
אַז מיר באַנוצן זיך מיט אַרגומענטן פון סטאָליפּינס קוריעס. דאָס איז ניט קיין
קלוגע און ניט קיין געוויסנהאַפטע דערווידערונג. די דײַטשן מעסטן זייערע דער־
פאָלגן מיט די וואַלן לויט ביסמאַרקס וואַל־געזעצ, וואָס באַזײַטיקט די פרויען. נאָר
משוגאָים וואָלטן געקאָנט מאַכן דערפאַר פאָרווורפן די דײַטשישע מאַרקסיסטן,
וואָס מעסטן זייערע דערפאָלגן בײַ דעם געגעבענעם וואַל־געזעצ, ניט באַרעכטי־
קנדיק לאַכלומט זײַנע רעאַקציאָנערע באַגרענעצונגען.

אויב מיר האָבן, ניט פּאַרטייִדיקנדיק ניט די קוריעס, ניט די קוריאַלע סיסטעם,
געמאָסטן אונדזערע דערפאָלגן בײַ דעם געגעבענעם וואַל־געזעצ. קוריעס זײַנען
געווען בײַ אַלע דרײַ (II, III, IV) דומעס, און אינעווייניק אין איין און דער
זעלביקער אַרבעטער־קוריע, אינעווייניק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז
פאָרגעקומען א פולשטענדיקע איבערגרופּירונג קעגן די ליקווידאַטאָרן. ווער
ס'וויל ניט אָפּנאַרן זיך און די אַנדערע, דער מוז אָנערקענען דעם דאָזיקן אָביעק־
טיוון פאַקט, אַז געזיגט האָט די אַרבעטער־אײנהײט קעגן די ליקווידאַטאָרן.

די אַנדערע דערווידערונג איז ניט ווייניקער „קלוג": „פאַר אזא און אזא באָל־
שעוויק האָבן געשטימט (אָדער באַטייליקט זיך אין די וואַלן) מענשעוויקעס און לי־
קווידאַטאָרן". אויסגעצייכנט! און עפּשער באַציט זיך דאָס אויך צו די 53% דע־
פּוטאַטן ניט־באָלשעוויקעס אין דער II דומע, צו די 50% אין דער III דומע, צו
די 33% אין דער IV דומע?

אויב מע וואָלט, אַנשטאָט די אָנגאַבן וועגן די דעפּוטאַטן, געקאָנט נעמען אָנ־
גאַבן וועגן די וואַלמענער אָדער וועגן די באַפולמעכטיקטע פון די אַרבעטער א"א.,
וואָלטן מיר זיי גערן גענומען. אָבער אַזעלכע, מער אויספירלעכע אָנגאַבן זײַנען ני־
טאָ; הייסט עס, אַז די „דערווידערער" שיטן דעם עולם פּאַשעט זאַמד אין די
אויגן.

און די אָנגאַבן וועגן די אַרבעטער־גרופּעס, וועלכע האָבן געהאָלפן די צײַטונגען
פון די פאַרשיידענע ריכטונגען? אין משך פון צוויי יאָר (1912 און 1913)
2.801 גרופּע פאַר דער „פּראַוודאַ" און 740 פאַרן „לוטש"[1]. די דאָזיקע ציפערן
קאָן יעדערער דורכקאָנטראָלירן, און קיינער האָט זיי ניט געפּרווט אָפּלייקענען.

---

[1] ביז 1־טן אַפּריל 1914 יאָר האָט דער פאַרלויפיקער סאַכאַקל געגעבן 4.000 גרופּעס
פאַר דער „פּראַוודאַ" (פונעם 1־טן יאַנוואַר 1912 יאָר) און 1.000 פאַר די ליקווידאַטאָרן
צוזאַמען מיט אַלע זייערע פאַרבינדעטע.

ווו זשע איז דאָ די איינהייט פונ די האנדלונגענ אונ פונעמ ווילנ פונ דער מערהייט „פאָרגעשריטענע ארבעטער“ אונ ווו איז דאָס ברעכנ דעמ ווילנ פונ דער מערהייט?

טראָצקיס „ניט-פראקציאָנעלקייט“ איז טאקע שפאלטערײַ אינעמ זינענ פונ סאמע אומפארשעמטנ ברעכנ דעמ ווילנ פונ דער מערהייט ארבעטער.

III. וועגנ דער צעפאלונג פונעמ אווגוסט-בלאָק

ס'איז אָבער פאראנ נאָכ אנ אויפנ, אונ זייער א וויכטיקער, ווי דורכצוקאָנטראָלירנ די ריכטיקייט אונ די עמעסדיקייט פונ די באשולדיקונגענ אינ שפאלטערײַ, וועלכע טראָצקי ווארפט.

איר האלט, אז גראָד די „לעגינצעס“ זיינענ שפאלטער? גוט. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז איר זייט גערעכט.

אָבער אויב איר זייט גערעכט, פארוואָס זשע האָבנ אלע איבעריקע פראקציעס אונ גרופעס, אָנ די „לעגינצעס“ אונ קעגנ די „שפאלטער“, ניט דערוויזנ די מעגלעכקייט פונ איינהייט מיט די ליקווידאטאָרנ?.. אויב מיר זיינענ שפאלטער, פארוואָס זשע האָט איר, פארייניקער, זיכ ניט פארייניקט איינע מיט די אנדערע אונ מיט די ליקווידאטאָרנ? דערמיט וואָלט איר דאָכ פאקטיש באוויזנ די ארבעטער די מעגלעכקייט פונ איינהייט אונ די נוצנ דערפונ!..

לאָמיר זיכ דערמאָנענ אָנ דער כראָנאָלאָגיע.

אינ יאנוואר 1912 יאָר דערקלערנ די „שפאלטער“ „לעגינצעס“, אז זיי זיינענ די פארטיי אָנ די ליקווידאטאָרנ אונ קעגנ זיי.

קעגנ די דאָזיקע „שפאלטער“ פארייניקנ זיכ אינ מארט 1912 יאָר אינ זייערע רוסישע בלעטלעכ אונ אפ די שפאלטנ פונ דער דייטשישער סאָציאל-דעמאָקראטישער צייטונג „Vorwärts“ אלע גרופעס אונ „פראקציעס“: די ליקווידאטאָרנ, די טראָצקיסטנ, די וופעריאָדאָווצעס, די „באָלשעוויקעס פארטייער“, די „מענשעוויקעס פארטייער“. אלע צוזאמענ זידלענ אונדז סאָלידאר, איינמוטיק, איינשטימיק, איינהייטלעכ, זיי רופנ אונדז „אוזורפאטאָרנ“, „מיסטיפיקאטאָרנ“ אונ גיבנ אונדז נאָכ אזוינע ניט ווייניקער צערטלעכע אונ ליבלעכע צונעמעניש.

זייער פיינ, מיינע הערנ! איז דענ אָבער אייכ שווער געווענ צו פארייניקנ זיכ קעגנ די „אוזורפאטאָרנ“ אונ באווייזנ די „פאָרגעשריטענע ארבעטער“ א ביישפיל פונ איינהייט? ניט שוינ זשע וואָלטנ די פאָרגעשריטענע ארבעטער, ווענ זיי וואָלטנ פונ איינ זייט געזענ די איינהייט פונ אלעמענ קעגנ די אוזורפאטאָרנ, אָנ איינהייט אי פונ די ליקווידאטאָרנ אי פונ די ניט-ליקווידאטאָרנ, אונ פונ דער אנדערער זייט — נאָר „אוזורפאטאָרנ“, „שפאלטער“ א. אנד., ניט שוינ זשע וואָלטנ די פאָרגעשריטענע ארבעטער ניט געשטיצט די איינהייט פונ אלעמענ קעגנ די אוזורפאטאָרנ??

אויב די מיינונגס-פארשיידנהייטנ זיינענ מער ניט ווי אויסגעטראכט אָדער פאנאנדערגעבלאָזנ אדג. דורכ די „לעגינצעס“, אונ פאקטיש איז מעגלעכ די איינהייט פונ די ליקווידאטאָרנ, פלעכאנאָווצעס, וופעריאָדאָווצעס, טראָצקיסטנ אונ אנדערע,

טאָ פאַרוואָס זשע האָט איר דאָס ניט דערוויזנ אינ מעשעכ פונ די צוויי יאָר מיט אייער אייגענעמ ביישפּיל?

אינ אויגוסט 1912 יאָר האָט זיכ צונויפגעקליבנ א קאָנפערענצ פונ די „פאַרייניקער". גלייכ אפנ אָרט האָט זיכ אָנגעהויבנ די צעפאַלונג פונ דער „איינהייט": די פּלעכאַנאָווצעס האָבנ זיכ אינגאַנצנ אָפּגעזאָגט צו גיינ, די ווּפּעריאָדאָווצעס זיינענ געגאַנגענ, אָבער זיי זיינענ אַוועק, פּראָטעסטירנדיק אונ דעמאַסקירנדיק די פיקטיווקייט פונ דער גאַנצער אונטערנעמונג.

„פאַרייניקט" האָבנ זיכ די ליקווידאַטאָרנ, די לעטנ, די טראָצקיסטנ (טראָצקי אונ סעמקאָווסקי), די קאַווקאַזער[1], דער זיבלינג. צי האָבנ זיי זיכ פאַרייניקט? מיר האָבנ גלייכ דעמאָלט דערקלערט, אז ניט, אז דאָס איז בלויז א שלייער פאַר דער ליקווידאַטאָריי. צי האָבנ די געשעענישנ באַוויזנ, אז מיר זיינענ געווענ אומגערעכט?

פּונקט אינ אָנדערהאַלבנ יאָר ארום, אינ פעוראַל 1914 יאָר, ווייזט זיכ ארויס:

1. אז דער זיבלינג צעפאַלט זיכ — בוריאַנאָוו גייט פונ אימ אַוועק.

2. אז אינ דעמ איבערגעבליבענעמ נייעמ „זעקסלינג" קאָנענ טשכעיִדזע אונ טוליאַקאָוו אָדער עמעצער אַנדערש ניט צונויפרעדנ זיכ מיקויעכ אַנ ענטפער פלעכאַנאָוונ. אינ דער פּרעסע דערקלערנ זיי, אז זיי וועלנ אימ ענטפערנ, אונ קאָנענ ניט ענטפערנ.

3. אז טראָצקי, וואָס איז שוינ פאַקטיש א סאַכ כאַראָשימ פאַרשווּנדנ פונעמ „לוטש", זאָגט זיכ אָפּ אונ גיט ארויס אַנ „אייגענעמ" זשורנאַל: „באָרבאַ". דערמיט, וואָס ער רופט אָנ דעמ דאָזיקנ זשורנאַל „ניט־פראַקציאָנעלער", זאָגט טראָצקי קלאָר (קלאָר פאַר אַלעמענ, ווער ס'איז כאָטש וויפל־ניט־איז באַקאַנט מיטנ איניענ), אז „נאַשאַ זאַריאַ" אונ „לוטש" האָבנ זיכ, לויט זיינ, טראָצקיס, מיינונג, ארויסגעוויזנ פאַר „פראַקציאָנעלע", ד.ה. פאַר שלעכטע פאַרייניקער.

אויב איר, הויכגעשעצטער טראָצקי, זייט א פאַרייניקער, אויב איר דערקלערט, אז איינהייט מיט די ליקווידאַטאָרנ איז מעגלעכ, אויב איר שטייט צוזאַמענ מיט זיי אפּ דער פּאָזיציע פונ די „גרונט־אידייענ, וואָס זיינענ פאָרמולירט געוואָרנ אינ אויגוסט 1912" („באָרבאַ" נומ. 1, ז. 6, „פונ דער רעדאַקציע"), טאָ פאַרוואָס זשע האָט איר זיכ אַליינ ניט פאַרייניקט מיט די ליקווידאַטאָרנ אינ „נאַשאַ זאַריאַ" אונ אינ „לוטש"?

ווענ אינ דער „סעווערנאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" איז נאָכ איידער ס'איז דערשינענ טראָצקיס זשורנאַל אָפּגעדרוקט געווענ א בייזע נאָטיצ וועגנ דער „ניט־אויסגעקלאָרטער" פיזיאָנאָמיע פונעמ זשורנאַל אונ וועגנ דעמ, אז „אינ די מאַרקסיסטישע קרייזנ האָט מענ גאַנצ פיל גערעדט" וועגנ אימ, האָט „פּוט פּראַוודי" (№ 37)[2], נאַטירלעכ, געמוזט דעמאַסקירנ דעמ ליגנ: „אינ די מאַרקסיסטישע קרייזנ האָט מענ גערעדט" וועגנ טראָצקיס געהיימענ בריוו קעגנ די לוטשיסטנ; טראָצ־

[1] די „קאַווקאַזער" — דאָס זיינענ ליקווידאַטאָרנ, וואָס זיינענ ביי געווענ אפּ דער אויגוסט־קאָנפערענצ פונ די ליקווידאַטאָרנ אינ 1912 יאָר אַלס דעלעגאַטנ פונ דער קאַווקאַזער אָרגאַניזאַציע. רעד.

[2] זע ווערק, ב. XVII, ז. 251—253. רעד.

קיס פיזיאָגנאָמיע און זײַנן אָפּשפּאַלטן זיך פונעם אווגוסט־בלאָק זײַנע פּולשטענדיק „אויסגעקלאָרט".

4. אַז, דער באַוווסטער פירער פון די קאַווקאַזער ליקווידאַטאָרן, וואָס איז גע־וועסט ארויסגעטראָטן קעגן ל. סעדאָוו (און האָט דערפאר עפנטלעך באַקומען א בייליעק פון פ. דאַנען און קאָמפּ.), דרוקט זיך איצט אין „באָרבאַ". בלייבט „ניט אויסגעקלאָרט", צי ווילן איצט די קאַווקאַזער גיין מיט טראָצקין אָדער מיט דאַנען?

5. די לעטישע מאַרקסיסטן, וואָס זײַנען געווען די איינציקע פּולשטענדיק אָנסאָ־פּעקדיקע אָרגאַניזאַציע אינעם „אווגוסט־בלאָק", זײַנען פון אים פאָרמעל ארויסגע־טראָטן און האָבן דערקלערט (אין 1914 יאָר) אין אַ רעזאָלוציע פון זייער לעצטן קאָנגרעס, אַז:

„דער פּרוּוו מיצאַד די שאָלעם־מאַכער אום יעדן פּרײַז צו פאַראײַ־ניקן זיך מיט די ליקווידאַטאָרן (די אווגוסט־קאָנפערענץ פון 1912 יאָר) האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אומנוצלעך, און די פאַראײַניקער גופא זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אידייִש־פּאָליטישער אָפּהענגיקייט פון די ליקווידאַטאָרן".

אָט דאָס האָט, נאָך אָנדערהאַלבן יאָר דערפאַרונג, דערקלערט אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטייט אַליין אַף אַ נייטראַלער פּאָזיציע און וויל ניט אַרײַנטרעטן אין קיין פאַרבינדונג מיט קיין איינעם פון די צוויי צענטערס. אָט דער באַשלוס פון נייטראַלע מענטשן דאַרף דאָך אוואדע זײַן וואָגיק פאַר טראָצ־קין!

דוכט זיך, גענוג?

די מענטשן, וואָס האָבן אונדז באַשולדיקט אין שפּאַלטערײַ, אין ניט וועלן אָדער ניט קענען צונויפלעבן זיך מיט די ליקווידאַטאָרן, האָבן זיך אַליין ניט צונויפ־געלעבט מיט זיי. דער אווגוסט־בלאָק האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ פיקציע און איז צעפאַלן געוואָרן.

טראָצקי וויל אויסבאַהאַלטן פון זײַנע לייענער די דאָזיקע צעפאַלונג, און דער־מיט נאַרט ער זיי אָפּ.

די דערפאַרונג פון אונדזערע קעגנער האָט דערוויזן, אַז מיר זײַנען גערעכט, זי האָט דערוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך צו אַרבעטן מיט די ליקווידאַטאָרן.

IV. אייצעס פון א שאָלעם־מאַכער דעם „זיבלינג"

אינעם רעדאַקציע־אַרטיקל פונעם נומער 1 „באָרבאַ": „די שפּאַלטונג פון דער דומע־פראַקציע" זײַנען פאַראַן אייצעס פון א שאָלעם־מאַכער דעם זיבלינג דעפּו־טאַטן פון דער מעלוכע־דומע, וועלכע האַלטן מיט די ליקווידאַטאָרן (אָדער זיי וואַק־לען זיך אין דער ריכטונג צו די ליקווידאַטאָרן). דער צענטראַלער פונקט פון די דאָזיקע אייצעס איז פאָלגנדיקע פראַזע:

„ווענדן זיך צום זעקסלינג אין דער ערשטער ריי אין אַלע פאַלן, ווען ס'איז נייטיק א פאַרשטענדיקונג מיט אַנדערע פראַקציעס..." (ז. 29).

אָט דאָס איז א קלוגע אייצע, און איבער איר, אגעוו, גייט זיכ טראָצקי אפאָנעמ פאנאנדער מיט די ליקווידאטאָרנ די לוטשיסטנ. פונ סאמע אָנהייב אָנ פונעמ קאמפ צווישנ די ביידע פראקציעס אינ דומע, זינט דער רעזאָליוציע פונ דער זומערדיקער (1913) בארראטונג [1], זײַנענ די פראווידיסטנ געשטאנענ גראָד אפ דעמ דאָזיקנ שטאנדפונקט. די רוסלענדישע סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעטער-פראקציע האָט גיט איינ מאָל אויכ נאָכ דער שפאלטונג דערקלערט אינ דער פרעסע, אז זי בלײַבט שטיינ אפ דער דאָזיקער פאָזיציע, טראָצ די פילמאָליקע אָפזאָגנ פונעמ „זיבלינג“.

פונ סאמע אָנהייב אָנ, זינט דער רעזאָליוציע פונ דער זומערדיקער בארראטונג, האָבנ מיר געדעכנט און רעכענענ, אז פארשטענדיקונגענ איבער פראגנ פונ דער דומע-ארבעט זײַנענ ווינטשנסווערט און מעגלעכ: אויב מע האָט גיט איינ מאָל פראקטיקירט אזעלכע פארשטענדיקונגענ מיט די קלײנבירגערלעכע פויערשע דעמאָקראטנ (די טרודאָוויקעס), זײַנענ זיי, פארשטייט זיכ, אוואדע און אוואדע מעגלעכ און נייטיק מיט די קלײנבירגערלעכע, ליבעראלע ארבעטער-פאָליטיקער.

מע דארפ גיט איבערטרײַבנ די מיינונגס-פארשיידנהייטנ און מע דארפ קוקנ דער ווירקלעכקייט גלײַכ אינ פאָנעמ: דער „זיבלינג“ — דאָס זײַנענ מענטשנ, וואָס וואקלענ זיכ אינ דער ריכטונג צו ליקווידאטאָרנ, מענטשנ, וואָס נעכטנ זײַנענ זיי איננאנצנ נאָכגעגאנגענ דאנענ, הײַנט פירנ זיי אריבער מיט בענקשאפט זייערע בליקנ פונ דאנענ אפ טראָצקינ און צוריק. די ליקווידאטאָרנ — דאָס איז א גרופע ליבעראליסטנ, וואָס האָט זיכ אָפגעשפאָלטנ פונ דער פארטיי און פירט דורכ א ליבעראלע ארבעטער-פאָליטיק. העיוים ווי זיי זײַנענ קעגנ דער „אונטערערד“, קאָנ גאָר קיינ רייד גיט זײַנ וועגנ א וועלכער-ניט-איז אייגהייט מיט דער דאָזיקער גרופע אינ די איניאָנימ פונ פארטיי-בויונג און פונ ארבעטער-באוועגונג. ווער עס מיינט אנדערש, דער האָט א גרויסנ טאָעס, ווײַל ער נעמט גיט אינ אכט, ווי טיפ עס זײַנענ די ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ נאָכנ 1908 יאָר.

פארשטענדיקונגענ אָבער מיט דער דאָזיקער אויסערפארטייישער אָדער נעבנ-פארטייישער גרופע איבער באזונדערע פראגנ זײַנענ, נאטירלעכ, דערלאָזבאר: אויב די האָזיקע גרופע, פונקט ווי די טרודאָוויקעס, דארפנ מיר שטענדיק צווינגענ אויסצוקלײַבנ צווישנ דער ארבעטערשער (פראווידיסטישער) פאָליטיק און דער ליבעראלער פאָליטיק. צומ בײַשפיל, אינ דער פראגע וועגנ קאמפ פאר פרײַהייט פונ פרעסע האָבנ זיכ בא די ליקווידאטאָרנ קלאָר ארויסגעוויזנ וואקלונגענ צווישנ דער ליבעראלער שטעלונג פונ דער פראגע, וואָס לייקנט אָדער פארגעסט וועגנ דער פרעסע, וואָס דערשײַנט אָנ צענזור, — און דער קעגנזעצלעכער, דער ארבעטערשער, פאָליטיק.

אינ די ראמענ פונ דער דומע-פאָליטיק, ווו עס ווערנ גיט געשטעלט אומיטלבאר די וויכטיקסטע, אויסער-דומישע, פראגנ, זײַנענ פארשטענדיקונגענ מיט דעמ זיבלינג ליבעראלע ארבעטער-דעפוטאטנ מעגלעכ און ווינטשנסווערט. אינ דעמ

[1] די „זומערדיקע“ בארראטונג אָדער די „אווגוסט“-בארראטונג פונ צק מיט די פארטיי-טוער אינ 1913 יאָר (אזוי האָט זי געהייסנ צוליב קאָנספיראטיווע טעמימ) איז פארגעקומענ אינ פאָראָנינאָ (אינעמ ראיאָנ פונ קראקאָוו) פונעמ 22-טנ סענטיאבער ביזנ 1-טנ אָקטיאבער 1913 יאָר. רעד.

דאָזיקנ פונקט איז טראָצקי *פונ* די ליקווידאַטאָרנ אַריבער צו דער פּאָזיציע פונ דער זומערדיקער (1913) פּאַרטיי-באַראַטונג.

מע דאַרפ בלויז ניט פאַרגעסנ, אַז פונעמ שטאַנדפּונקט פונ אַנ אויסערפּאַרטייִשער גרופּע באַטײַט דאָס וואָרט פאַרשטענדיקונג גאָר ניט דאָס, וואָס עס פאַרשטייענ דערמיט געוויינלעכ פּאַרטייִשע מענטשנ. פאַר ניט-פּאַרטייִשע מענטשנ באַטײַט א „פאַרשטענדיקונג" אינ דער דומע — „די *אויסאַרבעטונג* פונ א טאַקטישער רעזאָלוציע אָדער ליניע". פאַר פּאַרטייִשע מענטשנ באַטײַט א פאַרשטענדיקונג — א פּרווו *צוצוציִענ* אַנדערע צומ פאַרווירקלעכנ די פּאַרטיי-ליניע.

די טרודאָוויקעס, למשל, האָבנ ניט קיינ פּאַרטיי. אונטער פאַרשטענדיקונג מיינענ זיי א „פרײַע", אַזוי צו זאָגנ, „אויסאַרבעטונג" פונ א ליניע, הײַנט מיט די קאַדעטנ, מאָרגנ מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ. מיר אָבער, ווענ מיר ריידנ וועגנ א פאַרשטענדיקונג מיט די טרודאָוויקעס, מיינענ מיר גאָר אַנ אַנדער זאַכ: מיר האָבנ פּאַרטיי-באַשלוסנ איבער אַלע וויכטיקע פראַגנ פונ דער טאַקטיק, און פונ די דאָזיקע באַשלוסנ וועלנ מיר קיינמאָל ניט אָפּטרעטנ; פאַרשטענדיקנ זיכ ווידער מיט די טרודאָוויקעס באַטײַט פאַר אונדז *צוצוציִענ* זיי אָפּ אונדזער זײַט, *איבערצײַגנ* זיי, אַז מיר זײַנענ גערעכט, *ניט אָפּזאָגנ זיכ* פונ געמיינזאַמע האַנדלונגענ קעגנ די שוואַרצמייעניקעס און קעגנ די ליבעראַלנ.

אָט ווי ווײַט טראָצקי האָט פאַרגעסנ (ניט אומזיסט איז ער פונדעסטוועגנ געווענ בײַ די ליקווידאַטאָרנ!) דעמ דאָזיקנ עלעמענטאַרנ אונטערשייד אינ דער פראַגע וועגנ פאַרשטענדיקונגענ פונעמ פּאַרטייִשנ און אומפּאַרטייִשנ שטאַנדפּונקט, באַווײַזט פאָלגנדיקע בקירע זײַנע:

„ס'איז נייטיק, אַז פאַרטרויענס-מענטשנ פונעמ אינטערנאַציאָנאַל זאָלנ צונויפפירנ ביידע טיילנ פונ אונדזער צעשפּאָלטענער פּאַרלאַמענט-פאַרטרעטונג און זאָלנ צוזאַמענ מיט זיי באַטראַכטנ, וואָס עס פאַרייניקט זיי און וואָס עס צעשפּאַלט זיי... עס קאָנ אויסגעאַרבעט ווערנ א דעטאַלע טאַקטישע רעזאָלוציע, וואָס זאָל פאָרמולירנ די יעסוידעס פונ דער פּאַרלאַמענטישער טאַקטיק"... (נומ. 1, ז. 29—30).

אָט האָט איר א כאַראַקטעריסטישנ און העכסט טיפּישנ מוסטער פונ ליקווידאַטאָרישנ שטעלנ די פראַגע! וועגנ דער פּאַרטיי פאַרגעסט טראָצקיס זשורנאַל: עס גייט דענ, אינדערעמעסנ, צו געדענקענ וועגנ אַזאַ קלייניקייט?

ווענ פאַרשיידענע פּאַרטייענ אינ אייראָפּע (טראָצקי האָט ליב — גאָר ניט אַמפּלאַץ — צו ריידנ וועגנ אייראָפּעיִזמ) שליסנ פאַרשטענדיקונגענ אָדער פאַראייניקנ זיכ, פירט מענ זיכ אַזוי: פאַרשטייער זייערע קומענ זיכ צונויפ און מאַכנ קודעמ-כּל קלאָר די פּונקטנ, אינ וועלכע מע גייט זיכ פאַנאַנדער (גראָד דאָס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַוועקגעשטעלט אינ טאָג-אָרדענונג פאַר רוסלאַנד, קלאָל ניט אײַנשליסנדיק אינ דער רעזאָלוציע קאַוטסקיס ניט באַטראַכטע באַהויפּטונג, אַז קלוימערשט „די אַלטע פּאַרטיי איז ניטאָ"). קלאָר געמאַכט די פּונקטנ, אינ וועלכע מע גייט זיכ פאַנאַנדער, מערקנ די פאַרשטייער אָנ, *וועלכע באַשלוסנ* (רעזאָלוציעס, באַדינגונגענ אאַז"וו.) איבער פראַגנ פונ טאַקטיק, אָרגאַניזאַציע אאַז"וו. *דאַרפנ צוגעשטעלט ווערנ די צוזאַמענפאָרנ פונ ביידע פּאַרטייענ*. אויב עס גיט זיכ אײַנ אָנצומערקנ א פּראָיעקט פונ אײַנהײַטלעכע באַשלוסנ, באַשטימענ

די צוזאמענפאָרנ, צי זיי זאָלנ זיי אָננעמענ; אויב עס מערקנ זיכ אָנ פארשיידענע פאָרשלאָגנ, ווערנ זיי ווידעראמאָל ענדגילטיק באהאנדלט דורכ די צוזאמענפאָרנ פונ ביידע פארטייענ.

פאר די ליקווידאטאָרנ און פאר טראָצקינ זיינענ „סימפּאטיש" נאָר די איראָפּייִשע מוסטערנ פונ אָפּאָרטוניזמ, אָבער בעשום אופנ ניט די מוסטערנ פונ איראָפּייִשער פארטייִשקייט.

א „דעטאלע טאקטישע רעזאָליוציע" וועלנ אויסארבעטנ די דומע-דעפּוטאטנ! די רוסישע „פאָרגעשריטענע ארבעטער", וואָס ניט אומזיסט איז טראָצקי אזוי אומצופרידנ מיט זיי, קאָנענ באשיימפּערלעכ זענ אפּ דעמ דאָזיקנ ביישפּיל, ביז וואָס עס דערגייט אינ ווינ און אינ פאריזש די לעכערלעכע פּראָזשעקטנמאכעריי פונ די אויסלענדישע גרופּקעלעכ, וועלכע האָבנ אפילו קאוטסקינ איינגערעדט, אז אינ רוסלאנד „איז קיינ פּארטיי ניטאָ". נאָר אויב עס גיט זיכ אמאָל איינ אָפּצונארנ אינ דעמ דאָזיקנ פּראט די אויסלענדער, וועלנ די רוסישע „פאָרגעשריטענע ארבעטער" (מיט דער סאקאָנע ארויסצורופנ גרויע אומצופרידנקייט באַ דעמ בייזנ טראָצקינ) צעלאכנ זיכ די דאָזיקע פּראָזשעקטנמאכער אינ פּאָנעמ אריינ.

„דעטאלע טאקטישע רעזאָליוציעס — וועלנ זיי צו זיי זאָגנ — ארבעטנ באַ אונדז אויס די פּארטיי-צוזאמענפאָרנ און קאָנפערענצנ (מיר ווייסנ ניט, ווי באַ איינ אומפּארטייִשע), לעמאָשל, פונ די יאָרנ 1907, 1908, 1910, 1912 און 1913. מיר וועלנ מיט פארגעניגנ באקענענ מיט אונדזערע פּארטיי-באשלוסנ די ניט-אינפאָרמירטע אויסלענדער, און אויכ יענע רוסנ, וואָס האָבנ א טעווע צו פארגעסנ, און מיר וועלנ מיט נאָכ מער פארגעניגנ בעטנ די פאָרשטייער פונעמ „זיבלינג", אָדער פונ די „אווגוסטאָווצעס", אָדער די „לעוויצעווצעס", אָדער וועמענ איר ווילט, זיי זאָלנ אונדז באקענענ מיט די רעזאָליוציעס פונ זייערע צוזאמענפאָרנ און קאָנפערענצנ, זיי זאָלנ אפּ זייער קומענדיקנ צוזאמענפאָר אריינטראָגנ א באשטימטע פראגע וועגנ דער באציִונג צו אונדזערע רעזאָליוציעס אָדער צו דער רעזאָליוציע פונעמ נייטראלנ לעטישנ צוזאמענפאָר פונעמ 1914 יאָר אאוו."

אָט וואָס די „פאָרגעשריטענע ארבעטער" פונ רוסלאנד וועלנ זאָגנ צו די פארשיידענע פּראָזשעקטנמאכער, אָט וואָס עס האָבנ שוינ, לעמאָשל, געזאָגט אינ דער מארקסיסטישער פרעסע די אָרגאניזירטע מארקסיסטנ פונ פעטערבורג. טראָצקינ געפעלט צו איגנאָרירנ די דאָזיקע אָפּגעדרוקטע באדינגונגענ פאר די ליקווידאטאָרנ? איז ערגער פאר טראָצקינ. אונדזער פליכט איז — וואָרענענ די לייענער מיקויעכ דעמ, ווי לעכערלעכ ס'איז די „פאראייניקנדיקע" (לויטנ טיפּ פונ דער אווגוסט-„פאראייניקונג"?) פּראָזשעקטנמאכעריי, וואָס וויל זיכ ניט רעכענענ מיטנ ווילנ פונ דער מערהייט באוווסטזיניקע ארבעטער פונ רוסלאנד.

V. טראָצקיס ליקווידאטאָרישע אָנשויונגענ

וועגנ זיינע אייגענע אָנשויונגענ אינ טאָכ האָט זיכ טראָצקי געסטארעט צו זאָגנ אינ זיינ נייעמ זשורנאל וואָס ווייניקער. „פּוט פּראוודי" (נומ. 37) האָט שוינ פארצייכנט, אז ניט איבער דער פראגע וועגנ דער אונטערערד, ניט וועגנ דעמ לאָזונג

פונ קאַמפּ פאַר אַנ אָפענער פּאַרטיי אַאַז. האָט טראָצקי אפילע קיינ פּיפּס ניט גע־טאָנ [1]. אָט פאַרוואָס, אַגעוו, מיר ריידנ וועגנ דער ערגסטער פראַקציאָנעלקייט אינ אָט דעמ פאַל, ווענ אַנ אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציע וויל אופקומענ אָנ א שומ אידייִש־פּאָליטישער פּיזיאָנאָמיע.

נאָר אויב טראָצקי האָט ניט געוואָלט פאָרמולירנ זיינע אָנשויונגענ אָפנ, באַווייזט א גאַנצע ריי שטעלנ אינ זיינ זשורנאַל, וואָס פאַרא אידייענ ער פירט דורכ בישטיקע אונ אויסבאַהאַלטנדיק זיי.

גלייכ אינעמ ערשטנ רעדאַקציאָנעלנ אַרטיקל פונעמ ערשטנ נומער לייענענ מיר:

„די פאַררעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז בא אונדז נאָר לויט איר אידייִ, לויט אירע צילנ געווענ אַנ אַרבעטער־פּאַרטיי. פאַקטיש איז דאָס געווענ אַנ אָרגאַניזאַציע פונ מאַרקסיסטישער אינטעליגענצ, וואָס האָט געפירט נאָכ זיכ דעמ אופוואַכנדיקנ אַרבעטער־קלאַס...“ (5).

דאָס איז שוינ א פונ לאַנג באַוווּסטע ליבעראַל אונ ליקווידאַטאָריש לידל, וואָס דינט פאַקטיש אַלס אַריינפיר צומ לייקענענ אינ דער פּאַרטיי. דאָס דאָזיקע לידל איז באַזירט אָפּ א פאַרקריפּלונג פונ די היסטאָרישע פאַקטנ. שוינ די שטרייקנ פונ די יאָרנ 1895—1896 האָבנ געשאַפנ א מאַסעווע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אי אידייִש אי אָרגאַניזאַציאָנעל געווענ פאַרבונדנ מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אונ צו די דאָזיקע שטרייקנ, צו דער עקאָנאָמישער אונ ניט־עקאָנאָמישער אַגיטאַציע האָט די „אינטעליגענצ געפירט נאָכ זיכ דעמ אַרבעטער־קלאַס“!!?

אָדער אָט זיינענ גענויע אָנגאַבנ וועגנ די מעלוכע־פאַרברעכנס פאַר די יאָרנ 1901—1903 אינ פאַרגלייכ מיט דער פריִערדיקער עפּאָכע:

אָפּ 100 אָנטיילנעמער פונ דער באַפרייונגס־באַוועגונג (אָנגעקלאָגטע פאַר מעלוכע־פאַרברעכנס) איז געווענ פערזאָנענ, וואָס באַשעפטיקנ זיכ:

עפּאָכעס:	מיט לאַנדווירט־שאַפט	מיט אינדוסטריע אונ האַנדל	מיט ליבעראַלע פראָפעסיעס אונ שטודירנדיקע	אומבאַשטימטע באַשעפטיקונגענ אונ אָנ באַשעפטיקונגענ
1884—1890	7,1	15,1	53,3	19,9
1901—1903	9,0	46,1	28,7	8,0

מיר זעענ, אַז אינ די 80־ער יאָרנ, ווענ ס'איז נאָכ ניט געווענ קיינ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אינ רוסלאַנד, ווענ די באַוועגונג איז געווענ א „פאָלקיסטישע“, האָט פּרעוואַלירט די אינטעליגענצ: זי גיט העכער א העלפט אָנטיילנעמער.

דאָס בילד ווערט אינגאַנצנ אַנדערש אינ די יאָרנ 1901—1903, ווענ עס איז שוינ געווענ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווענ ס'האָט געפירט איר אַרבעט די אַלטע „איסקרא“. די אינטעליגענצ באַטרעפט שוינ א מינדערהייט צווישנ די אָנטיילנעמער פונ דער באַוועגונג, אַרבעטער („אינדוסטריע אונ האַנדל“) איז שוינ פאַראַנ א סאַכ מער איידער אינטעליגענצ, אונ די אַרבעטער אונ פויערימ צוזאַמענ באַטרעפנ העכער א העלפט פונ דער גאַנצער צאָל.

[1] זע ווערק, ב. XVII, ז. 251—253. רעד.

דאפקע אינעמ קאמפ פונ די שטרעמונגענ אינווייניק אינעמ מארקסיזמ האָט זיכ געלאָזט פילנ דער קלייגבירגערלעכ-אינטעליגענטישער פליגל פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, אָנגעהויבנ פונעמ „עקאָנאָמיזמ“ (1895—1903), פאָרזעצנדיק מיטנ „מענשעוויזמ“ (1903—1908) אונ מיט דער „ליקווידאטאָרסטווע“ (1908—1914). טראָצקי כאזערט איבער די ליקווידאטאָרישע רעכילעס אפ דער פארטיי, מוירע האָבנדיק זיכ צוצורירנ צו דער געשיכטע פונעמ צוואנציקיאָריקנ קאמפ פונ די שטרעמונגענ אינווייניק אינ דער פארטיי.

אָט איז אנ אנדער ביישפיל:

„די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָט אונ איר באציונג צומ פארלאמענטאריזמ דורכגעמאכט די זעלביקע דריי סטאדיעס... (וואָס אינ די אנדערע לענדער)... צוערשט — „באָיקאָטיזמ“... דערנאָכ פרינציפּיעלע אָנערקענונג פונ פארלאמענטארישער טאקטיק, — אָבער... (א פראכטפולער „אָבער“, דער זעלביקער „אָבער“, וואָס שטשעדרינ פלעגט אימ איבערזעצנ מיט דער פראזע: העכער פונעמ שטערנ וואקסנ ניט די אויערנ, זיי וואקסנ ניט!)... מיט ריינ אגיטאציאָנעלע צילנ... אונ, צולעצט, דאָס אריבערטראָגנ אפ דער דומע-טריבונע... די אָרדנטלעכע פאָדערונגענ“... (נומ. 1, ז. 34).

ווידעראמאָל א ליקווידאטאָרישע פארקריפלונג פונ דער געשיכטע. דער כילעק צווישנ דער צווייטער אונ דריטער סטאדיע איז צוגעמראכט געוואָרנ, כדי בישטיקע דורכפירנ די פארטיידיקונג פונ רעפאָרמיזמ אונ אָפּאָרטוניזמ. קיינ באָיקאָטיזמ, אלס סטאדיע אינ דער „באציונג פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע צומ פארלאמענטאריזמ“, — איז ניט געווענ ניט אינ אייראָפּע (דאָרט איז געווענ אונ איז פארבליבנ דער אנארכיזמ), ניט אינ רוסלאנד, וווּ דער באָיקאָט, לעמאָשל, פונ דער בוליגינישער דומע האָט געהאט א שייכעס בלויז צו א באשטימטער אינסטיטוציע, איז קיינמאָל ניט פארבונדנ געוואָרנ מיטנ „פארלאמענטאריזמ“ אונ איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכנ אייגנארטיקנ קאמפ צווישנ דעמ ליבעראליזמ אונ דעמ מארקסיזמ פאר דער פאָרזעצונג פונעמ אָנגריפ. ווי‌אזוי דער דאָזיקער קאמפ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אפנ קאמפ צווישנ די צוויי שטרעמונגענ אינווייניק אינעמ מארקסיזמ. וועגנ דעמ זאָגט טראָצקי אפילע קיינ איינ וואָרט ניט!

אז מע באריירט די געשיכטע, דארפ מענ דערקלערנ די קאָנקרעטע פראגנ אונ די קלאסנ-וואָרצלענ פונ פארשיידענע שטרעמונגענ; ווער עס וועט וועלנ מארקסיסטיש שטודירנ דעמ קלאסנקאמפ אונ דעמ קאמפ צווישנ די שטרעמונגענ איבער דעמ אָנטייל אינ דער בוליגינישער דומע, דער וועט דאָרט דערזענ די וואָרצלענ פונ דער ליבעראלער ארבעטער-פּאָליטיק. טראָצקי אָבער „באריירט“ די געשיכטע, כדי אויסצומיידנ די קאָנקרעטע פראגנ אונ אויסטראכטנ א פארענטפערונג אָדער עפּעס ענלעכס צו א פארענטפערונג פאר די היינטיקע אָפּאָרטוניסטנ!

„...פאקטיש ווענדנ אלע שטרעמונגענ אָנ — שרייבט ער — אויפ אונ די זעלביקע מעטאָדנ פונ קאמפ אונ בויונג“. — „די געשרייענ וועגנ א ליבעראלער געפאר אינ אונדזער ארבעטער-באוועגונג זיינענ פּאָשעט א מעגושעמדיקע סעקטאנטישע קאריקאטור אפ דער ווירקלעכקייט“ (נומ. 1, ז. 5 אונ 35).

דאָס איז זייער א קלאָרע פארטיידיקונג פונ די ליקווידאטאָרנ אונ זייער א בייזע. מיר אָבער וועלנ זיכ פונדעסטוועגנ דערלויבנ צו נעמענ כאָטש איינ קליינעמ פאקט

פונ די ניערע — טראָצקי ווארפט בלויז פראזעס, מיר וואָלטנ געוואָלט, אז די ארבעטער זאָלנ אליינ באקלערנ דעמ פאקט.

עס איז א פאקט, אז די „סעווערנאיא ראבאָטשאיא גאזעטא“ האָט אינעמ נומער פונ 13=טנ מארט געשריבנ:

„אָנשטאָט צו באטאָנענ די באשטימטע, קאָנקרעטע אופגאבע, וואָס שטייט פארנ ארבעטער=קלאס, — צווינגענ די דומע אָפצוווארפנ דעמ געזעצפראָיעקט (וועגנ פרעסע), ווערט ארויסגערוקט א צעשווומענע פאָרמולע פונ קאמפ פאר „ניט=געקירצטע לאָזונגענ“, צוגלייכ מיטנ רעקלאמירנ די אומלעגאלע פרעסע, וואָס דאָס איז אימשטאנד בלויז אָפצושוואכנ דעמ קאמפ פונ די ארבעטער פאר זייער לעגאלער פרעסע“.

אָט האָט איר א דאָקומענטאלע, קלאָרע, גענויע פארטיידיקונג פונ דער ליקווידאטאָרישער פאָליטיק אונ א קריטיק פונ דער פראווודיסטישער פאָליטיק. איז וואָס? וועט זיכ געפינענ א גראמאטנער מענטש, וואָס וועט זאָגנ, אז ביידע שטרעמונגענ ווענדנ אָנ אינ דער געגעבענער פראגע „איינ אונ די זעלביקע מעטאָדנ פונ קאמפ אונ פונ בויונג“? וועט זיכ געפינענ א גראמאטנער מענטש, וואָס וועט זאָגנ, אז די ליקווידאטאָרנ פירנ דאָ ניט דורכ קיינ ליבעראלע ארבעטער=פאָליטיק? אז די ליבעראלע געפאר אינ דער ארבעטער=באוועגונג איז דאָ אויסגעטראכט?

טראָצקי מיידט אויס פאקטנ אונ קאָנקרעטע אָנווייזונגענ טאקע דערפאר, ווייל זיי לייקענענ אָנ שומ ראכמאָנעס אָפ אלע זיינע בייזע אויסגעשרייענ אונ מעליצעדיקע פראזעס. אוודאי, שטעלנ זיכ אינ א פאָזע אונ זאָגנ: „א מעגושעמדיקע סעקטאנטישע קאריקאטור“ — איז זייער גרינג. צוגעבנ נאָכ קנאקעדיקערע, נאָכ א ביסל מער מעליצעדיקע ווערטלעכ וועגנ „באפרייענ זיכ פונ דער שקלאפעריי פונ קאָנסערוואטיווער פראקציאָנעלקייט“ איז אויכ ניט שווער.

אָבער צי איז דאָס ניט צו ביליק? צי איז דאָס ראָזיקע געווער ניט גענומענ פונעמ ארסענאל פונ יענער עפּאָכע, ווענ טראָצקי האָט זיכ אויסגעפיינט פאר גימנאזיסטנ?

די „פאָרגעשריטענע ארבעטער“, אָפ וועלכע טראָצקי איז אינ כאס, וועלנ פונדעסטוועגנ וועלנ, מע זאָל זיי זאָגנ אָפנ אונ קלאָר: צי באוויליקט איר יענעמ „מעטאָד פונ קאמפ אונ פונ בויונג“, וועלכער איז גענוי אויסגעדריקט אינ דער געבראכטער אָפשאצונג פונ א קאָנקרעטער פאָליטישער קאמפאניע? יאָ צי ניינ? אויב יאָ, איז דאָס ליבעראלע ארבעטער=פאָליטיק, איז דאָס א פאראט קעגנ דעמ מארקסיזמ אונ קעגנ דער פארטיי, אונ ריידנ וועגנ „שאָלעמ“ אָדער וועגנ „איינהייט“ מיט אזא פאָליטיק, מיט גרופּעס, וואָס פירנ זי דורכ, הייסט אָפנארנ זיכ אונ אנדערע.

ניינ? — טאָ זאָגט אָפנ. אונ מיט קיינ פראזעס קאָנ מענ דעמ היינטיקנ ארבעטער ניט פארוווּנדערנ, ניט באפרידיקנ אונ ניט פארסטראשענ.

אגעוו גערעדט: די פאָליטיק, וואָס די ליקווידאטאָרנ פריידיקנ אינ דער געבראכטער ציטאטע, איז אפילע פונעמ ליבעראלנ שטאנדפונקט נאריש, ווייל דאָס דורכפירנ דעמ געזעצ אינ דומע הענגט אָפ פונ די „זעמצעס די אָקטיאבריסטנ“ פונעמ טיפ בעניגסענ, אונ דער האָט שוינ אופגעדעקט זיינע קאָרטנ אינ דער קאָמיסיע.

* * *

די אַלטע אָנטײלנעמער פון דער מארקסיסטישער באַװעגונג אין רוסלאַנד קענען גוט טראָצקיס פיגור, און פאַר זײ לוינט ניט צו רײדן װעגן איר. דער יונגער ארבעטער-דאָר אָבער קען זי ניט, און ס'קומט אויס צו רײדן, װײל דאָס איז א טיפּישע פיגור פאַר די אַלע פינף אויסלענדישע גרופּקעס, װאָס װאַקלען זיך פאַקטיש אויך צװישן די ליקװידאַטאָרן און דער פּאַרטײ.

אין די צײטן פון דער אַלטער „איסקרא" (1901—1903) האָבן אָט די װאַקלדיקע און אַריבערלויפער פון די „עקאָנאָמיסטן" צו די „איסקראָװצעס" און צוריק געהאַט א צונעמעניש: „טושינער איבערפליער" (אַזוי האָט מען אין דער מעהומעצײט אין רוס גערופן די קריגס-לײט, װאָס פלעגן אַריבערלויפן פון איין לאַגער צום צװײטן).

װען מיר רײדן װעגן דער ליקװידאַטאָרן, שטעלן מיר פעסט א געװיסע אידײישע שטראָמונג, װעלכע איז אויסגעװאַקסן אין מעשעך פון יאָרן, װעלכע איז מיט אירע װאָרצלען פאַרבונדן מיטן „מענשעװיזם" און „עקאָנאָמיזם" אין דער 20-יאָריקער געשיכטע פונעם מארקסיזם, װעלכע איז פאַרבונדן מיט דער פּאָליטיק און דער אידעאָלאָגיע פון א באַשטימטן קלאַס, — פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

די „טושינער איבערפליער" דערקלערן, אַז זײ שטײען העכער פון פראַקציעס, אויף דעם איינציקן סמאַך, װאָס זײ „אַנטלײען" אידײען הײנט בא איין פראַקציע, מאָרגן — בא א צװײטער. טראָצקי איז געװען א פרייערדיקער „איסקראָװעץ" אין די יאָרן 1901—1903, און ריאַזאַנאָװ האָט װעגן זײן ראָליע אויפן צוזאַמענפאָר פונעם 1903 יאָר געזאָגט, אַז דאָס איז די ראָליע פון „לענינס א שטעקן". צום סוף 1903 יאָר איז טראָצקי — א פרייערדיקער מענשעװיק, דה. אַזאַ, װאָס איז פון די „איסקראָװצעס" אַריבערגעלאָפן צו די „עקאָנאָמיסטן"; ער פּראָקלאַמירט, אַז „צװישן דער אַלטער „איסקרא" און דער נײער ליגט א תהום". אין 1904—1905 יאָר גײט ער אָפּ פון די מענשעװיקעס און פאַרנעמט א װאַקלדיקע שטעלונג, אָט אַרבעט ער מיט מיט מאַרטינאָװן (אַן „עקאָנאָמיסט"), אָט פּראָקלאַמירט ער די אומגעלומפּערט-לינקע „פּערמאַנענטע רעװאָלוציע". אין 1906—1907 יאָר דערנענטערט ער זיך צו די באָלשעװיקעס און אין פרילינג 1907 יאָר דערקלערט ער, אַז ער סאָלידאַריזירט זיך מיט ראָזע לוקסעמבורג.

אין דער עפּאָכע פון צעפאַלונג, נאָך לאַנגע „ניט-פראַקציאָנעלע" װאַקלונגען, גײט ער װײטער אויף רעכטס, און אין אויגוסט 1912 יאָר טרעט ער אַרײן אין א בלאָק מיט די ליקװידאַטאָרן. איצט גײט ער װײטער אָפּ פון זײ, און פונדעסטװעגן באַזערט ער אין תוך װידעראַמאָל איבער זײערע אידײעלעכע טאַקע.

אַזעלכע טיפּן זײנען כאַראַקטעריסטיש, װי ברוכשטיקלעך פון די נעכטיקע היסטאָרישע אויסבילדונגען און פאָרמאַציעס, װען די מאַסעװע אַרבעטער-באַװעגונג אין רוסלאַנד איז נאָך געשלאָפן, און יעטװידע גרופּקע האָט „געהאַט פרײען פּלאַץ" צו מאַכן דעם אָנשטעל פון א שטראָמונג, א גרופּע, א פראַקציע, — קורץ גערעדט, פון א „גרויסמאַכט", װאָס רעדט װעגן פאַרײניקן זיך מיט אַנדערע.

מע דארפ, אז דער יונגער ארבעטער=דאָר זאָל גוט וויסנ, מיט וועמענ ער האָט צו טאָנ, ביים עס טרעטנ ארויס מיט מוירעדיקע פרעטענזיעס אזוינע מענטשנ, וואָס ווילנ זיכ אבסאָליוט ניט רעכענענ נ י ט מיט די פארטיי=באשלוסנ, וועלכע האָבנ פונעמ 1908 יאָר אָנ באשטימט אונ פעסטגעשטעלט די באציונג צו דער ליקווידאטאָריי, נ י ט מיט דער דערפארונג פונ דער איצטיקער ארבעטער=באוועגונג אינ רוסלאנד, וועלכע האָט פאקטיש געשאפנ אנ א יי נ ה יי ט פונ דער מערהייט אפנ באָדנ פונ פולשטענדיקנ אָנערקענענ די אָנגעוויזענע באשלוסנ.

די יאָרנ פונ אופשטײַג פונ דער
ארבעטער־באוועגונג פאר דער ערשטער
אימפעריאַליסטישער מילכאָמע

1024—14

הערצענס אָנדענק[1]

ס'איז אריבער הונדערט יאָר, זינט ס'איז געבאָרנ געוואָרנ הערצענ. עס באערט אים דאָס גאנצע ליבעראלע רוסלאנד, זאָרגעוודיק אויסמײַדנדיק די ערנסטע פראגנ פונ סאָציאליזם, זאָרגזאמ אויסבאהאלטנדיק, מיט וואָס דער ר ע וו אָ ל י וצ י אָ נ ע ר הערצענ האָט זיכ אונטערגעשיידט פונ א ליבעראל. עס דערמאָנט הערצענ אויכ די רעכטע פרעסע, ליגנעריש פארזיכערנדיק, אז צומ סאָפ פונ זײַנ לעבנ האָט זיכ הערצענ אָפגעזאָגט פונ דער רעוואָליוציע. און אינ די אויסלענדישע רעדעס וועגנ הערצענ, אינ די ליבעראלע און אינ די פאָלקיסטישע, הערשט פראזע און פראזע.

די ארבעטער=פארטיי דארפ דערמאָנענ הערצענ ניט קעדיי צו זינגענ אים באלעבעסלדיקע לויב=געזאנגענ, נאָר קעדיי קלאָר צו מאכנ פאר זיכ אירע אויפגאבנ, קלאָר צו מאכנ דאָס ווירקלעכע היסטאָרישע אָרט פונ דעמ שרײַבער, וועלכער האָט געשפילט א גרויסע ראָליע אינעמ צוגרייטנ די רוסישע רעוואָליוציע.

הערצענ האָט געהערט צו דעמ דאָר אדעליקע, גוטבאזיצערישע רעוואָליוציאָנערנ פונ דער ערשטער העלפט פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט. די אדעליקע האָבנ געגעבנ רוסלאנד ביראָנס און אראקטשעיעווס, אָנ א שיר „שיקערע אָפיצערנ, סקאנדאליסטנ, קאָרטנשפילער, יאריד=העלדנ, הינט=דרעסירער, שלעגער, שמײַסער, הארעמ=אויסהאלטער" און דערצו נאָכ סענטימענטאלע מאנילאָווס. „און צווישנ זיי — האָט געשריבנ הערצענ — האָבנ זיכ אנטוויקלט די מענטשנ פונ 14=טנ דעקאבער, א פאלאנגע העלדנ, וואָס זײַנענ, ווי ראָמול און רעמ, אויסגעהאָדעוועט געוואָרנ אפנ מילכ פונ א ווילדער כײַע... דאָס זײַנענ עפעס א מינ גיבוירימ, פונעמ קאָפ ביז די פיס אויסגעשמידט פונ ריינעמ שטאָל, קריגער העלדנ, וואָס זײַנענ באוווסטזיניק געגאנגענ אפ בעפיירעשנ טויט, קעדיי אויפצווועקנ צומ נײַעמ לעבנ דעמ יונגנ דאָר און אָפרייניקנ די קינדער, וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אינ דער סוויווע פונ הענקערײַ און קנעכטישער האכנאָע".

אָט צו די קינדער האָט געהערט הערצענ. דער אויפשטאנד פונ די דעקאבריסטנ האָט אימ אויפגעוועקט און „אָפגערייניקט". אינעמ לײַבאייגנטימערישנ רוסלאנד פונ די 40=ער יאָרנ פונ XIX יאָרהונדערט איז ער אימשטאנד געווענ אויפצוהייבנ זיכ אפ אזא הייכ, אז ער האָט זיכ געשטעלט אפ איינ שטופע מיט די גרעסטע דענקער פונ זײַנ צײַט. ער האָט אָנגעאייגנט העגעלס דיאלעקטיק. ער האָט פארשטאנענ, אז זי איז „די אלגעברע פונ דער רעוואָליוציע". ער איז אוועק ווײַטער פונ העגעלנ, צומ

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 8=טנ מײַ (25=טנ אפריל) 1912 יאָר אינ „סאָציאל=דעמאָקראט" נומ. 26. רעד.

מאטעריאליזם, נאָכפאָלגנדיק פייערבאכנ. דער ערשטער פונ די „בריוו וועגנ באטור-שטודיום" — „עמפיריע אונ אידעאליזם", געשריבנ אינ 1844 יאָר, באווייזט אונדז א דענקער, וואָס שטייט אפילע איצט מיט א קאָפּ העכער איידער א שהאָם היינטיקע נאטורפאָרשער עמפיריקער אונ איידער א קאָלאָסאלע מענגע היינטיקע פילאָסאָפנ, אידעאליסטנ אונ האלב-אידעאליסטנ. הערצענ איז צוגעקומענ ביז צום דיאלעקטישנ מאטעריאליזם אונ איז געבליבנ שטיינ פארנ — היסטאָרישנ מאטעריאליזם.

דאָס דאָזיקע „שטיינ-בלייבנ" האָט טאקע ארויסגערופנ הערצענס גייסטיקנ קראכ נאָכ דער מאפּאָלע פונ דער רעוואָליוציע פונעם 1848 יאָר. הערצענ האָט שוינ דעמלט געהאט פארלאָזנ רוסלאנד אונ האָט דירעקט צוגעזענ די דאָזיקע רעוואָליוציע. ער איז דעמלט געווענ א דעמאָקראט, א רעוואָליוציאָנער, א סאָציאליסט. זיינ „סאָציאליזם" האָט אָבער געהערט צו יענע פאָרמענ אונ וואריאציעס פונעם בורזשואזנ אונ קליינבירגערלעכנ סאָציאליזם, וואָס זייער צאָל האָט קיינ שיר ניט געהאט אינ דער עפּאָכע פונ 48-טנ יאָר אונ וואָס זיינענ ענדגילטיק דערהארגעט געווארנ דורכ די יונ-טעג. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָס גאָר ניט געווענ קיינ סאָציאליזם, נאָר א סענטימענטאלע פראזע, א גוטער טרוים, אינ וועלכנ די בורזשואזע דעמאָקראטיע אונ אויכ דער פראָלעטאריאט, וואָס האָט זיכ נאָכ ניט געהאט באפרייט פונ אונטער איר איינפלוס, פלעגנ איינהילנ זייער דעמלטיקע רעוואָליוציאָנערקייט.

הערצענס גייסטיקער קראכ, זיינ טיפער סקעפּטיציזם אונ פעסימיזם נאָכנ 1848 יאָר איז געווענ דער קראכ פונ די בורזשואזע איליוזיעס אינעם סאָציאליזם. הערצענס גייסטיקע דראמע איז געווענ א רעזולטאט אונ אנ אָפּשפּיגלונג פונ יענער אלוועלטלעכ-היסטאָרישער עפּאָכע, ווענ די רעוואָליוציאָנערקייט פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע האָט שוינ געהאלטנ באם שטארבנ (אינ אייראָפּע), אונ די רעוואָליוציאָנערקייט פונעם סאָציאליסטישנ פראָלעטאריאט איז נאָכ ניט געווארנ צייטיק. דאָס האָבנ ניט פארשטאנענ אונ ניט געקאָנט פארשטיינ די ריטערס פונ דער ליבעראלער רוסישער פלוידעריי, וועלכע דעקנ איצט צו זייער קאָנטררעוואָליוציאָנערקייט מיט מעליצעדיקע פראזעס וועגנ הערצענס סקעפּטיציזם. בא די דאָזיקע ריטערס, וואָס האָבנ פאראטנ די רוסישע רעוואָליוציע פונעם 1905 יאָר, וואָס האָבנ פארגעסנ אפילע צו טראכטנ וועגנ דעם גרויסנ נאָמענ רעוואָליוציאָנער, איז דער סקעפּטיציזם אנ איבערגאנגס-פאָרם פונ דעמאָקראטיע צו ליבעראליזם, — צו יענעם לאקייִשנ, נידערטרעכטיקנ, שמוציקנ אונ בעסטיאלישנ ליבעראליזם, וועלכער פלעגט צעשיסנ ארבעטער אינ 1848 יאָר, פלעגט צוריק אופשטעלנ די רוינירטע טראָנענ, פלעגט אפּלאָדירנ נאפּאָלעאָנ דעם III אונ וועלכנ הערצענ האָט פארשאָלטנ, ניט זייענדיק אימשטאנד צו פארשטיינ זיינ קלאסנ-נאטור.

בא הערצענענ איז דער סקעפּטיציזם געווענ אנ איבערגאנגס-פאָרם פונ די איליוזיעס פונעם „איבערקלאסעוונ" בורזשואזנ דעמאָקראטיזם צו דעם הארבנ, אומביגזאמענ, אומבאזיגבארנ קלאסנקאמפ פונעם פראָלעטאריאט. א באווייז זיינענ די „בריוו צו אנ אלטנ כאווער", צו באקונינענ, געשריבנ א יאָר פאר הערצענס טויט, אינ 1869 יאָר. הערצענ רייסט איינ מיטנ אנארכיסט באקונינ. עמעס, אינ דעם דאָזיקנ איינרייס זעט נאָכ הערצענ בלויז א מיינונגס-פארשיידנהייט אינ דער טאקטיק,

אונ ניט קיינ טהאָמ צווישנ דער וועלט=אָנשויונג פונ א פּראָלעטאריער, וואָס איז זיכער אינעמ ניצאָכנ פונ זיינ קלאס, אונ פונ א קליינבירגער, וועלכער האָט זיכ מעיאעש געווענ אינ זיינ רעטונג. עמעס, הערצענ כאַזערט אויכ דאָ ווידעראמאָל איבער די אַלטע בורזשואז=דעמאָקראטישע פראַזעס, אז דער סאָציאַליזמ דארפ קלוימערשט ארויסטרעטנ מיט אזא „אגיטאַציע, וואָס זאָל אינ א גלײַכער מאָס זיינ אַדרעסירט צומ ארבעטער אונ צומ באלעבאָס, צומ ערדארבעטער אונ צומ שטאָטישנ קליינבירגער“. אָבער אײַנרײַסנדיק מיט באַקונינענ, האָט הערצענ פונדעסטוועגנ געווענדט זיינע בליקנ ניט צומ ליבעראַליזמ, נאָר צומ אינטערנאַציאָנאַל, צו יענעמ אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכנ עס האָט אָנגעפירט מארקס, — צו יענעמ אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט אָנגעהויבנ „זאמלענ די שלאכט=קאָלאָנעס“ פונעמ פּראָלעטאריאט, פאראייניקנ „די ארבעטער=וועלט“, „וואָס פארלאָזט די וועלט פונ יענע, וועלכע געניסנ אָנ ארבעט“!

ניט האָבנדיק פארשטאנענ דעמ בורזשואז=דעמאָקראטישנ טאָכ פונ דער גאנצער באוועגונג פונ 1848 יאָר אונ פונ אלע פאָרמענ פונעמ ביז=מארקסישנ סאָציאַליזמ, האָט הערצענ אוואדע אונ אוואדע ניט געקאָנט פארשטיינ דעמ בורזשואזנ כאראקטער פונ דער רוסישער רעוואָליוציע. הערצענ איז דער גרונטלייגער פונעמ „רוסישנ“ סאָציאַליזמ, פונעמ „פאָלקיזמ“. הערצענ האָט געזענ „סאָציאַליזמ“ אינעמ באפרײַענ די פויערימ מיט ערד, אינעמ געמיינדישנ ערדבאזיצ אונ אינ דער פויערשער אידיי פונ „רעכט אפ ערד“. זיינע באליבטע געדאנקענ אפ דער דאָזיקער טעמע האָט ער אנטוויקלט אָנ א שיר מאָל.

אינדערעמעסנ איז אינ דער דאָזיקער שיטע הערצענס, פונקט ווי אינעמ גאנצנ רוסישנ פאָלקיזמ — ביז צו דעמ אָפּגעבליאקעוועטנ פאָלקיזמ פונ די איצטיקע „סאָציאַליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ“ — ניטאָ קיינ איינ גראַנ סאָציאַליזמ. דאָס איז פונקט אזא סענטימענטאַלע פראַזע, פונקט אזא גוטער טרוימ, וואָס הילט אײַנ די רעוואָליוציאָנערקייט פונ דער בורזשואזער פויערשער דעמאָקראטיע אינ רוסלאנד, ווי עס זיינענ געווענ די פארשיידענע פאָרמענ פונ „סאָציאַליזמ פונעמ 1848 יאָר“ אינ מערעוו. וואָס מער ערד די פויערימ וואָלטנ באקומענ אינעמ 1861 יאָר אונ וואָס ביליקער זיי וואָלטנ זי באקומענ, אלצ שטארקער וואָלט אונטערגעריסנ געוואָרנ די מאכט פונ די גוטבאזיצער די לײַבייגנטימער, אלצ גיכער, פרײַער אונ ברייטער וואָלט געגאנגענ די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאַליזמ אינ רוסלאנד. די אידיי פונ „רעכט אפ ערד“ אונ פונ דער „אויסגלײַכערישער ערד=פארטיילונג“ איז ניט מער ווי א פאָרמולירונג פונ די רעוואָליוציאָנערע שטרעבונגענ צו גלײַכהייט מיצאד די פויערימ, וואָס קעמפנ פארנ פולשטענדיקנ אראָפּוואַרפנ די פריצישע מאכט, פארנ פולשטענדיקנ פארניכטנ דעמ פריצישנ ערדבאזיצ.

די רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר האָט דאָס פולקומ דערוויזנ: פונ איינ זייט, איז דער פּראָלעטאריאט ארויסגעטראָטנ פולקומ זעלבשטענדיק בעראָש פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ, האָבנדיק געשאפנ די סאָציאַל=דעמאָקראטישע ארבעטער=פארטיי; פונ דער אנדערער זייט, האָבנ די רעוואָליוציאָנערע פויערימ (די „טרודאָוויקעס“ אונ דער „פויערימ=פארבאנד“), קעמפנדיק פאר אלערליי פאָרמענ פונ פארניכטנ דעמ

פריצישנ ערדבאזיצ ביז צום „אָפּשאפנ דאָס פּריוואט־אייגנטום אפ ערד“, — געקעמפט גראָד ווי באלעבאטים, ווי קליינע אונטערנעמער.

דאָס פּילפּלענ זיכ וועגנ דער „סאָציאַליסטישקײט“ פונעם רעכט אפ ערד אדג. דינט איצט נאָר אפ צו *פארטונקלענ* אונ פארשלייערנ די בעמעס וויכטיקע אונ ערנסטע היסטאָרישע פראגע: וועגנ דער פארשיידנקייט פונ די *אינטערעסנ* פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע אונ פונעם רעוואָליוציאָנערנ פויערטום אינ דער רוסישער *בורזשואזער* רעוואָליוציע; מיט אנדערע ווערטער, וועגנ דער ליבעראַלער אונ דער דעמאָקראטישער, וועגנ דער „פשאָרעמאכערישער“ (מאָנארכיסטישער) אונ דער רעפּובליקאנישער טענדענצ אינ דער דאָזיקער רעוואָליוציע. גראָד די דאָזיקע פראגע האָט געשטעלט הערצענס „קאָלאָקאָל“, אויב מע זאָל קוקנ אפנ מאָב פונ דער זאכ, אונ ניט אפ די פראזעס, — אויב מע זאָל אויספאָרשנ דעם קלאסנקאמפ, אלס יעסאָד פונ די „טעאָריעס“ אונ שיטעס, אונ ניט פארקערט.

הערצענ האָט געשאפנ די פרײַע רוסישע פרעסע אינ אויסלאנד — דערינ באַשטייט זײַנ גרויסער פארדינסט. די „פּאָליארנאיא זוועזדא“ האָט אופגעהויבנ די טראדיציע פונ די דעקאבריסטנ. דער „קאָלאָקאָל“ (1857—1867) האָט זיכ שטאָלאונ־אײַזנ געשטעלט פאר דער באפרײַונג פונ די פויערימ. דאָס שקלאפישע שווײַגנ איז געבראָכנ געוואָרנ.

הערצענ האָט אָבער געהערט צו דער גוטבאזיצערישער, פריצישער סוויווע. ער האָט פארלאָזנ רוסלאנד אינ 1847 יאָר, ער האָט ניט געזענ דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק אונ האָט ניט געקאָנט גלייבנ אינ אים. פונדאנענ נעמט זיכ זײַנ ליבעראלע אפּעליאציע צו די „אייבערשטע שיכטנ“. פונדאנענ נעמענ זיכ זײַנע אָנצאָליקע זיסלעכע בריוו אינעם „קאָלאָקאָל“ צו אלעקסאנדער דעם II דעם הענקער, בריוו, וועלכע מע קאָנ איצט ניט לייענע אָנ עקל. טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, סערנאָסאָלאָוויאָוויטש, וועלכע האָבנ פארטראָטנ דעם נײַעם דאָר רעוואָליוציאָנערנ ראזנאָטשינצעס, זײַנענ טויזנט מאָל געווענ גערעכט, ווענ זיי האָבנ אופגעוואָרפנ הערצענענ פאר די דאָזיקע אָפּווײַכונגענ פונ דעמאָקראטיזמ *צו* ליבעראליזמ. די גערעכטיקייט פאָדערט אָבער צו זאָגנ, אז באַ אלע וואקלונגענ הערצענס צווישנ דעמאָקראטיזמ אונ ליבעראליזמ, פלעגט דער דעמאָקראט אינ אים פונדעסטוועגנ נעמענ די אויבערהאנט.

ווענ איינער פונ די עקלהאפטסטע טיפּנ פונ דער ליבעראלער לאקײִשקײט, קאַוועלינ, וואָס איז פריִער געווענ אנציקט פונעם „קאָלאָקאָל“ דאפקע פאר זײַנע *ליבעראלע* טענדענצנ, איז ארויסגעטראָטנ קעגנ קאָנסטיטוציע, איז אָנגעפאלנ אפ דער רעוואָליוציאָנערער אגיטאציע, איז ארויסגעטראָטנ קעגנ „געוואלט“ אונ קעגנ דעמ רופנ צו געוואלט, האָט גענומענ פרייִדיקנ געדולד, האָט הערצענ *אײַנגעריסנ* מיט דעמ דאָזיקנ ליבעראלנ כאָכעמ. הערצענ איז אָנגעפאלנ אפ זײַנ „מאָגערנ, אומגעלומפּערטנ, שעדלעכנ פאמפלעט“, וואָס איז געשריבנ געוואָרנ אלס „קאָנפידענציעלע אינסטרוקציע פאר דער קלוימערשט ליבעראלער רעגירונג“, ער איז אָנגעפאלנ אפ די קאַוועלינשע „פּאָליטיש־סענטימענטאלע סענטענצנ“, וועלכע שילדערנ „דאָס רוסישע פאָלק אלס בעהיימעס, אונ די רעגירונג — אלס א כאכאָמע“. דער „קאָלאָקאָל“ האָט אָפּגעדרוקט אנ ארטיקל „העספּער“, אינ וועלכנ ער האָט זייער שארפ געטאדלט די „פּראָפעסאָרנ, וואָס פלעכטנ דאָס פוילע שפינ=

װעבסל פונ זייערע גײַװעדיק־פּיטשינקע אידייעלעכ, די עקס־פּראָפעסאָרנ, װאָס זײַנענ אמאָל געװענ נאַיװ, אונ דערנאָכ געװאָרנ פארביטערט, זעענדיק, אז די געזונטע יוגנט קאָנ ניט מיטפילנ זייער בלוט־אָרעמענ געדאַנק". קאַװעלינ האָט זיכ טייקעפ דערקענט אינ דעמ דאָזיקנ פאָרטרעט.

װענ טשערנישעװסקי איז ארעסטירט געװאָרנ, האָט דער נידערטרעכטיקער ליבעראַל קאַװעלינ געשריבנ: „איכ זע ניט, אז די ארעסטנ זאָלנ זײַנ סקאַנדאַליעז... די רעװאָליוציאָנערע פּארטיי האַלט פאַר גוט אַלע מיטלענ, קעדיי אראָפּצװאַרפנ די רעגירונג, אונ די רעגירונג פארטיידיקט זיכ מיט אירע מיטלענ". אונ הערצענ האָט װי געענטפערט דעמ דאָזיקנ קאַדעט, װענ ער האָט מיקויעמ דעמ מישפּעט איבער טשערנישעװסקינ געזאָגט: „אונ נעבעכדיקע מענטשנ, מענטשנ — גראָז, מענטשנ־שנעקעס מײַנענ גאָר, אז מע טאָר ניט זידלענ די דאָזיקע באַנדע גאזלאָנימ אונ מענװאָלימ, װעלכע רעגירט איבער אונדז".

װענ דער ליבעראַל טורגעניעװ האָט אָנגעשריבנ א פּריװאַטנ בריװ צו אַלעקסאַנדער דעמ II, װוּ ער האָט אימ פארזיכערט אינ זײַנע טרײַ־אונטערטעניקע געפילנ אונ האָט געשאָנקענ צװיי גאָלד־רענדלעכ פאַר די סאָלדאַטנ, װאָס זײַנענ פארװוּנדעט געװאָרנ באַמ דערשטיקנ דעמ פּױלישנ אופשטאַנד, האָט „קאָלאָקאָל" געשריבנ װעגנ דער „גרויהאָריקער מאַגדאַלינע (פונ מענלעכנ געשלעכט), װעלכע האָט געשריבנ דעמ קייסער, אז זי װייסט ניט פונ קיינ שלאָפ, װײַל עס פּײַניקט זי, טאָמער װייסט ניט דער קייסער, אז זי האָט טשװוע געטאָנ". אונ טורגעניעװ האָט זיכ טייקעפ דערקענט.

װענ די גאַנצע כאַפּטע רוסישע ליבעראַלנ האָט זיכ אָפּגעטרייסלט פונ הערצענענ דערפאַר, װײַל ער האָט פארטיידיקט פּױלנ, װענ די גאַנצע „געבילדעטע געזעלשאַפט" האָט זיכ אָפּגעקערט פונעמ „קאָלאָקאָל", איז הערצענ ניט ניספּאָעל געװאָרנ. ער האָט װי פריִער פארטיידיקט די פרײַהייט פונ פּױלנ אונ שאַרפ געטאַדלט אַלעקסאַנדער דעמ II־טנס אונטערדריקער, טאַליאָנימ, הענקער. הערצענ האָט גראַטעװעט דעמ קאָװעד פונ דער רוסישער דעמאָקראַטיע. „מיר האָבנ גראַטעװעט דעמ קאָװעד פונעמ נאָמענ רוס, — האָט ער געשריבנ צו טורגעניעװנ, — אונ דערפאַר האָבנ מיר געליטנ פונ דער שקלאַפישער מערהייט".

װענ ס'איז אָנגעקומענ א יעדיִע, אז א לײַביגענער פּויער האָט דערהארגעט דעמ פּאָרעצ פאַר אנ אטענטאַט אפ דער ערע פונ זײַנ קאַלע, האָט הערצענ צוגעגעבנ אינעמ „קאָלאָקאָל": „אונ ער האָט אויסגעצייכנט געטאָנ!". װענ מע האָט מיטגעטיילט, אז עס װערנ אײַנגעפירט מיליטערישע נאַטשאַלניקעס, קעדיי די „באַפרײַונג" זאָל דורכגיינ „רויִק", האָט הערצענ געשריבנ: „דער ערשטער קלוגער פּאָלקאָװניק, װעלכער װעט זיכ מיט זײַנ אָטריאַד אָנשליסנ אָנ די פּויערימ אָנשטאָט צו שטיקנ זיי, װעט זיכ זעצנ אפנ טראָנ פונ די ראָמאַנאָװס". װענ אינ װאַרשע האָט זיכ דערשאָסנ דער פּאָלקאָװניק רייטערנ (1860 יאָר), קעדיי ניט צו זײַנ קיינ מיטהעלפער פונ די הענקער, האָט הערצענ געשריבנ: „אויב יאָ צעשיסנ, דארפ מענ צעשיסנ יענע גענעראַלנ, װאָס הייסנ שיסנ אינ אומבאַװאָפנטע מענטשנ". װענ מע האָט אויסגעהארגעט 50 פּויערימ אינ בעזדנע אונ געקעפּט זייער אָנפירער אנטאָנ פּעטראָװ (דעמ 12־טנ אַפּריל 1861 יאָר), האָט הערצענ געשריבנ אינעמ „קאָלאָקאָל":

„אַז ווענ מײַנע ווערטער זאָלנ קאָנענ דערגײנ צו דיר, האָרעפּאַשניק אונ מאַרטירער פונ גרויסנ רוסישנ לאַנד!.. ווי איכ וואָלט דיכ אויסגעלערנט צו פאַראַכטנ דײַנע גײַסטיקע פּאַסטעכער, וואָס דער פּעטערבורגער סינאָד אונ דער דײַטשישער קײַזער האָבנ אַוועקגעשטעלט איבער דיר... דו האָסט פײַנט דעמ פּאָרעץ, דו האָסט פײַנט דעמ טשינאָווניק, דו האָסט מוירע פאַר זײ — אונ דו ביסט אינגאַנצנ גערעכט; דו גלייבסט נאָכ אָבער אינעמ צאַר אונ אינעמ אַרכיערײ... גלייב זײ ניט. דער צאַר איז מיט זײ, אונ זײ זײַנענ זײַנע. איכ זעקסטו איצט, דו, פאָטער פונעמ דערהאַרגעטנ באָכער אינ בעזדנע, דו, זונ פונעמ דערהאַרגעטנ פאָטער אינ פּענזע... דײַנע פּאַסטעכער — זײַנענ די, וואָס זײַנענ אַזוי פינצטער ווי דו, אַזוי אָרעמ, ווי דו... אַזאַ איז געווענ דער מאָנאַכ אַנטאָני (ניט דער יעפּיסקאָפּ אַנטאָני, נאָר אַנטאָנ דער בעזדנער), וואָס האָט געליטנ פאַר דיר אינ קאַזאַנ... די קערפּערס פונ דײַנע הײליקע וועלנ ניט אויפטאָנ קײנ אַכט אונ פערציק ניסימ, די טפילע צו זײ וועט ניט אויסהײלנ פונ ציינווייטעק; אָבער דער לעבעדיקער אָנדענק וועגנ זײ קאָנ שאַפנ אײנ וווּנדער — דײַנ באַפרײַונג“.

דערפונ איז צו זענ, ווי אונדזערע ליבעראַלנ, וואָס האָבנ זיכ פאַרקליבנ אינ דער שקלאַפישער „לעגאַלער“ פּרעסע, טרײַבנ נידערטרעכטיק אונ נידעריק רעכילעס אַפ הערצענען, בעשאַס זײ דערהייבנ הערצענס שוואַכע זײַטנ אונ פאַרשווײַגנ די שטאַרקע. ס'איז ניט הערצענס שולד, ס'איז זײַנ אומגליק, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זענ דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק אינ רוסלאַנד גופע אינ די 40-ער יאָרנ. ווענ ער האָט עס דערזענ אינ די 60-ער יאָרנ, האָט ער זיכ אָנ מוירע געשטעלט אַפ דער זײַט פונ דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע קעגנ דעמ ליבעראַליזמ. ער האָט געקעמפט פאַר ניצאָכנ פונעמ פאָלק איבערנ צאַריזמ, אונ ניט פאַר אַ פשאָרע צווישנ דער ליבעראַלער בורזשואַזיע מיטנ פריצישנ צאַר. ער האָט אויפגעהויבנ די פאָנ פונ רעוואָליוציע.

באַערנדיק הערצענען, זעענ מיר קלאָר דרײַ דורות, דרײַ קלאַסנ, וואָס האָבנ געווירקט אינ דער רוסישער רעוואָליוציע. צוערשט — די אַדעליקע אונ גוטסבאַזיצער, די דעקאַבריסטנ אונ הערצענ. שמאָל איז דער קרײַז פונ די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערנ. שרעקלעכ ווײַט זײַנענ זײ פונעמ פאָלק. אָבער זייער אַרבעט איז ניט פאַרפאַלנ געגאַנגענ. די דעקאַבריסטנ האָבנ אויפגעוועקט הערצענען. הערצענ האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די רעוואָליוציאָנערע אַגיטאַציע.

אונטערגעכאַפּט, פאַרברייטערט, פאַרפעסטיקט, פאַרהאַרטעוועט די רעוואָליוציאָנערע אַגיטאַציע האָבנ די רעוואָליוציאָנערנ די ראַזנאָטשינצעס, אָנגעהויבנ פונ טשערנישעווסקינ אונ געענדיקט מיט די העלדנ פונ דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. דער קרײַז קעמפער איז געוואָרנ ברייטער, זייער פאַרבינדונג מיטנ פאָלק — נעענטער. „יונגע שטורמענער פונעמ קומענדיקנ שטורעמ“ — האָט זײ גערופנ הערצענ. אָבער דאָס איז נאָכ ניט געווענ דער שטורעמ גופע.

דער שטורעמ — דאָס איז די באַוועגונג פונ די מאַסנ גופע. דער פּראָלעטאַריאַט, דער אײנציקער ביזנ סאָפ רעוואָליוציאָנערער קלאַס, האָט זיכ אויפגעהויבנ בעראָש פונ די מאַסנ אונ האָט צומ ערשטנ מאָל אויפגעהויבנ מיליאָנענ פּויערימ צומ אָפענעמ, רעוואָליוציאָנערנ קאַמפ. דער ערשטער דראַנג פונעמ שטורעמ איז געווענ אינעמ 1905 יאָר. דער צווייטער הייבט אָנ וואַקסנ בא אונדז פאַר די אויגנ.

באַרנדיק הערצענען, לערנט זיכ דער פּראָלעטאַריאַט אַפּ זײַנ בײַשפּיל צו זיענ, ווי גרויס עס איז די באַדײַטונג פונ רעוואָליוציאָנערער טעאָריע; — ער לערנט זיכ פאַרשטײַנ, אַז מעסירעסנעפּעשדיקע טרײַהײַט דער רעוואָליוציע און דאָס ווענדנ זיכ מיט רעוואָליוציאָנערער אגיטאַציע צום פאָלק גייענ ניט לעיבעד אפּילע דעמלט, ווע-גאַנצע יאָרצענדליקער טיילנ אָפּ דעם פאַרזיי פונעם שניט; — ער לערנט זיכ באַ-שטימענ די ראָליע פונ פאַרשיידענע קלאַסנ אינ דער רוסישער אונ אינ דער אינ-טערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציע. באַרײַכערט מיט די דאָזיקע לעקציעס, וועט דער פּראָ-לעטאַריאַט דורכלייגנ פאַר זיכ אַ וועג צו אַ פרײַענ בונד מיט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פונ אַלע לענדער, צעטרעטנדיק די שלאַנג, די צאַרישע מאָנאַרכיע, קעגנ וועלכער הערצענ האָט דער ערשטער אויפגעהויבנ די גרויסע פאָנ פונ קאַמפּ דורכ ווענדנ זיכ צו די מאַסנ מיטנ פרײַענ רוסישנ וואָרט.

די פּאָליטישע פּאַרטייענ אינ רוסלאַנד[1]

די וואלנ צו דער מעלוכע-דומע צווינגענ אלע פּארטייענ צו פארשטארקנ זייער אגיטאציע, צו קאָנצענטרירנ זייערע קויכעס אפ דורכצופירנ א וואָס גרעסערע צאָל דעפּוטאטנ פונ „זייער" פּארטיי.

דערבײַ צעבליט זיכ אויכ בא אונדז, פּונקט ווי אינ אלע אנדערע לענדער, די סאמע אומפארשעמטע פּאָרוואל-רעקלאמע. אלע בורזשואזע פּארטייענ, דה. יענע, וואָס באשיצנ די עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס פונ די קאפּיטאליסטנ, רעקלאמירנ זייערע פּארטייענ פּונקט אזוי, ווי איינצלנע קאפּיטאליסטנ רעקלאמירנ זייערע סכוירעס. טוט א קוק אפ די האנדלס-אנאָנסנ אינ א ליאדע צײַטונג — וועט איר זענ, אז די קאפּיטאליסטנ טראכטנ אויס די סאמע „עפעקטפולע", שרײַענדיקע, מאָדישע נעמענ פאר זייערע סכוירעס אונ לויבנ זיי אינ הימל ארײַנ, ניט זשעגירנדיק זיכ אבסאָליוט מיט קיינ זאכ, ניט אפּשטעלנדיק זיכ אבסאָליוט פאר קיינ שום שעקער אונ אויסטראכטעניש.

דאָס פּובליקום — לעבאָלאפּאָכעס, אינ די גרויסע שטעט אונ האנדלס-געגנטנ — איז שוינ פונ לאנג צוגעוווינט צו האנדלס-רעקלאמע אונ ווייסט, וואָס פאר א ווערט זי האָט. די פּאָליטישע רעקלאמע פירט, צום באדויערנ, אראָפּ פונ גלײַכנ וועג אָנ אנ ערעכ א גרעסערנ אוילעמ, דעמאסקירנ זי איז א סאכ שווערער, דער שווינדל האלט זיכ דאָ א סאכ פעסטער. די נעמענ פונ די פּארטייענ — אי אינ אייראָפּע, אי בא אונדז — ווערנ צומאָל אויסגעקליבנ מיט בעפּיירעשע רעקלאמע-צוועקנ, די „פּראָגראמעס" פונ די פּארטייענ ווערנ אפ טריט אונ שריט געשריבנ אויסשליסלעכ, קעדיי צו באשווינדלענ דאָס פּובליקום. וואָס מער פּאָליטישע פרײַהײַט עס איז פאראנ אינ א קאפּיטאליסטיש לאנד, וואָס מער עס איז דאָרט פאראנ דעמאָקראטיזמ, דה. פאָלקס-מאכט אונ פאָלקס-פארטרעטער, אלץ אומפארשעמטער צעבליט זיכ אָפּטמאָל די פּארטייישע רעקלאמע.

וויאזוי זשע זאָל מענ זיכ, בא אזא זאכלאגע, פאנאנדערקלײַבנ אינעמ פּארטייענ-קאמפ? צי באטײַט ניט אָט דער קאמפ, פול מיט שווינדל אונ רעקלאמע, אז די פארטרעטונגס-אינסטיטוציעס, פּארלאמענטנ, פארזאמלונגענ פונ פאָלקס-פארטרעטער זײַנענ ביכלאל אומנוצלעכ אונ אפילע שעדלעכ, ווי דאָס סטארענ זיכ צו פארזיכערנ די ווילדע רעאקציאָנערנ, די סאָנימ פונ פּארלאמענטאריזמ? ניינ. ווענ עס איז קיינ פארטרעטונגס-אינסטיטוציעס ניטאָ, איז דער שווינדל, דער פּאָליטישער שעקער, די

[1] דער ארטיקל איז צום ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 10-טנ מײַ 1912 יאר אינ דער באָלשעוויסטישער לעגאלער צײַטונג „נעווסקאיא זוועזדא" נומ. 5. רעד.

פארשײדענע שאנטאזשיסטישע שפיק נ אָ כ א ס א כ ג ר ע ס ע ר, אונ דאָס פאָלק האָט אינ זײַנע הענט א סאכ װײניקער מיטלענ צו דעמאסקירנ דעם שװינדל אונ צו דערגרונטעװענ זיכ צומ עמעס.

קעדײַ צו פאנאנדערקלײַבנ זיכ אינעם פארטײענ־קאמפ, דארפ מענ ניט גלייבנ אפנ װאָרט, נאָר שטודירנ די װירקלעכע געשיכטע פונ די פארטייענ, שטודירנ ניט אזױפיל דאָס, װאָס די פארטייענ זאָגנ װעגנ זיכ, נאָר דאָס, װאָס זײ ט ו ע נ, װיאזױ זײ האנדלענ באמ לייזנ די פארשײדענע פאָליטישע פראגנ, װיאזױ זײ פ י ר נ ז י כ א ו פ אינ די אָנגעלעגנהײטנ, װאָס באדירנ די לעבנס־אינטערעסנ פונ פארשײדענע קלאסנ פונ דער געזעלשאפט, — פונ די גוטבאזיצער, קאפיטאליסטנ, פױערים, אר־בעטער אונ אזױ װײטער.

װאָס מער פאָליטישע פרײַהײט ס'איז פאראנ אינ א לאנד, װאָס פעסטער אונ דעמאָקראטישער עס זײַנענ זײַנע פארטרעטונגס־אינסטיטוציעס, אלץ גרינגער איז די פאָלקס־מאסנ צו פאנאנדערקלײַבנ זיכ אינעם פארטײענ־קאמפ אונ ל ע ר נ ע נ ז י כ פ אָ ל י ט י ק, ד.ה. דעמאסקירנ דעם שװינדל אונ דערגרונטעװענ זיכ צומ עמעס.

אמקלאָרסטנ טרעט די צעטײלונג פונ יעטװידער געזעלשאפט אפ פאָליטישע פארטייענ ארױס אינ דער צײַט פונ טיפע קריזיסנ, װאָס טרייסלענ אופ דאָס גאנצע לאנד. די רעגירונגענ זײַנענ דעמלט געצװוּנגענ צו זוכנ אנ אָנשפאר אינ די פארשײ־דענע קלאסנ פונ דער געזעלשאפט; דער ערנסטער קאמפ שלײַדערט אָפ די אלערלײ בראזעס, אלץ, װאָס איז קלײנלעכ, װאָס האָט ניט קײנ שײַכעס צומ איניענ; די פארטייענ שטרענגענ אָנ אלע זײערע קרעפטנ, װענדנדיק זיכ צו די מ א ס נ פונ פאָלק, אונ די מאסנ, אָנגעפירט פונ א ריכטיקנ אינסטינקט, אופגעקלערט דורכ דער דער־פארונג פונ אָפענעם קאמפ, גייענ נאָכ יענע פארטייענ, װאָס דריקנ אויס די אינטע־רעסנ פונ דעמ אָדער יענעמ קלאס.

די עפּאָכעס פונ אזעלכע קריזיסנ באשטימענ שטענדיק אפ א סאכ יאָרנ אונ אפילע יאָרצענדליקער די פארטײישע גרופירונג פונ די געזעלשאפטלעכע קויכעס אינ דעמ געגעבענעמ לאנד. אינ דײַטשלאנד, צומ בײַשפּיל, זײַנענ אזא קריזיס געװענ די מילכאָמעס פונ די יאָרנ 1866 אונ 1870; אינ רוסלאנד — די געשעענישנ פונ 1905 יאָר. עס איז אומעגלעכ צו פארשפּײַנ דעם טאָכ פונ אונדזערע פאָליטישע פארטייענ, עס איז אומעגלעכ קלאָר צו מאכנ פאר זיכ, װאָסערע ק ל א ס נ עס פארטרעט די אָדער יענע פארטײַ אינ רוסלאנד, אױב מע קערט זיכ ניט אומ צו די געשעענישנ פונ אָט דעם יאָר.

אונדזער קורצע כאראקטעריסטיק פונ די פאָליטישע פארטייענ אינ רוסלאנד װעלנ מיר אָנהײבנ פונ די עקסט־רעכטע פארטייענ.

אפנ עקסט־רעכטנ פלאנג זעענ מיר דעמ פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק.

אינ דער צײַטונג פונעמ פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק „רוסקאָיע זנאמיא", װעלכע עס לאָזט ארויס א. אי. דובראָװינ, װערט די פּראָגראם פונ דער דאָזיקער פארטײַ פאָרמולירט אזױ:

„דער פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק, װאָס האָט דעמ 3־טנ יונ 1907 יאָר זויכע געװענ צו הערנ פונ דער הויכ פונעמ טראָנ דעמ צארישנ רופ צו זײַנ פאר אימ א זיכערער אָנ־שפאר אונ צו דינענ פאר אלעמענ אונ אינ אלצ, אלס בײַשפּיל פונ געזעצלעכקײט אונ אָר־

דענונג, גליובט, אז דער צארישער ווילנ קאָנ פארווירקלעכט ווערנ נאָר: 1) באם פולשטענדיקנ ארויסווײַזנ די קראפט פונ דער צארישער זעלבסטהערשונג, וואָס איז אָרגאניש אונ ליבנסהאפטיק פארבונדנ מיט דער קאנאָניש אָרגאניזירטער רוסלענדישער פראוואָסלאווער קירכ; 2) בא דער הערשאפט פונ דער רוסישער פעלקערשאפט ניט נאָר אינ די אינערלעכע גובערניעס, נאָר אויכ אינ די ראנד=געביטנ; 3) בא דער עקזיסטענצ פונ א מעלוכע=דומע, א צונויפגעשטעלטע אויסשליסלעכ פונ רוסישע מענטשנ, אלס הויפט=מיטהעלפערנ פארנ זעלבסטהערשער אינ זײַנ ארבעט פונ מעלוכישער בוינונג; 4) באם פולשטענדיקנ אָפהיטנ די גרונט=האנאָכעס פונעמ פארבאנד פונ רוסישנ פאָלק בענעגייע יידנ אונ 5) באם באזײַטיקנ פונ מעלוכע=אמטנ די טשינאָווניקעס, וואָס געהערנ צו די קעגנער פונ דער צארישער זעלבסטהערשערישער מאכט".

מיר האָבנ פינקטלעכ קאָפירט די דאָזיקע פײַערלעכע דעקלאראציע פונ די רעכטע, פונ איינ זײַט, קעדיי צו באקענענ דעם לייענער דירעקט מיטנ אָריגינאל, אונ, פונ דער צווייטער, מאכמעס דעם, וואָס די גרונט=מאָטיווּנ, וועלכע זײַנענ דאָ פאָרמולירט, זײַנענ גילטיק פאר אלע פארטייענ פונ דער מערהײַט אינ דער III דומע, דה. אי פאר די „נאציאָנאליסטנ“ אי פאר די אָקטיאבריסטנ. דאָס וועט מענ קאָנענ זענ פונעמ ווײַטער געזאָגטנ.

די פראָגראם פונעמ פארבאנד פונ רוסישנ פאָלק כאזערט, אינ טאָכ, איבער דעמ אלטנ לאָזונג פונ די צײַטנ פונ לײַבייגנשאפט — פראוואָסלאוויע, זעלבסטהערשונג, פאָלקישקײַט. בענעגייע דער פראגע, וואָס לויט איר נאָכ טיילט מענ דעם פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק געוויינלעכ אָפ פונ די פארטייענ, וואָס גייענ נאָכ אים, נעמלעכ: דאָס אָנערקענענ אָדער אָפווארפנ די „קאָנסטיטוציאָנעלע“ יעסוידעס אינ דער רוסישער מעלוכע=אָרדענונג, איז באזונדערס וויכטיק צו פארצייכענענ, אז דער פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק איז כלאל ניט קעגנ פארטרעטונגס=אינסטיטוציעס ביכלאל. פונ דער ציטירטער פראָגראם איז צו זענ, אז דער פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק איז פאר דעם, אז עס זאָל עקזיסטירנ א מעלוכע=דומע אינ דער ראָליע פונ א „מיטהעלפערנ“.

די אייגנארטיקײַט פונ דער רוסישער, אויב מע קאָנ זיכ אזוי אויסדריקנ, קאָנסטיטוציע, האָט דער דובראָווינעצ אויסגעדריקט אפילע ריכטיק, דה. אינ עסקעמ מיט דער פאקטישער זאכלאגע. אי די נאציאָנאליסטנ אי די אָקטיאבריסטנ שטייענ אינ זייער ווירקלעכער פאָליטיק גראָד אָפ דער דאָזיקער פאָזיציע. דער שטרײַט צווישנ די דאָזיקע פארטייענ וועגנ „קאָנסטיטוציע“ ווערט אינ א באדײַטנדיקער מאָס אויסגעלאָזט צו א שטרײַט וועגנ ווערטער: די „רעכטע“ זײַנענ ניט קעגנ דער דומע, מער ניט, וואָס זיי באטאָנענ מיט באזונדערנ פלײַס, אז זי דארפ זײַנ א „מיטהעלפערנ“, ניט געבנדיק קיינ שום פאָרמולירונג פונ אירע רעכט; די נאציאָנאליסטנ אונ אָקטיאבריסטנ, פונ זייער זײַט, באשטייענ ניט אָפ קיינע שום שטרענג פאָרמולירטע רעכט אונ טראכטנ לאכלוטנ ניט וועגנ דעאלע גאראנטיעס פונ די רעכט. אונ די „קאָנסטיטוציאָנאליסטנ“ פונעמ אָקטיאבריזמ גייענ זיכ איינגאנצנ צונויפ מיט די „קעגנער פונ דער קאָנסטיטוציע“ אָפ דער קאָנסטיטוציע פונ 3=טנ יונ.

די העצע קעגנ אינאָראָדצעס[1] ביכלאל אונ קעגנ יידנ באזונדערס איז ארײַנגע=

[1] אינאָראָדצעס (פרעמדשטאמיקע) — א צונאָמענ, מיט וועלכנ די גרויסרוסישע שאָוויניסטנ האָבנ אינעמ צארישנ רוסלאנד גערופנ די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ. א י ב ע ר ז.

שטעלט אינ דער פראָגראַמ פונ די שווארצמייעניקעס אָפנ, קלאָר אונ אויסגעשפראָכנ. ווי שטענדיק, ווייזנ זיי דאָ ארויס גראָבער, אומפארשעמטער, כוצפעדיקער דאָס, וואָס די איבעריקע רעגירונגס-פארטייענ באהאלטנ אויס מער אָדער ווייניקער „שעמעוודיק" אָדער דיפלאָמאטיש.

פאקטיש, ווי דאָס איז באוווּסט יעדנ איינעמ, ווער עס איז מער אָדער ווייניקער באקאַנט מיט דער טעטיקייט פונ דער III דומע, מיט דער פרעסע פונעמ טיפ „נאָוואָיע ווּרעמיא", „סוועט", „גאָלאָס מאָסקווי" אדג., באטייליקנ זיכ אינ דער העצע קעגנ די אינאָראָדצעס אי די נאציאָנאַליסטנ אי די אָקטיאַבריסטנ.

פרעגט זיכ, אינ וואָס זשע באשטייט די סאָציאַלע באזע פונ דער פארטיי פונ די רעכטע? וואָס פאר א קלאַס פארטרעט זי? וועלכנ קלאַס דינט זי?

דער צוריקער צו די לאָזונגענ פונ לייבייגנטומ, דאָס פארטיידיקנ אלדאָס אלטע, מיטלאלטערלעכע אינעמ רוסישנ לעבנ, דאָס פולשטענדיקע באנוגענענ זיכ מיט דער קאָנסטיטוציע פונ 3-טנ יונ, — מיט דער פ ר י צ י ש ע ר קאָנסטיטוציע, די פארטיידיקונג פונ די פריווילעגיעס פונעמ אדל אונ באאמטנטומ, — דאָס אלצ גיט א קלאָרנ ענטפער אפ אונדזער פראגע. די רעכטע זיינענ די פארטיי פונ די פריצימ די לייבייגנטימער, פונעמ ראט פונעמ פארייניקטנ אדל. ניט אומזיסט האָט דאָכ גראָד אָט דער ראט געשפילט אזא אָנגעזעענע, נאָכ מער, אזא אָנפירנדיקע ראָליע אינעמ צעטרייבנ די צווייטע דומע, אינעמ ענדערנ דעמ וואל-געזעצ אונ אינ דער איבערקערעניש פונ 3-טנ יונ.

קעדיי קלאָר צו מאכנ די עקאָנאָמישע קראפט פונ דעמ דאָזיקנ קלאַס אינ רוסלאַנד, איז גענוג צו ברענגענ פאָלגנדיקנ גרונט-פאקט, וואָס ווערט דערוויזנ דורכ די ציפערנ פונ דער אָ פ י צ י ע ל ע ר ערד-סטאטיסטיק פארנ 1905 יאָר, ארויסגעגעבנ פונעמ אינערנ-מיניסטעריומ.

אינעמ אייראָפּייִשנ רוסלאַנד פארמאָגנ קנאַפע 30.000 גוטבאזיצער 70.000.000 דעסיאטינ ערד; פ ו נ ק ט א ז ו י פ י ל פארמאָגנ 10.000.000 פויערשע געזינדנ, וואָס האָבנ דעמ קלענסטנ נאדיעל. אפנ איינ גרעסטנ גוטבאזיצער באטרעפט עס אינ דורכשניט בא 2.300 דעסיאטינ ערד, אפ איינ אָרעמסטנ פויער 7 דעסיאטינ ערד — אפ א געזינד, אפ א הויפ.

עס איז אינגאנצנ נאטירלעכ אונ אומפארמיידלעכ, אז אפ אזא „נאדיעל" קאָנ דער פויער ניט לעבנ, ער קאָנ נאָר לאנגזאמ שטארבנ. די קעסיידערדיקע הונגערס פונ מיליאָנענ — אשטייגער, ווי דער היאָריקער הונגער — האלטנ אינ איינ רוינירנ אינ רוסלאַנד די פויערשע ווירטשאפט נאָכ יעדער אומגערעטעניש. די פויערימ זיינענ געצוווּנגענ צו דינגענ ערד באמ פּאָרעצ פאר קאָלערליי אָ פ א ר ב ע ט נ. פאר דער ערד ארבעט דער פויער מיט זיינ פערד אונ זיינ אינווענטאר אפנ פּאָרעצ. דאָס איז די זעלביקע פאנשטשינע, מער ניט וואָס זי ווערט אָפיציעל ניט אָנגערופנ לייבייגנטומ. אפ באציִרקנ פונ 2.300 דעסיאטינ ערד קאָנענ נאָר די פריצימ מערסטנטייל אפ קיינ אנדער אויפנ ניט פירנ זייער ווירטשאפט, סיידנ נאָר אפ קאבאלנע יעסוידעס, אפ אָפּארבעט, דה. א פאנשטשינע-ווירטשאפט. מיט לוינ-ארבעטער באארבעטנ זיי בלויז א טייל פונ אָט די קאָלאָסאַלע גיטער.

ווייטער, דער זעלביקער קלאַס גוטבאזיצער אדל-לייט גיט דער מעלוכע די איבער-

וועגנדיקע מערהײט פונ אלע העכסטע אונ מיטלע באאמטע. די פריווילעגיעס פונעמ באאמטנטומ אינ רוסלאנד — דאס איז די צווייטע זײט פונ די פריווילעגיעס אונ פונ דער ערד=מאכט פונ די אדעליקע גוטבאזיצער. דעריבער איז פארשטענדלעכ, אז דער ראט פונעמ פאראייניקטנ אדל אונ די „רעכטע“ פארטייענ פארטיידיקנ די פאליטיק פונ די אלטע לײבאייגנטימערישע טראדיציעס ניט צופעליק, נאר אומפארמײדלעכ, ניט צוליב דעמ „בייזנ ווילנ“ פונ אייצנלנע פערזאָנענ, נאר אונטערנ דרוק פונ די אינטערעסנ פונ א מוירעדיק מעכטיקנ קלאס. דער אלטער הערשנדיקער קלאס, די פריצימ די עפיגאָנענ, האט, פארבלײבנדיק ווי פריער דער הערשנדיקער קלאס, געשאפנ פאר זיכ אנ אנטשפרעכיקע פארטיי. אט די פארטיי איז עס טאקע „דער פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק“ אָדער די „רעכטע“ פונ דער מעלוכע=דומע אונ מעלוכע=ראט.

נאר וויבאלד עס עקזיסטירנ פארטרעטונגס=אינסטיטוציעס, וויבאלד אפ דער פאָליטישער ארענע זײנענ שוינ אָפנ ארויסגעטראָטנ די מאסנ, ווי זיי זײנענ ארויסגעטראָטנ בא אונדז אינ 1905 יאָר, — ווערט פאר יעטווידער פארטיי נייטיק אינ די אָדער אינ יענע ראמענ צו אפעלירנ צומ פאָלק. מיט וואָס זשע קאָנענ אפעלירנ, ווענדנ זיכ צומ פאָלק די רעכטע פארטייענ?

פארשטייט זיכ, אז ריידנ אָפנ וועגנ פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונעמ פארעצ קאָנ מענ ניט. רעדט מענ וועגנ אײנהיטנ דעמ פארצײטנס ביכלאל, מאכט מענ זאָגשטרענגונגענ מיט אלע קויכעס צו צעפלאקערנ אומצוטרוי צו די אינאָראָדצעס, באזונדערס צו די יידנ, צו פירנ די איגנאנצנ ניט אנטוויקלטע, איגנאנצנ פינצטערע מענטשנ אפנ וועג פונ מאכנ פאָגראָמענ, פונ העצנ דעמ „זשיד“. די פריווילעגיעכ פונ די אדעליקע, טשינאָווניקעס אונ פריצימ סמארעט מענ זיכ צו פארדעקנ מיט דראָשעס וועגנ דעמ, אז די רוסנ ווערנ „אונטערדריקט“ פונ די אינאָראָדצעס.

אזא איז די פארטיי פונ די „רעכטע“. איר מיטגליד פורישקעוויטש, דער אָנגעזעענסטער רעדנער פונ די רעכטע אינ דער III דומע, האט זייער א סאכ אונ מיט דערפאָלג אנ ארבעט געטאָנ אפ צו באווײזנ דעמ פאָלק, וואָס עס ווילנ די רעכטע, ווי אזוי זיי האנדלענ, וועמענ זיי דינענ. פורישקעוויטש איז א טאלאנטפולער אגיטאטאָר.

זײט=בא=זײט מיט די „רעכטע“, וואָס ציילנ אינ דער III דומע 46 דעפוטאטנ, שטייענ די „נאציאָנאליסטנ“ — 91 דעפוטאטנ. דער ניואנס, וואָס שיידט זיי אונטער פונ די רעכטע, איז גאר א נישטיקער: אינ טאָכ גענומענ, זײנענ עס ניט קיינ צוויי, נאר איינ פארטיי, וואָס האט צעטיילט צווישנ זיכ די „מי“ פונ העצנ קעגנ די אינאָראָדצעס, קעגנ דעמ „קאדעט“ (ליבעראל), קעגנ דעמ דעמאָקראט אאז. איינע מעגושעמער, די אנדערע א ביסל ראפינירטער — טוענ זיי איינ אונ די זעלבע ארבעט. אונ פאר דער רעגירונג לוינט טאקע, אז די „עקסט“=רעכטע, וואָס זײנענ פייניק אפ קאָלערליי סקאנדאלנ, אפ א פאָנחאָמ, אפ דערמאָרדנ די הערצענשטיינס, די יאָלאָסעס, די קאראוואיעווס, זאָלנ שטיינ א ביסל אָנ א זײט, פונקט ווי זיי וואָלטנ קלוימערשט „קריטיקירט“ די רעגירונג פונ רעכטס... קיינ ערנסטע באדײטונג קאָנ דער אונטערשייד צווישנ די רעכטע אונ די נאציאָנאליסטנ ניט האָבנ.

אָקטיאבריסטנ איז אינ דער III דומע פאראנ 131 דעפוטאטנ, ארייננע=

רעכנט אהער, פארשטייט זיכ, אויכ די „רעכטע אָקטיאבריסטנ“. אינ דער איצטיקער פאָליטיק שיידנ זיכ די אָקטיאבריסטנ אינ טאָג מיט קיינ זאכ ניט אונטער פונ די רעכטע; דער כילעק באשטייט דערינ, וואָס אכוצ דעמ פאָרעצ באדינגענ נאָכ די אָקטיאבריסטנ דעמ גרויס-קאפיטאליסט, דעמ אלטפרענקישנ סויכער, די בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ אזוי איבערגעשראָקנ פאר דער אויפוואכונג פונ די ארבעטער, אונ נאָכ זיי פונ די פויערימ, צו א זעלבשטענדיק לעבנ, אז זי האָט איינגאנצנ א קערעווע געמאָנ צומ פארטיידיקנ די אלטע פאָראָנדקעס. פאראנ אינ רוסלאנד אזעלכע קאפיטאליסטנ — אונ זייער צאָל איז גאָר ניט קליינ, — וואָס באגייענ זיכ מיט די ארבעטער אפ א האָר ניט בעסער ווי די פריצימ מיט די געוועזענע לייביגענע; די ארבעטער, דער פריקאשטשיק זיינענ פאר זיי די זעלביקע מעשאָרסימ, דינער. פארטיידיקנ אָט די אלטע פאָראָנדקעס וועט קיינער ניט קענענ בעסער ווי די רעכטע פארטייענ, ווי די נאציאָנאליסטנ אונ אָקטיאבריסטנ. עס זיינענ פאראנ אויכ אזעלכע קאפיטאליסטנ, וואָס האָבנ אפ די זעמסקע אונ שטאָטישע צוזאמענפאָרנ אינ די יאָרנ 1904 אונ 1905 געפאָדערט א „קאָנסטיטוציע“, אָבער קעגנ די ארבעטער זיינענ זיי גרייט איינגאנצנ איינצוגיינ אפ דער קאָנסטיטוציע פונ דריטנ יונ.

די פארטיי אָקטיאבריסטנ איז די קאָנטררעוואָליוציאָנערע הויפט-פארטיי פונ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ. דאָס איז די אָנפירנדיקע פארטיי פונ דער III דומע: די 131 אָקטיאבריסטנ מיט די 137 רעכטע אונ נאציאָנאליסטנ בילדנ א סאָלידע מערהייט אינ דער דריטער דומע.

דער וואל-געזעצ פונ דריטנ יונ 1907 יאָר האָט געזיכערט א מערהייט פאר די פריצימ אונ גאָר גרויסע קאפיטאליסטנ: אפ אלע גובערניאלע וואל-פארזאמלונגענ, וואָס שיקנ דעפוטאטנ אינ דער דומע, געהערט די מערהייט די פריצימ אונ די וואלמענער פונ דער ערשטער שטאָטישער (ד. ה. גרויס-קאפיטאליסטישער) קוריע. אפ 28 גובערניאלע פארזאמלונגענ געהערט די מערהייט אפילע בלויז די ערדבאזיצערישע וואלמענער. די גאנצע פאָליטיק פונ דער רעגירונג פונ דריטנ יונ איז דורכגעפירט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ דער אָקטיאבריסטישער פארטיי, אלע זינד אונ פארברעכנס פונ דער III דומע ליגנ אפ איר פאראנטוואָרטלעכקייט.

פאָרמעל, אינ זייער פראָגראמ פארטיידיקנ די אָקטיאבריסטנ די „קאָנסטיטוציע“, אונ אפילע... פרייהייטנ! פאקטיש האָט די דאָזיקע פארטיי געשטיצט אלע מאָסמיטלענ קעגנ די ארבעטער (נעמט, לאָמיר זאָגנ, דעמ געזעצ-פראָיעקט וועגנ סטראכירונג, — דערמאָנט זיכ דעמ פאָרזיצער פונ דער דומע-קאָמיסיע איבער דער ארבעטער-פראגע, דעמ באראָנ טיזענהאוזענ!), קעגנ די פויערימ, קעגנ באגרענעצנ דעמ ווילקיר אונ רעכטלאָזיקייט. די אָקטיאבריסטנ זיינענ פונקט אזא רעגירונגס-פארטיי ווי די נאציאָנאליסטנ. דאָס, וואָס פונ צייט צו צייט — אונ באזונדערס פאר די וואלנ! — האלטנ די אָקטיאבריסטנ „אָפאָזיציאָנעלע“ רעדעס, ענדערט אבסאָליוט ניט די לאגע. אומעטומ, ווו עס עקזיסטירנ פארלאמענטנ, האָט מענ שוינ פונ לאנג געזענ אונ מע זעט קעסיידער אָט די שפיל פונ די בורזשואזע פארטייענ אינ אָפאָזיציע, א שפיל, וואָס ברענגט זיי קיינ שאָדנ ניט, וואָרעמ קיינ שומ רעגירונג נעמט זי ניט ערנסט, אונ וואָס איז ניט אומנוצלעכ באמ ארויסטרעטנ פאר די וויילער, וועלכע מע דארפ „באשמירנ“ מיט אָפאָזיציאָנעלקייט.

ספּעציאַליסטנ און ווירטואָזנ פונ דער שפּיל אינ אָפּאָזיציע איז אָבער די אָפּאָזיציאָנעלע הויפּט=פּאַרטיי פונ דער דריטער דומע — די ק.=ד., די קאָנסטיטוציאָנעלע „דעמאָקראַטנ“, די פּאַרטיי פונ „פאָלקס=פרײַהײַט“.

א שפּיל איז שוינ דער נאָמענ פונ דער דאָזיקער פּאַרטיי, וועלכע איז פּאַקטיש קלאַל ניט קיינ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אפּ קיינ פאַל ניט קיינ פאָלקס=פּאַרטיי, א פּאַרטיי ניט פונ פרײַהײַט, נאָר פונ האַלבער פרײַהײַט, אויב ניט פונ א פערטל פרײַהײַט.

פּאַקטיש איז עס די פּאַרטיי פונ דער ליבעראַל=מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט מוירע פאַר דער פאָלקס=באַוועגונג א סאַכ מער איידער פאַר דער רעאַקציע.

א דעמאָקראַט גלייבט אינ פאָלק, גלייבט אינ דער באַוועגונג פונ די מאַסנ, העלפט איר מיט אַלע מיטלענ, — כאָטש ער האָט ניט זעלטנ (אַזוינע זײַנענ די בורזשואַזע דעמאָקראַטנ, די טרודאָוויקעס) א פאַרגרײַזטע פאָרשטעלונג וועגנ דער באַדײַטונג פונ אָט דער באַוועגונג אינ די ראַמענ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. א דעמאָקראַט שטרעבט אופריכטיקער פּאָטער צו ווערנ פונעמ גאַנצנ מיטלאַלטער.

א ליבעראַל האָט מוירע פאַר דער באַוועגונג פונ די מאַסנ, פאַרהאַמעוועט זי אונ פאַרטיידיקט באַוווסטזיניק געוויסע אינסטיטוציעס, דערבײַ די הויפּט=אינסטיטוציעס, פונ מיטלאַלטער, קעדיי צו האָבנ אַנ אָנשפּאַר קעגנ די מאַסנ, באַזונדערס קעגנ די אַרבעטער. טײַלנ די מאַכט מיט די פורישקעוויטשעס — אפּ קיינ פאַל ניט פאַרניכטנ אַלע יעסוידעס פונ דער מאַכט פונ די פורישקעוויטשעס — אָט צו וואָס עס שטרעבנ די ליבעראַלנ. אַלצ פאַרנ פאָלק, אַלצ דורכנ פאָלק — זאָגט דער דעמאָקראַטישער קליינבירגער (דער פּויער אונ דער טרודאָוויק דערונטער), שטרעבנדיק אופריכטיק צו פאַרניכטנ אַלע יעסוידעס פונ דער פורישקעוויטשעוושטשינע אונ ניט פאַרשטייענדיק די באַדײַטונג פונעמ קאַמפּ, וואָס די לוינ=אַרבעטער פירנ קעגנ דעמ קאַפּיטאַל. פאַרקערט, טײַלנ מיט פורישקעוויטשנ די מאַכט איבער די אַרבעטער אונ איבער די קליינ=אייגנטימער — אָט דאָס איז דער ווירקלעכער ציל פונ דער ליבעראַל=מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע.

די קאַדעטנ האָבנ אינ דער I אונ אינ דער II דומע געהאַט א מערהײַט אָדער פאַרנומענ אַנ אָנפירנדיקע לאַגע. זיי האָבנ זי אויסגענוצט פאַר א זינלאָזער אונ רומלאָזער שפּיל: אפּ רעכטס — אינ לאָיאַלקײַט אונ מיניסטעריאַבלקײַט (מיר זײַנענ, הייסט עס, פייִק פרידלעכ צו לייזנ אַלע ווידערשפּרוכנ, אי דעמ פּויער ניט קאַליע מאַכנ אי פורישקעוויטשנ ניט באַאוולענ), אפּ לינקס — אינ דעמאָקראַטיזמ. פונ רעכטס האָבנ די קאַדעטנ אינ רעזולטאַט פונ דער דאָזיקער שפּיל סאָפּקאָלסאָפּ געקראָגנ א זעצ מיטנ שטיוול. פונ לינקס האָבנ די קאַדעטנ מיט רעכט פאַרדינט דעמ נאָמענ פאַררעטער פונ דער פאָלקס=פרײַהײַט. אינ ביידע ערשטע דומעס האָבנ זיי די גאַנצע צײַט מילכאָמע געהאַלטנ ניט נאָר קעגנ דער אַרבעטער=דעמאָקראַטיע, נאָר אויכ קעגנ די טרודאָוויקעס. ס'איז גענוג צו דערמאָנענ, אַז דעמ פּלאַנ וועגנ אָרטיקע ערד=קאָמיטעטנ, וואָס די טרודאָוויקעס האָבנ אַרויסגעשטעלט (I דומע), אָט דעמ דאָזיקנ עלעמענטאַר=דעמאָקראַטישנ, אַלעפבייז=דעמאָקראַטישנ פּלאַנ, האָבנ די

קאדעטנ דורכגעוואָרפנ, פארטײדיקנדיק די אָנפירנדיקע ראָליע פונעמ גרויסבאזיצער אונ טשינאָווניק איבער דעמ פויער אינ די ערד-אײנאָרדענונגס-קאָמיסיעס!

אינ דער III דומע האָבנ זיכ די קאדעטנ געשפילט אינ „פאראנטוואָרטלעכער אָפאָזיציע", אנ אָפאָזיציע אינ גענעטיוו[1]. צוליב דעמ האָבנ זײ ניט אײנ מאָל וואָטירט פאר די רעגירונגס-בודזשעטנ („דעמאָקראטנ"!), זײ האָבנ אײנגעשטימט מיט די אָקטיאבריסטנ, אז דער קאדעטישער „צוואנגס"-אויסקויפ (פאר די פויערימ א צוואנגס-אויסקויפ) אנטהאלט ניט קײנ שומ געפאר אונ איז אומשולדיק — דערמאָנט זיכ בערעזאָווסקי דעמ 1-טנ, זײ האָבנ געשיקט קאראולאָוונ אפ דער טריבונע האלטנ „גאָטספאָרכטיקע" רעדעס, זײ האָבנ זיכ אָפגעטרײסלט פונ דער באוועגונג פונ די מאסנ, זײ פלעגנ זיכ ווענדנ צו די „פנײ" אונ ניט לאָזנ רײדנ די פאָרשטײער פונ די מאסנ (דער קאדעטישער קאמפ קעגנ די ארבעטער-דעפוטאטנ אינ דער פראגע וועגנ ארבעטער-סטראכירונג) אאוו., אדג.

די קאדעטנ זײנענ די פארטײ פונעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ ליבעראליזמ. מיט זײער פרעטענזיע צו שפילנ די ראָליע פונ א „פאראנטוואָרטלעכער אָפאָזיציע", דה. פונ אנ אָנערקענטער, געזעצלעכער אָפאָזיציע, וואָס ווערט צוגעלאָזנ צו קאָנקורירנ מיט די אָקטיאבריסטנ, אנ אָפאָזיציע ניט קעגנ דעמ רעזשימ פונ דריטנ יונ, נאָר פונעמ רעזשימ פונ 3-טנ יונ, — מיט דער דאָזיקער פרעטענזיע האָבנ זיכ די קאדעטנ ענדגילטיק באגראָבנ אלס „דעמאָקראטנ". די אומפארשעמטע וועכישע דראָשעס פונ די קאדעטישע אידעאָלאָגנ, פונ די הערנ סטרוווע, איזגאָיעוו אונ קאָמפ., וואָס ראָזאנאָוו אונ אנטאָני דער וואָלינער האָבנ זײ צעקושט, אונ די ראָליע פונ א „פאראנטוואָרטלעכער אָפאָזיציע" אינ דער III דומע — דאָס זײנענ צווײ זײטנ פונ אײנ מאטבײע. די ליבעראל-מאָנארכיסטישע בורזשואזיע, וואָס ווערט געדולדעט פונ די פורישקעוויטשעס, וויל זיכ אוועקזעצנ לעבנ פורישקעוויטשנ.

דער בלאָק פונ די קאדעטנ מיט די „פראָגרעסיסטנ" איצט, בא די וואלנ צו דער IV דומע, האָט געגעבנ נאָכ א נײע באשטעטיקונג פונ דער טיפער קאָנטררעוואָליוציאָנערקײט פונ די קאדעטנ. די פראָגרעסיסטנ האָבנ ניט די מינדסטע פרעטענזיעס אפ דעמאָקראטיזמ, זײ רײדנ אפילע קײנ וואָרט ניט וועגנ קאמפ קעגנ דעמ גאנצנ רעזשימ פונ 3-טנ יונ, זײ כאָלעמענ אפילע ניט וועגנ קײנ שומ „אלגעמײנע וואלרעכט". דאָס זײנענ מעסיקע ליבעראלנ, וואָס באהאלטנ ניט זײער קרויוועשאפט מיט די אָקטיאבריסטנ. דער בונד צווישנ די קאדעטנ מיט די פראָגרעסיסטנ דארפ אפילע בא די סאמע פארבלענדטע פונ די „קאדעטישע אונטערבאָמקער" עפענענ די אויגנ אפנ ווירקלעכנ טאָכ פונ דער קאדעטישער פארטײ.

די דעמאָקראטישע בורזשואזיע אינ רוסלאנד פארטרעטנ די פאָלקיסטנ פונ אלע שאטירונגענ, פונ די סאמע לינקע עסערנ ביז די פאָלקס-סאָציאליסטנ (ענ-עסנ) אונ טרודאָוויקעס. זײ אלע רײדנ גערנ „סאָציאליסטישע" פראזעס, א באוווסטזיניקער ארבעטער טאָר זיכ אָבער ניט לאָזנ אָפנארנ מיקויעכ דער באדײ-

[1] אינ אָריגינאל: „оппозиция с родительным падежом" (גענעטיוו), דה. אנ אָפאָזיציע פונ זײנ מאיעסטעט, ניט קעגנ זײנ מאיעסטעט. איבערז.

טונג פונ די דאָזיקע פּראָזעס. פּאַקטיש איז אינ קיינ שומ „רעכט אפ ערד“, אינ קיינ שומ „אויסגלײַכערישנ פּאַרטײלנ“ די ערד, אינ קיינ שומ „סאָציאַליזירנ די ערד“ גיטאָ קיינ טראָפּנ סאָציאַליזמ. דאָס דאַרפ פאַרשטיינ יעדערער, ווער עס ווייסט, אז די סכוירע-פּראָדוקציע, די מאַכט פונעמ מאַרק, פונ געלט, פונ קאַפּיטאַל ווערט ניט נאָר ניט אָנגערירט, נאָר, פאַרקערט, זי וויקלט זיכ נאָכ ברייטער פאַנאַנדער, ווענ עס ווערט אָפּגעשאַפט דאָס פּריוואַט-אייגנטומ אפ ערד אונ זי ווערט צעטיילט אפּסניי, זאָל זײַנ אפילע אפנ סאַמע „יוישערדיקנ“ אויפנ.

די פּראָזעס אָבער וועגנ „אַרבעט-פּרינציפּ“ אונ וועגנ „פּאָלקיסטישנ סאָציאַליזמ“ דריקנ אויס דעמ טיפנ גלויבנ (אונ אופריכטיקע שטרעבונג) פונעמ דעמאָקראַט אינ דער מעגלעכקײַט צו פאַרניכטנ אונ אינ דער נייטיקײַט צו פאַרניכטנ דעמ גאַנצנ מיטלאַלטער אינעמ ערד-באַזיץ אונ צוזאַמענ דערמיט אויכ אינ דער פּאָליטישער סטרוקטור. אויב די ליבעראַלנ (די קאַדעטנ) שטרעבנ צו טיילנ מיט די פּורישקעוויטשעס די פּאָליטישע מאַכט אונ די פּאָליטישע פּריווילעגיעס, זײַנענ די פּאָלקיסטנ דערפאַר טאַקע דעמאָקראַטנ, ווײַל זיי שטרעבנ אונ מוזנ אינעמ איצטיקנ מאָמענט שטרעבנ צו פאַרניכטנ אלע פּריווילעגיעס פונ ערד-באַזיץ אונ אלע פּריווילעגיעס אינ דער פּאָליטיק.

די לאַגע פונעמ רוסישנ פּויערטומ אינ זײַנ קאָלאָסאַלער מאַסע איז אַזאַ, אז וועגנ קיינ שומ קאָמפּראָמיס מיט די פּורישקעוויטשעס (א קאָמפּראָמיס, וואָס איז גאַנצ מעגלעכ, צוטריטלעכ אונ נאָענט פאַרנ ליבעראַל) קאָנ עס גאָר אפילע ניט טרוימענ. דער דעמאָקראַטיזמ פונ דער קליינ-בורזשואַזיע האָט נאָכ דעריבער אפ א גאַנצ לאַנגער צײַט מאַסנ-וואָרצלענ אינ רוסלאַנד, אונ די סטאָליפּינישע אגראַר-רעפאָרמע, אָט די בורזשואַזע פּאָליטיק פונ די פּורישקעוויטשעס קעגנ דעמ פּויער, האָט נאָכ ביז איצט ניט געשאַפנ קיינ שומ פעסטע זאַכ, אַחוץ... דעמ הונגער פונ 30 מיליאָנ!

די מיליאָנענ הונגער-לײַדנדיקע קליינע באַלעבאַטימלעכ קאָנענ נישט ניט שטרעבנ צו אַנ אַנדערער, א דעמאָקראַטישער, אגראַר-רעפאָרמע,—וואָס קאָנ ניט אַרויסשפּרינגענ פונ די ראַמענ פונ קאַפּיטאַליזמ, וואָס וועט די לוינ-שקלאַפערײַ ניט פאַרניכטנ, אָבער אָפּראַמענ פונ דער רוסישער ערד דעמ מיטלאַלטער קאָנ זי יאָ.

די טרודאָוויקעס זײַנענ מוירעדיק שוואַכ אינ דער III דומע; זיי פאַרטרעטנ אָבער מאַסנ. די וואַקלונגענ פונ די טרודאָוויקעס צווישנ די קאַדעטנ אונ דער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע דרינגענ אומפאַרמײַדלעכ אַרויס פונ דער קלאַסנ-לאַגע פונ די קליינע באַלעבאַטימ, דערבײַ איז באַזונדערס שווער צו קאָנסאָלידירנ, אָרגאַניזירנ אונ אויפקלערנ זיי, אונ דאָס שאַפט די אויסערסטע פּאַרטייִשע אומבאַשטימטקײַט אונ פאָרמלאָזיקײַט פונ די טרודאָוויקעס. דעריבער האָבנ די טרודאָוויקעס — בא דער מיטהילפ פונעמ ניט איבערגעשפּיצטנ „אָטזאָוויזמ“ פונ די לינקע פּאָלקיסטנ — טאַקע א טרויעריקנ אויסזענ פונ א ליקווידירטער פּאַרטיי.

דער אונטערשייד צווישנ די טרודאָוויקעס אונ אונדזערע, קימאַט-מאַרקסיסטישע, ליקווידאַטאָרנ באַשטייט דערינ, וואָס די טרודאָוויקעס זײַנענ ליקווידאַטאָרנ מאַכמעס שוואַכקײַט, בײַמ די אַנדערע זײַנענ ליקווידאַטאָרנ מאַכמעס בייזנ ווילנ. העלפנ די שוואַכע קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטנ, אַרויסרײַסנ זיי פונ אונטערנ אײַנפלוס פונ די ליבעראַלנ, קאָנסאָלידירנ דעמ לאַגער פונ דער דעמאָקראַטיע קעגנ די

קאָנטררעוואָליוציאָנערע קאדעטנ, אונ ניט נאָר קעגנ די רעכטע — אזא איז די אופּ־
גאבע פונ דער ארבעטער־דעמאָקראטיע.

מיקויעכ דער ארבעטער־דעמאָקראטיע, וואָס האָט געהאט אנ אייגענע פראקציע
אינ דער III דומע, קאָנענ מיר דאָ בלויז זאָגנ גאנצ ווייניק.

די פּארטייענ פונעמ ארבעטער־קלאס האָבנ זיכ אומעטום אינ אייראָפּע אויסגע־
בילדעט נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ זיכ ארויסבאפרייט פונ אונטערנ איינפלוס פונ
דער אלגעמיינ־דעמאָקראטישער אידעאָלאָגיע, נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ זיכ אויסגע־
לערנט אָפּצוטיילנ דעמ קאמפ פונ די לוינ־ארבעטער קעגנ דעמ קאפּיטאל פונ דעמ
קאמפ קעגנ פעאָדאליזמ, אנעוו, טאקע קעדיי צו פארשטארקנ דעמ דאָזיקנ קאמפ
קעגנ פעאָדאליזמ, קעדיי צו באפרייענ אָט דעמ קאמפ פונ יעטווידער וואקלעניש אונ
פאכדאָנעס. אינ רוסלאנד האָט זיכ די ארבעטער־דעמאָקראטיע אינגאנצנ אָפּגעגרענעצט
אי פונעמ ליבעראליזמ אי פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע (טרודאָוויזמ) צומ קאָ־
לאָסאלנ נוצנ פאר דער זאכ פונ דער דעמאָקראטיע ביכלאל.

די ליקווידאטאָרישע שטרעמונג אינ דער ארבעטער־דעמאָקראטיע („נאשא זא־
ריא“ אונ „זשיוואָיע דיעלאָ“) ליידט אפ דער זעלביקער שוואכקייט, ווי דער טרודאָ־
וויזמ, זי לויבט די פּאָרמלאָזיקייט, שטרעבט צו דער לאגע פונ אנ אָפּאָזיציע, וואָס
„ווערט געדולדעט“, זי טרייסלט זיכ אָפּ פונ דער העגעמאָניע פונ די ארבעטער,
באגרענעצט זיכ מיט ווערטער וועגנ אנ „אָפּענער“ אָרגאניזאציע (זידלענדיק די
ניט־אָפּענע), פּרידיקט א ליבעראלע ארבעטער־פּאָליטיק. די פארבינדונג פונ אָט דער
שטרעמונג מיט דער צעפאלונג אונ יערידע־שטימונג פונ די צייטנ פונ קאָנטררעוואָליוציע
איז א באשיימפערלעכע, איר אָפּפאלנ פונ דער ארבעטער־דעמאָקראטיע ווערט קלאָר.

די באוווסטזיניקע ארבעטער ליקווידירנ קיינ זאכ ניט, זיי קאָנסאָלידירנ זיכ אינ
קעגנגעוויכט צו די ליבעראלע איינפלוסנ, זיי אָרגאניזירנ זיכ אלס קלאס, זיי אנטוויק־
לענ אלע מעגלעכע פאָרמענ פונ פראָפעסיאָנעלער קאָנסאָלידאציע אאוו. אונ טרעטנ
ארויס אי אלס פאָרשטייער פונ דער לוינ־ארבעט קעגנ דעמ קאפּיטאל אי אלס
פאָרשטייער פונ דער קאָנסעקווענטער דעמאָקראטיע קעגנ דעמ גאנצנ אלטנ רעזשימ
אינ רוסלאנד אונ קעגנ יעטווידע האנאָכעס דעמ דאָזיקנ רעזשימ.

אלס איליוסטראציע גיבנ מיר דאָ די אָנגאבנ וועגנ דעמ פארטייישנ באשטאנד
פונ דער III מעלוכע־דומע, וואָס מיר נעמענ פונעמ אָפיציעלנ דומע־„ספּראוואָטשניק“
פארנ 1912 יאָר.

דער פארטייישער באשטאנד פונ דער III מעלוכע־דומע.

גוטבאזיצער:

רעכטע	46
נאציאָנאליסטנ	74
אומאָפּהענגיקע נאציאָנאליסטנ	17
רעכטע אָקטיאבריסטנ	11
אָקטיאבריסטנ	120
סאכאקל רעגירונגס־פארטייענ	*268*

בורזשואזיע:

פראָגרעסיסטן	36
קאדעטן	52
די פוילישע קאָלאָ	11
די פויליש־ליטוויש־ווײַסרוסישע גרופע	7
די מוסולמענישע גרופע	9
סאכאקל ליבעראלן	*115*

בורזשואזע דעמאָקראטיע:

די גרופע טרודאָוויקעס	14

ארבעטער־דעמאָקראטיע:

סאָציאַל־דעמאָקראטן	13
סאכאקל דעמאָקראטן	*27*

אומפארטייִישע	27
סאכאקל	*437*

אין דער III מעלוכע־דומע זײַנען געווען צוויי מערהייטן: 1) די רעכטע און די אָקטיאבריסטן—268 פון 437; 2) די אָקטיאבריסטן און די ליבעראלן—120 פליוס 115, צוזאמען 235 פון 437. די ביידע מערהייטן זײַנען קאָנטררעוואָליוציאָנער.

רעוואָליוציאָנערער אופשטייג[1]

דער גראנדיעזער מיי-שטרייק פונעמ אלרוסלענדישנ פראָלעטאריאט אונ די מיט אימ פארבונדענע גאסנ-דעמאָנסטראציעס, רעוואָליוציאָנערע פראָקלאמאציעס אונ רעוואָליוציאָנערע רעדעס פאר האמוינים ארבעטער האָבנ קלאָר באוויזנ, אז רוסלאנד איז ארייננעטראָטנ אינ א פעריאָד פונ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג.

דער דאָזיקער אופשטייג איז קלאל ניט געקומענ אומגעריכט. ניינ, ער איז שוינ פונ לאנג צוגעגרייט געוואָרנ דורכ אלע באדינגונגענ פונעמ רוסישנ לעבנ, אונ די מאסנ-שטרייקנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ אינ צוזאמענהאנג מיט די לענער צעשיסונגענ אונ מיטנ ערשטנ מיי, האָבנ בלויז ענדגילטיק אנטשיידט זיינ אָנקומ. דער צייטווייליקער טריומפ פונ דער קאָנטררעוואָליוציע איז אָרגאניש פארבונדנ געווענ מיטנ פאלנ פונעמ מאסנ-קאמפ פונ די ארבעטער. די צאָל שטרייקער גיט, עמעס, א בעערעכדיקע, דערפאר אָבער זיכער אנ אָביעקטיווע אונ גענויע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ פארנעמ פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ.

אינ מעשעכ פונ צענ יאָר פאר דער רעוואָליוציע, אינ די יאָרנ 1895—1904, האָט די דורכשניטלעכע צאָל שטרייקער באטראָפנ 43 טויזנט א יאָר (פארקיילעכט). אינ 1905 יאָר — $2^3/_4$ מיליאָנ, אינעמ 1906 יאָר — 1 מיליאָנ, אינעמ 1907 יאָר — $^3/_4$ מיליאָנ. דער דרייאָריקער פעריאָד פונ דער רעוואָליוציע צייכנט זיכ אויס מיט אנ אופשטייג פונעמ שטרייקנ-קאמפ פונעמ פראָלעטאריאט, וואָס אזא איז ניט געזענ געווענ אינ ערגעצ אינ דער וועלט. דאָס פאלנ פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ, וואָס ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ די יאָרנ 1906 אונ 1907, איז ענדגילטיק קלאָר געוואָרנ אינעמ 1908 יאָר: 175 טויזנט שטרייקער. די מעלוכע-איבערקערעניש פונעמ 3-טנ יונ 1907 יאָר, וועלכע האָט צוריק אופגעשטעלט די זעלבסטהערשונג פונעמ צאר אינ בונד מיט דער דומע פונ די שווארצמייעדיקע פריציִמ אונ האנדלס-אינדוסטריעלע מאגנאטנ, איז געווענ אנ אומפארמיידלעכער רעזולטאט דערפונ, וואָס די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע פונ די מאסנ איז געפאלנ.

די דריי יאָר — 1908—1910 — זיינענ געווענ אנ עפּאָכע, ווענ עס האָט זיכ צעיושעט די שווארצמייעדיקע קאָנטררעוואָליוציע, אנ עפּאָכע פונ רענעגאטישקייט פונ דער ליבעראלער בורזשואזיע, פונ יִיעש אונ דעזאָרגאניזאציע באמ פראָלעטאריאט. די צאָל שטרייקער האלט אינ איינ פאלנ אונ דערגייט ביז 60 טויזנט אינעמ 1909 יאָר אונ ביז 50 טויזנט אינעמ 1910 יאָר.

---

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 17-טנ (4-טנ) יונ 1912 יאָר אינ „סאָציאל-דעמאָקראט“ נומ. 27. רעד.

פונעמ סאָפ 1910 יאָר הייבט זיכ אָבער אָנ א בעפּיירעשער קער. די דעמאָנסטראַציעס אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ טויט פונעמ ליבעראַל מוראָמצעוו און פונ לעוו טאָלסטאָי, ווי אויכ די סטודענטנ-באַוועגונג, באַווײַזנ קלאָר, אַז ס'האָט א בלאָז געטאָנ אַנ אַנדער ווינט. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א געוויסער קער אינ דער שטימונג פונ די דעמאָקראַטישע מאַסנ. דאָס 1911 יאָר גיט אונדז א לאַנגזאַמענ אַריבערגאַנג צו אָנגריפ מיצאַד די אַרבעטער-מאַסנ: די צאָל שטרײַקער דערגייט ביז 100 טויזנט. פונ פאַרשיידענע זײַטנ קומענ אָנווײַזונגענ, אַז די מידקײַט, די פּאַראַליזירטקײַט, וואָס זײַנענ אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכנ טריומפ פונ דער קאָנטררעוואָלוציע, גייענ דורכ, אַז ס'האָט ווײַטער א צי געטאָנ צו רעוואָלוציע. די אַלרוסלענדישע קאָנפערענצ פונ דער רסדאַפּ אינ יאַנוואַר 1912 יאָר האָט, אונטערפירנדיק א סאַכאַקל צו איר אָפּשאַצונג פונעמ מאָמענט, קאָנסטאַטירט, אַז „אינ די ברייטע קרײַזנ פונ דער דעמאָקראַטיע און אינ דער ערשטער ריי צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט באַמערקט זיכ אַנ אָנהייב פונ פּאָליטישער אויפלעבונג. די אַרבעטער-שטרײַקנ פונ די יאָרנ 1910—1911, דער אָנהייב פונ דעמאָנסטראַציעס און פּראָלעטאַרישע מיטינגענ, דער אָנהייב פונ א באַוועגונג צווישנ דער שטאָטישער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע (די סטודענטישע שטרײַקנ) אאַוו. — דאָס זײַנענ אַלצ אַנטפּלעקונגענ פונ דער אָנוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פונ די מאַסנ קעגנ דעמ רעזשימ פונ 3-טנ יונ" (זע די „מיטיילונג" וועגנ דער קאָנפערענצ, ז. 18[1]).

שוינ צומ צווייטנ קוואַרטל פונעמ לויפנדיקנ יאָר איז די דאָזיקע שטימונג אָנגעוואַקסנ אָפּ אַזוי פיל, אַז זי האָט זיכ אַנטפּלעקט אינ א מאַסנ-אַקציע און האָט געשאַפנ א רעוואָלוציאָנערנ אויפשטײַג. דער גאַנג פונ די געשעענישנ פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבנ יאָר באַווײַזט אָנשוילעכ, אַז אינ דעמ דאָזיקנ אויפשטײַג איז ניטאָ קיינ שומ צופעליקס, אַז זײַנ אָנקומ איז אַבסאָליוט געזעצמעסיק און אומפאַרמײַדלעכ באַדינגט דורכ דער גאַנצער פריערדיקער אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד.

די לענער צעשיסונג האָט געדינט אַלס מאָטיוו דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג פונ די מאַסנ זאָל פאַרוואַנדלט ווערנ אינ א רעוואָלוציאָנערנ אויפשטײַג פונ די מאַסנ. ס'איז ניטאָ קיינ גרעסערער שעקער, ווי די ליבעראַלע אויסטראַכטעניש, וואָס טראָצקי כאַזערט איבער, נאָכזאָגנדיק די ליקווידאַטאָרנ, אינ דער ווינער „פּראַוודאַ", אַז קלוימערשט „דער קאַמפ פאַר פרײַהײַט פונ קאָאַליציעס איז דער יעסאָד סײַ פונ דער לענער טראַגעדיע סײַ פונ איר מעכטיקנ אָפּקלאַנג אינ לאַנד". אינעמ לענער שטרײַק איז גאָר ניט געווענ ניט קיינ ספּעציפישע, ניט קיינ הויפּט-פאָדערונג פונ קאָאַליציע-פרײַהײַט. אינ דער לענער צעשיסונג האָט זיכ אַנטפּלעקט קלאָר ניט דאָס, וואָס עס פעלט פרײַהײַט גראָד פונ קאָאַליציעס, נאָר דאָס, וואָס מע איז ניט פרײַ... פונ פּראָוואָקאַציע, פונ אַלגעמיינער רעכטלאָזיקײַט, פונ דורכויסיקנ ווילקיר.

די לענער צעשיסונג, ווי מיר האָבנ שוינ קלאָר געמאַכט אינעמ „סאָציאַל-דעמאָקראַט" נומ. 26, איז געווענ א ביז גאָר פינקטלעכע אָפּשפּיגלונג פונעמ גאַנצנ רעזשימ פונ דער דריט-יונישער מאָנאַרכיע. קלאָר ניט קיינ קאַמפ פאַר איינס פונ

[1] זע ווערק, ב. XV, ז. 378. רעד.

די ר ע כ ט, זאָל זײַנ אפילע די קארדינאלסטע, די וויכטיקסטע פארנ פּראָלעטאריאט, איז כאראקטעריסטיש פאר די לענער געשעענישנ. פאר די האָזיקע געשעענישנ איז כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס עס פעלט אינגאנצנ די עלעמענטארסטע גוזעצלעכקײַט אינ א ל ע הינזיכטנ. כאראקטעריסטיש איז דאָס, וואָס א פּראָוואָקאטאָר, א שפּיאָנ, אנ אָכראניק, א צארישער מעשאָרעס האָט זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ מאסנ-צעשיסונגענ, ניט האָבנדיק קײנע שומ פּאָליטישע מאָטיוונ דערצו. דאפקע די דאָזיקע אלגעמײנע רעכטלאָזיקײַט פונעמ רוסישנ לעבנ, דאפקע די האָפענונגסלאָזיקײַט אונ אומעגלעכקײַט פונעמ קאמפ פאר אײנצלנע ר ע כ ט, דאפקע די דאָזיקע אומעגלעכקײַט אויסצובעסערנ די צארישע מאָנארכיע אונ איר גאנצנ רעזשימ האָבנ זיכ אנטפּלעקט אינ די לענער געשעענישנ אזוי בולעט, אז זיי האָבנ אָ נ ג ע צ ו נ ד נ די מאסנ מיט א ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר נ פײַער.

אויב די ליבעראלנ זײַנענ געקראָכנ אונ קריכנ פונ דער הויט אינ זײערע באמיונגענ צוצוגעבנ די לענער געשעענישנ אונ די מײַ-שטרײַקנ דעמ כאראקטער פונ א פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג אונ פונ קאמפ פאר „רעכט“, איז פאר יעדנ אײנעמ, ווער עס איז ניט פארבלענדט פונ די ליבעראלע (אונ ליקווידאטאָרישע) שטרײַטנ, קלאָר אנ אנדער זאכ. קלאָר איז דער ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע ר כאראקטער פונעמ מאסנ-שטרײַק, וואָס איז באזונדערס באטאָנט געוואָרנ דורכ דער פּעטערבורגער ערעוו-מײַ-פּראָקלאמאציע פונ פארשײדענע גרופּעס סאָציאל-דעמאָקראטנ (אונ אפילע פונ אײנער אנ עסערישער ארבעטער-גרופּע!), וואָס מיר דרוקנ איבער אינגאנצנ אינעמ אָפּטײל פונ כראָניק אונ וואָס כאזערט איבער די לאָזונגענ, וועלכע עס האָט געוואָרפנ די אלרוסלענדישע קאָנפערענצ פונ דער רסדאפּ אינ יאנוואר 1912 יאָר.

אונ גאָר ניט די לאָזונגענ אפילע באשטעטיקנ דעריקער דעמ רעוואָליוציאָנערנ כאראקטער פונ די לענער שטרײַקנ אונ פונ די מײַ-שטרײַקנ. די לאָזונגענ האָבנ פ אָ ר מ ו ל י ר ט דאָס, וואָס עס רײדנ די פאקטנ. דער פאקט פונ מאסנ-שטרײַקנ, וואָס ווארפנ זיכ אריבער פונ אײנ ראיאָנ אינ אנדערנ, — דער גוואלדיקער וווּקס זײערער, — די גיכקײַט פונ דער פארשפּרײטונג, — די דרײסטקײַט פונ די ארבעטער, — דאָס אָפּטער-ווערנ פונ מיטינגענ אונ רעוואָליוציאָנערע רעדעס, — די פאָדערונג אָפּצושאפנ דעמ שטראפ פאר פײַערנ דעמ 1-טנ מײַ, — די צונויפפאָרונג פונעמ פּאָליטישנ שטרײַק מיטנ עקאָנאָמישנ, וועלכע איז אונדז באקאנט פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, — דאָס אלצ באווײַזט אָנשוילעכ דעמ ווירקלעכנ כאראקטער פונ דער באוועגונג, וועלכער באשטײט אינעמ ר ע וו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר נ א ו י פ ש ט ײַ ג פ ו נ ד י מ א ס נ.

לאָמיר זיכ דערמאָנענ די דערפארונג פונעמ 1905 יאָר. די געשעענישנ באווײַזנ אונדז, אז צווישנ די ארבעטער לעבט די ט ר א ד י צ י ע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ מאסנ-שטרײַק אונ אז די ארבעטער האָבנ גלײַכ אויפגעהויבנ, אויפגעלעבט די דאָזיקע טראדיציע. דער אינ דער וועלט ניט-געזעענער שטרײַקנ-אויפשטײַג פונעמ 1905 יאָר האָט געגעבנ 810 טויזנט שטרײַקער אינעמ ערשטנ פערטל יאָר אונ 1.277 טויזנט אינעמ לעצטנ, בא דער צונויפפאָרונג פונעמ עקאָנאָמישנ שטרײַק מיטנ פּאָליטישנ. לויט א בעערעכעדיקנ כעזשבנ, האָבנ די לענער שטרײַקנ ארײַנגעצויגנ ביז 300 טויזנט ארבעטער, די מײַ-שטרײַקנ — ביז 400 טויזנט, אונ די שטרײַקנ האלטנ אלצ אינ

אײנ װאקסנ. יעדער נומער צײטונג — אפילע פונ די ליבעראלע צײטונגענ — טײלט מיט װעגנ דעמ, װי די שטרײקנ־סרײפע װאקסט זיכ פאנאנדער. דאָס צװײטע פערטל פונעמ 1912 יאָר האָט זיכ נאָכ ניט אינגאנצנ פארענדיקט, אונ שױנ איצט זעט זיכ בױלעט אָנ דער פאקט, אז דער אָנהײב פונעמ רעװאָליוציאָנערנ אױפשטײג אינעמ 1912 יאָר איז לױטנ פארנעמ פונ דער שטרײקנ־באװעגונג *ניט קלענער, נאָר גיכער גרעסער* אײדער דער זעלביקער אָנהײב אינ 1905 יאָר!

די רוסישע רעװאָליוציע האָט צומ ערשטנ מאָל אנטװיקלט אינ א ברײטנ מאסשטאב דעמ דאָזיקנ פראָלעטארישנ מעטאָד פונ אגיטירנ, אױפטרײסלענ, באהעפטנ די מאסנ אונ ארײנציענ זײ אינ קאמפ. אונ איצט װענדט דער פראָלעטאריאט װיטער אָנ דעמ דאָזיקנ מעטאָד אונ נאָכ מיט א פעסטערער האנט. קײנ שומ קראפט אינ דער װעלט װאָלט ניט געקאָנט פארװירקלעכנ דאָס, װאָס דער רעװאָליוציאָנערער אװאנגארד פונעמ פראָלעטאריאט פארװירקלעכט מיט דעמ דאָזיקנ מעטאָד. א גװאלדיק לאנד מיט א 150־מיליאָניקער באפעלקערונג, װעלכע איז צעװאָרפנ אפ א גיגאנטישנ שטעטכ, צעברעקלט, אונטערדריקט, רעכטלאָז, פינצטער, אָפגעצאמט פונ „שעדלעכע װירקונגענ" דורכ א מענגע מאכטהאָבער, פאָליצײ־לײט, שפּיאָנענ, — דאָס דאָזיקע לאנד *אינגאנצנ* הײבט אָנ צו זידנ. די סאמע אָפגעשטאנענע שיכטנ אי פונ די ארבעטער אי פונ די פױערימ קומענ אינ דירעקטער אונ אומדירעקטער באריִרונג מיט די שטרײקער. אפ דער סצענע באװײזנ זיכ מיטאמאָל הונדערטער טױזנטער רעװאָליוציאָנערע אגיטאטאָרנ, װעמענס אײנפלוס עס װערט אומענדלעכ פארשטארקט דערמיט, װאָס זײ זײנענ אָרגאניש פארבונדנ מיט די אונטערשטע שיכטנ, מיט דער מאסע, װאָס זײ פארבלײבנ אינ זײערע רײענ, קעמפנ פאר די לעבנסװיכטיקסטע באדערפענישנ פונ *יעטװידער* ארבעטער־פאמיליע, פארײניקנ מיט דעמ דאָזיקנ אומיטלבארנ קאמפ פאר די לעבנסװיכטיקע עקאָנאָמישע באדערפענישנ דעמ פאָליטישנ פראָטעסט אונ דעמ קאמפ קעגנ דער מאָנארכיע. װײל די קאָנטררעװאָליוציע האָט ארײנגעבראכט אינ מיליאָנענ אונ צענדליקער מיליאָנענ דעמ שארפנ האס צו דער מאָנארכיע, אנ עלעמענט פונ באגרײפנ איר ראָליע, אונ דער לאָזונג פונ די פאָרגעשריטענע הױפטשטאָטישע ארבעטער — זאָל לעבנ די דעמאָקראטישע רעפובליק! — גײט איצט אונ גײט דורכ טױזנטער קאנאלנ, גלײכ נאָכ יעדנ שטרײק, צו די אָפגעשטאנענע שיכטנ, צו דער פארװאָרפענער פראָװינצ, צומ „פאָלק", „אינ די טיפענישנ פונ רוסלאנד".

זײער כאראקטעריסטיש איז דעמ ליבעראל סעװעריאנינס בקירע װעגנ שטרײק, װאָכ די „רוסקיע װעדאָמאָסטי" האָבנ גאסטפרײנטלעכ אָנגענומענ אונ „רעטש" דרוקט איבער מיט מיטגעפיל.

„צי האָבנ די ארבעטער א װעלכנ־ניט־איז גרונט צוצומישנ צומ ערשטמײיקנ שטרײק עקאָנאָמישע אָדער װעלכע־ניט־איז (!) פאָדערונגענ?" — פרעגט דער ה' סעװעריאנינ א קאשע, אונ ער ענטפערט: — „איכ האָב די דרויסטקײט צו דענקענ, אז זײ האָבנ ניט. יעדער עקאָנאָמישער שטרײק קאָנ אונ דארפ אָנגעהויבנ װערנ ערשט נאָכ דעמ, װי מע װעגט ערנסט אָפ די שאנסנ... אָט פארװאָס ס'איז מערסטנטײל ניטאָ קײנ גרונט צו פארבינדנ אזעלכע שטרײקנ מיטנ מאָמענט דאפקע פונעמ 1־טנ מײ... אונ עס איז טאקע עפעס מאָדנע: מיר פײערנ דעמ טאָג פונעמ אלװעלטלעכנ ארבעטער־יאָמטעװ אונ בא דער געלעגנהײט פאָדערנ מיר א הױסאָפע 10% אפ צײג פונ די אונ די סאָרטנ".

אָט האָט איר א כקירע פונ א ליבעראַל! אונ די דאָזיקע גרענעצלאָזע באַנאַלקײַט, נידערטרעכטיקײַט אונ פּאַסקודסטװע נעמענ אָנ מיט מיטגעפיל די „בעסטע“ ליבעראַלע צײַטונגענ, װעלכע פּרעטענדירנ אפנ נאָמענ דעמאָקראַטישע!

די מענשעװיסטישע אײַננוצנ פונ א בורזשוי, די נידערטרעכטיקסטע פּאַטראָנעס פונ א קאָנטררעװאָליוציאָנער, — אָט װאָס עס שטעקט הינטער די עפעקטפולע פראַזעס פונעם ליבעראַל. ער װאָלט געװאָלט, אז דעם באַלעבאָס׳ קעשענעס זאָלנ בלײַבנ גאַנצ. ער װאָלט געװאָלט א „סטאַטעטשנע“ אונ „אומשעדלעכע“ דעמאָנסטראַציע לעטװיװעס „קאָאַליציע-פרײַהײַט“! דער פּראָלעטאַריאַט ציט אָבער, אָנשטאָט דעם, אַרײַנ די מאַסנ אינ א רעװאָליוציאָנערנ שטרײַק, װעלכער פאַרבינדט אָרגאַניש די פּאָליטיק מיט דער עקאָנאָמיק, אינ א שטרײַק, װאָס ציט צו די סאַמע אָפּגעשטאַנענע שיכטנ דורכ דעם דערפאָלג פונעם קאַמפּ פאַר דער טײקעפּדיקער פאַרבעסערונג פונעם אַרבעטער-לעבנ אונ הײבט אופ גלײַכצײַטיק דאָס פאָלק קעגנ דער צאַרישער מאָנאַרכיע.

יאָ, די דערפאַרונג פונעם 1905 יאָר האָט געשאַפנ א טיפע אונ גרױסע טראַדיציע פונ מאַסנ-שטרײַקנ. אונ מע דאַרפ ניט פאַרגעסנ, צו װאָס די דאָזיקע שטרײַקנ ברענגענ אינ רוסלאַנד. די אַקשאָנעסדיקע מאַסנ-שטרײַקנ זײַנענ בא אונדז אָרגאַניש פאַרבונדנ מיט א באַװאָפנטנ אופשטאַנד.

זאָל מענ נאָר ניט װעלנ קרומ אױסטײַטשנ די דאָזיקע װערטער. עס האַנדלט זיכ קלאַל ניט װעגנ רופנ צו אנ אופשטאַנד. אזא רופ װאָלט געװענ ביז גאָר ניט קלוג אינעמ געגעבענעמ מאָמענט. עס האַנדלט זיכ װעגנ קאָנסטאַטירנ דעמ צוזאַמענהאַנג צװישנ דעמ שטרײַק אונ דעמ אופשטאַנד אינ רוסלאַנד.

װיאַזױ איז געװאַקסנ דער אופשטאַנד אינעמ 1905 יאָר? ערשטנס, האָבנ די מאַסנ-שטרײַקנ, דעמאָנסטראַציעס אונ מיטינגענ אָפטער געמאַכט די צוזאַמענשטױסנ צװישנ דעמ האַמױנ מיט דער פּאָליצײ אונ מיליטער. צװײטנס, האָבנ די מאַסנ-שטרײַקנ אופגעהױבנ דאָס פּױערטום אפ א רײ מײלװײַזע, קלײנע, האַלב-סטיכישע אופשטאַנדנ. דריטנס, האָבנ זיכ די מאַסנ-שטרײַקנ זײער גיכ אַריבערגעװאָרפנ אינ דער אַרמײ אונ אינ פלאָט אונ האָבנ דאָרט אַרױסגערופנ צוזאַמענשטױסנ אפנ עקאָנאָמישנ באָדנ (די „אַרבעס-בונטנ“ אונ ענלעכע „בונטנ“), אונ דערנאָכ — אופשטאַנדנ. פערטנס, האָט די קאָנטררעװאָליוציע מיט די פּאָגראָמענ, מיט דעם מײ-מעסנ דעמאָקראַטנ אדג. אַלײן אָנגעהױבנ דעם בירגערקריג.

די רעװאָליוציע פונעם 1905 יאָר האָט זיכ געענדיקט מיט א מאַפּאָלע קלאַל ניט דערפאַר, װײַל זי איז פאַרגאַנגענ „צו װײַט“, װײַל דער דעקאַבער-אופשטאַנד איז געװענ א „קינסטלעכער“, װי עס מײנענ די רענעגאַטנ פונ צװישנ די ליבעראַלנ אדג. פאַרקערט, די סיבע פונ דער מאַפּאָלע איז די, װאָס דער אופשטאַנד איז פאַרגאַנגענ ניט גענוג װײַט, װאָס די אידײ װעגנ זײַנ נײטיקײַט איז ניט גענוג ברײט פאַרשפּרײט געװאָרנ אונ פעסט באַנומענ געװאָרנ אינ די רעװאָליוציאָנערע קלאַסנ, װאָס דער אופשטאַנד איז ניט געװענ קײנ סאָלידאַרער, אַנטשלאָסענער, אָרגאַניזירטער, גלײַכצײַטיקער, אָנגרײַפערישער.

לאָמיר איצט א קוק טאָנ, צי עס באַמערקנ זיכ אינ דער געגעבענער צײַט סימאָנימ פונ װוּקס פונעם אופשטאַנד? קעדײ ניט אַרײַנצופאַלנ אינ רעװאָ-

ליוציאָנערער היספּילעס, לאָמיר נעמענ פאר איידעס די אָקטיאבריסטנ. דער דייטשישער פאריינ פונ די אָקטיאבריסטנ אינ פעטערבורג געהערט מערסטנטייל צו די אזויגערופענע „לינקע" אונ „קאָנסטיטוציאָנעלע" אָקטיאבריסטנ, וועמענ ס'האָבנ באזונדערס ליב די קאדעטנ אונ וועלכע זיינענ אמערסטנ פייִק (אינ פארגלייכ מיט די אנדערע אָקטיאבריסטנ אונ מיט די קאדעטנ) „אָביעקטיוו" צו באָאבאכטנ די געשעענישנ, ניט שטעלנדיק פאר זיכ דעמ ציל צו סטראשענ די גאטשאלסטווע מיט רעוואָליוציע.

דער אָרגאנ פונ די דאָזיקע אָקטיאבריסטנ, „St.-Petersburger Zeitung" האָט אינ דער וועכנטלעכער פּאָליטישער איבערזיכט דעמ 6-טנ (19-טנ) מיי געשריבנ אָט וואָס:

„ס'איז געקומענ מיי. אומאָפּהענגיק פונעמ וועטער, איז ער געוויינלעכ ניט זייער אָנגענעמ פאר די איינוווינער פונ דער הויפּט-שטאָט, ווייל ער הייבט זיכ אָנ מיטנ פּראָלעטארישנ „יאָמטעוו". היינטיקס יאָר, ווענ די ארבעטער געפינענ זיכ נאָכ אונטערנ איינדרוק פונ די לענער דעמאָנסטראציעס, — איז דער 1-טער מיי געווענ באזונדערס געפערלעכ. אינ דער לופט פונ דער הויפּט-שטאָט, וואָס איז דורכגעזאָפּט מיט פארשווינדנערליי קלאנגענ וועגנ שטרייקנ אונ דעמאָנסטראציעס, האָט געשמעקט מיט סרופע. אונדזער געטרייע פּאָליציי איז געווענ קאָנטיק אופגערודערט, זי האָט געמאכט אָביסקנ, האָט ארעסטירט איינצלנע פּערזאָנענ, האָט צוגעגרייט גרויסע פּאטרולנ אפ ניט דערלאָזנ קיינ גאסנ-דעמאָנסטראציעס. דאָס, וואָס די פּאָליציי האָט ניט געפונענ קיינ קליגערע זאכ, ווי צו מאכנ אָביסקנ אינ די רעדאקציעס פונ די ארבעטער-צייטונגענ אונ ארעסטירנ זייערע רעדאקטאָרנ, — דאָס איז ניט קיינ באווייז, אז די פּאָליציי ווייסט גוט יענע פעדעמ, מיט וועלכע מע האָט געבראכט אינ באוועגונג די ליאלקע-פּאָלקנ פונ די ארבעטער. אונ פעדעמ אזעלכע זיינענ פאראנ. דאָס באווייזט די דיסציפּלינירטקייט פונעמ שטרייק אונ א סאכ אנדערע אומשטענדנ. דערפאר איז אזוי שרעקלעכ דער דאָזיקער מיי-שטרייק, דער גרעסטער פונ די, וואָס מע האָט ביז איצט געזענ, — עס האָבנ געשטרייקט 100 אונ אפילע 150 טויזנט ארבעטער פונ גרויסע אונ קליינע ווארשטאטנ. דאָס איז געווענ בלויז א פרידלעכער פּאראד, אָבער די געשלאָסנקייט פונ דער דאָזיקער ארמיי ציט צו די אופמערקזאמקייט. ביפראט נאָכ, אז האנט-בא-האנט מיט דער אנומלטיקער אופרעגונג פונ די ארבעטער זיינענ געגאנגענ נאָכ אנדערע באומרויִקנדיקע דערשיינונגענ. אפ פארשיידענע שיפנ פונ אונדזער פלאָט זיינענ פאר רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע ארעסטירט געוואָרנ מאטראָסנ. לויט די אלע ידיִעס, וואָס זיינענ אריינגעדרונגענ אינ דער פּרעסע, איז צו זענ, אז עס האלט ניט פויגלדיק אפ אונדזערע אזוי אויכ ניט פילצאָליקע קריגסשיפנ... אומרויִקע געדאנקענ רופנ ארויס אויכ די איינזנבאנער. עמעס, ס'איז ערגעצ ניט דערגאנגענ אפילע ביז פּרווונ צו מאכנ א שטרייק, אָבער די ארעסטנ — באזונדערס אזעלכע, ווי דער ארעסט פונעמ געהילפ פונעמ סטאנציע-שעפ פונ דער ניקאָלייעווער איינזנבאנ, א. א. אושאקאָוו, אנ ארעסט, וואָס נוארפט זיכ אינ די אויגנ, — באווייזנ, אז אויכ דאָ איז פאראנ א געוויסע סאקאָנע.

די רעוואָליוציאָנערע פּרווונ פונ ניט ריפע ארבעטער-מאסנ קאָנענ, נאטירלעכ, האָבנ בלויז א שעדלעכע ווירקונג אפ דעמ אויסגאנג פונ די וואלנ צו דער דומע. די דאָזיקע פּרוווונ זיינענ נאָכ מער אומזיניק, ווייל... „דער צאר האָט באשטימט מאנוכינענ, אונ דער מעלוכע-ראט האָט אָנגענומענ די ארבעטער-סטראכירונג"!]

אָט דאָס זיינענ די בקירעס פונעמ דייטשישנ אָקטיאבריסט. מיר, פונ אונדזער זייט, וועלנ באמערקנ, אז וועגנ די מאטראָסנ האָבנ מיר באקומענ גענויע ידיִעס פונ די ערטער, וואָס דערווייזנ, אז „נאָוואָיע וורעמיא" טרייבט איבער אונ בלאָזט פאנאנדער דעמ איניענ. די אָכראנקע „ארבעט" בעפיירעש פּראָוואָקאטאָריש. פּריצייטי-

קע פרוּווג פונ אַנ אופשטאַנד וואָלטנ געווענ אויסערסט ניט קלוג. דער אַרבעטער-וואַנגאַרד דאַרפ פאַרשטײנ, אַז די גרונט-באַדינגונגענ פאַר אַ רעכטצײַטיקנ, — דה. זיגרײַכנ — באַוואָפנטנ אופשטאַנד אינ רוסלאַנד זײַנענ, אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל געשטיצט ווערנ פונעם דעמאָקראַטישנ פויערטום אונ די אַרמײ זאָל זיכ אַקטיוו באַטײליקנ אינעם אופשטאַנד.

מאַסנ-שטרײַקנ האָבנ אינ רעוואָליוציאָנערע עפּאָכעס זײער אָביעקטיווע לאָגיק. זײ וואַרפנ הונדערטער טויזנטער אונ מיליאָנענ פונקענ אינ אַלע זײַטנ, — אונ אַרומ אונ אַרומ ליגט ברענ-שטאָפ פונ אויסערגעוויינלעכער פאַרביטערונג, פונ אומגעהערטנ הונגער-פײַנ, פונ שטאָק-פינצטערנ ווילקיר, פונ אומפאַרשעמטנ אונ ציניש אידיוטקעווענ זיכ איבער דעמ „קאַפּצנ“, איבער דעמ „פּויער“, איבער דעמ פּאָשעטנ סאָלדאַט. גיט נאָכ צו דערצו די העכסט צעיושעטע אַנטי-יידישע פּאָגראָמ-העצע פונ די שוואַרצמייעניקעס, וועלכע ווערט בישטיקע גענערט אונ געריכטעט דורכ דער הויפ-באַנדע פונעמ טעמפנ אונ בלוטדורשטיקנ ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו... „אַזוי איז געווענ — אַזוי וועט זײַנ“: אַפ זײַנ אײגענעמ קאָפ, אַפנ קאָפ פונ זײַנ קלאַס אונ פונ זײַנ פריציש צאַר האָט געזאָגט אָט די נעווינשע ווערטער דער מיניסטער מאַקאַראָוו!

דער רעוואָליוציאָנערער אופשטײַג פונ די מאַסנ ליגט אַרופ גרויסע אונ פאַראַנטוואָרטלעכע פליכטנ אַפ יעדנ אײנציקנ אַרבעטער סאָציאַל-דעמאָקראַט, אַפ יעדנ אײנציקנ ערלעכנ דעמאָקראַט. „אַלזײַטיק שטיצנ די זיכ אָנהײבנדיקע באַוועגונג פונ די מאַסנ (איצט דאַרפ מענ שוינ זאָגנ: די זיכ אָנגעהויבענע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ די מאַסנ) אונ פאַרברײטערנ זי אונטער דער פאָנ פונ די פולשטענדיק דורכפירבאַרע לאָזונגענ פונ דער פאַרטײ“ — אַזוי האָט באַשטימט די דאָזיקע פליכטנ די אַלרוסלענדישע קאָנפערענצ פונ דער רסדאַפּ. די לאָזונגענ פונ דער פאַרטײ — דעמאָקראַטישע רעפּובליק, 8-שאָ:יקער אַרבעטס-טאָג, קאָנפיסקאַציע פונ דער גאַנצער פריצישער ערד — דאַרפנ ווערנ לאָזונגענ פונ דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, לאָזונגענ פונ דער פאָלקס-רעוואָליוציע.

קעדײ צו שטיצנ אונ פאַרברײטערנ די באַוועגונג פונ די מאַסנ, איז נײטיק אָרגאַניזאַציע אונ אָרגאַניזאַציע. אָנ אַנ אומלעגאַלער פאַרטײ קאָנ מענ ניט פירנ די דאָזיקע אַרבעט אונ ס'איז ניטאָ צוליב וואָס אומזיסט צו רײדנ וועגנ איר. שטיצנדיק אונ פאַרברײטערנדיק דעמ אָנגריפ פונ די מאַסנ, דאַרפ מענ אופמערקזאַמ דיסקאָנטירנ די דערפאַרונג פונעמ 1905 יאָר אונ, אופקלערנדיק די נײטיקײַט אונ אומפאַרמײַדלעכקײַט פונעמ אופשטאַנד, וואָרענענ אונ אײַנהאַלטנ פונ פריצײַטיקע פרוווּנ פונ דעמ מינ. דער וווּקס פונ דער צאָל מאַסנ-שטרײַקנ, דאָס צוציענ צומ קאַמפ אַנדערע קלאַסנ, דער צושטאַנד פונ די אָרגאַניזאַציעס, די שטימונג פונ די מאַסנ, — דאָס אַלצ וועט אַלײנ פונ זיכ אָנווײַזנ דעמ מאָמענט, ווענ אַלע קוויכעס וועלנ זיכ דאַרפנ פאַרײניקנ אינ אַ סאָלידאַרנ, אַנטשלאָסענעמ, אָנגרײַפערישנ, מעסירעסנעפעשדיק-דרײסטנ אָנגריפ פונ דער רעוואָליוציע אַפ דער צאַרישער מאָנאַרכיע.

אָנ אַ זיגרײַכער רעוואָליוציע וועט אינ רוסלאַנד קײנ פרײַהײַט ניט זײַנ.

אָנ דעמ אַראָפּוואַרפנ די צאַרישע מאָנאַרכיע דורכ אַ פּראָלעטאַריש-פויערשנ אופשטאַנד וועט אינ רוסלאַנד קײנ זיגרײַכע רעוואָליוציע ניט זײַנ.

צוויי אוטאָפּיעס[1]

אוטאָפּיע איז אַ גריכיש וואָרט: „או“ הייסט אַפּ גריכיש „ניט“, „טאָפּאָס“ — אַנ אָרט. אוטאָפּיע איז אַנ אָרט, וואָס איז ניטאָ, אַ פאַנטאַזיע, אַנ אויסגעטראַכטע זאַכ, אַ מײַסע.

אַנ אוטאָפּיע אינ פּאָליטיק איז אַזאַ מינ ווּנטש, וואָס פאַרווירקלעכנ אים קאָנ מענ בעשום אויפנ ניט, ניט איצט, ניט שפּעטער, — אַ ווּנטש, וואָס שפּאַרט זיכ ניט אָנ אַפּ קיינ געזעלשאַפטלעכע קויכעס און וואָס ווערט ניט געשטיצט דורכנ ווּקס, דורכ דער אַנטוויקלונג פונ די פּאָליטישע קויכעס, פונ די קלאַסנ-קויכעס.

וואָס ווייניקער פרײַהייט עס איז פאַראַנ אינ אַ לאַנד, וואָס אָרעמער עס זײַנענ די אַנטפּלעקונגענ פונ אָפענעמ קלאַסנקאַמפ, וואָס נידעריקער עס איז דער בילדונגס-ניוואָ פונ די מ אַ ס נ, — אַלץ לײַכטער אַנטשטייענ געווײנלעכ פּאָליטישע אוטאָפּיעס און אַלץ לענגער האַלטנ זיי זיכ.

צוויי מינימ פּאָליטישע אוטאָפּיעס האַלטנ זיכ אינעמ איצטיקנ רוסלאַנד באַזונ-דערס פעסט און האָבנ מיט זייער צוציונגס-קראַפט אַ געוויסע ווירקונג אַפּ די מאַסנ. דאָס איז די ליבעראַלע אוטאָפּיע און די פאָלקיסטישע אוטאָפּיע.

די ליבעראַלע אוטאָפּיע באַשטייט דערינ, אַז מע וואָלט קלוימערשט געקאָנט פרידלעכ און רויִק, קיינעמ ניט באַאַוולענדיק, ניט אַראָפּזעצנדיק די פורישקעוויטשעס, אָנ אַ פאַרביטערטנ און ביזנ סאָפ דערפירטנ קלאַסנקאַמפ, דערשלאָגנ זיכ צו כאָטש וויפל-ניט-איז ערנסטע פאַרבעסערונגענ אינ רוסלאַנד, אינ זײַנ פּאָליטישער פרײַהייט, אינ דער לאַגע פונ די מאַסנ פונעמ אַרבעטנדיקנ פאָלק. דאָס איז די אוטאָפּיע פונ ש אָ ל ע מ צווישנ דעמ פרײַענ רוסלאַנד מיט די פורישקעוויטשעס.

די פאָלקיסטישע אוטאָפּיע — דאָס איז דער טרוימ פונעמ אינטעליגענט דעמ פאָלקיסט און פונעמ פויער דעמ טרודאָוויק, אַז וועגנ מע זאָל אַפּסנײַ און מיט יוי-שער צעטיילנ די גאַנצע ערד, וואָלט מענ קלוימערשט געקאָנט ב אַ ז ײַ ט י ק נ די מאַכט און הערשאַפט פונעמ קאַפּיטאַל, באַזײַטיקנ די לוינ-שקלאַפערײַ, אָדער אַז באַ דער הערשאַפט פונ קאַפּיטאַל, באַ דער מאַכט פונ געלט, באַ דער סכוירע-פּראָדוק-ציע וואָלט מענ קלוימערשט געקאָנט אַ ײַ נ ה אַ ל ט נ אַ „יוישערדיקע“, „אויסגלײַכע-רישע“ פאַרטיילונג פונ דער ערד.

וואָס האָט אַרויסגערופנ די דאָזיקע אוטאָפּיעס? פאַרוואָס האַלטנ זיי זיכ גאַנצ פעסט אינעמ איצטיקנ רוסלאַנד?

---

[1] דער אַרטיקל איז אָנגעשריבנ אינ אָקטיאַבער 1912 יאָר. צומ ערשטנ מאָל געדרוקט אינ 1924 יאָר אינ זשורנאַל „זשיזנ“ נומ. 1. ר ע ד.

ארויסגערופנ זײַנענ זיי דורכ די אינטערעסנ פונ די קלאסנ, וואָס פירנ א קאמפ קעגנ דער אלטער אָרדענונג, קעגנ לײַבייגנטום, רעכטלאָזיקייט, מיט איינ וואָרט, „קעגנ די פורישקעוויטשעס“, אונ וואָס פארנעמענ ניט קיינ זעלבשטענדיקע פאָזיציע אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ. אוטאָפיע, טרוימענ זײַנענ א פראָדוקט פונ דער דאָזיקער ניט זעלבשטענדיקייט, פונ דער דאָזיקער שוואכקייט. טרוימערישקייט איז דער גוירל פונ שוואכע.

די ליבעראלע בורזשואזיע ביכלאל, די ליבעראל-בורזשואזע אינטעליגענצ באזונדערס קאָנ נישט ניט שטרעבנ צו פרײַהייט אונ געזעצלעכקייט, וואָרעמ אָנ דעמ איז די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע ניט פולקומ, ניט אבסאָליוט, ניט געזיכערט. די בורזשואזיע האָט אָבער מוירע פאר דער באוועגונג פונ די מאסנ מער ווי פאר דער רעאקציע. דערפונ שטאמט די איבעראשנדיקע, אומגלייבלעכע שוואכקייט פונעמ ליבעראליזמ אינ דער פאָליטיק, זײַנ פולשטענדיקע אָנמעכטיקייט. דערפונ שטאמט די אומענדלעכע ריי צוויידײַטיקייטנ, שעקער, צוויעס, פאכדאָנישע פרווונ אויסצודרייענ זיכ אינ דער גאנצער פאָליטיק פונ די ליבעראלנ, וואָס מוזנ שפילנ אינ דעמאָקראטיזמ, קעדיי צוציִענ אפ זייער זײַט די מאסנ, אָבער גלײַכצײַטיק זײַנענ זיי טיפ אנטידעמאָקראטיש, טיפ פײַנטלעכ דער באוועגונג פונ די מאסנ, דער איניציאטיוו פונ די מאסנ, דער מאניר פונ די מאסנ צו „שטורעמענ דעמ הימל“, ווי עס האָט זיכ אמאָל אויסגעדריקט מארקס וועגנ איינער פונ די אייראָפייִשע מאסנ-באוועגונגענ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט[1].

די אוטאָפיע פונ ליבעראליזמ איז די אוטאָפיע פונ אָנמעכטיקייט אינ היגזיכט פונ דער פאָליטישער באפרײַונג פונ רוסלאנד, די אוטאָפיע פונעמ אייגננוציקנ געלטזאק, וואָס וויל „פרידלעכ“ טיילנ די פריווילעגיעס מיט די פורישקעוויטשעס אונ וואָס גיט אָנ דעמ דאָזיקנ איידעלנ פארלאנג אלס טעאָריע וועגנ דעמ „פרידלעכנ“ זיג פונ דער רוסישער דעמאָקראטיע. די ליבעראלע אוטאָפיע איז א טרוימערײַ וועגנ דעמ, ווי צו באזיגנ די פורישקעוויטשעס, אזוי אז יענע זאָלנ ניט לײַדנ קיינ מאפאָלע, ווי צו צעברעכנ זיי, ניט פארשאפנדיק זיי קיינ ווייטעק. עס איז קלאָר, אז די דאָזיקע אוטאָפיע איז שעדלעכ ניט נאָר דערמיט, וואָס זי איז אנ אוטאָפיע, נאָר אויכ דערמיט, וואָס זי דעמאָראליזירט דעמ דעמאָקראטישנ באוווסטזײַנ פונ די מאסנ. די מאסנ, וואָס גלייבנ אינ דער דאָזיקער אוטאָפיע, וועלנ קיינמאָל זיכ ניט דערשלאָגנ צו קיינ פרײַהייט; אזעלכע מאסנ זײַנענ ניט ווערט קיינ פרײַהייט; אזעלכע מאסנ האָבנ פולקומ פארדינט, אז די פורישקעוויטשעס זאָלנ פונ זיי בויזעק מאכנ.

די אוטאָפיע פונ די פאָלקיסטנ אונ טרודאָוויקעס איז א טרוימ פונעמ קליינאייגנטימער, וואָס שטייט אינמיטנ צווישנ דעמ קאפיטאליסט אונ דעמ לוינ-ארבעטער, א טרוימ וועגנ פארניכטנ די לוינ-שקלאפערײַ אָנ קלאסנקאמפ. ווענ די פראגע וועגנ דער עקאָנאָמישער באפרײַונג וועט ווערנ פאר רוסלאנד פונקט אזא נאָענטסטע, אומיטלבאר אקטועלע פראגע, ווי עס איז איצט די פראגע וועגנ דער פאָליטישער

[1] אזוי האָט מארקס געשריבנ וועגנ די פאריזשער קאָמונארנ אינ א בריוו צו קוגעלמאַנענ דעמ 12-טנ אפרעל 1871 יאָר, רעד.

באפרײַונג, ווען די אוטאָפּיע פונ די פּאָלקיסטנ זײַנ ניט ווייניקער שעדלעכ, ווי די אוטאָפּיע פונ די ליבעראלנ.

איצט אָבער מאכט נאָכ רוסלאנד דורכ די עפּאָכע פונ זײַנ בורזשואזער, און ניט פּראָלעטארישער, איבערגעשטאלטונג; ניט די פראגע וועגנ דער עקאָנאָמישער באפרײַונג פונעם פּראָלעטאריאט איז רײַפ געוואָרנ ביז סאמע סאָפ, נאָר די פראגע וועגנ פּאָליטישער פרײַהײַט, דה. (אינ טאָכ גענומענ) וועגנ פולשטענדיקער בורזשואזער פרײַהײַט.

און אָט אינ דער דאָזיקער פראגע שפּילט די אוטאָפּיע פונ די פּאָלקיסטנ אַ אייגנארטיקע היסטאָרישע ראָליע. זי איז אַ אוטאָפּיע וועגנ דעם, וואָס פארא עקאָנאָמישע פאָלגנ דארפ (און וועט) האָבנ די נײַע פארטיילונג פונ דער ערד, און דעריבער איז זי אַ באגלייטערנ און סימפּטאָם פונעם גרויסנ, מאסעווונ דעמאָקראטישנ אויפשטײַג פונ די פויערשע מאסנ, דה. פונ די מאסנ, וואָס בילדנ די מערהײַט באפעלקערונג אינעם בורזשואז-לײַבייגנטימערישנ, איצטיקנ, רוסלאנד. (אינעם רײַנ בורזשואזנ רוסלאנד, פונקט ווי אינ דער רײַנ בורזשואזער אייראָפּע, וועט דאָס פויערטום ניט זײַנ די מערהײַט באפעלקערונג.)

די אוטאָפּיע פונ די ליבעראלנ דעמאָראליזירט דעם דעמאָקראטישנ באוווסטזײַנ פונ די מאסנ. די אוטאָפּיע פונ די פּאָלקיסטנ, וואָס דעמאָראליזירט זייער סאָציאליסטישנ באוווסטזײַנ, איז אַ באגלייטער, אַ סימפּטאָם, טיילווײַז אפילע אַ אויסדריקער פונ זייער דעמאָקראטישנ אויפשטײַג.

די דיאלעקטיק פונ דער געשיכטע איז אזא, אז די פּאָלקיסטנ און טרודאָוויקעס לייגנ פאָר און פירנ דורכ אלס אַ אנטיקאפּיטאליסטיש מיטל אַ מאקסימאל אויסגעהאלטנ און אנטשיידנ קאפּיטאליסטיש מאָסמיטל אפנ געביט פונ דער אגראר-פראגע אינ רוסלאנד. די „אויסגלײַכערײַ" פונ דער נײַער פארטיילונג פונ דער ערד איז אַ אוטאָפּיע, אָבער דער פולשטענדיקער אײַנרײַס מיט אלדאָס אלטע, אי מיטנ פּריצישנ ערדבאזיץ, אי מיטנ נאדיעל-ערדבאזיץ, אי מיטנ „קאזיאָנעם", דער אײַנרײַס, וואָס איז נייטיק פאר דער נײַער פארטיילונג, איז דאָס סאמע נייטיקע, עקאָנאָמיש-פּראָגרעסיווע, פאר אזא מעלוכע, ווי רוסלאנד, דאָס סאמע דרינגענדיקע מאָסמיטל אינ בורזשואז-דעמאָקראטישער ריכטונג.

מע דארפ געדענקענ ענגעלסעס מערקווירדיקע ווערטער:

„אַ זאכ, וואָס איז פאלש אינ פאָרמעל-עקאָנאָמישנ זינ, קאָנ זײַנ אַ עמעס אינ אלוועלט-לעכ-היסטאָרישנ זינ".

ענגעלס האָט דעם דאָזיקנ טיפנ טעזיס ארויסגעזאָגט מיקויעכ דעם אוטאָפּישנ סאָציאליזמ: דער דאָזיקער סאָציאליזמ איז געווענ „פאלש" אינ פאָרמעל-עקאָנאָמישנ זינ. דער דאָזיקער סאָציאליזמ איז געווענ „פאלש", ווענ ער האָט דערקלערט דעמ מערווערט פאר אַ אומגערעכטיקײַט פונעם שטאנדפּונקט פונ די אויסטויש-געזעצנ. קעגנ דעמ דאָזיקנ סאָציאליזמ זײַנענ אינ פאָרמעל-עקאָנאָמישנ זינ געווענ גערעכט די טעאָרעטיקער פונ דער בורזשואזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָרעמ דער מערווערט דרינגט ארויס פונ די אויסטויש-געזעצנ גאנצ „נאטירלעכ", גאנצ „יוישערדיק".

דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם איז אָבער געווען געראָטן אינעם אַלוועלטלעכ־היסטאָרישן זין, וואָרעם ער איז געווען אַ סימפּטאָם, אַן אויסדריקער, אַן אָנזאָגער פון דעם קלאַס, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן, און איצט, צום אָנהייב XX יאָרהונדערט, איז ער אויסגעוואַקסן אין דער מאַסן־קראַפט, וואָס איז בכוח צו מאַכן אַ סאָף צום קאַפּיטאַליזם און וואָס גייט אַן אָפּהאַלט דערצו.

ענגעלסעס טיפע מעזים מוז מען גערעכנען באַם אָפּשאַצן די מאָדערנע פּאָלקיסטישע אָדער טרודאָוויקישע אוטאָפּיע אין רוסלאַנד (עפּשער ניט נאָר אין רוסלאַנד אַליין, נאָר אין אַ גאַנצער ריי אַזיאַטישע מעלוכעס, וואָס מאַכן דורך אין XX יאָרהונדערט די בורזשואַזע רעוואָלוציעס).

די פאַלשער אין פאָרמעל־עקאָנאָמישן זין, איז דער פּאָלקיסטישער דעמאָקראַטיזם אַן אמת אין היסטאָרישן זין; אַ פאַלשער אַלס סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע, איז דער דאָזיקער דעמאָקראַטיזם אַן אמת פון יענעם אייגנאַרטיקן היסטאָריש־באַדינגטן דעמאָקראַטישן קאַמף פון די פּויערים־מאַסן, וואָס איז אַן אָרגאַנישער עלעמענט פון דער בורזשואַזער איבערגעשטאַלטונג און אַ באַדינג פאַר איר פולשטענדיקן זיג.

די ליבעראַלע אוטאָפּיע געוויינט אָפּ די פּויערשע מאַסן פון קאַמף. די פּאָלקיסטישע דריקט אויס זייערע שטרעבונגען צו קעמפן, ווײַל זי זאָגט זיי צו פאַרן זיג מיליאָנען גליקן, בײַם איינדרעמעסן וועט דער דאָזיקער זיג געבן בלויז הונדערט גליקן. אָבער צי איז ניט נאַטירלעך, וואָס די מיליאָנען, וועלכע גייען צום קאַמף און וועלכע האָבן יאָרהונדערטער געלעבט אין אומגעהערטער פינצטערניש, נויט, דאַלעס, שמוץ, פאַרוואָרלאָזטקייט, דערשלאָגנקייט, וואָס די דאָזיקע מיליאָנען זײַנען אין צען מאָל מעגאַזעמט די פרוכט פונעם מעגלעכן זיג?

די ליבעראַלע אוטאָפּיע איז אַ שלייער פאַר דעם אייגננוציקן פאַרלאַנג פון די נײַע עקספּלואַטאַטאָרן צו טיילן די פּריווילעגיעס מיט די אַלטע עקספּלואַטאַטאָרן. די פּאָלקיסטישע אוטאָפּיע איז דער אויסדרוק פון דער שטרעבונג פון די אַרבעטנדיקע מיליאָנען פונעם קליינבירגערטום אײַנגאַנצן צו מאַכן אַ סאָף מיט די אַלטע, פעאָדאַלע עקספּלואַטאַטאָרן און אַ פאַלשע האָפענונג „פאַררײַנס“ צו באַזײַטיקן די נײַע, די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַטאָרן.

עס איז קלאָר, אַז די מאַרקסיסטן, וואָס זײַנען פײַנטלעך בענוגייע יעטווידע אוטאָפּיעס, דאַרפן פאַרטיידיקן די זעלבשטענדיקייט פונעם קלאַס, וואָס קאָן מעטיר רעכנענפעשדיק קעמפן קעגן דעם פעאָדאַליזם טאַקע דערפאַר, ווײַל ער איז אַפילע אַף קיין הונדערטטייל ניט געפאַנגען דורך דער באַטייליקונג אין אייגנטום וועלכע מאַכט פון דער בורזשואַזיע אַ האַלביקן קעגנער און אָפטמאָל אַפילע אַ פאַרבינדעטן פון די פעאָדאַלן. די פּויערים זײַנען יאָ געפאַנגען אין דער קליינער סכוירע־פּראָדוקציע; בײַ גינסטיקע היסטאָרישע אומשטענדן קאָנען זיי זיך דערשלאָגן דערצו, אַז דער פעאָדאַליזם זאָל גאָר אײַנגאַנצן באַזײַטיקט ווערן, זיי וועלן אָבער ניט צופעליק, נאָר אומפאַרמײַדלעך שטענדיק אַרויסווײַזן געוויסע וואַקלונגען צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, צווישן דעם ליבעראַליזם און דעם מאַרקסיזם.

קלאָר, אז די מארקסיסטנ דארפנ זאָרגזאמ אויסטיילנ פונ דעמ שאָלעכצ פונ די מאָלקיסטישע אוטאָפיעס דעמ געזונטנ אונ ווערטפולנ יאָדער פונעמ אופריכטיקנ, אנטשיידענעמ, קעמפערישנ דעמאָקראטיזמ פונ די פויערימ-מאסנ.

אינ דער אלטער מארקסיסטישער ליטעראטור, אינ דער ליטעראטור פונ די 80-ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט, קאָנ מענ געפינענ א סיסטעמאטיש דורכגעפירטע שטרעבונג אויסצוטיילנ דעמ דאָזיקנ ווערטפולנ דעמאָקראטישנ יאָדער. ווענ-ניט-איז וועלנ די היסטאָריקער סיסטעמאטיש דערלערנענ די דאָזיקע שטרעבונג אונ וועלנ אויספאָרשנ איר פארבינדונג מיט דעמ, וואָס עס האָט אינעמ ערשטנ יאָרצענדליק פונ XX יאָרהונדערט באקומענ דעמ נאָמענ „באָלשעוויזמ“.

דער גרויס־פּריצישער אונ דער קליינפויערשער ערדבאזיצ אינ רוסלאנד[1]

אינ צוזאמענהאנג מיטנ נאָרוואָס פארגאנגענעמ יאָרטאָג פונעמ 19־טנ פעווראל 1861 יאָר וועט ניט איבעריק זײַנ צו דערמאָנענ די איצטיקע ערד־פארטיילונג אינעמ אייראָפּייִשנ רוסלאנד.

די לעצטע אָפיציעלע סטאטיסטיק וועגנ דער ערד־פארטיילונג אינעמ אייראָ־פּייִשנ רוסלאנד איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ דורכנ אינערנ־מיניסטעריומ אונ איז שײַעכ צומ 1905 יאָר.

לויט די אָנגאבנ פונ דער דאָזיקער סטאטיסטיק, איז גאָר גרויסע גוטבאזיצער, וואָס פארמאָגנ העכער 500 דעסיאטינ ערד, געווענ (אינ פארקײַלעכטע ציפערנ) בא א 30 טויזנט, ערד האָבנ זיי פארמאָגט בא א 70.000.000 דעסיאטינ.



בא א 10.000.000 אָרעמסטע פויערשע הויפנ פארמאָגנ פונקט אזויפיל ערד.

---

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 2־טנ מארט 1913 יאָר אינ דער צײַטונג „פּראוודא“ נומ. 51 (255). רעד.

איג דורכשניט, הייסט עס, קומט אויס אפ איינ גאָר גרויסנ גוטבאַזי־צער באַ 330 אָרעמסטע פויערשע געזינדנ, דערבײַ פאַרמאָגט יעדעס פויעריש געזינד באַ א 7 (זיבנ) דעסיאַטינ, אונ יעדער גאָר גרויסער גוטבאַזיצער — באַ 2.300 (צװײ טויזנט דרײַ הונדערט) דעסיאַטינ.

קעדיי אָנשוילעכ צו דערקלערנ עס, האָבנ מיר געמאַכט די אויבנ געדרוקטע ציי־כענונג.

דער גרויסער װײַסער פירעק אינמיטנ — דאָס איז דער גוט פונ א גרויסנ גוטבאַזיצער. די קלײנינקע קװאַדראַטעלעכ ארום — דאָס זײַנענ קלײנינקע פויערשע ערד־כאַלאָקים.

סאַכאַקל איז קװאַדראַטעלעכ פאַראַנ 324, אונ דער שטעכ פונעם װײַסנ פירעק איז גלײַכ צו 320 קװאַדראַטעלעכ.

די אָפּגעשטאַנענע אייראָפּע און די פאָרגעשריטענע אזיע[1]

דאָס שטעלנ נעבנאַנאַנד די דאָזיקע ווערטער זעט אויס ווי א פּאַראַדאָקס. ווער ווייסט עס ניט, אז אייראָפּע איז די פאָרגעשריטענע אונ אזיע איז די אָפּגעשטאַנענע? אָבער אינ די ווערטער, וואָס זײַנענ גענומענ געוואָרנ אלס קעפּל פאַר דעם דאָזיקנ ארטיקל, ליגט א בימערער עמעס.

אינ דער ציוויליזירטער אונ פאָרגעשריטענער אייראָפּע, מיט איר גלענצנדיקער אנטוויקלטער טעכניק, מיט איר רײַכער, אלזײַטיקער קולטור אונ קאָנסטיטוציע, איז געקומענ אזא היסטאָרישער מאָמענט, ווענ די הערשנדיקע בורזשואזיע שטיצט, אויס מוירע פאַר דעמ וואַקסנדיקנ אונ שטאַרק ווערנדיקנ פּראָלעטאַריאַט, אלדאָס אָפּגעשטאַנענע, אָפּשטאַרבנדיקע, מיטלאלטערלעכע. די פאַרעלטערטע ווערנדיקע בורזשואזיע פאַראייניקט זיכ מיט אלע פאַרעלטערטע אונ פאַרעלטערטע ווערנדיקע קרעפטנ, כדי אײַנצוהיטנ די לוינ־שקלאַפערײַ, וואָס וואַקלט זיכ.

אינ דער פאָרגעשריטענער אייראָפּע הערשט די בורזשואזיע, וואָס שטיצט אלדאָס אָפּגעשטאַנענע. אייראָפּע איז אינ אונדזערע צײַטנ פאָרגעשריטנ ניט אדאַנק דער בורזשואזיע, נאָר טראָץ איר, ווײַל נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אליינ האלט קעסיידער אינ פאַרגרעסערנ די מיליאָניקע אַרמיי קעמפער פאַר א בעסערער צוקונפט, נאָר ער אליינ היט אײַנ אונ פאַרשפּרייט אָנראַכמאָנעסדיקע סינע צו אָפּגעשטאַנענקײַט, ווילדקײַט, פּריווילעגיעס, שקלאַפערײַ אונ דערנידעריקונג פונ איינ מענטשנ דורכנ אנדערנ.

אינ דער „פאָרגעשריטענער" אייראָפּע איז דער **פאָרגעשריטענער** קלאַס **נאָר** דער פּראָלעטאַריאַט. אונ די לעבעדיקע בורזשואזיע איז גרייט אָפּ אלע ווילדקײַטנ, בעסטיאלישקײַטנ אונ פאַרברעכנס, כדי צו באַשיצנ די אומקומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפערײַ.

אונ עס איז א סאָפּעק, צי מע קאָנ ברענגענ א מער איבעראַשנדיקנ בײַשפּיל פונ דער דאָזיקער צעפוילונג פונ דער **גאַנצער** אייראָפּעיִשער בורזשואזיע, ווי דאָס, וואָס זי שטיצט די **רעאַקציע** אינ אזיע צוליב די אייגננוציקע צילנ פונ די פינאַנציעלע געשעפטמאַכער אונ שווינדלער קאַפּיטאַליסטנ.

אינ אזיע וואַקסט אומעטום, ברייטערט זיכ אונ ווערט פעסטער א מעכטיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונג. די בורזשואזיע גייט **נאָכ** דאָרט מיטנ פאָלק קעגנ דער

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 18־טנ מײַ 1913 יאָר אינ „פּראַוודאַ" נומ. 113 (317). **רעד.**

רעאַקציע. עס וואַכנ אופ צומ לעבנ, צו ליכט, צו פרײַהײַט הונדערטער מיליאָנען מענטשנ. וואָס פאַר אַנ אַנציקונג רופט אַרויס די דאָזיקע וועלט־באַוועגונג אינ די הערצער פונ אַלע באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וואָס ווייסנ, אַז דער וועג צומ קאָלעקטיוויזמ ליגט דורכ דעמאָקראַטיע! מיט וואָס פאַר אַ מיטגעפיל צו דער יונגער אַזיע זײַנענ דורכגעדרונגענ אַלע ערלעכע דעמאָקראַטנ!

אונ די „פאָרגעשריטענע“ אייראָפּע? זי באַראַבעוועט כינע אונ העלפט די סאָנימ פונ דעמאָקראַטיע, די סאָנימ פונ פרײַהײַט אינ כינע!

אָט איז אַנ איינפאַכער, אָבער באַלערנדיקער כעזשבנ. די נײַע כינעזישע האַלוואָע איז געמאַכט געוואָרנ קעגנ דער כינעזישער דעמאָקראַטיע: „אייראָפּע“ איז פאַר יואַנשיקײַנ, וואָס גרייט אַ מיליטערישע דיקטאַטור. פאַרוואָס איז זי פאַר אימ? צוליב אַ גינסטיק געשעפטל. די האַלוואָע איז געמאַכט געוואָרנ אָפּ אַ סומע בײַ 250 מיליאָנ רובל לויטנ קורס 84 פאַר 100. דאָס הייסט: די בורזשואַ פונ „אייראָפּע“ צאָלנ די כינעזער 210 מיליאָנ; אונ באַמ אָוילעמ נעמענ זיי 225 מיליאָנ רובל. אָט האָט איר מיטאַמאָל, אינ מעשעכ פונ עטלעכע וואָכנ אַ ריינעמ רעוועכ פונ 15 מיליאָנ רובל! ניט עמעס, דאָס איז טאַקע ווירקלעכ אַ „ריינער“ רעוועכ?

אונ אויב דאָס כינעזישע פאָלק וועט ניט אָנערקענענ די האַלוואָע? אינ כינע איז דאָכ אַ רעפּובליק, אונ די מערהײַט אינ פּאַרלאַמענט איז קעגנ דער האַלוואָע?

אָ, דעמלט וועט די „פאָרגעשריטענע“ אייראָפּע אָנהייבנ שרײַענ וועגנ „ציוויליזאַציע“, „אָרדענונג“, „קולטור“ אונ „פאָטערלאַנד“! דאַנ וועט זי אַ לאָז טאָנ האַרמאַטנ אונ וועט אינ בונד מיטנ אַוואַנטוריסט, פאַררעטער אונ פרײַנט פונ דער רעאַקציע יואַנשיקײַ דערשטיקנ די רעפּובליק פונ דער „אָפּגעשטאַנענער“ אַזיע!

די גאַנצע רעגירנדיקע אייראָפּע, די גאַנצע אייראָפּײַשע בורזשואַזיע געפינט זיכ אינ אַ בונד מיט אַלע קרעפטנ פונ דער רעאַקציע אונ מיטלאַלטער אינ כינע.

די גאַנצע יונגע אַזיע, דאָס הייסט די הונדערטער מיליאָנענ אַרבעטנדיקע אינ אַזיע האָבנ אָבער דערפאַר אַ זיכערנ פאַרבינדעטנ אינ געשטאַלט פונעמ פּראָלעטאַריאַט פונ אַלע ציוויליזירטע לענדער. קיינ שומ קראַפט אינ דער וועלט וועט ניט קאָנענ פאַרהאַלטנ זײַנ זיג, וואָס וועט באַפרײַענ אי די פעלקער פונ אייראָפּע אי די פעלקער פונ אַזיע.

וועגנ דעמ רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג[1]

דער נײַנטער פאַראַגראַפ פונ דער פּראָגראַמ פונ די רוסלענדישע מאַרקסיסטנ, וועלכער רעדט וועגנ דעמ רעכט פונ נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג, האָט די לעצטע צײַט (ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ אינ „פּראָסוועשטשעניע“ [2]) אַרויסגערופנ אַ גאַנצע קאַמפּאַניע פונ די אָפּאָרטוניסטנ. אי דער רוסישער ליקווידאַטאָר סעמקאָווסקי אינ דער פּעטערבורגער ליקווידאַטאָרישער צײַטונג, אי דער בונדאָווער ליבמאַנ, אי דער אוקראַינישער נאַציאָנאַל-סאָציאַל יורקעוויטש — זײַנענ אינ זייערע אָרגאַנענ אָנגעפאַלנ אַפ דעמ דאָזיקנ פאַראַגראַפ, טרעטירנדיק אימ מיט אַ מינע פונ דער גרעסטער גרינגשעצונג. עס איז קיינ צווייפל ניט, אַז דער דאָזיקער „אָנפאַל פונ די צוועלפ אומעס“ פונעמ אָפּאָרטוניזמ אַפ אונדזער מאַרקסיסטישער פּראָגראַמ איז ענג פאַרבונדנ מיט די איצטיקע נאַציאָנאַליסטישע וואַקלונגענ ביכלאַל. דעריבער מיינענ מיר, אַז ס'איז צײַט אויספירלעכ צו אַנאַליזירנ די אויפגעהויבענע פראַגע. מיר ווילנ נאָר באַמערקנ, אַז קיינ איינער פונ די אָנגערופענע אָפּאָרטוניסטנ האָט קיינ איינציקנ זעלבשטענדיקנ אַרגומענט ניט געבראַכט: אַלע כאַזערנ זיי בלויז איבער דאָס, וואָס עס האָט געזאָגט ראָזע לוקסעמבורג אינ 1908—1909 יאָר אינ איר לאַנגנ פּוילישנ אַרטיקל „די נאַציאָנאַלע פראַגע און אויטאָנאָמיע“. מיט די „אָריגינעלע“ אַרגומענטנ פונ אָט דעמ אויטאָר וועלנ מיר זיכ טאַקע רעכענענ אָפטער פונ אַלצ אינ אונדזער אַרטיקל.

1. וואָס איז אַזוינס זעלבסטבאַשטימונג פונ נאַציעס?

עס איז נאַטירלעכ, אַז די דאָזיקע פראַגע שטעלט זיכ קוידעמקאָל, בײַמ עס ווערנ געמאַכט פּרוּוונ מאַרקסיסטיש צו באַטראַכטנ די אַזויגערופענע זעלבסטבאַשטימונג. וואָס דאַרפ מענ פאַרשטיינ אונטער דעמ דאָזיקנ באַגריפ? צי דאַרפ מענ זוכנ אַנ ענטפער אינ יורידישע דעפיניציעס, וועלכע ווערנ אַרויסגעדרונגענ פונ קאָלערליי „אַלגעמיינע באַגריפנ“ פונ רעכט? אָדער מע דאַרפ זוכנ דעמ ענטפער אינעמ היסטאָריש-עקאָנאָמישנ שטודירנ די נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ?

---

[1] דער אַרטיקל איז אָנגעשריבנ אינ פעוורואַל 1914 יאָר. אָפּגעדרוקט אינ 1914 יאָר אינעמ זשורנאַל „פּראָסוועשטשעניע“ נומ. 4, 5, 6. רעד.

[2] זע ווערק, ב. XVII, ז. 129—159. רעד.

עס איז קיינ כידעש ניט, וואָס די הערנ סעמקאָווסקיס, ליבמאנס, יורקעוויטשעס איז גאָר אפילע ניט איינגעפאלנ צו שטעלנ די דאָזיקע פראגע, אונ זיי ווילנ זיכ אָפאטערנ פּאָשעט מיט א געלעכטערל מיקויעכ דער „אומקלאָרקייט“ פונ דער מארקסיסטישער פראָגראם. אינ זייער נאיווקייט ווייסנ זיי גאָר אפּאָנעם ניט, אז וועגנ דער זעלבסטבאשטימונג פונ נאציעס רעדט ניט נאָר די רוסלענדישע פראָגראם פונ 1903 יאָר, נאָר אויכ דער באשלוס פונעם לאָנדאָנער אינטערנאציאָנאלנ קאָנגרעס פונ 1896 יאָר (אויספירלעכ וועגנ דעם אינעם אנטשפרעכיקנ אָרט). א סאכ מער כידעש איז, וואָס ראָזע לוקסעמבורג, וועלכע דעקלאמירט אזויפיל וועגנ דער קלוימערשטער אבסטראקטקייט אונ מעטאפיזישקייט פונעם געגעבענעם פאראגראפ, איז אליינ ארייַנגעפאלנ גראָד אינ דעם דאָזיקנ כעט פונ אבסטראקטקייט אונ מעטאפיזישקייט. גראָד ראָזע לוקסעמבורג פארקריכט שטענדיק אינ אלגעמיינע כקירעס וועגנ זעלבסטבאשטימונג (ביז אפילע דעם גאָר קאָמישנ קלינגלענ זיכ וועגנ דעם, וויאזוי צו דערגיינ דעם ווילנ פונ דער נאציע) אונ שטעלט אינ ערגעץ ניט קלאָר אונ דייַטלעכ די פראגע, אינ וואָס עס באשטייט דער טאָכ פונעם איניענ: אינ יורידישע דעפיניציעס אָדער אינ דער דערפארונג פונ די נאציאָנאלע באוועגונגענ פונ דער גאנצער וועלט?

די פינקטלעכע שטעלונג פונ אָט דער פראגע, וואָס איז אומפארמייַדלעכ פאר א מארקסיסט, וואָלט גלייַכ צוניכט געמאכט נייַנ צענטל פונ ראָזע לוקסעמבורגס ארגומענטנ. נאציאָנאלע באוועגונגענ קומענ אופ ניט צום ערשטנ מאָל אינ רוסלאנד אונ ניט פאר רוסלאנד אליינ זייַנענ זיי כאראקטעריסטיש. אינ דער גאנצער וועלט איז די עפּאָכע פונ ענדגילטיקנ זיג פונעם קאפיטאליזם איבערנ פעאָדאליזם פארבונדנ געווענ מיט נאציאָנאלע באוועגונגענ. דער עקאָנאָמישער יעסאָד פונ די דאָזיקע באוועגונגענ באשטייט דערינ, וואָס פארנ פולשטענדיקנ זיג פונ דער סכוירעפראָדוקציע איז נייטיק, אז די בורזשואזיע זאָל דעראָבערנ דעם אינערלעכנ מארק, עס איז נייטיק, אז די טעריטאָריעס מיט א באפעלקערונג, וואָס רעדט אופ איינ שפראכ, זאָלנ זיכ מעלוכיש באהעפטנ, דערבייַ זאָלנ באזייַטיקט ווערנ די אלערליי מעניעס פאר דער אנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער שפראכ אונ פאר איר פארפעסטיקונג אינ דער ליטעראטור. די שפראכ איז דאָס וויכטיקסטע מיטל פונ מענטשלעכנ פארקער; די איינהייט פונ דער שפראכ אונ די אומגעשטערטע אנטוויקלונג אירע איז איינע פונ די וויכטיקסטע באדינגונגענ פאר א ווירקלעכ פרייַענ אונ ברייטנ האנדלס-אומזאץ, אזא, וואָס אנטשפרעכט דעם מאָדערנעם קאפיטאליזם, פאר א פרייַער אונ ברייטער גרופירונג פונ דער באפעלקערונג לויט אלע באזונדערע קלאסנ, ענדלעכ — א באדינג פאר אנ ענגנ צוזאמענבונד פונעם מארק מיט יעדנ איינעם גרויסנ אָדער קליינעם אונטערנעמער, מיטנ פארקויפער אונ מיטנ קוינע.

די אויסבילדונג פונ נ א צ י אָ נ א ל ע מ ע ל ו כ ע ס, וואָס באפרידיקנ אמערסטנ די דאָזיקע פאָדערונגענ פונעם מאָדערנעם קאפיטאליזם, איז דעריבער די טענדענצ (שטרעבונג) פונ יעדער נאציאָנאלער באוועגונג. די טיפסטע עקאָנאָמישע פאקטאָרנ שטויסנ דערצו, אונ פאר גאנצ מערעוו-אייראָפע — נאָכ מער: פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט — איז דעריבער אינעם קאפיטאליסטישנ פעריאָד ט י פ י ש, נאָרמאל א נאציאָנאלע מעלוכע.

הייסט עס, אויב מיר ווילנ פארשטיינ די באדײַטונג פונ דער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס אונ ניט שפילנ זיכ אינ קיינ יורידישע דעפיניציעס, ניט „פארפאסנ“ קיינ אבסטראקטע דעפיניציעס, נאָר אנאליזירנ די היסטאָריש-עקאָנאָמישע באדינגונגענ פונ די נאציִאָנאלע באוועגונגענ, וועלנ מיר אומפארמײַדלעכ קומענ צומ אויספיר: אונטער זעלבסטבאשטימונג פונ נאציעס דארפ מענ פארשטיינ דאָס מעלוכישע אָפטיילנ זיכ זייערס פונ פרעמד-נאציִאָנאלע קאָלעקטיווג, דארפ מענ פארשטיינ די אויסבילדונג פונ א זעלבשטענדיקער נאציִאָנאלער מעלוכע.

מיר וועלנ ווײַטער זענ אויכ אנדערע סיבעס, פארוואָס עס וואָלט ניט ריכטיק געווענ צו פארשטיינ אונטערנ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג עפעס אנדערש, אכוץ דעמ רעכט אפ באזונדערער מעלוכישער עקזיסטענצ. איצט אָבער דארפנ מיר זיכ אָפשטעלנ אפ דעמ, ווי אזוי ראָזע לוקסעמבורג האָט געפרווט „אָפּאטערנ זיכ“ פונעמ אומפארמײַדלעכנ אויספיר וועגנ די טיפע עקאָנאָמישע גרונטנ פונ די שטרעבונגענ צו א נאציִאָנאלער מעלוכע.

ראָזע לוקסעמבורג ווייסט אויסגעצייכנט קאוטסקים בראָשור „נאציִאָנאליטעט אונ אינטערנאציִאָנאליטעט“ (בײַלאגע צו «Neue Zeit», נומ. 1, 1907—1908; רוסישע איבערזעצונג אינעמ זשורנאל „נאוטשנאיא מיסל“, ריגע 1910). זי ווייסט, אז נאָכ דעמ ווי קאוטסקי האָט אינ §4 פונ דער דאָזיקער בראָשור אויספירלעכ אנאליזירט די פראגע וועגנ דער נאציִאָנאלער מעלוכע, איז ער געקומענ צומ אויספיר, אז אָטאָ באוער „ד ע ר ש א צ ט נ י ט די קראפט פונ דער שטרעבונג צו שאפנ א נאציִאָנאלע מעלוכע“ (ז. 23 פונ דער ציטירטער בראָשור). ראָזע לוקסעמבורג ציטירט אליינ קאוטסקיס ווערטער: „די נאציִאָנאלע מעלוכע איז די מעלוכע-פאָרמ, וועלכע א נ ט ש פ ר ע כ ט א מ ע ר ס ט נ די מאָדערנע“ (דה. די קאפיטאליסטישע, ציוויליזירטע, עקאָנאָמיש-פראָגרעסיווע צומ אונטערשייד פונ די מיטלאלטערלעכע, פאָר-קאפיטאליסטישע אונ אנד.) „באדינגונגענ, דאָס איז די פאָרמ, אינ וועלכער זי קאָנ גרינגער פונ אלצ אויספילנ אירע אויפגאבנ“ (דה. די אויפגאבנ פונ דער סאמע פרײַער, ברייטער אונ גיכער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ). דערצו דארפ מענ צוגעבנ קאוטסקיס נאָכ מער פינקטלעכע שלוס-באמערקונג, אז די נאציִאָנאל-פילפארביקע מעלוכעס (די אזוי גערופענע נאציִאָנאליטעטנ-מעלוכעס צומ אונטערשייד פונ די נאציִאָנאלע מעלוכעס), זײַנענ „שטענדיק מעלוכעס, וואָס זייער אינעווייניקסטע סטרוקטור איז צוליב די אָדער אנדערע סיבעס פארבליבנ א ניט נאָרמאלע אָדער א ניט אינגאנצנ אנטוויקלטע“ (אנ אָפגעשטאנענע). זעלבסטפארשטענדלעכ, אז קאוטסקי רעדט וועגנ אומנאָרמאלקײַט אויסשליסלעכ אינעמ זינענ פונ ניט אנטשפרעכיקײַט צו דעמ, וואָס עס איז אמערסטנ צוגעפאסט צו די פאָדערונגענ פונעמ זיכ אנטוויקלענדיקנ קאפיטאליזמ.

פרעגט זיכ איצט, ווי אזוי זשע האָט זיכ ראָזע לוקסעמבורג באצויגנ צו אָט די היסטאָריש-עקאָנאָמישע אויספירנ קאוטסקים? צי זײַנענ זיי ריכטיק אָדער ניט ריכטיק? צי איז גערעכט קאוטסקי מיט זײַנ היסטאָריש-עקאָנאָמישער טעאָריע אָדער באוער, וואָס זײַנ טעאָריע איז, אינ איר יעסאָד, א פסיכאָלאָגישע? אינ וואָס באשטייט דער צוזאמענהאנג צווישנ דעמ בעפיירעשנ „נאציִאָנאלנ אָפּאָרטוניזמ“ בא באוערנ, צווישנ זײַנ פארטיידיקנ די קולטור-נאציִאָנאלע אווטאָנאָמיע, זײַנע נאציִאָנא-

ליסטישע שװאכקײַטנ („װו-ניט-װו א באַרשטארקונג פונעמ נאציאָנאלנ מאָמענט", װי קאוטסקי האָט זיכ אויסגעדריקט), זײַנ „קאָלאָסאלנ מעגאזועמ זײַנ דעמ נאציאָנאלנ מאָמענט אונ פולשטענדיקנ פארגעסנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ מאָמענט" (קאוטסקי), מיט זײַנ ניט דערשאצנ די קראפט פונ דער שטרעבונג צו שאפנ א נאציאָנאלע מעלוכע?

ראָזע לוקסעמבורג האָט אפילע ניט געשטעלט די דאָזיקע פראגע. זי האָט ניט באמערקט דעמ דאָזיקנ צוזאמענהאנג. זי האָט זיכ ניט ארײַנגעטראכט אינ דעמ גאנצנ פונ באוערס טעאָרעטישע אָנשװיונגענ. זי האָט גאָר אפילע ניט אנטקעגנגעשטעלט די היסטאָריש-עקאָנאָמישע אונ די פסיכאָלאָגישע טעאָריע אינ דער נאציאָנאלער פראגע. זי האָט זיכ באגרענעצט מיט פאָלגנדיקע באמערקונגענ קעגנ קאוטסקינ:

„...די דאָזיקע „בעסטע" נאציאָנאלע מעלוכע איז בלויז אנ אבסטראקציע, װאָס לאָזט זיכ לײַכט טעאָרעטיש אנטװיקלענ אונ טעאָרעטיש פארטײַדיקנ, אָבער װאָס אנטשפּרעכט ניט דער װירקלעכקײַט" („Przegląd Socjal-Demokratyczny")[1] 1908, נומ. 6, ז. 499).

אונ קעדײַ צו באשטעטיקנ די דאָזיקע קאטעגאָרישע דערקלערונג, גײענ װײַטער בקירעס, אז די אנטװיקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע גרויסמאכטנ אונ דער אימפּעריאליזמ מאכנ פאר אילוזאָריש „דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג" פונ די קלײנע פעלקער. „קאָנ מענ דענ ערנסט ריידנ, — שרײַבט אויס ראָזע לוקסעמבורג, — װעגנ דער „זעלבסטבאשטימונג" פונ די פאָרמעל אומאָפּהענגיקע מאָנטענעגראָער, באָלגארנ, רומענער, סערבנ, גריכנ, טײלװײַז אפילע פונ די שװײצער, װאָס זײער אומאָפּהענגיקײַט איז אלײנ א פּראָדוקט פונ פּאָליטישנ קאמפ אונ דיפּלאָמאטישער שפּיל פונעמ „אײראָפּײַישנ קאָנצערט"?!" (ז. 500). אמבעסטנ אנטשפּרעכט די באדינגונגענ „ניט קײנ נאציאָנאלע מעלוכע, װי עס האלט קאוטסקי, נאָר א רויבערישע מעלוכע". עס װערנ געבראכט עטלעכע צענדליק ציפערנ װעגנ דער גרייס פונ די קאָלאָניעס, װעלכע געהערנ ענגלאנד, פראנקרײַכ אונ אנד.

װענ מע לײענט אזעלכע מינע בקירעס, מוז מענ פארװוּנדערט װערנ פונעמ אוװאָרמ פײַיקײַט ניט צו פארשטײנ װ אָ ס - װ ע ר - װ ע מ ע נ! מאכנ א סאָלידע מינע אונ אײַנקנעלנ מיט קאוטסקינ, אז די קלײנע מעלוכעס זײַנענ עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פונ די גרויסע; אז צװישנ די בורזשואזע מעלוכעס גײט א קאמפ פאר רויבעריש צו דערשטיקנ אנדערע נאציעס; אז עס עקזיסטירט אימפּעריאליזמ אונ קאָלאָניעס, — דאָס איז עפּעס א מינ לעכערלעכ, קינדעריש קליגלענ זיכ, װײַל צומ איניענ האָט דאָס אלצ אפילע די מינדסטע שײַכעס ניט. ניט נאָר קלײנע מעלוכעס, נאָר אפילע רוסלאנד, לעמאָשל, איז אינגאנצנ עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פונ דער מאכט פונעמ אימפּעריאליסטישנ פינאנצ-קאפּיטאל פונ די „רײַכע" בורזשואזע לענדער. ניט נאָר די באלקאנישע מיניאטורע מעלוכעס, נאָר אפילע אמעריקע איז אינ XIX יאָרהונדערט עקאָנאָמיש געװענ א קאָלאָניע פונ אײראָפּע, װי מארקס האָט נאָכ אָנגעװיזנ אינ „קאפּיטאל". דאָס אלצ איז, פארשטײט זיכ, קאוטסקינ אונ יעדנ מארקסיסט אויסגעצײכנט באװוּסט, אָבער צו דער פראגע װעגנ די נאציאָנאלע באװעגונגענ אונ װעגנ דער נאציאָנאלער מעלוכע קלעפּט זיכ דאָס פונקט װי אנ ארבעס צו דער װאנט.

[1] „סאָציאל-דעמאָקראטישער איבערזיכטלער". רעד.

די פראגע וועגנ דער פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג פונ די נאציעס אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט, וועגנ זייער מעלוכישער זעלבשטענדיקייט, האָט ראָזע לוקסעמבורג פאַלש פאַרביטנ אפ דער פראגע וועגנ זייער עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט אונ אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז פּונקט אזוי קלוג, ווי ווענ א מענטש, וועלכער באַהאנדלט די פּראָגראמ־פּאָדערונג וועגנ דער אויבערמאכט פונעמ פּאַרלאמענט, ד.ה. פונ דער פאַרזאמלונג פונ פּאָלקס־פארטרעטער, אינ א בורזשואזער מעלוכע, וואָלט זיכ גענומענ ארויסזאָגנ זייַנ גאנצ ריכטיקע איבערצייַגונג וועגנ דער אויבערמאכט פונעמ גרויס־קאפּיטאל בא יעטווידער אָרדענונג פונ א בורזשואז לאנד.

עס איז קיינ ספק ניט, אז דער גרעסטער טייל פונ אזיע, פונעמ סאמע באַפעלקערטנ טייל פונ דער וועלט, געפינט זיכ אינ דער לאגע אָדער פונ קאָלאָניעס פונ די „גרויסמאכטנ" אָדער פונ מעלוכעס, וואָס זייַנענ נאציאָנאל ביז גאָר אָפּהענגיק אונ אונטערדריקט. צי וועט אָבער דער דאָזיקער אלגעמיינ באַוווּסטער אומשטאנד כאָטש וויפל־ניט־איז א וואקל טאָנ דעמ אינגאנצנ זיכערנ פאקט, אז אינ אזיע גופע זייַנענ באַדינגונגענ פאַר דער סאמע פולער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע, פארנ סאמע פרייַענ, ברייטנ אונ גיכנ וווּקס פונעמ קאפּיטאליזמ געשאפנ געוואָרנ נאָר אינ יאפּאָניע, ד.ה. נאָר אינ א זעלבשטענדיקער נאציאָנאלער מעלוכע? די דאָזיקע מעלוכע איז א בורזשואזע, אונ דעריבער האָט זי אליינ אָנגעהויבנ אונטערדריקנ אנדערע נאציעס אונ פאַרשקלאַפנ קאָלאָניעס; מיר ווייסנ ניט, צי וועט אזיע, ביזנ קראכ פונעמ קאפּיטאליזמ, באַוויַזנ אויסצובילדנ זיכ אינ א סיסטעמ פונ זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכעס, ענלעכ צו אייראָפּע. עס פאַרבלייַבט אָבער אינגאנצנ זיכער, אז נאָכ דעמ ווי דער קאפּיטאליזמ האָט אויפגעוועקט אזיע, האָט ער אויכ דאָרט אומעטומ ארויסגערופנ נאציאָנאלע באַוועגונגענ, אז די טענדענצ פונ די דאָזיקע באַוועגונגענ איז צו שאפנ נאציאָנאלע מעלוכעס אינ אזיע, אז די סאמע בעסטע באַדינגונגענ פאַר דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ זיכערנ גראָד אזעלכע מעלוכעס. דער בייַשפּיל פונ אזיע רעדט *פאַר* קאוטסקינ, *קעגנ* ראָזע לוקסעמבורג.

דער בייַשפּיל פונ די באלקאנישע מעלוכעס רעדט אויכ קעגנ איר, ווייַל יעדער זעט איצט, אז די סאמע בעסטע באַדינגונגענ פאַר דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אפ די באלקאנענ ווערנ געשאפנ גראָד אפ אזויפיל, אפ וויפל אפ דעמ דאָזיקנ האלב־אינדזל ווערנ געשאפנ זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכעס.

הייסט עס, אז סיי דער בייַשפּיל פונ דער גאנצער פּראָגרעסיווער ציוויליזירטער מענטשהייַט, סיי דער בייַשפּיל פונ די באלקאנענ, סיי דער בייַשפּיל פונ אזיע דערוויַזנ, — טראָצ ראָזע לוקסעמבורג, — אז קאוטסקיס האנאָכע איז פולשטענדיק ריכטיק: א נאציאָנאלע מעלוכע איז א קלאל אונ א „נאָרמע" פונעמ קאפּיטאליזמ, א מעלוכע א נאציאָנאל־פאַרשיידנפאַרביקע באַטייַט — אָפּגעשטאנענקייַט אָדער אנ אויסנאמ. פונעמ שטאנדפּונקט פונ די נאציאָנאלע באַציונגענ שאפט די בעסטע באַדינגונגענ פאַר דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ, אָנ ספק, די נאציאָנאלע מעלוכע. דאָס באַטייַט ניט, פאַרשטייט זיכ, אז אזא מעלוכע זאָל, אפנ באָדנ פונ די בורזשואזע פאַרהעלטענישנ, קאָנענ אויסשליסנ דאָס עקספּלואטירנ אונ אונטערדריקנ נאציעס. דאָס באַטייַט בלויז, אז מארקסיסטנ קאָנענ ניט איגנאָרירנ די מעכטיקע

עקאָנאָמישע פאקטאָרנ, וואָס רופנ ארויס די שטרעבונג צו שאפנ נאציאָנאלע מעלוכעס. דאָס באטײַט, אז די „זעלבסטבאשטימונג פונ נאציעס" קאָנ *ניט* האָבנ אינ א פראָגראם פונ מארקסיסטנ, פונ היסטאָריש-עקאָנאָמישנ שטאנדפונקט, קיינ אנדער באדײַטונג, אכוץ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג, מעלוכישער זעלבשטענדיקײַט, אויסבילדונג פונ א נאציאָנאלער מעלוכע.

מיט וואָס פארא באדינגונגענ מע דארפ פונ מארקסיסטישנ, ד.ה. פונ פראָלעטארישנ קלאסנ-שטאנדפונקט, פארבינדנ דאָס שטיצנ די בורזשואז-דעמאָקראטישע פאָדערונג פונ א „נאציאָנאלער מעלוכע", וועגנ דעמ וועט אויספירלעכ גוזאָגט ווערנ ווײַטער. איצט באגרענעצנ מיר זיכ מיטנ דעפינירנ דעמ *באגריפ* „זעלבסטבאשטימונג" אונ דארפנ נאָכ בלויז פארצייכענענ, אז ראָזע לוקסעמבורג *ווייסט* וועגנ דעמ אינהאלט פונעמ דאָזיקנ באגריפ („נאציאָנאלע מעלוכע"), אינ דער צײַט, ווענ אירע אָפּאָרטוניסטישע אָנהענגער, די ליבמאנס, סעמקאָווסקיס, יורקעוויטשעס, *ווייסנ אפילע דאָס אויכ ניט*!

2. די היסטאָרישע קאָנקרעטע שטעלונג פונ דער פראגע

די מארקסיסטישע טעאָריע פאָדערט אומבאדינגט, אז באם אנאליזירנ א וועלכע-ניט-איז סאָציאלע פראגע זאָל די דאָזיקע פראגע געשטעלט ווערנ אינ *באשטימטע* היסטאָרישע ראמענ, אונ דערנאָכ, אויב עס האנדלט זיכ וועגנ איינ לאנד (לעמאָשל, וועגנ א נאציאָנאלער פראָגראם פארנ געגעבענעמ לאנד), זאָל מענ נעמענ אינ אכט די קאָנקרעטע באזונדערהײַטנ, וואָס שיידנ אונטער דאָס דאָזיקע לאנד פונ די איבעריקע אינ די ראמענ פונ איינ אונ דער זעלביקער היסטאָרישער עפּאָכע.

וואָס באטײַט אָט די אומבאדינגטע פאָדערונג פונעמ מארקסיזמ אינ דער אָנווענדונג צו אונדזער פראגע?

קודעמקאָל באטײַט זי, אז מע מוז שטרענג פאנאנדערטיילנ צוויי ראדיקאל פארשיידענע, פונעמ שטאנדפונקט פונ די נאציאָנאלע באוועגונגענ, עפּאָכעס פונעמ קאפּיטאליזמ. פונ איינ זײַט, איז דאָס די עפּאָכע פונעמ קראכ פונ פעאָדאליזמ אונ אבסאָליוטיזמ, די עפּאָכע, ווענ עס בילדנ זיכ אויס די בורזשואז-דעמאָקראטישע געזעלשאפט אונ די מעלוכע, ווענ די נאציאָנאלע באוועגונגענ ווערנ צומ ערשטנ מאָל מאסנ-באוועגונגענ, ציִענ ארײַנ אינ דער פאָליטיק אזוי אָדער אנדערש *אלע* קלאסנ פונ דער באפעלקערונג דורכנ דער פרעסע, דורכנ באטייליקנ זיכ אינ די פארטרעטונגס-אינסטיטוציעס אאוו. פונ דער אנדערער זײַט, האָבנ מיר פאר זיכ אנ עפּאָכע פונ פולשטענדיק אויסגעבילדעטע קאפּיטאליסטישע מעלוכעס, מיט א פונ לאנג שוינ אײַנגעשטעלטער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג, מיט א שטארק אנטוויקלטנ אנטאגאָניזמ צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דער בורזשואזיע, — אנ עפּאָכע, וועגנ וועלכער מע וואָלט געקאָנט זאָגנ, אז זי איז דער ערעוו פונעמ קראכ פונעמ קאפּיטאליזמ.

פאר דער ערשטער עפּאָכע איז טיפּיש די אויפוואכונג פונ די נאציאָנאלע באוועגונגענ; אינ די דאָזיקע באוועגונגענ ווערט ארײַנגעצויגנ דאָס פויערטומ אלס סאמע פילצאָליקער שיכט פונ דער באפעלקערונג, וועלכנ עס איז אמ ערגסטנ „שווער צו רירנ

פונעמ אָרט“; דאָס קומט פאָר אינ צוזאמענהאנג מיטנ קאמפ פאר פּאָליטישער פרײַהײט ביכלאל אונ פאר די רעכט פונ דער נאציאָנאליטעט ביפראט. פאר דער צװײטער עפּאָכע איז טיפּיש די אָפּװעזנהײט פונ בורזשואז־דעמאָקראטישע מאסנ־באװעגונגענ, װענ דער אנטװיקלטער קאפּיטאליזמ דערנעענטערט אלצ מער אונ מישט צונויפ די נאציעס, װאָס זײַנענ שױנ אינגאנצנ ארײַנגעצױגנ אינ האנדלס־אומזאצ, אונ אזױארומ שטעלט ער אינ פאָדערגרונט דעמ אנטאגאָניזמ צװישנ דעמ אינטערנאציאָנאל צונויפגעגאָסענעמ קאפּיטאל מיט דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באװעגונג.

אָט די בײדע עפּאָכעס זײַנענ, פארשטײט זיכ, ניט אָפּגעטײלט אײנע פונ דער אנדערער מיט קײנ װאנט, נאָר זײַנענ פארבונדנ דורכ פילצאָליקע איבערגאנגס־ריײגענ; פארשײדענע לענדער שײדנ זיכ נאָכ דערבײַ אונטער מיט דער גיכקײט פונ דער נאציאָנאלער אנטװיקלונג, מיטנ נאציאָנאלנ באשטאנד פונ דער באפעלקערונג, מיט איר געאָגראפישער פארטײלונג אאװ. אדג. עס קאָנ גאָר קײנ רײד ניט זײַנ װעגנ דעמ, אז מע זאָל צוטרעטנ צו דער נאציאָנאלער פראָגראמ פונ די מארקסיסטנ פונעמ געגעבענעמ לאנד, ניט נעמענדיק אינ אכט אָט די אלע אלגעמײנ־היסטאָרישע אונ קאָנקרעט־מעלוכישע באדינגונגענ.

אונ אָט דאָ שטויסנ מיר זיכ גראָד אָנ אפנ שװאכסטנ אָרט אינ ראָזע לוקסעמבורגס ארגומענטאציע. אויסערגעװײנלעכ פלײַסיק באפוצט זי איר ארטיקל מיט א בוקעט פונ „שארפע“ װערטלעכ קעגנ דעמ §9 פונ אונדזער פראָגראמ, זי דערקלערט אימ פאר אנ „אלגעמײנער פראזע“, פאר א „שאבלאָנ“, פאר א „מעטאפיזישער פראזע“ אונ אזױ װײַטער אָנ א סאָפ. עס װאָלט נאטירלעכ געװענ צו ריכטנ זיכ, אז א שרײַבערנ, װאָס פארורטײלט אזױ אויסגעצײכנט די מעטאפיזיק (אינ מארקסיסטישנ זינענ, דה. די אנטידיאלעקטיק) אונ פוסטע אבסטראקציעס, װעט אונדז געבנ א מוסטער פונ קאָנקרעט־היסטאָרישער באטראכטונג פונ דער פראגע. עס האנדלט זיכ װעגנ דער נאציאָנאלער פראָגראמ פונ די מארקסיסטנ פונ אײנ באשטימטנ לאנד, פונ רוסלאנד, פונ אײנ באשטימטער עפּאָכע, פונעמ אָנהײב XX יאָרהונדערט. װאָרשײַנלעכ, שטעלט טאקע ראָזע לוקסעמבורג די פראגע װעגנ דעמ, װאָס פאר א היסטאָרישע עפּאָכע לעבט איבער רוסלאנד, װאָס פאר א קאָנקרעטע באזונדערהײטנ האָט די נאציאָנאלע פראגע אונ די נאציאָנאלע באװעגונגענ פונעמ געגעבענעמ לאנד אינ דער געגעבענער עפּאָכע?

נײנ, װעגנ דעמ זאָגט ראָזע לוקסעמבורג אבסאָליוט גאָרנישט! אפילע קײנ סימענ פונ אנ אנאליז פונ דער פראגע, װיאזױ די נאציאָנאלע פראגע שטײט אינ רוסלאנד אינ דער געגעבענער היסטאָרישער עפּאָכע, װעגנ די באזונדערהײטנ פונ רוסלאנד אינ דער געגעבענער הינזיכט, — װעט איר בײַ איר ניט געפינענ!

מע זאָגט אונדז, אז די נאציאָנאלע פראגע װערט אפ די באלקאנענ געשטעלט אנדערש אײדער אינ אירלאנד, אז מארקס האָט אזױ אונ אזױ אָפּגעשאצט די פױלישע אונ טשעכישע נאציאָנאלע באװעגונג אינ די קאָנקרעטע באדינגונגענ פונ 1848 יאָר (א זײַטל ציטאטעס פונ מארקסנ), אז ענגעלס האָט אזױ אונ אזױ אָפּגעשאצט דעמ קאמפ פונ די װאלד־קאנטאָנענ אינ דער שװײצ קעגנ עסטרײַכ אונ די

שלאכט בא מאָרגארטענ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1315 יאָר (א זײַטל ציטאטעס פונ ענגעלסנ מיט אנ אנטשפּרעכיקנ קאָמענטאר פונ קאוטסקינ), אז לאסאל האָט געהאלטנ דעמ פויערימ-קריג אינ דײַטשלאנד אינ XVI יאָרהונדערט פאר א רעאקציאָנערנ אקט.

מע קאָנ ניט זאָגנ, אז די דאָזיקע באמערקונגענ אונ ציטאטעס זאָלנ זײַנ שפּאָגל-נײַ. דעמ לייענער איז אָבער, אלנפאלס, אינטערעסאנט נאָכאמאָל אונ נאָכאמאָל צו דערמאָנענ זיכ, וויאזוי נעמלעכ מארקס, ענגעלס אונ לאסאל פלעגנ צוגײנ צומ אנאליז פונ קאָנקרעט-היסטאָרישע פראגנ פונ איינצלנע לענדער. אונ בײמ דו לייענסט איבער די באלערעוודיקע ציטאטעס פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ, זעסטו באזונדערס אָנשוילעכ, אינ וואָס פאר א לעכערלעכער לאגע עס האָט זיכ געשטעלט ראָזע לוקסעמבורג. מעליצעדיק אונ בײַז פארדיקט זי די נײַטיקײַט פונ א קאָנקרעט-היסטאָרישנ אנאליז פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ פארשיידענע לענדער אינ פארשיידענע צײַטנ—אונ מאכט ניט דעמ מינדסטנ פּרווו צו באשטימענ, וואָס זשע פאר א היסטאָרישע אנטוויקלונגס-סטאדיע פונעמ קאפּיטאליזמ לעבט איבער רוסלאנד אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט, אינ וואָס באשטייענ די באזונדערהײַטנ פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינעמ דאָזיקנ לאנד. ראָזע לוקסעמבורג באווײַזט בײַשפּילנ, וויאזוי אנדערע האָבנ מארקסיסטיש באהאנדלט די פראגע, פּונקט ווי בעקיוונ אונטערשטרײַכנדיק דערמיט, וויאזוי מע פלאסטערט אָפטמאָל אויס דעמ גענעמ מיט פרומע ווונטשנ, וויאזוי מע פארשלייערט מיט גוטע אייצעס דאָס ניט וועלנ אָדער ניט קענענ אויסנוצנ די דאָזיקע אייצעס אינ דער ווירקלעכקײַט.

אָט איז איינער פונ די באלערעוודיקע פארגלײַכנ. ראָזע לוקסעמבורג טרעט ארויס קעגנ דעמ לאָזונג — אומאָפּהענגיקײַט פונ פּוילנ אונ פארופט זיכ אפ איר ווערק פונ 1893 יאָר, וואָס האָט דערוויזנ די גיכע „אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פונ פּוילנ" אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָפּזעצנ זײַנע פאבריק-פּראָדוקטנ אינ רוסלאנד. עס איז איבעריק צו ריידנ, אז דערפונ איז נאָכ אבסאָליוט גאָרנישט ניט געדרונגענ בענוגע דער פראגע וועגנ דעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג, אז דערמיט איז בלויז דערוויזנ, אז עס איז פארשווונדנ דאָס אלטע שליאכטישע פּוילנ, אאוו. ראָזע לוקסעמבורג גייט אָבער קעסיידער אומבאמערקט אריבער צו דעמ אויספיר, אז צווישנ די פאקטאָרנ, וואָס פארייניקנ רוסלאנד מיט פּוילנ, פּרעוואלירנ שוינ איצט קלוימערשט די ריינ עקאָנאָמישע פאקטאָרנ פונ די מאָדערנ-קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ.

נאָר אָט גייט אונדזער ראָזע אריבער צו דער פראגע וועגנ אויטאָנאָמיע, אונ כאָטש איר ארטיקל הייסט „די נאציאָנאלע פראגע אונ אויטאָנאָמיע" ביכלאל, הייבט זי אָנ דערווײַזנ דאָס אויסשליסלעכע רעכט פונעמ קיניגרײַכ פּוילנ אפ אויטאָנאָמיע (זע וועגנ דעמ „פּראָסוועשטשעניע" פונ 1913 יאָר, נומ. 12[1]). קעדיי צו באשטעטיקנ דאָס רעכט פונ פּוילנ אפ אויטאָנאָמיע, כאראקטעריזירט ראָזע לוקסעמבורג די מעלוכע-אָרדענונג פונ רוסלאנד לויט סימאָנימ, קענטיק, אי עקאָנאָמישע, אי פּאָליטישע, אי שטייגערישע, אי סאָציאָלאָגישע — א קאָמפּלעקס פונ

[1] זע ווערק, ב. XVII, ז. 129—159. רעד.

שטריכנ, וואָס גיבנ אינ דער סומע דעמ באגריפ פונ „אזיאטישנ דעספאָטיזמ“ (נומ. 12 פונ „Przegląd“, ז. 137).

אלע ווייסנ, אז אזא מינ מעלוכע-אָרדענונג פארמאָגט זייער גרויסע פעסטקייט אינ די פאלנ, ווענ אינ דער עקאָנאָמיק פונעמ געגעבענעמ לאנד פרעוואלירנ אינגאנצנ פאטריארכאלע, פאָר-קאפיטאליסטישע שטריכנ און די סכוירע-ווירטשאפט און קלאסנ-דיפערענצירונג זיינענ אנטוויקלט אינ א נישטיקער מאָס. אויב אָבער אינ אזא לאנד, ווו די מעלוכע-אָרדענונג צייכנט זיכ אויס מיט א שארפ פאָר-קאפיטאליסטישנ כאראקטער, עקזיסטירט א נאציאָנאל-אָפגעגרענעצטער געביט מיט א גיכער אנט-וויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, איז וואָס גיכער עס גייט די דאָזיקע קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג, אלצ שטארקער איז דער ווידערשפרוכ צווישנ איר און דער פאָר-קאפיטאליסטישער מעלוכע-אָרדענונג, אלצ ווארשיינלעכער איז, אז דער דאָזיקער פאָר-געשריטענער געביט זאָל זיכ אָפטיילנ פונעמ גאנצנ, — אָט דער געביט, וואָס איז פארבונדנ מיטנ גאנצנ ניט דורכ „מאָדערנ-קאפיטאליסטישע“, נאָר דורכ „אזיאטיש-דעספאָטישע“ פארבינדונגענ.

ראָזע לוקסעמבורג האָט אזויארומ אבסאָליוט ניט צונויפגעבונדנ אייג געדאנק מיטנ אנדערנ אפילע אינ דער פראגע וועגנ דער סאָציאלער סטרוקטור פונ דער מאכט אינ רוסלאנד אינ באצוג צומ בורזשואזנ פוילנ; די פראגע ווידער וועגנ די קאָנקרעט-היסטאָרישע באזונדערהייטנ פונ די נאציאָנאלע באוועגונגענ אינ רוסלאנד האָט זי גאָר אפילע ניט געשטעלט.

אָט אפ דער דאָזיקער פראגע דארפנ מיר זיכ טאקע אָפשטעלנ.

3. די קאָנקרעטע באזונדערהייטנ פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ רוסלאנד און די בורזשואז-דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונג פונ רוסלאנד

„...ניט געקוקט אפ דער עלאסטישקייט פונעמ פרינציפ „רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג“, וואָס איז בעפיירעש אנ אלגעמיינע פראזע, וועלכע לאָזט זיכ, קענטיק, אינ א גלייכער מאָס אָנווענדנ ניט נאָר צו די פעלקער, וואָס לעבנ אינ רוסלאנד, נאָר אויכ צו די נאציעס, וואָס לעבנ אינ דייטשלאנד און עסטרייכ, אינ דער שווייצ און אינ שוועדנ, אינ אמעריקע און אווסטראליע, געפינענ מיר אימ ניט אינ קיינ איינ פראָגראמ פונ די איצטיקע סאָציאליסטישע פארטייענ“ („Przegląd“ נומ. 6, ז. 483).

אזוי שרייבט ראָזע לוקסעמבורג אינ אָנהייב פונ איר מארש קעגנ דעמ §9 פונ דער מארקסיסטישער פראָגראמ. טייענדיק, אז מיר באנעמענ קלוימערשט דעמ דאָ-זיקנ פונקט פונ דער פראָגראמ, ווי א „בעפיירעש אלגעמיינע פראזע“, באגייט גראָד ראָזע לוקסעמבורג אליינ טאקע דעמ דאָזיקנ כעט, ווענ זי דערקלערט מיט קאָמישער דרייסטקייט, אז קלוימערשט דער דאָזיקער פונקט לאָזט זיכ, „קענטיק, אינ א גלייכער מאָס אָנווענדנ“ צו רוסלאנד, דייטשלאנד אאוו.

קענטיק, — וועלנ מיר ענטפערנ, — אז ראָזע לוקסעמבורג האָט באשלאָסנ צו געבנ אינ איר ארטיקל א זאמלונג פונ לאָגישע פעלערנ, וואָס טויגנ פאר גימנאזיס-

טישע שול-איבונגענ. װײל ראָזע לוקסעמבורגס טיראַדע איז דורכויס אַנ אבסורד אונ כויזעק איבער דער היסטאָריש-קאָנקרעטער שטעלונג פונ דער פראַגע.

אויב מע זאָל די מארקסיסטישע פראָגראַם אויסטײטשנ ניט אפ א קינדערשנ, נאָר אפ א מארקסיסטישנ אופנ, איז גאָר ניט שווער אָנצושטויסנ זיכ, אז זי איז נעגייע די בורזשואז-דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ. וויבאלד דאָס איז אזוי — אונ דאָס איז, אָנ ספּעק, אזוי, — איז פונראַנענ „קענטיק“, אז די דאָזיקע פראָגראַם איז נעגייע „ביכלאל“, אלס „אלגעמיינע פראַזע“ אאוו., אלע פאלנ פונ בורזשואז-דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ. ווענ ראָזע לוקסעמבורג זאָל זיכ געווענ כאָטש א ביסעלע אריינטראַכטנ, וואָלט פאר איר אויכ ניט ווייניקער קענטיק געווענ דער אויספיר, אז אונדזער פראָגראַם איז נעגייע ב ל ו י ז די פאלנ, ווענ אזא באַוועגונג איז פאראַנ.

ווענ ראָזע לוקסעמבורג זאָל געווענ א טראַכט געבנ איבער די דאָזיקע באַשײמ-פערלעכע מאָטיוונ, וואָלט זי אָנ באַזונדערער מי דערזענ, וואָס פאר אַנ אבסורד זי האָט געזאָגט. זי באַשולדיקט א ו נ ד ז, אז מיר טראָגנ אונטער אַנ „אלגעמיינע פראַ-זע“, אונ ברענגט קעגנ א ו נ ד ז אזא מינ ארגומענט, אז ווענג דער זעלבסטבאַשטי-מונג פונ די נאַציעס רעדט זיכ ניט אינ דער פראָגראַם פונ יענע לענדער, ווו עס זײנענ נ י ט אָ קיינ בורזשואז-דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ. א מערקווירדיק קלוגער ארגומענט!

דאָס פארגלײכנ די פּאָליטישע אונ עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ פארשיידענע לענדער, ווי אויכ זייערע מארקסיסטישע פראָגראַמענ, האָט א קאָלאָסאַלע באַדײטונג פונעמ שטאַנדפּונקט פונ מארקסיזמ, ווײל ס'איז אויסער ספּעק סײ די אלגעמיינע קאַפּיטאַליסטישע נאַטור פונ די מאָדערנע מעלוכעס סײ דער אלגעמיינער געזעצ פונ זייער אנטוויקלונג. אזא מינ פארגלײכ דאַרפ מענ אָבער וויסנ ווי צו מאַכנ. אַנ עלעמענטאַרער באַדינג דערבײ איז — קלאָר צו מאַכנ די פראַגע, צי לאָזנ זיכ פ א ר ג ל ײ כ נ די היסטאָרישע אנטוויקלונגס-עפּאָכעס פונ די לענדער, וואָס ווערנ פארגליכנ. לעמאָשל, די אגראַר-פראָגראַם פונ די רוסלענדישע מארקסיסטנ קאָנענ „פארגלײכנ“ מיט די מײרעוו-אייראָפּײישע אגראַר-פראָגראַמענ נאָר פולשטענדיקע אמעראַצים (אזוינע ווי פּירשט יע. טרובעצקאָי אינ „רוסקאיא מיסל“), ווײל אונדזער פראָגראַם גיט אַנ ענטפער אפ דער פראַגע ווענג דער ב ו ר ז ש ו א ז-ד ע מ אָ ק ר א-ט י ש ע ר אגראַרער איבערגעשטאַלטונג, וואָס ווענג איר איז גאָר קיינ רייד ניטאָ אינ די מײרעווודיקע לענדער.

דאָס זעלביקע איז שײעכ אויכ צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אינ דער מערהײט מײרעווודיקע לענדער איז זי שוינ פונ לאַנג געלייזט. עס איז לעכערלעכ צו זוכנ אַנ ענטפער אינ די מײרעווודיקע פראָגראַמעס אפ פראַגנ, וואָס עקזיסטירנ ניט. ראָזע לוקסעמבורג האָט דאָ ארויסגעלאָזנ פונ אויג גראָד דעמ איקער: דעמ כילעק צווישנ לענדער מיט לאַנג פארענדיקטע אונ לענדער מיט ניט-פארענדיקטע בורזשואז-דעמאָ-קראַטישע איבערגעשטאַלטונגענ.

אינ'עמ דאָזיקנ כילעק ליגט די גאַנצע קווינט-עסענצ. דאָס, וואָס ראָזע לוקסעמ-בורג איגנאָרירט פולשטענדיק דעמ דאָזיקנ כילעק, פארוואַנדלט טאַקע איר גוואַלדיק לאַנגנ ארטיקל אינ א בינטל פוסטע, אינהאלטלאָזע אלגעמיינע פראַזעס.

אינ דער מערעוודיקער, קאנטינענטאלער, אייראפע נעמט די עפאכע פונ בורזשואז=דעמאקראטישע רעוואָליוציעס ארומ א גאנצ באשטימטנ צײט=אָפשניט, בערעכ פונ 1789 בינ 1871 יאָר. גראָד די דאָזיקע עפאָכע איז געווענ די עפאָכע פינ נאציאָנאלע באוועגונגענ און פונ שאפנ נאציאָנאלע מעלוכעס. נאָכ דעמ, ווי די דאָזיקע עפאָכע האָט זיכ פארענדיקט, איז מערעוו=אייראָפע פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ אויסגעבילדעטער סיסטעמ פונ בורזשואזע מעלוכעס, דערבײַ — אלס אלגעמײנער קלאל — נאציאָנאל=אײנהײטלעכע מעלוכעס. זוכנ איצט דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג אינ די פראָגראמעס פונ די מערעוו=אייראָפײִשע סאָציאליסטנ— הייסט דעריבער ניט פארשטײנ דעמ אלעפבײז פונ מארקסיזמ.

אינ מיזרעכ=אייראָפע און אינ אזיע האָט זיכ די עפאָכע פונ בורזשואז=דעמאָקראטישע רעוואָליוציעס אָנגעהויבנ ערשט אינ 1905 יאָר. די רעוואָליוציעס אינ רוסלאנד, פערסיע, טערקײַ, כינע, די מילכאָמעס אפ די באלקאנענ — אָט דאָס איז די קייט פונ די וועלט=געשעענישנ אינ א ו נ ד ז ע ר עפאָכע פונ אונדזער „מיזרעכ“. און אינ דער דאָזיקער קייט געשעענישנ קאָנ נאָר א בלינדער ניט זענ די אופוואכונג פונ א ג א נ צ ע ר ר ײ בורזשואז=דעמאָקראטישע נאציאָנאלע באוועגונגענ, שטרעבונגענ צו שאפנ נאציאָנאל=אומאָפהענגיקע און נאציאָנאל=אײנהײטלעכע מעלוכעס. טאקע דערפאר און נאָר דערפאר, וואָס רוסלאנד צוזאמענ מיט די שכײנישע לענדער לעבט איבער די דאָזיקע עפאָכע, איז אונדז נײטיק דער פונקט ווענג דעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג אינ אונדזער פראָגראמ.

לאָמיר אָבער נאָכ א ביסל פאָרזעצנ די אויבנ געבראכטע ציטאטע פונ ראָזע לוקסעמבורגס ארטיקל:

„...באזונדערס, — שרײַבט זי, — איז די פראָגראמ פונ דער פארטײ, וואָס איז טעטיק אינ א מעלוכע מיט זײער א בונטנ נאציאָנאלנ באשטאנד און פאר וועלכער די נאציאָנאלע פראגע שפילט אנ ערשטראנגיקע ראָליע, — די פראָגראמ פונ דער עסטרײַכישער נאציאָנאל=דעמאָקראטיע אנטהאלט ניט דעמ פרינציפ ווענג דעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג“ (דאָרט).

מע וויל, אלזאָ, איבערצײַגנ דעמ לײענער „באזונדערס“ מיטנ בײַשפיל פונ עסטרײַכ. לאָמיר א קוק טאָנ, פונ קאָנקרעט=היסטאָרישנ שטאנדפונקט, צי עס ליגט א סאכ סײכל אינעמ דאָזיקנ בײַשפיל.

ערשטנס, שטעלנ מיר די גרונט=פראגע ווענג דערפירנ בינ סאָפ די בורזשואז=דעמאָקראטישע רעוואָליוציע. אינ עסטרײַכ האָט זי זיכ אָנגעהויבנ מיטנ 48=טנ יאָר און האָט זיכ פארענדיקט מיטנ 67=טנ יאָר. פונ דעמלט אָנ הערשט דאָרט קימאט א האלב יאָרהונדערט א סטאבילизירטע, אינ אלגעמײנ און אינגאנצנ גענומענ, בורזשואזע קאָנסטיטוציע, וואָס אפ איר באָדנ פירט לעגאל איר טעטיקײט א לעגאלע ארבעטער=פארטײ.

דעריבער זײַנענ אינ די אינערלעכע אנטוויקלונגס=באדינגונגענ פונ עסטרײַכ (דה. פונעמ שטאנדפונקט פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אינ עסטרײַכ בכלאל און אינ זײַנע באזונדערע נאציעס ביפראט) נ י ט א קײנ פאקטאָרנ, וועלכע זאָלנ ארויסרופנ שפרונגענ, וואָס אײנער פונ זײערע באגלײטער קאָנ זײַנ די אויסבילדונג פונ נאציאָנאל=זעלבשטענדיקע מעלוכעס. ווענ ראָזע לוקסעמבורג מאכט דעמ דאָזיקנ

פארגלײַכ און נעמט אָנ אזויארום אלס פאָרהאנאָכע, אז רוסלאנד געפינט זיכ אינ דעמ האָזיקנ פונקט אינ אנאלאָגישע באדינגונגענ, מאכט זי ניט נאָר אנ אבסאָליוט פאלשע, אנטיהיסטאָרישע האשאָרע, נאָר זי קײַקלט זיכ ניט װילנדיק אראָפ צו ליקװידאטאָרנ.

צװײטנס, א באזונדערס גרויסע באדײַטונג האָט אינ דער פראגע, װעלכע אינטערעסירט אונדז, דאָס, װאָס די קעגנזײַטיקע פארהעלטענישנ צװישנ די נאציאָנאליטעטנ אינ עסטרײַכ און אינ רוסלאנד איז אבסאָליוט פארשײדנ. עסטרײַכ איז ניט נאָר א לאנגע צײַט געװענ א מעלוכע, אינ װעלכער עס האָבנ פרעװאלירט דײַטשנ, נאָר די עסטרײַכישע דײַטשנ האָבנ פרעטענדירט אפ העגעמאָניע צװישנ דער דײַטשישער נאציע ביכלאל. די דאָזיקע „פרעטענציע", װי עס װעט עפשער מאטריעכ זײַנ זיכ צו דערמאָנענ ראָזע לוקסעמבורג (װעלכע האָט קלוימערשט אזױ ניט ליב אלגעמײנע פראזעס, שאבלאָנענ, אבסטראקציעס...), איז צעקלאפט געװאָרנ דורכ דער מילכאָמע פונ 1866 יאָר. די הערשנדיקע נאציע אינ עסטרײַכ, די דײַטשישע, איז געבליבנ א ו י ס ע ר ד י ג ר ע נ ע צ נ פונ דער זעלבשטענדיקער דײַטשישער מעלוכע, װאָס איז ענדגילטיק געשאפנ געװאָרנ אינ 1871 יאָר. פונ דער אנדערער זײַט, איז דער פרוּװ פונ די אונגארנ צו שאפנ א זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכע דורכגעפאלנ נאָכ אינ 1849 יאָר, אונטער די קלעפ פונעמ רוסישנ לײַבײגנטימערישנ מיליטער.

אזױארום האָט זיכ געשאפנ זײער אנ אײגנארטיקע לאגע: די אונגארנ, און דערנאָכ אויכ די טשעכנ, שטרעבנ גראָד ניט אָפצוטײלנ זיכ פונ עסטרײַכ, נאָר אײַנצוהיטנ די גאנצקײַט פונ עסטרײַכ דאפקע אינ די אינטערעסנ פונ נאציאָנאלער אומאָפהענגיקײַט, װעלכע װאָלט געקאָנט אינגאנצנ דערשטיקט װערנ דורכ די מער רויבערישע און שטארקערע שכײנימ! מאכמעס דער דאָזיקער אײגנארטיקער לאגע, האָט זיכ עסטרײַכ אויסגעבילדעט אינ א צװײצענטרישער (דואליסטישער) מעלוכע, און אצינד פארװאנדלט עס זיכ אינ א דרײַצענטרישער (טריאַליסטישער: דײַטשנ, אונגארנ, סלאװנ).

צי איז פאראנ עטװאָס ענלעכס אינ רוסלאנד? צי איז פאראנ בא אונדז א שטרעבונג פונ די „אינאָראָדצעס" צו פארײניקנ זיכ מיט די גרויסרוסנ מאכמעס דער געפאר פונ אנ ע ר ג ע ר נ נאציאָנאלנ דרוק?

עס איז גענוג אװעקצושטעלנ די דאָזיקע פראגע, קעדײ צו זענ, אפ װיפל דער פארגלײַכ צװישנ רוסלאנד מיט עסטרײַכ אינ דער פראגע װעגנ דער זעלבסטבאשטימונג פונ נאציעס איז אנ אבסורד, אפ װיפל ער איז שאבלאָנ און אמעראציש.

די אײגנארטיקע באדינגונגענ פונ רוסלאנד, בענעגײַע דער נאציאָנאלער פראגע, זײַנענ פונקט דער הײפּעכ דערפונ, װאָס מיר האָבנ געזענ אינ עסטרײַכ. רוסלאנד איז א מעלוכע מיט אנ אײנהײַטלעכנ נאציאָנאלנ צענטער, א גרויסרוסישנ. די גרויסרוסנ פארנעמענ א קאָלאָסאלע דורכויסיקע טעריטאָריע און זײער צאָל דערגײט אנ ערעכ ביז 70 מיליאָנ מענטשנ. די באזונדערהײַט פונ דער דאָזיקער נאציאָנאלער מעלוכע באשטײט, ערשטנס, דערינ, װאָס די „אינאָראָדצעס" (װעלכע באטרעפנ אינגאנצנ גענומענ א מערהײַט פונ דער באפעלקערונג — 57%) באפעלקערנ גראָד די ראנד-געביטנ; צװײטנס, דערינ, װאָס די דאָזיקע אינאָראָדצעס װערנ דאָ א סאכ שטארקער אונטערדריקט אײדער אינ די שכײנישע מעלוכעס (און אפילע ניט נאָר

אינ די אייראָפּעיִשע); דריטנס, דערינ, וואָס אינ אַ גאַנצער ריי פאַלנ האָבנ די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטנ, וועלכע לעבנ אינ די ראַנד־געביטנ, זייערע שטאַמ־קרוווימ אַפ יענער זײַט גרענעצ, וואָס האָבנ מער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקײַט (עס איז גענוג צו דערמאָנענ כאָטשבי אַפ דער מערעוודיקער אונ דאָרעמדיקער גרענעצ פונ דער מעלוכע — די פינענ, שוועדנ, פּאָליאַקנ, אוקראַינער, רומענער); פערטנס, דערינ, וואָס די אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אונ דער אַלגעמיינער קולטור־ניוואָ איז בײַ די „אינאָראָדצעס“ אינ די ראַנד־געביטנ ניט זעלטנ העכער איידער אינ צענטער פונ דער מעלוכע. צוליעצט זעענ מיר, אַז גראָד אינ די שכײנישע אַזיאַטישע מעלוכעס האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ דער פּעריאָד פונ בורזשואַזע רעוואָליוציעס אונ נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ, וואָס פאַרכאַפּנ טײלווײַז די קרוווישע פעלקערשאַפטנ אינ די גרענעצנ פונ רוסלאַנד.

אַזוי אַרומ איז גראָד די היסטאָרישע קאָנקרעטע באַזונדערהײַטנ פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע אינ רוסלאַנד גיבנ צו בײַ אונדז אַ באַזונדערע אַקטועלקײַט דער פראַגע וועגנ אָנערקענענ דאָס רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג אינ דער איצטיקער עפּאָכע.

אַגעוו, אַפילע פונ דער ריינ פאַקטישער זײַט איז ניט ריכטיק ראָזע לוקסעמבורגס באַהויפּטונג, אַז אינ דער פּראָגראַמ פונ די עסטרײַכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ איז ניטאָ קיינ אָנערקענונג פונעמ רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג. עס איז גענוג צו עפענענ די פּראָטאָקאָלנ פונעמ בריננער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אָנגענומענ די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמ, אונ מיר וועלנ דאָרטנ דערזענ די דערקלערונגענ פונעמ רוסינישנ סאָציאַל־דעמאָקראַט גאַנקעוויטש אינ נאָמענ פונ דער גאַנצער אוקראַינישער (רוסינישער) דעלעגאַציע (ז. 85 פונ די פּראָטאָקאָלנ) אונ פונעמ פּוילישנ סאָציאַל־דעמאָקראַט רעגער אינ נאָמענ פונ דער גאַנצער פּוילישער דעלעגאַציע (ז. 108) וועגנ דעמ, אַז די עסטרײַכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פונ בײדע אָנגעוויזענע נאַציעס שליסנ אײַנ צווישנ זייערע שטרעבונגענ די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, פרײַהײַט אונ זעלבשטענדיקײַט פונ זייערע פעלקער. הייסט עס, אַז כאָטש די עסטרײַכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלט ניט אַרויס דירעקט אינ איר פּראָגראַמ דאָס רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג, גייט זי גלײַכצײַטיק פולשטענדיק אײַנ אַפ דעמ, אַז *טײלנ* פונ דער פּאַרטיי זאָלנ אַרויסשטעלנ די פאָדערונג פונ נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקײַט. פאַקטיש באַטײַט דאָס טאַקע, פאַרשטייט זיכ, אָנערקענענ דאָס רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג! אַזוי אַרומ ווײַזט זיכ אַרויס, אַז ראָזע לוקסעמבורגס באַרופנ זיכ אַפ עסטרײַכ רעדט אינ *אַלע* הינזיכטנ *קעגנ* ראָזע לוקסעמבורג.

4. „פּראַקטיציזמ“ אינ דער נאַציאָנאַלער פראַגע

מיט אַ באַזונדער פלײַס האָבנ די אָפּאָרטוניסטנ אונטערגעכאַפּט יענעמ אַרגומענט פונ ראָזע לוקסעמבורג, אַז דער § 9 פונ אונדזער פּראָגראַמ אַנטהאַלט ניט אינ זיכ קיינ שומ „פּראַקטישעס“. ראָזע לוקסעמבורג איז אַזוי אַנציקט פונ דעמ דאָזיקנ אַרגומענט, אַז אָפּטמאָל טרעפנ מיר בײַ איר אינעמ אַרטיקל צו אַכט מאָל אַפ איינ זײַטל איבערגעחזרט דעמ דאָזיקנ „לאָזונג“.

דער § 9 „גיט ניט — שרײַבט זי — קיינ שומ פראקטישע אָנווײַזונג פאר דער טאָגטעגלעכער פּאָליטיק פונעמ פראָלעטאריאט, קיינ שומ פראקטישע לייזונג פונ די נאציאָנאלע פראָבלעמענ".

לאָמיר באטראכטנ דעמ דאָזיקנ ארגומענט, וואָס ווערט נאָכ פאָרמולירט אזוי, אז דער § 9 איז אָדער ער דריקט אבסאָליוט גאָרנישט ניט אויס אָדער ער פארפליכטעט צו שטיצנ אלע נאציאָנאלע שטרעבונגענ.

וואָס באטײַט די פאָדערונג פונ „פראקטישקײַט" אינ דער נאציאָנאלער פראגע?

אָדער שטיצנ אלע נאציאָנאלע שטרעבונגענ; אָדער ענטפערנ: „יאָ צי ניינ" אפ דער פראגע וועגנ דעמ אָפּטיילנ זיכ פונ יעדער נאציע; אָדער ביכלאל די דירעקטע „מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכנ" די נאציאָנאלע פאָדערונגענ.

לאָמיר באטראכטנ די דאָזיקע אלע דרײַ מעגלעכע באטײַטנ פונ דער פאָדערונג פונ „פראקטישקײַט".

בא דער בורזשואזיע, וואָס טרעט נאטירלעכ ארויס אינ אָנהייב פונ יעדער נאציאָנאלער באוועגונג אלס איר העגעמאָנ (אָנפירער), הייסט א פראקטישע זאכ — דאָס שטיצנ אלע נאציאָנאלע שטרעבונגענ. די פּאָליטיק אָבער פונעמ פראָלעטאריאט אינ דער נאציאָנאלער פראגע (ווי אויכ אינ די איבעריקע פראגנ) איז אזא, וואָס שטיצט די בורזשואזיע נאָר אינ א באשטימטער ריכטונג, זי פאלט אָבער קיינמאָל ניט צונויפ מיט דער פּאָליטיק פונ דער בורזשואזיע. דער ארבעטער-קלאס שטיצט די בורזשואזיע נאָר אינ די אינטערעסנ פונ נאציאָנאלנ שאָלעמ (וועלכנ די בורזשואזיע קאָנ ניט געבנ אינ דער פולער מאָס און וועלכער קאָנ פארווירקלעכט ווערנ נאָר בא גלײַכ מיט דער פולשטענדיקער דעמאָקראטיזירונג), אינ די אינטערעסנ פונ גלײַכבארעכטיקונג, פונ שאפנ די בעסטע באדינגונגענ פארנ קלאסנקאמפ. דעריבער רוקנ די פראָלעטאריער ארויס גראָד קעגנ דעמ פראקטיציזמ פונ דער בורזשואזיע די פּרינציפּיעלע פּאָליטיק אינ דער נאציאָנאלער פראגע, און זיי שטיצנ שטענדיק די בורזשואזיע נאָר באדינגלעכ. יעדע בורזשואזיע וויל אינעמ נאציאָנאלנ איניענ אָדער פריווילעגיעס פאר איר נאציע אָדער אויסשליסלעכע נוצנ פאר איר; אָט דאָס הייסט טאקע „פראקטיש". דער פראָלעטאריאט איז קעגנ יעטווידע פריווילעגיעס, קעגנ יעטווידער אויסשליסלעכקײַט. פאָדערנ פונ אימ „פראקטיציזמ" הייסט גיינ אפנ שטריקל בא דער בורזשואזיע, ארײַנפאלנ אינ אָפּאָרטוניזמ.

געבנ אנ ענטפער: „יאָ צי ניינ" אפ דער פראגע וועגנ דעמ אָפּטיילנ זיכ פונ יעדער נאציע? דאָס זעט אויס ווי זייער א „פראקטישע" פאָדערונג. אינדערעמעסנ אָבער איז זי אומגעלומפּערט, טעאָרעטיש איז זי מעטאפיזיש, און אינ דער פראקטיק פירט זי דערצו, אז דער פראָלעטאריאט פאלט ארונטער אונטער דער פּאָליטיק פונ דער בורזשואזיע. די בורזשואזיע שטעלט שטענדיק אינ פאָדערגרונט אירע נאציאָנאלע פאָדערונגענ. זי שטעלט זיי אומבאדינגט. פארנ פראָלעטאריאט זײַנענ זיי אונטערגעוואָרפנ אונטער די אינטערעסנ פונעמ קלאסנקאמפ. טעאָרעטיש קאָנ מענ פאָרויס ניט קאווירנ, צי דאָס אָפּטיילנ זיכ פונ דער געגעבענער נאציע אָדער איר גלײַכבארעכטיקטע לאגע מיט אנ אנדער נאציע וועט דערפירנ ביזנ סאָפ די בורזשואזי-דעמאָקראטישע רעוואָליוציע; פארנ פראָלעטאריאט איז וויכטיק אינ ביידע

פאלנ צו זיכערנ די אנטוויקלונג פונ זײַנ קלאס; פאר דער בורזשואזיע איז וויכטיק צו פארשווערנ די ראָזיקע אנטוויקלונג, זי רוקט אָפּ די אופגאבנ פונ דער אנטוויקלונג פונעמ פראָלעטאריאט און שטעלט אינ פאָדערגרונט די אופגאבנ פונ „איר“ נאציע. דעריבער באגרענעצט זיכ דער פראָלעטאריאט מיט דער נעגאטיווער, אזוי צו זאָגנ, פאָדערונג צו אָנערקענענ דאָס *רעכט* אפּ זעלבסטבאשטימונג, ניט גאראנטירנדיק קיינ איינ נאציע, ניט פארפליכטנדיק זיכ צו געבנ *קיינ זאכ אפּנ כעזשבנ* פונ א צווייטער נאציע.

זאָל זײַנ, אז דאָס איז ניט „פראקטיש“; אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער גאראנטירט עס זיכערער פונ אלצ די סאמע דעמאָקראטישע פונ די מעגלעכע לייזונגענ; דעמ פראָלעטאריאט זײַנענ נייטיק *בלויז* די ראָזיקע גאראנטיעס, דער בורזשואזיע אָבער פונ יעדער נאציע זײַנענ נייטיק גאראנטיעס פונ *אירע* נוצנ, אָנ שומ שײַכעס צו דער לאגע (צו די מעגלעכע מינוסנ) פונ אנדערע נאציעס.

פאר דער בורזשואזיע איז אינטערעסאנטער פונ אלצ די „מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכנ“ די געגעבענע פאָדערונג, — פונדאנענ נעמט זיכ די אייביקע פאָליטיק פונ פשאָרעס מיט דער בורזשואזיע פונ אנדערע נאציעס צומ שאָדנ פונ פראָלעטאריאט. פארנ פראָלעטאריאט איז אָבער וויכטיק צו פארפעסטיקנ זײַנ קלאס קעגנ דער בורזשואזיע, צו דערציענ די מאסנ אינעמ גײַסט פונ קאָנסעקווענטער דעמאָקראטיע אונ סאָציאליזמ.

זאָל זײַנ, אז דאָס איז ניט „פראקטיש“ פאר די אָפּאָרטוניסטנ; אינ דער ווירקלעכקײַט איז דאָס אָבער די איינציקע גאראנטיע, די גאראנטיע פונ מאקסימאלער נאציאָנאלער גלײַכבארעכטיקונג אונ שאָלעמ טראָצ אי די פעאָדאלנ, אי דער *נאציאָנאליסטישער* בורזשואזיע.

די גאנצע אופגאבע פונ די פראָלעטאריער אינ דער נאציאָנאלער פראגע איז „ניט פראקטיש“, פונעמ שטאנדפונקט פונ דער *נאציאָנאליסטישער* בורזשואזיע פונ יעדער נאציע, ווײַל די פראָלעטאריער, וואָס זײַנענ פײַנטלעכ צו יעדנ נאציאָנאליזמ, פאָדערנ „אבסטראקטע“ גלײַכבארעכטיקונג, פרינציפּיעלע אָפּוועזנהײַט פונ די מינדסטע פריווילעגיעס. ראָזע לוקסעמבורג האָט דאָס ניט פארשטאנענ, אונ מיט איר ניט קלוגנ זינגענ לויב-געזאנגענ דעמ פראקטיציזמ האָט זי ברייט צעעפנט די טויערנ גראָד פאר די אָפּאָרטוניסטנ, באזונדערס פאר אָפּאָרטוניסטישע האָנאָכעס דעמ גרויסרוסישנ נאציאָנאליזמ.

פארוואָס דעמ גרויסרוסישנ? ווײַל די גרויסרוסנ זײַנענ אינ רוסלאנד די אונטערדריקנדיקע נאציע, אונ אינ נאציאָנאלער הינזיכט וועט זיכ דער אָפּאָרטוניזמ, נאטירלעכ, אויסדריקנ אנדערש בא די אונטערדריקטע אונ אנדערש בא די אונטערדריקנדיקע נאציעס.

די בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס וועט אינ די אינטערעסנ פונ דער „פראקטישקײַט“ פונ אירע פאָדערונגענ רופנ דעמ פראָלעטאריאט, ער זאָל אומבאדינגט שטיצנ אירע שטרעבונגענ. פראקטישער פונ אלצ איז צו זאָגנ א קלאָרנ „יאָ“, פאר דעמ, אז *די אונ די* נאציע זאָל זיכ אָפּטיילנ, אונ ניט פארנ *רעכט* פונ אלע אונ פונ יעטווידער נאציע אָפּצוטיילנ זיכ!

דער פראָלעטאריאט איז קעגנ אזא פראקטיציזמ: אָנערקענענדיק די גלײַכבארעכטיקונג

אונ דאָכ גלײַכע רעכט אָפּ א נאציאָנאלער מעלוכע, שאצט ער העכער פונ אלצ אונ שטעלט העכער פונ אלצ דעמ בונד צווישנ די פּראָלעטאריער פונ אלע נאציעס, אונ יעדע נאציאָנאלע פאָדערונג, יעדעס נאציאָנאלע אָפּטײלנ זיכ שאצט ער אָפּ פונעמ שטאנדפּונקט פונעמ קלאסנקאמפ פונ די ארבעטער. דער לאָזונג פונ פּראקטיציזמ איז אינדערעמעסנ בלויז א לאָזונג פונ ניט קריטישנ איבערנעמענ די בורזשואזע שטרעבונגענ.

מע זאָגט אונדז: דערמיט, וואָס איר שטיצט דאָס רעכט אָפּצוטײלנ זיכ, שטיצט איר דעמ בורזשואזנ נאציאָנאליזמ פונ די אונטערדריקטע נאציעס. אזוי זאָגט ראָזע לוקסעמבורג, אזוי זאָגט איר נאָכ דער אָפּאָרטוניסט סעמקאָווסקי — אגעוו דער אײנציקער פאָרשטײער פונ די ליקווידאטאָרישע אידײענ אינ דער דאָזיקער פראגע אינ דער ליקווידאטאָרישער צײַטונג!

מיר ענטפערנ: נײנ, דאפקע פאר דער בורזשואזיע איז דאָ וויכטיק די „פּראקטישע“ לײזונג, אונ פאר די ארבעטער איז וויכטיק דאָס פּרינציפּיעלע אויסטײלנ צוויי טענדענצנ. אָפּ וויפל די בורזשואזיע פונ דער אונטערדריקטער נאציע קעמפט קעגנ דער אונטערדריקנדיקער, אָפּ אזויפיל זײַנענ מיר שטענדיק אונ אינ יעדנ פאל אונ אנטשײדנדיקער פונ אלעמענ פאר, ווײַל מיר זײַנענ די סאמע דרײסטע אונ קאָנסעקווענטע פײַנט פונ אונטערדריקונג. אָפּ וויפל די בורזשואזיע פונ דער אונטערדריקטער נאציע איז פאר איר אײגענעמ בורזשואזנ נאציאָנאליזמ, זײַנענ מיר קעגנ. קאמפ קעגנ די פּריווילעגיעס אונ גוואלדטאטנ פונ דער אונטערדריקנדיקער נאציע אונ קײנ שומ נאָכגיביקײַט דער שטרעבונג צו פּריווילעגיעס מיצאד דער אונטערדריקטער נאציע.

אויב מיר וועלנ ניט ארויסשטעלנ אונ וועלנ ניט דורכפירנ אינ דער אגיטאציע דעמ לאָזונג פונעמ רעכט אָפּצוטײלנ זיכ, וועלנ מיר דערמיט מיטהעלפנ ניט נאָר דער בורזשואזיע, נאָר אויכ די פעאָדאלנ אונ דעמ אבסאָליוטיזמ פונ דער אונטערדריקנדיקער נאציע. דעמ דאָזיקנ ארגומענט האָט שוינ קאוטסקי לאנג ארויסגערוקט קעגנ ראָזע לוקסעמבורג, אונ דער דאָזיקער ארגומענט לאָזט זיכ ניט באשטרײַטנ. ראָזע לוקסעמבורג האָט מוירע, זי זאָל ניט „העלפנ“ דער נאציאָנאליסטישער בורזשואזיע פונ פּוילנ, — וואַרפט זי דעריבער אָפּ דאָס רעכט אָפּצוטײלנ זיכ אינ דער פּראָגראמ פונ די רוסלענדישע מארקסיסטנ אונ העלפט דערמיט פאקטיש די שווארצמײעניקעס די גרויסרוסנ. זי העלפט פאקטיש דעמ אָפּאָרטוניסטישנ שאָלעמ-מאכנ מיט די פּריווילעגיעס (אונ ערגער ווי פּריווילעגיעס) פונ די גרויסרוסנ.

ארײַנגעטאָנ אינעמ קאמפ קעגנ דעמ נאציאָנאליזמ אינ פּוילנ, האָט ראָזע לוקסעמבורג פארגעסנ אָנ דעמ נאציאָנאליזמ פונ די גרויסרוסנ, כאָטש גראָד דער דאָזיקער נאציאָנאליזמ איז איצט שרעקלעכער פונ אלצ, גראָד ער איז ווייניקער בורזשואז, אָבער מער פעאָדאליש, גראָד ער איז דער הויפּט-טאָרמאָז פאר דער דעמאָקראטיע אונ פארנ פּראָלעטארישנ קאמפ. אינ יעדנ בורזשואזנ נאציאָנאליזמ פונ אנ אונטערדריקטער נאציע איז פאראנ אנ אלגעמײנ דעמאָקראטישער אינהאלט קעגנ אונטערדריקונג, אונ אָט דעמ אינהאלט שטיצנ מיר אומבאדינגט, שטרענג אויסטײלנדיק די שטרעבונג צו אײגענער נאציאָנאלער אויסנעמלעכקײַט,

קעמפנדיק קעגנ דער שטרעבונג פונעם פוילישנ בורזשוא צו דריקנ דעם יידנ אאוו. אאוו.

דאָס איז „ניט פראקטיש“ פונעם שטאנדפונקט פונעם בורזשוא און פונעם קליינבירגער. דאָס איז די איינציק פראקטישע און פרינציפּיעלע פּאָליטיק אין דער נאציאָנאלער פראגע, די איינציקע פּאָליטיק, וואָס העלפט ווירקלעכ דער דעמאָקראטיע, דער פרײַהײַט, דעם פּראָלעטארישנ בונד.

אָנערקענענ פאר אלעמענ דאָס רעכט אפ אָפּצוטיילנ זיכ; יעדע קאָנקרעטע פראגע וועגנ אָפּטיילנ זיכ אָפּשאצנ פונעם שטאנדפונקט, וואָס באזײַטיקט יעטווידע ניט-גלײַכבארעכטיקונג, יעטווידע פריווילעגיע, יעטווידע אויסנעמלעכקײַט.

לאָמיר נעמענ די פּאָזיציע פונ דער אונטערדריקנדיקער נאציע. צי קאָנ זײַנ פרײַ א פאָלק, וואָס דריקט אונטער אנדערע פעלקער? ניינ. די אינטערעסנ פונ דער פרײַהײַט פונ דער גרויסרוסישער באפעלקערונג[1] פאָדערנ צו קעמפנ קעגנ אזא מינ אונטערדריקונג. די לאנגיאָריקע געשיכטע, די דורכלאנגע געשיכטע פונ שטיקנ די באוועגונגענ פונ די אונטערדריקטע נאציעס, דאָס סיסטעמאטישע פּראָפּאגאנדירנ אזא מינ שטיקנ מיצאד די „העכערע“ קלאסנ האָבנ געשאפנ באם גרויסרוסישנ פאָלק פאָרורטיילנ אאוו., וואָס זײַנענ קאָלאָסאלע שטערונגענ פאר דער זאכ פונ פרײַהײַט פונעם גרויסרוסישנ פאָלק גופא.

די גרויסרוסישע שווארצמייעניקעס שטיצנ באוווסטזיניק די דאָזיקע פאָרורטיילנ אינ בלאָזנ זיי פאנאנדער. די גרויסרוסישע בורזשואזיע מאכט שאָלעמ מיט זיי אָדער פאסט זיכ צו צו זיי. דער גרויסרוסישער פּראָלעטאריאט קאָנ ניט פארווירקלעכנ זײַנע צילנ, ער קאָנ ניט אָפּריינִיקנ פאר זיכ דעם וועג צו פרײַהײַט, אויב ער וועט ניט קעמפנ סיסטעמאטיש קעגנ די דאָזיקע פאָרורטיילנ.

דאָס שאפנ א זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע נאציאָנאלע מעלוכע פארבלײַבט דערווײַל אינ רוסלאנד א פריווילעגיע בלויז פונ דער גרויסרוסישער נאציע. מיר, גרויסרוסישע פּראָלעטאריער, פארטיידיקנ ניט קיינע שומ פריווילעגיעס, מיר פארטיידיקנ ניט אויכ די דאָזיקע פריווילעגיע. מיר קעמפנ אפנ באָדנ פונ דער געגעבענער מעלוכע, מיר פאראייניקנ די ארבעטער פונ אלע נאציעס פונ דער געגעבענער מעלוכע, מיר קאָנענ ניט אָרעוו זײַנ פאר דעמ אָדער יענעמ וועג פונ נאציאָנאלער אנטוויקלונג, מיר גייענ מיט אלע מעגלעכע וועגנ צו אונדזער קלאסנ-ציל.

גיינ אָבער צו דעם דאָזיקנ ציל קאָנ מענ ניט, אויב מע קעמפט ניט קעגנ יעטווידנ נאציאָנאליזמ און מע פארטיידיקט ניט די גלײַכהײַט פונ די ארבעטער פונ אלע נאציעס. צי איז, לעמאָשל, באשערט אוקראינע צו בילדנ א זעלבשטענדיקע מעלוכע, דאָס הענגט אָפּ פונ 1.000 פאקטאָרנ, וואָס זײַנענ אומבאוווסט אפריער. מיר פרווונ ניט „טרעפנ“ גלאט אינ דער וועלט ארײַנ און שטייענ פעסט אפ דעם, וואָס עס איז אויסער צווייפל: דאָס רעכט פונ אוקראינע אפ אזא מעלוכע. מיר

[1] אוינעמ א ל. וול. פונ פאריזש דאכט זיכ, אז דאָס איז ניט קיינ מארקסיסטיש וואָרט. דער דאָזיקער ל. וול. איז קאָמיש „uberklug“ (איראָניש פארטײַטשט וועט עס הייסנ — „לאנד-כאָכעמ“). דער „לאנד-כאָכעמ“ ל. וול. קלײַבט זיכ, אפּאָנעמ, אָנשרײַבנ אנ אויספאָרשונג וועגנ פארטרײַבנ פונ אונדזער פּראָגראמ מינימומ (פונעמ שטאנדפונקט פונ קלאסנ-קאמפ!) די ווערטער „באפעלקערונג“, „פאָלק“ אאז.

אכטנ דאָס דאָזיקע רעכט, מיר שטיצנ ניט די פּריווילעגיעס פונעמ גרויסרוס איבער די אוקראַינער, מיר דערציִענ די מאסנ אינעמ גײַסט פונ אָנערקענענ דאָס דאָזיקע רעכט, אינעמ גײַסט פונ ארויסטרעטנ קעגנ די מעלוכישע פּריווילעגיעס פונ וואָס פאר א נאציע דאָס זאָל ניט זײַנ.

אינ די שפּרונגענ, וואָס אלע לענדער האָבנ דורכגעמאכט אינ דער עפּאָכע פונ די בורזשואזע רעוואָליוציעס, זײַנענ צוזאמענשטויסנ אונ קאמפ איבער דעמ רעכט אפ א נאציאָנאלער מעלוכע מעגלעכ אונ ווארשײַנלעכ. מיר, פּראָלעטאריער, דערקלערנ זיכ לעכאטכילע אלס קעגנער פונ די גרויסרוסישע פּריווילעגיעס אונ אינ דער דאָזיקער ריכטונג פירנ מיר אונדזער גאנצע פּראָפּאגאנדע אונ אגיטאציע.

יאָגנדיק זיכ נאָכ „פּראקטיציזמ“, האָט ראָזע לוקסעמבורג פארזענ די פּראקטישע הויפּט־אויפגאבע סײַ פונעמ גרויסרוסישנ פּראָלעטאריאט, סײַ פונעמ פּראָלעטאריאט פונ די אנדערע נאציעס: די אויפגאבע צו פירנ א טאָגטעגלעכע אגיטאציע אונ פּראָפּאגאנדע קעגנ אלערליי מעלוכיש־נאציאָנאלע פּריווילעגיעס, פאר דעמ רעכט, דעמ גלײַכנ רעכט פונ אלע נאציעס אפ אנ אייגענער נאציאָנאלער מעלוכע; אזא אויפגאבע איז (איצט) אונדזער הויפּט־אויפגאבע אינ דער נאציאָנאלער פראגע, ווײַל נאָר אזויארומ פארטיידיקנ מיר די אינטערעסנ פונ דעמאָקראטיע אונ פונ א גלײַכבארעכטיקטנ בונד פונ אלע פּראָלעטאריער פונ אלערליי נאציעס.

זאָל זײַנ, אז די דאָזיקע פּראָפּאגאנדע איז „ניט פּראקטיש“ אי פונעמ שטאנדפּונקט פונ די גרויסרוסנ די אונטערדריקער אי פונעמ שטאנדפּונקט פונ דער בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס (אי די אי יענע פאָדערנ א באשטימטנ יאָ אָדער ניינ, באשולדיקנדיק די ס.־ד. אינ „אומבאשטימטקײַט“). פאקטיש איז גראָד אָט די פּראָפּאגאנדע, אונ נאָר זי, זיכערט די ווירקלעכ דעמאָקראטישע אונ די ווירקלעכ סאָציאליסטישע דערציִונג פונ די מאסנ. נאָר אזא פּראָפּאגאנדע גאראנטירט אי די גרעסטע שאנסנ פונ נאציאָנאלנ שאָלעמ אינ רוסלאנד, אויב עס וועט בלײַבנ א פּילפארביקע נאציאָנאלע מעלוכע, אי די סאמע פרידלעכע (אונ פארנ פּראָלעטארישנ קלאסנקאמפ אומשעדלעכע) צעטיילונג אפ פארשיידענע נאציאָנאלע מעלוכעס, אויב עס וועט זיכ שטעלנ די פראגע וועגנ אזא צעטיילונג.

קעדיי קאָנקרעטער צו דערקלערנ די דאָזיקע, איינציק פּראָלעטארישע, פּאָליטיק אינ דער נאציאָנאלער פראגע, וועלנ מיר באטראכטנ, ווי עס באציט זיכ צו דער „זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס“ דער גרויסרוסישער ליבעראליזמ, אונ דעמ בײַשפּיל פונ נאָרוועגיעס אָפּטיילנ זיכ פונ שוועדנ.

5. די ליבעראלע בורזשואזיע אונ די סאָציאליסטישע אָפּאָרטוניסטנ אינ דער נאציאָנאלער פראגע

מיר האָבנ געזענ, אז פאר איינעמ פונ אירע הויפּט־„טרומפנ“ אינעמ קאמפ קעגנ דער פּראָגראמ פונ די רוסלענדישע מארקסיסטנ האלט ראָזע לוקסעמבורג אזא ארגומענט: אָנערקענענ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג איז געגליכנ צומ שטיצנ דעמ בורזשואזנ נאציאָנאליזמ פונ די אונטערדריקטע נאציעס. פונ דער אנדערער זײַט, זאָגט ראָזע לוקסעמבורג, איז אויב מע זאָל אונטערנ דאָזיקנ רעכט פארשטיינ

בלויז דעמ קאמפ קעגנ יעדער גוואלדטאט בענעגייע צו די נאציעס, איז קיינ באזונדערער פונקט פונ דער פראָגראמ ניט נייטיק, ווייל די ס.=ד. איז ביכלאל קעגנ יעדער נאציאָנאלער גוואלדטאט אונ ניט=גלייכבארעכטיקונג.

דער ערשטער ארגומענט ווארפט ארופ דעמ נאציאָנאליזמ, ווי קאוטסקי האָט אבסאָליוט ריכטיק אָנגעוויזנ קימאט מיט 20 יאָר צוריק, פונעמ קראנקנ קאָפּ אפ א געזונטנ, ווייל אויס מוירע פארנ נאציאָנאליזמ פונ דער בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס טוט ראָזע לוקסעמבורג פאקטיש א טויווע דעמ שווארצמייִשנ נאציאָנאליזמ פונ די גרויסרוסנ! דער צווייטער ארגומענט באטייט, אייגנטלעכ, מאכמעס מוירע וועלנ ארויסדרייענ זיכ פונ דער פראגע: צי די אָנערקענונג פונ נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג שליסט איינ אויכ די אָנערקענונג פונעמ רעכט אפ אָפּצוטיילנ זיכ אָדער זי שליסט עס ניט איינ? אויב יאָ, אָנערקענט, הייסט עס, ראָזע לוקסעמבורג, אז דער §9 פונ אונדזער פראָגראמ איז פרינציפּיעל ריכטיק. אויב ניט, הייסט עס, אז זי אָנערקענט ניט קיינ נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג. מיט פרווונ ארויסצודרייענ זיכ אונ מיט קונצנ וועסטו דאָ גאָרנישט ניט מאכנ!

בעסער פונ אלצ קאָנ מענ אָבער דורכקאָנטראָלירנ די אויבנ אָנגעוויזענע אונ אלע ענלעכע ארגומענטנ דורכנ דערלערנענ די באציונג צו דער דאָזיקער פראגע מיצאד פ א ר ש י י ד ע נ ע ק ל א ס נ פונ דער געזעלשאפט. פאר א מארקסיסט איז אזא דורכקאָנטראָלירונג אָבליגאטאָריש. מע דארפ ארויסגייִנ פונעמ אָביעקטיוונ, מע דארפ נעמענ די קאָנקרעטיקע פארהעלטעניש פונ די קלאסנ אינ דעמ געגעבענעמ פונקט. ראָזע לוקסעמבורג טוט דאָס ניט, אונ דעריבער פאלט זי ארייִנ גראָד אינ יענער זינד פונ מעטאפיזישקייט, אבסטראקטקייט, פונ ריידנ אלגעמיינע פראזעס, גלאט אינ דער וועלט ארייִנ אונ נאָכ אזוינס, וואָס דערינ פרווט זי זיכ אומזיסט באשולדיקנ אירע קעגנער.

עס האנדלט זיכ וועגנ דער פראָגראמ פונ די ר ו ס ל ע נ ד י ש ע מארקסיסטנ, דה. פונ די מארקסיסטנ פונ אלע נאציאָנאליטעטנ פונ רוסלאנד. צי דארפ מענ ניט א קוק טאָנ אפ דער פּאָזיציע פונ די ה ע ר ש נ ד י ק ע קלאסנ פונ רוסלאנד?

די פּאָזיציע פונ דער „ביוראָקראטיע“ (מיר אנטשולדיקנ זיכ פארנ ניט פּינקטלעכנ וואָרט) אונ פונ די פעאָדאלע פּריצימ פונעמ טיפּ פארייניקטנ אדל איז אלעמענ באוווסט. זיי זיינענ קאטעגאָריש סײַ קעגנ דער גלייכבארעכטיקונג פונ די נאציאָנאליטעטנ סײַ קעגנ דעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג. דער אלטער לאָזונג, וואָס איז גענומענ געוואָרנ פונ די צייטנ פונ לייבייגנטומ, איז: זעלבסטהערשונג, פּראוואָסלאוויע, פאָלקישקייט, דערביי מיינט מענ מיטנ לעצטנ טערמינ אויסשליסלעכ די גרויסרוסישע נאציע. אפילע די אוקראינער זיינענ דערקלערט געוואָרנ פאר „אינאָראָדצעס“, אפילע זייער מוטערשפּראכ ווערט גערוידעפט.

לאָמיר א קוק טאָנ אפ דער רוסלענדישער בורזשואזיע, וואָס איז „גערופנ געוואָרנ“ צו נעמענ אנ אָנטייל, עמעס, זייער א באשיידענעמ, אָבער דאָכ אנ אָנטייל אינ דער מאכט, אינ דער סיסטעמ פונ געזעצגעבונג אונ פארוואלטונג פונ „3=טנ יונ“. אז די אָקטיאבריסטנ גייענ פאקטיש אינ דער געגעבענער פראגע נאָכ די רעכטע, וועגנ דעמ דארפ מענ קיינ סאכ ניט ריידנ. צומ באדויערנ, ווענדנ אייניקע מארקסיסטנ א סאכ ווייניקער אויפמערקזאמקייט אפ דער פּאָזיציע פונ דער ליבעראַ=

לער גרויסרוסישער בורזשואַזיע, פונ די פּראָגרעסיסטנ אונ קאַדעטנ. ווער עס וועט אָבער ניט שטודירנ די דאָזיקע פּאָזיציע אונ וועט זיכ ניט אַרײַנטראַכטנ אינ איר, דער וועט אומפאַרמײַדלעכ אַרײַנפאַלנ אינ דעם כעט פונ אַבסטראַקטקײַט אונ אומבאַגרינדעטקײַט באַם באַהאַנדלענ דאָס רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג.

פּאַראַיאָרנ האָט די פּאָלעמיק צווישנ „פּראַוודאַ" אונ „רעטש" געצווונגענ אָט דעם הויפּט=אָרגאַנ פונ דער קאַדעטישער פּאַרטיי, וואָס איז אַזאַ בעריע דיפּלאָמאַטיש אַרויסצודרייענ זיכ פונ צו געבנ אַ דירעקטנ ענטפער אַפ „ניט אָנגענעמע" פראַגעס, דאָכ צו מאַכנ אייניקע ווערטפולע אָנערקענונגענ. דער גאַנצער טומל האָט זיכ אָנגעהויבנ איבער דעם אַלוקראַיִנישנ סטודענטנ=צוזאַמענפאָר אינ לוואָוו זומער 1913 יאָר. דער געשוואָרענער „אוקראַיִנע=קענער" אָדער אוקראַיִנישער מיטאַרבעטער פונ „רעטש" ה' מאָגיליאַנסקי האָט אָפּגעדרוקט אַנ אַרטיקל, אינ וועלכנ ער האָט געשאָטנ פעכ אונ שוועבל („רייד פונ היץ", „אַוואַנטיוריזמ" אונ אַנד.) אַפ דער אידיי פונ סעפּאַראַציע (אָפּטיילנ זיכ) פונ אוקראַיִנע, אַפ דער אידיי, פאַר וועלכער עס האָט זיכ אײַנגעשטעלט דער נאַציאָנאַל=סאָציאַל דאָנצאָוו אונ וועלכע עס האָט באַוויליקט דער אָנגערופענער צוזאַמענפאָר.

די צײַטונג „ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ" האָט זיכ לאַכלוטנ ניט סאָלידאַריזירט מיטנ ה' דאָנצאָוו, זי האָט אָפּנ אָנגעוויזנ, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַל=סאָציאַל, אַז מיט אים זײַנענ ניט מאַסקימ אַ סאַכ אוקראַיִנישע מאַרקסיסטנ, אָבער פונדעסטוועגנ האָט זי דערקלערט, אַז דער *טאָנ* פונ דער „רעטש", ריכטיקער: *די פּרינציפּיעלע שטעלונג פונ דער פּראַגע* אינ דער „רעטש" איז אַבסאָליוט ניט אָנשטענדיק, ניט דערלאָזבאַר פאַר אַ גרויסרוסישנ דעמאָקראַט אָדער פאַר אַ מענטשנ, וואָס וויל, מע זאָל אים האַלטנ פאַר אַ דעמאָקראַט. זאָל די „רעטש" אָפּנ דערווײַזנ, אַז די הה' דאָנצאָווס זײַנענ ניט גערעכט, אָבער עס איז *פּרינציפּיעל* ניט דערלאָזבאַר, אַז אַ גרויסרוסישער אָרגאַנ קלוימערשט פונ דער דעמאָקראַטיע זאָל פאַרגעסנ וועגנ דער *פרײַהײַט* אָפּצוטיילנ זיכ, וועגנ דעם *רעכט* אָפּצוטיילנ זיכ[1].

אינ עטלעכע כאָדאָשימ אַרומ, ביים דער ה' מאָגיליאַנסקי האָט זיכ פונ דער לוואָווער אוקראַיִנישער צײַטונג „שליאַכי" דערוווּסט וועגנ די דערווידערונגענ פונעם ה' דאָנצאָוו, וועלכער האָט, אַגעוו, פאַרצייכנט, אַז דעם „שאָוויניסטישנ אָנפאַל פונ „רעטש" האָט אַפּ אַ געהעריקנ אויפנ פאַרורטיילט[2] (געשטעמפּלט?) נאָר די רוסישע ס.=ד. פּרעסע", איז ער אַרויסגעטראָטנ אינ „רעטש" נומ. 331 מיט „דערקלערונגענ". דעמ ה' מאָגיליאַנסקיס „דערקלערונגענ" זײַנענ באַשטאַנענ דערינ, וואָס ער האָט דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט: „די קריטיק פונ ה' דאָנצאָווס רעצעפּטנ" „האָט קיינ שומ שײַכעס ניט צומ לייקענענ אינעמ רעכט פונ די נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג".

„מע דאַרפ זאָגנ, — האָט געשריבנ ה' מאָגיליאַנסקי, — אַז אויכ „דאָס רעכט פונ נאַציעס אַפ זעלבסטבאַשטימונג" איז ניט עפּעס אַ מינ פעטיש (הערט!!), וואָס דערלאָזט ניט קיינ קריטיק: אומגעזונטע לעבנס=באַדינגונגענ פונ דער נאַציע קאָנענ

---

[1] זע ווערק, ב. XVI, ז. 520—521. רעד.

[2] אינ אָריגינאַל „запятнала". איבער.

ארויסרופנ אומגעזונטע טענדענצנ אינ דער נאציאָנאַלער זעלבסטבאשטימונג, אונ אופדעקנ די דאָזיקע טענדענצנ הייסט נאָכ ניט לייקענענ אינעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג".

ווי איר זעט, זײַנענ דעמ ליבעראלס פראזעס מיקויעכ דעמ „פעטיש" געווענ פולשטענדיק אינ גײַסט פונ ראָזע לוקסעמבורגס פראזעס. עס איז געווענ קלאָר, אז דער ה' מאָגיליאנסקי האָט זיכ געוואָלט ארויסדרייענ פונ צו געבנ א דירעקטנ ענטפער אפ דער פראגע: צי אָנערקענט ער דאָס רעכט אפ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג, דה. אָפּצוטיילנ זיכ, אָדער ער אָנערקענט עס ניט?

אונ די „פראָלעטארסקאיא פראווּדא" (נומ. 4, פונ 11־טנ דעקאבער 1913 יאָר) האָט שארפ געשטעלט די דאָזיקע פראגע אי דעמ ה' מאָגיליאנסקי אי דער קאדעטישער פארטיי[1].

דעמלט האָט די צײַטונג „רעטש" אָפּגעדרוקט (נומ. 340) א ניט געכאסמעטע, דה. אנ אָפיציעל־רעדאקציאָנעלע דערקלערונג, וואָס גיט אנ ענטפער אפ דער דאָזיקער פראגע. דער דאָזיקער ענטפער באשטייט פונ דרײַ פונקטנ:

1) אינעמ 11 § פונ דער פראָגראמ פונ דער קאדעטישער פארטיי רעדט זיכ דירעקט, גענוי אונ קלאָר וועגנ דעמ „רעכט פונ פרײַער קולטורעלער זעלבסטבאשטימונג" פונ די נאציעס.

2) די „פראָלעטארסקאיא פראווּדא", ווי עס פארזיכערט די „רעטש", „מישט האָפּענונגסלאָז צונויפ" זעלבסטבאשטימונג מיט סעפּאראטיזמ, מיטנ אָפּטיילנ זיכ פונ דער אָדער יענער נאציע.

3) „די קאדעטנ האָבנ זיכ, ווירקלעכ, קיינמאָל גאָר ניט אונטערגענומענ צו פארטיידיקנ דאָס רעכט „פונ די נאציעס אָפּצוטיילנ זיכ" פונ דער רוסישער מעלוכע" (זע דעמ ארטיקל: „דער נאציאָנאַל־ליבעראליזמ אונ דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג" אינ „פראָלעטארסקאיא פראווּדא" נומ. 12, פונ 20־טנ דעקאבער 1913 יאָר)[2].

לאָמיר צוערשט וועגדנ די אופמערקזאמקײַט אפנ צווייטנ פונקט פונ דער דערקלערונג פונ „רעטש". ווי אָנשוילעכ ער באווײַזט עס די הערנ סעמקאָווסקיס, ליבמאַנס, יורקעוויטשעס אונ די איבעריקע אָפּאָרטוניסטנ, אז זייערע געשרייענ אונ רײַדערײַענ וועגנ דער קלוימערשטער „אומקלאָרקײַט" אָדער „אומבאשטימטקײַט" פונעמ זינ פונ דער „זעלבסטבאשטימונג" זײַנענ פאקטיש, דה. לויט דער אָביעקטיווער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש פונ די קלאסנ אונ פונעמ קלאסנקאמפ אינ רוסלאנד, א פּשוטע איבערכאזערונג פונ די רייד פונ דער ליבעראל־מאָנארכיסטישער בורזשואזיע!

ווענ די „פראָלעטארסקאיא פראווּדא" האָט געשטעלט די הערנ אופגעקלערטע „קאָנסטיטוציאָנאַליסטנ דעמאָקראטנ" פונ דער „רעטש" דרײַ פראגעס: 1) צי לייקענענ זיי, אז אינ דער גאנצער געשיכטע פונ דער אינטערנאציאָנאַלער דעמאָקראטיע, באזונדערס פונ מיטנ XIX יאָרהונדערט אָנ, פארשטייט מענ אונ־

[1] זע ווערק, ב. XVII, ז. 108—109. רעד.
[2] דאָרט, ז. 168—169. רעד.

מערנ באגריפ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס גראָד פּאָליטישע זעלבסטבאשטימונג, דאָס רעכט אויסצובילדנ א זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכע? 2) צי לייקענענ זיי, אז דער באוווסטער באשלוס פונעם לאָנדאָנער אינטערנאציאָנאלנ סאָציאַליסטישנ קאָנגרעס פונ 1896 יאָר האָט דעמ זעלביקנ זינ? און 3) אז פּלעכאַנאָוו, וואָס האָט נאָכ אינ 1902 יאָר געשריבנ וועגנ זעלבסטבאשטימונג, האָט געמיינט דערמיט גראָד פּאָליטישע זעלבסטבאשטימונג? — ווענ די „פּראָלעטארסקאיא פּראַוודא“ האָט געשטעלט די דאָזיקע דריי פראגנ, זײַנענ די הערנ *קאדעטנ אנשוויגנ געוואָרנ*!!

זיי האָבנ קיינ איינ וואָרט ניט געענטפערט, ווײַל זיי האָבנ ניט געהאַט וואָס צו ענטפערנ. זיי האָבנ שווײַגנדיק געמוזט אָנערקענענ, אז די „פּראָלעטארסקאיא פּראַוודא“ איז אבסאָליוט גערעכט.

די געשרייענ פונ די ליבעראלנ מיקויעכ דער אומקלאָרקײַט פונעם באגריפ „זעלבסטבאשטימונג“ און מיקויעכ דעמ, אז די סאָציאַל-דעמאָקראטנ „מישנ אימ האָפענונגסלאָז צונויפ“ מיט סעפּאראטיזמ, איז ניט מער ווי א שטרעבונג צו *פּארפּלאָנטערנ* די פראגע, ארויסצודרייענ זיכ פונ אָנערקענענ א פּרינציפּ, אנ אלגעמיינ אײַנגעשטעלטנ דורכ דער דעמאָקראטיע. ווענ די הערנ סעמקאָווסקיס, ליבמאנס און יורקעוויטשעס וואָלטנ ניט געווענ אזעלכע אמראצימ, וואָלטנ זיי זיכ געשעמט ארויסצוטרעטנ פאר ארבעטער אינ *ליבעראלנ* גײַסט.

לאָמיר אָבער גיינ ווײַטער. די „פּראָלעטארסקאיא פּראַוודא“ האָט געצוווּנגענ די „רעטש“ צו אָנערקענענ, אז די ווערטער וועגנ „קולטורעלער“ זעלבסטבאשטימונג האָבנ אינ דער פּראָגראמ פונ די ק.-ד. דעמ זינ גראָד פונ *אָפּלייקענענ* די *פּאָליטישע* זעלבסטבאשטימונג.

„די קאדעטנ האָבנ זיכ, ווירקלעכ, קיינמאָל גאָר ניט אונטערגענומענ צו פּארטיידיקנ דאָס רעכט „פונ די נאציעס אָפּצוטיילנ זיכ“ פונ דער רוסישער מעלוכע“ — די דאָזיקע ווערטער פונ דער „רעטש“ האָט די „פּראָלעטארסקאיא פּראַוודא“ ניט אומזיסט רעקאָמענדירט דער „נאָוואָיע ווערעמיא“ און דער „זעמשטשינא“, אלס מוסטער פונ „לאָיאלקײַט“ פונ אונדזערע קאדעטנ. די צײַטונג „נאָוואָיע ווערעמיא“ האָט אינעמ נומ. 13563, ניט דורכלאָזנדיק, פארשטייט זיכ, די געלעגנהײַט צו דערמאָנענ דעמ „זשיד“ און ארײַנצוזאָגנ קאָלערליי שטעכווערטלעכ די קאדעטנ, פונדעסטוועגנ דערקלערט:

„דאָס, וואָס פאר די עסדעקנ איז עס אנ אקסיאָמע פונ פּאָליטישער קלוגשאפט“ (דה. די אָנערקענונג פונעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג, אפ אָפּטיילנ זיכ), „דאָס הייבט אָנ הײַנטיקע צײַטנ ארויסצורופנ מיינונגס-פארשיידנהײַטנ אפילע אינ דער קאדעטישער סוויווע“.

די קאדעטנ האָבנ זיכ פּרינציפּיעל געשטעלט פולשטענדיק אפ איינ און דער זעלבער פּאָזיציע מיט דער „נאָוואָיע ווערעמיא“, ווײַבאלד זיי מעלדנ, אז זיי „האָבנ זיכ קיינמאָל גאָר ניט אונטערגענומענ צו פּארטיידיקנ דאָס רעכט פונ די נאציעס אָפּצוטיילנ זיכ פונ דער רוסישער מעלוכע“. דערינ באשטייט טאקע איינער פונ די יעסוידעס פונעמ *נאציאָנאל-ליבעראליזמ* פונ די קאדעטנ, פונ זייער נאָענטקײַט צו די פורישקעוויטשעס, פונ זייער אידייִש-פּאָליטישער און פּראקטיש-פּאָליטי-

שער אָפּהענגיקײַט פונ די פּורישקעוויטשעס. „די הערנ קאַדעטנ האָבנ געלערנט געשיכטע, — האָט געשריבנ די „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ“, — אונ זיי ווייסנ אויסגעצייכנט, צו וואָס פאַר א, איידל גערעדט, „פּאָגראָמאַרטיקע“ מײַסימ עס האָט ניט זעלטנ געפירט אינ דער פּראַקטיק דאָס אָנווענדנ דאָס לאַנגאָניקע רעכט פונ די פּורישקעוויטשעס „тащить и не пущать“ (שלעפּנ אונ ניט לאָזנ)“. אויסגעצייכנט וויסנדיק דעמ פעאָדאַלנ מאָקער אונ כאַראַקטער פונ דער אַלמעכטיקײַט פונ די פּורישקעוויטשעס, שטעלנ זיכ פונדעסטוועגנ די קאַדעטנ אינגאַנצנ אפנ באָדנ פונ די פאַרהעלטענישנ אונ גרענעצנ, וואָס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ גראָד דורכ דעמ דאָזיקנ קלאַס. אויסגעצייכנט וויסנדיק, ווי פיל ניט-אייראָפּעיִשעס, אַנטי-אייראָפּעיִשעס (אַזיִאַטישעס, וואָלטנ מיר געזאָגט, ווענ דאָס זאָל ניט קלינגענ ווי א ניט-פאַרדינטע גרינגשעצונג בענעגייע די יאַפּאַנער אונ כינעזער) עס איז פאַראַנ אינ די פאַרהעלטענישנ אונ גרענעצנ, וואָס זײַנענ געשאַפנ אָדער באַשטימט געוואָרנ דורכנ דאָזיקנ קלאַס, אָנערקענענ עס די הערנ קאַדעטנ אַלס א-גרענעצ, וואָס מע קאָנ ניט אריבערטרעטנ.

אָט דאָס הייסט טאַקע צופּאַסנ זיכ צו די פּורישקעוויטשעס, קריכנ פאַר זיי אפ אַלע פיר, מוירע האָבנ א וואַקל צו טאָנ זייער לאַגע, באַשיצנ זיי קעגנ דער פאָלקס-באַוועגונג, קעגנ דער דעמאָקראַטיע. „דאָס באַטײַט אינ דער ווירקלעכקײַט, — האָט געשריבנ „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ“, — צופּאַסנ זיכ צו די אינטערעסנ פונ די לײַבאייגנטימער אונ צו די ערגסטע נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילנ פונ דער הערשנדיקער נאַציע אָנשטאָט צו פירנ א סיסטעמאַטישנ קאַמפ קעגנ די דאָזיקע פאָרורטיילנ“.

אַלס מענטשנ, וואָס זײַנענ באַקאַנט מיט געשיכטע אונ וואָס פּרעטענדירנ אפ דעמאָקראַטיזמ, מאַכנ די קאַדעטנ אפילע קיינ פרווו ניט צו באַהויפּטנ, אַז די דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וואָס כאַראַקטעריזירט אינ אונדזערע צײַטנ אי מיזרעכ-אייראָפּע אי אַזיע אונ וואָס שטרעבט איבערצומאַכנ די אונ יענע לויטנ מוסטער פונ די ציוויליזירטע, קאַפּיטאַליסטישע לענדער, — אַז אָט די באַוועגונג דאַרפ אומבאַדינגט לאָזנ אומגעענדערט די גרענעצנ, וועלכע זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ דורכ דער פעאָדאַלער עפּאָכע, דורכ דער עפּאָכע פונ אַלמעכטיקײַט פונ די פּורישקעוויטשעס אונ פונ דער רעכטלאָזיקײַט פונ די ברייטע שיכטנ פונ דער בורזשואַזיע אונ קליינבורגערטומ.

אַז די פראַגע, וואָס איז אופגעהויבנ געוואָרנ דורכ דער פּאָלעמיק צווישנ דער „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ“ אונ דער „רעטש“, איז קלאָל ניט געווענ בלויז א ליטעראַרישע פראַגע, אַז זי האָט באַרירט א ווירקלעכ אַקטועלע פּאָליטישע טאָג-פראַגע, דאָס האָט, צווישנ אַנדערנ, דערוויזנ די לעצטע קאָנפערענצ פונ דער ק.-ד. פאַרטיי דעמ 23—25 מאַרט פונ 1914 יאָר. אינעמ אָפיציעלנ באַריכט פונ „רעטש“ (נומ. 83, פונ 26-טנ מאַרט 1914 יאָר) וועגנ דער דאָזיקער קאָנפערענצ לייענענ מיר:

„די נאַציאָנאַלע פראַגנ זײַנענ אויכ באַהאַנדלט געוואָרנ באַזונדערס לעבהאַפט. די קיִעווער דעפּוטאַטנ, צו וועלכע עס האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ נ. וו. נעקראַסאָוו אונ א. מ. קאָליובאַקינ, האָבנ אָנגעוויזנ, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז א רעאַל ווערנדיקער גרויסער פאַק-

טאָר, וואָס מע מוז אים אנטקעגנקומענ מער אנטשיידנ אײדער דאָס איז געווענ פריִער. פ. פ. קאָקאָשקינ האָט אָנגעוויזנ פונדעסטוועגנ" (דאָס איז דער זעלבער „פונדעסטוועגנ", וואָס אנטשפרעכט שטשעדרינס „אָבער" — „העכער פונעמ שטערנ וואקסנ ניט די אויערנ, ניינ, זיי וואקסנ ניט"), „אז אי די פראָגראמ אי די פריִערדיקע פאָליטישע דערפארונג פאָדערנ, מע זאָל זיכ זייער פאָרזיכטיק באגיינ מיט די „עלאסטישע פאָרמולעס" „פונ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציאָנאליטעטנ""".

דער דאָזיקער העכסט מערקווירדיקער געדאנק, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרנ אפ דער קאדעטישער קאָנפערענצ, פארדינט קאָלאָסאלע אופמערקזאמקייט מיצאד אלע מארקסיסטנ אונ מיצאד אלע דעמאָקראטנ. (לאָמיר באמערקנ אינ קלאמערנ, אז די „קיִעווסקאיא מיסל", וועלכע איז אפּאָנעמ זייער גוט אינפאָרמירט אונ גיט, אָנ ספק, ריכטיק איבער ה' קאָקאָשקינס געדאנקענ, האָט צוגעגעבנ, אז ער האָט ספּעציעל ארויסגערוקט, פארשטייט זיכ, אלס האסראָע פאר זיינע אָפּאָנענטנ, די געפאר פונ „צעפאלונג" פונ דער מעלוכע.)

דער אָפיציעלער באריכט פונ „רעטש" איז צונויפגעשטעלט ווירטואָז-דיפּלאָמאטיש, קעדיי וואָס ווייניקער אופהייבנ דעמ פאָרהאנג, קעדיי וואָס מער אויסבאהאלטנ. דאָכ איז אינ די גרונט-שטריכנ קלאָר, *וואָס* עס איז פאָרגעקומענ אפ דער קאדעטישער קאָנפערענצ. די דעלעגאטנ — ליבעראלע בורזשואַ, וואָס זיינענ באקאנט מיט דער זאכלאגע אינ אוקראינע, אונ די „לינקע" קאדעטנ האָבנ געשטעלט די פראגע *גראָד וועגנ פּאָליטישער* זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס. אנדערש וואָלט דער ה' קאָקאָשקינ ניט געדארפט רופנ „פאָרזיכטיק צו באגיינ זיכ" מיט דער דאָזיקער „פאָרמולע".

אינ דער פראָגראמ פונ די קאדעטנ, וועלכע איז, פארשטייט זיכ, געווענ באוווסט די דעלעגאטנ פונ דער קאדעטישער קאָנפערענצ, שטייט טאקע *ניט* פּאָליטישע, נאָר „קולטורעלע" זעלבסטבאשטימונג. הייסט עס, אז דער ה' קאָקאָשקינ האָט *פארטיידיקט* די פראָגראמ *קעגנ* די דעלעגאטנ פונ אוקראינע, *קעגנ* די לינקע קאדעטנ, ער האָט פארטיידיקט די „קולטורעלע" זעלבסטבאשטימונג *קעגנ* דער „פּאָליטישער". עס איז אבסאָליוט קלאָר, אז ווענ דער ה' קאָקאָשקינ האָט געקעמפט קעגנ „פּאָליטישער" זעלבסטבאשטימונג, ווענ ער האָט געסטראשעט מיט דער געפאר, אז עס קאָנ קומענ צו דער „צעפאלונג פונ דער מעלוכע", ווענ ער האָט קוואליפיצירט די פאָרמולע „פּאָליטישע זעלבסטבאשטימונג", ווי אנ *„עלאסטישע"* (גאָר אינ ראָזע לוקסעמבורגס גייסט!), האָט ער פארטיידיקט דעמ גרויסרוסישנ נאציאָנאל-ליבעראליזמ קעגנ די מער „לינקע" אָדער מער דעמאָקראטישע עלעמענטנ פונ דער ק.-ד. פארטיי אונ קעגנ דער אוקראינישער בורזשואַזיע.

ה' קאָקאָשקינ האָט געזיגט אפ דער קאדעטישער קאָנפערענצ, ווי דאָס איז צו זענ פונעמ פארעטערישנ ווערטל „פונדעסטוועגנ" אינעמ באריכט פונ „רעטש". דער גרויסרוסישער נאציאָנאל-ליבעראליזמ האָט טריומפירט בא די קאדעטנ. עפּשער וועט דער דאָזיקער זיג העלפנ קלאָר צו מאכנ די מויכעס פונ יענע אומפארנינפטיקע יעכידימ צווישנ די מארקסיסטנ פונ רוסלאנד, וואָס האָבנ אויכ, נאָכטוענדיק די קאדעטנ, אָנגעהויבנ מוירע האָבנ פאר „די עלאסטישע פאָרמולעס פונ פּאָליטישער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציאָנאליטעטנ"?

לאָמיר „פונדעסטוועגנ“ א קוק טאָנ אינ טאָכ אפנ ה׳ קאָקאָשקינס געדאנקענגאנג.
מיטנ פארופנ זיכ אפ דער „פרײַערדיקער פאָליטישער דערפארונג“ (דה. אפאָנעמ, אפ
דער דערפארונג פונעמ פינפטנ יאָר, ווענ די גרויסרוסישע בורזשואזיע האָט זיכ
דערשראָקנ פאר אירע נאציאָנאלע פריווילעגיעס אונ האָט מיט איר שרעק דער=
שראָקנ די קאָדעטישע פארטיי), מיטנ סטראשענ מיט דער געפאר פונ „צעפאלונג
פונ דער מעלוכע“ האָט דער ה׳ קאָקאָשקינ באוויזנ, אז ער פארשטייט אויסגעצייכנט,
אז פאָליטישע זעלבסטבאשטימונג קאָנ ניט באטײַטנ קיינ שומ אנדער זאכ, אחוצ
דעמ רעכט אָפצוטיילנ זיכ אונ אויסצובילדנ א זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכע.
פרעגט זיכ, ווי דארפ מענ קוקנ אפ דער דאָזיקער מוירע פונעמ ה׳ קאָקאָשקינ פונ=
נעמ שטאנדפונקט פונ דעמאָקראטיע, ביכלאל, אונ פונעמ שטאנדפונקט פונ פראָלע=
טארישנ קלאסנקאמפ, ביפראט?

דער ה׳ קאָקאָשקינ וויל אונדז פארזיכערנ, אז דאָס אָנערקענענ דאָס רעכט אָפ=
צוטיילנ זיכ פארגרעסערט די געפאר פונ „צעפאלונג פונ דער מעלוכע“. דאָס איז דער
שטאנדפונקט פונעמ גאָראָדאָוואָי מימרעצאָוו מיט זײַנ דעוויז: «тащить и не пущать».
פונעמ שטאנדפונקט פונ דעמאָקראטיע ביכלאל איז גראָד פארקערט: דאָס אָנער=
קענענ דאָס רעכט אָפצוטיילנ זיכ *פארקלענערט* די געפאר פונ „צעפאלונג פונ
דער מעלוכע“.

ה׳ קאָקאָשקינ דענקט אינגאנצנ אינ גײַסט פונ די נאציאָנאליסטנ. אפ זייער
לעצטנ צוזאמענפאָר האָבנ זיי געשאָטנ פעכ אונ שוועבל אפ די אוקראינער די „מא=
זעפאָוועצעס“. די אוקראינישע באוועגונג — האָט געשריענ ה׳ סאווענקאָ אונ קאָמפ.—
דראָעט אָפצושוואכנ דעמ צוזאמענבונד צווישנ אוקראינע מיט רוסלאנד, ווײַל עסטרײַכ
פארפעסטיקט מיט זײַנ אוקראינאָפילישקײַט דעמ צוזאמענבונד צווישנ די אוקראינער
מיט עסטרײַכ!! עס איז פארבליבנ אומפארשטענדלעכ, פארוואָס זשע קאָנ רוסלאנד
ניט א פרווו טאָנ צו „פארפעסטיקנ“ דעמ צוזאמענבונד צווישנ די אוקראינער מיט
רוסלאנד מיט *דעמ זעלביקנ מעטאָד*, וואָס פאר אימ באשולדיקנ די הה׳ סא=
ווענקאָס עסטרײַכ, דה. געבנ די אוקראינער פרײַהײַט פונ דער מוטערשפראַכ,
זעלבסטפארוואלטונג, אנ אויטאָנאָמענ סיימ אדג.?

די בקירעס פונ די הה׳ סאווענקאָס אונ די הה׳ קאָקאָשקינס געהערנ צו איינ אונ
דעמ זעלבנ מינ אונ זײַנענ אלציינס לעכערלעכ אונ אומגעלומפערט פונ ריינ לאָגישנ
שטאנדפונקט. צי דענ איז ניט קלאָר, אז וואָס מער פרײַהײַט די אוקראינישע נא=
ציאָנאליטעט וועט האָבנ אינ דעמ אָדער יענעמ לאנד, אלצ פעסטער וועט זײַנ דער
צוזאמענבונד פונ דער דאָזיקער נאציאָנאליטעט מיטנ געגעבענעמ לאנד? דוכט זיכ,
אז מע קאָנ ניט באשטרײַטנ דעמ דאָזיקנ אלעפבייז=עמעס, אויב מע זאָל ניט אײַנ=
רײַסנ קאטעגאָריש מיט אלע פרינציפנ פונ דעמאָקראטיזמ. אונ צי קאָנ דענ זײַנ א
גרעסערע פרײַהײַט פונ דער נאציאָנאליטעט, אלס אזעלכער, איידער די פרײַהײַט
אָפצוטיילנ זיכ, די פרײַהײַט אויסצובילדנ א זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מע=
לוכע?

קעדיי נאָכ מער אויפקלערנ די דאָזיקע פראגע, וואָס ווערט פארפלאָנטערט דורכ
די ליבעראלנ (אונ דורכ די, וואָס באָמקענ זיי נאָכ מאכמעס אומפארשטאנדיקײַט),
וועלנ מיר ברענגענ דעמ פאַשטעסטנ בײַשפיל. לאָמיר נעמענ די פראגע וועגנ געט.

ראָזע לוקסעמבורג שרײַבט אינ איר ארטיקל, אז א צענטראליזירטע דעמאָקראטישע מעלוכע, וואָס גייט פולשטענדיק איינ אפ דער אווטאָנאָמיע פונ באזונדערע טיילנ, מוז לאָזנ אינ דער קאָמפּעטענצ פונעמ צענטראלנ פארלאמענט אלע וויכטיקסטע געביטנ פונ געזעצגעבונג אונ, צווישנ אנדערנ, אויכ די געזעצגעבונג וועגנ געטנ. די דאָזיקע זאָרג וועגנ דעמ, אז די צענטראלע מאכט פונ א דעמאָקראטישער מעלוכע זאָל זיכערנ די פרײַהײַט צו געטנ זיכ, איז גאנצ פארשטענדלעכ. רעאקציאָנערנ זײַנענ קעגנ דער פרײַהײַט צו געטנ זיכ, זיי רופנ, מע זאָל זיכ „פאָרזיכטיק באגיינ" דערמיט, אונ זיי מאכנ קוילעס, אז געט באטײַט „צעפאלונג פונ דער פאמיליע". די דעמאָקראטיע האלט אָבער, אז די רעאקציאָנערנ האנדלענ ווי צוויאקעס, ווײַל פאקטיש פארטיידיקנ זיי די אלמעכטיקײַט פונ דער פּאָליציי אונ פונ דער ביוראָקראטיע, די פריווילעגיעס פונ איינ געשלעכט אונ די ערגסטע אונטערדריקונג פונ דער פרוי; — אז פאקטיש באטײַט די פרײַהײַט צו געטנ זיכ ניט קיינ „צעפאלונג" פונ די פאמיליע-פארבינדונגענ, נאָר, פארקערט, זייער פארפעסטיקונג אפ דעמאָקראטישע יעסודעס, די איינציק מעגלעכע אונ שטאנדהאפטיקע אינ א ציוויליזירטער געזעלשאפט.

באשולדיקנ די אָנהענגער פונ דער פרײַהײַט פונ זעלבסטבאשטימונג, דה. פונ דער פרײַהײַט אָפּצוטיילנ זיכ, אז זיי סטימולירנ קלוימערשט דעמ סעפּאראטיזמ, איז פונקט אזא נארישקײַט אונ פונקט אזא צוויעס, ווי באשולדיקנ די אָנהענגער פונ דער פרײַהײַט צו געטנ זיכ, אז זיי סטימולירנ די רוינירונג פונ די פאמיליע-פארבינדונגענ. פונקט ווי קעגנ דער פרײַהײַט צו געטנ זיכ טרעטנ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט ארויס די פארטיידיקער פונ פריווילעגיעס אונ פונ פארקויפטקײַט, וואָס אפ זיי איז געבויט די בורזשואזע הייראט, פונקט אזוי באטײַט אויכ אינ דער קאפּיטאליסטישער מעלוכע דאָס לייקענענ אינ דער פרײַהײַט פונ זעלבסטבאשטימונג, דה. אינ דער פרײַהײַט פונ די נאציעס אָפּצוטיילנ זיכ, בלויז א פארטיידיקונג פונ די פריווילעגיעס פונ דער הערשנדיקער נאציע אונ פונ די פּאָליציייִשע פארוואלטונגס-מעטאָדנ צומ שאָדנ פונ די דעמאָקראטישע.

עס איז קיינ ספק ניט, אז די פּאָליטיקאנערײַ, וואָס ווערט ארויסגערופנ דורכ אלע פארהעלטענישנ פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, רופט צומאָל ארויס העכסט לײַכטזיניקע אונ אפילע פּאָשעטע נארישע פּלוידערײַ פונ פארלאמענטאריער אָדער פּובליציסטנ וועגנ דעמ אָפּטיילנ זיכ פונ דער אָדער יענער נאציע. אָבער נאָר רעאקציאָנערנ קאָנענ זיכ לאָזנ אָנשרעקנ (אָדער מאכנ אנ אָנשטעל, אז זיי זײַנענ קלוימערשט אָנגעשראָקנ) פונ אזא מינ פּלוידערײַ. ווער עס שטייט אפנ שטאנדפונקט פונ דעמאָקראטיע, דה. פונ דעמ, אז די מעלוכע-פראגנ דארפנ באשלאָסנ ווערנ דורכ דער מאסע פונ דער באפעלקערונג, דער ווייסט אויסגעצייכנט, אז פונ דער פּלוידערײַ פונ די פּאָליטיקאנער ביז א באשלוס פונ די מאסנ איז „פאָלג מיכ א גאנג". די מאסנ פונ דער באפעלקערונג ווייסנ אויסגעצייכנט, פונ דער טאָגטעגלעכער דערפארונג, די באדײַטונג פונ געאָגראפישע אונ עקאָנאָמישע פארבינדונגענ, די מײַלעס פונ א גרויסנ מארק אונ א גרויסער מעלוכע, אונ אפ אָפּטיילנ זיכ וועלנ זיי אײַנגיינ נאָר אינ דעמ פאל, אויב דער נאציאָנאלער דרוק אונ די נאציאָנאלע רײַבונגענ מאכנ אבסאָליוט אומדערטרעגלעכ דאָס געמיינזאמע לעבנ, טאָרמאָזירנ אלע אונ עטווידע ווירטשאפטלעכע באציונגענ. אונ אינ אזא מינ פאל וועלנ די אינטערעסנ

פונ דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג און פונ דער פרײַהײַט פונ קלאסנקאמפ זײַנ גראָד אפ דער זײַט פונ די, וואָס טיילנ זיכ אָפ.

אלזאָ, פונ וואָסער זײַט מע זאָל ניט צוגײנ צומ ה' קאָקאָשקינס בקירעס, ווײַזט זיכ ארויס, אז דאָס איז דער גרעסטער אבסורד, אז דאָס הייסט כוויזעק מאכנ פונ די פרינציפנ פונ דעמאָקראטיע. א געוויסע לאָגיק איז אָבער אינ די דאָזיקע בקירעס יאָ פאראנ; דאָס איז די לאָגיק פונ די קלאסנ=אינטערעסנ פונ דער גרויסרוסישער בורזשואזיע. פונקט ווי די מערהײַט פונ דער ק.=ד. פארטיי, איז דער ה' קאָקאָשקינ א לאקיי בײַ דעמ געלט=זאק פונ דער דאָזיקער בורזשואזיע. ער פארטיידיקט אירע פריווילעגיעס ביכלאל, אירע מ ע ל ו כ י ש ע פריווילעגיעס באזונדערס, ער פארטיידיקט זיי צוזאמענ מיט פורישקעוויטשנ, האנט=בײַ=האנט מיט אימ, — מער ניט, וואָס פורישקעוויטש גלייבט מער אינעמ לײַבייגנטימערישנ שטעקנ, און קאָקאָשקינ מיט דער קאָמפ. זעענ, אז דאָס פינפטע יאָר האָט שטארק אײַנגעבראָכנ דעמ דאָזיקנ שטעקנ, און זיי פארלאָזנ זיכ מער אפ בורזשואזע מיטלענ פונ באשווינדלענ די מאסנ, לעמאָשל, אפ סטראשענ די שטאָטישע קליינבירגער און די פויערימ מיטנ געשפענסט פונ „צעפאלונג פונ דער מעלוכע“, אָפנארנ זיי מיט פראזעס וועגנ פאריייניקנ די „פאָלקס=פרײַהײַט“ מיט די היסטאָרישע יעסוידעס אאוו.

די ליבעראלע סינע צומ פרינציפ פונ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס האָט איינ רעאלע קלאסנ=באדײַטונג און נאָר איינע: נאציאָנאל=ליבעראליזמ, פארטיידיקונג פונ די מעלוכישע פריווילעגיעס פונ דער גרויסרוסישער בורזשואזיע. און די רוסלענדישע אָפאָרטוניסטנ צווישנ די מארקסיסטנ, וואָס האָבנ אָנגעגורט די לענדנ קעגנ דעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג גראָד איצט, אינ דער עפאָכע פונ דער סיסטעמ פונ 3=טנ יונ, אָט די אלע: דער ליקווידאטאָר סעמקאָווסקי, דער בונדאָוועצ ליבמאנ, דער אוקראַינישער קליינבירגער יורקעוויטש, שלעפנ זיכ פ א ק ט י ש נאָכ נאָכנ נאציאָנאל=ליבעראליזמ, דעמאָראליזירנ דעמ ארבעטער=קלאס מיט נאציאָנאל=ליבעראלע אידייענ.

די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער=קלאס און פונ זײַנ קאמפ קעגנ דעמ קאפיטאליזמ פאָדערנ פולשטענדיקע סאָלידאריטעט און ענגסטע אײַנהײַט צווישנ די ארבעטער פונ אלע נאציעס, זיי פאָדערנ צו געבנ א ווידערשטאנד דער נאציאָנאליסטישער פאָליטיק פונ דער בורזשואזיע פונ וואָס פאר א נאציאָנאליטעט דאָס זאָל ניט זײַנ. דעריבער איז, סײַ ווענ די ס.=ד. וואָלטנ גענומענ ארויסטרעטנ קעגנ דעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג, דה. קעגנ דעמ רעכט פונ די אונטערדריקטע נאציעס אָפצוטיילנ זיכ, סײַ ווענ די ס.=ד. וואָלטנ זיכ גענומענ שטיצנ אלע נאציאָנאלע פאָדערונגענ פונ דער בורזשואזיע פונ די אונטערדריקטע נאציעס, וואָלט עס אלציינס געהייסנ אָפווײַכנ פונ די אויפגאבנ פונ דער פראָלעטארישער פאָליטיק, אונטערווארפנ די ארבעטער אונטער דער בורזשואזער פאָליטיק. דעמ לוינ=ארבעטער איז אלציינס, צי וועט די פריווילעגיע צו זײַנ הויפט=עקספלואטאטאָר האָבנ די גרויסרוסישע בורזשואזיע לעגאַבע דער בורזשואזיע פונ די אינאָראָדצעס, אָדער די פוילישע בורזשואזיע לעגאַבע דער יידישער אאוו. דער לוינ=ארבעטער, וואָס האָט באנומענ די אינטערעסנ פונ זײַנ קלאס, איז גלײַכגילטיק סײַ צו די מעלוכישע פריווילעגיעס פונ די גרויסרוסישע קאפיטאליסטנ סײַ צו די צוזאָגנ פונ די פוילישע אָדער אוקראַינישע קאפי=

מאליסטנ, אז ווענ זיי וועלנ האָבנ די מעלוכע-פּריווילעגיעס, וועט ווערנ א גאניידנ אפ דער ערד. די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ גייט אונ וועט גיינ פאָרויס, אזוי אָדער אנדערש, אי אינ אנ איינהייטלעכער פילפארביקער מעלוכע אי אינ באזונדערע נאציאָנאלע מעלוכעס.

אינ יעדנ פאל וועט דער לוינ-ארבעטער בלייבנ אנ אָביעקט פונ עקספּלואטאציע, אונ דער דערפאָלגרייכער קאמפ קעגנ איר פאָדערט, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל זיינ אומאָפּהענגיק פונעמ נאציאָנאליזמ, ער פאָדערט די פולע, אזוי צו זאָגנ, נייטראליטעט פונ די פּראָלעטאריער אינעמ קאמפ צווישנ דער בורזשואזיע פונ פארשיידענע נאציעס פאר דער בכוירע. אויב דער פּראָלעטאריאט פונ א וועלכער-ניט-איז נאציע וועט אפילע אינ דער מינדסטער מאָס שטיצנ די פּריווילעגיעס פונ „זיינ“ נאציאָנאלער בורזשואזיע, וועט עס אומפארמיידלעכ ארויסרופנ אומצוטרוי צו אימ מיצאד דעמ פּראָלעטאריאט פונ דער אנדערער נאציע, דאָס וועט אָפּשוואכנ די אינטערנאציאָנאלע קלאסנ-סאָלידארישקייט פונ די ארבעטער, וועט זיי צעשפּאלטנ צומ פארגעניגנ פונ דער בורזשואזיע. אונ ארויסטרעטנ קעגנ דעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג אָדער אפ אָפּטיילנ זיכ באטייט אומפארמיידלעכ אינ דער פּראקטיק שטיצנ די פּריווילעגיעס פונ דער הערשנדיקער נאציע.

דעריבער קאָנענ מיר זיכ נאָכ מער אָנשוילעכ איבערצייגנ, אויב מיר וועלנ נעמענ דעמ קאָנקרעטנ ביישפּיל פונ נאָרוועגיעס אָפּטיילנ זיכ פונ שוועדנ.

6. נאָרוועגיעס אָפּטיילנ זיכ פונ שוועדנ

ראָזע לוקסעמבורג נעמט גראָד דעמ דאָזיקנ ביישפּיל אונ שרייבט וועגנ אימ אזוי:

„די לעצטע געשעעניש אינ דער געשיכטע פונ פעדעראטיווע באציונגענ, נאָרוועגיעס אָפּטיילנ זיכ פונ שוועדנ, — א געשעעניש, וועלכע די סאָציאַל-פּאטריאָטישע פּוילישע פּרעסע האָט דאנ געאיילט אויפצוכאפּנ (זע דעמ קראקאָווער „נאפּשוד“), ווי א דערפרייענדיקע אנטפּלעקונג פונ דער קראפט אונ פּראָגרעסיווקייט פונ די שטרעבונגענ צומ מעלוכישנ אָפּטיילנ זיכ, — האָט זיכ טייקעפ פארוואנדלט אינ א שלאָגנדיקנ באווייז פונ דעמ, אז דער פעדעראליזמ אונ דאָס מעלוכישע אָפּטיילנ זיכ, וואָס דרינגט פונ אימ ארויס, זיינענ קלאל ניט קיינ אויסדרוק פונ פּראָגרעסיווקייט אָדער דעמאָקראטיזמ. נאָכ דער אזויגערופענער נאָרוועגישער „רעוואָליוציע“, וועלכע איז באשטאנענ דערינ, וואָס דער שוועדישער קיניג איז אראָפּגעזעצט אונ פארטריבנ געוואָרנ פונ נאָרוועגיע, האָבנ די נאָרוועגער גאנצ רויק אויסגעקליבנ אנ אנדער קיניג, נאָכ דעמ ווי זיי האָבנ דורכ א פאָלקס-אָפּשטימונג פאָרמעל אָפּגעוואָרפנ דעמ פּראָיעקט צו גרינדנ א רעפּובליק. דאָס, וואָס אויבערפלעכלעכע אָנהענגער פונ יעטווידע נאציאָנאלע באוועגונגענ אונ פונ יעטווידנ דימיענ פונ אומאָפּהענגיקייט האָבנ פּראָקלאמירט אלס „רעוואָליוציע“, איז געווענ אנ איינפאכע אנטפּלעקונג פונ פּויערשנ אונ קליינבירגערלעכנ פּארטיקוליאריזמ, פונעמ פארלאנג צו האָבנ פארנ אייגענעמ געלט אנ „אייגענעמ“ קיניג אָנשטאָט אזא, וואָס איז ארופגעצוווּנגענ דורכ דער שוועדישער אריסטאָקראטיע, זי איז, הייסט עס, געווענ א באוועגונג, וועלכע האָט אבסאָלוט קיינ שומ שייכעס ניט צו רעוואָליוציאָנערקייט. גלייכצייטיק האָט די דאָזיקע געשיכטע פונ צערייסנ די שוועדיש-נאָרוועגישע אוניע ווידעראמאָל דערוויזנ, ווי ווייט די פעדעראציע, וואָס האָט ביז דאנ עקזיסטירט, איז אויכ אינעמ געגעבענעמ פאל געווענ בלויז אנ אויסדרוק פונ ריינ דינאסטישע אינטערעסנ, אונ, הייסט עס, א פאָרמ פונ מאָנארכיזמ אונ רעאקציע.“ („פּשעגלאָנד“).

דאָס איז בוכשטעבלעכ אלצ, וואָס ראָזע לוקסעמבורג זאָגט וועגנ דעמ געגעבענעמ פונקט!! אונ, מע מוז מודע זײַנ, אז עס וואָלט געווענ שווער בוילעטער ארויסצוווײַזנ די אומבאהאָלפנקײַט פונ איר פּאָזיציע, ווי דאָס האָט געטאָנ ראָזע לוקסעמבורג אינעמ געגעבענעמ בײַשפּיל.

עס האָט זיכ געהאנדלט אונ עס האנדלט זיכ וועגנ דעמ, צי איז פאר דער ס.-ד. אינ א פילפארביקער נאציאָנאלער מעלוכע נײטיק א פּראָגראמ, וואָס אָנערקענט דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג אָדער אפ אָפּטײלנ זיכ.

וואָס זשע זאָגט אונדז וועגנ דער דאָזיקער פראגע דער בײַשפּיל מיט נאָרוועגיע, וועלכנ ראָזע לוקסעמבורג האָט אלײנ גענומענ?

אונדזער אווטאָר דרײט זיכ אונ זוכט טערוצימ, כאָכמעט זיכ אונ טומלט קעגנ דעמ „נאפּשוד“, אָבער אפ דער פראגע ענטפערט ער ניט! ראָזע לוקסעמבורג רעדט וועגנ אלצ, וואָס איר ווילט, קעדײ קײנ אײנ וואָרט ניט צו זאָגנ וועגנ דעמ טאָכ פונ דער פראגע!!

עס איז קײנ סאָפעק ניט, אז די נאָרוועגישע קלײנבירגער, וואָס האָבנ פאר זײער געלט געוואָלט האָבנ אנ אײגענעמ קיניג אונ וואָס האָבנ דורכ דער פאָלקס-אָפּשטימונג אָפּגעוואָרפנ דעמ פּראָיעקט צו גרינדנ א רעפּובליק, האָבנ ארויסגעוויזנ ביז גאָר שלעכטע קלײנבירגערלעכע אײגנשאפטנ. עס איז קײנ סאָפעק ניט, אז אויב דער „נאפּשוד“ האָט דאָס ניט באמערקט, האָט ער ארויסגעוויזנ פונקט די זעלבע שלעכטע אונ פונקט די זעלבע קלײנבירגערלעכע אײגנשאפטנ.

נאָר וואָס פאר א שײַכעס האָט דאָס אלצ צומ איניענ??

עס האָט זיכ דאָכ געהאנדלט וועגנ דעמ רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג אונ וועגנ דער באציִונג פונעמ סאָציאליסטישנ פּראָלעטאריאט צו דעמ דאָזיקנ רעכט! פארוואָס זשע ענטפערט ניט ראָזע לוקסעמבורג אפ דער פראגע, נאָר זי דרײט זיכ אלצ ארומ אונ ארומ?

די מויז, זאָגט מענ, מײנט, אז שטארקער פונ א קאצ איז גאָר קײנ בהמה נישטאָ. ראָזע לוקסעמבורג מײנט אפּאָנעמ, אז שטארקער פונ א „פראק“ איז גאָר קײנ בהמה ניטאָ. „פראקעס“ הײסט אפנ אומגאנגס-לאָשנ די „פּוילישע סאָציאליסטישע פארטײ“, די אזױגערופענע רעוואָליוציאָנערע פראקציע, אונ דאָס קראקאָווער צײַטונגל „נאפּשוד“ איז אנ אָנהענגער פונ די אודײענ פונ דער דאָזיקער „פראקציע“. ראָזע לוקסעמבורגס קאמפ קעגנ דעמ נאציאָנאליזמ פונ דער דאָזיקער „פראקציע“ האָט אזוי פארבלענדט אונדזער אווטאָר, אז פונ זײַנ האָריזאָנט ווערט פארשווונדנ אלצ, אויסער דער „נאפּשוד“.

אויב דער „נאפּשוד“ זאָגט: „יאָ“, האלט ראָזע לוקסעמבורג פאר איר הײליקנ כויוו גלײַכ אויסצורופנ: „נײנ“, אונ זי טראכט גאָר ניט דערבײַ, אז מיט אזא מינ מעטאָד ווײַזט זי ארויס ניט איר אומאָפּהענגיקײַט פונעמ „נאפּשוד“, נאָר גראָד פארקערט, איר קאָמישע אָפּהענגיקײַט פונ די „פראקעס“, איר אומפײַיקײַט א קוק צו טאָנ אפ זאכנ פונ א מער טיפערנ אונ ברײטערנ שטאנדפּונקט, אײדער דער שטאנדפּונקט פונעמ קראקאָווער מורעשניק. דער „נאפּשוד“ איז, פארשטײט זיכ, זײער א שלעכטער אונ קלאל ניט קײנ מארקסיסטישער אָרגאנ, דאָס דארפ אונדז

אָבער ניט שטערנ צו אנאליזירנ אינ טאָכ דעמ בײַשפּיל פונ נאָרוועגיע, וױבאַלד מיר האָבנ אימ גענומענ.

קעדיי צו אנאליזירנ דעמ דאָזיקנ בײַשפּיל מאַרקסיסטיש, דאַרפנ מיר זיכ אָפּשטעלנ ניט אַפּ די שלעכטע אײגנשאַפטנ פונ די מוירעדיק שרעקלעכע „פּראַקעס“, נאָר, ערשטנס, אַפּ די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַזונדערהײַטנ פונ נאָרוועגיעס אָפּטײלנ זיכ פונ שוועדנ אונ, צווייטנס, אַפּ דעמ, וואָס פאַרא אופגאַבעס זײַנענ געשטאַנענ פאַרנ פּראָלעטאַריאַט פונ ביידע לענדער באַמ דאָזיקנ אָפּטײלנ זיכ.

נאָרוועגיע דערנענטערנ מיט שוועדנ געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע אונ שפּראַכלעכע פאַרבינדונגענ, ניט קיינ ווייניקער ענגע, אייַדער די פאַרבינדונגענ פונ פיל ניט-גרויסרוסישע סלאַווישע נאַציעס מיט די גרויסרוסנ. אָבער דער בונד צווישנ נאָרוועגיע מיט שוועדנ איז געווענ ניט קיינ פרײַוויליקער, אַזוי אַז וועגנ א „פעדעראַציע“ רעדט ראָזע לוקסעמבורג גאָר אומזיסט, פּאַשעט דערפאַר, ווײַל זי ווייסט ניט, וואָס צו זאָגנ. נאָרוועגיע האָבנ די מאָנאַרכנ אָפּגעגעבנ צו שוועדנ ביים די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, טראָצ דעמ ווילנ פונ די נאָרוועגער, אונ קעדיי צו אונטערטעניקנ נאָרוועגיע, האָבנ די שוועדנ געמוזט אַרײַנפירנ קיינ נאָרוועגיע מיליטער.

נאָכדעמ האָבנ צווישנ נאָרוועגיע אונ שוועדנ איינ מעשעכ פונ לאַנגע יאָרצענדליקער קעסיידער עקזיסטירט רײַבונגענ, ניט געקוקט אַפּ דער זייער ברייטער אווטאָנאָמיע, וואָס נאָרוועגיע האָט געהאַט (אַנ אייגענעמ סיימ אאַוו.), אונ די נאָרוועגער האָבנ מיט אַלע קויכעס געשטרעבט אַראָפּצוּוואַרפנ פונ זיכ דעמ יאָכ פונ דער שוועדישער אַריסטאָקראַטיע. אינ אווגוסט 1905 יאָר האָבנ זיי אימ טאַקע, ענדלעכ, אַראָפּגעוואָרפנ: דער נאָרוועגישער סיימ האָט באַשטימט, אַז דער שוועדישער קיניג האָט אופגעהערט צו זײַנ נאָרוועגישער קיניג, אונ דער רעפערענדומ, וואָס איז דערנאָכ דורכגעפירט געוואָרנ, דאָס פרעגנ באַמ נאָרוועגישנ פאָלק, האָט געגעבנ אַנ איבערוועגנדיקע מערהײַט שטימענ (אַרומ 200 טויזנט קעגנ עטלעכע הונדערט) פאַרנ פולשטענדיקנ אָפּטײלנ זיכ פונ שוועדנ. נאָכ געוויסע וואַקלונגענ זײַנענ די שוועדנ אײַנגעגאַנגענ אַפּנ פאַקט פונ אָפּטײלנ זיכ.

דער דאָזיקער בײַשפּיל באַווײַזט אונדז, אַפּ וואָס פאַר א באָדנ עס זײַנענ מעגלעכ אונ עס טרעפנ באַ די איצטיקע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע פאַרהעלטענישנ אַזוינע פאַלנ, ווענ נאַציעס טיילנ זיכ אָפּ, אונ וואָס פאַר א פאָרמ עס נעמט צומאָל אָנ דאָס אָפּטײלנ זיכ אינ די אומשטענדנ פונ פּאָליטישער פרײַהײַט אונ דעמאָקראַטיזמ.

קיינ איינ סאָציאַל-דעמאָקראַט, אויב ער וועט זיכ ניט באַשליסנ צו דערקלערנ, אַז די פראַגנ פונ פּאָליטישער פרײַהײַט אונ דעמאָקראַטיזמ זײַנענ פאַר אימ אינדיפערענט (אונ אינ אַזאַ פאַל וואָלט ער, פאַרשטייט זיכ, אופגעהערט צו זײַנ א סאָציאַל-דעמאָקראַט), וועט ניט קאָנענ לייקענענ, אַז דער דאָזיקער בײַשפּיל דערווײַזט פּאַקטיש, אַז פאַר באַוווּסטזיניקע אַרבעטער איז אָבליגאַטאָריש צו פירנ א סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע אונ צוגרייטונג דערצו, אַז די מעגלעכע צוזאַמענשטויסנ איבער דעמ אָפּטײלנ זיכ פונ נאַציעס זאָלנ געלייזט ווערנ נאָר אַזוי, ווי זיי זײַנענ געלייזט געוואָרנ אינ 1905 יאָר צווישנ נאָרוועגיע אונ שוועדנ אונ ניט „אַפּנ רוסישנ שטייגער“. אָט דאָס דריקט טאַקע אויס די פּראָגראַמ-פאָדערונג צו אָנערקענענ דאָס

רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג. און פונ אָט דעמ פאקט, וואָס איז אומאָנגענעמ פאר ראָזע לוקסעמבורגס טעאָריע, האָט זי געמוזט זענ ארויסדרייענ זיכ דורכ בייזע אָנפאלנ אפ דער קליינבירגערלעכקייט פונ די נאָרוועגישע קליינבירגער און אפנ קראקאָווער „נאפשוד“, ווייל זי האָט אויסגעצייכנט פארשטאנענ, ווי ווייט דער דאָזיקער היסטאָרישער פאקט ליקווידירט אבסאָליוט אָפ אירע פראזעס, אז דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס איז קלוימערשט אנ „אוטאָפיע“, אז עס איז קלוימערשט גענליכנ צומ רעכט „צו עסנ אפ גאָלדענע טעלער“ אד״ג. אזעלכע פראזעס דריקנ בלויז אויס דעמ באגרענעצט-זעלבסטצופרידענעמ, אָפּאָרטוניסטישנ גלויבנ אינ דער אומפארענדערלעכקייט פונ דער פאראנענער קרעפטנ-פארהעלטעניש צווישנ די נאציאָנאליטעטנ פונ מיזרעכ-אייראָפע.

לאָמיר גייג ווייטער. אינ דער פראגע וועגנ דער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס, פונקט ווי אינ יעדער אנדער פראגע, אינטערעסירט אונדז פריער פאר אלצ און מער פאר אלצ די זעלבסטבאשטימונג פונעמ פראָלעטאריאט אינעווייניק אינ די נאציעס. ראָזע לוקסעמבורג האָט גאנצ באשיידנ פארשוויגנ אויכ די דאָזיקע פראגע, ווייל זי פילט, ווי אומאָנגענעמ עס איז פאר איר „טעאָריע“ דער אנאליז פונ דער דאָזיקער פראגע אפנ ביישפיל פונ נאָרוועגיע, וועלכנ זי האָט גענומענ.

וואָס פאר א פאָזיציע האָט פארנומענ און האָט געדארפט פארנעמענ דער נאָרוועגישער און דער שוועדישער פראָלעטאריאט אינעמ קאָנפליקט איבערנ אָפטיילנ זיכ? די באוווסטזיניקע ארבעטער פונ נאָרוועגיע וואָלטנ, פארשטייט זיכ, נאָכנ אָפטיילנ זיכ געשטימט פאר א רעפובליק [1], און אויב עס זיינענ געווענ סאָציאליסטנ, וואָס האָבנ אנדערש געשטימט, באווייזט עס בלויז, וויפל טעמפער, קליינבירגערלעכער אָפּאָרטוניזמ עס איז צומאָל פאראנ אינעמ אייראָפּעישנ סאָציאליזמ. וועגנ דעמ קאָנענ קיינ צוויי מיינונגענ ניט זיינ, און מיר בארירנ דעמ דאָזיקנ פונקט נאָר דערפאר, ווייל ראָזע לוקסעמבורג פרווט זיכ פארשמירנ דעמ טאָכ פונעמ איניענ מיט שמועסנ ניט אפ דער טעמע. מיקויעכ דער פראגע וועגנ אָפטיילנ זיכ ווייסנ מיר ניט, צי האָט די סאָציאליסטישע נאָרוועגישע פראָגראמ פארפליכטעט די נאָרוועגישע ס.-ד., זיי זאָלנ זיכ האלטנ בא איינ באשטימטער מיינונג. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז ניט, אז די נאָרוועגישע סאָציאליסטנ האָבנ געלאָזנ אָפנ די פראגע וועגנ דעמ, אפ ווי ווייט די אויטאָנאָמיע פונ נאָרוועגיע איז געווענ גענוג פאר א פרייענ קלאסנקאמפ און אפ ווי ווייט די אייביקע רייבונגענ און קאָנפליקטנ מיט דער שוועדישער אריסטאָקראטיע האָבנ טאָרמאָזירט די פרייהייט פונעמווירטשאפטלעכנ לעבנ. אז דער נאָרוועגישער פראָלעטאריאט האָט אָבער געמוזט גייג קעגנ דער דאָזיקער אריסטאָקראטיע פאר דער נאָרוועגישער פויערשער דעמאָקראטיע (בא דער גאנצער קליינבירגערלעכער באגרענעצטקייט פונ דער דאָזיקער דעמאָקראטיע), דאָס איז אָנ שומ סאָפעק.

[1] אויב די מערהייט פונ דער נאָרוועגישער נאציע איז געווענ פאר א מאָנארכיע, און דער פראָלעטאריאט פאר א רעפובליק, האָט דער נאָרוועגישער פראָלעטאריאט, ביכלאל גערעדט, געהאט פאר זיכ צוויי וועגנ: אָדער א רעוואָליוציע, אויב די באדינגונגענ פאר איר זיינענ רייפ געוואָרנ, אָדער אונטערוואַרפנ זיכ דער מערהייט און פירנ א לאנגדויערנדיקע ארבעט פונ פראָפּאגאנדע און אגיטאציע.

אונ דער שוועדישער פראָלעטאריאט? עס איז באוווּסט, אז די שוועדישע גוטבאזיצער, געשטיצט פונ די שוועדישע גאלאָכים, האָבנ אגיטירט פאר א מילכאָמע קעגנ נאָרוועגיע, אונ העיוויס ווי נאָרוועגיע איז פיל שוואכער פונ שוועדנ, העיוויס ווי זי איז שוינ אויסגעשטאנענ א שוועדישע אינוואזיע, העיוויס ווי די שוועדישע אריסטאָקראטיע האָט זייער א גרויסע וואָג בא זיכ אינ לאנד, איז די דאָזיקע אגיטאציע געווענ זייער אנ ערנסטע געפאר. מע קאָנ קאווירנ, אז די שוועדישע קאָקאָשקינס האָבנ לאנג אונ פלײַסיק זיכ פארנומענ מיט דעמאָראליזירנ די שוועדישע מאסנ דורכ דעמ, וואָס זיי האָבנ גערופנ „פאָרזיכטיק צו באגיינ זיכ“ מיט „די עלאסטישע פאָרמולעס פונ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס“, דורכ דעמ, וואָס זיי האָבנ צעשמירט די געפארנ פונ „צעפאלונג פונ דער מעלוכע“ אונ פארזיכערט, אז די „פאָלקס=פרײַהײַט“ פאלט צונויפ מיט די פרינציפנ פונ דער שוועדישער אריסטאָקראטיע. עס קאָנ קיינ שומ מינדסטער סאָפעק ניט זײַנ, אז די שוועדישע סאָציאל=דעמאָקראטיע וואָלט באגאנגענ א פאראט קעגנ דעמ סאָציאליזמ אונ קעגנ דער דעמאָקראטיע, ווענ זי וואָלט ניט געקעמפט מיט אלע קויכעס אי קעגנ דער גוטבאזיצערישער אי קעגנ דער „קאָקאָשקינישער“ אידעאָלאָגיע אונ פאָליטיק, ווענ זי וואָלט *אכוצ* דער גלײַכבארעכטיקונג פונ די נאציעס ביכלאל (וואָס עס אָנערקענענ אויכ די קאָקאָשקינס), ניט פארטיידיקט אויכ דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג, די פרײַהײַט פונ נאָרוועגיע אָפצוטיילנ זיכ.

דער ענגער בונד צווישנ די נאָרוועגישע אונ שוועדישע ארבעטער, זייער פולשטענדיקע באוווּסטזיניקע קלאסנ=סאָלידאריטעט האָט *געוווּנענ* דערפונ, וואָס די שוועדישע ארבעטער האָבנ אָנערקענט דאָס רעכט פונ די נאָרוועגער אָפצוטיילנ זיכ. ווײַל די נאָרוועגישע ארבעטער האָבנ זיכ איבערצײַגט, אז די שוועדישע ארבעטער זײַנענ ניט אָנגעשטעקט מיט שוועדישנ נאציאָנאליזמ, אז די ברידערלעכקײַט מיט די נאָרוועגישע פראָלעטאריער שטייט בא זיי העכער איידער די פריווילעגיעס פונ דער שוועדישער בורזשואזיע אונ אריסטאָקראטיע. דאָס צעשטערנ די פארבינדונגענ, וואָס זײַנענ אָנגעבונדנ געוואָרנ נאָרוועגיע דורכ די אייראָפּײַשע מאָנארכנ אונ דורכ די שוועדישע אריסטאָקראטנ, האָט פארשטארקט די פארבינדונגענ צווישנ די נאָרוועגישע אונ שוועדישע ארבעטער. די שוועדישע ארבעטער האָבנ דערוויזנ, אז דורכ *אלע* פעריפעטיעס פונ דער בורזשואזער פאָליטיק — אפנ באָדנ פונ די בורזשואזע פארהעלטענישנ איז פולשטענדיק מעגלעכ, אז דאָס באצווינגענ די נאָרוועגער איבערגוואלד דורכ די שוועדנ זאָל זיכ איבערכאזערנ! — וועלנ זיי קאָנענ אײַנהיטנ אונ פארטיידיקנ די פולשטענדיקע גלײַכבארעכטיקונג אונ די קלאסנ=סאָלידאריטעט פונ די ארבעטער פונ ביידע נאציעס אינ קאמפ אי קעגנ דער שוועדישער אוי קעגנ דער נאָרוועגישער בורזשואזיע.

פונדאנענ איז, אגעוו, צו זענ, ווי אומבאגרינדעט אונ אפילע פאָשעט ניט ערנסט עס זײַנענ די פרווונ, וואָס די „פראקעס“ מאכנ צומאָל, „אויסצונוצנ“ אונדזערע מיינונגס=פארשיידנהײַטנ מיט ראָזע לוקסעמבורג קעגנ דער פוילישער סאָציאל=דעמאָקראטיע. די „פראקעס“ זײַנענ ניט קיינ פראָלעטארישע, ניט קיינ סאָציאליסטישע, נאָר א קליינבירגערלעכע נאציאָנאליסטישע פארטיי, עפעס א מינ פוילישע סאָציאל=רעוואָלוציאָנערנ. וועגנ קיינ שומ אייניקײַט צווישנ די רוסלענדישע ס.=ד. מיט דער

דאָזיקער פּאַרטיי איז קיינמאָל קיינ רייד ניט געווענ אונ האָט ניט געקאָנט זײַנ. פאַרקערט, קיינ איינ רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט קיינמאָל קיינ „כאַראָטע“ ניט געהאַט פאַרנ דערנענטערנ זיכ אונ פאַראייניקנ זיכ מיט די פּוילישע ס.־ד. די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט א קאָלאָסאַלנ היסטאָרישנ פאַרדינסט, וואָס זי האָט די ערשטע געשאַפנ א ווירקלעכ מאַרקסיסטישע, א ווירקלעכ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אינ פּוילנ, א לאַנד, וואָס איז דורכ אונ דורכ געדרונגענ מיט נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגענ אונ ליידנשאַפטנ. אָבער דער דאָזיקער פאַרדינסט פונ די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ איז א גרויסער פאַרדינסט ניט אַדאַנק דעם, וואָס ראָזע לוקסעמבורג האָט אָנגערעדט נאַרישקייטנ קעגנ דעם § 9 פונ דער רוסלענדישער מאַרקסיסטישער פּראָגראַם, נאָר טראָץ דעם דאָזיקנ טרויעריקנ אומשטאַנד.

פאַר די פּוילישע ס.־ד. האָט ניט, פאַרשטייט זיכ, דאָס „רעכט אפ זעלבסטבאַשטימונג“ אַזאַ וויכטיקע באַדײַטונג, ווי פאַר די רוסישע. עס איז גאַנצ פאַרשטענדלעכ, אַז דער קאַמפ קעגנ דעם נאַציאָנאַליסטיש פאַרבלענדטנ קלייניבירגערטום פונ פּוילנ האָט געצוווּנגענ די ס.־ד. די פּאָליאַקנ מיט א באַזונדערער (אָפּטמאָל, עפּשער, א ביסל א צו שטאַרקער) פלײַסיקייט „איבערצובייגנ דעם שטעקנ“. קיינ איינ רוסלענדישער מאַרקסיסט האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט צו באַשולדיקנ די פּוילישע ס.־ד. פאַר דעם, וואָס זיי זײַנענ קעגנ דעם, אַז פּוילנ זאָל זיכ אָפּטיילנ. א פעלער באַגייענ די דאָזיקע ס.־ד. נאָר דעמאָלט, ווענ זיי פּרוּוונ — פּונקט ווי ראָזע לוקסעמבורג — אַרויסטרעטנ קעגנ דער נויטווענדיקייט צו אָנערקענענ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאַשטימונג אינ דער פּראָגראַם פונ די *רוסלענדישע* מאַרקסיסטנ.

אינ טאָכ גענומענ, הייסט עס איבערטראָגנ די פאַרהעלטענישנ, וואָס זײַנענ פאַרשטענדלעכ פונ שטאַנדפּונקט פונעם קראָקאָווער האָריזאָנט, אפנ מאַסשטאַב פונ אַלע פעלקער אונ נאַציעס פונ רוסלאַנד, די גרויסרוסנ אויכ דערונטער. דאָס הייסט זײַנ „פּוילישע נאַציאָנאַליסטנ אפ דער לינקער זײַט“, אונ ניט קיינ רוסלענדישע, ניט קיינ אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטנ.

ווײַל די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטייט גראָד אפנ באָדנ פונ אָנערקענענ דאָס רעכט פונ די נאַציעס אפ זעלבסטבאַשטימונג. צו דעם גייענ מיר טאַקע איצט איבער.

7. דער באַשלוס פונעם לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלנ קאָנגרעס פונ 1896 יאָר

אינעם דאָזיקנ באַשלוס ווערט געזאָגט:

„דער קאָנגרעס דערקלערט, אַז ער איז פאַרנ פולשטענדיקנ רעכט פונ זעלבסטבאַשטימונג (Selbstbestimmungsrecht) פונ אַלע נאַציעס, אונ דריקט אויס זײַנ מיטגעפיל די אַרבעטער פונ יעדנ לאַנד, וואָס לײַדט איצט אונטערנ יאָכ פונ מיליטערישנ, נאַציאָנאַלנ אָדער אַנדערנ אַבסאָלוטיזמ; דער קאָנגרעס רופט די אַרבעטער פונ אַט די אַלע לענדער אַרײַנצוטרעטנ אינ די רייענ פונ די באַוווּסטזיניקע (Klassenbewusste = אַזוינע, וואָס באַזיניקנ די אינטערעסנ פונ זייער קלאַס) אַרבעטער פונ דער גאַנצער וועלט, קעדיי איינינעמ מיט זיי

צו קעמפנ פאַר בײַקומענ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ קאַפּיטאַליזמ און פאַר פאַרווירקלעכנ די ציִלנ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע"[1].

ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ, ווײַסנ אונדזערע אָפּאָרטוניסטנ, די הערנ סעמקאָווסקי, ליבמאַנ, יורקעוויטש טאַקע פּאָשעט ניט וועגנ דעמ דאָזיקנ באַשלוס. ראָזע לוקסעמבורג ווייסט אָבער יאָ, און זי ברענגט זײַנ פולנ טעקסט, ווו עס איז פאַראַנ דער זעלביקער אויסדרוק, וואָס בײַ אונדז אינ דער פּראָגראַמ: „זעלבסטבאַשטימונג". פרעגט זיכ, וויאַזוי זשע באַנוצט ראָזע לוקסעמבורג אָט די מניעה, וואָס ליגט אפנ וועג פונ איר „אָריגינעלער" טעאָריע?

אָ, גאָר פּאָשעט: ...דער שווערפּונקט ליגט דאָ אינעמ צווייטנ טייל פונ דער רעזאָליוציע... איר דעקלאַראַטיווער כאַראַקטער... בלויז דורכ א מיספאַרשטייעניש קאָנ מענ זיכ פאַרופנ אפ איר!!

די אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלאָרנקייט פונ אונדזער אווטאָר איז פּאָשעט צומ באַוווּנדערנ. געוויינלעכ ווײַזנ אָנ אפנ דעקלאַראַטיווג כאַראַקטער פונ אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּראָגראַמ-פּונקטנ נאָר אָפּאָרטוניסטנ, וואָס ווילנ פּאַכדאָניש ארויסדרייענ זיכ פונ דירעקטער פּאָלעמיק קעגנ זיי. אפּאָנעמ, אז ניט אומזיסט איז דאָס מאָל ראָזע לוקסעמבורג ארײַנגעפאַלנ אינ דער טרויעריקער קאָמפּאַניע פונ די הערנ סעמקאָווסקיס, ליבמאַנס און יורקעוויטשעס. ראָזע לוקסעמבורג אנטשליסט זיכ ניט אָפנ צו דערקלערנ, צי זי האַלט די געבראַכטע רעזאָליוציע פאַר א ריכטיקער אָדער פאַר א פעלערהאַפטער. זי דרייט זיכ ארויס און באַהאַלט זיכ, ווי זי וואָלט אויסרעכענענ אפ אזא ניט אופמערקזאַמענ און אומוויסנדיקנ לייענער, וואָס ביז ער דערגייט צומ צווייטנ טייל פונ דער רעזאָליוציע, פאַרגעסט ער דעמ ערשטנ, אָדער ער האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגנ די דעבאַטנ אינ דער סאָציאַליסטישער פּרעסע ע ר ע וו דעמ לאָנדאָנער קאָנגרעס.

חאָזע לוקסעמבורג האָט אָבער א גרויסנ טעות, אויב זי מיינט, אז איר וועט זיכ אײַנגעבנ, פאַר די אויגנ פונ די באַוווּסטזיניקע ארבעטער פונ רוסלאַנד, אזוי לײַכט אָנטרעטנ מיטנ פוס אפ דער רעזאָליוציע פונעמ אינטערנאַציאָנאַל וועגנ א וויכטיקער פּרינציפּיעלער פראַגע, און דערבײַ זיכ ניט מאַטריעכ זײַנ אפילע קריטיש צו אַנאַליזירנ זי.

אינ די דעבאַטנ ערעוו דעמ לאָנדאָנער קאָנגרעס — דעריקער אפ די שפּאַלטנ פונעמ זשורנאַל פונ די דײַטשישע מאַרקסיסטנ „Die Neue Zeit" — איז אויסגעדריקט געוואָרנ ראָזע לוקסעמבורגס שטאַנדפּונקט, און דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט, אינ טאָכ גענומענ, געליטנ א מאַפּאָלע אי-

[1] זע דעמ אָפיציעלנ דײַטשישנ באַריכט וועגנ דעמ לאָנדאָנער קאָנגרעס: „Verhandlungen und Beschlüsse des internationalen sozialistischen Arbeiter- und Gewerkschafts-Kongresses zu London, vom 27. Juli bis 1. August 1896". Berlin, 1897, S. 18. („פּראָטאָקאָלנ און באַשטימונגענ פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ קאָנגרעס פונ די סאָציאַליסטישע ארבעטער-פּאַרטייענ און פּראָפעסיאָנעלע פאַרייננ אינ לאָנדאָנ, פונ 27-טנ יול ביזנ 1-טנ אווגוסט 1896 יאָר. בערלינ, 1897, ז. 18. רעד.). עס איז פאַראַנ א רוסישע בראָשור מיט די באַשלוסנ פונ די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסנ, ווו עס איז אָנשטאָט „זעלבסטבאַשטימונג" ניט ריכטיק איבערגעזעצט: „אווטאָנאָמיע".

נעם אינטערנאַציאָנאַל! אַט אין וואָס עס באַשטייט דער טאָג פונעם אינייען, וואָס דער רוסישער לייענער דאַרף באַזונדערס האָבן אין זינען.

די העכאַטנ זײַנען געגאַנגען איבער דער פראַגע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. עס זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דרײַ שטאַנדפּונקטן:

1) דער שטאַנדפּונקט פון די „פראַקעס", וואָס אין זייער נאָמען איז אַרויסגעטראָטן העקער. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל מיט זײַן פּראָגראַם אָנערקענען די פאָדערונג פון אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט געליטן אַ מאַפּאָלע אינעם אינטערנאַציאָנאַל.

2) דער שטאַנדפּונקט פון ראָזע לוקסעמבורג: די פּוילישע סאָציאַליסטן דאַרפן ניט פאָדערן קיין אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. וועגן פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג האָט פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט אויך געליטן אַ מאַפּאָלע אינעם אינטערנאַציאָנאַל.

3) דער שטאַנדפּונקט, וועלכן עס האָט דעמלט אויספירלעכער פון אַלעמען אַנטוויקלט ק. קאַוטסקי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן ראָזע לוקסעמבורג און האָט דערוויזן די גוואַלדיקע „איינזײַטיקייט" פון איר מאַטעריאַליזם. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קאָן איצט דער אינטערנאַציאָנאַל ניט אַרויסשטעלן אַלס זײַן פּראָגראַם די פאָדערונג וועגן אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, אָבער די פּוילישע סאָציאַליסטן, — האָט געזאָגט קאַוטסקי, — קאָנען פולשטענדיק אַרויסשטעלן אַזאַ מין פאָדערונג. פונעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליסטן איז בעפיירעש אַ פעלער צו איגנאָרירן די אופגאַבן פון נאַציאָנאַלער באַפרײַונג אין די אומשטענדן פון נאַציאָנאַלן דרוק.

אין דער רעזאָליוציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל ווערן טאַקע געבראַכט די וועזנטלעכסטע, וויכטיקסטע האַנאָכעס פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט: פון איין זײַט, אַן אַבסאָליוט דירעקטע אָנערקענונג פונעם פולן רעכט אַף זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע נאַציעס, אַן אָנערקענונג, וואָס דערלאָזט ניט קיינע שום פאַלשע אויסטײַטשונגען; פון דער אַנדערער זײַט, פונקט אַזאַ ניט צוויידײַטיקער רוף צו די אַרבעטער צו אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פון זייער קלאַסנקאַמף.

מיר מיינען, אַז די דאָזיקע רעזאָליוציע איז אַן אַבסאָליוט ריכטיקע און אַז פאַר די לענדער פון מיזרעכ-איירָאָפּע און אַזיע אין אָנהייב XX יאָרהונדערט גיט גראָד אָט די רעזאָליוציע און גראָד אינעם ענגן צוזאַמענבונד פון ביידע אירע טיילן די איינציק ריכטיקע דירעקטיוו פון פּראָלעטאַרישער קלאַסנ-פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

לאָמיר זיך אַ ביסל אויספירלעכער אָפּשטעלן אַף די דרײַ אויבן אָנגעוויזענע שטאַנדפּונקטן.

עס איז באַוווּסט, אַז ק. מאַרקס און פר. ענגעלס האָבן געהאַלטן, אַז דער אומבאַדינגטער כויוו פון דער גאַנצער מערעוו-איירָאָפּיישער דעמאָקראַטיע, און ביפראַט נאָך פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, איז אַקטיוו צו שטיצן די פאָדערונג פון אומאָפּהענגיקייט פאַר פּוילן. פאַר דער עפּאָכע פון די 40-ער און 60-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, דער עפּאָכע פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע אין עסטרײַך און

דײַטשלאַנד, דער עפּאָכע פונ דער „פויערים=רעפאָרמע“ אינ רוסלאַנד, איז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט געווענ א פולשטענדיק ריכטיקער אונ דער אײנציקער אויסגעהאַלטנ=דעמאָקראַטישער אונ פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט. קאָלזמאַנ די פאָלקסמאַסנ פונ רוסלאַנד אונ פונ דער מערהײַט סלאַווישע לענדער זײַנענ נאָכ געלעגנ אינ טיפנ שלאָפ, קאָלזמאַנ אינ די דאָזיקע לענדער איז ניט געווענ קײנ זעלבשטענדיקע, מאַסעווע, דעמאָקראַטישע באַוועגונגענ, האָט די שליאַכטישע באַפרײַונגס=באַוועגונג אינ פּוילנ געהאַט א קאָלאָסאַלע, ערשטראַנגיקע באַדײַטונג פונעמ שטאַנדפּונקט ניט נאָר פונ דער אַלרוסלענדישער דעמאָקראַטיע, ניט נאָר פונ דער אַלסלאַווישער, נאָר אויכ פונ דער אַל=אײראָפּעיִשער[1].

נאָר אויב דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פונ מאַרקסנ איז געווענ פולשטענדיק ריכטיק פאַרנ צווייטנ דריטל אָדער דריטנ פערטל פונ XIX יאָרהונדערט, האָט ער אויפגעהערט צו זײַנ ריכטיק צומ XX יאָרהונדערט. זעלבשטענדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונגענ אונ אפילע א זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג האָט אויפגעוואַכט אינ דער מערהײַט סלאַווישע לענדער אונ אפילע אינ אײנעמ פונ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע סלאַווישע לענדער, אינ רוסלאַנד. דאָס שליאַכטישע פּוילנ איז פאַרשוונדנ, זײַנ אָרט האָט פאַרנומענ דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּוילנ. בא אַזעלכע באַדינגונגענ האָט פּוילנ געמוזט פאַרלירנ זײַנ אויסשליסלעכע רעוואָלוציאָנערע באַדײַטונג.

אויב די פּ.פּ.ס. („פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי“, די איצטיקע „פראַקעס“) האָט אינ 1896 יאָר געפּרוווט „פאַרפיקסירנ“ מאַרקס' שטאַנדפּונקט פונ אַנ אַנדער עפּאָכע, האָט דאָס שוינ באַטײַט אויסנוצנ דעמ אָס פונעמ מאַרקסיזמ קעגנ דעמ גײַסט פונעמ מאַרקסיזמ. דעריבער זײַנענ די פּוילישע סאָציאַל=דעמאָקראַטנ געווענ אַבסאָליוט גערעכט, ווענ זיי זײַנענ אַרויסגעטראָטנ קעגנ די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגענ פונעמ פּוילישנ קלײנבירגערטומ, האָבנ באַוויזנ די צווייטראַנגיקע באַדײַטונג פונ דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַר די פּוילישע אַרבעטער, האָבנ דאָס ערשטע מאָל געשאַפנ א רײנ=פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אינ פּוילנ, האָבנ פּראָקלאַמירט דעמ העכסט וויכטיקנ פּרינציפּ פונ אַנ ענגסטנ בונד צווישנ דעמ פּוילישנ אונ דעמ רוסישנ אַרבעטער אינ זייער קלאַסנקאַמפּ.

צי האָט דאָס אָבער באַטײַט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אינ אָנהייב XX

[1] עס וואָלט געווענ זייער אַנ אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אַרבעט צו פאַרגלײַכנ די פּאָזיציע פונעמ פּוילישנ שליאַכטיטש דעמ אויפשטענדלער פונ 63=טנ יאָר, די פּאָזיציע פונעמ אַלרוסלענדישנ דעמאָקראַט דעמ רעוואָלוציאָנער טשערנישעווסקי, וועלכער האָט אויכ (פּונקט ווי מאַרקס) געוווּסט ווי אָפּצושאַצנ די באַדײַטונג פונ דער פּוילישער באַוועגונג, אונ די פּאָזיציע פונעמ אוקראַאינישנ קלײנבירגער דראַגאָמאַנאָוו, וואָס איז אַרויסגעטראָטנ א סאַכ שפּעטער אונ האָט אויסגעדריקט דעמ שטאַנדפּונקט פונעמ פּויער, וועלכער איז נאָכ געווענ אַזוי ווילד, פאַרשלאָפנ, צוגעוואַקסנ צו זײַנ קופּע מיסט, אַז איבער זײַנ געזעצלעכנ האַס צומ פּוילישנ פּאַנ איז ער ניט אימשטאַנד געווענ צו פאַרשטײנ די באַדײַטונג פונעמ קאַמפּ פונ די דאָזיקע פּאַנעס פאַר דער אַלרוסלענדישער דעמאָקראַטיע. (פאַרגלײַכ דראַגאָמאַנאָווס „דאָס היסטאָרישע פּוילנ אונ די אַלרוסלענדישע דעמאָקראַטיע“.) דראַגאָמאַנאָוו האָט פולשטענדיק פאַרדינט די באַגײַסטערטע קושנ, מיט וועלכע עס האָט אימ שפּעטער, שוינ זײַענדיק א נאַציאָנאַל=ליבעראַל, באַלוינט דער הער פּ. ב. סטרוווע.

יאָרהונדערט געקאָנט אָנערקענענ, אז פאר מיזרעכ-אייראָפע און פאר אזיע איז איבעריק דער פרינציפ פונ פאָליטישער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס? פונ זייער רעכט אָפצוטיילנ זיכ? דאָס וואָלט געווענ דער גרעסטער אבסורד, וואָס וואָלט (טעאָרעטיש) באטײַט דאָס זעלבע, ווי אָנערקענענ, אז עס האָט זיכ פארענדיקט די בורזשואז-דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונג פונ דער טערקישער, רוסלענדישער, כינעזישער מעלוכעס; — וואָס וואָלט (פראקטיש) געגליכנ געווענ צו אָפאָרטוניזמ בענעגייע דעמ אבסאָליוטיזמ.

ניינ. פאר מיזרעכ-אייראָפע און אזיע, אינ דער עפאָכע, ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ בורזשואז-דעמאָקראטישע רעוואָליוציעס, אינ דער עפאָכע, ווענ עס האָבנ אויפגעוואכט און זיכ פארשארפט די נאציאָנאלע באוועגונגענ, אינ דער עפאָכע, ווענ עס זײַנענ אויפגעקומענ זעלבשטענדיקע פראָלעטארישע פארטייענ, — דארפ די אויפגאבע פונ די דאָזיקע פארטייענ אינ דער נאציאָנאלער פאָליטיק זײַנ א צווייזײַטיקע: אָנערקענענ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פאר אלע נאציעס, ווײַל די בורזשואז-דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונג איז נאָכ ניט פארענדיקט, ווײַל די ארבעטער-דעמאָקראטיע פארטיידיקט די גלײַכבארעכטיקונג פונ די נאציעס קאָנסעקווענט, ערנסט און אויפריכטיק, ניט אפנ ליבעראלנ שטייגער, ניט אפ קאָקאָשקינס שטייגער, — און דער ענגסטער, אָרגאנישער בונד פונעמ קלאסנקאמפ פונ די פראָלעטאריער פונ אלע נאציעס פונ דער געגעבענער מעלוכע, אפ אלע און אלערליי פעריפעטיעס פונ איר געשיכטע, בא אלע און אלערליי ענדערונגענ פונ די גרענעצנ פונ איינצלנע מעלוכעס מיצאד דער בורזשואזיע.

גראָד די דאָזיקע צווייזײַטיקע אויפגאבע פונעמ פראָלעטאריאט פאָרמולירט די רעזאָליוציע פונעמ אינטערנאציאָנאל אינ 1896 יאָר. גראָד אזא איז, אינ אירע גרונט-פרינציפנ, די רעזאָליוציע פונ דער זומערדיקער בעראטונג פונ די רוסלענדישע מארקסיסטנ אינ 1913 יאָר. עס זײַנענ פאראנ מענטשנ, וועלכע זעענ אײַנ א „ווידערשפרוכ" דערינ, וואָס די דאָזיקע רעזאָליוציע אָנערקענט אינעמ 4-טנ פונקט דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג, דאָס רעכט אָפצוטיילנ זיכ און „גיט" דערמיט קלוימערשט א מאקסימומ דעמ נאציאָנאליזמ (אינדערעמעסנ איז אינעמ אָנערקענענ דאָס ר ע כ ט אפ זעלבסטבאשטימונג פאר א ל ע נאציעס פאראנ א מאקסימומ ד ע מ אָ ק ר א ט י ז מ און א מינימומ נאציאָנאליזמ), — אינעמ 5-טנ פונקט ווידער וואָרנט די זעלביקע רעזאָליוציע די ארבעטער קעגנ די נאציאָנאליסטישע לאָזונגענ פונ וואָס פאר א בורזשואזיע עס זאָל ניט זײַנ און פאָדערט אייניקײַט און צונויפגיסונג פונ די ארבעטער פונ אלע נאציעס אינ אינטערנאציאָנאל-איינהײַטלעכע פראָלעטארישע אָרגאניזאציעס. אָבער אײַנזעענ דאָ א „ווידערשפרוכ" קאָנענ בלויז גאָר פלאכע מויכעס, וואָס זײַנענ ניט פייִק צו פארשטיינ, לעמאָשל, פארוואָס די איינהײַט און קלאסנ-סאָלידאריטעט פונעמ שוועדישנ און נאָרוועגישנ פראָלעטאריאט האָבנ ג ע וו ו נ ע נ, ווענ די שוועדישע ארבעטער האָבנ פארטיידיקט די פרײַהײַט פאר נאָרוועגיע אָפצוטיילנ זיכ אינ א זעלבשטענדיקער מעלוכע.

8. דער אוטאָפּיסט קארל מארקס אונ די פראקטישע ראָזע לוקסעמבורג

נאָכ דעמ, ווי ראָזע לוקסעמבורג דערקלערט, אַז די אומאָפּהענגיקייט פונ פוילנ איז אַנ „אוטאָפּיע“, אונ זי כאַזערט עס איבער אַזוי אָפט, אַז עס הייבט אַזש אָנ צו איבלענ, שרייט זי אירָאָניש אויס: פאַרוואָס זאָל מענ ניט שטעלנ די פאָדערונג וועגנ דער אומאָפּהענגיקייט פונ אירלאַנד?

דער „פראַקטישער“ ראָזע לוקסעמבורג איז אַפּאָנעמ ניט באַוווּסט, וויאַזוי ק. מאַרקס האָט זיכ באַצויגנ צו דער פראַגע וועגנ דער אומאָפּהענגיקייט פונ אירלאַנד. דערופ איז קעדײַ זיכ אָפּצושטעלנ, קעדיי צו באַווײַזנ, וויאַזוי אַ קאָנקרעטע פאָדערונג פונ נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט ווערט אַנאַליזירט פונ אַ ווירקלעכ־מאַרקסיסטישנ אונ ניט פונ אַנ אָפּאָרטוניסטישנ שטאַנדפונקט.

מאַרקס האָט געהאַט אַ געוווינהייט צו „טאַפּנ דעמ צאָנ“, ווי ער פלעגט זיכ אויסדריקנ, בײַ זײַנע באַקאַנטע סאָציאַליסטנ, קאָנטראָלירנדיק זייער באַוווּסטזיניקייט אונ איבערצײַגטקייט. נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ באַקאָנט מיט לאָפּאַטינענ, זאָגט מאַרקס אַרויס אינ אַ בריוו צו ענגעלסנ דעמ 15־טנ יול 1870 יאָר אַ העכסט גינסטיקע מיינונג וועגנ דעמ יונגנ רוסישנ סאָציאַליסט, נאָר דערבײַ גיט ער צו:

„...אַ שוואַכער פונקט: פוילנ. וועגנ דעמ דאָזיקנ פונקט רעדט לאָפּאַטינ פונקט ווי אַנ ענגלענדער — לאָמיר זאָגנ, אַנ ענגלישער טשאַרטיסט פונ דער אַלטער שול — וועגנ אירלאַנד“.

בײַ אַ סאָציאַליסט, וועלכער געהערט צו אַנ אונטערדריקנדיקער נאַציע, פרעגט זיכ מאַרקס נאָכ וועגנ זײַנ באַציִונג צו דער אונטערדריקטער נאַציע אונ דעקט גלײַכ אויפ דעמ כיסאָרנ, וואָס איז געמיינזאַמ פאַר סאָציאַליסטנ פונ די הערשנדיקע נאַציעס (דער ענגלישער אונ רוסישער): דאָס ניט פאַרשטיינ זייערע סאָציאַליסטישע פליכטנ בענעגייע די אונטערדריקטע נאַציעס, דאָס איבערקײַענ פאָרורטיילנ, וואָס זײַנענ איבערגענומענ פונ דער „גרויסמעכטישער“ בורזשואַזיע.

איידער מיר גייענ איבער צו מאַרקס' פּאָזיטיווע דערקלערונגענ וועגנ אירלאַנד, דאַרפ מענ באַמערקנ, אַז צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביכלאַל האָבנ זיכ מאַרקס אונ ענגעלס באַצויגנ שטרענג קריטיש, אָפּשאַצנדיק איר באַדינגלעכ־היסטאָרישע באַדײַטונג. לעמאָשל, דעמ 23־טנ מײַ 1851 יאָר האָט ענגעלס געשריבנ צו מאַרקסנ, אַז דאָס שטודירנ געשיכטע ברענגט אימ צו פעסימיסטישע אויספירנ מיקויעכ פוילנ, אַז די באַדײַטונג פונ פוילנ איז אַ צײַטווײַליקע, בלויז ביז דער אַגראַר־רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד. די ראָליע פונ די פּאָליאַקנ אינ דער געשיכטע איז — „דרייסטע נאַרישקייטנ“. „מע טאָר זיכ אָפ קיינ איינ רעגע ניט פאָרשטעלנ, אַז פוילנ, אַפילע בלויז קעגנ רוסלאַנד, רעפּרעזענטירט מיט דערפאָלג דעמ פּראָגרעס, אָדער אַז עס האָט אַ וועלכע־ניט־איז היסטאָרישע באַדײַטונג“. אינ רוסלאַנד איז פאַראַנ מער עלעמענטנ פונ ציוויליזאַציע, בילדונג, אינדוסטריע, בורזשואַזיע, איידער אינעמ „שליאַכטיש־שלעפעריקנ פוילנ“. „וואָס פאַר אַ באַטרעפ האָט וואַרשע אונ קראַקאָוו קעגנ פעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס!“ ענגעלס גלייבט ניט אינעמ דערפאָלג פונ די אויפשטאַנדנ פונ די פוילישע שליאַכטיטשעס.

אָבער אָט די אלע געדאנקענ, אינ וועלכע עס איז פאראנ אזויפיל געניאל-וויטזיכטיקס, האָבנ לאבלוטנ ניט געשטערט ענגעלסנ אונ מארקסנ, אינ 12 יאָר ארומ, ווענ רוסלאנד איז נאָכ אלצ געשלאָפנ אונ פוילנ האָט געברויזט, צו באציִענ זיכ מיטנ טיפסטנ אונ הייסטנ מיטגעפיל צו דער פוילישער באוועגונג.

אינ 1864 יאָר האָט מארקס, צונויפשטעלנדיק דעמ אדרעס פונעמ אינטערנאציאָנאל, געשריבנ צו ענגעלסנ (דעמ 4-טנ נאָיאבער 1864 יאָר), אז עס קומט אויס צו קעמפנ קעגנ מאדזיניס נאציאָנאליזמ. „ווענ עס רעדט זיכ אינעמ אדרעס וועגנ אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק, רייד איכ וועגנ לענדער, ניט וועגנ נאציאָנאליטעטנ, אונ דעמאסקיר רוסלאנד, ניט די ווייניקער וויכטיקע מעלוכעס" — שרייבט מארקס. פאר מארקסנ איז די אונטערגעאָרדנטע באדייטונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ פארגלייכ מיט דער „ארבעטער-פראגע" — אויסער יעדנ צווייפל. אָבער פונ איגנאָרירנ די נאציאָנאלע באוועגונגענ איז זיינ טעאָריע אזוי ווייט, ווי דער הימל פונ דער ערד.

עס קומט דאָס 1866-טע יאָר. מארקס שרייבט צו ענגעלסנ וועגנ דער „פרודאָנישער קליקע" אינ פאריז, וועלכע „דערקלערט די נאציאָנאליטעטנ פאר אנ אבסורד אונ פאלט אָנ אפ ביסמארקנ אונ גאריבאלדינ. אלס א פאָלעמיק קעגנ שאָוויניזמ, איז די דאָזיקע טאקטיק נוצלעכ אונ לאָזט זיכ דערקלערנ. אָבער ווענ די, וואָס גלייבנ אינ פרודאָנענ (צו זיי געהערנ אויכ מיינע היגע גוטע-פריינט, לאפארג אונ לאָנגע), מיינענ, אז גאנצ איירָאָפע קאָנ אונ דארפ זיצנ רויִק אונ שטיל אפנ הינטנ ביזוואנענ די הערנ אינ פראנקרייכ וועלנ אָפשאפנ דעמ דאלעס אונ די אומוויסנהייט... זיינענ זיי לעכערלעכ" (בריוו פונ 7-טנ יונ 1866 יאָר).

„נעכטנ — שרייבט מארקס דעמ 20-טנ יונ 1866 יאָר — זיינענ אינעמ ראט פונעמ אינטערנאציאָנאל פאָרגעקומענ דעבאטנ וועגנ דער איצטיקער מילכאָמע... די דעבאטנ, ווי מע האָט געדארפט דערוואַרטנ, האָבנ זיכ אויסגעלאָזנ צו דער פראגע וועגנ די „נאציאָנאליטעטנ" אונ וועגנ אונדזער באציִונג צו איר... די פאָרשטייער פונ „יונג-פראנקרייכ" (נ י ט-א ר ב ע ט ע ר) האָבנ ארויסגערוקט דעמ שטאנדפונקט, אז יעדע נאציאָנאליטעט אונ די נאציע גופע זיינענ פארעלטערטע פאָרורטיילנ. פרודאָניסטישע שטירנערִיאנערײ... די גאנצע וועלט דארפ ווארטנ, ביז די פראנצויזנ וועלנ רייפ ווערנ צו מאכנ א סאָציאלע רעוואָליוציע... די ענגלענדער האָבנ זייער געלאכט, ווענ איכ האָב אָנגעהויבנ מיינ רעדע פונ דעמ, וואָס אונדזער פריינט לאפארג אונ אנדערע, וועלכע האָבנ אָפגעשאפט די נאציאָנאליטעטנ, ווענדנ זיכ צו אונדז אפ פראנצויזיש, ד"ה. אפ א שפראכ, וואָס איז ניט פארשטענדלעכ פאר $^0/_{10}$ פונ דער פארזאמלונג. איכ האָב ווייטער געגעבנ אָנצוהערעניש, אז אליינ ניט באנעמענדיק עס, מיינט אפאָנעמ לאפארג מיטנ אָפלייקענענ די נאציאָנאליטעטנ, אז זיי דארפנ איינגעשלונגענ ווערנ דורכ דער מוסטערהאפטער פראנצויזישער נאציע".

דער אויספיר פונ אָט די אלע מארקס' קריטישע באמערקונגענ איז קלאָר: דער ארבעטער-קלאס קאָנ זיכ ווייניקער פונ אלצ שאפנ א פעטיש פונ דער נאציאָנאלער פראגע, ווייל די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ וועקט ניט אופ אומבאדינגט צו זעלבשטענדיקנ לעבנ אלע נאציעס. ווידאלד אָבער עס זיינענ אופגעקומענ נאציאָנאלע מאסנ-באוועגונגענ, איז אוועקמאכנ זיי מיט דער האנט, אָפזאָגנ זיכ פונ שטיצנ

דאָס פראָגרעסיווע אינ זיי — הייסט פאַקטיש אונטערגעבנ זיך די נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילנ, נעמלעך: אָנערקענענ די „אייגענע“ נאציע פאַר א „מוסטער-נאציע“ (אָדער, וועלנ מיר צוגעבנ פונ זיך, פאַר א נאציע, וואָס פאַרמאָגט די אויסשליסלעכע פריווילעגיע אפ מעלוכע-בויונג)[1].

לאָמיר זיך אָבער אומקערנ צו דער פראגע וועגנ אירלאַנד.

אמקלאָרסטנ איז מארקס' פאָזיציע אינ דער דאָזיקער פראגע אויסגעדריקט אינ פאָלגנדיקע אויסצוגנ פונ זײַנע בריוו:

„א דעמאָנסטראַציע פונ די ענגלישע ארבעטער לעטוויועס דעמ פעניאַניזמ האָב איך זיך באמיט ארויסצורופנ מיט אלערליי מיטלענ... פריער האָב איך געהאַלטנ אירלאַנדס אָפּטיילנ זיך פונ ענגלאַנד פאַר אומעגלעך. איצט האַלט איך דאָס פאַר אומפאַרמײַדלעך, אויב אפילע נאָכנ אָפּטיילנ זיך זאָל עס דערגיינ צו א פעדעראַציע“. אזוי האָט מארקס געשריבנ אינ א בריוו צו ענגעלסנ דעמ 2-טנ נאָיאַבער 1867 יאָר.

אינעמ בריוו פונ 30-טנ נאָיאַבער דעמ זעלביקנ יאָר האָט ער צוגעגעבנ:

„וואָס דאַרפנ מיר ראַטנ די ענגלישע ארבעטער? לויט מײַנ מיינונג, דאַרפנ זיי מאַכנ פאַר א פונקט פונ זייער פראָגראַמ דעמ Repeal (דאָס צערײַסנ) פונעמ בונד“ (צווישנ אירלאַנד מיט ענגלאַנד, ד.ה. אירלאַנדס אָפּטיילנ זיך פונ ענגלאַנד) — „קורץ גערעדט, די פאָדערונג פונ 1783 יאָר, נאָר א דעמאָקראַטיזירטע אונ א צוגעפאַסטע צו די איצטיקע באַדינגונגענ. דאָס איז די איינציק לעגאַלע פאָרמ פונ דער אירלענדישער באַפרײַונג אונ דעריבער די איינציק מעגלעכע צומ ארײַננעמענ זי אינ דער פראָגראַמ פונ דער ענגלישער פאַרטיי. די דערפאַרונג דאַרפ שפּעטער באַווײַזנ, צי וועט קאָנענ עקזיסטירנ א לאַנגע צײַט אַנ אײַנפאַכע פערזענלעכע אוניע צווישנ ביידע לענדער...

...פאַר די אירלענדער איז נייטיק אָט וואָס:

1. האָבנ זעלבסטפאַרוואַלטונג אונ אומאָפּהענגיק זײַנ פונ ענגלאַנד.
2. אַנ אגראַר-רעוואָליוציע“...

צוגעבנדיק א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג דער פראגע וועגנ אירלאַנד, האָט מארקס געלייענט אינעמ דײַטשישנ ארבעטער-פאַרבאַנד אָנדערהאַלבנשאָ׳יקע פאָרטראָגנ אפ דער דאָזיקער טעמע (דער בריוו פונ 17-טנ דעקאַבער 1867 יאָר).

ענגעלס פאַרצייכנט אינ א בריוו פונ 20-טנ נאָיאַבער 1868 יאָר דעמ „האַס צו די אירלענדער צווישנ די ענגלישע ארבעטער“, אונ קימאַט אינ א יאָר ארומ (דעמ 24-טנ אָקטיאַבער 1869 יאָר), אומקערנדיק זיך צו דער דאָזיקער טעמע, שרײַבט ער:

„פונ אירלאַנד ביז רוסלאַנד il n'y a qu'un pas (איז בלויז איינ טראָט)... אפנ בײַשפּיל פונ דער אירלענדישער געשיכטע קאָנ מענ זענ, וואָס פאַר אַנ אומגליק עס איז פאַר א פאָלק, אויב עס האָט פאַרשקלאַפט אַנ אנדער פאָלק. אלע ענגלישע נידערטרעכטיקײַטנ שטאַמענ פונ דער אירלענדישער ספער. די קראָמוועל-

[1] פאַרגלײַך אויך מארקס' בריוו צו ענגעלסנ דעמ 3-טנ יונ 1867 יאָר. ...„מיט עמעסנ פאַרגעניגנ האָב איך זיך דערוווּסט פונ דער פאַריזשער קאָרעספּאָנדענצ פונ „Times“ וועגנ די פּאָלאָנאָפילישע אויסרופנ פונ די פאַריזער אײַנוווינער קעגנ רוסלאַנד ... דער ה' פרודאָנ אונ זײַנ קלײנע דאָקטרינערישע קליקע איז ניט דאָס, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק“.

עפּעס דאַרפ איכ נאָכ שטודירנ, אָבער יעדנפאַלס איז פאַר מיר אויסער צווייפל, אַז אויכ אינ ענגלאַנד וואָלט די זאַכ באַקומענ אַנ אַנדער ווענדונג, ווענ עס וואָלט ניט געווענ קיינ נייטיקײַט מיליטעריש צו הערשנ אינ אירלאַנד אונ צו שאַפנ אַ נײַע אַריסטאָקראַטיע".

פאַרבײַגייענדיק וועלנ מיר פאַרצייכענענ מאַרקס' בריוו צו ענגעלסנ פונ 18-טנ אויגוסט 1869 יאָר:

„אינ פּויזנ האָבנ די פּוילישע אַרבעטער דורכגעפירט אַ זיגרײַכנ שטרײַק אַדאַנק דער הילפ פונ זייערע בערלינער כאַווײרימ. דער דאָזיקער קאַמפ קעגנ דעמ „הער קאַפּיטאַל" — אַפילע אינ זײַנ נידעריקסטער פאָרמ, אינ דער פאָרמ פונ אַ שטרײַק — וועט מאַכנ אַ סאָפ צו די נאַציאָנאַלע פאָרורטיילנ אַ סאַכ ערנסטער, איידער די שאָלעמ-דעקלאַמאַציעס פונ די הערנ בורזשואַ".

וואָס פאַר אַ פּאָליטיק מאַרקס האָט בענעגייע דער אירלענדישער פראַגע געפירט אינעמ אינטערנאַציאָנאַל, איז קענטיק פונ אַזאַ פאַקט:

דעמ 18-טנ נאָיאַבער 1869 יאָר שרײַבט מאַרקס צו ענגעלסנ, אַז ער האָט געהאַלטנ אַ רעדע פונ אַ שאָ מיט אַ פערטל אינעמ ראַט פונעמ אינטערנאַציאָנאַל איבער דער פראַגע וועגנ דער באַציונג פונעמ בריטישנ מיניסטעריום צו דער אירלענדישער אַמניסטיע, אונ האָט פאָרגעלייגט פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„באַשטימט,

אַז אינ זײַנ ענטפער אפ די אירלענדישע פאָדערונגענ צו באַפרײַענ די אירלענדישע פאַטריאָטנ באַלײדיקט ה' גלאַדסטאָנ בעקיוונ די אירלענדישע נאַציע;

אַז ער פאַרבינדט די פּאָליטישע אַמניסטיע מיט באַדינגונגענ, וועלכע זײַנענ אינ אַ גלײַכער מאָס דערנידערנדיק סײַ פאַר די קאָרבאָנעס פונ דער שלעכטער רעגירונג סײַ פאַר פאָלק, וואָס זי רעפּרעזענטירט;

אַז גלאַדסטאָנ, וואָס איז געבונדנ דורכ זײַנ אָפיציעלער לאַגע, האָט עפנטלעכ אונ פײַערלעכ באַגריסט דעמ בונט פונ די אַמעריקאַנישע שקלאַפנבאַזיצער, אונ איצט נעמט ער זיכ פּרײדיקנ פאַר דעמ אירלענדישנ פאָלק די לערע פונ פּאַסיווער געהאָרכזאַמקײַט;

אַז זײַנ גאַנצע פּאָליטיק בענעגייע דער אירלענדישער אַמניסטיע איז אַנ עמעסע אַנטפּלעקונג פונ יענער „דעראָבערונגס-פּאָליטיק", וואָס דורכ איר דעמאַסקירונג האָט דער ה' גלאַדסטאָנ אַראָפּגעוואָרפנ דאָס מיניסטעריום פונ זײַנע קעגנער — די טאָריס;

אַז דער גענעראַל-ראַט פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אַסאָציאַציע דריקט אויס זײַנ אַנטציקונג דערפונ, ווי דרייסט, פעסט אונ דערהויבנ דאָס אירלענדישע פאָלק פירט זײַנ קאַמפּאַניע פאַר אַמניסטיע;

אַז די דאָזיקע רעזאָליוציע דאַרפ מיטגעטיילט ווערנ אַלע סעקציעס פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אַסאָציאַציע אונ אַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פונ אייראָפּע אונ אַמעריקע, וואָס זײַנענ מיט דער אַסאָציאַציע פאַרבונדנ".

דעמ 10-טנ דעקאַבער 1869 יאָר שרײַבט מאַרקס, אַז זײַנ פאָרטראָג איבער דער אירלענדישער פראַגע אינעמ ראַט פונ אינטערנאַציאָנאַל וועט זײַנ געבויט אַזוי:

....„גאַנצ אומאָפּהענגיק פונ יעדער „אינטערנאַציאָנאַלער" אונ „הומאַניטאַרער" פראַזע וועגנ „גערעכטיקײַט צו אירלאַנד" — ווײַל דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכ אינעמ ראַט פונעמ אינטערנאַציאָנאַל — פאָדערט דער דירעקטער אַבסאָלוטער אינטערעס פונעמ ענגלישנ אַרבעטער-קלאַס, אַז זײַנ איצטיקע פאַרבינדונג מיט אירלאַנד זאָל צעריסנ ווערנ. דאָס איז מײַנ טיפסטע איבערצײַגונג,

באַגרינדעט אַפ סיבעס, וואָס איכ קאָנ זיי טיילווייז ניט אויפדעקנ פאַר די ענגלישע אַרבעטער גופא. איכ האָב אַ לאַנגע צייט געמיינט, אַז עס איז מעגלעכ אַראָפּצוּוואַרפנ דעם אירלענדישנ רעזשים דורכנ אויפשטייג פונעם ענגלישנ אַרבעטער־קלאַס. איכ האָב שטענדיק פאַרטיידיקט די דאָזיקע מיינונג אינ דער „ניו־יאָרקער טריבונע" (אַנ אַמעריקאַנישע צייטונג, אינ וועלכער מאַרקס האָט אַ לאַנגע צייט מיטגעאַרבעט). דאָס טיפערע שטודירנ די פראַגע האָט מיכ איבערצייגט אינעם היפּעכ. דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס וועט גאָרנישט ניט אויפטאָנ, ביז ער וועט ניט פּטור ווערנ פונ אירלאַנד... די וואָרצלענ פונ דער ענגלישער רעאַקציע אינ ענגלאַנד שטעקנ אינ דער פאַרקנעכטונג פונ אירלאַנד" (אונטערגעשטראָכנ דורכ מאַרקסנ).

איצט דאַרפ פאַר די לייענער פולשטענדיק קלאָר זיינ מאַרקס' פּאָליטיק אינ דער אירלענדישער פראַגע.

דער „אוטאָפּיסט" מאַרקס איז אַזוי „אומפּראַקטיש", אַז ער איז פאַר אירלאַנדס אָפּטיילנ זיכ, וואָס איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרנ אפילע אינ פופציק יאָר אַרום. דורכ וואָס זשע איז אַרויסגערופנ געוואָרנ די דאָזיקע מאַרקס' פּאָליטיק אונ צי איז זי ניט געווענ קיינ פעלער?

צוערשט האָט מאַרקס געמיינט, אַז ניט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פונ דער אונטערדריקטער נאַציע, נאָר די אַרבעטער־באַוועגונג צווישנ דער אונטערדריקנדיקער נאַציע וועט באַפרייענ אירלאַנד. מאַרקס מאַכט ניט קיינ שום אַבסאָליוט פונ די נאַציאָנאַלע באַוועגונגענ, ווייל ער ווייסט, אַז נאָר דער זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס וועט קאָנענ געבנ פולשטענדיקע באַפרייונג אַלע נאַציאָנאַליטעטנ. דיסקאָנטירנ פאָרויס אַלע מעגלעכע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישנ צווישנ די בורזשואַזע באַפרייונגס־באַוועגונגענ פונ די אונטערדריקטע נאַציעס אונ דער פּראָלעטאַרישער באַפרייונגס־באַוועגונג צווישנ דער אונטערדריקנדיקער נאַציע (גראָד די זעלביקע פּראָבלעם, וואָס מאַכט אַזוי שווער די נאַציאָנאַלע פראַגע אינעם איצטיקנ רוסלאַנד) — איז אַ זאַכ אַנ אומעגלעכע.

נאָר אָט האָט זיכ געשאַפנ אַזאַ סיטואַציע, אַז דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס איז אַפ אַ גאַנצ לאַנגער צייט אַרונטערגעפאַלנ אונטערנ איינפלוס פונ די ליבעראַלנ, האָט זיכ געמאַכט נאָכשלעפּנ נאָכ זיי אונ אַליינ זיכ אַראָפּגענומענ דעם קאָפּ דורכ דער ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק. די בורזשואַזע באַפרייונגס־באַוועגונג אינ אירלאַנד האָט זיכ פאַרשטאַרקט אונ האָט אָנגענומענ רעוואָלוציאָנערע פאָרמענ. מאַרקס קוקט איבער זיינ שטאַנדפּונקט אונ פאַריכט אים. „עס איז אַנ אומגליק פאַר אַ פאָלק, אויב עס האָט פאַרשקלאַפט אַנ אַנדער פאָלק". דער אַרבעטער־קלאַס אינ ענגלאַנד וועט זיכ ניט קאָנענ באַפרייענ, ביז אירלאַנד וועט זיכ ניט באַפרייענ פונעם ענגלישנ יאָכ. די רעאַקציע אינ ענגלאַנד ווערט פאַרשטאַרקט אונ גענערט דורכ דער פאַרשקלאַפונג פונ אירלאַנד (פּונקט ווי די רעאַקציע אינ רוסלאַנד ווערט גענערט דורכ דעם, וואָס רוסלאַנד האַלט פאַרקנעכטעט אַ ריי נאַציעס!).

אונ דורכפירנדיק אינ אינטערנאַציאָנאַל אַ רעזאָלוציע פונ סימפּאַטיעס צו דער „אירלענדישער נאַציע", „צום אירלענדישנ פאָלק" (דער קלוגער ל. וול. וואָלט, מיסטאַמע, געמאַכט טיל־טעל פונעם אָרעמענ מאַרקסנ פאַרנ פאַרגעסנ דעם קלאַסנקאַמפ!), אַגיטירט מאַרקס פאַר אירלאַנדס אָפּטיילנ זיכ פונ ענגלאַנד, „אויב אפילע נאָכנ אָפּטיילנ זיכ זאָל עס דערגייננ צו אַ פעדעראַציע".

וועלכע טעאָרעטישע האנאָכעס ליגנ אינ גרונט פונ אָט דעמ מארקס' אויספיר? אינ ענגלאנד ביכלאל איז שוינ די בורזשואזע רעוואָלוציע לאנג פארענדיקט. אינ אירלאנד אָבער איז זי נאָכ ניט פארענדיקט; ערשט איצט, אינ א האלבנ יאָרהונדערט ארומ, ווערט זי פארענדיקט דורכ די רעפאָרמעס פונ די ענגלישע ליבעראלנ. ווענ דער קאפיטאליזמ אינ ענגלאנד וואָלט אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ אזוי גיכ, ווי מארקס האָט זיכ לעכאטכילע גערעכט, וואָלט אינ אירלאנד ניט געקאָנט עקזיסטירנ קיינ בורזשואז-דעמאָקראטישע, אלגעמיינ-נאציאָנאלע באוועגונג. אָבער, ווײבאלד זי איז אופגעקומענ, אייצעט מארקס די ענגלישע ארבעטער, זיי זאָלנ זי שטיצנ, זיי זאָלנ איר געבנ א רעוואָליוציאָנערנ שטויס, זיי זאָלנ זי דערפירנ ביזנ סאָפ אינ די אינטערעסנ פונ זייער א ײ ג ע נ ע ר פרײַהײַט.

די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ אירלאנד מיט ענגלאנד אינ די 60-ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט זײַנענ, פארשטײט זיכ, געווענ נאָכ ענגערע, אײדער די פארבינדונגענ צווישנ רוסלאנד מיט פוילנ, אוקראינע אד"ג. די „אומפראקטישקײט" אונ „אומעגלעכקײט צו פארווירקלעכנ" אירלאנדס אָפטײלנ זיכ (זאָל זײַנ אפילע מאכמעס געאָגראפישע באדינגונגענ אונ מאכמעס דער אומגעהײערער קאָלאָניאלער מאכט פונ ענגלאנד) האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ. זײַענדיק א פרינציפיעלער סוינע פונ פעדעראליזמ, דערלאָזט מארקס אינעמ געגעבענעמ פאל אפילע א פעדעראציע[1], אבי נ אָ ר די באפרײַונג פונ אירלאנד זאָל פאָרקומענ ניט אפ א רעפאָרמיסטישנ, נאָר אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ, דורכ דער באוועגונג פונ די פאָלקסמאסנ פונ אירלאנד, געשטיצט דורכנ ארבעטער-קלאס פונ ענגלאנד. עס קאָנ קײנ שומ סאָפעק ניט זײַנ, אז נאָר אזא לײזונג פונ דער היסטאָרישער אופגאבע וואָלט אמערסטנ גינסטיק געווענ פאר די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ פאר דער גיכקײט פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.

אויסגעלאָזט האָט זיכ אנדערש. אי דאָס אירלענדישע פאָלק אי דער ענגלישער פראָלעטאריאט, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, זײַנענ שוואכ. ערשט איצט ווערט דורכ נעבעכדיקע פארשטענדיקונגענ צווישנ די ענגלישע ליבעראלנ מיט דער אירלענדישער בורזשואזיע געלײזט (דער בײַשפיל פונ אָלסטער באווײַזט, מיט וואָס פאר א מאטערניש) די אירלענדישע פראגע דורכ אנ ערד-רעפאָרמע (מיט אויסקויפ) אונ דורכ אווטאָנאָמיע (דערווײַל נאָכ ניט אײַנגעפירט). איז וואָס? איז דענ דערפונ גענדרונגענ,

---

[1] עס איז אגעוו ניט שווער צו זענ, פארוואָס מע טאָר ניט, פונ סאָציאל-דעמאָקראטישנ שטאנדפונקט, פארשטײנ אונטערנ באגריפ רעכט פונ „זעלבסטבאשטימונג" פונ די נאציעס ניט קײנ פעדעראציע, ניט קײנ אווטאָנאָמיע (כאָטש, אבסטראקט גערעדט, פאסנ זיכ סײַ פעדעראציע סײַ אווטאָנאָמיע אײַנ אינ דעמ באגריפ „זעלבסטבאשטימונג"). רעכט אפ פעדעראציע איז ביכלאל אנ אבסורד, ווײַל א פעדעראציע איז א צווייזײַטיקער אָפמאכ. שטעלנ בא זיכ אינ דער פראָגראמ די פארטײדיקונג פונ פעדעראליזמ ביכלאל קאָנענ מארקסיסטנ בעשומ אויפנ ניט, וועגנ דעמ איז ניטאָ וואָס צו רײדנ. וואָס איז שײַעכ אווטאָנאָמיע, פארטײדיקנ די מארקסיסטנ ניט „דאָס רעכט אפ" אווטאָנאָמיע, נאָר די אווטאָנאָמיע גופע, אלס אלגעמײנעמ, אוניווערסאלנ פרינציפ פונ א דעמאָקראטישער מעלוכע מיט א פילפארביקנ נאציאָנאלנ באשטאנד, מיט א שארפנ אונטערשײד אינ די געאָגראפישע אונ אנד. באדינגונגענ. אָנערקענענ „דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ אווטאָנאָמיע" וואָלט דעריבער געווענ פונקט אזא אבסורד ווי אָנערקענענ „דאָס רעכט פונ די נאציעס אפ פעדעראציע".

אז מארקס אונ ענגעלס זײַנענ געווענ „אוטאָפּיסטנ", אז זיי האָבנ געשטעלט נאציאָנאלע פאָדערונגענ, וועלכע עס איז „אומעגלעכ צו פארווירקלעכנ", אז זיי זײַנענ ארונטערגעפאלנ אונטער דער ווירקונג פונ די אירלענדישע נאציאָנאליסטנ — די קליינבירגער (דער קליינבירגערלעכער כאראקטער פונ דער באַוועגונג פונ די „פעניער" איז אָנ שומ סאָפּעק) אדג.?

ניינ. מארקס אונ ענגעלס האָבנ אויכ אינ דער אירלענדישער פראגע געפירט א קאָנסעקווענט-פּראָלעטארישע פּאָליטיק, וואָס האָט ווירקלעכ דערצויגנ די מאסנ אינ גייסט פונ דעמאָקראטיזמ אונ סאָציאליזמ. נאָר די דאָזיקע פּאָליטיק איז געווענ אימשטאנד צו באַפרײַענ סײַ אירלאנד סײַ ענגלאנד דערפונ, אז די נייטיקע רעפאָרמעס זאָלנ ניט פארשלעפּט ווערנ אויפ א האלבנ יאָרהונדערט צײַט אונ אז די ליבעראלנ זאָלנ ניט פארקריפּלענ די דאָזיקע רעפאָרמעס, קעדיי צוליב טאָנ דער רעאקציע.

מארקס' אונ ענגעלסעס פּאָליטיק אינ דער אירלענדישער פראגע האָט געגעבנ דעמ גרעסטנ מוסטער פונ דעמ, וויאזוי דער פּראָלעטאריאט פונ די אונטערדריקנדיקע נאציעס דארפ זיכ באַציִענ צו די נאציאָנאלע באַוועגונגענ, — א מוסטער, וואָס האָט ביז איצט אײַנגעהיט א קאָלאָסאלע פּ ר א ק ט י ש ע באַדײַטונג; — זי האָט געגעבנ א וואָרענונג קעגנ דער „קנעכטישער אײַלעוודיקײַט", מיט וועלכער די קליינבירגער פונ אלע לענדער, קאָלירנ אונ שפּראַכנ אײַלנ זיכ צו אָנערקענענ פאר „אוטאָפּיש" די ענדערונג פונ די מעלוכע-גרענעצנ, וועלכע זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ דורכ גוואלדטאטנ אונ פּריווילעגיעס פונ די גוטבאזיצער אונ פונ דער בורזשואזיע פונ איינ נאציע.

ווענ דער אירלענדישער אונ ענגלישער פּראָלעטאריאט וואָלטנ ניט אָנגענומענ מארקס' פּאָליטיק, וואָלטנ ניט געשטעלט אלס זייער לאָזונג אירלאנדס אָפּטיילנ זיכ, וואָלט דאָס געווענ דער ערגסטער אָפּאָרטוניזמ פונ זייער זײַט, דאָס וואָלט געהייסנ פארגעסנ די אויפגאבנ פונ א דעמאָקראט אונ א סאָציאליסט, דאָס וואָלט געווענ א האנאָכע דער ע נ ג ל י ש ע ר רעאקציע אונ בורזשואזיע.

9. די פּראָגראמ פונ 1903 יאָר אונ אירע ליקווידאטאָרנ

די פּראָטאָקאָלנ פונעמ צוזאמענפאָר פונ 1903 יאָר, וואָס האָט אָנגענומענ די פּראָגראמ פונ די רוסלענדישע מארקסיסטנ, זײַנענ געוואָרנ גאָר א גרויסע זעלטנהייט, אונ די קאָלאָסאלע מערהייט פונ די איצטיקע טוער פונ דער ארבעטער-באַוועגונג איז ניט באַקאַנט מיט די מאָטיווונ פונ באַזונדערע פּונקטנ פונ דער פּראָגראמ (ביפראט נאָכ, אז ווייט ניט אלצ פונ דער ליטעראטור, וואָס איז שײַכ דערצו, קאָנ געניסנ פונ די גליקנ פונ לעגאלקייט...). מע מוז זיכ דעריבער אָפּשטעלנ דערויפ, וויאזוי די פראגע, וואָס אינטערעסירט אונדז, איז באַהאנדלט געוואָרנ אויפנ צוזאמענפאָר פונ 1903 יאָר.

לאָמיר קוידעמקאָל פארצייכענענ, אז ווי אָרעמ עס איז ניט די רוסישע ס.-ד. ליטעראטור, וואָס איז נוגייע דעמ „רעכט פונ די נאציעס אויפ זעלבסטבאַשטימונג", איז פונדעסטוועגנ פונ איר אבסאָליוט קלאָר, אז דאָס דאָזיקע רעכט האָט מענ שטענ-

דיק פארשטאנענ אינעמ זינענ פונעמ רעכט אָפּצוטיילנ זיכ. די הה' סעמקאָווסקיס, ליבמאַנס און יורקעוויטשעס, וואָס צווייפלענ דערינ, וואָס דערקלערנ, אז דער §9 איז אנ „אומקלאָרער" אד"ג., טײַנענ וועגנ „אומקלאָרקײַט" בלויז מאכמעס זייער מוירעדיקער אמעראצעס אָדער זאָרגלאָזיקײַט. נאָכ אינ 1902 יאָר האָט פּלעכאנאָוו, פאַרטיידיקנדיק „דאָס רעכט אפּ זעלבסטבאשטימונג" אינעמ פּראָיעקט פונ דער פּראָגראַמ, געשריבנ אינ „זאריא", אז די דאָזיקע פאָדערונג, וואָס איז ניט אָבליגאַטאָריש פאר בורזשואַזע דעמאָקראַטנ, איז „אָבליגאַטאָריש פאר סאָציאַל-דעמאָקראַטנ". „ווענ מיר וואָלטנ פארגעסנ וועגנ איר, אָדער וואָלטנ זיכ ניט אנטשלאָסנ ארויסצושטעלנ זי, — האָט געשריבנ פּלעכאנאָוו, — מוירע האָבנדיק טאָמער וועלנ מיר פארשעפּענ די נאציאָנאַלע פאָרורטיילנ פונ די מענטשנ פונ אונדזער צײַט, וואָס געהערנ צומ גרויסרוסישנ שייווט, וואָלט דער רופ... „פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!" געוואָרנ בא אונדז אינ די מײַלער א שענדלעכער ליגנ".

דאָס איז זייער א טרעפלעכע כאראקטעריסטיק פונעמ גרונט-ארגומענט פאר דעמ פונקט, וואָס מיר באהאנדלענ דאָ, זי איז אזוי טרעפלעכ, אז ניט אומזיסט פלעגנ זי מיט שרעק אויסמײַדנ און עס מײַדנ זי אויס די קריטיקער פונ אונדזער פּראָגראַמ, וואָס „ווייסנ ניט, ווער ס'האָט זיי א נאָמענ געגעבנ". אָפּזאָגנ זיכ פונעמ געגעבענעמ פונקט, וואָס פארא מאָטיוונ מע זאָל דערבײַ ניט ארויסשטעלנ, באטײַט פאקטיש א „שענדלעכע" האנאָכע דעמ גרויסרוסישנ נאציאָנאַליזמ. פארוואָס דעמ גרויסרוסישנ, ווענ עס רעדט זיכ וועגנ דעמ רעכט פונ אלע נאציעס אפּ זעלבסטבאשטימונג? דערפאר, ווײַל עס האנדלט זיכ וועגנ אָפּטיילנ זיכ פונ די גרויסרוסנ. דער אינטערעס פונ דער פאראייניקונג פונ די פּראָלעטאריער, דער אינטערעס פונ זייער קלאסנ-סאָלידארישקײַט פאָדערנ צו אָנערקענענ דאָס רעכט פונ די נאציעס אָפּצוטיילנ זיכ — אָט וואָס פּלעכאנאָוו האָט אָנערקענט אינ די ציטירטע ווערטער מיט 14 יאָר צוריק; ווענ אונדזערע אָפּאָרטוניסטנ וואָלטנ זיכ ארײַנגעטראכט אינ דעמ, וואָלטנ זיי מיסטאמע ניט געזאָגט אזויפיל נארישקײַטנ וועגנ זעלבסטבאשטימונג.

אויפנ צוזאמענפאָר פונ 1903 יאָר, ווו עס איז באשטעטיקט געוואָרנ דער דאָזיקער פּראָיעקט פונ דער פּראָגראַמ, וועלכנ פּלעכאנאָוו האָט פארטיידיקט, איז די הויפּט-ארבעט געווענ קאָנצענטרירט אינ דער פּראָגראַמ-קאָמיסיע. קיינ פּראָטאָקאָלנ פונ איר זײַנענ, צומ באדויערנ, ניט געפירט געוואָרנ. און גראָד בענוגע דעמ דאָזיקנ פונקט וואָלטנ זיי געווענ באזונדערס אינטערעסאנט, ווײַל נאָר אינ דער קאָמיסיע האָבנ די פארשטייער פונ די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, ווארשאַווסקי און גאנעצקי, געפּרוווט פארטיידיקנ זייערע אָנשויונגענ און באשטרײַטנ „די אָנערקענונג פונעמ רעכט אפּ זעלבסטבאשטימונג". דער לייענער, וואָס וואָלט געוואָלט פארגלײַכנ זייערע ארגומענטנ (וואָס זײַנענ אנטוויקלט אינ ווארשאַווסקיס רעדע און אינ זײַנער און גאנעצקיס מעלדונג, ז. 134—136 און 388—390 פונ די פּראָטאָקאָלנ) מיט ראָזע לוקסעמבורגס ארגומענטנ אינ איר פּוילישנ ארטיקל, וואָס מיר האָבנ דאָ אנאַליזירט, וואָלט דערזענ די פולשטענדיקע אידענטישקײַט פונ די דאָזיקע ארגומענטנ.

ווי זשע האָט זיכ באצויגנ צו די דאָזיקע ארגומענטנ די פּראָגראַמ-קאָמיסיע פונ

II צוזאמענפאר, װי קענען די פױלישע מארקסיסטנ איז מער פונ אלעמענ ארױסגעטראטנ פלעכאנאװ? מע האט בײז אױסגעלאכט די האזיקע ארגומענטנ! די אבסורדישקײט פונעמ פארשלאג, אז די רוסלענדישע מארקסיסטנ זאלנ ארױסװארפנ די אנערקענונג פונעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס, איז אזױ קלאר אונ אנשױלעכ באװיזנ געװארנ, אז די פױלישע מארקסיסטנ האבנ זיכ אפילע ניט אנטשלאסנ איבערצוכאזערנ זײערע ארגומענטנ אפ דער פלענארער זיצונג פונעמ צוזאמענפאר!! זײ האבנ פארלאזנ דעמ צוזאמענפאר, װײל זײ האבנ זיכ איבערצײגט אינ דער האפענונגסלאזיקײט פונ זײער פאזיציע פאר דער העכסטער פארזאמלונג פונ מארקסיסטנ סײ גרױסרוסישע, סײ ײדישע, סײ גרוזיגישע, סײ ארמענישע.

דער דאזיקער היסטארישער עפיזאד האט, זעלבסטפארשטענדלעכ, זײער א װיכטיקע באדײטונג פאר יעדערנ, װאס אינטערעסירט זיכ ערנסט מיט זײנ פראגראמ. דאס, װאס די ארגומענטנ פונ די פױלישע מארקסיסטנ זײנענ פולשטענדיק צעקלאפט געװארנ אינ דער פראגראמ-קאמיסיע פונעמ צוזאמענפאר, אונ דאס, װאס די פױלישע מארקסיסטנ האבנ זיכ אפגעזאגט צו פרוװנ פארטײדיקנ זײערע אנשױונגען אפ דער פארזאמלונג פונעמ צוזאמענפאר,—איז א פאקט, װאס האט זײער א סאכ צו זאגנ. ניט אומזיסט האט ראזע לוקסעמבורג דעמ דאזיקנ פאקט „באשײדנ" פארשװיגנ אינ איר ארטיקל פונ 1908 יאר, — אפנעמ, אז די דעריגערונג װעגנ דעמ צוזאמענפאר איז שױנ צופיל ניט אנגענעמ! זי האט אױכ פארשװיגנ װעגנ דעמ, ביז צו קאמיזמ ניט געלונגענעמ, פארשלאג „אױסצובעסערנ" דעמ 9§ פונ דער פראגראמ, װעלכנ װארשאװסקי אונ גאנעצקי האבנ געמאכט אינ נאמענ פונ אלע פױלישע מארקסיסטנ אינ 1903 יאר אונ װעלכנ יעם האבנ זיכ ניט אנטשלאסנ (אונ װעלנ זיכ ניט אנטשליסנ) איבערצוכאזערנ ניט ראזע לוקסעמבורג, ניט אנדערע פױלישע ס.-ד.

נאר אױב ראזע לוקסעמבורג האט, אױסבאהאלטנדיק איר מאפאלע אינ 1903 יאר, פארשװיגנ די דאזיקע פאקטנ, װעלנ די מענטשנ, װאס אינטערעסירנ זיכ מיט דער געשיכטע פונ זײער פארטײ, זארגנ װעגנ דעמ, אז זײ זאלנ זיכ דערװיסנ װעגנ די דאזיקע פאקטנ אונ דורכטראכטנ זײער באדײטונג.

...„מיר לײגנ פאר, — האבנ געשריבנ דעמ צוזאמענפאר פונ 1903 יאר ראזע לוקסעמבורגס פרײנט, אװעקגײענדיק פונ אימ, — אזױ צו פארמולירנ דעמ זיבעטנ (איצטיקנ 9-טנ) פונקט אינעמ פראיעקט פונ דער פראגראמ: 7 §. אינסטיטוציעס, װאס גאראנטירנ די פולשטענדיקע פרײהײט פונ קולטורעלער אנטװיקלונג פאר אלע נאציעס, װעלכע גײענ ארײנ אינ באשטאנד פונ דער מעלוכע" (ז. 390 פונ די פראטאקאלנ).

אלזא, די פױלישע מארקסיסטנ זײנענ דעמלט ארױסגעטראטנ מיט אזױנע אומבאשטימטע אנשױונגענ אפ דער נאציאנאלער פראגע, אז אנשטאט זעלבסטבאשטימונג האבנ זײ, אינ טאכ גענומענ, פארגעלײגט ניט קײנ אנדער זאכ, װי א פסעװדאנימ פונ דער באריםטער „קולטור-נאציאנאלער אװטאנאמיע"!

דאס קלינגט קימאט װי אומגלײבלעכ, נאר, צומ באדױערנ, איז עס א פאקט. אפנ צוזאמענפאר גופע, כאטש אפ אימ זײנענ געװענ 5 בונדאװצעס מיט 5 שטימענ

און 3 קאווקאזער מיט 6 שטימענ, גיט רעכענענדיק קאסטראווס באראטונגס-שטימ, האט זיכ ניט געפונענ קיינ איינ שטימ פאר ארויסווארפנ דעמ פונקט וועגנ זעלבסטבאשטימונג. פאר צוגעבנ צו דעמ דאזיקנ פונקט די „קולטור-נאציאנאלע אווטאנאמיע“ האבנ זיכ ארויסגעזאגט דריי שטימענ (פאר גאלדבלאטס פארמולע: „שאפנ אינסטיטוציעס, וואס גאראנטירנ די נאציעס פולשטענדיקע פרייהייט פונ קולטורעלער אנטוויקלונג“) אונ פיר שטימענ פאר ליבערס פארמולע („דאס רעכט פונ פרייהייט פונ זייער — פונ די נאציעס — קולטורעלער אנטוויקלונג“).

איצט, ווענ עס איז אופגעקומענ די רוסישע ליבעראלע פארטיי, די פארטיי ק.-ד., ווייסנ מיר, אז אינ איר פראגראמ איז די פאליטישע זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס פארביטנ געווארנ אפ „קולטורעלער זעלבסטבאשטימונג“. ראזע לוקסעמבורגס פוילישע פריינט האבנ, אלזא, „קעמפנדיק“ קעגנ דעמ נאציאנאליזמ פונ דער פ.פ.ס., געטאנ דאס מיט אזא דערפאלג, אז זיי האבנ פארגעלייגט צו פארביטנ די מארקסיסטישע פראגראמ אפ א ליבעראלער פראגראמ! אונ דערביי האבנ זיי נאכ באשולדיקט אונדזער פראגראמ אינ אפארטוניזמ — איז דענ א וווּנדער, וואס אינ דער פראגראמ-קאמיסיע פונעמ II צוזאמענפאר האט מענ אופגענומענ די דאזיקע באשולדיקונג מער ניט ווי מיט א געלעכטער!

אינ וואס פאר א זינ האבנ פארשטאנענ די „זעלבסטבאשטימונג“ די דעלעגאטנ פונעמ II צוזאמענפאר, וואס צווישנ זיי האט זיכ ניט געפונענ, ווי מיר האבנ געזענ, קיינ איינער, וואס זאל זיינ קעגנ דער „זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס“?

וועגנ דעמ זאגנ אײדעס דריי פאלגנדיקע אויסצוגנ פונ די פראטאקאלנ:

„מארטינאוו געפינט איינ, אז דעמ ווארט „זעלבסטבאשטימונג“ טאר מענ ניט צוגעבנ קיינ ברייטע אויסטייטשונג; עס באטייט בלויז דאס רעכט פונ דער נאציע אפ אפצוזונדערנ זיכ אינ א באזונדער פאליטיש גאנצעס, אבער קלאל ניט קיינ געגנטלעכע זעלבסטפארוואלטונג“ (ז. 171). מארטינאוו איז געווענ א מיטגליד פונ דער פראגראמ-קאמיסיע, אינ וועלכער די ארגומענטנ פונ ראזע לוקסעמבורגס פריינט זיינענ אפגעווארפנ אונ אויסגעלאכט געווארנ. לויט זיינע אנשוייונגענ איז מארטינאוו דעמאלט געווענ אנ עקאנאמיסט, א פארביסענער קעגנער פונ דער „איסקרא“, אונ ווענ ער וואלט אויסגעדריקט א מיינונג, מיט וועלכער עס איז ניט מאסקימ געווענ די מערהייט פונ דער פראגראמ-קאמיסיע, וואלט ער, פארשטייט זיכ, אפגעפרעגט געווארנ.

גאלדבלאט, א בונדאוועצ, האט גענומענ דאס ווארט דער ערשטער, ביימ אפגעבנ צוזאמענפאר איז, נאכ דער ארבעט פונ דער קאמיסיע, באהאנדלט געווארנ דער § 8 (איצטיקער 9-טער) פונ דער פראגראמ.

„קעגנ דעמ „רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג“ — האט געזאגט גאלדבלאט — קאנ מענ גארנישט ניט דערווידערנ. אינעמ פאל, אויב א וועלכע-עס-איז נאציע קעמפט פאר זעלבשטענדיקייט, טאר מענ ניט ארויסטרעטנ קעגנ דעמ. אויב פוילנ וועט ניט וועלנ טאנ קיינ געזעצלעכנ שידעכ מיט רוסלאנד, דארפ מענ איר ניט שטערנ, ווי עס האט זיכ אויסגעדריקט דער כ' פלעכאנאוו. איכ בינ מאסקימ מיט אזא מיינונג אינ די דאזיקע ראמענ“ (ז. 175—176).

פלעכאנאוו האט אפ דער פלענארער פארזאמלונג פונעמ צוזאמענפאר אינגאנצנ

ניט גענומען קיין ווארט וועגן דעם געגעבענעם פונקט. גאלדבלאט פארופט זיך אפ פלעכאנאוום ווערטער אין דער פראגראם-קאמיסיע, ווי דאס „רעכט אפ זעלבסטבא-שטימונג" איז אויספירלעך און פאפולער אויסגעטייטשט געווארן איינעם זיינען פו-נעם רעכט אפצוטיילן זיך. ליבער, וואס האט גערעדט נאך גאלדבלאט, האט בא-מערקט:

„פארשטייט זיך, אויב א וועלכע-ניט-איז באציאנאליטעט איז ניט אימשטאנד צו לעבן אין די ראמען פון רוסלאנד, וועט איר די פארטיי ניט שטערן" (ז. 176).

דער לייענער זעט, אז אפן II פארטיי-צוזאמענפאר, וואס האט אנגענומען די פראגראם, איז ניט געווען קיין צוויי מיינונגען איבער דער פראגע וועגן דעם, אז זעלבסטבאשטימונג באטייט „בלויז" דאס רעכט אפצוטיילן זיך. אפילע די בונדאווי-צעס האבן דעמלט באנומען דעם ראזיקן עמעס, און נאר אין אונדזער טרויעריקער צייט פון דווערנדיקער קאנטררעוואליוציע און אלערליי „אפזאגענישן", האבן זיך אויסגעפונען מענטשן, דרייסטע מיט זייער אומוויסנהייט, וואס האבן דערקלערט די פראגראם פאר אן „אומקלארער". נאר איידער מיר וועלן זיך פארנעמען מיט די דאזיקע טרויעריקע „אויך-מיר-סאציאל-דעמאקראטן", לאמיר פארענדיקן מיט דער באציונג פון די פאליאקן צו דער פראגראם.

אפן צווייטן (1903 יאר.) צוזאמענפאר זיינען זיי געקומען מיט א מעלדונג וועגן דער נייטיקייט און דרינגענדיקייט צו פאראייניקן זיך. פון צוזאמענפאר זיינען זיי אבער אוועק נאך דעם, ווי זיי האט „ניט אפגעגאלטן" אין דער פראגראם-קאמיסיע, און זייער לעצט ווארט איז געווען די שריפטלעכע מעלדונג, וואס איז אפגעדרוקט אין די פראטאקאלן פונעם צוזאמענפאר און אין וועלכער עס איז פאראן דער אויבן געבראכטער פארשלאג צו פארבייטן די זעלבסטבאשטימונג אפ קולטור-נאציא-נאלער אווטאנאמיע.

אין 1906 יאר זיינען די פוילישע מארקסיסטן ארייגעטראטן אין דער פארטיי, דערביי איז ניט בייסן ארייגטרעטן אין איר, ניט קיין איין מאל נאך דעם (ניט אפן צוזאמענפאר פון 1907 יאר, ניט אפ די קאנפערענצן פון 1907 און 1908 יאר, ניט אפן פלענום פון 1910 יאר) האבן זיי ניט ארייגעטראגן קיין איין פארשלאג וועגן ענדערן דעם 9 § פון דער רוסלענדישער פראגראם!!

דאס איז א פאקט.

און טראץ די אלערליי פראזעס און פארזיכערונגען, דערווייזט דער דאזיקער פאקט באשיימפערלעך, אז ראזע לוקסעמבורגס פריינט האבן געהאלטן, אז די דע-באטן אין דער פראגראם-קאמיסיע פונעם II צוזאמענפאר און דער באשלוס פו-נעם דאזיקן צוזאמענפאר האבן אויסגעשעפט די פראגע, אז זיי האבן שווייגנדיק אנערקענט זייער פעלער און האבן אים פאריכט, ווען זיי זיינען אין 1906 יאר ארייגעטראטן אין דער פארטיי, נאך דעם, ווי זיי זיינען אוועק פונעם צוזאמענפאר אין 1903 יאר, דערביי האבן זיי קיין איין מאל ניט געפרווט אופהייבן אפ א פאר-טייזשן אויפן די פראגע וועגן איבערקוקן דעם 9 § פון דער פראגראם.

ראזע לוקסעמבורגס ארטיקל איז דערשינען מיט איר אונטערשריפט אין 1908 יאר — פארשטייט זיך, קיין איין מענטשן איז אפילע קיינמאל אין קאפ ניט איינ-געפאלן אפצולייקענען דאס רעכט פון פארטיי-ליטעראטן צו קריטיקירן די פרא-

גראם—און אויך נאָך דעם דאָזיקן ארטיקל האָט קיין איין אָפיציעלע אינסטיטוציע פון די פוילישע מארקסיסטן ניט אופגעהויבן די פראגע וועגן איבערקוקן דעם § 9.

דעריבער טוט טראָצקי בעעמעס א בערישע טויווע אייניקע פארערער פון ראָזע לוקסעמבורג, ווען ער שרײַבט אין נאָמען פון דער רעדאקציע פון „באָרבא“ אין נום. 2 (מארט 1914 יאָר):

„...די פוילישע מארקסיסטן האלטן, אז דאָס „רעכט אפ נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג“ האָט אבסאָליוט קיין פאָליטישן אינהאלט ניט און דארף באזײַטיקט ווערן פון דער פראָגראם“ (ז. 25).

טראָצקי דער באלטויווע איז געפערלעכער פון א סוינע! פון קיין אנדער אָרט, אחוץ „פריוואטע שמועסן“ (דהײַ. פראָסט-פאָשעט פון פליאָטקעס, וואָס דערפון לעבט טראָצקי שטענדיק) האָט ער ניט געקאָנט שעפן קיין דערווײַזן אפ צו פארעכענען די „פוילישע מארקסיסטן“ בכלל פאר אָנהענגער פון יעדן ארטיקל פון ראָזע לוקסעמבורג. טראָצקי האָט ארויסגעשטעלט די „פוילישע מארקסיסטן“ פאר מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין ערע און קיין געוויסן, וואָס קענען אפילע ניט באציִען זיך מיט אכטונג צו זייערע אייגענע איבערצײַגונגען און צו דער פראָגראם פון זייער אייגענער פארטיי. טראָצקי דער באלטויווע!

ווען די פאָרשטייער פון די פוילישע מארקסיסטן זײַנען אין 1903 יאָר איבער דעם רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג אוועק פון II צוזאמענפאָר, דעמאלט האָט טראָצקי געקאָנט זאָגן, אז זיי האָבן געהאלטן, אז דאָס דאָזיקע רעכט האָט קיין אינהאלט ניט און דארף באזײַטיקט ווערן פון דער פראָגראם.

נאָך דעם זײַנען אָבער די פוילישע מארקסיסטן ארײַנגעטראָטן אין דער פארטיי, וואָס האָט געהאט אזא פראָגראם, און האָבן קיין איין מאָל ניט ארײַנגעטראָגן קיין פאָרשלאָג איבערצוקוקן זי[1].

פארוואָס האָט טראָצקי פארשוויגן די דאָזיקע פאקטן פאר די לייענער פון זײַן זשורנאל? נאָר דערפאר, ווײַל אים לוינט צו ספעקולירן אפן צעבלאָזן די מיינונגס-פארשיידנהײַטן צווישן די פוילישע און רוסישע קעגנער פון דער ליקווידאטאָרײַ און אָפנארן די רוסישע ארבעטער אין דער פראגע וועגן דער פראָגראם.

טראָצקי האָט נאָך קיינמאָל, אין קיין איין ערנסטער פראגע פון מארקסיזם, ניט געהאט קיין פעסטע מיינונגען, שטענדיק זעט ער „ארײַנצוקריכן אין דער שפארונע“ פון די אָדער יענע מיינונגס-פארשיידנהײַטן און לויפט אריבער פון איין צאַד צום אנדערן. אינעם געגעבענעם מאָמענט געפינט ער זיך אין דער קאָמפאניע פון די בונ-

---

[1] מע טוילט אונדז מיט, אז אפ דער זומערדיקער בארעטונג פון די רוסלענדישע מארקסיסטן אין 1913 יאָר האָבן זיך די פוילישע מארקסיסטן באטייליקט בלויז מיט בארא-טונגס-רעכט, און אין דער פראגע וועגן דעם רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג (אפ אָפטיילן זיך) האָבן זיי אינגאנצן ניט געשטימט און האָבן זיך ארויסגעזאָגט קעגן אזא רעכט בכלל. פארשטייט זיך, זיי האָבן געהאט דאָס פולע רעכט צו האנדלען אזוי און צו אגיטירן ווי פריִער אין פוילן קעגן דעם, אז פוילן זאָל זיך אָפטיילן. דאָס איז אָבער ניט גאָר דאָס, וועגן וואָס עס רעדט טראָצקי, ווײַל „באזײַטיקן פון דער פראָגראם“ דעם § 9 האָבן די פוילישע מארקסיסטן ניט געפאָדערט.

דאָווצעס אונ ליקווידאטאָרנ. נו, און אַט די הערנ צערעמאָניענ זיכ ניט מיט דער פּארטיי.

אָט האָט איר דעם בונדאָוועצ ליבמאַנ.

„וועג די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“ — שרײַבט דער דאָזיקער דזשענטלמענ — „האָט מיט 15 יאָר צוריק ארויסגעשטעלט אינ איר פּראָגראַמ דעמ פּונקט וועגנ דעמ רעכט פונ יעדער נאַציאָנאַליטעט אַפ „זעלבסטבאַשטימונג“, האָט יעדערער (!!) בא זיכ געפרעגט: וואָס באַטײַט אייגנטלעכ דער דאָזיקער מאָדישער (!!) אויסדרוק? קיינ ענטפער דערופ איז ניט געווענ (!!). דאָס דאָזיקע וואָרט איז געבליבנ (!!) אײַנגעהילט אינ נעפּל. דעמלט אָבער איז בעעמעס שווער געווענ צו צעשטרייענ אָט דעמ נעפּל. עס איז נאָכ ניט געקומענ די צײַט, אז מע זאָל קאָנענ קאָנקרעטיזירנ דעמ דאָזיקנ פּונקט, — האָט מענ דעמלט געמײנט, — זאָל ער דערווײַל בלײַבנ נעפּלהאַפט (!!). און דאָס לעבנ גופא וועט באַווײַזנ, וואָס פאר אנ אינהאַלט ארײַנצולייגנ אינ דעמ דאָזיקנ פּונקט“.

ניט עמעס, ווי פּרעכטיק עס איז אָט דאָס „ייִנגל אָנ הויזנ“, וואָס מאַכט חוזק פונ דער פּארטיי־פּראָגראַמ?

און פארוואָס מאַכט ער חוזק?

נאָר דערפאר, ווײַל ער איז א פולשטענדיקער אמאָרעצ, וואָס האָט גאָרנישט געלערנט, האָט אפילע ניט געפּרוווט לייענענ עפּעס פונ דער פּארטיי־געשיכטע, נאָר ער איז פּאָשעט ארײַנגעפאלנ צווישנ די ליקווידאטאָרנ, ווו עס איז „אָנגענומענ“ ארומצוגיינ נאקעטערהייט אינ דער פראגע וועגנ פּאַרטיי און פּארטיייִשקײַט.

בא פּאָמיאַלאָווסקינ באַרימט זיכ א בורסאַק דערמיט, וואָס ער האָט „אָנגעשפּיגנ אינ א פעסל קרויט“. די הערנ בונדאָווצעס זײַנענ אוועק ווײַטער. זיי לאָזנ ארויס די ליבמאַנס, אז די דאָזיקע דזשענטלמענער זאָלנ עפנטלעכ שפּײַענ אינעם אייגענעמ פעסל ארײַנ. אז עס איז געווענ עפּעס א באשלוס פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ קאָנגרעס, אז אפנ צוזאמענפאָר פונ דער אייגענער פּארטיי האָבנ 2 פּאָרשטייער פונעמ אייגענעמ „בונד“ ארויסגעוויזנ (און זיי זײַנענ דאָכ געווענ שוינ איינמאָל „שטרענגע“ קריטיקער און אנטשלאָסענע פײַנט פונ דער „איסקרא“!) פולשטענדיקע פאַרשטײַט צו פארשטיינ דעמ זינ פונ „זעלבסטבאַשטימונג“ און זײַנענ אפילע מסכּים געווענ מיט איר, — וואָס ארט דאָס אלצ די הערנ ליבמאַנס? און צי וועט ניט זײַנ גרינגער צו ליקווידירנ די פּארטיי, אויב די „פּארטיי־פובליציסטנ“ (לאַכט ניט!) וועלנ אַפּ א בורסאַקישנ אופנ זיכ באַגיינ מיט דער געשיכטע און פּראָגראַמ פונ דער פּארטיי?

אָט האָט איר א צווייט „ייִנגל אָנ הויזנ“, דעמ ה' יורקעוויטש פונ „דזווינ“. דער ה' יורקעוויטש האָט אפּאָנעמ יאָ געהאַט אינ די הענט די פּראָטאָקאָלנ פונעמ II צוזאמענפאָר, ווײַל ער ציטירט פּלעכאַנאָווס ווערטער, וועלכע גאָלדבלאַט האָט איבערגעבאַזערט, און ווײַזט ארויס באַקאַנטשאַפט מיט דעמ, אז זעלבסטבאַשטימונג קאָנ באַטײַטנ בלויז דאָס רעכט אָפּצוטיילנ זיכ. דאָס שטערט אים אָבער ניט צו פארשפּרייטנ צווישנ דעמ אוקראַאינישנ קליינבירגערטומ די רעכילעס וועגנ די רוסישע מארקסיסטנ, אז זיי זײַנענ קלוימערשט פאר דער „מעלוכישער גאַנצקײַט“ (1913, נומ. 7—8, ז. 83 און אנד.) פונ רוסלאַנד. פארשטייט זיכ, קיינ בעסער מיטל, איידער די דאָזיקע רעכילעס, אַפּ אָפּפרעמדנ די אוקראַאינישע דעמאָקראַטיע פונ דער גרויסרוסישער האָבנ די הערנ יורקעוויטשעס ניט געקאָנט צוטראַכטנ. און

אזא מינ אָפּפרעמדנ ליגט אינ דער גאנצער פּאָליטיק פונ דער ליטעראטנ־גרופּע פונ „דזווינ", וואָס אגיטירט פאר דעמ, אז די אוקראַיִנישע ארבעטער זאָלנ זיכ אויס־טיילנ אינ א באזונדערער נאציאָנאַלער אָרגאניזאציע![1]

פאר א גרופּע נאציאָנאַליסטישע קליינבירגער, וועלכע שפּאַלטנ דעמ פּראָלעטא־ריאט, — אונ אזא איז טאקע די אָביעקטיווע ראָליע פונ „דזווינ",—פּאסט דורכויס, פארשטייט זיכ, צו פארשפּרייטנ א מווירעדיקנ פּלאָנטער אינ דער נאציאָנאַלער פרא־גע. זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די הערנ יורקעוויטשעס אונ ליבמאנס, — וואָס בא־ליידיקנ זיכ „שרעקלעכ", ווענ מע רופט זיי אָנ „נעבנ־פּארטייִשע", — האָבנ קיינ איינ וואָרט, בוכשטעבלעכ טאקע קיינ איינ־איינציק וואָרט ניט געזאָגט וועגנ דעמ, וויאזוי זיי וואָלטנ געוואָלט לייזנ אינ דער פּראָגראמ די פראגע וועגנ דעמ רעכט אָפּצוטיילנ זיכ?

אָט האָט איר דאָס דריטע אונ וויכטיקסטע „ייִנגל אָנ הויזנ", דעמ ה' סעמקאָווו־סקי, וואָס טרעט ארויס פארנ גרויסרוסישנ פּובליקומ אפּ די שפּאַלטנ פונ דער לי־קווידאטאָרישער צײַטונג, „מאכט א טעל" פונעמ 9 § פונ דער פּראָגראמ אונ גלײַכ־צײַטיק דערקלערט ער, אז ער איז „מאכמעס געוויסע מאָטיוונ ניט מאסקימ מיטנ „פארשלאָג" וועגנ אויסשליסנ דעמ דאָזיקנ פּאראגראף!!

עס איז אומגלייבלעכ, אָבער א פאקט.

אינ אווגוסט 1912 יאָר הייבט די קאָנפערענצ פונ די ליקווידאטאָרנ אָפיציִעל אופ די נאציאָנאַלע פראגע. פאר אָנדערהאלבנ יאָר קיינ איינ ארטיקל, אויסער דעמ ה' סעמקאָווסקיס ארטיקל, איבער דער פראגע וועגנ דעמ 9§. אונ אינעמ דאָ־זיקנ ארטיקל וו א ר פ ט אָ פּ דער אווטאָר די פּראָגראמ, „ניט מאסקימ זײַענדיק מאכ־מעס ג ע וו י ס ע (א געהיימע כאלאס, צי וואָס?) מאָטיווג" מיטנ פאָרשלאָג אויסצו־בעסערנ זי!! מע קאָנ קאווירנ, אז אינ דער גאנצער וועלט איז ניט גרינג צו געפינענ קיינ בײַשפּילנ פונ אזא אָפּאָרטוניזמ אונ ערגער פונ אָפּאָרטוניזמ, אזא אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פּארטיי, אזא ליקווידירנ זי.

ווי עס זעענ אויס סעמקאָווסקיס ארגומענטנ, איז גענוג צו באווײַזנ אפּ איינ בײַשפּיל:

„וואָס טוט מענ, — שרײַבט ער, — אויב דער פּוילישער פּראָלעטאריאט וועט וועלנ אינ די ראמענ פונ איינ מעלוכע פירנ א געמיינזאמענ קאמפּ מיטנ גאנצנ רוסלענדישנ פּראָלע־טאריאט, אונ די רעאקציאָנערע קלאסנ פונ דער פּוילישער געזעלשאפט וואָלט זיכ, פאר־קערט, פארוואָלט אָפּטיילנ פּוילנ פונ רוסלאנד אונ אפּ א רעפערענדומ (אלגעמיינער אויספרע־ג פונ דער באפעלקערונג) וואָלט א מערהײַט שטימענ געוועג פאר דעמ: צי וואָלטנ מיר, רו־סישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ, געדארפט אינעמ צענטראלנ פּארלאמענט שטימענ אינאיינעמ מיט אונדזערע פּוילישע כאווירימ ק ע ג נ אָפּטיילנ זיכ, אָדער, קעדיי ניט אויפצוהעבנ צו זײַנ אפּנ „רעכט אפּ זעלבסטבאשטימונג", פ א ר אָפּטיילנ זיכ?" („נאָוואיא ראבאָטשאיא גאזעטא", נומ. 71).

---

[1] זע באזונדערס ה' יורקעוויטשעס פאָרעדע צו ה' לעווינסקיס בוכ: „Нарис розвитку українського робітничого руху в Галичині,". Київ, 1914. („עטיוד וועגנ דער אנטוויקלונג פונ דער אוקראַיִנישער ארבעטער־באוועגונג אינ גאליציע", קיִעוו, 1914. ר ע ד.).

פונדאַנענ איז צו זענ, אַז דער ה׳ סעמקאָווסקי פארשטייט אפילע ניט, וועגנ וואָס עס האנדלט זיכ! ער האָט ניט א טראכט געטאָנ, אַז דאָס רעכט אָפצוטיילנ זיכ מיינט, אַז די פראגע ווערט געלייזט גראָד ניט דורכנ צענטראלנ פארלאמענט, נאָר בלויז דורכנ פארלאמענט (סיים, רעפערענדום אדג.) פונ דער געגנט, וואָס טיילט זיכ אָפ.

מיט דער קינדערשער נאַיווער פראגע „וואָס טוט מענ", אויב בא דעמאָקראטיע איז די מערהײַט פאר רעאקציע, ווערט פארטושירט א פראגע פונ רעאלער, ווירקלעכער, לעבעדיקער פאָליטיק, ווענ אי די פורישקעוויטשעס אי די קאָקאָשקינס האלטנ פאר פארברעכעריש אפילע דעם געדאנק וועגנ אָפטיילנ זיכ! אפאָנעם, אַז די פראָלעטאריער פונ גאנצ רוסלאנד דארפנ פירנ א קאמפ ניט קעגנ די פורישקעוויטשעס אונ קאָקאָשקינס הײַנט, נאָר, פארבײַגײיענדיק זיי, פירנ א קאמפ קעגנ די רעאקציאָנערע קלאסנ פונ פוילנ!!

אונ אָט אזא מוירעדיקע נארישקײַט שרײַבט מענ אינעם אָרגאנ פונ די ליקווידאטאָרנ, וואָס איינער פונ זײַנע אידייִשע אָנפירער איז דער ה׳ ל. מארטאָוו. דער זעלביקער ל. מארטאָוו, וואָס האָט צונויפגעשטעלט דעם פראָיעקט פונ דער פראָגראם אונ האָט אים דורכגעפירט אינ 1903 יאָר, וואָס האָט אויכ שפעטער שריפטלעכ פארטיידיקט די פרײַהײַט פונ אָפטיילנ זיכ. ל. מארטאָוו טראכט זיכ איצט, אפאָנעם, אַפ אזא שטייגער:

דאָרט דארפ מענ גאָר ניט קלוג זײַנ,
שיקט רעאדנ — וועט גענוג זײַנ,
אונ איכ וועל שוינ זענ.

ער שיקט רעאדנ סעמקאָווסקינ אונ דערלויבט אינ א טעגלעכער צײַטונג צו פארקריפלענ אונדזער פראָגראם אונ פלאָנטערנ אָנ א שיר פאר די נײַע שיכטנ לייענער, וואָס זײַנענ מיט איר ניט באקאנט.

יא, יאָ, די ליקווידאטאָרײַ איז ווײַט פארגאנגענ, — פונ פארטייִשקײַט איז בא זייער א סאכ אפילע אָנגעזעענע געוועזענע ס.=ד. קיינ שפור ניט געבליבנ.

ראָזע לוקסעמבורג טאָר מענ, פארשטייט זיכ, ניט צוגלײַכנ צו די ליבמאנס, יורקעוויטשעס, סעמקאָווסקיס. דער פאקט אָבער, וואָס גראָד אזעלכע מענטשנ האָבנ זיכ אָנגעכאפט אָנ איר טאָעס, באווײַזט מיט א באזונדערער באשײַמפערלעכקײַט, אינ וואָס פאר אנ אָפאָרטוניזמ זי איז ארײַנגעפאלנ.

10. שלוס

לאָמיר אונטערציִענ סאכאקלענ.

פונעם שטאנדפונקט פונ דער טעאָריע פונ מארקסיזמ ביכלאל פארשאפט ניט די פראגע וועגנ דעם רעכט אַפ זעלבסטבאשטימונג קיינ שוועריקײַטנ. ערנסט קאָנ קיינ רייד ניט זײַנ ניט וועגנ באשטרײַטנ דעם לאָנדאָנער באשלוס פונ 1896 יאָר, ניט וועגנ דעם, אַז אונטער זעלבסטבאשטימונג ווערט געמיינט בלויז דאָס רעכט אָפצוטיילנ זיכ, ניט וועגנ דעם, אַז די אויסבילדונג פונ זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע מעלוכעס איז א טענדענצ פונ אלע בורזשואז=דעמאָקראטישע איבערקערענישנ.

א שווערקייט שאפט ביז א געוויסער מאָס דאָס, וואָס אינ רוסלאנד קעמפט אונ מוז האנט-בא-האנט קעמפנ דער פראָלעטאריאט פונ די אונטערדריקטע נאציעס אונ דער פראָלעטאריאט פונ דער אונטערדריקנדיקער נאציע. איינהיטנ די איינהייט פו= נעמ קלאסנקאמפ פונ פראָלעטאריאט פאר סאָציאליזמ, געגנ א ווידערשטאנד אלע בורזשואזע אונ שווארצמייִשע איינפלוסנ פונעמ נאציאָנאליזמ — אָט אינ וואָס עס באשטייט די אויפגאבע. צווישנ די אונטערדריקטע נאציעס פירט דאָס אויסטיילנ זיכ פונעמ פראָלעטאריאט אינ א זעלבשטענדיקער פארטיי צומאָל צו אזא פארביטערטנ קאָמפ קעגנ דעמ נאציאָנאליזמ פונ דער געגעבענער נאציע, אז די פערספעקטיוו ווערט פארקריפלט אונ עס ווערט פארגעסנ דער נאציאָנאליזמ פונ דער אונטערדרי= קנדיקער נאציע.

אזא פארקריפלונג פונ דער פערספעקטיוו איז אָבער מעגלעכ מער ניט ווי אפ ניט קיינ לאנגער צייט. די דערפארונג פונעמ געמיינזאמענ קאמפ פונ די פראָלעטא= ריער פונ פארשיידענע נאציעס באווייזט צו קלאָר, אז די פאָליטישע פראגנ דארפנ מיר שטעלנ ניט פונ קיינ „קראקאָווער“, נאָר פונ אנ אלגעמיינ-רוסלענדישנ שטאנד= פונקט. אונ אינ דער אלגעמיינ-רוסלענדישער פאָליטיק געוועלטיקנ די פורישקעווי= טשעס אונ קאָקאָשקינס. זייערע אידייענ הערשנ, זייער העצע קעגנ די אינאָראָדצעס פאר „סעפאראטיזמ“, פאר געדאנקענ וועגנ אָפטיילנ זיכ ווערט געפריידיקט אונ געפירט אינ דער דומע, אינ די שולנ, קלויסטערס, קאזארמעס, אינ הונדערטער אינ טויזנטער צייטונגענ. אָט דער דאָזיקער, דער גרויסרוסישער, גיפט פונ נאציאָנאליזמ פארסאמט די גאנצע אלגעמיינ-רוסלענדישע פאָליטישע אטמאָספער. עס איז אנ אומגליק פארנ פאָלק, וואָס אונטערייאָכנדיק אנדערע פעלקער, פארפעסטיקט עס די רעאקציע אינ גאנצ רוסלאנד. די דערינערונגענ פונ 1849 אונ 1863 יאָרנ זיינענ א לעבעדיקע פאָליטישע טראדיציע, וואָס אויב עס וועלנ ניט פאָרקומענ קיינ שטורעמס פונ זייער א גרויסנ מאסשטאב, דראָעט זי נאָכ אינ משעכ פונ לאנגע יאָרצענדליקער צו פארשווערנ יעדע דעמאָקראטישע אונ באזונדערס די סאָציאל-דעמאָקראטישע באוועגונג.

עס קאָנ קיינ צווייפל ניט זיינ, אז ווי נאטירלעכ עס זאָל אָפטמאָל ניט אויסזענ דער שטאנדפונקט פונ איינקע מארקסיסטנ פונ די אונטערדריקטע נאציעס (וואָס זייער „אומגליק“ באשטייט צומאָל דערינ, וואָס די מאסנ פונ דער באפעלקערונג זיי= נענ פארבלענדט דורכ דער אידיי פונ זייער „אייגענער“ נאציאָנאלער באפרייונג), איז פאקטיש, לויט דער אָביעקטיווער פארהעלטעניש פונ די קלאסנ-קויכעס אינ רוסלאנד, דאָס אָפזאָגנ זיכ פונ פארטיידיקנ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג גע= גליכנ צומ ערגסטנ אָפאָרטוניזמ, צומ אָנשטעקנ דעמ פראָלעטאריאט מיט די אי= דייענ פונ די קאָקאָשקינס. אונ די דאָזיקע אידייענ זיינענ, אינ טאָכ גענומענ, די אי= דייענ אונ די פאָליטיק פונ די פורישקעוויטשעס.

דעריבער איז, אויב ראָזע לוקסעמבורגס שטאנדפונקט האָט געקאָנט בארעכטיקט ווערנ אינ אָנהייב אלס א ספעציפיש פוילישע, „קראקאָווער“ שמאָלקייט[1], איז

[1] עס איז ניט שווער צו פארשטיינ, אז דאָס אָנערקענענ דורכ די מארקסיסטנ פונ גאנצ רוסלאנד, אונ אינ דער ערשטער ריי דורכ די גרויסרוסנ, דאָס רעכט פונ די

איצט, ווענ אומעטום האָט זיכ פארשטארקט דער נאציאָנאליזם אונ קוידעמקאָל דער רעגירונגס-נאציאָנאליזם, דער גרויסרוסישער נאציאָנאליזם, ווענ ער גיט די ריכטונג דער פאָליטיק, — קאָנ מענ שוינ אזא שמאָלקייט ניט מויכל זיינ. פאקטיש כאפנ זיכ פאר איר אָנ די אָפּאָרטוניסטנ פונ אלע נאציעס, וואָס ווייכנ פונ דער אידיי פונ „שטורעמס" אונ „שפרונגענ", וואָס האלטנ, אז די בורזשואזי-דעמאָקראטישע איבערקערעניש איז פארענדיקט, וואָס שלעפנ זיכ נאָכ נאָכנ ליבעראליזם פונ די קאָקאָשקינס.

דער גרויסרוסישער נאציאָנאליזם, פונקט ווי יעדער נאציאָנאליזם, וועט דורכמאכנ פארשיידענע פאזעס, אָפּהענגיק פונ דעם, וועלכע קלאסנ עס וועלנ האָבנ די איבערהאנט אינעם בורזשואזנ לאנד. ביזנ 1905 יאָר האָבנ מיר געוווּסט קימאט נאָר פונ נאציאָנאל-רעאקציאָנערנ. נאָכ דער רעוואָליוציע זיינענ בא אונדז אויפגעקומענ נאציאָנאל-ליבעראלנ.

אפ דער דאָזיקער פאָזיציע שטייענ בא אונדז פאקטיש אי די אָקטיאבריסטנ אי די קאדעטנ (קאָקאָשקינ), דה. די גאנצע איצטיקע בורזשואזיע.

אונ ווייטער איז אומפארמיידלעכ, עס זאָלנ אויפקומענ גרויסרוסישע נאציאָנאל-דעמאָקראטנ. איינער פונ די גרינדער פונ דער „פאָלקס-סאָציאליסטישער" פארטיי ה' פעשעכאָנאָוו האָט שוינ אויסגעדריקט דעם דאָזיקנ שטאנדפונקט, ווענ ער האָט (אינעם אווגוסט-ביכל פונ „רוסקאָיע באָגאטסטוואָ" פארנ 1906 יאָר) גערופנ צו פאָרזיכטיקייט בענויגע דעם פויערס נאציאָנאליסטישע פאָרורטיילנ. ווי פיל מע זאָל ניט טרייבנ רעכילעס אפ אונדז, באָלשעוויקעס, אז מיר „אידעאליזירנ" קלוימערשט דעם פויער, האָבנ מיר אָבער שטענדיק שטרענג אונטערגעשיידט אונ וועלנ אונטערשיידנ דעם פויערשנ אורטייל פונעם פויערשנ פאָרורטייל — דעם פויערשנ דעמאָקראטיזם קעגנ פורישקעוויטשנ אונ די פויערשע שטרעבונג צו לעבנ בעשאָלעם מיטנ גאָלעכ אונ פאָרעצ.

מיטנ נאציאָנאליזם פונ די גרויסרוסישע פויערים מוז זיכ די פראָלעטארישע דעמאָקראטיע רעכענענ (ניט אינעם זינענ פונ גיינ אפ האנאָכעס, נאָר אינעם זינענ פונ קעמפנ) שוינ איצט אונ וועט זיכ, מיסטאמע, רעכענענ א גאנצ לאנגע צייט [1]. די

נאציעס אָפּצוטוילנ זיכ שליסט אבסאָליוט ניט אויס די אגיטאציע קעגנ אָפּטוילנ זיכ מוצאד די מארקסיסטנ פונ דער אָדער יענער אונטערדריקטער נאציע, פונקט ווי דאָס אָנערקענענ דאָס רעכט אפ געטנ זיכ שליסט ניט אויס די אגיטאציע אינ דעם אָדער יענעם פאל קעגנ געטנ זיכ. מיר מיינענ דעריבער, אז עס וועט אומפארמיידלעכ וואקסנ די צאָל פוילישע מארקסיסטנ, וואָס וועלנ לאכנ פונעם ניט עקזיסטירנדיקנ „ווידערשפרוכ", וועלכער ווערט איצט „אונטערגעוואָרעמט" דורכ סעמקאָווסקינ אונ טראָצקינ.

[1] עס וואָלט געווענ אינטערעסאנט נאָכצוזענ, ווי עס מאָדיפיצירט זיכ, לעמאָשל, דער נאציאָנאליזם אינ פוילנ, ווי ער ווערט פארוואנדלט פונ א שליאכטישנ אינ א בורזשואזנ אונ דערנאָכ אינ א פויערשנ. לודוויג בערנהארד אינ זיינ בוכ „Das polnische Gemeinwesen im preussischen Staat" („פאָליאקנ אינ פרייסנ"; פאראנ א רוסישע איבערזעצונג), וואָס אליינ שטייט ער אפנ שטאנדפונקט פונ א דייטשישנ קאָקאָשקינ, באשרייבט זייער א כאראקטעריסטישע דערשיינונג: די אויסבילדונג פונ א מינ „פויערשער רעפובליק" פונ פאָליאקנ אינ דייטשלאנד אינ דער פאָרמ פונ אנ ענגער באהעפטונג פונ אלערליי קאָאָפעראטיווונ אונ אנדערע פארבאנדנ פונ פוילישע פויערים אינעם קאמפ פאר נאציאָנאליטעט, פאר רעלי-

אופוואכונג פונעמ נאציאנאליזמ בא די אונטערדריקטע נאציעס, וואס האט זיכ אזוי שטארק געלאזט פילנ נאכנ 1905 יאר (לאמיר דערמאנענ כאטשבי די גרופע „אווטאנאמיסטנ פעדעראליסטנ“ אינ דער ערשטער דומע, דעמ וווקס פונ דער אוקראינישער באוועגונג, פונ דער מוסולמענישער באוועגונג אאוו.), — וועט אומפארמײדלעכ ארויסרופנ א פארשטארקונג פונ נאציאנאליזמ באמ גרויסרוסישנ קלײנבירגערטומ אינ די שטעט און אינ די דערפער. וואס לאנגזאמער עס וועט גײנ די דעמאקראטישע איבערגעשטאלטונג פונ רוסלאנד, אלץ אײנגעשפארטער, ברוטאלער, פארביסענער וועט זײנ די נאציאנאלע העצע און רײסערײ צווישנ דער בורזשואזיע פונ פארשײדענע נאציעס. די באזונדערע רעאקציאנערקײט פונ די רוסישע פורישקעוויטשעס וועט דערבײ ארויסרופנ (און פארשטארקנ) די „סעפאראטיסטישע“ שטרעבונגענ צווישנ די אדער יענע אונטערדריקטע נאציעס, וואס האבנ אפטמאל א סאכ מער פרײהײט אינ די שכײנישע מעלוכעס.

אזא סיטואציע שטעלט פארנ פראלעטאריאט פונ רוסלאנד א צווייפאכע, אדער. ריכטיקער, א צווייזײטיקע אויפגאבע: קעמפנ קעגנ יעטווידער נאציאנאליזמ און אינ דער ערשטער רײ קעגנ דעמ גרויסרוסישנ נאציאנאליזמ; אנערקענענ ניט נאר די פולשטענדיקע גלײכבארעכטיקונג פונ אלע נאציעס ביכלאל, נאר אויכ די גלײכבארעכטיקונג אינ פראט פונ מעלוכישער בויונג, ד.ה. דאס רעכט פונ די נאציעס אפ זעלבסטבאשטימונג, אפ אפטײלנ זיכ; — און צוגלײכ דערמיט, און טאקע צוליב די אינטערעסנ פונ דערפאלגרײכנ קאמפ קעגנ יעטווידנ נאציאנאליזמ פונ אלע נאציעס, — פארטײדיקנ די אײנהײט פונעמ פראלעטארישנ קאמפ און פונ די פראלעטארישע ארגאניזאציעס, זײער ענגסטע צונויפגיסונג אינ אנ אינטערנאציאנאלער געמײנזאמקײט, טראץ די בורזשואזע שטרעבונגענ צו נאציאנאלער אפגעזונדערטקײט.

פולשטענדיקע גלײכבארעכטיקונג פונ די נאציעס; רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס; צונויפגיסונג פונ די ארבעטער פונ אלע נאציעס — אט די נאציאנאלע פראגראמ לערנט די ארבעטער דער מארקסיזמ, עס לערנט זײ די דערפארונג פונ דער גאנצער וועלט און די דערפארונג פונ רוסלאנד.

דער ארטיקל איז שוינ געווענ אויסגעזעצט, ווענ איכ האב באקומענ דעמ נומ. 3 „נאשא ראבאטשאיא גאזעטא“, ווו ה' וול. קאסאווסקי שרײבט וועגנ דער אנערקענונג פונעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פאר אלע נאציעס:

„מעכאניש איבערגעטראגנ פונ דער רעזאליוציע פונעמ I פארטײ־צוזאמענפאר (1898), וועלכער האט דאס אלײנ גענומענ פונ די באשלוסנ פונ די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסנ, איז דאס פארשטאנענ געווארנ, ווי דאס איז צו זענ פונ די דעבאטנ, דורכנ צוזאמענפאר פונ 1903 יאר אינ דעמ זעלביקנ זינ, וועלכנ עס האט אינ אימ ארײנגעלײגט

גיע, פאר דער „פוילישער“ ערד. דער דײטשישער יאכ האט קאנסאלידירט די פאליאקנ, האט זײ אפגעזונדערט, אופוועקנדיק דעמ נאציאנאליזמ צוערשט פונ דער שליאכטע, דערנאכ פונ די בורזשוא, צולעצט פונ דער פויערימ־מאסע (באזונדערס, נאכ דער קאמפאניע פונ די דײטשנ קעגנ דער פוילישער שפראכ אינ די שולנ, וואס האט זיכ אנגעהויבנ אינ 1873 יאר). דערצו גײט עס אויכ אינ רוסלאנד און ניט נאר בענעגײע פוילנ אלײנ.

דער סאָציִאַליסטישער אינטערנאַציִאָנאַל: אינעם זינ פונ פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג, דה. זעלבסטבאַשטימונג פונ דער ריכטונג פונ פּאָליטישער זעלבשטענדיקײַט. די פאָרמול נאַציִאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג, וואָס באַטײַט דאָס רעכט אפּ טעריטאָריִעלער אָפּגעזונדערטקײַט, באַרירט אַזויאַרום אַבסאָליוט ניט די פראַגע וועגנ דעם, וויִאַזוי אײַנצורעגולירנ די נאַציִאָנאַלע פאַרהעלטענישנ א י נ ו ו י י נ י ק אינ דעם געגעבענעם מעלוכישנ אָרגאַניזם, פאַר די נאַציִאָנאַליטעטנ, וואָס קאָנענ ניט אָדער ווילנ ניט אוועקגייִנ פונ דער עקזיסטירנדיקער מעלוכע”.

דערפונ איז צו זענ, אַז דער ה׳ וול. קאָסאָווסקי האָט געהאַט אינ די הענט די פּראָטאָקאָלנ פונעם II צוזאַמענפאָר פונ 1903 יאָר און ווייסט אויסגעצייכנט דעם ווירקלעכנ (און דעם איינציקנ) זינ פונעם באַגריפ זעלבסטבאַשטימונג. נעמט נאָר דערצו דעם פאַקט, וואָס די רעדאַקציע פונ דער בונדישער צײַטונג „צײַט“ לאָזט ארויס דעם „ה׳ ליבמאַנ כוויזעק צו מאַכנ פונ דער פּראָגראַם און צו דערקלערנ, אַז זי איז ניט קלאָר!! מאָדנע „פּאַרטייִשע“ זיטנ בא די הערנ בונדאָווצעס... פאַרוואָס דערקלערט קאָסאָווסקי, אַז דאָס, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומענ די זעלבסטבאַשטימונג, באַטײַט מ ע נ א נ י ש אַריבערטראָגנ, „ווייסט איינ גאָט אינ הימל“. פאַראַנענ מענטשנ, וואָס זיי „ווילט זיכ דערווידערנ“, אָבער וואָס, וויִאַזוי, פאַרוואָס, צוליב וואָס, — אָט דאָס קענענ זיי ניט.

אָביעקטיווע אָנגאבנ וועגנ דער קראפט פונ פארשיידענע שטרעמונגענ אינ דער ארבעטער־באוועגונג[1]

פאר באוווסטזיניקע ארבעטער איז ניטאָ קיינ וויכטיקערע אופגאבע, ווי די אופגאבע צו דערלערנענ די באוועגונג פונ זייער קלאס, איר טאָכ, איר ציל אונ אירע אופגאבנ, אירע באדינגונגענ אונ פראקטישע פאָרמענ. ווארעמ די גאנצע קראפט פונ דער ארבעטער־באוועגונג ליגט אינ איר באוווסטזיניקייט אונ אינ איר מאסנ־כאראקטער: דער קאפיטאליזמ פארגרעסערט מיט יעדנ טראָט פונ זיינ אנטוויקלונג די צאָל פראָלעטאריער, לוינ־ארבעטער, ער קאָנסאָלידירט, אָרגאניזירט, קלערט זיי אופ, גרייטנדיק אזויארומ א קלאסנ־קראפט, וואָס מוז אומפארמיידלעכ גייג צו אירע צילנ.

די פראָגראמ פונ די מארקסיסטנ אונ זייערע טאקטישע באשלוסנ, וואָס ווערנ קעסיידער פאָפוליאריזירט אינ דער פרעסע, העלפנ מיט אויסצוארבעטנ בא דער ארבעטער־מאסע דעמ באוווסטזיינ מיקויעכ דעמ טאָכ, די צילנ אונ אופגאבנ פונ דער באוועגונג.

דער קאמפ צווישנ די פארשיידענע שטרעמונגענ אינ דער ארבעטער־באוועגונג פונ רוסלאנד האָט טיפע קלאסנ־וואָרצלענ. ביידע „שטרעמונגענ“, וואָס קעמפנ קעגנ דעמ מארקסיזמ (דעמ פראוודיזמ) אינ דער ארבעטער־באוועגונג פונ רוסלאנד אונ וואָס פארדינענ (צוליב זייער מאסנהאפטיקייט אונ צוליב זייערע וואָרצלענ אינ דער געשיכטע) דעמ נאָמענ „שטרעמונגענ“, — דער פאָלקיזמ אונ די ליקווידאטאָרנ, — דריקנ אויס דעמ איינפלוס פונ דער בורזשואזיע אפנ פראָלעטאריאט. די מארקסיסטנ האָבנ דאָס א סאכ מאָל אופגעקלערט אונ דאָס איז אָנערקענט אינ א ריי באשלוסנ פונ די מארקסיסטנ סיי מיקויעכ די פאָלקיסטנ (דער קאמפ קעגנ זיי דויערט שוינ 30 יאָר) סיי מיקויעכ די ליקווידאטאָרנ (די געשיכטע פונ דער ליקווידאטאָרנ ציילט שוינ בא 20 יאָר, ווארעמ די ליקווידאטאָרנ איז א דירעקטע פאָרזעצונג פונעמ „עקאָנאָמיזמ“ אונ מענשעוויזמ).

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 26־טנ יונ. 1914 יאָר אינ דער „טרודאָוואיא פראוודא“ נומ. 25. רעד.

אינעם איצטיקן מאָמענט קלײַבט זיך אָן אַלץ מער אָביעקטיװע אָנגאַבן װעגן דער קראַפט פון די פאַרשײדענע שטראָמונגען אין דער אַרבעטער־באַװעגונג פון רוסלאַנד. מע דאַרף מיט אַלע קױכעס זאַמלען, קאָנטראָלירן און שטודירן די דאָזיקע אָביעקטיװע אָנגאַבן, װאָס זײַנען בענגייע דער אָפירונג און דער שטימונג ניט פון אײנצלנע פּערזאָנען און גרופּעס, נאָר פון די מאַסן, אָנגאַבן, גענומענע פון פאַרשײדענע, פײַנטלעכע צײַטונגען, אָנגאַבן, װאָס יעדער גראַמאָטנער מענטש קאָן דורכקאָנטראָלירן.

נאָר לױט אַזעלכע אָנגאַבן קאָן מען לערנען און דערלערנען די באַװעגונג פונעם אײגענעם קלאַס. ׳אײנער פון די הױפּט־כעסרױנעס, אױב ניט דער הױפּט־כיסאָרן (אָדער פאַרברעכן קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס), פון די פאָלקיסטן און ליקװידאַטאָרן, פון די פאַרשײדענע אינטעליגענטישע גרופּקעלעך, די „װפּעריאָדאָװצעס", פּלעכאַנאָװצעס, טראָצקיסטן, איז זײער סוביעקטיװיזם. זײערע װוּנטשן, זײערע „מײנונגען", זײערע אָפּשאַצונגען, זײערע „אױסזיכטן" גיבן זײ אַפּ יעדן שריט אין טריט אָן אַלס װילן פון די אַרבעטער, אַלס באַדערפעניש פון דער אַרבעטער־באַװעגונג. װען זײ רײדן, לעמאָשל, װעגן „אײנהײט", איגנאָרירן זײ מאַיעסטעטיש די דערפאַרונג פונעם שאַפן אַ װירקלעכע אײנהײט דורך דער מערהײט באַװוּסטזיניקע אַרבעטער פון רוסלאַנד אין משך פון די 2½ יאָר, פון אָנהײב 1912 ביז הערבסט 1914.

מאָ לאָמיר פאַרסאַכאַקלען די פאַראַנענע אָביעקטיװע אָנגאַבן װעגן דער קראַפט פון די פאַרשײדענע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־באַװעגונג. װער עס װיל בלײַבן אין סוביעקטיװע אָפּשאַצונגען און צװאָגעכצן, זאָל ער גײן צו די „גרופּקעלעך"; מיר אָבער רופן נאָר די, װאָס װילן שטודירן די אָביעקטיװע פאַקטן. אָט זײַנען די פאַקטן:

	פראַוודיסטן	ליקווידאַטאָרן	פּראָצענט: פראַוו־דיסטן	פּראָצענט: ליקווי־דאַטאָרן	לינקע פּאָלקיסטן
די װאַלן צו דער מעלוכע־דומע:					
1. די צאָל דעפּוטאַטן פון דער אַרבעטער־קוריע: II דומע, 1907 יאָר	11	12	47	53	—
III דומע, 1907—1912	4	4	50	50	באָיקאָט
IV דומע, 1912 יאָר	6	3	67	33	באָיקאָט
די צאָל אַרבעטער־גרופּעס, װאָס האָבן געמאַכט געלט־בײַטראָגן:					
2. די צאָל בײַטראָגן פון אַרבעטער־גרופּעס אין די פּעטערבורגער צײַטונגען: אין 1912 יאָר	620	89	—	—	—
„ 1913 יאָר	2181	661	76,9	23,1	264
ביזן 13־טן מײַ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסן	2873	671	81,1	18,9	524

	פראוודיסטן	ליקווידאטאָרן	פראָצענט: פראוו־דיסטן	פראָצענט: ליקווי־דאטאָרן	לינקע פּאָלקיסטן
אויסגעוויילט פון די ארבעטער אין די סטראכיר־אינסטיטוציעס:					
3. די צאָל באפולמעכטיקטע בא די וואלן אין די אלרוסלענדישע סטראכיר־אינסטיטוציעס. . . .	47	10	82,4	17,6	? 1—2 ?
4. דאָס זעלביקע בא די וואלן אין די סטראכיר־אינסטיטוציעס פון דער הויפּט־שטאָט	37	7	84,1	15,9	4
אונטערשריפטן אפ רעזאָלוציעס פאר יעדער דומע־פראקציע:					
5. אונטערשריפטן איןביידע צייטונגען פארן „זעקסטלינג" (די פראוודיסטן) און פארן „זיבלינג" (די ליקווידאטאָרן)	6722	2985	69,2	30,8	—
פארבינדונגען מיט ארבעטער־גרופּעס:					
6. די צאָל ווענדונגען מיט פארשיידענע געלט־בײַטראָגן פון ארבעטער־גרופּעס אין דער און אין יענער פראקציע (פון אָקטיאבער 1913 ביז 6־טן יונ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסן)	1295	215	85,7	14,3	—
דער טיראַזש פון די פּעטערבורגער צײַטונגען:					
7. וויפל דרוקט זיך עקזעמפּליארן (די אָנגאבן האָט צונויפגעקליבן און פארעפנטלעכט ע. וואנדערוועלדע)	40000	16000	71,4	28,6	12000 (דרײַ מאָל אין וואָך)
די אויסלענדישע פּרעסע:					
8. די צאָל נומערן פון דער אָנפירנדיקער צײַטונג, וואָס איז דערשינען נאָך דער אווגוסט־קאָנפערענץ (1912 יאָר) פון די ליקווידאטאָרן ביז יול 1914 יאָר אײַנגעשלאָסן	5	0	—	—	9
9. די צאָל אָנווײַזונגען אין די דאָזיקע נומערן אף ניט אָפענע אָרגאניזאציעס (יעדעס אָרט רעכנט זיך פאר איין אָנווײַזונג)	44	0	—	—	21

	פּראַוודיסטן	ליקווידאַטאָרן	פּראָצענט: פּראַוו־דיסטן	פּראָצענט: ליקווי־דאַטאָרן	לינקע פאָלקיסטן
די אָפּהענגיקייט פון דער בורזשואַזיע:					
10. געלט־זאַמלונגען פאַר די פּעטערבורגער צײַטונ־גען (פון 1־טן יאַנואַר ביזן 13־טן מײַ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסן). דער פּראָצענט זאַמלונגען נ י ט פון אַרבעטער	—	—	13	50	50
11. די צאָל געלט־באַריכטן, וואָס די צײַטונגען האָבן אָפּגעדרוקט פאַר דער גאַנצער צײַט	3	1	—	—	?(0?)
12. פון זיי דער פּראָצענט באַריכטן מיט א דעפּי־ציט, וואָס איז געדעקט געוואָרן פון אומבאַ־וווּסטע, ד.ה. פון בורזשואַזע קוועלן	—	—	0	100	?
13. געלט־סומען, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך איין דומע־פראַקציע און דורך דער אַנדערער (פון אָקטיאַבער 1913 ביזן 6־טן יוני 1914 יאָר אײַנגעשלאָסן). דער פּראָצענט סומען נ י ט פון אַרבעטער	—	—	6	46	—
14. די צאָל קאָרעספּאָנדענצן, וואָס זײַנען בישטיקע אָנגעגעבן געוואָרן פאַר אַרבעטערשע און פאַקטיש זײַנען זיי גענומען געוואָרן פון בור־זשואַזע צײַטונגען, ניט אָנווײַזנדיק דעם קוואַל	—	5 (אין צוויי נומערן — 17 און 19 — פון דער „נאָוואַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ")			0
פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען:					
15. די צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּעטער־בורג, וואָס די מערהייט מיטגלידער זייערע (אורטיילנדיק לויט דער מערהייט פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער) פילט מיט אזא און אזא ריכ־טונג	$14^{1}/_{2}$[1]	$3^{1}/_{2}$[1]	—	—	2

צו די געבראַכטע אָנגאַבן וועלן מיר פריער פון אַלץ צוגעבן קורצע דערקלערונ־גען, און דערנאָך וועלן מיר אַריבערגיין צו די אויספירן.

די דערקלערונגען איז באַקוועמער פון אַלץ צו מאַכן לויט די פּונקטן. פּונקט 1. קיין אָנגאַבן וועגן די וואַלמענער און באַפולמעכטיקטע זײַנען נ י ט אָ. ווער עס באַ־קלאָגט זיך אָפּן אויסנוצן די „קוריאַלע" אָנגאַבן, איז פּאַשעט קאָמיש, וואָרעם קיין אַנדערע אָנגאַבן זײַנען נ י ט אָ. די דײַטשישע ס.־ד. מעסטן זייערע דערפאָלגן לויט ביסמאַרקס וואַל־געזעץ, וואָס שליסט אויס די פרויען, וואָס שאַפט א „מאַנצבלשע" קוריע!

1 אין איין פאַריין האָט זיך די צאָל אָנהענגער פון די פּראַוודיסטן און ליקווידאַטאָרן געטיילט אָפּ דער העלפט.

פּונקט 2. די צאָל אַרבעטער-גרופּעס, וואָס צאָלנ אונ ניט נאָר זײ „גיבנ אַ שרײַב אונטער אַ רעזאָליוציע", — איז דער סאַמע זיכערער אונ ריכטיקער סימענ פונ דער קראַפט ניט נאָר פונ דער שטרעמונג, נאָר אויכ פונ דער אָרגאַניזירטקײט, פונ דער פּאַרטײיִשקײט.

דעריבער ווײַזנ די ליקווידאַטאָרנ אונ די „גרופּעקלעכ" אַרויס סוביעקטיווע אַנטיפּאַטיע צו דעמ דאָזיקנ סימענ.

די ליקווידאַטאָרנ האָבנ דערווידערט: בײַ אונדז איז נאָכ פאַראַנ אַ ײדישע צײַטונג אונ אַ גרוזינישע, אונ די „פּראַוודאַ" איז נאָר אײנע. דאָס איז ניט ריכטיק. ערשטנס, זײַנענ די עסטאָנישע צײַטונג אונ די ליטווישע פּראַוודיסטישע. צווײטנס, אויב מע זאָל נעמענ די פּראָווינצ, איז דענ דערלאָזבאַר צו פאַרגעסנ מאָסקווע? די מאָסקווער אַרבעטער-צײַטונג האָט באַהעפט אונ פאַרײניקט אינ משך פונעמ 1913 יאָר *290* אַרבעטער-גרופּעס („ראַבאָטשי" נומ. 1, ז. 19), אונ די ײדישע צײַטונג „צײַט" האָט פונעמ נומ. 2 אָנ (דעמ 29-טנ דעקאַבער 1912 יאָר) ביזנ 1-טנ יונ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסנ פאַרײניקט *396* אַרבעטער-גרופּעס (פונ זײ 190 ביזנ 20-טנ מאַרט 1914 יאָר אײַנגעשלאָסנ אונ 106 פונ 20-טנ מאַרט ביזנ 1-טנ יונ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסנ). הײסט עס, אַז אײנ מאָסקווע האָט מיט אַנ אווידעפּ „געדעקט" דאָס סוביעקטיווע פאַרופנ זיכ פונ די ליקווידאַטאָרנ אַפ דער „צײַט"!

מיר רופנ די גרוזינישע אונ אַרמענישע כאַווײרימ צונויפקלײַבנ די אָנגאַבנ וועגנ די קאַווקאַזער צײַטונגענ פונ די ליקווידאַטאָרנ. וויפל איז דאָרט פאַראַנ אַרבעטער-גרופּעס? עס זײַנענ נײטיק אַלזײַטיקע אָביעקטיווע אָנגאַבנ.

טאָעסנ באַמ צונויפרעכענענ די גרופּעס זײַנענ מעגלעכ, אָבער טײלווײַז. מיר רופנ אַלעמענ צו קאָנטראָלירנ אונ פאַריכטנ.

די פּונקטנ 3 אונ 4 פאָדערנ ניט קײנ דערקלערונגענ. ס'איז געווונטשנ אַנ אַנקעטע אַפ צונויפקלײַבנ נײַע פּראָווינציעלע אָנגאַבנ.

פּונקט 5. אינ די 2985 ליקווידאַטאָרישע אונטערשריפטנ זײַנענ אַרײַנ 1.086 בונדישע אונ 719 קאַווקאַזער. ס'איז געווונטשנ, אַז די אָרטיקע כאַווײרימ זאָלנ דורכקאָנטראָלירנ די דאָזיקע ציפערנ.

פּונקט 6. די קאָנאַטשײענ פונ בײדע פראַקציעס דרוקנ באַריכטנ וועגנ אַלע סומעס, וואָס קומענ אָנ אינ דער פראַקציע אַפ פאַרשײדענע צילנ. אַ פּינקטלעכער, אָביעקטיווער צײַגער פונ די פאַרבינדונגענ מיט די אַרבעטער.

פּונקט 7. דער טיראַזש פונ די צײַטונגענ. אָנגאַבנ, וואָס ע. וואַנדערוועלדע האָט צונויפגעקליבנ אונ פאַרעפנטלעכט, אָבער די ליקווידאַטאָרנ אונ ליבעראַלנ (די „קיעווסקאַיאַ מיסל") באַהאַלטנ זײ. „סוביעקטיוויזמ". ס'איז געווונטשנ צונויפצוקלײַבנ פולערע אָנגאַבנ כאָטשבי פאַר אַ כוידעש.

די פּונקטנ 8 אונ 9. אײנע פונ די אָביעקטיווע אילוסטראַציעס, אַז די ליקווידאַטאָרנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער „אונטערערד", ד. ה. פונ דער פּאַרטײ. אויסלאַנד ווידער האָט געגעבנ די פּראַוודיסטנ פונ 1-טנ יאַנוואַר ביזנ 13-טנ מײַ 1914 יאָר אײַנגעשלאָסנ 49 רובל 79 קאָפּ. (¼%) אונ די ליקווידאַטאָרנ — 1.709 רובל 17 קאָפּ. (14%). זאָג ניט: „איכ קאָנ ניט", זאָג: „איכ וויל ניט"!

די פּונקטנ 10—14. אָביעקטיווע סימאָנימ, אַז די ליקווידאַטאָרנ אונ די פאַל-

קיסטנ זײַנענ אָפּהענגיק פונ דער בורזשואזיע, סימאָנים פונ זייער בורזשואזקײַט. סוביעקטיוו זײַנענ די ליקווידאַטאָרנ אונ די פאָלקיסטנ — „סאָציאַליסטנ“ אונ „סאָציאַל-דעמאָקראַטנ“. אָביעקטיוו, סײַ לויטנ אינהאַלט פונ זייערע אידייענ סײַ לויט דער דערפאַרונג פונ דער מאַסנ-באַוועגונג, זײַנענ דאָס בורזשואזע אינ-טעליגענטישע גרופּעס, וואָס שפּאַלטנ אָפּ פונ דער אַרבעטער-פּאַרטיי אַ מינדערהײַט אַרבעטער.

מיר ווענדנ אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט פונ די לייענער אָפּ דעם, וואָס די ליקווידאַטאָרנ מאַכנ נאָכ אַרבעטער-קאָרעספּאָנדענצנ. אַ אומגעהערטער, הימל-שרײַענדי-קער שווינדל! זאָלנ אַלע אָרטיקע מאַרקסיסטנ דעמאַסקירנ אים אונ זאַמלענ אָביעקטיווע אָנגאַבנ (זע די „טרודאָוואַיאַ פּראַוודאַ“ נומ. 12 פונ 11-טנ יונ 1914 יאָר).

פּונקט 15. באַזונדערס וויכטיקע אָנגאַבנ, וועלכע מע וואָלט געדאַרפט דערגאַנצנ אונ דורכקאָנטראָלירנ דורכ אַ באַזונדערער אַנקעטע. מיר האָבנ גענומענ די אָנגאַבנ פונ „ספּוטניק ראַבאָטשעוואָ“, פאַרלאַג „פּריבאָי“, פּעטערבורג 1914 יאָר. צו די ליקווי-דאַטאָרישע פאַרייגנ האָבנ מיר פאַרעכנט די קאָנטאָרשטשיקעס, צייכענער אונ פאַר-מאַצעווטנ (אָפּ די לעצטע וואַלנ פונ דער פאַרוואַלטונג פונ די דרוקער דעם 27-טנ אַפּרעל 1914 יאָר זײַנענ אויסגעקליבנ געוואָרנ אַ העלפט פּראַוודיסטנ אַלס מיטגלי-דער פונ דער פאַרוואַלטונג אונ העכער אַ העלפט אַלס קאַנדידאַטנ פאַר מיטגלידער פונ דער פאַרוואַלטונג). צו די פאָלקיסטישע פאַרייגנ זײַנענ פאַרעכנט די בעקער אונ שיידל-מאַכער. די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער באַטרעפט בא 22 טויזנט.

אינ מאָסקווע זײַנענ פונ 13 פאַרייגנ 10 פּראַוודיסטישע, 3 אומבאַשטימטע, אָבער נעענטער צו די פּראַוודיסטנ. קיינ ליקווידאַטאָרישע אונ קיינ פאָלקיסטישע איז נישטאָ קיינ איינ פאַריינ.

די אויספירנ פונ די אָביעקטיווע אָנגאַבנ באַווײַזנ, אַז נאָר אינעם פּראַוודיזם האָבנ מיר אַ מאַרקסיסטישע, אַ פּראָלעטאַרישע שטרעמונג, אַ ווירקלעכ אומאָפּהענ-גיקע פונ דער בורזשואזיע, אַ שטרעמונג, וואָס אָרגאַניזירט, פאַרייניקט העכער ⅘ אַרבעטער (81,1%) אַרבעטער-גרופּעס אינ 1914 יאָר, אינ פאַרגלײַכ מיט די ליקווי-דאַטאָרנ). די ליקווידאַטאָרײַ אונ דער פאָלקיזם זײַנענ אָנ צווייפל שטרעמונגענ בור-זשואז-דעמאָקראַטישע, אָבער ניט קיינ אַרבעטערשע.

די דערפאַרונג פונ דער מאַסנ-באַוועגונג פאַר די יאָרנ 1912, 1913 אונ האַלב 1914 האָט אײַנגאַנצנ אונ גלענצנדיק באַשטעטיקט אי די פּראָגראַמאַטישע, אי די טאַקטישע, אי די אָרגאַניזאַציאָנעלע אידייענ, באַשלוסנ, די ליניע פונ די פּראַוודיסטנ. אינ דער זיכערקײַט, אַז מיר זײַנענ אויפנ ריכטיקנ וועג, דאַרפנ מיר שעפּנ ענערגיע פאַר אַ נאָכ מער פאַרשטאַרקטער אַרבעט.

דער פעריאָד
פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע

די צווייטע רעוואָליוציע
אין רוסלאנד

די מילכאָמע און די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע[1]

די אייראָפּייִשע מילכאָמע, וועלכע עס האָבנ איינ מעשעכ פונ צענדליקער יאָרנ געגרייט די רעגירונגענ און די בורזשואזע פּאַרטייענ פונ אַלע לענדער, איז אויסגעבראָכנ. דער וווּקס פונ די באַוואָפענונגענ, די אויסערסטע פאַרשאַרפונג פונעמ קאַמפּ פאַר מערק אינ דער עפּאָכע פונ דער נײַסטער, אימפּעריאַליסטישער, אַנטוויקלונגסטאַדיע פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ די פאָרגעשריטענע לענדער, די דינאַסטישע אינטערעסנ פונ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע, מיזרעכ-אייראָפּייִשע מאָנאַרכיעס האָבנ אומפאַרמײַדלעכ געמוזט ברענגענ און האָבנ געבראַכט צו דער דאָזיקער מילכאָמע. פאַרכאַפּנ טעריטאָריעס און באַצווינגענ פרעמדע נאַציעס, רויִנירנ די קאָנקורירנדיקע נאַציע, באַרויבנ אירע רײַכטימער, אָפּציִענ בא די אַרבעטנדיקע מאַסנ די אויפמערקזאַמקײַט פונ די אינערלעכע פּאָליטישע קריזיסנ אינ רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, ענגלאַנד און אינ אַנדערע לענדער, איזאָלירנ איינע פונ די אַנדערע און נאַציאָנאַליסטיש באַשווינדלענ די אַרבעטער און אויסראָטנ זייער אַוואַנגאַרד, קעדיי אָפּצושוואַכנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט, — אָט דאָס איז דער איינציקער ווירקלעכער אינהאַלט, די באַדײַטונג און דער זינ פונ דער איצטיקער מילכאָמע.

אויפ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פאַלט קוידעמקאָל דער כויוו אויפצודעקנ די דאָזיקע ווירקלעכע באַדײַטונג פונ דער מילכאָמע און אָנ ראַכמאָנעס צו דעמאַסקירנ דעמ שעקער, די סאָפיזמענ און די „פּאַטריאָטישע“ פראַזעס, וואָס די הערשנדיקע קלאַסנ, די פּריצימ און די בורזשואזיע, פאַרשפּרייטנ, קעדיי צו פאַרטיידיקנ די מילכאָמע.

אינ דער שפּיצ פונ איינ גרופּע מילכאָמע-האַלטנדיקע נאַציעס שטייט די דײַטשישע בורזשואזיע. זי באַשווינדלט דעמ אַרבעטער-קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסנ, פאַרזיכערנדיק, אַז זי פירט די מילכאָמע, קעדיי צו באַשיצנ דאָס היימלאַנד, די פרײַהײַט און די קולטור, קעדיי צו באַפרײַענ די פעלקער, וואָס ווערנ אונטערדריקט פונעמ צאַריזמ, קעדיי צו פאַרניכטנ דעמ רעאַקציאָנערנ צאַריזמ. אינדערעמעסנ אָבער איז גראָד די דאָזיקע בורזשואזיע, וואָס קריכט אויפ אַלע פיר פאַר די פּרײַסישע יונקערס מיט ווילהעלמ דעמ II אינ דער שפּיצ, שטענדיק געווענ דער טרײַסטער

[1] דער דאָזיקער מאַניפעסט פונעמ צענטראַל-קאָמיטעט פונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, געשריבנ פונ לענינענ, איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 1-טנ נאָיאַבער 1914 יאָר אינ „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ נומ. 33. רעד.

פאַרבינדעטער פונעמ צאַריזמ און אַ סוינע פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונ די אַרבעטער און פויערימ אינ רוסלאַנד. אינדערעמעסנ איז אומאָפּהענגיק פונ דעמ. ווי די מילכאָמע זאָל זיכ ניט ענדיקנ, וועט די דאָזיקע בורזשואַזיע צוזאַמענ מיט די יונקערמ אָנווענדנ אַלע אירע קויכעס אַפּ צו שטיצנ די צאַרישע מאָנאַרכיע קעגנ דער רעוואָלוציע אינ רוסלאַנד.

אינדערעמעסנ האָט די דײַטשישע בורזשואַזיע אונטערגענומענ דעמ רויבערישנ מאַרש קעגנ סערביע, ווײַל זי וויל זי באַצווינגענ און דערשטיקנ די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פונעמ האָרעמדיקנ סלאַוונטומ, און גלײַכצײַטיק שיקט זי די הויפּט־מאַסע פונ אירע מיליטערישע קרעפּטנ קעגנ די מער פרײַע לענדער, בעלגיע און פראַנקרײַכ, קעדיי צו צעראַבירנ דעמ רײַכערנ קאָנקורענט. די דײַטשישע בורזשואַזיע, וואָס פאַרשפּרייט באָבעמײַסעס וועגנ דעמ, אַז פונ איר זײַט איז עס אַ פאַרטיידיקונגס־מילכאָמע, האָט פאַקטיש אויסגעקליבנ דעמ סאַמע באַקוועמענ, פונ איר שטאַנדפּונקט, מאָמענט פאַר דער מילכאָמע, אויסנוצנדיק אירע לעצטע פאַרפּולקומונגענ אינ דער קריגס־טעכניק, איידער עס זײַנענ געלאָזט געוואָרנ אינ גאַנג די נײַע באַוואָפענונגענ, וואָס זײַנענ שוינ אָנגעמערקט און פאַרויסבאַשטימט געוואָרנ דורכ רוסלאַנד און פראַנקרײַכ.

אינ דער שפּיצ פונ דער צווייטער גרופּע מילכאָמע־האַלטנדיקע נאַציעס שטייט די ענגלישע און פראַנצויזישע בורזשואַזיע, וואָס באַשווינדלט דעמ אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסנ, פאַרזיכערנדיק, אַז זי פירט די מילכאָמע פאַרנ היימלאַנד, פאַר פרײַהײַט און קולטור קעגנ דעמ מיליטאַריזמ און דעספּאָטיזמ פונ דײַטשלאַנד. אינדערעמעסנ אָבער האָט די דאָזיקע בורזשואַזיע פאַר אירע מיליאַרדנ שוינ לאַנג געדונגענ און געגרייט צומ אָנפאַלנ אַפּ דײַטשלאַנד דאָס מיליטער פונעמ רוסישנ צאַריזמ, פונ דער סאַמע רעאַקציאָנערער און באַרבאַרישער מאָנאַרכיע אינ אייראָפּע.

אינדערעמעסנ איז דער ציל פונעמ קאַמפּ פונ דער ענגלישער און פראַנצויזישער בורזשואַזיע — פאַרכאַפּנ די דײַטשישע קאָלאָניעס און רוינירנ די קאָנקורירנדיקע נאַציע, וואָס צייכנט זיכ אויס מיט אַ גיכערער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. און צוליב דעמ דאָזיקנ איידעלנ ציל העלפנ די „פאָרגעשריטענע“, די דעמאָקראַטישע נאַציעס דעמ ווילדנ צאַריזמ נאָכ מער צו שטיקנ פוילנ, אוקראַינע אאַוו., נאָכ מער צו אונטערדריקנ די רעוואָלוציע אינ רוסלאַנד.

ביידע גרופּעס מילכאָמע־האַלטנדיקע לענדער שטייענ אַפּ אַ האָר ניט אָפּ איינע פונ דער אַנדערער אינ פּראַט פונ גזיילעס, רעציכעס און אומענדלעכע מילכאָמע־אַכזאָריעסנ, אָבער קעדיי צו באַשווינדלענ דעמ פּראָלעטאַריאַט און אָפּציִענ זײַנ אויפמערקזאַמקײַט פונ דער איינציקערווירקלעכ באַפרײַערישער מילכאָמע, נעמלעכ פונעמ בירגערקריג קעגנ דער בורזשואַזיע סײַ פונעמ „אייגענעמ“ לאַנד סײַ פונ די „פרעמדע“ לענדער, — צוליב דעמ דאָזיקנ הויכנ ציל פּלײַסט זיכ די בורזשואַזיע פונ יעדנ לאַנד דורכ פאַלשע פראַזעס וועגנ פּאַטריאָטיזמ צו דערהייבנ די באַדײַטונג פונ „איר“ נאַציאָנאַלער מילכאָמע און צו פאַרזיכערנ, אַז זי שטרעבט צו באַזיגנ דעמ קעגנער ניט קעדיי צו רויבנ און פאַרכאַפּנ טעריטאָריעס, נאָר קעדיי צו „באַפרײַענ“ אַלע אַנדערע פעלקער, אַבוצ איר איינ פאָלק.

וואָס פלײַסיקער אָבער די רעגירונגענ אונ די בורזשואַזיע פונ אַלע לענדער באַמיִענ זיכ צו איזאָלירנ איינע פונ די אַנדערע די אַרבעטער אונ ווענדנ זיי איינע קעגנ די צווייטע, וואָס אַכזאָריעסדיקער עס ווערט צוליב דעמ דאָזיקנ דערהויבענעמ ציל אָנגעווענדט די סיסטעמ פונ קריגס=צושטאַנד אונ פונ קריגס=צענזור (וואָס אַפילע איצט, אינ דער צײַט פונ מילכאָמע, רוידעפט זי אַ סאַכ מער דעמ „אינערלעכנ" סוינע איידער דעמ אויסערלעכנ), — אַלץ דרינגענדיקער איז דער כויוו פונעמ באַוווסטזיניקנ פראָלעטאַריאַט צו פאַרטיידיקנ זײַנ קלאַסנ=באַהעפטונג, זײַנ אינטערנאַציִאָנאַליזמ, זײַנע סאָציִאַליסטישע איבערצײַגונגענ קעגנ דער שאָוויניסטישער וואַקכאַנאַליע פונ דער „פאַטריִאָטישער" בורזשואַזער קנופיע אינ אַלע לענדער. אָפּזאָגנ זיכ פונ דער דאָזיקער אויפגאַבע וואָלט מיצאַד די באַוווסטזיניקע אַרבעטער באַטײַט אָפּזאָגנ זיכ פונ אַלע זייערע באַפרײַערישע אונ דעמאָקראַטישע שטרעבונגענ, שוינ אָפּגערעדט פונ די סאָציִאַליסטישע שטרעבונגענ.

מיט אַ געפיל פונ טיפסטער ביטערקײַט קומט אויס צו קאָנסטאַטירנ, אַז די סאָציִאַליסטישע פאַרטייענ פונ די וויכטיקסטע אייראָפּייִשע לענדער האָבנ די דאָזיקע אויפגאַבע זייערע ניט אויסגעפילט, אונ די אויפירונג פונ די פירער פונ די דאָזיקע פאַרטייענ — באַזונדערס פונ דער דײַטשישער פאַרטיי — גרענעצט מיט דירעקטנ פאַראַט קעגנ דעמ סאָציִאַליזמ. אינ אַ מאָמענט פונ גרעסטער אַלוועלטלעכער היסטאָרישער וויכטיקײַט פרוווּנ זיכ די מערהײַט פירער פונעמ איצטיקנ, צווייטנ (1914—1889) סאָציִאַליסטישנ אינטערנאַציִאָנאַל צו פאַרבײַטנ דעמ סאָציִאַליזמ אַפּ נאַציִאָנאַליזמ. מאַכמעס זייער אויפירונג האָבנ די אַרבעטער=פאַרטייענ פונ די דאָזיקע לענדער ניט קעגנגעשטעלט זיכ קעגנ דער פאַרברעכערישער אויפירונג פונ די רעגירונגענ, נאָר זיי האָבנ גערופנ דעמ אַרבעטער=קלאַס, ער זאָל צונויפגיסנ זײַנ פאָזיציע מיט דער פאָזיציע פונ די אימפּעריִאַליסטישע רעגירונגענ. די פירער פונעמ אינטערנאַציִאָנאַל זײַנענ באַגאַנגענ אַ פאַראַט קעגנ דעמ סאָציִאַליזמ דערמיט, וואָס זיי האָבנ געשטימט פאַר די מילכאָמע=קרעדיטנ, וואָס זיי האָבנ נאָכגעזאָגט די שאָוויניסטישע („פאַטריִאָטישע") לאָזונגענ פונ דער בורזשואַזיע פונ „זייערע" לענדער, וואָס זיי האָבנ באַרעכטיקט אונ פאַרטיידיקט די מילכאָמע, וואָס זיי זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ אינ די בורזשואַזע מיניסטעריומס פונ די מילכאָמע=האַלטנדיקע לענדער אאַוו. אדג. די כאַמע אײַנפלוסרייכע סאָציִאַליסטישע פירער אונ די כאַמע אײַנפלוסרייכע אָרגאַנענ פונ דער סאָציִאַליסטישער פרעסע אינ דער איצטיקער אייראָפּע שטייענ אַפּ אַ שאָוויניסטיש=בורזשואַזנ אונ ליבעראַלנ שטאַנדפונקט, לאַכלוטנ ניט אַפּ קיינ סאָציִאַליסטישנ. די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער דאָזיקער שענדונג פונעמ סאָציִאַליזמ פאַלט פריִער פאַר אַלץ אַפּ די דײַטשישע סאָציִאַל=דעמאָקראַטנ, וואָס זײַנענ געווענ די שטאַרקסטע אונ אײַנפלוסרײַכסטע פאַרטיי פונעמ II אינטערנאַציִאָנאַל. מע טאָר אָבער ניט באַרעכטיקנ אויכ די פראַנצויזישע סאָציִאַליסטנ, וועלכע נעמענ אָנ מיניסטאָרנ=פאָסטנס אינ דער רעגירונג פונ דער זעלביקער בורזשואַזיע, וואָס האָט פאַראַטנ איר היימלאַנד אונ האָט זיכ פאַרייניקט מיט ביסמאַרקנ, כּדי צו דערשטיקנ די קאָמונע.

די דײַטשישע אונ די עסטרײַכישע ס.=ד. פרוווּנ באַרעכטיקנ זייער שטיצנ די מילכאָמע דערמיט, וואָס מיט דעמ גופע קעמפנ זיי קלוימערשט קעגנ דעמ רוסישנ

צאַריזם. מיר, רוסישע ס.-ד., דערקלערן, אַז אַזאַ מין באַרעכטיקונג האַלטן מיר פֿאַר אַ פּאַשעטן סאָפֿיזם. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן צאַריזם האָט די לעצטע יאָרן ווידער באַקומען בײַ אונדז אין לאַנד אַ קאָלאָסאַלן פֿאַרנעם. אין דער שפּיץ פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג איז די גאַנצע צײַט געגאַנגען דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס. די מיליאָניקע פּאָליטישע שטרײַקן פֿון די לעצטע יאָרן זײַנען געגאַנגען אונטערן לאָזונג פֿון אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם און פֿאָדערן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. ערשט גאָר ניט לאַנג, ערעוו דער מילכאָמע, האָט דער פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק, פּואַנקאַרע, געהאַט די מעגלעכקײַט, בעשאַס זײַן וויזיט בײַ ניקאָלײַ דעם II, אַליין צו זען אויף די פּעטערבורגער גאַסן באַריקאַדעס, וואָס זײַנען געבויט געוואָרן מיט די הענט פֿון די רוסישע אַרבעטער. דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיינע שום קאָרבאָנעס, אַבי נאָר צו באַפֿרײַען די גאַנצע מענטשהײַט פֿון דער שאַנד פֿון דער צאַרישער מאָנאַרכיע. מיר מוזן אָבער זאָגן, אַז אויב בײַ געוויסע באַדינגונגען קאָן עפּעס יאָ אָפּציִען דעם אומקום פֿונעם צאַריזם, אויב עפּעס קאָן יאָ העלפֿן דעם צאַריזם אין זײַן קאַמף קעגן דער גאַנצער רוסלענדישער דעמאָקראַטיע, איז דאָס גראָד די איצטיקע מילכאָמע, וועלכע האָט אָפּגעגעבן דעם געלט-זאַק פֿון דער ענגלישער, פֿראַנצויזישער און רוסישער בורזשואַזיע אויף צו דינען די רעאַקציאָנערע צילן פֿונעם צאַריזם. און אויב עפּעס קאָן יאָ פֿאַרשווערן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿונעם רוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס קעגן דעם צאַריזם, איז דאָס גראָד די אויפֿפֿירונג פֿון די פֿירער פֿון דער דײַטשישער און עסטרײַכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, — די אויפֿפֿירונג, וועלכע די שאָוויניסטישע פּרעסע אין רוסלאַנד הערט ניט אויף צו שטעלן אונדז אַלס מוסטער.

אויב מיר זאָלן זיך אַפֿילו פֿאָרשטעלן, אַז דער מאַנגל אין קויכעס איז בײַ דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זי געקאָנט צווינגען אָפּצואָגן זיך פֿון וואָסערע-עס-זאָל-ניט-זײַן רעוואָלוציאָנערע אַקטן, — איז אַפֿילו אין אַזאַ פֿאַל האָט מען אויך ניט געטאָרט צושטיין צום שאָוויניסטישן לאַגער, מע האָט ניט געטאָרט מאַכן אַזעלכע טריט, וואָס וועגן זיי האָבן די איטאַליענישע סאָציאַליסטן מיט רעכט דערקלערט, אַז די פֿירער פֿון די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן שענדן די פֿאָן פֿונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל.

אונדזער פּאַרטיי, די רוסלענדישע ס.-ד. אַרבעטער-פּאַרטיי, האָט שוין געליטן און וועט נאָך לײַדן קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מילכאָמע. אונדזער גאַנצע לעגאַלע אַרבעטער-פּרעסע איז פֿאַרניכטעט. די מערהײַט פֿאַרײנען זײַנען פֿאַרמאַכט, פֿיל כאַווייריִם אונדזערע זײַנען אַרעסטירט און פֿאַרשיקט. אָבער אונדזער פּאַרלאַמענט-פֿאַרטרעטערשאַפֿט — די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פֿראַקציע אין דער מעלוכע-דומע — האָט געהאַלטן פֿאַר איר אומבאַדינגטן סאָציאַליסטישן כויוו ניט צו שטימען פֿאַר די מילכאָמע-קרעדיטן און אַפֿילו צו פֿאַרלאָזן דעם זיצונגס-זאַל פֿון דער דומע, כּדי נאָך ענערגישער אויסצודריקן איר פּראָטעסט, זי האָט געהאַלטן פֿאַר איר כויוו צו שטעמפּלען די פּאָליטיק פֿון די אייראָפּײִשע רעגירונגען, אַלס אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. און ניט געקוקט אויפֿן פֿאַרענגערטן דרוק פֿון דער צאַרישער רעגירונג, גיבן שוין אונדזערע כאַווייריִם אַרבע-

מער אינ רוסלאנד ארויס זייערע ערשטע אומלעגאלע אופרופנ קעגנ דער מילכאָמע, אונ פילנ דערמיט אויס זייער כויוו בענעגייע דער דעמאָקראטיע אונ דעם אינטערנאציאָנאל.

אויב די פאָרשטייער פונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע אינ געשטאלט פונ דער מינדערהייט פונ די דייטשישע ס.-ד.[1] אונ פונ די בעסטע ס.-ד. אינ די נייטראלע לענדער פילנ, ווי דאָס פאָנעמ פלאמט בא זיי פונ כארפע אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ דאָזיקנ קראכ פונעמ II. אינטערנאציאָנאל; אויב שטימענ פונ סאָציאליסטנ קעגנ דעמ שאָוויניזמ פונ דער מערהייט ס.-ד. פארטייענ לאָזנ זיכ הערנ סיי אינ ענגלאנד סיי אינ פראנקרייכ; אויב די אָפּאָרטוניסטנ אינ געשטאלט, לעמאָשל, פונ די דייטשישע „סאָציאליסטישע מאָנאטהעפטנ“, וואָס שטייענ שוינ פונ לאנג אָפּ א נאציאָנאל-ליבעראלער פאָזיציע, פייערנ מיט פולנ רעכט זייער ניצאָכנ איבערנ אייראָפּייִשנ סאָציאליזמ — ברענגענ די גרעסטע ראָע דעמ פראָלעטאריאט די מענטשנ, וואָס וואקלענ זיכ צווישנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע (ווי דער „צענטער“ אינ דער דייטשישער סאָציאל-דעמאָקראטישער פארטיי), די, וואָס פרווונ זיכ מיט דיפּלאָמאטישע פראזעס פארשווייגנ אָדער פארדעקנ דעמ קראכ פונעמ II אינטערנאציאָנאל.

פארקערט, מע דארפ אָפנ אָנערקענענ דעמ דאָזיקנ קראכ אונ פארשטיינ זיינע סיבעס, קעדיי מע זאָל קאָנענ בויענ א נייע, מער פעסטע סאָציאליסטישע פאראייניקונג פונ די ארבעטער פונ אלע לענדער.

די אָפּאָרטוניסטנ האָבנ ארונטערגעריסנ די באשלוסנ פונעמ שטוטגארטער, קאָפּענהאגענער אונ באזעלער קאָנגרעסנ, וועלכע האָבנ פארפליכטעט די סאָציאליסטנ פונ אלע לענדער צו קעמפנ קעגנ שאָוויניזמ בא אלע אונ אלערליי באדינגונגענ, וועלכע האָבנ פארפליכטעט די סאָציאליסטנ, אז אפ יעטווידער מילכאָמע, וואָס די בורזשואזיע אונ די רעגירונגענ הייבנ אָנ, זאָלנ זיי ענטפערנ מיט א פארשטארקטער אגיטאציע פאר א בירגערקריג אונ פאר א סאָציאלער רעוואָליוציע. דער קראכ פונעמ II אינטערנאציאָנאל איז דער קראכ פונעמ אָפּאָרטוניזמ, וועלכער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרנ אפנ באָדנ פונ די באזונדערהייטנ פונ דער פארגאנגענער (דער אזויגערופענער „פרידלעכער“) היסטאָרישער עפּאָכע אונ וועלכער האָט די לעצטע יאָרנ באקומענ די פאקטישע הערשאפט אינעמ אינטערנאציאָנאל. די אָפּאָרטוניסטנ האָבנ שוינ לאנג געגרייט דעמ דאָזיקנ קראכ דערמיט, וואָס זיי האָבנ געלייקנט אינ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע אונ האָבנ זי פארביטנ אפ בורזשואזנ רעפאָרמיזמ; — דערמיט, וואָס זיי האָבנ געלייקנט אינעמ קלאסנקאמפ אונ אינ דער נייטיקייט צו פארוואנדלענ אימ אינ געוויסע מאָמענטנ אינ א בירגערקריג אונ האָבנ געפּריידיקט מיטארבעט פונ די קלאסנ; — דערמיט, וואָס זיי האָבנ געפּריידיקט בורזשואזנ שאָוויניזמ אונטערנ נאָמענ פאטריאָטיזמ אונ פארטיידיקונג פונעמ פאָטערלאנד אונ האָבנ איגנאָרירט אָדער געלייקנט אינ דעמ גרונט-עמעס פונעמ סאָציא-

[1] לענינ מיינט די דערקלערונג פונ ק. ליבקנעכט, פ. מערינג, ראָזע לוקסעמבורג אונ ק. צעטקינ דעמ 10-טנ סענטיאבער 1914 יאָר, פארעפנטלעכט דעמ 30—31 אָקטיאבער אינ די שווייצארישע צייטונגענ. רעד.

ליזם, וועלכער איז נאָך פאַרמולירט געוואָרן אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, — דעם עמעס, אַז די אַרבעטער האָבן ניט קיין פאָטערלאַנד; — דערמיט, וואָס אין זייער קאַמף קעגן דעם מיליטאַריזם האָבן זיי זיך באַגרענעצט מיט אַ סענטימענטאַל-באַלעבעסלדיקן שטאַנדפּונקט אָנשטאָט צו אָנערקענען די נייטיקייט פון אַ רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער קעגן דער בורזשואַזיע פון אַלע לענדער; — דערמיט, וואָס דאָס נויטווענדיקע אויסנוצן דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם און די בורזשואַזע לעגאַלקייט האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ פעטישיזירונג פון דער דאָזיקער לעגאַלקייט און האָבן פאַרגעסן אָן דער אומבאַדינגטער נייטיקייט פון אומלעגאַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע און אַגיטאַציע אין עפּאָכעס פון קריזיסן. די נאַטירלעכע „דערגאַנצונג“ צום אָפּאָרטוניזם — פונקט אַזאַ בורזשואַזע און פיינטלעכע צו דעם פּראָלעטאַרישן, ד. ה. צו דעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, — די אַנאַרכיסטיש-סינדיקאַליסטישע שטרעמונג האָט זיך ניט ווייניקער שענדלעך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זי האָט ביים דעם איצטיקן קריזיס מיט זעלבסטצופרידנקייט איבערגעכאַזערט די לאָזונגען פון שאָוויניזם.

ס'איז אוממעגלעך אויסצופילן די אויפגאַבן פונעם סאָציאַליזם אינעם איצטיקן מאָמענט, ס'איז אוממעגלעך צו רעאַליזירן אַ ווירקלעכע אינטערנאַציאָנאַלע באַהעפטונג פון די אַרבעטער, אויב מע זאָל אַפּרוער ניט אייגרייסן אַנטשיידן מיטן אָפּאָרטוניזם און ניט אויפקלערן די מאַסן, אַז זיין פיאַסקאָ איז אומפאַרמיידלעך.

די אויפגאַבע פון דער ס.-ד. פון יעדן לאַנד דאַרף קודעמקאָל זיין דער קאַמף קעגן דעם שאָוויניזם פונעם געגעבענעם לאַנד. אין רוסלאַנד האָט דער דאָזיקער שאָוויניזם פולשטענדיק פאַרכאַפּט דעם בורזשואַזן ליבעראַליזם (די „קאַדעטן“) און אַ טייל פאָלקיסטן, אַריינגערעכנט אַהער אויך די סאָציאַליסטן-רעוואָליוציאָנערן און די „רעכטע“ ס.-ד. (באַזונדערס איז דער כויוו צו שטעמפּלען די שאָוויניסטישע אַרויסטרעטונגען, לעמאָשל, פון יע. סמירנאָוו, פּ. מאַסלאָוו און ג. פּלעכאַנאָוו — אַרויסטרעטונגען, וואָס די בורזשואַז-„פּאַטריאָטישע“ פרעסע האָט אונטערגעכאַפּט און נוצט ברייט אויס.)

באַ דער איצטיקער לאַגע איז פונעם שטאַנדפּונקט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אוממעגלעך צו באַשטימען, די מאַפּאָלע פון וועלכע פון די צוויי גרופּעס מילכאָמע-האַלטנדיקע נאַציעס וואָלט געווען דאָס קלענסטע בייז פאַרן סאָציאַליזם. פאַר אונדז אָבער, פאַר די רוסישע ס.-ד., קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז פונעם שטאַנדפּונקט פונעם אַרבעטער-קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד וואָלט געווען דאָס קלענסטע בייז, ווען ס'זאָל ליידן אַ מאַפּאָלע די צאַרישע מאָנאַרכיע, די סאַמע רעאַקציאָנערע און באַרבאַרישע רעגירונג, וועלכע אונטערדריקט די גרעסטע צאָל נאַציעס און די גרעסטע מאַסע באַפעלקערונג אין אייראָפּע און אין אַזיע.

דער נאָענטסטער פּאָליטישער לאָזונג פון די ס.-ד. פון אייראָפּע דאַרף זיין — אויסבילדן רעפּובליקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע [1], דערביי איז, צום אונ-

[1] „די פאָדערונג פון פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע, אין דער פאָרם, ווי עס האָט זי אַרויסגעשטעלט דער מאַניפעסט פונעם צק — וועלכער האָט גלייכצייטיק גערופן אַראָפּצו-

טערשייד פונ דער בורזשואזיע, וועלכע איז גרייט „צוצוזאָגנ“ וואָס איר ווילט נאָר, אבי נאָר ארײַנצײַענ דעם פּראָלעטאריאט אינ דעם אלגעמיינעם שטראָם פונ שאָוויניזם, וועלנ די ס.-ד. אופקלערנ, אז דער דאָזיקער לאָזונג, אויב ער זאָל ניט האָבנ אלס פאָרהאַנאָכע דאָס אראָפוואַרפנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ די דײַטשישע, עסטרײַכישע אונ רוסישע מאָנארכיעס, איז ער דורכויס ליגנעריש אונ זינלאָז.

מאכמעס דעם, וואָס רוסלאַנד איז אמערסטנ אפגעשטאַנענ אונ עס האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זײַנ בורזשואזע רעוואָליוציע, — דאַרפנ די אופגאַבעס פונ די ס.-ד. אינ דעם דאָזיקנ לאַנד, ווי ביז אהער, זײַנ די דרײַ גרונט-באַדינגונגענ פאַר א קאָנסעקווענטער דעמאָקראַטישער איבערגעשטאַלטונג: דעמאָקראַטישע רעפּובליק (בא דער פולער גלײַכבאַרעכטיקונג אונ זעלבסטבאַשטימונג פונ אלע נאציעס), קאָנפיסקאציע פונ דער פריצישער ערד אונ אכטשאָ:קער ארבעטס-טאָג. אינ אלע פאָרגעשריטענע לענדער אָבער שטעלט די מילכאָמע אפנ טאָג-סיידער דעם לאָזונג סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, א לאָזונג, וועלכער ווערט אלצ אקטועלער, וואָס מער די לאסט פונ דער מילכאָמע פאלט אפ די אקסלענ פונעם פּראָלעטאריאט, וואָס אקטיווער ס'וועט דאַרפנ ווערנ די ראָליע זײַנע באַם אופשטעלנ צוריק אייראָפּע, נאָך די גרוילנ פונעם איצטיקנ „פּאטריאָטישנ“ באַרבאַריזם אינ די באַדינגונגענ פונ די גיגאַנטישע טעכנישע דערפאָלגנ פונעם גרויס-קאפּיטאליזם. די בורזשואזיע נוצט אויס די געזעצנ פונ מילכאָמע-צײַט, קעדיי אינגאַנצנ צו פאַרשטאָפּנ דאָס מויל דעם פּראָלעטאריאט, אונ דאָס שטעלט פארנ פּראָלעטאריאט די אומבאַדינגטע אופגאַבע צו שאפנ אומלעגאַלע פאָרמענ פונ אגיטאציע אונ אָרגאניזאציע. זאָלנ די אָפּאָרטוניסטנ „היטנ“ די לעגאַלע אָרגאניזאציעס, צאָלנדיק דערפאַר מיט א פאַראַט קעגנ זייערע איבערצײַגונגענ, — די רעוואָליוציאָנערע ס.-ד. וועלנ אויסנוצנ די אָרגאניזאציאָנעלע געוווינהײַטנ אונ פאַרבינדונגענ פונעם ארבעטער-קלאַס, קעדיי צו שאפנ אזעלכע אומלעגאַלע פאָרמענ פונ קאַמף פארנ סאָציאַליזם, וואָס אנטשפּרעכנ דער קריזיס-עפּאָכע, אונ צו באַהעפטנ די ארבעטער ניט מיט דער שאָוויניסטישער בורזשואזיע פונ זייער לאַנד, נאָר

וואַרפנ די מאָנארכיעס פונ רוסלאַנד, עסטרײַכ, דײַטשלאַנד, — שווידט זיך אונטער פונ דער פּאַציפיסטישער אויסטײַטשונג, וועלכע עס גיבנ דעם דאָזיקנ לאָזונג קאַוטסקי אונ אנדערע. אינעם נומ. 44 פונעם צ. אָ. פונ אונדזער פּאַרטיי, אינ „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ איז אָפּגעדרוקט א רעדאקציאָנעלער ארטיקל, ווו עס ווערט דערוויזנ די עקאָנאָמישע ניט-ריכטיקײַט פונעם לאָזונג „פאַראייניקטע שטאַטנ פונ אייראָפּע“. דאָס איז — אָדער א פאָדערונג, וואָס קאָנ באַם קאפּיטאליזם ניט פאַרווירקלעכט ווערנ, וואָס דאַרפ האָבנ אלס פאָרהאַנאָכע די אײַנפירונג פונ פּלאַנמעסיקײַט אינ דער וועלט-ווירטשאפט באַם צעטיילנ די קאָלאָניעס, די אײַנפלוס-ספערנ אאוו. צווישנ די באַזונדערע לענדער. אָדער דאָס איז — א רעאקציאָנערער לאָזונג, וואָס באַטײַט א צײַטווײַליקנ בונד צווישנ די אייראָפּייִשע גרויסמאַכטנ מיטנ צוועק צו אונטערדריקנ מיט מער דערפאָלג די קאָלאָניעס אונ באַראַבעווענ די גיכער זיכ אנטוויקלענדיקע יאפּאַניע אונ אמעריקע“. (די דאָזיקע אָנמערקונג פונ דער רעדאקציע פונעם „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ צום מאַניפעסט פונעם צק רסדאפּ וועגנ דער מילכאָמע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרנ אינ אויגוסט—סענטיאַבער 1915 יאָר, אָנגעשריבנ האָט די דאָזיקע אָנמערקונג לענינ — זע ווערק, ב. XXX, ז. 235. דער רעדאקציאָנעלער ארטיקל אינעם נומ. 44 „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, וועגנ וועלכנ עס רעדט זיך אינ דער אָנמערקונג, — דאָס איז לענינס ארטיקל „וועגנ דעם לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטנ פונ אייראָפּע“, — זע אינעם דאָזיקנ באַנד, ז. 321—324. רעד.)

מיט די ארבעטער פונ אלע לענדער. דער פראָלעטארישער אינטערנאציאָנאל איז ניט אומגעקומענ און וועט ניט אומקומענ. די ארבעטער־מאסנ וועלנ, ניט געקוקט אפ אלע מעניעס, שאפנ א נייעמ אינטערנאציאָנאל. דער איצטיקער טריומפ פונעמ אָפּאָרטוניזמ וועט ניט לאנג דויערנ. וואָס מער עס וועלנ זיינ מילכאָמע־קאָרבאָנעס, אלצ קלאָרער וועט ווערנ פאר די ארבעטער־מאסנ, אז די אָפּאָרטוניסטנ פאראטנ די ארבעטער־זאכ און אז מע דארפ אויסקערעווענ דאָס געווער קעגנ די רעגירונגענ און דער בורזשואזיע פונ יעדנ לאנד.

פארוואנדלענ די איצטיקע אימפעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג — דאָס איז דער איינציק ריכטיקער פראָלעטארישער לאָזונג, וועלכנ עס ווייזט אָנ די דערפארונג פונ דער קאָמונע, דער איינציק ריכטיקער לאָזונג, וועלכנ עס האָט אָנגעצייכנט די באזעלער (1912 יאָר) רעזאָליוציע און וועלכער דרינגט ארויס פונ אלע באדינגונגענ פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע צווישנ די הויכ־אנטוויקלטע בורזשואזע לענדער. ווי גרויס עס זאָלנ אינ דער אָדער אינ יענער מינוט ניט אויסזענ די שוועריקייטנ פונ אזא פארוואנדלונג, וועלנ די סאָציאליסטנ, וויבאלד די מילכאָמע איז געוואָרנ א פאקט, קיינמאָל זיכ ניט אָפּזאָגנ פונ סיסטעמאטישער, אקשאָנעסדיקער און אָנופהערלעכער צוגרייטונגס־ארבעט אינ דער דאָזיקער ריכטונג.

נאָר אפ דעמ דאָזיקנ וועג וועט דער פראָלעטאריאט קאָנענ זיכ ארויסרייסנ פונ זיינ אָפּהענגיקייט פונ דער שאָוויניסטישער בורזשואזיע, און, אינ דער אָדער אינ יענער פאָרמ, מער אָדער ווייניקער גיכ, מאכנ אנטשיידענע טריט אפנ וועג צו דער ווירקלעכער פרייהייט פונ די פעלקער און אפנ וועג צומ סאָציאליזמ.

זאָל לעבנ די אינטערנאציאָנאלע ברידערשאפט פונ די ארבעטער קעגנ דעמ שאָוויניזמ און פאטריאָטיזמ פונ דער בורזשואזיע פונ אלע לענדער!

זאָל לעבנ דער פראָלעטארישער אינטערנאציאָנאל, א באפרייטער פונ אָפּאָרטוניזמ!

צענטראל־קאָמיטעט פונ דער רסדאפ.

וועגנ דעמ נאציאָנאלנ שטאָלצ פונ די גרויסרוסנ[1]

וויפל מע רעדט עס איצט, מע טײנעט, מע שרײט וועגנ נאציאָנאליטעט, וועגנ פאָטערלאנד! די ליבעראלע אונ ראדיקאלע מיניסטאָרנ פונ ענגלאנד, א טהאָם „פאָרגעשריטענע“ פובליציסטנ פונ פראנקרײכ (וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אינגאנצנ אײנשטימיק מיט די פובליציסטנ פונ דער רעאקציע), אָנ א שיר קאזיאָנע, קאדעטישע אונ פראָגרעסיווע (ארײנגערעכנט אויכ אייניקע פאָלקיסטישע אונ „מארקסיסטישע“) שרײבערס פונ רוסלאנד — אלע באזינגענ אפ טויזנטערליי אופאנימ די פרײהײט אונ אומאָפהענגיקײט פונעמ „היימלאנד“, די גרויסקײט פונעמ פרינציפ פונ נאציאָנאלער זעלבשטענדיקײט. עס איז אוממעגלעכ פאנאנדערצוקלײבנ, ווו ענדיקט זיכ דאָ דער פארקויפטער טרובאדור פונעמ הענקער ניקאָלײ ראָמאנאָוו, אָדער פונ די פײניקער פונ די נעגערס אונ פונ דער באפעלקערונג פונ אינדיע, אונ ווו עס הייבט זיכ אָנ דער דורכשניטלעכער באלעבעסל, וואָס שווימט „מיטנ שטראָמ“ מאכמעס זײנ טעמפקײט אָדער כאראקטערלאָזיקײט. אונ עס איז גאָר ניט וויכטיק פאנאנדערצוקלײבנ זיכ דערינ. מיר האָבנ פאר זיכ זייער א ברייטע אונ זייער א טיפע אידייִשע שטרעמונג, וואָס אירע וואָרצלענ זײנענ זייער פעסט פארבונדנ מיט די אינטערעסנ פונ די הערנ גוטבאזיצערס אונ קאפיטאליסטנ פונ די גרויסמעכטישע נאציעס. אפ פראָפאגאנדירנ די אידייענ, וואָס לוינענ פאר די דאָזיקע קלאסנ, פאטערט מענ צענדליקער אונ הונדערטער מיליאָנענ א יאָר: א מיל ניט קיינ קליינע, וואסער נעמט זי פונ אומעטומ, אָנגעהויבנ פונעמ איבערצײגטנ שאָוויניסט מענשיקאָוו אונ געענדיקט מיט די שאָוויניסטנ אויס אָפאָרטוניזמ אָדער אויס כאראקטערלאָזיקײט, מיט פלעכאנאָוונ אונ מאסלאָוונ, מיט רובאנאָוויטשנ אונ סמירנאָוונ, מיט קראָפאָטקינענ אונ בורצעוונ.

לאָמיר, גרויסרוסישע סאָציאל־דעמאָקראטנ, אויכ פרוונ פעסטשטעלנ אונדזער באציונג צו דער דאָזיקער אידייִשער שטרעמונג. פאר אונדז, פאָרשטייער פונ א גרויסמעכטישער נאציע פונעמ עקסטנ מיזרעכ פונ אייראָפע אונ פונ א היפשנ טייל אזיע, וואָלט ניט געפאסט צו פארגעסנ וועגנ דער קאָלאָסאלער באדײטונג פונ דער נאציאָנאלער פראגע; — באזונדערס אינ אזא לאנד, וואָס מע רופט מיט רעכט „א טורמע פאר די פעלקער“; — אינ אזא צײט, ווענ גראָד אפנ ווײטנ מיזרעכ פונ אייראָפע אונ אינ אזיע וועקט דער קאפיטאליזמ אופ צומ לעבנ אונ צומ באוווּסטזײנ א

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 12־טנ דעקאבער 1914 יאָר אינ „סאָציאל־דעמאָקראט“ נומ. 35. רעד.

גאנצע רײ „נײַע“, גרויסע אונ קלײנע נאציעס; אינ אזא מאָמענט, װענ די צארישע מאָנארכיע האָט געשטעלט אונטער דער ביקס מיליאָנענ גרויסרוסנ אונ „אינאָראָדצעס“, קעדײ צו „לײזנ“ א גאנצע רײ נאציאָנאלע פראגנ אינ העסקעמ מיט די אינטערעסנ פונעמ ראט פונעמ פארײניקטנ אדל אונ פונ די גוטשקאָװס מיט די קרעסטאָװניקאָװס, דאָלגאָרוקאָװס, קוטלערס, ראָדיטשעװס.

צי איז אונדז, די גרויסרוסישע באװוסטזיניקע פראָלעטאריער, פרעמד דאָס געפיל פונ נאציאָנאלנ שטאָלצ? געװיס ניט! מיר האָבנ ליב אונדזער שפראכ אונ אונדזער הײמלאנד, מיר ארבעטנ מער פונ אלצ אפ אויפצוהײבנ *זײַנע* ארבעטנדיקע מאסנ (ד.ה. נײַנ צענטל פונ *זײַנ* באפעלקערונג) צומ באװוסטזיניקנ לעבנ פונ דעמאָקראטנ אונ סאָציאליסטנ. אונדז טוט מער פונ אלצ װײ צו זענ אונ פילנ, װי די צארישע הענקער, די אדליקע אונ די קאפיטאליסטנ פארגװאלטיקנ, אונטערדריקנ אונ איזדיעקעװענ זיכ איבער אונדזער װונדערשײנעמ הײמלאנד. מיר שטאָלצירנ דערמיט, װאָס די דאָזיקע גװאלדטאטנ פלעגנ ארויסרופנ א װידערשטאנד פונ צװישנ אונדזער סװיװע, פונ דער סװיװע פונ די גרויסרוסנ, װאָס *די דאָזיקע* סװיװע האָט ארויסגערוקט ראדישטשעװנ, די דעקאבריסטנ, די רעװאָליוציאָנערנ די ראזנאָטשינצעס פונ די 70=ער יאָרנ, װאָס דער גרויסרוסישער ארבעטער=קלאס האָט געשאפנ אינ 1905 יאָר א מעכטיקע רעװאָליוציאָנערע מאסנ=פארטײ, װאָס דער גרויסרוסישער פויער האָט אינ דער זעלבער צײַט אָנגעהויבנ צו װערנ א דעמאָקראט, אָנגעהויבנ אראָפװארפנ דעמ גאָלעכ אונ פאָרעצ.

מיר געדענקענ, װי דער גרויסרוסישער דעמאָקראט טשערנישעװסקי האָט מיט א האלבנ יאָרהונדערט צוריק, אָפגעבנדיק זײַנ לעבנ דער רעװאָליוציע, געזאָגט: „א נעבעכדיקע נאציע, א נאציע פונ קנעכט, פונ אויבנ ביז אראָפ זײַנענ אלע קנעכט“. די אָפענע אונ פארשטעלטע קנעכט (קנעכט בענוגײע דער צארישער מאָנארכיע) האָבנ ניט ליב צו דערמאָנענ די דאָזיקע װערטער. מיר אָבער האלטנ, אז דאָס זײַנענ געװענ װערטער פונ עכטער ליבע צומ הײמלאנד, פונ ליבע, װעלכע װײטעקט איבער דעמ, װאָס אינ די מאסנ פונ דער גרויסרוסישער באפעלקערונג איז ניט געװענ קײנ רעװאָליוציאָנערקײַט. דאנ איז זי נאָכ ניט געװענ. איצט איז זי פאראנ אינ א קלײנער מאָס, אָבער זי איז פאראנ. מיר זײַנענ פול מיטנ געפיל פונ נאציאָנאלנ שטאָלצ, װײַל די גרויסרוסישע נאציע האָט *אויכ* געשאפנ א רעװאָליוציאָנערנ קלאס, האָט *אויכ* דערװיזנ, אז זי איז פײַיק צו געבנ דער מענטשהײַט גרויסע מוסטערנ פונ קאמפ פאר פרײַהײַט אונ פאר סאָציאליזמ, אונ ניט נאָר גרויסע פאָגראָמענ, רײענ טלײעמ, הענקער=שטיבלעכ, גרויסע הונגערס אונ גרויס קנעכטישקײַט צו די גאלאָכימ, קײסאָרימ, פריצימ אונ קאפיטאליסטנ.

מיר זײַנענ פול מיטנ געפיל פונ נאציאָנאלנ שטאָלצ, אונ טאקע דערפאר האסנ מיר *באזונדערס אונדזער* שקלאפישע פארגאנגענהײַט (װענ די גוטבאזיצער די אדליקע האָבנ געפירט אפ מילכאָמע די פויערימ, קעדײ צו דערשטיקנ די פרײַהײַט פונ אונגארנ, פוילנ, פערסיע, כינע) אונ אונדזער שקלאפישע קעגנװארט, װענ די זעלביקע גוטבאזיצער, װעמענ עס העלפנ די קאפיטאליסטנ, פירנ אונדז אפ מילכאָמע, קעדײ צו שטיקנ פוילנ אונ אוקראינע, קעדײ צו שטיקנ די דעמאָקראטישע באװעגונג אינ פערסיע אונ אינ כינע, קעדײ צו פארשטארקנ די באנדע ראָמאנאָװס,

באָברינסקים, פורישקעוויטשעס, וואָס שענדט אונדזער גרויסרוסישע נאַציאָנאַלע ווירדע. קיינער איז ניט שולדיק, אויב ער ווערט געבאָרנ א שקלאַפ; אָבער א שקלאַפ, וואָס אימ זײַנענ ניט נאָר פרעמד די שטרעבונגענ צו זײַנ אייגענער פרײַהײַט, נאָר ער בארעכטיקט אונ באַפוצט זײַנ שקלאַפערײַ (ווענ, לעמאָשל, דאָס דערשטיקנ פוילנ, אוקראַינע אאַוו. רופט ער „באַשיצונג פונעמ פאָטערלאַנד“ פונ די גרויסרוסנ), אזא שקלאַפ איז א לאַקיי אונ א כאַמ, וואָס רופט צו זיכ ארויס א געזעצלעכ געפיל פונ צאָרנ, פאַראַכטונג אונ עקל.

„עס קאָנ ניט זײַנ פרײַ א פאָלק, וואָס אונטערדריקט פרעמדע פעלקער“, אזוי האָבנ געזאָגט די גרעסטע פאָרשטייער פונ דער קאָנסעקווענטער דעמאָקראַטיע פונ XIX יאָרהונדערט, מארקס אונ ענגעלס, וואָס זײַנענ געוואָרנ די לערער פונעמ רעוואָלוציאָנערנ פראָלעטאריאַט. אונ מיר, גרויסרוסישע ארבעטער, פול מיטנ געפיל פונ נאַציאָנאַלנ שטאָלצ, ווילנ אומ יעדנ פרײַז א פרײַ אונ אומאָפהענגיק, א זעלבשטענדיק, א דעמאָקראַטיש, א רעפובליקאַניש, א שטאָלצ גרויסרוסלאַנד, וואָס בויט זײַנע באַציִונגענ צו די שכייניִמ אפנ מענטשלעכנ פרינציפ פונ גלײַכהײַט אונ ניט אפנ לײַבייגנטימערישנ פרינציפ פונ פריווילעגיעס, וועלכער דערנידעריקט א גרויסע נאַציע. טאַקע דערפאַר, ווײַל מיר ווילנ עס, זאָגנ מיר: אינ XX יאָרהונדערט, אינ אייראָפע (זאָל זײַנ אפילע אינ דער ווײַטמיזרעכדיקער אייראָפע), קאָנ מענ ניט „באַשיצנ דאָס פאָטערלאַנד“ אַנדערש, סײַדנ נאָר דורכ קאַמפ מיט אלע רעוואָלוציאָנערע מיטלענ קעגנ דער מאָנאַרכיע, קעגנ די פריצימ אונ קאַפיטאַליסטנ פונעמ א י ג ע נ ע מ פאָטערלאַנד, ד״ה. קעגנ די ע ר ג ס ט ע סאָנימ פונ אונדזער היימלאַנד; — די גרויסרוסנ קאָנענ ניט „באַשיצנ דאָס פאָטערלאַנד“ אַנדערש, סײַדנ נאָר דורכנ ווינטשנ א מאַפּאָלע דעמ צאַריזמ אינ יעדער מילכאָמע, ווײַל דאָס איז דאָס קלענסטע בייז פאַר $^{9}/_{10}$ באַפעלקערונג פונ גרויסרוסלאַנד, וואָרעמ דער צאַריזמ ניט נאָר ער אונטערדריקט די דאָזיקע $^{9}/_{10}$ באַפעלקערונג עקאָנאָמיש אונ פאָליטיש, נאָר ער דעמאָראַליזירט זי, ער דערנידעריקט, ער שענדט, ער פראָסטיטוירט זי, צוגעווינענדיק צו אונטערדריקנ פרעמדע פעלקער, צוגעווינענדיק צוצודעקנ איר שאַנד מיט צוויִעסדיקע, קלוימערשט פאַטריאָטישע פראַזעס.

מע וועט אונדז עפשער דערווידערנ, אז אויסער דעמ צאַריזמ אונ אונטער זײַנ פליגעלע איז אופגעקומענ אונ האָט זיכ שוינ פארשטאַרקט א צווייטע היסטאָרישע קראַפט, דער גרויסרוסישער קאַפיטאַליזמ, וואָס טוט א פּראָגרעסיווע ארבעט דערמיט, וואָס ער צענטראַליזירט עקאָנאָמיש אונ באַהעפט קאָלאָסאַלע געביטנ. אזא דערווידערונג אָבער איז ניט זי בארעכטיקט, נאָר זי באַשולדיקט נאָכ שטאַרקער אונדזערע סאָציאַליסטנ שאָוויניסטנ, וועלכע מע וואָלט געדאַרפט אָנרופנ צאַריש-פורישקעוויטשישע סאָציאַליסטנ (ווי מארקס האָט אָנגערופנ די לאַסאַליאַנער קיניגלעכ-פרײַסישע סאָציאַליסטנ). לאָמיר אָנעמענ אפילע, אז די געשיכטע וועט לייזנ די פראַגע צוגונסטנ פונעמ גרויסרוסישנ גרויסמעכטישנ קאַפיטאַליזמ קעגנ די הונדערט אונ איינע קליינע נאַציעס. דאָס איז ניט אוממעגלעכ, וואָרעמ די גאַנצע געשיכטע פונעמ קאַפיטאַל איז א געשיכטע פונ גוואַלדטאַטנ אונ רויבערײַ, פונ בלוט אונ שמוצ. אונ מיר זײַנענ קלאָל ניט קיינ אָנהענגער דאַפקע פונ קליינע נאַציעס; ב א א ל ע א י ב ע ר י ק ע ג ל ײַ כ ע ב א ד י נ ג ו נ ג ע נ, זײַנענ מיר אומבאַדינגט פאַר צענטראַליזאַציע

אונ קעגנ דעמ באַלעבעטלדיקנ אידעאַל פונ פעדעראַטיווע באַציונגענ. אָבער אַפילע אינ אַזאַ פאַל איז, ערשטנס, ניט פאַר אונדז קיינ ארבעט אונ ניט קיינ ארבעט פאַר די דעמאָקראַטנ (שוינ אָפגערעדט וועגנ סאָציאַליסטנ) צו העלפנ ראָמאַנאָוו-באָברינסקינ-פורישקעוויטשנ צו שטיקנ אוקראַינע אאַוו. ביסמאַרק האָט אַפ זײַנ שטײַגער, אַפנ יונקערשנ שטייגער, אופגעטאָנ א פראָגרעסיווע היסטאָרישע ארבעט, שײַנ וואָלט אָבער אויסגעזענ א „מאַרקסיסט“, וועמענ עס וואָלט אַפ דעמ סמאַכ אײַנגעפאַלנ צו באַרעכטיקנ סאָציאַליסטישע הילפ פאַר ביסמאַרקנ! אונ דערבײַ האָט ביסמאַרק מיטגעהאָלפנ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, פאַרייניקנדיק די צעשטויבטע דײַטשנ, וואָס זײַנענ אונטערדריקט געווענ פונ אנדערע פעלקער. אונ דער עקאָנאָמישער אופבלי אונ די שנעלע אנטוויקלונג פונ גרויסרוסלאַנד פאָדערט צו באַפרײַענ דאָס לאַנד פונ דעמ געוואַלט פונ די גרויסרוסנ איבער די אנדערע פעלקער — דעמ דאָזיקנ אונטערשייד פאַרגעסנ אונדזערע פאַרערער פונ די עכט-רוסישע קימאַט-ביסמאַרקס.

צווייטנס, אויב די געשיכטע וועט לייזנ די פראַגע צוגונסטנ פונעמ גרויסרוסישנ גרויסמעכטישנ קאַפיטאַליזמ, איז דערפונ געדרונגענ, אַז עס וועט נאָכ גרעסער זײַנ די ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ראָליע פונעמ גרויסרוסישנ פראָלעטאַריאַט אַלס וויכטיקסטע טרײַבקראַפט פונ דער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע, וואָס דער קאַפיטאַליזמ רופט ארויס. פאַר דער רעוואָליוציע ווידער פונעמ פראָלעטאַריאַט איז נייטיק א דויערנדיקע דערציונג פונ די ארבעטער אינעמ גײַסט פונ פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ר נאַציאָנאַלער גלײַכהײַט אונ ברידערלעכקײַט. הייסט דאָס, אַז פונעמ שטאַנדפונקט פונ די אינטערעסנ גראָד פונעמ גרויסרוסישנ פראָלעטאַריאַט איז נייטיק א דויערנדיקע דערציונג פונ די מאַסנ אינעמ זינענ פונעמ סאַמע אנטשיידנדיקנ, אויסגעהאַלטענעמ, דרייסטנ, רעוואָליוציאָנערנ פאַרטיידיקנ די פולשטענדיקע גלײַכבאַרעכטיקונג אונ דאָס רעכט אַפ זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע נאַציעס, וועמענ די גרויסרוסנ אונטערדריקנ. דער אינטערעס (פאַרשטאַנענ ניט לאַקייִש) פונעמ נאַציאָנאַלנ שטאָלצ פונ די גרויסרוסנ פאַלט צונויפ מיטנ ס אָ צ י א ל י ס ט י ש נ אינטערעס פונ די גרויסרוסישע (אונ פונ אַלע איבעריקע) פראָלעטאַריער. א מוסטער פאַר אונדז וועט בלײַבנ מאַרקס, וואָס האָט אָפגעלעבט יאָרצענדליקער אינ ענגלאַנד, איז געוואָרנ אַפ דער העלפט אַנ ענגלענדער אונ האָט געפאָדערט פרײַהײַט אונ נאַציאָנאַלע אומאָפהענגיקײַט פאַר אירלאַנד צוליב די אינטערעסנ פונ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פונ די ענגלישע ארבעטער.

אונדזערע היימישע סאָציאַליסטישע שאָוויניסטנ אָבער, פלעכאַנאָוו אונ אַלע אנדערע, וועלנ אָט אינ דעמ לעצטנ אונ היפאָטעטישנ פאַל, וואָס מיר האָבנ באַטראַכט, ארויסווײַזנ זיכ אַלס פאַרעטער ניט נאָר קעגנ זייער היימלאַנד, דעמ פרײַענ אונ דעמאָקראַטישנ גרויסרוסלאַנד, נאָר אויכ אַלס פאַרעטער קעגנ דער פראָלעטאַרישער ברידערלעכקײַט פונ אַלע פעלקער פונ רוסלאַנד, ד. ה. קעגנ דעמ סאָציאַליזמ.

וועגנ דעמ לאָזונג פאַרייניקטע שטאַטנ פונ אייראָפּע[1]

אינעמ „סאָציאַל-דעמאָקראַט" נומ. 40 האָבנ מיר מיטגעטיילט, אַז די קאָנפערענצ פונ די אויסלענדישע סעקציעס פונ אונדזער פּאַרטיי האָט באַשטימט אָפּצולייגנ די פראַגע וועגנ דעמ לאָזונג „פאַרייניקטע שטאַטנ פונ אייראָפּע" ביז אינ דער פּרעסע וועט באַהאַנדלט ווערנ די עקאָנאָמישע זײַט פונעמ איניַנ.[2]

די דיסקוסיע איבער דער דאָזיקער פראַגע האָט אַפּ אונדזער קאָנפערענצ אָנגענומענ אַנ איינזײַטיק-פּאָליטישנ כאַראַקטער. טיילווײַז איז עס עפּשער אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ דעמ, וואָס אינעמ מאַניפעסט פונ צענטראַל-קאָמיטעט איז דער דאָזיקער לאָזונג דירעקט פאָרמולירט געוואָרנ אַלס פּאָליטישער („דער נאָענטסטער פּאָליטישער לאָזונג"... — ווערט דאָרט געזאָגט), דערבײַ זײַנענ ניט נאָר אַרויסגערוקט געוואָרנ רעפּובליקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטנ פונ אייראָפּע, נאָר עס איז אויכ ספּעציעל אונטערגעשטראָכנ געוואָרנ, אַז דער דאָזיקער לאָזונג, „אויב ער זאָל ניט האָבנ אַלס פאָרהאַנאָכע דאָס אַראָפּוואַרפנ אַפּ אַ רעוואָליוציאָנערנ אויפנ די דײַטשישע, עסטרײַכישע און רוסישע מאָנאַרכיעס", איז ער זינלאָז און ליגנעריש.

דערווידערנ קעגנ אַזאַ שטעלונג פונ דער פראַגע אינ די ראַמענ פונ דער פּאָליטישער אָפּשאַצונג פונעמ געגעבענעמ לאָזונג, — לעמאָשל, פונ דעמ שטאַנדפּונקט, אַז ער פאַרשטעלט אָדער ער שוואַכט אָפּ אאַדג. דעמ לאָזונג סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, איז אַבסאָליוט ניט ריכטיק. פּאָליטישע איבערגעשטאַלטונגענ אינ אַ ווירקלעכ דעמאָקראַטישער ריכטונג, און ביפראַט נאָכ פּאָליטישע רעוואָליוציעס, קאָנענ אינ קיינ פאַל, קיינמאָל, בא קיינע שומ באַדינגונגענ ניט פאַרשטעלנ, ניט אָפּשוואַכנ דעמ לאָזונג סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. פאַרקערט, זיי דערנעענטערנ זי שטענדיק, זיי פאַרברייטערנ פאַר איר די באַזע, ציִענ אַרײַנ אינ סאָציאַליסטישנ קאַמפּ נײַע שיכטנ פונ דער קליינ-בורזשואַזיע און פונ די האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסנ. פונ דער צווייטער זײַט ווידער, זײַנענ די פּאָליטישע רעוואָליוציעס אומפאַרמײַדלעכ אינעמ גאַנג פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וועלכע מע קאָנ ניט באַטראַכטנ ווי איינ אַקט, נאָר מ'ע דאַרפ זי באַטראַכטנ ווי אַנ עפּאָכע פונ שטורמישע פּאָליטישע

[1] דער אַרטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט דעמ 23-טנ אווגוסט 1915 יאָר אינ „סאָציאַל-דעמאָקראַט" נומ. 44. רעד.

[2] זע ווערק, ב. XVIII, ז. 124. רעד.

און עקאָנאָמישע דערשיטערונגען, פונ סאמע פארשארפטנ קלאסנקאמפ, בירגערקריג, רעוואָליוציעס און קאָנטררעוואָליוציעס.

נאָר אויב דער לאָזונג רעפובליקאנישע פאראייניקטע שטאטנ פונ אייראָפע, געשטעלט אינ פארבינדונג מיטנ אראָפווארפנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אופנ די דרײַ רעאקציאָנערסטע מאָנארכיעס פונ אייראָפע, מיט דער רוסישער אינ דער שפיצ, לאָזט זיכ אבסאָליוט ניט אָפפרעגנ אלס פאָליטישער לאָזונג, פארבלײַבט נאָכ די וויכטיקסטע פראגע וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ אינהאלט און באדײַטונג פונ דעמ דאָזיקנ לאָזונג. פונעמ שטאנדפונקט פונ די עקאָנאָמישע באדינגונגען פונ אימפעריאליזמ, דה. פונעמ שטאנדפונקט פונ עקספאָרט פונ קאפיטאל און צעטיילונג פונ דער וועלט דורכ די „פאָרגעשריטענע“ און „ציוויליזירטע“ קאָלאָניאלע מעלוכעס, זײַנען פאראייניקטע שטאטנ פונ אייראָפע, באמ קאפיטאליזמ, אָדער ניט מעגלעכ אָדער רעאקציאָנער.

דער קאפיטאל איז געוואָרנ אינטערנאציאָנאל און מאָנאָפאָליסטיש. די וועלט איז צעטיילט צווישנ א העפל גרויסמאכטנ, דה. מעלוכעס, וואָס האָבנ דערפאָלג אינעמ גרויסנ בארויבנ און אונטערדריקנ נאציעס. די פיר גרויסמאכטנ פונ אייראָפע: ענגלאנד, פראנקרײַכ, רוסלאנד און דײַטשלאנד, מיט א באפעלקערונג פונ 250—300 מיליאָנ, מיט א שטעטעכ בא 7 מיליאָנ קוואדראט-קילאָמעטער, האָבנ קאָלאָניעס מיט א באפעלקערונג פונ *קימאט א האלבנ מיליארד* (494,5 מיליאָנ), מיט א שטעטעכ פונ 64,6 מיליאָנ קוואדראט-קילאָמעטער, דה. קימאט א העלפט פונעמ ערדקײַלעכ (133 מיליאָנ קוו.-קילאָמעטער אָנ דעמ פאָליארנ געביט). גיט צו דערצו דרײַ אזיאטישע מעלוכעס: כינע, טערקײַ, פערסיע, וואָס ווערנ איצט צעריסנ אפ שטיקער דורכ די רויבער, וועלכע פירנ די „באפרײַערישע“ מילכאָמע, נעמלעכ: דורכ יאפאָניע, רוסלאנד, ענגלאנד און פראנקרײַכ. די דאָזיקע דרײַ אזיאטישע מעלוכעס, וואָס מע קאָנ זיי אָנרופנ האלב-קאָלאָניעס (פאקטיש זײַנען זיי איצטער אפ 9/10 קאָלאָניעס) האָבנ 360 מיליאָנ באפעלקערונג און א שטעטעכ פונ 14,5 מיליאָנ קוואדראט-קילאָמעטער (דה. קימאט אינ אָנדערהאלבנ מאָל מער פונעמ שטעטעכ פונ גאנצ אייראָפע).

ווײַטער, ענגלאנד, פראנקרײַכ און דײַטשלאנד האָבנ ארײַנגעלייגט אינ אויסלאנד א קאפיטאל פונ ניט ווייניקער פונ 70 מיליארד רובל. אפ צו באקומענ די „געזעצלעכע“ האכנאָסע פונ דער דאָזיקער געשמאקער סומע, — א האכנאָסע פונ העכער דרײַ מיליארד רובל א יאָר — דינענ די נאציאָנאלע קאָמיטעטנ פונ די מיליאָנערנ, וואָס הייסנ רעגירונגענ, וואָס זײַנען באזאָרגט מיט מיליטער און מיט א קריגספלאָט, וואָס „באזעצנ“ אינ די קאָלאָניעס און האלב-קאָלאָניעס די זינדלעכ און ברידערלעכ פונעמ „הער מיליארד“ אלס וויצע-קיניגנ, קאָנסולנ, געזאנדטע, באאמטע פונ קאָלערליי מינימ, גאלאָכימ און אנדערע פיאווקעס.

אָט אזוי איז אינ דער עפאָכע פונ דער העכסטער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ אָרגאניזירט דאָס בארויבנ בערעכ א מיליארד באפעלקערונג פונ דער וועלט דורכ א העפל גרויסמאכטנ. אנ אנדער אָרגאניזאציע איז גאָר באמ קאפיטאליזמ אומעגלעכ. אָפזאָגנ זיכ פונ קאָלאָניעס, פונ „אינטערעס-ספערנ“, פונ עקספאָרטירנ קאפיטאל? טראכטנ אזוינס, הייסט דערגייִנ צו דער מאדרייגע פונ עפעס א גאלעכ, וואָס האלט יעדנ זונטיק דראָשעס פאר די נעגידימ וועגנ דער גרויסקײַט פונעמ

קריסטנטום און אײצעט זײ, זײ זאָלנ שענקענ פאר אָרעמעלײַט... נו, אויב ניט עטלעכע מיליארד, איז עטלעכע הונדערט רובל א יאָר.

פארײניקטע שטאטנ פונ אײראָפּע, באם קאפיטאליזם, זײַנענ געגליכנ צו א פארשטענדיקונג װעגנ צעטײלנ די קאָלאָניעס. באם קאפיטאליזם איז אָבער ניט מעגלעכ קײנ אנדער יעסאָד, קײנ אנדער פרינציפּ פונ צעטײלנ, אויסער קראפט. א מיליארדער קאָנ אנדערש ניט טײלנ די „נאציאָנאלע האכנאָסע“ פונ א קאפיטאליסטיש לאנד מיט עמעצנ א צװײטנ, סײַדנ נאָר לויט דער פּראָפּאָרצ: „נאָכנ קאפיטאל נאָכ“ (און דערבײַ מאכע מיט א צוגאָב, אז דער גרעסטער קאפיטאל זאָל באקומענ מער אײדער אימ קומט). קאפיטאליזם איז פריװאט-אײגנטומ אפ די פּראָדוציר-מיטלענ און אנארכיע פונ דער פּראָדוקציע. פּרײדיקנ א „יױשערדיקע“ צעטײלונג פונ דער האכנאָסע אפ אזא באזע איז פּרודאָניזמ, טעמפעקפיקײַט פונ א באלעבעסל און א פיליסטער. מע קאָנ ניט טײלנ אנדערש װי „נאָכ דער קראפט נאָכ“. די קראפט װידער בײַט זיכ צוזאמענ מיטנ גאנג פונ דער עקאָנאָמישער אנטװיקלונג. נאָכנ 1871 יאָר האָט זיכ דײַטשלאנד פארשטארקט אינ 3—4 מאָל גיכער אײדער ענגלאנד און פראנקרײַכ. יאפּאָניע — אינ א 10 מאָל גיכער אײדער רוסלאנד. קעדײ דורכצוקאָנטראָלירנ די װירקלעכע קראפט פונ א קאפיטאליסטישער מעלוכע, איז ניטאָ און ס'קאָנ ניט זײַנ קײנ אנדער מיטל, אכוץ מילכאָמע. די מילכאָמע װידערשפּרעכט ניט די יעסוידעס פונ פריװאט-אײגנטומ, נאָר זי איז א דירעקטע און אומפארמײַדלעכע אנטװיקלונג פונ אָט די יעסוידעס. באם קאפיטאליזמ איז ניט מעגלעכ קײנ גלײַכמעסיקער װוקס פונ דער עקאָנאָמישער אנטװיקלונג פונ באזונדערע װירטשאפטנ און באזונדערע מעלוכעס. באם קאפיטאליזמ זײַנענ ניט מעגלעכ קײנע אנדערע מיטלענ צוריק אופצושטעלנ פונ צײַט צו צײַט די צעשטערטע גלײַכגעװיכט, װי קריזיסנ אינ דער אינדוסטריע, מילכאָמעס אינ דער פּאָליטיק.

פארשטײט זיכ, עס זײַנענ מעגלעכ צ ײַ ט װ ײַ ל י ק ע פארשטענדיקונגענ צװישנ די קאפיטאליסטנ און צװישנ די גרויסמאכטנ. אינ דעמ זינ זײַנענ מעגלעכ אויכ פארײניקטע שטאטנ פונ אײראָפּע אלס א פארשטענדיקונג פונ די א ײ ר אָ פּ ײ ! ש ע קאפיטאליסטנ... װעגנ װאָס? נאָר װעגנ דעמ, װיאזוי בעשוטפעס צו שטיקנ דעמ סאָציאליזמ אינ אײראָפּע, בעשוטפעס אָפּצוהיטנ די אָנגעראבעװעטע קאָלאָניעס ק ע ג נ יאפּאָניע און אמעריקע, װאָס פילנ זיכ העכסט באאװלט בא דער איצטיקער פארטײלונג פונ די קאָלאָניעס און װאָס האָבנ זיכ פאר דעמ לעצטנ האלבנ יאָרהונדערט פארשטארקט אָנ א שיר גיכער אײדער די אָפּגעשטאנענע, מאָנארכיסטישע אײראָפּע, װאָס האָט אָנגעהויבנ פוילנ פונ אלטקײַט. אינ פארגלײַכ מיט די פארײניקטע שטאטנ פונ אמעריקע, באטײַט אײראָפּע, אינגאנצנ גענומענ, עקאָנאָמישע פארגליװערטקײַט. אפ דער הײַנטצײַטיקער עקאָנאָמישער באזע, ד. ה. באם קאפיטאליזמ, װאָלטנ פארײניקטע שטאטנ פונ אײראָפּע באטײַט אנ אָרגאניזאציע פונ דער רעאקציע, קעדײ צו פארהאלטנ די גיכערע אנטװיקלונג פונ אמעריקע. די צײַטנ, װענ די זאכ פונ דעמאָקראטיע און די זאכ פונ סאָציאליזמ איז געװענ פארבונדנ נאָר מיט אײראָפּע, זײַנענ אװעק און װעלנ זיכ שוינ ניט אומקערנ.

פארײניקטע שטאטנ פונ דער װעלט (און ניט פונ אײראָפּע) זײַנענ די מעלוכישע פאָרמ פונ פארײניקונג און פרײַהײַט פונ די נאציעס, װאָס מיר פארבינדנ זי

מיטן סאָציאַליזם, — ביזוואַנען דער פולשטענדיקער ניצחון פון קאָמוניזם וועט ניט ברענגען צום ענדגילטיקן פאַרשווינדן פון יעטווידער מעלוכע, דערונטער אויך פון דער דעמאָקראַטישער. אַלס זעלבשטענדיקער לאָזונג, וואָלט אָבער דער לאָזונג פאַראײניקטע שטאַטן פון דער וועלט קוים געווען ריכטיק, ערשטנס, דערפאַר, ווײַל ער גיסט זיך צונויף מיטן סאָציאַליזם; צווייטנס, דערפאַר, ווײַל ער וואָלט געקאָנט אַרויסרופן ניט קיין ריכטיקע אויסטײַטשונג וועגן דער אומעגלעכקײַט פונעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד און וועגן דער באַציִונג פון אַזאַ לאַנד צו די איבעריקע.

די ניט־גלײַכמעסיקײַט פון דער עקאָנאָמישער און פאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַן אומבאַדינגטער געזעץ פונעם קאַפּיטאַליזם. פונדאַנען איז געדרונגען, אַז עס איז מעגלעך דער זיג פונעם סאָציאַליזם צוערשט אין אַ קלײנער צאָל אָדער אפילע אין איין, באַזונדער גענומען, קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. דער זיגרײַכער פּראָלעטאַריאַט פונעם דאָזיקן לאַנד וואָלט, האָבנדיק עקספּראָפּריִרט די קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירט בא זיך די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, אופגעשטאַנען קעגן דער איבעריקער, קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צוציִענדיק צו זיך די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַנדערע לענדער, אופהייבנדיק אין זיי אַן אופשטאַנד קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אַרויסטרעטנדיק, אין פאַל, ווען דאָס וועט זײַן נייטיק, אפילע מיט מיליטערישער קראַפט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און זייערע מעלוכעס. די פאָליטישע פאָרם פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט זיגט, אַראָפּוואַרפנדיק די בורזשואַזיע, וועט זײַן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס צענטראַליזירט אַלץ מער די קויכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט פון דער געגעבענער נאַציע אָדער פון די געגעבענע נאַציעס אין קאַמף קעגן די מעלוכעס, וואָס זײַנען נאָך ניט אַריבערגעגאַנגען צום סאָציאַליזם. ס'איז אומעגלעך צו פאַרניכטן די קלאַסן אָן דער דיקטאַטור פונעם אונטערדריקטן קלאַס, פונעם פּראָלעטאַריאַט. ס'איז אומעגלעך אַ פרײַע פאַראייניקונג פון די נאַציעס אינעם סאָציאַליזם אָן אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגדויערנדיקן, אַקשאָנעסדיקן קאַמף פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן קעגן די אָפּגעשטאַנענע מעלוכעס.

אָט צוליב וועלכע מאָטיוון די רעדאַקציע פונעם צ. אָ. איז, אין רעזולטאַט פון פילמאָליקן באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע אַף דער קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע סעקציעס פון דער רס״דאַפּ און נאָך דער קאָנפערענץ, געקומען צום אויספיר, אַז דער לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע איז ניט קיין ריכטיקער.

דער אָפּאָרטוניזמ אונ דער קראכ
פונעמ II אינטערנאציאָנאל[1]

I

צי האָט טאקע ווירקלעכ אויפגעהערט צו עקזיסטירנ דער II אינטערנאציאָנאל? זײַנע אויטאָריטעטסטע פאָרשטייער, ווי קאוטסקי אונ וואנדערוועלדע, לייקענענ עס אקשאָנעסדיק אָפּ. עס האָט דאָכ קיינ זאכ ניט פּאסירט, כוצ דעמ, וואָס מע האָט צעריסנ די באציונגענ; אלצ איז קעשורע; אָט דאָס איז זייער שטאנדפּונקט.

קעדיי קלאָר צו מאכנ דעמ עמעס, לאָמיר זיכ ווענדנ צומ מ א נ י פ ע ס ט פונעמ ב א ז ע ל ע ר ק אָ נ ג ר ע ס פונ 1912 יאָר, וועלכער באציט זיכ גראָד צו דער געגעבענער אימפּעריאליסטישער וועלט-מילכאָמע אונ איז אָנגענומענ געוואָרנ פונ אלע סאָציאליסטישע פּארטייענ פונ דער וועלט. מע דארפ פארצייכענענ, אז קיינ איינ סאָציאליסט וועט זיכ ניט דערוועגנ אָפּצולייקענענ אינ דער טעאָריע די נייטיקײַט פונ א קאָנקרעט-היסטאָרישער אָפּשאצונג פונ יעדער מילכאָמע.

איצט, ווענ די מילכאָמע איז אויסגעבראָכנ, אנטשליסנ זיכ ניט סײַ די אָפּענע אָפּאָרטוניסטנ סײַ די קאוטסקיאנער אָפּצולייקענענ דעמ באזעלער מאניפעסט אָדער צו פארגלײַכנ די אויפירונג פונ די סאָציאליסטישע פּארטייענ אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע מיט די פאָדערונגענ פונעמ מאניפעסט. פארוואָס? אָט דערפאר, ווײַל דער מאניפעסט דעמאסקירט אינגאנצנ אי די אי יענע.

אינ אימ איז ניטאָ קיינ איינ-איינציק וואָרט ניט וועגנ באשיצנ דאָס פאָטערלאנד, ניט וועגנ אנ אונטערשייד צווישנ אנ אָנגרײַפערישער מילכאָמע אונ א שוצ-מילכאָמע, קיינ איינ-איינציק וואָרט וועגנ דעמ אלעמענ, וואָס עס שרײַענ איצט פאר דער גאנצער וועלט אָפּ אלע גאסנ די אָפּאָרטוניסטנ אונ די קאוטסקיאנער[2] פונ דײַטשלאנד אונ פונעמ דרײַבונד. דער מאניפעסט האָט גאָר ניט געקאָנט ריידנ וועגנ דעמ, וואָרעמ דאָס, וואָס ער זאָגט, שליסט אבסאָליוט אויס יעטווידע אָנווענדונג פונ

[1] דער ארטיקל איז צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט אינ יאנוואר 1916 יאָר אינעמ אָרגאנ פונ דער צימערוואלדער לינקער גרופּע — „Vorbote“ נומ. 1. ר ע ד.

[2] דאָ האנדלט זיכ ניט וועגנ די פּערזענלעכקײַטנ פונ קאוטסקיס אָנהענגער אינ דײַטשלאנד, נאָר וועגנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ טיפּ קלוימערשטע מארקסיסטנ, וואָס וואקלענ זיכ צווישנ אָפּאָרטוניזמ אונ ראדיקאליזמ, אונ פּאקטיש דינענ זיי בלויז אלס פײַגנבלאט פארנ אָפּאָרטוניזמ.

די דאָזיקע באגריפנ. ער ווייזט גאנצ קאָנקרעט אָנ אפ א ריי עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע קאָנפליקטנ, וועלכע האָבנ אינ פארלויפ פונ יאָרצענדליקער צוגעגרייט די דאָזיקע מילכאָמע, וועלכע האָבנ זיכ אינגאנצנ אנטפלעקט אינ 1912 יאָר אונ האָבנ ארויסגערופנ די מילכאָמע פונ 1914 יאָר. דער מאניפעסט דערמאָנט וועגנ דעמ רוסיש־עסטרייכישנ קאָנפליקט איבער דער „העגעמאָניע אפ די באלקאנענ", וועגנ דעמ קאָנפליקט צווישנ „ענגלאנד, פראנקרייכ אונ דייטשלאנד" (צווישנ אָט די *אלע* לענדער!) אינ צוזאמענהאנג מיט זייער „דעראָבערונגס־פּאָליטיק אפנ נאָענטנ מיזרעכ", וועגנ דעמ עסטרייכיש־איטאליענישנ קאָנפליקט איבער דער „שטרעבונג צו געוועלטיקנ" אינ אלבאניע אאוו. דער מאניפעסט קוואליפיצירט מיט איינ וואָרט די אלע קאָנפליקטנ, אלס קאָנפליקטנ אפנ באָדנ פונ „קאפיטאליסטישנ אימפעריאליזמ". אזוי־ארומ ווערט אינעמ מאניפעסט אבסאָליוט קלאָר פאָרמולירט דער פארכאפּערישער, אימפעריאליסטישער, רעאקציאָנערער, שקלאפנבאציערישער כאראקטער פונ דער געגעבענער מילכאָמע, ד״ה. דער כאראקטער, וואָס פארוואנדלט די דערלאָזבארקייט פונ באשיצנ דאָס פאָטערלאנד אינ א טעאָרעטישנ אומזינ אונ פראקטישנ אבסורד. עס גייט א קאמפ צווישנ גרויסע וואלפיש פאר דערשלינגענ פרעמדע „פאָטערלענדער". דער מאניפעסט מאכט די אומפארמיידלעכע אויספירנ פונ די אומבאשטרייטלעכע היסטאָרישע פאקטנ: די דאָזיקע מילכאָמע קאָנ „אינ קיינ מאָס ניט בארעכטיקט ווערנ מיט קיינ שומ מאָטיוו וועגנ פאָלקס־אינטערעסנ"; זי ווערט צוגעגרייט „צוליב די אינטערעסנ פונעמ פראָפיט פונ די קאפיטאליסטנ, פונ דער ערנגייציקייט פונ די דינאסטיעס". ס'וואָלט געווענ א „פארברעכנ", ווענ די ארבעטער זאָלנ „נעמענ שיסנ איינע אינ די אנדערע". אזוי זאָגט דער מאניפעסט.

די עפּאָכע פונ קאפיטאליסטישנ אימפעריאליזמ איז אנ עפּאָכע פונ צייטיק געוואָרענעמ אונ איבערצייטיק געוואָרענעמ קאפיטאליזמ, וואָס שטייט ערעוו זיינ קראכ, פונעמ קאפיטאליזמ, וואָס איז צייטיק געוואָרנ אפ אזויפיל, אז ער זאָל אָפּטרעטנ דאָס אָרט דעמ סאָציאליזמ. דער פעריאָד פונ די יאָרנ 1789—1871 איז געווענ די עפּאָכע פונ פראָגרעסיוונ קאפיטאליזמ, ביים אינ טאָג־אָרדענונג פונ דער געשיכטע איז געשטאנענ די פראגע וועגנ אראָפּווארפנ דעמ פעאָדאליזמ, דעמ אבסאָליוטיזמ, וועגנ באפרייענ זיכ פונ פרעמדלענדישנ יאָכ. אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ, אונ נאָר אפ אימ, איז געווענ דערלאָזבאר „די באשיצונג פונעמ פאָטערלאנד", ד״ה. דער קאמפ קעגנ אונטערדריקונג. דעמ דאָזיקנ באגריפ וואָלט מענ אויכ איצט געקאָנט אָנווענדנ צו דער מילכאָמע *קעגנ* די אימפעריאליסטישע גרויסמאכטנ; ס'וואָלט אָבער געווענ אנ אבסורד אָנצוווענדנ אימ צו דער מילכאָמע *צווישנ* די אימפעריאליסטישע גרויסמאכטנ, צו דער מילכאָמע, אינ וועלכער עס האנדלט זיכ וועגנ דעמ, ווער עס וועט קענענ מער צעראבירנ די באלקאנישע לענדער, קליינ־אזיע אאוו. דעריבער איז נימאָ וואָס צו וווּנדערנ זיכ, וואָס די „סאָציאליסטנ", וועלכע אָנערקענענ די „באשיצונג פונעמ פאָטערלאנד" אינ אָט דער געגעבענער מילכאָמע, מיידנ אויס דעמ באזלער מאניפעסט, ווי א גאנעוו מיידט אויס דאָס אָרט, ווו ער האָט געגאנעוועט. דער מאניפעסט דערווייזט דאָכ, אז זיי זיינענ סאָציאל־שאָוויניסטנ, ד״ה. נאָמינעל סאָציאליסטנ אונ פאקטיש שאָוויניסטנ, וואָס העלפנ דער „אייגענער" בורזשואזיע צו ראבירנ פרעמדע לענדער, פארשקלאפנ פרעמדע נאציעס. דאָס וועזנטלעכע

אינעמ באגריפ „שאָוויניזמ“ איז טאקע דאָס, וואָס מע באשיצט דאָס „אייגענע“ פאָטערלאַנד אפילע דעמאָלט, ווענ זײַנע האנדלונגענ זײַנענ געצילט צומ פארקנעכטנ פרעמדע פאָטערלענדער.

פונעמ אָנערקענענ, אז די מילכאָמע איז א מילכאָמע פאר נאציאָנאלער באפרײַונג, דרינגט ארויס אײנ טאקטיק, פונ אָנערקענענ, אז זי איז אנ אימפעריאליסטישע — דרינגט ארויס א צווייטע טאקטיק. דער מאניפעסט ווײַזט קלאָר אָנ אפ דער דאָזיקער צווייטער טאקטיק. די מילכאָמע „וועט ברענגענ צו אנ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ קריזיס“, וועלכנ מע דארפ „אויסנוצנ“: ניט אפ צו לינדערנ דעמ קריזיס, ניט אפ צו באשיצנ דאָס פאָטערלאַנד, נאָר, פארקערט, אפ „אויפטרייסלענ“ די מאסנ, אפ „פארגיכערנ די באזײַטיקונג פונ דער קאפיטאליסטישער קלאסנהערשאפט“. מע קאָנ ניט פארגיכערנ דאָס, וואָס צו דעמ זײַנענ נאָכ ניט צײַטיק געוואָרנ די היסטאָרישע באדינגונגענ. דער מאניפעסט האָט אָנערקענט, אז די סאָציאלע רעוואָליוציע איז מעגלעכ, אז אירע פאָרהאנאָכעס זײַנענ שוינ צײַטיק געוואָרנ, אז זי וועט קומענ טאקע אינ צוזאמענהאנג מיט דער מילכאָמע: די „הערשנדיקע קלאסנ“ האָבנ מוירע „פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, וואָס קומט נאָכ דער וועלט-מילכאָמע“, — דערקלערט דער מאניפעסט, פארופנדיק זיכ אפנ בײַשפיל פונ דער פארייזשער קאָמונע אונ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר אינ רוסלאנד, ד. ה. אפ די בײַשפילנ פונ מאסנ-שטרײַקנ, פונ בירגערקריג. ס'איז א ליגנ, ווענ מע באהויפט, פונקט ווי קאוטסקי, אז די באציונג פונעמ סאָציאליזמ צו אָט דער מילכאָמע איז ניט געווענ אויסגעקלאָרט. די דאָזיקע פראגע איז ניט נאָר באהאנדלט געוואָרנ, נאָר זי איז אויכ באשלאָסנ געוואָרנ אינ באזעל, ווו עס איז אָנגענומענ געוואָרנ די טאקטיק פונ רעוואָליוציאָנער-פראָלעטארישנ מאסנ-קאמפ.

ס'איז א סקאנדאליעזע צוויִעס, ווענ מע וויל אינגאנצנ אָדער אינ די סאמע וועזנטלעכע טיילנ פארשווײַגנ דעמ באזעלער מאניפעסט אונ אָנשטאָט דעמ ציטירט מענ רעדעס פונ פירער אָדער רעזאָליוציעס פונ באזונדערע פארטייענ, וואָס זײַנענ, ערשטנס, געהאלטנ געוואָרנ ביז באזעל, צווייטנס, זײַנענ זיי ניט געווענ קיינ באשלוסנ פונ די פארטייענ פונ דער גאנצער וועלט, דריטנס, האָבנ זיי זיכ באצויגנ צו פארשיידענע מעגלעכע מילכאָמעס, אָבער ניט צו אָט דער געגעבענער מילכאָמע. דער קערנ פונ דער פראגע באשטייט אינ דעמ, וואָס אָנשטאָט דער עפאָכע פונ נאציאָנאלע מילכאָמעס צווישנ די אייראָפּיישע גרויסמאכטנ איז געקומענ די עפאָכע פונ אימפעריאליסטישע מילכאָמעס צווישנ זיי, אונ וואָס דער באזעלער מאניפעסט האָט צומ ערשטנ מאָל געמוזט אָפיציעל אָנערקענענ דעמ דאָזיקנ פאקט.

ס'וואָלט געווענ א טעות צו מיינענ, אז מע וועט ניט קאָנענ אָפשאצנ דעמ באזעלער מאניפעסט אזוי, אז דאָס איז בלויז א פײַערלעכע דעקלאמאציע אָדער א פאָמפעזע דראָונג. אזוי וואָלטנ געוואָלט שטעלנ די פראגע די יעניקע, וועמענ אָט דער מאניפעסט דעמאסקירט. נאָר דאָס איז א ליגנ. דער מאניפעסט איז בלויז א רעזולטאט פונ דער גרויסער פראָפאגאנדיסטישער ארבעט פונ דער גאנצער עפאָכע פונעמ II אינטערנאציאָנאל, בלויז א סאכאקל פונ דעמ אלעמ, וואָס די סאָציאליסטנ האָבנ געוואָרפנ אינ די מאסנ ארײַנ אינ זייערע הונדערטער טויזנטער רעדעס, ארטיקלענ

אונ אופרופנ אפ אלע שפראכנ. ער כאזוערט בלויז איבער דאָס, װאָס עס האָט געשריבנ, אשטײגער, זשול געד אינ 1899 יאָר, װענ ער איז שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ דעם סאָציאַליסטישנ מיניסטעריאַליזם אינ פאַל פונ א מילכאָמע: ער האָט גערעדט װעגנ א מילכאָמע, אנ ארויסגערופענער דורכ די „קאפּיטאַליסטישע פיראטנ“ (En garde, ז. 175); בלויז דאָס, װאָס עס האָט געשריבנ קאוטסקי אינ 1908 יאָר אינעמ „װעג צו דער מאכט“, װו ער האָט אָנערקענט, אז די „פרידלעכע“ עפּאָכע האָט זיכ געענדיקט אונ עס הייבט זיכ אָנ אנ עפּאָכע פונ מילכאָמעס אונ רעװאָליוציעס. פאָרשטעלנ דעם באזעלער מאניפעסט אלס פראזע אָדער טעות, הייסט האַלטנ פאר א פראזע אָדער טעות די גאנצע סאָציאַליסטישע ארבעט פאר די לעצטע 25 יאָר. דער װידערשפרוכ צװישנ דעם מאניפעסט אונ דעם ניט אָנװענדנ איט איז אזוי אומדערטרעגלעכ פאר די אָפּאָרטוניסטנ אונ קאוטסקיאנער טאקע דערפאר, װײַל ער דעקט אופ דעם טיפסטנ װידערשפרוכ אינ דער ארבעט פונעמ II אינטערנאציאָנאַל. דער פארהעלטניסמעסיק „פרידלעכער“ כאראקטער פונעמ פעריאָד פונ 1871 יאָר ביזנ 1914 האָט געשפּײַזט דעם אָפּאָרטוניזם צוערשט אלס שטימונג, דערנאָכ אלס ריכטונג אונ, צולעצט, אלס גרופּע אָדער שיכט פונ דער ארבעטער-ביוראָקראטיע אונ קליינבירגערלעכע מיטלויפער. די דאָזיקע עלעמענטנ האָבנ געקאָנט באהערשנ די ארבעטער-באװעגונג נאָר דורכ דעם, װאָס זיי האָבנ פארמעל אָנערקענט די רעװאָליוציאָנערע צילנ אונ רעװאָליוציאָנערע טאקטיק. זיי האָבנ געקאָנט געװינענ דעם צוטרוי פונ די מאסנ נאָר דערפאר, װײַל זיי האָבנ פארזיכערט מיט קאָלערליי שװועס, אז די גאנצע „פרידלעכע“ ארבעט איז קלוימערשט בלויז א צוגרייטונג צו דער פּראָלעטארישער רעװאָליוציע. דער דאָזיקער װידערשפרוכ איז געװענ א געשװיר, װאָס האָט װענ-עס-איז געמוזט פּלאצנ, אונ ער האָט געפּלאצט. די גאנצע פראגע באשטייט דערינ, צי דארפ מענ פרװונ, װי דאָס טוענ קאוטסקי אונ קאָמפּ., צוריק ארײַנטרײַבנ דעם דאָזיקנ אייטער אינ אָרגאניזם ארײַנ לעשעמ „איינײַקײַט“ (מיט דעם אייטער) — אָדער מע דארפ, קעדיי צו העלפנ דעם אָרגאניזם פונ דער ארבעטער-באװעגונג פולקום געזונט װערנ, װי װײַט מעגלעכ גיכער אונ זאָרגזאמער באזײַטיקנ דעם דאָזיקנ אייטער, ניט געקוקט אפ דעם צײַטװײַליקנ שארפנ װייטעק, װאָס דער דאָזיקער פּראָצעס פארשאפט.

דער פאראט קעגנ סאָציאַליזם מיצאד די, װאָס האָבנ געשטימט פאר די קריגס-קרעדיטנ, זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ מיניסטעריומ אונ האָבנ פארטיידיקט די אידיי פונ באשיצנ דאָס פאָטערלאנד אינ די יאָרנ 1914—1915, איז קלאָר. אָפּלייקענענ דעם דאָזיקנ פאקט קאָנענ נאָר צװויאקעס. מע דארפ אימ נאָר דערקלערנ.

II

ס'װאָלט געװענ אנ אבסורד צו באטראכטנ די גאנצע פראגע װי א פראגע װעגנ פערזענלעכקײַטנ. װאָס פאר א שײַכעס האָט עס צו אָפּאָרטוניזם, אויב דאָס זײַנענ אזעלכע מענטשנ, װי פּלעכאנאָװ אונ געד אאװ.? — האָט געפרעגט קאוטסקי („Neue Zeit“ פונ 18-טנ מײַ 1915 יאָר). װאָס פאר א שײַכעס האָט עס צו אָפּאָרטוניזם, אויב קאוטסקי אאװ.? — האָט געענטפערט אקסעלראָד אינ נאָמענ פונ די אָפּאָרטוניסטנ פונ דעם דרײַבונד („Die Krise der Sozialdemokratie“)

ציריכ, 1915 יאָר, ז. 21). דאָס אַלצ איז אַ קאָמעדיע. קעדיי צו דערקלערנ דעמ קריזיס פונ דער גאַנצער באַוועגונג, איז נייטיק צו באַטראַכטנ, ערשטנס, די עקאָנאָמישע באַדײַטונג פונ דער געגעבענער פּאָליטיק, צווייטנס, די אידייענ, וואָס ליגנ אינ יעסאָד פונ דער געגעבענער פּאָליטיק, אונ, דריטנס, דעמ צוזאַמענהאַנג פונ דער דאָזיקער פּאָליטיק מיט דער געשיכטע פונ די ריכטונגענ אינעמ סאָציאַליזמ.

אינ וואָס באַשטייט דער עקאָנאָמישער טאָכ פונ דער באַשיצלערײַ אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1915? די בורזשואַזיע פונ אַלע גרויסמאַכטנ פירט אַ מילכאָמע מיטנ צוועק צו צעטיילנ אונ עקספּלואַטירנ די וועלט, מיטנ צוועק צו אונטערדריקנ די פעלקער. אַ קליינעמ קרײַז פונ דער אַרבעטער=ביוראָקראַטיע, פונ דער אַרבעטער=אַריסטאָקראַטיע אונ פונ די קליינבירגערלעכע מיטלויפער קאָנענ צופאַלנ וועלכע=ניט=איז ברעקלעכ פונ די גרויסע פּראָפיטנ פונ דער בורזשואַזיע. דער קלאַסנ=אונטערשלאַק פונעמ סאָציאַל=שאָוויניזמ אונ אָפּאָרטוניזמ איז איינ אונ דער זעלבער: אַ בונד צווישנ אַ קליינעמ שיכט פּריווילעגירטע אַרבעטער מיט זײַנ „אייגענער“ נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע קעגנ די מאַסנ פונעמ אַרבעטער=קלאַס, אַ בונד צווישנ די לאַקייענ פונ דער בורזשואַזיע מיט דער בורזשואַזיע גופע קעגנ דעמ קלאַס, וועלכנ זי עקספּלואַטירט.

דער פּאָליטישער אינהאַלט פונעמ אָפּאָרטוניזמ אונ סאָציאַל=שאָוויניזמ איז איינ אונ דער זעלבער: קלאַסנ=מיטאַרבעט, אָפּזאָג פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט, אָפּזאָג פונ רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, אַבסאָליוטע אָנערקענונג פונ דער בורזשואַזער געזעצלעכקײַט, אומצוטרוי צומ פּראָלעטאַריאַט, צוטרוי צו דער בורזשואַזיע. דער סאָציאַל=שאָוויניזמ איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג אונ העכסטע מאַדרייגע פונ דער ענגלישער ליבעראַלער אַרבעטער=פּאָליטיק, פונעמ מיליעראַניזמ אונ בערנשטייניאַניזמ.

דער קאַמפ צווישנ די צוויי גרונט=טענדענצנ אינ דער אַרבעטער=באַוועגונג, צווישנ דעמ רעוואָלוציאָנערנ אונ דעמ אָפּאָרטוניסטישנ סאָציאַליזמ, פילט אָנ די גאַנצע עפּאָכע פונ 1889 ביזנ 1914 יאָר. אונ אויכ איצט עקזיסטירנ אינ אַלע לענדער צוויי הויפּט=שטראָמונגענ אינ דער פראַגע וועגנ דער באַציונג צו דער מילכאָמע. לאָמיר אַוועקוואַרפנ די בורזשואַזע אונ אָפּאָרטוניסטישע מאַניר צו רופנ זיכ אָפּ פּערזענלעכקײַטנ. לאָמיר נעמענ די ריכטונגענ אינ אַ ריי לענדער. מיר וועלנ נעמענ צענ אייראָפּייִשע מעלוכעס: דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, רוסלאַנד, איטאַליע, האָלאַנד, שוועדנ, באָלגאַריע, שווייצ, בעלגיע, פראַנקרײַכ. אינ די ערשטע אַכט לענדער אַנטשפּרעכט די צעטיילונג אַפ אָפּאָרטוניסטנ אונ ראַדיקאַלנ דער צעטיילונג אַפ סאָציאַל=שאָוויניסטנ אונ אינטערנאַציאָנאַליסטנ. אינ דײַטשלאַנד זײַנענ די שטיצפּונקטנ פונ סאָציאַל=שאָוויניזמ די „Sozialistische Monatshefte“ אונ לעגינ אונ קאָמפּ.; אינ ענגלאַנד — די פאַביאַנער אונ די „אַרבעטער=פּאַרטיי“ (די I. L. P[1] איז שטענדיק

[1] I. L. P. — אומאָפּהענגיקע אַרבעטער=פּאַרטיי. רעד.

געווען אינ בלאָק מיט זיי, האָט געשטיצט זייער אָרגאַנ און איז אינ דעם האָזיקנ בלאָק שטענדיק געווענ שוואַכער פונ די סאָציאַל־שאָוויניסטנ, בייס אינ דער B. S. P.[1] באַטרעפנ די אינטערנאַציאָנאַליסטנ דרײַ זיבעטל); אינ רוסלאַנד איז די האָזיקע שטרעמונג פאַרטראָטנ דורכ דער „נאַשאַ זאַריאַ" (איצט „נאַשע דיעלאָ"), דורכנ אָרגאַניזאַציאָנעלנ קאָמיטעט, דורכ דער דומע־פראַקציע אונטער דער אָנפירונג פונ טשכעידזע; אינ איטאַליע — דורכ די רעפאָרמיסטנ מיט ביסאָלאַטי אינ דער שפּיצ; אינ האָלאַנד — דורכ טרולסטראַס פאַרטיי; אינ שוועדנ — דורכ דער מערהײַט פונ דער פאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פונ בראַנטינגנ; אינ באָלגאַריע — דורכ דער פאַרטיי פונ די „ברייטע"; אינ דער שווייצ — דורכ גרייליכ און קאָמפּ. פאַרקערט, אַ מער אָדער ווייניקער קאָנסעקווענטנ פּראָטעסט קעגנ סאָציאַל־שאָוויניזמ האָבנ מיר אינ אַט די אַלע לענדער געהערט פונעמ קעגנזעצלעכנ ראַדיקאַלנ לאַגער. אַנ אויסנאַמ זײַנענ בלויז צוויי לענדער: פראַנקרײַכ און בעלגיע, ווו דער אינטערנאַציאָנאַליזמ עקזיסטירט פונדעסטוועגנ אויכ, נאָר ער איז זייער שוואַכ.

דער סאָציאַל־שאָוויניזמ — דאָס איז די העכסטע מאַדרייגע אָפּאָרטוניזמ. ער איז צײַטיק געוואָרנ פאַר אַנ אָפּענעמ, אָפטמאָל וווּלגאַרנ בונד מיט דער בורזשואַזיע און מיט די גענעראַל־שטאַבנ.

און טאַקע אָט דער בונד גיט אימ גרויסע קראַפט און די מאָנאָפּאָליע פונ לעגאַלנ געדרוקטנ וואָרט און פונ אָפּנאַרנ די מאַסנ. ס'איז אַנ אַבסורד איצט נאָכ צו האַלטנ דעמ אָפּאָרטוניזמ פאַר אַ דערשײַנונג אינווייניק אינ אונדזער פּאַרטיי. ס'איז אַנ אַבסורד צו טראַכטנ וועגנ דורכפירנ די באַזעלער רעזאָליוציע צוזאַמענ מיט דאַווידנ—לעגינענ, מיט הײַנדמאַנענ, פּלעכאַנאָוונ, וועבנ. אייניקײַט מיט די סאָציאַל־שאָוויניסטנ איז אייניקײַט מיט דער „אייגענער" נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, וואָס עקספּלואַטירט אַנדערע נאַציעס, איז אַ שפּאַלטונג פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט. דאָס באַטײַט ניט, אַז אַנ איבעררײַס מיט די אָפּאָרטוניסטנ איז אומעטומ מעגלעכ טייקעפּ, דאָס באַטײַט נאָר, אַז היסטאָריש איז ער צײַטיק געוואָרנ, אַז ער איז נייטיק און אומפאַרמײַדלעכ פאַרנ רעוואָליוציאָנערנ קאַמפּ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, אַז די געשיכטע, וואָס האָט פונעמ „פרידלעכנ" קאַפּיטאַליזמ געבראַכט צומ אימפּעריאַליסטישנ קאַפּיטאַליזמ, האָט צוגעגרייט דעמ האָזיקנ איבעררײַס. Volentem ducunt fata, nolentem trahunt[2].

III

די קלוגע פאָרשטייער פונ דער בורזשואַזיע האָבנ עס זייער גוט פאַרשטאַנענ. דעריבער לויבנ זיי אַזוי די איצטיקע סאָציאַליסטישע פאַרטייענ, בעראָש פונ וועלכע עס שטייענ די „באַשיצער פונעמ פאָטערלאַנד", ד. ה. די באַשיצער פונ אימפּעריאַליסטישער גזילע. דעריבער צאָלנ טאַקע די רעגירונגענ די סאָציאַל־שאָוויניסטישע פירער אינ איינ אָרט מיט מיניסטאָרישע פּאָסטנס (אינ פראַנקרײַכ און אינ ענגלאַנד), אינ

---

[1] B. S. P. — בריטישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי. רעד.

[2] ווער עס וויל, יענעמ פירט דער גורל, ווער עס וויל ניט—יענעמ שלעפּט ער. רעד.

אנ אנדער אָרט מיט דער מאָנאָפּאָליע פונ לעגאלער אומגעשטערטער עקזיסטענצ (אינ דײַטשלאנד אונ אינ רוסלאנד). דעריבער טאקע איז אינ דײַטשלאנד, ווו די סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטיי איז געווענ די שטארקסטע אונ ווו איר פארוואנדלונג אינ א נאציאָנאל-ליבעראלער קאָנטררעוואָליוציאָנערער ארבעטער-פארטיי איז געווענ אמערסטנ אָנשווילעכ, דעריבער איז טאקע דאָרט דערגאנגענ דערצו, אז אינעמ קאמפ צווישנ דער „מינדערהייט“ אונ דער „מערהייט“ זעט די פּראָקוראטור איינ „אנ אויפרייצונג פונ קלאסנ-האס“! דעריבער זאָרגנ די קלוגע אָפּאָרטוניסטנ מער פונ אלצ וועגנ איינהיטנ די פריִערדיקע „איינהייט“ פונ די אלטע פארטייענ, וואָס האָבנ געטאָנ אזוינע גרויסע טויווס דער בורזשואזיע אינ 1914—1915 יאָר. איינער א מיטגליד פונ דער דײַטשישער סאָציאל-דעמאָקראטיע, וועלכער האָט אונטערנ פּסעוודאָנימ „מ אָ נ י ט אָ ר“ פארעפנטלעכט אינ אפּרעל 1915 יאָר אנ ארטיקל אינעמ רעאקציאָנערנ זשורנאל „Preussische Jahrbücher“, דריקט אויס די אָנשויונגענ פונ די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטנ אינ אלע לענדער פונ דער וועלט מיט אזא אָפּנהארציקייט, וואָס פארדינט א דאנק. מאָניטאָר מיינט, אז פאר דער בורזשואזיע וואָלט געווענ זייער געפערלעכ, ווענ די סאָציאל-דעמאָקראטיע זאָל אוועק נ אָ כ ו ו ײַ ט ע ר א פּ ר ע כ ט ס: „זי (די סאָציאל-דעמאָקראטיע) דארפ איינהיטנ איר כאראקטער פונ אנ ארבעטער-פארטיי מיט סאָציאליסטישע אידעאלנ, וואָרעמ אינ דעמ זעלביקנ טאָג, ווענ זי וועט אימ פארלירנ, וואָלט אויפגעקומענ א נײַע פארטיי, וואָס וועט אָננעמענ די אָפּגעוואָרפענע פּראָגראמ, אינ א מער ראדיקאלער פאָרמולירונג“ („Preussische Jahrbücher“, 1915, נומ. 4, ז. 51).

מאָניטאָר האָט געטראָפנ אינ סאמע פּינטל. אָט דאָס טאקע האָבנ די ענגלישע ליבעראלנ אונ די פראנצויזישע ראדיקאלנ שטענדיק געוואָלט: רעוואָליוציאָנער קלינגענדיקע פראזעס, קעדיי אָפּצונארנ די מאסנ, אז זיי זאָלנ זיכ באציִענ מיט צוטרוי צו די לאָיד דזשאָרדזשס, צו די סאמבאס, צו די רענאָדעלס, לעגינס אונ קאוטסקיס, צו די מענטשנ, וואָס זײַנענ פייִק צו פריידיקנ די „באשיצונג פונעמ פאָטערלאנד“ אינ א רויבערישער מילכאָמע.

מאָניטאָר פארטרעט אָבער נאָר איינ מינ פונ דעמ אָפּאָרטוניזמ: דעמ אָפּענעמ, גראָבנ, ציניש. אנדערע האנדלענ באהאלטנ, ראפינירט, „ערלעכ“. ענגעלס האָט אמאָל געזאָגט: די „ערלעכע“ אָפּאָרטוניסטנ זײַנענ די געפערלעכסטע פארנ ארבעטער-קלאס... אָט איז איינ ביישפּיל:

קאוטסקי שרײַבט אינ דער „Neue Zeit“ (דעמ 26-טנ נאָיאבער 1915 יאָר): „די אָפּאָזיציע קעגנ דער מערהייט וואקסט; די מאסנ זײַנענ געשטימט אָפּאָזיציאָנעל“. „נאָכ דער מילכאָמע (ערשט נ אָ כ דער מילכאָמע? נ. ל.) וועלנ זיכ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ אפּ אזויפיל פארשארפנ, אז דער ראדיקאליזמ וועט צווישנ די מאסנ נעמענ די אויבערהאנט“. „נאָכ דער מילכאָמע (ערשט נ אָ כ דער מילכאָמע? נ. ל.) דראָעט אונדז, אז די ראדיקאלע עלעמענטנ זאָלנ אנטלויפנ פונ דער פארטיי אונ אָפּפליסנ אינ א פארטיי פונ אנטיפארלאמענטארישע (?? מע דארפ פארשטיינ: אויסערפארלאמענטארישע) מאסנ-אקציעס“. „אונדזער פארטיי וועט אזויארומ צעפאלנ ווערנ אפּ צוויי עקסטרעמע לאגערנ, וואָס האָבנ קיינ שומ געמיינזאמס ניט איינער מיטנ אנדערנ“. קעדיי צו ראטעווענ די איינהייט, שטארעט זיכ קאוטסקי איינצו-

שמועסנ די מערהײט אינ רײַכסטאַג, אַז זײ זאָלנ דערלויבנ דער מינדערהײט האַלטנ עטלעכע ראַדיקאַלע פּאַרלאַמענט=רעדעס. דאָס באַטײַט, אַז קאַוטסקי וויל מיט דער הילפ פונ עטלעכע ראַדיקאַלע פּאַרלאַמענט=רעדעס ווירקנ אַפ די רעוואָליוציאָנערע מאַסנ, זײ זאָלנ שאָלעמ ווערנ מיט די אָפּאָרטוניסטנ, וואָס האָבנ „קײנ שום געמײנזאַמס ניט" מיט דער רעוואָליוציע, וואָס פירנ שוינ לאַנג אָנ מיט די פּראָפּאַרײנעג אונ איצט, שטיצנדיק זיכ אַפּנ ענגנ בונד מיט דער בורזשואַזיע אונ מיט דער רעגירונג, האָבנ זײ פאַרכאַפּט אויכ די פּאַרטײ=אָנפירונג. מיט וואָס אונטערשײדט זיכ עס אינ טאָכ פונ מאָניטאָרס „פּראָגראַמ"? מיט קײנ זאַכ ניט, אויסער זיסע פראַזנ, וואָס פּראָסטיטויִרנ דעמ מאַרקסיזמ.

אַפ דער זיצונג פונ דער רײַכסטאַג=פראַקציע דעמ 18=טנ מאַרט 1915 יאָר האָט דער קאַוטסקיאַנער ווּ ר מ „געוואָרנט" די פראַקציע, זי זאָל „ניט אָנציִענ צופיל די סטרונע; אינ די אַרבעטער=מאַסנ וואַקסט אַנ אָפּאָזיציע קעגנ דער פראַקציאָנעלער מערהײט; מע דאַרפ זיכ האַלטנ באַמ מאַרקסיסטישנ (?! וואַרשײַנלעכ א דרוק=פּעלער: מע דאַרפ לײענענ „מאָניטאָרישנ") „צענטער". („Klassenkampf gegen den Krieg. Material zum Fall Liebknecht"[1] אַרויסגעגעבנ אַפ די רעכט פונ א מאַנוסקריפּט, ז. 67). אַזוי־אַרומ זעענ מיר, אַז דער פ אַ ק ט פונ רעוואָליוציאָנערקײט פונ די מ אַ ס נ איז אָנערקענט געוואָרנ אינ נאָמענ פונ אַ ל ע קאַוטסקיאַנער (פונעמ אַזויגערופענעמ „צענטער") ש ו י נ א י נ מ אַ ר ט 1915=טנ י אָ ר!! אונ אינ 8½ יאָר אַרומ טרעט קאַוטסקי ווידער אַרויס אונ לײגט פאָר, אַז די מאַסנ, וואָס ווילנ קעמפנ קעגנ דער אָפּאָרטוניסטישער, קאָנטררעוואָליוציאָנערער פּאַרטײ, זאָלנ „ווערנ שאָלעמ" אונ דערבײַ זאָל עס געשענ מיט דער הילפ פונ עטלעכע רעוואָליוציאָנער קלינגענדיקע פראַזעס!!

די מילכאָמע איז אָפטמאָל נוצלעכ דערמיט, וואָס זי דעקט אויפ דאָס צעפוילטע אונ וואַרפט אָפּ די באַדינגלעכקײטנ.

לאָמיר פאַרגלײַכנ די ענגלישע פאַביִאַנער מיט די דײַטשישע קאַוטסקיאַנער. אָט וואָס עס האָט געשריבנ וועגנ די פאַביאַנער א נ ע מ ע ס ע ר „מאַרקסיסט", פרידריכ ענגעלס, דעמ 18=טנ יאַנוואַר 1893 יאָר: ....„א באַנדע קאַריערעסטנ, וואָס האָבנ גענוג סײכל אַפ צו פאַרשטײנ די אומפאַרמײַדלעכקײט פונ דער סאָציאַלער איבערקערעניש, אָבער וואָס ווילנ אינ קײנ פאַל ניט אָנטרויענ די דאָזיקע גיגאַנטישע אַרבעט אויסשליסלעכ דעמ ניט רײַפנ פּראָלעטאַריאַט... זײער גרונט=פּרינציפּ איז — מוירע פאַר דער רעוואָליוציע"... (קאָרעספּאָנדענצ מיט זאָרגע, ז. 390).

אונ דעמ 11=טנ נאָיאַבער 1893 יאָר שרײַבט ער: „די דאָזיקע גרויסהאַלטערישע בורזשואַ, וואָס נידערנ גנעדיק אַראָפּ צומ פּראָלעטאַריאַט, כדי צו באַפרײַענ אימ פונ אויבנ, ווענ ער זאָל נאָר וועלנ פאַרשטײנ, אַז אַזא גרויע ניט געבילדעטע מאַסע קאָנ זיכ אַלײנ ניט באַפרײַענ אונ קאָנ קײנ זאַכ ניט דערגרײכנ אָנ דער גנאָד פונ אָט די קלוגע אַדוואָקאַטנ, ליטעראַטאָרנ אונ סענטימענטאַלע ווײַבער"... (דאָרט, ז. 401).

אינ דער טעאָריע קוקט קאַוטסקי אַפ די פאַביִאַנער מיט פאַראַכטונג, פונקט ווי

[1] — „קלאַסנקאַמפּ קעגנ דער מילכאָמע. מאַטעריאַלנ צומ אינייענ ליבקנעכט". ר ע ד.

דער פאריסער אפנ אָרעמענ טשינש=מאָנער[1]. וואָרעמ ער שווערט זיכ דאָכ באמ „מארקסיזמ“. וואָס איז אָבער דער כילעק צווישנ זיי אינ דער פראקטיק? ביידע האָבנ זיי אונטערגעשריבנ דעמ באזעלער מאניפעסט אונ ביידע זײַנענ זיכ באגאנגענ מיט אימ ווי ווילהעלמ דער II מיט דער בעלגישער נײַטראליטעט. מארקס אָבער האָט דעמ גאנצנ לעבנ שארפ געטאדלט יענע מענטשנ, וואָס סטארענ זיכ פארלעשנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ גײַסט פונ די ארבעטער.

קאוטסקי האָט קעגנגעשטעלט קעגנ די רעוואָליוציאָנערע מארקסיסטנ א נײַע טעאָריע פונ „אולטרא=אימפעריאליזמ“. אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ פארשטייט ער די ארויסשטויסונג פונעמ „קאמפ פונ די נאציאָנאלע פינאנצ=קאפיטאלנ צווישנ זיכ“ אונ דאָס פארבײַטנ אָט דעמ קאמפ מיט דער „געמיינזאמער עקספלואטאציע פונ דער וועלט דורכ דעמ אינטערנאציאָנאלנ פינאנצ=קאפיטאל“. („N. Z.“ פונ 30=טנ אפרעל 1915 יאָר). ער גיט אָבער צו: „מיר האָבנ נאָכ ניט קיינ גענוגע צאָל פאָרהאנאָכעס, קעדיי צו באשליסנ, — צי קאָנ די דאָזיקע נײַע פאזע פונ קאפיטאליזמ פארווירקלעכט ווערנ“. אלזאָ, אפנ גרונט בלויז פונ האשאָרעס אליינ וועגנ א „נײַער פאזע“, ניט אנטשליסנדיק זיכ אָפנ צו הערקלערנ, אז זי „קאָנ פארווירקלעכט ווערנ“, ווארפט אָפ דער דערפינדער פונ דער דאָזיקער „פאזע“ זײַנע אייגענע רעוואָליוציאָנערע דערקלערונגענ, ער ווארפט אָפ די רעוואָליוציאָנערע אויפגאבנ אונ די רעוואָליוציאָנערע טאקטיק פונעמ פראָלעטאריאט א י צ ט, אינ דער „פאזע“ פונ א קריזיס, וואָס האָט זיכ ש ו י נ אָ נ ג ע ה ו י ב נ, אינ דער „פאזע“ פונ מילכאָמע, פונ אומגעהערטער פארשארפונג פונ די קלאסנ=ווידערשפרוכנ! איז דאָס דענ ניט נידערטרעכטיקסטער פאביאניזמ?

דער לידער פונ די רוסישע קאוטסקיאנער, א ק ס ע ל ר אָ ד, זעט „דעמ שווערפונקט פונ דער פראָבלעמ פונ אינטערנאציאָנאליזירנ די פראָלעטארישע באפרײַונגס=באוועגונג אינ דער אינטערנאציאָנאליזירונג פונ דער טאָגטעגלעכער פראקטיק“: לעמאָשל, „די געזעצגעבונג וועגנ ארבעטס=שוצ אונ די סטראכירונגס=געזעצגעבונג דארפ ווערנ אנ אָביעקט פונ אינטערנאציאָנאלע אקציעס אונ פונ אָרגאניזירנ די ארבעטער“ (אקסעלראָד. „דער קריזיס פונ דער סאָציאל=דעמאָקראטיע“, ציריכ, 1915, ז. 39—40). ס'איז אבסאָליוט קלאָר, אז ניט נאָר לעגינ, דאוויד, די וועבס, נאָר אפילע לאָיד דזשאָרדזש אליינ, נאומאנ, בריאנ אונ מיליוקאָוו וועלנ זיכ פולשטענדיק אָנשליסנ אָנ אזא „אינטערנאציאָנאליזמ“. פונקט ווי אינ 1912 יאָר, איז אקסעלראָד פאר דער ווײַטער, ווײַטער צוקונפט גרייט אונטערצוטראָגנ די סאמע רעוואָליוציאָנערע פראזעס, אויב דער קינפטיקער אינטערנאציאָנאל וועט „ארויסטרעטנ (קעגנ דער רעגירונג, אינ פאל פונ א מילכאָמע) אונ וועט אויפהייבנ א רעוואָליוציאָנערנ שטורעמ“. זאָגט נאָר, איכ בעט אײַכ, ווי דרייסט מיר זײַנענ עס! אָבער ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ דעמ, אז מע זאָל א י צ ט שטיצנ אונ פאנאנדערוויקלענ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אויפברויז, וואָס הייבט זיכ אָנ אינ די מאסנ, ענטפערט אקסעלראָד, אז די דאָזיקע טאקטיק פונ רעוואָליוציאָנערע מאסנ=ארויס=

[1] אינ אָריגינאל — мытарь. א י ב ע ר ז.

טרעטונגענ „וואָלט נאָכ געהאַט א געוויסע באַרעכטיקונג, ווענ מיר וואָלטנ געשטאַנענ דירעקט ערעוו א סאָציאַלער רעוואָליוציע, פּונקט ווי דאָס איז, לעמאָשל, געווענ אינ רוסלאַנד, ווי די סטודענטישע אומרוענ פונ 1901 יאָר האָבנ אָנגעזאָגט, אז עס דערנענטערנ זיכ אנטשיידענע שלאַכטנ קעגנ דעמ „אַבסאָליוטיזמ“. אונ אינ געגנוואַרטיקנ מאָמענט ווידער זײַנענ דאָס אלץ „אוטאָפּיעס“, „באַקוניזמ“ אאַוו., אבסאָליוט אינ גײַסט פונ קאָלב, דאַוויד, זידעקומ אונ לעגינ.

דער ליבנסווירדיקסטער אקסעלראָד פאַרגעסט נאָר, אז אינ 1901 יאָר האָט אינ רוסלאַנד קיינער ניט געוווסט אונ ניט געקאָנט וויסנ, אז די ערשטע „אנטשיידענע שלאַכט“ וועט קומענ אינ פיר יאָר ארומ, — פאַרגעסט ניט: אינ פ י ר יאָר ארומ — אונ וועט בלײַבנ „נ י ט געלייזט“. אונ פונדעסטוועגנ זײַנענ נאָר מיר, די רעוואָליוציאָנערע מארקסיסטנ, געווענ דעמאָלט גערעכט: מיר האָבנ אויסגעלאַכט די קריטשעווסקיס אונ מארטינאָווס, וואָס האָבנ גערופנ טייקעפ צומ שטורעמ. מיר האָבנ בלויז געראָטנ די ארבעטער, זיי זאָלנ אומעטומ געבנ אינ קארק די אָפּאָרטוניסטנ אונ זאָלנ מיט אלע קויכעס שטיצנ, פאַרשאַרפנ אונ פאַרברייטערנ די דעמאָנסטראַציעס אונ אנדערע רעוואָליוציאָנערע מאסנ-ארויסטרעטונגענ. פולשטענדיק אנאַלאָגיש איז די איצטיקע לאַגע אינ אייראָפּע: ס'וואָלט געווענ אַנ אומזינ רופנ „טייקעפ“ צומ שטורעמ. עס וואָלט אָבער געווענ א שאַנד צו טראָגנ דעמ נאָמענ סאָציאַל-דעמאָקראַט אונ ניט ראָטנ די ארבעטער, זיי זאָלנ אָפּרײַסנ מיט די אָפּאָרטוניסטנ אונ זאָלנ מיט אלע קויכעס פאַרפעסטיקנ, פאַרטיפערנ, פאַרברייטערנ אונ פאַרשאַרפנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, וואָס הייבט זיכ אָנ, אונ די דעמאָנסטראַציעס. א רעוואָליוציע פאַלט קיינמאָל ניט אַראָפּ פונ הימל אינגאַנצנ א פאַרטיקע, אונ אינ אָנהייב פונ רעוואָליוציאָנערנ אויפברויז ווייסט קיינער קיינמאָל ניט, צי וועט דער דאָזיקער אויפברויז ברענגענ צו א „ווירקלעכער“, צו אַנ „עמעסדיקער“ רעוואָליוציע אונ ווענ דאָס וועט זײַנ. קאַוטסקי אונ אקסעלראָד גיבנ די ארבעטער אלטע, אויסגעדראָשענע, קאָנטררעוואָליוציאָנערע אייצעס. קאַוטסקי אונ אקסעלראָד שפּײַזנ די מאסנ מיט דער האָפענונג, אז דער ק ו מ ע נ ד י ק ע ר אינטערנאציאָנאַל וועט שוינ אָפּ געוויס זײַנ רעוואָליוציאָנער, — אבי נאָר א י צ ט אָפּהיטנ, צודעקנ אונ צופּוצנ די הערשאַפט פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ — פונ די לעגינס, דאַווידס, וואַנדערוועלדעס, הײַנדמאַנס. איז דענ ניט קלאָר, אז די „איינהײַט“ מיט לעגינענ אונ קאָמפּ. איז דאָס בעסטע מיטל אָפּ צוגרייטנ דעמ „קומענדיקנ“ רעוואָליוציאָנערנ אינטערנאציאָנאַל?

„די שטרעבונג צו פאַרוואַנדלענ די וועלט-מילכאָמע אינ א בירגערקריג וואָלט געווענ א מעשוגאַס“, — דערקלערט דער לידער פונ די דײַטשישע אָפּאָרטוניסטנ ד א ו ו י ד („Die Sozialdemokratie und der Weltkrieg“ — „די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אונ די וועלט-מילכאָמע“, 1915, ז. 172), ענטפערנדיק אפנ מאַניפעסט פונעמ צענטראַל-קאָמיטעט פונ אונדזער פּארטיי פונ 1-טנ נאָיאַבער 1914 יאָר. אינעמ דאָזיקנ מאַניפעסט איז צווישנ אנדערס געזאָגט געוואָרנ:

„ווי גרויס עס זאָלנ אינ דער אָדער אינ יענער מינוט ניט אויסזענ די שוועריקייטנ פונ אזא פאַרוואַנדלונג, וועלנ די סאָציאַליסטנ, ווײַבאַלד די מילכאָמע איז געוואָרנ א פאַקט,

קיינמאָל זיכ ניט אָפּזאָגנ פונ סיסטעמאַטישער, אקשאָנעסדיקער אונ אָנופהערלעכער צוגרוי=טונגס=אַרבעט אינ דער דאָזיקער ריכטונג"[1].

(ציטירט אויכ בא דאַווידנ, ז. 171). א כוידעש פאַר דעמ, איידער דאַווידס בוכ איז דערשינענ, האָט אונדזער פּאַרטיי פאַרעפנטלעכט די רעזאָליוציעס, אינ וועלכע די „סיסטעמאַטישע צוגרייטונג" איז דערקלערט געוואָרנ אַזוי: 1. גיט שטימענ פאַר קרע=דיטנ. 2. צערייסנ דעמ בירגער=פרידנ. 3. שאַפנ אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. 4. שטיצנ די סאָלידאַריטעט=אויסדרוקנ אינ די אָקאָפּעס. 5. שטיצנ אַלע רעוואָליוציאָנערע מאַסנ=אַרויסטרעטונגענ[2].

דאַוויד איז קימאַט פונקט אַזוי דרייסט, ווי אַקסעלראָד: אינ 1912 יאָר האָט ער ניט געהאַלטנ פאַר קיינ „מעשוגאַס" אינ פאַל פונ א מילכאָמע צו פאַרופנ זיכ אָפ דער פאַריזשער קאָמונע.

פּלעכאַנאָוו, א טיפּישער פאָרשטייער פונ די אַנטאַנטישע סאָציאַל=שאָוויניסטנ, האַלט וועגנ דער רעוואָליוציאָנערער טאַקטיק פונקט אַזאַ מיינונג ווי דאַוויד. ער רופט די רעוואָליוציאָנערע טאַקטיק „טרוימענ=פאַרס". נאָר לאָמיר הערנ, וואָס עס זאָגט קאָלב, אַנ אויסגעשפּראָכענער אָפּאָרטוניסט; ער האָט געשריבנ: „דער רעזולטאַט פונ דער טאַקטיק פונ די מענטשנ, וואָס געהערנ צו ליבקנעכטס סוויווע, וואָלט געווענ א קאַמפ אינעווייניק אינ דער דייטשישער נאַציע, א קאַמפ, וואָס וואָלט דערפירט גע=וואָרנ ביז צומ זיד=פונקט". („Die Sozialdemokratie am Scheidewege"—„די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אָפנ שייד=וועג", ז. 50.)

וואָס איז אָבער אַזוינס א קאַמפ, וואָס איז דערפירט געוואָרנ ביז צומ זיד=פונקט, אויב ניט קיינ בירגערקריג?

ווענ די טאַקטיק פונ אונדזער צק, וואָס פאַלט צונויפ אינ אירע גרונט=שטריכנ מיט דער טאַקטיק פונ דער צימערוואַלדער לינקער, וואָלט געווענ א „מעשוגאַס", א „טרוימ", אַנ „אַוואַנטיורע", „באַקוניזמ" — ווי דאָס האָבנ באַהויפּט האַוויד, פּלע=כאַנאָוו, אַקסעלראָד, קאַוטסקי אאַ. — וואָלט זי קיינמאָל ניט געקאָנט ברענגענ „צו א קאַמפ אינעווייניק אינ די נאַציעס", נאָכ מער — צו א קאַמפ, וואָס איז דערפירט געוואָרנ ביז צומ זיד=פונקט. אַנאַרכיסטישע פראַזעס האָבנ אינ ערגעצ אינ דער וועלט ניט דערפירט צו קיינ קאַמפ אינעווייניק אינ דער נאַציע. דערפאַר אָבער באַווייזנ די פאַקטנ, אַז גראָד אינ 1915 יאָר, אָפנ באָדנ פונ דעמ קריזיס, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערופנ, וואַקסט די רעוואָליוציאָנערע יוירונג אינ די מאַסנ, עס וואַקסט די צאָל שטרייקנ אונ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס אינ רוסלאַנד, די צאָל שטרייקנ אינ איטאַליע אונ ענגלאַנד, די הונגער=דעמאָנסטראַציעס אונ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס אינ דייטשלאַנד. איז דאָס דענ ניט קיינ אָנהייב פונ רעוואָליוציאָ=נערע מאַסנ=אַרויסטרעטונגענ?

פאַרפעסטיקנ, אַנטוויקלענ, פאַרברייטערנ, פאַרשאַרפנ די רעוואָליוציאָנערע מאַסנ=אַקציעס, שאַפנ אומלעגאַלע אָרגאַני=זאַציעס, וואָס מיכוץ זיי איז אַפילע אינ די „פרייע" לענדער ניטאָ קיינ מעגלעכ=

[1] זע דעמ דאָזיקנ באַנד, ז. 316. רעד.

[2] זע ווערק, ב. XVIII, ז. 126. רעד.

קעמט צו זאָגנ די פאָלקס=מאסנ דעמ עמעס: אַז דאָס איז די גאַנצע פּראַקטישע פּראָגראַמ פונ דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אינ דער דאָזיקער מילכאָמע. אַלדאָס איבעריקע איז ליגנ אָדער פראַזע, מיט וואָס פאַראַפּאָרטוניסטישע אָדער פּאַציפיסטישע טעאָריעס עס זאָל ניט זײַנ באַפּוצט[1].

ווענ מע זאָגט אונדז, אַז די דאָזיקע „רוסישע טאַקטיק“ (דאַווידס אַנ אויסדרוק) פּאַסט ניט פאַר אייראָפּע, ענטפערנ מיר געוויינלעכ מיט אַנ אָנווײַזונג אַפ פאַקטנ. דעמ 30=טנ נאָיאַבער איז אינ בערלינ אינ פּרעזידיומ פונ דער פּאַרטיי געקומענ אַ דעפּוטאַציע פונ אונדזערע כאַווערטעס, בערלינער פרויענ, און האָט דערקלערט, „אַז איצט, ווענ ס'איז פאַראַנ אַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט, קאָנ מענ אַ סאַכ גרינגער, איידער אינ די צײַטנ פונעמ אַנטיסאָציאַליסטנ=געזעצ, פאַרשפּרייטנ אומלעגאַלע בראָשורנ און פּראָקלאַמאַציעס און אָרגאַניזירנ „ניט דערלויבטע פאַרזאַמלונגענ“. „קייג מאַנגל אינ מיטלענ און ווענג איז ניטאָ, נאָר ס'איז, קאָנטיק, ניטאָ קיינ ווילשעק“. („Berner Tagwacht“, 1915 יאָר, נומ. 271.)

זײַנענ דענ אַט די שלעכטע כאַווערטעס אַראָפּגעפירט געוואָרנ פונ גלײַכנ וועג דורכ די רוסישע „סעקטאַנטנ“ אאַוו.? זײַנענ דענ דיווירקלעכע מאַסנ פאַרטראָטנ ניט דורכ די דאָזיקע כאַווערטעס, נאָר דורכ לעגינענ און קאַוטסקינ? דורכ לעגינענ, וואָס האָט אינ זײַנ באַריכט דעמ 27=טנ יאַנוואַר 1915 יאָר געשאָטנ פּעכ און שוועבל אַפ דער „אַנאַרכיסטישער“ אידיי צו שאַפנ אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס; דורכ קאַוטסקינ, וועלכער איז געוואָרנ אַ קאָנטררעוואָליוציאָנער אַפ אַזויפיל, אַז דעמ 26=טנ נאָיאַבער, מיט פיר טעג פאַר דער צענטויזנטקעפּיקער דעמאָנסטראַציע אינ בערלינ, האָט ער קוואַליפיצירט די גאַסנ=דעמאָנסטראַציעס ווי אַנ „אַוואַנטיורע“!!

גענוג פראַזעס, גענוג פּראָסטיטוירטנ מאַרקסיזמ à la קאַוטסקי! נאָכ 25 יאָר עקזיסטענצ פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל, נאָכנ באַזעלער מאַניפעסט וועלנ די אַרבעטער מער ניט גלייבנ אינ קיינ פראַזעס. דער אָפּאָרטוניזמ איז איבערצײַטיק געוואָרנ, ער איז ענדגילטיק אַריבער אינ לאַגער פונ דער בורזשואַזיע און האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ סאָציאַל=שאָוויניזמ: גײַסטיק און פּאָליטיש האָט ער אײַנגעריסנ מיט דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע. ער וועט אײַנרײַסנ מיט איר אויכ אָרגאַניזאַציאָנעל. די אַרבעטער פאָדערנ שוינ „אומלעגאַלע“ בראָשורנ און „ניט=דערלויבטע“ פאַרזאַמלונגענ, דה. געהיימע אָרגאַניזאַציעס אַפ צו שטיצנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ די מאַסנ. נאָר אַזאַ „מילכאָמע“ איז אַ סאָציאַל=דעמאָקראַטישער טאַט און ניט קיינ פראַזע. און ניט געקוקט אַפ אַלע שוועריקײַטנ, צײַטווײַליקע מאַפּאָלעס, פעלערנ, טאָעסנ, איבערײַסנ, וועט דער דאָזיקער טאַט ברענגענ די מענטשהײַט צו אַ זיגרײַכער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

[1] אַפנ בערנער אינטערנאַציאָנאַלנ פרויענ=קאָנגרעס אינ מאַרט 1915 יאָר האָבנ די פאַרשטייערנס פונ צק פונ אונדזער פּאַרטיי אָנגעוויזנ אַפ דער אַבסאָליוטער נויטווענדיקײַט צו שאַפנ אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ. די ענגלענדערנס האָבנ געלאַכט פונ דעמ דאָזיקנ פאָרשלאָג און גערימט די ענגלישע „פרײַהײַט“. אָבער אינ עטלעכע כאַדאָשימ אַרומ האָבנ מיר דערהאַלטנ ענגלישע צײַטונגענ, ווי, לעמאַשל, דעמ „Labour Leader“ מיט ווײַסע פלעקנ, דערנאָכ זײַנענ אָנגעקומענ ידיעס וועגנ פּאָליציייִשע אָביסקנ, קאָנפיסקאַציעס פונ בראָשורנ, אַרעסטנ און דראַקאָנישע אורטיילנ קעגנ כאַווײרימ, וועלכע האָבנ גערעדט אינ ענגלאַנד וועגנ שאָלעמ, בלויז וועגנ שאָלעמ!

דער אימפעריאליזמ אלס העכסטע סטאדיע פונ קאפיטאליזמ

(פאפולערער עטיוד)[1]

פאָרוואָרט

די בראָשור, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דער אופמערקזאמקייט פונעמ לייענער, האָב איכ אָנגעשריבנ אינ פרילינג 1916 יאָר אינ ציריכ. בא די דאָרטיקע ארבעט־באדינגונגענ איז מיר, באטירלעכ, אויסגעקומענ צו ליידנ פונ א געוויסנ מאנגל אינ פראנצויזישער אונ ענגלישער ליטעראטור אונ פונ גאָר א גרויסנ מאנגל אינ רוסישער ליטעראטור. דאָכ אָבער האָב איכ דאָס ענגלישע הויפט־ווערק וועגנ אימפעריאליזמ — דזש. א. האָבסאָנס בוכ — אויסגענוצט מיט דער אופמערקזאמקייט, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק פארדינט, לויט מיינ איבערצייגונג.

די בראָשור איז געווענ געשריבנ, האָבנדיק אינ זינענ, אז זי וועט דורכגיינ די צארישע צענזור. איכ בינ דעריבער געווענ ניט נאָר געצוווּנגענ צו באגרענעצנ זיכ אפנ שטרענגסטנ אויפנ אויסשליסלעכ מיט א טעאָרעטישנ — באזונדערס מיט אנ עקאָנאָמישנ — אנאליז, נאָר אויכ צו פאָרמולירנ די ניימיקע ניט פילצאָליקע באמערקונגענ וועגנ פאָליטיק מיט גוואלדיקער פאָרזיכטיקייט, מיט אָנדייטונגענ, אינ דער עזאָפישער — דער פארשאָלטענער עזאָפישער — שפראכ, וואָס דער צאריזמ האָט געצוווּנגענ אָנקומענ צו איר אלע רעוואָליוציאָנערנ, ווענ זיי פלעגנ נאָר נעמענ די פענ אינ האנט אפ צו שרייבנ א „לעגאל“ ווערק.

ס'איז שווער איצט, אינ די טעג פונ פרייהייט, ווידער צו לייענענ אָט די שטעלנ פונ דער בראָשור, וואָס זיינענ מאכמעס דעמ געדאנק וועגנ דער צארישער צענזור פארקריפלט, צונויפגעפרעסט, ארייַנגעקוועטשט אינ אנ אייַזערנעמ קלעמ. וועגנ דעמ, אז דער אימפעריאליזמ איז דער ערעוו פונ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע, וועגנ דעמ, אז דער סאָציאל־שאָוויניזמ (סאָציאליזמ מיטנ מויל אונ שאָוויניזמ אינ טאט) איז א פולשטענדיקער פאראט קעגנ דעמ סאָציאליזמ, א פולשטענדיקער אריבערגאנג אפ דער זייט פונ דער בורזשואזיע, אז די דאָזיקע שפאלטונג אינ דער ארבעטערבאוועגונג איז פארבונדנ מיט די אָביעקטיווע באדינגונגענ פונעמ אימפעריאליזמ

---

[1] דער בוכ איז אָנגעשריבנ אינ יאנוואר—יול 1916 יאָר, צומ ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט אינ אפרעל 1917 יאָר אינ פעטראָגראד אונטערנ נאָמענ: נ. לענינ (וול. אילינ). „אימפעריאליזמ אלס נייַסטער עטאפ פונ קאפיטאליזמ“. רעד.

ארג. — איז מיר אויסגעקומען צו ריידן מיט א „קנעכטישער" שפראך, און איך בין געצוואונגען אפצושיקן דעם לייענער, וואס אינטערעסירט זיך מיט דער פראגע, צו דער נייער אויפלאגע פון מיינע אויסלענדישע ארטיקלען פון די יארן 1914—1917, וואס וועט אינגיכן דערשיינען. באזונדערס איז ווערט צו פארצייכענען איין שטעל, אף דער זייט 119—120[1]: קעדיי צו דערקלערן דעם לייענער אין א צענזור־פארם, ווי אומפארשעמט די קאפיטאליסטן און די סאציאל־שאוויניסטן, וועלכע זיינען ארי־בער אף זייער זייט (און קעגן וועלכע קאוטסקי קעמפט אזוי ניט קאנסעקווענט), ליגן אין דער פראגע וועגן אנעקסיעס, ווי אומפארשעמט זיי דעקן צו די אנעק־סיעס פון זייערע קאפיטאליסטן, בין איך געצוואונגען געווען צו נעמען פאר א ביישפיל... יאפאניע! אן אויפמערקזאמער לייענער וועט דעם נאמען יאפאניע גרינג פארבייטן מיט רוסלאנד, און קארייע — מיט פינלאנד, פוילן, קורלאנד, אוקראינע, כיווע, בוכארא, עסטלאנד און די איבעריקע געביטן, וואס זיינען באזעצט ניט מיט קיין גרויסרוסן.

איך וואלט געוואלט האפן, אז מיין בראשור וועט מיטהעלפן זיך פאנאנדערצו־קלייבן אין דער עקאנאמישער גרונט־פראגע, וואס ניט דערלערנענדיק זי, קאן מען גארנישט ניט פארשטיין אין דער אפשאצונג פון דער איצטיקער מילכאמע און פון דער איצטיקער פאליטיק, נעמלעך: אין דער פראגע וועגן דעם עקאנאמישן טאך פו־נעם אימפעריאליזם.

דער אוטאר.

פעטראגראד.
26 אפריל 1917 יאר.

[1] זע אונטעם דאזיקן באנד, ז. 440. רעד.

פאָרוואָרט צו דער פראַנצויזישער אונ דײַטשישער אויסגאַבע

I

דאָס דאָזיקע ביכל איז, ווי עס איז אָנגעוויזנ אינעמ פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאַבע, אָנגעשריבנ געוואָרנ אינ 1916 יאָר, האַלטנדיק אינ זינענ, אַז עס וועט דורכגײנ די צאַרישע צענזור. איכ האָב ניט די מעגלעכקייט איבערצומאַכנ איצטנד דעמ גאַנצנ טעקסט, אונ דאָס וואָלט עפּשער געווענ ניט צוועקמעסיק אויכ, ווײַל די גרונט-אויפגאַבע פונ דעמ בוכ איז געווענ אונ בלײַבט: אַפנ סמאַכ פונ די סאַכאַקל-אָנגאַבנ פונ זיכערער בורזשואַזער סטאַטיסטיק אונ אַפנ סמאַכ פונ די אָנערקענונגענ פונ די בורזשואַזע געלערנטע פונ אַלע לענדער, באַווײַזנ, ווי עס האָט אינ דער *אונטערשטער שורה אויסגעזענ* די אַלוועלטלעכע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, אינ אירע צווישנפעלקערלעכע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישנ, אינ אָנהייב 20-טנ יאָרהונדערט, ערעוו דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע.

אַפנ בײַשפּיל פונ דעמ דאָזיקנ, *פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער רוסישער צענזור לעגאַלנ*, ביכל, וועט טיילווײַז אַפילע פאַר אַ סאַכ קאָמוניסטנ פונ די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער גאַנצ נוצלעכ זײַנ צו איבערצײַגנ זיכ, אַז עס איז מעגלעכ — אונ נייטיק — אויסצונוצנ אַפילע יענע שוואַכע רעשטנ פונ לעגאַלקייט, וואָס בלײַבנ נאָכ פאַר די קאָמוניסטנ, לאָמיר זאָגנ, אינ דער הײַנטיקער אַמעריקע אָדער פראַנקרײַכ נאָכ דעמ, ווי מע האָט דאָרט ניט לאַנג אַרעסטירט קימאַט אַלע קאָמוניסטנ, — אויסצונוצנ זיי, כדי אויפצודעקנ די גאַנצע פאַלשקייט פונ די סאָציאַל-פאַציפיסטישע אָנשויונגענ אונ פונ זייערע האָפענונגענ אַפ אַנ „אַלוועלטלעכער דעמאָקראַטיע". די סאַמע נייטיקע דערגאַנצונגענ ווידער צומ דאָזיקנ צענזורירטנ ביכל וועל איכ זיכ פרווונ געבנ אינעמ איצטיקנ פאָרוואָרט.

II

אינעמ ביכל איז דערוויזנ געוואָרנ, אַז די מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1918 איז פונ בײדע צדאָדימ געווענ אַנ אימפּעריאַליסטישע (ד. ה. אַ פאַרכאַפּערישע, אַ רויבערישע, אַ גאַזלאָנישע) מילכאָמע, אַ מילכאָמע פאַר צעטיילנ די וועלט, פאַרנ פאַרטיילנ אונ איבערפאַרטיילנ די קאָלאָניעס, די „אײַנפלוס-ספערנ" פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל אאַוו.

וואָרעמ דער באַווײַז פונ דעמ, ווי עס זעט אויס דער עמעסער סאָציאַלער כאַראַקטער, אָדער ריכטיקער: דער עמעסער קלאַסנ-כאַראַקטער פונ דער מילכאָמע,

ליגט, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט אין דער דיפלאָמאטישער געשיכטע פונעם קריג, נאָר אינעם אנאליז פון דער אָביעקטיווער לאגע פון די הערשנדיקע קלאסן אין אלע מילכאָמע־האלטנדיקע מעלוכעס. קעדיי צו שילדערן די דאָזיקע אָביעקטיווע לאגע, דארף מען נעמען ניט קיין בײַשפילן און ניט קיין באזונדערע אָנגאבן (בא דער גוואלדיקער קאָמפליצירטקײַט פון די דערשײַנונגען פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן קאָן מען שטענדיק אָפזוכן וויפל מע וויל בײַשפילן אָדער באזונדערע אָנגאבן אפ צו באשטעטיקן וואָס פאר א האנאָכע מע זאָל נאָר וועלן), נאָר אומבאדינגט דעם גאנצן סכום אָנגאבן וועגן די יעסוידעס פונעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון אלע מילכאָמע־האלטנדיקע מעלוכעס און פון דער גאנצער וועלט.

גראָד אזוינע סאכאקל־אָנגאבן, וואָס קאָנען ניט אָפגעפרעגט ווערן, האָב איך געבראכט אין דעם בילד, וואָס שילדערט די פארטיילונג פון דער וועלט אין די יאָרן 1876 און 1914 (אינעם § 6) און די פארטיילונג פון די אײַזנבאנען פון דער גאנצער וועלט אין די יאָרן 1890 און 1913 (אינעם § 7). די אײַזנבאנען — דאָס זײַנען די סאכאקלען פון די סאמע וויכטיקסטע צווײַגן פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע, פון דער שטיינקוילן־אינדוסטריע און אײַזן־אינדוסטריע, סאכאקלען — און די סאמע אָנשוילעכע צײַגער פון דער אנטוויקלונג פונעם וועלט־האנדל און פון דער בורזשואז־דעמאָקראטישער ציוויליזאציע. וויאזוי די אײַזנבאנען זײַנען פארבונדן מיט דער גרויס־פראָדוקציע, מיט די מאָנאָפאָליעס, סינדיקאטן, קארטעלן, טרעסטן, בענק, מיט דער פינאנץ־אָליגארכיע, — דאָס איז באוויזן אין די פאָריקע קאפיטלען פונעם בוך. די פארטיילונג פון דער אײַזנבאן־נעץ, די ניט־גלײַכמעסיקײַט פון דער דאָזיקער פארטיילונג, די ניט־גלײַכמעסיקײַט פון איר אנטוויקלונג — דאָס זײַנען די סאכאקלען פונעם הײַנטיקן, מאָנאָפאָליסטישן קאפיטאליזם אינעם אלוועלטלעכן מאסשטאב. און די דאָזיקע סאכאקלען באווײַזן די אבסאָליוטע אומפארמײַדלעכקײַט פון אימפעריאליסטישע מילכאָמעס אפ אזא ווירטשאפטלעכער באזע, קאָלזמאן עס עקזיסטירט דאָס פריוואט־אייגנטום אפ די פראָדוציר־מיטלען.

די בויונג פון אײַזנבאנען זעט אויס צו זײַן א פאָשעטע, נאטירלעכע, דעמאָקראטישע, קולטורעלע, ציוויליזאטאָרישע אונטערנעמונג: אזוי זעט זי אויס אין די אויגן פון די בורזשואזע פראָפעסאָרן, וואָס קריגן באצאָלט פארן צופוצן די קאפיטאליסטישע שקלאפערײַ, און אין די אויגן פון די קליינבירגערלעכע פיליסטערס. פאקטיש האָבן די קאפיטאליסטישע פעדעם, וואָס פארבינדן דורך טויזנטער נעצן די דאָזיקע אונטערנעמונגען מיטן פריוואט־אייגנטום אפ די פראָדוציר־מיטלען ביכלאל, פארוואנדלט די דאָזיקע בויונג אין א געצײַג צו אונטערדריקן א מיליארד מענטשן (די קאָלאָניעס פליוס די האלב־קאָלאָניעס), דה. העכער א העלפט באפעלקערונג פון דער וועלט אין די אָפהענגיקע לענדער און די לוין־שקלאפן פונעם קאפיטאל אין די „ציוויליזירטע“ לענדער.

פריוואט־אייגנטום, וואָס איז באזירט אפ דער ארבעט פונעם קליין־אונטערנעמער, פרײַע קאָנקורענץ, דעמאָקראטיע, — אָט די אלע לאָזונגען, מיט וועלכע די קאפיטאליסטן און זייער פרעסע באשווינדלען די ארבעטער און פויערים, געהערן שוין צו דער ווײַטער פארגאנגענהײַט. דער קאפיטאליזם איז אריבערגעוואָקסן אין אן אל־

וועלטלעכער סיסטעם פון קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג און פינאַנציעלע דערשטיקונג די ריזיקע מערהייט באַפעלקערונג פון דער וועלט מיצאַד אַ הויפל „פאָרגעשריטענע“ לענדער. און די פאַרטיילונג פונעם דאָזיקן „רויב“ קומט פאָר צווישן אַ 2—3 אַלוועלטלעך מעכטיקע, פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטע רויבער (אַמעריקע, ענגלאַנד, יאַפּאַניע), וואָס ציִען אַרײַן די גאַנצע וועלט אין זייער מילכאָמע פאַר דער פאַרטיילונג פון זייער רויב.

III

דער בריסקער שאָלעם, וועלכן עס האָט דיקטירט דאָס מאָנאַרכיסטישע דײַטשלאַנד, און שפּעטער דער נאָך מער בעסטיאַלישער און נידערטרעכטיקער ווערסאַלער שאָלעם, וועלכן עס האָבן דיקטירט די „דעמאָקראַטישע“ רעפּובליקן, אַמעריקע און פראַנקרײַך, ווי אויך דאָס „פרײַע“ ענגלאַנד, — האָבן געבראַכט דער מענטשהײַט די גרעסטע נוצן, ווײַל זיי האָבן דעמאַסקירט סײַ די געדונגענע טינט-קוליס פונעם אימפעריאַליזם סײַ די רעאַקציאָנערע קלײנבירגער, — אויב אַפילו יענע רופן זיך פאַציפיסטן און סאָציאַליסטן, — וואָס האָבן באַזונגען דעם „ווילסאָניזם“ און געוואָלט דערווײַזן די מעגלעכקײַט פון שאָלעם און רעפאָרמעס בײַם אימפעריאַליזם.

די צענדליקער מיליאָנען טויטע קערפּערס און קאַליקעס, וועלכע עס האָט געלאָזן די מילכאָמע, אַ מילכאָמע איבער דעם, ווער עס דאַרף באַקומען מער רויב, — די ענגלישע גרופּע פינאַנציעלע רויבער צי די דײַטשישע, — און דערנאָך די דאָזיקע צוויי „שאָלעם-אָפּמאַכן“ עפענען מיט אַ פריִער אומגעזעענער גיכקײַט די אויגן בײַ מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען דערשלאָגענע, צוגעדריקטע, אָפּגענאַרטע און דורך דער בורזשואַזיע באַשווינדלטע מענטשן. אַזוי באָדן פון דעם אַלוועלטלעכן חורבן, וואָס די מילכאָמע האָט געשאַפן, וואַקסט אַזויאַרום אַן אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער קריזיס, וואָס ווי לאַנג און שווער עס זאָלן ניט זײַן די פּעריפּעטיעס, וואָס ער וועט דורכמאַכן, קאָן ער זיך ניט ענדיקן אַנדערש, ווי נאָר מיט אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און מיט איר ניצאָכן.

דער באַזעלער מאַניפעסט פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אין 1912 יאָר געגעבן אַן אָפּשאַצונג טאַקע פון דער מילכאָמע, וואָס איז געקומען אין 1914 יאָר, און ניט פון סטאַם אַ מילכאָמע (מילכאָמעס קאָנען זײַן פאַרשיידענע, עס קאָנען זײַן אויך רעוואָלוציאָנערע), דער דאָזיקער מאַניפעסט איז געבליבן אַ דענקמאָל, וואָס דעמאַסקירט דעם גאַנצן שענדלעכן קראַך, די גאַנצע רענעגאַטישקײַט פון די העלדן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל.

דעריבער דרוק איך איבער דעם דאָזיקן מאַניפעסט אין דער בײַלאַגע צו דער איצטיקער אויסגאַבע און איך ווענד נאָך אַ מאָל די אויפמערקזאַמקײַט פון די לייענער אָפּ דעם, אַז פּונקט ווי אַ גאַנעוו מײַדט אויס דאָס אָרט, וווּ ער איז באַגאַנגען אַ גנייווע, פּונקט אַזוי זאָרגזאַם מײַדן די העלדן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל אויס צו דערמאָנען יענע שטעלן פונעם דאָזיקן מאַניפעסט, וווּ עס רעדט זיך גענוי, קלאָר, דירעקט וועגן דעם צוזאַמענהאַנג טאַקע פון אָט דער קומענדיקער מילכאָמע מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

IV

באזונדערס איז אינ דעמ דאָזיקנ ביכל געלייגט געוואָרנ אכט אפ קריטיקירנ דעמ „קאוטסקיאניזמ", די אינטערנאציאָנאלע אידייִשע שטרעמונג, וואָס איז אינ אלע לענדער פונ דער וועלט פארטראָטנ דורכ די „אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער", די פירער פונעמ II אינטערנאציאָנאל (אינ עסטרייכ — אָטאָ באוער עט קאָמפ., אינ ענגלאנד — ראמסיי מאקדאָנאלד אא., אינ פראנקרייכ — אלבער טאָמא אאוו. אדג.), אונ דורכ דער מאסע סאָציאליסטנ, רעפאָרמיסטנ, פאציפיסטנ, בורזשואזע דעמאָקראטנ, גאלאָכימ.

די דאָזיקע אידייִשע שטרעמונג איז, פונ איינ זײט, א פראָדוקט פונ דער צעלייגונג, פונ דער פוילונג פונעמ II אינטערנאציאָנאל אונ, פונ דער צווייטער זײט — א אומפארמײדלעכע פרוכט פונ דער אידעאָלאָגיע פונ די קליינ-בורזשוא, וואָס אלע לעבנס-אומשטענדנ האלטנ זיי אינ געפאנגענשאפט בא די בורזשואזע אונ דעמאָקראטישע פאָרורטיילנ.

בא קאוטסקינ אונ זײנ גלײכנ באטײטנ אזעלכע אָנשוייונגענ — פולשטענדיק אָפזאָגנ זיכ גראָד פונ יענע רעוואָליוציאָנערע יעסוידעס פונעמ מארקסיזמ, וועלכע דער דאָזיקער שרײבער האָט פארטיידיקט אינ מעשעכ פונ צענדליקער יאָרנ, ספּעציעל, אגעוו, אינעמ קאמפ קעגנ דעמ סאָציאליסטישנ אָפּאָרטוניזמ (פונ בערנשטיינ, מיליעראנ, הײנדמאנ, גאָמפערס אדג.). ס'איז דעריבער ניט צופעליק, וואָס אינ דער גאנצער וועלט האָבנ זיכ איצט די „קאוטסקיאנער" פראקטיש-פּאָליטיש פאראייניקט מיט די עקסטרעמע אָפּאָרטוניסטנ (דורכנ II אָדער געלנ אינטערנאציאָנאל) אונ מיט די בורזשואזע רעגירונגענ (דורכ די בורזשואזע קאָאליציע-רעגירונגענ מיטנ אָנטייל פונ די סאָציאליסטנ).

די פּראָלעטארישע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג ביכלאל, וואָס וואקסט אינ דער גאנצער וועלט, די קאָמוניסטישע באוועגונג באזונדערס, קאָנ זיכ ניט באגיינ אָנ א אנאליז אונ אָנ א דעמאסקירונג פונ די טעאָרעטישע פעלערנ פונעמ „קאוטסקיאניזמ". ביפראט נאָכ, אז דער פאציפיזמ אונ דער „דעמאָקראטיזמ" ביכלאל, וואָס פרעטענדירנ לאכלוטנ ניט אפ מארקסיזמ, נאָר פונקט ווי קאוטסקי עט קאָמפ. ווילנ זיי פארטושירנ די טיפקײט פונ די ווידערשפרוכנ אינעמ אימפעריאליזמ אונ די אומפארמײדלעכקײט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס, וועלכנ ער האָט ארויסגערופנ, — די דאָזיקע שטרעמונגענ זײנענ נאָכ אויסערגעוויינלעכ שטארק פארשפרייט אינ דער גאנצער וועלט. אונ דער קאמפ קעגנ די דאָזיקע שטרעמונגענ איז אָבליגאטאָריש פאר דער פּארטיי פונעמ פּראָלעטאריאט, וועלכע דארפ אויסקעמפנ בא דער בורזשואזיע די דורכ איר באשווינדלטע קליינ-אייגנטימער אונ די מיליאָנענ ארבעטנדיקע, וואָס זײנענ אוועקגעשטעלט אינ מער אָדער ווייניקער קליינבירגערלעכע לעבנס-באדינגונגענ.

V

מע מוז זאָגנ עטלעכע ווערטער וועגנ דעמ קאפיטל VIII: „דער פּאראזיטיזמ אונ די פארפוילונג פונעמ קאפיטאליזמ". ווי עס איז שוינ פארצייכנט אינעמ טעקסט פונעמ בוכ, האָט הילפערדינג, דער געוועזענער „מארקסיסט", איצט קאוטסקיס א

מיטקעמפער אונ אייגער פונ די הויפט=פאָרשטייער פונ דער בורזשואזער, רעפאָרמיסטישער פאָליטיק אינ דער „אומאָפהענגיקער סאָציאל=דעמאָקראטישער פארטיי פונ דייטשלאנד“, געמאכט אינ דער האָזיקער פראגע א שריט צוריק אינ פארגלייכ מיטנ אָפענעמ פאציפיסט אונ רעפאָרמיסט, דעמ ענגלענדער האָבסאָנ. די אינטערנאציאָנאלע שפאלטונג פונ דער גאנצער ארבעטער=באוועגונג איז שוינ איצט פולשטענדיק קלאָר (דער II אונ III אינטערנאציאָנאל). עס איז קלאָר אויכ דער פאקט, אז צווישנ אָט די ביידע שטרעמונגענ גייט א באוואָפנטער קאמפ אונ א בירגערקריג: די מענשעוויקעס אונ די „סאָציאליסטנ=רעוואָליוציאָנערנ“ אינ רוסלאנד שטיצנ קאָלטשאקנ אונ דעניקינענ קעגנ די באָלשעוויקעס, די שיידעמאנאָווצעס אונ נאָסקע עט קאָמפ. אינ דייטשלאנד גייענ אינאיינעמ מיט דער בורזשואזיע קעגנ די ספארטאקאָווצעס, דאָס זעלבע איז אינ פינלאנד, אינ פוילנ, אינ אונגארנ אאוו. אינ וואָס זשע באשטייט דער עקאָנאָמישער יסוד פונ אָט דער אלוועלטלעכ=היסטאָרישער דערשיינונג?

טאקע אינעמ פאראזיטיזמ אונ אינ דער פארפוילונג פונעמ קאפיטאליזמ, וואָס זיינענ כאראקטעריסטיש פאר זיינ העכסטער היסטאָרישער סטאדיע, דה. פארנ אימפעריאליזמ. ווי עס איז דערוויזנ אינעמ דאָזיקנ ביכל, האָט איצט דער קאפיטאליזמ אויסגעטיילט א הייפל (ווייניקער פונ א צענטל באפעלקערונג פונ דער וועלט, אונ באמ סאמע „ברייטהארציקנ“ אונ גוזמעדיקנ כעזשבנ ווייניקער פונ א פינפטל) באזונדערס רייכע אונ מעכטיקע מלוכעס, וואָס באראבעווענ—פאָשעט „שניידנדיק קופאָנעס“ — די גאנצע וועלט. דער עקספאָרט פונ קאפיטאל גיט בא 8—10 מיליארד פראנק רעווענ א יאָר, לויט די פארמילכאָמעדיקע פרייזנ אונ לויט דער פארמילכאָמעדיקער בורזשואזער סטאטיסטיק. איצט, פארשטייט זיכ, א סאכ מער.

ס'איז פארשטענדלעכ, אז פונ אזא ריזיקנ איבערעווענ (ווייל באקומענ ווערט ער איבער דעמ רעווענ, וואָס די קאפיטאליסטנ פרעסנ ארויס פונ די ארבעטער אינעמ „אייגענעמ“ לאנד) קאָנ מענ אונטערקויפנ די ארבעטער=פירער אונ דעמ אויבערשיכט פונ דער ארבעטער=אריסטאָקראטיע. אימ טאקע קויפנ עס אונטער די קאפיטאליסטנ פונ די „פאָרגעשריטענע“ לענדער — זיי קויפנ אימ אונטער מיט טויזנטער מיטלענ, דירעקטע אונ אומדירעקטע, אָפענע אונ פארשטעלטע.

דער דאָזיקער שיכט פארבורזשואזעוועטע ארבעטער אָדער „ארבעטער=אריסטאָקראטיע“, וואָס איז אינגאנצנ באלעבעסלדיק לויט זיינ לעבנסארט, לויט דער גרייס פונ זיינע פארדינסטנ, לויט זיינ גאנצער וועלט=אָנשויונג, — דער דאָזיקער שיכט איז דער הויפט=אָנשפאר פונעמ II אינטערנאציאָנאל, אונ אינ אונדזער צייט איז ער דער סאָציאלער (ניט דער מיליטערישער) הויפט=אָנשפאר פונ דער בורזשואזיע. ווייל דאָס זיינענ עמעסע אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אינ דער ארבעטער=באוועגונג, ארבעטער=פריקאשטשיקעס פונעמ קלאס קאפיטאליסטנ (labor lieutenants of the capitalist class), עמעסע דורכפירער פונעמ רעפאָרמיזמ אונ שאָוויניזמ. אינעמ בירגערקריג צווישנ דעמ פראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע שטעלנ זיי זיכ אומפארמיידלעכ, אינ ניט קיינ קליינער צאָל, אפ דער זייט פונ דער בורזשואזיע, אפ דער זייט פונ די „ווערסאלער“ קעגנ די „קאָמונארנ“.

ניט האָבנדיק פארשטאנענ די עקאָנאָמישע וואָרצלענ פונ דער דאָזיקער דערשיי=

נונג, ניט האָבנדיק אָפּגעשאַצט איר פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג, קאָן מען קיין טראָט ניט מאַכן אָפּגעבן פון לייזן די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פון דער אָנקומענדיקער סאָציאַלער רעוואָליוציע.

דער אימפּעריאַליזם איז דער ערעוו פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט זיך באַשטעטיקט, אָנגעהויבן פונעם 1917 יאָר, אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

נ. לעגין.

6 יול 1920 יאָר.

די לעצטע 15—20 יאָר, באזונדערס נאָכ דער שפאניש-אמעריקאנישער (1898) און נאָכ דער ענגליש-בורישער (1899—1902) מילכאָמעס, שטעלט זיכ די עקאָנאָמישע, ווי אויכ די פּאָליטישע, ליטעראטור פונ דער אלטער און דער נײַער וועלט אלצ אָפטער און אָפטער אָפּ אפנ באגריפ „אימפעריאליזמ", קעדיי צו כאראקטעריזירנ די עפּאָכע, וואָס מיר לעבנ איבער. אינ 1902 יאָר איז אינ לאָנדאָנ און אינ ניו-יאָרק דערשינענ דאָס ווערק פונעמ ענגלישנ עקאָנאָמיסט דזש. א. האָבסאָנ: „אימפעריאליזמ". דער אווטאָר, וואָס שטייט אפנ שטאנדפונקט פונ בורזשואזנ סאָציאל-רעפאָרמיזמ און פאציפיזמ, — א שטאנדפונקט, וואָס געהער, אינ טאָכ גענומענ, צו דער זעלביקער קאטעגאָריע, ווי די איצטיקע פּאָזיציע פונעמ געוועזענעמ מארקסיסט ק. קאוטסקי, — האָט געגעבנ זייער א גוטע און אויספירלעכע באשרייבונג פונ די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גרונט-אייגנטימלעכקייטנ פונעמ אימפעריאליזמ. אינ 1910 יאָר איז אינ ווינ דערשינענ א ווערק פונעמ עסטרייכישנ מארקסיסט רודאָלפ הילפערדינג: „דער פינאנצ-קאפיטאל" (רוסישע איבערזעצונג: מאָסקווע, 1912). ניט געקוקט אפ דעמ אווטאָרס פעלער אינ דער פראגע וועגנ דער געלט-טעאָריע און אפ א געוויסער נטיע צו מאכנ א פשאָרע צווישנ מארקסיזמ און אָפּאָרטוניזמ, איז דאָס דאָזיקע ווערק א העכסט ווערטפולער טעאָרעטישער אנאליז פונ דער „נײַסטער פאזע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ" — אזוי הייסט דאָס אונטערקעפל פונ הילפערדינגס בוכ. אינ טאָכ גענומענ, איז דאָס, וואָס עס איז די לעצטע יאָרנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ אימפעריאליזמ, — באזונדערס אינ דער קאָלאָסאלער צאָל זשורנאל- און צײַטונגס-ארטיקלענ אפ דער דאָזיקער טעמע, ווי אויכ אינ רעזאָליוציעס, ווי לעמאָשל, פונעמ כעמניצער און פונעמ באזעלער קאָנגרעסנ, וועלכע זײַנענ פאָרגעקומענ אינ הארבסט 1912 יאָר, — קוימ אריבערגעטראָטנ דעמ קרײַז אידייענ, וואָס זײַנענ ארויסגעזאָגט אָדער, ריכטיקער, סומירט בא די ביידע אָנגערופענע אווטאָרנ...

ווײַטער וועלנ מיר זיכ פרוּווּנ בעקיצער, אינ א ווי ווײַט מעגלעכ פּאָפּולערער פאָרמ, איבערגעבנ דעמ צוזאמענהאנג און די קעגנזײַטיקע פארהעלטעניש צווישנ די ג ר ו נ ט י ק ע עקאָנאָמישע אייגנטימלעכקייטנ פונעמ אימפעריאליזמ. אפ דער ניט-עקאָנאָמישער זײַט פונעמ איניענ וועט אונדז ניט אויסקומענ אָפּצושטעלנ זיכ, כאָטש זי פארדינט עס שטארק. די אָנווײַזונגענ אפ די ליטעראטור-קוועלנ און אנדערע אָנמערקונגענ, וואָס קאָנענ אינטערעסירנ ניט אלע לייענער, גיבנ מיר צומ סאָפ פונ דער בראָשור.

I. די קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע אונ די מאָנאָפּאָליעס

דער קאָלאָסאלער וווּקס פונ דער אינדוסטריע אונ דער מערקווירדיק גיכער פראָצעס פונ קאָנצענטרירונ די פראָדוקציע אינ אלץ גרעסערע אונטערנעמונגענ זיינענ איינע פונ די סאמע כאראקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטנ פונעם קאפּיטאליזם. די פולסטע אונ פינקטלעכסטע אָנגאבנ וועגנ דעמ דאָזיקנ פראָצעס גיבנ די מאָדערנע אינדוסטריעלע ציילונגענ.

אינ דייטשלאנד, למשל, איז פונ יעדע טויזנט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ געווענ גרויסע, ד.ה. אזעלכע, וואָס האָבנ מער פונ 50 לוינ-ארבעטער, אינ 1882 יאָר — 3; אינ 1895 יאָר — 6 אונ אינ 1907 יאָר — 9. פונ יעדע 100 ארבעטער איז אפנ כיילעק פונ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ אויסגעקומענ: 22, 30 אונ 37. די קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע איז אָבער א סאכ שטארקער איידער די קאָנצענטראציע פונ די ארבעטער, וויל אינ גרויסע אונטערנעמונגענ איז די ארבעט א סאכ פראָדוקטיווער. דערופ ווייזנ אָנ די אָנגאבנ וועגנ דאמפ-מאשינעס אונ וועגנ עלעקטרישע מאָטאָרנ. אויב מע זאָל נעמענ דאָס, וואָס מע רופט אינ דייטשלאנד אינדוסטריע אינעמ ברייטנ זינ, ד.ה. איינגעשלאָסנ אויכ דעמ האנדל, די פארקער-וועגנ אדג., באקומענ מיר אזא בילד. גרויסע אונטערנעמונגענ 30.588 פונ 3.265.623, ד.ה. סאכאקל 0,9%. ארבעטער האָבנ זיי געהאט 5,7 מיליאָנ פונ 14,4 מיליאָנ, ד.ה. 39,4%; דאמפ-קראפט — 6,6 מיליאָנ פערדקראפט פונ 8,8, ד.ה. 75,3%; עלעקטרישע — 1,2 מיליאָנ קילאָוואט פונ 1,5 מיליאָנ, ד.ה. 77,2%.

ווייניקער ווי א הונדערטכיילעק פונ די אונטערנעמונגענ פארמאָגנ מ ע ר ווי ¾ פונעם אלגעמיינעמ סכומ דאמפ-קראפט אונ עלעקטרישע קראפט! אפנ כיילעק פונ 2,97 מיליאָנ קליינע אונטערנעמונגענ (ביז 5 לוינ-ארבעטער), וואָס באטרעפנ 91% פונ דער גאנצער צאָל אונטערנעמונגענ, קומט אויס סאכאקל 7% פונ דער דאמפ-קראפט אונ עלעקטרישער קראפט! צענדליקער טויזנטער גרעסטע אונטערנעמונגענ זיינענ — אלץ; מיליאָנענ קליינע — גאָרנישט.

אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ צו 1000 אונ מער ארבעטער, איז אינ דייטשלאנד אינ 1907 יאָר געווענ 586. זיי האָבנ געהאט קימאט א צ ע נ טכיילעק (1,38 מיליאָנ) פונ דער אלגעמיינער צאָל ארבעטער אונ ק י מ א ט א ד ר י טכיילעכ (32%) פונעם אלגעמיינעמ סכומ דאמפ-קראפט אונ עלעקטרישער קראפט[1]. דער געלט-קאפּיטאל אונ די בענק מאכנ, ווי מיר וועלנ זענ, אָט די איבערוואָג פונעם הייפל גאָר גרויסע אונטערנעמונגענ נאָכ דאָמינירנדיקער, דערביי אינ סאמע בוכשטעבלעכנ זינ פונעמ וואָרט, ד.ה. עס ווייזט זיכ ארויס, אז מיליאָנענ קליינע, מיטעלע אונ אפילע א טייל גרויסע „באלעבאטימ“ זיינענ פאקטיש פולשטענדיק פארקנעכטעט בא עטלעכע הונדערט מיליאָנערנ פינאנסיסטנ.

אינ א צווייטנ פארגעשריטענעמ לאנד פונעמ מאָדערנעמ קאפּיטאליזמ, אינ די פאריייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ-אמעריקע, איז דער וווּקס פונ דער קאָנצענטראציע

---

[1] די ציפערנ ווערנ געגעבנ לויט Annalen des deutschen Reichs 1911, Zahn (אנאלנ פונ דער דייטשישער אימפעריע, 1911. ר ע ד.).

פונ דער פראָדוקציע נאָכ שטארקער. דאָ טיילט די סטאטיסטיק אויס די אינדוסטריע אינ ענגנ זינ פונעמ וואָרט אונ גרופּירט די אונטערנעמונגענ לויט דער גרייס פונעמ ווערט פונ יערלעכנ פּראָדוקט. אינ 1904 יאָר האָט די צאָל גאָר גרויסע אונטערנעמונגענ, מיט א פראָדוקציע פונ 1 מיליאָנ דאָלאר אונ מער, באטראָפנ 1.900 (פונ 216.180, ד.ה. 0,9%) — ארבעטער האָבנ זיי געהאט 1,4 מיליאָנ (פונ 5,5 מיליאָנ, ד.ה. 25,6%) אונ פראָדוקציע 5,6 מיליארד (פונ 14,8 מיליארד, ד.ה. 38%). מיט 5 יאָר שפּעטער, אינ 1909 יאָר, זײַנענ די אנטשפּרעכיקע ציפערנ געווענ: 3.060 אונטערנעמונגענ (פונ 268.491; — 1,1%) מיט 2,0 מיליאָנ ארבעטער (פונ 6,6; — 30,5%) אונ מיט א פראָדוקציע פונ 9,0 מיליארד (פונ 20,7 מיליארד; — 43,8%)[1].

קימאט א העלפט פונ דער גאנצער פראָדוקציע פונ אלע אונטערנעמונגענ אינ לאנד ליגט אינ די הענט בא איינ הונדערטסטעליעק פונ דער אלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגענ! אונ אָט די דרײַ טויזנט אונטערנעמונגענ גיגאנטנ נעמענ ארומ 268 אינדוסטריע־צווײַגנ. פונדאנענ איז קלאָר, אז אפ א געוויסער שטופע פונ איר אנטוויקלונג דערפירט די קאָנצענטראציע, קאָנ מענ זאָגנ, אלייִנ פונ זיכ אוי־מיטלבאר צו מאָנאָפּאָליע. ווארעמ עטלעכע צענדליק ריזיקע אונטערנעמונגענ איז גרינג צו פארשטענדיקנ זיכ איינע מיט די אנדערע, אונ פונ דער אנדערער זײַט, ווערט די קאָנקורענצ פארשווערט אונ עס שאפט זיכ א טענדענצ צו מאָנאָפּאָליע מאקע מאכמעס דעמ גרויסנ מאסשטאב פונ די אונטערנעמונגענ. אָט די פארוואנד־לונג פונ דער קאָנקורענצ אינ מאָנאָפּאָליע איז איינע פונ די וויכטיקסטע דערשײַנונ־גענ — אויב ניט די וויכטיקסטע — אינ דער עקאָנאָמיק פונעמ נײַסטנ קאפּיטא־ליזמ, אונ מיר מוזנ זיכ אויספירלעכער אָפּשטעלנ אפ איר. נאָר צוערשט מוזנ מיר באזײַטיקנ איינ מעגלעכע מיספארשטייעניש.

די אמעריקאנער סטאטיסטיק זאָגט: 3.000 גיגאנטישע אונטערנעמונגענ אינ 250 אינדוסטריע־צווײַגנ. עס קומט, קלוימערשט, אויס סאכאקל צו 12 אונטערנעמונגענ פונ גאָר גרויסנ פארנעמ אפ יעדנ צווײַג.

דאָס איז אָבער ניט אזוי. ניט אינ יעדנ אינדוסטריע־צווײַג זײַנענ פאראנ גרויסע אונטערנעמונגענ; פונ דער אנדערער זײַט ווידער, האָבנ מיר דאָ א ביז גאָר וויכטי־קע אייגנטימלעכקײַט פונעמ קאפּיטאליזמ, וואָס האָט דערגרייכט צו דער העכסטער אנטוויקלונגס־שטופע — דאָס איז די אזויגערופענע קאָמבינירונג, ד.ה. דאָס, וואָס אינ איינ אונטערנעמונג ווערנ פארייניקט פארשיידענע אינדוסטריע־צווײַגנ, וואָס אָדער זיי זײַנענ שטופעס פונ באארבעטנ דאָס רויוואַרג, וועלכע קומענ איינע נאָכ די אנדערע (לעמאָשל, דאָס שמעלצנ טשוהונ פונ ארצ אונ דאָס איבערארבעטנ טשוהונ אפ שטאָל אונ ווײַטער, עפּשער, דאָס פראָדוצירנ פונ שטאָל די אָדער יענע פארטיקע פראָדוקטנ), — אָדער זיי שפּילנ א באהילפיקע ראָליע איינע בענעגייע דער אנדערער (לעמאָשל, די באארבעטונג פונ אָפּפאל־פראָדוקטנ אָדער נעבנ־פראָדוקטנ; די פראָדו־צירונג פונ פּאק־מאטעריאל אדג.).

„די קאָמבינירונג, — שרײַבט הילפערדינג, — גלײַכט אויס די אונטערשיידנ

[1] Statistical Abstract of the United States 1912, p. 202. (די צענז־אינדוסטריע פונ די פאריייניקטע שטאטנ פארנ 1912 יאָר, ז. 202. ר ע ד.).

אינ דער קאָניונקטור אונ זיכערט דעריבער פאר דער קאָמבינירטער אונטערנעמונג א גרעסערע סטאבילקײַט פונ דער רעוועכ=נאָרמע. צווייטנס, ברענגט די קאָמבינירונג צום באזײַטיקנ דעם האנדל. דריטנס, מאכט זי מעגלעכ טעכנישע פארפולקומונגענ, אונ דאָס הייסט, אז זי מאכט מעגלעכ צו באקומענ צוגאָב=רעוועכ אינ פארגלײַכ מיט די „ריינע" (דאָס הייסט, ניט קאָמבינירטע) אונטערנעמונגענ. פערטנס, פארשטארקט זי די פאָזיציע פונ דער קאָמבינירטער אונטערנעמונג אינ פארגלײַכ מיט דער „ריינער", — זי מאכט זי שטארקער אינעם קאָנקורענצ=קאמפ אינ דער צײַט פונ שטארקער דעפרעסיע (אָפהאלט אינ די געשעפטנ, קריזיס), ווענ דאָס פאלנ פונ די פרײַזנ אפ רויווארג שטייט אָפ לעגאבע דעם פאלנ פונ די פרײַזנ אפ פאבריקאטנ"[1].

דער דײַטשישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט הײמאנ, וואָס האָט געווידמעט א ספעציעל ווערק דער באשרײַבונג פונ די „געמישטע", ד.ה. קאָמבינירטע, אונטערנעמונגענ אינ דער דײַטשישער אײַזנ=אינדוסטריע, זאָגט: „די ריינע אונטערנעמונגענ גייענ אונטער, זיי ווערנ דערשטיקט דורכ די הויכע פרײַזנ אפ מאטעריאלנ, בײַם אפ די פארטיקע פראָדוקטנ זײַנענ די פרײַזנ נידעריקע". עס באקומט זיכ אזא בילד: „פארבליבנ זײַנענ, פונ איינ זײַט, די גרויסע שטיינקוילנ=געזעלשאפטנ, וואָס באקומענ ארויס עטלעכע מיליאָנ טאָנ קוילנ אונ זײַנענ פעסט אָרגאניזירט אינ זייער שטיינקוילנ=סינדיקאט; אונ דערנאָכ די מיט זיי ענג פארבונדענע גרויסע שטאָלגוס=זאוואָדנ מיט זייער שטאָל=סינדיקאט. אָט די גיגאנטישע אונטערנעמונגענ מיט א פראָדוקציע פונ 400.000 טאָנ (א טאָנ באטרעפט 60 פוד) שטאָל א יאָר, מיט א קאָלאָסאלנ ארויסבאקום פונ ארצ אונ שטיינקוילנ, מיט א פראָדוקציע פונ פארטיקע פאבריקאטנ פונ שטאָל, מיט 10.000 ארבעטער, וואָס וווינענ אינ די קאזארמעס פונ די זאוואָדישע ארבעטער=ישובים, טיילמאָל מיט אייגענע אײַזנבאנענ אונ האפנס, — דאָס זײַנענ טיפישע פאָרשטייער פונ דער דײַטשישער אײַזנ=אינדוסטריע. אונ די קאָנצענטראציע גייט אלצ ווײַטער אונ ווײַטער פאָרויס. באזונדערע אונטערנעמונגענ ווערנ אלצ גרעסער; אלצ מער אונטערנעמונגענ פונ איינ אונ דעם זעלבנ אינדוסטריע=צווײַג אָדער פונ פארשיידענע אינדוסטריע=צווײַגנ שליסנ זיכ צונויפ אינ גיגאנטישע אונטערנעמונגענ, וואָס א האלב טוצ גרויסע בערלינער בענק דינענ פאר זיי אי אלס שטיצע אוי אלס אָנפירער. בענוגע דער דײַטשישער בארג=אינדוסטריע איז פינקטלעכ דערוויזנ געוואָרנ די ריכטיקײַט פונ קארל מארקס' לערע וועגנ קאָנצענטראציע; עמעס, דאָס באציט זיכ צו א לאנד, וווּ די אינדוסטריע איז באשיצט דורכ פראָטעקציאָניסטישע גרענעצ=אָפצאָלנ אונ טראנספאָרט=טאריפנ. די בארג=אינדוסטריע אינ דײַטשלאנד איז צײַטיק געוואָרנ צום עקספראָפריִרנ זי"[2].

צו אזא אויספיר האָט געמוזט קומענ א געוויסנהאפטער, אלס אויסנאם, בורזשואזער עקאָנאָמיסט. מע דארפ פארצייכענענ, אז ער טיילט עפעס אויס דײַטשלאנד באזונדער, מאכמעס דעם, וואָס די דײַטשישע אינדוסטריע איז באשיצט דורכ הויכע פראָטעקציאָניסטישע גרענעצ=אָפצאָלנ. דאָס אָבער האָט בלויז געקאָנט פארגיכערנ די

[1] „פינאנצ=קאפיטאל", רוסישע איבערזעצונג, ז. 286/7.

[2] Hans Gideon Heymann: „Die gemischten Werke im deutschen Grosseisen-gewerbe. Stuttgart, 1904 (S. S. 256, 278) (האנס גידעאָנ הײמאנ: „געמישטע אונטערנעמונגענ אינ דער גרויסער דײַטשישער אײַזנ=אינדוסטריע", שטוטגארט, 1904, ז. 256, 278. רעד.)

קאָנצענטראַציע און די אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמער-פאַרבאַנדנ, פונ קאַרטעלנ, סינדיקאַטנ אאַז. ס'איז אומגעהייער וויכטיק, וואָס אינעם לאַנד פונ פרײַענ האַנדל, אינ ענגלאַנד, פירט די קאָנצענטראַציע אויכ צו מאָנאָפּאָליע, האָגאַמ עטוואָס שפּעטער און מעגלעכ אינ אַנ אַנדער פאָרמ. אָט וואָס עס שרײַבט דער פּראָפעסאָר הערמאַנ לעווי אינ א ספּעציעלער אויספאָרשונג וועגנ „מאָנאָפּאָליעס, קאַרטעלנ און טרעסטנ“, לויט די אָנגאַבנ וועגנ דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונ גרויסבריטאַניע:

„אינ גרויסבריטאַניע טראָגנ אינ זיכ די טענדענצ צו מאָנאָפּאָליע גראָד דער גרויסער מאַסשטאַב פונ די אונטערנעמונגענ און זייער הויכער טעכנישער ניוואָ. פונ איינ זײַט, האָט די קאָנצענטראַציע געבראַכט דערצו, אַז אפ אַנ אונטערנעמונג קומט אויס אויסצוגעבנ גוואַלדיקע סומענ קאַפּיטאַל; נײַע אונטערנעמונגענ שטייענ דעריבער פאַר אַלצ העכערע פאָדערונגענ אינ פראַט פונ דער גרייס פונעמ נייטיקנ קאַפּיטאַל, און דאָס פאַרשווערט זיי אויפצוקומענ. פונ דער אַנדערער זײַט אָבער (און אָט דעמ פונקט האַלטנ מיר פאַר א וויכטיקערנ), מוז יעדע נײַע אונטערנעמונג, וואָס וויל זיכ שטעלנ אפ איינ הייכ מיט די גיגאַנטישע אונטערנעמונגענ, וועלכע זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ דורכ דער קאָנצענטראַציע, אויסאַרבעטנ אַזאַ קאָלאָסאַלע איבעריקע צאָל פּראָדוקטנ, אַז פאַרקויפנ זיי מיט רעווע קאָנ מענ נאָר אינ פאַל פונ אַנ אויסערגעוויינלעכ פאַרגרעסערטנ נאָכפרעג אפ זיי; אַנדערש, וועלנ אָט די איבעריקע פּראָדוקטנ אַראָפּזעצנ די פרײַזנ ביז צו אַזאַ ניוואָ, וואָס וועט ניט לוינענ ניט פאַר דעמ נײַעמ זאַוואָד, ניט פאַר די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ“. אינ ענגלאַנד — צומ אונטערשייד פונ אַנדערע לענדער, ווו די פּראָטעקציאָניסטישע גרענעצ-אָפּצאָלנ פאַרגרינגערנ די קאַרטעלירונג, — קומענ מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמער-פאַרבאַנדנ, קאַרטעלנ און טרעסטנ דאָסראָוו אופ נאָר דאַנ, ווענ די צאָל קאָנקורירנדיקע הויפּט-אונטערנעמונגענ ווערט דערפירט „צו א וועלכע צוויי טוצ“. „די ווירקונג פונ דער קאָנצענטראַציע אפנ אופקומ פונ מאָנאָפּאָליעס אינ דער גרויס-אינדוסטריע לאָזט זיכ דאָ פילנ מיט אַבסאָליוטער קלאָרקײַט“ [1].

מיט א האַלבנ יאָרהונדערט צוריק, ווענ מאַרקס האָט געשריבנ זײַנ „קאַפּיטאַל“, האָט זיכ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט עקאָנאָמיסטנ געדוכט, אַז די פרײַע קאָנקורענצ איז א „נאַטור-געזעצ“. די אָפיציעלע וויסנשאַפט האָט געפּרוווט פאַרשווײַגנ און אַזויאַרומ אומברענגענ דאָס ווערק פונ מאַרקסנ, וועלכער האָט דורכ דעמ טעאָרעטישנ און היסטאָרישנ אַנאַליז פונעמ קאַפּיטאַליזמ דערוויזנ, אַז די פרײַע קאָנקורענצ ברענגט צו דער קאָנצענטראַציע פונ דער פּראָדוקציע, און די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פירט, אפ א געוויסער שטופע פונ איר אַנטוויקלונג, צו מאָנאָפּאָליע. איצט איז די מאָנאָפּאָליע געוואָרנ א פאַקט. עקאָנאָמיסטנ שרײַבנ בערג מיט ביכער, ווו זיי באַשרײַבנ באַזונדערע אַנטפּלעקונגענ פונ מאָנאָפּאָליע און טײַנעג נאָכ אַלצ אינ איינ קאָל, אַז „דער מאַרקסיזמ איז אָפּגעלייקנט“. פאַקטנ זײַנענ אָבער אַקשאָניס — זאָגט אַנ ענגליש ווערטל, און ווילנדיק-ניט-ווילנדיק מוז מענ זיכ מיט

[1] Hermann Levy: „Monopole, Kartelle und Trusts“, Jena, 1909, S. S. 286, 290, 298
(הערמאַנ לעווי: „מאָנאָפּאָליעס, קאַרטעלנ און טרעסטנ“, יענאַ, 1909, ז. 286, 290, 298. ר ע ד.).

זיי רעכענען. די פאקטן באווייזן, אז די אונטערשיידן צווישן באזונדערע קאפּיטאליסטישע לענדער, צום ביישפּיל, אין פּראט פון פּראָטעקציאָניזם אָדער פון פרייען האנדל, פארורזאכן בלויז ניט-וועזנטלעכע אונטערשיידן אין דער פאָרם פון די מאָנאָפּאָליעס אָדער אין דער צייט פון זייער אויפקום, אָבער אז די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע ברענגט צו מאָנאָפּאָליע — חאָס איז ביכלאַל אן אלגעמיינער געזעץ, דער גרונט-געזעץ פון דער איצטיקער אנטוויקלונג-סטאדיע פונעם קאפּיטאליזם.

פאר אייראָפּע קאָן מען גאנץ פּינקטלעך פעסטשטעלן די צייט, ווען דער אלטער קאפּיטאליזם איז ע נ ד ג י ל ט י ק פארביטן געוואָרן אפן נייעם: דאָס איז, גענוי, דער אָנהייב פון XX יאָרהונדערט. אין איינעם פון די נייסטע סאכאקל-ווערק וועגן דער געשיכטע „פון דער אויסבילדונג פון מאָנאָפּאָליעס" לייענען מיר:

„פון דער עפּאָכע ביזן 1860 יאָר קאָן מען ברענגען איינצלנע ביישפּילן פון קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס; מע קאָן אין זיי אנטדעקן שפּראָצונגען פון יענע פאָרמען, וואָס זיינען איצט געוואָרן אזא געוויינלעכע זאך; אָבער דאָס אלץ איז דורכויס די פּאָרגעשיכטע פון קארטעלן. דער עמעסער אָנהייב פון די מאָדערנע מאָנאָפּאָליעס געהער ניט פריער ווי צו די 1860-ער יאָרן. דער ערשטער גרויסער אנטוויקלונגס-פּעריאָד פון מאָנאָפּאָליעס הייבט זיך אָן פון דער אינטערנאציאָנאלער דעפּרעסיע אין דער אינדוסטריע אין די 1870-ער יאָרן און ער ציט זיך ביזן אָנהייב פון די 1890-ער יאָרן". „אויב מע זאָל באטראכטן דעם איניען אין אייראָפּיישן מאסשטאב, דעמלט זיינען די 60-ער און די 70-ער יאָרן דער קולמינאציע-פּונקט אין דער אנטוויקלונג פון דער פרייער קאָנקורענץ. דאן האָט ענגלאנד געהאט פארענדיקט די בוילנג פון זיין קאפּיטאליסטישער אָרגאניזאציע פונעם אלטן סטיל. אין דייטשלאנד איז די דאָזיקע אָרגאניזאציע ארייננעטראָטן אין אנטשיידענעם קאמף קעגן דער האנטווערקעריי און קעגן דער הויז-אינדוסטריע און האָט גענומען שאפן פאר זיך אייגענע עקזיסטענץ-פאָרמען".

„די גרויסע איבערקערעניש הייבט זיך אָן פונעם קראך אין 1873 יאָר אָדער, ריכטיקער, פון דער דעפּרעסיע, וואָס איז געקומען נאָך אים און וואָס האָט — מיט א קוים באמערקבארן איבעררייס אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן און מיט אן אויסערגעוויינלעך שטארקן, נאָר קורצן אופשטייג ארום 1889 יאָר — פארפולט 22 יאָר פון דער אייראָפּיישער עקאָנאָמישער געשיכטע". „ביים דעם קורצן פּעריאָד פון אופשטייג אין די יאָרן 1889—1890 האָט מען זיך שטארק באנוצט מיט קארטעלן אפּ אויסצונוצן די קאָניונקטור. די אומבאטראכטע פּאָליטיק האָט געהויבן די פּרייזן נאָך גיכער און שטארקער איידער דאָס וואָלט פּאָרגעקומען אָן קארטעלן, און כמעט די אלע קארטעלן זיינען רומלאָז אומגעקומען „אינעם קייווער פונעם קראך". ס'איז אריבער נאָך 5 יאָר שלעכטע געשעפטן און נידעריקע פּרייזן, נאָר אין דער אינדוסטריע האָט שוין געהערשט ניט די פּרינערדיקע שטימונג. די דעפּרעסיע האָט מען שוין ניט געהאלטן פאר קיין זעלבסטפארשטענדלעכע זאך, מע האָט אין איר געזען בלויז א פּאוזע פאר א נייער גינסטיקער קאָניונקטור.

„און אָט איז די קארטעל-באוועגונג ארייננעטראָטן אין איר צווייטער עפּאָכע. אַנשטאָט צו זיין א צייטווייליקע דערשיינונג ווערן די קארטעלן איינער פון די יעסוידעס פונעם גאנצןווירטשאפטלעכן לעבן. זיי דעראָבערן איין אינדוסטריע-געביט

נאָכנ צווייטנ און, אינ דער ערשטער ריי, די באַאַרבעטונג פונ רוי=מאַטעריאַלנ. שוינ אינ אָנהייב 1890=ער יאָרנ האָבנ די קאַרטעלנ אינ דער אָרגאַניזאַציע פונעמ קאָקס=סינדיקאַט, וואָס לויט זײַנ מוסטער איז געשאַפנ געוואָרנ דער קוילנ=סינדיקאַט, אויס=געאַרבעט פאַר זיכ אַזאַ קאַרטעל=טעכניק, וואָס ווײַטער פונ איר איז שוינ די באַוועגונג, אייגנטלעכ, מער ניט אַוועק. דער גרויסער אויפשטײַג צומ סאָפ XIX יאָרהונ=דערט און דער קריזיס אינ די יאָרנ 1900—1903 שטייענ — יעדנפאַלס, אינ דער באַרג= און אײַזנ=אינדוסטריע — צומ ערשטנ מאָל אינגאַנצנ אונטערנ צייכנ פונ קאַרטעלנ. און אויב דאַנ האָט עס נאָכ אויסגעזענ ווי אַ נײַע זאַכ, איז אַצינד פאַרנ ברייטנ געזעלשאַפטלעכנ באַוווסטזײַנ געוואָרנ אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער עמעס, אַז גרויסע טיילנ פונעמ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ זײַנענ, אַלס אַלגעמיינער כּלל, אויסגע=שלאָסנ פונ פרײַער קאָנקורענצ“[1].

אָט דאָס זײַנענ, אַלזאָ, די גרונט=סאַכאַקלענ פונ דער געשיכטע פונ די מאָנאָ=פּאָליעס: 1) 1860=ער און 1870=ער יאָרנ — די העכסטע גרענעצ=שטופּע אינ דער אַנטוויקלונג פונ דער פרײַער קאָנקורענצ. מאָנאָפּאָליעס זײַנענ בלויז קוימ באַמערק=באַרע שפּראָצונגענ. 2) נאָכנ קריזיס פונ 1873 יאָר קומט אַ ברייטער אַנטוויק=לונגס=פּעריאָד פונ קאַרטעלנ, אָבער זיי זײַנענ נאָכ אַנ אויסנאַמ. זיי זײַנענ נאָכ ניט פעסט. זיי זײַנענ נאָכ אַ צײַטווײַליקע דערשײַנונג. 3) דער אויפשטײַג צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט און דער קריזיס פונ די יאָרנ 1900—1903: די קאַרטעלנ ווערנ איינער פונ די יעסוידעס פונעמ גאַנצנ ווירטשאַפטלעכנ לעבנ. דער קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ אימפּעריאַליזמ.

די קאַרטעלנ ריידנ זיכ צונויפ וועגנ די פאַרקויפ=באַדינגונגענ, וועגנ די צאָלונגס=טערמינענ אאַוו. זיי צעטיילנ צווישנ זיכ די אָפּזאַצ=געביטנ. זיי שטעלנ פעסט דעמ סכומ פּראָדוקטנ, וואָס דאַרפנ אויסגעאַרבעט ווערנ. זיי שטעלנ אײַנ די פּרײַזנ. זיי פאַרטיילנ דעמ רעווכ צווישנ די באַזונדערע אונטערנעמונגענ אאַוו.

אינ דײַטשלאַנד האָט מענ אינ 1896 יאָר געציילט אַנ ערעכ 250 קאַרטעלנ און אינ 1905 יאָר — 385; אינ זיי האָבנ אָנטיילגענומענ באַ 12.000 אונטערנעמונגענ[2].

---

[1] Th. Vogelstein: „Die finanzielle Organisation der kapitalistischen Industrie und die Monopolbildungen“ (ט. פאָגעלשטײַנ: „די פינאַנציעלע אָרגאַניזאַציע פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע און די אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָליעס“. רעד.) אינעמ „Grundriss der Sozialökonomik“ („יעסוידעס פונ דער סאָציאַלער עקאָנאָמיק“. רעד.) VI Abt., Tüb. 1914. פאַרגלײַכ פונעמ זעלביקנ אויטאָר: „Organisationsformen der Eisenindustrie und Textilindustrie in England und Amerika“. Bd. I Lpz. 1910 („די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמענ פונ דער אײַזנ=אינדוסטריע און טעקסטיל=אינדוסטריע אינ ענגלאַנד און אַמעריקע“, ב. I, לײַפּציג, 1910. רעד.).

[2] Dr. Riesser: „Die deutschen Grossbanken und ihre Konzentration im Zusammenhange mit der Entwicklung der Gesamtwirtschaft in Deutschland“. 4. Aufl. 1912, S. 149.—R. Liefmann: „Kartelle und Trusts und die Weiterbildung der volkswirtschaftlichen Organisation“. 2. Aufl. 1910, S. 25 (דר. ריסער: „די גרויסע דײַטשישע בענק און זייער קאָנצענטראַציע אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונ דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט אינ דײַטשלאַנד“, 4 אויפל. 1912, ז. 149. — ר. ליפמאַנ: „קאַרטעלנ און טרעסטנ און די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונ דער פאָלקסווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע“, 2 אויפל. 1910, ז. 25. רעד.).

אַלע אָנערקענענ אָבער, אַז די ראָזיקע ציפערנ זײַנענ פאַרקלענערט. פונ די אויבנ געבראַכטע אָנגאַבנ פונ דער דײַטשישער אינדוסטריע-סטאַטיסטיק פונ 1907 יאָר איז צו זענ, אַז אַפילע די 12.000 גאָר גרויסע אונטערנעמונגענ קאָנצענטרירנ באַ זיכ געוויס מער פונ אַ העלפט פונעמ אַלגעמײַנעמ סכומ דאַמפּ- אונ עלעקטרע-קראַפט. אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ פונ צפונ-אַמעריקע האָט מענ אינ 1900 יאָר געציילט 185 טרעסטנ; אינ 1907 יאָר — 250. די אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק טיילט אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אַפ אַזעלכע, וואָס געהערנ צו איינצלנע פּערזאָנענ, צו פירמעס אונ צו קאָרפּאָראַציעס. צו די לעצטע האָבנ אינ 1904 יאָר געהערט 23,6%, אינ 1909 יאָר — 25,9%, דה. העכער אַ פערטל פונ דער אַלגעמײַנער צאָל אונטערנעמונגענ. אַרבעטער איז אינ די ראָזיקע אונטערנעמונגענ געווענ: אינ 1904 יאָר — 70,6% אונ אינ 1909 יאָר — 75,6%, דרײַ פערטל פונ דער אַלגע-מײַנער צאָל; די גרייס פונ דער פּראָדוקציע איז געווענ: 10,9 אונ 16,3 מיליאַרד דאָלאַר, דה. 73,7% אונ 79,0% פונ דער אַלגעמײַנער סומע.

אינ די הענט פונ די קאַרטעלנ אונ טרעסטנ איז ניט זעלטנ קאָנצענטרירט זיבנ—אַכט צענטל פונ דער גאַנצער פּראָדוקציע אינעמ געגעבענעמ אינדוסטריע-צווײַג. דער „רייניש-וועסטפאַלישער שטיינקוילנ-סינדיקאַט" האָט אינ 1893 יאָר, ווענ ער האָט זיכ געגרינדעט, געהאַט קאָנצענטרירט 86,7% פונ דער גאַנצער קוילנ-פּראָדוקציע אינ ראַיאָנ, אונ אינ 1910 יאָר — שוינ 95,4%[1]. די מאָנאָפּאָליע, וואָס שאַפט זיכ אַזוי אַרומ, גאַראַנטירט ריזיקע האַכנאָסעס אונ פירט צו דער אויסבילדונג פונ אומ-געהייער גרויסע טעכניש-פּראָדוצירישע איינסנ. דער באַרימטער נאַפט-טרעסט אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ (Standard Oil Company) איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1900 יאָר. „זײַנ קאַפּיטאַל האָט באַטראָפנ 150 מיליאָנ דאָלאַר. ס'איז אַרויסגעלאָזט גע-וואָרנ געווײנלעכע אַקציעס אַפ 100 מיליאָנ אונ פּריווילעגירטע אַפ 106 מיליאָנ. אַפ די פּריווילעגירטע איז אויסגעצאָלט געוואָרנ דיווידענד אינ משך פונ די יאָרנ 1900—1907: 48, 48, 45, 44, 36, 40, 40, 40 פּראָצענט, סאַכאַקל 367 מיליאָנ דאָלאַר. פונ 1882 יאָר ביזנ 1907 יאָר איז באַקומענ געוואָרנ ריינער רעווענ 889 מיליאָנ דאָלאַר; דערפונ איז 606 מיליאָנ אויסגעצאָלט געוואָרנ דיווידענד, אונ דאָס איבעריקע איז אַוועק אינ רעזערוו-קאַפּיטאַל"[2]. „אינ אַלע אונטערנעמונגענ פונעמ שטאָל-טרעסט (United States Steel Corporation) איז אינ 1907 יאָר געווענ ניט ווײ-ניקער פונ 210.180 אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע. די גרעסטע אונטערנעמונג פונ דער דײַטשישער באַרג-אינדוסטריע, די „געלזענקירכענער באַרג-געזעלשאַפט" (Gelsenkirchener Bergwerksgesellschaft) האָט אינ 1908 יאָר געהאַט 46.048

[1] Dr. Fritz Kestner: „Der Organisationszwang. Eine Untersuchung über die Kämpfe zwischen Kartellen und Aussenseitern". Brl. 1912, S. 1 (דר. פריצ קעסטנער. „דער צוואַנג צו אָרגאַניזירונג. אַנ אויספאָרשונג וועגנ דעמ קאַמפ צווישנ די קאַרטעלנ אונ זײַטיקע". בערלינ, 1912, ז. 11. רעד.).

[2] R. Liefmann: „Beteiligungs- und Finanzierungsgesellchaften. Eine Studie über den modernen Kapitalismus und das Effektenwesen". 1 Aufl. Jena. (ר. ליפמאַנ. „באַטייליקונגס- אונ פינאַנסירונגס-געזעלשאַפטנ. שטודיע וועגנ דעמ מאָדערנעמ קאַפּיטאַליזמ אונ פאָנד-אָפּעראַציעס" 1-טע אויפל. יענאַ. רעד.), 1909 יאָר, ז. 212.

אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע"[1]. נאָכ אינ 1902 יאָר האָט דער שטאָל־טרעסט פּראָדו־ צירט 9 מיליאָנ טאָנ שטאָל[2]. אינ 1901 יאָר האָט זײַנ שטאָל־פּראָדוקציע באַטראָפנ 66,3%, אונ אינ 1908 יאָר — 56,1% פונ דער גאַנצער שטאָל־פּראָדוקציע אינ די פאַראייניקטע שטאַטנ[3]; דער ערצ־אַרויסבאַקומ האָט אינ די זעלבע יאָרנ באַטראָפנ 43,9% אונ 46,3%.

דער באַריכט פונ דער אַמעריקאַנער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגנ די טרעסטנ זאָגט: „זייער פאָרצוג לעגאַבע די קאָנקורענטנ איז באַזירט אַפ דער קאָלאָסאַלער גרייס פונ זייערע אונטערנעמונגענ אונ אַפ זייער אויסגעצייכנט אָוועקגעשטעלטער טעכניק. דער טאַבעק־טרעסט האָט גלײַכ, פונ זינט ער איז געגרינדעט געוואָרנ, זיכ גענומענ מיט אַלע קויכעס צו פאַרבײַטנ אומעטומ אינ אַ ברייטער מאָס די האַנט־אַרבעט אַפ מאַשינ־ אַרבעט. צוליב דעמ צוועק פלעגט ער אויפקויפנ אַלע פּאַטענטנ, וואָס האָבנ אַ וועלכע־ ס'איז שײַכעס צו דער טאַבעק־באַאַרבעטונג, אונ האָט אויסגעגעבנ דערויפ קאָלאָסאַלע סומעס. אַ סאַכ פּאַטענטנ האָבנ צוערשט ניט געטויגט, אונ די אינזשעניערנ, וואָס דינענ באַמ טרעסט, פלעגט אויסקומענ זיי איבערצואַרבעטנ. סאָפ 1906 יאָר זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ 2 פיליאַלע געזעלשאַפטנ אויסשליסלעכ מיטנ צוועק אויפצוקויפנ פּאַטענטנ. צוליב דעמ זעלביקנ צוועק האָט דער טרעסט געגרינדעט זײַנע אייגענע גי־ סערײַענ, מאַשינ־פאַבריקנ אונ רעמאָנט־וואַרשטאַטנ. איינע פונ די דאָזיקע אונטער־ נעמונגענ, אינ ברוקלינ, באַשעפטיקט דורכשניטלעכ 300 אַרבעטער; דאָ ווערנ גע־ מאַכט עקספּערימענטנ איבער די דערפינדונגענ אַפ אויסצואַרבעטנ פּאַפּיראָסנ, קליינע ציגאַרנ, שמעק־טאַבעק, בלײַ־בלעטער אַפ אײַנפּאַקונג, שאַכטלענ אאַוו.; דאָ ווערנ אויכ פאַרפולקומט דערפינדונגענ"[4]. „אויכ די איבעריקע טרעסטנ האַלטנ בײַ זיכ אַפ שטעלעס אַזויגערופענע developping engineers (אינזשעניערנ צו אַנטוויקלענ די טעכניק), וואָס זייער אויפגאַבע איז צו דערפינדנ נײַע פּראָדוציר־מעטאָדנ אונ אויסצופּרוּווּנ טעכנישע אויסבעסערונגענ. דער שטאָל־טרעסט צאָלט זײַנע אינזשעניערנ אונ אַרבעטער גרויסע פּרעמיעס פאַר דערפינדונגענ, וואָס קאָנענ העכערנ די טעכניק אָדער קלענער מאַכנ די הוצאָעס"[5].

אַפ אַנ ענלעכנ אויפנ איז אָרגאַניזירט דער איניען פונ טעכנישע פאַרבעסערונ־ גענ אויכ אינ דער דײַטשישער גרויס־אינדוסטריע, לעמאָשל, אינ דער כימישער אינ־ דוסטריע, וואָס האָט זיכ אַזוי ריזיק אַנטוויקלט אינ די לעצטע יאָרצענדליקער. דער

[1] R. Liefmann, ז. 218.

[2] Dr. S. Tschierschky: „Kartell und Trust". Gött. (דר. ז. טשירשקי: „קאַרטעל אונ טרעסט". געטינגענ. רעד.); 1903 יאָר, ז. 13.

[3] Th. Vogelstein: „Organisationsformen" (ט. פאָגעלשטיינ: „אָרגאַניזאַציע־פאָרמענ". רעד.), ז. 275.

[4] Report of the Commission of Corporations on the Tobacco industry. Washington (באַריכט פונעמ קאָמיסאַר איבער קאָרפּאָראַציעס אינ דער טאַבעק־אינדוסטריע, וואַשינגטאָנ. רעד.), 1909, ז. 266. — ציטירט לויטנ בוכ „Dr. Paul Tafel: „Die nordamerikanischen Trusts und ihre Wirkungen auf den Fortschritt der Technik", Stuttgart (דר. פּאול טאַפעל: „די צפונ־אַמעריקאַנישע טרעסטנ אונ זייער ווירקונג אַפנ פּראָגרעס פונ דער טעכ־ ניק". שטוטגאַרט. רעד.), 1913, ז. 48.

[5] דאָרט, ז. 49.

קאָנצענטראַציע-פראָצעס פונ דער פראָדוקציע האָט שוינ צומ 1908 יאָר געהאַט געשאַפנ אינ דער דאָזיקער אינדוסטריע צוויי הויפט-„גרופעס“, וואָס האָבנ זיכ אָפ זייער שטייגער אויכ דערנענטערט צו מאָנאָפּאָליע. די דאָזיקע גרופעס זײַנענ צוערשט געווענ „צוויי-פאַרבאַנדנ“ פונ צוויי פּאָר גאָר גרויסע פאַבריקנ, מיט א קאַפּיטאַל פונ 20—21 מיליאָנ מאַרק יעדערע: פונ איינ זײַט, מײַסטערס געוועזענע פאַבריק אינ האָכסט אונ קאַסעלעס אינ פראַנקפורט אַפנ מײַנ, פונ דער אַנדערער זײַט — די אַנילינ- אונ סאָדע-פאַבריק אינ לודוויקסהאַפנ אונ די געוועזענע בײַערס פאַבריק אינ עלבערפעלד. דערנאָכ האָט אינ 1905 יאָר איינ גרופע, אונ אינ 1908 יאָר די צווייטע געמאַכט אַנ אָפמאַכ יעדערע מיט נאָכ איינ גרויסער פאַבריק. האָבנ זיכ באַקומענ 2 „דרײַ-פאַרבאַנדנ“, יעדערער מיט א קאַפּיטאַל פונ 40—50 מיליאָנ מאַרק, אונ צווישנ די דאָזיקע „פאַרבאַנדנ“ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ א „דערנענטערונג“, „אָפמאַכנ“ וועגנ פרײַזנ אאַוו.[1]

די קאָנקורענצ פאַרוואַנדלט זיכ אינ מאָנאָפּאָליע. ס'באַקומט זיכ א גיגאַנטישער פראָגרעס אינ דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ דער פראָדוקציע. אַגעוו, ווערט פאַרגעזעלשאַפטלעכט אויכ דער פראָצעס פונ טעכנישע דערפינדונגענ אונ פאַרפולקומונגענ.

דאָס איז שוינ גאָר ניט דאָס, וואָס די אַלטע פרײַע קאָנקורענצ צווישנ צעשפּליטערטע באַלעבאַטימ, וואָס ווייסנ גאָרניט איינער וועגנ דעמ אַנדערנ, וואָס פראָדוצירנ פאַרנ אָפזאַצ אָפ אַנ אומבאַוווּסטנ מאַרק. די קאָנצענטראַציע איז דערגאַנגענ דערצו, אַז מע קאָנ מאַכנ א לעפּ־ערעכדיקנ דיסקאָנט פונ אַלע קוואַלנ פונ רוי-מאַטעריאַלנ (למשל, פונ ערד, וואָס פאַרמאָגט אײַזנאַרצ) אינעמ געגעבענעמ לאַנד אונ אַפילע, ווי מיר וועלנ זענ, אינ א רײ לענדער, אינ דער גאַנצער וועלט. אונ ניט נאָר וואָס עס ווערט געמאַכט אַזאַ דיסקאָנט, נאָר די גיגאַנטישע מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פאַרכאַפנ אינ איינע הענט די דאָזיקע קוואַלנ. ס'ווערט לעפּ־ערעכדיק דיסקאָנטירט דער פאַרנעמ פונעמ מאַרק, אונ די דאָזיקע פאַרבאַנדנ „צעטיילנ“ אימ צווישנ זיכ לויט אַנ אָפמאַכ. ס'ווערנ מאָנאָפּאָליזירט די קוואַליפיצירטע אַרבעטס-קרעפטנ, ס'ווערנ געדונגענ די בעסטע אינזשעניערנ, ס'ווערנ פאַרכאַפט די קאָמוניקאַציע-וועגנ אונ פאַרקער-מיטלענ — די אײַזנבאַנענ אינ אַמעריקע, די דאַמפשיפ-געזעלשאַפטנ אינ אייראָפּע אונ אינ אַמעריקע. דער קאַפּיטאַליזמ אינ זײַנ אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע פירט צו אומיטלבאַר צו דער סאַמע אַלזײַטיקער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ דער פראָדוקציע, ער שלעפּט אַרײַנ, אַזוי צו זאָגנ, די קאַפּיטאַליסטנ, קעגנ זייער ווילנ אונ באַוווּסטזײַנ, אינ עפּעס א נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אינ אַנ אָרדענונג, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר אַנ איבערגאַנג פונ פולשטענדיקער קאָנקורענצ-פרײַהײַט צו פולשטענדיקער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג.

די פראָדוקציע ווערט א געזעלשאַפטלעכע, אָבער די צוייגענונג פאַרבלײַבט א פריוואַטע. די געזעלשאַפטלעכע פראָדוציר-מיטלענ פאַרבלײַבנ א פריוואַט-אייגנטומ

[1] Riesser, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 547 אונ ווײַטער פונ דער 3-טער אויפלאַגע. די צײַטונגענ טיילנ מיט (יונ 1916) וועגנ א נײַעמ ריזיקנ טרעסט, וואָס פאַראייניקט די כעמישע אינדוסטריע פונ דײַטשלאַנד.

פונ א קלײנער צאָל פּערזאָנענ. די אַלגעמײנע ראַמענ פונ דער פאָרמעל אָנערקענטער פרײער קאָנקורענצ פאַרבלײבנ, און דער דרוק פונ א קלײנער צאָל מאָנאָפּאָליסטנ איבער דער איבעריקער באַפעלקערונג ווערט אינ הונדערט מאָל שווערער, פילבאַרער, אומדערטרעגלעכער.

דער דײטשישער עקאָנאָמיסט קעסטנער האָט געווידמעט א ספּעציעל ווערק דעמ „קאַמפּ צווישנ קאַרטעלנ און זײטיקע", ד. ה. אונטערנעמער, וואָס גײענ ניט ארײנ אינ קאַרטעל. דאָס דאָזיקע ווערק האָט ער א נאָמענ געגעבנ: „דער צוואַנג צו אָרגאַניזירונג", דאַנ, ווענ מע וואָלט, פאַרשטײט זיכ, געדאַרפט רײדנ, אויב מע זאָל ניט וועלנ צופּוצנ דעמ קאַפּיטאַליזמ, וועגנ צוואַנג אונטערצוואַרפנ זיכ צו די פאַרבאַנדנ פונ מאָנאָפּאָליסטנ. ס'איז באַלערנדיק פּאַשעט א קוק צו געבנ כאָטשבי אפנ צעטל מיטלענ פונעמ מאָדערנעמ, נײסטנ, ציוויליזירטנ, קאַמפּ פאַר „אָרגאַניזאַציע", וועלכע עס ווענדנ אָנ די פאַרבאַנדנ פונ מאָנאָפּאָליסטנ: 1) לאָזנ אָנ רוי־מאַטעריאַלנ („...אײנער פונ די וויכטיקסטע מעטאָדנ צו צווינגענ ארײנצוטרעטנ אינ קאַרטעל"); 2) לאָזנ אָנ ארבעטס־הענט דורכ „אַליאַנסנ" (דאָס הײסט דורכ אָפּמאַכנ צווישנ די קאַפּיטאַליסטנ מיט די ארבעטער־פאַרײנענ וועגנ דעמ, אַז די פאַרײנענ זאָלנ אָננעמענ ארבעט נאָר אינ קאַרטעלירטע אונטערנעמונגענ); 3) ניט צולאָזנ קײנ צופיר; 4) ניט לאָזנ אָפּזעצנ די סכוירעס; 5) שליסנ אָפּמאַכנ מיטנ קויפער וועגנ האַבנ האַנדלס־באַציונגענ אויסשליסלעכ מיט די קאַרטעלנ; 6) פּלאַנמעסיק אראָפּשלאָגנ די פּרײזנ (כדי צו רויִנירנ די „זײטיקע", ד. ה. די אונטערנעמונגענ, וואָס וואַרפנ זיכ ניט אונטער צו די מאָנאָפּאָליסטנ, ווערנ אויסגעגעבנ מיליאָנענ אפ צו פאַרקויפנ א געוויסע צײט אונטער קערנ: אינ דער בענזינ־אינדוסטריע זײנענ געווענ בײשפּילנ פונ אראָפּזעצנ די פּרײזנ פונ 40 ביז 22 מאַרק, ד. ה. קימאַט אינצווײענ!); 7) ניט לאָזנ באַקומענ קײנ קרעדיט; 8) דערקלערנ א באָיקאָט.

דאָ האָבנ מיר שוינ צו טאָנ ניט מיט קײנ קאָנקורענצ־קאַמפּ צווישנ קלײנע און גרויסע, צווישנ טעכניש אָפּגעשטאַנענע און טעכניש פאָרגעשריטענע אונטערנעמונגענ. דאָ זעענ מיר, ווי די מאָנאָפּאָליסטנ דערשטיקנ יענע, וואָס וואַרפנ זיכ ניט אונטער דער מאָנאָפּאָליע, איר דרוק, איר ווילקיר. אָט ווי דער דאָזיקער פּראָצעס שפּיגלט זיכ אָפּ אינעמ באַוווסטזײנ פונ א בורזשואַזנ עקאָנאָמיסט:

„אפילע אפנ געביט פונ רײנ ווירטשאַפטלעכער טעטיקײט,—שרײבט קעסטנער,—קומט פאָר א געוויסער איבערוק פונ דער האַנדלס־טעטיקײט אינעמ פריִערדיקנ זינ צו אַנ אָרגאַניזאַטאָריש־ספּעקוליאַטיווער טעטיקײט. דעמ גרעסטנ דערפאָלג האָט איצט ניט דער סוחער, וואָס קענ אפנ סמאַכ פונ זײנ טעכנישער דערפאַרונג און האַנדלס־דערפאַרונג בעסער פאַר אַלצ באַשטימענ די באַדערפעניש פונ די קוינימ, געפינענ און, אַזוי צו זאָגנ, „אַנטדעקנ" דעמ נאָכפרעג, וואָס געפינט זיכ אינ א פאַרבאָרגענעמ צושטאַנד, נאָר דער ספּעקוליאַטיווער געני (?!), דער, וואָס קענ פאָרויִער אויסרעכענענ אָדער כאָטש דערשפּירנ די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַנטוויקלונג, די מעגלעכקײט פונ געוויסע פאַרבינדונגענ צווישנ באַזונדערע אונטערנעמונגענ און בענק"...

אַז מע זאָל עס פאַרטײטשנ אפ א מענטשלעכער שפּראַכ, באַטײט עס אָט וואָס: די אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ איז דערגאַנגענ דערצו, אַז האָטש די סכוירע־

פּראָדוקציע „הערשט“ ווי פריער אונ רעכנט זיכ פאַרנ יעסאָד פונ דער גאנצער ווירטשאַפט, איז זי אָבער אינדערעמעסנ שוינ אונטערגעריסנ, אונ די חויפּט-רעוואָכימ פאַלנ ארײַנ צו די „געניעס“ פונ פינאַנציעלע מאכינאַציעס. אינ יעסאָד פונ די דאָזיקע מאכינאציעס אונ שווינדלערײַענ ליגט די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ דער פּראָדוקציע, אָבער פונעמ גיגאַנטישנ פּראָגרעס פונ דער מענטשהײַט, וועלכע האָט זיכ דערשלאָגנ צו דער דאָזיקער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, האָבנ נוצנ... די ספּעקוליאַנטנ. ווײַטער וועלנ מיר זענ, ווי „אפ דעמ דאָזיקנ סמאַכ“ טרויעמט די קלײַנ-בירגערלעכ-רעאַקציאָנערע קריטיק פונעמ קאַפּיטאַליסטישנ אימפּעריאַליזמ וועגנ אומקערנ זיכ אפ צוריק, צו דער „פרײַער“, „פרידלעכער“, „ערלעכער“ קאָנקורענצ.

„א לאַנגדויערנדיקע פּרײַז-העכערונג, אלס רעזולטאַט פונ דער אויסבילדונג פונ קאַרטעלנ, — זאָגט קעסטנער, — האָט מענ ביז איצט געקאָנט באַמערקנ נאָר בײַ די וויכטיקסטע פּראָדוציר-מיטלענ, באַזונדערס בײַ שטיינקוילנ, אײַזנ, קאַלי; און מע האָט עס, פאַרקערט, קיינמאָל ניט באַמערקט בײַ פאַרטיקע פּראָדוקטנ. דער וווּקס פונ דער האַכנאָסעדיקײַט, וואָס איז דערמיט פאַרבונדנ, האָט זיכ אויכ באַגרענעצט מיט דער אינדוסטריע, וועלכע ארבעט אויס פּראָדוציר-מיטלענ. צו דער דאָזיקער באָבאַכטונג דאַרפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז די אינדוסטריע, וועלכע באַארבעט רוי-מאַטעריאַלנ (אונ ניט קיינ האַלב-פאַבריקאַטנ), איז ניט נאָר וואָס זי באַקומט, אַדאַנק דער אויסבילדונג פונ קאַרטעלנ, נוצנ אינ דער פאָרמ פונ גרויסע רעוואָכימ צומ שאָדנ פונ דער אינדוסטריע, וועלכע איז פאַרנומענ מיט דער ווײַטערדיקער איבערארבעטונג פונ די האַלב-פאַבריקאַטנ, נאָר זי האָט זיכ נאָכ געשטעלט בענעגייע דער דאָזיקער אינדוסטריע אינ א געוויסער הערשאַפט-פאַרהעלטעניש, וואָס איז ניט געווענ בײַ דער פרײַער קאָנקורענצ“[1].

די ווערטער, וואָס מיר האָבנ אונטערגעשטראָכנ, באַווײַזנ יענעמ טאָכ פונעמ ענינ, וואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ אָנערקענענ אימ אזוי ניט גערנ אונ זעלטנ, אונ די איצטיקע פאַרטיידיקער פונעמ אָפּאָרטוניזמ מיט ק. קאַוטסקינ בעראָש בײַ-מיענ זיכ אזוי פלײַסיק ארויסצודרייענ אונ אָפּצושאָקלענ זיכ פונ אימ. די פאַרהעלטענישנ פונ הערשאַפט אונ פונ געוואַלט, וואָס איז פאַרבונדנ מיט דער דאָזיקער הערשאַפט, — אָט וואָס עס איז טיפּיש פאַר דער „נײַסטער פאַזע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ“, אָט וואָס עס האָט אומפאַרמײַדלעכ געמוזט ארויסקומענ אונ איז ארויסגעקומענ פונ דער אויסבילדונג פונ אַלמעכטיקע עקאָנאָמישע מאָנאָפּאָליעס.

מיר וועלנ ברענגענ נאָכ א בײַשפּיל, וויאזוי די קאַרטעלנ באַלעבאַטעווענ. דאָרטנ, ווי מע קאָנ פאַרכאַפּנ צו זיכ אינ די הענט אלע קוואַלנ אָדער די הויפּט-קוואַלנ פונ רויוואַרג, גייט די אנטשטייונג פונ קאַרטעלנ אונ די אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָליעס באַזונדערס גרינג. עס וואָלט אָבער געווענ א טאָעס צו מיינענ, אז קיינ מאָנאָפּאָליעס אנטשטייענ ניט אויכ אינ אנדערע אינדוסטריע-צווײַגנ, דאָרט, ווי ס'איז אומעגלעכ צו פאַרכאַפּנ די קוואַלנ פונ רויוואַרג. אינ דער צעמענט-אינדוסטריע איז רוי-מאַטעריאַל פאַראַנ אומעטומ. נאָר אויכ די דאָזיקע אינדוסטריע איז שטאַרק קאַרטעלירט

[1] קעסטנער, דאָס ציטירטע ווערק, ז. 254.

אין דײַטשלאַנד. די זאַוואָדן האָבן זיך פאַרייניקט אין ראיאָנע סינדיקאַטן: דער דאָ-רעמ-דײַטשלענדישער, דער רייניש-וועסטפאַלישער און. פרײַזן זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן מאָנאָפּאָלישע: 230—280 מאַרק פאַר א וואַגאָן בײַ דעם קערנקאָסט פון 180 מאַרק! די אונטערנעמונגען גיבן פון 12 ביז 16 פּראָצענט דיווידענד, דערבײַ דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אז די „געניעס“ פון דער מאָדערנער ספּעקוליאַציע ווייסן וויאַזוי אַרײַנצוליינען צו זיך אין די קעשענעס גרויסע סומעס רעוואַכים אויסער יענע, וואָס ווערן פאַנאַנדערגעטיילט אַלס דיווידענד. קעדיי ניט צו דערלאָזן אין אזא רעוועבדיקער אינדוסטריע קיין קאָנקורענץ, לאָזן זיך די מאָנאָפּאָליסטן אפילע אָפּ שווינדל: ס'ווערן פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, אז די לאַגע אין דער אינדוסטריע איז א שלעכטע, ס'ווערן געדרוקט אַנאָנימע אַנאָנסן אין די צײַטונגען: „קאַפּיטאַליסטן! היט זיך אַרײַנצולייגן קאַפּיטאַלן אין דעם צעמענט-געשעפט“; לעסאָף, קויפט מען אוף די אונטערנעמונגען בײַ די „זײַטיקע“ (דה. בײַ די, וואָס נעמען ניט קיין אָנטייל אין די סינדיקאַטן), מע צאָלט זיי „אָפּטרעט-געלט“ 60—80—150 טויזנט מאַרק[1]. די מאָנאָפּאָליע שלאָגט זיך דורך א וועג אומעטום און מיט אַלערליי מיטלען, אָנגעהויבן פון „באַשיידענעם“ צאָלן אָפּטרעט-געלט און געענדיקט מיטן אַמעריקאַנישן „אָנווענדן“ דינאַמיט צום קאָנקורענט.

אז די קאַרטעלן באַזײַטיקן קריזיסן — דאָס איז א באָבעמײַסע פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס ווילן אום יעדן פּרײַז צופּוצן דעם קאַפּיטאַליזם. פאַרקערט, די מאָנאָפּאָליע, וואָס ווערט געשאַפן אין א י י נ י ק ע צווײַגן פון דער אינדוסטריע, פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט די כאַאָטישקײַט, וואָס איז אייגנטימלעך דער ג א נ צ ע ר קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אינגאַנצן גענומען. די ניט-אַנטשפּרעכיקײַט צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער ערדאַרבעט און פון דער אינדוסטריע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַפּיטאַליזם בכלל, ווערט נאָך גרעסער. די פּריווילעגירטע לאַגע, וואָס שאַפט זיך פאַר דער אַמערסטן קאַרטעלירטער אַזויגערופענער ש ו ע ר ע ר אינדוסטריע, באַזונדערס פאַר קוילן און אײַזן, פירט דערצו, אז אין די איבעריקע אינדוסטריע-צווײַגן „פילט זיך נאָך שאַרפער די אָפּוועזנהײַט פון פּלאַנמעסיקײַט“, ווי ס'איז זיך מודה יעידעלס, דער אווטאָר פון איינעם פון די בעסטע ווערק וועגן דער „באַציִונג פון די דײַטשישע גרויסע בענק צו דער אינדוסטריע“[2].

„וואָס מער עס איז אַנטוויקלט די פאָלקסווירטשאַפט, — שרײַבט ליפמאַן, אן אומפאַרשעמטער פאַרטיידיקער פונעם קאַפּיטאַליזם, — אַלץ מער ווענדט זי זיך צו מער ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, צו אויסלענדישע אָדער צו אַזעלכע, וואָס פאָדערן א דויערנדיקע צײַט פאַר זייער אַנטוויקלונג, אָדער, צולעצט, צו אַזעלכע, וואָס האָבן בלויז אן אָרטיקע באַדײַטונג“[3]. די פאַרגרעסערונג פון דער ריזיקע איז סאָפּקאָלסאָף

---

[1] „Zement“ von L. Eschwege: „Die Bank“ (ל. עשוועגע: „צעמענט“. „באַנק“. רעד.), 1909, I, ז. 115 און די ווײַטערדיקע.

[2] Jeidels: „Das Verhältnis der deutschen Grossbanken zur Industrie mit besonderer Berücksichtigung der Eisenindustrie“ Lpz. (יעידעלס: „די באַציִונג פון די דײַטשישע גרויסע בענק צו דער אינדוסטריע, באַזונדערס צו דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע“. לײַפּציק. רעד.), 1905, ז. 271.

[3] Liefmann: „Beteiligungs- etc. Ges“, ז. 434.

פארבונדנ מיט א גיגאנטישער פארגרעסערונג פונעמ קאפיטאל, וואָס פליסט, אזוי צו זאָגנ, איבער די ברעגנ, פליסט אוועק קיינ אויסלאנד אאוו. גלײַכצײַטיק ברענגט דער שטארק פארגיכערטער וווּקס פונ דער טעכניק אלצ מער עלעמענטנ פונ ניט-אנטשפּרעכיקײַט צווישנ פארשיידענע טיילנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט, אלצ מער עלעמענטנ פונ כאאָטישקײַט, פונ קריזיסנ. „דער מענטשהײַט — איז געצוווּנגענ צו אָנערקענענ דער זעלביקער ליפמאנ, — שטייענ, מיסטאמע, ווידער פאר אינ דער ניט ווײַטער צוקונפט גרויסע איבערקערענישנ אפנ געביט פונ טעכניק, וואָס וועלנ ווירקנ אויכ אפּ דער פאָלקסווירטשאפטלעכער אָרגאניזאציע“... אפּ דער עלעקטרע, לופט-פליערײַ... „געוויינלעכ און לויטנ אלגעמיינעמ קלאל אנטוויקלט זיכ אינ אזעלכע צײַטנ פונ ראדיקאלע עקאָנאָמישע ענדערונגענ א שטארקע ספּעקוליאציע“...[1]

און די קריזיסנ — קאָלערליי קריזיסנ, אָפטער פאר אלצ די עקאָנאָמישע, אָבער ניט נאָר די עקאָנאָמישע אליינ — פארשטארקנ, פונ זייער זײַט, אינ א קאָלאָסאלער מאָס די טענדענצ צו קאָנצענטראציע און צו מאָנאָפּאָליע. אָט איז יעדעלסעס זייער א באלערנדיקע ארויסזאָגונג וועגנ דער באדײַטונג פונעמ קריזיס פונ 1900 יאָר, דעמ קריזיס, וואָס האָט, ווי מיר ווייסנ, געשפּילט די ראָליע פונ א ווענדפּונקט אינ דער געשיכטע פונ די נײַסטע מאָנאָפּאָליעס:

„דער קריזיס פונ 1900 יאָר האָט צוגלײַכ מיט גיגאנטישע אונטערנעמונגענ אינ די הויפּט-צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע געפונענ נאָכ א סאכ אונטערנעמונגענ מיט א פארעלטערטער, לויט די איצטיקע באגריפנ, אָרגאניזאציע, „ריינע“ אונטערנעמונגענ“ (דה. ניט קאָמבינירטע), „וואָס האָבנ זיכ אויפגעהויבנ אינ דער הייכ אפנ רוקנ פונ דער כוואליע פונ אינדוסטריעלנ אויפשטײַג. דאָס פאלנ פונ די פרײַזנ, די פארקלע-נערונג פונעמ נאָכפרעג האָבנ געבראכט די דאָזיקע „ריינע“ אונטערנעמונגענ צו אזא קלאָגעדיקער לאגע, וואָס האָט אָדער גאָרניט אָנגערירט די קאָמבינירטע גיגאנטישע אונטערנעמונגענ אָדער זי האָט זיי אָנגערירט אפּ גאָר א קורצער צײַט. דער קריזיס פונ 1900 יאָר האָט דעריבער אינ אָנ אנ ערעכ א גרעסערער מאָס געבראכט צו דער קאָנצענטראציע פונ דער אינדוסטריע איידער דער קריזיס פונ 1873 יאָר: דער קריזיס פונ 1873 יאָר האָט אויכ געשאפנ א געוויסנ אָפּקלײַב פונ די בעסערע אונ-טערנעמונגענ, אָבער בא דעמ דעמאלטיקנ ניוואָ פונ דער טעכניק האָט דער דאָזיקער אָפּקלײַב ניט געקאָנט ברענגענ צו דער מאָנאָפּאָליע פונ די אונטערנעמונגענ, וואָס האָבנ באוויזנ זיגרײַכ ארויסצוגיינ פונעמ קריזיס. גראָד אזא לאנגדויערנדיקע מאָנאָ-פּאָליע, און דערבײַ פונ א הויכנ גראד, פארמאָגנ די גיגאנטישע אונטערנעמונגענ פונ דער איצטיקער אײַזנ- און עלעקטרע-אינדוסטריע, אדאנק זייער העכסט קאָמפּלי-צירטער טעכניק, זייער ווײַטגייענדיקער אָרגאניזאציע, דער מעכטיקײַט פונ זייער קאַ-פּיטאל; דערנאָכ, אינ א קלענערער מאָס, פארמאָגנ אזא מאָנאָפּאָליע אויכ די אונטער-נעמונגענ פונ דער מאשינבוי-אינדוסטריע, פונ געוויסע צווײַגנ אינ דער מעטאלורגי-שער אינדוסטריע, פונ די פארקער-מיטלענ אאוו.“[2].

מאָנאָפּאָליע — אָט דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פונ דער „נײַסטער פאזע אינ

---

[1] Liefmann, ז. 466.

[2] Jeidels, ז. 108.

דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם". אונדזערע פארשטעלונגען וועגן דער ווירקלעכער קראפט און באדייטונג פון די איצטיקע מאנאפאליעס וואלטן אבער געווען אויסערסט ניט גענוג, ניט פול, פארקלענערט, ווען מיר וואלטן ניט גענומען אין אכט די ראליע פון די בענק.

II. די בענק און זייער נייע ראליע

די גרונט־אפעראציע פון די בענק, זייער אנפאנגלעכע אפעראציע איז — פארמיטלונג באם צאלן. אין צוזאמענהאנג דערמיט פארוואנדלען די בענק דעם ניט־פונקציאנירנדיקן געלט־קאפיטאל אין א פונקציאנירנדיקן, ד.ה. אין אזא, וואס ברענגט רעווע, זיי קלייבן אויף אלע און אלערליי געלט־האכנאסעס און גיבן דאס איבער אין רעשוס פונעם קלאס קאפיטאליסטן.

באגלייך מיט דער אנטוויקלונג פונעם באנק־וועזן און מיט זיין קאנצענטראציע אין א קליינער צאל אינסטיטוציעס, וואקסן די בענק אריבער פון דער באשיידענער ראליע פון פארמיטלער — אין אלמעכטיקע מאנאפאליסטן, וואס האבן צו שאפן קימאט איבערן גאנצן געלט־קאפיטאל פון אלע קאפיטאליסטן און קליינע באלעבאטים צוזאמען גענומען, און אויך איבערן גרעסטן טייל פראדוציר־מיטלען און קוואלן פון רויוואר אין דעם געגעבענעם לאנד און אין א גאנצער ריי לענדער. אט די פארוואנדלונג פון דער גרויסער צאל באשיידענע פארמיטלער אין א הייפל מאנאפאליסטן איז איינער פון די גרונט־פראצעסן פונעם אריבערוואקסן פונעם קאפיטאליזם אין קאפיטאליסטישן אימפעריאליזם, און דעריבער דארפן מיר אפ דער קאנצענטראציע פונעם באנק־וועזן אפשטעלן זיך אין דער ערשטער ריי.

אינעם יאר 1907/8 האבן די דעפאזיטן פון אלע אקציאנערע בענק פון דייטשלאנד, וועלכע האבן פארמאגט א קאפיטאל פון העכער א מיליאן מארק, באטראפן 7 מיליארד מארק; אינעם יאר 1912/3 — שוין 9,8 מיליארד. דאס איז א פארגרעסערונג אף 40% פאר פינף יאר, דערביי קומט פון די דאזיקע צוגעקומענע 2,8 מיליארד אויס 2,75 מיליארד אף 57 בענק, וואס האבן פארמאגט העכער 10 מיליאן מארק קאפיטאל. די פארטיילונג פון די דעפאזיטן צווישן די גרויסע און קליינע בענק איז געווען אזא [1]:

דער פראצענט פון אלע דעפאזיטן:

	בא די 9 גרויסע בערלינער בענק	בא די איבעריקע 48 בענק מיט א קאפיטאל פון העכער 10 מיליאן מארק	בא 115 בענק מיט א קאפיטאל פון 1 ביז 10 מיליאן מארק	בא די קליינע בענק (וויניקער פון 1 מיליאן).
1907/8 . . .	47	32,5	16,5	4
1912/3 . . .	49	36	12	3

[1] Alfred Lansburgh: „Fünf Jahre d. Bankwesen", „Die Bank" (אלפרעד לאנסבורג: „פינף יאר דייטשישער באנק־וועזן", „באנק" רעד.), 1913, נומ. 8, ז. 728.

די קלײנע בענק זײַנענ אָפּגעשטױסנ געװאָרנ דורכ די גרױסע, װאָס בלױז נײַנ פונ זײ קאָנצענטרירנ בא זיכ קימאט א העלפט פונ אלע דעפּאָזיטנ. דאָ זײַנענ נאָכ אָבער ניט גענומענ געװאָרנ אינ באטראכט זײער פיל זאכנ, װי, לעמאָשל, די פארװאנדלונג פונ א גאנצער רײ קלײנע בענק אינ פאקטישע אָפּטײלונגענ פונ די גרױסע בענק אאװ., װאָס װעגנ דעמ װעלנ מיר רײדנ שפּעטער.

סאָפ 1913 יאָר האָט שולצע-געװערניצ געשאצט די דעפּאָזיטנ פונ די 9 בערלי-נער גרױסע בענק אינ 5,1 מיליארד מארק בא אנ אלגעמײנער סומע בערעכ פונ 10 מיליארד. נעמענדיק אינ באטראכט ניט נאָר די דעפּאָזיטנ, נאָר דעמ גאנצנ באנק-קאפּיטאל, האָט דער זעלביקער אױטאָר געשריבנ: „צומ סאָפ 1909 יאָר האָבנ די 9 גרױסע בערלינער בענק, צוזאמענ מיט די בענק, װאָס זײַנענ אָנ זײ אָנגעשלאָסנ, אָפּערירט מיט 11,3 מיליארד מארק, דה. אנ ערעכ מיט 83% פונעמ גאנצנ דײַטשישנ באנק-קאפּיטאל. דער „דײַטשישער באנק" („Deutsche Bank"), װאָס צוזאמענ מיט די בענק, װעלכע זײַנענ אָנ אימ אָנגע-שלאָסנ, אָפּערירט ער מיט א סומע פונ אנ ערעכ 3 מיליארד מארק, איז, באגלײַכ מיט דער פּרײַסישער פארװאלטונג פונ די מעלוכישע אײַזנבאנענ, די גרעסטע, אונ דערבײַ העכסט דעצענטראליזירטע, קאפּיטאל-צונױפזאמלונג אינ דער אלטער װעלט"[1].

מיר האָבנ אונטערגעשטראָכנ די אָנװײַזונג אפ די „אָנגעשלאָסענע" בענק, װײַל דאָס געהערט צו אײנעמ פונ די װיכטיקסטע כאראקטעריסטישע שטריכנ פונ דער נײַסטער קאפּיטאליסטישער קאָנצענטראציע. די גרױסע אונטערנעמונגענ, באזונדערס די בענק, איז ניט נאָר װאָס זײ שלינגענ דירעקט אײַנ די קלײנע, נאָר זײ „שליסנ זײ אָנ" צו זיכ, װארפנ זײ אונטער צו זיכ, שליסנ זײ אײַנ אינ „זײער" גרופּע, אינ זײער „קאָנצערנ" — װי עס הײסט דער טעכנישער טערמינ — דורכנ „באטײליקנ זיכ" אינ זײער קאפּיטאל, דורכנ אופקױפנ אָדער אױסבײַטנ די אקציעס, דורכ א סיסטעמ פונ כױװעס-פארהעלטענישנ אדג. אאװ. פּראָפעסאָר ליפמאנ האָט געװידמעט דער באשרײַבונג פונ די מאָדערנע „באטײליקונג- אונ פינאנסירונג-געזעלשאפטנ" א גאנצ „װערק" פונ א קאָלאָסאלנ פארנעמ, װאָס האלט בא א האלבנ טױזנט זײַטנ[2] — צומ באדױערנ, האָט ער צו דעמ אָפטמאָל ניט איבערגעקאָכטנ רױענ מאטעריאל צו-געגעבנ „טעאָרעטישע" כקירעס פונ זײער א נידעריקנ סאָרט. צו װאָס פאר א סא-כאקל אײנעמ זינ פונ קאָנצענטראציע עס ברענגט די דאָזיקע סיסטעמ פונ „באטײ-ליקונג", איז בעסער פאר אלצ באװיזנ אינעמ װערק פונעמ באנק-„טוער" ריסער װעגנ די דײַטשישע גרױסע בענק. נאָר אײדער מיר װעלנ אריבערגײנ צו זײַנע אָנ-גאבנ, װעלנ מיר ברענגענ אײנ קאָנקרעטנ בײַשפּיל פונ דער „באטײליקונג"-סיסטעמ.

די „גרופּע" פונעמ „דײַטשישנ באנק" איז אײנע פונ די גרעסטע, אויב ניט די סאמע גרעסטע, פונ אלע גרופּעס גרױסע בענק. קעדײ צו דיסקאָנטירנ די הױפּט-פּע-

[1] Schulze-Gaevernitz: „Die deutsche Kreditbank" אינ „Grundriss der Sozialökonomik", Tüb. (שולצע-געװערניצ. „דײַטשישער קרעדיט-באנק" אינ „די יעסױדעס פונ דער סאָציאלער עקאָנאָמיק", טיב. רעד.), 1915, ז. 12 אונ 137.

[2] R. Liefmann: „Beteiligungs- und Finanzierungsgesellschaften. Eine Studie über den modernen Kapitalismus und das Effektenwesen". 1 Aufl. Jena. 1909, 212 ז.

דעם, וואָס ביגדג צונויפֿ אײנײנעם אַלע בענק פֿון דער דאָזיקער גרופּע, מוז מען אונ־טערשיידן צווישן „באַטייליקונג" פֿון ערשטער, צווייטער און דריטער שטופּע, אָדער — וואָס דאָס איז אײנס און דאָס זעלבע — צווישן דער אָפּהענגיקײַט (די קלענערע בענק זײַנען אָפּהענגיק פֿונעם „דײַטשישן באַנק") פֿון דער ערשטער, צווייטער און דריטער שטופּע. עס באַקומט זיך אַזאַ בילד[1]:

		אָפּהענגיקײַט פֿון דער ערשטער שטופּע:	אָפּהענגיקײַט פֿון דער צווייטער שטופּע:	אָפּהענגיקײַט פֿון דער דריטער שטופּע:
דער „דײַטש. באַנק" באַ־טייליקט זיך:	שטענדיק	אין 17 בענק;	פֿון זיי 9 אין 34;	פֿון זיי 4 אין 7.
	אַפּ אַן אומבאַוווסטער צײַט .	„ 5 „	—	—
	פֿון צײַט צו צײַט	„ 8 „	„ „ 5 „ 14;	„ „ 2 אין 2.
סאַכאַקל		אין 30 בענק;	פֿון זיי 14 אין 48;	פֿון זיי 6 אין 9.

אין די 8 בענק מיט אַן „אָפּהענגיקײַט פֿון דער ערשטער שטופּע", וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפֿן דעם „דײַטשישן באַנק" „פֿון צײַט צו צײַט", גייען אַרײַן דרײַ אויסלענדישע בענק: איין עסטרײַכישער (דער וויגער „באַנק־פֿאַריין" — „Bankverein") און צוויי רוסישע (דער „סיבירער האַנדלס־באַנק" און דער „רוסישער באַנק פֿאַר אויסערלעכן האַנדל"). סאַכאַקל גייען אין דער גרופּע פֿונעם „דײַטשישן באַנק", די־רעקט און אומדירעקט, אינגאַנצן און טיילווײַז, אַרײַן 87 בענק, און די אַלגעמיינע סומע קאַפּיטאַל, אייגענעם און פֿרעמדן, איבער וועלכן ס'האָט צו שאַפֿן די גרופּע, ווערט געשאַצט אין 2—3 מיליאַרד מאַרק.

ס'איז קלאָר, אַז דער באַנק, וואָס שטייט בעראָש פֿון אַזאַ גרופּע און וואָס שליסט אָפּמאַכן מיט אַ האַלבער טוץ אַנדערע, עטוואָס קלענערע בענק, צוליב באַזונ־דערס גרויסע און לויגבאַרע פֿינאַנץ־אָפּעראַציעס, ווי, אַשטייגער, מעלובע־האַלוואָ־עס, — אַזאַ באַנק איז שוין אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ראָליע פֿון אַ „פֿאַרמיטלער" און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרבאַנד פֿון אַ הײַפֿל מאָנאָפּאָליסטן.

מיט וואָס פֿאַר אַ גיכקײַט ס'איז גראָד סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונ־דערט געגאַנגען די קאָנצענטראַציע פֿונעם באַנק־וועזן אין דײַטשלאַנד, איז צו זען פֿון פֿאָלגנדיקע ריסערם אָנגאַבן, וואָס מיר ברענגען דאָ געקירצט:

6 בערלינער גרויסע בענק האָבן געהאַט

יאָרן	אָפּטיילונגען אין דײַטשלאַנד	דעפּאָזיט־קאַסעס און אויסטויש־קאָנטאָרן	באַשטענדיקע באַטייליקונג אין דײַטשישע אַקצ. בענק	סאַכאַקל אינסטיטוציעס
1895	16	14	1	42
1900	21	40	8	80
1911	104	276	63	450

1 Alfred Lansburgh: „Das Beteiligungssystem im deutschen Bankwesen", „Die Bank" (אלפרעד לאנסבורג: „די באַטייליקונגס־סיסטעם אינעם דײַטשישן באַנקוועזן", „באַנק". רעד.), 1910, 1, ז. 500.

מיר זעענ, ווי גיכ עס וואקסט אויס א געדיכטע נעצ קאנאלנ, וואָס נעמענ ארומ דאָס גאנצע לאנד, צענטראליזירנ אלע קאפּיטאלנ אונ געלט-האכנאָסעס, פארוואנדלענ טויזנטער אונ טויזנטער צעשפּליטערטע ווירטשאפטנ אינ אנ אײנהײטלעכער אלגע-מײנ-נאציאָנאלער קאפּיטאליסטישער אונ דערנאָכ אויכ אינ אנ אלוועלטלעכ-קאפּיטא-ליסטישער ווירטשאפט. יענע „דעצענטראליזאציע“, וועגנ וועלכער עס האָט אינ דער אויבנ געבראכטער ציטאטע גערעדט שולצע-געווערניצ אינ נאָמענ פונ דער בורזשוא-זער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פונ אונדזער צײט, באשטײט פאקטיש דערינ, וואָס א-לצ גרעסערע אונ גרעסערע צאָל ווירטשאפטלעכע אײנסנ, וועלכע זײנענ פריער גע-ווענ פארהעלטניסמעסיק „זעלבשטענדיק“, אָדער ריכטיקער, לאָקאל-(אָרטיק)-אָפּגע-זונדערט, ווערנ אונטערגעוואָרפנ צו אנ אײנהײטלעכנ צענטער. פאקטיש איז דאָס, אלזאָ, א צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע, א פארשטארקונג פונ דער ראָליע, פונ דער באדײ-טונג, פונ דער מעכטיקײט פונ די מאָנאָפּאָליסטישע גיגאנטנ.

אינ די עלטערע קאפּיטאליסטישע לענדער איז די דאָזיקע „באנק-נעצ“ נאָכ גע-דיכטער. אינ ענגלאנד אײנגענעמ מיט אירלאנד האָט מענ אינ 1910 יאָר געצײלט 7.151 אָפּטײלונגענ פונ אלע בענק. פיר גרויסע בענק האָבנ געהאט יעדערער מער ווי צו 400 אָפּטײלונגענ (פונ 447 ביז 689), ווײטער האָבנ נאָכ 4 געהאט מער ווי צו 200 אונ 11 — מער ווי צו 100 אָפּטײלונגענ.

אינ פראנקרײכ האָבנ די ד ר ײ גרעסטע בענק, Crédit Lyonnais, Comptoir National אונ Société Générale[1] אנטוויקלט זײערע אָפּעראציעס אונ די נעצ פונ זײערע אָפּטײלונגענ אפּ אזא אופנ[2]:

	די צאָל אָפּטײלונגענ אונ קאסעס			די גרײס פונעמ קאפּיטאל (מיליאָנ פראנק)	
	אינ דער פּראָווינצ	אינ פאריז	סאכאקל	אײגענעמ	פרעמדנ
1870	47	17	64	200	427
1890	192	66	258	265	1.245
1909	1.033	196	1.229	887	4.363

קעדײ צו כאראקטעריזירנ די „פארבינדונגענ“ פונ א מאָדערנעמ גרויסנ באנק, ברענגט ריסער אָנגאבנ וועגנ דער צאָל בריוו, וועלכע עס שיקט אוועק אונ עס באקומט די „דיסקאָנט-געזעלשאפט“ („Disconto-Gesellschaft“), אײנער פונ די גרעסטע בענק אינ דײטשלאנד אונ אינ דער גאנצער וועלט (זײנ קאפּיטאל איז אינ 1914 יאָר דערגאנגענ ביז 300 מיליאָנ מארק):

די צאָל בריוו

	אָנגעקומענע	אָפּגעשיקטע
1852	6.135	6.292
1870	85.800	87.513
1900	533.102	626.043

1 — „ליאָנער קרעדיט“, „נאציאָנאלע דיסקאָנט-קאָנטאָר“, „גענעראלע געזעלשאפט“. רעד.

2 Eugen Kaufmann: „Das französische-Bankwesen“ Tüb. (יעוגענ קאופמאנ: „די פראנצויזישע בענק“, טיבינגענ. רעד.), 1911, ז. 356 אונ 362.

אינעמ פּאַריזשער גרויסנ באַנק „ליאָנער קרעדיט" איז די צאָל קאָנטעס (רעכענונגענ) געשטיגנ פונ 28.535 אינ 1875 יאָר ביז 633.539 אינ 1912 יאָר[1].

די דאָזיקע פּאָשעטע ציפערנ באַווײַזנ, אײַנגעטלעכ, אָנשוילעכער אײדער לאַנגע בקירעס, ווי צוגלײַכ מיט דער קאָנצענטראַציע פונעמ קאַפּיטאַל און מיטנ וווּקס פונ די אומזאַצנ פונ די בענק ענדערט זיכ ראַדיקאַל זײער באַדײַטונג. פונ צעשפּליטערטע קאַפּיטאַליסטנ בילדעט זיכ אויס אײנ קאָלעקטיווער קאַפּיטאַליסט. פירנדיק א קאָנטאָקאָרענט (לויפנדיקער כעזשבנ) פונ עטלעכע קאַפּיטאַליסטנ, פילט דער באַנק, קלוימערשט, אויס א רײנ טעכנישע, אויסשליסלעכ באַהילפיקע אָפּעראַציע. אָבער ווענ די דאָזיקע אָפּעראַציע וואַקסט אויס ביז א קאָלאָסאַלנ מאַסשטאַב, ווײַזט זיכ דאָנ ארויס, אז א הײַפעלע מאָנאָפּאָליסטנ האַלטנ אינ זײערע הענט די האַנדלס-אינדוסטריעלע אָפּעראַציעס פונ דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און — דורכ די באַנק-פאַרבינדונגענ, דורכ די לויפנדיקע כעזשבוינעס און דורכ אַנדערע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס — באַקומענ זײ די מעגלעכקײַט צוערשט *גענוי זיכ צו דערוויסנ* דעמ צושטאַנד פונ די געשעפטנ בײַ באַזונדערע קאַפּיטאַליסטנ, דערנאָכ — *קאָנטראָלירנ* זײ, ווירקנ אויפ זײ דורכ פאַרברײטערנ אָדער דורכ פאַרשמעלערנ, דורכ פאַרגרינגערנ אָדער פאַרשווערלעכנ דעמ קרעדיט, און ענדלעכ *פולשטענדיק צו באַשטימענ* זײער גורל, באַשטימענ זײערע האַכנאָסעס, אָפּנעמענ בײַ זײ דעמ קאַפּיטאַל אָדער געבנ זײ א מעגלעכקײַט גיכ און אינ א גוואַלדיקנ פאַרנעמ צו פאַרגרעסערנ זײער קאַפּיטאַל אדג.

מיר האָבנ נאָרוואָס דערמאָנט וועגנ א קאַפּיטאַל פונ 300 מיליאָנ מאַרק בײַ דער „דיסקאָנט-געזעלשאַפט" אינ בערלינ. די דאָזיקע פאַרגרעסערונג פונעמ קאַפּיטאַל בײַ דער „דיסקאָנט-געזעלשאַפט" איז געווענ אײנער פונ די עפּיזאָדנ אינעמ קאַמפ פאַר העגעמאָניע צווישנ צוויי פונ די גרעסטע בערלינער בענק, צווישנ דעמ „דײַטשישנ באַנק" און דער „דיסקאָנט-געזעלשאַפט".

אינ 1870 יאָר איז דער „דײַטשישער באַנק" נאָכ געווענ אנ אָנפאַנגער און האָט פאַרמאָגט א קאַפּיטאַל פונ סאַכאַקל 15 מיליאָנ, די „דיסקאָנט-געזעלשאַפט" — פונ 30 מיליאָנ. אינ 1908 יאָר האָט דער ערשטער געהאַט א קאַפּיטאַל פונ 200 מיליאָנ, דער צווײטער — פונ 170 מיליאָנ. אינ 1914 יאָר האָט דער ערשטער פאַרגרעסערט זײַנ קאַפּיטאַל ביז 250 מיליאָנ, דער צווײטער האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיט אנ אַנדער ערשטקלאַסיק-גרויסנ באַנק, מיטנ „שאַפהאַוזענער באַנק-פאַראײנ" און האָט פאַרגרעסערט זײַנ קאַפּיטאַל ביז 300 מיליאָנ. און עס פאַרשטײט זיכ, אז דער דאָזיקער קאַמפ פאַר העגעמאָניע גײט האַנט-בײַ-האַנט מיט אלצ אָפטערע און אלצ פעסטערע „פאַרשטענדיקונגענ" צווישנ די בײדע בענק. אָט וואָס פאַרא אויספירנ דער דאָזיקער אַנטוויקלונגס-גאַנג צווינגט צו מאַכנ די ספּעציאַליסטנ פונ באַנק-וועזנ, וועלכע באַטראַכטנ די עקאָנאָמישע פראַגנ פונ א שטאַנדפּונקט, וואָס גײט אויפ קײנ פאַל ניט ווײַטער פונ גאָר מעסיקער און אַקוראַטער בורזשואַזער רעפאָרמאַטאָרישקײַט:

---

[1] Jean Lescure: „L'épargne en France". P. (זשאַנ לעסקיור: „אָפּשפּאָרונגענ אינ פראַנקרײַכ". פּאַריזש, רעד.), 1914, ז. 52.

„אנדערע בענק וועלנ אויכ גיינ מיטנ זעלביקנ וועג", — האָט געשריבנ דער דײַטשישער זשורנאַל „באַנק" מיקויעכ דעמ, וואָס די „דיסקאָנט=געזעלשאַפט" האָט פאַרגרעסערט איר קאַפּיטאַל ביז 300 מיליאָנ, — „און פונ די 300 מאַנ, וואָס רעגירנ איצט עקאָנאָמיש איבער דײַטשלאַנד, וועט מיט דער צײַט פאַרבלײַבנ 50, 25 אָדער נאָכ ווייניקער. ס'איז ניט צו דערוואַרטנ, אַז די נײַסטע קאָנצענטראַציע=באַוועגונג זאָל זיכ באַגרענעצנ בלויז מיטנ באַנק=וועזנ. די ענגע פאַרבינדונגענ צווישנ איינצלנע בענק פירנ נאַטירלעכ אויכ צו א דערנענטערונג צווישנ די סינדיקאַטנ פונ די אינדוסטריעלער, וואָס ווערנ פּאַטראָניזירט דורכ די דאָזיקע בענק... אינ איינ שיינעמ פרימאָרגנ וועלנ מיר זיכ אויפכאַפּנ און וועלנ איבעראַשטע דערזענ פאַר זיכ בלויז טרעסטנ; מיר וועלנ זײַנ געצוווּנגענ צו פאַרבײַטנ די פּריוואַטע מאָנאָפּאָליעס אפּ מעלוכע=מאָנאָפּאָליעס. און דאָכ האָבנ מיר ניט, אייגנטלעכ, וואָס פאָרצוואַרפנ זיכ, סײַדנ דאָס, וואָס מיר האָבנ געגעבנ דער אַנטוויקלונג פונ די דאָזיקע געשעענישנ א פרײַענ גאַנג, וועלכער איז עטוואָס פאַרגיכערט געוואָרנ דורכ דער אַקציע"[1].

אָט האָט איר א מוסטער פונ אומבאַהאָלפנקײַט פונ דער בורזשואַזער פּובליציסטיק, וואָס די בורזשואַזע וויסנשאַפט שיידט זיכ פונ איר אונטער בלויז דערמיט, וואָס זי איז ווייניקער אופריכטיק און שטרעבט צו פאַרשמירנ דעמ טאָכ פונ דער זאַכ, צו פאַרשטעלנ מיט די ביימער דעמ וואַלד. „איבעראַשט ווערנ" פונ די רעזולטאַטנ פונ דער קאָנצענטראַציע, „פאָרוואַרפנ" דער רעגירונג פונ קאַפּיטאַליסטישנ דײַטשלאַנד אָדער דער קאַפּיטאַליסטישער „געזעלשאַפט" („מיר"), מוירע האָבנ, אַז דאָס אײַנפירנ אַקציעס וועט „פאַרגיכערנ" די קאָנצענטראַציע, ווי איינער א דײַטשישער „קאַרטעלנ"=ספּעציאַליסט, טשירשקי, האָט מוירע פאַר די אַמעריקאַנער טרעסטנ און „האַלט מער" פונ די דײַטשישע קאַרטעלנ, ווײַל זיי זײַנענ קלוימערשט פּייִק „ניט אַזוי איבער דער מאָס צו פאַרגיכערנ דעמ טעכנישנ און עקאָנאָמישנ פּראָגרעס, ווי די טרעסטנ"[2], — צי דענ איז דאָס ניט אומבאַהאָלפנקײַט?

פאַקטנ פאַרבלײַבנ אָבער פאַקטנ. אינ דײַטשלאַנד זײַנענ ניטאָ קיינ טרעסטנ, נאָר עס זײַנענ פאַראַנ „בלויז" קאַרטעלנ, אָבער מיטנ לאַנד *רעגירנ* ניט מער ווי 300 קאַפּיטאַל=מאַגנאַטנ. און זייער צאָל ווערט קעסיידער אַלצ קלענער. בא יעדנ פאַל, אינ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בא אַלע וואַריאַנטנ פונ באַנק=געזעצגעבונג, פאַרשטאַרקנ און פאַרגיכערנ די בענק אינ א סאַכ מאָל דעמ פּראָצעס פונ קאָנצענטראַציע פונעמ קאַפּיטאַל און פונ דער אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָליעס.

„די בענק שאַפנ אינ א געזעלשאַפטלעכנ מאַסשטאַב די פאָרמ, אָבער טאַקע נאָר די פאָרמ, פונ אַנ אַלגעמיינער בוכ=פירונג און פונ אַנ אַלגעמיינער פאַרטיילונג פונ די פּראָדוציר=מיטלענ", — האָט מאַרקס געשריבנ מיט א האַלבנ יאָרהונדערט צוריק אינ „קאַפּיטאַל" (רוסישע איבערזעצונג, ב. III, ט. II, ז. 144). די געבראַכטע אָנגאַבנ וועגנ דעמ וווּקס פונעמ באַנק=קאַפּיטאַל, וועגנ דער פאַרגרעסערונג פונ דער צאָל קאָנטאָרנ און אָפּטיילונגענ פונ די גרעסטע בענק, וועגנ דער פאַרגרעסערונג

[1] A. Lansburgh: „Die Bank mit den 300 Millionen", „Die Bank" (א. לאַנסבורג: „די באַנק מיט די 300 מיליאָנ", „באַנק" רעד.), 1914, 1, ז. 426.

[2] S. Tschierschky, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 128.

פונ דער צאָל פונ זייערע קאָנטעס אאוו. באַווייזנ אונדז קאָנקרעט אָט די „אַלגעמיינע בוכ=פירונג“ פונ דעמ גאַנצנ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ און אַפילע ניט נאָר פונ די קאַפּיטאַליסטנ, ווייל די בענק קלייבנ אופ, זאָל זיינ אַפילע נאָר אויפ א צייט, אַלערליי געלט=האַכנאָסעס, אי פונ קליינע אונטערנעמער, אי פונ אָנגעשטעלטע, אי פונ אַ גישטיקנ אייבערשטנ שיכט אַרבעטער. „די אַלגעמיינע פאַרטיילונג פונ די פּראָדוציר=מיטלענ“ — אָט וואָס עס וואַקסט, פאָרמעל, פונ די מאָדערנע בענק, וואָס האָבנ צו שאַפנ — אינ א צאָל פונ א וועלכע דריי—זעקס גרעסטע בענק אינ פראַנקרייכ, פונ זעקס—אַכט אינ דייטשלאַנד — איבער מיליאַרדנ און מיליאַרדנ. אָבער לויטנ אינהאַלט אירנ איז די דאָזיקע פאַרטיילונג פונ די פּראָדוציר=מיטלענ קלאָל ניט קיינ „אַלגעמיינע“, נאָר א פּריוואַטע, דה. אַזאַ, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די אינטערעסנ פונ דעמ גרויסנ — און, פריער פאַר אַלצ, פונ דעמ גאָר גרויסנ, פונ דעמ מאָנאָפּאָליסטישנ — קאַפּיטאַל, וועלכער אָפּערירט אינ אַזעלכע באַדינגונגענ, ווענ די מאַסע באַפעלקערונג ליידט הונגער, ווענ די גאַנצע אַנטוויקלונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט שטייט האָפּענונגסלאָז אָפּ פונ דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, און ווענ אינ דער אינדוסטריע נעמט די „שווערע אינדוסטריע“ צינז פונ אַלע איבעריקע אינדוסטריע=צווייגנ.

אינ פראַט פונ פאַרגעזעלשאַפטלעכנ די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט הייבנ אָנ צו קאָנקורירנ מיט די בענק די שפּאָרקאַסעס און די פּאָטשט=אַנשטאַלטנ, וואָס זיינענ מער „דעצענטראַליזירט“, דה. זיי פאַרכאַפּנ אינ זייער ווירקונג=ספער א גרעסערע צאָל געגנטנ, א גרעסערע צאָל פאַרוואָרפענע ווינקלענ, ברייטערע קרייזנ פונ דער באַפעלקערונג. אָט זיינענ די אָנגאַבנ, וועלכע עס האָט צונויפגעקליבנ די אַמעריקאַנער קאָמיסיע איבער דער פראַגע וויאַזוי ס'האָבנ זיכ אַנטוויקלט די דעפּאָזיטנ אינ די בענק אינ פאַרגלייכ מיט די דעפּאָזיטנ אינ די שפּאָרקאַסעס[1]:

דעפּאָזיטנ (אינ מיליאַרדנ מאַרק)

	ענגלאַנד		פראַנקרייכ		דייטשלאַנד		
	אינ די בענק	אינ די שפּאָר־קאַסעס	אינ די בענק	אינ די שפּאָר־קאַסעס	אינ די בענק	אינ די קרעדיט־געזעלשאַפטנ	אינ די שפּאָר־קאַסעס
1880	8,4	1,6	?	0,9	0,5	0,4	2,6
1888	12,4	2,0	1,5	2,1	1,1	0,4	4,5
1908	23,2	4,2	3,7	4,2	7,1	2,2	13,9

צאָלנדיק פאַר דעפּאָזיטנ צו 4 און $4\frac{1}{4}$ פּראָצ., זיינענ די שפּאָרקאַסעס געצוווּנגענ צו זוכנ א „האַכנאָסעדיקע“ אָנווענדונג פאַר זייערע קאַפּיטאַלנ, אַריינצולאָזנ זיכ אינ וועקסל=אָפּעראַציעס, היפּאָטעקנ=אָפּעראַציעס און אַנדערע אָפּעראַציעס. די גרענעצנ צווישנ די בענק און די שפּאָרקאַסעס ווערנ „אַלץ מער אָפּגעווישט“. די האַנדלס=קאַמערנ, לעמאָשל, אינ באָכומ, אינ ערפורט, פאָדערנ, מע זאָל „פאַרווערנ“ די שפּאָר=

[1] אָנגאַבנ פונ דער אַמעריקאַנער National Monetary Commission נאַציאָנאַלער מאָנעטאַרער קאָמיסיע. רעד.) אינ „Die Bank“ 1910, 1, ז. 1200.

קאסעס צו פארנעמענ זיכ מיט „ריינע“ באנק-אָפעראציעס, ווי דיסקאָנט פונ וועקסלענ, זיי פאָדערנ, מע זאָל באגרענעצנ די „באנק“-טעטיקייט פונ די פאָסט-אנשטאלטנ[1]. די באנק-מאגנאטנ האָבנ אפאָנעמ מוירע, צי נאנוועט זיכ ניט אונטער צו זיי די מעלוכישע מאָנאָפאָליע פונ אנ אומגעריכטער זייט. פארשטייט זיכ אָבער, אז די האָזיקע מוירע גייט ניט ווייטער פונ א קאָנקורענצ צווישנ, אזוי צו זאָגנ, צוויי פארוואלטערס פונ אָפטיילנ אינ איינ קאנצעליאריע. וואָרעמ פונ איינ זייט, האָבנ צו שאפנ איבער די מיליארד-קאפיטאלנ פונ די שפאָרקאסעס סאָפקאָלסאָפ אונ פאקטיש די ז ע ל ב י ק ע מאגנאטנ פונעמ באנק-קאפיטאל; אונ פונ דער אנדערער זייט, איז די מעלוכע-מאָנאָפאָליע אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט דאָכ מער ניט ווי א מיטל צו העכערנ אונ פארפעסטיקנ די האכנאָסעס פאר די מיליאָנערנ פונ דעמ אָדער יענעמ אינדוסטריע-צווייג, וואָס האלטנ בא באנקראָט.

דער פארבייט פונעמ אלטנ קאפיטאליזמ, ווו עס הערשט פרייע קאָנקורענצ, אפ א נייעמ קאפיטאליזמ, ווו עס הערשט מאָנאָפאָליע, דריקט זיכ אויס, אגעוו, דערינ, וואָס עס פאלט די באדייטונג פונ דער בירזשע. „די בירזשע — שרייבט דער זשורנאל „באנק“ — האָט שוינ לאנג אויפגעהערט צו זיינ א נייטיקער פארמיטלער פונ אומזאצ, ווי זי איז געווענ פריער, ווענ די בענק האָבנ נאָכ ניט געהאט קיינ מעגלעכקייט אָפּצוזעצנ בא זייערע קליענטנ דעמ גרעסטנ טייל פאָנד-ווערטנ, וואָס זיי לאָזנ ארויס“[2].

„„יעדער באנק איז א בירזשע“ — אָט דער מאָדערנער אפאָריזמ אנטהאלט אלצ מער עמעס, וואָס גרעסער עס איז דער באנק, וואָס מער דערפאָלגנ עס מאכט די קאָנצענטראציע אינעמ באנק-וועזנ“[3]. „אויב פריער, אינ די 70-ער יאָרנ, איז די בירזשע מיט אירע יונגטלעכע עקסצעסנ (א „דעליקאטע“ אָנצוהערעניש וועגנ בירזשע-קראכ פונ 1873 יאָר, וועגנ די גרינדערישע סקאנדאלנ אאוו.) „געווענ דער אָנהייב פונ דער אינדוסטריאליזירונגס-עפאָכע אינ דייטשלאנד, איז איצט קאָנענ די בענק אונ די אינדוסטריע „זיכ אליינ אנ אייצע געבנ“. די הערשאפט פונ אונדזערע גרויסע בענק איבער דער בירזשע... איז ניט מער, ווי אנ אויסדרוק פונ דער פולשטענדיק אָרגאניזירטער דייטשישער אינדוסטריעלער מעלוכע. אויב אזויארומ ווערט פארשמעלערט דער טעטיקייט-געביט פונ די אויטאָמאטיש פונקציאָנירנדיקע עקאָנאָמישע געזעצנ אונ ס'ווערט אומגעהייער פארברייטערט דער געביט פונ באוווסטזיניקנ רעגולירנ דורכ די בענק, וואקסט אָבער אינ צוזאמענהאנג דערמיט גיגאנטיש אויס אויכ די פאָלקסווירטשאפטלעכע פאראנטוואָרטלעכקייט פונ דער קליינער צאָל אָנפירנדיקע פערזאָנענ“ — אזוי שרייבט דער דייטשישער פראָפעסאָר שולצע-געווערניצ[4], אנ אפאָלאָגעט פונעמ דייטשישנ אימפעריאליזמ, אנ אויטאָריטעט פאר די אימפעריאליסטנ פונ אלע לענדער, וועלכער שטרעבט צו פארשמירנ „א קלייניקייט“, נעמלעכ, אז אָט די „באוווסטזיניקע רעגולירונג“ דורכ די בענק באשטייט דערינ, וואָס

---

[1] Die Bank, 1913, ז. 811, 1022; 1914, ז. 743.

[2] דאָרט, 1914, 1, ז. 316.

[3] Dr. Oscar Stillich: „Geld- und Bankwesen“, Berlin (דר. אָסקאר שטיליכ. „געלט אונ בענק“, בערלינ. רעד.), 1907, ז. 169.

[4] Schulze-Gaevernitz: „Die deutsche Kreditbank“ אינ Grundriss der Sozialökonomik, Tüb., 1915, ז. 12 אונ 137.

א הײַפעלע „פולשטענדיק אָרגאניזירטע" מאָנאָפּאָליסטן באראבעוועט דעם עולם. די אויפגאבע פונעם בורזשואזן פּראָפעסאָר איז ניט אויפצודעקן די גאנצע מעכאניק, ניט צו דעמאסקירן אלע מאכינאציעס פון די באנק־מאָנאָפּאָליסטן, נאָר צו צופּוצן זיי.

דאָס זעלביקע טוט אויך ריסער, א גאָר מער אויטאָריטעטער עקאָנאָמיסט און באנק־„טוער"; ער שמארעט זיך אָפּצוקומען מיט פּוסטע פראזעס וועגן אזעלכע פאקטן, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּלייקענען: „די בירזשע פארלירט אלץ מער די אייגנשאפט, וואָס איז אומבאדינגט נייטיק פאר דער גאנצער ווירטשאפט און פאר דער צירקולאציע פון ווערט־פּאפּירן, — די אייגנשאפט צו זײַן ניט נאָר דער סאמע פּינקטלעכער מעסט־אינסטרומענט, נאָר אויך קימאט אן אויטאָמאטיש־ווירקנדיקער רעגוליאטאָר פון די עקאָנאָמישע באוועגונגען, וואָס שטראָמען צו איר"[1].

מיט אנדערע ווערטער: דער אלטער קאפּיטאליזם, דער קאפּיטאליזם פון פרײַער קאָנקורענץ, מיט דעם אומבאדינגט נייטיקן רעגוליאטאָר זײַנעם, מיט דער בירזשע, גייט אוועק אין דער פארגאנגענהייט. אויף זײַן אָרט איז געקומען א נײַער קאפּיטאליזם, וואָס פארמאָגט בעפיירעשע שטריכן פון עפּעס איבערגייענדיקס, פון א מין געמיש פון פרײַער קאָנקורענץ מיט מאָנאָפּאָליע. דאָ קומט אויף נאטירלעך די פראגע, *צו וואָס זשע* „גייט איבער" דער דאָזיקער נײַסטער קאפּיטאליזם? די בורזשואזע געלערנטע האָבן אָבער מורא צו שטעלן די דאָזיקע פראגע.

„מיט דרײַסיק יאָר צוריק פלעגן די פרײַ קאָנקורירנדיקע אונטערנעמער אויספילן 9/10 פון יענער עקאָנאָמישער ארבעט, וואָס געהערט ניט צום געביט פון פיזישער מי פון די „ארבעטער". איצט פילן די *באאמטע* אויס 9/10 פון דער דאָזיקער עקאָנאָמישער אינטעלעקטועלער ארבעט. דאָס באנק־וועזן שטייט בעראָש פון דער דאָזיקער אנטוויקלונג"[2]. אָט די אָנערקענונג שולצע־געווערניצעס שטויסט זיך נאָך און נאָכאמאָל אָן אָן דער פראגע, — אן איבערגאנג צו וואָס איז דער נײַסטער קאפּיטאליזם, דער קאפּיטאליזם אין זײַן אימפּעריאליסטישער סטאדיע. ———

צווישן דער קליינער צאָל בענק, וואָס פארבלײַבן מאכמעס דעם קאָנצענטראציע־פּראָצעס בעראָש פון דער גאנצער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט, מערקט זיך נאטירלעך אלץ מער אָן און עס ווערט אלץ שטארקער די שטרעבונג צו א מאָנאָפּאָליסטישער פארשטענדיקונג, צו א *טרעסט פון די בענק*. אין אמעריקע הערשן איבער א קאפּיטאל פון 11 מיליארד מארק ניט נײַן, נאָר *צוויי* גאָר גרויסע בענק, די בענק פון די מיליארדערן ראָקפעלער און מאָרגאן[3]. אין דײַטשלאנד האָט דער פאקט, וואָס די „דיסקאָנט־געזעלשאפט" האָט, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעמערקט, אײַנגעשלונגען דעם „שאפהויזענער באנק־פארײַן", ארויסגערופן בײַ דער „פראנקפורטער צײַטונג", א צײַטונג פון די בירזשע־אינטערעסן, אזא מין אָפּשאצונג:

„צוגלײַך מיט דעם, ווי עס וואקסט די קאָנצענטראציע פון די בענק, ווערט שמעלער דער קרײַז אינסטיטוציעס, צו וועלכע מע קאָן זיך ביכלאל ווענדן נאָך קרעדיט; און מאכמעס דעם ווערט די גרויס־אינדוסטריע אלץ מער אָפּהענגיק פון א קליינער

[1] ריסער, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 630, לויט דער 4־טער אויפל.

[2] Die Bank, 1912, 1, ז. 435.

[3] „Die deutsche Kreditbank" אין Schulze-Gaevernitz: Grundriss der Sozialökonomik, Tüb., 1915, ז. 12 און 137.

צאָל באַנק-גרופּעס. באַ דער ענגער פאַרבינדונג צװישן דער אינדוסטריע מיט דער פינאַנסיסטן-װעלט, װערט די באַװעגונגס-פרײַהײט פאַר די אינדוסטריע-געזעלשאַפטן, װאָס נײטיקן זיך אין באַנק-קאַפּיטאַל, באַשרענקט. דעריבער קוקט די גרױס-אינדוסטריע מיט געמישטע געפילן אױף דער אַלץ שטאַרקער װערנדיקער טרעסטירונג (פאַרײניקונג אָדער פאַרװאַנדלונג אין טרעסטן) פון די בענק; און ס'איז שױן טאַקע ניט אײן מאָל אױסגעקומען צו באַמערקן אָנהײבן פון געװיסע פאַרשטענדיקונגען צװישן אײנצלנע קאָנצערנען פון גרױסע בענק, פאַרשטענדיקונגען, װאָס באַשטײען סאָפּקאָלסאָפ אין באַשרענקען די קאָנקורענץ"[1].

דאָס לעצטע װאָרט אין דער אַנטװיקלונג פון דעם באַנק-װעזן איז װידער און װידעראַמאָל מאָנאָפּאָליע.

װאָס אָנבאַלאַנגט דער ענגער פאַרבינדונג צװישן די בענק מיט דער אינדוסטריע, איז גראָד אױף אָט דעם געביט טרעט אַרױס שיר ניט אָנשױלעכער װי אומעטום די נײַע ראָליע פון די בענק. אױב דער באַנק דיסקאָנטירט די װעקסלען פון דעם געגעבענעם אונטערנעמער, אױב ער עפנט אים אַ קאָנטאָקאָרענט אאַז״װ., פאַרמינערן די דאָזיקע אָפּעראַציעס, באַזונדער גענומען, אױף קײן האָר ניט די זעלבשטענדיקײט פון דעם דאָזיקן אונטערנעמער, און דער באַנק גײט ניט אַרױס פון זײַן באַשײדענער ראָליע פון אַ פאַרמיטלער. װען די דאָזיקע אָפּעראַציעס װערן אָבער אָפטער און פעסטער, װען דער באַנק „קלײַבט צונױף" באַ זיך אין די הענט אומגעהײער גרױסע קאַפּיטאַלן, װען דאָס פירן די קאָנטאָקאָרענטן פון דער געגעבענער אונטערנעמונג גיט דעם באַנק די מעגלעכקײט — און אַזױ געשעט עס טאַקע — אַלץ דעטאַלער און פולער צו דערגײן, װי עס האַלט די עקאָנאָמישע לאַגע פון זײַן קליענט, באַקומט זיך אין רעזולטאַט, אַז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט װערט אַלץ מער פולשטענדיק אָפּהענגיק פון עם באַנק.

צוזאַמען דערמיט אַנטװיקלט זיך די, אַזױ צו זאָגן, פּערזענלעכע אוניע צװישן די בענק מיט די גרעסטע אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע און פון עם האַנדל, די צונױפגיסונג פון די מיט יענע דורכן באַזיצן די אַקציעס, דורכן דעם, װאָס די באַנק-דירעקטאָרן טרעטן אַרײַן אַלס מיטגלידער אין די אױפזיכט-ראַטן (אָדער אין די פאַרװאַלטונגען) פון די האַנדלס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און פאַרקערט. דער דײַטשישער עקאָנאָמיסט יעדעלס האָט צונױפגעקליבן זײער אױספירלעכע אָנגאַבן װעגן אָט דעם מין קאָנצענטראַציע פון די קאַפּיטאַלן און אונטערנעמונגען. די 6 גרעסטע בערלינער בענק זײַנען דורך זײערע דירעקטאָרן געװען פאַרטראַטן אין 344 אינדוסטריעלע געזעלשאַפטן, און דורך זײערע פאַרװאַלטונגס-מיטגלידער — נאָך אין 407, סאַכאַקל אין 751 געזעלשאַפטן. אין 289 געזעלשאַפטן האָבן זײ געהאַט אָדער צו צװײ מיטגלידער אין די אױפזיכט-ראַטן אָדער די פּאָסטנס פון פּאָרזיצערס פון די אױפזיכט-ראַטן. צװישן די דאָזיקע האַנדלס-אינדוסטריעלע געזעלשאַפטן געפינען מיר די סאַמע פאַרשײדנאַרטיקע צװײַגן פון אינדוסטריע, אי סטראַכיר-װעזן, אי פאַרקער-װעגן, אי רעסטאָראַנען, אי טעאַטערס, אי

[1] ציטירט באַ שולצע-געװערניצן אין .Grdr d. S.-Oek (אין „די יעסודעס פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיק". רעד.), ז. 155.

קונסט=אינדוסטריע אאוו. פונ דער אנדערער זײַט, איז אינ די אופזיכט=ראטנ פונ די זעלביקע זעקס בענק געווענ (אינ 1910 יאָר) 51 גאָר גרויסע אינדוסטריעלער, צווישנ זיי אויכ דער דירעקטאָר פונ דער פירמע קרופּ, פונ דער גיגאנטישער דאמפער=געזעלשאפט „Hapag" (Hamburg — Amerika) [1] אאוו. אדג. יעדערער פונ די זעקס בענק האָט זיכ אינ מעשעכ פונ 1895 ביז 1910 יאָר באטייליקט אינ ארויסלאָזנ אקציעס אונ אָבליגאציעס פאר א סאכ הונדערטער אינדוסטריעלע געזעלשאפטנ, נעמלעכ: פונ 281 ביז 419 [2].

די „פערזענלעכע אוניע" צווישנ די בענק מיט דער אינדוסטריע ווערט דערגאנצט דורכ דער „פערזענלעכער אוניע" פונ די ביידע מינימ געזעלשאפטנ מיט דער רעגירונג. „די שטעלעס פונ מיטגלידער פונ די אופזיכט=ראטנ, — שרײַבט יעידעלס, — ווערנ פרײַוויליק אָפּגעגעבנ מענטשנ מיט גרויסע נעמענ, ווי אויכ געוועזענע מעלוכע=באאמטע, וואָס קאָנענ שאפנ ניט ווייניק פארלײַכטערונגענ (!!) בײַ די באציִונגענ מיט דער מאכט"... „אינעם אופזיכט=ראט פונ א גרויסנ באנק געפינענ מיר געווײנלעכ א מיטגליד פונ פארלאמענט אָדער א מיטגליד פונ בערלינער מוניציפאליטעט".

די אויסארבעטונג אונ די פאנאנדערארבעטונג פונ די, אזוי צו זאָגנ, גרויס=קאפיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס גייט, אלזאָ, מיטנ גאנצנ אימפעט אפ אלע „נאטירלעכע" אונ „איבערנאטירלעכע" וועגנ. ס'בילדעט זיכ סיסטעמאטיש אויס א געוויסע ארבעט=צעטיילונג צווישנ עטלעכע הונדערט פינאנצ=קיניגנ פונ דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט:

„צוגלײַכ מיט אָט דער פארברייטערונג פונעמ טעטיקײַט=געביט פונ אייניצלנע גרויס=אינדוסטריעלער" (וואָס טרעטנ ארײַנ אינ די פארוואלטונגענ פונ די בענק אדג.) „אונ מיטנ איבערגעבנ אינ רעשוס פונ די פראָווינציעלע באנק=דירעקטאָרנ אויסשליסלעכ אייִנ באשטימטנ אינדוסטריעלנ קרײַז גייט א געוויסער וווּקס פונ דער ספעציאליזירונג צווישנ די אָנפירער פונ די גרויסע בענק. אזא ספעציאליזירונג קאָנ געמאָלט זײַנ נאָר בײַ א גרויסנ מאסשטאב פונ דער גאנצער באנק=אונטערנעמונג ביכלאל אונ פונ אירע אינדוסטריעלע פארבינדונגענ ביפראט. די דאָזיקע ארבעט=צעטיילונג גייט אינ צוויי ריכטונגענ: פונ איינ זײַט, ווערנ די באציִונגענ מיט דער אינדוסטריע אינגאנצנ איבערגעגעבנ איינעמ פונ די דירעקטאָרנ, אלס זײַנער א ספעציעלער איניענ; פונ דער אנדערער זײַט, נעמט אפ זיכ יעדער דירעקטאָר די אופזיכט איבער באזונדערע אונטערנעמונגענ אָדער איבער גרופּעס אונטערנעמונגענ, וואָס שטייענ נאָענט איינע צו דער אנדערער לויט דער פראָפעסיע אָדער לויט די אינטערעסנ"... (דער קאפיטאליזמ איז שוינ דערוואקסנ ביז צו אנ אָרגאניזירטער *אופזיכט* איבער באזונדערע אונטערנעמונגענ)... „איינעמס ספעציאליטעט איז די דײַטשישע אינדוסטריע, אמאָל אפילע בלויז די מערעוו=דײַטשישע" (מערעוו=דײַטשלאנד איז דער סאמע אינדוסטריעלער טייל פונ דײַטשלאנד), „דעמ צווייטנס — די באציִונגענ צו אויסלענדישע מעלוכעס אונ צו דער אויסלענדישער אינדוסטריע, אינפאָרמאציע וועגנ דער פערזענלעכקײַט פונ די אינדוסטריעלער אונ אנד., בירזשע=גע=

[1] — „האפאג" (האמבורג—אמעריקע). רעד.

[2] יעידעלס אונ ריסער, דאָס דערמאָנטע ווערק.

שעפטנ אאוו. אכוצ דעמ באקומט אָפטמאָל יעדער באנק=דירעקטאָר צומ פארוואלטנ א באזונדערע געגנט אָדער א באזונדערנ אינדוסטריע=צווייג; איינער ארבעט דעריקער אינ די אויפזיכט=ראטנ פונ עלעקטרע=געזעלשאפטנ, דער צווייטער — אינ כימישע פאבריקנ, ביר=ברויעריִענ אָדער צוקער=זאוואָדנ, דער דריטער — אינ א קליינער צאָל איזאָלירטע אונטערנעמונגענ און אינ דער זעלבער צייט אינעמ אויפזיכט=ראט פונ סטראכיר=געזעלשאפטנ... מיט איינ וואָרט, ס'איז קיינ שומ סאָפעק ניט, אז וואָס מער עס וואקסט אינ די גרויסע בענק דער מאסשטאב און די פארשיידנארטיקייט פונ זייערע אָפעראציעס, אלצ גרעסער ווערט אינ זיי די ארבעטס=צעטיילונג צווישנ די אָנפירער, וואָס דער ציל (און דער רעזולטאט) אירער איז — עטוואָס אויפצוהייבנ זיי, אזוי צו זאָגנ, העכער פונ די ריינע באנק=געשעפטנ, מאכנ זיי מער פייִק צו אָריענטירנ זיך און בעסער צו פארשטיינ אנ אייסעק אינ די אלגעמיינע פראגנ פונ דער אינדוסטריע און אינ ספעציעלע פראגנ פונ איינצלנע אינדוסטריע=צווייגנ, צוגרייטנ זיי דערצו, אז זיי זאָלנ קאָנענ ארבעטנ אפנ געביט פונ דער אינדוסטריעלער ווירקונג=ספער פונעמ באנק. צו דער דאָזיקער סיסטעמ פונ די בענק קומט נאָך צו די שטרעבונג אויסצוקלייבנ אינ זייערע אויפזיכט=ראטנ מענטשנ, וואָס זיינענ גוט באקאנט מיט דער אינדוסטריע, — אונטערנעמער, געוועזענע באאמטע, באזונדערס אזעלכע, וואָס האָבנ געדינט אינ דעמ אייזנבאנ=אמט, בארג=אמט" אאוו.[1]

אינסטיטוציעס פונעמ זעלביקנ מינ, נאָר אינ עטוואָס אנ אנדער פאָרמ, געפינענ מיר אינעמ פראנצויזישנ באנק=וועזנ. למשל, איינער פונ די דריי גרעסטע פראנצויזישע בענק, „ליאָנער קרעדיט", האָט אָרגאניזירט בא זיך א ספעציעלע „אָפטיילונג צו זאמלענ פינאנציעלע יעדיעס" (service des études financières). אינ דער דאָזיקער אָפטיילונג ארבעטנ שטענדיק העכער 50 מאנ אינזשעניערנ, סטאטיסטיקער, עקאָנאָמיסטנ, יוריסטנ אאוו. זי קאָסט אָפ פונ 6 ביז 7 הונדערט טויזנט פראנק א יאָר. די אָפטיילונג ווידער איז איינגעטיילט אפ 8 סוב=אָפטיילונגענ: איינע זאמלט יעדיעס ספעציעל וועגנ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, די צווייטע שטודירט די אלגעמיינע סטאטיסטיק, די דריטע — די אייזנבאנ= און דאמפער=געזעלשאפטנ, די פערטע — די פאָנדנ, די פינפטע — די פינאנצ=באריכטנ אאוו.[2]

עס באקומט זיך, פונ איינ זייט, אלצ א גרעסערע צונויפגיסונג אָדער, ווי ס'האָט זיך געלונגענ אויסגעדריקט נ. אי. בוכארינ, א צונויפוואקסונג פונעמ באנק=קאפיטאל מיטנ אינדוסטריעלנ קאפיטאל, און, פונ דער אנדערער זייט, וואקסנ די בענק ארייִנ אינ אינסטיטוציעס מיט א בעמעס „אוניווערסאלנ כאראקטער". מיר האלטנ פאר נייטיק פינקטלעכ צו ציטירנ, וואָס עס זאָגט וועגנ דער דאָזיקער פראגע יעידעלס, — א שרייבער, וועלכער האָט בעסער פונ אלעמענ שטודירט דעמ איניענ:

„אלס רעזולטאט פונ באטראכטנ די אינדוסטריעלע פארבינדונגענ אינ זייער גאנצנ קאָמפלעקס, באקומענ מיר דעמ א ו נ י ו ו ע ר ס א ל נ כ א ר א ק ט ע ר פונ די פינאנצ=אינסטיטוטנ, וואָס ארבעטנ פאר דער אינדוסטריע. אינ קעגנזאצ צו די אנדערע=

[1] יעידעלס, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 157.

[2] ארטיקל פונ Eng. Kaufmann וועגנ די פראנצויזישע בענק אינ „Die Bank" 1909, 2, ז. 851 א. וו.

רע פאָרמענ פונ די בענק, אינ קעגנזאצ צו די פאָדערונגענ, וואָס פלעגנ צומאָל ארויסגעשטעלט ווערנ אינ דער ליטעראטור, אז די בענק דארפנ זיכ ספעציאליזירנ אינ א באשטימטנ געשעפט-געביט אָדער אינדוסטריע-צווײַג, קעדיי ניט צו פארלירנ דעמ באָדנ פונ אונטער די פיס, — שטרעבנ די גרויסע בענק דערצו, אז זייערע פארבינדונגענ מיט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ זאָלנ ווערנ ווי ווײַט מעגלעכ פארשיידנארטיקער, לויטנ אָרט און לויט דער ארט פונ דער פראָדוקציע; זיי שטרעבנ זיכ צו באזײַטיקנ די ניט-גלײַכמעסיקײַטנ אינ דער פארטיילונג פונעמ קאפיטאל צווישנ איינצלנע געגנטנ אָדער אינדוסטריע-צווײַגנ, וואָס איז צו דערקלערנ פונ דער געשיכטע פונ די איינצלנע אונטערנעמונגענ". „איינ טענדענצ באשטייט דערינ, אז די פארבינדונג מיט דער אינדוסטריע זאָל ווערנ אנ אלגעמיינע דערשײַנונג; די צווייטע — אינ דעמ, אז די דאָזיקע פארבינדונג זאָל ווערנ פעסט און אינטענסיוו; די ביידע טענדענצנ זײַנענ אינ די זעקס גרויסע בענק פארווירקלעכט ניט פולשטענדיק, אָבער שוינ אינ א באדײַטנדיקנ מאסשטאב און אינ א גלײַכנ גראד".

מיצאד די האנדלס-אינדוסטריעלע קרײַזנ קאָנ מענ אָפטמאָל הערנ אָנקלאָגעס אפנ „טעראָריזמ“ פונ די בענק. און עס איז גאָר קיינ כידעש ניט, וואָס אזעלכע אָנקלאָגעס לאָזנ זיכ הערנ, ביים די גרויסע בענק „קאָמאנדעווענ“ אזוי, ווי עס באווײַזט פאָלגנדיקער בײַשפּיל. דעמ 19-טנ נאָיאבער 1901 יאָר האָט זיכ איינער פונ די אזויגערופענע בערלינער ד-בענק (די נעמענ פונ די פיר גרעסטע בענק הייבנ זיכ אָנ מיט א ד) געווענדט צו דער פארוואלטונג פונעמ „צאָפנ-מערעוודיקנ מיטל-דײַטשישנ צעמענט-סינדיקאט“ מיט אזא בריוו: „פונ דער מיטיילונג, וואָס איר האָט פארעפנטלעכט דעמ 18-טנ דעמ כוידעש אינ דער און דער צײַטונג, איז צו זענ, אז מיר מוזנ זיכ רעכענענ מיט דער מעגלעכקײַט, אז אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונ אײַער סינדיקאט, וואָס דארפ פאָרקומענ דעמ 30-טנ דעמ כוידעש, וועלנ אָנגענומענ ווערנ באשלוסנ, וועלכע קאָנענ ברענגענ אינ אײַער אונטערנעמונג צו אזעלכע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאר אונדז ניט אָנעמבאר. דעריבער זײַנענ מיר, צו אונדזער טיפנ באדויערנ, געצוווּנגענ אָפצושטעלנ אײַכ דעמ קרעדיט, וועלכנ איר האָט געהאט... נאָר אויב אפ דער דאָזיקער אלגעמיינער פארזאמלונג וועלנ ניט אָנגענומענ ווערנ קיינ באשלוסנ, וואָס זײַנענ פאר אונדז ניט אָנעמבאר, און אויב אונדז וועלנ אינ דעמ פראט געגעבנ ווערנ די געהעריקע גאראנטיעס אפ ווײַטער, זײַנענ מיר גרייט אָנצוהייבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ וועגנ עפענענ אײַכ א נײַעמ קרעדיט“[1].

אינ טאָכ זײַנענ דאָס די זעלבע אָנקלאָגעס פונעמ קליינ-קאפיטאל קעגנ דעמ דרוק פונעמ גרויס-קאפיטאל, נאָר אינ דער קאטעגאָריע „קליינע“ איז דאָ ארײַנגעפאלנ א גאנצער סינדיקאט! דער אלטער קאמפ צווישנ דעמ קליינ-קאפיטאל און דעמ גרויס-קאפיטאל ווערט באנײַט אפ א נײַער, אָנ אנ ערעכ העכערער אנטוויקלונגס-שטופע. פארשטייט זיכ, אז די מיליארד-אונטערנעמונגענ פונ די גרויסע בענק קאָנענ אויכ דעמ טעכנישנ פראָגרעס שטויסנ פאָרויס מיט מיטלענ, וואָס לאָזנ זיכ גאָר ניט פארגלײַכנ מיט די פריערדיקע. די בענק גרינדנ, לעמאָשל, ספעציעלע געזעלשאפטנ פאר טעכנישע אויספאָרשונגענ, און די רעזולטאטנ פונ די דאָזיקע אויספאָרשונגענ

[1] Dr. Oscar Stillich: „Geld- und Bankwesen“ Berlin, 1907, ז' 148.

נוצנ, פארשטייט זיכ, אויס נאָר די „פרייַנטלעכע“ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. אהער געהערנ די „גיזעלשאפט צו שטודירנ די פראגע וועגנ עלעקטרישע אייַזנבאַנענ“, די „צענטראלע ביוראָ פאר וויסנשאפטלעכ-טעכנישע פאָרשונגענ“ אדג.

די אָנפירער גופא פונ די גרויסע בענק קאָנענ נישט ניט אייַנזענ, אז עס בילדנ זיכ אויס עפעס נייַע באַרינגונגענ פאר דער פאָלקסווירטשאפט, אָבער זיי זייַנענ הילפלאָז קעגנ דעם:

„ווער ס'האָט זיכ די לעצטע יאָרנ צוגעקוקט — שרייַבט יעידעלס — צו דעם, ווי עס בייַטנ זיכ די מענטשנ אפ די פאָסטנס פונ דירעקטאָרנ אונ פונ מיטגלידער פונ די אויפזיכט-ראטנ פונ די גרויסע בענק, יענער האָט ניט געקאָנט ניט באמערקנ, ווי די מאכט גייט ביסלעכווייַז אריבער אינ די הענט צו פערזאָנענ, וואָס האלטנ פאר א נייטיקער אונ אלצ מער דרינגענדיקער אויפגאבע פונ די גרויסע בענק אקטיוו זיכ אריינצומישנ אינ דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, דערבייַ אַנטוויקלענ זיכ דערפונ צווישנ די דאָזיקע פערזאָנענ אונ די אלטע באנק-דירעקטאָרנ קלוקע-דייעס אפנ געשעפטלעכנ באָדנ אונ אָפטמאָל אויכ אפנ פערזענלעכנ באָדנ. דאָ האנדלט זיכ, אינ טאָכ גענומענ, וועגנ דעם, צי לייַדנ ניט די בענק, אלס קרעדיט-אינסטיטוציעס, דערפונ, וואָס זיי מישנ זיכ אריינ אינ דעם אינדוסטריעלנ פראָדוציר-פראָצעס, צי איז מענ ניט מאקריוו די סאָלידע פרינציפנ אונ דעם זיכערנ רעווענ צוליב אזא טעטיקייט, וועלכע האָט קיינ שום שייַכעס ניט מיט פארמיטלערייַ אינעם פראט פונ שאפנ קרעדיט אונ וואָס פארפירט דעם באנק אינ אזא געביט, ווו ער איז נאָכ מער ווי פריער אונטערגעוואָרפנ דער בלינדער הערשאפט פונ דער אינדוסטריעלער קאָניונקטור. אזוי מיינענ א סאכ פונ די אלטע באנק-אָנפירער, אָבער דאָסראָוו יונגע האלטנ די אקטיווע אריינמישונג אינ די פראגנ פונ דער אינדוסטריע פאר פונקט אזוי נויטווענדיק, ווי דאָס, וואָס האָט צוזאמענ מיט דער איצטיקער גרויס-אינדוסטריע ארויסגערופנ צום לעבנ אויכ די גרויסע בענק אונ די נייַסטע אינדוסטריעלע באנק-אונטערנעמונג. אינ איינ זאכ נאָר גייענ זיכ צונויפ די ביידע צדדים, אז פאר דער נייַער טעטיקייט פונ די גרויסע בענק זייַנענ ניטאָ קיינ פעסטע פרינציפנ אונ קיינ קאָנקרעטער ציל“[1].

דער אלטער קאפיטאליזמ האָט אָפגעלעבט זייַנ צייַט. דער נייַער — איז אנ אריבערגאנג צו עפעס. געפינענ „פעסטע פרינציפנ אונ א קאָנקרעטנ ציל“, קעדיי צו „שאָלעמ מאכנ“ צווישנ מאָנאָפאָליע אונ פרייַער קאָנקורענצ, איז, פארשטייט זיכ, א האָפענונגסלאָזער איניענ. די אָנערקענונג פונ די פראקטיקער קלינגט גאָר אנדערש, איידער די באנאלע לויב-געזאנגענ פאר די אנטיקנ פונעמ „אָרגאניזירטנ“ קאפיטאליזמ מיצאד אזוינע אפאָלאָגעטנ זייַנע, ווי אשטייגער שולצע-געווערניצ, ליפמאנ אונ נאָכ אזעלכע „טעאָרעטיקער“.

אפ דער וויכטיקער פראגע וועגנ דעם, צו וועלכער צייַט נעמלעכ עס באציט זיכ דאָס ענדגילטיקע אייַנשטעלנ די „נייַע טעטיקייט“ פונ די גרויסע בענק, געפינענ מיר א גאנצ גענויעמ ענטפער בא יעידעלסנ:

„די פארבינדונגענ צווישנ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, מיט זייער נייַעמ

---

[1] יעידעלס, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 184.

אינהאַלט, מיט די נײַע פאָרמענ, נײַע אָרגאַנענ, נעמלעכ: מיט די גרויסע בענק, וואָס זײַנענ גלײַכצײַטיק אָרגאַניזירט אי צענטראַליסטיש אי דעצענטראַליסטיש, בילדנ זיכ אויס אלס כאַראַקטעריסטישע פאָלקסווירטשאַפטלעכע דערשײַנונג קוים פריער ווי אינ די 1890-ער יאָרנ; אינ א געוויסנ זינ קאָנ מענ אפילע אָפּרוקנ דעמ דאָזיקנ אָנהייב-פּונקט ביזנ 1897 יאָר, מיט זײַנע גרויסע „צונויפגיסונגענ“ פונ אונטערנעמונגענ, וואָס פירנ צומ ערשטנ מאָל אײַנ א נײַע פאָרמ פונ דעצענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע צוליב מאָטיוונ פונ דער אינדוסטריעלער פּאָליטיק פונ די בענק. דער דאָזיקער אָנהייב-פּונקט קאָנ, עפשער, אָפּגערוקט ווערנ נאָכ צו א שפּעטערער צײַט, ווײַל ערשט דער קריזיס פונ 1900 יאָר האָט קאָלאָסאַל פאַרגיכערט דעמ קאָנצענטראַציע-פּראָצעס סײַ אינ דער אינדוסטריע סײַ אינ דעמ באַנק-וועזנ, ער האָט פאַרפעסטיקט דעמ דאָזיקנ פּראָצעס, ער האָט צומ ערשטנ מאָל פאַרוואַנדלט די באַציִונגענ מיט דער אינדוסטריע אינ אנ עמעסער מאָנאָפּאָליע פונ די גרויסע בענק, ער האָט די דאָזיקע באַציִונגענ געמאַכט א סאַכ ענגער אונ אינטענסיווער“[1].

אלזאָ, דער XX יאָרהונדערט איז דער ווענדפּונקט פונעמ אלטנ צומ נײַעמ קאַפּיטאַליזמ, פונ דער הערשאַפט פונעמ קאַפּיטאַל ביכלאַל צו דער הערשאַפט פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל.

III. דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל אונ די פינאַנצ-אָליגאַרכיע

„עס ווערט אלצ גרעסער דער טייל אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל,— שרײַבט הילפערדינג,— וואָס געהערט ניט צו יענע אינדוסטריעלער, וועלכע ווענדנ אימ אָנ. זיי באַקומענ די מעגלעכקײַט צו שאַפנ איבער דעמ קאַפּיטאַל נאָר דורכ דער פאַרמיטלונג פונעמ באַנק, וועלכער רעפּרעזענטירט אינ באַצוג צו זיי די אייגנטימער פונ דעמ דאָזיקנ קאַפּיטאַל. פונ דער אנדערער זײַט, קומט דעמ באַנק אויכ אויס צו פיקסירנ אינ דער אינדוסטריע אלצ א גרעסערנ טייל פונ זײַנע קאַפּיטאַלנ. אדאַנק דעמ ווערט ער אלצ אינ א גרעסערער מאָס אנ אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט. אזא באַנק-קאַפּיטאַל,— דה. קאַפּיטאַל אינ געלט-פאָרמ,— וואָס ווערט אזויאַרומ פאַקטיש פאַרוואַנדלט אינ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל, רופ איכ פינאַנצ-קאַפּיטאַל“. „פינאַנצ-קאַפּיטאַל איז א קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיכ אינ רעשות פונ די בענק אונ ווערט אָנגעווענדט דורכ די אינדוסטריעלער“[2].

די דאָזיקע דעפיניציע איז ניט קיינ פולע, אפ וויפל עס איז אינ איר ניטאָ קיינ אָנווײַזונג אפ אייִנעמ פונ די סאַמע וויכטיקע מאָמענטנ, נעמלעכ: אפנ וווּקס פונ דער קאָנצענטראַציע פונ דער פּראָדוקציע אונ פונעמ קאַפּיטאַל אינ אזא שטאַרקער מאָס, ווענ די קאָנצענטראַציע ברענגט אונ האָט געבראַכט צו מאָנאָפּאָליע. ביכלאַל אָבער, איז אינעמ גאַנצנ בוכ בא הילפערדינגנ, אונ ביפראט אינ די צוויי קאַפּיטלענ, וועלכע גייענ פאַר דעמ קאַפּיטל, פונוואַנענ עס איז גענומענ די דאָזיקע דעפיניציע,— ווערט באַטאָנט די ראָליע פונ די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס.

[1] יעידעלס, ז. 181.
[2] ר. הילפערדינג: „פינאַנצ-קאַפּיטאַל“, מ. 1912, ז. 339.

קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע; מאָנאָפּאָליעס, וואָס וואקסנ פונ איר ארויס; צונויפגיסונג אָדער צונויפוואקסונג פונ די בענק מיט דער אינדוסטריע — אָט דאָס איז די אנטשטייונגס-געשיכטע פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל אונ דער אינהאלט פונ דעמ דאָזיקנ באגריפ.

מיר דארפנ איצט אריבערגייג צומ באשרייבנ, וויאזוי דאָס „באלעבאטעווענ" פונ די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס ווערט, בא די אלגעמיינע באדינגונגענ פונ סכוירע-פּראָדוקציע אונ פונ פּריוואט-אייגנטומ, אומפארמיידלעכ פארוואנדלט אינ א הער-שאפט פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע. לאָמיר באמערקנ, אז די פאָרשטייער פונ דער בורזשואזער דייטשישער — אונ ניט נאָר דייטשישער — וויסנשאפט, ווי ריסער, שולצע-געווערניצ, ליפמאנ אונ אנד., זיינענ דורכויס אפּאָלאָגעטנ פונעמ אימפּעריא-ליזמ אונ פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל. ניט זיי דעקנ אופ, נאָר זיי פארשמירנ אונ פוצנ צו די „מעכאניק", וויאזוי ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט די אָליגארכיע, אירע מעטאָדנ, די גרייס פונ אירע האכנאָסעס, די „קאָשערע אונ ניט-קאָשערע", אירע פארבינדונ-גענ מיט די פּארלאמענטנ אדג. אאוו. פונ די „פארשאָלטענע פראגנ" פּאטערנ זיי זיכ אָפּ מיט סאָלידע, פארנעפּלטע פראזנ, מיטנ אפּעלירנ צומ „אכרייעס-געפיל" פונ די באנק-דירעקטאָרנ, מיטנ לויבנ דאָס „פליכט-געפיל" פונ די פּרייסישע באאמטע, מיט אנ ערנסטנ אנאליז פונ קלייניקייטנ אינ די גאָר ניט ערנסטע געזעצפּראָיעקטנ וועגנ „אופזיכט", „רעגלאמענטאציע", מיט טעאָרעטישער קינדער-שפּיל, ווי למשל, אזא מינ „וויסנשאפטלעכע" דעפיניציע, צו וועלכער עס האָט זיכ דערעדט דער פּראָפעסאָר ליפמאנ: ...„*דער האנדל איז א געווערב-טעטיקייט, וואָס איז געווענדט אפ זאמלענ גיטער, איינהיטנ זיי אונ איבער-געבנ עס אינ רעשוס*"[1] (דער קורסיוו אונ דער פעטער שריפט זיינענ פאַראנ אינעמ פּראָפעסאָרס ווערק)... ס'קומט אויס, אז דער האנדל האָט עקזיסטירט בא דעמ אורמענטשנ, וועלכער האָט נאָכ ניט געוווסט פונ קיינ אויסטויש, אונ וועט עקזיסטירנ אויכ אינ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט!

אָבער די גרויזאמע פאקטנ, וואָס זיינענ שייעכ דער גרויזאמער הערשאפט פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע, רייסנ אזוי די אויגנ, אז אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער, אי אינ אמעריקע, אי אינ פראנקרייכ, אי אינ דייטשלאנד, איז אופגעקומענ א ליטע-ראטור, וואָס שטייט אפ א *בורזשואזנ* שטאנדפּונקט אונ וואָס גיט פונדעסטוועגנ א לעפּיערעכ וואָרהאפטיק בילד אונ — פארשטייט זיכ, א קלייבורגערלעכע — קרי-טיק פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע.

אפנ ערשטנ אָרט דארפ מענ שטעלנ יענע „סיסטעמ פונ באטייליקונג", וואָס וועגנ איר איז שוינ אויבנ געווענ געזאָגט א פּאָר ווערטער. אָט ווי עס באשרייבט דעמ טאָכ פונ דעמ איניענ דער דייטשישער עקאָנאָמיסט היימאנ, וועלכער האָט שיר ניט פריער פאר אנדערע געווענדט אפ איר זיינ אופמערקזאמקייט:

„דער אָנפירער קאָנטראָלירט די גרונט-געזעלשאפט (בוכשטעבלעכ: „די מוטער-געזעלשאפט"); זי ווידער הערשט איבער די געזעלשאפטנ, וואָס זיינענ אָפּהענגיק פונ איר („טאָכטער-געזעלשאפטנ"); זיי — איבער „איינ יקלעכ-געזעלשאפטנ" אאוו.

[1] R. Liefmann, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 476.

אזויארומ קאָנ מענ, פארמאָגנדיק ניט קיינ איבעריק גרויסנ קאַפּיטאַל, הערשנ איבער גיגאַנטישע פּראָדוקציע-געביטנ. אינדערעמעסנ, אויב אפּ צו קאָנטראָלירנ אַנ אקציענ-געזעלשאַפט איז שטענדיק גענוג בלויז פארמאָגנ 50% פונעמ קאַפּיטאַל, דארפ דער אָנפירער פארמאָגנ סאַכאַקל 1 מיליאָנ, קעדיי ער זאָל האָבנ די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירנ 8 מיליאָנ קאַפּיטאַל בא די „איינינקלעכ-געזעלשאַפטנ“. און אויב אָט דער „איבערפלעכט“ גייט נאָכ ווייטער, קאָנ מענ מיט 1 מיליאָנ קאָנטראָלירנ 16 מיליאָנ, 32 מיליאָנ אאוו“.[1]

אינדערעמעסנ באווייזט די דערפארונג, אז ס'איז גענוג צו פארמאָגנ 40% אקציעס, קעדיי צו האָבנ צו שאפנ איבער די אינינאָנים פונ דער אקציענ-געזעלשאַפט[2], ווייל א געוויסער טייל צעברעקלטע, קליינע אקציאָנערנ האָט ניט פּראַקטיש קיינ שומ מעגלעכקייט צו באטייליקנ זיכ אינ די אלגעמיינע פארזאמלונגענ אאוו. די „דעמאָקראַטיזירונג“ פונעמ אקציעס-באזיץ, וואָס פונ איר הערווארטנ די בורזשואזע סאָפיסטנ און די אָפּאָרטוניסטישע „אויכ-מיר-סאָציאַל-דעמאָקראַטנ“ (אָדער זיי פארזיכערנ, אז זיי דערווארטנ), זי זאָל „דעמאָקראַטיזירנ דעמ קאַפּיטאַל“, פארשטארקנ די ראָליע און די באדייטונג פונ דער קליינ-פּראָדוקציע אדג., איז אינדערעמעסנ נאָר איינס פונ די מיטלענ צו פארשטארקנ די מאַכט פונ דער פינאַנצ-אָליגאַרכיע. דעריבער, אגעוו, דערלויבט די געזעצגעבונג אינ די מער פאָרגעשריטענע אָדער אינ די עלטערע און „געניטערע“ קאַפּיטאַליסטישע לענדער ארויסצולאָזנ קלענערע אקציעס. אינ דייטשלאַנד דערלויבט ניט דער געזעצ קיינ אקציעס קלענער פונ 1.000 מארק, כוטש דעריבער די דייטשישע פינאַנצ-מאַגנאַטנ מיט קינע אפּ ענגלאַנד, וווּ דער געזעצ דערלויבט אקציעס אפילע צו 1 פונט סטערלינג (= 20 מארק, אנ ערעכ 10 רובל). איינער פונ די גרעסטע אינדוסטריעלער און „פינאַנצ-קיניגנ“ פונ דייטשלאַנד, סימענס, האָט דעמ 7-טנ יונ 1900 יאָר דערקלערט אינ רייכסטאַג, אז „די אקציע פונ איינ פונט סטערלינג איז דער יעסאָד פונעמ בריטישנ אימפּעריאַליזמ“[3]. בא דעמ דאָזיקנ סויכער איז צו באמערקנ א טיפערע, מער „מארקסיסטישע“ באנעמונג פונ דעמ, וואָס עס איז אזוינס אימפּעריאַליזמ, איידער בא א געוויסנ ניט-אָנשטענדיקנ שרייבער, וועלכנ מע האלט פאר דעמ גרינדער פונעמ רוסישנ מארקסיזמ און וועלכער מיינט, אז דער אימפּעריאַליזמ איז א מיִעסע איינגשאַפט פונ איינעמ א פאָלק...

די „סיסטעמ פונ באטייליקונג“ דינט אָבער ניט נאָר אפּ צו פארגרעסערנ גיגאַנטיש די מאַכט פונ די מאָנאָפּאָליסטנ, נאָר זי גיט נאָכ, אכוצ דעמ, א מעגלעכקייט אומבאשטראָפט אָפּצוטאָנ קאָלערליי פינצטערע און שמוציקע זאכנ און באשווינדלענ דעמ עולעמ, ווייל די אָנפירער פונ דער „מוטער-געזעלשאַפט“ זיינענ פאָרמעל, לויט געזעצ, ניט פאראַנטוואָרטלעכ פאר דער „טאָכטער-געזעלשאַפט“, וועלכע איז באטראַכט פאר א „זעלבשטענדיקער“ און דורכ וועלכער מע קאָנ אלצ „דורכפירנ“.

---

[1] Hans Gideon Heymann: „Die gemischten Werke im deutschen Grosseisengewerbe“, St. 1904, ז. 269

[2] Liefmann, Beteiligungsges. etc. ז. 258 לויט דער 1־טער אופל.

[3] Schulze-Gaevernitz אינ „Grdr. d. S.-Oek.“ V, 2, ז. 111.

אַט איז אַ בײַשפּיל, וואָס מיר האָבנ גענומענ פונעמ מײַ=ביכל פונעמ דײַטשישנ זשורנאַל „באַנק“ פונ 1914 יאָר:

„די „אַקציענ=געזעלשאַפט פונ פרוזשינע=שטאָל“ אינ קאַסעל האָט זיכ מיט עטלעכע יאָר צוריק גערעכנט פאַר איינער פונ די סאַמע רענטאַבעלע אונטערנעמונגענ אינ דײַטשלאַנד. די שלעכטע אָנפירונג האָט אָבער דערפירט די געשעפטנ דערצו, אַז די דיווידענדנ זײַנענ פונ 15% געפאַלנ ביז 0%. ווי ס'האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, האָט די פאַרוואַלטונג אָנ דעמ וויסנ פונ די אַקציאָנערנ געגעבנ אַ האַלוואָע פונ 6 מיליאָנ מאַרק איינער פונ אירע „טאָכטער=געזעלשאַפטנ“, „האַסיאַ“, וואָס איר נאָמינעלער קאַפּיטאַל איז באַשטאַנענ סאַכאַקל פונ עטלעכע הונדערט טויזנט מאַרק. וועגנ דער דאָזיקער האַלוואָע, וואָס איז קימאַט דרײַ מאָל גרעסער פאַרנ אַקציענ=קאַפּיטאַל פונ דער „מוטער=געזעלשאַפט“, איז אינ די באַלאַנסנ פונ דער „מוטער=געזעלשאַפט“ גאָרנישט ניט געווענ פאַרשריבנ; יורידיש איז אַזאַ פאַרשווײַגנ געווענ פולקומ געזעצלעכ אונ האָט געקאָנט דויערנ גאַנצע צוויי יאָר דערפאַר, ווײַל דערמיט האָט מענ ניט אויווער געווענ אַפ קיינ איינ פאַראַגראַפ פונ דער האַנדלס=געזעצגעבונג. דער פאָרזיצער פונעמ אויפזיכט=ראַט, וואָס פלעגט, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנ, אונטערשרײַבנ די פאַלשע באַלאַנסנ, איז געווענ אונ געבליבנ פאָרזיצער פונ דער קאַסעלער האַנדלס=קאַמער. די אַקציאָנערנ האָבנ זיכ דערוווּסט פונ דער האַלוואָע, וואָס איז געגעבנ געוואָרנ דער געזעלשאַפט „האַסיאַ“, ערשט אינ אַ צײַט אַרומ נאָכ דעמ, ווי ס'האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז דאָס איז געווענ „אַ טאָעס““... (דאָס דאָזיקע וואָרט וואָלט דער מעכאַבער געדאַרפט נעמענ אינ פּיסלעכ)... „אונ ווענ די פרײַז אַפ די אַקציעס פונ „פרוזשינע=שטאָל“ איז געפאַלנ אַנ ערעכ אַפ 100% מאַכמעס דעמ, וואָס די, וועלכע האָבנ געוווּסט פונ דער מײַסע, האָבנ אָנגעהויבנ פאַרקויפנ די אַקציעס...

„...אַט דער טיפּישער בײַשפּיל פונ עקוויליבריסטיק מיט באַלאַנסנ, וואָס איז אַ גאַנצ געוויינלעכע זאַכ בײַ די אַקציענ=געזעלשאַפטנ, דערקלערט אונדז, פאַרוואָס די פאַרוואַלטונגענ פונ די אַקציענ=געזעלשאַפטנ נעמענ זיכ מיט אַ סאַכ אַ גרינגערנ געמיט צו ריזיקאַלישע געשעפטנ איידער פּריוואַטע אונטערנעמער. די נײַסטע באַלאַנסנ=טעכניק פאַרלײַכטערט זיי ניט נאָר אויסצובאַהאַלטנ פונעמ דורכשניטלעכנ אַקציאָנער די ריזיקאַלישע געשעפטנ, נאָר זי גיט אַ מעגלעכקײַט די הויפּט=פאַרינטערעסירטע פערזאָנענ אַראָפּצוּוואַרפנ פונ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט דורכ דעמ, וואָס אויב דער עקספּערימענט גיט זיכ ניט אײַנ, פאַרקויפנ זיי באַצײַטנס די אַקציעס, אינ דער צײַט, ווענ דער פּריוואַטער אונטערנעמער מוז מיט זײַנ אייגענער פעל צאָלנ פאַר אַלצ, וואָס ער טוט...

„די באַלאַנסנ פונ אַ סאַכ אַקציענ=געזעלשאַפטנ זײַנענ ענלעכ אַפ יענע פּאַלימפּסעסטנ, וואָס זײַנענ באַוווּסט פונ דער מיטלאַלטער=עפּאָכע, פונ וועלכע מע פלעגט דאַרפנ צוערשט אָפּרײַבנ דאָס אָנגעשריבענע, קעדיי אויסצוגעפינענ די צייכנס, וואָס שטייענ אונטער זיי אונ וואָס גיבנ איבער דעמ עמעסנ אינהאַלט פונעמ מאַנוסקריפּט“ (פּאַלימפּסעסטנ — דאָס איז אַ פּאַרמעט, וואָס דער גרונט=טעקסט איז פונ אים אָפּגעמעקט אונ אַפנ אָפּגעמעקטנ איז אָנגעשריבנ עפּעס אַנדערש).

„דאָס איינפאַכסטע אונ דעריבער דאָס סאַמע אָנגענומענע מיטל צו מאַכנ די

באַלאַנסנ אַזוי, אַז מע זאָל ניט קאָנענ דערגיינ, וואָס אינ זיי טוט זיכ, באַשטייט אינ דעם, וואָס מע צעטיילט אַנ אייַנהייטלעכע אונטערנעמונג אַפ עטלעכע טיילנ דורכ גרינדנ אָדער דורכ אָנשליסנ „טאָכטער-געזעלשאַפטנ“. די נוצנ פונ אַזאַ סיסטעמ זייַנענ פונעם שטאַנדפּונקט פונ פאַרשיידענע צוועקנ — געזעצלעכע און ניט געזעצלעכע — אַזוי באַשייַמפּערלעכ, אַז בייַ הייַנטיקער צייַט זייַנענ מאַמעש אַנ אויסנאַם אַזעלכע גרויסע געזעלשאַפטנ, וואָס זאָלנ ניט האָבנ אָנגענומענ די דאָזיקע סיסטעמ“ [1].

אַלס בייַשפּיל פונ דער גרעסטער און מאָנאָפּאָליסטישער געזעלשאַפט, וואָס ווענדט אַפ ברייטסטנ אויפנ אָנ די דאָזיקע סיסטעמ, רופט דער אַווטאָר אָנ די באַרימטע „אַלגעמיינע עלעקטרע-געזעלשאַפט“ (A. E. G., וועגנ איר וועלנ מיר נאָכ ריידנ ווייַטער). אינ 1912 יאָר האָט מענ געהאַלטנ, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפט נעמט אָנטייל אינ 175—200 געזעלשאַפטנ, איבער וועלכע זי הערשט, פאַרשטייט זיכ, און האָט צו שאַפנ, אינגאַנצנ גענומענ, איבער אַ קאַפּיטאַל פונ אַרומ 1½ *מיליאַרד מאַרק* [2].

די קאָלערליי קלאָלימ פונ קאָנטראָל, פונ פאַרעפנטלעכנ די באַלאַנסנ, פונ אויסאַרבעטנ פאַר זיי אַ באַשטימטע סכעמע, פונ אָרגאַניזירנ אַנ אויפזיכט אדג., וואָס די פרומע פּראָפעסאָרנ און באַאַמטע — דה. די, וועלכע האָבנ די פרומע קאַוואָנע צו פאַרטיידיקנ און צופוצנ דעם קאַפּיטאַליזמ, — ווילנ אָפּציִענ דערמיט די אויפמערקזאַמקייַט באַמ עולמ, קאָנענ דאָ קיינ שומ באַטייַט ניט האָבנ. ווייַל דאָס פּריוואַט-אייגנטומ איז הייליק, און מע קאָנ קיינעמ ניט פאַרווערנ צו קויפנ, פאַרקויפנ, אויסבייַטנ אַקציעס, פאַרמאַשקענענ זיי אאוו.

וועגנ דעמ, ביז וואָס פאַר אַ מאַסשטאַב די „באַטייליקונג-סיסטעמ“ האָט דערגרייכט אינ די רוסישע גרויסע בענק, קאָנ מענ באַקומענ אַ באַגריפ פונ די אָנגאַבנ, וועלכע עס גיט איבער יע. אַגאַד, וואָס האָט 15 יאָר געדינט אַלס באַאַמטער אינעמ רוסיש-כינעזישנ באַנק און האָט אינ מייַ 1914 יאָר אַרויסגעלאָזט אַ ווערק מיט ניט קיינ גאַנצ פּינקטלעכנ נאָמענ: „די גרויסע בענק און דער וועלט-מאַרק“ [3]. דער אַווטאָר טיילט אייַנ די גרויסע רוסישע בענק אַפ צוויי גרונט-גרופּעס: א) אַזעלכע, וואָס אַרבעטנ בייַ דער „באַטייליקונג-סיסטעמ“, און ב) „אומאָפּהענגיקע“; דעמ נאָמענ „אומאָפּהענגיקע“ געפעלט אימ אָבער אויסצוטייַטשנ אינעמ זינ פונ זייַנ אומאָפּהענגיק פונ *אויסלענדישע* בענק; די ערשטע גרופּע טיילט דער אַווטאָר אייַנ אינ דרייַ סוב-גרופּעס: 1) דייַטשישע באַטייליקונג; 2) ענגלישע און 3) פראַנצויזישע באַ-

[1] L. Eschwege: „Tochtergesellschaften“ „Die Bank“ (ל. עשוועגע: „טאָכטער-געזעלשאַפטנ“, „די באַנק“. רעד.), 1914, 1, ז. 545.

[2] Kurt Heinig: „Der Weg des Elektrotrusts“, „Neue Zeit“, 1912, 30. Jährg., 2 (קורט הייניג: „דער וועג פונעמ עלעקטראָ-טרעסט“. רעד.), ז. 484.

[3] E. Agahd: „Grossbanken und Weltmarkt. Die Wirtschaftliche und politische Bedeutung der Grossbanken im Weltmarkt unter Berücksichtigung ihres Einflusses auf Russlands Volkswirtschaft und die deutsch-russischen Beziehungen“. Berl. (יע. אַגאַד: „די גרויסע בענק און דער וועלט-מאַרק. די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדייַטונג פונ די גרויסע בענק אַפנ וועלט-מאַרק — און זייער אייַנפלוס אַפ דער פאָלקס-ווירטשאַפט פונ רוסלאַנד און די דייַטשיש-רוסישע באַציִונגענ“. בערלינ. רעד.), 1914.

טייליקונג, האַבנדיק אינ אויג די „באַטייליקונג“ אונ די הערשאַפט פונ די גרעסטע אויסלענדישע בענק פונ דער אנטשפּרעכיקער נאַציאָנאַליטעט. די קאַפּיטאַלנ פונ די בענק טיילט דער אַװטאָר אײנ אינ אַזעלכע, װאָס זײַנענ פאַרטאָנ „פּראָדוקטיװ“ (אינ האַנדל אונ אינ אינדוסטריע), אונ אינ אַזעלכע, װאָס זײַנענ פאַרטאָנ „ספּעקוליאַטיװ“ (אינ בירזשע= אונ פינאַנצ=אָפּעראַציעס); פונ דעמ קלײנבירגערלעכ=רעפאָרמיסטישנ שטאַנדפּונקט, װאָס איז פאַר אימ כאַראַקטעריסטיש, מײנט ער, אַז ס'איז קלוי= מערשט מעגלעכ בא דער עקזיסטענצ פונ קאַפּיטאַליזמ אָפּצוטײלנ דעמ ערשטנ מינ קאַפּיטאַל=אָנװענדונג פונעמ צװײטנ אונ באַזײַטיקנ דעמ צװײטנ מינ.

דעמ אַװטאָרס אָנגאַבנ זײַנענ אַזעלכע:

דער אקטיװ פונ די בענק (לויט די באַריכטנ פאַר אָקטיאַבער—נאָיאַבער 1913 יאָר) אינ מיליאָנענ רובל

גרופּעס רוסישע בענק:	די קאַפּיטאַלנ, װאָס װערנ פאַרטאָנ: פּראָ־דוקטיװ	ספּעקו־ליאַטיװ	סאַכאַקל
א 1) 4 בענק: „ס.-פּעטערבורגער האַנדלס־באַנק“, „רוסישער“, „צװישנפעלקערלעכער“ אונ „דיסקאָנט־באַנק“	413,7	859,1	1.272,8
א 2) 2 בענק: „האַנדלס־אינדוסטריעלער“ אונ „רוסיש־ענגלישער“ .	239,3	169,1	408,4
א 3) 5 בענק: „רוסיש־אַזיאַטישער“, „ס.־פּעטערבורגער פּריװאַטער“, „אַזאָװ־דאָנער“, „מאָסקװער אוניאָנ“, „רוסיש־פראַנצויזי־שער האַנדלס־באַנק“	711,8	661,2	1.373,0
(11 בענק) סאַכאַקל . . . . א =	1.364,8	1.689,4	3.054,2
ב) 8 בענק: „מאָסקװער סאָכרימ־באַנק“; „װאָלגע־קאַמער“; „יונקער עט קאָמפּ.“; „ס.־פּעטערבורגער האַנדלס־באַנק“, געװעזענער װאַװעלבערג; „מאָסקװער“, געװעזענער ריאַבו־שינסקיס באַנק; „מאָסקװער דיסקאָנט־באַנק“; „מאָסקװער האַנדלס־באַנק“ אונ „מאָסקװער פּריװאַטער באַנק“ . .	504 2	391,1	895,3
(19 בענק) סאַכאַקל	1.869,0	2.080,5	3.949,5

לויט די דאָזיקע אָנגאַבנ קומט אויס, אַז פונ די קימאַט 4 מיליאַרד רובל, װאָס בילדנ דעמ „אַקטיװנ“ קאַפּיטאַל פונ די גרויסע בענק, קומט אויס העכער $^3/_4$, מער פונ 3 מיליאַרד, אַפנ חלק פונ די בענק, װאָס זײַנענ, אינ טאָכ גענומענ, „טאָכטער=געזעלשאַפטנ“ פונ אויסלענדישע בענק, פריִער פאַר אַלצ פונ די פּאַריזשער (דער באַרימטער באַנק=טריאָ: „פּאַריזשער פאַרבאַנד“; „פּאַריזשער אונ נידערלענ=דישער באַנק“; די „גענעראַל=געזעלשאַפט“) אונ פונ די בערלינער (באַזונדערס דער „דײַטשישער באַנק“ אונ די „דיסקאָנט=געזעלשאַפט“). די צװײ גרעסטע רוסישע בענק, דער „רוסישער“ („רוסישער באַנק פאַר אויסערנ=האַנדל“) אונ „צװישנפעל=קערלעכער“ („ס.=פּעטערבורגער צװישנפעלקערלעכער האַנדלס=באַנק“) האָבנ פונ 1906 יאָר ביזנ 1912 געהעכערט זײערע קאַפּיטאַלנ פונ 44 ביז 98 מיליאָנ ר., אונ די רעזערװנ — פונ 15 ביז 39 מיליאָנ, „אַרבעטנדיק אַפ $^3/_4$ מיט דײַטשישע קאַפּי=

טאַלן"; דער ערשטער באַנק געהערט צום „קאָנצערן" פונעם בערלינער „דײַטשישן באַנק", דער צווייטער — פון דער בערלינער „דיסקאָנטאָ-געזעלשאַפט". דער גוטהאַר-ציקער אַגאַר איז שטאַרק אופגעבראַכט פון דעם, וואָס די בערלינער בענק האַלטן אין זייערע הענט די מערהייט אַקציעס און וואָס די רוסישע אַקציאָנערן זײַנען דע-ריבער אָנמעכטיק. און ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לאַנד, וואָס פירט אַרויס קאַפּיטאַל, נעמט זיך אַראָפּ דעם פעטסטן ביסן: צ. ב. דער בערלינער „דײַטשישער באַנק", וואָס האָט אַרײַנגעפירט קייג בערלין אַקציעס פון „סיבירער האַנדלס-באַנק", האָט זיי אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצ יאָר בײַ זיך אין פּאָרטפעל, און דערנאָך האָט ער זיי פאַר-קויפט לויטן קורס 193 פאַר 100, דה. קימאַט צווײ מאָל אַזוי טײַער, און האָט דערבײַ „פאַרדינט" בײַ אַ 6 מיליאָן רובל רעווען, וואָס הילפערדינג רופט אים אָן „גרינדער-רעווען".

די גאַנצע „מעכטיקייט" פון די פעטערבורגער גרעסטע בענק שאַצט דער אווטאָר אין אַ סומע פון 8.235 מיליאָן רובל, קימאַט 8¼ מיליאַרד, דערבײַ פאַרטיילט ער די „באַטייליקונג", אָדער, ריכטיקער, די הערשאַפט פון די אויסלענדישע בענק אַזוי: פראַנצויזישע בענק — 55%; ענגלישע — 10%; דײַטשישע — 35%. פון דער דאָזיקער סומע, 8.235 מיליאָן, פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַל קומט אויס, לויטן אָוו-טאָרס בעזשבנ, 3.687 מיליאָן רובל, דה. העכער 40%, אויף די סינדיקאַטן: „פּראָ-דוגאָל", „פּראָדאַמעט", אויף די סינדיקאַטן פון דער נאַפט-, מעטאַלורגיע- און צע-מענט-אינדוסטריע. הייסט עס, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסבילדונג פון קאַ-פּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס האָט אויך אין רוסלאַנד די צונויפגיסונג פון די בענק מיטן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל געמאַכט קאָלאָסאַלע טריט פאָרויס.

דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל, וואָס איז קאָנצענטרירט אין איינע הענט און וואָס האָט די פאַקטישע מאָנאָפּאָליע, נעמט אַ קאָלאָסאַלן און וואָס ווײַטער אַלץ גרעסערן רע-ווען פון גרינדערײַ, פון אַרויסלאָזן פּאַנד-פּאַפּירן, פון מעלובע-האַלוואָעס אאַז., פאַר-פעסטיקנדיק די הערשאַפט פון די פינאַנצ-אָליגאַרכיעס, אַרופלייגנדיק אויף דער גאַנ-צער געזעלשאַפט צינז לטובת די מאָנאָפּאָליסטן. אָט איז איינער פון די אָן אַ שיר בײַשפּילן, וואָס הילפערדינג ברענגט וועגן דעם, ווי אַזוי עס „באַלעבאַטעווען" די אַמעריקאַנער טרעסטן: אין 1887 יאָר האָט האַוועמייער געגרינדעט אַ צוקער-טרעסט דורך צונויפגיסן 15 קליינע קאָמפּאַניעס, וואָס זייער געמיינזאַמער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 6½ מיליאָן דאָלאַר. דער קאַפּיטאַל פונעם טרעסט איז אָבער, ווי די אַמעריקאַנער דריקן זיך אויס, „צעפּירט געוואָרן מיט וואַסער", און איז גע-שאַצט געוואָרן אין אַ סומע פון 50 מיליאָן דאָלאַר. די „איבערקאַפּיטאַליזירונג" האָט אַרײַנגענומען אין בעזשבן די קומענדיקע מאָנאָפּאָליע-רעוואַכים, פונקט ווי דער שטאָל-טרעסט אין דער זעלבער אַמעריקע נעמט אַרײַן אין בעזשבן די קינפטיקע מאָנאָפּאָליע-רעוואַכים, ביים ער קויפט צונויף וואָס ווײַטער אַלץ מער ערד, וואָס אַנטהאַלט אײַזנערצ. און, ווירקלעך, דער צוקער-טרעסט האָט אײַנגעפירט מאָנאָפּאָ-ליע-פּרײַזן און האָט באַקומען אַזעלכע האַכנאָסעס, אַז ער איז געווען אימשטאַנד צו צאָלן 10% דיווידענד אויפן קאַפּיטאַל, וואָס איז זיבן מאָל „צעפּירט געוואָרן מיט וואַסער", דה. קימאַט 70% אויפן קאַפּיטאַל, וואָס איז ווירקלעך אַרײַנ-געטראָגן געוואָרן בײַם גרינדן דעם טרעסט! אין 1909 יאָר האָט

דער קאפיטאל פונעמ מרעסט באטראָפנ 90 מיליאָנ דאָלאר. אינ מעשעכ פונ צוויי אונ צוואנציק יאָר איז דער קאפיטאל אויסגעוואקסנ מער ווי אינ צענ מאָל.

אינ פראנקרײַכ האָט די הערשאפט פונ דער „פינאנצ-אָליגארכיע" („קעגנ דער פינאנצ-אָליגארכיע אינ פראנקרײַכ" — אזא נאָמענ טראָגט ליזיסעס באוווסטער בוכ, וואָס איז אינ 1908 יאָר דערשינענ אינ דער פינפטער אופלאגע) אָנגענומענ בלויז א ביסל א געענדערטע פאָרמ. די פיר גרעסטע בענק האָבנ באמ ארויסלאָזנ ווערט-פאפירנ ניט קײנ רעלאטיווע, נאָר אנ „אבסאָליוטע מאָנאָפאָליע". פאקטיש איז עס „א טרעסט פונ די גרויסע בענק". אונ די מאָנאָפאָליע גאראנטירט מאָנאָפאָליע-רעוואָכימ פונ די עמיסיעס. א לאנד, וואָס נעמט א האלוואָע, באקומט געוויינלעכ ניט מער ווי 90% פונ דער גאנצער האלוואָע-סומע; 10% פאלט ארײַנ צו די בענק אונ צו די איבעריקע פארמיטלער. דער רעווח, וואָס די בענק האָבנ געהאט פונ דער רוסיש-כינעזישער האלוואָע אפ 400 מיליאָנ פראנק, האָט באטראָפנ 8%, פונ דער רוסישער האלוואָע (1904) אפ 800 מיליאָנ — 10%, פונ דער מאראָקאנישער (1904) אפ 62½ מיליאָנ—18¾%. דער קאפיטאליזמ, וואָס האָט אָנגעהויבנ זײַנ אנטוויקלונג פונ דעמ קליינעמ וווּכערישנ קאפיטאל, פארענדיקט זײַנ אנטוויקלונג מיט א גיגאנטישנ וווּכערישנ קאפיטאל. „די פראנצויזנ זײַנענ די וווּכערניקעס פונ אייראָפע", זאָגט ליזיס. אלע באדינגונגענ פונעמ עקאָנאָמישנ לעבנ מאכנ דורכ א טיפע ענדערונג צוליב אָט דעמ איבערגעבורט פונעמ קאפיטאליזמ. בא א שטילשטאנד אינעמ וווּקס פונ דער באפעלקערונג, פונ דער אינדוסטריע, פונעמ האנדל, פונעמ יאמ-טראנספאָרט, קאָנ „דאָס לאנד" רײַכ ווערנ פונ וווּכערײַ. „פופציק מענטשנ, וואָס פארטרעטנ א קאפיטאל פונ 8 מיליאָנ פראנק, קאָנענ האָבנ צו שאפנ איבער צוויי מיליארד פראנק אינ פיר בענק". די סיסטעמ פונ „באטייליקונג", מיט וועלכער מיר זײַנענ שוינ באקאנט, ברענגט צו די זעלביקע רעזולטאטנ: איינער פונ די גרעסטע בענק, די „גענעראל-געזעלשאפט" (Société Générale), לאָזט ארויס 64.000 אָבליגאציעס פונ דער „טאָכטער-געזעלשאפט", די „ראפינאד-זאוואָדנ אינ עגיפעט". דער ארויסלאָז-קורס איז 150%, ד.ה. דער באנק „פארדינט" 50 קאָפ. אפ א רובל. די דיווידענדנ פונ דער דאָזיקער געזעלשאפט, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, זײַנענ פיקטיווע, דער „עולמ" האָט פארלאָרנ פונ 90 ביז 100 מיליאָנ פראנק; „איינער פונ די דירעקטאָרנ פונ דער „גענעראל-געזעלשאפט" איז געווענ א מיטגליד פונ דער פארוואלטונג פונ די „ראפינאד-זאוואָדנ"". קײנ ווונדער ניט, וואָס דער אוטאָר איז געצוווּנגענ צו מאכנ אזא אויספיר: „די פראנצויזישע רעפובליק איז א פינאנצ-מאָנארכיע"; „די פינאנצ-אָליגארכיע הערשט פולשטענדיק; זי געוועלטיקט אי איבער דער פרעסע אי איבער דער רעגירונג"[1].

די אויסערגעוויינלעכ הויכע רענטאבלקײַט פונ ארויסלאָזנ ווערט-פאפירנ, אלס איינע פונ די הויפט-אָפעראציעס פונעמ פינאנצ-קאפיטאל, שפילט זייער א וויכטיקע ראָליע אינ דער אנטוויקלונג אונ פארפעסטיקונג פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע. „אינווייניק אינ לאנד איז ניטאָ קײנ איינ געשעפט, וואָס זאָל געבנ כאָטש אומגעפער

---

[1] Lysis. „Contre l'oligarchie financière en France", 5 éd. P. (ליזיס, „קעגנ דער פינאנצ-אָליגארכיע אינ פראנקרײַכ", 5-טע אופל., פאריז. ר ע ד.), 1908, ז. 11, 12, 26, 39, 40, 48.

אזא הויכנ רעוועכ, ווי די פאַרמיטלערײַ באמ ארויסלאָזנ אויסלענדישע האַלוואָעס",— שרײַבט דער דײַטשישער זשורנאַל „באַנק"[1].

„עס איז ניטאָ קיינ איינ באַנק-אָפּעראַציע, וואָס זאָל ברענגענ אזא הויכנ רעוועכ, ווי דאָס עמיסיע-געשעפט". באמ ארויסלאָזנ פאָנדנ פונ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ האָט דער דורכשניטלעכער רעוועכ פאַר א יאָר, לויט די אָנגאַבנ פונ „דײַטשישנ עקאָנאָמיסט", באַטראָפנ:

67,7% — 1898	38,6% — 1895
66,9% — 1899	36,1% — 1896
55,2% — 1900	66,7% — 1897

„אינ משעכ פונ צענ יאָר, 1891—1900, איז פונעמ ארויסלאָזנ די דײַטשישע אינדוסטריעלע פאָנדנ „פאַרדינט" געוואָרנ העכער א מיליאַרד"[2].

אויב אינ א צײַט פונ אינדוסטריעלנ אופשטײַג זײַנענ די רעוואָכימ פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל אומגעהייער גרויס, איז אינ א צײַט פונ יערידע קומענ אומ די קליינע אונ ניט-פעסטע אונטערנעמונגענ, אונ די גרויסע בענק „באַטייליקנ זיכ" אינ אונקויפנ זיי פאַר א שפּאָט-ביליקער פרײַז אָדער אינ די רעוועכדיקע „סאַנירונגענ" אונ „רעאָרגאַניזירונגענ". באמ „סאַנירנ" אונטערנעמונגענ, וואָס ברענגענ העזעק, „ווערט דער אקציענ-קאַפּיטאַל פאַרקלענערט, דה., די האַכנאָסע ווערט פאַרטיילט אפ א קלענערנ קאַפּיטאַל אונ אפ ווײַטער ווערט זי שוינ אויסגערעכנט לויט דעמ דאָזיקנ פאַרקלענערטנ קאַפּיטאַל. אָדער, אויב די רענטאַבלקײַט איז דערגאַנגענ ביז נול, ווערט דאַנ צונעצויגנ א נײַער קאַפּיטאַל, וועלכער וועט שוינ איצט, נאָכ דעמ, ווי ער וועט זיכ האָבנ פאַראייניקט מיטנ אַלטנ, ווייניקער רענטאַבעלנ, קאַפּיטאַל, ארײַנברענגענ גענוג האַכנאָסע. מע דאַרפ, אגעוו, באמערקנ, — גיט צו הילפערדינג, — אז די אַלע סאַנירונגענ אונ רעאָרגאַניזירונגענ האָבנ א צווייענדיקע באַדײַטונג פאַר די בענק: ערשטנס, איז דאָס אַנ אָפּעראַציע, וואָס ברענגט רעוועכ, אונ, צווייטנס, איז דאָס א פּאַסיקע געלעגנהײַט אָפּהענגיק צו מאַכנ פונ זיכ אזעלכע נויטבאַדערפטיקע געזעלשאַפטנ"[3].

אָט איז א בײַשפּיל: די באַרג-אינדוסטריעלע אקציענ-געזעלשאַפט „אוניאָנ" אינ דאָרטמונד איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1872 יאָר. עס איז ארויסגעלאָזנ געוואָרנ אַנ אקציענ-קאַפּיטאַל פונ קימאַט 40 מיליאָנ מאַרק, אונ ווענ דאָס ערשטע יאָר האָט געגעבנ 12% דיווידענד, איז דער קורס פונ די אקציעס געשטיגנ ביז 170%. דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל האָט אראָפּגענומענ די סמעטענע אונ האָט פאַרדינט א קליינינקײַט — א וועלכע 28 מיליאָנ מאַרק. די הויפּט-ראָליע באמ גרינדנ די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט געשפּילט דער זעלבער גרעסטער דײַטשישער באַנק „דיסקאָנט-געזעלשאַפט", וואָס האָט בעשאָלעמ דערגרייכט צו א קאַפּיטאַל פונ 300 מיליאָנ מאַרק.

---

[1] „Die Bank" 1913, נומ. 7, ז. 630.

[2] Stillich, דאָס אָנגערופענע ווערק, ז. 143 אונ W. Sombart: „Die deutsche Volkswirtschaft im 19. Jahrhundert" (וו. זאָמבאַרט, „די דײַטשישע פאָלקסווירטשאַפט אינ 19-טנ יה.". רעד.), 2-א., 1909, ז. 526, Anlage (בײַלאַגע. רעד.). 8.

[3] „דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל", ז. 172.

דערנאָך פאַלן די דיווידענדן פון „אוניאָן“ ביז צו נול. די אקציאָנערן זײַנען געצוווּנגענע אײַנצוגיין אַף „אראָפּשרײַבן“ קאַפּיטאַל, ד.ה. מאַסקים זײַן צו פאַרלירן אַ טייל קאַפּיטאַל, אַבי ניט אָנווערן אים אינגאַנצן. איז אָט, אין רעזולטאַט פון אַ ריי אַזעלכע „סאַנירונגען“ זײַנען אין משך פון 30 יאָר פאַרשוווּנדן פון די ביכער פון דער געזעלשאַפט „אוניאָן“ העכער 73 מיליאָן מאַרק. „בײַ הײַנטיקן טאָג, האָבן די ערשטע אקציאָנערן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט בײַ זיך אין די הענט סאַך־הכּל 5% פונעם נאָמינעלן ווערט פון זייערע אקציעס“ [1], — און די בענק האָבן געהאַלטן אין איין „פאַרדינען“ בײַ יעדער „סאַנירונג“.

אַ באַזונדערס רענטאַבעלע אָפּעראַציע איז פאַר דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל אויך די ספּעקוליאַציע מיט ערד־פּלעצער אין די אומגעגנטן פון גיך וואַקסנדיקע גרויסע שטעט. די מאָנאָפּאָליע פון די בענק גיסט זיך דאָ צונויף מיט דער מאָנאָפּאָליע אַף ערד־רענטע און מיט דער מאָנאָפּאָליע אַף פאַרקער־וועגן, ווײַל דער וווּקס פון די פּרײַזן אַף ערד־פּלעצער, די מעגלעכקייט לוינבאַר צו פאַרקויפן זיי טיילנווײַז אאַז"וו. הענגט מער פון אַלץ אָפּ פון גוטע פאַרקער־וועגן צום צענטער פון שטאָט, און די דאָזיקע פאַרקער־וועגן ליגן אין די הענט בײַ די גרויסע קאָמפּאַניעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט די זעלביקע בענק דורך דער סיסטעם פון באַטייליקונג און דורך פאַרטיילן דירעקטאָרן־שטעלעס. עס באַקומט זיך דאָס, וואָס דער דײַטשישער שרײַבער ל. עשוועגע, אַ מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל „באַנק“, וועלכער האָט ספּעציעל שטודירט די האַנדלס־אָפּעראַציעס מיט ערד־פּלעצער, מיט היפּאָטעקעס אַף זיי אאַז"וו., האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „זומפּ“: ווילדע ספּעקוליאַציע מיט בײַשטאָטישע ערד־פּלעצער, קראַכן פון בוי־פירמעס, אַשטייגער, ווי די בערלינער פירמע „באָסוואַו און קנאַוער“, וואָס האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם „העכסט סאָלידן און גאָר גרויסן“ „דײַטשישן באַנק“ (Deutsche Bank) אַרײַנגעכאַפּט ביז 100 מיליאָן מאַרק; דער באַנק האָט, פאַרשטייט זיך, געאַרבעט לויט דער סיסטעם פון „באַטייליקונג“, ד.ה. באַהאַלטענערהייט, הינטער יענעמס פּלייצעס, און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט, פאַרלירנדיק „סאַך־הכּל“ 12 מיליאָן מאַרק. ווײַטער קומט די רויִנירונג פון קליינע באַלעבאַטים און אַרבעטער, וואָס באַקומען גאָרניט פון די פיקטיווע בוי־פירמעס, שווינדלערישע געשעפטן מיט דער בערלינער „אָרנטלעכער“ פּאָליציי און מיט דער אַדמיניסטראַציע אַף אַרײַנצוכאַפּן צו זיך אין די הענט דאָס אַרויסגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן ערד־פּלעצער און דערלויבענישן פון מוניציפּאַליטעט אַף בויען בנינים אאַז"וו., אאַז"וו. [2]

די „אַמעריקאַנער זיטן“, וועגן וועלכע די אייראָפּעיִשע פּראָפעסאָרן און די קאָשערע בורזשוא פאַרגלאָצן אַזוי צווינעסדיק זייערע אויגן צום הימל, זײַנען אין דער עפּאָכע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל געוואָרן די זיטן בוכשטעבלעך פון יעטווידער גרויסער שטאָט אין וואָס פאַר אַ לאַנד איר זאָלט ניט נעמען.

אין בערלין האָט מען אין אָנהייב 1914 יאָר גערעדט וועגן דעם, אַז עס וועט

---

[1] Stillich, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 138 און Liefmann, ז. 51.
[2] „Die Bank“ 1913, ז. 952, „Der Sumpf“: L. Eschwege (ל. עשוועגע. „זומפּ“); דאָרט, 1912, 1, ז. 223 און ווײַטער.

זיכ שאפֿנ א „טראנספּאָרט־טרעסט“, דה. „אנ אינטערעסנ־געמיינזאמקײט“ צווישנ די דרײַ בערלינער טראנספּאָרט־אונטערנעמונגענ: דער שטאָטישער עלעקטרישער אײַזנבאנ, דער טראַמוויי־געזעלשאפט אונ דער אָמניבוסנ־געזעלשאפט. „אז אזא מינ כאוואָנע איז פֿאראנ, דאָס האָבנ מיר געוווסט — האָט געשריבנ דער זשורנאל „באנק“ — פונ זינט ס'איז באוווסט געוואָרנ, אז דער גרעסטער טייל אקציעס פונ דער אָמניבוסנ־געזעלשאפט איז אריבערגעגאנגענ אינ די הענט פונ די צוויי אנדערע טראנספּאָרט־געזעלשאפטנ... מע קאָנ פולשטענדיק גלייבנ די מענטשנ, וואָס שטעלנ זיכ אזא צוועק, אז דורכ דער אייַנאַרטיקער רעגולירונג פונעם טראנספּאָרט־וועזנ האָפנ זיי אָפּצושפּאָרנ אזויפֿיל, אז א טייל פונ דעם אָפּגעשפּאָרטנ זאָל סאָפקאָלסאָפ אָנקומענ דעמ אוילעם. די פֿראגע ווערט אָבער קאָמפּליצירטער דורכ דעם, וואָס הינטער דעם דאָזיקנ טראנספּאָרט־טרעסט, וועלכער שאפט זיכ, שטייענ די בענק, אונ אָט די בענק, אויב זיי ווילנ, קאָנענ זיי מאכנ, אז די פֿארקער־וועגנ, וועלכע זיי האָבנ מאָנאָפּאָליזירט, זאָלנ זײַנ אונטערגעוואָרפֿנ צו די אינטערעסנ פונ זייער האנדל מיט ערד־פּלעצער. קעדיי זיכ צו איבערצײַגנ, ווי ווײַט אזא השאָרע איז נאטירלעכ, איז גענוג צו דערמאָנענ זיכ, אז שוינ באַם גרינדנ די געזעלשאפט פונ דער שטאָטישער עלעקטרישער אײַזנבאנ זײַנענ פֿארמישט געווענ די אינטערעסנ פונ יענעם גרויסנ באנק, וואָס האָט סטימולירט איר גרינדונג. נעמלעכ: די אינטערעסנ פונ אָט דער טראנספּאָרט־אונטערנעמונג זײַנענ געווענ איבערגעפלאָכטנ מיט די אינטערעסנ פונעם האנדל מיט ערד־פּלעצער. די זאכ באשטייט דערינ, וואָס די מיזרעכ־ליניע פונ דער דאָזיקער אײַזנבאנ האָט געזאָלט דורכגייַנ דורכ יענע ערד־פּלעצער, וועלכע דער דאָזיקער באנק האָט שפּעטער, ווענ די בויונג פונ דער אײַזנבאנ איז שוינ געווענ גע־זיכערט, פֿארקויפֿט מיט גרויס רעווע‏כ פֿאר זיכ אונ פֿאר עטלעכע זיכ באטייליקנדיקע פּערזאָנענ“[1]...

קוים האָט זיכ די מאָנאָפּאָליע אויסגעבילדעט אונ זי אָפּערירט מיט מיליארדנ, מוז זי מיט אבסאָליוטער אומפֿארמײַדלעכקײט דורכדרינגענ אַלע זײַטנ פונ געזעל־שאפטלעכנ לעבנ, אומאָפּהענגיק פונ דער פּאָליטישער אײַנאָרדענונג אונ פונ וועלכע־ניט־איז אנדערע „פּראָטים“. אינ דער דײַטשישער עקאָנאָמישער ליטעראַטור איז א גע־וויינלעכע דערשײַנונג דאָס לאָקייִשע לויבנ די ערלעכקײט פונעם אייגענעם פּרײַ־סישנ באאמטנטום, מיט אָנצוהערענישנ וועגנ דער פֿראנצויזישער פּאנאמע אָדער וועגנ דער אמעריקאנישער פּאָליטישער קאָרומפּירטקײט. עס איז אָבער א פֿאקט, אז אַפּילע די בורזשואזע ליטעראַטור, וואָס איז געווידמעט די באנק־געשעפֿטנ אינ דײַטשלאנד, איז שטענדיק געצוווּנגענ ווײַט אריבערצוטרעטנ די גרענעצנ פונ ריינע באנק־אָפּעראציעס אונ שרײַבנ, לעמאָשל, וועגנ דעם „געלאָפּ אינ באנק ארײַנ“, וואָס דערמיט מיינט מענ די אלץ אָפטער ווערנדיקע פֿאלנ, ווענ באאמטע גייענ אריבער דינענ אינ די בענק: „ווי האלט עס מיט דער ניט־פֿארקויפֿטקײט פונעם מעלוכע־באאמטנ, וואָס בעסאָד שטרעבט ער צו קריגנ עפּעס א פעטע שטעלע אינ דער בערנ־שטראסע?“[2] — די גאס אינ בערלינ, ווו עס געפֿינט זיכ דער „דײַטשישער באנק“.

[1] „Verkehrstrust“ („טראנספּאָרט־טרעסט“), „Die Bank“ („באנק“. רעד.), 1914, 1, ז. 89.
[2] „Die Bank“, „Der Zug zur Bank“ („דער געלאָפּ אינ באנק ארײַנ“, „די באנק“, רעד.), 1909, 1, ז. 79.

אלפרעד לאנסבורג, דער ארויסגעבער פונעמ זשורנאל „באנק“, האָט אינ 1909 יאָר אָנגעשריבנ אנ ארטיקל: „די עקאָנאָמישע באדײַטונג פונ ביזאנטיניזמ“, ווו ער רעדט, אגעוו, וועגנ ווילהעלמ דעמ II-טנס רײַזע קיינ פּאלעסטינע און וועגנ דעמ „אומיטלבארנ רעזולטאט פונ דער דאָזיקער רײַזע — דער אויסבויונג פונ דער באגדאדער אײַזנבאנ-ליניע, דעמ דאָזיקנ פאטאלנ „גרויסנ אופטו פונעמ דײַטשישנ אונטערנעמונגסגײַסט“, וואָס איז מער שולדיק אינ דער „ארומרינגלונג“, איידער אלע אונדזערע פּאָליטישע זינד צוזאמענ גענומענ“ [1], — (אונטער ארומרינגלונג ווערט דאָ געמײַנט די פּאָליטיק פונ עדוארד דעמ VII, וואָס האָט געשטרעבט צו איזאָלירנ דײַטשלאנד און ארומרינגלענ עס מיט א רינג פונ אנ אימפּעריאליסטישנ אנטידײַטשישנ פּארבאנד). דער דערמאָנטער מיטארבעטער פונעמ זעלביקנ זשורנאל עשוועגע האָט אינ 1912 יאָר אָנגעשריבנ אנ ארטיקל: „די פּלוטאָקראטיע און דאָס באאמטנטומ“, ווו ער האָט אופגעדעקט, לעמאָשל, דעמ פאל מיטנ דײַטשישנ באאמטנ פעלקער, וואָס איז געוועזנ א מיטגליד פונ דער קארטעלנ-קאָמיסיע און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנ ענערגיע און אינ א געוויסער צײַט ארומ האָט ער באקומענ א האכנאָסעדיקע שטעלע אינעמ גרעסטנ קארטעל — אינעמ שטאָל-סינדיקאט. אזעלכע פאלנ, גאָר ניט קיינ צופעליקע, האָבנ געצוווּנגענ דעמ זעלביקנ בורזשואזנ שרײַבער מודע צו זײַנ, אז „די עקאָנאָמישע פרײַהײַט, וואָס איז גאראנטירט דורכ דער דײַטשישער קאָנסטיטוציע, איז אפ א סאך געביטנ פונעמווירטשאפטלעכנ לעבנ געוואָרנ אנ אינהאלטלאָזע פראזע“ און אז בא דער עקזיסטירנדיקער הערשאפט פונ דער פּלוטאָקראטיע „קאָנ אונדז אפילע די ברייטסטע פּאָליטישע פרײַהײַט ניט ראטעווענ דערפונ, אז מיר זאָלנ ניט פארוואנדלט ווערנ אינ א פאָלק פונ ניט קיינ פרײַע מענטשנ“ [2].

וואָס אָנבאלאנגט רוסלאנד, וועלנ מיר זיך באגרענעצנ מיט איינ בײַשפּיל: מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבנ אלע צײַטונגענ געבראכט די ידיעה, אז דער דירעקטאָר פונ דער קרעדיט-קאנצעליאריע דאווידאָוו פארלאָזט זײַנ מעלוכע-שטעלע און נעמט אָנ א שטעלע אינ איינעמ א גרויסנ באנק מיט א געהאלט, וואָס דארפ לויטנ אָפּמאך אינ משך פונ עטלעכע יאָר באטרעפנ א סומע פונ העכער 1 מיליאָנ רובל. די קרעדיט-קאנצעליאריע איז א אינסטיטוציע, וואָס איר אופגאבע איז צו „פאראייניקנ די טעטיקײַט פונ אלע קרעדיט-אנשטאלטנ פונ דער מעלוכע“ און וואָס סובסידירט די בענק פונ דער הויפּט-שטאָט אפ א סומע ביז 800—1.000 מיליאָנ רובל [3].

פאר דעמ קאפּיטאליזמ איז בכלל כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס דאָס אייגנטומ אפ קאפּיטאל איז אָפּגעטײלט פונ דער אָנווענדונג פונעמ קאפּיטאל אינ דער פּראָדוקציע, וואָס דער געלט-קאפּיטאל איז אָפּגעטײלט פונעמ אינדוסטריעלנ אָדער פּראָדוקטיוונ, וואָס דער ראנטיע, וועלכער לעבט בלויז פונ דער האכנאָסע פונעמ געלט-קאפּיטאל, איז אָפּגעטײלט פונעמ אונטערנעמער און פונ אלע מענטשנ, וואָס האָבנ דירעקט צו שאפנ איבערנ קאפּיטאל. דער אימפּעריאליזמ אָדער די הערשאפט פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל איז יענע העכסטע שטופּע פונ קאפּיטאליזמ, ווענ דאָס דאָזיקע אָפּטײלנ זיך

1 „Die Bank“, 1909, ז. 301.
2 דאָרט, 1912, 2, ז. 825; 1913, 2, ז. 962.
3 E. Agahd, ז. 202.

דערגרייכט צו א קאָלאָסאַלנ מאַסשטאַב. די איבערוואָג פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל אי= בער אַלע איבעריקע פאָרמענ פונ קאַפּיטאַל באַטײַט, אַז די ראַנטיעס אונ די פינאַנצ= אָליגאַרכיע פאַרנעמענ אַ הערשנדיקע לאַגע, זי באַטײַט, אַז די קליינע צאָל מעלוכעס, וואָס פאַרמאָגנ פינאַנציעלע „מאַכט“, טיילט זיכ אויס פונ אַלע איבעריקע מעלוכעס. אינ וואָס פאַר א מאַסשטאַב עס גייט דער דאָזיקער פּראָצעס, קאָנ מענ זענ פונ די אָנגאַבנ פונ דער עמיסיע=סטאַטיסטיק, ד.ה. פונ דער סטאַטיסטיק פונ אַרויסלאָזנ קאַ= פּיטאַל=פּאַפּירנ.

אינעמ „ביולעטענ פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ סטאַטיסטישנ אינסטיטוט“ האָט א. ניימאַרק[1] פאַרעפנטלעכט זייער אויספירלעכע, פולע אונ פאַרגלײַכבאַרע אָנגאַבנ וועגנ עמיסיעס אינ דער גאַנצער וועלט, — אָנגאַבנ, וואָס זײַנענ שוינ טיילווײַז ניט איינ מאָל ציטירט געוואָרנ אינ דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור. אָט זײַנענ די סאַכאַק= לענ פאַר 4 יאָרצענדליקער:

די סומע עמיסיעס אינ מיליאַרדנ פראַנק
אינ א יאָרצענדליק

1880 — 1871	76,1
1890 — 1881	64,5
1900 — 1891	100,4
1910 — 1901	197,8

אינ די 1870=ער יאָרנ האָט זיכ די אַלגעמיינע סומע עמיסיעס אינ דער גאַנצער וועלט פאַרגרעסערט, באַזונדערס דורכ די האַלוואָעס אינ צוזאַמענהאַנג מיט פראַנ= צויזיש=פּרײַסישנ קריג אונ מיט דער גרינדערײַ=עפּאָכע אינ דײַטשלאַנד, וואָס איז גע= קומענ גלײַכ נאָכנ קריג. אַרומ אונ אַרומ גייט די פאַרגרעסערונג אינ משך פונ די לעצטע דרײַ יאָרצענדליקער פונעמ XIX יאָרהונדערט פאַרהעלטנישמעסיק ניט זייער גיכ, אונ ערשט דער ערשטער יאָרצענדליק פונ XX יאָרהונדערט גיט א קאָלאָסאַלע פאַרגרעסערונג, קימאַט א פאַרטאָפּלונג פאַר 10 יאָר. דער אָנהייב פונ XX יאָרהונ= דערט איז, אַלזאָ, אַנ איבערבראָכ=עפּאָכע ניט נאָר אינ פראַט פונ וווּקס פונ די מאָ= נאָפּאָליעס (קאַרטעלנ, סינדיקאַטנ, טרעסטנ), וואָס וועגנ דעמ האָבנ מיר שוינ גע= רעדט, נאָר אויכ אינ פראַט פונ וווּקס פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל.

די אַלגעמיינע סומע ווערט=פּאַפּירנ אינ דער וועלט אינ 1910 יאָר שאַצט ניי= מאַרק אָפּ אינ א סומע פונ אַנ ערעכ 815 מיליאַרד פראַנק. נאָכ דעמ, ווי ער נעמט אַראָפּ בערעכ די איבערכאַזערונגענ, פאַרקלענערט ער די דאָזיקע סומע ביז 575—600 מיליאַרד. אָט איז די פאַרטיילונג צווישנ באַזונדערע לענדער (מיר נעמענ 600 מיליאַרד):

[1] Bulletin de l'institut international de statistique, t. XIX, livr. II. La Haye (ביולעטענ פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ סטאַטיסטישנ אינסטיטוט, ב. XIX, בוכ II, האַאַג. רעד.), 1912. — אָנגאַבנ וועגנ קליינע מעלוכעס, צווייטער שפּאַלט, גענומענ אומגעפער לויט די נאָרמעס פונ 1902 יאָר, פאַרגרעסערט אָפּ 20%.

די סומע ווערט-פאפירנ אינ 1910 יאָר (מיליארדנ פראנק)

ענגלאנד	142	479	יאפאָניע	12
פאריייניקטע שטאטנ	132		האָלאנד	12,5
פראנקרײַכ	110		בעלגיע	7,5
דײַטשלאנד	95		שפאניע	7,5
רוסלאנד	31		שווייצ	6,25
עסטרײַכ-אונגארנ	24		דענעמארק	3,75
איטאליע	14		שוועדנ, נאָרוועגיע, רומעניע אא.	2,5
			סאכאקל	600,0

פונ די דאָזיקע אָנגאבנ איז גלײַכ צו זענ, ווי שארפ עס טיילנ זיכ אויס די פיר רײַכסטע קאפיטאליסטישע לענדער, וואָס פארמאָגנ יעדעס אנ ערעכ פונ 100 ביז 150 מיליארד פראנק אינ ווערט-פאפירנ. צוויי פונ די דאָזיקע פיר זײַנענ די עלטסטע קאפיטאליסטישע לענדער אונ, ווי מיר וועלנ זענ, די רײַכסטע אינ קאָלאָניעס: ענגלאנד אונ פראנקרײַכ; די איבעריקע צוויי זײַנענ פאָרגעשריטענע קאפיטאליסטישע לענדער לויט דער גיכקײַט פונ דער אנטוויקלונג אונ לויט דער מאָס פארשפרייטונג פונ די קאפיטאליסטישע מאָנאָפאָליעס אינ דער פראָדוקציע — די פארייניקטע שטאטנ אונ דײַטשלאנד. אָט די 4 לענדער אינאיינעמ האָבנ 479 מיליארד פראנק, דה. קימאט 80% פונעמ אלוועלטלעכנ פינאנצ-קאפיטאל. קימאט די גאנצע איבעריקע וועלט שפילט, אזוי אָדער אנדערש, די ראָליע פונ א באלכויוו אונ פונ א צינזצאָלער בענעגייע די דאָזיקע לענדער — די אינטערנאציאָנאלע באנקירנ, בענעגייע אָט די פיר „זײַלנ“ פונעמ אלוועלטלעכנ פינאנצ-קאפיטאל.

ספּעציעל מוז מענ זיכ אָפּשטעלנ אפ דער ראָליע, וועלכע עס שפילט אינעמ שאפנ די צווישנפעלקערלעכע נעצ פונ אָפּהענגיקײַט אונ פארבינדונג פונעמ פינאנצ-קאפיטאל — דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל.

IV. דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל

פארנ אלטנ קאפיטאליזמ, בא וועלכנ עס האָט פולשטענדיק געהערשט די פרײַע קאָנקורענצ, איז טיפּיש געווענ דער עקספּאָרט פונ סכוירעס. פאר דעמ נײַסטנ קאפיטאליזמ, בא וועלכנ עס הערשנ מאָנאָפּאָליעס, איז געוואָרנ טיפּיש דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל.

קאפיטאליזמ — דאָס איז סכוירע-פראָדוקציע אפ דער העכסטער שטופע פונ איר אנטוויקלונג, ווענ אויכ די ארבעטס-קראפט ווערט א סכוירע. דער וווּקס פונעמ אויסטויש סײַ אינווייניק אינ לאנד סײַ באזונדערס פונעמ צווישנפעלקערלעכנ אויסטויש איז דער כאראקטעריסטישער אונטערשייד-שטריכ פונעמ קאפיטאליזמ. ניטגלײַכמעסיקײַט אונ שפרונגארטיקײַט אינ דער אנטוויקלונג פונ איינצלנע אונטערנעמונגענ, פונ איינצלנע אינדוסטריע-צווײַגנ, פונ איינצלנע לענדער זײַנענ באמ קאפיטאליזמ אומפארמײַדלעכ. צוערשט, פריער פונ די איבעריקע לענדער, איז א קאפי-

טאַליסטיש לאַנד געוואָרנ ענגלאַנד אונ, צום מיטנ XIX יאָרהונדערט, נאָכ דעם, ווי עס האָט איינגעפירט פרייענ האַנדל, האָט ענגלאַנד פרעטענדירט אַפ דער ראָליע פונ א „וואַרשטאַט פאַר דער גאַנצער וועלט", פונ א פאַבריקאַנטנ-ליפעראַנט פאַר אַלע לענדער, וועלכע האָבנ דערפאַר, אַלס בייט, געזאָלט באַזאָרגנ ענגלאַנד מיט רוי-מאַטעריאַלנ. אָט די מאָנאָפּאָליע ענגלאַנדס איז שוינ אָבער אינעם לעצטנ פערטל פונ XIX יאָרהונדערט געווענ אונטערגעריסנ, ווייל א ריי אַנדערע לענדער, וואָס האָבנ זיכ באַוואָרנט מיט „שוץ"-צאָלנ, האָבנ זיכ אַנטוויקלט אונ זיינענ געוואָרנ זעלבשטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. אַפ דער שוועל פונ XX יאָרהונדערט זעענ מיר, ווי עס בילדעט זיכ אויס אַנ אַנדער מינ מאָנאָפּאָליעס: ערשטנס, מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ קאַפּיטאַליסטנ אינ אַלע לענדער פונ אַנטוויקלטנ קאַפּיטאַליזם; צווייטנס, די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע פונ א קלייגער צאָל רייכסטע לענדער, ווו די אָנזאַמלונג פונ קאַפּיטאַל האָט דערגרייכט צו א גיגאַנטישנ מאַסשטאַב. אינ די פאָרגעשריטענע לענדער האָט זיכ געשאַפנ א קאָלאָסאַלער „איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל".

פאַרשטייט זיכ, ווענ דער קאַפּיטאַליזם וואָלט אימשטאַנד געווענ צו אַנטוויקלענ די לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז איצט אומעטום שרעקלעכ אָפּגעשטאַנענ לעגאַבע דער אינדוסטריע, ווענ ער וואָלט אימשטאַנד געווענ אויפצוהייבנ דעם לעבנס-ניוואָ פונ די מאַסנ באַפעלקערונג, וואָס בלייבט אומעטום, ניט געקוקט אַפ דעם קאָפּשווינדלדיקנ טעכנישנ פראָגרעס, א האַלב-הונגעריקער אונ קאַפּצאָנישער, — דאַנ וואָלט ווענ קיינ איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל גאָר קיינ רייד ניט געקאָנט זיינ. אונ אַזאַ „אַרגומענט" רוקנ טאַקע אַרויס אַפ שריט אונ טריט די קלייגבירגערלעכע קריטיקער פונעם קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם וואָלט אָבער דעמלט ניט געווענ קיינ קאַפּיטאַליזם, וואָרעם אי די ניט-גלייכמעסיקייט פונ דער אַנטוויקלונג אי דער האַלב-הונגעריקער לעבנס-ניוואָ פונ די מאַסנ זיינענ וועזנטלעכע, אומפאַרמיידלעכע באַדינגונגענ אונ פאָרהאַנאָכעס פונ דעם דאָזיקנ פראָדוציר-אויפנ. קאָלזמאַנ דער קאַפּיטאַליזם פאַרבלייבט קאַפּיטאַליזם, ווערט דער איבערפלוס פונ קאַפּיטאַל פאַרווענדט ניט אַפ העכערנ דעם לעבנס-ניוואָ פונ די מאַסנ אינ דעם געגעבענעם לאַנד, וואָרעם דאָס וואָלט געהייסנ פאַרקלענערנ דעם רעווער פונ די קאַפּיטאַליסטנ, נאָר אַפ העכערנ דעם רעווער דורכ עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל קיינ אויסלאַנד, אינ די אָפּגעשטאַנענע לענדער. אינ די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענע לענדער איז דער רעווער געוויינלעכ הויכ, ווייל קאַפּיטאַלנ איז פאַראַנ ווייניק, די פּרייז אַפ ערד איז פאַרהעלטנישמעסיק קלייג, דער אַרבעטסלויג איז נידעריק, רוי-מאַטעריאַלנ זיינענ ביליק. די מעגלעכקייט צו עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל ווערט געשאַפנ דורכ דעם, וואָס א ריי אָפּגעשטאַנענע לענדער איז שוינ אַריינגעצויגנ אינעם קרייז-לויפ פונעם וועלט-קאַפּיטאַליזם, דאָרט זיינענ דורכגעפירט געוואָרנ אָדער מע האָט אָנגעהויבנ דורכפירנ די וויכטיקסטע אייזנבאַנ-ליניעס, עס זיינענ גאַראַנטירט עלעמענטאַרע באַדינגונגענ פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אאַוו. די נייטיקייט צו עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל ווערט געשאַפנ דורכ דעם, וואָס אינ א קליינער צאָל לענדער איז דער קאַפּיטאַליזם „איבערצייטיק געוואָרנ", אונ דעם קאַפּיטאַל פעלנ אויס אַרענעס (באַם באַדינג, ווענ די לאַנדווירטשאַפט איז ניט אַנטוויקלט אונ די מאַסנ לעבנ אינ דאַלעס), ווו מע זאָל „מיט רעווער" קאָנענ אַריינלייגנ קאַפּיטאַל.

אָט זײַנען בערעכנדיקע אָנגאַבן װעגן דער גרייס פון קאַפּיטאַל, װאָס די דרײַ הויפּט־לענדער האָבן אינװעסטירט אין אויסלאַנד[1].

דער קאַפּיטאַל, װאָס איז אינװעסטירט אין אויסלאַנד

(אין מיליאַרדן פראַנק)

יאָרן	ענגלאַנד	פראַנקרײַך	דײַטשלאַנד
1862	3,6	—	—
1872	15	(1869)10	—
1882	22	(1880)15	?
1893	42	(1890)20	?
1902	62	37—27	12,5
1914	100—75	60	44,0

פון דאַנען זעען מיר, אַז ערשט אין אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט דער עקס־פּאָרט פון קאַפּיטאַל דערגרייכט צו אַ גיגאַנטישער אַנטװיקלונג. פאַר דער מילכאָמע האָט דער קאַפּיטאַל, װאָס די דרײַ הויפּט־לענדער האָבן געהאַט אינװעסטירט אין אויסלאַנד, דערגרייכט ביז 175—200 מיליאַרד פראַנק. די האַכנאָסע פון דער דאָזי־קער סומע דאַרף, לויט דער באַשיידענער נאָרמע פון 5%, דערגרייכן 8—10 מילי־אַרד פראַנק אַ יאָר. אַ סאָלידע באַזע פאַר אימפּעריאַליסטישן אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די מערהײַט נאַציעס און לענדער פון דער װעלט, פאַרן קאַפּיטאַליס־טישן פּאַראַזיטיזם פון אַ הײַפעלע רײַכסטע מעלוכעס!

װיאַזױ דער דאָזיקער קאַפּיטאַל, װאָס איז אינװעסטירט אין אויסלאַנד, איז פאַר־טיילט צװישן פאַרשיידענע לענדער, װוּ איז ער אינװעסטירט, — אָט אויף דער פראַ־גע קאָן מען געבן מער ניט װי אַ לעפּערעכדיקן ענטפער, װעלכער איז פונדעסטװעגן אימשטאַנד צו באַלײַכטן אייניקע אַלגעמיינע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן און פאַר־בינדונגען פונעם מאָדערנעם אימפּעריאַליזם:

[1] Hobson: „Imperialism“, L. 1902, p. 58 (האָבסאָן. „אימפּעריאַליזם“. לאָנדאָן, ז. 58. רעד.); Riesser, דאָס דערמאָנטע װערק, ז. 395 און 404; P. Arndt אין „Weltwirtschaftliches Archiv“, Bd. 7, S. 35 (פּ. אַרנדט אינעם „אַרכיװ פון דער װעלט־װירטשאַפט“, ב. 7, ז. 35. רעד.), 1916; Neymarck אינעם Bulletin (ניימאַרק אינעם ביולעטען. רעד.); הילפערדינג, פינאַנץ־קאַפּיטאַל, ז. 492; Lloyd-George (לאָיד־דזשאָרדזש. רעד.), רעדע אין דער געמיינדעס־פּאַלאַטע דעם 4־טן מײַ 1915 יאָר. „Daily Telegraph“ („דיילי טעלעגראַף“. רעד.) דעם 5־טן מײַ 1915 יאָר. B. Harms: „Probleme der Weltwirtschaft“, Jena. (ב. האַרמס: „פּראָבלעמען פון דער װעלט־װירטשאַפט“, יענא. רעד.), 1912, ז. 235 אאַ.; Dr. Siegmund Schilder: „Entwicklungstendenzen der Weltwirtschaft“, Berlin (דר. זיגמונד שילדער: „די אַנטװיק־לונגס־טענדענצן פון דער װעלט־װירטשאַפט“. בערלין. רעד.), 1912, ב. 1, ז. 150. George Paish: „Great Britain's Capital Investments etc.“ אין „Journal of the Royal Statistical Society“, vol. LXXIV (דזשאָרדזש פּייש: „אינװעסטירונג פונעם גרויסבריטאַנישן קאַפּיטאַל אאַװ.“ אינעם „זשורנאַל פון דער קיניגלעכער סטאַטיסטישער געזעלשאַפט“, ב. LXXIV. רעד.), 1910—1911, ז. 167 און די װײַטערדיקע. Georges Diouritch: „L'Expansion des banques allemandes à l'étranger, ses rapports avec le développement économique de l'Allemagne“. P. (זשאָרזש דיוריטש: „די עקספּאַנסיע פון די דײַטשישע בענק אין אויסלאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמישער אַנטװיקלונג פון דײַטשלאַנד“. פּאַריז. רעד.), 1909, ז. 84.

די וועלט־טײלנ, צווישנ וועלכע עס זײַנענ פארטײלט (לעפּ:ערעכ) די אויסלענדישע קאפּיטאלנ (אנ ערעכ אינ 1910 יאָר).

	ענגלאנד	פראנקרײַכ	דײַטשלאנד	סאַכאַקל
		(אינ מיליארדנ מארק)		
אייראָפּע	4	23	18	45
אמעריקע	37	4	10	51
אזיע, אפריקע אונ אווסטראַליע	29	8	7	44
סאַכאַקל	70	35	35	140

אינ ענגלאנד שטייענ אפנ ערשטנ אָרט די ענגלישע קאָלאָניאַלע באזיצנ, וואָס זײַנענ זייער גרויס אויכ אינ אמעריקע (קאנאדע, לעמאָשל), שוינ אָפּגערעדט וועגנ אזיע אונ אנד. דער גיגאנטישער עקספּאָרט פונ קאפּיטאל איז דאָ ענגער פונ אלצ פארבונדנ מיט די גיגאנטישע קאָלאָניעס, וואָס וועגנ זייער באַדײַטונג פארנ אימפּעריאַליזמ וועלנ מיר נאָכ שפּעטער ריידנ. אנדערש איז די לאגע אינ פראנקרײַכ. דאָ איז דער אויסלענדישער קאפּיטאל אינוועסטירט הויפּטזאַכלעכ אינ אייראָפּע אונ קוידעמקאָל אינ רוסלאנד (ניט ווייניקער פונ 10 מיליארד פראנק), דערבײַ איז עס דעריקער הא ל וו אָ ע־קאפּיטאל, מעלוכע־האלוואָעס, אונ ניט קיינ קאפּיטאל, וואָס ווערט אינוועסטירט אינ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. צומ אונטערשייד פונעמ ענגלישנ אימפּעריאַליזמ, וואָס איז א קאָלאָניאַלער אימפּעריאַליזמ, קאָנ מענ דעמ פראנצויזישנ אימפּעריאַליזמ אָנרופנ וווכערישער אימפּעריאַליזמ. אינ דײַטשלאנד האָבנ מיר א דריטנ וואריאנט: די קאָלאָניעס פונ דײַטשלאנד זײַנענ ניט גרויס, אונ דער קאפּיטאל, וואָס דײַטשלאנד אינוועסטירט אינ אויסלאנד, איז מער פונ אלע אנדערע גלײַכמעסיק פארטײלט צווישנ אייראָפּע אונ אמעריקע.

אינ יענע לענדער, וווהינ דער קאפּיטאל־עקספּאָרט גייט, ווירקט ער אפ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ, פארגיכערנדיק ביז גאָר די דאָזיקע אנטוויקלונג. דעריבער איז, אויב דער דאָזיקער עקספּאָרט קאָנ, אינ א באשטימטער מאָס, ברענגענ צו א געוויסנ שטילשטאנד אינ דער אנטוויקלונג אינ די עקספּאָרטירנדיקע לענדער, קאָנ עס פאָרקומענ נאָר אפנ כעזשבנ פונ פארברייטערנ אונ פארטיפערנ די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ אינ דער גאנצער וועלט.

די לענדער, וואָס עקספּאָרטירנ קאפּיטאל, האָבנ קימאט שטענדיק די מעגלעכקײַט צו באקומענ פאר זיכ געוויסע „נוצנ“; דער באראקטער פונ די דאָזיקע „נוצנ“ וואַרפט א שײַנ אפ דער אייגנארטיקײַט פונ דער עפּאָכע פונ פינאנצ־קאפּיטאל אונ מאָנאָפּאָליעס. אָט וואָס עס האָט, לעמאָשל, געשריבנ אינ אָקטיאַבער 1913 יאָר דער בערלינער זשורנאל „באנק“:

„אפנ אינטערנאציאָנאלנ מארק פונ קאפּיטאלנ שפּילט זיכ די לעצטע צײַט אָפּ א קאָמעדיע, וואָס איז ווערט געמאָלט צו ווערנ פונ אריסטאָפאנעס. א גאנצע ריי פרעמדע מעלוכעס, פונ שפּאניע ביז צו די באלקאנענ, פונ רוסלאנד ביז צו ארגענטינע, בראזיליע אונ כינע, טרעטנ אָפּנ אָדער פארמאסקירט ארויס מיט פאָדערונגענ, אמאָל ביז גאָר אקשאָנעסדיקע, צו די גרויסע געלט־מערק, זיי זאָלנ זיי געבנ האלוואָעס. די געלט־מערק געפינענ זיכ איצט ניט גאָר אינ קיינ גלענצנדיקער לאגע, אונ

די פּאָליטישע פּערספּעקטיוונ זײַנענ ניט קיינ פרײַלעכע. דאָכ וואָגט ניט קיינ איינער פונ די גרעלט=מערק אָפּצוזאָגנ די דאָזיקע פאָדערונגענ, ווײַל ער האָט מוירע, אז דער שאָכנ וועט אים פאַרלויפנ דעם וועג, אײַנגײַנ אפ דער האַלוואָע אונ אזוי ארום זיכערנ פאַר זיכ א געוויסע טויווע פאַר דער טויווע. בא אזעלכע מינים צווישנפעלקערלעכע געשעפטנ פאַלט קימאַט שטענדיק אָפּעס אראָפּ דערפונ דעם קרעדיטאָר: א האַנאָכע אינעמ האַנדלס=אָפּמאַכ, א קוילנ=סטאַנציע, די בויונג פונ א האַפנ, א פעטע קאָנצעסיע, א באַשטעלונג אפ האַרמאַטנ"[1].

דער פינאַנצ=קאַפּיטאַל האָט געשאַפנ די עפּאָכע פונ מאָנאָפּאָליעס. אונ די מאָנאָפּאָליעס ברענגענ אומעטום די מאָנאָפּאָליסטישע פּרינציפּנ: אָנשטאָט דער קאָנקורענצ אפנ אָפענעמ מארק קומט די אויסנוצונג פונ „פאַרבינדונגענ" אפ צו מאכנ א רענטאַבל געשעפט. עס איז א גאַנצ געוויינלעכע זאַכ: די האַלוואָע ווערט געגעבנ מיט אזא טנײַ, אז א טייל פונ איר זאָל אויסגעגעבנ ווערנ אפ אײַנקויפנ פּראָדוקטנ פונעמ קרעדיטירנדיקנ לאַנד, באַזונדערס אפ באַוואָפענונג, אפ שיפנ אאוו. אינ מעשעכ פונ די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער (1890—1910) פלעגט פראַנקרײַכ גאַנצ אָפט אָנווענדנ דאָס דאָזיקע מיטל. דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל קיינ אויסלאַנד ווערט א מיטל אפ צו סטימולירנ דעם עקספּאָרט פונ סכוירעס קיינ אויסלאַנד. דערבײַ זײַנענ די אָפּמאַכנ צווישנ די באַזונדערס גרויסע אונטערנעמונגענ אזעלכע, אז זיי שטייענ — ווי ס'האָט זיכ „ווייכ" אויסגעדריקט שילדער[2] — „אפ דער גרענעצ פונ קאָרופּציע". קרופּ אינ דײַטשלאַנד, שניידער אינ פראַנקרײַכ, ארמסטראָנג אינ ענגלאַנד — זײַנענ מוסטערנ פונ אזעלכע פירמעס, וואָס זײַנענ ענג פאַרבונדנ מיט די גיגאַנטישע בענק אונ מיט דער רעגירונג אונ וואָס זיי איז ניט לײַכט „אויסצומײַדנ", בײַם מע מאכט א האַלוואָע.

פראַנקרײַכ האָט, געבנדיק רוסלאַנד א האַלוואָע, „צוגעקוועטשט" רוסלאַנד אינעמ האַנדלס=אָפּמאַכ פונ 16=טנ סענטיאַבער 1905 יאָר אונ האָט אויסגענומענ פאַר זיכ געוויסע האַנאָכעס ביזנ 1917 יאָר; דאָס זעלביקע איז אויכ לויטנ האַנדלס=אָפּמאַכ מיט יאַפּאָניע פונ 19=טנ אווגוסט 1911 יאָר. די טאַמאָזשניע=מילכאָמע צווישנ עסטרײַכ מיט סערביע, וועלכע האָט מיט אנ איבערײַס פונ זיבנ כאַדאָשים געדויערט פונ 1906 ביז 1911 יאָר, איז טיילווײַז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער קאָנקורענצ צווישנ עסטרײַכ אונ פראַנקרײַכ אפנ געביט פונ ליפערנ קריגס=מאַטעריאַלנ פאַר סערביע. פּאָל דעשאַנעל האָט אינ יאַנוואַר 1912 יאָר דערקלערט אינ פּאַרלאַמענט, אז די פראַנצויזישע פירמעס האָבנ פאַר די יאָרנ 1908—1911 געליפערט פאַר סערביע קריגס=מאַטעריאַלנ אפ א סומע פונ 45 מיליאָנ פראַנק.

אינעמ באַריכט פונעמ עסטרײַכ=אונגאַרישנ קאָנסול אינ סאַאָ=פּאַולאָ (בראַזיליע) ווערט געזאָגט: „די בויונג פונ די בראַזילישע אײַזנבאַנענ ווערט געפירט מערסטנטייל אפ פראַנצויזישע, בעלגישע, בריטישע אונ דײַטשישע קאַפּיטאַלנ; בא די פינאַנצ=אָפּעראַציעס, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט בויענ די אײַזנבאַנענ, נעמענ די דאָזיקע לענדער אויס, אז זיי וועלנ צושטעלנ בוי=מאַטעריאַלנ פאַר די אײַזנבאַנענ".

---

1 „Die Bank" 1913, 2, ז. 1024.

2 Schilder, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 346, 350, 371.

אזויארומ פארשפרייט דער פינאנצ-קאפיטאל זײַנע נעצנ, אינ בוכשטעבלעכנ, קאָנ מענ זאָגנ, זינ פונעמ וואָרט אפ אלע לענדער פונ דער וועלט. א גרויסע ראָליע שפּילנ דערבײַ די בענק, וואָס ווערנ געגריגדעט אינ די קאָלאָניעס, אונ זייערע אָפּטיילונגענ. די דײַטשישע אימפּעריאַליסטנ קוקנ מיט קינע אפ די „אַלטע" קאָלאָניאַלע לענדער, וואָס האָבנ זיכ אינ דעמ פראַט באַזונדערס „דערפאָלגרײַכ" באַוואָרנט: ענגלאַנד האָט אינ 1904 יאָר געהאַט 50 קאָלאָניאַלע בענק מיט 2.279 אָפּטיילונגענ (אינ 1910 יאָר: 72 מיט 5.449 אָפּטיילונגענ); פראַנקרײַכ — 20 מיט 136 אָפּטיילונגענ; האָלאַנד — 16 מיט 68, אונ דײַטשלאַנד — „סאַכאַקל" 13 מיט 70 אָפּטיילונגענ [1]. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטנ, פונ זייער זײַט, זײַנענ מעקאַנע די ענגלישע אונ דײַטשישע: „אינ דאָרעמ-אַמעריקע — האָבנ זיי זיכ געקלאָגט אינ 1915 יאָר — האָבנ 5 דײַטשישע בענק 40 אָפּטיילונגענ אונ 5 ענגלישע — 70 אָפּטיילונגענ... ענגלאַנד אונ דײַטשלאַנד האָבנ פאַר די לעצטע 25 יאָר אינוועסטירט אינ אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגווײַ אַנ ערעכ 4 ביליאָנ (מיליאַרד) דאָלער, אונ דער רעזולטאַט דערפונ איז אַזאַ, אַז אינ זייערע הענט געפינט זיכ 46% פונעמ גאַנצנ האַנדל פונ די דאָזיקע דרײַ לענדער" [2].

די לענדער, וואָס עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַל, האָבנ, פיגוראַל גערעדט, צעטיילט צווישנ זיכ די וועלט. דער פינאַנצ-קאַפּיטאַל האָט אָבער געבראַכט אויכ צו א ד י ר ע ק ט ע ר צעטיילונג פונ דער וועלט.

V. די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די פאַרבאַנדנ פונ קאַפּיטאַליסטנ

די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ די קאַפּיטאַליסטנ, די קאַרטעלנ, סינדיקאַטנ, טרעסטנ, צעטיילנ קודעמקאָל צווישנ זיכ דעמ אינערלעכנ מאַרק דערמיט, וואָס זיי פאַרכאַפּנ מער אָדער ווייניקער פולשטענדיק צו זיכ אינ די הענט די פּראָדוקציע פונעמ געגעבענעמ לאַנד. דער אינערלעכער מאַרק איז אָבער באַמ קאַפּיטאַליזמ אומפאַרמײַדלעכ פאַרבונדנ מיטנ אויסערלעכנ. דער קאַפּיטאַליזמ האָט שוינ לאַנג געשאַפנ אַנ אַלוועלטלעכנ מאַרק. אונ צוגלײַכ מיט דעמ, ווי ס'איז געוואַקסנ דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל אונ עס זײַנענ אפ אַלערליי אויפאַנימ פאַרברייטערט געוואָרנ די אויסלענדישע אונ קאָלאָניאַלע פאַרבינדונגענ אונ די „אײַנפלוס-ספערנ" פונ די גרעסטע מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ, האָט זיכ דער איניענ „נאַטירלעכ" דערנענטערט צו אַנ אַלוועלטלעכער פאַרשטענדיקונג צווישנ זיי, צו דער אויסבילדונג פונ אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלנ.

---

[1] Riesser, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 375, 4-טע אופל. אונ Diouritch, ז. 283.

[2] The Annals of the American Academy of Political and Social Science, vol. LIX, May (יאָרביכער פונ דער אַמעריקאַנישער אַקאַדעמיע פונ פּ ליט-שע אונ סאָציאַלע וויסנשאַפטנ, ב. LIX, מײַ. ר ע ד.), 1915, ז. 301. אינ דעמ זעלבנ צײַטשריפט, ז. 331, לייענענ מיר, אַז דער באַוווּסטער סטאַטיסטיקער Paish (פּייש) האָט אינעמ לעצטנ הזפט פונעמ פינאַנצ-זשורנאַל „Statist" („סטאַטיסטיקער". ר ע ד.) געשאַצט די סומע פונעמ קאַפּיטאַל, וואָס ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, פראַנקרײַכ, בעלגיע אונ האָלאַנד האָבנ עקספּאָרטירט, אינ 40 מיליאַרד דאָלער, ד. ה. אינ 200 מיליאַר פראַנק.

דאָס איז אַ נײַע שטופּע פֿון דער אַלוועלטלעכער קאָנצענטראַציע פֿונעם קאַפּי־טאַל און פֿון דער פּראָדוקציע, אָן אַן ערעכ אַ העכערע שטופּע, איידער די פֿרי־דיקע. לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי אַזוי אָט די איבערמאָנאָפּאָליע וואַקסט אויס.

די עלעקטרע־אינדוסטריע איז די סאַמע טיפּישע פֿאַר די נײַסטע דערפֿאָלגן פֿון דער טעכניק, פֿאַרן קאַפּיטאַליזם פֿון סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערטער. און מער ווי אומעטום האָט זי זיך אַנטוויקלט אין די צוויי סאַמע פֿאָרגעשריטענע פֿון די נײַע קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן און אין דײַטשלאַנד. אין דײַטשלאַנד האָט אויפֿן וווּקס פֿון דער קאָנצענטראַציע אין דעם דאָ־זיקן צווײַג באַזונדערס שטאַרק געווירקט דער קריזיס פֿון 1900 יאָר. די בענק, וואָס זײַנען שוין צו יענער צײַט געווען גענוג צונויפֿגעוואַקסן מיט דער אינדוסטריע, האָבן בײַם דעם דאָזיקן קריזיס ביז גאָר פֿאַרגיכערט און פֿאַרטיפֿט דעם אומקום פֿון די פֿאַרהעלטניסמעסיק קליינע אונטערנעמונגען, דאָס אײַנשלינגען זיי דורך די גרויסע. „די בענק — שרײַבט יעידעלס — פֿלעגן אויפֿהערן צו העלפֿן גראָד יענע אונטערנעמונ־גען, וועלכע האָבן זיך מער פֿאַר אַלץ געניטיקט אין הילף, און דערמיט פֿלעגן די בענק אַרויסרופֿן צוערשט אַ ווילדן אויפֿשטײַג און דערנאָך אַ האָפֿענונגסלאָזן קראַך פֿון יענע געזעלשאַפֿטן, וואָס זײַנען ניט גענוג ענג געווען פֿאַרבונדן מיט זיי“[1].

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז נאָכן 1900 יאָר איז די קאָנצענטראַציע אַוועק מיט גיגאַנטישע טריט פֿאָרויס. ביזן 1900 יאָר איז אין דער עלעקטרע־אינדוסטריע געווען זיבן אָדער אַכט „גרופּעס“, און דערבײַ איז יעדע גרופּע באַשטאַנען פֿון עט־לעכע געזעלשאַפֿטן (אַרום און אַרום איז געווען 28 געזעלשאַפֿטן) און הינטער יע־דער גרופּע זײַנען געשטאַנען פֿון 2 ביז 11 בענק. צו די יאָרן 1908—1912 האָבן זיך אָט די אַלע גרופּעס צונויפֿגעגאָסן אין צוויי אָדער אין איינער. אָט ווי אַזוי דער דאָזיקער פּראָצעס איז געגאַנגען:

די גרופּעס אין דער עלעקטרע־אינדוסטריע



די באַרימטע A.E.G. (אַלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאַפֿט), וואָס איז אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן, הערשט איבער 175—200 געזעלשאַפֿטן (לויט דער סיסטעם פֿון „באַטייליקונג“) און האָט צו שאַפֿן איבער אַן אַלגעמיינער סומע קאַפּיטאַל אַן ערעכ

[1] יעידעלס, דאָס דערמאָנטע ווערק, 232.

פונ 1½ מיליאַרד מאַרק. בלויז דירעקטע אויסלענדישע פאַרשטייערשאַפטנ האָט זי 34, דערפונ 12 אַקציענ⸗געזעלשאַפטנ, — מער ווי אינ 10 מעלוכעס. נאָכ אינ 1904 יאָר האָט מענ געהאַלטנ, אַז די קאַפּיטאַלנ, וואָס די דייטשישע עלעקטרע⸗אינדוסטריע האָט אינוועסטירט אינ אויסלאַנד, האָבנ באַטראָפנ 233 מיליאָנ מאַרק, דערפונ 62 מיליאָנ אינ רוסלאַנד. ס'איז גאָר איבעריק צו ריידנ וועגנ דעמ, אַז די „אַלגעמיינע עלעקטרע⸗געזעלשאַפט" איז אַ גיגאַנטישע „קאָמבינירטע" אונטערנעמונג — בלויז די צאָל פונ אירע פאַבריצירנדיקע געזעלשאַפטנ באַטרעפט 16 — אונ זיי אַרבעטנ אויס די סאַמע פאַרשיידענע פּראָדוקטנ, פונ קאַבעלנ אונ איזאָליאַטאָרס ביז אויטאָמאָבילנ אונ פלי⸗אַפּאַראַטנ.

די קאָנצענטראַציע אינ אייראָפּע איז אָבער געווענ אויכ אַ באַשטאַנד⸗טייל פונעמ קאָנצענטראַציע⸗פּראָצעס אינ אַמעריקע. אָט וויאַזוי די זאַכ איז צוגעגאַנגענ:

די „אַלגעמיינע עלעקטרע־קאָמפּאַניע" (General Electric C°)

אַמעריקע	די קאָמפּ. טאָמפּסאָנ—האוסטאָנ גרינדעט אַ פירמע פאַר אייראָפּע	די קאָמפּ. עדיסאָנ גרינדעט פאַר אייראָפּע אַ פירמע „עדיסאָנס פראַנצויזישע קאָמפּאַניע", וועלכע גיט איבער די פּאַטענטנ דער דייטשישער פירמע
דייטשלאַנד	„אוניאָנ קאָמפּ. פאַר עלעקטרע"	„אַלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאַפט" (A.E.G.)

„אַלגעמיינע עלעקטרע־געזעלשאַפט" (A.E.G.)

אַזוי⸗אַרומ האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי עלעקטרישע „מעלוכעס": „קיינ אַנדערע עלעקטרע⸗געזעלשאַפטנ, וואָס זאָלנ זיינ פולקומ אומאָפּהענגיק פונ די, איז אָפּ דער וועלט ניטאָ", — שרייבט היינִיג אינ זיינ אַרטיקל: „דער וועג פונעמ עלעקטרע⸗טרעסט". וועגנ דעמ פאַרנעמ פונ די אומזאַצנ אונ וועגנ דער גרייס פונ די אונטערנעמונגענ פונ די ביידע „טרעסטנ" גיבנ אַ געוויסע פאָרשטעלונג, האַגאַמ וויינט ניט קיינ פולע, פאָלגנדיקע ציפערנ:

		סכוירעס־אומזאַצ (מיליאָנענ מאַרק)	צאָל אָנגעשטעלטע	ריינער רעווער (מיליאָנענ מאַרק)
אַמעריקע: „אַלג. עלעקט. קאָמפּ." (G. E. C.)	1907:	252	28.000	35,4
	1910:	298	32.000	45,6
דייטשלאַנד: „אַלג. עלעקט. געזעלשאַפט" (A. E. G.)	1907:	216	30.700	14,5
	1911:	362	60.800	21,7

אונ אָט איז אינ 1907 יאָר צווישנ דעמ אַמעריקאַנישנ טרעסט מיטנ דייטשישנ געשלאָסנ געוואָרנ אַנ אָפּמאַכ וועגנ צעטיילנ צווישנ זיכ די וועלט. די קאָנקורענצ ווערט באַזייטיקט. די „אַלגעמיינע עלעקטרע⸗קאָמפּאַניע" (G. E. C.) „באַקומט" די פאַ⸗

רייניקטע שטאטן און קאנאדע; די „אלגעמיינע עלעקטרע-געזעלשאפט" (A. E. G.) „קריגט" דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד, האלאנד, דענעמארק, שווייץ, טערקיי, די באלקאנען. באזונדערע — געהיימע, פארשטייט זיך, — אפמאכן ווערן געשלאסן בענגעייע די „טאכטער-געזעלשאפטן", וואס דרינגען אריין אין נייע אינדוסטריע-צווייגן און אין „נייע", פארמעל נאך נים פאנאנדערגעטיילטע, לענדער. ס'ווערט איינגעשטעלט א קעגנזייטיקער אויסטויש מיט דערפינדונגען און עקספערימענטן[1].

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, ווי ווייט שווער עס איז צו קאנקורירן קעגן דעם דאזיקן, פאקטיש איינהייטלעכן, אלוועלטלעכן טרעסט, וואס האט אין זיין רעשום א קאפיטאל פון עטלעכע מיליארד און האט זיינע „אפטיילונגען", פארשטיי-ערשאפטן, אגענטורן, פארבינדונגען אאוו. אין אלע עקן וועלט. די צעטיילונג פון דער וועלט צווישן די צוויי שטארקע טרעסטן שליסט אבער, פארשטייט זיך, ניט אויס קיין איבערפארטיילונג, אויב עס ענדערן זיך די קויכעס-פארהעלטע-נישן — איבער דער גיט-גלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג, איבער מילכאמעס, קראכן אדג.

א באלערעוודיקן ביישפיל פון אזא מין פרווו פון איבערפארטיילן, פון א קאמף פאר איבערפארטיילן, שטעלט פאר די נאפט-אינדוסטריע.

„דער נאפט-מארק פון דער וועלט — האט יעידעלס געשריבן אין 1905 יאר — איז נאך איצט אויך צעטיילט צווישן צוויי גרויסע פינאנץ-גרופעס: ראקפעלערס אמע-ריקאנישן „נאפט-טרעסט" (Standard Oil C—y) און די באלעבאטים פונעם רו-סישן באקוער נאפט — ראטשילד און נאבעל. ביידע גרופעס זיינען ענג פארבונדן איינע מיט דער אנדערער, אבער זייער מאנאפאליסטישער לאגע דראעט, שוין אין משעך פון עטלעכע יאר, א סאקאנע מיצאד פינף סאנים"[2]: 1) די אויסשעפונג פון די אמעריקאנער נאפט-קוואלן; 2) מאנטאשעווס קאנקורירנדיקע פירמע אין באקו; 3) די נאפט-קוואלן אין עסטרייך און 4) אין רומעניע; 5) די טראנסאקעא-נישע נאפט-קוואלן, באזונדערס אין די האלענדישע קאלאניעס (די זייער רייכע פיר-מעס פון סעמיועל און שעל, וואס זיינען פארבונדן אויך מיטן ענגלישן קאפיטאל). די לעצטע דריי גרופעס אונטערנעמונגען זיינען פארבונדן מיט די גרויסע דייטשישע בענק, מיטן גרעסטן „דייטשישן באנק" בעראש. די דאזיקע בענק האבן זעלבשטענ-דיק און פלאנמעסיק אנטוויקלט די נאפט-אינדוסטריע, לעמאשל, אין רומעניע, כדיי צו האבן אן „אייגענעם" שטיצפונקט. אין דער רומענישער נאפט-אינדוסטריע האט זיך אין 1907 יאר גערעכנט 185 מיליאן פראנק אויסלענדישע קאפיטאלן, דערונ-טער 74 מיליאן דייטשישע[3].

עס האט זיך אנגעהויבן א קאמף, וואס ווערט אזוי טאקע אנגערופן אין דער עקאנאמישער ליטעראטור: דער קאמף פאר „צעטיילן די וועלט". פון איין זייט, האט ראקפעלערס „נאפט-טרעסט", ווילנדיק פארכאפן אלץ, געגרינדעט אין האלאנד גופע א „טאכטער-געזעלשאפט", גענומען אופקויפן די נאפט-קוואלן אין דער הא-

[1] Riesser, דאס דערמאנטע ווערק; Diouritch, דאס דערמאנטע ווערק, ז. 239; Kurt Heinig, דער דערמאנטער ארטיקל.
[2] יעידעלס, ז. 193.
[3] Diouritch, ז. 245.

לענדישער אינדיע, קעדײַ אזויארום געבנ א קלאפּ זײַנ הויפּט=סוינע: דעם האָלענדיש=ענגלישנ טרעסט „שעל“. פונ דער אנדערער זײַט, האָבנ דער „דײַטשישער באנק“ אונ די איבעריקע בערלינער בענק געשטרעבט „אויסצוקעמפנ“ „פאר זיכ“ רומעניע אונ פאראייניקנ זי מיט רוסלאנד קעגנ ראָקפעלערנ. ראָקפעלער האָט פארמאָגט אָנ אנ ערעכ א גרעסערנ קאפּיטאל אונ אנ אויסגעצייכנטע אָרגאניזאציע פונעם טראנספּאָרט אונ פונעם צושטעלנ קעראָסינ צו די געברויכער. דער קאמפּ האָט זיכ געמוזט ענדיקנ אונ האָט זיכ געענדיקט אינ 1907 יאָר מיט א פולשטענדיקער מאפּאָלע פונעם „דײַטשישנ באנק“, אונ אימ איז געבליבנ איינס פונ די ביידע: אָדער ליקווידירנ זײַנע „נאפט=אינטערעסנ“ מיט מיליאָנענ העזעק, אָדער זיכ אונטערגעבנ. מע האָט אויסגעקליבנ דאָס לעצטע אונ געשלאָסנ מיטנ „נאפט=טרעסט“ אנ אָפּמאכ, זיי=ער ניט קיינ גינסטיקנ פארנ „דײַטשישנ באנק“. לויט דעמ דאָזיקנ אָפּמאכ האָט זיכ דער „דײַטשישער באנק“ פארפּליכטעט „ניט פירצונעמענ קיינ זאכ צומ שאָדנ פונ די אמעריקאנער אינטערעסנ“; דערבײַ איז אָבער פונדעסטוועגנ פאָרויסגעזעענ געוואָרנ, אז דער אָפּמאכ פארלירט זײַנ קראפט, אויב אינ דײַטשלאנד וועט דורכגיינ א געזעצ וועגנ מעלוכע=מאָנאָפּאָליע אויפ נאפט.

דאנ הייבט זיכ אָנ די „נאפט=קאָמעדיע“. איינער פונ די פינאנצ=קיניגנ אינ דײַטשלאנד, פאָנ=גווינער, דירעקטאָר פונעמ „דײַטשישנ באנק“, הייבט אָנ דורכ זײַנ פּריוואט=סעקרעטאר, שטאוס, אגיטירנ פ א ר א נאפט=מאָנאָפּאָליע. דער גאנצער גיגאנטישער אפּאראט פונעמ גרעסטנ בערלינער באנק, אלע ברייטע „פארבינדונגענ“ ווערנ געבראכט אינ באוועגונג, די פּרעסע ווערט פארכלינעט פונ „פּאטריאָטישע“ געשרייענ קעגנ דעמ „יאָכ“ פונעמ אמעריקאנישנ טרעסט, אונ דעמ 15=טנ מארט 1911 יאָר נעמט דער רײַכסטאג קימאט איינשטימיק אָנ א רעזאָליוציע, וואָס רופט די רעגירונג, זי זאָל אויסארבעטנ א פּראָיעקט וועגנ נאפט=מאָנאָפּאָליע. די רעגירונג האָט זיכ אָנגעכאפּט פאר אָט דער „פּאָפּולערער“ אידיי, אונ ס'האָט זיכ געדוכט, אז דער „דײַטשישער באנק“, וואָס האָט געהאט בעדייע אָפּצונארנ זײַנ אמעריקאנער קאָנטראגענט אונ פארבעסערנ זײַנע געשעפטנ מיט דער הילפ פונ דער מעלוכע=מאָנאָפּאָליע, האָט געוווּנענ די שפּיל. די דײַטשישע נאפט=קיניגנ האָבנ שוינ באצײַטנס געפילט דעמ טאמ פונ דעמ ריזיקנ רעוועכ, וואָס וועט זײַנ ניט קלענער פאר די רעוואָכימ פונ די רוסישע צוקער=זאוואָדטשיקעס... נאָר, ערשטנס, האָבנ די גרויסע דײַטשישע בענק זיכ צעקריגט איינע מיט די אנדערע איבער דער כאלוקע פונעמ רעוועכ, אונ די „דיסקאָנטאָ=געזעלשאפט“ האָט דעמאסקירט די אייגננוציקע אינטערעסנ פונעמ „דײַטשישנ באנק“; צווייטנס, האָט זיכ די רעגירונג דערשראָקנ פארנ קאמפּ מיט ראָקפעלערנ, ווײַל ס'איז געווענ א גרויסער סאָפעק, צי וועט דײַטשלאנד קריגנ נאפט ערגעצ=ווּ אנדערש (די פּראָדוקטיווקײַט פונ רומעניע איז ניט גרויס); דריטנס, איז אונטערגעקומענ די מיליארד=אסיגנירונג פונ 1913 יאָר אויפ דער קריגס=צוגרייטונג פונ דײַטשלאנד. דעמ פּראָיעקט פונ מאָנאָפּאָליע האָט מענ אָפּגעלייגט. לעסאָטע איז ראָקפעלערס „נאפט=טרעסט“ ארויס פונעמ קאמפּ אלס זיגער.

דער בערלינער זשורנאל „באנק“ האָט אינ צוזאמענהאנג דערמיט געשריבנ, אז דײַטשלאנד וואָלט געקאָנט קעמפנ קעגנ דעמ „נאפט=טרעסט“ נאָר דאנ, ווענ עס וואָלט אײַנגעפירט א מאָנאָפּאָליע אויפ עלעקטרישנ שטראָמ אונ פארוואנדלט די ווא=

סער=קראפט אינ ביליקער עלעקטרע. נאָר — גיט ער צו — „די עלעקטרע=מאָנאָפּאָליע וועט קומענ דאנ, ווענ זי וועט זײַנ נייטיק פאר די פּראָדוצירער; גראָד דאנ, ווענ בא דער טיר וועט שטיינ דער פאָלגנדיקער גרויסער קראַכ אינ דער עלעקטרע=אינדוסטריע אונ ווענ די גיגאנטישע, טײַערע עלעקטראָסטאנציעס, וואָס ווערנ איצט אומעטום געבויט דורכ פּריוואטע „קאָנצערנענ" פונ דער עלעקטרע=אינדוסטריע אונ פאר וועלכע די דאָזיקע „קאָנצערנענ" באקומענ שוינ איצט געוויסע אײַנצלנע מאָנאָפּאָליעס אינ שטעט, מעלוכעס אאוו., וועלנ זײַנ ניט אימשטאנד צו ארבעטנ מיט רעוועכ. דאנ וועט מענ מוזנ אָנהייבנ אויסנוצנ די וואסער=קרעפטנ; מע וועט זיי אָבער אפנ מעלוכישנ כעזשבנ ניט קאָנענ פארוואנדלענ אינ קיינ ביליקער עלעקטרע, מע וועט זיי ווידעראמאָל מוזנ איבערגעבנ א „פּריוואטער מאָנאָפּאָליע, וואָס ווערט קאָנטראָלירט דורכ דער מעלוכע", ווײַל די פּריוואטע אינדוסטריע האָט שוינ געשלאָסנ א ריי אָפּמאכנ אונ האָט אויסגענומענ פאר זיכ גרויסע באלוינונגענ... אזוי איז עס געווענ מיט דער קאלי=מאָנאָפּאָליע, אזוי איז עס מיט דער נאפט=מאָנאָפּאָליע, אזוי וועט עס זײַנ מיט דער עלעקטרע=מאָנאָפּאָליע. עס וואָלט שוינ צײַט געווענ, אז אונדזערע מעלוכע=סאָציאליסטנ, וואָס לאָזנ זיכ פארבלענדנ פונ א שיינעמ פּרינציפּ, זאָלנ סאָפּקאָלסאָפּ פארשטיינ, אז אינ דײַטשלאנד זײַנענ די מאָנאָפּאָליעס קיינמאָל ניט אויסנ געווענ אזא צוועק אונ האָבנ ניט געפירט צו אזא רעזולטאט, אז די געברויכער זאָלנ דערפונ האָבנ עפּעס נוצנ, אָדער אז די מעלוכע זאָל באקומענ כאָטש א טייל פונעמ אונטערנעמערישנ רעוועכ, זיי האָבנ בלויז געדינט דערצו, אז די פּריוואטע אינדוסטריע, וואָס איז שוינ דערגאנגענ קימאט ביז באנקראָט, זאָל געהיילט ווערנ אפנ מעלוכע=כעזשבנ"[1].

אָט אזוינע ווערטפולע אָנערקענונגענ זײַנענ געצוווּנגענ צו מאכנ בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ אינ דײַטשלאנד. מיר זעענ דאָ באשײַמפּערלעכ, ווי אינ דער עפּאָכע פונעמ פינאנצ=קאפּיטאל פלעכטנ זיכ איבער אויגיינעמ די פּריוואטע אונ מעלוכישע מאָנאָפּאָליעס, ווי אי די אי יענע זײַנענ אינדערעמעסנ ניט מער ווי אײַנצלנע רינגענ פונעמ אימפּעריאליסטישנ קאמפּ צווישנ די גרעסטע מאָנאָפּאָליסטנ פאר דער צעטיילונג פונ דער וועלט.

אויכ אינעמ האנדלס=שיפנ האָט דער גיגאנטישער וווּקס פונ דער קאָנצענטראציע געבראכט צו דער צעטיילונג פונ דער וועלט. אינ דײַטשלאנד האָבנ זיכ אויסגעטיילט די צוויי גרעסטע געזעלשאפטנ: „האמבורג—אמעריקע" אונ „צאָפנ=דײַטשער לאָיד", ביידע מיט א קאפּיטאל צו 200 מיליאָנ מארק (אקציעס אונ אָבליגאציעס), מיט דאמפּ=שיפנ, וואָס זײַנענ ווערט 185—189 מיליאָנ מארק. פונ דער אנדערער זײַט, האָט זיכ אינ אמעריקע דעמ 1=טנ יאנואר 1903 יאָר אויסגעבילדעט דער אזוי=גערופענער מאָרגאנ=טרעסט, די „אינטערנאציאָנאלע קאָמפּאניע פאר יאמ=האנדל", וואָס פאראייניקט 9 אמעריקאנישע אונ ענגלישע שיפ=קאָמפּאניעס אונ וואָס האָט אינ איר רעשות א קאפּיטאל פונ 120 מיליאָנ דאָלער (480 מיליאָנ מארק). שוינ אינ 1903 יאָר איז צווישנ די דײַטשישע ריזנ מיט אָט דעמ אמעריקאניש=ענגלישנ טרעסט געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפּמאכ וועגנ צעטיילנ צווישנ זיכ די וועלט

[1] „Die Bank" 1912, 1, 1032; 1912, 2, 629; 1913, 1, 388.

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער צעטיילונג פונעם רעווער. די דײַטשישע געזעלשאַפטנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ קאָנקורענצ אינ פראַכט פונ טראַנספּאָרט צווישנ ענגלאַנד אונ אַמעריקע. ס'איז פּינקטלעכ פעסטגעשטעלט געוואָרנ, וואָס פאַר א האַפנס יעדער „ס'באַקומט", ס'איז באַשאַפנ געוואָרנ א געמײַנזאַמער קאָנטראָל-קאָמיטעט אאוו. דער אָפּמאַכ איז געשלאָסנ געוואָרנ אַפ 20 יאָר, דערבײַ האָט מענ גאַנצ פאָרזיכטיק אויסגענומענ א טנײַ, אַז אינ פאַל פונ א מילכאָמע פאַרלירט דער אָפּמאַכ זײַנ קראַפט [1].

העכסט באַלערעוודיק איז אויכ די געשיכטע, וויאַזוי ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעלסנ-קאַרטעל. דאָס ערשטע מאָל האָבנ די ענגלישע, בעלגישע אונ דײַטשישע רעלסנ-זאַוואָדנ געמאַכט א פּרווו צו גרינדנ אַזא קאַרטעל נאָכ אינ 1884 יאָר, — אינ א צײַט פונ שטאַרקסטער יערידע אינ די אינדוסטריע-געשעפטנ. מע איז אײַנגעגאַנגענ ניט צו קאָנקורירנ אַפנ אינערלעכנ מאַרק פונ די לענדער, וואָס האָבנ געשלאָסנ דעם אָפּמאַכ, אונ די אויסערלעכע מערק צו צעטיילנ צווישנ זיכ לויט דער נאָרמע: 66% — ענגלאַנד, 27% — דײַטשלאַנד אונ 7% — בעלגיע. אינדיע איז אינגאַנצנ אָפּגעגעבנ געוואָרנ צו ענגלאַנד. קעגנ איינ ענגלישער פירמע, וועלכע איז ניט צוגעשטאַנענ צום אָפּמאַכ, האָט מענ אָנגעהויבנ געמײַנזאַמ פירנ א מילכאָמע, אונ די הוצאָעס אַפ דער דאָזיקער מילכאָמע האָט מענ געדעקט דורכ א געוויסנ פּראָצענט פונ אַלעמענס פאַרקויפ-אָפּעראַציעס. נאָר אינ 1886 יאָר, ווענ פונעם דאָזיקנ פאַרבאַנד זײַנענ אַרויסגעטראָטנ צוויי ענגלישע פירמעס, איז ער צעפאַלנ געוואָרנ. כאַראַקטעריסטיש, אַז אינ די שפּעטערדיקע פעריאָדנ פונ אופשטײַג אינ דער אינדוסטריע האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו שליסנ קיינ פאַרשטענדיקונג.

אינ אָנהייב 1904 יאָר איז געגרינדעט געוואָרנ דער שטאָל-סינדיקאַט אינ דײַטשלאַנד. אינ נאָיאַבער 1904 יאָר איז באַנײַט געוואָרנ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעלסנ-קאַרטעל, לויט די נאָרמעס: ענגלאַנד—53,5%, דײַטשלאַנד—28,83%, בעלגיע — 17,67%. דערנאָכ האָט זיכ אָנגעשלאָסנ פראַנקרײַכ, מיט די נאָרמעס 4,8%, 5,8% אונ 6,4% דעמ ערשטנ, צווייטנ אונ דריטנ יאָר, איבער 100%, דה. בא דער סומע פונ 104,8% אאוו. אינ 1905 יאָר האָט זיכ אָנגעשלאָסנ דער „שטאָל-טרעסט" פונ די פאַראייניקטע שטאַטנ („די שטאָל-קאָרפּאָראַציע"), דערנאָכ עסטרײַכ אונ שפּאַניע. „אינעם געגעבענעם מאָמענט — האָט אינ 1910 יאָר געשריבנ פאָגעלשטיינ — איז די צעטיילונג פונ דער וועלט פאַרענדיקט, אונ די גרויסע געברויכער, אינ דער ערשטער ריי די מעלוכישע אײַזנבאַנענ, קאָנענ זיכ לעבנ, ווי דער פּאָעט בא יופּיטערנ אינ די הימלענ, וויבאַלד די וועלט איז שוינ צעטיילט אונ מיט זייערע אינטערעסנ האָט מענ זיכ ניט גערעכנט" [2].

מיר וועלנ נאָכ דערמאָנענ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ צינק-סינדיקאַט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ 1909 יאָר אונ וואָס האָט גענוי פאַרטיילט די גרייס פונ דער פּראָדוקציע צווישנ דרײַ גרופּעס זאַוואָדנ: דײַטשישע, בעלגישע, פראַנצויזישע, שפּאַנישע, ענגלישע; — דערנאָכ דעמ אינטערנאַציאָנאַלנ פּולווער-טרעסט, אָט דעם, ווי

---

1 ריסער, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 125.

2 „Vogelstein: „Organisationsformen, ז. 100.

ליפמאנ דריקט זיכ אויס, „פולשטענדיק מאָדערנעמ ענגנ פארבאנד צווישנ אלע דײטשישע פאבריקנ פונ אופרײס-שטאָפנ, וועלכע האָבנ דערנאָכ צוזאמענ מיט די אנאלאָגיש אָרגאניזירטע פראנצויזישע אונ אמעריקאנישע דינאמיט-פאבריקנ צעטיילט צווישנ זיכ, אזוי צו זאָגנ, די גאנצע וועלט“[1].

ליפמאנ האָט אינ 1897 יאָר אָנגעציילט ארומ אונ אנ ערעכ 40 אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ, אינ וועלכע דײטשלאנד האָט זיכ באטייליקט, אונ אינ 1910 יאָר — שוינ ארומ 100.

איינִיקע בורזשואזע שרײבער (צו זיי האָט זיכ איצט אָנגעשלאָסנ אויכ ק. קאוטסקי, וועלכער האָט אינגאנצנ פאראטנ זײנ מארקסיסטישע פאָזיציע, צ. ב., פונ 1909 יאָר) האָבנ ארויסגעזאָגט אזא מיינונג, אז די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ, וואָס זײנענ איינער פונ די סאמע רעליעפע אויסדרוקנ פונ דער אינטערנאציאָנאליזירונג פונעמ קאפיטאל, גיבנ א מעגלעכקײט צו האָפנ אפ אַ שאָלעמ צווישנ די פעלקער באמ קאפיטאליזמ. די דאָזיקע מיינונג איז טעאָרעטיש א פולשטענדיקער אבסורד, אונ פראקטיש איז עס א סאָפיזמ אונ אַ מיטל אפ א ניט ערלעכנ אויפנ צו פארטיידיקנ דעמ ערגסטנ אָפּאָרטוניזמ. די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ באווײזנ, ווי ווײט עס זײנענ איצט אויסגעוואקסנ די קאפיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס, אונ איבער וואָס עס גייט דער קאמפ צווישנ די קאפיטאליסטנ-פארבאנדנ. אָט דער דאָזיקער אומשטאנד איז דער סאמע וויכטיקער; בלויז ער מאכט אונדז קלאָר דעמ היסטאָריש-עקאָנאָמישנ זינ פונ דעמ, וואָס עס קומט פאָר, ווײל די פאָרמ פונ קאמפ קאָנ זיכ ענדערנ אונ ענדערט זיכ קעסיידער, אָפּהענגיק פונ פארשיידענע, פארהעלטניסמעסיק פריוואטע אונ צײטווײליקע, סיבעס; דער טאָכ אָבער פונעמ קאמפ, זײנ קלאסנ-אינהאלט קאָנ זיכ פּראָסט-פּאָשעט ניט ענדערנ, קאָלזמאנ עס עקזיסטירנ קלאסנ. פארשטייט זיכ, אז לעמאָשל דער דײטשישער בורזשואזיע, וואָס צו איר איז, אינ טאָכ גענומענ, אריבער אינ זײנע טעאָרעטישע בקירעס קאוטסקי (וועגנ דעמ וועלנ מיר נאָכ ריידנ שפּעטער), לוינט צו פארשמירנ דעמ אינהאלט פונעמ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קאמפ (די צעטיילונג פונ דער וועלט) אונ צו באטאָנענ אמאָל די, אמאָל יענע פאָרמ פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ. דעמ זעלביקנ פעלער באגייט קאוטסקי. אונ ריידנ רעדט זיכ, נאטירלעכ, ניט וועגנ דער דײטשישער, נאָר וועגנ דער אלוועלטלעכער בורזשואזיע. ניט מאכמעס זייער ספּעציעלער שלעכטסקײט טיילנ די קאפיטאליסטנ צווישנ זיכ די וועלט, נאָר דערפאר, ווײל די דערגרייכטע שטופע פונ קאָנצענטראציע צווינגט זיי צו שטעלנ זיכ אפ אָט דעמ וועג, קעדיי צו באקומענ רעוועכ; דערבײ טיילנ זיי די וועלט „נאָכנ קאפיטאל נאָכ“, „נאָכ דער קראפט נאָכ“ — קיינ אנדער אויפנ פונ טיילנ קאָנ ניט זײנ אינ דער סיסטעמ פונ סכוירע-פּראָדוקציע אונ קאפיטאליזמ. די קראפט ווידער ענדערט זיכ אָפּהענגיק פונ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער אנטוויקלונג; קעדיי צו פארשטיינ, וואָס דאָ קומט פאָר, דארפ מענ וויסנ, וועלכע פראגנ עס ווערנ געלייזט דורכ די ענדערונגענ פונ דער קראפט, צי זײנענ אָבער די דאָזיקע ענדערונגענ „ריינ“-עקאָנאָמישע אָדער אויסער-עקאָנאָמישע (מיליטערישע, לעמאָשל), — דאָס איז שוינ א צווייטראנגיקע פראגע, וואָס

[1] Liefmann: „Kartelle und Trusts“, 2. אי., ז. 161.

קאָנ גאָרנישט ניט ענדערנ אינ די גרונט=אָנשויונגענ אפ דער נײַסטער עפּאָכע פונעם קאפּיטאליזם. אָנשטאָט דער פראגע וועגנ א י נ ה א ל ט פונעם קאמפ אונ פונ די אָפּמאכנ צווישנ די קאפּיטאליסטנ=פארבאנדנ אונטערוקנ די פראגע וועגנ דער פאָרם פונעם קאמפ אונ פונ די אָפּמאכנ (וואָס קאָנ הײַנט פאָרקומענ אפ א פרידלעכנ אויפנ, מאָרגנ אפ א ניט=פרידלעכנ, איבערמאָרגנ — ווידער אפ א ניט=פרידלעכנ) — הייסט אראָפּלאָזנ זיכ צו דער ראָליע פונ א סאָפיסט.

די עפּאָכע פונעם נײַסטנ קאפּיטאליזם באווײַזט אונדז, אז צווישנ די קאפּיטאליסטנ=פארבאנדנ בילדנ זיכ אויס געוויסע פארהעלטענישנ א פ נ ב אָ ד נ פונעם עקאָנאָמישנ צעטיילנ די וועלט, אונ צוגלײַכ דערמיט, אינ צוזאמענהאנג דערמיט בילדנ זיכ אויס צווישנ די פּאָליטישע פארבאנדנ, צווישנ די מעלוכעס, געוויסע פארהעלטענישנ אפנ באָדנ פונ טעריטאָריעלנ צעטיילנ די וועלט, אפנ באָדנ פונ קאמפ פאר קאָלאָניעס, פונ „קאמפ פאר ווירטשאפטלעכער טעריטאָריע“.

VI. די צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די גרויסמאכטנ

אינ זײַנ בוכ וועגנ דער „טעריטאָריעלער אנטוויקלונג פונ די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס“ [1] ציט אונטער דער געאָגראפ א. סופּאנ אזא מינ קורצנ סאכאקל פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג סאָפ XIX יאָרהונדערט:

ד ע ר פ ר אָ צ ע נ ט ע ר ד־ש ע ט ע כ, װ אָ ס ג ע ה ע ר ט צ ו ד י א י י ר אָ פ י י ִ ש ע
ק אָ ל אָ נ י ִ א ל ע מ ע ל ו כ ע ס (א ר ײַ נ ג ע ר ע כ נ ט ד י פ א ר א י י נ י ק ט ע ש ט א ט נ):

	1876	1900	פארגרעסערט אפ
אינ אפריקע	10,8%	90,4%	+79,6%
„ פּאָלינעזיע	56,8%	98,9%	+42,1%
„ אזיע	51,5%	56,6%	+5,1%
„ אוסטראליע	100,0%	100,0%	—
„ אמעריקע	27,5%	27,2%	—0,3%

„דער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד — מאכט ער דעם אויספיר — איז, הייסט עס, די צעטיילונג פונ אפריקע אונ פּאָלינעזיע“. אזוי ווי אינ אזיע אונ אינ אמעריקע זײַנענ ניטאָ קיינ ניט=פארנומענע טעריטאָריעס, ד״ה. אזעלכע, וואָס זאָלנ ניט געהערנ צו קיינ איינ מעלוכע, מוז מענ סופּאנס אויספיר פארברייטערנ אונ זאָגנ, אז דער כאראקטעריסטישער שטריכ פונ דעם באטראכטנ פּעריאָד איז די ענדגילטיקע צעטיילונג פונ דער וועלט, ענדגילטיקע ניט אינ דעם זינ, אז ס׳זאָל ניט מעגלעכ זײַנ קיינ א י ב ע ר פ א ר ט י י ל ו נ ג, — פארקערט, איבערפארטיילונגענ זײַנענ מעגלעכ אונ אומפארמײַדלעכ, — נאָר אינ דעם זינ, וואָס די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט פ א ר ע נ ד י ק ט דאָס פארכאפּנ די ניט=פארנומענע טעריטאָריעס אפ אונדזער פּלאנעטע. די וועלט האָט

---

[1] A. Supan: „Die territoriale Entwicklung der europäischen Kolonien“ (א. סופּאנ: „די טעריטאָריעלע אנטוויקלונג פונ די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס“. רעד.), 1906, ז. 254.

זיכ צומ ערשטנ מאָל ארויסגעוויזנ שוינ א פארטיילטע, אזוי אז אפ ווײַטער שטײענ פאָר ב ל ו י ז איבערפארטיילונגענ, ד״ה. אנ איבערגאנג פונ אײנ „באזיצער" צו א צווייטנ אונ ניט פונ ניט האָבנ קײנ באלעבאָס צו א „באלעבאָס".

מיר לעבנ, הייסט עס, איבער אנ אייגנארטיקע עפּאָכע פונ דער אלוועלטלעכער קאָלאָניאלער פּאָליטיק, אנ עפּאָכע, וועלכע איז אפּנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיט דער „נײַסטער שטופע אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ", מיטנ פינאנצ־קאפּיטאל. דעריבער מוז מענ זיכ קוידעמקאָל אויספירלעכער אָפּשטעלנ אפ די פאקטישע אָנגאבנ, קעדיי ווי ווײַט מעגלעכ פּינקטלעכער קלאָר צו מאכנ, סײַ מיט וואָס אָט די עפּאָכע שיידט זיכ אונטער פונ די פריערדיקע, סײַ די זאכלאגע בא הײַנטיקער צײַט. דאָ קומענ אופ אינ דער ערשטער ריי צוויי פאקטישע פראגנ: צי באמערקט זיכ א פארשטארקונג פונ דער קאָלאָניאלער פּאָליטיק, א פארשארפונג פונעמ קאמפּ פאר קאָלאָניעס, דאפקע אינ דער עפּאָכע פונ פינאנצ־קאפּיטאל, אונ ווי אזוי נעמלעכ איז איצט אינ דעמ פראט צעטיילט די וועלט.

אינ זײַנ בוכ וועגנ דער געשיכטע פונ „קאָלאָניזאציע"[1] מאכט דער אמעריקאנער שרײַבער מאָריס א פּרווו צו סומירנ די ציפערנ וועגנ דער גרייס פונ ענגלאנדס, פראנקרײַכס אונ דײַטשלאנדס קאָלאָניאלע באזיצנ אינ פארשיידענע פעריאָדנ פונ XIX יאָרהונדערט. אָט זײַנענ בעקיצער די סאכאקלענ, וואָס ער האָט באקומענ:

די גרייס פונ די קאָלאָניאלע באזיצנ:

יאָרנ	ענגלאנד: דער שעטעכ (מיליאָנ קוו. מײַל)	ענגלאנד: באפעלקערונג (אינ מיליאָנענ)	פראנקרײַכ: דער שעטעכ (מיליאָנ קוו. מײַל)	פראנקרײַכ: באפעלקערונג (אינ מיליאָנענ)	דײַטשלאנד: דער שעטעכ (מיליאָנ קוו. מײַל)	דײַטשלאנד: באפעלקערונג (אינ מיליאָנענ)
1830—1815	?	126,4	0,02	0,5	—	—
1860	2,5	145,1	0,2	3,4	—	—
1880	7,7	267,9	0,7	7,5	—	—
1899	9,3	309,0	3,7	56,4	1,0	14,7

בא ענגלאנד פאלט דער פעריאָד פונ קאָלאָסאלער פארשטארקונג פונ די קאָלאָניאלע פארכאפּונגענ אויס אפ די יאָרנ 1860—1880 אונ פונ גאָר באדײַטנדיקער פארשטארקונג אפ די לעצטע 20 יאָר פונעמ XIX יאָרהונדערט. בא פראנקרײַכ אונ דײַטשלאנד — גראָד אפ אָט די 20 יאָר. אויבנ האָבנ מיר געזענ, אז דער פעריאָד פונ דער קולמינאציע־אנטוויקלונג פונעמ פארמאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאליזמ, פונעמ קאפּיטאליזמ מיט אנ איבערוואָג פונ פרײַער קאָנקורענצ, פאלט אויס אפ די 1860־ער אונ 1870־ער יאָרנ. איצט זעענ מיר, אז ג ר אָ ד נ אָ כ ד ע מ ד אָ ז י ק נ

[1] Henry C. Morris: „The history of colonization", N.-Y. (הענרי ס. מאָריס: „די געשיכטע פונ קאָלאָניזאציע", ניו־יאָרק. רעד.), 1900, ב. II, ז. 88; I, 419; II, 304.

פעריאָד הייבט זיכ אָנ א קאָלאָסאלער „אופשטײַג“ פונ די קאָלאָניאלע פארכאפונגענ, עס פארשארפט זיכ גוואלדיק דער קאמפ פאר דער טעריטאָריעלער צעטיילונג פונ דער וועלט. עס איז, אלזאָ, אויסער צווייפל דער פאקט, אז דער איבערגאנג פונעמ קאפיטאליזמ צו דער שטופע פונ מאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאליזמ, צומ פינאנצ=קאפיטאל, איז *פארבונדנ* מיט דער פארשארפונג פונעמ קאמפ פאר דער צעטיילונג פונ דער וועלט.

אינ זײַנ ווערק וועגנ אימפעריאליזמ טיילט האָבסאָנ אויס די עפאָכע פונ די יאָרנ 1884—1900, אלס עפאָכע פונ אינטענסיווער „עקספאנסיע“ (פארברייטערונג פונ דער טעריטאָריע) בא די אייראָפייִשע הויפט=מעלוכעס. לויט זײַנ כעזשבנ, האָט ענגלאנד פאר דער דאָזיקער צײַט דערוואָרבנ 3,7 מיליאָנ קוואדראט=מײַל מיט א באפעלקערונג פונ 57 מיליאָנ; פראנקרײַכ — 3,6 מיליאָנ קוואדראט=מײַל מיט א באפעלקערונג פונ 36½ מיליאָנ; דײַטשלאנד — 1,0 מיליאָנ קוואדראט=מײַל מיט א באפעלקערונג פונ 16,7 מיליאָנ; בעלגיע — 900 טויזנט קוואדראט=מײַל מיט 30 מיליאָנ; פאָרטוגאל — 800 טויזנט קוואדראט=מײַל מיט 9 מיליאָנ. די יאָגעניש פונ אלע קאפיטאליסטישע מעלוכעס נאָכ קאָלאָניעס סאָפ XIX יאָרהונדערט, באזונדערס זינט די 1880=ער יאָרנ, איז א ברייט באוווסטער פאקט אינ דער געשיכטע פונ דער דיפלאָמאטיע אונ פונ דער אויסערנ=פאָליטיק.

אינ דער עפאָכע פונ העכסטנ אויפבלי פונ דער פרײַער קאָנקורענצ אינ ענגלאנד, אינ די 1840=ער—1860=ער יאָרנ, זײַנענ די אָנפירנדיקע בורזשואזע פאָליטיקער פונ ענגלאנד געווענ *קעגנ* דער קאָלאָניאלער פאָליטיק; די באפרײַונג פונ די קאָלאָניעס, דאָס פולשטענדיקע אָפטיילנ זיכ זייערס פונ ענגלאנד האָבנ זיי געהאלטנ פאר אנ אומפארמײַדלעכער אונ נוצלעכער זאכ. אינ זײַנ ארטיקל וועגנ „נײַסטנ ענגלישנ אימפעריאליזמ“[1], דערשינענ אינ 1898 יאָר, ווײַזט אָנ מ. בער, ווי אינ 1852 יאָר האָט אזא מעלוכע=טוער פונ ענגלאנד, ווי דיזראעלי, וועלכער איז, אינ אלגעמיינ גערעדט, געווענ גענייגט צו אימפעריאליזמ, געזאָגט: „די קאָלאָניעס — דאָס זײַנענ מילשטיינער אפ אונדזער האלדז“. אונ סאָפ XIX יאָרהונדערט זײַנענ די העלדנ פונ טאָג אינ ענגלאנד געווענ סעסיל ראָדס אונ דזשאָזעפ טשעמבערלענ, וועלכע האָבנ אָפנ געפריידיקט אימפעריאליזמ אונ האָבנ אָנגעווענדט די אימפעריאליסטישע פאָליטיק מיטנ גרעסטנ ציניזמ!

ס'איז אינטערעסאנט, אז דער צוזאמענהאנג צווישנ די, אזוי צו זאָגנ, ריינ עקאָנאָמישע אונ די סאָציאל=פאָליטישע וואָרצלענ פונעמ נײַסטנ אימפעריאליזמ איז שוינ דאנ געווענ קלאָר פאר די דאָזיקע אָנפירנדיקע פאָליטיקער פונ דער ענגלישער בורזשואזיע. טשעמבערלענ האָט געפריידיקט דעמ אימפעריאליזמ אלס „עמעסע, קלוגע אונ שפאָרעוודיקע פאָליטיק“ אונ האָט באזונדערס אָנגעוויזנ אפ דער קאָנקורענצ, וואָס ענגלאנד באגעגנט איצט אפנ וועלט=מארק מיצאד דײַטשלאנד, אמעריקע, בעלגיע. די רעטונג ליגט אינ מאָנאָפאָליע, — האָבנ געטײַנעט די קאפיטאליסטנ, גרינדנדיק קארטעלנ, סינדיקאטנ, טרעסטנ. די רעטונג ליגט אינ מאָנאָפאָליע,—האָבנ

---

[1] „Die Neue Zeit“, XVI, I, 1898, S. 302.

איבערגעכאַזערט נאָכ זיי די פאָליטישע פירער פונ דער בורזשואַזיע, איילנדיק זיכ צו פארכאַפנ די נאָכ ניט צעטיילטע טיילנ פונ דער וועלט. אונ סעסיל ראָדס האָט אינ 1895 יאָר, ווי עס האָט דערציילט זיינ אינטימער פריינט, דער זשורנאַליסט סטעד, געזאָגט אימ מיקויעכ זיינע אימפעריאַליסטישע אידייענ: „איכ בינ נעכטנ געווענ אינ לאָנדאָנער איסט-ענד (אַנ ארבעטער-קווארטאַל) אונ האָב באַזוכט א פאַרזאמלונג פונ ארבעטסלאָזע. ווענ איכ האָב דאָרט אויסגעהערט די ווילדע רעדעס, וואָס זיינענ באַשטאַנענ פונ איינ געשריי: ברויט, ברויט!, האָב איכ, גייענדיק אהיימ אונ באַקלערנדיק דאָס, וואָס איכ האָב געזענ, נאָכ מער איידער פריער זיכ איבערצייגט אינ דער וויכטיקייט פונעמ אימפעריאַליזמ... דער הייליקסטער טרוימ מיינער איז — לייזנ די סאָציאַלע פראַגע, נעמלעכ: קעדיי צו ראַטעווענ די 40 מיליאָנ איינוווינער פונעמ פאַראייניקטנ קיניגרייכ, ראַטעווענ זיי פונ א מערדערישנ בירגערקריג, מוזנ מיר, קאָלאָניאַלע פאָליטיקער, פאַרנעמענ נייע טעריטאָריעס אַפ צו באַזעצנ דאָרט די איבערפליסיקע באַפעלקערונג, אַפ צו באַקומענ נייע געביטנ, וווּ אָפצוזעצנ סכוירעס, וואָס ווערנ אויסגעארבעט אינ די פאַבריקנ אונ אינ די ארצ-גרובנ. די אימפעריע — דאָס האָב איכ שטענדיק געזאָגט — איז א מאָגנ-פראַגע. אויב איר ווילט ניט קיינ בירגערקריג, מוזט איר ווערנ אימפעריאַליסטנ“ [1].

אזוי האָט אינ 1895 יאָר געטייטשט סעסיל ראָדס, א מיליאָנער, א פינאַנצ-קיניג, דער הויפט-שולדיקער אינעמ ענגליש-בורישנ קריג; זיינ פארטיידיקונג פונעמ אימפעריאַליזמ איז אָבער מער ניט ווי גראָבלעכ, ציניש, אינ טאָכ אָבער שיידט זי זיכ דאָכ ניט אונטער פונ דער „טעאָריע“ פונ די ה"ה מאַסלאָוו, זידעקומ, פאָטרעסאָוו, דאַוויד, פונעמ גרינדער פונעמ רוסישנ מאַרקסיזמ אא. אא. סעסיל ראָדס איז בלויז געווענ א ביסעלע אַנ ערלעכערער סאָציאַל-שאָוויניסט...

קעדיי צו געבנ א ווי וויים מעגלעכ גענוי בילד פונ דער טעריטאָריעלער צעטיילונג פונ דער וועלט אונ פונ די ענדערונגענ, וואָס זיינענ אינ דער הינזיכט פאָרגעקומענ די לעצטע יאָרצענדליקער, וועלנ מיר אויסנוצנ די סאַכאַקלענ, וואָס סופאַנ ברענגט אינעמ דערמאָנטנ ווערק איבער דער פראַגע וועגנ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ פונ אלע מעלוכעס פונ דער וועלט. סופאַנ נעמט די יאָרנ 1876 אונ 1900; מיר וועלנ נעמענ דאָס 1876 יאָר — א פונקט, וואָס איז אויסגעקליבנ זייער געלונגענ, וויילגראָד צו דער צייט קאָנ מענ, אינ אלגעמיינ אונ אינגאַנצנ גענומענ, האַלטנ פאַר פאַרענדיקט די אַנטוויקלונג פונעמ מיירעוו-אייראָפּיישנ קאַפיטאַליזמ אינ זיינ פאַרמאָנאָפּאָליסטישער סטאַדיע, — אונ דאָס יאָר 1914, דערביי וועלנ מיר סופאַנס ציפערנ פאַרבייטנ מיט נייערע, לויט היבנערס „געאָגראַפיש-סטאַטיסטישע טאַבעלנ“. סופאַנ נעמט נאָר די קאָלאָניעס; מיר האַלטנ פאַר נוצלעכ — קעדיי צו געבנ א פול בילד פונ דער צעטיילונג פונ דער וועלט — צוצוגעבנ קורצע ידיעס אויכ וועגנ די ניט-קאָלאָניאַלע לענדער אונ וועגנ די האַלב-קאָלאָניעס, וואָס צו זיי פארעכענענ מיר פערסיע, כינע אונ טערקיי: דאָס ערשטע פונ די דאָזיקע לענדער איז שוינ קימאַט אינגאַנצנ געוואָרנ א קאָלאָניע, דאָס צווייטע אונ דאָס דריטע האַלטנ באַמ ווערנ.

מיר באַקומענ אַזעלכע סאַכאַקלענ:

---

[1] „Die Neue Zeit“, 1, XVI, 1898, ז. 304.

די קאָלאָניאַלע באַזיצנ פונ די גרויסמאַכטנ:
(מיליאָנען קוו.-קילאָמעטער און מיליאָנען אײַנוווינער)

	קאָלאָניעס				מעטראָפּאָליעס		סאַכאַקל	
	1876		1914		1914		1914	
	קוו. קלמ.	אײַנוו.	קוו. קלמ.	אײַנוו.	קוו. קלמ.	אײַנוו.	קוו. קלמ.	אײַנוו.
ענגלאַנד	22,5	251,9	33,5	393,5	0,3	46,5	33,8	440,0
רוסלאַנד	17,0	15,9	17,4	33,2	5,4	136,2	22,8	169,4
פראַנקרײַכ	0,9	6,0	10,6	55,5	0,5	39,6	11,1	95,1
דײַטשלאַנד	—	—	2,9	12,3	0,5	64,9	3,4	77,2
פאַראייניקטע שטאַטנ	—	—	0,3	9,7	9,4	97,0	9,7	106,7
יאַפּאָניע	—	—	0,3	19,2	0,4	53,0	0,7	72,2
אינאיינעמ 6 גרויסמאַכטנ	40,4	273,8	65,0	523,4	16,5	437,2	81,5	960,6
די קאָלאָניעס פונ די איבעריקע מעלוכעס (בעלגיע, האָלאַנד אאַ.)							9,9	45,3
האַלב-קאָלאָניעס (פּערסיע, כינע, טערקײַ)							14,5	361,2
די איבעריקע לענדער							28,0	289,9
די גאַנצע ערד							133,9	1.657,0

מיר זעען דאָ אָנשוילעכ, ווי אַפ דער גרענעצ פונעמ XIX און XX יה. איז „פאַרענדיקט געוואָרנ“ די צעטיילונג פונ דער וועלט. די קאָלאָניאַלע באַזיצנ זײַנענ נאָכנ 1876 יאָר קאָלאָסאַל פאַרברייטערט געוואָרנ: מער ווי אינ אָנדערהאַלבנ מאָל, פונ 40 מיליאָנ קוואַדראַט-קילאָמעטער ביז 65 בא די זעקס גרעסטע מעלוכעס; דער צוּוואַקס באַטרעפט 25 מיליאָנ קוואַדראַט-קילאָמעטער — אינ אָנדערהאַלבנ מאָל מער פונעמ שעטעכ פונ די מעטראָפּאָליעס (16½ מיליאָנ). דרײַ מעלוכעס האָבנ אינ 1876 יאָר ניט געהאַט קיינ שומ קאָלאָניעס, און די פערטע, פראַנקרײַכ, האָט זיי קימאַט ווי ניט געהאַט. צומ 1914 יאָר האָבנ די דאָזיקע פיר מעלוכעס דערוואָרבנ קאָלאָניעס מיט א שעטעכ פונ 14,1 מיליאָנ קוו.-קילאָמעטער, דה. אַנ ערעכ אינ אָנדערהאַלבנ מאָל מער פונעמ שעטעכ פונ אייראָפּע, מיט א באַפעלקערונג פונ קימאַט 100 מיליאָנ. די ניט-גלײַכמעסיקײַט אינ דער פאַרברייטערונג פונ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ איז זייער גרויס. אויב מע זאָל פאַרגלײַכנ, לעמאָשל, פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד און יאַפּאָניע, וואָס שיידנ זיכ ניט שטאַרק אונטער איינס פונעמ אַנדערנ לויט דער גרייס פונעמ שעטעכ און לויט דער צאָל באַפעלקערונג, וועט זיכ אַרויסווײַזנ, אַז דאָס ערשטע פונ אָט די לענדער האָט דערוואָרבנ קימאַט דרײַ מאָל אַזויפיל קאָלאָניעס (לויטנ שעטעכ), ווי דאָס צווייטע מיטנ דריטנ אינאיינעמ. לויט דער גרייס אָבער פונעמ פינאַנצ-קאַפּיטאַל איז פראַנקרײַכ אינ אָנהייב פונעמ באַטראַכטנ פעריאָד אויכ געווענ עפּשער אינ עטלעכע מאָל רײַכער פונ דײַטשלאַנד מיט יאַפּאָניע אינאיינעמ. אויסער די ריינ עקאָנאָמישע באַדינגונגענ, און אַפ דער באַזע פונ די דאָזיקע באַדינ-

גונגענ, ווירקנ אפ דער גרייס פונ די קאָלאָניאַלע באַזיצנ די געאָגראַפישע אאַ. באַדינגונגענ. ווי שטאַרק עס איז אינ משך פונ די לעצטע יאָרצענדליקער ניט געגאַנגענ די ניוועלירונג פונ דער וועלט, די אויסגלייכונג פונ די ווירטשאַפט־באַדינגונגענ אונ פונ די לעבנס־באַדינגונגענ אינ פאַרשיידענע לענדער אונטערנ דרוק פונ דער גרויס־אינדוסטריע, פונעמ אויסטויש אונ פונעמ פינאַנצ־קאַפיטאַל, פאַרבלייבט נאָכ פונדעסטוועגנ צווישנ זיי ניט קיינ קליינער כילעק, אונ צווישנ די אָנגערופענע זעקס לענדער זעענ מיר, פונ איינ זייט, יונגע קאַפיטאַליסטישע לענדער, וואָס האָבנ אויסערגעוויינלעכ גיכ פראָגרעסירט (אַמעריקע, דייטשלאַנד אונ יאַפּאָניע); פונ דער אַנדערער זייט — לענדער פונ דער אַלטער קאַפיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָבנ די לעצטע צייט פראָגרעסירט א סאַכ לאַנגזאַמער, איידער די פריערדיקע (פראַנקרייכ אונ ענגלאַנד); פונ דער דריטער זייט — א לאַנד, וואָס איז אַמערסטנ אָפּגעשטאַנענ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט (רוסלאַנד), ווו דער נייסטער קאַפיטאַליסטישער אימפּעריאַליזמ איז, אַזוי צו זאָגנ, אַרומגעפלאָכטנ מיט א באַזונדערס געדיכטער נעצ פונ פאַרקאַפיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ.

באַנאַנד מיט די קאָלאָניאַלע באַזיצנ פונ די גרויסמאַכטנ האָבנ מיר אוועקגעשטעלט די קליינע קאָלאָניעס פונ די קליינע מעלוכעס, וועלכע זיינענ, אַזוי צו זאָגנ, דער נאָענטסטער אָביעקט פאַר דער מעגלעכער אונ וואַרשיינלעכער „איבערפאַרטיילונג" פונ די קאָלאָניעס. די דאָזיקע קליינע מעלוכעס האַלטנ אײַנ זייערע קאָלאָניעס מערסטנטייל נאָר אַדאַנק דעמ, וואָס צווישנ די גרויסמאַכטנ זיינענ פאַראַנ קעגנזײַטיקע אינטערעסנ, רייבונגענ אאַוו., וועלכע שטערנ זיי צונויפצורעדנ זיכ וועגנ צעטיילנ דעמ רויב. וואָס אָנבאַלאַנגט די „האַלב־קאָלאָניאַלע" מעלוכעס, גיבנ זיי א מוסטער פונ יענע איבערגאַנגס־פאָרמענ, וואָס מע קאָנ טרעפנ אפ אַלע געביטנ פונ דער נאַטור אונ פונ דער געזעלשאַפט. דער פינאַנצ־קאַפיטאַל איז אַזאַ גרויסע, מע קאָנ זאָגנ, אַנטשיידנדיקע קראַפט אינ אַלע עקאָנאָמישע אונ אינ אַלע צווישנפעלקערלעכע פאַרהעלטענישנ, אַז ער איז אימשטאַנד צו אונטערטעניקנ אונ אונטערטעניקט ווירקלעכ אַפילע אַזעלכע מעלוכעס, וואָס זיינענ פאָליטיש פולשטענדיק אומאָפּהענגיק; מיר וועלנ באַלד זענ אַזעלכע בײַשפּילנ. די גרעסטע „באַקוועמלעכקייטנ" אונ די גרעסטע נוצנ ברענגט אָבער, פאַרשטייט זיכ, דעמ פינאַנצ־קאַפיטאַל אַזאַ אונטערטעניקונג, וועגנ די אונטערטעניקטע לענדער אונ פעלקער פאַרלירנ זייער פאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. די האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער זיינענ טיפיש, אַלס „מיטנ" אינ דעמ פראַט. ס'איז פאַרשטענדלעכ, אַז דער קאַמפ פאַר אָט די האַלב־אָפּהענגיקע לענדער האָט זיכ באַזונדערס געמוזט פאַרשאַרפנ אינ דער עפּאָכע פונעמ פינאַנצ־קאַפיטאַל, ווענ די איבעריקע וועלט איז שוינ געווענ צעטיילט.

קאָלאָניאַלע פאָליטיק אונ אימפּעריאַליזמ האָבנ עקזיסטירט אויכ ביז דער נייסטער שטופע פונעמ קאַפיטאַליזמ אונ אַפילע ביזנ קאַפיטאַליזמ. רוימ, וואָס איז געווענ באַזירט אפ שקלאַפערײַ, האָט געפירט א קאָלאָניאַלע פאָליטיק אונ איז געווענ אימפּעריאַליסטיש. די „אַלגעמיינע" בקירעס אָבער וועגנ אימפּעריאַליזמ, וואָס פאַרגעסנ אָדער רוקנ אָפּ אינ הינטערגרונט דעמ ראַדיקאַלנ אונטערשייד צווישנ די געזעלשאַפטלעכ־עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס, פאַרוואַנדלענ זיכ אומפאַרמײַדלעכ אינ ביזנ גאָר פוסטע באַנאַליטעטנ אָדער באַרימערײַ, ווי, אַשטייגער, דער פאַרגלײַכ צווישנ

„דעם גרויסן רוים מיט דער גרויסער בריטאניע"[1]. אפילו די קאפּיטאליסטישע קאָלאָניאלע פּאָליטיק פון די פריערדיקע סטאדיעס פונעם קאפּיטאליזם שיידט זיך וועזנטלעך אונטער פון דער קאָלאָניאלער פּאָליטיק פונעם פינאנץ־קאפּיטאל.

די גרונט־אייגנשאפט פונעם נייסטן קאפּיטאליזם איז די הערשאפט פון מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדן פון די גרעסטע אונטערנעמער. אזעלכע מאָנאָפּאָליעס זיינען פעסטער פאר אלץ דאן, ווען אין איינע הענט ווערן פארכאפּט אלע קוואלן פון רוי־מאטעריאלן, און מיר האָבן געזען, מיט וואָס פאר א פלייס די אינטערנאציאָנאלע קאפּיטאליסטן־פארבאנדן ווענדן אָן זייערע קוילעס, קעדיי ארויסצורייסן באם קעגנער יעדע מעגלעכקייט פון קאָנקורענץ, קעדיי אויפצוקויפן, למשל, די ערד־פלעצער, וואָס זיינען רייך מיט אייזנארץ, אָדער די נאפט־קוואלן אדג. בלויז דאָס באזיצן קאָלאָניעס גיט א פולשטענדיקע גאראנטיע פאר דעם דערפאָלג פון דער מאָנאָפּאָליע קעגן אלערליי צופעליקייטן אינעם קאמף מיטן קעגנער, — אפילו ביז אזא צופעליקייט, ווען דער קעגנער וואָלט זיך געוואָלט פארטיידיקן מיט א געזעץ וועגן מעלוכע־מאָנאָפּאָליע. וואָס העכער עס שטייט די אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם, וואָס שטארקער עס פילט זיך דער מאנגל אין רויוואַרג, וואָס שארפער עס איז די קאָנקורענץ און די יאָגעניש נאָך רויוואַרג־קוואלן אין דער גאנצער וועלט, אלץ פארצווייפלטער איז דער קאמף פארן דעראָבערן קאָלאָניעס.

„מע קאָן ארויסשטעלן אזא באהויפּטונג, — שרייבט שילדער, — וואָס אייניקע וועלן זי, עפּשער, האלטן פאר א פּאראדאָקסאלער, נעמלעך: אז דער וווּקס פון דער שטאָטישער און אינדוסטריעלער באפעלקערונג וועט אין דער מער אָדער ווייניקער נאָענטער צוקונפט א סאך גיכער זיך אָנשטויסן אפּ א מאנגל אין רויוואַרג פאר דער אינדוסטריע, איידער אפּ א מאנגל אין דערנערונגס־פּראָדוקטן". עס ווערט, למשל, אלץ שארפער דער מאנגל אין געהילץ, וואָס ווערט אלץ טייערער, — אין פעל, — אין רויש־וואַרג פאר דער טעקסטיל־אינדוסטריע. „די פארבאנדן פון אינדוסטריעלער פּרוּוון זיך שאפן א גלייכגעוויכט צווישן דער לאנדווירטשאפט מיט דער אינדוסטריע אין די ראמען פון דער גאנצער וועלט־ווירטשאפט; אלס ביישפּיל קאָן מען אָנרופן דעם אינטערנאציאָנאלן פארבאנד פון די פארבאנדן פון באוולשפּינערײ־פאבריקאנטן אין עטלעכע וויכטיקסטע אינדוסטריעלע מעלוכעס, וואָס עקזיסטירט פון 1904 יאָר; דערנאָך דעם פארבאנד פון די אייראָפּיישע פארבאנדן ליינשפּינער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן לויטן זעלבן מוסטער אין 1910 יאָר"[2].

פארשטייט זיך, אז די בורזשואזע רעפאָרמיסטן און צווישן זיי באזונדערס די איצטיקע קאוטסקיאנער פּרוּוון זיך אָפּשוואכן די באדייטונג פון אזעלכע פאקטן דער־מיט, וואָס זיי ווייזן אָן, אז רויוואַרג „וואָלט מען געקאָנט" באקומען אפּן פרייען מארק אָן דער „טייערער און געפערלעכער" קאָלאָניאלער פּאָליטיק, אז „מע וואָלט געקאָנט" קאָלאָסאל פארגרעסערן דעם אָנבאָט פון רויוואַרג דורכן „פּאָשעטן" פאר־

[1] C. P. Lucas: „Greater Rome and Greater Britain Oxf.", 1912 (ק. פּ. לוקאס; „דער גרויסער רוים און די גרויסע בריטאניע", אָקספאָרד, 1912 רעד.) אָדער Earl of Cromer: „Ancient and modern imperialism" (קראָמער: „דער אנטיקער און דער מאָדערנער אימפּעריאליזם". רעד.), לאָנדאָן 1910.

[2] Schilder, דאָס דערמאָנטע ווערק, ז. 38—42.

בעסערנ די באַדינגונגענ פונ דער לאַנדווירטשאַפט ביכלאַל. אַזעלכע אָנווײַזונגענ פאַרוואַנדלענ זיכ אָבער אינ אַפּאָלאָגעטיק פונעמ אימפּעריאַליזמ, אינ פּרוּוו צוצופּוצנ אימ, ווײַל זיי זײַנענ באַזירט אפנ פאַרגעסנ די הויפּט=אייגנשאַפט פונעמ נײַסטנ קאַפּיטאַליזמ: די מאָנאָפּאָליעס. דער פרײַער מאַרק ווערט אַלצ מער א זאַכ פונ דער פאַרגאַנגענהײַט, די מאָנאָפּאָליסטישע סינדיקאַטנ און טרעסטנ פאַרשמעלערנ אימ מיט יעדנ טאָג, און דאָס „פּאָשעטע" פאַרבעסערנ די באַדינגונגענ פונ דער לאַנדווירטשאַפט באַטײַט דאָכ א פאַרבעסערונג אינ דער לאַגע פונ די מאַסנ, א העכערונג פונעמ ארבעטסלוינ און פאַרקלענערונג פונעמ רעווחנ. איז ווו זשע, אכוצ אינ דער פאַנטאַזיע פונ די לאַקריצ=זיסע רעפאָרמיסטנ, זײַנענ עס פאַראַנ טרעסטנ, וואָס זאָלנ אָנשטאָט אײַנצונעמענ קאָלאָניעס פייִק זײַנ צו זאָרגנ וועגנ דער לאַגע פונ די מאַסנ?

פאַרנ פינאַנצ=קאַפּיטאַל האָבנ א באַדײַטונג ניט נאָר די שוינ אַנטדעקטע קוואַלנ פונ רויוואַרג, נאָר אויכ די מעגלעכע קוואַלנ, וואָרעמ די טעכניק אַנטוויקלט זיכ הײַנטיקע צײַטנ מיט אַנ אומגעהייערער שנעלקײַט, און ערד=פלעצער, וואָס טויגנ ניט הײַנט, קאָנענ געמאַכט ווערנ פאַר טויגבאַר מאָרגנ, אויב עס וועלנ אויסגעפונענ ווערנ נײַע מעטאָדנ (און א גרויסער באַנק קאָנ צוליב דעמ צוועק אויסריכטנ א ספּעציעלע עקספּעדיציע פונ אינזשעניערנ, אַגראָנאָמענ אאַוו.), אויב עס וועט פאַרווענדט ווערנ א גרויסער קאַפּיטאַל. דאָס אייגענע איז אויכ מיט אויסגעפינענ מינעראַל=רײַכטימער, מיט נײַע מעטאָדנ פונ באַאַרבעטנ און אוטיליזירנ די אָדער יענע רוי=מאַטעריאַלנ אאַוו. אדג. פונדאַנענ נעמט זיכ די אומפאַרמײַדלעכע שטרעבונג פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל צו פאַרברייטערנ די ווירטשאַפטלעכע טעריטאָריע און אפילו די טעריטאָריע ביכלאַל. פונקט ווי די טרעסטנ ביימ זיי קאַפּיטאַליזירנ זייער פאַרמעגנ שאַצנ זיי אימ אינ צוויי אָדער אינ דרײַ מאָל אַזויפיל, ווײַל זיי דיסקאָנטירנ די „מעגלעכע" רעוואָכימ אינ דער צוקונפט (און ניט די איצטיקע), זיי דיסקאָנטירנ די ווײַטערדיקע רעזולטאַטנ פונ דער מאָנאָפּאָליע, — פונקט אַזוי שטרעבט אויכ דער פינאַנצ=קאַפּיטאַל ביכלאַל צו פאַרכאַפּנ וואָס מער ערד, וואָסערע=ניט=איז, ווו=ניט=איז, ווי=ניט=איז, ווײַל ער דיסקאָנטירט די מעגלעכע קוואַלנ פונ רויוואַרג, ער האָט מוירע צו בלײַבנ הינטערשטעליק אינעמ ווילדנ קאַמפּ פאַר די לעצטע באַלאָקימ נאָכ ניט צעטיילטער וועלט אָדער פאַר איבערפאַרטיילנ די באַלאָקימ, וואָס זײַנענ שוינ צעטיילט.

די ענגלישע קאַפּיטאַליסטנ סטאַרענ זיכ מיט אַלע מיטלענ צו אַנטוויקלענ די פּראָדוקציע פונ בוימוואָל אינ ז י י ע ר קאָלאָניע, אינ עגיפּטנ, — אינ 1904 יאָר איז שוינ אינ עגיפּטנ פונ די 2,3 מיליאָנ העקטאַר קולטור=ערד 0,6 מיליאָנ, דה. העכער א פערטל, געווענ פאַרזייט מיט בוימוואָל, — די רוסישע אינ ז י י ע ר קאָלאָניע, אינ טורקעסטאַנ, ווײַל אַזוי איז זיי גרינגער בײַצוקומענ זייערע אויסלענדישע קאָנקורענטנ, זיי קאָנענ גרינגער קומענ צומ מאָנאָפּאָליזירנ די קוואַלנ פונ רויוואַרג, צומ שאַפנ א מער שפּאָרעוודיקנ און מער רענטאַבעלנ טעקסטיל=טרעסט מיט א „קאָמבינירטער" פּראָדוקציע, ווו אַ ל ע סטאַדיעס פונ פּראָדוצירנ און באַאַרבעטנ דעמ בוימוואָל וועלנ זײַנ קאָנצענטרירט אינ איינ האַנט.

די אינטערעסנ פונ קאַפּיטאַל=עקספּאָרט שטויסנ אויכ צומ דעראָבערנ קאָלאָניעס,

ווײַל אפנ קאָלאָניאַלנ מארק איז גרינגער (אונ אמאָל איז נאָר דאָרטנ מאָקע מעגלעכ) צו באזײַטיקנ אפ א מאָנאָפּאָליסטישנ אויפנ דעמ קאָנקורענט, זיכערנ פאר זיכ די ליפערונג, פארפעסטיקנ די געהעריקע „פארבינדונגענ“ אאוו.

דער אויסער-עקאָנאָמישער אויבערבוי, וואָס וואַקסט אויס אפנ באָדנ פונ פינאנצ-קאפּיטאל, זײַנ פּאָליטיק, זײַנ אידעאָלאָגיע פארשטארקנ די שטרעבונג צו קאָלאָניאַלע דעראָבערונגענ. „דער פינאנצ-קאפּיטאל וויל ניט קיינ פרײַהײַט, נאָר הערשאפט“, — זאָגט מיט רעכט הילפערדינג. אונ איינער א בורזשואזער פראנצויזישער שרײַבער, גלײַכ ווי ער וואָלט אנטוויקלענ אונ דערגאנצנ סעסיל ראָדס' [1] אויבנ געבראכטע געדאנקענ, שרײַבט, אז צו די עקאָנאָמישע סיבעס פונ דער איצטיקער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק דארפ מענ נאָכ צוגעבנ סאָציאַלע סיבעס: „מאכמעס דער וואקסנדיקער קאָמפּליצירטקײַט פונעמ לעבנ אונ די שוועריקײַטנ, וואָס דריקנ ניט נאָר אפ די ארבעטער-מאסנ, נאָר אויכ אפ די מיטל-קלאסנ, קלײַבנ זיכ אָנ אינ אלע לענדער פונ דער אלטער ציוויליזאציע „אומגעדולד, אופרעגונג, האס, וואָס שטעלנ אינ געפאר די געזעלשאפטלעכע רויִקײַט; די ענערגיע, וואָס ווערט ארויסגעשלאָגנ פונ א באשטימטער קלאסנ-קאָליע, מוז מענ ערגעצ אָנווענדנ, געבנ איר וואָס צו טאָנ אויסערנ לאנד, קעדיי עס זאָל ניט פאָרקומענ קיינ אופרײַס אינווייניק“““ [2].

וויבאלד ס'האנדלט זיכ וועגנ דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק אינ דער עפּאָכע פונ קאפּיטאליסטישנ אימפעריאַליזמ, מוז מענ פארצייכענענ, אז דער פינאנצ-קאפּיטאל אונ די אימ אנטשפרעכיקע צווישנפעלקערלעכע פּאָליטיק, וואָס באשטייט סאָפּקאָלסאָפּ אינעמ קאמפּ צווישנ די גרויסמאכטנ פאר דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער צעטיילונג פונ דער וועלט, שאפנ א גאנצע ריי **איבערגאנס**-פאָרמענ פונ מעלוכישער אָפּהענגיקײַט. טיפּיש פאר דער דאָזיקער עפּאָכע זײַנענ ניט נאָר די צוויי גרונט-גרופּעס לענדער: אזוינע, וואָס האָבנ קאָלאָניעס, אונ אזוינע, וואָס זײַנענ קאָלאָניעס, נאָר אויכ די פארשיידנארטיקע פאָרמענ אָפּהענגיקע לענדער, וואָס זײַנענ פּאָליטיש, פאָרמעל זעלבשטענדיק, אָבער פאקטיש זײַנענ זיי פארפּלאָנטערט אינ א נעצ פונ פינאנציעלער אונ דיפּלאָמאטישער אָפּהענגיקײַט. איינע פונ די פאָרמענ — האלב-קאָלאָניעס — האָבנ מיר שוינ אָנגעוויזנ אויבנ. א מוסטער פונ דער צווייטער פאָרמ איז, לעמאָשל, ארגענטינע.

„דאָרעמ-אמעריקע, אונ באזונדערס ארגענטינע, — שרײַבט שולצע-געווערניצ אינ זײַנ ווערק וועגנ דעמ בריטישנ אימפעריאַליזמ, — איז פינאנציעל אזוי אָפּהענגיק פונ לאָנדאָנ, אז מע דארפ זי קימאט אָנרופנ ענגלישע האנדלס-קאָלאָניע“ [1].

1 זע אינעמ דאָזיקנ באנד, ז. 402. ר ע ד.

2 Wahl: „La France aux colonies“ (וואַל: „פראנקרײַך אינ קאָלאָניעס“. ר ע ד.), ציטירט בא P. Henri Russier: „Le partage de L'Océanie„ (אנרי רוסיע: „די צעטיילונג פונ אָקעאַניע“. פאריזש. ר ע ד.), 1905, ז. 165.

3 Shulze-Gaevernitz: „Britischer Imperialismus und englischer Freihandel zu Beginn des 20-ten jahrhunderts“ (שולצע-געווערניצ: „דער בריטישער אימפעריאַליזמ אונ די ענגלישע האנדלס-פרײַהײַט אינ אָנהייב פונ 20-טנ יאָרהונדערט“. ר ע ד.), לײַפּציק, 1906, ז. 318. דאָס זעלבע זאָגט Sartorius v. Waltershausen: „Das vokswirtschaftliche System der Kapitalanlage im Auslande“, Berlin (סאַרטאָריוס פאָנ-וואַלטערסהאוזענ: „די פאָלקסווירטשאַפטלעכע סיסטעמ פונ קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס אינ אויסלאַנד“, בערלינ. - ר ע ד.), 1907, ז. 46.

די קאפיטאלנ, וואָס ענגלאנד האָט אינוועסטירט אינ ארגענטינע, האָט שילדער געשאצט, לויט די מיטיילונגענ פונעמ עסטרײַכ־אונגארישנ קאָנסול אינ בוענאָס־אײַרעס פארנ 1909 יאָר, אינ א סומע פונ $8\frac{3}{4}$ מיליארד פראנק. ס׳איז ניט שווער זיכ פאָרצושטעלנ, וואָס פאר א פעסטע פארבינדונגענ ס׳באקומט אדאנק דעמ דער פינאנצ־קאפיטאל — אונ זײַנ טרײַער „פרײַנט", די דיפלאָמאטיע — פונ ענגלאנד מיט דער בורזשואזיע פונ ארגענטינע, מיט די אָנפירנדיקע קרײַזנ פונ איר גאנצנ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ לעבנ.

עטוואָס אנ אנדער פאָרמ פונ פינאנציעלער אונ דיפלאָמאטישער אָפהענגיקײַט, בא פאָליטישער אומאָפהענגיקײַט, באווײַזט אונדז דער בײַשפיל פונ פאָרטוגאל. פאָרטוגאל איז א זעלבשטענדיקע, סווערענע מעלוכע, פאקטיש אָבער געפינט זיכ פאָרטוגאל אינ מעשעכ פונ העכער 200 יאָר, זינט דער מילכאָמע פאר דער שפאנישער יערושע (1714—1700), אונטערנ פראָטעקטאָראט פונ ענגלאנד. קעדיי צו פארפעסטיקנ זײַנ פאָזיציע אינעמ קאמפ מיט זײַנע קעגנער, מיט שפאניע אונ פראנקרײַכ, האָט ענגלאנד פארטיידיקט פאָרטוגאל אונ די פאָרטוגאלישע קאָלאָניאלע באזיצנ. ענגלאנד פלעגט דערפאר באקומענ האנדלס־פריווילעגיעס, בעסערע באדינגונגענ פארנ עקספאָרט פונ סכוירעס אונ באזונדערס פארנ עקספאָרט פונ קאפיטאל קיינ פאָרטוגאל אונ אינ די פאָרטוגאלישע קאָלאָניעס, א מעגלעכקײַט אויסצונוצנ די פאָרטוגאלישע האפנס אונ אינדזלענ, זײַנע קאבעלנ אדג. אאוו.[1] באציִונגענ פונ אזא מינ צווישנ איינצלנע גרויסע אונ קליינע מעלוכעס זײַנענ אלעמאָל געווענ, אָבער אינ דער עפּאָכע פונ קאפיטאליסטישנ אימפעריאליזמ ווערנ זיי אנ אלגעמיינע סיסטעמ, זיי גייענ ארײַנ אלס טייל אינעמ סכומ פארהעלטענישנ פונ „צעטיילנ די וועלט", זיי ווערנ פארוואנדלט אינ רינגענ פונ די אָפעראציעס פונעמ אלוועלטלעכנ פינאנצ־קאפיטאל.

קעדיי צו פארענדיקנ מיט דער פראגע וועגנ דער צעטיילונג פונ דער וועלט, מוזנ מיר נאָכ פארצייכענענ אָט וואָס. ניט נאָר די אמעריקאנישע ליטעראטור נאָכנ שפאניש־אמעריקאנישנ קריג אונ די ענגלישע נאָכנ ענגליש־בורישנ קריג האָבנ גאנצ אָפנ אונ קלאָר געשטעלט די דאָזיקע פראגע צומ סאמע סאָפ פונעמ XIX אונ אינ אָנהייב פונעמ XX יה., ניט נאָר די דײַטשישע ליטעראטור, וואָס האָט „מיט דער גרעסטער אייפערדיקײַט נאָכגעשפירט נאָכנ „בריטישנ אימפעריאליזמ", פלעגט סיסטעמאטיש אָפשאצנ דעמ דאָזיקנ פאקט. אויכ אינ דער פראנצויזישער בורזשואזער ליטעראטור איז די פראגע אוועקגעשטעלט געוואָרנ גאנצ קלאָר אונ ברייט, אפ וויפל דאָס איז מעגלעכ פונ בורזשואזנ שטאנדפונקט. מיר וועלנ זיכ פארופנ אפנ היסטאָריקער דריִאָ, וועלכער האָט אינ זײַנ בוכ: „פאָליטישע אונ סאָציאלע פראָבלעמענ צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט", אינעמ קאפיטל וועגנ „די גרויסמאכטנ אונ דער צעטיילונג פונ דער וועלט" געשריבנ אזוי: „אינ מעשעכ פונ די לעצטע יאָרנ זײַנענ אלע פרײַע פלעצער אפ דער ערד, אכוץ כינע, פארנומענ געוואָרנ דורכ די מעלוכעס פונ אייראָפע אונ פונ צאָפנ־אמעריקע. אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ זײַנענ שוינ פאָרגעקומענ עטלעכע קאָנפליקטנ אונ איבערפארטיילונגענ פונ די אײַנפלוסנ, וואָס דאָס איז אנ

[1] שילדער, דאָס דערמאָנטע ווערק, ב. I, ז. 160—161.

אָנזאָג אַפ מער שרעקלעכע אופרײַסן אין דער נאָענטער צוקונפט. וואָרעם מע מוז זיך אײַלן: די נאַציעס, וואָס האָבן זיך ניט באַזאָרגט, שטייען פאַר דער געפאַר, אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט באַקומען פאַר זיך קיין ביילעק און ניט באַטייליקן זיך אין יענער ריזיקער עקספּלואַטאַציע פון דער וועלט, וואָס וועט זײַן איינער פון די וועזנטלעכסטע פאַקטן אין דעם קומענדיקן (ד.ה. XX) יאָרהונדערט. אָט פאַרוואָס גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע געפינען זיך די לעצטע צײַט אין אַ פיבער פון קאָלאָניאַלע פאַרברייטערונגען, פון „אימפּעריאַליזם", וואָס איז דער סאַמע מערקווירדיקסטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונעם סאָף XIX יאָרהונדערט". און דער אַווטאָר האָט צוגעגעבן: „בײַ דער דאָזיקער צעטיילונג פון דער וועלט, אין דער דאָזיקער ווילדער יאָגעניש נאָך אויצרעס און נאָך גרויסע מערק פון דער וועלט אַנטשפּרעכט די רעלאַטיווע קראַפט פון די אימפּעריעס, וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין דעם דאָזיקן, XIX, יאָרהונדערט, אַבסאָלוט ניט דעם אָרט, וועלכן עס פאַרנעמען אין אייראָפּע די נאַציעס, וואָס האָבן זיי געגרינדעט. די מעלוכעס, וואָס דאָמינירן אין אייראָפּע, וואָס אין זייערע הענט געפינט זיך איר גוירל, זײַנען ניט צוגלײַך אויך די דאָמינירנדיקע אין דער גאַנצער וועלט. און אַזוי ווי די קאָלאָניאַלע מעכטיקײַט, די האָפענונג צו באַזיצן נאָך ניט קיין דיסקאָנטירטע רײַכטימער, וועט אָפּאָנעם האָבן איר צוריק-ווירקונג אַפ דער רעלאַטיווער קראַפט פון די אייראָפּײִשע מעלוכעס, וועט מאַכמעס דעם די קאָלאָניאַלע פראַגע — „דער אימפּעריאַליזם", אויב איר ווילט, — וואָס האָט שוין געענדערט די פּאָליטישע באַדינגונגען אין אייראָפּע גופע, ענדערן זיי אַלץ מער און מער"[1].

VII. דער אימפּעריאַליזם אַלס באַזונדערע סטאַדיע פונעם קאַפּיטאַליזם

איצט דאַרפן מיר פּרוּוון אונטערציִען געוויסע סאַכאַקלען, סומירן אַלץ, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אימפּעריאַליזם. דער אימפּעריאַליזם איז אויסגעוואַקסן אַלס אַנטוויקלונג און דירעקטע פאָרזעצונג פון די גרונט-אייגנשאַפטן פונעם קאַפּיטאַליזם ביכלאַל. דער קאַפּיטאַליזם איז אָבער געוואָרן אַ קאַפּיטאַליסטישער אימפּעריאַליזם ערשט אַפ אַ באַשטימטער, זייער הויכער שטופע פון זײַן אַנטוויקלונג, ווען אייניקע גרונט-אייגנשאַפטן פונעם קאַפּיטאַליזם האָבן גענומען פאַרוואַנדלט ווערן אין זייער קעגנזאַץ, ווען אומעטום האָבן זיך אויסגעבילדעט און אַנטפּלעקט שטריכן פון דער איבערגאַנגס-עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם צו אַ העכערער געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישער סטרוקטור. דאָס עקאָנאָמיש וועזנטלעכסטע אין דעם דאָזיקן פּראָצעס איז דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פרײַע קאָנקורענץ ווערט פאַרביטן דורך קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס. פרײַע קאָנקורענץ איז די גרונט-אייגנשאַפט פונעם קאַפּיטאַליזם און פון דער סכוירע-פּראָדוקציע ביכלאַל; מאָנאָפּאָליע איז אַ דירעקטער קעגנזאַץ פון פרײַער קאָנקורענץ, פאַר אונדזערע אויגן אָבער האָט

[1] J.-E. Driault: „Problèmes politiques et sociaux" (זש.-ע. דריאָ: „פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען". ר ע ד.), פּאַריזש, 1907, ז. 299.

זיכ די פרײַע קאָנקורענצ אָנגעהויבנ פארוואנדלענ אינ א מאָנאָפאָליע, שאפנדיק די גרויס-פּראָדוקציע, ארויסשטויסנדיק די קליינ-פּראָדוקציע, פארבײַטנדיק די גרויס-פּראָדוקציע אפ גאָר א גרויסער, דערפירנדיק די קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע אונ פונעמ קאפיטאל אזוי ווײַט, אז פונ איר האָט גענומענ אויסוואקסנ אונ ס'וואקסט אויס די מאָנאָפאָליע: די קארטעלנ, סינדיקאטנ, טרעסטנ, דער מיט זיי זיכ צונויפגיסנדיקער קאפיטאל פונ א וועלכנ צענדליק בענק, וואָס אָפערירנ מיט מיליארדנ. אונ אינ דער זעלביקער צײַט, ארויסוואקסנדיק פונ דער פרײַער קאָנקורענצ, באזײַטיקנ ניט די מאָנאָפאָליעס די פרײַע קאָנקורענצ, נאָר זיי עקזיסטירנ איבער איר אונ זײַט-בא-זײַט מיט איר, ארויסרופנדיק דערמיט א רײ באזונדערס שארפע אונ טיפע ווידערשפרוכנ, רײַבונגענ, קאָנפליקטנ. די מאָנאָפאָליע איז אנ איבערגאנג פונעמ קאפיטאליזמ צו א העכערער אָרדענונג.

אויב ס'וואָלט געמיק געווענ צו געבנ א וואָס קירצערע דעפיניציע פונעמ אימפעריאליזמ, וואָלט מענ געדארפט זאָגנ, אז דער אימפעריאליזמ איז די מאָנאָפאָליסטישע סטאדיע פונעמ קאפיטאליזמ. אזא דעפיניציע וואָלט אנטהאלטנ דעמ סאמע איקער, ווײַל, פונ איינ זײַט, איז דער פינאנצ-קאפיטאל א באנק-קאפיטאל פונ א מאָנאָפאָליסטיש-קליינער צאָל גאָר גרויסע בענק, וועלכער האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיטנ קאפיטאל פונ די מאָנאָפאָליסטישע פארבאנדנ פונ אינדוסטריעלער; אונ, פונ דער אנדערער זײַט, איז די צעטיילונג פונ דער וועלט אנ איבערגאנג פונ קאָלאָניאלער פאָליטיק, וואָס פארברייטערט זיכ אומגעשטערט אפ געביטנ, וועלכע זײַנענ נאָכ ניט געווענ פארכאפט פונ קיינ איינ קאפיטאליסטישער מעלוכע, צו א קאָלאָניאלער פאָליטיק פונ מאָנאָפאָליסטישנ באזיצנ די וועלט-טעריטאָריע, וועלכע איז שוינ צעטיילט ביזנ סאָפ.

אָבער צו קורצע דעפיניציעס, כאָטש זיי זײַנענ באקוועמ, ווײַל זיי פארסאכאקלענ דעמ איקער, — זײַנענ דאָכ ניט גענוג, וויבאלד מע דארפ פונ זיי ספּעציעל ארויסדרינגענ זייער וויכטיקע שטריכנ פונ דער דערשײַנונג, וועלכע מע דארפ דעפינירנ. דעריבער איז, ניט פארגעסנדיק די באדינגלעכע אונ רעלאטיווע באדײַטונג פונ אלע דעפיניציעס ביכלאל, וואָס קאָנענ קיינמאָל ניט ארומנעמענ די אלזײַטיקע פארבינדונגענ פונ דער דערשײַנונג אינ איר פולער אנטוויקלונג, דארפ מענ געבנ אזא דעפיניציע פונעמ אימפעריאליזמ, וואָס זאָל אײַנשליסנ פאָלגנדיקע פינפ גרונט-סימאָנימ זײַנע: 1) קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע אונ פונעמ קאפיטאל, וועלכע איז דערגאנגענ צו אזא הויכער אנטוויקלונגס-שטופע, אז זי האָט געשאפנ די מאָנאָפאָליעס, וואָס שפּילנ אנ אנטשיידנדיקע ראָליע אינעמווירטשאפטלעכנ לעבנ; 2) צונויפגיסונג פונעמ באנק-קאפיטאל מיטנ אינדוסטריעלנ אונ שאפונג פונ א פינאנצ-אָליגארכיע אפ דער באזע פונ דעמ דאָזיקנ „פינאנצ-קאפיטאל“; 3) דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל באקומט, צומ אונטערשייד פונעמ סכוירעס-עקספּאָרט, א באזונדערס וויכטיקע באדײַטונג; 4) עס בילדנ זיכ אויס אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפאָליסטישע קאפיטאליסטנ-פארבאנדנ, וואָס טיילנ די וועלט, אונ 5) ס'איז פארענדיקט די טעריטאָריעלע צעטיילונג פונ דער וועלט דורכ די גרעסטע קאפיטאליסטישע מעלוכעס. אימפעריאליזמ — דאָס איז קאפיטאליזמ אפ יענער אנטוויקלונגס-סטאדיע, ווענ ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט די הערשאפט פונ די מאָנאָפאָליעס אונ פונעמ פינאנצ-קאפיטאל,

װענ ס'האָט באַקומענ אַ באַזונדערס גרויסע באַדײַטונג דער עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל, װענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די צעטיילונג פונ דער װעלט דורכ די אינטערנאַציאָנאַלע טרעסטנ און װענ ס'האָט זיכ פאַרענדיקט די צעטיילונג פונ דער גאַנצער װעלט־טעריטאָריע דורכ די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מיר װעלנ נאָכ װײַטער זענ, װיאַזוי מע קאָנ און מע דאַרפ אַנדערש דעפינירנ דעם אימפּעריאַליזמ, װענ מע זאָל האָבנ אינ זינענ ניט נאָר די װעזנטלעכסטע ריינעקאָנאָמישע באַגריפנ (מיט װעלכע עס באַגרענעצט זיכ די געבראַכטע דעפיניציע), נאָר דאָס היסטאָרישע אָרט פונ דער געגעבענער סטאַדיע פונעמ קאַפּיטאַליזמ בענעגייע דעמ קאַפּיטאַליזמ בכלל, אָדער די פאַרהעלטעניש צווישנ דעמ אימפּעריאַליזמ און די צוויי גרונט־ריכטונגענ אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג. איצט אָבער מוז מענ פאַרצייכענענ, אַז אויב מע פאַרשטייט דעמ אימפּעריאַליזמ אינ דעמ אָנגעוויזענעמ זינ, איז ער, אָנ שומ ספאָפעק, אַ באַזונדערע סטאַדיע אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ. קעדיי צו געבנ דעמ לייענער אַ װי װײַט מעגלעכ מער באַגרינדעטע פאָרשטעלונג װעגנ אימפּעריאַליזמ, האָבנ מיר בעקיוונ געסטאַרעט זיכ צו ברענגענ װאָס מער מיינונגענ פונ בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ, װעלכע זײַנענ געצוווּנגענ צו אָנערקענענ די באַזונדערס זיכער פעסטגעשטעלטע פאַקטנ פונ דער נײַסטער עקאָנאָמיק פונעמ קאַפּיטאַליזמ. צוליב דעמ זעלבנ צוועק זײַנענ געבראַכט געוואָרנ אויספירלעכע סטאַטיסטישע אָנגאַבנ, װאָס גיבנ די מעגלעכקײַט צו זענ, װי װײַט ס'איז אויסגעוואַקסנ דער באַנק־קאַפּיטאַל אאַװ., אינ װאָס נעמלעכ האָט זיכ אויסגעדריקט דער אַריבערגאַנג פונ קוואַנטיטעט אינ קוואַליטעט, דער אַריבערגאַנג פונעמ אַנטוויקלטנ קאַפּיטאַליזמ אינ אימפּעריאַליזמ. ס'איז, פאַרשטייט זיכ, איבעריק צו ריידנ, אַז אַלע גרענעצנ אינ דער נאַטור און אינ דער געזעלשאַפט זײַנענ באַדינגלעכ און באַװעגלעכ, אַז עס װאָלט געווענ אַנ אומזינ צו שטרײַטנ, למשל, װעגנ דעמ, צו װאָס פאַר אַ יאָר אָדער יאָרצענדליק עס באַציט זיכ די „ענדגילטיקע" אײַנשטעלונג פונעמ אימפּעריאַליזמ.

שטרײַטנ אָבער װעגנ דער דעפיניציע פונעמ אימפּעריאַליזמ קומט אויס קוידעמקאָל קעגנ דעמ מאַרקסיסטישנ הויפּט־טעאָרעטיקער פונ דער עפּאָכע פונעמ אַזויגערופענעמ II אינטערנאַציאָנאַל, דאָס הייסט פונ די 25 יאָר 1889—1914, — קעגנ ק. קאַוטסקינ.

קעגנ די גרונט־אידייענ, װאָס זײַנענ אויסגעדריקט אינ דער דעפיניציע פונעמ אימפּעריאַליזמ, װעלכע מיר האָבנ געגעבנ, איז קאַוטסקי אַרויסגעטראָטנ גאַנצ קאַטעגאָריש אי אינ 1915 יאָר אי אפילע נאָכ אינ נאָיאַבער 1914 יאָר. ער האָט דערקלערט, אַז אונטער אימפּעריאַליזמ דאַרפ מענ פאַרשטיינ ניט קיינ „פאַזע" אָדער שטופע פונ דער װירטשאַפט, נאָר אַ פּאָליטיק, נעמלעכ, אַ באַשטימטע פּאָליטיק, װעלכע „געפעלט בעסער" דעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, אַז מע טאָר ניט „אידענטיפיצירנ" דעמ אימפּעריאַליזמ מיטנ „מאָדערנעמ קאַפּיטאַליזמ", אַז אויב מע זאָל אונטער אימפּעריאַליזמ פאַרשטיינ „אַלע דערשײַנונגענ פונעמ מאָדערנעמ קאַפּיטאַליזמ" — די קאַרטעלנ, דעמ פּראָטעקציאָניזמ, די הערשאַפט פונ די פינאַנסיסטנ, די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק — װעט זיכ דאַנ די פראַגע װעגנ דער נייטיקײַט פונעמ אימפּעריאַליזמ פאַרנ קאַפּיטאַליזמ אויסלאָזנ צו אַ „ביז גאָר פלאַכער טאַוטאָלאָגיע", װײַל דאַנ

„איז דער אימפעריאליזמ, נאטירלעכ, א לעבנס-נויטווענדיקייט פארנ קאפיטאליזמ" או"וו. קאוטסקיס געדאנק וועלנ מיר אויסדריקנ פינקטלעכער פונ אלצ, אויב מיר וועלנ ברענגענ די דעפיניציע פונעמ אימפעריאליזמ, וואָס ער האָט געגעבנ אונ וואָס איז געצילט דירעקט קעגנ דעמ טאָב פונ די אידייענ, וועלכע מיר אנטוויקלענ (וואָרעמ די דערווידערונגענ פונעמ לאגער פונ די דייטשישע מארקסיסטנ, וואָס האָבנ אינ משך פונ א גאנצער ריי יאָרנ דורכגעפירט ענלעכע אידייענ, זיינענ קאוטסקינ פונ לאנג באוווּסט אלס דערווידערונגענ פונ א באשטימטער שטרעמונג אינעמ מארקסיזמ).

קאוטסקיס דעפיניציע זאָגט:

„דער אימפעריאליזמ איז א פּראָדוקט פונעמ הויכ-אנטוויקלטנ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ. ער באשטייט דערינ, וואָס יעדע אינדוסטריעלע קאפיטאליסטישע נאציע שטרעבט אָנצושליסנ צו זיכ אָדער צו אונטערטעניקנ אלצ גרעסערע אגראַרע (קאוטסקיס קורסיוו) געביטנ, אלציינס, מיט וואָס פאר א נאציעס די דאָזיקע געביטנ זאָלנ ניט זיינ באזעצט"[1].

די דאָזיקע דעפיניציע טויג אבסאָלוט צו גאָרנישט ניט, ווייל זי טיילט אויס איינזייטיק, דה. ווילקירלעכ, בלויז די נאציאָנאלע פראגע אליינ (האָטש דאָס איז זייער א וויכטיקע פראגע סיי אליינ פאר זיכ סיי אינ איר פארהעלטעניש צומ אימפעריאליזמ), דערביי פארבינדט זי די דאָזיקע פראגע ווילקירלעכ אונ ניט ריכטיק בלויז מיטנ אינדוסטריעלנ קאפיטאל אינ די לענדער, וועלכע אנעקסירנ אנדערע נאציעס, פונקט ווי זי רוקט ווילקירלעכ אונ ניט ריכטיק ארויס די אנעקסיע פונ אגרארע געביטנ.

אימפעריאליזמ הייסט די שטרעבונג צו אנעקסיעס — אָט צו וואָס עס לאָזט זיכ אויס דער פּאָליטישער טייל פונ קאוטסקיס דעפיניציע. ער איז ריכטיק, אָבער אויסערסט ניט פול, ווייל פּאָליטיש איז דער אימפעריאליזמ בכלל א שטרעבונג צו געוואלט אונ צו רעאקציע. אונדז אינטערעסירט דאָ אָבער די עקאָנאָמישע זייט פונעמ איניענ, וואָס קאוטסקי האָט אליינ ארייַנגעבראכט אינ זיינ דעפיניציע. די ניט-ריכטיקייטנ אינ קאוטסקיס דעפיניציע רייסנ מאמעש די אויגנ. פארנ אימפעריאליזמ איז כאראקטעריסטיש גראָד ניט דער אינדוסטריעלער קאפיטאל, נאָר דער פינאנצ-קאפיטאל. ס'איז ניט קיינ צופעליקייט, וואָס אינ פראנקרייכ איז די אויסערגעוויינלעכע פארשארפונג פונ דער אנעקסיאָניסטישער (קאָלאָניאלער) פּאָליטיק, אָנגעהויבנ פונ די 80-ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט, ארויסגערופנ געוואָרנ גראָד דורכ דער באזונדערס גיכער אנטוויקלונג פונעמ פינאנצ-קאפיטאל, בא דער אָפּשוואכונג פונעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאל. פארנ אימפעריאליזמ איז כאראקטעריסטיש גראָד די שטרעבונג צו אנעקסירנ ניט בלויז אגרארע געביטנ, נאָר אפילע די סאמע אינדוסטריעלע (דייטשלאנדס אפעטיטנ בענעגייע בעלגיע, פראנקרייכס בענעגייע לאָטארינגיע), וואָרעמ, ערשטנס, צווינגט די פארענדיקטע צעטיילונג פונ דער וועלט אויסצושטרעקנ די האנט, בא דער איבערצעטיילונג, צו

1 „Die Neue Zeit" 1914, 2 (32 יאָרגאנג), ז. 909, פונעמ 11-טנ סענטיאבער 1914 יאָר. פרג. 1915, 2, ז. 107 או"וו.

אלערליי טעריטאָריעס; צווייטנס, איז פארנ אימפעריאליזמ וועזנטלעכ די קאָנקורענצ צווישנ עטלעכע גרויסמאכטנ אינ דער שטרעבונג צו העגעמאָניע, ד. ה. צו פארכאפּנ טעריטאָריעס ניט אזוי דירעקט פאר זיכ, ווי קעדיי אָפּצושוואכנ דעמ קעגנער אונ אונטערהייבנ *זיינ* העגעמאָניע (פאר דייטשלאנד איז באזונדערס וויכטיק בעלגיע, אלס שטיצפּונקט קעגנ ענגלאנד; פאר ענגלאנד—באגדאד, אלס שטיצפּונקט קעגנ דייטשלאנד אאוו.).

קאוטסקי פארופט זיכ באזונדערס — אונ ניט איינ מאָל — אפ די ענגלענדער, וועלכע האָבנ, קלוימערשט, איינגעפירט דעמ ריינ פּאָליטישנ באטייט פונעמ וואָרט אימפעריאליזמ אינ דעמ זעלביקנ זינ, ווי ער, קאוטסקי. נעמענ מיר דעמ ענגלענדער האָבסאָנ אונ מיר לייענענ בא אימ אינעמ ווערק „אימפעריאליזמ", דערשינענ אינ 1902 יאָר:

„דער נייער אימפעריאליזמ שיידט זיכ אונטער פונעמ אלטנ, ערשטנס, דערמיט, וואָס אָנשטאָט די שטרעבונגענ פונ איינ וואקסנדיקער אימפעריע שטעלט ער אוועק די טעאָריע אונ די פּראקטיק פונ קאָנקורירנדיקע אימפעריעס, וואָס יעדע פונ זיי איז דורכגעדרונגענ מיט אלצייגנ באגערנ צו פּאָליטישער פארברייטערונג אונ צו קאָמערציעלע רעוואָכימ; צווייטנס, דערמיט, וואָס די פינאנציעלע אינטערעסנ אָדער די אינטערעסנ, וואָס זיינענ שייעכ צומ אינוועסטירנ קאפּיטאל, הערשנ איבער די האנדלס־אינטערעסנ"[1].

מיר זעענ, אז קאוטסקי איז פאקטיש אבסאָליוט ניט גערעכט, ווענ ער פארופט זיכ אפ די ענגלענדער ביכלאל (ער וואָלט זיכ סיידנ געקאָנט פארופנ אפ די וולגארע ענגלישע אימפעריאליסטנ אָדער אפ די דירעקטע אפּאָלאָגעטנ פונעמ אימפעריאליזמ). מיר זעענ, אז קאוטסקי, וואָס פּרעטענדירט דערופ, אז ער זעצט פאר צו פארטיידיקנ דעמ מארקסיזמ, מאכט אינדערעמעסנ א טריט אפ צוריק אינ פארגלייכ מיטנ *סאָציאל־ליבעראל* האָבסאָנ, וועלכער נעמט *ריכטיקער* אינ אכט די צוויי „היסטאָריש־קאָנקרעטע" (מיט זיינ דעפיניציע מאכט קאוטסקי גראָד חויזעק פונ דער היסטאָרישער קאָנקרעטקייט!) אייגנארטיקייטנ פונעמ מאָדערנעמ אימפעריאליזמ: 1) די קאָנקורענצ צווישנ *עטלעכע* אימפעריאליזמענ אונ 2) די דאָמינירונג פונעמ פינאנסיסט איבערנ הענדלער. אויב אָבער עס האנדלט זיכ דעריקער וועגנ דעמ, וואָס אנ אינדוסטריעל לאנד האָט אנעקסירט אנ אגראר לאנד, ווערט דאָכ דערמיט ארויסגערוקט די אָנפירנדיקע ראָליע פונעמ הענדלער.

קאוטסקיס דעפיניציע איז ניט נאָר ניט ריכטיק אונ ניט מארקסיסטיש. זי דינט אלס באזע פאר א גאנצער סיסטעמ אָנשוויונגענ, וואָס רייסנ איינ לויט דער גאנצער ליניע אי מיט דער מארקסיסטישער טעאָריע אי מיט דער מארקסיסטישער פּראקטיק; וועגנ דעמ וועלנ מיר נאָכ ריידנ שפּעטער. איינגאנצנ ניט ערנסט איז יענער שטרייט וועגנ ווערטער, וואָס קאוטסקי האָט אויפגעהויבנ: צי דארפ מענ די נייסטע שטופע פונעמ קאפּיטאליזמ אָנרופנ אימפעריאליזמ, אָדער שטופע פונעמ פינאנצקאפּיטאל. רופט אָנ, ווי איר ווילט; דאָס איז אלציינס. דער טאָכ באשטייט דערינ, וואָס ביימ קאוטסקי טיינעט, אז די אנעקסיעס זיינענ א פּאָליטיק, וועלכע „געפעלט

[1] Hobson: „Imperialism". (האָבסאָנ: „אימפעריאליזמ". ר ע ד.), לאָנדאָנ, 1902, ז. 324.

בעסער" דעם פינאנצ-קאפּיטאל, בײם ער שטעלט אנטקעגנ דער דאָזיקער פּאָליטיק אנ אנדער בורזשואזע פּאָליטיק, װעלכע איז קלײמערשט מעגלעכ אפ דער זעלבער באזע פונעם פינאנצ-קאפּיטאל, רײסט ער דערמיט די פּאָליטיק פונעם אימפּעריאַליזם אָפּ פונ דער עקאָנאָמיק פונעם אימפּעריאַליזם. עס באקומט זיכ, אז מאָנאָפּאָליעס אינ דער עקאָנאָמיק זײנענ מעגלעכ צוגלײכ מיט ניט קײנ מאָנאָפּאָליסטישע, ניט קײנ געװאלטזאמע, ניט קײנ פּארכאפּערישע האנדלונגענ אינ דער פּאָליטיק. עס באקומט זיכ, אז די טעריטאָריאַלע צעטײלונג פונ דער װעלט, װאָס איז פארענדיקט געװאָרנ גראָד אינ דער עפּאָכע פונעם פינאנצ-קאפּיטאל אונ װאָס איז דער יעסאָד פונ דער אײגנארטיקײט פונ די איצטיקע פאָרמענ פונ קאָנקורענצ צװישנ די גרעסטע קאפּיטאליסטישע מעלוכעס, איז מעגלעכ צוגלײכ מיט א ניט-אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. עס באקומט זיכ אזוי, אז אָנשטאָט אויפצודעקנ, װי טיפ עס זײנענ די סאַמע קארדינאלע װידערשפּרוכנ פונ דער גײסטער שטופע פונעם קאפּיטאליזם, װערנ די דאָזיקע װידערשפּרוכנ פארשמירט, צוגעטעמפּט; עס באקומט זיכ בורזשואזער רעפאָרמיזם אָנשטאָט מארקסיזם.

קאוטסקי פּאָלעמיזירט מיטנ דײטשישנ אפּאָלאָגעט פונ אימפּעריאַליזם אונ פונ אנעקסיעס קונאָװ, װעלכער טײנעט לעפּיש אונ ציניש: דער אימפּעריאַליזם איז דער מאָדערנער קאפּיטאליזם; די אנטװיקלונג פונעם קאפּיטאליזם איז אומפארמײדלעכ אונ פּראָגרעסיװ; הײסט עס, אז דער אימפּעריאַליזם איז פּראָגרעסיװ; הײסט עס, אז מע דארפ קריכנ אפ אלע פיר פארנ אימפּעריאַליזם אונ זינגענ אים לויב-געזאַנגענ! דאָס דערמאָנט א ביסל יענע קאריקאטור, װאָס די פּאָלקיסטנ פלעגנ מאָלנ קעגנ די רוסישע מארקסיסטנ אינ די יאָרנ 1894—1895: אויב די מארקסיסטנ, הײסט עס, האלטנ דעם קאפּיטאליזם אינ רוסלאנד פאר אומפארמײדלעכ אונ פּראָגרעסיװ, דארפנ זײ עפענענ א שענק אונ זיכ פארנעמענ מיט אײנפלאנצנ קאפּיטאליזם. קאוטסקי דערװידערט קונאָװנ: נײנ, דער אימפּעריאַליזם איז ניט דער מאָדערנער קאפּיטאליזם, ער איז בלויז אײנע פונ די פאָרמענ פונ דער פּאָליטיק פונעם מאָדערנעם קאפּיטאליזם, אונ מיר קאָנענ אונ דארפנ קעמפנ קעגנ דער דאָזיקער פּאָליטיק, קעמפנ קעגנ אימפּעריאַליזם, קעגנ אנעקסיעס אאװ.

די דאָזיקע דערװידערונג זעט אויס גאנצ פײנ, אינדערעמעסנ אָבער איז זי בלויז געגליכנ צו א מער ראפינירטער, מער פארװאלירטער (אונ דעריבער מער געפערלעכער) פּרײדיקונג פונ שאָלעמ מאכנ מיטנ אימפּעריאַליזם, װײל א „קאמפ" קעגנ דער פּאָליטיק פונ די טרעסטנ אינ בענק, װאָס רירט ניט אָנ די יעסוידעס פונ דער עקאָנאָמיק פונ די טרעסטנ אונ בענק, איז אינ טאָכ געװיסע בורזשואזער רעפאָרמיזם אונ פּאציפיזם, גוטינקע אונ אומשולדיקע פרומע װוּנטשנ. ארויסדרײענ זיכ פונ די עקזיסטירנדיקע װידערשפּרוכנ, פארגעסנ װעגנ די װיכטיקסטע פונ זײ, אָנשטאָט אויפצודעקנ די גאנצע טיפקײט פונ די װידערשפּרוכנ — אָט דאָס איז קאוטסקיס טעאָריע, װאָס האָט לאכלוטנ גאָרנישט צו טאָנ מיט מארקסיזם. אונ ס'פארשטײט זיכ, אז אזא „טעאָריע" דינט בלויז צו פארטײדיקנ די אידײ פונ אכדעס מיט קונאָװנ!

„פונ רײנ עקאָנאָמישנ שטאנדפּונקט — שרײבט קאוטסקי — איז ניט אומעגלעכ, אז דער קאפּיטאליזם זאָל דורכמאכנ נאָכ אײנ נײע פאזע, װענ די פּאָליטיק פונ די קארטעלנ װעט אריבערגעטראָגנ װערנ אפ דער אויסערנ-פּאָליטיק, א פאזע

פון אולטרא=אימפעריאַליזם" [1], ד.ה. פון איבער=אימפעריאַליזם, פון א פאַרייניקונג צווישן די אימפעריאַליזמען פון דער גאַנצער וועלט און ניט פון קאַמף צווישן זיי, א פאַזע, ווען באַם קאַפּיטאַליזם הערן אויף מלחמות, א פאַזע פון „געמיינזאַמען עקספּלואַטירן די וועלט דורך דעם אינטערנאַציאָנאַל=פאַראייניקטן פינאַנץ=קאַפּיטאַל" [2].

אויף דער דאָזיקער „טעאָריע פון אולטרא=אימפעריאַליזם" וועט אונדז וויטער נאָך אויסקומען אָפּצושטעלן זיך, כדי אויספירלעך צו באַווייזן, ווי ווייט אַנטשיידן און ענדגילטיק זי רייסט אָפּ מיטן מאַרקסיזם. דאָ אָבער דאַרפן מיר, אין העסקעם מיטן אַלגעמיינעם פּלאַן פונעם דאָזיקן עטיוד, א קוק טאָן אויף די פּינקטלעכע עקאָנאָמישע אָנגאַבן, וואָס זיינען שייך צו דער דאָזיקער פראַגע. צי איז „פון ריין=עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט" מעגלעך אַן „אולטרא=אימפעריאַליזם" אָדער דאָס איז אַן אולטרא=נאַרישקייט?

אויב מע זאָל האַלטן, אַז א ריין=עקאָנאָמישער שטאַנדפּונקט הייסט — א „ריינע" אַבסטראַקציע, דאַן וועט אַלץ, וואָס מע קאָן זאָגן, זיך אויסלאָזן צו אַזא טעזיס: די אַנטוויקלונג גייט צו מאָנאָפּאָליעס, אַלזאָ, צו איין אַלוועלטלעכער מאָנאָפּאָליע, צו איין אַלוועלטלעכן טרעסט. דאָס איז זיכער, אָבער דאָס איז אויך אַבסאָליוט איינהאַלטלאָז, פונקט, אַזוי ווי די אָנווייזונג, אַז „די אַנטוויקלונג גייט" דערצו, אַז שפּייז=מיטלען וועט מען פּראָדוצירן אין לאַבאָראַטאָריעס. אין דעם זינען איז די „טעאָריע" פון אולטרא=אימפעריאַליזם פונקט אַזא אַבסורד, ווי אַבסורדיש עס וואָלט געווען א „טעאָריע פון אולטרא=לאַנדווירטשאַפט".

אויב מע זאָל אָבער ריידן וועגן די „ריין=עקאָנאָמישע" באַדינגונגען פון דער עפּאָכע פונעם פינאַנץ=קאַפּיטאַל, אַלס א היסטאָריש קאָנקרעטער עפּאָכע, וואָס געהערט צום אָנהייב XX יאָרהונדערט, וועט דער בעסטער ענטפער אויף די טויטע אַבסטראַקציעס פונעם „אולטרא=אימפעריאַליזם" (וואָס דינען אויסשליסלעך דעם סאַמע רעאַקציאָנערסטן ציל: אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם, ווי טיף עס זיינען די פּ א ר א נ ע נ ע ווידערשפּרוכן) זיין, אַז מע וועט קעגן זיי אַנטקעגנשטעלן די קאָנקרעטע=עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט פון דער איצטיקער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט. קאַוטסקיס ביז גאָר איינהאַלטלאָזע רייד וועגן אולטרא=אימפעריאַליזם סטימולירן, אַגעוו, יענעם העכסט פאַלשן געדאַנק, וואָס גיסט וואַסער אויף די מיל=רעדער פון די אָפּאָלאָגעטן פון אימפעריאַליזם, אַז די הערשאַפט פונעם פינאַנץ=קאַפּיטאַל ש וואַ כ ט, קלומערשט, אָפּ די ניט=גלייכמעסיקייטן און ווידערשפּרוכן אינווייניק אין דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט, בשעת אין דער עמעסן פ א ר ש ט א ר ק ט זי די הערשאַפט די דאָזיקע ניט=גלייכמעסיקייטן און ווידערשפּרוכן.

אין זיין קליינעם ביכל „אַריינפיר אין דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט" [3] האָט ר. קאַלווער געפּרוּווט פאַרסאַכאַקלען די וויכטיקסטע ריין=עקאָנאָמישע אָנגאַבן, וואָס

---

[1] „Die Neue Zeit" 1914, 2 (32 יאָרגאַנג), ז. 921, פונעם 11-טן סעפּטעמבער 1914 יאָר. פרג. 1915, 2, ז. 107 און.

[2] „Die Neue Zeit" 1915, 1, ז. 144, פונעם 30-טן אַפּריל 1915.

[3] R. Calwer: „Einführung in die Weltwirtschaft". Brl. 1906. (ר. קאַלווער: „אַריינפיר אין דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט". בערלין. ר ע ד.)

גיבן די מעגלעכקייט קאָנקרעט פאָרצושטעלן די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן אינ‑ווייניק אין דער אַלוועלטלעכער ווירטשאַפט אַם דער גרענעץ פון XIX און XX יאָרהונדערטער. ער טיילט אויף די גאַנצע וועלט אַף פינף „ווירטשאַפטלעכע הויפּט‑געביטן": 1) מיטל‑אייראָפּייִשער (גאַנץ אייראָפּע, אַחוץ רוסלאַנד און ענגלאַנד); 2) בריטישער; 3) רוסלענדישער; 4) מיזרעך‑אַזיִאַטישער און 5) אַמעריקאַנישער. דערביי שליסט ער אויס די קאָלאָניעס אין די „געביטן" פון יענע מעלוכעס, צו וועל‑כע זיי געהערן, און „לאָזט אָן א זייט" די קליינע צאָל לענדער, וואָס זיינען ניט פאַרטיילט לויט געביטן, ווי לעמאָשל, פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, אַראַביע אין אַזיע, מאַראָקאָ און אַביסיניע אין אַפריקע אאַז"וו.

אָט זיינען בעקיצער די עקאָנאָמישע אָנגאַבן, וועלכע ער ברענגט וועגן די דאָ‑זיקע געביטן:

די ווירטשאַפטלעכע הויפּט‑געביטן פון דער וועלט	דער שטעטעך (מיליאָן קוו. קילאָמעטער)	די באַפעלקערונג (אין מיליאָנען)	פאַרקער‑וועגן: אייזנבאַנען (טויז. קלמ.)	פאַרקער‑וועגן: האַנדלס‑פלאָט (מיליאָנען טאָן)	האַנדל: (אימפּאָרט און עקספּאָרט צוזאַמען) (מיליאַרדן מאַרק)	אינדוסטריע: אַרויסבאַקום שטיין‑קוילן (מיליאָנען טאָן)	אינדוסטריע: אַרויסבאַקום טשוהון (מיליאָנען טאָן)	אינדוסטריע: צאָל שפּינדלען אין דער בוימוואָל‑אינדוסטריע (מלנ.)
1) מיטל‑אייראָפּייִשער	27,6 [1](23,6)	388 [1](146)	204	8	41	251	15	26
2) בריטישער . . .	28,9 [1](28,6)	398 [1](355)	140	11	25	249	9	51
3) רוסלענדישער . .	22	131	63	1	3	16	3	7
4) מיזרעך‑אַזיִאַטישער	12	389	8	1	2	8	0,02	2
5) אַמעריקאַנישער .	30	148	379	6	14	245	14	19

מיר זעען דריי געביטן מיט א הויך אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם (א שטאַרקע אַנ‑טוויקלונג סיי פון די פאַרקער‑וועגן, סיי פונעם האַנדל, סיי פון דער אינדוס‑טריע): דעם מיטל‑אייראָפּייִשן, דעם בריטישן און דעם אַמעריקאַנישן. צווישן זיי שטייען דריי וועלט‑הערשנדיקע מעלוכעס: דייטשלאַנד, ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. די אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענץ צווישן זיי און דער קאַמף זיינען ביז נאָר פאַרשאַרפט דורך דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט א נישטיקן געביט און ווייניק קאָלאָניעס; דאָס שאַפן א „מיטל‑אייראָפּע" איז נאָך א זאַך פון דער צוקונפט, און געבוירן ווערט זי אין פאַרצווייפלטן קאַמף. דערווייל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איי‑ראָפּע אומגאַנצן געזונטע די פּאָליטישע צעבראָקלטקייט. אינעם בריטישן און אַמע‑ריקאַנישן געביטן שטייט, פאַרקערט, זייער הויך די פּאָליטישע קאָנצענטראַציע, נאָר ס'איז פאַראַן א קאָלאָסאַלע ניט‑אַנטשפּרעכיקייט צווישן די מווירעדיק גרויסע קאָ‑לאָניעס פונעם בריטישן געביט און די נישטיקע קאָלאָניעס פונעם אַמעריקאַנישן

[1] אין די קלאַמערן ווערט געגעבן דער שטעטעך און די באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס.

געבית. אונ אינ די קאָלאָניעס הייבט ערשט דער קאפּיטאליזמ אָנ צו אנטוויקלענ זיכ. דער קאמפּ פאר דאָרעמ-אמעריקע ווערט אלצ שארפער.

צוויי געביטנ האָבנ א שוואכ אנטוויקלטנ קאפּיטאליזמ, דער רוסלענדישער אונ דער מיזרעכ-אזיאטישער. אינעמ ערשטנ איז די באפעלקערונג זייער א שיטערע, אוינעמ צווייטנ — זייער א געדיכטע; אינעמ ערשטנ איז די פּאָליטישע קאָנצענטראציע גרויס, אינעמ צווייטנ איז זי ניט פאראנ. כינע האָט מענ ערשט נאָר וואָס אָנגעהויבנ טיילנ, אונ דער קאמפּ איבער איר צווישנ יאפּאָניע, די פאראייניקטע שטאטנ אאוו. ווערט אלצ שטארקער.

פארגלייכט מיט אָט דער ווירקלעכקייט — מיט דער גיגאנטישער פארשיידנארטיקייט פונ די עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע באדינגונגענ, מיט דער אויסערסטער ניט-אנטשפרעכיקייט אינ דער גיכקייט פונעמ וווּקס פונ פארשיידענע לענדער אאוו., מיטנ ווילדנ קאמפּ צווישנ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס — אָט מיט דעמ אלעמ פארגלייכט קאוטסקיס נארישע באָבעמייסע וועגנ א „פרידלעכנ" אולטרא-אימפּעריאליזמ. איז עס דענ ניט קיינ רעאקציאָנערער פּרווו פונ אנ אָנגעשראָקענעמ קליינבירגער אויסצובאהאלטנ זיכ פונ דער גרויזאמער ווירקלעכקייט? גיבנ אונדז דענ ניט די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ, וואָס קאוטסקינ דאכט זיכ, אז דאָס זיינענ עמבריאָנענ פונעמ „אולטרא-אימפּעריאליזמ" (פּונקט אזוי „קאָנ מענ" די פּראָדוקציע פונ טאבלעטקעס אינ א לאבאָראטאָריע אויכ דערקלערנ פאר אנ עמבריאָנ פונ אולטרא-לאנדווירטשאפט), גיבנ זיי אונדז דענ ניט קיינ ביישפּיל פונ דעמ, וויאזוי די וועלט ווערט צעטיילט אונ *איבערפארטיילט*, וויאזוי מע גייט איבער פונ א פרידלעכער צעטיילונג צו א ניט-פרידלעכער, אונ פארקערט? אונ דער אמעריקאנישער אאוו. פינאנצ-קאפּיטאל, וואָס האָט מיטנ אָנטייל פונ דייטשלאנד שוינ געהאט פרידלעכ צעטיילט די גאנצע וועלט, לאָמיר זאָגנ, אינעמ אינטערנאציאָנאלנ רעלסנ-סינדיקאט אָדער אינעמ אינטערנאציאָנאלנ טרעסט פאר האנדלס-שיפאנג, *טיילנ* זיי דענ איצט ניט *איבער* די וועלט אפּנ גרונט פונ די נייע קויכעס-פארהעלטענישנ, וואָס ענדערנ זיכ קלאל *ניט* אפ קיינ פרידלעכנ אויפנ?

דער פינאנצ-קאפּיטאל אונ די טרעסטנ שוואכנ ניט אָפּ, נאָר זיי פארשטארקנ די אונטערשיידנ צווישנ דער גיכקייט אינעמ וווּקס פונ פארשיידענע טיילנ פונ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט. אונ ווייבאלד די קרעפטנ-פארהעלטענישנ האָבנ זיכ געענדערט, איז אינ וואָס זשע קאָנ, *באמ קאפּיטאליזמ*, באשטיינ די לייזונג פונעמ ווידערשפּרוכ, אויב ניט אינ *קראפט*? העכסט פּינקטלעכע אָנגאבנ וועגנ דער פארשיידענער גיכקייט אינעמ וווּקס פונעמ קאפּיטאליזמ אונ פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל אינ דער גאנצער אלוועלטלעכער ווירטשאפט האָבנ מיר אינ דער סטאטיסטיק פונ די אייזנבאנענ[1]. פאר די לעצטע יאָרצענדליקער פונ דער אימפּעריאליסטישער אנטוויקלונג האָט זיכ די לענג פונ די אייזנבאנענ געענדערט אזוי:

[1] Stat. Jahrbuch für das deutsche Reich, 1915; Archiv für Eisenbahnwesen, 1892 (סטאטיסטישער יאָרבוכ פונ דער דייטשישער אימפּעריע, 1915; אייזנבאנ-ארכיוו, 1892. רעד.); פארנ 1890 יאָר איז קליינע פּראָטימ מיקויעכ דער פארטיילונג פונ די אייזנבאנענ צווישנ די קאָלאָניעס פונ די פארשיידענע לענדער אויסגעקומענ צו געבנ אינ א לעפּערעכדיקער אויסרעכענונג.

די אײַזנבאנענ
(טויז. קלמ.)

	1890	1913	+
אײראָפּע	224	346	+122
די פאַרײניקטע שטאטנ פונ אמעריקע .	268	411	+143
אלע קאָלאָניעס	82	210	+128
זעלבשטענדיקע און האלב-זעלבשטענדיקע מעלוכעס פון אזיע און אמעריקע .	43	137	+94
(צוזאמען: קאָלאָניעס און זעלבשטענדיקע מעלוכעס)	125	347	+222
סאכאקל	617	1.104	

אמגיכסטנ, אלזאָ, איז די אנטוויקלונג פונ די אײַזנבאנענ געגאנגענ אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די זעלבשטענדיקע (אונ האלב-זעלבשטענדיקע) מעלוכעס פונ אזיע אונ אמעריקע. ס'איז באוווסט, אז דער פינאנצ-קאפּיטאל פונ די 4—5 גרעסטע קאפּיטאליסטישע מעלוכעס הערשט אונ רעגירט דאָ פולשטענדיק. צוויי הונדערט טויזנט קילאָמעטער נײַע אײַזנבאנענ אינ די קאָלאָניעס אונ אינ אנדערע לענדער פונ אזיע אונ אמעריקע באטײַטנ, אז אַ נײַער קאפּיטאל פונ העכער 40 מיליארד מארק איז אינוועסטירט געוואָרנ אפּ באזונדערס לוינבארע באדינגונגענ, מיט ספּעציעלע גאראנטיעכ פונ רענטאבלקײַט, מיט רעוועכדיקע באשטעלונגענ פאר די שטאָלגוס-זאוואָדנ אדג. אאוו.

אמגיכסטנ וואקסט דער קאפּיטאליזמ אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די טראנסאָקעאנישע לענדער. צווישנ זיי קומענ אופּ נ ײַ ע אימפּעריאליסטישע מעלוכעס (יאפּאָניע). דער קאמפּ צווישנ די אלוועלטלעכע אימפּעריאליזמענ פארשארפּט זיכ. עס וואקסט דער צינז, וועלכנ דער פינאנצ-קאפּיטאל נעמט פונ די באזונדערס רעווועכדיקע קאָלאָניאלע אונ טראנסאָקעאנישע אונטערנעמונגענ. באמ צעטײלנ דעמ דאָזיקנ „רויב" פאלט אנ אויסערגעוויינלעכ גרויסער כײלעק ארײַנ אינ די הענט פונ די לענדער, וואָס ניט שטענדיק פארנעמענ זיי דאָס ערשטע אָרט לויט דער גיכקײַט פונ דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ. אינ די גרעסטע מעלוכעס, צוזאמענ מיט זײערע קאָלאָניעס, האָט די לענג פונ די אײַזנבאנענ באטראָפנ:

(טויזנטער קילאָמעטער)

	1890	1913	+
פאַרײניקטע שטאטנ . . .	268	413	+145
בריטישע אימפּעריע . . .	107	208	+101
רוסלאנד	32	78	+46
דײַטשלאנד	43	68	+25
פראנקרײַכ	41	63	+22
סאכאקל אינ 5 מעלוכעס. .	491	830	+339

אלזאָ, ארומ 80% פונעמ גאנצנ סכומ אײַזנבאנענ איז קאָנצענטרירט אינ די פינפ גרעסטע מעלוכעס. די קאָנצענטראציע אָבער פונ א ײ ג נ ט ו מ אפּ די דאָזיקע באנענ, די קאָנצענטראציע פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל איז נאָכ אָנ אנ ערעכ באדײַטנ-

דיקער, ווײַל אַ קאָלאָסאַלע מאַסע אַקציעס און אָבליגאַציעס פון די אַמעריקאַנישע, רוסישע און אַנד. אײַזנבאַנען געהערט, לעמאָשל, די ענגלישע און פראַנצויזישע מיליאָנערן.

אַדאַנק זײַנע קאָלאָניעס האָט ענגלאַנד פאַרגרעסערט „זײַנע" אײַזנבאַן-נעצ אויף 100 טויזנט קילאָמעטער, איין פיר מאָל מער איידער דײַטשלאַנד. אַלעמען איז דאָך אָבער באַוווּסט, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן איז אין דײַטשלאַנד, באַזונדערס פון דער פּראָדוקציע פון שטיינקוילן און פון אײַזן, פאַר דער צײַט געגאַנגען אַן אַן ערעך גיכער איידער אין ענגלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון פראַנקרײַך און רוס-לאַנד. אין 1892 יאָר האָט דײַטשלאַנד פּראָדוצירט 4,9 מיליאָן טאָן טשוהון קעגן 6,8 אין ענגלאַנד; און אין 1912 יאָר — שוין 17,6 קעגן 9,0, דה. אַ גיגאַנטישע איבערוואָג איבער ענגלאַנד![1] פרעגט זיך, וואָס פאַר אַן אַנדער מיטל, אַחוץ מילכאָ-מע, האָט געקאָנט זײַן, אויפן באָדן פון קאַפּיטאַליזם, כדי צו באַזײַטיקן די ניט-אַנטשפּרעכיקײַט צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן און דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל, פון איין זײַט, און דער צעטיילונג פון די קאָלאָניעס און „אײַנפלוס-ספערן" פאַרן פינאַנץ-קאַפּיטאַל, פון דער אַנדערער זײַט?

VIII. פּאַראַזיטיזם און פאַרפוילונג פונעם קאַפּיטאַליזם

איצט דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איין זייער וויכטיקער זײַט פונעם אימ-פּעריאַליזם, וועלכע ווערט מערסטנטייל ניט גענוג אָפּגעשאַצט אין דער מערהײַט אָפּ-האַנדלונגען אויף דער דאָזיקער טעמע. איינער פון די כעסרוינעס פונעם מאַרקסיסט הילפערדינג באַשטייט דערין, וואָס ער האָט געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק אין פאַר-גלײַך מיטן ניט-מאַרקסיסט האָבסאָן. מיר ריידן וועגן דעם פּאַראַזיטיזם, וואָס איז אייגנטימלעך פאַרן אימפּעריאַליזם.

די סאַמע טיפסטע עקאָנאָמישע באַזע פונעם אימפּעריאַליזם איז, ווי מיר האָבן געזען, די מאָנאָפּאָליע. דאָס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליע, דה. אַזאַ, וואָס איז אויסגעוואַקסן פונעם קאַפּיטאַליזם און געפינט זיך אין די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, פון סכוירע-פּראָדוקציע, פון קאָנקורענץ, אין אַ שטענדיקן און אויסוועגלאָזן ווידערשפּרוך מיט די דאָזיקע אַלגעמיינע באַדינגונגען. און פונדעסט-וועגן רופט זי, פּונקט ווי יעדע מאָנאָפּאָליע, אומפאַרמײַדלעך אַרויס אַ שטרעבונג צו פאַרגליווערונג און פאַרפוילונג. אויף וויפל ס'ווערן פיקסירט, זאָל זײַן נאָר צײַטווײַ-ליק, מאָנאָפּאָל-פּרײַזן, אויף אַזויפיל פאַרשווינדן ביז אַ געוויסן גראַד די סטימולירנ-דיקע סיבעס פאַרן טעכנישן, און בעמיילע אויך פאַר יעדן אַנדערן פּראָגרעס, פאַר דער באַוועגונג פאָרויס; אויף אַזויפיל, ווײַטער, שאַפט זיך אַן עקאָנאָמישע מעג-לעכקײַט קינסטלעך צו פאַרהאַלטן דעם טעכנישן פּראָגרעס. אַ בײַשפּיל: אין אַמערי-

---

[1] פרג. אויך Edgar Crummond: „The Economic Relations of the British and German Empires", אין „Journal of the Royal Statistical Society", 1914. July, pp. 777 ss. (עדגאַר קראַ-מאָנד: „די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן צווישן דער בריטישער און דײַטשישער אימפּעריעס" אינעם „זשורנאַל פון דער קיניגלעכער סטאַטיסטישער געזעלשאַפט", 1914, יול, ז. 777 און. ר ע ד.).

קע האָט איינער אָוענס דערפונדנ א פלאש=מאשינ, וואָס מאכט א רעוואָליוציע אינ דער פראָדוקציע פונ פלעשער. דער דײַטשישער קארטעל פונ פלעשער=פאבריקאנטנ קויפט אופ אָוענס פאטענטנ, באהאלט זיי בא זיכ אונ פארהאלט זייער אָנווענדונג. פארשטייט זיכ, אז די מאָנאָפּאָליע באמ קאפיטאליזמ קאָנ קיינמאָל ניט באזײַטיקנ פונעמ אלוועלטלעכנ מארק די קאָנקורענצ אינגאנצנ אונ אפ זייער א לאנגער צײַט (דעריכ שטעקט, אגעוו, איינע פונ די סיבעס, מאכמעס וועלכע די טעאָריע וועגנ אולטרא=אימפעריאליזמ איז אנ אבסורד). פארשטייט זיכ, די מעגלעכקײַט צו פארקלענערנ די פראָדוציר=קאָסטנ אונ צו פארגרעסערנ דעמ רעווע דורכנ אײַנפירנ טעכנישע אויסבעסערונגענ ווירקט לעטוויוועס ענדערונגענ. אָבער די טענדענצ צו פארגליווערונג אונ פארפוילונג, וואָס איז אײַגנטימלעכ פאר דער מאָנאָפּאָליע, הערט, פונ איר זײַט, אויכ ניט אופ צו ווירקנ, אונ אינ איינצלנע אינדוסטריע=צווײַגנ, אינ איינצלנע לענדער באקומט זי אפ א געוויסער צײַט די אויבערהאנט.

די מאָנאָפּאָליע פונ באזיצנ באזונדערס גרויסע, רײַכע אָדער באקוועמ ליגנדיקע קאָלאָניעס ווירקט אויכ אינ דער זעלבער ריכטונג.

ווײַטער. דער אימפעריאליזמ באטײַט א געוואלדיקע אָנזאמלונג פונ געלט=קאפיטאל אינ א קליינער צאָל לענדער, א קאפיטאל, וואָס דערגרייכט, ווי מיר האָבנ געזענ, ביז 100—150 מיליארד פראנק אינ ווערט=פאפירנ. פונדאנענ נעמט זיכ דער אויסערגעוויינלעכער וווקס פונעמ קלאס אָדער, ריכטיקער, פונעמ שיכט ראנטיע, דה. מענטשנ, וואָס לעבנ פונ „שנײַדנ קופּאָנעס“, — מענטשנ, וואָס זײַנענ לאכלוטנ פרעמד פונ באטייליקנ זיכ אינ אוועלכער=ניט=איז אונטערנעמונג, — מענטשנ, וואָס זייער פראָפעסיע איז פוסט=אונ=פאסעווענ. דער עקספּאָרט פונ קאפיטאל, איינער פונ די סאמע וועזנטלעכע עקאָנאָמישע יעסוידעס פונעמ אימפעריאליזמ, פארשטארקט נאָכ מער אָט די פולשטענדיקע אָפּגעריסנקײַט פונ דער פראָדוקציע מיצאד דעמ ראנטיע=שיכט, ער לייגט ארופ א שטעמפל פונ פאראזיטיזמ אפנ גאנצנ לאנד, וואָס לעבט פונ עקספּלואטירנ די ארבעט פונ עטלעכע טראנסאָקעאנישע לענדער אונ קאָלאָניעס.

„אינ 1893 יאָר — שרײַבט האָבסאָנ — האָט דער בריטישער קאפיטאל, וואָס איז געווענ אינוועסטירט אינ אויסלאנד, באטראָפנ בא 15 פראָצענט פונעמ גאנצנ רײַכטומ פונעמ פארייניקטנ קיניגרײַכ“[1]. לאָמיר דערמאָנענ, אז צומ 1915 יאָר האָט זיכ דער דאָזיקער קאפיטאל פארגרעסערט אונ ערעכ אינ דריטהאלבנ מאָל. „דער אגרעסיווער אימפעריאליזמ, — לייענענ מיר ווײַטער בא האָבסאָנענ, — וועלכער קאָסט אזוי טײַער די שטײַער=צאָלער אונ וועלכער האָט אזא קנאפע באדײַטונג פארנ אינדוסטריעלער אונ פארנ סוחער,... איז א קוואל פונ גרויסע רעוואָכימ פארנ קאפיטאליסט, וואָס זוכט ווו צו אינוועסטירנ זײַנ קאפיטאל“... (אינ ענגליש ווערט דער דאָזיקער באגריפ באצייכנט מיט איינ וואָרט: „אינוועסטאָר“ — ראנטיע)... „די גאנצע יאָריקע האכנאָסע, וואָס גרויסבריטאניע באקומט פונ איר גאנצנ אויסערלעכנ אונ קאָלאָניאלנ האנדל, פונ אימפּאָרט אונ עקספּאָרט, שאצט דער סטאטיסטיקער גיפענ אינ 18 מיליאָנ פונט סטערלינג (ארומ 170 מיליאָנ רובל) אינ 1899 יאָר, רעכענענדיק צו דריטהאלבנ פראָצ. אפנ גאנצנ אומזאצ פונ 800 מיליאָנ פונט סטער=

---

[1] Hobson, ז' 59, 60.

לינג". ווי גרויס ס'זאָל ניט זײַנ די דאָזיקע סומע, איז זי ניט אימשטאַנד צו דער־קלערנ דעם אַגרעסיווג אימפּעריאַליזם פונ גרויסבריטאַניע. ער ווערט דערקלערט דורכ דער סומע 90—100 מיליאָנ פונט סטערלינג, — די האַכנאָסע פונעם „אײַנ־געווסטירטנ" קאַפּיטאַל, די האַכנאָסע פונעם שיכט ראַנטיע.

די האַכנאָסע פונ די ראַנטיע איז אינ פ י נ פ מ אָ ל גרעסער ווי די האַכנאָסע פונעם אויסערנ־האַנדל אינ דעם סאַמע „האַנדלס"־אַקטיווג לאַנד פונ דער וועלט! אָט דאָס איז דער טאָכ פונעם אימפּעריאַליזם און פונעם אימפּעריאַליסטישנ פּאַראַזי־טיזם.

דער באַגריפ „ראַנטיע־מעלוכע" (Rentnerstaat), אָדער וווּכער־מעלוכע, ווערט דעריבער אַ באַגריפ פונ אַלגעמיינעם געברויכ אינ דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור וועגנ אימפּעריאַליזם. די וועלט האָט זיכ צעטיילט אַפ אַ הײַפעלע וווּכער־מעלוכעס און אַפ אַ גיגאַנטישער מערהײַט מעלוכעס באַלכוייווס. „צווישנ די קאַפּיטאַל־אײַנ־וועסטיציעס אינ אויסלאַנד — שרײַבט שולצע־געווערניצ — שטייענ אַפנ ערשטנ אָרט די, וואָס זײַנענ פאַרטאָנ אינ פּאָליטיש אָפּהענגיקע אָדער פאַרבינדעטע לענדער: ענגלאַנד גיט האַלוואָעס עגיפּעט, יאַפּאָניע, כינע, דאָרעמ־אַמעריקע. דער ענגלישער קריגס־פלאָט שפּילט, אינ פאַל פונ נויט, די ראָליע פונ אַ געריכט־אויספירער. דורכ פּאָליטישער קראַפט באַשיצט זיכ ענגלאַנד קעגנ דעם צאָרנ פונ די באַלכוייווס" [1]. אינ זײַנ ווערק „די פאָלקסווירטשאַפטלעכע סיסטעמ פונ קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס אינ אויסלאַנד" שטעלט סאַרטאָריוס פאָנ וואַלטערסהאַוזענ אַרויס אַלס מוסטער פונ אַ „ראַנטיע־מעלוכע" האָלאַנד, און ער ווײַזט אָנ, אַז ענגלאַנד און פראַנקרײַכ ווערנ איצט אַזעלכע מעלוכעס [2]. שילדער האַלט, אַז פינפ אינדוסטריעלע מעלוכעס — ענג־לאַנד, פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד, בעלגיע און שווייצ — זײַנענ „אויסגעשפּראָכענע לענ־דער קרעדיטאָרנ". האָלאַנד פאַררעכנט ער ניט אַהער בלויז דערפאַר, וואָס עס איז „ווייניק אינדוסטריעל" [3]. די פאַראייניקטע שטאַטנ זײַנענ אַ קרעדיטאָר נאָר בענעגייע צו אַמעריקע.

„ענגלאַנד — שרײַבט שולצע־געווערניצ — וואַקסט ביסלעכווײַז אַריבער פונ אַנ אינדוסטריעלער מעלוכע אינ אַ מעלוכע אַ קרעדיטאָר. ניט געקוקט אַפ דער אַבסאָ־לוטער פאַרגרעסערונג פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און פונעם אינדוס־טריעלנ עקספּאָרט, ווערט פאַר דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט די רעלאַטיווע באַדײַ־טונג פונ די האַכנאָסעס פונ פּראָצענטנ און דיווידענדנ, פונ עמיסיעס, קאָמיסיעס און ספּעקוליאַציע אַלצ גרעסער. לויט מײַנ מיינונג, איז גראָד אָט דער פאַקט די עקאָנאָמישע באַזע פונעם אימפּעריאַליסטישנ אופשטײַג. דער קרעדיטאָר איז פעס־טער פאַרבונדנ מיטנ באַלכויוו איידער דער פאַרקויפער מיטנ קויפער" [4]. מיקויעכ דײַטשלאַנד האָט דער אַרויסגעבער פונעם בערלינער זשורנאַל „באַנק", אַ. לאַנסבורג, אינ 1911 יאָר אינ אַנ אַרטיקל: „דײַטשלאַנד — אַ ראַנטיע־מעלוכע" געשריבנ אַזוי: „אינ דײַטשלאַנד לאַכט מענ גערנ פונ דער נייגונג צו פאַרוואַנדלענ זיכ אינ ראַנטיע,

[1] Schulze-Gaevernitz, Br. Imp. 320, זז.
[2] Sart. von Waltershausen: „D. Volkswirt. Syst. etc." B. 1907, Buch IV.
[3] Schilder, ז. 393.
[4] Schulze-Gaevernitz, Br. Imp. 320 זז.

אַ נעמ:ע, וואָס באַמערקט זיכ אינ פראַנקרײַכ. מע פאַרגעסט אָבער דערבײַ, אַז אַפּ וויפל דאָס איז שײַעכ די בורזשואַזיע, ווערנ די דײַטשישע באַדינגונגענ אַלצ מער ענלעכ צו די פראַנצויזישע"[1].

אַ ראַנטיע-מעלוכע איז אַ מעלוכע פונ פאַראַזיטאַרנ, פוילנדיקנ קאַפּיטאַליזמ, און דאָס מוז זיכ אָפּרופנ סײַ אַפּ אַלע סאָציאַל-פּאָליטישע באַדינגונגענ פונ די געגעבענע לענדער בכלל סײַ אַפּ די צוויי גרונט-שטרעמונגענ אינ דער אַרבעטער-באַוועגונג באַזונדערס. קעדיי צו באַווײַזנ עס ווי ווײַט מעגלעכ אָנשוילעכער, וועלנ מיר לאָזנ ריידנ האָבסאָנען, וועלכער איז מער פונ אַלצ „באַגלייבט" אַלס איידעס, ווײַל אימ קאָנ מענ ניט כוישעד זײַנ אינ ניט-גלײַכגילטיקײַט צו דער „מאַרקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע", און פונ דער אַנדערער זײַט, איז ער אַנ ענגלענדער און ווייסט גוט די זאַכלאַגע אינעמ לאַנד, וואָס איז רײַכער פונ אַנדערע אי מיט קאָלאָניעס, אי מיט פינאַנצ-קאַפּיטאַל, אי מיט אימפּעריאַליסטישער דערפאַרונג.

באַשרײַבנדיק, אונטערנ פרישנ אײַנדרוק פונעמ ענגליש-בורישנ קריג, דעמ צוזאַמענהאַנג צווישנ דעמ אימפּעריאַליזמ מיט די אינטערעסנ פונ די „פינאַנסיסטנ", דעמ וווּקס פונ זייערע רעוואָכימ אַפּ פאָדריאַדנ, ליפערונגענ אאַוו., האָט האָבסאָנ געשריבנ: „די ריכטונגס-געבער פונ אָט דער בעפיירעש פאַראַזיטאַרער פּאָליטיק זײַנענ די קאַפּיטאַליסטנ; אָבער די זעלביקע מאָטיוונ ווירקנ אויכ אַפּ ספּעציעלע קאַטעגאָריעס אַרבעטער. אינ אַ סאַכ שטעט זײַנענ די וויכטיקסטע אינדוסטריע-צווײַגנ אָפּהענגיק פונ רעגירונגס-באַשטעלונגענ; דער אימפּעריאַליזמ פונ די צענטערס פונ דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע און פונ דער שיפבוי-אינדוסטריע איז ניט אינ קיינ קלײנער מאָס אָפּהענגיק פונ אָט דעמ פאַקט". צוויי ערליי אומשטענדנ האָבנ, לויט דער מיינונג פונעמ אווטאָר, אָפּגעשוואַכט די קראַפט פונ די אַלטע אימפּעריעס: 1) דער „עקאָנאָמישער פאַראַזיטיזמ" און 2) דאָס, וואָס די אַרמיי פלעגט באַשטיינ פונ אָפּהענגיקע פעלקער. „דאָס ערשטע איז אַ מינהעג פונעמ עקאָנאָמישנ פאַראַזיטיזמ, וואָס מאַכמעס אימ גוצט די הערשנדיקע מעלוכע אויס אירע פּראָווינצנ, קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, קעדיי צו באַרײַכערנ איר רעגירנדיקנ קלאַס און אונטערצוקויפנ אירע נידעריקערע קלאַסנ, אַז זיי זאָלנ בלײַבנ רויִק". צוליב דער עקאָנאָמישער מעגלעכקײַט פונ אַזאַ אונטערקויפנ, אינ וואָס פאַר אַ פאָרמ דאָס זאָל ניט פאָרקומענ, איז נייטיק — וועלנ מיר צוגעבנ פונ זיכ — אַ מאָנאָפּאָליסטיש הויכער רעווע.

וועגנ דעמ צווייטנ אומשטאַנד שרײַבט האָבסאָנ: „איינער פונ די סאַמע מעשונעדיקע סימפּטאָמענ פונ דער בלינדקײַט פונעמ אימפּעריאַליזמ איז די זאָרגלאָזיקײַט, מיט וועלכער גרויסבריטאַניע, פראַנקרײַכ און די איבעריקע אימפּעריאַליסטישע נאַציעס שטעלנ זיכ אַפּ דעמ דאָזיקנ וועג. גרויסבריטאַניע איז אוועק ווײַטער פונ אַלעמענ. דעמ גרעסטנ טייל שלאַכטנ, דורכ וועלכע מיר האָבנ דעראָבערט אונדזער אינדישע אימפּעריע, האָבנ געפירט אונדזערע אַרמייענ, וואָס זײַנענ באַשטאַנענ פונ אָרטגעבוירטיקע אײַנוווינער; אינ אינדיע, ווי אויכ די לעצטע צײַט אינ עגיפּטנ, געפינענ זיכ די גרויסע שטענדיקע אַרמייענ אונטער דער קאָמאַנדע פונ ענגלענדער;

---

[1] „Die Bank", 1911, 1, ז. 11.

קימאַט אלע מילכאָמעס, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ מיט אונדזער באַצווינגענ אפריקע, אכוצ דעמ דאָרעמ-טייל, האָבנ דורכגעפירט פאר אונדז די אָרטנגעבירטיקע אײַנוווינער“.

די פּערספּעקטיוו פונ צעטיילנ כינע רופט ארויס בא האָבסאָנענ אזא עקאָנאָמישע אָפּשאַצונג: „דער גרעסטער טייל פונ מײַרעוו-אייראָפּע וואָלט דאַנ געקאָנט באַקומענ דעמ אויסזעענ אונ דעמ כאַראַקטער, וועלכנ עס האָבנ איצט באַזונדערע טיילנ פונ די דאָזיקע לענדער: דאָרעמ-ענגלאַנד, די ריוויערע, די ערטער פונ איטאַליע אונ פונ דער שווייצ, וואָס ווערנ אמערסטנ באַזוכט פונ טוריסטנ אונ זײַנענ באַזעצט מיט גווירימ, נעמלעכ: א קליינ הײַפעלע רײַכע אריסטאָקראַטנ, וואָס באַקומענ דיווידענדנ אונ פּענסיעס פונעמ ווײַטנ מיזרעכ, מיט אנ עטוואָס גרעסערער גרופּע פּראָפעסיאָנעלע אָנגעשטעלטע אונ סאָכרימ אונ מיט נאָכ א גרעסערער צאָל הויז-דינער אונ ארבעטער אינ דער טראַנספּאָרט-אינדוסטריע אונ אינ דער אינדוסטריע, וואָס איז באַשעפטיקט מיטנ ענדגילטיקנ אויספּאַרטיקנ די פאַבריקאַטנ. די הויפּט-צווײַגנ אָבער פונ דער אינדוסטריע וואָלטנ פאַרשווינדנ, אונ די מאַסנווײַזע דערנערונגס-פּראָדוקטנ, די מאַסנווײַזע האַלב-פאַבריקאַטנ וואָלטנ קומענ, אלס צינז, פונ אזיע אונ פונ אפריקע“. „אָט וואָס פארא מעגלעכקײַטנ ס'עפנט פאר אונדז א ברייטערער פאַרבאַנד פונ די מײַרעוו-מעלוכעס, אנ אייראָפּעיִשע פעדעראַציע פונ די גרויסמאַכטנ: זי וואָלט ניט נאָר ניט געשטויסנ פאָרויס די אַלוועלטלעכע ציוויליזאַציע, נאָר זי וואָלט געקאָנט באַטײַטנ א ריזיקע געפאַר פונ מײַרעוודיקנ פּאַראַזיטיזמ: זי וואָלט אויסגעטיילט א גרופּע פּאָרגעשריטענע אינדוסטריִעלע נאַציעס, וואָס זייערע העכערע קלאַסנ באַקומענ קאָלאָסאַלנ צינז פונ אזיע אונ פונ אפריקע, אונ מיט דער הילפ פונ דעמ דאָזיקנ צינז האַלטנ זיי אויס גרויסע דרעסירטע מאַסנ אָנגעשטעלטע אונ דינער, וואָס זײַנענ באַשעפטיקט שוינ ניט מיט פּראָדוצירנ מאַסנווײַזע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונ אינדוסטריִעלע פּראָדוקטנ, נאָר מיט פּערזענלעכער באַדינונג אָדער מיט א צווייטראַנגיקער אינדוסטריִעלער ארבעט אונטערנ קאָנטראָל פונ דער נײַער פינאַנצ-אריסטאָקראַטיע. זאָלנ די, וואָס זײַנענ גרייט אָוועקצומאַכנ מיט דער האַנט אזא טעאָריע“ (מע האָט באַדאַרפט זאָגנ: פּערספּעקטיוו) „אלס אזא, וואָס פאַרדינט ניט באַטראַכט צו ווערנ, זאָלנ זיי זיכ ארײַנטראַכטנ אינ די עקאָנאָמישע אונ סאָציאַלע באַדינגונגענ פונ יענע געגנטנ פונעמ איצטיקנ דאָרעמ-ענגלאַנד, וואָס זײַנענ שוינ געבראַכט געוואָרנ צו אזא צושטאַנד. זאָלנ זיי א טראַכט טאָנ, וואָס פאר א קאָלאָסאַלע פאַרברייטערונג פונ אזא סיסטעמ עס וואָלט מעגלעכ געוואָרנ, ווענ כינע זאָל ארונטערפאַלנ אונטערנ עקאָנאָמישנ קאָנטראָל פונ אזעלכע גרופּעס פינאַנסיסטנ, „קאַפּיטאַל-אינוועסטאָרס“, פונ זייערע פּאָליטישע אונ האַנדלס-אינדוסטריִעלע אָנגעשטעלטע, וואָס פּאָמפּענ ארויס רעווכ פונעמ גרעסטנ פּאָטענציִעלנ רעזערוואַר, וועלכנ די וועלט האָט נאָר אמאָל געוווסט. קעדיי צו פאַרבויכנ די דאָזיקע רעוואָכימ אינ אייראָפּע. פאַרשטייט זיכ, די סיטואַציע איז א צו קאָמפּליצירטע, ס'איז צו שווער צו דיסקאָנטירנ די שפּיל פונ די וועלט-קויכעס, אז מע זאָל רעכענענ פאר זייער וואַרשײַנלעכ די אָדער יענע אויסטײַטשונג פונ דער צוקונפט בלויז אינ איינ ריכטונג. אָבער די ווירקונגענ, וואָס פירנ בא הײַנטיקנ טאָג אָנ מיטנ אימפּעריאַליזמ אינ מײַרעוו-אייראָפּע, גייענ אינ אָט דער ריכטונג, אונ אויב זיי וועלנ ניט באַקומענ קיינ ווידערשטאַנד, אויב זיי וועלנ ניט

אָפּגעצויגנ ווערנ אינ אנ אנדער זײַט, ארבעטנ זיי גראָד אינ דער ריכטונג, אז דער פּראָצעס זאָל זיכ ענדיקנ מאקע דערמיט"[1].

דער אווטאָר איז פולשטענדיק גערעכט: ווענ די קויכעס פונעם אימפּעריאליזם וואָלטנ ניט באקומענ קיינ ווידערשטאנד, וואָלטנ זיי בעפּיירעש געבראכט דערצו. די באדײַטונג פונ „פאריייניקטע שטאטנ פונ אייראָפּע" אינ די איצטיקע, אימפּעריאליסטישע, באדינגונגענ איז דאָ ריכטיק אָפּגעשאצט. מע וואָלט נאָר געדארפט צוגעבנ, אז אויכ אינעווייניק אינ דער ארבעטער־באוועגונג „ארבעטנ" די אָפּאָרטוניסטנ, וואָס האָבנ איצט צײַטווײַליק געזיגט אינעמ גרעסטנ טייל לענדער, סיסטעמאטיש אונ קעסיידער גראָד אינ אָט דער ריכטונג. דער אימפּעריאליזם, וואָס באטײַט די צעטיילונג פונ דער וועלט אונ די עקספּלואטאציע ניט נאָר פונ כינע אליינ, וואָס באטײַט מאָנאָפּאָליסטיש־הויכע רעוואָכימ פאר א הײַפעלע זייער רײַכע לענדער, שאפט אנ עקאָנאָמישע מעגלעכקײַט אונטערצוקויפנ די אויבערשטע שיכטנ פונעמ פּראָלעטאריאט, אונ דערמיט שפּײַזט ער, פורעמט ער אויס אונ פארשטארקט דעמ אָפּאָרטוניזם. מע דארפ נאָר ניט פארגעסנ אָנ יענע קויכעס, וואָס ווירקנ קעגנ דעמ אימפּעריאליזם בכלל אונ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזם בפרט, קויכעס, וואָס דער סאָציאַל־ליבעראל האָבסאָנ איז נאטירלעכ, ער זאָל זיי ניט זענ.

דער דײַטשישער אָפּאָרטוניסט גערהארד הילדעבראנד, וואָס איז בעשײַטע אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ דער פּאַרטיי פאר פארטיידיקנ דעמ אימפּעריאליזם אונ וואָס וואָלט איצט געקאָנט זײַנ א פירער פונ דער אזויגערופענער „סאָציאַל־דעמאָקראטישער" פּארטיי פונ דײַטשלאנד, דערגאנצט גוט האָבסאָנען, ווענ ער פּריידיקט „פּאריייניקטע שטאטנ פונ מײַרעוו־אייראָפּע" (אָנ רוסלאנד) צוליב „געמיינזאמע" אקציעס... קעגנ די אפריקאנישע נעגערס, קעגנ דער „גרויסער איסלאם־באוועגונג", קעדיי אויסהאלטנ „א שטארקע ארמיי אונ פלאָט", קעגנ דער „יאפּאָניש־כינעזישער קאָאליציע"[2] אאוו.

די באשרײַבונג פונעמ „בריטישנ אימפּעריאליזם" בא שולצע־געווערניצנ באווײַזט אונדז די זעלבע שטריכנ פונ פּאראזיטיזם. די פאָלקס־האכנאָסע פונ ענגלאנד איז פונעמ 1865 יאָר ביז 1898 יאָר געוואָרנ קימאט 2 מאָל אזוי גרויס, אונ די האכנאָסע „פונ אויסלאנד" איז פאר דער זעלבער צײַט אויסגעוואקסנ אינ נײַנ מאָל. אויב דער „פארדינסט" פונעמ אימפּעריאליזם באשטייט אינ „דערציִענ דעמ נעגער צו ארבעט" (אָנ צוואנג קאָנ מענ זיכ ניט באגייג...), באשטייט די „געפאר" פונעמ אימפּעריאליזם דערינ, וואָס „אייראָפּע וועט ארופוואלגערנ די פיזישע ארבעט — צוערשט די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט אונ די בארג־ארבעט אונ דערנאָכ די גראָבערע אינדוסטריעלע ארבעט — אפ די פּלייצעס פונ דער טונקלהויטיקער מענטשהײַט, אונ אליינ וועט זי זיכ באנוגענענ מיט דער ראָליע פונ א ראנטיע, צוגרייטנדיק דערמיט, עפּשער, די עקאָנאָמישע, דערנאָכ אויכ די פּאָליטישע עמאנסיפּאציע פונ די רויטהויטיקע אונ טונקלהויטיקע ראסעס".

[1] Hobson, ז׳ 103, 205, 144, 335, 386.

[2] Gerhard Hildebrand: „Die Erschütterung der Industrieherrschaft und des Industriesozialismus" (גערהארד הילדעבראנד: „די דערשיטערונג פונ דער הערשאפט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ אינדוסטריעלנ סאָציאַליזם". רעד.), 1910, ז׳ 229 אאוו.

אין ענגלאַנד נעמט מען אָפּ אַלץ מער און מער ערד בײַ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און מע גיט זי אַוועק אויף ספּאָרט, אויף פֿאַרווײַלונגען פֿאַר די גווירים. וועגן שאָטלאַנד — דעם סאַמע אַריסטאָקראַטישן אָרט פֿאַר יאַגד און אַנדערלײַ מיניִם ספּאָרט — זאָגט מען, אַז „עס לעבט פֿון זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און פֿונעם מיסטער קאַרנעדזשי“ (אַן אַמעריקאַנער מיליאַרדער). בלויז אויף פֿערד־ספּאָרט און יאַגד טאָן פֿוקסן גיט ענגלאַנד אויס 14 מיליאָן פֿונט סטערלינג (בײַ 130 מיליאָן רובל) אַ יאָר. די צאָל ראַנטיע אין ענגלאַנד באַטרעפֿט בײַ 1 מיליאָן. דער פּראָצענט פּראָדוקטיווע באַפֿעלקערונג ווערט אַלץ קלענער:

(אין מיליאָנען)

	די באַפֿעלקערונג אין ענגלאַנד	די צאָל אַרבעטער אין די הויפּט־צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע	וויפֿל פּראָצ. באַפֿעלקערונג מאַכט עס אויס
1851 . . .	17,9	4,1	23%
1901 . . .	32,5	4,9	15%

און בײַם רעדן וועגן דעם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס, איז דער בורזשואַזער פֿאָרשער פֿונעם „בריטישן אימפּעריאַליזם פֿונעם אָנהייב XX יאָרהונדערט“ געצוווּנגען סיסטעמאַטיש צו אונטערשיידן צווישן דעם „אויבערשטן שיכט“ אַרבעטער און דעם „אייגנטלעכן פּראָלעטאַרישן אונטערשטן שיכט“. דער אויבערשטער שיכט גיט די מאַסע מיטגלידער פֿון קאָאָפּעראַציע און פּראָפֿאַרײַנען, ספּאָרט־געזעלשאַפֿטן און פֿילצאָליקע רעליגיעזע סעקטעס. צו זײַן ניוואָ איז צוגעפּאַסט דאָס וואַלרעכט, וואָס איז אין ענגלאַנד „נאָך אַלץ גענוג באַגרענעצט, כדי אויסצושליסן דעם אייגנטלעכן פּראָלעטאַרישן אונטערשטן שיכט“!! כדי צוצופּוצן די לאַגע פֿונעם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס, רעדט מען געוויינלעך נאָר וועגן דעם דאָזיקן אויבערשטן שיכט, וואָס באַטרעפֿט אַ מינדערהייט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט: למשל, „די פֿראַגע וועגן אַרבעטסלאָזיקייט איז דעריקער אַ פֿראַגע, וואָס איז נוגע לאָנדאָן און דעם פּראָלעטאַרישן אונטערשטן שיכט, מיט וועלכן די פּאָליטיקער רעכענען זיך ווייניק“[1]... מע וואָלט געדאַרפֿט זאָגן: מיט וועלכן די בורזשואַזע פּאָליטיקאַנער און די „סאָציאַליסטישע“ אָפּאָרטוניסטן רעכענען זיך ווייניק.

צו די אייגנטימלעכקייטן פֿונעם אימפּעריאַליזם, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן באַשריבענעם קרײַז דערשײַנונגען, געהערט אויך די פֿאַרקלענערונג פֿון דער עמיגראַציע, וואָס גייט פֿון די אימפּעריאַליסטישע לענדער, און די פֿאַרגרעסערונג פֿון דער אימיגראַציע (דער צופֿלוס פֿון אַרבעטער און איבערוואַנדערונג) אין די דאָזיקע לענדער פֿון די מער אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווו דער אַרבעטסלוין איז אַ נידעריקערער. די עמיגראַציע פֿון ענגלאַנד, ווי האָבסאָן פֿאַרצייכנט, פֿאַלט, אָנגעהויבן פֿון 1884 יאָר אָן: אין דעם יאָר האָט זי באַטראָפֿן 242 טויזנט מאַן, און אין 1900 יאָר —

---

[1] Schulze-Gaevernitz, „Br. Imp.“, זז. 320.

169 טויזנט. די עמיגראציע פונ דײַטשלאנד האָט דערגרייכט איר מאקסימומ אינעמ
יאָרצענדליק פונ די 1881—1890 יאָרנ: 1.453 טויזנט, אונ אינ די צוויי ווײַטערדיקע
יאָרצענדליקער איז זי געפאלנ ביז 544 אונ 341 טויזנט. דערפאר איז געוואקסנ די
צאָל ארבעטער, וואָס קומענ קיינ דײַטשלאנד פונ עסטרײַכ, איטאליע, רוסלאנד אא.
לויט דער פאָלקס=ציילונג פונ 1907 יאָר, זײַנענ אינ דײַטשלאנד געווענ 1.342.294
אויסלענדער, פונ זיי אינדוסטריעלע ארבעטער — 440.800, לאנדווירטשאפטלעכע —
257.329 [1]. אינ פראנקרײַכ זײַנענ די ארבעטער פונ דער בארג=אינדוסטריע „אינ א
באדײַטנדיקנ טייל“ אויסלענדער: פאָליאקנ, איטאליענער, שפאניער [2]. אינ די פאריי=
ניקטע שטאטנ פילנ די אימיגראנטנ פונ מיזרעכ= אונ דאָרעמ=אייראָפע אויס די
אמערגסטנ באצאָלטע ארבעט, אונ די אמעריקאנער ארבעטער גיבנ דעמ גרעסטנ פראָ=
צענט אזעלכע, וואָס רוקנ זיכ ארויס אלס אופזעער אונ באקומענ די אמבעסטנ בא=
צאָלטע ארבעט [3]. דער אימפעריאליזמ האָט א טענדענצ אויסצוטיילנ אויכ צווישנ די
ארבעטער פריווילעגירטע קאטעגאָריעס אונ אָפשפאלטנ זיי פונ די ברייטע פראָלעטא=
רישע מאסנ.

מע דארפ פארצייכענענ, אז די טענדענצ פונעמ אימפעריאליזמ צו צעשפאלטנ
די ארבעטער אונ צו פארשטארקנ צווישנ זיי דעמ אָפּאָרטוניזמ, ארויסצורופנ א צײַט=
ווײַליקע פארפוילונג פונ דער ארבעטער=באוועגונג, האָט זיכ אינ ענגלאנד אָנגעהויבנ
ארויסווײַזנ א סאכ פריער איידער צומ סאָפ XIX אונ אָנהייב XX יאָרהונדערט.
וואָרעמ צוויי וויכטיקסטע כאראקטעריסטישע שטריכנ פונעמ אימפעריאליזמ זײַנענ
אינ ענגלאנד געווענ נאָכ פונ מיטנ XIX יאָרהונדערט: קאָלאָסאלע קאָלאָניאלע בא=
זיצנ אונ די מאָנאָפאָל=לאגע אפנ אלוועלטלעכנ מארק. מארקס אונ ענגעלס האָבנ
סיסטעמאטיש, אינ משעכ פונ א רײ יאָרצענדליקער, נאָכגעשפירט נאָכ אָט דעמ
צוזאמענהאנג צווישנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אינ דער ארבעטער=באוועגונג אונ די אימ=
פעריאליסטישע אייגנטימלעכקײַטנ פונעמ ענגלישנ קאפיטאליזמ. ענגעלס, לעמאָשל,
האָט דעמ 7=טנ אָקטיאבער 1858 יאָר געשריבנ צו מארקסנ: „דער ענגלישער פראָ=
לעטאריאט ווערט פאקטיש אלצ מער אונ מער פארבורזשואזעוועט, אזוי אז די האָ=
זיקע סאמע בורזשואזע פונ אלע נאציעס וויל אפאָנעמ דערפירנ סאָפּקאָלסאָפ דערצו,
אז צוגלײַכ מיט דער בורזשואזיע זאָל זי האָבנ אויכ א בורזשואזע אריסטאָקראַ=
טיע אונ א בורזשואזנ פראָלעטאריאט. פארשטייט זיכ, מיצאד אזא נאציע, וואָס
עקספּלואטירט די גאנצע וועלט, איז דאָס אינ א געוויסער מאָס רעכטמעסיק“. קי=
מאט א פערטל יאָרהונדערט שפעטער, אינ זײַנ בריוו פונ 11=טנ אווגוסט 1881 יאָר,
רעדט ער וועגנ „די ערגסטע ענגלישע טרעד=יוניאָנעס, וועלכע דערלאָזנ, אז מיט זיי
זאָלנ אָנפירנ מענטשנ, אונטערגעקויפטע פונ דער בורזשואזיע אָדער יעדנפאלס פונ
איר באצאָלטע“. אונ אינ זײַנ בריוו צו קאוטסקינ דעמ 12=טנ סענטיאבער 1882 יאָר

---

[1] Statistik des Deutschen Reichs (סטאטיסטיק פונ דער דײַטשישער אימפעריע. רעד.)
.Bd. 21

[2] Henger: „Die Kapitalsanlage der Franzosen“ (הענגער: „די אינוועסטירונגענ פונ די
פראנצויזישע קאפיטאלנ“. רעד.) .St .1913

[3] Hourwich: „Immigration and Labor“ (הורוויטש: „אימיגראציע אונ ארבעט“, רעד.),
ניו־יאָרק, 1913.

האָט ענגעלס געשריבנ: „איר פרעגט מיכ, וואָס טראַכטנ די ענגלישע ארבעטער וועגנ דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק? דאָס אייגענע, וואָס זיי טראַכטנ בכלל וועגנ פּאָליטיק. דאָ איז ניטאָ קיינ ארבעטער־פּארטיי, דאָ זײַנענ פאראַנ נאָר קאָנסערוואַטיווע אונ ליבעראַלע ראַדיקאַלנ, אונ די ארבעטער באַנוצנ זיכ גאַנצ רויִק באַגלײַכ ווי זיי מיט ענגלאַנדס קאָלאָניאַלער מאָנאָפּאָליע אונ מיט זײַנ מאָנאָפּאָליע אויפנ אַלוועלטלעכנ מאַרק“ [1] (דאָס זעלבע האָט ענגעלס געשריבנ אויכ עפנטלעכ אינ דער פּאָרעדע צו דער 2־טער אויפלאַגע פונעמ בוכ „די לאַגע פונעמ ארבעטער־קלאַס אינ ענגלאַנד“, 1892 יאָר).

דאָ זײַנענ קלאָר אָנגעוויזנ די סיבעס אונ די פּאָלגנ. די סיבעס: 1) דאָס, וואָס דאָס געגעבענע לאַנד עקספּלואַטירט די גאַנצע וועלט; 2) זײַנ מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אויפנ אַלוועלטלעכנ מאַרק; 3) זײַנ קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע. די פּאָלגנ: 1) אַ טייל פונעמ ענגלישנ פּראָלעטאַריאַט ווערט פארבורזשואַזעװעט; 2) אַ טייל פונ אימ דערלאָזט, אַז מיט אימ זאָלנ אָנפירנ מענטשנ, אונטערגעקויפטע פונ דער בורזשואַזיע אָדער, יעדנפאַלס, פונ איר באַצאָלטע. דער אימפּעריאַליזמ פונעמ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט פארענדיקט די צעטיילונג פונ דער וועלט דורכ אַ הײַפעלע מעלוכעס, וואָס יעדע פונ זיי עקספּלואַטירט איצט (אינעמ זינ פונ באַקומענ איבער־רעווער) עטוואָס אַ קלענערנ טייל פונ „דער גאַנצער וועלט“ איידער ענגלאַנד אינ 1858 יאָר; יעדע פארנעמט אַ מאָנאָפּאָל־לאַגע אויפנ אַלוועלטלעכנ מאַרק אדאַנק די טרעסטנ, קארטעלנ, דעמ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, די פארהעלטענישנ צווישנ אַ קרעדיטאָר אונ אַ באַלכויוו; יעדע פארמאָגט ביז אַ געוויסער מאָס אַ קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע (מיר האָבנ געזענ, אַז פונ 75 מיליאָנ קוואַדראַט־קילאָמעטער, וואָס אַלע קאָלאָניעס פונ דער וועלט פארנעמענ, זײַנענ 65 מיליאָנ, ד. ה. 86% קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ זעקס מעלוכעס; 61 מיליאָנ, ד. ה. 81%, איז קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ דרײַ מעלוכעס).

דער כאַראַקטעריסטישער שטריכ פונ דער איצטיקער לאַגע באַשטייט אינ אַזעלכע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע באַדינגונגענ, וואָס האָבנ ניט געקאָנט ניט פארשטאַרקנ די אומבאַשאָלעמדיקײַט צווישנ דעמ אָפּאָרטוניזמ מיט די אַלגעמיינע אונ קאַרדינאַלע אינטערעסנ פונ דער ארבעטער־באַוועגונג: דער אימפּעריאַליזמ איז פונ אַנ עמבריאָנ אויסגעוואַקסנ אינ אַ הערשנדיקער סיסטעמ; די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס האָבנ פארנומענ דאָס ערשטע אָרט אינ דער פאָלקסווירטשאַפט אונ אינ דער פּאָליטיק; די צעטיילונג פונ דער וועלט איז דערפירט ביזנ סאָפּ; אונ, פונ דער אַנדערער זײַט, זעענ מיר אָנשטאָט דער אַבסאָליוטער מאָנאָפּאָליע פונ ענגלאַנד — אַ קאַמפּ צווישנ אַ קליינער צאָל אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס פארנ אָנטייל אינ דער מאָנאָפּאָליע, אַ קאַמפּ, וואָס כאַראַקטעריזירט דעמ גאַנצנ אָנהייב פונעמ XX יאָרהונדערט. דער אָפּאָרטוניזמ קאָנ איצט ניט ווערנ קיינ פולשטענדיקער זיגער אינ דער ארבעטער־

[1] Briefwechsel von Marx und Engels, Bd. II (קאָרעספּאָנדענצ פונ מארקס אונ ענגעלס, ב. II, רעד.), ז. 290; IV, ז. 453. — K. Kautsky: „Sozialismus und Kolonialpolitik“ (ק. קאוטסקי: „סאָציאַליזמ אונ קאָלאָניאַל־פּאָליטיק“. רעד.), בערלינ 1907, ז. 79; די דאָזיקע בראָשור איז אָנגעשריבנ געוואָרנ נאָכ אינ יענע גאָר־גאָר ווײַטע צײַטנ, ווענ קאוטסקי איז געווענ אַ מאַרקסיסט.

באוועגונג פונ אוועלכנ-ניט-איז לאנד אפ א לאנגער ריי יאָרצענדליקער, ווי עס האָט געהאט געזיגט דער אָפּאָרטוניזמ אינ ענגלאנד אינ דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט, אָבער ער איז שוינ ענדגילטיק צייטיק געוואָרנ, ער איז איבערצייטיק אונ צעפוילט געוואָרנ אינ א ריי לענדער, האָבנדיק פולקומ זיכ צונויפגעגאָסנ מיט דער בורזשואזער פּאָליטיק, אלס סאָציאל-שאָוויניזמ [1].

IX. די קריטיק פונעמ אימפעריאליזמ

קריטיק פונעמ אימפעריאליזמ פארשטייענ מיר אינעמ ברייטנ זינענ פונעמ וואָרט, אלס באציונג צו דער פּאָליטיק פונעמ אימפעריאליזמ מיצאד פארשיידענע קלאסנ פונ דער געזעלשאפט אינ צוזאמענהאנג מיט זייער אלגעמיינער אידעאָלאָגיע.

די ריזיקע מאסשטאבנ פונעמ פינאנצ-קאפיטאל, וואָס איז קאָנצענטרירט אינ א קליינער צאָל הענט אונ שאפט אנ אויסערגעווייגלעכ ברייט צעוואָרפענע אונ געדיכטע נעצ פארהעלטענישנ אונ פארבינדונגענ, וועלכע מאכט אונטערטעניק צו אימ א מאסע ניט נאָר מיטעלע אונ קליינע, נאָר אויכ גאָר קליינע קאפיטאליסטנ אונ באלעבאטימלעכ, — פונ איינ זייט, אונ פונ דער אנדערער זייט, דער פארשארפטער קאמפ קעגנ אנדערע נאציאָנאל-מעלוכישע גרופעס פינאנסיסטנ פאר דער צעטיילונג פונ דער וועלט אונ פאר דער הערשאפט איבער די איבעריקע לענדער, — דאָס אלצ פירט דערצו, אז אלע פארמעגלעכע קלאסנ גייענ מאסנווייז אריבער אפ דער זייט פונעמ אימפעריאליזמ. „אלגעמיינע" באגייסטערונג פאר זיינע פערספעקטיוו, ווילדע פארטיידיקונג פונעמ אימפעריאליזמ, באמיונגענ אפ קאָלערליי אופאנימ צוצופוצנ אימ, — אָט דאָס איז דער צייכנ פונ אונדזער צייט. די אימפעריאליסטישע אידעאָלאָגיע דרינגט אריינ אפילע אינעמ ארבעטער-קלאס. קיינ כינעזישע וואנט צווישנ דעמ ארבעטער-קלאס אונ די איבעריקע קלאסנ איז ניטאָ. אויב די פירער פונ דער איצטיקער אזויגערופענער „סאָציאל-דעמאָקראטישער" פארטיי פונ דייטשלאנד האָבנ מיט רעכט באקומענ דעמ נאָמענ „סאָציאל-אימפעריאליסטנ", דה. סאָציאליסטנ לויט זייערע רייד אונ אימפעריאליסטנ לויט זייערע מעסימ, האָט האָבסאָנ נאָכ אינ 1902 יאָר פארצייכנט, אז עס עקזיסטירנ „פאביאנישע אימפעריאליסטנ" אינ ענגלאנד, וואָס געהערנ צו דער אָפּאָרטוניסטישער „פאביאנער-געזעלשאפט".

די בורזשואזע געלערנטע אונ פובליציסטנ טרעטנ געוויינלעכ ארויס אלס פארטיידיקער פונעמ אימפעריאליזמ אינ עטוואָס א פארהוילענער פאָרמ, — זיי סטארענ זיכ צו פארשמירנ די פולשטענדיקע הערשאפט פונעמ אימפעריאליזמ אונ זיינע טיפע וואָרצלענ, זיי זעענ ארויסצורוקנ אינ פאָדערגרונט פראָטימ אונ צווייטראנגיקע איינצלהייטנ; זיי באמיענ זיכ אָפּצוציענ די אויפמערקזאמקייט פונעמ איקער דורכ אבסאָלוט ניט קיינ ערנסטע פראָיעקטנ וועגנ אזעלכע „רעפאָרמעס", ווי, אשטייגער, פּאָליציישע אויפזיכט אפ די טרעסטנ אָדער אפ די בענק אד"ג. זעלטענער טרעטנ

[1] דער רוסישער סאָציאל-שאָוויניזמ פונ די הערנ פּאָטרעסאָוו, טשכענקעליס, מאסלאָוו אאוו. איז סיי אינ זיינ אָפענער סיי אינ זיינ פארשטעלטער פאָרמ (פונ די הערנ טשכעידזע, סקאָבעלעוו, אקסעלראָד, מארטאָוו אא.) אויכ אויסגעוואקסנ פונ דער רוסישער וואריאציע פונ אָפּאָרטוניזמ, נעמלעכ, פונ דער ליקווידאטאָריי.

אַרויס ציניש, אָפענע אימפּעריאַליסטנ, וואָס האָבנ די מוט צו אָנערקענענ, אַז דער געדאַנק צו רעפאָרמירנ די גרונט-אייגנשאַפטנ פונעמ אימפּעריאַליזמ איז אַנ אומ-געלומפּערטער.

מיר וועלנ ברענגענ איינ בײַשפּיל. אינ דער אויסגאַבע: „אַרכיוו פונ דער וועלט-ווירטשאַפט" באַמיִענ זיכ די דײַטשישע אימפּעריאַליסטנ נאָכצושפּירנ נאָכ די נאַציאָנאַל-באַפרײַערישע באַוועגונגענ אינ די קאָלאָניעס, באַזונדערס, פאַרשטייט זיכ, אינ די ניט-דײַטשישע. זיי פאַרצייכענענ, אַז עס קומענ פאָר א יוירונג אונ פּראָטעסטנ אינ אינדיע, א באַוועגונג אינ נאַטאַל (דאָרעמ-אַפריקע), אינ דער האָלענדישער אינ-דיע אאַו. איינער פונ זיי דרוקט א נאָטיצ וועגנ אַנ ענגלישער אויסגאַבע, וואָס גיט א באַריכט וועגנ דער קאָנפערענצ פונ די אונטערטעניקטע פעלקער אונ ראַסעס, וועלכע איז פאָרגעקומענ דעמ 28—30 יונ 1910 יאָר (אינ דער דאָזיקער קאָנפערענצ האָבנ זיכ באַטייליקט פאָרשטייער פונ פאַרשיידענע פעלקער פונ אַזיע, אַפריקע, איי-ראָפּע, וואָס געפינענ זיכ אונטער פרעמדלענדישער הערשאַפט). אָפּשאַצנדיק די רע-דעס, וואָס זײַנענ געהאַלטנ געוואָרנ אויפ דער דאָזיקער קאָנפערענצ, שרײַבט ער: „קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ, זאָגט מענ אונדז, דאַרפ מענ קעמפנ; די הערשנדיקע מעלוכעס מוזנ אָנערקענענ דאָס רעכט פונ די אונטערטעניקטע פעלקער אויפ זעלבּ-שטענדיקײַט; א צווישנפעלקערלעכער טריבונאַל דאַרפ אַכטונג געבנ, עס זאָלנ אויס-געפילט ווערנ די אָפּמאַכנ, וואָס זײַנענ געשלאָסנ געוואָרנ צווישנ די גרויסמאַכטנ מיט די שוואַכע פעלקער. ווײַטער פונ אָט די אומשולדיקע ווונטשנ גייט ניט די קאָנ-פערענצ. מיר זעענ ניט אַפילע קיינ ברעקל פאַרשטאַנד פאַר יענעמ עמעס, אַז דער אימפּעריאַליזמ איז אָרגאַניש פאַרבונדנ מיטנ קאַפּיטאַליזמ אינ זײַנ איצטיקער פאָרמ אונ אַז דעריבער (!!) איז א דירעקטער קאַמפ קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ האָפּע-נונגסלאָז, סײַדנ זיכ באַגרענעצנ מיט אַרויסטרעטונגענ קעגנ איינצלנע, באַזונדערס עקלהאַפטע, עקסצעסנ"[1]. אַזוי ווי דאָס רעפאָרמיסטישע פאַריכטנ די יעסוידעס פו-נעמ אימפּעריאַליזמ איז א שווינדל, אַנ „אומשולדיקער ווונטש", אַזוי ווי די בור-זשואַזע פאָרשטייער פונ די אונטערדריקטע נאַציעס גייענ ניט „ווײַטער" פאָרויס, גייט דערפאַר דער בורזשואַזער פאָרשטייער פונ דער אונטערדריקנדיקער נאַציע „ווײַ-טער" אויפ צוריק אונ פאַלט אויפ די קני פאַרנ אימפּעריאַליזמ, פאַרשלייערנדיק דאָס מיט א פּרעטענזיע אויפ „וויסנשאַפטלעכקײַט". אויכ א „לאָגיק"!

די פראַגנ וועגנ דעמ, צי איז מעגלעכ אויפ א רעפאָרמיסטישנ אויפנ צו ענדערנ די יעסוידעס פונעמ אימפּעריאַליזמ, צי דאַרפ מענ גיינ פאָרויס, צו דער ווײַטערדי-קער פאַרשאַרפונג אונ פאַרטיפערונג פונ די ווידערשפּרוכנ, וועלכע ער רופט אַרויס, אָדער מע דאַרפ גיינ אויפ צוריק, צומ פאַרטעמפּנ זיי, — דאָס זײַנענ גרונט-פראַגנ פאַר דער קריטיק פונעמ אימפּעריאַליזמ. אַזוי ווי די פּאָליטישע אייגנטימלעכקײַטנ פונעמ אימפּעריאַליזמ זײַנענ — רעאַקציע אויפ דער גאַנצער ליניע אונ פאַרשטאַרקונג פונעמ נאַציאָנאַלנ דרוק אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ דרוק פונ דער פינאַנצ-אָליגאַרכיע אונ מיט דער באַזײַטיקונג פונ דער פרײַער קאָנקורענצ, טרעט דעריבער די קליינ-

[1] Weltwirtschaftliches Archiv, Bd. II (אַרכיוו פונ דער וועלט-ווירטשאַפט, ב. II. רעד.), ז. 193.

בירגערלעכ-דעמאָקראטישע אָפּאָזיציע קעגנ דעמ אימפּעריאליזמ ארויס שיִר ניט איג אלע אימפּעריאליסטישע לענדער פונעמ אָנהייב XX יאָרהונדערט. אונ דאָס, וואָס קאוטסקי אונ די ברייטע אינטערנאציאָנאלע שטרעמונג פונ קאוטסקיאניזמ האָבנ איינגעריסנ מיטנ מארקסיזמ, באשטייט טאקע דערינ, וואָס קאוטסקי האָט ניט גאָר ניט געזאָרגט, ניט געקענט זיכ קעגנשטעלנ קעגנ אָט דער קליינבירגערלעכער, רעפאָרמיסטישער, עקאָנאָמיש אינעמ גרונט אירנ רעאקציאָנערער, אָפּאָזיציע, נאָר ער האָט זיכ, פארקערט, פראקטיש מיט איר צונויפגעגאָסנ.

איג די פאריייניקטע שטאטנ האָט די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע קעגנ שפּאניע איג 1898 יאָר ארויסגערופנ אנ אָפּאָזיציע מיצאד די „אנטי-אימפּעריאליסטנ", די לעצטע מאָהיקאנער פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. זיי האָבנ דערקלערט די דאָזיקע מילכאָמע פאר א „פארברעכערישער", זיי האָבנ געהאלטנ, אז מיטנ אנעקסירנ פרעמדע לענדער איז מענ אויווער אפ דער קאָנסטיטוציע, די האנדלונג בענגייע אגווינאלדאָנ, דעמ פירער פונ די אָרטנגבירטיקע איינוווינער פונ די פיליפּינענ (מע האָט צוגעזאָגט זייַנ לאנד פרייַהייט אונ דערנאָכ האָט מענ ארויסגעזעצט אפ די אינדזלענ אמעריקאניש מיליטער אונ אנעקסירט די פיליפּינענ), האָבנ זיי דערקלערט פאר א „שווינדל פונ די שאָוויניסטנ"; זיי פלעגנ ציטירנ לינקאָלנס ווערטער: „ווענ א ווייסער מענטש רעגירט איבער זיכ אליינ, איז עס זעלבסטפארוואלטונג; ווענ ער רעגירט איבער זיכ אליינ אונ צוגלייַכ אויכ איבער אנדערע, איז עס שוינ ניט קיינ זעלבסטפארוואלטונג, דאָס איז דעספּאָטיזמ"[1]. נאָר קאָלומאנ אָט די גאנצע קריטיק האָט מוירע געהאט צו אָנערקענענ דעמ אָרגאנישנ צוזאמענבונד צווישנ דעמ אימפּעריאליזמ מיט די טרעסטנ, אונ, דאָס הייסט, מיט די יעסוידעס פונעמ קאפּיטאליזמ, קאָלומאנ זי האָט מוירע געהאט אָנצושליסנ זיכ אָנ די קויכעס, וואָס ווערנ ארויסגערופנ דורכנ גרויס-קאפּיטאליזמ אונ דורכ זייַנ אנטוויקלונג, איז זי פארבליבנ אנ „אומשולדיקער ווונטש".

פונקט אזוי איז אויכ האָבסאָנס גרונט-פּאָזיציע איג זייַנ קריטיק פונעמ אימפּעריאליזמ. האָבסאָנ איז נאָר פארלאָפנ דעמ ווענ קאוטסקינ, ווענ ער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער „אומפארמייַדלעכקייַט פונעמ אימפּעריאליזמ" אונ האָט אפּעלירט צו דער נייטיקייַט „צו העכערנ די געברויכ-פייִקייַט" פונ דער באפעלקערונג (באמ קאפּיטאליזמ!). די ניט איינ מאָל פונ אונדז ציטירטע אגאד, א. לאנסבורג, ל. עשווענע, אונ פונ די פראנצויזישע שרייַבער — וויקטאָר בעראר, דער אוטאָר פונעמ אויבערפלעכלעכנ בוכ: „ענגלאנד אונ דער אימפּעריאליזמ", דערשינענ איג 1900 יאָר, זיי אלע שטייענ אפנ קליינבירגערלעכנ שטאנדפּונקט איג דער קריטיק פונעמ אימפּעריאליזמ, פונ דער אלמעכטיקייַט פונ די בענק, פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע אאוו. זיי אלע, האגאמ זיי פרעטענדירנ לאכלוטנ ניט אפ מארקסיזמ, שטעלנ קעגנ די פרייַע קאָנקורענצ אונ די דעמאָקראטיע קעגנ דעמ אימפּעריאליזמ, זיי פארורטיילנ דעמ אופטו מיט דער באגדאדער אייַזנבאנ, וועלכער פירט צו קאָנפליקטנ אונ צו מילכאָמע, זיי זאָגנ ארויס „אומשולדיקע ווונטשנ" וועגנ שאָלעמ אדג.; אזוי האנדלט אויכ

[1] J. Patouillet: „L'impérialisme américain". Dijon (זש. פאטויע: „אמעריקאנישער אימפּעריאליזמ". דיזשאָנ, רעד.), 1904, ז. 272.

דער סטאטיסטיקער פונ אינטערנאציאָנאלע עמיסיעס א. נייִמארק, וועלכער האָט אינ 1912 יאָר, צונויפרעכענענדיק די הונדערטער מיליארדנ פראנק „צווישנפעלקערלעכע" ווערטנ, אויסגערופנ: „צי קאָנ מענ גאָר מייגענ, אז דער שאָלעמ קאָנ געבראָכנ ווערנ?... אז בא אזוינע קאָלאָסאלע ציפערנ זאָל מענ ריזיקירנ ארויסצורופנ א מילכאָמע?"[1].

מיצאד בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ איז אזא נאיִווקייט קיינ כידעש ניט; אגעוו, לוינט זיי טאקע אויסצוזענ אזוי נאיִוו אונ צו ריידנ „ערנסט" וועגנ שאָלעמ אינ די צייטנ פונ אימפּעריִאליזמ. וואָס איז אָבער פארבליבנ פונ מארקסיזמ בא קאוטסקינ, ווענ ער שטעלט זיכ אינ די יאָרנ 1914, 1915, 1916 אפ דעמ זעלביקנ בורזשואז-רעפאָרמיסטישנ שטאנדפונקט אונ טייִנעט, אז „אלע זייִנענ מאסקימ" (די אימפּעריִאליסטנ, די קלוימערשטע סאָציִאליסטנ אונ די סאָציִאל-פּאציפיסטנ) וועגנ א שאָלעמ? אָנשטאָט צו אנאליזירנ אונ אופדעקנ די טיפקייט פונ די ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריִאליזמ, זענענ מיר בלויז א רעפאָרמיסטישנ „אומשולדיקנ ווונטש" אָפּצוטרייסלענ זיכ, ארויסצודרייענ זיכ פונ זיי.

אָט איז א מוסטער פונ קאוטסקיס עקאָנאָמישער קריטיק פונעמ אימפּעריִאליזמ. ער נעמט די אָנגאבנ וועגנ ענגלאנדס עקספּאָרט אונ אימפּאָרט פונ עגיפּעט אינ די יאָרנ 1872 אונ 1912; ווייִזט זיכ ארויס, אז דער דאָזיקער עקספּאָרט אונ אימפּאָרט איז געוואקסנ שוואכער איידער ענגלאנדס אלגעמיינער עקספּאָרט אונ אימפּאָרט. פונדאנענ דרינגט קאוטסקי ארויס אזא מינ סוואָרע: „מיר האָבנ קיינ שומ גרונט ניט צו מיינענ, אז ווענ עגיפּעט וואָלט ניט אָקופּירט געוואָרנ דורכ מיליטער, וואָלט דער האנדל מיט אימ ווייניקער אויסגעוואָקסנ אונטער דער ווירקונג פונעמ פּאָשעטנ געוויכט פונ די עקאָנאָמישע פאקטאָרנ". „די שטרעבונגענ פונעמ קאפּיטאל צומ פארברייטערנ זיכ" „קאָנענ בעסער פאר אלץ דערגרייכט ווערנ ניט דורכ די געוואלט-מעטאָדנ פונעמ אימפּעריִאליזמ, נאָר דורכ פרידלעכער דעמאָקראטיע"[2].

אָט די בקירע קאוטסקיס, וועלכע עס כאזערט איבער אפ הונדערטערליי אויפאנימ זייִנ רוסלענדישער וואָפּנטרעגער (אונ רוסלענדישער באשיצער פונ די סאָציִאל-שאָוויניסטנ) ה' ספּעקטאטאָר, איז דער יעסאָד פונ דער קאוטסקיִאנישער קריטיק פונעמ אימפּעריִאליזמ, אונ מע מוז זיכ דעריבער אָפּשטעלנ אפ איר אויספירלעכער. לאָמיר אָנהייבנ מיט א ציטאטע פונ הילפערדינג, וואָס זייִנע אויספירנ האָט קאוטסקי א סאכ מאָל, דערונטער אויכ אינ אפּרעל 1915 יאָר, דערקלערט „פאר איינשטימיק אָנגענומענע פונ אלע סאָציִאליסטישע טעאָרעטיקער".

„ס'איז ניט קייִנ אייסעק פארנ פּראָלעטאריאט — שרייבט הילפערדינג — קעגנצושטעלנ דער מער פּראָגרעסיווער קאפּיטאליסטישער פּאָליטיק די שוינ דורכגעמאכטע ערע פונ פרייענ האנדל אונ פונ פייִנטלעכער באציִונג צו דער מעלוכע. דער

---

[1] Bulletin de l'Institut International de Statistique. T. XIX, livr. II, p. 225 (ביולעטענ פונעמ אינטערנאציִאָנאלנ סטאטיסטישנ אינסטיטוט, ב. XIX, בוכ II, ז. 225. רעד.).

[2] Kautsky: „Nationalstaat, imperialistischer Staat und Staatenbund", Nürnberg 1915, ז. 72 אונ 70. (קאוטסקי: „נאציִאָנאלע מעלוכע, אימפּעריִאליסטישע מעלוכע אונ פארבאנד פונ מעלוכעס". נירנבערג. רעד.).

ענטפער פונעם פראָלעטאריאט אפ דער עקאָנאָמישער פאָליטיק פונעם פינאנצ-קאפיטאל, אפנ אימפעריאליזם, קאָנ זײַנ — ניט פרײַהײט פונ האנדל, נאָר בלויז סאָציאליזם. ניט אזא אידעאל, ווי דאָס אופשטעלנ צוריק די פרײַע קאָנקורענצ (דאָס איז איצט געוואָרנ א רעאקציאָנערער אידעאל), קאָנ איצט זײַנ דער ציל פונ דער פראָלעטארישער פאָליטיק, נאָר בלויז די פולשטענדיקע פארניכטונג פונ קאָנקורענצ דורכנ באזײַטיקנ דעם קאפיטאליזם"[1].

מיטנ פארטיידיקנ בענעגייע דער עפּאָכע פונעם פינאנצ-קאפיטאל דעם „רעאקציאָנערנ אידעאל", די „פרידלעכע דעמאָקראטיע", דעם „פּאָשעטנ געוויכט פונ עקאָנאָמישע פאקטאָרנ" האָט קאוטסקי אײַנגעריסנ מיטנ מארקסיזם, — וואָרעם אָט דער אידעאל שלעפּט אָ ב י ע ק ט י ו אפּ צוריק, פונעם מאָנאָפּאָליסטישנ קאפיטאליזם צו דעם ניט-מאָנאָפּאָליסטישנ, ער איז א רעפאָרמיסטישער שווינדל.

דער האנדל מיט עגיפּעט (אָדער מיט אנ אנדער קאָלאָניע צי מיט א האלב-קאָלאָניע) „וואָלט אויסגעוואקסנ" שטארקער אָ נ א מיליטערישער אָקופּאציע, אָנ דעם אימפעריאליזם, אָנ דעם פינאנצ-קאפיטאל. וואָס הײסט עס? אז דער קאפיטאליזם וואָלט זיכ אנטוויקלט גיכער, ווענ די פרײַע קאָנקורענצ וואָלט ניט געווענ באגרענעצט ניט דורכ מאָנאָפּאָליעס בכלל, ניט דורכ „פארבינדונגענ" אָדער דורכנ דרוק (ד"ה. אויכ מאָנאָפּאָליע) פונעם פינאנצ-קאפיטאל, ניט דורכ דעם, וואָס אײַנצלנע לענדער באזיצנ מאָנאָפּאָליסטיש קאָלאָניעס?

קײנ אנדער זינ קאָנענ קאוטסקיס כקירעס ניט האָבנ, און דער דאָזיקער „זינ" איז אנ אומזינ. זאָל זײַנ, אז יאָ, אז די פרײַע קאָנקורענצ, אָנ שום מאָנאָפּאָליעס, וואָלט גיכער אנטוויקלט דעם קאפיטאליזם און דעם האנדל. וואָס גיכער עס גײט אָבער די אנטוויקלונג פונעם האנדל און פונעם קאפיטאליזם, אלצ שטארקער איז די קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע און פונעם קאפיטאל, וועלכע געבוירט די מאָנאָפּאָליע. און די מאָנאָפּאָליעס זײַנענ ש ו י נ געבוירנ געוואָרנ — און טאקע פ ו נ דער פרײַער קאָנקורענצ! אויב אפילע די מאָנאָפּאָליעס האָבנ איצט גענומענ פארלאנגזאמענ די אנטוויקלונג, איז עס נאָכ פונדעסטוועגנ ניט קײנ ארגומענט לעטויוועס פרײַער קאָנקורענצ, וועלכע קאָנ ניט געמאָלט זײַנ נאָכ דעם, ווי זי האָט געבוירנ די מאָנאָפּאָליעס.

ווי איר זאָלט ניט דרייענ קאוטסקיס כקירע, איז אינ איר אכוצ רעאקציאָנערקײט און בורזשואזנ רעפאָרמיזם גארנישט ניטאָ.

אויב מע זאָל אויסבעסערנ די דאָזיקע כקירע און זאָגנ, ווי עס זאָגט ספּעקטאָר: דער האנדל פונ די ענגלישע קאָלאָניעס מיט ענגלאנד אנטוויקלט זיכ איצט לאנגזאמער אײדער מיט אנדערע לענדער — ראטעוועט עס אויכ ניט קאוטסקין. וואָרעם ענגלאנד ווערט געשלאָגנ א ו י כ דורכ דער מאָנאָפּאָליע, א ו י כ דורכ אימפעריאליזם, — נאָר פונ אנ אנדער לאנד (פונ אמעריקע, דײַטשלאנד). ס'איז באוווּסט, אז די קארטעלנ האָבנ געבראכט צו שוצ-צאָלנ פונ א נײַעם, אָריגינעלנ טיפּ: ס'ווערנ באשיצט (דאָס האָט נאָכ ענגעלס פארצייכנט אינעם III באנד „קאפיטאל") גראָד יע-

[1] „פינאנצ-קאפיטאל", ז. 567.

נע פּראָדוקטן, וועלכע טויגן צום עקספּאָרט. ווייטער איז באַוווּסט די פּאַר די קאַר־טעלן און פּאַרן פינאַנץ־קאַפּיטאַל אייגנטימלעכע סיסטעם „פון עקספּאָרטירן לויט דעמפּינג־פּרייזן", פון „אַרויסשלײַדערן", ווי עס דריקן זיך אויס די ענגלענדער: אינ־ווייניק אין לאַנד פאַרקויפט דער קאַרטעל זײַנע פּראָדוקטן לויט אַ מאָנאָפּאָליסטיש־הויכער פּרײַז, און קיין אויסלאַנד פאַרקויפט ער זיי שפּאָט־ביליק, כדי אונטערצו־רײַסן דעם קאָנקורענט, כדי צו פאַרברייטערן ביזן מאַקסימום די אייגענע פּראָ־דוקציע א.אַז.וו. אויב דײַטשלאַנד אַנטוויקלט זײַן האַנדל מיט די ענגלישע קאָלאָניעס גיכער איידער ענגלאַנד — דערווײַזט עס נאָר, אַז דער דײַטשישער אימפּעריאַליזם איז פרישער, שטאַרקער, אָרגאַניזירטער, העכער פונעם ענגלישן, דאָס דערווײַזט אָבער לאַכלוטן ניט קיין „איבערוואָג" פונעם פרײַען האַנדל, ווײַל דאָ גייט אַ קאַמף ניט צווישן דעם פרײַען האַנדל און דעם פּראָטעקציאָניזם, ניט צווישן דעם פרײַען האַנדל און דער קאָלאָניאַלער אָפּהענגיקייט, נאָר אַ קאַמף צווישן איין אימפּעריאַליזם און דעם צווייטן, צווישן איין מאָנאָפּאָליע און דער צווייטער, צווישן איין פינאַנץ־קאַפּי־טאַל און דעם צווייטן. די איבערוואָג פונעם דײַטשישן אימפּעריאַליזם איבערן ענג־לישן איז שטאַרקער איידער די וואַנט פון קאָלאָניאַלע גרענעצן אָדער פון פּראָטעקצי־אָניסטישע גרענעץ־אָפּצאָלן: מאַכן דערפון אַן „אַרגומענט" לטובת דעם פרײַען האַנדל און „פרידלעכער דעמאָקראַטיע" איז באַנאַל, הייסט פאַרגעסן די גרונט־שטריכן און אייגנשאַפטן פונעם אימפּעריאַליזם, פאַרבײַטן דעם מאַרקסיזם אויף קליינבירגערלעכן רעפאָרמיזם.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אפילו דער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט א. לאַנסבורג, וועלכער קריטיקירט דעם אימפּעריאַליזם פּונקט אַזוי באַלעבעסלדיק ווי קאַוטסקי, האָט פונדעסטוועגן זיך דערנעענטערט צו אַ מער וויסנשאַפטלעכן באַאַרבעטן די אָנגאַבן פון דער האַנדלס־סטאַטיסטיק. ער האָט פאַרגליכן ניט נאָר איין צופעליק אַרויסגעכאַפּט לאַנד און ניט נאָר אַ קאָלאָניע מיט די איבעריקע לענדער, נאָר ער האָט פאַרגליכן דעם עקספּאָרט פון אַן אימפּעריאַליסטיש לאַנד 1) אין די לענדער, וואָס זײַנען פון אים פינאַנציעל אָפּהענגיק, וואָס לײַען בא אים געלט, און 2) אין די לענדער, וואָס זײַנען פינאַנציעל ניט אָפּהענגיק. האָט זיך באַקומען אָט וואָס:

דער עקספּאָרט פון דײַטשלאַנד (מיליאָנען מאַרק)

אין לענדער, וואָס זײַנען פינאַנציעל אָפּהענגיק פון דײַטשלאַנד:

	1889	1908	פאַרגרעסערט אויף %
רומעניע	48,2	70,8	+ 47%
פּאָרטוגאַל	19,0	32,8	+ 73%
אַרגענטינע	60,7	147,0	+ 143%
בראַזיליע	48,7	84,5	+ 73%
טשילי	28,3	52,4	+ 85%
טערקײַ	29,9	64,0	+ 114%
סאַכאַקל . . .	*234,8*	*451,5*	*+ 92%*

אינ לענדער, וואָס זיינענ פינאַנציעל אומאָפּהענגיק פונ דייטשלאַנד:

	1889	1908	פאַרגרעסערט אפ %
גרויסבריטאַניע . . .	651,8	997,4	+ 53%
פראַנקרייכ	210,2	437,9	+ 108%
בעלגיע	137,2	322,8	+ 135%
שווייצ	177,4	401,1	+ 127%
אווסטראַליע	21,2	64,5	+ 205%
האָלענד. אינדיע . .	8,8	40,7	+ 363%
סאַכאַקל	*1.206,6*	*2.264,4*	*+ 87%*

לאַנסבורג האָט ניט אונטערגעצויגנ קיינ סאַכאַקלענ און האָט דעריבער, צום באַוווּנדערנ, ניט באַמערקט, אַז אויב די דאָזיקע ציפערנ דערווייזנ יאָ עפּעס, איז נאָר קעגנ אים, ווייל דער עקספּאָרט אינ פינאַנציעל אָפּהענגיקע לענדער איז, האַגאַם ניט אפ קיינ סאַכ, נאָר דאָכ אויסגעוואַקסנ גיכער איידער אינ די פינאַנציעל אומאָפּהענגיקע (מיר שטרייכנ אונטער „אויב“, ווייל לאַנסבורגס סטאַטיסטיק איז נאָכ ווייט ניט קיינ פולע).

נאָכשפּירנדיק דעם צוזאַמענהאַנג צווישנ דעם עקספּאָרט מיט די האַלוואָעס, שרייבט לאַנסבורג:

„אינ 1890—1891 יאָר איז געמאַכט געוואָרנ די רומענישע האַלוואָע דורכ דער פאַרמיטלונג פונ די דייטשישע בענק, וואָס האָבנ שוינ אינ די פריערדיקע יאָרנ אפ דעם סמאַכ געגעבנ אַוואַנסנ. די האַלוואָע האָט געדינט דעריקער אפ איינצוקויפנ אייזנבאַנ-מאַטעריאַלנ, וואָס מע פלעגט באַקומענ פונ דייטשלאַנד. אינ 1891 יאָר האָט דער דייטשישער עקספּאָרט קיינ רומעניע באַטראָפנ 55 מיליאָנ מאַרק. אינעם פאָלגנדיקנ יאָר איז דער עקספּאָרט געפאַלנ ביז 39,4 מיליאָנ און, מיט איבעררייסנ, איז ער געפאַלנ ביז 25,4 מיליאָנ אינ 1900 יאָר. ערשט די סאַמע לעצטע יאָרנ האָט ער ווידער דערגרייכט ביז דער הייכ פונ 1891 יאָר, — אַדאַנק צוויי נייע האַלוואָעס.

„דער דייטשישער עקספּאָרט קיינ פּאָרטוגאַל איז אויסגעוואַקסנ אַדאַנק די האַלוואָעס פונ 1888—1889 ביז 21,1 מיליאָנ (1890); אינ די ווייטערדיקע צוויי יאָר איז ער געפאַלנ ביז 16,2 און 7,4 מיליאָנ און האָט דערגרייכט צו זיינ פריערדיקער הייכ ערשט אינ 1903 יאָר.

„נאָכ בולעטער זיינענ די ציפערנ וועגנ דעם דייטשיש-אַרגענטינישנ האַנדל. אַדאַנק די האַלוואָעס פונ די יאָרנ 1888 און 1890 האָט דער דייטשישער עקספּאָרט קיינ אַרגענטינע דערגרייכט אינ 1889 יאָר 60,7 מיליאָנ. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דער עקספּאָרט באַטראָפנ אינגאַנצנ 18,6 מיליאָנ, ווייניקער ווי אַ דריטבייליעס פונעם פריערדיקנ. ערשט אינ 1901 יאָר האָט דער עקספּאָרט דערגרייכט און אַריבערגעשטיגנ דעם ניוואָ פונ 1889 יאָר, און דאָס איז געווענ פאַרבונדנ מיט נייע מעלוכישע און שטאָטישע האַלוואָעס, מיט אַרויסגעבנ געלט אפ בויענ עלעקטרישע זאַוואָדנ און מיט אַנדערע קרעדיט-אָפּעראַציעס.

„דער עקספּאָרט קיינ טשילי איז אַדאַנק דער האַלוואָע פונ 1889 יאָר אויסגעוואַקסנ ביז 45,2 מיליאָנ (1892), און דערנאָכ, אינ אַ יאָר אַרום, איז ער געפאַלנ ביז 22,5 מיליאָנ. נאָכ דער נייער האַלוואָע, וואָס איז געמאַכט געוואָרנ דורכ דער פאַרמיטלונג פונ די דייטשישע בענק אינ 1906 יאָר, איז דער עקספּאָרט געשטיגנ

ביז 84,7 מיליאָנ (1907), און איז ווידער געפאַלנ ביז 52,4 מיליאָנ אינ 1908 יאָר“[1].

פונ אָט די פאַקטנ דרינגט לאַנסבורג ארויס דעמ קאָמישנ באַלעבעסלדיקנ מונער=האַסקל, ווי ניט פעסט און ניט גלייכמעסיק ס'איז דער עקספּאָרט, וואָס איז פאַרבונדנ מיט האַלוואָעס, ווי ניט גוט עס איז צו עקספּאָרטירנ קאַפּיטאַלנ קיינ אויסלאַנד, אָנשטאָט צו אַנטוויקלענ „נאַטירלעכ“ און „האַרמאָניש“ די אייגענע אינדוסטריע באַ זיכ אינ לאַנד, ווי „טייער“ עס קאָסטנ קרופּנ די פּילמיליאָניקע באַקשישנ באַ אויסלענדישע האַלוואָעס אדג. די פאַקטנ ריידנ אָבער קלאָר: די העכערונג פונעמ עקספּאָרט איז גראָד פאַרבונדנ מיט די שווינדלערישע מאַכינאַציעס פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל, וועלכער זאָרגט ניט וועגנ בורזשואַזער מאָראַל און שינדט אַראָפּ פונעמ אָקס צוויי פעלנ: ערשטנס, רעווועכ פונ דער האַלוואָע, צווייטנס, — רעווועכ פונ דער זעלביקער האַלוואָע, בעשאַס זי ווערט אויסגעגעבנ אָפּ אײַנקויפנ קרופּס פּראָדוקציע אָדער די אײַזנבאַנ=מאַטעריאַלנ פונעמ שטאָל=סינדיקאַט אאַוו.

מיר כאַזערנ איבער, אַז מיר האַלטנ לאַכלוטנ ניט לאַנסבורגס סטאַטיסטיק פאַר פולקומ; מע האָט זי אָבער נייטיק געמוזט ברענגענ, ווײַל זי איז וויסנשאַפטלעכער איידער קאַוטסקיס און ספּעקטאַטאָרס סטאַטיסטיק, ווײַל לאַנסבורג מערקט אָנ א ריכטיקנ צוגאַנג צו דער פראַגע. קעדיי צו ריידנ וועגנ דעמ באַטײַט פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל אינ פּראַט פונ עקספּאָרט אדג., דאַרפ מענ קענענ אויסטיילנ די פאַרבינדונג פונעמ עקספּאָרט ספּעציעל און בלויז מיט די מאַכינאַציעס פונ די פינאַנסיסטנ, ספּעציעל און בלויז מיטנ אָפּזאַצ פונ די קאַרטעל=פּראָדוקטנ אאַוו. פּאַשעט אָבער פאַרגלײַכנ קאָלאָניעס ביכלאַל מיט ניט=קאָלאָניעס, איינ אימפּעריאַליזמ מיט א צווייטנ אימפּעריאַליזמ, איינ האַלב=קאָלאָניע אָדער קאָלאָניע (עגיפּעט) מיט אַלע איבעריקע לענדער — הייסט פאַרבײַגיינ און פאַרשמירנ גראָד דעמ טאָכ פונעמ איניענ.

קאַוטסקיס טעאָרעטישע קריטיק פונעמ אימפּעריאַליזמ האָט קיינ שומ געמיינזאַמס ניט מיטנ מאַרקסיזמ, זי טויג נאָר אַלס צוגאַנג אָפּ פּריידיקנ שאָלעמ און איינהײַט מיט די אָפּאָרטוניסטנ און סאָציאַל=שאָוויניסטנ טאַקע דערפאַר, ווײַל די דאָזיקע קריטיק פאַרשווײַגט און פאַרשמירט גראָד די טיפסטע און די סאַמע איקערדיקע ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאַליזמ: דעמ ווידערשפּרוכ צווישנ די מאָנאָפּאָליעס און דער פרײַער קאָנקורענצ, וואָס עקזיסטירט צוגלײַכ מיט זיי, צווישנ די גיגאַנטישע „אָפּעראַציעס“ (און גיגאַנטישע רעוואָכימ) פונעמ פינאַנצ=קאַפּיטאַל און דעמ „ערנטלעכנ“ האַנדל אָפּנ פרײַענ מאַרק, צווישנ די קאַרטעלנ און טרעסטנ, פונ איינ זײַט, און דער ניט=קאַרטעלירטער אינדוסטריע, פונ דער אַנדערער זײַט, אאַוו.

דעמ זעלביקנ רעאַקציאָנערנ כאַראַקטער טראָגט אויכ די באַרימטע טעאָריע פונ „אולטראַ=אימפּעריאַליזמ“, וואָס קאַוטסקי האָט פאַרפאַסט. פאַרגלײַכט זײַנ כקירע אָפּ דער דאָזיקער טעמע אינ 1915 יאָר מיט האָבסאָנס כקירע אינ 1902 יאָר:

קאַוטסקי: „...צי קאָנ ניט אַמאָל די איצטיקע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אַרויסגעשטויסנ ווערנ דורכ א נײַער, אַנ אולטראַ=אימפּעריאַליסטישער, וואָס וועט דעמ קאַמפּ פונ די נאַציאָנאַלע פינאַנצ=קאַפּיטאַלנ איינער מיטנ אַנדערנ פאַרבײַטנ אָפּ א געמיינזאַמער עקספּלואַטאַציע פונ דער וועלט דורכ דעמ אינטערנאַציאָנאַל=

[1] „Die Bank“ 1909, 2, ז. 819 אאַוו.

פארייניקטנ פינאנצ=קאפיטאל? אזא מינ נײַע פאזע פונ קאפיטאליזמ איז יעדנפאלס דענקבאר. צי קאָנ מענ זי פארווירקלעכנ, דאָס צו לייזנ איז נאָכ ניטאָ קיינ גענוגנע פאָרהאנאָכעס"[1].

האָבסאָנ: „פיל מענטשנ דאכט זיכ, אז דאָס קריסטנטומ, וואָס האָט זיכ פארפעסטיקט אינ א קליינער צאָל גרויסע פעדעראלע אימפעריעס, וואָס יעדע פונ זיי האָט א ריי ניט=ציוויליזירטע קאָלאָניעס אונ אָפהענגיקע לענדער, איז די סאמע געזעצלעכע אנטוויקלונג פונ די מאָדערנע טענדענצנ אונ דערבײַ אזא מינ אנטוויקלונג, וואָס וואָלט געגעבנ מער פאר אלצ האָפענונג אפ א שטענדיקנ שאָלעמ אפ דער פעסטער באזע פונ אינטער=אימפעריאליזמ".

קאוטסקי האָט אָנגערופנ אולטרא=אימפעריאליזמ אָדער איבער=אימפעריאליזמ דאָס, וואָס האָבסאָנ האָט מיט 13 יאָר פריִער פאר קאוטסקינ אָנגערופנ אינטער=אימפעריאליזמ אָדער צווישנ=אימפעריאליזמ. אויב מע זאָל ניט רעכענענ דאָס, וואָס קאוטסקי האָט צוגעטראכט אָט דאָס נײַע, מוירעדיק קלוגע ווערטל, פארבײַטנדיק איינ לאטײַניש טיילכל אפ אנ אנדערס, באשטייט דער פראָגרעס פונ זײַנ „וויסנשאפטלעכנ" געדאנק בלויז אינ דער פרעטענזיע אָנצוגעבנ פאר מארקסיזמ דאָס, וואָס האָבסאָנ באשרײַבט, אייגנטלעכ, אלס צוויִעס פונ די ענגלישע גאלאָכימלעכ. נאָכנ ענגליש=בורישנ קריג איז פארנ דאָזיקנ הויכגעשעצטנ שטאנד געווענ גאנצ נאטירלעכ צו קאָנצענטרירנ זײַנע קויכעס דעריקער אפ *טרייסטנ* די ענגלישע קליינבירגער אונ ארבעטער, וואָס האָבנ פארלאָרנ ניט ווייניק געהארגעטע אינ די דאָרעמ=אפריקאנישע שלאכטנ אונ וואָס האָבנ מיט געהעכערטע שטײַערנ געצאָלט פאר דעמ, וואָס די ענגלישע פינאנסיסטנ האָבנ זיכ באוואָרנט מיט געהעכערטע רעוואָכימ. וואָס זשע פאר א טרייסט האָט נאָכ געקאָנט זײַנ בעסער פונ דעמ, אז דער אימפעריאליזמ איז גאָר ניט אזוי שלעכט, אז ער איז נאָענט צומ אינטער= (אָדער אולטרא=) אימפעריאליזמ, וועלכער איז אימשטאנד צו גאראנטירנ א שטענדיקנ שאָלעמ? ווי פײַנ אונ גוט עס זאָלנ ניט זײַנ די קאוואָנעס בא די ענגלישע גאלאָכימלעכ אָדער בא דעמ לאקריצ=זיסנ קאוטסקינ, איז דער אָביעקטיווער, ד.ה. ווירקלעכער סאָציאלער זינ פונ זײַנ „טעאָריע" איינער אונ נאָר איינער: דאָס רעאקציאָנערסטע טרייסטנ די מאסנ מיט האָפענונגענ אפ דער מעגלעכקײַט פונ א שטענדיקנ שאָלעמ באמ קאפיטאליזמ, אָפציִענדיק די אויפמערקזאמקײַט פונ די שארפע ווידערשפרוכנ אונ שארפע פראָבלעמענ פונ דער הײַנטצײַטיקײַט אונ ווענדנדיק די אויפמערקזאמקײַט אפ פאלשע פערספעקטיוונ פונ עפעס א קלוימערשט נײַעמ צוקונפטיקנ „אולטרא=אימפעריאליזמ". באשווינדלענ די מאסנ — אויסער דעמ איז אבסאָליוט קיינ זאכ ניטאָ אינ קאוטסקיס „מארקסיסטישער" טעאָריע.

ווירקלעכ, ס'איז גענוג צו מאכנ א קלאָרנ פארגלײַכ צווישנ די אלגעמיינ=באוווסטע, אומבאשטרײַטבארע פאקטנ, קעדיי צו איבערצײַגנ זיכ, ווי פאלש עס זײַנענ די פערספעקטיוונ, וואָס קאוטסקי סטארעט זיכ אײַנצורײדנ די דײַטשישע ארבעטער (אונ די ארבעטער פונ אלע לענדער). לאָמיר נעמענ אינדיע, אינדאָ=כינע אונ כינע. ס'איז באוווסט, אז אָט די דרײַ קאָלאָניאלע אונ האלב=קאָלאָניאלע לענדער מיט א

[1] Neue Zeit, פונ 30־טנ אפרעל 1915, ז. 144.

באפעלקערונג פונ 6—7 הונדערט מיליאָנ נעפאשעס ווערנ עקספלואטירט דורכנ פינאנצ-קאפיטאל פונ עטלעכע אימפעריאליסטישע מעלוכעס, ענגלאנד, פראנקרײַכ, יאפאניע, פארײניקטע שטאטנ אאוו. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז אָט די אימפעריאליסטישע לענדער וועלנ שאפנ פארבאנדנ, אײנער קעגנ דעמ אנדערנ, מיטנ צוועק צו באשיצנ אָדער צו פארברײטערנ זײערע באזיצנ, אינטערעסנ און „אײַנפלוס-ספערנ“ אינ די אָנגערופענע אזיאטישע מעלוכעס. דאָס וועלנ זײַנ „אינטער-אימפעריאליסטישע“ אָדער „אולטרא-אימפעריאליסטישע“ פארבאנדנ. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז אלע אימפעריאליסטישע מעלוכעס וועלנ שאפנ אײנ פארבאנד, קעדײ אפ א „פרידלעכנ אופנ“ צו צעטײלנ די אָנגערופענע אזיאטישע לענדער, — דאָס וועט זײַנ אנ „אינטערנאציאָנאל-פארײניקטער פינאנצ-קאפיטאל“. פאקטישע בײַשפילנ פונ אזא פארבאנד זײַנענ פאראנ אינ דער-געשיכטע פונ XX יאָרהונדערט, לעמאָשל, אינ די באציונגענ פונ די גרויסמאכטנ צו כינע. פרעגט זיכ, צי איז „דענקבאר“ אזא האשאָרע, — באמ טנאַי, ווענ עס פארבלײַבט דער קאפיטאליזמ (און גראָד אזא טנאַי איז דאָכ מעשאער קאוטסקי), — אז אזעלכע פארבאנדנ זאָלנ זײַנ ניט קײנ קורצדויערנדיקע? אז זײ זאָלנ אָפשאפנ רײַבונגענ, קאָנפליקטנ און קאמפ אינ קאָלערלײ און אינ אלע מעגלעכע פאָרמענ?

ס'איז גענוג, מע זאָל קלאָר אוועקשטעלנ אָט די פראגע, קעדײ מע זאָל אפ איר קײנ אנדער ענטפער, אכוצ א נעגאטיוונ, ניט קאָנענ געבנ. וואָרעמ באמ קאפיטאליזמ איז ניט דענקבאר קײנ אנדער גרונט פאר דער צעטײלונג פונ די אײַנפלוס-ספערנ, פונ די אינטערעסנ, קאָלאָניעס אאוו., ווי נאָר דאָס רעכענענ זיכ מיט דער קראפט פונ די אָנטײלנעמער פונ דער צעטײלונג, מיט זײער אלגעמײנ-עקאָנאָמישער, פינאנציעלער, מיליטערישער אאוו. קראפט. די קראפט ווידער ענדערט זיכ בא די דאָזיקע אָנטײלנעמער פונ דער צעטײלונג ניט אינ קײנ גלײַכער מאָס, ווײַל קײנ גלײַכמעסיקע אנטוויקלונג פונ אײנצלנע אונטערנעמונגענ, טרעסטנ, אינדוסטריע-צווײַגנ, לענדער קאָנ באמ קאפיטאליזמ ניט זײַנ. מיט א האלבנ יאָרהונדערט צוריק איז דײַטשלאנד געווענ א נעבעכדיקע נישטיקײַט, אויב מע זאָל פארגלײַכנ זײַנ קאפיטאליסטישע קראפט מיט דער קראפט פונ דעמ דעמאָלטיקנ ענגלאנד; דאָס זעלביקע איז געווענ יאפאָניע אינ פארגלײַכ מיט רוסלאנד. צי איז „דענקבאר“ אזא האשאָרע, אז אינ א וועלכע צענ, צוואנציק יאָר ארומ זאָל בלײַבנ ניט פארענדערט די קויכעס-פארהעלטעניש צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס? אבסאָליוט ניט דענקבאר.

דעריבער זײַנענ די „אינטער-אימפעריאליסטישע“ אָדער „אולטרא-אימפעריאליסטישע“ פארבאנדנ — אלצײנס, אינ וואָס פאר א פאָרמ די דאָזיקע פארבאנדנ זאָלנ ניט געשלאָסנ ווערנ, צי אינ דער פאָרמ פונ אײנ אימפעריאליסטישער קאָאליציע קעגנ א צווײטער אימפעריאליסטישער קאָאליציע צי אינ דער פאָרמ פונ אנ אלגעמײנעמ פארבאנד פונ אלע אימפעריאליסטישע מעלוכעס — די דאָזיקע פארבאנדנ זײַנענ אינ דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקײַט, און ניט אינ דער וולגארער קלײנבירגערלעכער פאנטאזיע פונ די ענגלישע גאלאָכימ אָדער פונעמ דײַטשישנ „מארקסיסט“ קאוטסקי, אומפארמײַדלעכ בלויז „פאוזעס“ צווישנ מילכאָמעס. די פרידלעכע פארבאנדנ גרײטנ צו מילכאָמעס און וואקסנ אלײנ אויכ ארויס פונ מילכאָמעס, ווײַל זײ פארורזאכנ אײנס דאָס צווײטע, ווײַל די ענדערונג אינ די פאָרמענ פונ

פרידלעכנ אונ ניט=פרידלעכנ קאמפ רופנ זיי ארויס פונ איינ אונ דעמ זעלביקנ באָדנ פונ אימפעריאַליסטישע פארבינדונגענ אונ קעגנזײַטיקע פארהעלטענישנ צווישנ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט אונ דער אלוועלטלעכער פאָליטיק. דער גרויסער כאָכעמ קאוטסקי ווידער, וואָס וויל באַרויִקנ די ארבעטער אונ שאָלעמ מאכנ זיי מיט די סאָציאַל=שאָוויניסטנ, וועלכע זײַנענ אריבער אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע, רײַסט אייננ רינג פונ דער אייגנהײַטלעכער קייט אָפ פונעמ צווייטנ רינג אירנ, דעמ הײַנטיקנ פרידלעכנ (אונ אולטרא=אימפעריאַליסטישנ — אפילע אולטרא=אולטרא=אימפעריאַליסטישנ) פארבאַנד פונ אלע מעלוכעס אפ צו „באַרויִקנ" כינע (דערמאָנט זיכ אָקאָרשט דאָס דערשטיקנ דעמ באָקסערנ=אופשטאַנד) רײַסט ער אָפ פונ דעמ מאָרגנדיקנ ניט=פרידלעכנ קאָנפליקט, וועלכער גרייט צו אפ איבערמאָרגנ ווידעראמאָל א „פרידלעכנ" אלגעמיינעמ בונד אפ צו צעטיילנ, לאָמיר זאָגנ, טערקײַ א א וו. אָנשטאָט דעמ לעבעדיקנ צוזאַמענהאַנג צווישנ די פעריאָדנ פונ אימפעריאַליסטישנ פרידנ אונ די פעריאָדנ פונ אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס טראָגט קאוטסקי אונטער די ארבעטער א טויטע אבסטראַקציע, כּדי שאָלעמ צו מאכנ זיי מיט זייערע טויטע פירער.

אינ דער פאָרעדע צו זײַנ „געשיכטע פונ דער דיפלאָמאטיע אינ דער צווישנפעלקערלעכער אנטוויקלונג פונ אייראָפע" מערקט אָנ דער אמעריקאַנער היל אויוונע פעריאָדנ אינ דער נײַסטער געשיכטע פונ דער דיפלאָמאטיע: 1) די ערע פונ רעוואָליוציע; 2) די קאָנסטיטוציאָנעלע באַוועגונג; 3) די ערע פונ „האנדלס=אימפעריאַליזמ"[1] פונ אונדזער צײַט. אונ איינער א שרײַבער טיילט אײַנ די געשיכטע פונ דער „וועלט=פאָליטיק" פונ גרויסבריטאַניע, אָנגעהויבנ פונ 1870 יאָר, אינ 4 פעריאָדנ: 1) דער ערשטער אזיאַטישער (דער קאמפ קעגנ רוסלאַנדס דראַנג אינ מיטל=אזיע אינ דער ריכטונג צו אינדיע=צו); 2) דער אפריקאַנישער (אנ ערעכ 1885—1902) — דער קאמפ קעגנ פראַנקרײַכ איבער דער צעטיילונג פונ אפריקע („פאַשאָדא" — אינ 1898 יאָר — אפ א האָר פונ א מילכאָמע מיט פראַנקרײַכ); 3) דער צווייטער אזיאַטישער (דער אָפמאכ מיט יאַפּאָניע קעגנ רוסלאַנד) אונ 4) דער „אייראָפּייִשער", — הויפּטזאכלעכ קעגנ דײַטשלאַנד[2]. „די פאָליטישע צוזאַמענשטויסנ צווישנ די אוואַנגאַרדנשפּילנ זיכ פאָנאַנדער אפנ פינאַנציעלנ באָדנ" — האָט נאָכ אינ 1905 יאָר געשריבנ דער באַנק=„טוער" ריסער, אָנווײַזנדיק, ווי אזוי דער פראַנצויזישער פינאַנצ=קאַפּיטאַל האָט מיט זײַנע אָפּעראַציעס אינ איטאַליע צוגעגרייט א פאָליטישנ בונד פונ די דאָזיקע לענדער, ווי כ'האָט זיכ פאָנאַנדערגעוויקלט דער קאמפ צווישנ דײַטשלאַנד מיט ענגלאַנד איבער פערסיע, דער קאמפ צווישנ אלע אייראָפּייִשע קאַפּיטאַלנ פאַר געבנ האַלוואָעס כינע א א וו. אָט דאָס איז די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט פונ די „אולטרא=אימפעריאַליסטישע" פרידלעכע פארבאַנדנ אינ זייער אָרגאַנישנ צוזאַמענהאַנג מיט די פּאַשעט=אימפעריאַליסטישע קאָנפליקטנ.

קאוטסקיס פרוּוו צו פארשמירנ די טיפסטע ווידערשפרוכנ פונעמ אימפעריאַליזמ

---

[1] David Jayne Hill. „A History of the Diplomacy in the international development of Europe", vol. I, p. X. (דאוויד דזשיינ היל. „געשיכטע פונ דער דיפלאָמאטיע אינ דער צווישנפעלקערלעכער אנטוויקלונג פונ אייראָפּע", ב. I, ז. X. רעד.).

[2] Schilder, דאָס ציטירטע ווערק, ז. 178.

ווערט אומפארמײַדלעכ פארוואנדלט אינ א פרווו צוצופוצנ דעמ אימפעריִאליזמ אונ לאָזט איבער שפורנ אויכ אפ דעמ דאָזיקנ שרײַבערס ארט קריטיקירנ די פּאָליטישע אייגנשאפט פונעמ אימפעריִאליזמ. דער אימפעריִאליזמ איז די עפּאָכע פונ פינאנצ־קאפיטאל אונ פונ מאָנאָפּאָליעס, וואָס ברענגענ אומעטומ די שטרעבונג צו הערשאפט אונ ניט צו פרײַהײַט. רעאקציע אפ דער גאנצער ליניע בא קאָלערליי פּאָליטישע פארהעלטענישנ, העכסטע פארשארפונג פונ די ווידערשפרוכנ אויכ אפ דעמ געביט — דאָס איז דער רעזולטאט פונ די דאָזיקע טענדענצנ. באזונדערס ווערט פארשארפט אויכ דער נאציִאָנאלער דרוק אונ די שטרעבונג צו אנעקסיעס, דה. די שטרעבונג אויוועער צו זײַנ אפ דער נאציִאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט (ווײַל אנעקסיע באטײַט ניט קיינ אנדער זאכ, ווי אויוועער זײַנ אפ דער זעלבסטבאשטימונג פונ די נאציעס). הילפערדינג פארצייכנט מיט רעכט דעמ צוזאמענהאנג צווישנ דעמ אימפעריִאליזמ מיט דער פארשארפונג פונעמ נאציִאָנאלנ דרוק. „וואָס אָנבאלאנגט די נײַ־אנטדעקטע לענדער, — שרײַבט ער, — פארשטארקט דאָרטנ דער ארײַנגעפירטער קאפיטאל די ווידערשפרוכנ אונ רופט ארויס א קעסיידער וואקסנדיקנ ווידערשטאנד פונ די פעלקער, וואָס דערוואכנ צו נאציִאָנאלנ זעלבסטבאוווסטזײַנ, קעגנ די פרעמדגעקומענע; דער דאָזיקער ווידערשטאנד קאָנ גרינג אויסוואקסנ אינ געפערלעכע מאָסמיטלענ קעגנ דעמ אויסלענדישנ קאפיטאל. ס'ווערנ ראדיקאל רעוואָליוציִאָניזירט די אלטע סאָציִאלע פארהעלטענישנ, ס'ווערט צעשטערט די טויזנטיאָריקע אגרארע אָפּגעזונדערטקײַט פונ די „אויסערהיסטאָרישע נאציעס", זיי ווערנ ארײַנגעצויגנ אינ דער קאפיטאליסטישער קעסלגרוב. דער קאפיטאליזמ גופע גיט ביסלעכווײַז די באצוואונגענע פעלקער מיטלענ אונ מעטאָדנ, ווי זיכ צו באפרײַענ. אונ זיי רוקנ ארויס דעמ ציל, וואָס די אייראָפּייִשע נאציעס האָבנ אמאָל געהאלטנ פאר דעמ העכסטנ: שאפנ אנ איינהײַטלעכע נאציִאָנאלע מעלוכע, אלס געצײַג פונ עקאָנאָמישער אונ קולטורעלער פרײַהײַט. די דאָזיקע באוועגונג צו אומאָפּהענגיקײַט שאפט א געפאר פאר דעמ אייראָפּייִשנ קאפיטאל אינ זײַנע סאמע ווערטפולע אונ אויסזיכטרײַכע עקספּלואטאציע־געביטנ, אונ דער אייראָפּייִשער קאפיטאל קאָנ אײַנהאלטנ זײַנ הערשאפט נאָר ווענ ער פארגרעסערט קעסיידער זײַנע מיליטערישע קויכעס"[1].

דערצו דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז ניט נאָר אינ די נײַ־אנטדעקטע לענדער, נאָר אויכ אינ די אלטע לענדער פירט דער אימפעריִאליזמ צו אנעקסיעס, צו דער פארשטארקונג פונעמ נאציִאָנאלנ דרוק, אונ, דאָס הייסט, אויכ צו דער פארשארפונג פונעמ ווידערשטאנד. דערווידערנדיק קעגנ דעמ, וואָס דער אימפעריִאליזמ פארשטארקט די פּאָליטישע רעאקציע, לאָזט קאוטסקי אינ שאָטנ די באזונדערס אקטועל געוואָרענע פראגע וועגנ דער אומעגלעכקײַט פונ איינהײַט מיט די אָפּאָרטוניסטנ אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריִאליזמ. דערווידערנדיק קעגנ אנעקסיעס, גיט ער צו זײַנע דערווידערונגענ אזא פאָרמ, וואָס איז ווייניקער פאר אלצ באליידיקנדיק פאר די אָפּאָרטוניסטנ אונ איז גרינגער פונ אלצ אָנעמבאר פאר זיי. ער ווענדט זיכ דירעקט צו דער דײַטשישער אאודיטאָריע, אונ פונדעסטוועגנ פארשמירט ער גראָד דאָס סאמע וויכטיקסטע אונ אקטועלסטע, לעמאָשל, דאָס, וואָס עלזאס־לאָטארינגיע איז דײַטש־

[1] „פינאנצ־קאפיטאל", 487.

לאנדס אנ אנעקסיע. קעדיי אָפצושאצנ אָט דעמ „געדאנקענ־אָפנייג“ בא קאוטסקינ, וועלנ מיר נעמענ א בײַשפיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז א יאפאָנער פארורטײלט דאָס, וואָס די אמעריקאנער האָבנ אנעקסירט די פיליפינענ. פרעגט זיכ, צי וועלנ א סאכ מענטשנ גלייבנ, אז דאָס ווערט געטאָנ מאכמעס סינע צו אנעקסיעס ביכלאל, און ניט מאכמעס דעמ, וואָס ער וויל אלײנ אנעקסירנ די פיליפינענ? און צי וועט מענ ניט מוזנ מוידע זײַנ, אז דעמ יאפאָנערס „קאמפ“ קעגנ אנעקסיעס וועט מענ קאָנענ האלטנ פאר אנ אופריכטיקנ און פאר א פאָליטיש־ערלעכנ אויסשליסלעכ נאָר אינ דעמ פאל, אויב ער וועט ארויסטרעטנ קעגנ דעמ, וואָס יאפאָניע האָט אנעקסירט קאָרייע, אויב ער וועט פאָדערנ פאר קאָרייע די פרײַהײט אָפצוטײלנ זיכ פונ יאפאָניע?

סײַ דער טעאָרעטישער אנאליז פונעמ אימפעריאליזמ בא קאוטסקינ סײַ זײַנ עקאָנאָמישע, ווי אויכ זײַנ פאָליטישע קריטיק פונעמ אימפעריאליזמ זײַנענ אפ ד ו ר כ א ו נ ד ו ר כ דורכגעדרונגענ מיט א גײַסט, וואָס איז אבסאָליוט דערווידער דעמ מארקסיזמ, — מיטנ גײַסט פונ פארשמירנ און פארגלעטנ די סאמע קארדינאלע ווידערשפרוכנ, מיט דער שטרעבונג אומבאדינגט אײַנצוהיטנ די צעפאלנדיקע אײנהײט מיטנ אָפאָרטוניזמ אינ דער אייראָפעיִשער ארבעטער־באוועגונג.

X. דאָס היסטאָרישע אָרט פונעמ אימפעריאליזמ

מיר האָבנ געזענ, אז לויט זײַנ עקאָנאָמישנ מעהוס איז דער אימפעריאליזמ א מאָנאָפאָליסטישער קאפיטאליזמ. דאָס אלײנ באשטימט שוינ דאָס היסטאָרישע אָרט פונעמ אימפעריאליזמ, ווײַל די מאָנאָפאָליע, וואָס וואקסט אויס אפנ באָדנ פונ פרײַער קאָנקורענצ און גראָד פונ דער פרײַער קאָנקורענצ, איז אנ אריבערגאנג פונ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ צו א העכערער געזעלשאפטלעכ־עקאָנאָמישער סיסטעמ. באזונדערס דארפ מענ פארצייכענענ פיר הויפט־מינימ מאָנאָפאָליעס אָדער הויפט־אנטפלעקונגענ פונעמ מאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאליזמ, וואָס זײַנענ כאראקטעריסטיש פאר דער באטראכטער עפאָכע.

ערשטנס, איז די מאָנאָפאָליע אויסגעוואקסנ פונ דער קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע אפ זייער א הויכער שטופע פונ איר אנטוויקלונג. דאָס זײַנענ די מאָנאָפאָליסטישע פארבאנדנ פונ קאפיטאליסטנ, די קארטעלנ, סינדיקאטנ, טרעסטנ. מיר האָבנ געזענ, וואָס פאר א קאָלאָסאלע ראָליע זיי שפילנ אינ דעמ איצטיקנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ. צומ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָבנ זיי באקומענ די פולשטענדיקע אויבערהאנט אינ די פאָרגעשריטענע לענדער, און אויב די ערשטע שריט אפנ וועג פונ קארטעלירונג האָבנ פריִער דורכגעמאכט די לענדער מיט א הויכנ שוצטאריפ (דײַטשלאנד, אמעריקע), האָט ענגלאנד מיט זײַנ סיסטעמ פונ פרײַענ האנדל מער ניט ווי א ביסל שפעטער באוויזנ דעמ זעלביקנ גרונט־פאקט: אז די מאָנאָפאָליעס ווערנ געבוירנ פונ דער קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע.

צווייטנס, האָבנ די מאָנאָפאָליעס געבראכט צומ אינטענסיוונ פארכאפנ די וויכטיקסטע קוואלנ פונ רויוואַרג, באזונדערס פאר דער גרונטיקער, און אמערסטנ קארטעלירטער, אינדוסטריע פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט: פאר דער שטיינ־

קוילן=אינדוסטריע און פאַר דער אייזן=אינדוסטריע. דאָס מאָנאָפּאָליסטישע באַזיצן די ווייכטיקסטע קוואַלן פון רוי=מאַטעריאַלן האָט גוואַלדיק פאַרגרעסערט די מאַכט פונעם גרויס=קאַפּיטאַל און האָט פאַרשאַרפט דעם ווידערשפּרוך צווישן דער קאַרטעלירטער אינדוסטריע און דער ניט=קאַרטעלירטער.

דריטנס, איז די מאָנאָפּאָליע אויסגעוואַקסן פון די בענק. פון באַשיידענע פאַרמיטלערישע אונטערנעמונגען האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין מאָנאָפּאָליסטן פונעם פינאַנץ=קאַפּיטאַל. אַ וועלכע דריי—פינף גאָר גרויסע בענק פון איינער אַ וועלכער ניט=איז פון די סאַמע פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע נאַציעס האָבן פאַרווירקלעכט די „פּערזענלעכע אוניע“ צווישן דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל מיטן באַנקקאַפּיטאַל, האָבן קאָנצענטרירט בא זיך אין די הענט קאָלאָסאַלע מיליאַרדן, מיט וועלכע זיי האָבן צו שאַפן און וואָס באַטרעפן דעם גרעסטן טייל קאַפּיטאַלן און געלט=האַכנאָסעס פון אַ גאַנץ לאַנד. די פינאַנץ=אָליגאַרכיע, וואָס וואַרפט אַרופ אַ געדיכטע נעץ פון אָפּהענגיקייט=פאַרהעלטענישן אויף אַלע אָן אויסנאַם עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט, — אָט דאָס איז די בוילעטסטע אַנטפּלעקונג פון דער דאָזיקער מאָנאָפּאָליע.

פערטנס, איז די מאָנאָפּאָליע אויסגעוואַקסן פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק. צו די פילצאָליקע „אַלטע“ מאָטיוון פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק האָט דער פינאַנץ=קאַפּיטאַל צוגעגעבן דעם קאַמף פאַר די קוואַלן פון רויוואַרג, פאַרן עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל, פאַר „איינפלוס=ספערן“ — ד. ה. פאַר ספערן פון רענטאַבעלע געשעפטן, קאָנצעסיעס, מאָנאָפּאָליסטישע רעוואָכים אאַוו. — ענדלעך, פאַרווירטשאַפטלעכער טעריטאָריע ביכלאַל. ווען די אייראָפּעיִשע מעלוכעס האָבן, למשל, געהאַט פאַרנומען מיט זייערע קאָלאָניעס אַ צענטל־טייל(?) פון אַפריקע, ווי דאָס איז געווען נאָך אין 1876 יאָר, האָט זיך די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק געקאָנט אַנטוויקלען ניט=מאָנאָפּאָליסטיש, לויטן טיפּ, אַזוי צו זאָגן, פון „פריי=פאַרכאַפּערישן“ פאַרנעמען טעריטאָריעס. אָבער אַז $^{9}/_{10}$ אַפריקע איז שוין געווען פאַרכאַפּט (צום 1900 יאָר), אַז די גאַנצע וועלט איז שוין געווען צעטיילט, — דאַן איז אומפאַרמיידלעך געקומען די ערע פון מאָנאָפּאָליסטישן באַזיצן די קאָלאָניעס און, דאָס הייסט, אויך פון באַזונדערס פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר צעטיילן און איבערפאַרטיילן די וועלט.

ווי ווייט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרשאַרפט אַלע ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם — דאָס איז ברייט באַוווּסט. ס'איז גענוג אָנצוווייזן אויף יאָקרעס און אויפן דרוק פון די קאַרטעלן. די דאָזיקע פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן איז די מעכטיקסטע טרייב=קראַפט פון דעם היסטאָרישן איבערגאַנגס=פּעריאָד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן זינט דעם ענדגילטיקן ניצחון פונעם אַלוועלטלעכן פינאַנץ=קאַפּיטאַל.

די מאָנאָפּאָליעס, די אָליגאַרכיע, די שטרעבונגען צו הערשאַפט אָנשטאָט די שטרעבונגען צו פרייהייט, די עקספּלואַטאַציע פון אַלץ אַ גרעסערער צאָל קליינע אָדער שוואַכע נאַציעס דורך אַ קליין הייפעלע רייכסטע אָדער שטאַרקסטע נאַציעס,— דאָס אַלץ האָט געשאַפן יענע אונטערשייד=שטריכן פונעם אימפעריאַליזם, וואָס צווינגען צו כאַראַקטעריזירן אים אַלס פּאַראַזיטישן אָדער פוילנדיקן קאַפּיטאַליזם. אַלץ איינע פון די טענדענצן פונעם אימפעריאַליזם, טרעט אַלץ בוילעטער און בוילעטער

אַרויס די שאַפונג פונ דער „ראַנטיע=מעלוכע“, פונ דער וווּכער=מעלוכע, וואָס איר בורזשואַזיע לעבט אַלצ מער אונ מער פונ קאַפּיטאַל=עקספּאָרט אונ פונ „שנײַדנ קופּאָנעס“. ס'וואָלט געווענ אַ טעות צו מיינענ, אַז אָט די טענדענצ צו פאַרפוילונג שליסט אויס אַ גיכנ וווּקס פונעמ קאַפּיטאַליזמ; ניינ, איינצלנע אינדוסטריע=צווײַגנ, איינצלנע שיכטנ פונ דער בורזשואַזיע, איינצלנע לענדער אַנטפּלעקנ אינ דער עפּאָכע פונעמ אימפּעריאַליזמ, מיט אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער קראַפט, אַמאָל די אונ אַמאָל יענע פונ די דאָזיקע טענדענצנ. אינגאַנצנ גענומענ, וואַקסט דער קאַפּיטאַליזמ אָנ אַ ערעכ גיכער איידער פריִער, אָבער דער דאָזיקער וווּקס ווערט ביכלאַל ניט נאָר אַלצ מער אומגלײַכמעסיקער, נאָר די אומגלײַכמעסיקײַט ווײַזט זיכ ביפּראַט אַרויס אויכ דעריג, וואָס עס הייבנ אָנ צו פוילנ די קאַפּיטאַל=מעכטיקסטע לענדער (ענגלאַנד).

ריסער, דער אויטאָר פונ דער אויספאָרשונג וועגנ די דײַטשישע גרויסע בענק, זאָגט וועגנ דער גיכקײַט פונ דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונ דײַטשלאַנד: „די פאַרהעלטעניש צווישנ דעמ ניט איבעריקס לאַנגזאַמענ פראָגרעס פונ דער פאָריקער עפּאָכע (1848—1870) אונ דער גיכקײַט פונ דער אַנטוויקלונג פונ דער גאַנצער ווירטשאַפט אינ דײַטשלאַנד אונ ספּעציעל פונ זײַנע בענק אינ דער געגעבענער עפּאָכע (1870—1905) איז אָנ ערעכ אַזאַ, ווי די פאַרהעלטעניש צווישנ דער גיכקײַט פונ דער באַוועגונג פונ אַ פּאָסט=קאַרעטע אינ די גוטע אַלטע צײַטנ אונ דער גיכקײַט פונ אַ מאָדערנעמ אויטאָמאָביל, וואָס פליט אַזוי, אַז ער ווערט געפערלעכ אי פאַר דעמ זאָרגלאָזנ פוסגייער, אי גופע פאַר די, וואָס זיצנ אינעמ אויטאָמאָביל“. אונ אָט דער אויסערגעוויינלעכ גיכ אויסגעוואַקסענער פינאַנצ=קאַפּיטאַל, טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי גיכ אויסגעוואַקסנ, איז פונ זײַנ זײַט אַ באַלנ אַריבערצוגיינ צו אַ מער „רויִקנ“ באַזיצנ די קאָלאָניעס, וואָס ער קלײַבט זיכ פאַרכאַפּנ, ניט נאָר מיט פרידלעכע מיטלענ, בײַ די רײַכערע נאַציעס. אינ די פאַראייניקטע שטאַטנ איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג די לעצטע יאָרצענדליקער געגאַנגענ נאָכ גיכער ווי אינ דײַטשלאַנד, אונ גראָד א ד א נ ק דעמ זײַנענ די פּאַראַזיטישע שטריכנ פונעמ נײַסטנ אַמעריקאַנישנ קאַפּיטאַליזמ אַרויסגעטראָטנ באַזונדערס בוילעט. פונ דער אַנדערער זײַט, באַווײַזט דער פאַרגלײַכ אַפילע צווישנ דער רעפּובליקאַנישער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע מיט דער מאָנאַרכיסטישער יאַפּאָנישער אָדער דײַטשישער, אַז דער גרעסטער פּאָליטישער אונטערשייד ווערט ביז גאָר אָפּגעשוואַכט אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזמ — ניט דערפאַר, ווײַל ער איז ביכלאַל ניט וויכטיק, נאָר דערפאַר, ווײַל אינ אָט די אַלע פאַלנ האַנדלט זיכ וועגנ אַ בורזשואַזיע מיט באַשטימטע שטריכנ פונ פּאַראַזיטיזמ.

דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטנ פונ אוינעמ פונ אַ סאַכ אינדוסטריע=צווײַגנ, פונ איינעמ פונ אַ סאַכ לענדער אאַז. באַקומענ אַ מאָנאָפּאָליסטיש=הויכנ רעוועכ, דאָס גיט זיי אַנ עקאָנאָמישע מעגלעכקײַט אונטערצוקויפנ איינצלנע דינע שיכטנ אַרבעטער, צײַטנווײַז אַפילע אַ גאַנצ באַדײַטנדיקע מינדערהײַט, צוציִענדיק זיי אַפ דער זײַט פונ דער בורזשואַזיע פונ דעמ געגעבענעמ צווײַג אָדער פונ דער געגעבענער נאַציע קעגנ אַלע איבעריקע. אונ דער פאַרשטאַרקטער אַנטאַגאָניזמ צווישנ די אימפּעריאַליסטישע נאַציעס איבער דער צעטיילונג פונ דער וועלט מאַכט נאָכ שטאַרקער די דאָזיקע שטרעבונג. אָט אַזוי שאַפט זיכ די פאַרבינדונג צווישנ דעמ אימפּעריאַליזמ

מיטנ אָפּאָרטוניזמ, וועלכע האָט זיכ פריער אונ בוילעטער ווי אומעטומ געלאָזט פילנ אינ ענגלאַנד, מאַכמעס דעמ, וואָס אייניקע אימפעריאַליסטישע אַנטוויקלונגס-שטריכנ האָבנ זיכ דאָ געלאָזט מערקנ אַ סאַכ פריער איידער אינ אַנדערע לענדער. אייניקע שרייבער, צומ ביישפּיל, ל. מאַרטאָוו, האָבנ ליב אָוועקצומאַכנ מיט דער האַנט דעמ פאַקט, וואָס צווישנ דעמ אימפעריאַליזמ אונ אָפּאָרטוניזמ אינ דער אַרבעטער-באַוועגונג איז פאַראַנ אַ צוזאַמענהאַנג, — אַ פאַקט, וועלכער וואַרפט זיכ איצט באַזונדערס שטאַרק אינ די אויגנ, — טוענדיק עס מיט דער הילפ פונ אַזעלכע מיניםמ „קאַזיאָנע-אָפּטימיסטישע" בקירעס (אינ קאַוטסקים אונ היוסמאַנס גייסט): די קעגנער פונעמ קאַפּיטאַליזמ וואָלטנ קיינע שומ פּערספּעקטיווג ניט געהאַט, ווענ גראָד דער פאָרגעשריטענער קאַפּיטאַליזמ זאָל פירנ צו אַ פאַרשטאַרקונג פונעמ אָפּאָרטוניזמ אָדער ווענ גראָד די אַמבעסטנ באַצאָלטע אַרבעטער זאָלנ זיינ געניגט צו אָפּאָרטוניזמ אאַז. מע דאַרפ זיכ ניט נאַרנ מיקויעכ דער באַדייטונג פונ אַזאַ מינ „אָפּטימיזמ": דאָס איז אָפּטימיזמ בענעגייע דעמ אָפּאָרטוניזמ, דאָס איז אַזאַ אָפּטימיזמ, וואָס דינט אָפּ צו פאַרדעקנ דעמ אָפּאָרטוניזמ. אינדערעמעסנ אָבער איז די באַזונדערע גיכקייט אונ באַזונדערע עקלהאַפטיקייט פונ דער אַנטוויקלונג פונעמ אָפּאָרטוניזמ קלאָל ניט קיינ גאַראַנטיע פונ דער פעסטקייט פונ זיינ זיג, פונקט ווי די גיכע אַנטוויקלונג פונ אַ בייזנ געשוויר אָפּ אַ געזונטנ אָרגאַניזמ קאָנ בלויז מיטהעלפנ, אַז דער געשוויר זאָל גיכער פּלאַצנ, דער אָרגאַניזמ זאָל זיכ גיכער באַפרייענ פונעמ געשוויר. געפערלעכער פאַר אַלצ זיינענ אינ דער הינזיכט יענע מענטשנ, וואָס ווילנ ניט פאַרשטיינ, אַז דער קאַמפ קעגנ אימפעריאַליזמ, אויב ער איז ניט פאַרבונדנ אָפּנ ענגסטנ אויפנ מיטנ קאַמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ, איז אַ פוסטע אונ ליגנערישע פראַזע.

פונ דעמ אַלעמ, וואָס איז אויבנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ דעמ עקאָנאָמישנ מעהומ פונעמ אימפעריאַליזמ, איז געדרונגענ, אַז מע דאַרפ אימ כאַראַקטעריזירנ אַלס אַנ איבערגאַנגס-קאַפּיטאַליזמ, אָדער, ריכטיקער, אַלס אַ שטאַרבנדיקנ קאַפּיטאַליזמ. אינ דער הינזיכט איז זייער באַלערעוודיק דאָס, וואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ, וועלכע באַשרייבנ דעמ נייסטנ קאַפּיטאַליזמ, באַנוצנ גאַנצ אָפּט אַזעלכע ווערטלעכ, ווי „איבערפלעכט", „דאָס פעלנ פונ איזאָלירטקייט" אאַז.; די בענק זיינענ „אונטערנעמונגענ, וואָס טראָגנ ניט, לויט זייערע אויפגאַבנ אונ לויט זייער אַנטוויקלונג, קיינ ריינ פריוואַט-ווירטשאַפטלעכנ כאַראַקטער, נאָר זיי וואַקסנ אַלצ מער אַרויס פונ דער ספער פונ ריינ פריוואַט-ווירטשאַפטלעכער רעגולירונג". אונ דער זעלבער ריסער, וואָס אימ געהערנ טאַקע די דאָזיקע ווערטער, דערקלערט מיט אַנ אויסערסט ערנסטער מינע, אַז די „געוויעמ" פונ די מאַרקסיסטנ וועגנ „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג" איז „ניט מעקויעמ געוואָרנ"!

וואָס זשע דריקט אויס אָט דאָס ווערטל „איבערפלעכט"? פונ דעמ פראָצעס, וואָס קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגנ, כאַפּט עס אופ בלויז יענע שטריכל, וואָס וואַרפט זיכ אינ די אויגנ מער פונ אַנדערע. עס באַווייזט, אַז דער באַאָבאַכטער ציילט איבער די איינצלנע ביימער, נאָר ער זעט ניט דעמ וואַלד. עס קאָפּירט קנעכטיש דאָס אויסערלעכע, דאָס צופעליקע, דאָס כאַאָטישע. עס דעקט אופ אינעמ באַאָבאַכטער אַ מענטשנ, וועלכער איז צוגעדריקט פונ דעמ רויענ מאַטעריאַל אונ קאָנ זיכ לאַכלוטנ

ניט באנאנדערקלײַבנ אינ זײַנ זינ אונ אינ זײַנ באדײַטונג. „צופעליק פלעכטנ זיכ איבער“ דאָס באזיצנ אקציעס, די פארהעלטענישנ פונ פריוואט-אײַגנטימער. דער אונטערשלאק אָבער פונ דעמ דאָזיקנ איבערפלעכט, דאָס, וואָס בילדעט זײַנ יעסאָד, זײַנענ די זיכ ענדערנדיקע געזעלשאפטלעכע פראָדוציר-פארהעלטענישנ. ווענ א גרויסע אונטערנעמונג פארוואנדלט זיכ אינ א גיגאנטישער אונטערנעמונג אונ אָרגאניזירט פלאנמעסיק, אפנ גרונט פונ א גענויעמ דיסקאָנט פונ די מאסנ-אָנגאבנ, די צושטעלונג פונעמ אָנפאנגלעכנ רוי-מאטעריאל אינ א גרייס פונ $^2/_3$ אָדער $^3/_4$ פונ דעמ, וואָס איז נייטיק פאר צענדליקער מיליאָנענ באפעלקערונג; ווענ ס'ווערט סיסטעמאטיש אָרגאניזירט די טראנספאָרטירונג פונ דעמ דאָזיקנ רויוואַרג צו די באקוועמסטע פראָדוציר-פונקטנ, וואָס זײַנענ צומאָל אפ הונדערטער אונ טויזנטער ווערסט אָפגעטיילט איינער פונעמ אנדערנ; ווענ פונ איינ צענטער האָט מענ צו שאפנ איבער אלע נאָכאנאנדיקע סטאדיעס פונ באארבעטנ דעמ מאטעריאל, ביז עס באקומט זיכ א גאנצע ריי פארשיידענע מינימ פארטיקע פראָדוקטנ; ווענ די פארטיילונג פונ די דאָזיקע פראָדוקטנ צווישנ צענדליקער אונ הונדערטער מיליאָנענ געברויכער ווערט דורכגעפירט לויט איינ פלאנ (דער אָפזאצ פונ נאפט אינ אמעריקע אונ אינ דײַטשלאנד דורכ דעמ אמעריקאנער „נאפט-טרעסט“); — דאנ ווערט קלאָר, אז מיר האָבנ דאָ פאר זיכ א פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער פראָדוקציע אונ קלאל ניט קיינ פאשעטנ „איבערפלעכט“; — אז די פריוואט-ווירטשאפטלעכע אונ פריוואט-אײַגנטימערישע פארהעלטענישנ זײַנענ בלויז די שאָלעכצ, וואָס אנטשפרעכט שוינ ניט דעמ אינהאלט אונ וואָס מוז אומפארמײַדלעכ אָנהייבנ פארפוילט ווערנ, אויב מע וועט קינסטלעכ פארציִענ איר באזײַטיקונג, — א שאָלעכצ, וואָס קאָנ פארהעלטניסמעסיק א גאנצ לאנגע צײַט זיכ האלטנ אינ א פוילנדיקנ צושטאנד (אפנ ערגסטנ פאל, אויב מע וועט זיכ ניט אזוי גיכ אויסהיילנ פונעמ אָפאָרטוניסטישנ געשוויר), אָבער וואָס וועט פאָרט אומפארמײַדלעכ באזײַטיקט ווערנ.

שולצע-געווערניצ, א באגײַסטערטער אָנהענגער פונעמ דײַטשישנ אימפעריאליזמ, רופט אויס:

„אויב די אָנפירונג מיט די דײַטשישע בענק ליגט אינ דער אונטערשטער שורע אינ די הענט פונ א טוצ מענטשנ, איז פאר דעמ וווילשטאנד פונעמ פאָלק זייער טעטיקײַט שוינ איצט א סאכ וויכטיקער איידער די טעטיקײַט פונעמ גרעסטנ טייל מעלוכע-מיניסטאָרנ“ (וועגנ דעמ „איבערפלעכט“ צווישנ די באנק-לײַט, מיניסטאָרנ, אינדוסטריעלער, ראנטיע לוינט דאָ בעסער צו פארגעסנ...) ....„אויב מע זאָל ביזנ סאָפ דורכטראכטנ די אנטוויקלונג פונ יענע טענדענצנ, וועלכע מיר האָבנ געזענ, דאנ באקומט זיכ: דער געלט-קאפיטאל פונ דער נאציע איז פאראייניקט אינ די בענק; די בענק זײַנענ פארבונדנ איינער מיטנ אנדערנ אינ א קארטעל; דער קאפיטאל פונ דער נאציע, וועלכער זוכט אָנווענדונג, האָט אָנגענומענ די פאָרמ פונ ווערט-פאפירנ. דאנ ווערנ פארווירקלעכט סענ-סימאָנס געניאלע ווערטער: „די איצטיקע אנארכיע אינ דער פראָדוקציע, וועלכע אנטשפרעכט דעמ פאקט, וואָס די עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ וויקלענ זיכ פאנאנדער אָנ אנ איינארטיקער רעגולירונג, דארפ אָפטרעטנ איר אָרט פאר דער אָרגאניזירונג פונ דער פראָדוקציע. מיט דער פראָדוקציע וועלנ אָנפירנ ניט קיינ איזאָלירטע אונטערנעמער, אומאָפהענגיקע איינער פונעמ אנדערנ,

וואָס ווייסן ניט די עקאָנאָמישע באדערפעניש פון די מענטשן; די אָנפירונג ווערט זיך געפינען אין די הענט פון א געוויסער סאָציאַלער אינסטיטוציע. דער צענטראַלער פארוואלטונגס־קאָמיטעט, וואָס האָט די מעגלעכקייט צו באטראכטן דעם ברייטן געביט פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע פון א העכערן שטאנדפונקט, וועט זי רעגולירן אזוי, ווי דאָס איז נוצלעך פאר דער גאנצער געזעלשאפט, ער וועט איבערגעבן די פראָדוציר־מיטלען אין פאסיקע הענט און וועט באזונדערס זאָרגן וועגן א שטענדיקער הארמאָניע צווישן דער פראָדוקציע מיטן געברויך. ס'זיינען פאראן אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אין דעם קריין פון זייערע אויפגאבן אריינגענומען א געוויסע אָרגאניזירונג פון דער ווירטשאפטלעכער ארבעט: דאָס זיינען די בענק". מיר זיינען נאָך ווייט פון פארווירקלעכן די דאָזיקע ווערטער סען־סימאָנס, אָבער מיר שטייען שוין אפן וועג פון פארווירקלעכן זיי: דאָס איז מארקסיזם, אנדערש איידער עס האָט זיך פאָרגעשטעלט מארקס, נאָר אנדערש בלויז לויט דער פאָרם"[1].

ניטאָ וואָס צו ריידן: א שיין „אָפּלייקענען" מארקסן, וועלכע מאכט א שריט אפ צוריק — פון מארקס' פינקטלעכן וויסנשאפטלעכן אנאַליז צו סען־סימאָנס האשאָרע, עמעס, א געניאַלע האשאָרע, אָבער דאָך ניט מער ווי א האשאָרע.

---

[1] „Grundriss d r Sozialoekonomik" („די יעסוידעס פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיק־רע ד.), 146.

די קריגס־פראָגראם פונ דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע[1]

אינ האָלאנד, סקאנדינאוויע, אינ דער שווייצ לאָזנ זיכ הערנ שטימענ אינ די רייענ פונ די רעוואָלוציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטנ, וועלכע קעמפנ קעגנ דעם שעקער פונ די סאָציאל־שאָוויניסטנ וועגנ „באשיצנ דאָס פאָטערלאנד“ אינ דער איצטיקער אימפעריאליסטישער מילכאָמע,—עס לאָזנ זיכ הערנ שטימענ פאר דעם, אז מע זאָל דעם אלטנ פונקט פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פראָגראם מינימום: „מיליציע אָדער באוואָפענונג פונעם פאָלק“ פארבײטנ מיט א נײעם פונקט: „אָנטוואָפענונג“. די „Jugend-Internationale“[2] האָט געעפנט א דיסקוסיע איבער דער דאָזיקער פראגע אונ האָט אינעם נומ. 3 אָפגעדרוקט א רעדאקציאָנעלנ ארטיקל פאר אנטוואָפענונג. אינ ר. גרימס נײסטע טעזיסנ געפינענ מיר אויכ, צום באדויערנ, א האנאָכע דער „אנטוואָפענונגס“־אידיי. אינ די זשורנאלנ „Neues Leben“ אונ „Vorbote“[3] איז געעפנט געוואָרנ א דיסקוסיע.

לאָמיר זיכ צוקוקנ צו דער פאָזיציע פונ די פארטיידיקער פונ אנטוואָפענונג.

I

דער גרונט־ארגומענט באשטייט דערינ, וואָס די פאָדערונג פונ אנטוואָפענונג איז דער קלאָרסטער, אנטשיידנסטער, קאָנסעקווענטסטער אויסדרוק פונ קאמפ קעגנ יעטווידנ מיליטאריזם אונ קעגנ יעטווידער מילכאָמע.

אינ אָט דעם גרונט־ארגומענט ליגט אָבער טאקע דער גרונט־טאָעס פונ די אָנהענגער פונ אנטוואָפענונג. סאָציאליסטנ, קאָלזמאנ זיי זײנענ סאָציאליסטנ, קאָנענ זיי ניט זײנ קעגנ יעטווידער מילכאָמע.

ערשטנס, זײנענ סאָציאליסטנ קיינמאָל ניט געווענ אונ קאָנענ קיינמאָל ניט זײנ קיינ קעגנער פונ רעוואָלוציאָנערע מילכאָמעס. די בורזשואזיע פונ די אימפעריאליסטישע „גרויסמאכטנ“ איז אפ דורכ אונ דורכ געוואָרנ רעאקציאָנער, אונ די מילכאָמע, וועלכע עס פירט איצינד די דאָזיקע בורזשואזיע, אָנערקענענ מיר פאר א

[1] דער ארטיקל איז אָנגעשריבנ געוואָרנ אינ הארבסט 1916 יאָר. צום ערשטנ מאָל געווענ געדרוקט אפ דײטש אינ סענטיאבער—אָקטיאבער 1917 יאָר אינעם זשורנאל „Jugend-Internationale“ נומ. 9 אונ 10. רעד.

[2] — „יוגנט־אינטערנאציאָנאל“. רעד.

[3] „דאָס נײע לעבנ“ אונ „אָנזאָגער“. רעד.

רעאקציִאָנערער, שקלאַפנבאַזיצערישער אונ פאַרברעכערישער מילכאָמע. נו, אונ ווי האַלט עס מיט א מילכאָמע קעגנ דער דאָזיקער בורזשואַזיע? צומ בײַשפּיל, מיט א מילכאָמע פונ די פעלקער, וואָס ווערנ אונטערדריקט פונ דער דאָזיקער בורזשואַזיע אונ זײַנען פונ איר אָפּהענגיק, אָדער מיט א מילכאָמע פונ די קאָלאָניִאַלע פעלקער פאַר זייער באַפרײַונג? אינ די טעזיסנ פונ דער גרופּע „אינטערנאציִאָנאַל", אינ 5-טנ פאַראַגראַפ, לייענענ מיר: „אינ דער ערע פונ דעמ דאָזיקנ צעיושעטנ אימפּעריִאַליזמ קאָנענ שוינ ניט זײַנ קיינע שומ נאציִאָנאַלע מילכאָמעס" — קלאָר, אז דאָס איז ניט ריכטיק.

די געשיכטע פונ XX יאָרהונדערט, פונ אָט דעמ יאָרהונדערט פונ „צעיושעטנ אימפּעריִאַליזמ", איז פול מיט קאָלאָניִאַלע מילכאָמעס. דאָס אָבער, וואָס מיר, אײַראָפּייער, די אימפּעריִאַליסטישע אונטערדריקער פונ דער מערהײַט פעלקער פונ דער וועלט, רופנ אָנ — מיט דעמ עקלהאַפטנ אייראָפּייִשנ שאָוויניזמ, וואָס איז אונדז אײַנגעטימלעכ, — מיטנ נאָמענ „קאָלאָניִאַלע מילכאָמעס", דאָס זײַנען אָפטמאָל נאציִאָנאַלע מילכאָמעס אָדער נאציִאָנאַלע אויפשטאַנדנ פונ די דאָזיקע אונטערדריקטע פעלקער. איינע פונ די גרינטלעכסטע אייגנשאַפטנ פונעמ אימפּעריִאַליזמ באַשטייט גראָד דערינ, וואָס ער פאַרגיכערט די אנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ די סאַמע אָפּגעשטאַנענע לענדער אונ דערמיט גופע פאַרברייטערט ער אונ פאַרשאַרפט דעמ קאַמפּ קעגנ דער נאציִאָנאַלער אונטערדריקונג. דאָס איז א פאַקט. אונ דערפונ איז אומפאַרמײַדלעכ געדרונגענ, אז דער אימפּעריִאַליזמ מוז אינ גאַנצ אָפטע פאַלנ ארויסרופנ נאציִאָנאַלע מילכאָמעס. יוניוס, וואָס פאַרטיידיקט אינ זײַנ בראָשור די דערמאָנטע „טעזיסנ", זאָגט, אז אינ דער אימפּעריִאַליסטישער עפּאָכע ברענגט יעדע נאציִאָנאַלע מילכאָמע קעגנ איינער פונ די אימפּעריִאַליסטישע גרויסמאַכטנ דערצו, אז עס מישט זיכ ארײַנ א צווייטע גרויסמאַכט, וואָס קאָנקורירט מיט דער ערשטער אונ איז אויכ אימפּעריִאַליסטיש, אונ אזויארומ ווערט יעדע נאציִאָנאַלע מילכאָמע פאַרוואַנדלט אינ אַנ אימפּעריִאַליסטישער. אָבער אויכ דער דאָזיקער אַרגומענט איז ניט קיינ ריכטיקער. דאָס קאָנ זײַנ, אָבער ניט שטענדיק איז עס אזוי. א סאַכ קאָלאָניִאַלע מילכאָמעס אינ די יאָרנ 1900—1914 זײַנען געגאַנגענ ניט מיטנ דאָזיקנ וועג. אונ ס'וואָלט פּשוט געווענ לעכערלעכ, ווענ מיר וואָלטנ דערקלערט, אז, לעמאָשל, נאָכ דער איצטיקער מילכאָמע, אויב זי וועט זיכ פאַרענדיקנ מיט אַנ אויסערגעוויינלעכער אויסצערונג פונ די מילכאָמע-האַלטנדיקע לענדער, „קאָנענ ניט" זײַנ „קיינע שומ" נאציִאָנאַלע, פּראָגרעסיווע רעוואָלוציִאָנערע מילכאָמעס, לאָמיר זאָגנ, פונ כינע אינ בונד מיט אינדיע, פּערסיע, סיִאַמ אאוו. קעגנ די גרויסמאַכטנ.

לייקענענ אינ יעטווידער מעגלעכקײַט פונ נאציִאָנאַלע מילכאָמעס אינ די צײַטנ פונ אימפּעריִאַליזמ איז טעאָרעטיש ניט ריכטיק, היסטאָריש בפּירעש פעלערהאַפט, אונ פּראַקטיש איז עס גלײַכ צו אייראָפּייִשנ שאָוויניזמ: מיר, וואָס געהערנ צו נאציעס, וועלכע אונטערדריקנ הונדערטער מיליאָנענ מענטשנ אינ אייראָפּע, אפריקע, אזיע אאוו., מיר דאַרפנ דערקלערנ די אונטערדריקטע פעלקער, אז זייער מילכאָמע קעגנ „אונדזערע" נאציעס איז „אומעגלעכ"!

צווייטנס, בירגערקריגנ זײַנען אויכ מילכאָמעס. ווער עס אָנערקענט קלאַסנקאַמפ, יענער קאָנ נישט ניט אָנערקענענ קיינ בירגערקריגנ, וואָס זײַנען אינ יעדער קלאַסנ-

געזעלשאפט א נאטירלעכע, בא געוויסע אומשטענדן אן אומפארמײַדלעכע פאָרזעצונג, אנטוויקלונג און פארשארפונג פונעם קלאסנקאמפ. אלע גרויסע רעוואָליוציעס באשטעטיקן עס. לייקענען אין בירגערקריגן אָדער פארגעסן וועגן זיי — וואָלט געהייסן ארײַנפאלן אין עקסטרעמען אָפּאָרטוניזם און אָפּזאָגן זיך פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

דריטנס, דער סאָציאַליזם, וואָס האָט געזיגט אין איין לאַנד, שליסט לאַכלוטן ניט אויס מיטאמאָל ביכלאַל אלע מילכאָמעס. פארקערט, ער איז א פאָרהאַנאָכע פאר זיי. די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם קומט פאָר העכסט ניט גלײַכמעסיק אין פארשיידענע לענדער. און אנדערש קאָן עס גאָר ניט זײַן בא דער סכוירע-פּראָדוקציע. דערפון קומט דער אומבאשטרײַטבארער אויספיר: דער סאָציאַליזם קאָן ניט זיגן גלײַכצײַטיק *אין אלע* לענדער. ער וועט זיגן צוערשט אין איין לאַנד אָדער אין עטלעכע לענדער, און די איבעריקע וועלן אין פארלויפ פון א געוויסער צײַט פארבלײַבן בורזשואזע אָדער פאָרבורזשואזע. דאָס דארף ארויסרופן ניט נאָר רײַבונגען, נאָר אויך א דירעקטע שטרעבונג פון דער בורזשואזיע פון די אנדערע לענדער צו צעשמעטערן דעם זיגרײַכן פּראָלעטאריאט פון דער סאָציאַליסטישער מעלוכע. אין די דאָזיקע פאלן וואָלט א מילכאָמע פון אונדזער זײַט געווען געזעצלעך און גערעכטיק. דאָס וואָלט געווען א מילכאָמע פאר סאָציאַליזם, פאר באפרײַען פון דער בורזשואזיע די אנדערע פעלקער. ענגעלס איז געווען אבסאָליוט גערעכט, ווען ער האָט אין זײַן בריוו צו קאוטסקין דעם 12-טן סענטיאַבער 1882 יאָר דירעקט אָנערקענט די מעגלעכקײַט פון „שוץ-מילכאָמעס“ מיצאַד דעם סאָציאַליזם, *וועלכער האָט שוין געזיגט*. ער האָט טאקע געמיינט די פארטיידיקונג פונעם פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט געזיגט, קעגן דער בורזשואזיע פון די אנדערע לענדער.

ערשט נאָכ דעם, ווי מיר וועלן אראָפּוואַרפן, ענדגילטיק באזיגן און עקספּראָפּריִרן די בורזשואזיע אין גאָר דער וועלט, און ניט נאָר אין איין לאַנד, וועלן מילכאָמעס ווערן אוממעגלעך. און פון וויסנשאפטלעכן שטאַנדפּונקט וועט זײַן אבסאָליוט ניט ריכטיק און אבסאָליוט ניט רעוואָליוציאָנער, אויב מיר זאָלן פארשווײַגן אָדער פארטושירן גראָד דאָס וויכטיקסטע: דאָס דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואזיע, — דאָס שווערסטע, וואָס פאָדערט מער פון אלץ קאמפ באַם איבערגיין צום סאָציאַליזם. די „סאָציאַלע“ גאַלאָכימ און אָפּאָרטוניסטן זײַנען שטענדיק גרייט צו טרוימען וועגן דעם קינפטיקן פרידלעכן סאָציאַליזם, זיי שיידן זיך אָבער אונטער פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראטן גראָד דערמיט, וואָס זיי ווילן ניט דענקען און טראכטן וועגן פארביטערטן קלאסנקאמפ און *קלאסן-מילכאָמעס* אָפּ צו פארווירקלעכן די דאָזיקע וואונדערשיינע צוקונפט.

מיר טאָרן ניט דערלאָזן, מע זאָל אונדז פארפירן מיט ווערטער. לעמאָשל, דער באגריפ „באשיצן דאָס פאָטערלאַנד“ איז בא א סאַך מענטשן פארהאסט, דערפאר ווײַל די אָפענע אָפּאָרטוניסטן און קאוטסקיאַנער דעקן צו און פארטושירן מיט אים דעם שעקער פון דער בורזשואזיע אין דער *געגעבענער* רויבערישער מילכאָמע. דאָס איז א פאקט. דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אז מיר דארפן זיך אָפּגעוווינען פון טראכטן איבער דער באַדײַטונג פון פּאָליטישע לאָזונגען. אָנערקענען דאָס „באשיצן דאָס פאָטערלאַנד“ אין דער געגעבענער מילכאָמע הייסט האלטן זי פאר

א „גערעכטיקער“, פאר אזא, וואָס אנטשפרעכט די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאריאט, — אונ מער גאָרניט אונ נאָכאמאָל גאָרניט, ווארעמ אינ קיינ מילכאָמע איז ניט אויסגעשלאָסנ, אז דער סוינע זאָל זיכ ארײנרײסנ אינ לאנד. ס'וואָלט פּשעט נאריש געווענ צו זײנ קעגנ „באשיצנ דאָס פאָטערלאנד“ מ י צ א ד די אונטערדריקטע פעלקער אינ זײער מילכאָמע ק ע ג נ די אימפּעריאליסטישע גרויסמאכטנ אָדער מיצאד דעמ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט געזיגט, אינ ז ײ נ מילכאָמע קעגנ א וועלכנ-עס איז גאליפע פונ א בורזשואזער מעלוכע.

טעאָרעטיש וואָלט געווענ אבסאָליוט פעלערהאפט צו פארגעסנ, אז יעטווידע מילכאָמע איז בלויז א פאָרזעצונג פונ דער פּאָליטיק מיט אנדערע מיטלענ; די איצטיקע אימפּעריאליסטישע מילכאָמע איז א פאָרזעצונג פונ דער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק פונ צוויי גרופּעס גרויסמאכטנ, אונ די דאָזיקע פּאָליטיק איז ארויסגערופנ געוואָרנ אונ ווערט גענערט דורכ דעמ גאנצנ קאָמפּלעקס פארהעלטענישנ פונ דער אימפּעריאליסטישער עפּאָכע. די זעלביקע עפּאָכע מוז אָבער אומבאדינגט ארויסרופנ אונ נערנ אויכ די פּאָליטיק פונ קאמפ קעגנ נאציאָנאלער אונטערדריקונג אונ פונ קאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע, אונ דעריבער אויכ די מעגלעכקײט אונ אומפארמײדלעכקײט, ערשטנס, פונ רעוואָליוציאָנערע נאציאָנאלע אויפשטאנדנ אונ מילכאָמעס, צווייטנס, פונ מילכאָמעס אונ אויפשטאנדנ פונעמ פּראָלעטאריאט ק ע ג נ דער בורזשואזיע, דריטנס, פונ א פאראייניקונג פונ ביידע מינימ רעוואָליוציאָנערע מילכאָמעס אאוו.

II

דערצו קומט נאָכ צו פאָלגנדיקער אלגעמײנער מאָטיוו.

אנ אונטערדריקטער קלאס, וואָס שטרעבט ניט אויסצולערנענ זיכ צו באהערשנ געווער, האָבנ געווער, אזא אונטערדריקטער קלאס וואָלט פארדינט בלויז, אז מע זאָל זיכ מיט אימ באגײנ ווי מיט קנעכט. אויב מיר זאָלנ זיכ ניט פארוואנדלענ אינ קײנ בורזשואזע פאציפיסטנ אָדער אָפּאָרטוניסטנ, קאָנענ מיר דאָכ ניט פארגעסנ, אז מיר לעבנ אינ א קלאסנ-געזעלשאפט אונ אז פונ איר איז ניטאָ אונ קאָנ ניט זײנ קײנ אנדער אויסוועג, אויסער קלאסנקאמפ. אינ יעדער קלאסנ-געזעלשאפט, — צי זי איז באזירט אפ שקלאפערײ, אפ לײבײגנטומ, אָדער, ווי איצט, אפ לוינ-ארבעט, — איז דער אונטערדריקנדיקער קלאס שטענדיק באוואָפנט. ניט נאָר דאָס איצטיקע רעגולערע מיליטער, נאָר אויכ די איצטיקע מיליציע — אפילע אינ די סאמע דעמאָקראטישע בורזשואזע רעפּובליקנ, לעמאָשל, אינ דער שווייצ, — איז א באוואָפענונג פונ דער בורזשואזיע ק ע ג נ דעמ פּראָלעטאריאט. דאָס איז אזא עלעמענטארער עמעס, אז באזונדערס אָפּשטעלנ זיכ אפ אימ איז קוימ קעדײ. ס'איז גענוג צו דערמאָנענ די פאקטנ פונ לאָזנ אינ גאנג מיליטער קעגנ שטרײקער, אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער.

די באוואָפענונג פונ דער בורזשואזיע קעגנ דעמ פּראָלעטאריאט איז אײנער פונ די גרעסטע, קארדינאלסטע, וויכטיקסטע פאקטנ פונ דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. אונ האָבנדיק פאר זיכ אזא פאקט, זאָל מענ פאָרלײגנ די רעוואָ-

ליוציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטנ, זיי זאָלנ ארויסשטעלנ די „פאָדערונג" פונ „אנטוואָפענונג"! דאָס איז געגליכנ צומ פולשטענדיקנ אָפזאָגנ זיכ פונ דעמ שטאנדפונקט פונ קלאסנקאמפ, צומ אָפזאָגנ זיכ פונ יעטווידער געדאנק וועגנ א רעוואָליוציע. אונדזער לאָזונג דארפ זײַנ: באוואָפענענ דעמ פראָלעטאריאט, קעדיי צו באזיגנ, עקספראָפריִרנ אונ אנטוואָפענענ די בורזשואזיע. דאָס איז די איינציק מעגלעכע טאקטיק פאר א רעוואָליוציאָנערנ קלאס, א טאקטיק, וועלכע דרינגט ארויס פונ דער גאנצער *אָביעקטיווער אנטוויקלונג* פונעמ קאפיטאליסטישנ מיליטאריזמ אונ וועלכע ווערט דיקטירט דורכ דער דאָזיקער אנטוויקלונג. ערשט *נאָכ* דעמ, ווי דער פראָלעטאריאט וועט האָבנ אנטוואָפנט די בורזשואזיע, וועט ער קאָנענ, ניט פארראטנדיק זײַנ אלוועלטלעכ־היסטאָרישע אויפגאבע, ארויסווארפנ אינ ברוכווארג יעטווידער געווער ביכלאל, אונ דער פראָלעטאריאט וועט עס, אָנ צווייפל, טאָנ, אָבער — *דעמלט, אינ קיינ פאל ניט פריִער.*

אויב די איצטיקע מילכאָמע רופט ארויס בא די רעאקציאָנערע קריסטלעכע סאָציאליסטנ, בא די קלאָגמוטערס פונ די קליינבירגער *בלויז* שוידער אונ אָנגעשראָקנקייט, בלויז עקל צו יעטווידער אָנווענדונג פונ געווער, צו בלוט, טויט אאוו., דארפנ מיר זאָגנ: די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז געווענ אונ איז שטענדיק *שוידער אָנ א סאָפ*. אונ אויב די איצטיקע רעאקציאָנערסטע פונ אלע מילכאָמעס גרייט הײַנט פאר דער דאָזיקער געזעלשאפט א סאָפ *צומ שוידער*, האָבנ מיר קיינ שומ גרונט ניט ארײַנצופאלנ אינ פארצווייפלונג. אונ אינ אזא צײַט, ווענ פאר אלעמענ אינ די אויגנ ווערט מיט די קויכעס פונ דער בורזשואזיע גופע צוגעגרייט דער איינציק געזעצלעכער אונ רעוואָליוציאָנערער קריג, נעמלעכ: דער בירגערקריג קעגנ דער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע, אינ אזא צײַט איז די „פאָדערונג" וועגנ אנטוואָפענונג, — ריכטיקער געזאָגט: דער טרוימ וועגנ אנטוואָפענונג, — לויט דער אָביעקטיווער באדײַטונג זײַנער ניט קיינ אנדער זאכ, ווי אנ אנטפלעקונג טאקע פונ פארצווייפלונג.

ווער עס וועט זאָגנ, אז דאָס איז א טעאָריע, וואָס איז אָפגעריסנ פונעמ לעבנ, יענעמ וועלנ מיר דערמאָנענ צוויי אלוועלטלעכ־היסטאָרישע פאקטנ: די ראָליע פונ די טרעסטנ אונ פונ דער פאבריק־ארבעט פונ די פרויענ, פונ איינ זײַט, די קאָמונע פונ 1871 יאָר אונ דעמ דעקאבער־אויפשטאנד פונ 1905 יאָר אינ רוסלאנד, — פונ דער צווייטער.

די ארבעט פונ דער בורזשואזיע איז — אנטוויקלענ טרעסטנ, פארטרײַבנ קינדער אונ פרויענ אינ די פאבריקנ, פײַניקנ זיי דאָרט, פארדארבנ, פארמישפעטנ אפ דער גרעסטער נויט. מיר „פאָדערנ" ניט אזא אנטוויקלונג, מיר „שטיצנ" זי ניט, מיר קעמפנ קעגנ איר. נאָר *ווי אזוי* קעמפנ מיר? מיר ווייסנ, אז די טרעסטנ אונ די פאבריק־ארבעט פונ די פרויענ זײַנענ פראָגרעסיוו. מיר ווילנ ניט גייענ צוריק, צו האנטווערקערײַ, צומ פארמאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאליזמ, צו דער שטוב־ארבעט פונ די פרויענ. פאָרויס דורכ די טרעסטנ א. אנד. אונ ווײַטער פונ זיי צומ סאָציאליזמ!

דער דאָזיקער געדאנקענגאנג קאָנ, מיט די אנטשפרעכיקע ענדערונגענ, אָנגעווענדט ווערנ אויכ צו דער איצטיקער מיליטאריזאציע פונעמ פאָלק. הײַנט מיליטאריזירט די אימפעריאליסטישע בורזשואזיע ניט נאָר דאָס גאנצע פאָלק, נאָר אויכ

די יוגנט. מאָרגנ וועט זי עפשער צוטרעטנ צו מיליטאַריזירנ די פרויענ. מיר דאַרפנ זאָגנ מיקויעכ דעמ: אדעראַבע! וואָס גיכער, אַלצ נעענטער איז צומ באוואָפנטנ אויפשטאַנד קעגנ דעמ קאַפּיטאַליזמ. וויאַזוי קאָנענ סאָציאַל-דעמאָקראַטנ לאָזנ זיכ אָפשרעקנ פונ דעמ, וואָס די יוגנט ווערט מיליטאַריזירט אאַז.., אויב זיי פאַרגעסנ ניט דעמ ביישפיל פונ דער קאָמונע? דאָס איז ניט קיינ „טעאָריע, וואָס איז אָפגעריסנ פונעמ לעבנ", ניט קיינ טרוימ, נאָר א פאַקט. אונ ס'וואָלט בעעמעס שוינ גאָר שלעכט געווענ, ווענ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ וואָלטנ, טראָצ אַלע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע פאַקטנ, גענומענ צווייפלענ דערינ, אַז די אימפעריאַליסטישע עפּאָכע אונ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס מוזנ אומפאַרמיידלעכ פירנ צו דער איבערכאַזערונג פונ אַזעלכע פאַקטנ.

איינער א בורזשואַזער באַאָבאַכטער פונ דער קאָמונע האָט געשריבנ אינ איינער אַנ ענגלישער צייטונג: „ווענ די פראַנצויזישע נאַציע וואָלט באַשטאַנענ בלויז פונ פרויענ, ס'אַרא שוידערלעכע נאַציע דאָס וואָלט געווענ!". די פרויענ אונ קינדער פונ 13 יאָר אָנ האָבנ ביים דער קאָמונע געקעמפט באַגלייכ מיט די מאַנצבלעכ. אַנדערש קאָנ ניט זיינ אויכ אינ די קינפטיקע שלאַכטנ פאַר אַראָפוואַרפנ די בורזשואַזיע. די פּראָלעטאַרישע פרויענ וועלנ ניט קוקנ פאַסיוו, ווי די גוט באוואָפנטע בורזשואַזיע וועט צעשיסנ די שלעכט-באוואָפנטע אָדער אומבאוואָפנטע אַרבעטער. זיי וועלנ זיכ נעמענ צומ געווער, ווי אינ 1871 יאָר, אונ פונ די איצטיקע אָנגעשראָקענע נאַציעס— ריכטיקער: פונ דער איצטיקער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס איז דעזאָרגאַניזירט מער דורכ די אָפּאָרטוניסטנ איידער דורכ די רעגירונגענ, — וועט אָנ צווייפל, פריער אָדער שפּעטער, נאָר אַבסאָליוט אָנ צווייפל, אויסוואַקסנ אַנ אינטערנאַציאָנאַלער בונד פונ „שוידערלעכע נאַציעס" פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט.

די מיליטאַריזאַציע דרינגט איצט דורכ דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבנ. אימפּעריאַליזמ איז פאַרביסענער קאַמפ פונ די גרויסמאַכטנ פאַר צעטיילנ אונ איבערפאַרטיילנ די וועלט, — דער אימפּעריאַליזמ מוז דעריבער אומפאַרמיידלעכ פירנ צו דער ווייטערדיקער מיליטאַריזאַציע אינ אַלע לענדער, אי אינ די נייטראַלע אי אינ די קליינינקע. וואָס זשע וועלנ קעגנ דעמ טאָנ די פּראָלעטאַרישע פרויענ?? מער ניט ווי פאַרשילטנ יעטווידע מילכאָמע אונ אַלצ, וואָס האָט א שייכעס צו מילכאָמע, מער ניט ווי פאָדערנ אַנטוואָפענונג? קיינמאָל וועלנ די פרויענ פונעמ אונטערדריקטנ קלאַס, וואָס איז ווירקלעכ רעוואָליוציאָנער, ניט איינגיינ אויף אַזא שענדלעכער ראָליע. זיי וועלנ זאָגנ צו זייערע זינ: „דו וועסט אינגיכנ אויסוואַקסנ א גרויסער. מע וועט דיר געבנ א ביקס. נעמ זי אונ לערנ זיכ גוט אויס די קריגס-קונסט. די דאָזיקע ווייסנשאַפט איז נייטיק פאַר די פּראָלעטאַריער — ניט אויף צו שיסנ אינ דיינע ברידער, די אַרבעטער פונ אַנדערע לענדער, ווי דאָס ווערט געטאָנ אינ דער איצטיקער מילכאָמע, אונ ווי דאָס ראָטנ דיר צו טאָנ די פאַררעטער פונ סאָציאַליזמ, — נאָר אויף צו קעמפנ קעגנ דער בורזשואַזיע פונ דיינ אייגנ לאַנד, אויף צו מאַכנ א סאָפ צו עקספּלואַטאַציע, דאַלעס אונ מילכאָמעס, ניט דורכ גוטינקע ווינטשנ, נאָר דורכ א זיג איבער דער בורזשואַזיע אונ דורכנ אַנטוואָפענענ זי".

אויב מע זאָל זיכ אָפּזאָגנ פונ פירנ אַזא פּראָפּאַגאַנדע אונ דאַפקע אַזא פּראָפּאַגאַנדע אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיקער מילכאָמע, איז בעסער גאָר אינגאַנצנ

ניט צו רייִדנ קיינ גרויסע ווערטער וועגנ אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטיע, וועגנ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וועגנ מילכאָמע קעגנ מיל-כאָמע.

III

די אָנהענגער פונ אַנטוואָפּענונג טרעטנ אַרויס קעגנ דעמ פּראָגראַמ-פּונקט פונ „באַוואָפּענעג דאָס פאָלק", אַגעוו, דערפאַר, ווײַל די פאָדערונג „באַוואָפּענעג דאָס פאָלק" פירט קלוימערשט גרינגער צו האַנאָכעס דעמ אָפּאָרטוניזמ. מיר האָבנ אויבנ באַטראַכט דאָס סאַמע וויכטיקע: די פאַרהעלטעניש פונ דער אַנטוואָפּענונג צומ קלאַ-סנקאַמפּ אונ צו דער סאָציאַלער רעוואָליוציע. לאָמיר אַצינד באַטראַכטנ די פראַגע וועגנ דער פאַרהעלטעניש פונ דער פאָדערונג וועגנ אַנטוואָפּענונג צומ אָפּאָרטוניזמ. איינע פונ די וויכטיקסטע סיבעס, פאַרוואָס די דאָזיקע פאָדערונג איז ניט אָנגעמ-באַר, באַשטייט טאַקע דערינ, וואָס זי אונ די-אילוזיעס, וועלכע זי רופט אַרויס, שוואַכנ אומפאַרמײַדלעכ אָפּ אונ מאַכנ אָנמעכטיק אונדזער קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָר-טוניזמ.

ס'איז אויסער ספק, אַז דער דאָזיקער קאַמפּ איז די וויכטיקסטע אָרדנטלעכע פראַגע פונעמ אינטערנאַציאָנאַל. דער קאַמפּ קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ, אויב ער איז ניט ענג פאַרבונדנ מיטנ קאַמפּ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, איז א פּוסטע פראַזע אָדער א שווינדל. איינער פונ די הויפּט-כעסרוינעס פונ צימערוואַלד אונ קינטאַל, איינע פונ די גרונט-סיבעס פונ דעמ מעגלעכנ פיאַסקאָ פונ די דאָזיקע עמבריאָנענ פונעמ III אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט גראָד דערינ, וואָס די פראַגע וועגנ קאַמפּ קעגנ אָפּאָרטוניזמ איז אַפילע ניט געשטעלט געוואָרנ אָפּנ, שוינ אָפּגערעדט וועגנ לייזנ זי אינעמ זינ פונ דער נייטיקייט אָפּצורײַסנ מיט די אָפּאָרטוניסטנ. דער אָפּאָרטוניזמ האָט געזיגט — צײַטווײַליק — אינווייניק אינ דער אייראָפּייִשער אַרבעטער-באַוועגונג. אינ אַלע גרעסטע לענדער האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי הויפּט-שאַטירונגענ פונעמ אָפּאָרטוניזמ: ערשטנס, דער אָפּנהאַרציקער ציניש אונ דעריבער וויניקער געפערלעכער סאָציאַל-אימפּעריאַליזמ פונ די הערנ פּלעכאַנאָוו, שיידעמאַנס, לעגינס, אַלבערט טאָמאַס אונ סאַמבאַס, וואַנדערוועלדעס, הײַנדמאַנס, הענדערסאָנס אאַ. צווייטנס, דער פאַרוואַלירטער — דער קאַוטסקיאַנישער: קאַוטסקי—האַאַזע אונ די „סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעט-גרופּע" אינ דײַטשלאַנד; לאָנגע, פּרעסמאַנ, מײַעראַס אאַ. אינ פראַנקרײַכ; ראַמסיי מאַקדאָנאַלד אונ די איבעריקע פירער פונ דער „אומ-אָפּהענגיקער אַרבעטער-פּאַרטיי" אינ ענגלאַנד; מאַרטאָוו, טשכעיִדזע אונ די איבעריקע אינ רוסלאַנד; טרעוועס אונ די אַנדערע אַזוינערופענע לינקע רעפאָרמיסטנ אינ איטאַליע.

דער אָפּנהאַרציקער אָפּאָרטוניזמ איז אָפּנ אונ דירעקט קעגנ רעוואָליוציע אונ קעגנ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגענ אונ אויסברוכנ, וואָס הייבנ זיכ אָנ, ער גע-פינט זיכ אינ א דירעקטנ בונד מיט די רעגירונגענ, ווי פאַרשיידנ עס זאָלנ ניט זײַנ די פאָרמענ פונ דעמ דאָזיקנ בונד, אָנגעהויבנ פונ באַטייליקנ זיכ אינ מיניסטעריומ אונ געענדיקט מיטנ באַטייליקנ זיכ אינ די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ (אינ רוסלאַנד). די פאַרוואַלירטע אָפּאָרטוניסטנ, די קאַוטסקיאַנער, זײַנענ פאַר דער אַר-

בעטער־באַוועגונג א סאַכ שעדלעכער אונ געפערלעכער, וואָרעמ זייער פּאַרטיידיקנ דעמ בונד מיט די אָפענע אָפּאָרטוניסטנ באַהאַלטנ זיי אויס דורכ אָנשטענדיק קלינ־גענדיקע אויכ־מיר־„מאַרקסיסטישע“ ווערטלעכ אונ פּאַציפיסטישע לאָזונגענ. דער קאַמפּ קעגנ אָט די ביידע פאָרמענ פונעמ הערשנדיקנ אָפּאָרטוניזמ דאַרפ דורכגע־פירט ווערנ אפ אַלע אַרענעס פונ דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק: פּאַרלאַמענטאַריזמ, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינענ, שטרייקנ, קריגס־וועזנ אאַוו. דער וויכטיקסטער כאַראַקטער־שטריכ, וואָס שיידט אונטער אָט די ביידע פאָרמענ פונעמ הערשנדיקנ אָפּאָרטו־ניזמ, באַשטייט דערינ, וואָס די קאָנקרעטע פראַגע וועגנ דעמ צוזאַמענהאַנג צווישנ דער איצטיקער מילכאָמע מיט דער רעוואָליוציע ווערט פאַרשוויגנ, צוגעדעקט, אָדער זי ווערט באַהאַנדלט פּאָכדאָנעסדיק — כאָלילע ניט אויפוועקנ צו זיינ אפ די פּאָלי־צייַשע פאַרבאָטנ. אונ דאָס איז ניט געקוקט דערויפ, וואָס ערעוו דער מילכאָמע איז אַ ניט אָפיציעל אי אינעמ באַזעלער מאַניפעסט אָפיציעל אָנ א שיר מאָל אָנגע־וויזנ געוואָרנ אפנ צוזאַמענהאַנג גראָד פונ דער דאָזיקער אָנקומענדיקער מילכאָמע מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. דער הויפּט־כיסאָרנ ווידער פונ דער פאָדע־רונג וועגנ אַנטוואָפענונג באַשטייט גראָד דערינ, וואָס דאָ ווערנ פאַרשוויגנ אַלע קאָנקרעטע פראַגנ פונ דער רעוואָליוציע. אָדער עפשער זיינענ די אָנהענגער פונ אַנטוואָפענונג פאַר גאָר א נייעמ מינ אומבאַוואָפנטער רעוואָליוציע?

ווייטער. מיר זיינענ אינ קיינ פאַל ניט קעגנ דעמ קאַמפּ פאַר רעפאָרמעס. מיר ווילנ ניט איגנאָרירנ די טרויעריקע מעגלעכקייט, אז די מענטשהייט וועט — אינ ערגסטנ פאַל — דורכמאַכנ נאָכ א צווייטע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, אויב די רעוואָליוציע וועט ניט אויסוואַקסנ פונ דער איצטיקער מילכאָמע, ניט געקוקט אפ די פילצאָליקע אויסברוכנ פונ מאַסנ־יווירונג אונ מאַסנ־אומצופרידנקייט אונ ניט געקוקט אפ אונדזערע אָנשטרענגונגענ. מיר זיינענ אָנהענגער פונ אזא פּראָגראַמ פונ רע־פאָרמעס, וואָס דאַרפ אויכ זיינ געצילט קעגנ די אָפּאָרטוניסטנ. די אָפּאָרטוניסטנ וואָלטנ בלויז געווענ צופרידנ, ווענ מיר וואָלטנ פאַר זיי אליינ געלאָזנ דעמ קאַמפּ פאַר רעפאָרמעס, אונ מיר וואָלטנ זיכ אַוועקגעלאָזט אינ די הויכע הימלענ פונ עפּעס אַנ „אַנטוואָפענונג“, געפינענדיק א יעשועו אינעמ אַנטלויפנ פונ דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. „אַנטוואָפענונג“ באַטייט טאַקע — אַנטלויפנ פונ דער מיעסער ווירק־לעכקייט, אונ קלאָל ניט קיינ קאַמפּ קעגנ איר.

אינ אזא מינ פּראָגראַמ וואָלטנ מיר געזאָגט אומגעפער אזוי: „דער לאָזונג אונ דאָס אָנערקענענ די באַשיצונג פונעמ פאָטערלאַנד אינ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1916 איז בלויז קאָרופּציע פונ דער אַרבעטער־באַווע־גונג דורכ בורזשואַזנ שעקער“. אָט אזא קאָנקרעטער ענטפער אפ קאָנקרעטע פראַגנ וואָלט געווענ טעאָרעטיש ריכטיקער, א סאַכ נוצלעכער פאַרנ פּראָלעטאַריאַט, אומ־דערטרעגלעכער פאַר די אָפּאָרטוניסטנ, איידער די פאָדערונג פונ אַנטוואָפענונג אונ דאָס אָפּזאָגנ זיכ פונ „יעטווידנ באַשיצנ דאָס פאָטערלאַנד“! אונ מיר וואָלטנ גע־קאָנט צוגעבנ: „די בורזשואַזיע פונ אַלע אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטנ, פונ ענג־לאַנד, פראַנקרייכ, דייטשלאַנד, עסטרייכ, רוסלאַנד, איטאַליע, יאַפּאָניע, פאַרייניקטע שטאַטנ איז געוואָרנ אפ אזויפיל רעאַקציאָנער אונ איז אפ אזויפיל דורכגעדרונגענ מיט דער שטרעבונג צו וועלט־הערשאַפט, אז יעטווידע מילכאָמע מיצאַד דער בור־

זשואזיע פונ די דאָזיקע לענדער קאָנ זײַנ נאָר א רעאקציאָנערע. דער פּראָלעטאריאט דארפ זײַנ ניט נאָר קעגנ יעטווידער מילכאָמע פונ דעמ מינ, נאָר ער דארפ אויכ ווינטשנ די מאפּאָלע פונ „זײַנ" רעגירונג אינ אזעלכע מילכאָמעס אונ אויסנוצנ די דאָזיקע מאפּאָלע פאר א רעוואָליוציאָנערנ אופשטאנד, אויב ס'וועט זיכ ניט איינגעבנ אנ אופשטאנד מיטנ ציל ניט צו דערלאָזנ די מילכאָמע".

בענעגייע דער פראגע וועגנ מיליציע וואָלטנ מיר געדארפט זאָגנ: מיר זײַנענ ניט פאר קיינ בורזשואזער מיליציע, נאָר בלויז פאר א פּראָלעטארישער. דעריבער „קיינ איינ גראָשנ אונ קיינ איינ מענטשנ" ניט נאָר פארנ רעגולערנ מיליטער, נאָר אויכ פאר דער בורזשואזער מיליציע, אפילע אינ אזעלכע לענדער, ווי די פאראייניקטע שטאטנ אָדער די שווייץ, נאָרוועגיע אד"ג. ביפראט נאָכ, אז אינ די סאמע פרײַע רעפּובליקאנישע לענדער (לעמאָשל, אינ דער שווייץ) זעענ מיר, ווי די מיליציע ווערט אלצ מער אונ מער פּארפּרײַסישט, באזונדערס אינ די יאָרנ 1907 אונ 1911, ווי זי ווערט פּראָסטיטוירט אפ צו מאָביליזירנ דאָס מיליטער קעגנ די שטרײַקער. מיר קאָנענ פאָדערנ, אז די אָפיצערנ זאָלנ געווײַלט ווערנ פונעמ פאָלק, מע זאָל אָפּשאפנ יעטווידע מיליטערישע יוסטיץ, אויסגלײַכנ אינ די רעכט די אויסלענדישע ארבעטער מיט די אָרטגעבירטיקע (א באזונדערס וויכטיקער פּונקט פאר יענע אימפּעריאליסטישע לענדער, אשטייגער, ווי די שווייץ, וואָס עקספּלואטירנ אלצ אינ א גרעסערער צאָל אונ אלצ אומפארשעמטער די אויסלענדישע ארבעטער, לאָזנדיק זיי אָנ רעכט), ווײַטער: רעכט פאר יעדע, לאָמיר זאָגנ, הונדערט אײַנוווינער פונעמ געגעבענעמ לאנד צו שאפנ פרײַע פאריינענ, מיט פרײַ געווײַלטע אינסטרוקטאָרנ, וואָס זאָלנ באקומענ באצאָלט פאר זייער ארבעט אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע אאוו. נאָר בא אזעלכע באדינגונגענ וואָלט דער פּראָלעטאריאט געקאָנט דערלערנענ דאָס קריגסוועזנ ווירקלעכ פאר זיכ, אונ ניט פאר זײַנע שקלאפנבאזיצער, אונ אזא דערלערנענ פאָדערנ אומבאדינגט די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאריאט. די רוסישע רעוואָליוציע האָט באוויזנ, אז יעדער דערפאָלג, אפילע כאָטשבי א טיילווײַזער דערפאָלג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, — לעמאָשל, דאָס דעראָבערנ א געוויסע שטאָט, א געוויסנ פאבריק-יישעוו, א געוויסנ טייל פונ דער ארמיי, — וועט אומפארמײַדלעכ צווינגענ דעמ פּראָלעטאריאט, וואָס האָט געזיגט, צו פארווירקלעכנ דאפּקע אזא פּראָגראמ.

עס איז, צולעצט, אומענלעכ, פארשטייט זיכ, צו קעמפנ קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ בלויז מיט פּראָגראמעס אליינ, נאָר מע דארפ קעמפנ דורכ קעסיידערדיקנ אכטונג געבנ, אז די פּראָגראמעס זאָלנ ווירקלעכ דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ. דער גרעסטער, סאמע פאטאלער פעלער פונעמ באנקראָטירטנ II אינטערנאציאָנאל איז באשטאנענ דערינ, וואָס דאָס וואָרט האָט ניט אנטשפּראָכנ דעמ טאט, וואָס עס איז קולטיווירט געוואָרנ די געוווינהײַט צו געוויסנלאָזער רעוואָליוציאָנערער פראזע (זע די איצטיקע באציונג פונ קאוטסקי אונ קאָמפּ. צומ באזעלער מאניפעסט). אנטוואָפענונג, אלס סאָציאלע אידיי, — דה. אזא אידיי, וואָס ווערט ארויסגערופנ דורכ געוויסע סאָציאלע באדינגונגענ, וואָס קאָנ ווירקנ אפ א געוויסער סאָציאלער סוויווע, אונ פארבלײַבט ניט קיינ פּערזענלעכער קאפּריז, — איז אפּאָנעמ ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ די ספּעציעלע, אלס אויסנאמ „רויקע" לעבנס-באדינגונגענ פונ איינצלנע קליינע מעלוכעס,

וואָס זײַנענ א גאנצ לאנגע צײַט געשטאנענ אָנ א זײַט פונעמ בלוטיקנ אלוועלטלעכנ וועג פונ מילכאָמעס אונ האָפּנ אזוי צו פארבלײַבנ אָנ א זײַט. קעדיי צו איבערצײַגנ זיכ דערינ, איז גענוג ארײַנצוטראכטנ זיכ, לעמאָשל, אינ דער ארגומענטאציע פונ די נאָרוועגישע אָנהענגער פונ אנטוואָפענונג: „מיר, זאָל עס הייסנ, זײַנענ א לאנד א קליינס, די ארמיי איז בא אונדז א קלייניקע, מיר קאָנענ גאָרנישט ניט מאכנ קעגנ די גרויסמאכטנ" (אונ דעריבער זײַנענ מיר אויכ הילפלאָז קעגנ דעמ, אז מע זאָל אונדז איבערגוואלד ארײַנציִענ אינ אנ אימפּעריאליסטישנ ב ו נ ד מיט דער אָדער יענער גרופּע גרויסמאכטנ)... „מיר ווילנ פארבלײַבנ רויִק אינ אונדזער פּראָווינציעלנ ווינקעלע אונ ווײַטער פירנ אונדזער פּראָווינציעלע פּאָליטיק, פאָדערנ אנטוואָפענונג, אָבליגאטאָרישע ארביטראזש-געריכטנ, שטענדיקע („שטענדיקע"—אפּאָנעמ פונ דעמ מינ ווי די בעלגישע?) נייטראליטעט" אדג.

די קליינע שטרעבונג פונ די קליינע מעלוכעס צו פארבלײַבנ אָנ דער זײַט, דער קליינבירגערלעכער ווונטש צו שטיינ וואָס ווײַטער פונ די גרויסע שלאכטנ פונ דער וועלט-געשיכטע, אויסצונוצנ די אייגענע פארהעלטניסמעסיק מאָנאָפּאָלע לאגע אפ צו פארבלײַבנ אינ פארגליווערטער פּאסיווקײַט — אָט דאָס זײַנענ די אָ ב י ע ק ט י ו ו ע געזעלשאפטלעכע באדינגונגענ, וואָס קאָנענ זיכערנ דער אנטוואָפענונגס-אידיי א געוויסנ דערפאָלג אונ א געוויסע פארשפּרייטונג אינ אייניקע קליינע מעלוכעס. פארשטייט זיכ, אז די דאָזיקע שטרעבונג איז רעאקציאָנער אונ באזירט זיכ דורכויס אפ אילוזיעס, וואָרעמ דער אימפּעריאליזמ ציט אזוי אָדער אנדערש ארײַנ די קליינע מעלוכעס אינ דעמ קעסלגרוב פונ דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט אונ פונ דער וועלט-פּאָליטיק.

דער שווייצ, אשטייגער, דיקטירט אָביעקטיוו איר אימפּעריאליסטישע אומגעבונג צ ו ו יי ליניעס פונ דער ארבעטער-באוועגונג: די אָפּאָרטוניסטנ שטרעבנ אינ בונד מיט דער בורזשואזיע דערצו, אז מע זאָל פארוואנדלענ שווייצ אינ א רעפּובליקאניש-דעמאָקראטישנ מאָנאָפּאָליסטישנ פארבאנד אפ צו באקומענ פּראָפיטנ פונ די טוריסטנ פונ דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע אונ אויסנוצנ אָט די „רויִקע" מאָנאָפּאָל-לאגע ווי ווײַט מעגלעכ גינסטיקער, ווי ווײַט מעגלעכ רויִקער.

די ווירקלעכע סאָציאל-דעמאָקראטנ פונ דער שווייצ שטרעבנ אויסצונוצנ די פארהעלטניסמעסיקע פרײַהײַט פונ דער שווייצ אונ איר „צווישנפעלקערלעכע" לאגע (די שכיינעס מיט די כאמע הויכ-קולטורעלע לענדער), דערנאָכ אויכ דעמ אומשטאנד, וואָס די שווייצ רעדט, א דאנק גאָט, ניט אפ קיינ „אייגענער זעלבשטענדיקער" שפּראכ, נאָר אפ דרײַ וועלט-שפּראכנ, — קעדיי צו פארברייטערנ, פארשטארקנ, פארפעסטיקנ דעמ ר ע וו אָ ל י ו צ יָ אָ נ ע ר נ בונד פונ די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ פונעמ פּראָלעטאריאט פונ גאנצ אייראָפּע. די שווייצ רעדט, גאָט צו דאנקענ, ניט אפ קיינ „ספּעציעלער" שפּראכ, נאָר אפ דרײַ וועלט-שפּראכנ, אונ גראָד אפ אזעלכע, אפ וועלכע עס ריידנ די מילכאָמע-האלטנדיקע לענדער, וואָס גרענעצנ מיט איר.

ווענ די 20.000 מיטגלידער פונ דער שווייצערישער פּארטיי זאָלנ יעדע וואָכ ארײַנטראָגנ צו צוויי סאנטימ אלס „אויסעראָרדנטלעכנ מילכאָמע-שטײַער", וואָלטנ מיר באקומענ 20.000 פראנק א יאָר, — מער ווי גענוג אפ דעמ, אז מע זאָל, טראָצ די פארבאָטנ פונ די גענעראל-שטאבנ, פּעריאָדיש דרוקנ אונ פארשפּרייטנ

אפ דרײַ שפּראַכנ צווישנ די אַרבעטער אונ סאָלדאַטנ פונ די מילכאָמע-האַלטנדיקע לענדער דאָס אַלצ, וואָס עס אנטהאַלט דעמ עמעס וועגנ דער אופרעגונג פונ די אַרבעטער, וועלכע הייבט זיכ אָנ, וועגנ זייער ברידערנ זיכ אינ די אָקאָפּעס, וועגנ זייערע האָפענונגענ אויסצונוצנ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אופנ דאָס געווער קעגנ דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע פונ זייערע „אייגענע“ לענדער אאַוו.

דאָס אַלצ איז ניט נײַ. גראָד אָט דאָס מוזנ די בעסערע צײַטונגענ, ווי „Berner Tagwacht“, „Volksrecht“, „La Sentinelle“[1], צום באַדויערנ אָבער, ניט אינ קיינ גענוגנדיקער מאָס. נאָר דורכ אַזאַ טעטיקײַט וועט די אויסגעצייכנטע באַשטימונג פונעמ פּאַרטייטאָג אינ אַאַראַו[2] קאָנענ ווערנ עטוואָס מער ווי פּאָשעט אַנ אויסגעצייכנטע באַשטימונג.

די פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז אצינד, שטייט אַזוי: צי אנטשפּרעכט די פאָדערונג וועגנ אנטוואָפענונג דער רעוואָליוציאָנערער ריכטונג צווישנ די שווייצערישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ? קלאָר, אַז ניט. אָביעקטיוו איז די „אנטוואָפענונג“ די סאַמע נאַציאָנאַלע, ספּעציפיש-נאַציאָנאַלע פּראָגראַמ פונ די קליינע מעלוכעס, אונ קלאָל ניט קיינ אינטערנאַציאָנאַלע פּראָגראַמ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

[1] „La Sentinelle“ — אַנ אָרגאַנ פונ די אָנהענגער פונ דער צימערוואַלדער לינקער אינ דער שווייצערישער ס.-ד. פּאַרטיי; „Volksrecht“ — א וועכנטלעכער אָרגאַנ פונ דער שווייצערישער ס.-ד. פּאַרטיי אונ פונ דער ס.-ד. אָרגאַניזאַציע פונ ציריכ; „Berner Tagwacht“ — אָפיציעלער אָרגאַנ פונ דער שווייצערישער ס.-ד. פּאַרטיי. רעד.

[2] דער פּאַרטייטאָג אינ אַאַראַו — דער צוזאַמענפאָר פונ דער שווייצערישער ס.-ד. פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומענ דעמ 20—21 נאָיאַבער 1915 יאָר. רעד.

בריוו פונ דער ווײַט[1]

ערשטער בריוו

דער ערשטער עטאַפּ פונ דער ערשטער רעוואָליוציע

די ערשטע רעוואָליוציע, וואָס איז אַרויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, איז אויסגעבראָכנ. די דאָזיקע ערשטע רעוואָליוציע וועט געוויס ניט זײַנ די לעצטע.

ווי מע קאָנ אורטיילנ לויט די קאַרגע ידיעס, וואָס דער שרײַבער פונ די דאָזיקע שורעס האָט אינ זײַנ רעשוס אינ דער שווייצ, האָט זיכ דער ערשטער עטאַפּ פונ דער דאָזיקער ערשטער רעוואָליוציע, נעמלעכ פונ דער ר ו ס י ש ע ר רעוואָליוציע פונ 1=טנ מארט 1917 יאָר, פאַרענדיקט.

אָט דער ערשטער עטאַפּ וועט געוויס ניט זײַנ דער לעצטער עטאַפּ פונ אונדזער רעוואָליוציע.

ווי אַזוי האָט געקאָנט געשענ אַזא „נעס", אַז סאַכאַקל פאַר 8 טעג, — דער טערמינ, וועלכנ דער ה' מיליוקאָוו האָט אָנגעוויזנ אינ זײַנ באַרימערישער טעלעגראַמע צו אַלע פאָרשטייער פונ רוסלאַנד אינ אויסלאַנד, — איז צעפאַלנ געוואָרנ די מאָנארכיע, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ יאָרהונדערטער אונ וואָס איז, ניט געקוקט אַפּ קיינ זאַכ, געבליבנ גאַנצ אינ משך פונ די דרײַ יאָר גראַנדיעזע קלאַסנ=שלאַכטנ פונעמ גאַנצנ פאָלק אינ די יאָרנ 1905—1907?

קיינ ניסימ אינ דער נאַטור אונ אינ דער געשיכטע געשענ ניט, אָבער יעדער שאַרפער קער אינ דער געשיכטע, דערונטער אויכ יעדע רעוואָליוציע, גיט אַזא שלאַל מיט אינהאַלט, וויקלט פאַנאַנדער אַזוינע אומגעריכט=אייגנאַרטיקע קאָמבינאַציעס פונ קאַמפּס=פאָרמענ אונ פונ די קויכעס=פאַרהעלטענישנ פונ די קעמפנדיקע, אַז פאַר דעמ באַלעבעסלדיקנ פאַרשטאַנד מוזנ א סאַכ זאַכנ אויסזענ ווי א נעס.

קעדיי די צאַרישע מאָנאַרכיע זאָל קאָנענ צעפאַלנ ווערנ אינ משך פונ עטלעכע טעג, איז נייטיק געווענ די קאָמבינאַציע פונ א גאַנצער ריי באַדינגונגענ פונ אַלוועלטלעכ=היסטאָרישער וויכטיקײַט. לאָמיר אָנווײַזנ די וויכטיקסטע פונ זיי.

---

[1] די „בריוו פונ דער ווײַט" האָט לענינ אָנגעשריבנ אינ דער שווייצ צווישנ דעמ 7=טנ אונ דעמ 26=טנ מארט 1917 יאָר. אינ 1917 יאָר איז אָפּגעדרוקט געוואָרנ נאָר דער ערשטער בריוו אונטערנ נאָמענ „דער ערשטער עטאַפּ פונ דער ערשטער רעוואָליוציע" אינ „פּראַוודאַ" נומ. 14 אונ 15 דעמ 21—22 מארט 1917 יאָר. ר ע ד.

אָנ די דרײַ יאָר גראַנדיעזע קלאַסנ-שלאַכטנ אונ רעװאָליוציאָנערער ענערגיע פונעמ רוסישנ פּראָלעטאַריאַט אינ די יאָרנ 1905—1907 װאָלט נית מעגלעכ געװענ אַזאַ גיכע צװייטע רעװאָליוציע, אַ גיכע אינעמ זינ, װאָס איר אָנפאַנגלעכער עטאַפּ איז פאַרענדיקט געװאָרנ אינ עטלעכע טעג. די ערשטע (1905 יאָר) האָט טיפ אופגעאַקערט דעמ באָדנ, האָט אויסגעװאָרצלט די דורעסדיקע פאָרורטיילנ, האָט אופגעװעקט צו פּאָליטישנ לעבנ אונ צו פּאָליטישנ קאַמפּ מיליאָנענ אַרבעטער אונ צענדליקער מיליאָנענ פּויערימ, האָט באַװיזנ איינעמ פאַר דעמ אַנדערנ — אונ פאַר דער גאַנצער װעלט — אַלע קלאַסנ (אונ אַלע װיכטיקסטע פּאַרטייענ) פונ דער רוסישער געזעלשאַפט אינ זייער װירקלעכער נאַטור, אינ דער װירקלעכער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש פונ זייערע אינטערעסנ, פונ זייערע קרעפטנ, פונ זייערע האַנדלונגס-מעטאָדנ, פונ זייערע נאָענטסטע אונ װײַטערדיקע צילנ. די ערשטע רעװאָליוציע אונ די קאָנטררעװאָליוציאָנערע עפּאָכע נאָכ איר (1907—1914) האָט אַנטבלויזט דעמ גאַנצנ טאָכ פונ דער צאַרישער מאָנאַרכיע, האָט זי דערפירט ביזנ „לעצטנ שטריכ“, האָט אופגעדעקט איר גאַנצע צעפוילטקייט, עקלהאַפטקייט, דעמ גאַנצנ ציניזמ אונ די אויסגעלאַסנקייט פונ דער צאַרישער באַנדע מיטנ שרעקלעכנ ראַספּוטינ בעראָש, די גאַנצע אַכזאָריעס פונ דער ראָמאַנאָװ-מישפּאָכע — אָט די פּאָגראָמשטשיקעס, װאָס האָבנ פאַרפלייצט רוסלאַנד מיטנ בלוט פונ ייִדנ, אַרבעטער, רעװאָליוציאָנערנ, — אָט די „ערשטע צװישנ גלײַכע“ פּריצימ, װאָס פאַרמאָגנ מיליאָנענ דעסיאַטינ ערד אונ װאָס גייענ אַפּ אַלע בעסטיאַלע מײַסימ, אַפּ אַלע פאַרברעכנס, אַפּ רויִנירנ אונ דערשטיקנ יעטװידע צאָל בירגער אַבי נאָר אײַנצוהיטנ אָט דאָס „הייליקע אייגנטומ“ זייערס אונ פונ זייער קלאַס.

אָנ דער רעװאָליוציע פונ די יאָרנ 1905—1907, אָנ דער קאָנטררעװאָליוציע פונ די יאָרנ 1907—1914 װאָלט אומעגלעכ געװענ, אַז אַלע קלאַסנ פונעמ רוסישנ פאָלק אונ פונ די פעלקער פונ רוסלאַנד זאָלנ זיכ אַזוי פּינקטלעכ „זעלבסטבאַשטימענ“, אַז די דאָזיקע קלאַסנ זאָלנ אַזוי פּינקטלעכ באַשטימענ זייער באַציִונג איינער צומ אַנדערנ אונ צו דער צאַרישער מאָנאַרכיע, װי דאָס האָט זיכ אַרויסגעװיזנ אינ מעשעכ פונ די אַכט טעג פונ דער פעװראַל-מאַרט-רעװאָליוציע פונ 1917 יאָר. די דאָזיקע אַכט-טאָגיקע רעװאָליוציע איז, אויב מע מעג זיכ אַזוי מעטאַפאָריש אויסדריקנ, „פאַנאַנדערגעשפּילט“ געװאָרנ פּונקט װי נאָכ אַ צענדליק גענעראַלע אונ געװיינלעכע רעפּעטיציעס; די „אַקטיאָרנ“ האָבנ געקענט איינער דעמ אַנדערנ, געװוּסט זייערע ראָלנ, זייערע ערטער, זייער גאַנצנ אַרומ אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, אַבסאָליוט, ביז יעטװידער װיפל-נית-איז באַדײַטנדיקער שאַטירונג אינ די פּאָליטישע ריכטונגענ אונ האַנדלונגס-מעטאָדנ.

אויב אָבער די ערשטע, די גרויסע רעװאָליוציע פונ 1905 יאָר, װאָס די הערנ גוטשקאָװס אונ מיליוקאָװס מיט זייערע נאָכטענצער האָבנ זי פאַרורטיילט אַלס „גרויסנ בונט“, האָט אינ 12 יאָר אַרומ געבראַכט צו דער „גלענצנדיקער“, „רומפולער רעװאָליוציע“ פונ 1917 יאָר, װאָס די הערנ גוטשקאָװס אונ מיליוקאָװס דערקלערנ זי פאַר אַ „רומפולער“, װײַל זי האָט (דערװײַל) זיי געגעבנ די מאַכט,— האָט זיכ נאָכ געפאָדערט אַ גרויסער, שטאַרקער, אַלמעכטיקער „רעזשיסער“, װאָס איז, פונ איינ זײַט, אימשטאַנד געװענ אינ אַ געװאַלדיקנ מאַסשטאַב צו פאַרגיכערנ

דעמ גאנג פונ דער אלוועלטלעכער געשיכטע, און, פונ דער אנדערער זײַט, — ארויסרופנ אלוועלטלעכע קריזיסנ פונ אומגעזעענער קראפט, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע. אכוצ דער אויסערגעוויינלעכער פארגיכערונג פונ דער וועלט־געשיכטע זײַנענ גייטיק געווענ באזונדערס שארפע ווענדונגענ אינ איר, כּדי אפ איינעמ פונ אזוינע ווענד־פונקטנ זאָל דער מיט בלוט און קויט פארגאָסענער וואָגנ פונ דער ראָמאנאָוו־מאָנארכיע קאָנענ איבערקערנ זיכ מיטאמאָל.

אלס אזא אלמעכטיקער „רעזשיסער“, אלס אזא מעכטיקער פארגיכערער איז געקומענ די אלוועלטלעכע אימפּעריאליסטישע מילכאָמע.

איצט איז שוינ אויסער שטרײַט, אז זי איז אנ אלוועלטלעכע, ווײַל די פארייניקטע שטאטנ און כינע זײַנענ אפ האלב שוינ ארײַנגעצויגנ אינ איר הײַנט, וועלנ אינגאנצנ ארײַנגעצויגנ ווערנ מאָרגנ.

איצט איז שוינ אויסער שטרײַט, אז זי איז אנ אימפּעריאליסטישע פונ ביידע צדאָדימ. נאָר די קאפּיטאליסטנ און זייערע לאקייענ, — די סאָציאל־פּאטריאָטנ און סאָציאל־שאָוויניסטנ, — קאָנענ לייקענענ אָדער פארשמירנ דעמ דאָזיקנ פאקט. אי די דײַטשישע אי די ענגליש־פראנצויזישע בורזשואזיע פירנ די מילכאָמע צוליבנ באראבעווענ פרעמדע לענדער, צוליבנ דערשטיקנ די קליינע פעלקער, צוליב דער פינאנציעלער הערשאפט איבער דער וועלט, צוליב דער צעטיילונג און איבערפּארטיילונג פונ די קאָלאָניעס, צוליבנ ראטעווענ די אונטערגייענדיקע קאפּיטאליסטישע אָרדענונג דורכנ באשווינדלענ און איזאָלירנ איינע פונ די אנדערע די ארבעטער פונ פארשיידענע לענדער.

די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע האָט מיט אביעקטיווער אומפארמײַדלעכקײַט געמוזט אויסערגעוויינלעכ פארגיכערנ און מוירעדיק פארשארפנ דעמ קלאסנקאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזיע, זי מוז זיכ פארוואנדלענ אינ א בירגערקריג צווישנ די פײַנטלעכע קלאסנ.

די דאָזיקע פארוואנדלונג איז אָנגעהויבנ געוואָרנ דורכ דער פעוורואל־מארט־רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר, וואָס דער ערשטער עטאפ אירער האָט אונדז באוויזנ, ערשטנס, דעמ געמיינזאמענ קלאפ, וועלכנ עס האָבנ דערלאנגט דעמ צאריזמ צוויי קויכעס: דאָס גאנצע בורזשואזע און פּריצישע רוסלאנד צוזאמענ מיט אלע זײַנע אומבאוווסטזיניקע לאקייענ און מיט אלע זײַנע באוווסטזיניקע אָנפירער אינ געשטאלט פונ די ענגליש־פראנצויזישע געזאנדטע און קאפּיטאליסטנ, פונ איינ זײַט, און די ראטנ פונ ארבעטערשע און סאָלדאטישע דעפּוטאטנ — פונ דער אנדערער.

די דאָזיקע דרײַ פּאָליטישע לאגערנ, די דרײַ פּאָליטישע גרונט־קויכעס: 1) די צארישע מאָנארכיע, דער ראָש פונ די פּריצימ די לײַבייגנטימער, דער ראָש פונעמ אלטנ באאמטנטומ און גענעראליטעט; 2) דאָס בורזשואזע און פּריצישע אָקטיאבריסטיש־קאדעטישע רוסלאנד, נאָכ וועלכנ עס האָט זיכ נאָכגעשלעפּט דאָס קליינבירגערטומ; 3) דער ראט פונ ארבעטערשע און סאָלדאטישע דעפּוטאטנ, וואָס זוכט פאר זיכ פארבינדעטע אינעמ גאנצנ פּראָלעטאריאט און אינ דער גאנצער מאסע פונ דער אָרעמסטער באפעלקערונג, — אָט די דרײַ פּאָליטישע גרונט־קויכעס

האָבנ זיכ מיט דער פולסטער קלאָרקײַט אנטפּלעקט אפילע אינ די 8 טעג פונעם „ערשטנ עטאַפּ“, אפילע פאר אזא צושויער, וואָס געפינט זיכ ווײַט פונ די געשעענישנ, ווי דער שרײַבער פונ די דאָזיקע שורעס, וואָס איז געצווּנגענ זיכ צו באַגרענעצנ מיט די קאַרגע טעלעגראַמעס אינ די אויסלענדישע צײַטונגענ.

אָבער אײדער איכ וועל נעמענ אויספירלעכער רײדנ וועגנ דעם, דאַרפ איכ זיכ אומקערנ צו דעם טײל פונ מײַנ בריוו, וועלכער איז געווידמעט א פאַקטאָר פונ ערשטראַנגיקער קראַפט — דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

די מילכאָמע האָט צוזאַמענגעבונדנ די מילכאָמע-האַלטנדיקע מעלוכעס, די מילכאָמע-האַלטנדיקע גרופּעס קאַפּיטאַליסטנ, די „באַלעבאַטים“ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, די שקלאַפנבאַזיצער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפערײַ, מיט אײַזערנע קײטנ אײנעמ מיטנ אַנדערנ. אײנ בלוטיקער קנויל — אָט וואָס עס איז אזוינס דאָס געזעלשאַפטלעכ-פּאָליטישע לעבנ פונ דעם היסטאָרישנ מאָמענט, וואָס מיר לעבנ איבער.

די סאָציאַליסטנ, וואָס זײַנענ אריבער אפ דער זײַט פונ דער בורזשואַזיע אינ אָנהײב פונ דער מילכאָמע, — אָט די אַלע האַווידס אונ שײדעמאַנס אינ דײַטשלאַנד, די פּלעכאַנאָווס, פּאָטרעסאָווס, גוואָזדיאָווס אונ קאָמפּ. אינ רוסלאַנד,—האָבנ לאַנג אונ מיט אַלע קויכעס געשריענ קעגנ די „איליוזיעס“ פונ די רעוואָלוציאָנערנ, קעגנ די „איליוזיעס“ פונעמ באַזעלער מאַניפעסט, קעגנ דעם „טרוימענ-פאַרס“ וועגנ פאַרוואַנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג. זײ האָבנ אפ אַלע אופאַנימ באַזונגענ די קראַפט, די לעבנספיִקײַט, די צופּאַסונגס-פיִקײַט, וואָס דער קאַפּיטאַליזמ האָט קלוימערשט ארויסגעוויזנ, — זײ, וואָס האָבנ געהאָלפנ די קאַפּיטאַליסטנ „צוצופּאַסנ“, צוגעווײנענ, באַשווינדלענ, איזאָלירנ אײנע פונ די אַנדערע די ארבעטער-קלאַסנ פונ פאַרשײדענע לענדער!

אָבער „גוט וועט לאַכנ דער, ווער עס וועט לאַכנ דער לעצטער“. ניט אפ לאַנג האָט זיכ דער בורזשואַזיע אײַנגעגעבנ אָפּצוציענ דעם רעוואָלוציאָנערנ קריזיס, וואָס די מילכאָמע האָט ארויסגערופנ. ער וואַקסט מיט אנ אומגעצוימטער קראַפט אינ אַלע לענדער, אָנגעהויבנ פונ דײַטשלאַנד, וואָס לעבט איבער, לויטנ אויסדרוק פונ אײנעם א צושויער, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע לאַנד ניט לאַנג באַזוכט, א „גענויאַל אָרגאַניזירטנ הונגער“, אונ געענדיקט מיט ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ, וווּ דער הונגער רוקט זיכ אויכ אָנ אונ וווּ די אָרגאַניזאַציע איז א סאַכ ווײניקער „גענויאַל“.

עס איז נאַטירלעכ, אז אינעם צאַרישנ רוסלאַנד, וווּ די דעזאָרגאַניזאַציע איז געווענ די סאַמע מוירעדיקע אונ וווּ דער פּראָלעטאַריאַט איז דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער (ניט אדאַנק זײַנע ספּעציעלע אײגנשאַפטנ, נאָר אדאַנק די לעבעדיקע טראַדיציעס פונעם „פינפטנ יאָר“), איז דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס אויסגעבראָכנ פריער פונ אַלצ. דער דאָזיקער קריזיס איז פאַרגיכערט געוואָרנ דורכ דער רײַ שווערסטע מאַפּאָלעס, וואָס רוסלאַנד אונ זײַנע פאַרבינדעטע האָבנ געליטנ. די מאַפּאָלעס האָבנ צעטרייסלט דעם גאַנצנ אַלטנ רעגירונגס-מעכאַניזמ אונ די גאַנצע אַלטע אָרדענונג, האָבנ ארויסגערופנ צאָרנ קעגנ איר בא אַלע קלאַסנ פונ דער באַפעלקערונג, האָבנ ארויסגערופנ פאַרביטערונג בא דער ארמײ, האָבנ אינ א גוואַלדיקער מאָס אויסגעראָטנ איר אַלטנ קאָמאַנדירנ-באַשטאַנד, מיט זײַנ פאַרשימלט-פּריציש

אונ באזונדערס פוילנ טשיגאָווניקישנ כאראקטער, האָבנ אימ פארביטנ דורכ א יונגנ, פרישנ, דעריקער בורזשואזנ, ראזנאָטשינישנ, קליינבירגערלעכנ באשטאנד.

אויב אָבער די מאפאָלעס אינ דער מילכאָמע האָבנ געשפּילט די ראָליע פונ א נעגאטיוונ פאקטאָר, וואָס האָט פארגיכערט דעמ אויסברוכ, איז די פארבינדונג צווישנ דעמ ענגליש=פראנצויזישנ פינאנצ=קאפּיטאל, צווישנ דעמ ענגליש=פראנצויזישנ אימפעריאליזמ מיטנ אָקטיאבריסטיש=קאדעטישנ קאפּיטאל פונ רוסלאנד געווענ דער פאקטאָר, וואָס האָט פארגיכערט דעמ האָזיקנ קריזיס.

מאכמעס פארשטענדלעכע סיבעס, פארשוויגט די ענגליש=פראנצויזישע פרעסע די דאָזיקע, ביז גאָר וויכטיקע, זײַט פונעמ איניענ, אונ די דײַטשישע שטרײַכט זי מיט שאָדנפרייד אונטער. מיר, מארקסיסטנ, דארפנ ניכטער קוקנ דעמ עמעס אינ די אויגנ ארײַנ, ניט ניספּאָעל ווערנ ניט פונעמ שעקער, דעמ קאזיאָנעמ, פריקרע=זיסנ דיפּלאָמאטישנ שעקער פונ די דיפּלאָמאטנ אונ מיניסטאָרנ פונ דער ערשטער מילכאָמע=האלטנדיקער גרופּע אימפעריאליסטנ, ניט פונעמ אונטערווינקענ אונ פונ די ביכיקערײַענ פונ זייערע פינאנצ= אונ מילכאָמע=קאָנקורענטנ פונ דער אנדערער מילכאָמע=האלטנדיקער גרופּע. דער גאנצער גאנג פונ די געשעענישנ פונ דער פעוראל=מארט=רעוואָליוציע באווײַזט קלאָר, אז די ענגלישע אונ די פראנצויזישע געזאנדטשאפטנ צוזאמענ מיט זייערע אגענטנ אונ „פארבינדונגענ", וואָס האָבנ שוינ לאנג געמאכט די סאמע פארצווייפלטע אָנשטרענגונגענ, קעדיי ניט צו דערלאָזנ קיינ „סעפּאראטע" אויסגלײַכנ אונ סעפּאראטנ שאָלעמ צווישנ ניקאָלײַ דעמ צווייטנ (אָבער לאָמיר האָפנ אונ זיכ דערשלאָגנ דערצו — דעמ לעצטנ) מיט ווילהעלמ דעמ II, — זיי האָבנ דירעקט געשטרעבט אראָפּצוזעצנ ניקאָלײַ ראָמאנאָוונ.

לאָמיר זיכ ניט שאפנ קיינ איליוזיעס.

אויב די רעוואָליוציע האָט געזיגט אזוי גיכ אונ אזוי — אויסערלעכ, אפנ ערשטנ אויבערפלעכלעכנ קוק — „ראדיקאל", איז עס נאָר דערפאר, ווײַל מאכמעס דער העכסט אָריגינעלער היסטאָרישער סיטואציע האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ אינײַנעמ, אונ זיכ צונויפגעגאָסנ מערקווירדיק „סאָלידאר", אבסאָליוט פארשיידענע שטראָמענ, אבסאָליוט פארשיידנארטיקע קלאסנ=אינטערעסנ, אבסאָליוט קעגנזעצלעכע פּאָליטישע אונ סאָציאלע שטרעבונגענ. נעמלעכ: די פארשווערונג פונ די ענגליש=פראנצויזישע אימפעריאליסטנ, וועלכע האָבנ געשטויסנ מיליוקאָוונ אונ גוטשקאָוונ מיט דער קאָמפּ. צו פארכאפּנ די מאכט, קעדיי ווײַטער צו פירנ די אימפעריאליסטישע מילכאָמע, קעדיי נאָכ פארביסענער אונ אקשאָנעסדיקער צו פירנ זי, קעדיי אויסצוהארגענענ נײַע מיליאָנענ ארבעטער אונ פויערימ פונ רוסלאנד אפּ צו באקומענ קאָנסטאנטינאָפּאָל... פאר די גוטשקאָווס, סיריע... פאר די פראנצויזישע קאפּיטאליסטנ, מעסאָפּאָטאמיע... פאר די ענגלישע קאפּיטאליסטנ אאוו. דאָס איז פונ איינ זײַט. אונ פונ דער אנדערער זײַט, די טיפע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פונ די פאָלקס=מאסנ (די גאנצע אָרעמסטע באפעלקערונג פונ די שטעט אונ דערפער) פאר ברויט, פאר שאָלעמ, פאר עמעסער פרײַהײַט.

די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער אונ סאָלדאטנ האָבנ ביזנ גרונט צעשטערט די עקלהאפטע צארישע מאָנארכיע, ניט אנציקט ווערנדיק אונ ניט ניספּאָעל ווערנ=

דיק דערפונ, וואָס איז געווענ, קורצע, לויט דער קאָניונקטור אויסשליסלעכע היסטאָרישע מאָמענטנ קומט זיי *צו הילפ* דער קאמפ פונ ביוקענע, גוטשקאָוו, מיליוקאָוו אונ קאָמפ., וועלכע האָבנ געוואָלט מער ניט ווי פארבײַטנ איינ מאָנארכ *אפ אנ אנדערנ*.

אזוי אונ נאָר אזוי איז עס געווענ. אזוי אונ נאָר אזוי קאָנ קוקנ א פאָליטיקער, וואָס האָט ניט מוירע פארנ עמעס, וואָס וועגט ניכטער אָפ די קעגנזײַטיקע פארהעלטענישנ צווישנ די געזעלשאפטלעכע קויכעס אינ דער רעוואָליוציע, וואָס שאצט אָפ יעדנ „לויפנדנ מאָמענט“ ניט נאָר פונעמ שטאנדפונקט פונ זײַנ גאנצער געגעבענער, הײַנטיקער, אָריגינעלקײַט, נאָר אויכ פונעמ שטאנדפונקט פונ די טיפערע פרוזשינעס, פונ דער טיפערער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונ דער בורזשואזיע סײַ אינ רוסלאנד סײַ אינ דער גאנצער וועלט.

די פיטערער ארבעטער אונ סאָלדאטנ, פונקט ווי די ארבעטער אונ סאָלדאטנ פונ גאנצ רוסלאנד, האָבנ זיכ מיט מעסירעסנעפעש געשלאָגנ קעגנ דער צארישער מאָנארכיע, פאר פרײַהײַט, פאר ערד די פויערימ, *פאר שאָלעמ* קעגנ דער אימפעריאליסטישער שכיטע. דער ענגליש-פראנצויזישער אימפעריאליסטישער קאפיטאל האָט, קעדיי ווײַטער צו פירנ אונ פארשטארקנ די דאָזיקע שכיטע, געשפינט הויפ-אינטריגעס, אָרגאניזירט א פארשווערונג, געהעצט אונ צוגעגעבנ האָפענונגענ די גוטשקאָווס אונ מיליוקאָווס, צוגעגרייט *אינגאנצנ א פארטיקע נײַע רעגירונג*, וועלכע האָט טאקע *פארכאפט די מאכט* גלײַכ נאָכ די ערשטע קלעפ פונ פראָלעטארישנ קאמפ, וואָס זײַנענ דערלאנגט געוואָרנ דעמ צאריזמ.

די דאָזיקע רעגירונג איז ניט קיינ צופעליקע קנופיע מענטשנ.

דאָס זײַנענ פאָרשטייער פונ דעמ נײַעמ קלאס, וואָס האָט זיכ אופגעהויבנ צו דער פאָליטישער מאכט אינ רוסלאנד, פונ דעמ קלאס קאפיטאליסטישע גוטבאזיצער אונ בורזשואזיע, וועלכער *פירט* שוינ לאנג *אָנ* מיט אונדזער לאנד עקאָנאָמיש אונ וועלכער האָט זיכ סײַ אינ דער צײַט פונ דער רעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1905—1907, סײַ אינ דער צײַט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע פונ די יאָרנ 1907—1914, סײַ, ענדלעכ, — אונ דערבײַ מיט א באזונדערער שנעלקײַט, — אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1917, זייער שנעל אָרגאניזירט פאָליטיש, ארײַנעמענדיק צו זיכ אינ די הענט אי די אָרטיקע זעלבסטפארוואלטונג, אי די פאָלקס-בילדונג, אי די פארשיידענע מינימ צוזאמענפאָרנ, אי די דומע, אי די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטנ אאוו. דער דאָזיקער נײַער קלאס איז שוינ „קימאט אינגאנצנ“ געווענ בא דער מאכט צומ 1917 יאָר; דעריבער טאקע איז גענוג געווענ, אז דער צאריזמ זאָל באקומענ די ערשטע קלעפ, קעדיי ער זאָל צעפאלנ ווערנ אונ אָפרייניקנ דאָס אָרט פאר דער בורזשואזיע. די אימפעריאליסטישע מילכאָמע, וואָס פאָדערט א מוירעדיקע אָנשטרענגונג פונ די קויכעס, האָט אזוי פארגיכערט דעמ אנטוויקלונגס-גאנג פונעמ אָפגעשטאנענעמ רוסלאנד, אז מיר האָבנ „גלײַכ“ (אינדערעמעסנ *קלוימערשט* גלײַכ) *דעריאָגט* איטאליע, ענגלאנד, קימאט פראנקרײַכ, האָבנ באקומענ א „קאָאלירטע“ „נאציאָנאלע“ (ד.ה. א צוגעפאסטע אפ צו פירנ די אימפעריאליסטישע שכיטע אונ באשווינדלענ דאָס פאָלק) „פארלאמענטארישע“ רעגירונג.

באגלײַכ מיט דער דאָזיקער רעגירונג, — וואָס איז אינ טאָכ געגומענ, פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער גענגעבענער מילכאָמע,—אנ איינפאַכער פּריקאַשטשיק בא די מיליאַרד=„פירמעס“: „ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ“, — באגלײַכ מיט איר איז אופגעקומענ א נײַע, גיט אָפיציעלע, ניט אנטוויקלטע, פאַרהעלטניסמעסיק נאָכ שוואַכע ארבעטער=רעגירונג, וואָס דריקט אויס די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פונעמ גאַנצנ אָרעמסטנ טייל פונ דער שטאָטישער אונ דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָס איז דער ראַט פונ די ארבעטער= אונ סאָלדאַטנ=דעפּוטאַטנ אינ פּיטער.

אזא איז די ווירקלעכע פּאָליטישע לאַגע, וועלכע מיר דאַרפנ פריער פונ אלצ באַמיענ זיכ פּעסטצושטעלנ מיט דער מעגלעכסטער אָביעקטיווער פּינקטלעכקײַט, קעדיי צו באַזירנ די מאַרקסיסטישע טאַקטיק אפנ איינציק פעסטנ פונדאַמענט, אפ וועלכנ זי דאַרפ זיכ באַזירנ, אפנ פונדאַמענט פונ פאַקטנ.

די צאַרישע מאָנאַרכיע איז צעקלאַפּט, אָבער נאָכ ניט דערשלאָגנ ביזנ סאָפ.

די אָקטיאַבריסטיש=קאַדעטישע, בורזשואַזע רעגירונג, וואָס וויל פירנ „ביזנ סאָפ“ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, איז פאַקטיש א פּריקאַשטשיק בא דער פינאַנצ=פירמע „ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ“, זי איז געצווונגענ צוצוזאָגנ דעמ פאָלק דעמ מאַקסימומ פרײַהײַט אונ ברעקלעכ, וואָס לאָזנ זיכ צונויפּאָרנ דערמיט, אז די דאָזיקע רעגירונג זאָל פאַרהיטנ איר מאַכט איבערנ פאָלק אונ די מעגלעכקײַט פאָרצוזעצנ די אימפּעריאַליסטישע שכיטע.

דער ראַט פונ די ארבעטער= אונ סאָלדאַטנ=דעפּוטאַטנ — איז אנ עמבריאָנ פונ אנ ארבעטער=רעגירונג, דער פאָרשטייער פונ די אינטערעסנ פונ אלע אָרעמסטע מאַסנ פונ דער באַפעלקערונג, ד. ה. פונ $^{9}/_{10}$ באַפעלקערונג, וואָס וויל זיכ דערשלאָגנ צו שאָלעמ, ברויט, פרײַהײַט.

דער קאַמפּ צווישנ די דאָזיקע דרײַ קויכעס באַשטימט די לאַגע, וואָס האָט זיכ איצט געשאַפנ אונ וואָס איז אנ איבערגאַנגס=לאַגע—פונעמ ערשטנ עטאַפּ פונ דער רעוואָליוציע צומ צווייטנ עטאַפּ.

קעדיי ווירקלעכ צו קעמפנ קעגנ דער צאַרישער מאָנאַרכיע, קעדיי ווירקלעכ צו זיכערנ די פרײַהײַט, ניט נאָר נאָמינעל, ניט נאָר אינ די צוזאָגנ פונ די פּראַזיאָרנ פונעמ ליבעראַליזמ, איז ניט די ארבעטער דאַרפנ שטיצנ די נײַע רעגירונג, נאָר די דאָזיקע רעגירונג דאַרפ „שטיצנ“ די ארבעטער! ווײַל די איינציקע גאַראַנטיע פונ פרײַהײַט אונ פונ צעשטערנ דעמ צאַריזמ ביזנ סאָפ איז די באַוואָפענונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט, די פאַרפעסטיקונג, פאַרברייטערונג, אנטוויקלונג פונ דער ראָליע, פונ דער באַדײַטונג, פונ דער קראַפט פונעמ ראַט פונ די ארבעטער= אונ סאָלדאַטנ=דעפּוטאַטנ.

אלדאָס איבעריקע איז פראַזע אונ שעקער, זעלבסטנאַרערײַ פונ די פּאָליטיקאַנער פונעמ ליבעראַלנ אונ ראַדיקאַלנ לאַגער.

העלפט באַוואָפענענ די ארבעטער אָדער שטערט ניט לעכאָלאַפּאָכעס דעמ דאָזיקנ איניענ — אונ די פרײַהײַט אינ רוסלאַנד וועט זײַנ אומבאַזיגבאַר, די מאָנאַרכיע — ניט אופצושטעלנ, די רעפּובליק — געזיכערט.

אנדערש וועט דאָס פאָלק באַשווינדלט ווערנ. צוזאָגנ איז א ביליקע זאַכ. צוזאָגנ

קאָסט קיין געלט ניט. מיט צוזאָגן האָבן „געשפּײַזט" דאָס פאָלק און באַשווינדלט די אַרבעטער אַלע בורזשואַזע פּאָליטיקאַנער אין *אַלע* בורזשואַזע רעוואָלוציעס.

אונדזער רעוואָלוציע איז אַ בורזשואַזע, *דעריבער* דאַרפן די אַרבעטער שטיצן די בורזשואַזיע, — זאָגן די טויגעניכטסן פון פּאָליטיקער פונעם ליקווידאַטאָרישן לאַגער.

אונדזער רעוואָלוציע איז אַ בורזשואַזע, — זאָגן מיר, מאַרקסיסטן, — *דעריבער* דאַרפן די אַרבעטער עפענען דעם פאָלק די אויגן און באַווײַזן זיי דעם שווינדל פון די בורזשואַזע פּאָליטיקאַנער, לערנען דאָס פאָלק, עס זאָל ניט גלייבן קיין רייד, עס זאָל זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זײַנע *אייגענע* קויכעס, אויף זײַן *אייגענער* אָרגאַניזאַציע, אויף זײַן *אייגענער* פאַראייניקונג, אויף זײַן *אייגענער* באַוואָפענונג.

די רעגירונג פון די אָקטיאַבריסטן און קאַדעטן, פון די גוטשקאָוו און מיליוקאָווס, *קאָן ניט געבן* — אפילו אויב זיי זאָלן עס אויפריכטיק וועלן — ניט קיין *שאָלעם*, ניט קיין *ברויט*, ניט קיין *פרײַהייט*.

קיין שאָלעם — דערפאַר, ווײַל זי איז אַ רעגירונג פון מילכאָמע, אַ רעגירונג פון פאָרזעצן די אימפּעריאַליסטישע שכיטע, אַ רעגירונג פון *אַנעקסיע*, וואָס האָט זיך נאָך דערווײַל מיט קיין איין פּיפּס ניט אָפּגעזאָגט פון דער צאַריסטישער פּאָליטיק צו פאַרכאַפּן אַרמעניע, גאַליציע, טערקײַ, צונעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דעראָבערן פונדאָסנײַ פּוילן, קורלאַנד, דעם ליטווישן קאַנט אאַוו. בײַ דער דאָזיקער רעגירונג זײַנען די הענט און פיס געבונדן דורך דעם ענגליש-פראַנצויזישן אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַל. דער רוסישער קאַפּיטאַל איז בלויז אַן אָפּטיילונג פון דער אַלוועלטלעכער „פירמע", וואָס אָפּערירט מיט *הונדערטער מיליאַרדן* רובלס און טראָגט דעם נאָמען: „ענגלאַנד און פראַנקרײַך".

קיין ברויט — דערפאַר, ווײַל דאָס איז אַ בורזשואַזע רעגירונג. *אין בעסטן* פאַל וועט זי געבן דעם פאָלק, ווי דײַטשלאַנד האָט געגעבן, אַ „געניאַל אָרגאַניזירטן הונגער". דאָס פאָלק וועט אָבער ניט דולדן קיין הונגער. דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסן, און וועט, מיסטאָמע, גיך זיך דערוויסן, אַז ברויט איז פאַראַן און מע קאָן עס באַקומען, אָבער ניט אַנדערש, ווי דורך מיטלען, וואָס *בוקן זיך ניט פאַר דער הייליקײַט פון קאַפּיטאַל און פונעם ערדבאַזיץ*.

קיין פרײַהייט — דערפאַר, ווײַל דאָס איז אַ פּריציש-קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, וואָס *האָט מורע* פאַרן פאָלק.

וועגן די טאַקטישע אויפגאַבן פון אונדזער נאָענטסטער אויפירונג אין באַצוג צו דער דאָזיקער רעגירונג וועלן מירריידן אין אַ צווייטן אַרטיקל. דאָרט וועלן מיר באַווײַזן, אין וואָס עס באַשטייט די אייגנאַרטיקײַט פונעם לויפנדיקן מאָמענט, פונעם *אַריבערגאַנג* פון דעם ערשטן צו דעם צווייטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, פאַרוואָס דאַרף דער לאָזונג, די „טאָג-אויפגאַבע" אין *דעם דאָזיקן* מאָמענט זײַן: *אַרבעטער, איר האָט באַווייזן וווּנדער פון פּראָלעטאַרישן העראָיזם, פון פאָלקס-העראָיזם אינעם בירגערקריג קעגן דעם צאַריזם, איר דאַרפט באַווײַזן וווּנדער פון פּראָלעטאַרישער און אַלגעמיין-פאָלקישער אָרגאַניזאַציע, קעדיי צוצוגרייטן אײַער זיג אינעם צווייטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע*.

באגרענעצנדיק זיכ איצט מיטנ אנאליז פונעמ קלאסנקאמפ אונ פונ דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ די קלאסנ-קויכעס אפנ געגעבענעמ עטאפּ פונ דער רעוואָליוציע, מוזנ מיר נאָכ שטעלנ די פראגע: ווער זײַנענ דעמ פּראָלעטאריאט פארבינדעטע אינ דער געגעבענער רעוואָליוציע?

ער האָט צוויי פארבינדעטע: ערשטנס, די ברייטע מאסע פונ דער האלב-פּראָלעטארישער אונ טיילווײַז קליינפויערשער באפעלקערונג, וואָס ציילט א סאכ צענדליקער מיליאָנענ אונ באטרעפט א גוואלדיקע מערהײַט פונ דער באפעלקערונג פונ רוסלאנד. די דאָזיקע מאסע מוז נייטיק האָבנ שאָלעמ, ברויט, פרײַהײַט, ערד. די דאָזיקע מאסע וועט זיכ אומפארמײַדלעכ געפינענ אונטער א באשטימטנ אײַנפלוס פונ דער בורזשואזיע, אונ באזונדערס פונ דער קליינ-בורזשואזיע, צו וועלכער זי איז נעענטער פונ אלצ לויט אירע לעבנס-באדינגונגענ, וואקלענדיק זיכ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט. די גרויזאמע לעקציעס פונ דער מילכאָמע, וועלכע וועלנ זײַנ אלצ גרויזאמער, וואָס ענערגישער עס וועלנ פירנ די מילכאָמע גוטשקאָוו, לוואָוו, מיליוקאָוו אונ קאָמפּ., וועלנ אומפארמײַדלעכ שטויסנ די דאָזיקע מאסע צומ פּראָלעטאריאט, וועלנ זי צווינגענ צו גיינ נאָכ אימ. אויסנוצנדיק די פרײַהײַט פונ דער נײַער אָרדענונג אונ די ראטנ פונ ארבעטער- אונ סאָלדאטנ-דעפּוטאטנ, דארפנ מיר זיכ איצט באמיִענ אויפצוקלערנ אונ אָרגאניזירנ די דאָזיקע מאסע פריִער פונ אלצ אונ מער פונ אלצ. ראטנ פונ פויערשע דעפּוטאטנ, ראטנ פונ לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער — אָט דאָס איז איינע פונ די אקטועלסטע אויפגאבעס. דערבײַ וועלנ מיר שטרעבנ ניט נאָר דערצו, אז די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער זאָלנ אויסשטעלנ אייגענע באזונדערע ראטנ, נאָר אויכ דערצו, אז די אומפארמעגלעכע אונ אָרעמסטע פויערימ זאָלנ זיכ אָרגאניזירנ באזונדער פונ די פארמעגלעכע פויערימ. וועגנ די באזונדערע אויפגאבנ אונ די באזונדערע פאָרמענ פונ דער איצטיקער לעבנס-נייטיקער אָרגאניזירונג — אינעמ פאָלגנדיקנ בריוו.

צווייטנס, א פארבינדעטער פונעמ רוסישנ פּראָלעטאריאט איז דער פּראָלעטאריאט פונ אלע מילכאָמע-האלטנדיקע לענדער אונ ביכלאל פונ אלע לענדער. ער איז אינ א באדײַטנדיקער מאָס צעשטיקט איצט דורכ דער מילכאָמע, אונ אינ זײַנ נאָמענ ריידנ צו אָפט די סאָציאַל-שאָוויניסטנ, וואָס זײַנענ אויכ אינ אייראָפּע, פונקט ווי פּלעכאנאָוו, גוואָזדיאָוו, פּאָטרעסאָוו אינ רוסלאנד, אריבער אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע. אָבער די באפרײַונג פונעמ פּראָלעטאריאט פונ אונטער זייער ווירקונג איז געגאנגענ פאָרויס מיט יעדנ בוידעש פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, אונ די רוסישע רעוואָליוציע וועט אומפארמײַדלעכ פארגיכערנ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס אינ א גוואלדיקנ מאסשטאב.

מיט די דאָזיקע צוויי פארבינדעטע קאָנ דער פּראָלעטאריאט פונ רוסלאנד גיינ אונ וועט, אויסנוצנדיק די אייגנטימלעכקײַטנ פונעמ איצטיקנ איבערגאנגס-מאָמענט, גיינ אפריִער צומ דעראָבערנ די דעמאָקראטישע רעפּובליק אונ צומ פולנ ניצאָכנ פונעמ פויערטומ איבער די פּריצימ, אונ דערנאָכ צומ סאָציאליזמ, וואָס נאָר ער אליינ וועט געבנ די פונ דער מילכאָמע אויסגעמאטערטע פעלקער שאָלעמ, ברויט אונ פרײַהײַט.

אינהאלט

דער פעריאָד פונ דער רוסיש-יאפּאַנישער מילכאָמע און פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע

צוויי טאקטיקעס פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע אינ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע . . . . . . 114—7

פאָרוואָרט 7

1. אנ אקטועלע פּאָליטישע פראגע 11
2. וואָס גיט אונדז די רעזאָליוציע פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער רסדאפּ וועגנ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג? 14
3. וואָס הייסט אזוינס „אנטשיידענער זיג פונ דער רעוואָליוציע איבער דעמ צאריזמ”? . . 20
4. די ליקווידאציע פונ דער מאָנארכיסטישער אָרדענונג אונ די רעפּובליק 26
5. ווי אזוי דארפ מענ „באוועגנ די רעוואָליוציע פאָרויס”? 31
6. פונוואנענ דראָעט דעמ פּראָלעטאריאט די געפאר צו בלייבנ מיט געבונדענע הענט אינ קאמפּ קעגנ דער ניט-קאָנסעקווענטער בורזשואזיע? 34
7. די טאקטיק פונ „באזייטיקנ פונ דער רעגירונג די קאָנסערוואטאָרנ” 47
8. דער אָסוואָבאָזשדעניזמ אונ דער נייַ-איסקריזמ 50
9. וואָס הייסט אזוינס זיינ די פּארטיי פונ דער עקסטרעמער אָפּאָזיציע אינ דער צייט פונ א רעוואָליוציע? 58
10. „רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס” אונ די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט אונ פּויערטומ 64
11. א גערליפיקער פארגלייכ צווישנ אייניקע רעזאָליוציעס פונעמ III צוזאמענפאָר פונ דער רסדאפּ אונ פונ דער „קאָנפערענצ” 70
12. צי וועט אָפּגעשוואכט ווערנ דער שווונג פונ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, אויב עס וועט זיכ פונ איר אָפּשאָקלענ די בורזשואזיע? 74
13. שלוס. צי וואגנ מיר צו זיגנ? 82

נאָכוואָרט. נאָכאמאָל אָסוואָבאָזשדעניזמ, נאָכאמאָל נייַ-איסקריזמ . . . . . . 112—92

I. פאר וואָס די בורזשואז-ליבעראלע רעאליסטנ ליבנ די סאָציאַל-דעמאָקראטישע „רעאליסטנ”? 92
II. כ' מארטינאָוו מאכט א נייַע „פארטיפונג” פונ דער פראגע 99
III. די וולגאר-בורזשואזע שילדערונג פונ דיקטאטור אונ מארקס' אָנשויונג אפ דיקטאטור 104

אָנמערקונג צומ 10-טנ קאפּיטל פונ דער בראָשור „צוויי טאקטיקעס” 113

די באציונג פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע צו דער פּויערימ-באוועגונג 115

די לעקציעס פונעמ מאָסקווער אופשטאנד 124

וועגנ באָיקאָט 131

די לעקציעס פונ דער רעוואָליוציע 139

דער פעריאָד פונ דער סטאָליפּינישער רעאַקציע. די אויספֿורעמונג פונ די באָלשעוויקעס אינ א זעלבשטענדיקער מארקסיסטישער פארטיי

פּאָליטישע נאָטיצנ 147

וועגנ אייניקע באַזונדערהײַטנ אינ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונעמ מארקסיזמ 153

סטאָליפּינ אונ די רעוואָלוציע 158

וועגנ ליקווידאטאָרײַ אונ וועגנ דער גרופּע ליקווידאטאָרנ 167

שטרײַט-פראגנ. אנ אָפענע פארטיי אונ די מארקסיסטנ . . . . 169—188

I. דער באשלוס פונ 1908 יאָר 169

II. דער באשלוס פונ 1910 יאָר 173

III. די באַציִונג פונ די ליקווידאטאָרנ צו די באשלוסנ פונ די יאָרנ 1908 אונ 1910 . . . 176

IV. די קלאסנ-באַדײַטונג פונ דער ליקווידאטאָרײַ 178

V. דער לאָזונג פונ קאמפּ פאר אנ אָפענער פארטיי 182

VI 185

וועגנ ברעכנ די אײנהײַט, וואָס ס'ווערט מאסקירט מיט געשרייענ וועגנ אײנהײַט . . . . 189—208

I. וועגנ „פראקציאָנעלקײַט“ 189

II. וועגנ שפּאלטונג 194

III. וועגנ דער צעפאלונג פונעמ אווגוסט-בלאָק 198

IV. אייצעס פונ א שאָלעמ-מאכער דעמ „זיבלינג“ 200

V. טראָצקיס ליקווידאטאָרישע אָנשוויונגענ 203

די יאָרנ פונעמ אופשטײַג פונ דער ארבעטער-באַוועגונג פאר דער ערשטער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע

הערצענס אָנדענק 211

די פּאָליטישע פארטייענ אינ רוסלאנד 218

רעוואָלוציאָנערער אופשטײַג 229

צוויי אוטאָפּיעס 236

דער גרויס-פּריצישער אונ דער קלייִנפּויערשער ערדבאזיצ אינ רוסלאנד . . 241

די אָפּגעשטאנענע אייראָפּע אונ די פאָרגעשריטענע אזיע 243

וועגנ דעמ רעכט פונ די נאציעס אפּ זעלבסטבאשטימונג . . . . . 245—300

1. וואָס איז אזויגס זעלבסטבאשטימונג פונ נאציעס? 245

2. די היסטאָרישע קאָנקרעטע שטעלונג פונ דער פראגע 250

3. די קאָנקרעטע באַזונדערהײַטנ פונ דער נאציאָנאלער פראגע אינ רוסלאנד אונ די בורזשואז-דעמאָקראטישע איבערגעשטאלטונג פונ רוסלאנד 253

4. „פּראקטיציזמ“ אינ דער נאציאָנאלער פראגע 257

5. די ליבעראלע בורזשואזיע אונ די סאָציאַליסטישע אָפּאָרטוניסטנ אינ דער נאציאָנאלער פראגע 262

6. נאָרוועגיעס אָפּטיילנ זיכ פונ שוועדנ 272

7. דער באשלוס פונעמ לאָנדאָנער אינטערנאציאָנאלנ קאָנגרעס פונ 1896 יאָר . . . 277

8. דער אוטאָפּיסט קארל מארקס אונ די פּראקטישע ראָזע לוקסעמבורג 282

9. די פּראָגראמ פונ 1903 יאָר אונ אירע ליקווידאטאָרנ 288

10. שלוס 296

אָביעקטיווע אָנגאבן וועגן דער קראַפט פון פארשיידענע שטרעמונגען אין דער ארבעטער-באוועגונג . . . . 301—306

דער פעריאָד פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע.
די צווייטע רעוואָליוציע אין רוסלאנד

די מילכאָמע און די רוסלענדישע סאָציאל-דעמאָקראַטיע 309

וועגן דעם נאציאָנאלן שטאָלץ פון די גרויסרוסן 317

וועגן דעם לאָזונג פאראייניקטע שטאטן פון אייראָפּע 321

דער אָפּאָרטוניזם און דער קראַך פונעם II אינטערנאציאָנאל 325

דער אימפעריאליזם אלס העכסטע סטאדיע פון קאפּיטאליזם (פּאָפּולערער עטיוד) . 337—445

פאָרוואָרט 337
פאָרוואָרט צו דער פראנצויזישער און דייטשישער אויסגאבע. 339
I. די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע און די מאָנאָפּאָליעס. 346
II. די בענק און זייער נייע ראָליע 359
III. דער פינאנץ-קאפּיטאל און די פינאנץ-אָליגארכיע. 373
IV. דער עקספּאָרט פון קאפּיטאל. 386
V. די צעטיילונג פון דער וועלט צווישן די פארבאנדן פון קאפּיטאליסטן. . . . 391
VI. די צעטיילונג פון דער וועלט צווישן די גרויסמאכטן. 399
VII. דער אימפעריאליזם אלס באזונדערע סטאדיע פונעם קאפּיטאליזם. 409
VIII. פאראזיטיזם און פארפוילונג פונעם קאפּיטאליזם 419
IX. די קריטיק פונעם אימפעריאליזם. 428
X. דאָס היסטאָרישע אָרט פונעם אימפעריאליזם. 440

די קריגס-פּראָגראַם פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע 446

בריוו פון דער ווייט. ערשטער בריוו. דער ערשטער עטאפּ פון דער ערשטער רעוואָליוציע 457

В. И. ЛЕНИН

ИЗБРАННЫЕ ПРОИЗВЕДЕНИЯ В ДВУХ ТОМАХ.
ТОМ I ЧАСТЬ ВТОРАЯ

На еврейском языке

Л 95415. Подписано к печати 8/II-1944 г. 29 1/4. п/л. 29,5 уч.-изд. листов.
Тираж 5000. Зак. 1024.

Типография Госэнергоиздата, Москва, Шлюзовая наб., 10.